פרעזענטירט פון ש. [illegible]

צו אסתר [illegible]

Jan 10
1933

טאָמאַס מאַן

דער צויבערבאַרג



טאָמאַס מאַן

טאָמאַס מאַן

דער צויבערבאַרג

ראָמאַן

Jewish Home for the Aged
LIBRARY

ווילנע — 1930

ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

הקדמה

די געשיכטע פון האַנס קאַסטאָרפּ, וועלכע מיר ווילן דאָ דערציילן, גיבן מיר נישט צוליב אים אַליין (ווייל דער לייענער וועט דאָ האָבן פאַר זיך אַ פּשוטן, כאָטש גאַנץ אינטערעסאַנטן יונגנמאַן), נאָר צוליב דער געשיכטע וועגן, וועלכע מיר האַלטן, אַז ס'איז אין דער העכסטער מאָס כדאי, מ'זאָל זי דערציילן (דערביי מוז מען קאַסטאָרפּן לשבח דערמאָנען, אַז ס'איז ז י י ן געשיכטע און אַז נישט מיט יעדן געשעען ג ע ש י כ ט ע ס). די דאָזיקע געשיכטע איז שוין לאַנג געשען, איז אַזוי צו זאָגן, אינגאַנצן באַדעקט מיט היסטאָרישן איידעלן זשאַווער און מוז אומבאַדינגט דערציילט ווערן אין דער צייט־פאָרם פון טיפסטער פאַרגאַנגענהייט.

דאָס וואָלט נישט געווען קיין חסרון, נאָר גיכער אַ מעלה. ווייל געשיכטעס מוזן בטבע האָבן פאַרלאָפן, און וואָס לענגער ס'איז אַז זיי זיינען פאַרלאָפן, אַלץ מער זיינען זיי, וואָלט מען געקאָנט זאָגן, געשיכטעס און אַלץ בעסער איז פאַרן דערציילער, דעם שעפּטשענדיקן אַרויסכּישופער פון אימפּערפעקט. די מעשה מיט דער דאָזיקער געשיכטע איז, אָבער, ווי היינטיקע צייטן מיט מענטשן און, דער עיקר, ווי מיט געשיכטע־דערציילער: די געשיכטע איז אַ סך עלטער פון אירע יאָרן, זי איז באַיאָרט אָן יאָרן, די אַלטקייט, וואָס ליגט אויף איר, לאָזט זיך נישט באַרעכענען מיטן לויף פון דער זון; מיט איין וואָרט: די מאָס פון איר פאַרגאַנגענהייט נעמט זיך אייגנטלעך נישט פון דער צייט — אַ געדאַנק, דורך וועלכן מיר זיינען מרמז און ווייזן אָן כּלאַחר־יד אויף דער ספקדיקייט און אויף דער אייגנטימלעכער צווייִקייט פון דעם דאָזיקן סודותדיקן עלעמענט.

אָבער לאָמיר נישט קינסטלעך פאַרטונקלען דעם קלאָרן מצב פון דער זאַך: די גאָר טיפע אַמאָליקייט פון אונזער געשיכטע

איבערזעצט פון דייטש
יצחק באַשעוויס

אונטער דער רעדאקציע פון
ד"ר מיכאל ווייכערט

PRINTED IN POLAND

Tomas Man — „Der Cojberbarg"
Drukarnia „Wyd. Wileńskie" B. Kleckina, Wilno

ערשט קאַפּיטל

אָנקום

אַ פּשוטער יונגער מענטש איז אין זומער אַריין געפאָרן פון האַמבורג, זיין היים, קיין דאַוואָס-פּלאַץ אין גראַ-בינדען. ר'איז געפאָרן אויף דריי וואָכן צו גאַסט.

פון האַמבורג ביז אַהין איז אַ גאַנץ ווייטע נסיעה, וואָס-אמת, אַ צו-ווייטע אין פאַרגלייך צו אַזאַ קורצן פאַרבלייב. מ'דאַרף אַדורכפאָרן היפּשע עטלעכע לענדער, באַרג-אַרויף און באַרג-אַראָפּ; פון דעם דרום-דייטשן הויכפּליין — אַרונטער צום ברעג פון שוואַבישן ים און מיט אַ שיף — אויף זיינע שפּרינגענדיקע כוואַליעס אַוועק איבער תהומות, וועלכע מ'האָט אַמאָל געהאַלטן, אַז זיי זיינען אומענדלעך טיף.

פון דאַנען אָן ווערט צעבראָקלט די רייזע, וואָס איז אַזוי לאַנג געגאַנגען מיט אַ ברייטן פאַרנעם, אין דירעקטע ליניעס. ס'מאַכן זיך מניעות און אָפּשטעלן. ביי ראָרשאַך, אין דער שווייץ, לאָזט מען זיך ווידער מיט דער באַן, אָבער בלויז ביז לאַנדקוואַרט, אַ קליינע אַלפּן-סטאַציע, וואו מ'מוז זיך איבערזעצן אין אַ צווייטן צוג. אין אַ ווינטיקער און קנאַפּ-צוציענדיקער געגנט שטייגט מען איין אין אַ שמאָל-שיניקער באַן. תיכף, ווי דער קליינער, אָבער, אַפּנים, אומגעוויינלעך שלעפּ-שטאַרקער לאָקאָמאָטיוו נעמט זיך רירן, הייבט זיך אָן דער אייגנטלעכער אַוואַנטוריסטישער טייל פון דער נסיעה. מ'רייסט זיך כסדר אַרויף אינדערהייך און ס'נעמט קיין עק נישט. ווייל לפי-ערך ליגט נאָך די סטאַציע לאַנדקוואַרט אין אַ מעסיקער הייך. איצט פאָרט מען אויף אַן אמת אין די סאַמע הויכע בערג, אין אַ ווילדן, דערדריקנדיקן פעלזן-דורכגאַנג.

האַנס קאַסטאָרפּ — אַזוי הייסט דער יונגערמאַן — זיצט אַליין אין אַ קליינער, גרוי-אויסגעבעטער קופּע, מיט זיין האַנט-טאַש פון

נעמט זיך דערפון, וואָס זי האָט זיך אָפּגעשפּילט פאַר אַ גע־וויסער גרענעץ און צייט־איבערברוך, וועלכע האָבן טיף געשפּאָלטן לעבן און באַוואוסטזיין... זי געשעט — אָדער כדי אויסצומיידן בכיוון יעדע קעגנוואַרט — זי איז געשען און זיך אָפּגעשפּילט אַמאָל, לאַנג צוריק, אין אַ פאַרגאַנגענער צייט, אין דער וועלט פאַרן גרויסן קריג, וואָס צוזאַמען מיט זיין אָנהייב, האָבן זיך אָנגעהויבן נאָך אַ סך אַנדערע זאַכן, אַן אָנהייבן זיך, וואָס האָט כמעט נאָך נישט אויפֿגעהערט. די געשיכטע, הייסט עס, האָט זיך אָפּגעשפּילט פריער, כאָטש גאָרנישט אַזוי לאַנג פריער. אָבער צי איז דען נישט דער פאַרגאַנגענהייט־כאַראַקטער פון אַ געשיכטע אַלץ טיפער, פולקומער און לעגענדאַרער, וואָס מער „סאַמע פאַר“ זי האָט זיך אָפּגעשפּילט? דערצו קאָן גאַנץ גוט געמאָלט זיין, אַז אונזער געשיכטע האָט אַתּיך דעם, לויט איר אינערלעכער נאַטור, אַזוי צי אַנ־דערש, אַ ביסל צו טאָן מיט לעגענדע אויך.

מיר ווילן זי דערציילן בפרטיות, גענוי און גרינטלעך. וואָרעם — ווען איז דאָס אַמאָל די קירץ אָדער לאַנגווייליקייט פון אַ געשיכטע אָפּהענגיק געווען פונם רוים אָדער פון דער צייט, וואָס זי דאַרף פאַרנעמען? נישט האָבנדיק קיין מורא מ׳זאָל אונז פאָרוואַרפן, אַז אַז מיר ווערן צוגעגעסן, זיינען מיר גיכער גענייגט צו דער מיי־נונג, אַז באמת ווילן קאָן נאָר אַ זאַך, וואָס איז גרינטלעך.

כלאַחר־יד וועט, דערפאַר, דער דערציילער נישט אָפּפטרן די געשיכטע פון האַנס קאַסטאָרפּ. די זיבן טעג פון דער וואָך וועלן נישט קלעקן דערויף און זיבן חדשים אויך נישט. צום גלייכסטן איז, דער דערציילער זאָל פאַרטיים זיך נישט מאַכן קלאָר, וויפל צייט די געשיכטע וועט אים האַלטן אין שפאַן. לאָמיר האָפן צו גאָט, אַז קיין זיבן יאָר וועט עס זיכער נישט געדויערן.

און איצט לאָמיר אָנהייבן.

דאָס זעלבע איז אויך געשען מיט האַנס קאַסטאָרפּ. ער האָט נישט געהאַט בדעה צו נעמען זיין רייזע אַזוי געוואַלדיק ערנסט, זיך איינערלעך אַדורכצונעמען דערמיט. ער האָט גיכער געהאַט די כּוונה גיך עס אָפּצוטאָן דערפאַר, ווייל ס'מוז אָפּגעטאָן ווערן, צוריקצוקומען דער אייגענער, ווי ר'איז אַרויסגעפאָרן און אָנצוהייבן דאָס לעבן אַקוראַט דאָרטן, וואו ער האָט עס מיט אַן אויגנבליק צוריק געמוזט אָפּלאָזן. נאָך נעכטן איז ער אינגאַנצן געווען באַהערשט מיטן געוויינלעכן געדאַנקען־קרייז, האָט זיך פאַרנומען מיט דעם נישט לאַנג איבערגעקומענעם עקזאַמען זיינעם און מיט דעם בקרובדיקן אַיינטריט זיינעם אויף פּראַקטיק ביי טונדור און ווילמס (שיף־וואַרשטאַט, מאַשינען־פאַבריק און קעסל־שמידעריי). איבער די נאָענטסטע דריי וואָכן האָט ער אַוועקגעקוקט מיט דער גאַנצער אומגעדולדיקייט, וואָס איז נאָר מעגלעך געווען פאַר זיין געמיט, פונדעסטוועגן האָט ער איצט געהאַט אַ געפיל, ווי אָט־די נסיעה וואָלט געפאָדערט זיין פולע אויפמערקזאַמקייט און גלייך ס'וואָלט זיך פאַר קיין פאַל נישט געלאָזט אָפּפּטרן זי כּלאַחר־יד. דאָס אויפהייבן זיך אין ספערן, וואו ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געעטעמט און וואו ס'הערשן, ווי ער ווייסט, אינגאַנצן נישט־געוויינלעכע, אייגנטימלעך־דינע און קאַרגלעכע לעבנס־באַדינגונגען, — דאָס אַלץ האָט אים גענומען סיי אויפרעגן, סיי אָנפילן מיט אַ געוויסער מורא. די היים און דער אַלטער סדר זיינען נישט בלויז ווייט, נאָר אויך קלאַפטער־טיף אונטער אים און ער האַלט נאָך אין איין שטייגן העכער. שוועבנדיק צווישן היים־און־סדר און דעם אומבאַקאַנטן, האָט ער זיך אַליין געפרעגט, ווי אַזוי ער וועט זיך דאָרטן אויבן פילן. אפשר איז עס געווען נישט קלוג און אומנוציק, אַז ער — געבוירן און געוווינט צו עטעמען בלויז עטלעכע מעטער איבערן ים־שפיגל — זאָל פּלוצלונג זיך אַ הייב טאָן אין די דאָזיקע עקסטרעם־הויכע געגנטן און דערביי אַפילו נישט אָפּשטעלן זיך לכל־הפחות אויף עטלעכע טעג אין אַ מיטעלער געגנט? ער האָט שוין געוואָלט זיין אויפן אָרט. ווייל קוים וועט מען זיין אויבן — האָט ער געטראַכט — וועט זיך ווידער אָנהייבן לעבן, ווי אומעטום, און מ'וועט נישט דאַרפן, ווי איצט, קלעטערנדיק, כּסדר געדענקען אין וואָס

קראָקאָדיל־לעדער — אַ מתנה פון זיין פעטער און דערציער, קאָנסול טינאַפּעל (מ'זאָל איינמאָל פאַר אַלעמאָל וויסן), מיט זיין ווינטערמאַנטל, וואָס הענגט איף אַ האָקן און שאָקלט זיך צו און מיט זיין איינגעוויקלטן פלעד. ער זיצט ביי אַן אַראָפּגעלאָזט פענסטער אין היות דער נאָכמיטאָג איז געוואָרן אַלץ קילער, האָט ער — ווי ס'פּאַסט פאַר אַ טאַטנס אַ זינדל און אַ צעפּיעשטשעטן דערצו — איפּגעהויבן דעם קאָלנער פון זיין מאָדיש־ברייטן, מיט זייד־אונטערגעשלאָגענעם זומער־איבערציער. לעבן אים, איף דער באַנק, איז געלעגן אַ בראָשירט בוך מיטן נאָמען: „Ocean steamships,", וואָס ער האָט ביסלעכווייז שטודירט אין אָנהייב פון דער נסיעה. איצט ליגט עס פאַרוואָרפן אין אַ זייט אין דער רויך פון סאַפּענדיקן לאָקאָמאָטיוו האָט שוין לאַנג פאַראומרייניקט זיין הילע מיט סאַזשע.

צוויי טעג פאָרן דערווייטערן אַ מענטש — און בפרט נאָך אַ יונגן, וואָס איז נאָך ווייניק איינגעוואָרצלט אין לעבן — פון זיין אַלטעגלעכער וועלט, פון אַלץ, וואָס ער האַלט פאַר זיינע פליכטן, אינטערעסן, זאָרגן, פּערספּעקטיוון — אַ סך מער, ווי ס'דאַכט זיך בשעת מ'פאָרט איף דער דראָשקע צום וואָקזאַל. דער שטח, וואָס קוילערט זיך אַדורך מיט געלויף און געדריי צווישן אים און זיינע היימישע מקומות, נעמט אָן אַ כוח, וואָס געוויינלעך שרייבט מען אים צו דער צייט. פון שעה צו שעה קומען פאָר אינערלעכע שינויים, וואָס זיינען שטאַרק ענלעך צו די ענדערונגען, וואָס כ'ברענגט מיט זיך די צייט, אָבער איף אַ געוויסן אופן שטייגן זיי די ערשטע איבער. גלייך ווי די צייט, ברענגט מיט זיך אויך דער שטח פאַרגעסונג. געשען געשעט עס אָבער אַזוי: דער שטח הייבט אַרויס דעם מענטש פון זיינע אַלע באַציִונגען און ברענגט אים אַריין אין אַ פרייען אור־מצב. יאָ, אַפילו פּעדאַנטן און באַלעבאַטימלעך מאַכט ער כלאַחר־יד פאַר נע־ונדניקעס. צייט — זאָגט מען — איז לעטהע*. אָבער פרעמדע לופט איז אויך אַזאַ מין געטראַנק. קאָן זיין, אַז עס ווירקט נישט אַזוי גרינטלעך, אָבער דערפאַר גייט עס שנעלער.

---

* מיטאָלאָגישער טייך פון פאַרגעסונג.

לאָזן ווידער איבער נעפּלדיק־נאַקעטע שטיינער. מ'בלייבט שטיין ביי אַ קליינער סטאַציע, ס'איז דאַוואָס־דאָרף — אַזוי הערט האַנס קאַסטאָרפּ אויסרופן אינדרויסן. גאָר בקרוב וועט ער זיין אויפן אָרט. אָבער פּלוצלונג דערהערט ער לעבן זיך יאָאַכים ציִמסענס קול, זיין קוזינס ברייטלעך האַמבורגער קול, וואָס זאָגט: „ט'מאָרגן, דו, נו, שטייג־אויס". ער גיט אַ קוק אַרויס: יאָאַכים אַליין שטייט אונטערן פענסטער, אין אַ ברוינעם אולסטער, אינגאַנצן אָן אַ היטל און מיט אַזאַ געזונטער צורה, ווי נאָך קיינמאָל אין לעבן נישט. ער לאַכט און זאָגט ווייטער:

— קום אַרויס, דו, שעם דיך נישט.

— דאָ איז עס דאָך אָבער נאָך נישט — זאָגט האַנס קאַסטאָרפּ צעטומלט און זיצט נאָך אַלץ.

— ס'איז יאָ דאָ. דאָ איז ס'דאָרף, צו דער סאַנאַטאָריע איז נעענטער פון דאַנען. כ'האָב מיט אַ וואָגן. גיב נאָר אַהער דיינע זאַכן.

און לאַכנדיק, צעמישט, באַרוישט פונם אָנקום און באַגעגעניש, דערלאַנגט אים האַנס קאַסטאָרפּ זיין האַנט־טאַש מיטן ווינטער־מאַנטל, דעם איינגעוויקלטן פּלעד, דעם שטעקן, דעם שירעם און סוף־כל־סוף אויך — דעם „Ocean steamships". דערנאָך לויפט ער אַדורך דעם גאַנצן קאָרידאָר און שפּרינגט אַרויס אויף דעם פּעראָן כדי אויף אַן אמת און — אַזוי צו זאָגן — פּערזענלעך זיך צו באַגריסן מיטן קוזין. די באַגריסונג איז נישט צו־האַרציק, ווי אַלעמאָל צווישן מענטשן, וואָס פירן זיך קיל און צוריקגעהאַלטן. ס'איז מאָדנע, אָבער אַ פאַקט איז, אַז זיי האָבן פון שטענדיק אויף אויסגעמיטן זיך אָנצורופן איינער דעם אַנדערן ביים פאָרנאָמען, בלויז צוליב מורא פאַר צו־שטאַרקער האַרציקייט. היות מ'האָט זיך אָבער אויך נישט געקאָנט רופן ביי די צונעמען, האָט מען זיך באַגרעניצט מיטן בלויזן „דו". דאָס איז געווען אַן אַלטער מנהג צווישן ביידע קוזינען.

אַ מענטש אין אַ ליוורע, מיט אַ געליישט היטל, קוקט זיך צו ווי זיי — קאַסטאָרפּ און דער יונגער ציִמסען, וואָס האַלט זיך מיליטעריש — שאָקלען גיך און אַ ביסל פאַרלעגן מיט די הענט.

פאַר אַ אומגעווינלעכע ספערן מ'געפינט זיך. ער האָט אַרויסגע-קוקט: דער צוג האָט זיך בייגעוודיק געשלענגלט אויף די שמאָלע שינעס. מ'האָט געזען די פאָדערשטע וואַגאָנען, מ'האָט געזען די מאַשין, וואָס האָט פון אָנשטרענגונג געזעצט מיט ברוינע, גרינע און שוואַרצע קנוילן רויך, וואָס זיינען אַוועק מיטן ווינט. רעכטס האָבן אין די טיפענישן גערוישט וואַסערן. לינקס האָבן טונקעלע סאָס-נעס צווישן פעלזן זיך געריסן צום שטיין-גרויען הימל אַרויף. מ'איז אַדורכגעפאָרן דורך שטאָק-פינסטערע טונעלן און ווען ס'איז ווידער ליכטיק געוואָרן, האָבן זיך צעעפנט ברייטע אָפגרונטן מיט ישובים אין די טיפענישן. זיי פאַרמאַכן זיך צוריק און ס'קומען נייע שמאָלע דורכגענג מיט רעשטלעך שניי אין זייערע דורכבראָכן און שפּאַלטן. מ'האָט זיך אָפגעשטעלט אין קליינע וואָקזאַלעכלעך, קאָפּ-סטאַציעס, פון וועלכע דער צוג גייט אָפּ אין אַ פאַרקערטער ריכטונג. דאָס צעטומלט אינגאַנצן, ווייל מ'ווייסט מער נישט ווי אַזוי מ'פאָרט און מ'קאָן מער נישט געדענקען, אין וועלכער זייט פון דער וועלט מ'איז. ס'עפענען זיך פּרעכטיקע ווייטע לאַנדשאַפטן אין די הויי-ליך-פאַנטאַסמאַגאָריש איינגעטורעמטע שפּיצן פון די הויכע בערג, וואוהין מ'רייסט זיך אַרויף און אַריין. דערנאָך בייגן זיך די וועגן אוים און ווערן צוריק פאַרלוירן פאַר דעם יראת-הכבודיקן בליק. האַנס קאַסטאָרפּ באַמערקט, אַז די סטרעפּע פון בלעטער-ביימער האָט ער שוין געלאָזט הינטער זיך, די סטרעפּע פון זינג-פייגל — מסתמא אויך. דער דאָזיקער געדאַנק פון כסדרדיקן אויפהערן און פאַראָרעמונג ווירקט אַזוי, אַז ס'הויבט אים אָן אַ ביסל צו שווינדלען אין קאָפּ, נודען און ער מוז אַ צוויי סעקונדן פאַרשטעלן די אויגן מיט דער האַנט. ס'גייט-איבער, ער זעט, אַז דאָס אויפ-הויבן זיך האָט זיך געענדיקט. דעם הויכן דורכגאַנג איז מען אי-בערגעקומען. אויף גלייכער ערד קוילערט זיך איצט דער צוג לייכ-טער.

ס'איז געווען בערך אַכט אַ זייגער, דער טאָג איז נאָך נישט געהאַט אַוועק. אין דער ווייטער לאַנדשאַפט האָט זיך באַוויזן אַן אָזערע. איר פליייך איז גרוי, ביי אירע ברעגן הייבן זיך שוואַרץ אויף סאָסנע-ביימער, ווערן וואָס העכער אַלץ דינער, פאַרלירן זיך אין

בלויז אין די לעצטע פינף חדשים האָבן זיי געקריגן אַ ביסל אַ מידן און טרויעריקן אויסדרוק. — ווען הייסט עס?

— נו, אין דריי וואָכן אַרום.

— אַך, אַזוי, האָסטו שוין אין זינען דאָס אַהיימפאָרן — ענטפערט יאָאַכים. — נו, וואַרט נאָר, ביסט דאָך ערשט געקומען. דריי וואָכן זיינען, וואָס אמת, גאָרנישט פאַר אונז דאָ אינדערהויך. אָבער פאַר דיר, וואָס ביסט בלויז געקומען צו גאַסט, און וועסט בכלל דאָ זיין נישט מער ווי דריי וואָכן, — פאַר דיר איז עס דאָך אַ מאַסע צייט. קודם־כל דאַרפסטו זיך אַקלימאַטיזירן, דאָס איז גאָרנישט אַזוי לייכט, זאָלסטו וויסן, אויסערדעם איז דער קלימאַט נישט דאָס איינציקע אויסטערלישע ביי אונז. וועסט דאָ זען טיילמאָל גאַנץ נייע זאַכן, קוק דיך צו. און וואָס דו זאָגסט וועגן מיר — גייט עס נישט אַזוי גיך, דו. אין דריי וואָכן אַרום אַהיים — אַזוי שטעלט מען עס זיך פאָר אונטן ביי אייך. כ'בין טאַקע ברוין, אָבער דאָס בין איך דער עיקר אָפּגעברענט פון שניי און ס'האָט נישט אַזאַ גרויסן באַטייט, ווי בערענס זאָגט שטענדיק. ביי דער לעצטער גענעראַל־אונטערזוכונג האָט ער געזאָגט, אַז ס'וועט נאָך כמעט זיכער הייערן אַ האַלב יאָר.

— אַ האַלב יאָר? משוגע ביסטו? — טענהט האַנס קאַסטאָרפּ. פאַר דער סטאַציע־געביידע, וואָס זעט אויס, ווי אַ פּשוטע שאָפּע, איז ביז איצט געשטאַנען אויפן שטיינערנעם שאָסיי גרייט די געלע ברישקע. איצט האָבן זיי זיך אַריינגעזעצט. בשעת ביידע קאַשטאַנעס נעמען זיך רירן, גיט זיך האַנס קאַסטאָרפּ אויסער זיך אַ וואָרף אויף דער האַרטער אויסבעטונג. — אַ האַלב יאָר? ביסט דאָך שוין כמעט אַ האַלב יאָר דאָ. וואו נעמט מען אַזויפיל צייט!

— יאָ, צייט — זאָגט יאָאַכים און שאָקלט צו עטלעכע מאָל גלייך מיטן קאָפּ, גלייך ווי ס'וואָלט אים גאָרנישט אָנגעגאַנגען קאַסטאָרפּס ערלעכע אויפגעבראַכטקייט. — זיי וואַרפן זיך דאָ מיט דער צייט, שטעל דיר פאָר. דריי וואָכן איז פאַר זיי איין טאָג. וועסט שוין זען, וועסט שוין אַלץ דערגיין — זאָגט ער און גיט באַלד צו: דאָ באַקומט מען גאַנץ אַנדערע באַגריפן.

ער קומט צו און בעט ביי האַנס קאַסטאָרפּ זיין באַגאַזש-קוויט, ווייל ער איז דער משרת פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאַנאַטאָריע „בערג-האָף". ער איז גרייט אַוועקצוטראָגן קאַסטאָרפּס גרויסן קופּערט פון וואָקזאַל קיין „פּלאַץ" און די הערן וועלן אַזוי-אַרום גלייך מיטן וואָגן קאָנען צופאָרן צום אָוונט-ברויט. דער מענטש הינקט אויפן פאַלנדיק אין דאָס ערשטע, וואָס האַנס קאַסטאָרפּ פרעגט יאָאַכים ציִמסען, איז:

— ער איז אַ מלחמה-וועטעראַן? וואָס הינקט ער עפּעס אַזוי?

— יאָ, אַ שיינע מעשה — ענטפערט יאָאַכים אַ ביסל ביטער. — אַ מלחמה-וועטעראַן! יענער האָט דאָס פעקל אין דער קני, אָדער — האָט עס געהאַט. ווייל ער האָט זיך געלאָזט אַרויסנעמען דעם קני-ביין.

האַנס קאַסטאָרפּ כאַפּט זיך גיך. — יאָ, אַזוי — זאָגט ער, בשעת-מעשה הייבט ער אויף דעם קאָפּ און קוקט זיך אום אינדערגיך. — ווערסט מיר אָבער נישט איינריידן, אַז דו האָסט עס נאָך אויך. זעסט אויס, גלייך ווי וואָלסט שוין געקריגן דיינע שליפעס און וואָלסט געקומען גלייך פון די מאַנעוורעס.

און ער גיט אַ קוק אויפן קוזין פון אַ זייט.

יאָאַכים איז גרעסער און ברייטער פון אים, אַ מוסטער פון יונגטלעכן כוח און ווי באַשאַפן פאַר אַ מונדיר. ער איז זייער ברוין, אַ טיפּ, וואָס טרעפט זיך גאָרנישט אַזוי זעלטן אין זיין בלאָנדער היים. די הויט פון זיין פּנים, וואָס איז סיי-ווי-סיי טונקל, איז דערצו נאָך אַזוי אָפּגעברענט, אַז זי האָט אַ קאָליר פון בראָנז. מיט זיינע גרויסע, שוואַרצע אויגן און מיט זיינע טונקלע וואָנסעלעך איבער דעם פולן פיין-געשניטענעם מויל וואָלט ער אַפילו געווען אַ שיינער, ווען נישט דאָס, וואָס ער האָט אָפּשטייענדיקע אויערן. ביז צו אַ געוויסן עלטער זיינען זיי געווען זיין איינציקע זאָרג און ווייטאָג. איצט האָט ער אַנדערע דאגות. האַנס קאַסטאָרפּ רעדט ווייטער:

— ווערסט דאָך גלייך מיט מיר אַהיימפאָרן? — כ'זע באמת נישט קיין שום מניעה.

— גלייך מיט דיר? — פרעגט דער קוזין און שטעלט אויף אים אָן זיינע גרויסע אויגן, וואָס זיינען אַלעמאָל געווען מילד,

באַלקאָנען און זעסט אויס צוליב דעם פֿונדערווײַטן לעבעדיק, ווי אַ שוואָם. איצט ווערן דאָרט אָנגעצונדן די ערשטע לאָמפּן. דער בין־השמשות פֿאַלט־צו אינדערגיך. די לײַכטע אָוונט־רויטקייט, וואָס האָט אַ ווײַלע באַלעבט דעם איינטאָניקן הימל, איז איצט שוין אויסגעלאָשן. איצט הערשט אין דער נאַטור יענער פֿאַרבלאָזער, אויסגעדיכטער און טרויעריקער איבערגאַנגצושטאַנד, וואָס קומט אַלעמאָל סאַמע פֿאַרן נאַכט ווערן. אין דעם באַזעצטן טאָל, וואָס איז ווײַט אויסגעשטרעקט און אַ ביסל געשלענגלט, ווערט ליכטיק אומעטום, סײַ אונטן, סײַ דאָ און דאָרט, אויף בײדע שיפּועים, דער עיקר אויף דעם רעכטן שיפּוע, וואָס רײַסט זיך אַפּער און איז פֿאַרבויט טעראַסן־מעסיק מיט בנינים.

לינקס ליגן סטעזשקעס צו די לאָנקע־שיפּועים און פֿאַרלירן זיך אין דער טעמפּער שוואַרצקייט פֿון די נאָדלוועלדער. די ווײַטערע בערג־קוליסן, הינטן בײַם סוף, וואו דער טאָל ווערט שמעלער, פֿאַרזינקען אין אַ אויסגעוועבטער בלויקייט. אַ ווינט נעמט בלאָזן און מ׳דערפֿילט די נאַכטישע קילקייט.

— נײן, דעם אמת געזאָגט, זע איך גאָרנישט, ס׳זאָל זײַן אַזוי געוואַלדיק — זאָגט האַנס קאַסטאָרפּ. — וואו זײַנען די גלעטשערס, און די געוואַלדיקע ריזן־בערג? אָט־דאָס איז דאָך נישט אַזוי הויך, דאַכט זיך מיר.

— פֿונדעסטוועגן, ס׳איז גאַנץ־הויך — ענטפֿערט יאָאַכים. — דו זעסט כּמעט אומעטום די בײמער־גרענעצן. ס׳לאָזט זיך דערקענען אויפֿפֿאַלנדיק שאַרף. די סאָסנעס הערן אויף און צוזאַמען מיט זײ הערט אַלץ אויף. אַ סוף, בלויז פֿעלזן, ווי דו זעסט. דאָרטן אינדערהויך, רעכטס פֿונעם שוואַרצהאָרן, דער שפּיץ דאָרט, — דאָרטן האָסטו אַפֿילו אַ גלעטשער. זעסט נאָך דאָס בלויע? ער איז נישט גרויס, אָבער ס׳איז אַ גלעטשער, ווי ס׳דאַרף צו זײַן, דער סקאַלעטאַ־גלעטשער. פּיץ מיכעל און טינצענהאָרן אין דעם אויסהויל, — זײ קאָנסטו פֿון דאַנען נישט אַרויסזען, זײ ליגן כּסדר באַדעקט מיט שנײ, אַ גאַנץ יאָר.

— אין אײביקן שנײ, — זאָגט האַנס קאַסטאָרפּ.

האַנס קאַסטאָרפּ באַטראַכט אים כסדר פון דער זייט.

— האָסט דיך דאָך אָבער פּרעכטיק פאַרריכט — זאָגט ער און שאָקלט אַליין מיטן קאָפּ.

— יאָ, אַזוי מיינסטו? — ענטפערט יאָאַכים. — נישט אמת? איך מיין אויך אַזוי — זאָגט ער און זעצט זיך העכער אויף דער איסבעטונג, אָבער באַלד בויגט ער זיך ווידער צוריק אויס.

— ס'איז מיר אַפילו בעסער — זאָגט ער — אָבער געזונט בין איך נאָך אַליין נישט. לינקס אויבן, וואו מ'פלעגט אַמאָל הערן צישען, קלינגט איצט בלויז רוי. דאָס איז נאָך נישט אַזוי שלעכט, אָבער אונטן איז עס נאָך ז י י ע ר רוי. אַחוץ דעם הערט מען נאָך געריישן אין צווייטן אינטערקאָסטאַל־חלל.

— ביסט דאָך געוואָרן אַ גאַנצער געלערנטער — זאָגט האַנס קאַסטאָרפּ.

— יאָ, דאָס איז, מ'שטיינס געזאָגט, למדנות. כ'וואָלט עס שוין גערן ווידער פאַרגעסן אין מיליטער — ענטפערט יאָאַכים. אָבער כ'האָב נאָך ליחה — זאָגט ער און גיט מיט די אַקסלען אַ צוק, וואָס איז אי אָפּגעלאָזן, אי שטאַרק, עס פּאַסט אים נישט צום פּנים. קאַסטאָרפּ דערזעט, ווי יאָאַכים ציט עפּעס אַרויס ביז אין דער העלפט פון דער קעשענע אין זיין זייט און באַהאַלט עס צוריק: כ'איז אַ פלאַך, בייכיק פלעשל פון בלוי גלאָז מיט אַ מעטאַלענעם צושרויף. — דאָס האָבן כמעט אַלע ביי אונז אויבן — זאָגט ער. ס'האָט אויך אַ נאָמען ביי אונז, אַ מין צונעמעניש, אַ גאַנץ קאָמישן. דו קוקסט דיך אַרום אויף דער געגנט?

האַנס קאַסטאָרפּ קוקט זיך אום און זאָגט: — פּרעכטיק!

— אַזוי מיינסטו? — פרעגט יאָאַכים.

זיי זיינען ביז איצט געפאָרן אַ שטיק אין דער אומרעגלמע־סיק באַבויטער גאַס, וואָס גייט פּאַראַלעל מיט די שינעס, אין דער ריכטונג פון דער טאָל־אַקס. דערנאָך האָבן זיי לינקס איבערגעהאַקט די שמאָלע שינעס, אַדורכגעפאָרן אַ וואַסער־פאַל און איצט גייט דער וואָגן לייכט באַרג־אַרויף אויף אַ וועג אַקעגן וואַלדיקע פלעצער. אויף אַ נידעריק־זיך־אָפּרייסנדיקער לאָנקע שטייט דאָרטן מיטן פראָנט צו דרום־מערב אַ לאַנגע געביידע מיט אַ קאָפּול־טורעם. זי איז פול מיט

מ׳קאָן זי נישט אַרויסזען. זיי מוזן אין ווינטער די מתים אַראָפּ־לאָזן מיט באָבשליטנס, ווייל אויף די וועגן קאָן מען דעמאָלסט נישט פאָרן.

— זייערע מתים? — אַך, אַזוי! הער אַ מעשה! — טוט אַ רוף האַנס קאַסטאָרפּ. פּלוצלונג נעמט ער לאַכן, שטאַרק, אומאײַנגעהאַלטן לאַכן, אַז זיין ברוסט טרייסלט זיך אַזש. דאָס פּנים, וואָס איז אַ ביסל פאַרשטייפט פון קילן ווינט, פאַרקרימט זיך שטיל און ווייטאָגדיק. — אויף באָבשליטנס! און דו דערציילסט עס נאָך מיט דער גאַנצער רויִקייט? — ביסט דאָך געוואָרן אינגאַנצן ציניש אין משך פון די פינף חדשים!

— גאָרנישט ציניש — ענטפערט יאָאַכים און צוקט מיט די אַקסל׳ען. — וואָס איז דען? — די מתים איז אַלץ איינס.... אַגב איז זייער מעגלעך, אַז מ׳ווערט דאָ ביי אונז ציניש. בערענס אַליין איז אויך אַן אַלטער ציניקער — דערביי אַ טייערער בחור, אַן אַלטער קאָרפּאָראַציע־סטודענט און אַ גלענצנדיקער אָפּעראַטאָר, ווי ס׳ווייזט אויס. ער וועט דיר געפעלן. אַחוץ אים איז נאָך פאַראַן דאָ קראָקאָווסקי דער אַסיסטענט — אַ גאַנץ כיטרע בריאהל׳ע. אין פּראָספּעקט איז ספּעציעל אָנגעוויזן זיין טעטיקייט: ער טרייבט פּסיכאָאַנאַליז מיט זיינע פּאַציענטן.

— וואָס אַזוינס? פּסיכאָאַנאַליז? — דאָס איז עקלדיק — רופט אויס האַנס קאַסטאָרפּ און פון איצט אָן איז גובר אין אים די פרייל׳עכקייט. ער איז מער נישט קיין באַלעבאָס איבער זיך. דעם לעצטן שטויס האָט געגעבן די פּסיכאָאַנאַליז. ער לאַכט אַזוי שטאַרק, אַז די טרערן לויפן אים אַפּער פון אונטער דער האַנט, מיט וועלכער ער דעקט צו — אַן איינגעבויגענער פון לאַכן — די אויגן. יאָאַכים לאַכט אויך האַרציק — און ס׳ווערט אים, דאַכט זיך, דערפון בעסער. אַזוי אַרום שטייגן די יונגעלייט אַרויס איבערגעצוימטע פון דעם וואָגן, וועלכער האָט זיי ביים סאַמע סוף געטראָגן אויף דעם משופּעדיקן צופאָר, וואָס פירט ווי אַ שלייף צום פּאָרטאַל פון אינטערנאַציאָנאַלן סאַנאַטאָריום „בערגהאָף“.

יאָ, אייביק, אויב דו ווילסט. יאָ, דאָס אַלץ איז הויך. מיר אַליין זיינען אויך נישקשהדיק הויך, מוזטו געדענקען. זעכצן הונ־דערט מעטער איבערן ים. דאָ זעען זיך די הייכקייטן נישט אַזוי אָן.

— יאָ, מ'האָט געדאַרפט וואַזשנע קלעטערן. ס'איז מיר אַזש געוואָרן פינסטער און קאַלאַמוטנע, קאָן איך דיר זאָגן. זעכצנהונדערט מעטער! דאָס זיינען כמעט פינף טויזנט פוס, כ'זאָל גיין אויסרע־כענען. יאָ, זינט איך לעב, בין איך נאָך נישט געווען אַזוי הויך.— האַנס קאַסטאָרפּ גיט דערביי פון נייגעריקייט אַ טיפן, אויספּרובירנ־דיקן אָטעם פון דער פרעמדער לופט. זי איז פריש — ווייטער גאָר־נישט. זי האָט נישט קיין ריח, קיין טעם, קיין פייכטקייט. זי דרינגט לייכט אַריין און זאָגט דער נשמה גאָרנישט.

— אויסגעצייכנט, — באַמערקט ער לשם־העפלעכקייט.

— יאָ, ס'איז אַ באַרימטע לופט. אַגב, פּרעזענטירט זיך היינ־טיקן אָוונט די געגנט נישט פון דער גוטער זייט. טיילמאָל צייכנט זי זיך אויס, דער עיקר — ווען ס'איז אָנגעשנייט. אָבער ס'זעט זיך געוווינט אָן. אונז אַלע דאָ אויבן, קאָנסטו מיר גלויבן, איז זי שוין גאַנץ גוט צוגעגעסן — זאָגט יאָאַכים און זיין מויל פאַרציט זיך מיט אַן אויסדרוק פון עקל, וואָס זעט־אויס צו זיין איבערגעטריבן, אומבאַהערשט און פּאַסט אים ווידער נישט צו פּנים.

— דו רעדסט אַזוי מאָדנע, — זאָגט האַנס קאַסטאָרפּ.

— מאָדנע רייד איך? — פרעגט יאָאַכים מיט אַ געוויסער פאַר־זאָרגטקייט און דרייט זיך אויס צו קאַסטאָרפּן.

— ניין, ניין, זיי מוחל, ס'האָט זיך מיר בלויז אַ רגע אַזוי אויסגעדאַכט — זאָגט האַנס קאַסטאָרפּ אינדערגיך. געמיינט האָט ער דעם אויסדרוק „מיר דאָ אויבן", וועלכן יאָאַכים האָט באַנוצט שוין דאָס דריטע אָדער פערטע מאָל. עס האָט אויף אים עפּעס גע־ווירקט מאָדנע און דערדריקנדיק.

— אונזער סאַנאַטאָריע ליגט, ווי דו זעסט, נאָך העכער פון דעם אָרט — רעדט יאָאַכים ווייטער. — פופציק מעטער. אין פּראָ־ספּעקט שטייט אַפילו הונדערט, אָבער פאַקטיש איז עס בלויז פופ־ציק. אַממייסטן הויך ליגט דאָרט אויבן די סאַנאַטאָריע שאַצאַלפּ,

זיי גייען אָן אַ ריש אַדורך דעם קאָקוס־דיוואַן אין דער לענג פֿון שמאָלן קאָרידאָר. מילכיגלעזערנע אַבאַזשורן בלײַכן זיך אויבן סופֿיט. די ווענט גלאַנצן ווײַס און האַרט, געמאָלט מיט לאַקיר־טער אײלפֿאַרב. מ'דערזעט אַ קראַנקן־שוועסטער, אין אַ ווײַס הײבל און אויף דער נאָז — אַ צוויקער מיט אַ שנירל הינטערן אויער. זי איז אַ פּנים, אַ פּראָטעסטאַנטקע, איז נישט שטאַרק איבער־געגעבן איר פּראָפֿעסיע, אַ נײַגעריקע, אַ באַאומרויקטע און אַ פֿאַר־נודעטע פֿון לאַנגווײַליקייט. אויף צוויי ערטער אין קאָרידאָר, אויף דער פּאָדלאָגע, פֿאַר די ווײַס־לאַקירטע נומערירטע טירן, שטייען עפּעס באַלאָנען, גרויסע, בײַכיקע כּלים מיט קורצע העלזער. האַנס קאַס־טאָרפּ פֿאַרגעסט אַזש צו פֿרעגן, צו וואָס דאָס טויג.

— דאָ איז פֿאַר דיר — זאָגט יאָאַכים. — נומער פֿיר און דרײַסיק. רעכטס וואוין איך און לינקס — אַ רוסיש פּאָרפֿאָלק. וואָס אמת — אַ ביסל אָפּגעלאָזענע און שרײַענדיקע, אָבער ס'איז נישט געווען קיין ברירה. נו, וואָס־זשע זאָגסטו?

די טיר איז אַ טאָפּלטע, מיט מלבושים־האָקנס אינם חלל. יאָאַכים האָט אויפֿגעדרייט דעם עלעקטרישן לאָמפּ אויבן סופֿיט. אין דער ציטערנדיקער קלאָרקייט האָט דאָס צימער אויסגעזען לוס־טיק און שלווהדיק מיט דעם ווײַסן פּראַקטישן מעבל, מיט די ווײַסע, שטאַרקע טאַפּעטן צו וואַשן, מיט די ריינע לינאָלעום־דיוואַנעס אויפֿן דיל און מיט די ליינענע פֿוירהענגלעך, וואָס זײַנען געהאָפּטן לויט דער מאָדע — פּשוט און לעבעדיק. די באַלקאָן־טיר שטייט אָפֿן. מ'דערזעט די ליכטיקייט פֿון טאָל און מ'דערהערט אַ ווײַטע טאַנץ־מוזיק. דער וואוילער יאָאַכים האָט אַוועקגעשטעלט אויף דער קאָ־מאָדע עטלעכע בלומען אין אַ קליינער וואַזע. דאָס האָט געשטאַמט פֿון דער נאָענטער לאָנקע. אַ ביסל טויזנטבלעטלעך און גלעקעלעך, וואָס ער אַליין האָט אָנגעפּליקט.

— פֿרעכטיק פֿון דײַן זײַט — זאָגט האַנס קאַסטאָרפּ.

— ס'איז אַ פֿײַן צימער! מ'קאָן דאָ גאָר פֿײַן אָפּזיצן אַ פּאָר וואָכן.

— אייערנעכטן איז דאָ געשטאָרבן אַן אַמעריקאַנערין — זאָגט יאָאַכים. — בערענס האָט תּיכּף פֿאָרויסגעזאָגט, אַז זי וועט זײַן

נומער 34

גלייך רעכטס, צווישן דעם טויער פון הויז און דעם ווענטילאַטאָר איז געווען די לאָזשע פון הויז־משרת. פון דאָרטן איז אַרויסגעקומען זיי אַקעגן אַ פּאָרטיער, לויטן טיפּ — אַ פראַנצויז, וואָס ביז איצט געזעסן ביים טעלעפאָן און געלייענט ציימונגען. ער איז אָנגעטאָן אין דער זעלבער גרויער ליווערע, ווי דער הינקענדיקער פּאַרשוין ביים וואָקזאַל. ער פירט זיי דורך דער גוט־באַלויכטענער האַלע. לינקס געפינען זיך די געזעלשאַפט־זאַלן. פאָריבערגייענדיק קוקט האַנס קאַסטאָרפּ אַריין און זעט, אַז זיי זיינען ליידיק. ער פרעגט זיך וואו ס'זיינען די געסט און יאָאַכים ענטפערט:

— אויף דער ליג־וועראַנדע. איך האָב היינט געקריגן אַן אַרויסגאַנג, ווייל כ'האָב דיך געוואָלט אָפּוואַרטן. אַזיסט — ליג איך אויך נאָכן אָוונטברויט אויפן באַלקאָן.

ס'פעלט נישט אַ סך, אַז האַנס קאַסטאָרפּ זאָל זיך איפּסניי מוזן צעלאַכן.

— וואָס, ביינאַכט אין אין נעפּל ליגט איר גאָר אויף די באַלקאָנען? — פרעגט ער מיט אַ אומזיכער קול...

— יאָ, אַזאַ געזעץ ביי אונז. פון אַכט ביז צען. אָבער קום נאָר, קוק נאָר אָן דיין צימער און וואַש אָפּ די הענט.

זיי גייען אַריין אין דער ווינדע און דער פראַנצויז דרייט אויף דעם עלעקטרישן אַפּאַראַט. בשעתן אַרויפפאָרן, ווישט זיך האַנס קאַסטאָרפּ אויס די אויגן.

— איך בין אינגאַנצן צעבראָכן אין אויס מענטש פון לאַכן — זאָגט ער און אָטעמט דורכן מויל. — האָסט מיר אָנדערציילט אַזויפיל נאַרישקייטן... די מעשה מיט דעם פּסיכאָאַנאַליטיקער איז שוין געווען איבער דער מאָס, נאָך דאָס האָט געפעלט. אַחוץ דעם בין איך אויך מסתמא אַ ביסל אָפּגעשוואַכט פון דער נסיעה. דו ליידסט אויך פון קאַלטע פיס? דערביי האָט מען נאָך אַ הייס פּנים, דאָס איז נישט אָנגענעם. מיר וועלן מסתמא באַלד עפּעס עסן? דאַכט זיך מיר, אַז כ'בין הונגעריק. מ'עסט כאָטש אָרנטלעך ביי אייך, אויבן?

אַז ער האָט אין דער וואַליזע צוויי הונדערט שטיק „מאַריאַ מאַנציני" — זיינע ציגאַרן. די רעוויזיע איז געווען גאָר אַ בנעימותדיקע. באַלד דערנאָך נעמט ער אָפּגעבן גרוסן פון פאַרשיידענע מענטשן אין דער היים. מ'הייצט דען דאָ נישט? — גיט ער פלוצלונג אַ רוף און לויפט צו צו די רערן, כדי צוצולייגן די הענט...

— ניין, מ'האַלט ביי אונז דאָ גאַנץ קיל — ענטפערט יאָאַכים. — מ'מוז צוּוואַרטן ביז אַווגוסט, דעמאָלסט ווערט טעטיק די צענטראַלבאַהייצונג.

— אַווגוסט, אַווגוסט — זאָגט האַנס קאַסטאָרפּ. — איך ווער געפרוירן. ס'איז מיר פאַסקודנע קאַלט, אין קערפּער, מיין איך, ווייל דאָס פּנים ברענט ביי מיר מאָרגנע. גיב נאָר אַ קוק, ווי איך ברען!

דער פאָרשלאָג אָנצוטאַפּן זיין פּנים איז אינגאַנצן נישט פּאַסיק צו האַנס קאַסטאָרפּס נאַטור און מאַכט אויף אים אַליין אַ פיינלעכן איינדרוק. יאָאַכים איז אויך נישט מסכים און זאָגט בלויז:

— דאָס נעמט זיך פון דער לופט און מאַכט גאָר נישט נישט אויס. בערענס אַליין האָט אויך אַ גאַנצן טאָג בלויע באַקן. טייל מענטשן קאָנען קיינמאָל נישט געוווינט ווערן. נאַ, געגאַנגען, ווען נישט וועלן מיר נישט קריגן קיין עסן.

אויפן קאָרידאָר באַווייזט זיך ווידער די קראַנקען־שוועסטער, זי קוקט זיי נאָך נייגעריק און קורצזיכטיק. אָבער אויפן ערשטן שטאָק בלייבט האַנס קאַסטאָרפּ פלוצלונג שטיין, צוגעשמידט פון אַ אימהדיק קול, וואָס הערט זיך פון נישט ווייט ביים ראָג פון קאָרידאָר, אַ קול נישט קיין הויכס, אָבער אַזאַ שרעקלעכס, אַז האַנס קאַסטאָרפּ פאַרקרימט זיך און קוקט אָן יאָאַכימען מיט גרויסע אויגן. ס'איז אַ הוסט, אַפּנים — פון אַ מאַנסביל, אַ הוסט, וואָס איז לחלוטין נישט ענלעך צו דעם, וואָס האַנס קאַסטאָרפּ האָט ווען ס'איז געהערט. יעדער מין הוסטן, וואָס איז אים באַקאַנט געווען ביז איצט, איז אין פאַרגלייך דערמיט אַ פרעכטיקער און געזונטער אויסדרוק פון לעבן. דער דאָזיקער הוסט איז געווען אינגאַנצן אָן יעדער פרייד און ליבע. אַ הוסט, וואָס ווערט נישט אַרויסגעשטויסן ווי געוויינלעך, נאָר קלינגט ווי אַ מוראדיק אומ־מעכטיק קראַצן אין אַ קאַשע פון אָרגאַנישער צעפוילטקייט.

פּאַרטיק ביז דו ווערסט קומען און אַז דו וועסט קאָנען קריגן איר צימער. איר חתן איז געווען ביי איר, אַן ענגלישער פּלאַט=אָפיציר, אָבער געהאַלטן האָט ער זיך דווקא נישט פעסט. יעדע ווײַלע איז ער אַרויס אין קאָרידאָר וויינען, ווי אַ קליין יינגל. דערנאָך האָט ער זיך געמוזט רייבן די באַקן מיט גאָלד=קרעם, ווייל ר׳איז געווען ראַזירט און די טרערן האָבן אים געברענט. אייערנעכטן אינאָוונט האָט די אַמעריקאַנערין געהאַט צוויי ערשט=קלאַסיקע בלוט=שטורצן און דערמיט האָט זיך עס געענדיקט. אָבער נאָך נעכטן אינדערפרי האָט מען זי אַרויסגענומען און אַליץ איז נאַטירלעך גע=וואָרן גרינטלעך אויסגערויכערט, מיט פאָרמאַלין. ווייסטו, דאָס איז, זאָגט מען, גוט צו אַזעלכע זאַכן.

האַנס קאַסטאָרפּ הערט אויס די מעשה אַ צעשטרייטער. שטיי=ענדיק מיט פאַרשאַרצטע אַרבל פאַר דעם גרויסן וואַש=בעקן, וואָס זיינע ניקלנע קראַנען בלישטשען אין עלעקטרישן ליכט, וואַרפט ער אינדערגיך אַ בליק צו דעם ווייס=מעטאַלענעם ריין געבעטן בעט.

— „אויסגערויכערט“ — דאָס איז אויסגעצייכנט! — זאָגט ער באַריידעוודיק און אַ ביסל מבולבלדיק. בשעת=מעשה וואַשט ער די הענט און ווישט זיי אָפּ. — יאָ, מעטילאַלדעהיד — דאָס האַלט נישט אויס די שטאַרקסטע באַקטעריע — H_2CO. אָבער ס׳רייסט אין דער נאָז, נישט? זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז שטרענגע זויבער=קייט איז אַ הויפּט=תּנאַי... ער זאָגט „זעלבסטפערס — טענדליך“ און רוט זיך אָפּ צווישן די ס און דער ט. יאָאַכים דערפאַר האָט זיך זינט ר׳איז געווען אַ סטודענט צוגעוווינט צו דער אָנגענומענער אויכשפּראַך. קאַסטאָרפּ רעדט ווייטער מיט גרויס פלינקייט: — וואָס האָב איך דאָ נאָך געוואָלט זאָגן?... מסתמא האָט דער פלאָט=אָפיציר זיך ראַזירט מיט אַ זשילעטקע, לאָמיר אָננעמען. מיט די קליינע מעסערלעך צעקאַלעטשעט מען זיך גיכער, ווי מיט אַ גוט אויסגעשאַרפטער בריטווע. דאָס איז לכל=הפּחות מיין אייגענע ערפאַ=רונג. איך באַנוץ אַמאָל דאָס און אַמאָל יענץ... נאַ, אויף דער צערייצטער הויט האָט דאָס געזאַלצענע וואַסער ווי=געטאָן. מסתמא איז ער געוווינט פון דער דינסט צו באַנוצן זיך מיט גאָלד=קרעם, כ׳בין דאָ גאָרנישט תּמיד... און ער פּלוידערט ווייטער, דערציילט,

נרעט פון ניי־אָנגעקומענע, וואָס עסן — גישט אין דער געוויינלעכער צייט; אויך פון אַזעלכע, וואָס האָבן געסט. אָבער אויך געבוירן־טעג און געזעגענונג־באַנקעטן ווערן דאָ פייערלעך געפראַוועט, אויך — שמחהלעך לכבוד גינסטיקע רעזולטאַטן נאָך דער גענעראַל־אונטער־זוכונג. טיילמאָל איז דאָ גאָר לעבעדיק אין רעסטאָראַן — זאָגט יאָאַכים. — מ'סערווירט אַפילו שאַמפּאַניער. איצט איז דאָ קיינער נישטאָ אַחוץ איין־און־איינציקע דאַמע בערך פון אַ יאָר דרייסיק. זי לייענט אַ ביך, ברומט עפּעס צו פאַר זיך און קלאַפּט־צו כסדר אין לייכט מיטן מיטלפינגער פון דער לינקער האַנט אויפן טישטעך. אַז די יונגעלייט זעצן זיך אַוועק, טוישט זי דאָס אָרט און דרייט זיך אויס צו זיי מיט דער פּלייצע. זי מיידט אויס מענטשן — דערציילט יאָאַכים שטילערהייט — אין עסט אין רעסטאָראַן אַלע־מאָל מיט אַ בוך. מ'שמועסט, אַז זי האָט אָנגעהויבן צו זיצן אין לינגען־סאַנאַטאָריעס, ווען זי איז נאָך געווען אַ יונג מיידל און פון דעמאָלסט אָן איז זי אינגאַנצן אָפּגעריסן פון דער וועלט.

— איב אַזוי, ביסטו דאָך מיט דיינע פינף חדשים נאָך גאָר אַ וויקל־קינד אין פאַרגלייך מיט איר. אַפילו ווען זאָלסט דאָ אָפּ־זיצן אַ יאָר — זאָגט האַנס קאַסטאָרפּ צו יאָאַכימען. יאָאַכים נעמט די מענו־קאַרטע און ענטפערט אים מיט יענעם אַקסל־צוקן, וואָס איז ביז איצט נישט געווען אין זיין טבע.

זיי האָבן זיך געזעצט ביי דעם רעכטן טיש ביים פענסטער, אויפן שענסטן אָרט. זיי זיצן איינער אַקעגן אַנדערן ביים קרעם־קאָ־לירטן פירהאַנג. די פנימער גליען קעגן דעם שיין פון עלעקטרישן טיש־לאָמפּ, וואָס איז רויט אַרומגעהילט. האַנס קאַסטאָרפּ לייגט צונויף זיינע פריש־געוואַשענע הענט און רייבט זיי איינע אין דער אַנדערער באַקוועם און אָפּוואַרטנדיק, ווי זיי שטייגער איז בעת ער זעצט זיך צום טיש. אפשר דערפאַר — ווייל זיינע אָבות פלעגן מתפלל זיין פאַר דער זופּ. אַ פריינדלעך מיידל, וואָס רעדט פון גומען אַרויס, אין אַ שוואַרץ קלייד, מיט אַ ווייס שירצל און מיט אַ גרויס פּנים פון אַ שטאַרק־געזונטן קאָליר, דערלאַנגט צום טיש. אַ לוס־טיקער הערט האַנס קאַסטאָרפּ דערציילן, אַז דאָ רופט מען די קעל־נערינס — „זאַל־טעכטער". זיי באַשטעלן ביי איר אַ פלאַש גריאָד־

— יאָ, — זאָגט יאָאַכים. — מיט אים האַלט עס שמאָל. ווייסט, אַן עסטרייכישער אַריסטאָקראַט, אַן עלעגאַנטער מאַן און אינגאַנצן ווי אַ געבוירע׳ער פּריץ. איצט איז ער אין אַזאַ מצב. אָבער ער גייט נאָך אַרום.

גייענדיק ווייטער האָט האַנס קאַסטאָרפּ ווידער אַ שמועס געטאָן וועגן דעם הוסטן פונם פּריץ. — דו מוזט וויסן — האָט ער געזאָגט — אַז איך האָב נאָך עפּעס אַזוינס קיינמאָל נישט געהערט. ס׳איז פאַר מיר אינגאַנצן ניי, דערפאַר מאַכט עס אויף מיר אַזאַ איינדרוק. ס׳זיינען פאַראַן אַלערליי הוסטן, טרוקענע און פייכטע. מ׳זאָגט, אַז אַ פייכטער איז אפשר נאָך געזינטער און בעסער, ווי אַ טרוקן בילן. ווען איך האָב אין מיינע יונגע יאָרן („אין מיינע יונגע יאָרן“ — זאָגט ער) געהאַט שטיקעניש אין האַלז, האָב איך געבילט, ווי אַ הונט. אַלע האָבן זיך געפרייט, ווען דער הוסט איז ווייכער געוואָרן. כ׳געדענק נאָך גאַנץ גוט. אָבער אַזאַ מין הוסטן, ווי דער — דערפון ווייס איך נאָך נישט. אַלנפאַלס — איך. דאָס איז לחלוטין נישט קיין הוסט פון אַ לעבעדיקן. ר׳איז נישט טרוקן, אָבער ווייך קאָן מען אים אויך נישט אָנרופן. ווייט נישט. ס׳איז אַקוראַט, ווי מ׳וואָלט בשעת־מעשה אַריינגעקוקט אין מענטש אַריין און געזען, ווי ס׳זעט אינעווייניק אויס — איין מאַטשקע פון ליחות...

— נאַ — זאָגט יאָאַכים — איך הער עס יעדן טאָג, דו דאַרפסט עס מיר נישט אויסמאָלן.

אָבער האַנס קאַסטאָרפּ קאָן זיך גאָרנישט באַרויִקן פון דעם הוסט. ער פאַרזיכערט נאָכאַמאָל, אַז מ׳זעט דערביי אַליין, וואָס ס׳טוט זיך אינם אַריסטאָקראַט. ווען זיי קומען אַריין אין רעסטאָראַן, גלאַנצן ביי קאַסטאָרפן די אויגן פון רייזע־מידקייט.

אין רעסטאָראַן

אין רעסטאָראַן איז העל, עלעגאַנט און געמיטלעך. ער ליגט רעכטס פון דער האַלע, קעגנאיבער די קאָנווערזאַציע־צימערן. יאָאַכים ערקלערט, אַז דער דאָזיקער רעסטאָראַן ווערט דער עיקר באַ־

טערברומענדיקע דאַמע הייבט זיך גאַנץ פּלוצלונג אויף און גייט אַרויס. זיי וואַרפן ביים עסן מיט די גאָפּלען, מאַכן (מיט אַ ביסן אין דער באַק) וויכטיקע מינעס, לאַכן, שאָקלען די קעפּ, הייבן די אַקסלען און ריידן, נאָך איידער זיי שלינגען רעכט אַראָפּ. יאָאַכים וויל וויסן וואָס ס'הערט זיך אין האַמבורג און האָט אַרויסגעפירט דעם שמועס אויף דער געפּלאַנטער רעגולירונג פון דעם טייך עלבע.

עפּאָכע־מאַכנדיק! — זאָגט האַנס קאַסטאָרפּ. — עפּאָכע־מאַכנדיק פאַר דער אַנטוויקלונג פון אונזער שיף־וועזן — ס'איז גאָרנישט קיין גוזמא. מיר שטעלן גלייך אַריין אין בודזשעט אַן איינמאָליקע הוצאה פון 50 מיליאָן און מעגסט זיין זיכער, אַז מיר ווייסן גאַנץ גוט, וואָס מיר טוען.

ביי דער גאַנצער וויכטיקייט, וואָס ס'האָט פאַר אים די רעגולירונג פון דער עלבע, גייט ער פונדעסטוועגן באַלד אַריבער אויף אַן אַנדער טעמע און פאַרלאַנגט, אַז יאָאַכים זאָל אים נאָך עפּעס דערציילן וועגן לעבן „דאָ אויבן" און וועגן די געסט. יאָאַכים טוט עס אים מיט פאַרגעניגן צוליב, עס טוט אים הנאה, וואָס ער קאָן זיך אַראָפּריידן פון האַרצן. ער מוז איבערחזרן די מעשה מיט די מתים, וועלכע מ'לאָזט אַראָפּ אין באָב־שליטנס, און ווידעראַמאָל פאַרזיכערן, אַז ס'איז אַן אמת. האַנס קאַסטאָרפּ נעמט ווידער לאַכן און יאָאַכים לאַכט מיט, דאַכט זיך, מיט גרויס הנאה. דערנאָך נעמט ער דערציילן אַנדערע קאָמישע זאַכן, כדי נאָך צו פאַרשטאַרקערן די הפקרדיקע שטימונג. אַ דאַמע איז אַמאָל געזעסן מיט אים צוזאַמען ביים טיש, געהייסן האָט זי — פרוי שטער, אַגב זייער אַ קראַנקע, אַ פרוי פון אַ מוזיקער פון קאַנשטאַט — דאָס איז געווען דאָס סאַמע עם־האָרצישסטע באַשעפעניש, וואָס ער האָט נאָר באַגעגנט אין לעבן. „דעזינפּיסצירן" פלעגט זי זאָגן, אָבער אין סאַמע ערנסט. דעם אַסיסטענט קראָקאָווסקי האָט זי גערופן „פאַמולוס"*. מ'האָט דאָס געדאַרפט אַראָפּשלינגען אין דערביי נאָך מאַכן אַ ערנסטע צורה. אויסערדעם איז זי געווען אַ לשון־הרעניצע, ווי ס'רוב ווייבער דאָ אויבן. וועגן אַן אַנדער דאַמע האָט זי געזאָגט, אַז זי טראָגט

* אָנשטאָט פאַאומולוס.

לאַראָז, נאָר האַנס קאַסטאָרפּ שיקט זי אָפּ, מ׳זאָל זי בעסער אָנוואַ־רעמען. דאָס עסן איז אייסגעצייכנט. מ׳דערלאַנגט שפּאַרגל־זופּ, גע־פילטע פּאָמידאָרן, בראָטן מיט עטלעכע צושפּייזן, אַ ספּעציעלע גוט־געמאַכטע מעל־שפּייז, קעז און אויבס. האַנס קאַסטאָרפּ עסט גע־שמאַק, כאָטש זיין אַפּעטיט איז נישט אַזאַ שטאַרקער, ווי ער האָט זיך גערעכנט. אָבער ר׳איז געוויינט אַ סך צו עסן אַפילו, ווען ער איז נישט הונגעריק, בלויז צוליב אַכטונג צו זיך אַליין.

יאָאַכים איז פון די מאַכלים ווייניק נתפּעל. זיי זיינען אים שוין צוגעגעסן, דאָס אייגענע איז מיט אַלע דאָ אויבן. ס׳איז שוין געוואָרן אַ מנהג צו זידלען דאָס עסן. ווייל — ווען מ׳זיצט אָפּ אַ יאָר מיט אַ מיטוואָך... דערפאַר טרינקט ער מיט הנאה, אַפילו מיט אַ מין כוונה דעם וויין, און כאָטש ער מיידט אויס זאָרגעוודיק נישט צו ווערן צו־סענטימענטאַל, קאָן ער זיך פונדעסטוועגן נישט איינהאַלטן נישט אויסצודריקן יעדעס מאָל זיין צופרידנקייט, הלמאַי ס׳איז דאָ אַ מענטש, מיט וועלכן מ׳קאָן אַ לייטיש וואָרט אויסריידן.

— יאָ, ס׳איז אַ ברילאַנטענע זאַך, וואָס דו ביסט געקומען — זאָגט ער און זיין ברייטלעך קול איז גערירט. — כ׳מעג זאָגן, אַז ס׳איז פאַר מיר ממש אַ געשעעניש. ס׳איז אַ דערפרישונג — כ׳מיין, ס׳איז אַ איבערייס, אַן אָפּבייט אין דער אייביקער, נישט־איבערהערנ־דיקער איינטאָניקייט...

— אָבער די צייט מוז דאָ אַוועק גאַנץ גיך — זאָגט האַנס קאַסטאָרפּ.

— גיך און פּאַמעלעך — ווי דו ווילסט — ענטפערט יאָאַכים.— זי גייט בכלל נישט אַוועק, זאָג איך דיר. ס׳איז גאָר קיין צייט נישט און אויך קיין לעבן נישט, — ניין, ס׳איז נישט — זאָגט ער שאָקלענדיק מיטן קאָפּ און נעמט זיך ווידער צום גלאָז.

האַנס קאַסטאָרפּ טרינקט אויך, כאָטש זיין פּנים ברענט איצט, ווי פייער. אין קערפּער איז אים נאָך אַלץ קאַלט; און זיינע אבֿרים ציטערט אַ באַזונדערס פריידיקע און אַ ביסל פּיינלעכע אומ־רויקייט. ער רעדט האַסטיק, איז זיך אָפּט טועה, מאַכט אַוועק מיט דער האַנט און רעדט ווייטער. אַגבֿ, איז אויך יאָאַכים לעבעדיק און זייער שמועס ווערט נאָך פרייער און אייפגערוימטער, ווען די אונ־

— דאָ זיצט קראָקאָווסקי. איך מוז דיך, מיין איך, נאָך אינדער־גיך פאַרשטעלן —

שטאַרקט זיך קאַסטאָרפּ מיט אַלע כּוחות. דר. קראָקאָווסקי זיצט אין דער ליכטיקן, ביים קאָמין פון אַ קאָנווערזאַציע־צימער, גלייך ביי דער אָפענער היך־טיר. ער לייענט אַ צייטונג. ווען די יונגעלייט גייען צו צו אים, שטייט ער אויף. יאָאַכים האַלט זיך מיליטעריש און זאָגט:

— ערלויבט מיר, ביטע, הער דאָקטאָר, פאָרצושטעלן מיין קוזין קאַסטאָרפּ פון האַמבורג. ער איז נאָר־וואָס אָנגעקומען.

דר. קראָקאָווסקי באַגריסט דעם נייעם שכן מיט אַ מין לוסטיקער, פעסטער און אויפמונטערנדיקער האַרציקייט, גלייך ווי ער וואָלט געוואָלט געבן אָנצוהערן, אַז פּנים־אל־פּנים מיט אים איז איבעריק יעדע פאַרלעגנהייט און בלויז פריילעכער צוטרוי איז דאָ אויפן אָרט. ער איז אַלט בערך פינף און דרייסיק יאָר, אַ ברייטבייניקער, אַ פעטער, אַ סך קלענער פון ביידע יונגעלייט, אַזוי, אַז ער מוז אַ ביסל פאַרוואַרפן דעם קאָפּ אינדערקרים, כּדי זיי צו קוקן אין פּנים אַריין. ער איז נישט־געוויינלעך בלייך, ס'איז אַ מין דורכזיכטיקע, פאָספאָרעסצירנדיקע בלאַסקייט, וואָס ווערט נאָך בולטער צוליב דעם טונקעלן פלאַקער פון זיינע אויגן, דורך דער שוואַרצקייט פון זיינע ברעמען און דורך דער גאַנץ לאַנגער באָרד מיט די צוויי שפּיצן, וואָס ס'וואַרפן זיך שוין אַדורך עטלעכע ווייסע פעדים. ער טראָגט אַ שוואַרצע, שוין אַ ביסל אָפּגענוצטע מאַרינאַרקע, מיט צוויי שורות קנעפּ, שוואַרצע האַלבע שיך מיט לעכלעך, ענלעכע צו סאַנדאַלן, דיקע גרוי־וואָלענע זאָקן און אַ איבערגעוואָרפענעם ברייטן קראַגן. אַזאַ מין קראַגן האָט האַנס קאַסטאָרפּ ביז איצט געזען בלויז ביי אַ פאָטאָגראַף אין דאַנציג. דער דאָזיקער קראַגן האָט צוגעגעבן אין דערווירקלעכקייט דער געשטאַלט פון דר. קראָקאָווסקי עפּעס אַטעליע־מעסיקס. ער האָט האַרציק געשמייכלט, געוויזן אַ מויל געלבלעכע ציין, געשאָקלט ביים יונגמאַן די האַנט. ער רעדט מיט אַ באַריטאָן און מיט אַ ביסל אַן אויסלענדיש־שלעפּנדיקן אַקצענט:

— זייט באַגריסט, הער קאַסטאָרפּ! לאָמיר האָפן, אַז איר וועט

אַ „סטערילעט". „סטערילעט" האָט זי דאָס אָנגערופן — דאָס איז
דאָך געלד: האַלב-לינגדיק, מיט פאַרוואָרפענע קעפּ אויף די אָנ-
לענס פון ווייערע שטולן — האָבן ביידע אַזוי געלאַכט, אַז זיי האָבן
איינגאַנצן געציטערט און ביידע האָבן כמעט אויף איינמאָל אָנגע-
הויבן שלוקערצן.

פּלוצלונג איז יאָאַכים געוואָרן מרה-שחורהדיק און זיך דער-
מאָנט אין זיין צרה.

— יאָ, מיר זיצן דאָ און לאַכן — זאָגט ער מיט אַ ווייטאָג-
דיקער צורה און פון ווײַלע צו ווײַלע הייבט ער ווידער אָן לאַכן.—
דערביי הייב איך נישט אָן צו וויסן, ווען איך וועל אַמאָל אַרויס
פון דאַנען. ווייל ווען בערענס זאָגט אַ האַלב יאָר, איז נאָך
גאָר קיין ראַיה נישט. מ'מוז זיך תּיכּף ריכטן אויף מער. אָבער ס'איז
דאָך שווער; זאָג אַליין, צי ס'איז נישט אַ טרויעריק עסק פאַר מיר.
דאָרטן בין איך שוין געווען צוגענומען און אין אַ חודש אַרום
וואָלט איך געקענט אָפּגעבן אָפיציר-עקזאַמען. איצט וואַלגער איך
מיך דאָ אַרום מיטן טערמאָמעטער אין מויל, צייל די גרייזן פון דער
אומגעבילדעטער פרוי שטער און פטר צייט. אין אונזער עלטער
שפּילט אַ יאָר אַ גרויסע ראָלע, אין לעבן דאָרט אונטן, ברענגט
עס מיט זיך אַזויפיל פאַרענדערונגען און נייסן. איצט מוז איך דאָ
פוילן, ווי אַ באַגנע, יאָ ממש, ווי אַ פוילנדיקער זומפּ. ס'איז גאָר
נישט קיין איבערגעטריבענער פאַרגלייך...

מאָדנע, האַנס קאַסטאָרפּ ענטפערט דערויף בלויז מיט דער פראַגע,
צי מ'קאָן דאָ קריגן פּאָרטער אויך, און אַז יאָאַכים גיט אויף אים
אַ קוק מיט שטוינונג, זעט ער, אַז ער האַלט ביי איינשלאָפן. אייגנט-
לעך שלאָפט ער כמעט שוין.

— דו שלאָפסט גאָר! — זאָגט יאָאַכים. — קום, ס'איז שוין
צייט פאַר אונז ביידע צו גיין זיך לייגן.

— ס'איז גאָרנישט קיין צייט — זאָגט האַנס קאַסטאָרפּ מיט אַ
שווערער צונג. פונדעסטוועגן גייט ער מיט, אַ ביסל איינגעבויגן און
מיט שטייפע פיס, ווי אַ מענטש, וואָס פאַלט פשוט פון מידקייט.
פונדעסטוועגן, ווען זיי גייען אַדורך די מאַט-באַלויכטענע האַלע און
יאָאַכים גיט אַ זאָג:

די ווינדע האָט מער נישט קיין באַדינגונג און זיי גייען צוריק אַראָפּ מיט די טרעפּ, שווייגנדיק און אַ ביסל צעטומלט פון דער באַגעגעניש מיטן דר. קראָקאָווסקי. יאָאַכים באַגלייט קאַסטאָרפּן אינם נומער 34 אַריין. דער הינקענדיקער האָט שוין דאָרטן אַוועקגעלייגט דעם באַגאַזש. זיי פּלוידערן נאָך אַ פערטל שעה, בשעת-מעשה פּאַקט-אויס האַנס קאַסטאָרפּ די וואַש-מכשירים און דעם נאַכט-טואַלעט און רויכערט דערביי אַ דיקן לייכטן פּאַפּיראָס. קיין ציגאַר איז אים היינט נישט אויסגעקומען צו רויכערן און ס'קומט אים פּאָר וואונדערלעך און משונהדיק.

— ער זעט-אויס גאָר וואַזשנע — זאָגט ער און לאָזט אַרויס דעם תייך, וואָס ער האָט אַריינגעאָטעמט ביים ריידן. — וואַקס-בלייך איז ער, אָבער מיט זיינע שיך און זאָקן זעט ער אויס גאָר מיאוס. גרוי-וואָלענע זאָקן און דערצו די סאַנדאַלן. ווי מיינסטו, ער האָט זיך באַליידיקט?

— עס איז אַ ביסל זיין שוואַכע זייט — איז יאָאַכים מודה. — האָסט דיך נישט געדאַרפט אַזוי קאַטעגאָריש אָפּזאָגן פון מעדיצינישער באַהאַנדלונג, לכל-הפּחות — פון פּסיכישער. עס פאַרדריסט אים, וואָס מ'זאָגט זיך אָפּ דערפון. פון מיר איז ער אויך נישט איבעריק נתפּעל, ווייל איך דערצייל אים צו-ווייניק מיינע ענינים. אָבער פון צייט-צו-צייט דערצייל איך אים אַ חלום, כדי ער זאָל האָבן וואָס צו אַנאַליזירן.

— אויב אַזוי, האָב איך אים טאַקע געטאָן אַן עוולה — זאָגט האַנס קאַסטאָרפּ מיט פאַרדרוס. ווייל ר'איז אומצופרידן מיט זיך אַליין, הלמאַי ער זאָל דאָבן עמעצן אָנגעטאָן עגמת-נפש. פּלוצלונג באַפאַלט אים שטאַרק די מידקייט אויפסניי.

— אַ גוטע נאַכט — זאָגט ער — איך פאַל פון די פיס.

— אַרום אַכט אַ זייגער וועל איך דיך קומען נעמען צו פרישטיק — זאָגט יאָאַכים און גייט אַרויס.

האַנס קאַסטאָרפּ פּטרט אינדערגיך אָפּ זיין נאַכט-טואַלעט. תּיכף נאָכדעם, ווי ער לעשט אויס דאָס נאַכט-לעמפּל, באַפאַלט אים דער שלאָף. באַלד דערמאָנט ער זיך, אַז אין דעם בעט איז עמעצער אייערנעכטן געשטאָרבן און ס'באַפאַלט אים אַ מורא. מסתּמא איז

זיך גיך איינלעבן אין זיך פילן גוט צווישן אונז. קומט איר צו אונז ווי אַ פּאַציענט, אויב ס'איז מיר ערלויבט צו פרעגן?

ס'איז ממש געווען רירנדיק ציצוקוקן, ווי האַנס קאַסטאָרפּ שטרענגט זיך אָן צו האַלטן זיך לייטיש און גובר צו זיין דעם שלאָף. ס'אַרט אים, הלמאַי ער דאַלט זיך אַזוי שלעכט. פול מיט חשד אין שטאָליץ, ווי אַלעמאָל יונגעלייט, — מיינט ער, אַז דעם דאָקטאָרס שמייכלען אין זיין אויפמונטערדיקייט זיינען סימנים פון געהילדיקן חוזק. ער ענטפערט, רעדט וועגן די דריי וואָכן, דערמאָנט וועגן זיין עקזאַמען און גיט־צו, אַז ר'איז, דאַנקען גאָט, אינגאַנצן געזונט.

— באמת? — פרעגט דר. קראָקאָווסקי אין בשותּ־מעשה גיט ער, ווי איך צו רייצן זיך, אַ פּאַרוואַרף דעם קאָפּ אינדערקרום און זיין שמייכל ווערט נאָך שטאַרקער... — אויב אַזוי, זענט איר אַ אייסטערלישע ערשיינונג! ווייל מיר איז נאָך נישט פאָרגעקומען אַ מענטש, וואָס זאָל זיין אינגאַנצן געזונט. וואָס פאַר אַן עקזאַמען האָט איר אָפּגעהאַלטן, אויב ס'איז מיר ערלויבט צו פרעגן?

— איך בין אַן אינזשעניער, הער דאָקטאָר — ענטפערט האַנס קאַסטאָרפּ מיט באַשיידענער ווערדיקייט.

? אַה, אַן אינזשעניער! — און דר. קראָקאָווסקיס שמייכל ווערט תּיכּף שוואַכער, פאַרלירט אויף אַ רגע זיין קראַפט און האַרציקייט. — דאָס איז אַן ענין. ווערט איר, הייסט עס, זיך דאָ נישט לאָזן מעדיציניש באַהאַנדלען נישט קערפּערלעך און נישט פּסיכיש?

— ניין, טויזנט דאַנק — זאָגט האַנס קאַסטאָרפּ און טרעט כמעט אָפּ אַ טריט אויף צוריק.

אין דער רגע הייבט דר. קראָקאָווסקי ווידער אָן פעסט צו שמייכלען. ער דערלאַנגט דעם יונגנמאַן די האַנט, שאָקלט זי און זאָגט הויך:

— אויב אַזוי, שלאָפט־זשע געזונטערהייט, הער קאַסטאָרפּ, און האָט הנאה פון אייער גוט געזונט! שלאָפט געזונטערהייט און צום ווידערזען! — דערמיט לאָזט ער אָפּ די יונגעלייט און זעצט זיך ווידער אַוועק לייענען די צייטונג.

צווייט קאַפּיטל

פֿון דער טויפֿשאָל און פֿון דעם זיידן מיט דער טאָפּלטער געשטאַלט.

האַנס קאַסטאָרפֿן זיינען געבליבן פֿון זיין עלטערנס הויז בלויז בלאַסע זכרונות. טאַטע-מאַמע געדענקט ער קוים. זיי זיינען אַוועקגעשטאָרבן אין משך פֿון דער צייט צווישן זיין פֿינפֿטן און זיבעטן יאָר פֿון זיין לעבן. פֿריער איז געשטאָרבן די מוטער, אינגאַנצן אומגעריכט, בעת זי האָט זיך געריכט אין בעט אַריין. גענומען האָט זיך עס פֿון אַ געפֿעס-פֿאַרשטאָפּונג צוליב אַ ווענען-אָנצינדונג — אַן עמבאָליע, ווי דר. היידעקינד האָט עס אָנגערופֿן. די דאָזיקע עמבאָליע האָט אַרויסגערופֿן אַ מאָמענטאַלן האַרץ-פּאַראַליטש: זי איז געזעסן אין בעט און געלאַכט און ס'האָט אויסגעזען, אַז זי פֿאַלט אַוועק פֿון געלעכטער. פֿאַקטיש איז זי געפֿאַלן אַ טויטע. פֿאַר האַנס הערמאַן קאַסטאָרפֿ, דעם פֿאָטער, איז דאָס נישט לייכט געווען צו באַנעמען. ער איז טיף געווען צוגעבונדן צו זיין פֿרוי און דערצו נישט געווען פֿון די גרויסע גיבורים, אַזוי, אַז ער האָט זיך נישט געקאָנט קיין עצה טאָן דערמיט. זינט דעמאָלסט איז ער אינגאַנצן געוואָרן עובֿר-בטל. פֿון גרויס צעטומלונג האָט ער אָנגעהויבן מאַכן געשעפֿטלעכע פֿעלערן, אַזוי, אַז די פֿירמע „קאַסטאָרפֿ און זון“ האָט געליטן גרויסע היזקות. מיט אַ יאָר שפּעטער אין פֿרילינג האָט ער בעת אַן אינספּעקציע פֿון די שפּייכלערס ביים ווינטיקן האַפֿן אַריינגעכאַפּט אַ לונגען-אָנצינדונג. זיין דערשיטערט האַרץ האָט נישט געקאָנט אויסהאַלטן די הויכע היץ און ער איז אין משך פֿון פֿינף טעג געשטאָרבן, נישט געקוקט דערויף, וואָס דר. היידעקינד האָט אים באַהאַנדלט מיט אַזויפֿיל זאָרגעוודיקייט. ער איז אַוועק נאָך זיין פֿרוי, בכּבֿודיק באַלייט פֿון דער בירגערשאַפֿט און באַגראָבן געוואָרן אין קאַסטאָרפֿישן פֿאַמיליען-קבֿר, וואָס ליגט אויף

עס נישט געשען צום ערשטן מאָל — זאָגט ער זיך אַליין, גלייך ווי דאָס וואָלט אים געקאָנט באַרויִקן. ס'איז פּשוט אַ מתים־בעט, אַ געוויינלעך מתים־בעט. באַלד דערנאָך ווערט ער אַנטשלאָפֿן.

אָבער תּיכּף, ווי ער שלאָפֿט איין, הייבט אים אָן צו חלומען און ער חלומט אַזוי כּמעט ביז אינדערפֿרי. דער עיקר זעט ער די גאַנצע צייט יאָאַכים צימסען אַ מאָדנע אויסגעקרימטן און ווי ער גליטשט זיך אַראָפּ אויף אַ קרומען וועג מיט אַ באָב־שליטן. ער איז אַזוי פֿאָספֿאָרעסצירנדיק בלייך, ווי דער דר. קראָקאָווסקי. פֿון פֿאָרנט זיצט דער עסטרייכישער אַריסטאָקראַט, וואָס האָט גאָר אַן אומבאַשטימטן אויסזען, ווי עמעצער, וואָס מ'האָט אים בלויז געהערט הוסטן. ער לענקט דעם שליטן. — ס'איז אונז אַלץ איינס, — אונז דאָ אויבן — זאָגט דער אויסגעקרימטער יאָאַכים און ס'ווייזט זיך אַרויס, אַז ער— נישט דער אַריסטאָקראַט — האָט דאָס אַזוי מוראדיק געהוסט. האַנס קאַסטאָרפּ נעמט ביטער וויינען און פֿאַרשטייט, אַז ער מוז תּיכּף לויפֿן אין אַפּטייק אַריין, כּדי צו שאַפֿן גאָלד־קרעם. אָבער אויפֿן וועג זיצט די פֿרוי אילטיס מיט אַ שפּיציקער מאָרדע. זי האַלט עפּעס אין דער האַנט, עס דאַרף, אַפּנים, זיין דער „סטערילעט“. פֿאַקטיש איז עס בלויז אַ זשילעטקע. האַנס קאַסטאָרפּ צעלאַכט זיך ווידער — אַזוי ווערט ער געשליידערט פֿון איין געמיט־שטימונג אין דער אַנדערע, ביז דער פֿרימאָרגן נעמט גרויען דורך דער האַלב־געעפֿנטער באַלקאָן־טיר און וועקט אים אויף.

משרתים. האַנס קאַסטאָרפּ האָט זיך צוגעהערט דערצו מיט הנאה. מיט הנאה האָט ער זיך אויך צוגעהערט, ווי פּיטע ענטפערט אים, סערווירנדיק, אויך אין פּלאַט־דײַטש. בשעת־מעשה פּלעגט דער דינער זיך אויסבויגן לינקס הינטער זײַן באַלעבאָס, כּדי אים אַרײַנצורײדן אין רעכטן אויער, אויף וועלכן דער סענאַטאָר האָט געהערט אַ סך בעסער, ווי אויפן לינקן. דער אַלטער האָט פאַרשטאַנען, צוגעשאָקלט און ווײַטער געגעסן, זיצנדיק אַן אויסגעגלײַכטער צווישן דעם מאַהאָן־אָנלען פון דער שטול און דעם טיש, קוים צוגעבויגן צום טעלער. דאָס אייניקל, וואָס איז געזעסן קעגן אים, האָט זיך צוגעקוקט שטיל, מיט טיפער און נישט־באַוואוסטער פאַראינטערעסירטקייט צו די קאַרגע, גענייטע באַוועגונגען, מיט וועלכע דעם זיידנס שיינע, ווייסע, דאַרע אַלטע הענט מיט די געוועלבטע פאַרשפּיצטע נעגל און מיט דעם גרינעם הערב־רינג אויף דעם רעכטן ווײַז־פינגער האָבן אָנגענומען מיטן שפּיץ־גאָפּל אַ ביסן פלייש, גרינס און קאַרטאָפל און צוגעטראָגן צום מויל. בשעת־מעשה פלעגט ער לײַכט צובויגן דעם קאָפּ. האַנס קאַסטאָרפּ האָט געקוקט אויף זײַנע אייגענע, נאָך נישט־פלינקע הענט און זיך פאָרגעשטעלט, ווי ער וועט אויך אַמאָל, ווי דער זיידע, האַלטן מעסער און גאָפּל.

אַן אַנדער פראַגע איז געווען, צי ער וועט אויך אַמאָל דערגיין דערצו, ער זאָל קאָנען פאַרשטעקן די גאָמבע אין דער בינדע, ווי דער זיידע, וואָס טראָגט אַ שטײַפן קאָלנער, מאָדנע גרויס געעפנט, מיט שאַרפע שפּיצן ביז די באַקן. ווײַל דערצו מוז מען אַזוי אַלט זײַן ווי ער. שוין הײַנט טראָגט מער — אַחוץ דעם זיידן און פּיטען — קיין שום מענטש נישט אַזעלכע בינדעס און קראַגנס. און ס'איז אַ שאָד, ווײַל דעם קליינעם האַנס קאַסטאָרפּ איז שטאַרק געפעלן צוצוקוקן, ווי דער זיידע שפּאַרט אָן די גאָמבע אין דער שניי־ווײַסער בינדע. אַפילו ווען ער איז אויסגעוואַקסן, איז עס איז אים שטאַרק געפעלן, וויפיל מאָל ער האָט זיך דערמאָנט דערין: ס'איז געווען דערין עפּעס אַזוינס, וואָס ער האָט געשעצט אין סאַמע תּוך פון זײַן וועזן.

דעם סאַנקט=קאַטאַרינען בית=עולם, אין זייער אַ שיין אָרט, מיט אַן אַרויסבליק צום באָטאַנישן גאָרטן.

זיין פאָטער, דער סענאַטאָר, האָט אים איבערגעלעבט, כאָטש נישט אויף אַ סך. דער אַלטער איז אויך געשטאָרבן פון אַ לונגען=אָנצינדונג, אָבער נאָך אַ שווערן געראַנגל און אין גרויסע יסורים, ווייל להיפוך צום זון, — איז האַנס לאָרענץ קאַסטאָרפ געווען אַ נאַטור, וואָס לאָזט זיך נישט אַזוי גיך אונטערהאַקן און איז שטאַרק אײַנגעוואָרצלט אין לעבן. אין משך פון דער צייט צווישן זון און פאָטער, אַנדערטהאַלבן יאָר, האָט דער יתום האַנס קאַסטאָרפ געלעבט ביים זיידן אין הויז, אַ הויז, וואָס איז אויפגעבויט געוואָרן אין אָנהייב פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט אויף אַ שמאָלן גרונט, לויטן געשמאַק פון צפון=קלאַסיציזם, געמאָלט מיט אַ מרה=שחורהדיקער וועטער=פאַרב, קעגן אַן אָפענעם פּלאַץ. אַ הויז מיט האַלב=זיילן אין ביידע זייטן פון דער אײַנגאַנג=טיר, אינדערמיט פּאַרטער איבער די פינף טרעפּלעך, מיט צוויי אייבער=שטאָקן אויסער דער בעלעטאַזשע, וואו די פענסטער זיינען געגאַנגען ביז דער פּאָדלאָגע און זיינען געווען פאַרקראַטעט מיט גוס=אײַזערנע קראַטעס.

דאָ זיינען געלעגן בלויז רעפּרעזענטאַציע=צימערן. דערין איז אַרײַנגערעכנט דאָס העלע עסצימער באַפּוצט מיט שטוקאַטוריע. די ווײַן=רויט פאַרהאַנגענע פענסטער פון אָט דעם צימער האָבן אַרויסגעקוקט אין גערטל, וואָס הינטערן הויז. דאָרטן האָבן אין משך פון אַכצן חדשים זיידע און אייניקל פּינקטלעך 4 אַ זייגער יעדן טאָג געגעסן אַליין מיטאָג זאַלבענאַנד, באַדינט פון דעם אַלטן דינער פיטע מיט אוירינגלעך אין די אויערן און מיט זילבערנע קנעפּלעך אין פראַק. צו דעם דאָזיקן פראַק האָט נאָך דער דינער געטראָגן אַ באַטיסטענע האַלז=בינדע, ווי דער באַלעבאָס אַליין. דער אַלטער האָט אויך פונקט ווי דער באַלעבאָס דערמיט פאַרשטעלט זיין ראַזירטע גאָמבע. ווען דער זיידע פלעגט מיט אים ריידן פּלאַטדייטש, האָט ער אים געזאָגט דו. ער האָט נישט געמיינט קיין וויץ — ער איז בטבע נישט געווען קיין הומאָריסט — נאָר אין פולן ערנסט און בכלל זיך געפירט אַזוי מיט פאָלקס=מענטשן, אַ שטייגער מיט שפּייכלער=אַרבעטער, שיק=יינגלעך, פורמאַנעם און

שאַנק, וואו ס'האָט זיך געשפּירט מיט מאָדנע און אָנגענעמע ריחות. ס'זיינען דאָרטן געלעגן באַהאַלטן פאַרשיידענע זאַכן, וואָס מ'נוצט זיי מער נישט און דערפאַר אַזעלכע צוציענדיקע: אַ פּאָר צעבויגענע זילבערנע לייכטער, אַ צעבראָכענער באַראָמעטער מיט אַ האָלצערנער, געשניצטער פיגור, אַן אַלבום מיט דאַגעראָטיפּיעס*, אַ ליקער-קעסטל פון טענענהאָלץ, אַ קליינער טערק, פון האַרט האָלץ, אין אַ פאַרביק-זיידענעם אָנצוג, מיט אַ געווערק אינעווייניק, דורך וועלכן ער האָט אַמאָל געקאָנט לויפן איבערן טיש. איצט אָבער איז עס שוין לאַנג קאַליע. ס'איז דאָרטן געווען אַ פאַרצייטישדיקער שיף-מאָדעל, און גאָר אונטן — אַפילו אַ פאַסטקע פאַר מייז. דער אַלטער פלעגט אַרויסנעמען פון מיטעלן פאַך אַ שטאַרק פאַרדוכטע קיילעכיקע זילבערנע שאָל, וואָס איז געשטאַנען אויף אַ זילבערנעם טעלער, און האָט געוויזן דעם יינגל. בשעת-מעשה האָט ער זיי פונאַנדערגענומען, דערציילט וועגן זיי מעשיות, ווער ווייס צום וויפלטן מאָל און זיך מיט זיי געפּאָרעט.

דער בעקן און דער טעלער האָבן לכתחילה נישט געפּאַסט איינער צום אַנדערן. דער קליינער האָט דאָס אַליין געזען און אויך געהערט דאָס אייגענע פון זיידן. פונדעסטוועגן — פלעגט דער זיידע זאָגן — ווערן זיי שוין באַנוצט אינאיינעם הונדערט יאָר, ס'הייסט זינט מ'האָט געקויפט דעם בעקן. די שאָל איז געווען אַ שיינע, געווען געפּאָרעמט פשוט און סובטעל לויטן שטרענגן געשמאַק פון אָנהייב פאָריקן יאָרהונדערט. אַ גלאַטיקע און אַ מאַסיווע, איז זי געשטאַנען אויף אַ קיילעכיקן פוס און איז געווען אינעווייניק געגילדט. מיט דער צייט איז דאָס גאָלד געוואָרן געל-אָפּבלאַקירט. די איינציקע באַפּוצונג איז געווען אַ פיינער קראַנץ פון רויזן און שפּיציקע בלעטער אויבן ביים ראַנד. וואָס ס'איז נוגע דעם טעלער — האָט מען אינעווייניק געקאָנט איבערלייענען ווי ווייט עלטער ער איז געווען. „זעכצנהונדערט פופציק" איז דאָרטן געווען אויפגעשריבן מיט געציקטע ציפערן און אַרום די ציפערן — פאַרשיידענע גראַווירטע קרייזלעך לויטן דעמאָלטיקן „מאָדערנעם מאַניער": געציקלט און גע-

---

* פּאַרצייטיקע פאָטאָגראַפיעס.

נאָכדעם ווי זיי האָבן אָפּגעגעסן, צוזאַמענגעלייגט זייערע סערוועטן, אײַנגעוויקלט און אַריינגעשטעקט אין די זילבערנע רינגען (נאַן יענין, מיט וועלכן האַנס קאַסטאָרפּ האָט זיך דעמאָלסט נישט אַזוי לייכט אַן עצה געטאָן, ווייל די סערוועטן זיינען אַזוי גרויס געווען, ווי קליינע טישטעכער), — איז דער סענאַטאָר אויפגעשטאַנען פון דער שטול, וועלכע פיטע האָט אַוועקגענומען פון הינטער אים און איז אַוועק מיט טשאַפּענדיקע טריט אין „קאַבינעט" אַריין, כדי צו נעמען אַ ציגאַר. טיילמאָל פלעגט אים דאָס אייניקל נאָכגיין אַהין.

דער דאָזיקער „קאַבינעט" איז אַנטשטאַנען אַדאַנק דעם, וואָס מ'האָט געמאַכט דאָס עסצימער מיט דריי פענסטער, אַזוי, אַז ס'האָט פאַרנומען די גאַנצע ברייט פון הויז. צוליב דעם איז דאָ נישט געבליבן, ווי אַלעמאָל ביי אַזאַ מין הויז, אָרט פאַר דריי סאַלאָנען, נאָר פאַר צוויי. אָבער איין סאַלאָן, וואָס איז געלעגן פערפענדיקולאַר צום עס-זאַל און געהאַט בלויז איין פענסטער אין גאַס אַריין, איז אויסגעקומען נישט פּראָפּאָרציאָנעל טיף. דערפאַר האָט מען אָפּגעצוימט בערך אַ פערט-חלק פון זיין לענג און דאָס איז געווען דער „קאַבינעט" — אַ שמאָל צימער מיט אַ פענסטער אין סופיט, אַ טונקלס און באַשטעלט מיט ווייניק זאַכן: אַן עטאַזשערקע, וואו ס'איז געשטאַנען דעם סענאַטאָרס ציגאַרן-שענקל, אַ שפּיל-טיש. אין דעם שופלאָד פון אָט-דעם טיש זיינען געלעגן צוציענדיקע זאַכן: וויסט-קאָרטן, שפּיל-מאַרקעס, קליינע מאַרקיר-ברעטלעך מיט דעקלעך, וואָס קלאַפּן זיך אויף, אַ שיפער-טאָוול מיט קרייד-גריפלעס, פּאַפּירענע ציגאַרן-שפּיצלעך און נאָך אַנדערע זאַכן. אין דעם צימער איז אויך געשטאַנען אין ווינקל אַ ראָקאָקאָ-גלאָזשאַנק פון פּאַליסאַנדער-האָלץ און הינטער די שויבן זיינען אויפגעהאַנגען געווען געל-זיידענע פירהענגלעך.

— זיידעשי, — פלעגט אַמאָל דער קליינער האַנס קאַסטאָרפּ זיך שטעלן אין קאַבינעט אויף די שפּיצן פינגער, כדי אַריינצורײדן דעם אַלטן אין אויער אַריין, — וויז מיר, כ'בעט דיך, די טויפשאָל.

און דער זיידע, וואָס האָט סיי-ווי-סיי געהאַט אַוועקגעמאַכט די פּאָלע פון זיין לאַנגן און ווייכן ראָק, האָט אַרויסגענומען פון הויזן-קעשענע זיין בינטל שליסלעך און האָט געעפנט די גלעזערנע

דערנאָך פלעגט דער ווידע אַוועקשטעלן דעם בעכער צוריק אויפן טעלער און געלאָזט דעם יינגל אַריינקוקן אין דעם גלאַטיקן לייכט־גאָלדיקן חלל, וואָס האָט גענומען גלאַנצן אַקעגן שיין פון סופיט־פענסטער.

— אָט איז שוין באַלד אַכט יאָר — האָט ער געזאָגט — זינט מיר האָבן דיך געהאַלטן איבער דעם און דאָס וואַסער, מיט וועלכן דו ביסט געטויפט געוואָרן, איז אַריינגערונען אַהער... דער קירך־געהילף לאַססען פון סט. יאַקאָבי האָט עס אַריינגעגאָסן אונזער וואַילן פאַסטאָר בוגענהאַגען אין דער הוילער האַנט אַריין און פון דער האַנט האָט זיך עס געגאָסן איבער דיין קאָפ אין בעכער אַריין. אָבער מיר האָבן עס אָנגעוואַרעמט, כדי דו זאָלסט דיך נישט דערשרעקן און זיך נישט צעוויינען. האָסט טאַקע נישט געוויינט. פאַרקערט, פריער האָסטו געשריגן, אַזוי אַז בוגענהאַגען האָט גע־האַט אַ שווער שטיקל אַרבעט מיט זיין דרשה. אָבער תיכּף, ווי מ׳האָט דיך אָפּגעגאָסן מיטן וואַסער, ביסטו שטיל געוואָרן. כ׳וויל האָפן, אַז דאָס האָט זיך גענומען פון אַכטונג צום הייליקן סאַקראַ־מענט. אין עטלעכע טעג אַרום וועט זיין פיר־און פערציק יאָר, אַז דיין פאַרשטאָרבענער פאָטער איז געווען דאָס טויף־קינד און אַז פון זיין קאָפ איז גערונען וואַסער אין בעכער אַריין. ס׳איז געווען דאָ אין הויז, אין הויז פון טאַטע־מאַמע, דאָרטן אין זאַל, ביים מיטלסטן פענסטער. דעמאָלסט האָט נאָך געלעבט דער אַלטער פאַסטאָר העזעקיל און ער האָט אים געטויפט, דער אייגענער, וועלכן די פראַנצויזן האָבן יונגערמאַנווייז שיר נישט דערשאָסן, ווייל ער האָט געפּרעדיקט קעגן זייערע רויבערייען און קאָנטריבוציעס. ער איז איצט אויך שוין לאַנג, לאַנג אויפן עולם־האמת. מיט פינף־און־זיבעציק יאָר צוריק האָט מען מיך דאָ אַליין געטויפט, אויך אין זאַל, און אויך מיין קאָפ האָט מען געהאַלטן איבער דעם בעכער, וואָס שטייט דאָ אויף דעם טעלער. דער גלח האָט געזאָגט די זעלבע ווערטער, ווי ביי דיר און ביי דיין פאָטער. אַקוראַט אַזוי איז אויך גערונען דאָס וואַרעמע ריינע וואַסער פון מיינע האָר (כ׳האָב דעמאָלסט נישט גע־האַט אַ סך מער האָר אויפן קאָפ, ווי היינט) אין גאָלדענעם בעקן אַריין.

צאַצקעס, הערבן אין אַראַבעסקן, וואָס זיינען האַלב שטערן, האַלב בלומען. אויף דער צווייטער זייט זיינען געווען, אין פאַרשיידענע כתבים, איינפּונקטירט די נעמען פון די אָבות, ביי וועלכע דער טעלער איז אין משך פון דער צייט איבערגעגאַנגען פון האַנט צו האַנט. ביז איצט זיינען שוין געווען זיבן נעמען, מיט די דאַטעס פון ירושה-איבערגאַנג, און דער אַלטער מיט דער בינדע האָט אָנגעוויזן מיטן ווייזפינגער, אויף וועלכן ס'איז געזעסן אַ רינג, דעם אייניקל אויף יעדן איינציקן. דאָ איז געווען דער נאָמען פון פאָטער, דאָ פון זיידן און פון עלטערזיידן און דערנאָך האָבן אָנגעהויבן צוצוקומען אַלץ מער „עלטער-עלטערס". דאָס יינגל האָט זיך צוגעהערט מיטן קאָפּ אין אַ זייט, מיט פאַרטראַכטע — אָדער אפשר גאָר מיט פאַרחושטע און פאַרחלומטע — אויגן, וואָס שטייען אויף איין אָרט, און מיט אַ שלעפעריק-פאַרגאַפטן מויל. עלטער-עלטער-עלטער, — אָט די טונקעלע שאָרכן פון קבר און פאַרגעסונג, האָבן פונדעסטוועגן דערציילט וועגן אַ מין הייליק-אָפּגעהיטענער שייכות צווישן דעם איצט, צווישן זיין לעבן און דעם טיף-פאַרזונקענעם. עס האָט אויף אים געווירקט מאָדנע, און ס'האָט זיך טאַקע אָפּגעשלאָגן אויף זיין צורה. ס'האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער אָטעמט מיט טוכלע-קילער לופט, די לופט פון דער קאַטאַרינען-קירך אָדער פון דער מיכאַעלים-קריפּטע*; אַז ער שפּירט דעם הויך פון יענע ערטער, וואו מ'גייט מיטן הוט אין דער האַנט פאַמעלעך און מיט יראַת-הכבוד פאָרויס אויף די שפּיצן פינגער. ס'האָט זיך אים אַפילו געדאַכט, אַז ער פאַרנעמט אויך די אָפּגעזונדערטע און שלווהדיקע שטילקייט פון יענע ליכטיקע מקומות. ביים רויש פון יענע טעמפּע שאָרכן האָט גענומען שמעקן מיט גלח, טויט און געשיכטע. דאָס אַלץ איז דעם יינגל געווען מאָדנע אָנגענעם. יאָ, ס'קאָן אַפילו זיין, אַז ער האָט אַלץ כסדר געבעטן, מ'זאָל אים ווייזן און לאָזן באַקוקן דעם טויפבעכער בלויז צוליב דעם, ער זאָל קאָנען הערן און נאָכזאָגן אָט-די „עלטערס".

---

* דער אונטערערדישער טייל פון אַ קירך; פאַרצייטנס זיינען דאָרט געווען קברים פון הייליקע אָדער מלכים.

יאָרצענדליקער פֿון יאָגנדיקן פּראָגרעס, וואָס האָט כּסדר געפּאָדערט אַזויפֿיל מוט און קרבּנות לטובת הכּלל. וואָס ס'איז נוגע אים, דעם אַלטן קאַסטאָרפּ, ווייסט איין גאָט, אַז ס'זיינען אים גאַנץ ווייניק אָנגעגאַנגען די גלענצנדיקע און באַרימטע נצחונות, וועלכע ס'האָט געפּייערט דער גייסט פֿון דער נייער צייט. ער האָט אַ סך מער געלעבט מיט די מנהגים פֿון די אָבות און מיט די אַלטע אינסטיטוציעס, ווי מיט די האַלז-און-נאַקן ברעכנדיקע האַפּן-אויסברייטערונגען און אַפּיקורסישע גרויס-שטאָטישע שטותים. ער האָט געהאַמעוועט און אײַנגעשטילט וויפֿל ער האָט נאָר געקאָנט און ווען ס'וואָלט זיך געפֿירט לויט זיין שטייגער, וואָלט אין דער שטאָטישער פֿאַרוואַלטונג נאָך איצט אויסגעזען אַזוי אידיליש-אַלטפֿרענקיש, ווי אַמאָל ביי אים אין קאַנטאָר.

אַזאַ פֿאָרשטעלונג האָט מען געהאַט אין שטאָט וועגן דעם אַלטן ביים לעבן און אויך שפּעטער. כאָטש דער קליינער האַנס קאַסטאָרפּ האָט נאָך נישט געהאַט קיין שום ידיעה אין מלוכה-ענינים, פֿונדעסטוועגן האָט זיין שטיל-צוקוקנדיק קינדיש אויג אײַנגעזאַפּט אין זיך בעצם די אייגענע השגות: אָנווערטערדיקע און אומקריטישע אָבער דערפֿאַר לעבעדיקע השגות, וואָס האָבן, אַגב, אויך שפּעטער ווי באַוואוסטזיניקע זכרונות אויפֿגעהיטן זייער שנאה צו ווערטער און אַנאַליז און דעם שטאַרק-פּאָזיטיוון חותם זייערן. ווי געזאָגט, איז דאָ געווען אין שפּיל סימפּאַטיע, יענע צוגעבונדנקייט און קרובֿהשאַפֿט צווישן זיידע און אייניקל, וואָס איז גאָר נישט אַזוי זעלטן. קינדער און אייניקלעך קוקן זיך צו, כּדי צו באַוואונדערן און זיי באַוואונדערן, כּדי צו לערנען און אויסצובילדן דאָס, וואָס זיי האָבן סיי-ווי-סיי איבערגענומען בירושה.

סענאַטאָר קאַסטאָרפּ איז געווען אויסגעדאַרט און הויך. די די יאָרן האָבן אויסגעקרימט זיין קאַרק און פּלייצע, אָבער ער האָט זיך אָנגעשטרענגט דורך אַ קעגנדרוק אויסצוגלייכן די אויסגעקרימטקייט. די ליפּן זיינע האָבן זיך מער נישט געהאַלטן אויף קיין ציין, נאָר אויף די ליידיקע יאַסלעס. די קינסטלעכע ציין פֿלעגט ער אָנטאָן נאָר צום עסן. צוליב דעם האָט זיך זיין טויל אויף אַ כּבֿודיק-אָנגעשטרענגטן אופֿן געצויגן אַראָפּ. טאַקע דערפֿאַר —

דאָס יינגל האָט אַרויפגעקוקט צום זיידנס שמאָלן זקנישן קאָפּ, וואָס איז ווידער געוואָרן איבערגעבויגן איבער דער שאַל, ווי אַמאָל אין יענער לאַנג פאַרשוואומענער צייט, פון וועלכער ער דערציילט. אין דער מינוט איז דעם יינגל באַפאַלן אַ שוין דורכגעלעבט געפיל, אַ מאָדנע, האַלב־חלומענדיקע, האַלב־דערדריקנדיקע שפּירונג פון עפּעס, וואָס ציט זיך און שטייט גלייכצייטיק אויף אַן אָרט, אַ מין איבערגייענדיק בלייבן, וואָס איז אי צוריקקער, אי לויפנדיקע איינצייטיקייט, אַ געפיל, וואָס איז אים שוין באַקאַנט געווען פון אַמאָל און וואָס ער האָט שטאַרק געוואָלט איבערלעבן נאָכאַמאָל. אַ שטיק צוליב דעם האָט ער געוואָלט מ'זאָל אים ווייזן די גליווערנדיק־איבערגייענדיקע ירושה־חפצים.

ווען דער יונגערמאַן האָט זיך שפּעטער פאַרטראַכט, האָט ער זיך איבערצייגט, אַז דאָס בילד פון זיין זיידן האָט זיך אים אַ סך טיפער, בולטער און באַדייטנדיקער איינגעקריצט, ווי דאָס בילד פון זיינע עלטערן. ס'קאָן גרייליך געמאָלט זיין, אַז ס'האָט זיך אויך גענומען צוליב סימפּאַטיע און פיזישער קרובהשאַפט, ווייל דאָס איינקל איז געווען ענלעך צום זיידן אויף אַזויפיל, אויף וויפיל אַ ראָזער, בלוט־און־מילך יונגערמאַן קאָן זיין ענלעך צו אַ בלייכן און שטייפן זיבעציק־יעריקן זקן. אָבער דער עיקר האָט דאָ געווירקט דעם אַלטנס פּערזאָן, וואָס איז אָן שום ספק געווען די אמתע כאַראַקטער־פיגור און די דעקאָראַטיווע פּערזענלעכקייט פון דער משפּחה.

לויט דער עפנטלעכער מיינונג גענומען, איז די צייט פון האַנס לאָרענץ קאַסטאָרפּס וועזן און שטרעבונגען היפּש אַוועק לאַנג איידער ער אַליין. ער איז געווען אַ הייך־קריסטלעכער פריץ, פון דער רעפאָרמירטער געמיינדע, שטרענג טראַדיציאָנעל און אַזוי עקשנותדיק פאַרגלייבט אין דער רעגירונגס־פעיקייט פון אַן ענגן אַריסטאָקראַטישן קרייז, גלייך ווי ער וואָלט געלעבט אין פערצנטן יאָרהונדערט, ווען דאָס האַנטווערקערטום האָט—קעגן עקשנותדיקן ווידערשטאַנד פון דעם אַלטן פרייען פּאַטריציערטום — אָנגעהויבן אויסקעמפן זיך אַן אָרט און אַ דעה אין די שטאָטישע ראַטן. פון די נייע ריכטונגען האָט ער לחלוטין נישט געהאַלטן. זיין ווירקונג איז אויסגעפאַלן אין יאָרצענדליקער פון שטאַרקן אויפשוואונג און פלערליי איבערקערענישן,

סענאַטאָר קאַסטאָרפּ איז דאָ געשטאַנען אין זיין פולער פיגור
אויף אַ רויטלעך=געפלאַסטערטן דיל אין אַ פערספּעקטיוו פון פי=
לאַרן און שפּיצבויגן. ער איז געשטאַנען — די גאָמבע אַראָפּגע=
לאָזט, דאָס מויל אָפּגעצויגן אַראָפּ, די בלויער פאַרטראַכטע אויגן
מיט די טאָרבעלעך פאַרקוקט אין דער ווייט, אין דעם שוואַרצן
מאַנטל, אַ מין טאַלאַר, וואָס איז לאַנג איבער די קני, צעקנעפּלט
פון פאָרנט און אַרומגעזוימט מיט פוטער. פון די ברייטע הויך=
אָנגעבויפטע, אַרומגעליאַמעוועטע אייבער=אַרבל האָבן אַרויסגעשטאַרט
ענגערע אונטער=אַרבל פון פּשוטן טוך. מאַנזשעטן מיט שפּיצן האָבן
באַדעקט די הענט ביז צו די געלענקען. די שלאַנקע פיס פונם
זקן זיינען געווען אָנגעטאָן אין שוואַרץ=זיידענע זאָקן און אין שיך
מיט זילבערנע קלאַמרעס, אַרום האַלז איז געלעגן קיילעכיק אַ ברייי=
טע, אָנגעקראָכמאַלעטע און אַ סך מאָל געפאַלדעוועטע קריזע, פון
פאָרנט צוגעפּרעסט און פון די זייטן אויפגעבלאָזן. צו דעם אַלעמען
האָט נאָך פון הינטער דער קריזע אַראָפּגעהאַנגען איבער דער וועסט
אַ באַטיסטענער, געפאַלדעוועטער זשאַבאָ. אונטערן אָרעם האָט ער
געטראָגן אַ פאַרצייטישדיקן הוט מיט אַ ברייטן ראַנד, מיט אַ דעקל,
וואָס האָט זיך פאַרשמאָלט אינדערהויך.

ס'איז געווען אַן אויסגעצייכנט בילד, געשאַפן פון אַ באַ=
וואוסטער קינסטלער=האַנט, מיט גוטן געשמאַק געהאַלטן אין אַלט=
מייסטערישן סטיל, וואָס האָט גוט געפּאַסט צום מאָדעל. עס האָט
געוועקט אינם אָנקוקער פאַרשיידענע שפּאַניש=האָלענדיש=שפּעטמיטל=
אַלטערלעכע רעיונות. דער קליינער האַנס קאַסטאָרפּ פלעגט עס אָפּט
באַטראַכטן, נאַטירלעך, נישט מיט קונסט=פאַרשטענדעניש, אָבער פונ=
דעסטוועגן מיט אַ מין אַלגעמייענם און אַפילו דורכדרינגלעכן פאַר=
שטאַנד. נישט געקוקט דערויף, וואָס אין אַזאַ לבוש האָט ער גע=
זען דעם זיידן בלויז איין מאָל, ביי אַ פייערלעכן צופאָר צום ראָט=
הויז און דערצו נאָך אין אַיילעניש, — האָט ער פונדעסטוועגן גע=
מוזט האַלטן די דאָזיקע צורה פאַר דעם זיידנס אייגנטלעכן און פאַק=
טישן אויסזען. אין זיידן פון אַ גאַנץ יאָר דערפאַר האָט ער גע=
זען בלויז אַ צייטווייליקן זיידן, אַ נישט=פולקומען רמז פונם אמתדיקן
זיידן. ווייל דאָס פרעמדע און משונהדיקע אין זיין וואָכעדיקייט האָט

און אפשר אויך צוליב דעם, וואָס דער קאָפּ האָט אָנגעהויבן פאַר־לירן זיין פעסטקייט אויפן קאַרק — האָט דער אַלטער אָנגענומען אַזאַ בכבודיק־שטרענגע אויסגעגלייכטע האַלטונג אין אונטערגעשפאַרט די גאָמבע. אַ ענין, וואָס איז דעם קליינעם האַנס קאַסטאָרפּ אַזוי געפעלן געוואָרן.

דער זיידע האָט ליב געהאַט זיין טאַבאַק־פּושקע, אַ לענגלעכע, אין גאָלד־געפּאַסטע שילד־קרעטענע פּושקע. צוליב דעם האָט ער אויך באַנוצט רויטע פאַטשיילעס און אַלעמאָל פלעגט אים אַן עק אַרויס־שטאַרן פון דער הינטערשטער קעשענע. דאָס איז געווען אַ ביסל קאָמיש ביים אַלטן, אָבער אַ קאַפּריז, וואָס מ'האָט געמוזט מוחל זיין אין זיינע יאָרן, אַן אָפּגעלאָזנקייט, וואָס די באַואָרטקייט ברענגט מיט זיך — אָדער: בכיוון צוליב לוסטיקייט, אָדער — צוליב בכבודיקער פאַרטוענקייט. אַלנפאַלס איז דאָס געווען דאָס איינציקע אין זיידנס הלבשה, וואָס האַנס קאַסטאָרפּס קינדיש־שאַרפער בליק האָט אויס־געכאַפּט. אָבער פאַר דעם זיבניעריקן קאַסטאָרפּ, ווי אויך שפּעטער אין זכרון, איז דעם זיידנס אַלטעגלעכע נעשטאַלט נישט געווען די פּאַק־טישע און ווירקלעכע. אין דער אמתער ווירקלעכקייט האָט ער אויס־געזען גאָר אַנדערש, אַ סך שענער און ריכטיקער ווי געוויינלעך; ער האָט אויסגעזען, אַזוי ווי אויפן בילד. עס איז געווען אַ פּאָרטרעט אין נאַטירלעכער גריים, וואָס איז פריער געהאַנגען ביי די עלטערן און איז דערנאָך צוזאַמען מיט האַנס קאַסטאָרפּן אַריבער אין זיידנס הויז. דאָרטן האָט מען אים אויפגעהאַנגען איבער דער גרויסער רויט־זיידענער סאָפע אין אויפנעם־זאַל.

מ'האָט דאָ געזען האַנס לאָרענץ קאַסטאָרפּן אין אַמטלעכן לבוש פון אַ ראַטמאַן, אין דעם ערנסטן פרומען לבוש פון אַ בירגער פון פאַרזונקענעם יאָרהונדערט. דעם דאָזיקן לבוש האָט אַ וואָגיקער און דרייסטער קיבוץ איבערגעגעבן פון דור צו דור און אויפגעהיט לשם פייערלעכע געברויכן. אַזוי־אַרום האָט מען גע־וואָלט אויך אַ צערעמאָניאַלן אופן פאַרבינדן דעם אַמאָל מיטן היינט און דעם היינט מיטן אַמאָל און דערמיט באַשטעטיקן דעם סדר פון דער וועלט און די בכבודיקע זיכערקייט פון די האַגדלם־חתימות.

פּאַלמע־צווייג; דער קאָפּ איז געווען אָנגעשפּאַרט אויף אַ זיידן קישן, אַזוי, אַז די גאָמבע איז שוין געלעגן אויף דער פאָדערשטער פאַרטיפונג פון דער פּאַראַדנער קריזע. די הענט זיינען געווען האַלב־באַדעקט מיט שפּיצן־מאַנזשעטן. כאָטש די פינגער זיינען געווען אַזוי קינסטלעך־נאַטירלעך צונויפגעלייגט, האָבן זיי נישט געקאָנט פאַר־באַהאַלטן די טויטקייט און די קעלט זייערע. צווישן זיי האָט מען אים אַריינגעשטעקט אַן עלפּאַנטביינערנעם קרייץ און ס'האָט זיך אויס־געדאַכט, אַז ער קוקט כּסדר אויף אים מיט זיינע אַראָפּגעלאָזטע וויעס.

אין אָנהייב פון דער קרענק האָט האַנס קאַסטאָרפּ געזען דעם זיידן אַ סך מאָל, אָבער ביים סוף — נישט. דעם זיידנס קאַמף, וואָס פלעגט, אַגב, בעיקר זיך אָפּשפּילן אין דער נאַכט, האָט מען אים פאַרשפּאָרט צוצוזען. בלויז די קלעמענדיקע אַטמאָ־ספער פון שטוב, די רויטע אויגן פון אַלטן פּיטע, דאָס אָנקומען און אַוועקפאָרן פון די דאָקטוירים, האָבן אויף אים אומדירעקט גע־ווירקט. איצט אָבער, שטייענדיק אין זאַל פאַר דער מיטה, איז ער דערגאַנגען דערצו, אַז דער צייטווייליקער ייִדע איז פייערלעך דער־הויבן געוואָרן און געקריגן צום סוף זיין אייגנטלעכן און אמת־דיקן תּיקון. ס'איז געווען אַ יושרדיקער רעזולטאַט, נישט געקוקט דערויף, וואָס דער אַלטער פּיטע האָט געוויינט און כּסדר געשאָקלט מיטן קאָפּ און האַנס קאַסטאָרפּ אַליין האָט אויך געוויינט, ווי אַמאָל, ווען ער האָט אָנגעקוקט זיין פלוצלונג־פאַרשטאָרבענע מו־טער און נישט לאַנג נאָכדעם — זיין פאָטער, וואָס איז געלעגן שטיל און פרעמד.

ווייל ס'איז שוין געווען דאָס דריטע מאָל, אין משך פון אַזאַ קורצער צייט און אין זיינע יונגע יאָרן, ווי דער טויט האָט זיך געלייגט אויפן גייסט און אויף די חושים — טאַקע ממש אויף די חושים — פון דעם קליינעם האַנס קאַסטאָרפּ. ניי איז פאַר אים נישט געווען — נישט דאָס בילד, נישט דער איינדרוק, פאַרקערט, שוין גוט באַקאַנט. ביי ביידע ערשטע פאַלן איז ער געווען געזעצט און רויק, לחלוטין נישט נערוון־שוואַך. ער האָט זיך בלויז געהאַלטן נאַטירלעך דערשלאָגן. דאָס אייגענע איז געווען אויך איצט, נאָר

זיך טאַקע, אַפּנים, גענומען פון זיין אומפּולקומער און אפשר אַ ביסל אומגעשיקטער צופּאַסונג צום אַרום. דאָס זיינען געווען אי־בערבלייבענישן און רמזים פון זיין אמתער געשטאַלט, וואָס האָבן זיך נישט געלאָזט פאַרווישן. אַזוי, צום ביישפּיל, זיינען די פּאַטער־מערדער*, די הויכע ווייסע בינדעס, געווען אַלטמאָדיש. אָבער די דאָזיקע באַצייכענונג איז געווען אוממעגלעך אָנצווענדן בנוגע דעם וואונדערלעכן מלבוש, וואָס איז געווען מרומז אין דער בינדע: די שפּאַנישע קריזע. אַקוראַט אַזוי איז געווען מיט דעם נישט־געוויינלעכן אויסגעבויגענעם צילינדער, וועלכן דער ייִדע האָט געטראָגן אין גאַס און וואָס איז בלויז אין דער העכערער ווירקלעכ־קייט פאַרביטן געוואָרן דורך דעם ברייט־ראַנדיקן פילצהוט פון פּאָרטרעט. דאָס אייגענע איז געווען בנוגע דעם לאַנגן און פאַל־דיקן ראָק, וואָס זיין אור־בילד און שורש איז — לויט האַנס קאַס־טאָרפּן — געווען דער גלייאַמעוועטער טאַלאַר אַרומגעזוימט מיט פוטער.

אויך אין דעם טאָג, ווען האַנס קאַסטאָרפּ האָט זיך געדאַרפט איינמאָל פאַר אַלעמאָל אָפּגעזעגענען זיך מיטן זיידן, — אויך דע־מאָלסט האָט דאָס ייִנגל געשפּירט מיטן גאַנצן האַרץ, אַז דער זיידע שיינט אין זיין פולן אמת און שלימות. ס׳איז געווען אין זאַל, אין אייגענעם זאַל, וואו זיי זיינען אָפּט געזעסן. איינער אַקעגן אַנדערן ביים עס־טיש. אינמיטן איז איצט האַנס לאָרענץ קאַסטאָרפּ געלעגן אין אַ זילבער־באַשלאָגענער טרומנע, אויף אַ מיטה, באַ־לייגט און באַשטעלט מיט קראַנצן. ער האָט גובר־געווען די לונ־גען־אָנצינדונג, האָט געקעמפט עקשנותדיק און לאַנג, כאָטש גע־לעבט האָט ער ביז איצט, דאַכט זיך, בלויז ווי אויף דערווייל. איצט איז שווער געווען צו דערקענען, צי ער האָט מנצח געווען, אָדער מ׳האָט אים מנצח געווען. ר׳איז געלעגן אויפן פּאַראַד־בעט מיט אַ שטרענג־מנוחהדיקן אויסדרוק, שטאַרק פאַרענדערט און מיט אַן אויסגעשפּיצטער נאָז פון קעמפן. דער אונטערשטער טייל גוף איז געווען איינגעהילט אין אַ דעקע און ס׳איז אויף איר געלעגן אַ

* אַ פּאַרצייטיקער קראַגן מיט הויכע שפּיצן, וואָס האָבן זיך אריינגע־שניטן אין דער גאָמבע.

דאָס אַלץ בכלל, די גרויסע מאַסע בלומען בפרט און דער עיקר — די גרויסע צאָל טובעראָזען, — אַז דאָס אַלץ האָט נאָך אַ ווייטערן זין און גאָר אַ ניכטערנעם צוועק, עפּעס וואָס איז נישט שיין, נישט טרויעריק, נאָר כמעט נישט אָנשטענדיק, מגושמדיק־נידעריק, דער ווילן צו פאַרדעקן דעם טויט, אים צו מאַכן פאַרגעסן, אָדער באַלד אים נישט צו לאָזן קומען צום באַוואוסטזיין.

דערפון האָט זיך געגומען דאָס, וואָס דער טויטער זיידע האָט אויסגעזען אַזוי פרעמד; לגמרי נישט ווי דער זיידע, נאָר ווי אַ מענטש־גרויסע, וואַקסענע לאַלקע וואָלט דאָ געלעגן, און ווי אַרום איר זאָלן דאָס פאָרקומען די אַלע פרומע און יראת־הכבודיקע צערעמאָניעס. דער, וואָס איז דאָ געלעגן, אָדער בעסער: דאָס, וואָס איז דאָ געלעגן, איז נישט געווען דער זיידע אַליין, נאָר אַ מין אָפּגאָס, נאַטירלעך נישט פון וואַקס (דאָס האָט האַנס קאַסטאָרפּ שוין פאַרשטאַנען), נאָר פון אַן אַנדערן, אייגענעם שטאָף. בלויז אַ מין שטאָף — דערפאַר איז דאָס געווען אַזוי אומאָנשטענדיק און נישט דערוועקט קיין טרויער: אַזוי ווייניק דערוועקט טרויער וויפיל ס'קאָנען בכלל דערוועקן זאַכן, וואָס געהערן צום קערפּער און בלויז צום קערפּער. דער קליינער האַנס קאַסטאָרפּ האָט באַטראַכט דעם וואַקס־געלן, גלאַטן און קעזיק־פעסטן שטאָף, פון וועלכן ס'איז באַשטאַנען די מענטש־גרויסע טויטן־פיגור, אויך דאָס פּנים און די הענט פון אַמאָליקן זיידן. אַ פליג האָט זיך אַוועקגעשטעלט אויף דעם אומבאַוועגלעכן שטערן און אָנגעהויבן נישטערן מיט דער שנויץ. דער אַלטער פיטע האָט זי פאָרזיכטיק אַראָפּגעיאָגט, בשעת־מעשה האָט ער זיך געהיטן, נישט אָנצורירן דעם שטערן. דערביי האָט ער געמאַכט אַזאַ בכבודיק־תמעוואַטע מינע, גלייך ווי ער טאָר אין דאַרף זיך נישט אָנשטויסן, וואָס דאָ טוט זיך אָפּ. ס'איז געווען אַן אויסדרוק פון פרומקייט, וואָס לאָזט בשום־אופן נישט מודה זיין דערין, אַז דער זיידע איז איצט מער נישט, ווי אַ פּשוטער גוף, ווייטער גאָרנישט. די פליג האָט אַ פלי געטאָן אין דער הויך און האָט זיך באַלד דערנאָך אַוועקגעזעצט אויפן זיידנס פינגער, לעבן דעם עלפאַנטביינערנעם צלם. אין משך פון דער צייט האָט האַנס קאַסטאָרפּ דערשפּירט בולטער ווי ביז איצט אַ

נאָך אין אַ גרעסערער מאָס. ער האָט ווייניק פאַרשטאַנען דעם פּראַקטישן באַטייט פון די דאָזיקע געשעענישן פאַר זיין לעבן און איז אויך געווען קינדיש גלייכגילטיק דערצו, זיכער, אַז די וועלט וועט שוין אַזוי אָדער אַנדערש אים פאַרזאָרגן. דערפאַר האָט ער ביי די טרויעריקע אַרויסגעוויזן אויך אַ געוויסע קינדישע קילקייט און אַ זאַכלעכע אויפמערקזאַמקייט, וועלכע האָבן איצט צום דריטן מאָל אַ דאַנק דעם געפיל און אויסדרוק פון גענויקייט צוגעקריגן נאָך אַ באַזונדערן, אַלט־רייפן ניואַנס. דערביי דאַרף מען נישט אַריינרעכענען די אָפטע טרערן פון דערשיטערונג, ווי אויך די טרערן, וואָס זיינען אַרויסגערופן געוואָרן ביים יינגל בעת ר'האָט זיך צוגעקוקט, ווי אַנדערע ווייגען. אין משך פון דריי אָדער פיר חדשים, זינט זיין פאָטער איז געשטאָרבן, האָט ער פאַרגעסן אין טויט, איצט האָט ער זיך ווידער דערמאָנט און אַלע איינדריקן פון דעמאָלסט האָבן זיך צוריק אויפגעוועקט — גענוי, גלייכצייטיק, אַדורכנעמענדיק, אין זייער אומפאַרגלייכלעכער איינגנטימלעכקייט.

ווען מ'זאָל די דאָזיקע געפילן וועלן איבערגעבן אין ווערטער, וואָלט עס אַרויסגעקומען אַזוי: דער טויט האָט אין זיך עפּעס פרומס, טיפזיניקס און טרויעריק־שיינס, דאָס הייסט עפּעס גייסטלעכס און גלייכצייטיק האָט ער עפּעס גאַנץ אַנדערשס, ממש היפּוכדיקס, זייער קערפּערלעכס, זייער מאַטעריעלס, וואָס מ'קאָן נישט אָנרופן נישט שיין, נישט טיפזיניק, אַפילו אויך נישט טרויעריק. דאָס פייערלעך־גייסטלעכע דריקט זיך אויס אין אַרויפלייגן אויפן קאַטאַפאַלק מיט פּאָמפּע, און די פּרעכטיקע בלומען און פאַלמען־צווייגן, וואָס זיינען, ווי באַקאַנט, מרמז אויף דעם הימלישן פרידן. ווייטער און נאָך בולטער דריקט זיך עס אויס אין דעם צלם צווישן די טויטע פינגער פונם אַמאָליקן זיידן, אין טהאָרוואַלדזענס בענטשנדיקער קריסטוס־פיגור, וואָס שטייט צוקאָפּנס פון אָרון, און אויך אין די קאַנדעלאַברעס, וואָס דערהייבן זיך אין ביידע זייטן און גיבן־צו עפּעס קירכעדיקס. די אַלע איינאָרדענונגען דריקן גענוי אויס דעם געדאַנק, אַז פון איצט אָן האָט דער זיידע סוף־כל־סוף אויף אייביק אָנגענומען זיין אמתדיקע צורה. דער קליינער האַנס קאַסטאָרפּ האָט אויך באַמערקט — כאָטש נישט קלאָר פאָרמולירט אין ווערטער — אַז

אינטערעסן, וועגן וועלכע ער האָט נאָך נישט געהאַט קיין שום השגה. ווייל קאָנסול טינאַפּעל — אַ פּעטער פון האַנס געשטאָרבענער מוטער — האָט פאַרוואַלטעט מיט דער קאַסטאָרפּישער ירושה. ער האָט פאַרקויפט די אומבאַוועגלעכע גיטער, האָט גענומען אין דער האַנט אַריין די ליקווידאַציע פון דער פירמע „קאַסטאָרפּ און זון, עקספּאָרט און אימפּאָרט". אַרויסגעשלאָגן פון דעם אַלעם האָט ער בערך נאָך אַ פיר מאָל הונדערט טויזנט מאַרק. דאָס איז געווען האַנס קאַסטאָרפּס ירושה, און קאָנסול טינאַפּעל האָט זי אַריינגעלייגט אין זיכערע פּאַפּירן. נישט שעדיקנדיק אויף קיין האָר זיינע קרובישע געפילן, האָט ער אַזוי־אַרום גלייכצייטיק אַראָפּגערעכנט פאַר זיך אין אָנהייב פון יעדן קוואַרטאַל צוויי פּראָצענט פּראָוויזיע פון די צינזן.

טינאַפּעלס הויז איז געלעגן אין הינטערגרונד פון אַ גאָרטן ביים האַרוועסטעהודער וועג און האָט אַרויסגעקוקט צו אַ גראָז־לאָנקע, וואו מען האָט נישט געלאָזט וואַקסן דעם מינדסטן כוואַסט. ווייטער האָבן זיך געצויגן עפנטלעכע רויזן־פּלאַנטאַציעס און אַ טייך. דער קאָנסול איז יעדן פרימאָרגן געגאַנגען צופוס אין זיין געשעפט אַריין אויף אַלט־שטאָט, כאָטש ער האָט געהאַט אַ שיינע בריטשקע. ער האָט טיילמאָל געליטן פון בלוט־צופלוס אין קאָפּ און איז געגאַנגען, כדי צו האָבן אַ ביסל באַוועגונג. פינף אַ זייגער אין אָוונט איז ער געקומען צו גיין צוריק, און דעמאָלסט האָבן די טינאַפּעלס מיט גרויס קולטור געגעסן מיטאָג. ער איז געווען אַ וואָגיקער מענטש, אָנגעטאָן אין די בעסטע ענגלישע שטאָפן, אַ מענטש מיט וואַסער־בלויע אַפּערקוועלנדיקע אויגן הינטער די גאָלדענע ברילן, מיט אַ בליענדיקער נאָז, אַ גרויסער שיפער־באָרד און מיט אַ פייערדיקן בריליאַנט אויף דעם מאַסיוון קליינעם פינגער פון זיין לינקער האַנט. זיין פרוי איז שוין געווען לאַנג טויט. ער האָט געהאַט צוויי זין, פּעטער און זשעמס. איינער פון זיי האָט געדינט אין פלאָט, און איז געווען ווייניק אין דער היים, דער אַנדערער האָט זיך פאַרנומען מיטן פאָטערס וויין־האַנדל און איז געווען דער קומענדיקער יורש פון דער פירמע. די באַלעבאַטישקייט האָט זינט יאָרן געפירט שאַלעען, אַ טאָכטער פון אַ גאָלדשמיד פון אַלטאָנאַ,

באַקאַנטן צוגעדושעטן ריח, וואָס איז פונדעסטוועגן געווען מאָדנע שטאַרק און דערמאָנט מיט תרפה אין איינעם אַ שול-ייִנגל, פון וועלכן ס'האָט זיך שטענדיק געפילט און דערפאַר האָט מען אים אויסגעמיטן. כדי דעם דאָזיקן ריח צו פאַרטױבן, האָט מען דאָ אַוועקגעשטעלט די טובעראָזן. אָבער ביי זייער גאַנצער רייכקייט און שאַרפקייט, זיינען זיי עם פונדעסטוועגן נישט בכוח געווען.

ער איז עטלעכע מאָל געשטאַנען ביים מת: איינמאָל אַליין מיט דעם אַלטן פיטע, דאָס צווייטע מאָל צוזאַמען מיט זיין על-טער-פעטער טינאַפעל, דער וויינהענדלער, און מיט ביידע פעטערס — זשעמס און פעטער. אַ דריט מאָל איז ער עטלעכע סעקונדן גע-שטאַנען פאַר דעם אָפענעם אָרון מיט אַ גרופּע זונטאָגדיק אָנגעטו-ענע האַפן-אַרבעטער, וואָס זיינען זיך געקומען געזעגענען מיט זייער אַמאָליקן שעף פון דער פירמע קאַסטאָרפּ און זון. דערנאָך איז פאָרגעקומען די לוויה. דער זאַל איז דערביי פול געווען מיט מענטשן און דער פאַסטאָר בוגענהאַגען פון דער מיכאַעלים-קירך, דער זעלבער, וואָס האָט געטויפט האַנס קאַסטאָרפּ, איז געווען אָנגעטאָן אין אַ שפּאַנישער האַלז-קריזע און געמאַכט דעם הספד. שפּעטער איז ער געפאָרן צוזאַמען מיט האַנס קאַסטאָרפּ אין דער דראָשקע, וואָס איז געגאַנגען די ערשטע פון אַלאַנגער שורה דראָשקעס, און ער האָט זייער פריינדלעך געשמועסט מיט אים. דע-מאָלסט האָט זיך געענדיקט די ביז-איצטיקע לעבנס-תקופה און באַלד דערנאָך — האָט זיך אויך געענדערט די שטוב און די סביבה. ס'איז שוין געווען צום צווייטן מאָל אין זיין יונג לעבן.

ביי די טינאַפּעלס און וועגן האַנס קאַסטאָרפּס עטישן מצב.

קיין אומגליק איז עס פאַר אים נישט געווען, ווייל ער איז אָנגעקומען אין הויז פון קאָנסול טינאַפעל, זיין אַפּיטראָפּוס. ער האָט דאָ נישט געהאַט אויף וואָס זיך צו קלאָגן, נישט וואָס שייך זיין אייגענער פּערזאָן, נישט בנוגע דער פירונג פון זיינע שפּעטערדיקע

פֿון היגן באָדן און אויפֿן ריכטיקן אָרט. ער אַליין וואָלט אויך נישט מסופק געווען דערין קיין איין רגע, ווען ער וואָלט זיך פֿאַרטראַכט וועגן דעם.

ס'איז געווען די אַטמאָספֿער פֿון דער גרויסער שטאָט בײַם ים, די פֿײַכטע אַטמאָספֿער פֿון וועלט=קרעמערטום און אָפּלעבן=אַ=גוטן=טאָג, אין וועלכער ס'האָבן געאָטעמט זײַנע אָבות. ער האָט זי אַרײַנגעאָטעמט אין זיך מיט טיפֿער זעלבסטפֿאַרשטענדלעכקייט און מיט גרויס הנאה. ער האָט אַײַנגעזאַפּט אין זיך די אויסדאַמפּונגען פֿון וואַסער, קוילן און סמאָלע, די שאַרפֿע ריחות פֿון קופּעס קאָלאָניאַל=סחורות. אויף די האַפֿן=קאַיעס האָט ער געזען די אומגעהײַערע דריי=קראַנען אויף פֿאַרע, וואָס אַרבעטן מיט דער רו, דער אינטעליגענץ און די ריזיקע כּוחות פֿון דינענדיקע עלעפֿאַנטן, שלעפּן אַרויס פֿון די ים=שיפֿן שטייענדיקע בײַכיקע גאַנצע טאָנען זעק, באַלנס, קאַסטנס, פֿעסער, באַלאָנען און לאָדן זיי אָן אויף באַנען אָדער לייגן זיי אַוועק אין שאָפּעס. ער האָט געזען, ווי די סוחרים שטראָמען אין דער מיטאָג=צײַט צו דער בירזשע אין געלע גומי=מאַנטלען, אַזעלכע, ווי ער אַליין האָט געטראָגן. דאָרטן האָט זיך שטאַרק געהאַנדעלט. ווי ער האָט געוואוסט, און עס האָט זיך גאַנץ לײַכט געקאָנט טרעפֿן, אַז עמעץ זאָל אויף גיך מוזן פֿונאַנדערשיקן אײַנלאַדונגען צו אַ גרויסער סעודה, כּדי צו פֿאַרלענגערן דעם קרעדיט. ער האָט געזען (שפּעטער האָט ער זיך באַזונדער דערמיט פֿאַראינטערעסירט) דעם שלל פֿון שיף=וואַרשטאַטן, האָט געזען די מאַמוט=גרויסע געדאָקטע אַזיע=און אַפֿריקע=שיפֿן, טורעם=הויכע, מיט הוילע גרונט=באַלקנס און פּראָפּעלערס, אָנגעשפּאַרט אויף ביימער=דיקע אָנלענס, פֿול מיט אומגעלומפּערטער אומבאַהאָלפֿנקייט אויף דער יבשה, באַדעקט מיט קליינטשיקע מחנות אַרבעטער, וואָס רײַבן, האַמערן, טינקעווען. ער האָט געקוקט, ווי אויף די באַדעכערטע קינסטלעכע אײַנגאָסן, פֿאַרהילטע אין רויכיקן נעפּל, הייבן זיך די סקעלעטן פֿון אַנטשטייענדיקע שיפֿן און אינזשינערן מיט קאָנסטרוקציע=צייכענונגען און מיט טאַבעלן אין די הענט געבן אָנווייזונגען די בויער. דאָס אַלץ איז פֿאַר האַנס קאַסטאָרפּן פֿון די יונגע יאָרן אָן געווען היימיש און

מיט ווייסע אָנגעקראָכמאַלעטע מאַנטקעטעלעך אַרום די קלעצערדיקע הענט. זי האָט זיך שטאַרק געמיט, אַז דער טיש זאָל אינדער־פרי און אינאָוונט זיין באַשטעלט אַ סך מיט קאַלטע מאַכלים, מיט ים־ראַקעס און לאַקס, מיט אַל־פּיש, גענזנס, פּאָמידאָרן־פּאַשטעט צום ראָסט־ביוו. זי האָט שטאַרק אַכטונג געטאָן אויף די צוגע־דונגענע דינערס בעת אַ מיטאָג פּאַר געסט. זי איז אויך געווען יענע, וואָס האָט, אַזוי ווייט זיפּל זי דאָט געקאָנט, זיך אָפּגעגעבן מיט האַנס קאַסטאָרפּ, ווי אַ מאַמע.

האַנס קאַסטאָרפּ איז אַרומגעקראָכן אין די ערגסטע וועטערן, אין ווינט און אין נעפּל, אויפגעוואַקסן אין געלן גומי־מאַנטל, אויב מ׳קאָן אַזוי זאָגן, און זיך דערביי געפילט גאַנץ גוט. אַ ביסל בלוט־אָרעם איז ער געווען פון אַלעמאָל. דאָס האָט אויך גע־זאָגט דר. היידעקינד און אים געהייסן געבן יעדן טאָג, אויפן דריטן פרישטיק, נאָך דער שול, אַ גוט גלאָז פּאָרטער, ווי באַקאַנט — אַ נערנדיקע משקה. דר. היידעקינד האָט געהאַלטן, אַז דערפון קומט־צו בלוט. האַנס קאַסטאָרפּ האָט נעהאַט אַ טבע מיט אַן אָפן מויל און מיט אַ פּוסטן קאָפּ צו גאַפּען זיך און צו קוקן ערגעץ אין הימל אַריין, צו „דרעמלען“, ווי דער פעטער פלעגט עס אָנרופן. אַ דאַנק דעם פּאָרטער האָט זיך דאָס יינגל אַלץ מער צוגעוויינט דערצו. אַחוץ דעם איז ער געווען געזונט און ווי ס׳דאַרף צו זיין, אַ נוצ־לעכער טענים־שפּילער און רודערער, כאָטש — איידער צו פּאָרען זיך אַליין מיט די פּאַסטקעס — האָט ער ליבער געהאַט אין זומער־אָוונטן צו זיצן ביי מוזיק און ביי אַ גלעזל משקה אויף דער טע־ראַסע פון אולענהאָרסטער שיף־צופאַר, קוקן אויף די באַלויכטענע שיפעלעך און אויף דעם פּאַרביק־צעבלישטשעטן וואַסער, וואו ס׳זיינען אַרומגעשוואומען שוואַנען. געערדט האָט ער געלאַסן, מיושבדיק, אַ ביסל הויל און איינטאָניק, עטוואָס מיט אַ פּלאַט־דייטשן אַקצענט. ס׳איז געווען גענוג אָנצוקוקן זיין בלאָנדע קאָרעקטקייט, זיין פיין־גע־שניטענעם, אַ ביסל אַלטערטימלעך־ געבויטן קאָפּ (אין וועלכן אַ געירשנטער און נישט־באַוואוסטער שטאָלץ האָט זיך אויסגעדריקט אין אַ מין טרוקענער שלעפעריקייט), כדי זיכער צו זיין, אַז אָט דער האַנס קאַסטאָרפּ איז אַ נישט־געפעלשטער, אמתדיקער פּראָדוקט

פּיינעם אײַנדרוק. דערפאַר איז זיין האַלטונג ביים טיש געווען אַן אויסגעצייכנטע. ער פלעגט העפלעך צובויגן דעם גלייכן אייבערשטן טייל קערפּער צו זיין שכן, מיט וועלכן ער האָט געשמועסט (מיושבדיק און אַ ביסל אויף פלאַטדייטש). זיינע עלנבויגנס האָבן זיך אָנגעשפּאַרט לייכט, בעת ער האָט צעלייגט זיין פּאָרציע עוף און מיט אַ ספּעציעל גאָפּעלע אַרויסגענומען דאָס ראָזיקע פלייש פון רוק.

זיין ערשט באַדערפעניש נאָכן עסן איז געווען אַ פינגער-שאָל מיט פּערפומירט וואַסער, דאָס צווייטע — אַ רוסישער פּאַפּיראָס. מ'האָט עס נישט געטאָרט אַריינפירן אָן אָפּצאָל און ער פלעגט עס גאַנץ געמיטלעך בשתיקה קויפן ביי שמוגלערס. אָט דעם פּאַפּיראָס האָט ער געריכערט פאַר דעם זייער נגעשמאַקן ציגאַר מאַרא מאַנצאַני פון אַ ברעמער מאַרקע, וועגן וועלכע אונז וועט נאָך אויסקומען צו ריידן. דער שמעקעדיקער סם פון אָט-די ציגאַרן איז זייער גוט געווען צו געניסן צוזאַמען מיטן סם פון קאַווע. דאַנס קאַסטאָרפּ האָט נישט געוואָלט, אַז זיין טאַבאַק זאָל קאַליע ווערן צוליב דער דאַמף-הייצונג. דערפאַר פלעגט ער אים האַלטן אין קעלער און יעדן אינדערפרי איז ער אַראָפּגעגאַנגען אַהין, כדי צו נעמען זיין פּאָרציע פאַר דעם טאָג. פּוטער, וואָס מ'וואָלט אים דערלאַנגט געשניטן אין אַ שטיק און נישט אין פאָרם פון געקאַרבטע קיילעכלעך, וואָלט ער במעט געמוזט אין זיך אַריינגנייטן.

ווי מ'זעט, האָבן מיר בדעה צו זאָגן וועגן אים אַלץ, וואָס קאָן אויסנעמען, אָבער מיר נעמען אים נישט איבערגעטריבן און מיר מאַכן אים נישט בעסער אָדער ערגער, ווי ר'איז געווען. האַנס קאַסטאָרפּ איז נישט געווען קיין זשעני, אויך נישט קיין נאַר. כאַראַקטעריזירנדיק אים, מיידן מיר אויף דאָס וואָרט „מיטלמעסיק“, נישט צוליב זיין אינטעליגענץ און צוליב זיין פּערזאָן, וועלכע איז, אַגב, געווען אַ גאַנץ פּשוטע. מיר טוען עס גיכער צוליב אַכטונג צו זיין גורל, וועלכן מיר זיינען גענייגט אָנצוהענגען אַ געוויסן איבערפּערזענלעכן באַטייט. זיין קאָפּ איז נישט צו-שוואַך געווען פאַר די לימודים פון אַ רעאַל-גימנאַזיע און ער האָט זיך נישט געדאַרפט אָנשטרענגען דערביי. אָבער דאָס צו טאָן וואָלט ער גאַנץ זיכער נישט געהאַט קיין חשק ביי קיין שום באַדינגונגען און צוליב קיין שום לימוד.

האָט אין אים דערוועקט געפילן פון געמיטלעך־היימישער צוגעהע־ריקייט. די דאָזיקע געפילן האָבן דערגרייכט זייער העכסטע וואַרעמקייט זונטאָג פאַרמיטאָג, ווען ער פלעגט מיט ושעמס טינאַפּעל אָדער מיט זיין קוזין צימסען — יאָאַכים צימסען — עסן אויף פרישטיק אין אַלטער־פּאַוויליאָן ווארעם געריכערט פלייש, צוטרינקען אַ גלאָז אַלטן פּאָרטווין און דערנאָך זיך אָנלענען אויף דער שטול און מיט גרויס תענוג פאַרציען אַ ציגאַר. ווארעם דאָס האָט ער ממש געפילט, אַז ער לעבט און האָט הנאה, נישט געקוקט אויף זיין איידל־בלוטיקער, צאַרטער אויסערלעכקייט; אַז ער הענגט פעסט און אינגאַנצן אין די הנאות פון דער וועלט, ווי אַ זויל־וסובאדיק זויג־קינד.

באַקוועם און נישט שטאָלץ האָט ער געטראָגן אויף זיינע אַקסלען די הויכע ציוויליזאַציע, וועלכע די הערשנדיקע איבעריש־כט פון דער סוחרישער, שטאָטישער דעמאָקראַטיע גיט־איבער בירושה אירע קינדער. מ'האָט אים געקעכלט, ווי אַ קינד, און ר'האָט זיך אָנגעטאָן ביי שניידערס, וואָס האָבן געניט פאַר די יונגעלייט פון זיין קרייז. זיין נישט־גרויסע, זאָרגעוודיק־געצייכנטע וועש, וואָס איז געלעגן אין די ענגלישע שופלעדער פון זיין שענקל, האָט שאַלעגן אָפּגעהיט אויפן בעסטן אופן. אפילו ווען האַנס קאַסטאָרפּ האָט נאָך שטודירט אין דער פרעמד, פלעגט ער רעגולער אַהיימשיקן די וועש צום אויס־פוצן און צום פאַרריכטן (ווייל ער האָט זיך געהאַלטן ביים כלל, אַז אייסער אין האַמבורג קאָן מען אין ערגעץ נישט די מלאכה פון פּרעסן). ס'איז געווען אויך אַנגענוג, אַז אין איינעם פון זיינע שיינע פאַר־ביקע העמדער זאָל ווערן אַ ראַץ, אַז ער זאָל אַריינפאַלן אין אַ שלעכטער שטימונג. זיינע הענט זיינען, וואָס אמת, געווען נישט באַזונדער אַריסטאָקראַטיש אין זייער פאָרם, אָבער פונדעסטוועגן זיינען זיי געווען שיין געהאַלטן און געהאַט אַ פרישע הויט און זיי זיינען באַצירט געווען מיט אַ פּלאַטינענעם בראַנזאָלעט און מיט דעם גרויסן ירושהדיקן זיגל־רינג. זיינע ציין, וואָס זיינען געווען אַ ביסל ווייך און האָבן אָפט זיך געקרישלט, זיינען געווען דערגאַנצט מיט גאָלד.

ווען ר'איז געשטאַנען אָדער געגאַנגען, האָט ביי אים אַרויסגע־שטאַרט דער בויך און דאָס האָט נישט געמאַכט קיין איבעריק

אַ שטאַרקן לעבנס־דראַנג. איז פאַל מיט האַנס קאַסטאָרפּ איז נישט געווען, נישט דאָס ערשטע, נישט דאָס צווייטע, דערבאַר איז ער סוף־כל־סוף געבליבן מיטלמעסיק, כאָטש יאָר אין בעסערן זין.

מיר האָבן דאָ נישט בלויז גערעדט וועגן אינערלעכן מצב פון דעם יונגנמאַן אין דער שול־צייט, נאָר אויך — אין די שפּעטערדיקע יאָרן, נאָכדעם ווי ער האָט שוין באַשטימט זיין באַרוף אין לעבן. וואָס ס׳איז נוגע זיין לערנען אין גימנאַזיום, — האָט זיך אַפילו געטראָפן, אַז ער האָט געמוזט אָפּזיצן צוויי יאָר אין אַ קלאַס. בכלל אָבער, האָבן אים געשטופּט פאָרויס זיין אָפּשטאַם, זיין גרויס־שטאָטיש באַנעמען זיך און סוף־כל־סוף אויך זיינע גוטע כאָטש נישט ליידנשאַפטלעכע פעיִקייטן צו מאַטעמאַטיק. ווען ער האָט געקריגן די איינִיאָר־צייגעניש*), האָט ער פונדעסטוועגן באַשלאָסן דורכצוגיין דעם גימנאַזיום ביזן סוף. דער עיקר האָט ער עס געטאָן, דעם אמת געזאָגט, ווייל דערמיט איז פאַרלענגערט געוואָרן דער צוגעוויינטער, דערוויילִיקער און נישט־אַנטשלאָסענער מצב און ס׳איז ווייטער געווען צייט איבערצוקלערן, וואָס אַזוינס צו ווערן. ווייל האַנס קאַסטאָרפּ האָט לאַנג זיך געקווענקלט, נישט געקומען צו קיין טאָלק אַפילו אין דער לעצטער קלאַס און אַפילו ווען ס׳איז צום סוף באַשלאָסן געוואָרן (זאָגן, אַז ער האָט זיך אַנטשלאָסן, וואָלט כמעט געווען צופיל געזאָגט) — האָט ער נאָך אַלץ געפילט, אַז ס׳וואָלט פונקט אַזוי גוט געקאָנט באַשלאָסן ווערן עפּעס אַנדערש.

איינס איז אמת, אַז פון די שיפן האָט ער געהאַט גרויס פאַרגעניגן. זייענדיק אַ קליין יינגל, האָט ער די בלעטער פון זיינע נאָטיץ־ביכער באַפּאַטשקעט מיט בליישטיפט־צייכענונגען פון איינמאַסטיקע פישער־שיפלעך, שיפלעך אויף גרינס און פינפמאַסטן. ווען ער איז אַלט געוואָרן פופצן יאָר, האָט ער געהאַט די מעגלעכקייט פון אַ ספּעציעל־בעסערן פּלאַץ זיך צוקוקן, ווי דער נייער טאָפּלשרויפיקער פּאָסטדאַמפער „האַנזאַ" פון דער פירמע בלאָהם עט פאָס ווערט אַראָפּגעלאָזט אין וואַסער אַריין. ער האָט דעמאָלסט מיט אַקוואַרעל־פאַרבן געמאַכט אַזאַ געראָטן און גענוי בילד פון דער

---

* דאָס רעכט צו דינען בלויז איין יאָר אין מיליטער, וואָס מ׳באַקומט נאָך זיבן יאָר לערנען אין גימנאַזיום.

אפשר נישט אַזוי מחמת מורא זיך נישט ווי צו טאָג, ווי צוליב
דעם, וואָס ער האָט בשום-אופן קיינמאָל נישט געהאַט קיין סיבה דער-
צו, אָדער ריכטיקער: קיין אומבאַדינגטע סיבה. קאָן זיין, אַז
דערפאַר דאַרפן מיר אים טאַקע נישט אָנרופן מיטלמעסיק: ער האָט
באמת אויף אַ געוויסן אופן געפילט דעם דאָזיקן מאַנגל אין סיבות.

דער מענטש לעבט נישט בלויז זיין פערזענלעך לעבן, ווי אַ
יחיד, נאָר — באַוואוסטזיניק אָדער אומבאַוואוסטזיניק — אויך דאָס
לעבן פון זיין תקופה און פון זיין דור. זאָל ער אַפילו האַלטן די
אַלגעמיינע און אומפערזענלעכע יסודות פון זיין עקזיסטענין פאַר
אומבאַדינגט און זעלבסטפאַרשטענדלעך און אַזוי ווייט זיין זיי צו קרי-
טיקירן, ווי דער וואילער קאַסטאָרפּ איז באמת געווען, — פונדעסט-
וועגן קאָן געמאָלט זיין, ער זאָל פילן, אַז זיין עטיש גלייכגעוויכט
איז שטאַרק באַוועלט הורך זייערע חסרונות. דער יחיד קאָן האָבן
פאַר די אויגן זיינע פערזענלעכע צילן, צוועקן, האָפענונגען און פער-
ספּעקטיוון, פון וועלכע ער שעפּט דעם אימפּולס צו גרויסע אָנ-
שטרענגונגען און מעשים. פונדעסטוועגן — אויב דאָס אומפּערזענ-
לעכע אַרום אים, די צייט אַליין ווען, אין תוך אַריין, נישט גענוקט
אויף דעם אויסערלעכן דראַנג, באַגיין זיך אָן די דאָזיקע האָפענונגען
און פּערספּעקטיוון; אויב דאָס אומפּערזענלעכע וועט פאַרהוילענערהייט
זיך אים אויסווייזן פאַר יאושדיק און אָן-עצהדיק און וועט ענט-
פערן מיט אַ הויל שטילשווייגן אויף די באַוואוסטזיניק אָדער אומבאַ-
וואוסטזיניק געשטעלטע פראַגן וועגן לעצטן, איבערפערזענלעכן, אומ-
באַדינגטן זין פון אַלע אָנשטרענגונגען און מעשים, — דעמאָלסט איז
כמעט אויסגעשלאָסן, אַז דאָס זאָל נישט האָבן קיין אָפּשוואַכנ-
דיקע ווירקונג, בפרט נאָך ווען מיר האָבן צו טאָן מיט אַ בעסערן
מענטש. שפּעטער גייט אַריבער דער דאָזיקער גייסטיק-עטישער צו-
שטאַנד אויך אויף דער פיזישער און אָרגאַנישער טייל פון אינדיווידום.
כדי פעיק צו זיין אויף באַדייטנדיקע מעשים, וואָס שטייגן אַריבער
די מאָס פון אומבאַדינגט נייטיקן, כאָטש די צייט גיט נישט קיין
באַפרידנדיקע תשובה אויף דער פראַגע „צוליב וואָס“ — דערצו דאַרף
מען האָבן אָדער שטאַרקע עטישע איינזאַמקייט און אוממיטלבאַרקייט —
זאַכן גאָר זעלטענע, וואָס גרענעצן זיך מיט העראָיזם, — אָדער: גאָר-

פּאַלס, אַ סך בעסער, ווי נאָכצוטאָן זיין קוזין צימסען, אַ שטיף־שוועסטער־קינד פון זיין פאַרשטאָרבענער מוטער, וועלכער האָט דווקא געוואָלט ווערן אַן אָפיציר. דערביי איז נאָך יאָאַכים צימסען נישט געווען אַזוי אינגאַנצן אין אָרדענונג מיט דער ברוסט. אָבער מאַקע דערפאַר איז פאַר אים צום בעסטן צו האָבן אַ באַשעפטיקונג אויף דער פרייער לופט, וואו ס'קאָן כמעט קיין רייד נישט זיין וועגן גייסטיקער אַרבעט און אָנשטרענגונג, ווי האַנס קאַסטאָרפּ האָט גע־טראַכט מיט לייכטן ביטול. ווייל פאַר אַרבעט האָט קאַסטאַרפּ געהאַט דעם גרעסטן דרך־ארץ, כאָטש אים אַליין האָט אַרבעט זייער גיך מיד געמאַכט.

מיר קומען איצט צוריק צו אונזער פריערדיקער באַמערקונג, וואָס שטיצט זיך אויף דער השערה, אַז די עוולות, וואָס דאָס פּער־זענלעכע לעבן ליידט פון דער צייט, זיינען בכוח צו באַאיינפלוסן דעם פיזישן אָרגאַניזם פון מענטש. ווי אַזוי האָט האַנס קאַסטאָרפּ געקאָנט נישט שעצן די אַרבעט? — ס'וואָלט געווען אומנאַטיר־לעך. צוליב אַלע זאַכן אַרום, האָט ער זי געמוזט האַלטן פאַר דעם, וואָס פאַרדינט די גרעסטע אַכטונג. ער האָט, באמת, נישט גע־זען עפּעס, וואָס דאַרף אַזוי געשעצט ווערן, ווי זי. זי איז פאַר אים געווען דער פּרינציפּ, צוליב וועלכן מ'קאָן יאָ האָבן אַ קיום אָדער נישט האָבן, דאָס אַבסאָלוטום פון דער צייט, זי האָט, אַזוי צו זאָגן, איר אייגענעם זכות־הקיום. זיין אַכטונג צו איר איז געווען אַ רעליגיעזע און, אויף וויפל ער האָט געוואוסט, אינגאַנצן אַ פעסטע. אַן אַנדער פראַגע איז — צי ער האָט זי באמת ליב געהאַט. נישט געקוקט אויף דער גאַנצער אַכטונג, איז ער דאָס נישט געווען בכוח. קודם־כל דערפאַר, ווייל זי האָט אים נישט געדינט צום געזונט. אָנגעשטרענגטע אַרבעט האָט אים דענערווירט, האָט אים באַלד אויסגעמאַטערט און ער האָט גאַנץ אָפן מודה געווען, אַז ער האָט אַ סך ליבער די פרייע צייט אָן יעדן עול, אויף וועלכער ס'שווערט נישט די משא פון מי — די צייט, וואָס ליגט אָפן, נישט אָפּגעטיילט פון ציין־קריצעניש ביים איבערקומען די מניעות. די דאָזיקע סתירות אין שייכות צו אַרבעט זיינען געווען, בענני גערעדט, נישט פאַרענטפערט. אפשר, קאָן געמאָלט זיין, אַז

שיינער שיף מיט אַלע קלענסטע פּרטים, אַז קאָנסול טינאַפּעל האָט עם איינגעהאַנדלט אין זיין פּריוואַט־קאָנטאָר. אויף דעם דאָזיקן בילד איז די טראַנספּאַרענטע גלאָז־ריינקייט פון צעוויגטן ים באַהאַנדלט געוואָרן מיט אַזויפיל ליבע און געשיקטקייט, אַז עמעץ האָט אַפילו געזאָגט דעם קאָנסול טינאַפּעל, אַז ר'איז אַ טאַלענט און אַז ס'קאָן פון אים אַרויסקומען אַ גוטער מאַרינע־מאָלער. דער קאָנסול האָט דעם דאָזיקן אויסדרוק רויִק געקאָנט איבערדערציילן קאַסטאָרפּן, ווייל יענער האָט בלויז גוטמוטיק געלאַכט און האָט אַפילו איין רגע נישט געהאַט בדעה זיך צו דראַפּען אויף די ווענט און צו ליידן הונגער צוליב אַזעלכע זאַכן.

— אַ סך פאַרמאָגנסטו נישט — פלעגט אים טיילמאָל זאָגן קאָנסול טינאַפּעל. — מיין געלד וועלן באַקומען בירושה דער עיקר זשעמס און פּעטער, כ'הייסט — ס'געלט בלייבט אין געשעפט און פּעטער וועט באַקומען זיין ריווח. וואָס ס'איז נוגע דיר — ליגט עס אין גאַנץ גוטע הענט און ברענגט דיר איין אַ זיכערע הכנסה. אָבער לעבן פון צינזן — דאָס איז היינטיקע צייטן מער נישט קיין שפּאַס, סיידן מ'האָט לכל־הפּחות פינף מאָל אַזויפיל, וויפל דו. אייב דו ווילסט עפּעס זיין אַמאָל דאָ אין שטאָט און לעבן, ווי דו ביסט געוויינט געוואָרן, וועסטו דאַרפן אָרנטלעך פאַרדינען. נעם עס דיר אין זינען אַריין, בחורעך!

האַנס קאַסטאָרפּ האָט עס גענומען אין זינען אַריין און טאַקע אומגעקוקט זיך נאָך אַ פּראָפעסיע, פון וועלכער מ'ווייט קאָנען האָבן אַ פּנים פאַר זיך און פאַר לייטן. אַנטשלאָסן האָט ער זיך אַדאַנק דער ווירקונג פון אַלטן ווילמס (פון דער פירמע טונדער עט ווילמס), וואָס האָט אַמאָל אין שבת־צונאַכטס שפּילנדיק „ווהיסט" אַ זאָג געטאָן דעם קאָנסול, אַז קאַסטאָרפּ וואָלט געדאַרפט שטודירן שיף־בוי, דאָס איז אַ פּלאַן, ווייל ער וועט קאָנען אַריינטרעטן צו אים און ער וועט שוין אַכטונג טאָן אויף דעם בחור. פון דעמאָלסט אָן האָט ער אָנגעהייבן צו קוקן אויף זיין פּראָפעסיע מיט גרויס דרך־ארץ און האָט אים געפונען, אַז דער באַרוף איז טאַקע פאַסקודנע קאָמפּליצירט און אָנשטרענגענדיק, אָבער דערפאַר — אויסגעצייכנט, וויכטיק און גרויסאַרטיק. פאַר אַזאַ פרידלעכן מענטשן, ווי ער איז, איז עס, אַלנ-

אויפן ים. אָבער דאָרט, וואו מ'האָט געדאַרפט דערגאַנצן די גייסטיקע אָנזעעוודיקייט דורך חושימדיקער, למשל — צו טישן שאַטנס און אָנצופילן די קוואַרשניט-צייכענונגען מיט לעבעדיקע נאַטורעלע פאַרבן, — דעמאָלסט האָט האַנס קאַסטאָרפּ מיט זיין געשיקטקייט איבערגעיאָגט ס'רוב איבעריקע.

אויף די פעריען פלעגט ער קומען אַהיים, זייער אַ זויבערער, זייער שיין אָנגעטאָן, מיט קליינע רויטלעכע וואָנצעלעך אויף זיין שלעפּריק יונג פאַטריציער-פּנים און מיט אַן אויסדרוק פון איינעם, וואָס גרייט זיך צו אַ פיינער פּאָזיציע אין לעבן. דער עולם, וואָס פאַרנעמט זיך דאָ מיט קאָמונאַלע ענינים און האָט אויך אַ ידיעה אין פּערזענלעכע און פאַמיליע-ענינים (און דערמיט פאַרנעמט זיך דער רוב אין אַ שטאָט-מלוכה, וואָס רעגירט זיך אַליין), האָט אויף אים געקוקט מיט מבינות און מ'האָט זיך אַליין געפרעגט, אין וואָס פאַר אַן עפנטלעכער ראָלע דער יונגער קאַסטאָרפּ וועט דאָ אַמאָל קאָנען אַריינוואַקסן. אַוודאי האָט ער געהאַט אויף וואָס זיך אָנצושפּאַרן, זיין נאָמען איז געווען אַלט און באַקאַנט און ס'איז כמעט קיין ספק נישט געווען, אַז אין איינעם אַ טאָג וועט מען זיך דאַרפן רעכענען מיט זיין פּערזאָן, ווי מיט אַ פּאָליטישן פאַקטאָר. ער וועט דעמאָלט מסתמא זיצן אין שטאָטראַט, אָדער גאָר אין מאַגיסטראַט, וועט מאַכן געזעצן, וועט האָבן אַן ערן-אַמט ביי דער סוווערענער מאַכט, געהערן צו אַ פאַרוואַלטונג-אָפּטיילונג, אַ שטייגער צו דער פינאַנץ-דעפּוטאַציע אָדער גאָר צו דער דעפּוטאַציע פון בוי-וועזן. זיין שטים וועט ווערן געהערט און געציילט. מ'האָט אַפילו געפרווט טרעפן, צו-וואָס פאַר אַ פּאַרטיי ער וועט דעמאָלט געהערן, דער יונגער קאַסטאָרפּ. אמת, פון אויסזען קאָן מען נישט תמיד ברענגען אַ ראַיה, פונדעסטוועגן זעט ער אַנדערש אויס, ווי עמעץ, אויף וועלכן די דעמאָקראַטן וואָלטן געקאָנט רעכענען. זיין ענלעכקייט מיטן זיידן לאָזט זיך נישט אָפּלייקענען. אפשר וועט ער געראָטן אין אים און זיין אַ שטערעניש, אַ קאָנסערוואַטיווער עלעמענט? אי דאָס איז מעגלעך — אי דער היפּוך דערפון. ווייל סוף-כל-סוף איז ער דאָך געווען אַן אינזשינער, וואָס האָט באַדאַרפט ווערן שיף-בוימייסטער, אַ מענטש פון וועלט-קאָמוניקאַציע און טעכ-

סיי זיין קערפער, סיי זיין גייסט (קודם־כל דער גייסט, צוליב אים — אויך דער קערפער) וואָלטן מיט מער פרייד אין התמדה, ווילק גע־ווען צו אַרבעט, ווען אויפן גרונד פון זיין נשמה, דאָרט, וואו ער אַליין האָט ווייניק־וואָס זיך פונאַנדערגעקליבן, וואָלט די אַרבעט גע־גאָלטן פאַר אַ אומבאַדינגטן ווערט און פאַר אַ פרינציפּ, וואָס האָט זיין אייגענעם זכות־הקיום און וואָס איז בכוח אָנצופילן מיט גלויבן און באַרויקונג? — צוליב דעם וואָלט מען ווידער געמוזט אַוועק־שטעלן די פראַגע וועגן זיין מיטלמעסיקייט, אָדער מער־ווי־מיטל־מעסיקייט. מיר ווילן אָבער אויף אָט דער פראַגע נישט געבן קיין פולע תשובה, ווייל מיר האַלטן זיך נישט פאַר מחוייב צו זאָגן שבחים האַנס קאַסטאָרפן און מיר לאָזן פלאַץ פאַר דער השערה, אַז די אַרבעט וואָלט אים פשוט אַ ביסל געשטערט במנוחה צו געניסן פון די ציגאַרן מאַריאַ מאַנציני.

צו מיליטער־דינסט האָט מען אים נישט צוגעצויגן. טיף אין זיך האָט ער עס נישט געוואָלט און האָט עס געקאָנט אויסמיידן. ס'קאָן אויך מעגלעך זיין, אַז דער שטאַב־דאָקטאָר עבערדינג, וואָס פלעגט אַריינקומען צו זיין פעטער אין הויז, זאָל האָבן אַמאָל אין אַ שמועס געהערט פון קאָנסול טינאַפּעל, אַז דעם יונגן קאַסטאָרפּ וועט מיליטער־דינסט שטאַרק שטערן צו זיין שטודיום, צו וועלכן ער האָט ערשט־וואָס זיך גענומען אין דער פרעמד.

נישט געקוקט דערויף, וואָס ער האָט אויך אין דער פרעמד געהאַלטן זיך ביי זיין באַרויקנדיקער געוויינהייט צו טרינקען פאָר־טער אויף פרישטיק, האָט זיין פאַמעלעכער און געלאַסענער קאָפּ זיך אָנגעזאַפּט מיט אַנאַליטישער געאָמעטריע דיפערענציאַל־רעכע־נונג, מעכאַניק, פּראָיעקציע־לימוד און גראַפאָסטאַטיק. ער האָט באַ־רעכנט סיי געלאָדענע, סיי אומגעלאָדענע דעפּלאַסמאַן*), סטאַבילי־טעט, גלייכגעוויכט און מעטאַצענטרום, כאָטש טיילמאָל פלעגט עס אים ווערן נמאס און מיאוס. זיינע טעכנישע צייכענונגען, די אַלע שיפּשקעלעט־וואַסערליניע־און לאַנגשניט־צייכענונגען זיינען נישט גע־ווען אַזוי געלונגען, ווי זיין מאָלערישע אָפּבילדונג פון דער „האַנזאַ״

---

* די וואָג פון וואַסער, וואָס ווערט אַרויסגעשטויסן דורך דער שיף.

דר. הײדעקינד האָט זיך געבײזערט יעדעס מאָל, ווען ר'האָט אים געזען, און געהייסן פאָרן אויף פרישער לופט, אין טאַקע נישט בלויז פאַר יוצא-ווענן. מיט נאָרדערנע, אָדער וויך אויפן אינזל פער, האָט ער געטענהט, וועט מען איצט נישט אָפּקומען. לויט זיין עצה האָט האַנס קאַסטאָרפּ געדאַרפט, איידער ער גייט אַריין אין וואַרשטאַט, פאָרן אויף עטלעכע וואָכן אין די בערג.

דאָס איז אַ גאַנץ גוטער פּלאַן — האָט געזאָגט קאָנסול טינאַפּעל צו זיין שוועסטערנזון אין איפּצי-קינד, אָבער צוליב דעם וועלן זיך זייערע וועגן מוזן צעגיין פאַרן היינטיקן זומער. ווייל אים, קאָנסול טינאַפּעל, וועט מען מיט פיר פּאָר פערד נישט אַוועקשלעפּן אין די הויכע בערג. ס'איז נישט פאַר אים. ער דאַרף האָבן אַ לייטישע לופט, ווען נישט קריגט ער אַטאַקן. אין די הויכע בערג קען האַנס קאַסטאָרפּ מיטן גרעסטן כבוד פאָרן אַליין. דערביי וועט ער זיין ביי יאָאַכים ציִמסען.

דאָס איז געווען אַ גוטע עצה. ווייל יאָאַכים ציִמסען איז געווען קראַנק — נישט אַזוי קראַנק, ווי האַנס קאַסטאָרפּ, נאָר אויף אַן אמת און אויף אַ מיאוסן אופן. מ'האָט זיך אַפילו שטאַרק געשראָקן פאַר זיין לעבן. ער האָט אַלעמאָל געהאַט אַ נייגונג צו קאַטאַרן און צו קריגן היץ, אָבער אין איינעם אַ טאָג האָט ער אָנגעהויבן שפּייען מיט בלוט און ער האָט געמוזט תיכף-ומיד פאָרן קיין דאַוואָס. ס'איז פאַר אים געווען אַ גרויסע צרה און אַ עגמת-נפש, ווייל ער האָט גראָד געהאַלטן ביים ציל פון זיינע פאַרלאַנגען. אין משך פון עטלעכע סעמעסטערס האָט ער, וואָס אמת, אויפן פאַרלאַנג פון זיינע קרובים, שטודירט יוריספּאָנדענץ, אָבער סוף-כל-סוף האָט ער נישט געקאָנט גובר זיין זיין שטאַרקן חשק, אַוועקגעוואָרפן דעם אוניווערסיטעט, זיך געמעלדן פאַר אַ אָפיציר און שוין געווען צוגענומען. איצט אָבער איז ער שוין געזעסן איבער פינף חדשים אין דער אינטערנאַציאָנאַלער סאַנאַטאָריע „בערגהאָף“ (מעדיצינישער לייטער: הויפראַט דר. בערענס) און שיר נישט פאַרנודעט געוואָרן צום טויט, ווי ר'האָט געשריבן אין זיינע קאַרטלעך. אויב האַנס קאַסטאָרפּ וויל באמת עפּעס טאָן פאַר זיינעטוועגן, איידער ער טרעט אַריין אויפן פּאָסטן צו טונדער עט ווילמס, —

ניק. דערפאַר איז אפשר מעגלעך, אַז דאַנס קאַסטאָרפּ וועט גיין מיט די ראַדיקאַלן, זיין אַ דרייסטער, אַ וואָכעדיקער צעשטערער פון אַלטע בנינים און אידילישע לאַנדשאַפטן, אומגעצוימט ווי אַ ייד און אַן פיעטעט, ווי אַן אַמעריקאַנער. אפשר וועט ער בכלל גיכער זיין גענייגט איינמאָל פאַר אַלעמאָל איבערצורייסן מיט די בכבודיקע טראַדיציעס, איידער צו וואַרטן אויף דער פאַמעלעכדיקער אַנטוויקלונג פון די נאַטירלעכע לעבנס-באַדינגונגען, און ער וועט אַזוי-אַרום שטייסן די רעגירונג צו געוואַגטע עקספּערימענטן? — אויך דאָס קאָן מעגלעך זיין. וועט ער שוין האָבן אין בלוט דעם דרך-ארץ פאַר די חכמים, פאַר וועלכע די טאָפּלטע וואַך ביים ראָטהויז פּרעזענטירט דאָס געווער און וועלכע ווייסן אַלץ צום בעסטן? אָדער וועט ער זיין גענייגט צו שטיצן די אָפּאָזיציע אין שטאָטראַט? — אין זיינע בלויע אויגן אונטער די רויטלעכע ברעמען האָט מען גישט געקאָנט אַרויסלייענען קיין שום תשובה אויף אַזעלכע נייגעריקע פראַגן פון די בירגער. ער, דאָס אומבאַשריבענע בלאַט האַנס קאַסטאָרפּ, האָט נאָך מסתמא אַליין נישט געוואוסט, וואָס צו ענטפערן דערויף.

ווען ער האָט זיך אַרויסגעלאָזט אויף דער נסיעה, וואו מיר טרעפן אים, איז ער געווען אין דריי און צוואַנציקסטן יאָר. ער האָט שוין דעמאָלסט געהאַט הינטער זיך די פיר סעמעסטערס פון דאַנציקער פּאָליטעכניקום און די פיר שפּעטערדיקע, וועלכע ער האָט דורכגעמאַכט אין די טעכנישע הויכשולן אין בראַונשווייג און קאַרלסרוע, איז ערשט נישט לאַנג געהאַט איבערגעקומען דעם ערשטן הויפּטעקזאַמען, וועלכן ער איז אַדורך אָן ספּעציעלן גלאַנץ און אָרקעסטער-טוש, אָבער פונדעסטוועגן בכבוד. איצט האָט ער זיך געגרייט אַריינצוטרעטן צו טונדער עט ווילמס פאַר אַן אינזשיניער-וואָלאָנטער, כדי צו קריגן אין דעם שיף-וואַרשטאַט זיין פּראַקטישע אויסבילדונג. ביי דעם דאָזיקן פונקט האָט זיין וועג אויף איינמאָל אָנגענומען די ווענדונג, וועגן וועלכער מיר דערציילן ווייטער.

פאַרן הויפּט-עקזאַמען האָט ער געמוזט אַרבעטן אינטענסיוו און עקשנותדיק און ווען ר'איז אַהיימגעקומען, האָט ער אויסגעזען נאָך מאַטער, ווי ס'איז דער שטייגער פון דעם טיפּ מענטשן.

דריט קאַפּיטל

בכּבֿודיקע מרה־שחורה.

האַנס קאַסטאָרפּ האָט מורא געהאַט, ער זאָל זיך נישט אַמאָל אָפּכאַפּן צו־שפּעט, אַזוי מיד איז ער געווען נעכטן. פּאַקטיש איז ער שוין געשטאַנען אויף די פיס פריער ווי מ'האָט געדאַרפט און ער האָט געהאַט גענוג פרייע צייט בנעימותדיק אויסצופירן זיינע פרימאָרגנדיקע טואַלעט־געוווינהייטן, הויך־ציוויליזירטע געוווינהייטן, צווישן וועלכע דאָס גרעסטע אָרט האָבן פאַרנומען: אַ גומי־וואַנע, ווי אויך אַ הילצערנע שאָל מיט גרינער לאַווענדעל־זייף מיט דעם שטרויענעם פּענזל, וואָס גייט־צו דערצו. נאָכן וואַשן זיך און נאָך דער טואַלעט, האָט ער אַפילו באַוויזן אויסצופּאַקן זיינע זאַכן און זיי צו ברענגען אין אָרדענונג. בשעת ער האָט דורכגעפירט די פאַרזילבערטע זשילעטקע איבער זיינע פאַרפּומירטע און אָנגעזייפטע באַקן, האָט ער זיך דערמאָנט אין זיינע צעמישטע חלומות און האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ אויף די אַלע נאַרישקייטן, מיט אַ רחמנותדיקן שמייכל, פול מיט דעם ישוב־הדעת פון אַ מענטש, וואָס גאָלט זיך קעגן שיין פון טאָג. זייער אויסגערוט האָט ער זיך טאַקע נישט געפילט, וואָס אמת, אָבער — דערפרישט פונם פריען מאָרגן.

בשעת ער האָט זיך אָפּגעווישט די הענט, איז ער מיט געפּודערטע באַקן, אין זיינע פילדעקאָס־אונטערהויזן און אין די רויטע סאַפּיאַן־פּאַנטאָפל אַרויס אויפן באַלקאָן, וועלכער האָט זיך געצויגן איבער דער גאַנצער מויער און בלויז געווען צעטיילט אויף איינצעלנע גאַניקלעך דורך ווענטלעך פון מאַטן גלאָז, וועלכע האָבן אַפילו נישט דערגרייכט ביז צו דער באַריערע. דער פרימאָרגן איז געווען אַ קילער און וואָלקנדיקער. ברייטע נעפּל־פּאַסן זיינען געהאַנגען אומבאַוועגלעך אין ביידע זייטן בערג. נאָך ווייטער האָבן

איז נישטאָ עפּעס גלייכערס, ווי ער זאָל אויך אַהינפאָרן אין דער אייגענער סאַנאַטאָריע און זיין אַ ביסל צוזאַמען מיט זיין אָרעמען קוזין — אַ טייערע זאַך פאַר ביידע צדדים.

ווען ער האָט זיך סוף־כל־סוף אַנטשלאָסן אויף דער נסיעה, איז שוין געווען שפּעט אין זומער אַריין. ס'זיינען שוין געהען די לעצטע יולי־טעג.

ער איז געפאָרן אויף דריי וואָכן.

אינטער וועלכע ס׳האָבן געהאַנגען שלאַפּע טאָרבעלעך, האָט זי גיעקוקט פאַר זיך און גליווערדיק. איר אַלטהזערנדיק, דרומדיק־בלאַס פּנים מיט דעם גרויסן פאַרדאַגהטן מויל, וואָס ציט זיך אין איין זייט אַראָפּ, האָט דערמאָנט האַנס קאַסטאָרפּן אין אַ בילד פון אַ באַרימטער טראַגיקערין, וואָס איז אים אַמאָל אויסגעקומען צו זען. עס איז געווען אומהיימלעך צו זען, ווי די שוואַרץ־בלייכע פרוי האָט, אַפּנים, אַליין נישט וויסנדיק, צוגעפּאַסט אירע לאַנגע פיינפולע טריט צו דעם טאַקט פון דער ווייטער מאַרש־מוזיק.

האַנס קאַסטאָרפּ האָט צו איר אַראָפּגעקוקט פאַרטראַכט און מיט רחמנות און געהאַט דאָס געפיל, ווי איר טרויעריקע געשטאַלט וואָלט פאַרטונקלט די זון פון פרימאָרגן. איינצייטיק האָט ער פאַרנומען נאָך עפּעס אַנדערש, גערוישן, וואָס קומען פון שכנ׳תדיקן צימער לינקס — דאָס צימער פון רוסישן פּאָרפאָלק, ווי יאָאַכים האָט געזאָגט. אויך אָט־די גערוישן האָבן עפּעס נישט געפּאַסט צו דעם לוסטיקן, פרישן פרימאָרגן און ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז זיי פאַרפאַטשקען אים גיכער. האַנס קאַסטאָרפּ האָט זיך דערמאַנט, אַז ער האָט נאָך נעכטן נעהערט עפּעס אַזוינס, נאָר צוליב מידקייט האָט ער זיך נישט אָפּגעשטעלט דערויף. ס׳איז געווען אַ מין דושעז, סאַפּען און קייכן און פאַר דעם יונגן מענטש האָט נישט געקאָנט בלייבן קיין סוד, וואָס די דאָזיקע שאָרכן באַטייטן, כאָטש ער האָט אין אָנהייב זיך אָנגעשטרענגט צוליב גוטמוטיקייט עס אויסצוטייטשן אומשולדיק. די דאָזיקע גוטמוטיקייט וואָלט מען אויך געקאָנט אָנרופן מיט אַן אַנדער נאָמען, למשל, מיט דעם אַ ביסל באַנאַלן נאָמען: נשמה־ריינקייט, אָדער מיטן ערנסטן און שיינעם נאָמען: בושה, אָדער גאָר רעכענען זי פאַר אַ חיסרון און זי אָנרופן — מורא פאַרן אמת און געמאַכטע צדקות, צי גאָר מיסטישער פּחד און פרומקייט. אין האַנס קאַסטאָרפּס פאַרהאַלטן זיך בנוגע אָט־די רוישן איז געווען פון דעם אַלעמען. פיזיאָנאָמיש האָט זיך עס אויסגעדריקט אין דער בכבודיק־פינסטערער מינע זיינער, אַ מינע, ווי ער וואָלט פון דעם אַלעם, וואָס ער הערט, נאָרנישט געוואָלט וויסן. אַן אויסדרוק פון לייטישקייט, וואָס איז, אַגב, נישט געווען אינגאַנצן אָריגינעל, און וועלכן ער פלעגט אָבער באַקומען אַלעמאָל ביי באַשטימטע פאַלן.

זיך געצויגן איבער די בערג, געדיכטע וואָלקנס, ווייסע און גרויע. דאָ און דאָרט האָבן זיך אַרויסגעזען בלויע פּאַסן און פלעקן הימל און ווען ס׳האָט אַ שיין געטאָן די זון, האָט דער ישוב אונטן אין טאָל אָפּגעגלאַנצט ווייס קעגן די טונקעלע סאָסנע-וועלדער אויף די שיפּועים. ערגעץ האָט געשפּילט מוזיק, מסתּמא אין דעם איי־גענעם האָטעל, וואו ס׳איז אויך נעכטן אינאָוונט געווען אַ קאָנ־צערט. כאָראַל-אַקאָרדן דאָבן אָפּגעקלונגען פון דאָרטן צוגעדושעטע. נאָך אַ הפסקה האָט זיך דערהערט אַפילו אַ מאַרש. האַנס קאַס־טאָרפּ האָט האַרציק ליב געהאַט מוזיק, זי האָט אויף אים געווירקט, פּונקט אַזוי ווי דער פּאָרטער צום פרישטיק, ס׳הייסט — באַרויִקנ־דיק, באַטויבנדיק, איינדרעמלענדיק. ער האָט זיך דערפאַר צוגעהערט מיט הנאה, מיטן קאָפּ אין אַ זייט, מיט אַן אָפן מויל און אַ ביסל אָנגערויטלטע אויגן.

אונטן האָט זיך געשלענגלט אַרויף צו דער סאַנאַטאָריע די געדרייטע סטעזשקע, מיט וועלכער ער איז נעכטן אינאָוונט אָנ־געקומען. קורץ-שטענגלדיקע ענציאַנען, ווי שטערן, האָבן אַפּערגעקוקט פון פייכטן גראָז אויף דעם שיפּוע. אַ טייל פון פלאַכן בערגל איז געווען אַרומגעצוימט און ס׳איז דאָ געווען אַ גאָרטן. מ׳האָט דאָרטן געזען וועגלעך אויסגעשיט מיט סטרולקעס, בייטן בלומען און אַ קינסטלעכע פעלזן-גראָטע צופוסנס פון אַ שיינעם יאָדלע-בוים. קעגן דרום האָט זיך געעפנט אַ גרויסע וועראַנדע מיט אַ בלעכערנעם דאַך; אינעווייניק זיינען געשטאַנען ליג-שטולן. לעבן דעם איז געווען אויפ־געשטעלט אַ רויט-ברוין געפאַרבטער פאָנען-שטאַנג מיט אַ שטריק, אויף וועלכן מ׳פלעגט טיילמאָל אַרויפציִען אַ פאָן, — אַ פאַנטאַס־טישע פאָן, גרין און ווייס, מיט דעם עמבלעם פון דער מעדיציני־שער וויסנשאַפט — עסקולאַפּס שטעקן — אינמיטן.

אַ פרוי האָט זיך אַרומגעדרייט אין גאָרטן, אַן עלטערע דאַמע מיט אַ טריבן, מ׳קאָן זאָגן, טראַגישן אויסזען. אינגאַנצן אין שוואַרצן און מיט אַ שוואַרצן שאַל איבער די צעקאָדלטע שוואַרץ-גרויע האָר, האָט זי זיך אַרומגעדרייט אומרויִק און מיט גלייכע גיכע טריט אויף די שטעגלעך. קניען האָט זי געהאַט קרומע, די אָרעמס — גלייך אַראָפּגעהאַנגענע. מיט קנייטשן אין שטערן, מיט קויל-שוואַרצע אויגן,

פּנים אַריין. זי איז געבליבן ווי געווען און ר'האָט פֿאַרשטאַנען, אַז ס'איז די אייגענע היץ אין פּנים, וועלכע ער האָט געשפּירט נעכטן אינאָוונט. בעתן שלאָף איז ער פֿון איר פּטור געוואָרן און איצט ביי אָט־דער געלעגנהייט איז זי צוריקגעקומען. דאָס האָט אין אים דערוועקט ווייניק ליבשאַפֿט צו דעם שכנותדיקן פּאָרפֿאָלק. ער האָט אַ מורמל געטאָן מיט פֿאַרמאַכטע ליפּן עפּעס אַ זידל־וואָרט. דער גרעסטער חסרון איז געווען, וואָס ער האָט נאָך דערנאָך געפּרווט אָפּקילן דאָס פּנים מיט קאַלט וואַסער. דערפֿון איז אים געוואָרן נאָך ערגער. און דערפֿאַר האָט זיין קול אַזוי דערשלאָגן געציטערט, בעת זיין קוזין האָט אָנגעקלאַפּט אין דער וואַנט און ער האָט אים געענטפֿערט. ווען יאָאַכים איז אַריין, האָט קאַסטאָרפּ דערפֿאַר אויך נישט אויסגעזען, ווי אַ מענטש, וואָס איז אויפֿגעשטאַנען אינדערפֿרי אַ פֿרישער און אַ פֿריילעכער.

פּ ר י ש ט י ק.

— ט'מאָרגן — האָט יאָאַכים געזאָגט. — דאָס איז, הייסט עס, געווען דיין ערשטע נאַכט דאָ אויבן. נו, ביסט צופֿרידן?

ער איז געווען גרייט אַראָפּצוגיין, ספּאָרטיש אָנגעטאָן, אין אַ פּאָר שטאַרק אויסגעאַרבעטע שטיוול. אויפֿן אָרעם האָט ער געטראָגן זיין אולסטער, וואו מ'האָט דורך דער זייטיקער קעשענע אַפּירגעזען דאָס פֿלאַכע פֿלעשל. קיין הוט האָט ער היינט אויך נישט געטראָגן.

— אַדאַנק — האָט האַנס קאַסטאָרפּ געענטפֿערט. — נישקשה, דערווייל וויל איך נאָך גאָרנישט נישט זאָגן. עפּעס האָב איך געהאַט אַ מטושטשן חלום. אַחוץ דעם האָט דאָס הויז דעם חסרון, וואָס די אַקוסטיק איז אַ צו־גוטע. דאָס שטערט אַ ביסל. ווער איז דאָס די שוואַרצע דאָרט אין גאָרטן?

יאָאַכים האָט זיך תיכּף אָנגעשטויסן, וועמען ער מיינט.

מיט אָט־דער מינע איז ער אַוועק פֿון באַלקאָן צוריק אין שטוב אַריין, כּדי מער זיך נישט צוצוהערן צו די געשעעניש, וואָס האָבן אים אויסגעוויזן צו זיין ערנסטע און אַפֿילו דערשיטערנדיקע, כאָטש מ׳האָט דאָרטן בשעת־מעשה געכיכעט. אָבער אין צימער האָט מען נאָך דייטלעכער דערהערט, וואָס ס׳טוט זיך אָפּ פֿון יענער זייט וואַנט. מ׳האָט זיך, ווייזט אויס, אַרומגעיאָגט צווישן מעבל, אַ שטול איז אומגעפֿאַלן, מ׳האָט זיך אַרומגעכאַפּט און ס׳האָט זיך געהערט אַ פּאַטשעריי און קושעניש. צו דעם אַלעמען איז צוגעקומען די וואַלצער־מוזיק, אַן אויסגעשפּילטע מעלאָדיע פֿון אַ באַקאַנט גאַסן־לידל, וואָס האָט פֿון דערווייטנס באַגלייט די אומגעזעענע סצענע. האַנס קאַסטאָרפּ איז געשטאַנען, מיטן האַנטוך אין דער האַנט, און זיך צוגעהערט, כאָטש ער האָט, טיף אין זיך, נישט געוואָלט. פּלוצלונג איז ער רויט געוואָרן אונטערן פּודער. ווייל דאָס, וואָס ער האָט זיך פֿאָרגעשטעלט, אַז ס׳וועט געשען, איז געשען, און די שפּיל איז אָן שום ספק געוואָרן אַ ריין חיהשע. צו־אַלדי־רוחות! — האָט ער אַ טראַכט געטאָן און זיך אויסגעדרייט און מיט אַ כּיוון גענומען רווישנדיק פֿאַרענדיקן זיין טואַלעט. מילא, ס׳איז אַ פּאָרפֿאָלק, ווי גאָט האָט געבאָטן און אַלץ איז אין אָרדענונג. פֿונדעסטוועגן, אין העלן טאָג, דאָס איז שוין צופֿיל. דאַכט זיך, מיר, אַגב, אַז נעכטן אינאָוונט האָבן זיי זיך אויך נישט געהאַלטן רויק. זיי זיינען דאָך קראַנק, אויב זיי זיינען דאָ, על כּל פּנים — איינער פֿון זיי און מ׳וואָלט זיך געדאַרפֿט אַ ביסל אָפּהאַלטן. אָבער דער אמתער סקאַנדאַל דערביי איז, פֿאַרשטייט זיך — האָט ער געטראַכט מיט כּעס — וואָס די ווענט זיינען אַזעלכע דינע און וואָס מ׳הערט אַלץ אַזוי גענוי. דאָס איז דאָך נישט קיין ענין: ביליק געבויט, נאַטירלעך, פּאַסקודנע ביליק געבויט! וועל איך שפּעטער זיי מוזן זען, אָדער מ׳וועט זיי מיר אפֿשר גאָר פֿאָרשטעלן? — דאָס וואָלט געווען געוואַלדיק אומאָנגענעם. פּלוצלונג האָט זיך האַנס קאַסטאָרפּ גענומען וואונדערן, ווייל ער האָט באַמערקט, אַז די רויטקייט, וואָס האָט אים פֿריער אַ זעץ געטאָן אין די פֿריש־ראַזירטע באַקן, וויל נישט אָפּגיין. על־כּל־פּנים האָט נישט אָפּגעטרעטן די וואַרעמקייט, וועלכע האָט אים בשעת־מעשה אַ שלאָג געטאָן אין

אים, אַז זיי זיינען היים און שווער, גלייך ווי ער וואָלט לאַנג געווינט. זיי האָבן אויך ווידער דעם זעלבן גלאַנץ, ווי בעת ער האָט דערהערט דאָס נייע משונהדיקע הוסטן פון אַריסטאָקראַט. אים דאַכט זיך בכלל, אַז ער האָט ערשט איצט ווידער זיך אָנגעשלאָסן אין נעכטיקן טאָג, עפּעס ווי ער וואָלט ווידער אָנגעכאַפּט דעם פאָדים, ווייל באַלד נאָכן אויפכאַפּן זיך האָט ער עס עפּעס נישט געשפּירט. אַגב, איז ער פאַרטיק — זאָגט ער, בשעת־מעשה, טריפט ער אָן עטלעכע טראָפּנס לאַווענדעל־וואַסער אויף זיין טאַשנטיכל און ווישט אַרום דערמיט דעם שטערן און אונטער די אויגן. אויב דו ווילסט, קאָנען מיר tous les deux גיין צום פרישטיק — וויצלט ער זיך מיט אַ געפיל פון אויסגעלאַסענער פריילעכקייט. יאָאַכים גיט אויף אים מילד אַ קוק און שמייכלט דערביי צו אויף אַ באַזונדערן אופן, פאַרמרה־שחורהט און אַ ביסל שפּאָטיש, ווי ס'דאַכט זיך. פאַרוואָס? — דאָס איז זיין זאַך.

האַנס קאַסטאָרפּ גיט אַ קוק, צי ער האָט ביי זיך צום רויכערן, נעמט דעם שטעקן, דעם מאַנטל מיטן הוט, דעם הוט — צו־להכעיס, ווייל ר'איז צו פעסט געווען אין זיין לעבנס־שטייגער און אויפפירונג, ער זאָל אַזוי לייכט און אינגאַנצן אויף דריי וואָכן אָננעמען פרעמדע און נייע מנהגים. אַזוי אַרום נעמען זיי גיין, אַראָפּ מיט די טרעפּ. אין די קאָרידאָרן ווייזט יאָאַכים אויף דער און יענער טיר און רופט־אָן די נעמען פון די באַהאַוינער, סיי דייטשע נעמען און סיי אַזעלכע, וואָס קלינגען פרעמד. פאַר איין וועגס מאַכט ער קורצע באַמערקונגען וועגן זיי און גיט איבער די מדרגות פון זייער קרענק.

זיי באַגעגענען אויך מענטשן, וואָס גייען שוין צוריק פון פרישטיק. ווען יאָאַכים זאָגט עמעצן גוט־מאָרגן, גיט האַנס קאַסטאָרפּ העפלעך אַ נעם אַראָפּ דעם הוט. ער איז געשפּאַנט און נערוועיש, ווי אַ יונגערמאַן, וואָס דאַרף זיך באַלד פאָרשטעלן פאַר אַ סך פרעמדע מענטשן און האָט דערביי קלאָר אַ פיינלעך געפיל, אַז די אויגן זיינען ביי אים מוטנע און דאָס פנים — רויט. אין אמתן איז עס נישט געווען אַזוי אינגאַנצן, ווייל ר'איז מער געוואָרן בלאַס.

— אַך, דאָס איז „tous - les - deux" — האָט ער געזאָגט — אַזוי רופן מיר זי דאָ אַלע, ווייל דאָס זיינען די איינציקע ווערטער, וואָס מ'הערט דאָ פון איר. אַ מעסיקאַנערין, פאַרשטייסטו, קאָן נישט קיין וואָרט דייטש, און פראַנצויזיש אויך כמעט גאָרנישט, בלויז עטלעכע איינציקע ווערטער. זי איז דאָ שוין פינף וואָכן ביי איר עלטסטן זון, אַ פולשטענדיקער חולה, מסוכן, וואָס גייט איצט אַיין גאָר גיך. ער האָט עס אומעטום, ר'איז דורך־און־דורך דורכגעפרעסן, קאָן מען זאָגן. צום סוף זעט עס בערך אַזוי אויס, ווי אַ טיפוס, זאָגט בערענס. אַלנפאַלס שרעקלעך פאַר דער גאַנצער סביבה. מיט פערצן טעג צוריק איז אַרויפגעקומען אַהער איר צווייטער זון, ווייל ער האָט נאָך געוואָלט זען דעם ברודער, אַגב — אַ בילד־שיינער בחור, פונקט ווי דער קראַנקער. ביידע זיינען זיי בילד־שיינע חברה, מיט אַזעלכע ברענענדיקע אויגן. די ווייבער זיינען פשוט אַרוים פון די כלים. נאַ, דער יינגערער האָט נאָך אונטן אַ ביסל געהוסט, אָבער ר'האָט זיך געפילט גאַנץ גוט. נאָר אַזוי ווי ר'איז אָנגעקומען אַהער — שטעל דיר פאָר — האָט ער געקריגן היץ, און גלייך 39,5, די גרעסטע טעמפּעראַטור, פאַרשטייסטו, האָט זיך אַוועקגעלייגט אין בעט אַריין. אויב ער וועט נאָך אויפשטיין — זאָגט בערענס — איז אַ סימן, אַז ער האָט מער מזל ווי שכל. אַלנפאַלס איז שוין געווען די העכסטע צייט — האָט ער געזאָגט — ער זאָל אַרויפקומען... יאָ, פון דעמאָלט אָן דרייט זיך די מוטער אַזוי אַרום, ווען זי זיצט נישט ביי זיי. אויב מ'רעדט עפּעס צו איר, ענטפערט זי שטענדיק בלויז „tous les deux"*, ווייל מער קאָן זי נישט. גראָד איצט איז דאָ נישטאָ קיינער, וואָס זאָל פאַרשטיין שפּאַניש.

— אַזוי איז די מעשה מיט איר — זאָגט האַנס קאַסטאָרפּ. — און אַז איך וועל זיך מיט איר באַקענען, וועט זי מיר אויך זאָגן דאָס אייגענע? דאָס איז מאָדנע. מיר דאַכט זיך, אַז ס'וואָלט געווען קאָמיש און עפּעס אומהיימלעך צוזאַמען — זאָגט ער און ער שפּירט, אַז די אויגן זיינען ביי אים פונקט ווי נעכטן: ס'דאַכט זיך,

---

* אלע ביידע.

פֿלאַך-געוועלבטן זאַל, וואו ס'רוישן קולות, נעפּעס קלינגט און זאַל-טעכטער גייען גיך אַרום מיט פּאַרעדיקע קריגלעך.

זיבן טישן שטייען אין עס-זאַל, ס'רוב — אין דער לענג, בלויז צוויי אין דער ברייט. עס זיינען גרויסע טישן פֿאַר צען פּאַרשוין אַ טיש, כאָטש נישט אומעטום איז געדעקט. האַנס קאַסטאָרפּ גייט אָפּ בלויז עטלעכע טריט קרום אין זאַל אַריין און ער איז שוין ביי זיין פּלאַץ. מ'האָט פֿאַר אים געדעקט ביי דער שמאָלער זייט פֿון טיש, וואָס שטייט פֿון פֿאָרנט אינמיטן צווישן ביידע טישן, וואָס שטייען אין דער ברייט. רעכטס, נאָך שטייענדיק הינטער זיין שטול, האָט האַנס קאַסטאָרפּ זיך פֿאַרבויגט שטייף און העפֿלעך צו די טיש-שכנים, מיט וועלכע יאָאַכים האָט אים צערעמאָניאַל באַקאַנט. קאַסטאָרפּ האָט זיי כמעט נישט רעכט אָנגעקוקט און זייערע נעמען זיינען אים אַוודאי נישט אַריין אין מוח. ער האָט זיך בלויז געכאַפּט אויף דעם נאָמען און אויף דער פּערזאָן פֿון דער פֿרוי שטער, וואָס האָט געהאַט אַ רויט פּנים און פֿעטלעכע אַש-בלאָנדע האָר. מ'האָט לייכט געקאָנט גלויבן אין איר עם-הארצות, אַזאַ נאַריש-תמעוואַטע פּנים האָט זי געהאַט. דערנאָך האָט ער זיך אַוועקגעזעצט און האָט תיכף דערשנאַפּט מיט צופֿרידנקייט, אַז מ'באַהאַנדלט דאָ דעם ערשטן פֿרישטיק, ווי אַן ערנסטע מאָלצייט.

ס'זיינען דאָ געווען אָנגעשטעלט טעפּלעך מיט מאַרמעלאַד און האָניק, שיסעלעך מיט רייז-מילך און מיט האָבער-גריץ, טאַצן מיט פֿאַנקוכנס און קאַלט פֿלייש. פּוטער איז געווען אַ שפֿע. עמעצער האָט אויפֿגעהויבן דעם גלעזערנעם קלאָש איבער אַ פֿייכטן שווייצער-קעז, כדי אָפּצושניידן פֿון אים אַ שטיקל. אינמיטן טיש איז געשטאַנען אַ טעלער מיט פֿריש און טרוקן אויבס. אַ זאַל-טאָכטער אין שוואַרצן און אין ווייסן האָט געפֿרעגט האַנס קאַסטאָרפּן, וואָס ער וויל טרינקען: קאַקאַאָ, קאַווע, אָדער טיי. זי איז געווען קליין, ווי אַ קינד, מיט אַן אַלט, לאַנג פּנים, אַ קאַרליק, ווי ער האָט תיכף דערקאָנט אַ דערשראָקענער. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף זיין קוזין, אָבער יענער האָט בלויז גלייכגילטיק אַ ציי געטאָן מיט די אַקסלען און מיט די ברעמען, ווי ער וואָלט געוואָלט זאָגן „יאָ, איז וואָס-זשע?“

— יאָ, לאָמיך נאָר נישט פאַרגעסן! — זאָגט ער פּלוצלונג מיט אַ געוויסער האַסטיקייט. — דו מעגסט מיך פאָרשטעלן פאַר דער דאַמע אין גאָרטן, אויב ס'וועט גראָד אויסקומען. כ'האָב גאָר־נישט קעגן דעם. זי מעג מיר זאָגן tous les deux וויפל זי וויל, ס'אַרט מיך נישט. כ'בין שוין צוגעגרייט דערצו, פאַרשטיי, וואָס דאָס איז און וועל שוין מאַכן די נייטיקע מינע. אָבער מיט דעם רוסישן פּאָרפאָלק וואָלט איך מיך נישט געוואָלט באַקאָ־נען, הערסט? — כ'וויל עס בפירוש נישט. דאָס זיינען לחלוטין נישט־דערצויגענע מענטשן. אויב כ'מוז שוין וואוינען לעבן זיי דריי וואָכן און ס'איז נישטאָ קיין אַנדער עצה, וויל איך מיך על־כל פנים נישט באַקאָנען מיט זיי. איך האָב פולשטענדיק רעכט דאָס צו פאַרלאַנגען...

— גוט געזאָגט, יאָאַכים. — זיי האָבן דען דיר אַזוי געשטערט? יאָ, זיי זיינען אין אַ געוויסן זין באַרבאַרן, מיט איין וואָרט — אומ־ציוויליזירט. כ'האָב עס דיר באַלד געזאָגט. ער קומט אַלעמאָל צום עסן אין אַ לעדערנער קורטקע, אַן אויסגעריבענע — זאָג איך דיר. מיך וואונדערט אַלעמאָל, הלמאי בערענס שווייגט דערויף. זי גע־הערט אויך נישט צו די גרויסע עלעגאַנטינס, כאָטש זי טראָגט אַ הוט מיט פעדערן... אגב, האָסטו נישט וואָס צו זאָרגן, זיי זיצן ווייט פון אונז, ביים שלעכטן רוסישן טיש. ווייל ס'איז אויך פאַראַן אַ בעסערער טיש פאַר רוסן, דאָרטן זיצן די פיינערע רוסן און ס'וועט דיר כמעט נישט אויסקומען זיך צוזאַמענטרעפן מיט זיי, זאָלסט אַפילו וועלן. ס'איז בכלל גאָרנישט אַזוי לייכט דאָ צו שליסן באַקאַנטשאַפטן, שוין צוליב דעם, וואָס ס'זיינען דאָ פאַראַן אַזויפיל אויסלענדער צווישן די געסט. איך אַליין קאָן אויך נישט אַ סך, כאָטש כ'בין שוין דאָ אַזוי לאַנג.

— ווער פון זיי ביידע איז קראַנק? — פרעגט האַנס קאַסטאָרפּ.— ער, אָדער זי?

— דאַכט זיך — ער. — יאָ, ער — זאָגט יאָאַכים, קענטיק, צעשטרייט בשעת זיי הענגען אויף זייערע זאַכן אין דער גאַרדע־ראָבע פאַרן עס־זאַל. באַלד דערנאָך גייען זיי אַריין אין אַ העלן

אויסגעוויזן פאַר אַזעלכער דאָס זי זיך אים אויך דערפאַר, ווייל זי האָט געגעסן אויף אָנבייסן בלויז זעמל מיט פוטער מיט קאַווע און אין אים איז פון אַלעמאָל אָן געווען די פאָרשטעלונג פון אַ הויז־שניידערין פאַרבונדן מיט דער פאָרשטעלונג פון זעמל מיט פוטער מיט קאַווע. לינקס איז געזעסן אַן ענגלישע פריילין, שוין אויך אין די יאָרן, זייער אַ מיאוסע, מיט דאַרע, געפרוירענע פינגער. זי האָט געלייענט בריוו פון דער היים געשריבן מיט אַ קיילעכדיקן כתב, בשעת־מעשה האָט זי צוגעטרונקען בלוט־רויטע טיי. נאָך איר איז געזעסן יאָאַכים און דערנאָך — די פרוי שטער אין אַ שטאָטישער וואָלענער בלוזע. בשעתן עסן האָט זי געהאַלטן די לינקע האַנט צונויפגעבוילט נאָענט פון דער באַק און האָט זיך, באַשיינפערלעך, באַמיט ביים רײדן צו מאַכן אַ פיין, געבילדעט פנים. צוליב דעם האָט זי צוריקגעצויגן איר איבערשטע ליפּ פון אירע שמאָלע, לאַנגע האָזישע ציין. אַ יונגערמאַן מיט דינע וואָנצעלעך און מיט אַ מינע, ווי ער וואָלט אַריינגענומען אין מויל אַ ביסן מיט אַ שלעכטן טעם, האָט זיך צוגעזעצט לעבן זיי און געגעסן פרישטיק אינגאַנצן שווייגנדיק. ער איז אַריינגעקומען, ווען האַנס קאַסטאָרפּ איז שוין געזעסן, האָט גייענדיק און קיינעם נישט אָנקוקנדיק אַראָפּגעלאָזט איינמאָל די גאָמבע ביז דער ברוסט און אַזוי־אַרום זיך געגריסט. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט און געגעבן אָנצוהערן מיט זיין האַלטונג, אַז ער וויל נישט, מ׳זאָל אים באַקענען מיט דעם נייעם גאַסט. אפשר איז ער געווען צו קראַנק, ער זאָל נאָך וועלן אין זינען האָבן און אַכטונג טאָן אויף אַזעלכע אויסערלעכע זאַכן, אָדער בכלל זיך צו פאַראינטערעסירן מיט דער סביבה. אויף אַ ווײלע האָט זיך אַוועקגעזעצט קעגן אים אַן אויסערגעוויינלעך דאַר, העל־בלאָנד יונג מיידל. זי האָט אויסגעגאָסן אין טעלער אַריין אַ פלעשל יאָגהורט*, אינדערגיך אויסגעטרונקען מיט אַ לעפל און תיכף צוריק זיך אויפגעהויבן.

דער שמועס ביים טיש איז נישט געווען קיין לעבעדיקער. יאָאַכים האָט פאַר יוצא־וועגן גערעדט מיט דער פרוי שטער, געפרעגט, וואָס זי מאַכט און האָט מיט קאָרעקטן באַדויערן אויסגעהערט, אַז

* בולגארישע זויערמילך.

האָט האַנס קאַסטאָרפּ געמוזט באַשטיין און האָט מיט אַ באַזונדערער העפלעכקייט געבעטן טיי. מילא, זאָל זיין אַ קאַרליק. באַלד דערנאָך האָט ער גענומען עסן רייז־מיט־מילך מיט צימרינג און צוקער. בשעת־מעשה האָט ער געקוקט צו די אַנדערע מאכלים, צו וועלכע ער האָט געהאַט חשק און צום עולם ביי די זיבן טישן, יאָאַכימס קראַנקע קאָלעגן און אַחים־לצרה, וואָס עסן פרישטיק און פלוידערן.

דער זאַל איז געווען געהאַלטן אין יענעם נייצייטיקן געשמאַק, וועלכער גיט־צו דער זאַכלעכער פשוטקייט אַ פאַנטאַסטישן שטריך. לויט דער לענג, איז ער נישט געווען זייער ברייט און אַרומגערינגלט איז ער געווען מיט אַ מין גאַניק, אין וועלכן ס'זיינען געשטאַנען צוגרייט־טישלעך. צווישן דעם גאַניק און דעם אינעווייניקסטן טייל פון זאַל זיינען געווען גרויסע וועלבונגען. די פילאַרן זיינען ביז אין דער העלפט געווען מיט האָלץ און פאָליטורט אויף סאַנדל־האָלץ־קאָליר, העכער — גלאַט געווייסט, ווי דער איבערשטער טייל פון די ווענט און דער סופיט. אויף די פילאַרן זיינען געווען אויפגעמאָלט פאַרביקע, דינע בענדער, פשוטע און פריילעכע מוסטערן, וואָס האָבן זיך געבונדן מיט די לאַנגע פאַסן אויפן פלאַכן סופיט. אַ סך קאַנדעלאַברעס, עלעקטרישע, פון בלאַנקענדיקן מעש, האָבן באַצירט דעם זאַל. יעדער פון זיי איז באַשטאַנען פון דריי רייפן, איינע איבער דער אַנדערער, שיין פאַרבונדן מיט אַ געפלעכט. אויף דעם אונטערשטן זיינען געהאַנגען קיילעכיק אַרום ווייסע מילך־גלעזערנע לעמפלעך, ווי קליינע לבנות. ס'זיינען דאָ געווען פיר גלעזערנע טירן. אויף דער אַקעגנאיבערדיקער זייט אין דער ברייט פון זאַל — צוויי, וואָס זיינען אַרויסגעגאַנגען אויף אַ וועראַנדע. די דריטע איז געווען פון פאָרנט לינקס, וואָס האָט גלייך געפירט אין דער פאָדערשטער האַלע אַריין. די פערטע איז געווען יענע, דורך וועלכער האַנס קאַסטאָרפּ איז אַריינגעקומען פון הויז. ווייל יאָאַכים האָט היינט אַראָפּגעפירט מיט אַנדערע טרעפ, ווי נעכטן אינאָוונט.

רעכטס פון אים איז געזעסן עפעס אַ אומאָנזעעוודיק באַשעפעניש, אין שוואַרצן מיט אַ פוך אויפן פנים און מיט דערהיצטע באַקן. זי האָט אים אויסגעזען צו זיין אַ נייטאָרין אָדער אַ הויז־שניידערין.

טערס, ווייסע אָדער קאָלירקע, מיט ברייטע קעלנער און זייטיקע קעשענקעלעך. ס'זעט אויס שיין, בעת זיי שטייען מיט ביידע הענט פאַרשטעקט אין די קעשענקעלעך און פלוידערן. ס'רוב האָט מען דאָ ביי די טישן געוויזן זיך פאָטאָגראַפיעס, נייע, אייגענע אויפנאַמעס אָן שום ספק. ביי אַן אַנדערן טיש האָט מען זיך געביטן מיט פאָסטמאַרקעס. מ'רעדט וועגן וועטער, וועגן דעם, ווי אַזוי מ'איז געשלאָפן און וויפל ס'האָבן געוויזן אינדערפרי די טערמאָמעטערס אין די מיילער. דער רוב איז גאַנץ לוסטיק — מסתמא אָן אַ ספּעציעלער סיבה, פשוט, ווייל קיין באַזונדערע זאָרגן זיינען נישט פאַראַן און מ'איז אַלע צוזאַמען. אמת, עטלעכע זיינען געזעסן מיט די קעפּ אָנגעשפּאַרט אויף די הענט און האָבן געגלאָצט פאַר זיך. מ'האָט זיי געלאָזט גלאָצן און זיך נישט אומגעקוקט אויף זיי.

פלוצלונג האָט האַנס קאַסטאָרפּ זיך אַזש אָפּגעשאָקלט פון כעס און באַליידיקטקייט. אַ טיר האָט זיך צוגעקלאַפּט, ס'איז געווען די טיר לינקס פון פאָרנט, וואָס פירט גלייך אין דער האַלע אַריין. עמעץ האָט אָפּגעלאָזט די טיר, אָדער גאָר זי פאַרקלאַפּט הינטער זיך. דאָס האָט אָנגעמאַכט אַ רעש, וועלכן האַנס קאַסטאָרפּ האָט שרעקלעך נישט געקאָנט ליידן און האָט אים פיינט געהאַט פון אייביק אָן. אפשר האָט זיך די דאָזיקע שנאה גענומען פון דער דערציִונג, און אפשר פון אַ געבוירענער אידיאָסינקראַזיע*) — אַ פאַקט איז, אַז ר'האָט געהאַט אַן עקל צו קלאַפּנדיקע טירן און איז גרייט געווען דורס צו זיין יעדן איינעם, וועלכן ער האָט געהערט אָפּטאָן אַזאַ זאַך. ביים איצטיקן מאָל איז די טיר נאָך פול געווען מיט קליינע שייבלעך און דערפון איז דער טרייסל געווען נאָך שטאַרקער: ס'האָט געטאָן אַ טראַסק און אַ קלינג. פוי! — האָט האַנס קאַסטאָרפּ אַ טראַכט געטאָן מיט רוגזה, — וואָס איז דאָס פאַר אַ פאַסקודנע שלימזלדיקייט! אָבער באותו רגע האָט די נייטאָרין עפּעס אַ זאָג געטאָן אַזוי, אַז ער האָט נישט באַוויזן זיך אומצוקוקן, ווער ס'האָט דאָס אָפּגעטאָן. בשעת ער האָט

* געבוירענער עקל.

ס׳וואָלט געקאָנט זיין בעסער. זי האָט זיך געקלאָגט אויף אָפּגעלאָזנקייט. כ׳בין אַזוי אָפּגעלאָזן — האָט זי געצויגן די ווערטער און זיך נעחנ״ט אויף אַ עס-האַרצישן אופן. באַלד ווי זי איז אויפגעשטאַנען, האָט זי געהאַט 37,3 און וואָס ווייט נאָך זיין נאָכמיטאָג. די הויזשניידערין האָט געזאָגט, אַז זי האָט אויך די אייגענע טעמפּעראַטור, נאָר להיפוך צו דער פרוי שטער פילט זי זיך אויפגערעגט, אינערל׳עך געשפּאַנט און אַזוי צעטומלט, גלייך ווי זי וואָלט זיך געריכט אויף עפּעס אַ באַזונדער און וויכטיק געשעעניש. פּאַקטיש ריכט זי זיך אויף גאָרנישט. ס׳איז מער נישט אַ קערפּערלעכע איפּרעגונג אָן שום גייסטיקע סיבות. ניין, קיין הויז-שניידערין איז זי נישט, ווייל זי רעדט זייער קאָרעקט און כמעט געלערנט. אַגב, האָט האַנס קאַסטאָרפּ געהאַלטן, אַז די אויפגערעגטקייט אָדער דאָס בלויזע דערציילן דערפון איז ביי אַזאַ נישט-אָנזעעוודיק און נישטיק באַשעפעניש׳ל עפּעס נישט איפן אָרט און כמעט נישט אַ־ענטלעך.

ער האָט געפּרעגט נאָכאַנאַנד סיי די נייטאָרין, סיי די פרוי שטער, ווי לאַנג זיי זיינען שוין דאָ (די ערשטע איז אין סאַנאַטאָריע פינף חדשים, די צווייטע — זיבן), האָט צונויפגעקראַצט זיין גאַנץ ביסל ענגליש, כדי אַ פרעג צו טאָן ביי זיין שכנה, אויף רעכטס, וואָס פאַר אַ מין טיי זי טרינקט (ס׳איז געווען פעלד-הייזן-טיי) און צי ס׳איז גוט. זי האָט געענטפערט כמעט מיט התפעלות, אַז יאָ. דערנאָך האָט ער אַ קוק געטאָן איבערן זאַל, וואו מ׳האָט געהאַלטן אין איין אַריינקומען און אַרויסגיין. דאָס ערשטע פרישטיק איז מען, זעט אויס, נישט מחוייב צו עסן דווקא צוזאַמען.

ער האָט פריער אַ ביסל מורא געהאַט פאַר שרעקנדיקע איינדרוקן. איצט איז ער געווען אַנטטוישט. ס׳איז דאָ גאַנץ לעבעדיק אין זאַל, מ׳האָט נישט דאָס געפיל, אַז מ׳געפינט זיך אין אַ עמק-הבכא. ברוינאָפּגעברענטע יונגע מענטשן פון ביידע מינים קומען אַריין אונטערטרעלנדיק, שמועסן מיט די זאַל-טעכטער און רייבן אַריין דעם פרישטיק מיט שטאַרקן אַפּעטיט. ס׳זיינען דאָ פאַראַן אויך עלטערע מענטשן, פּאָרפאָלקן, אַ גאַנצע פאַמיליע מיט קינדער, וואָס רעדט רוסיש, אויך האַלב-דערוואַקסענע בחורים. די פרויען טראָגן כמעט אַלע שמאָלע זשאַקעטלעך פון וואָל אָדער זייד, אַזוי-גערופענע סווע-

דעם זעט ער אויס אַ סך בלאַסער. ער האַלט זיך אײַנגאַנצן, ווי אַן אַסיסטענט, און נעמט נישט אויף קיין שום אופן קיין אָנטייל אין דער באַגריסונג. בלויז די ליפּן זײַנע זײַנען אַ ביסל קריטיש אויסגעקרימט און מ׳קאָן אין זיי דערקענען, אַז ער האַלט זײַן אָפּהענגיקע באַציִונג פֿאַר עפּעס אַ קוריאָז.

— קוזינען? — האָט דער הויפֿראַט געפֿרעגט ווייזנדיק מיט דער האַנט, דאָ אויף דעם, דאָ אויף יענעם, און ער האָט געקוקט אויף זיי מיט זײַנע בלוט־אונטערגעלאָפֿענע אויגן פֿון אונטן אַרויף... נאָ, וויל ער דען אויך גיין צו די זעלנער? — זאָגט ער צו יאָאַכימען און ער ווײַזט מיטן קאָפּ אויף האַנס קאַסטאָרפּ... ניין,... גאָט זאָל אָפּהיטן, — וואָס? כ׳האָב תּיכּף דערקאָנט — און ער רעדט איצט שוין דירעקט צו האַנס קאַסטאָרפּ — אַז איר האָט אין זיך עפּעס ציווילס, עפּעס פֿאָרנעמס, נישט זעלנערישס, ווי אַט־דער ראָטע־פֿירער. איר וואָלט געווען אַ בעסערער פּאַציענט, ווי אַט־דער — כ׳וואָלט מיך געקאָנט געוועטן. איך דערקאָן תּיכּף אין יעדן, צי ער קאָן ווערן אַ נוצלעכער פּאַציענט. ווײַל דערצו דאַרף מען האָבן טאַלענט. צו אַלצדינג דאַרף מען האָבן טאַלענט, און דער מירמידאָן*) האָט אַפֿילו קיין ברעקל טאַלענט נישט. צום עקזיצירן — דאָס ווייס איך נישט, אָבער קראַנק צו זײַן — לחלוטין נישט. איר וועט גלויבן, אַז ער וויל גאָר אַוועקפֿאָרן? כּסדר גאָר אַוועק, פּייניקט מיך און מאַטערט מיך און קאָן זיך גאָרנישט דערוואַרטן אויף דער צײַט, ווען מ׳וועט זיך שוין אונטערנעמען צו אים. אַזאַ פֿלי־קאָפּ, אַפֿילו קיין אײן האַלב יאָר וויל ער אונז נישט שענקען. און דערבײַ איז דאָך גאַנץ שיין דאָ בײַ אונז — זאָגט אַליין, צימערן, צי ס׳איז נישט שיין בײַ אונז. נו, אײַער קוזין וועט אונז שוין קאָנען בעסער אָפּשאַצן, וועט זיך שוין אַמוזירן. קיין מאַנגל אין דאַמען איז אויך נישטאָ. מיר האָבן די סאַמע פֿײַנסטע דאַמען. אויסערלעך, לכל־הפּחות, זײַנען אַ טייל גאַנץ שיין. אָבער איר זאָלט זען אַ ביסל קומען צו די קאָלירן, איר הערט? — ווען נישט, וועט איר פֿאַלן אין די אויגן פֿון די דאַמען. דער

* א גריכישער קריגערישער שבט.

געענטפערט דער נייטאָרין, זיינען געשטאַנען צווישן זיינע בלאָנ־דע ברעמען קנייטשן און זיין פּנים איז געווען פיינלעך פאַרקרימט.
יאָאַכים פרעגט, צי די דאָקטוירים זיינען שוין דורכגעגאַנגען. —
יאָ, צום ערשטן מאָל זיינען זיי דאָ געווען. — ענטפערט עמעץ.
זיי זיינען אַרויס פון זאַל כמעט אין דער זעלבער רגע, ווען ס'זיי־נען אַריינגעקומען די קוזינען. אויב אַזוי, וועט מען שוין גיין און נישט וואַרטן — זאָגט יאָאַכים. אַ געלעגנהייט פאָרצושטעלן קאַס־טאָרפּן די דאָקטוירים וועט זיך שוין מאַכן אין משך פון טאָג.
אָבער ביי דער טיר האָבן זיי זיך כמעט אָנגעשטויסן אינם הויפראַט בערענס, וואָס איז אַריינגעקומען אינדערגיך און נאָך אים — ד"ר קראָקאָווסקי.
— האָפּלאַ, פאָרזיכטיק, הערן — דאָס וואָלט געקאָנט שלעכט אָפּלויפן פאַר די הינער־אויגן פון ביידע צדדים. — ער רעדט מיט אַ שטאַרק נידערזאַקסישן אַקצענט, ברייט און צעקייט. — אַזוי, דאָס זענט איר — זאָגט ער צו האַנס קאַסטאָרפּ, וועלכן יאָאַכים שטעלט פאָר מיט צוזאַמענגעזעצטע קנאַפּלען. — נאַ, ס'פרייט מיך — און ער דערלאַנגט דעם יונגנמאַן די האַנט, וואָס איז אַזוי גרויס ווי אַ שופלע. עס איז אַ ברייט־ביינעוודיקער פאַרשוין, אפשר מיט דריי קעפּ העכער פון קראָקאָווסקין, שוין אינגאַנצן מיט אַ ווייסן קאָפּ, מיט אַן אַרויסגעזעצטן קאַרק, גרויסע, אַפּערקוועלנדיקע, מיט בלוט אונטערגעלאָפענע בלויע אויגן, וואָס זיינען פאַרטראַכט. אַ נאָז האָט ער אַ פאַרריסענע, קורץ־געשווירענע וואָנסעלעך, וואָס גייען קרום דערפאַר, ווייל די אייבערשטע ליפּ איז אין איין זייט פאַר־צויגן. דאָס, וואָס יאָאַכים האָט געזאָגט וועגן זיינע באַקן, שטימט: זיי זיינען בלוי. אַזוי־אַרום האָט זיין קאָפּ געווירקט פאַרביק אויפן פאָן פון דעם ווייסן כירורגישן ראָק, וועלכן ער טראָגט, אַ מין גע־גאַרטלטן קיטל, וואָס גרייכט ביז צו די קניען. אונטן קוקן אַרויס אַ פּאָר געשטרייפטע הויזן און אַ פּאָר קאָלאָסאַלע פיס אין אַ פּאָר געלע, אַ ביסל־אָפּגענוצטע געשנורעוועטע שיך. אויך ד"ר קראָקאָוו־סקי איז אָנגעטאָן אין זיינע פאַך־מלבושים, אָבער זיין קיטל איז אַ שוואַרצער, פון אַ שוואַרצן, בלישטשענדיקן שטאָף, צוגעשניטן ווי אַ העמד, מיט גומענע טאַשמעס ביי די זוימען פון די אַרבל. צו־

אַ שפּיצל. וויאַטיקום. פאַרשטערטע שמחה.

אַ גאַנץ וואוילער מענטש — זאָגט האַנס קאַסטאָרפּ, נאָכדעם, ווי זיי באַגריסן זיך פריינדלעך מיט דעם הינקענדיקן משרת, וואָס סדרט אוים אין זיין לאָזשע בריוו, און גייען אַרויס איגדהייסן דורכן פּאָרטאַל. דער פּאָרטאַל ליגט אין דער דרום=מזרחדיקער זייט פון דער ווייס געטינקעווטער געביידע, וואָס איר מיטלסטער טייל איז העכער פון ביידע זייטיקע פליגל מיט אַ שטאָק. אויף איר הייבט זיך אויף אַ נידעריקער זייגער=טורעם, וואָס איז געדעקט מיט שיפּער=פאַרביקן אייזן=בלעך. ווען מ'גייט דאָ אַרום אַרויס פון דעם הויז, דאַרף מען נישט אַדורכגיין דעם איינגעצוימטן גאָרטן, נאָר מ'איז גלייך אינדרויסן, קעגן קרימלעכע בערג=לאָנקעס; ס'שטייען דאָ איינציקע, מיטלהויכע יאָדלעס און איינגעבויגענע קרומע אַלפּן=סאָסנעס. דער וועג, מיט וועלכן זיי גייען (אייגנטלעך איז עס דער איינציקער וועג, וואָס קאָן גענומען ווערן אין חשבון, אַחוץ דעם פּאָר=שאָסיי, וואָס גייט באַרג=אַראָפּ, אין טאָל אַריין), פירט זיי לייכט אַרויף אויף לינקס פאַרביי דער צווייטער זייט פון סאַנאַטאָריע, די זייט, וואו ס'געפינט זיך די קיך און דאָס באַלעבאַטישקייט און וואו ס'שטייען אייזערנע מיסטפעסער ביי די קראַטעס פון די קעלער=טרעפּ. דער וועג פירט נאָך אַ היפּש שטיק אין דער זעלבער ריכטונג, אָבער דערנאָך בויגט ער זיך אום שאַרף און פירט שוין מער=שיפּועדיק רעכטס אַרויף צום באַרג, וואָס איז באַוואַקסן שיטערלעך מיט וואַלד. ס'איז אַ האַרטער, רויטלעכער, נאָך אַ ביסל פייכטער וועג און ביי זיינע ראַנדן זיינען ערטערווייז גרויסע שטיינער. אמת, די קוזינען זיינען נישט אַליין דאָ געגאַנגען אויף דער פּראָמענאַדע. געסט, וואָס האָבן געענדיקט זייער פרישטיק באַלד נאָך זיי, זיינען אונטערגעקומען פון הינטן. גאַנצע גרופּעס, וואָס זיינען שוין געגאַנגען צוריק, זיינען זיי אַקעגנגעקומען מיט פּאַטשנדיקע טריט פון מענטשן, וואָס גייען באַרג=אַראָפּ.

— זייער אַ וואוילער מענטש — האָט האַנס קאַסטאָרפּ ווידער אַ זאָג געטאָן דאָס אייגענע. ער רעדט אַזוי לעבעדיק, ס'גלוסט זיך אַוש צו לאַכן. „קוועקזילבערנער ציגאַר" אָנשטאָט „טערמאָ

גאָלדענער בוים פון לעבן איז טאַקע גרין — ווי געטע זאָגט — אָבער ווי אַ קאָליר פון פנים איז גרין נישט דווקא די ריכטיקע פאַרב. אינגאַנצן אַנעמיש, נאַטירלעך — זאָגט ער. בשעת־מעשה גיט ער אָן צערעמאָניעס אַ גיי צו צו האַנס קאַסטאָרפּ און גיט אַ צי אַראָפּ איין וויע מיט זיינע מיטן ווייַז־פינגער און מיטן מיטלסטן. פאַר־שטייט זיך, אינגאַנצן אַנעמיש, ווי כ'האָב געזאָגט. איר ווייסט וואָס? ס'איז גאָרנישט נאַריש געווען פון אייער זייט, וואָס איר זייט אַוועק אויף אַ שטיקל צייט פון אייער האַמבורג. זייער אַ פיינע אינסטיטו־ציע, אָט־דאָס האַמבורג: שטעלט אונז צו אַ גאַנץ לייטישן קאָנטי־גענט מיט זיין פייכט־פרייַלעכער מעטעראָלאָגיע. אָבער אויב איר ווערט ערלויבן, כ'זאָל אייך ביי אָט־דער געלעגנהייט געבן אַ שטיקל עצה— אינגאַנצן סינע פעקוניאַ*, פאַרשטייט איר, — טאָ טוט דאָס אַלץ, וואָס אַייער קוזין. כל־זמן איר זענט דאָ. אין אַייער פאַל קאָן מען נישט אָפּטאָן עפּעס שכלדיקערס, ווי אַ שטיקל צייט זיך צו פירן אַזוי ווי ביי לייכטער טובערקולאָזיס פולמאָנוס** און צו נעמען אַ ביסל איווייַס. מיט דעם איווייַס־שטאָפוועקסל איז ביי אונז דאָ אַ שטיקל קוריאָז... כאָטש דער קערפּער פאַרברענט מער, ווי געוויינלעך, לייגט ער פונדעסטוועגן אָפּ איווייַס... נו, איר זענט גוט געשלאָפן, צימסען? גוט, וואָס? אויב אַזוי — אַרויס אויף שפּאַציר! אָבער נישט מער, ווי אויף אַ האַלבער שעה! און דערנאָך דעם קוועקזילבערנעם ציגאַר אין מויל אַריין! שטענדיק גענוי פאַרשריבן, צימסען! מיליטעריש! געוויסנהאַפט! אין שבת וועל איך אַ קוק טאָן אויף דער דיאַגראַמע! אַייער הער קוזין מעג אויך מעסטן צוזאַמען מיט אַייך. מעסטן קאָן קיינמאָל נישט שאַטן. גוטן טאָג, מיינע הערן! ווילט אַייך גוט! טאָג... טאָג... ד״ר קראָקאָווסקי גייט אים נאָך. בערענס שווימט פאָרויס און מאַכט מיט די הענט. די האַנט־פלאַכן זיינען אינגאַנצן אויס־געדרייט אויף הינטן. ער האַלט אין איין פרעגן אויף רעכטס און אויף לינקס, צי ס'איז „גוט“ געשלאָפן, און אַלע זאָגן, אַז יאָ.

* אָן געלט, בחינם.

** טובערקולאָזע פון די לונגען.

פּונקט אַזוי ווי בעת מ׳ליגט בּיים ים. מ׳ליגט זיך דעמאָלט בּיים ים— נישט אמת? — מ׳דאַרף מער גאָרנישט, נישט אַרבּעטען, נישט ווילן זיך... דאַנקען גאָט, רויכערן רויכערט מען אויף דער גאַנצער וועלט, מ׳איז — אויף וויפל כ׳ווייס — אין ערגעץ נישט פרעמה, וואו מ׳זאָל נישט אָנשלאָגן. אַפּילו די פּאָלאַר־פאָרשער גרייטן זיך אָן אַ סך טיטון פאַר דער צייט פון זייער שווערער נסיעה. ס׳איז מיר אַלע־מאָל געפעלן געוואָרן וויפל מאָל כ׳האָבּ געלייענט וועגן דעם. ווייל ס׳קאָן דאָך אַמאָל עמעצן גיין זייער שלעכט, — לאָמיר זיך פאָר־שטעלן, אַז ס׳גייט מיר שלימזלדיק; אָבּער אַזוי לאַנג, ווי כ׳וועל האָבּן אַ ציגאַר, וועל איך אויסהאַלטן, דאָס ווייס איך. ער וועט מיר העלפן איבּערקומען אַלץ.

— ווי ס׳זאָל נישט זיין, איז עס אַ בּיסל אַן אָפּגעלאָזנקייט פון דיר, וואָס דו האָסט דיך אַזוי צוגעוויינט דערצו — זאָגט יאָאַכים.— בּערענס איז גאַנץ גערעכט, דו בּיסט אַ ציוויליסט. ער האָט עס געמיינט מער לשבח, אָבּער דו בּיסט אַן אומהיילבּאַרער ציוויליסט — דאָס איז דער אמת. אַגב, בּיסטו געזונט און קאָנסט טאָן, וואָס דו ווילסט — זאָגט ער און זיינע אויגן ווערן אויף אַמאָל מאַט.

— יאָ, געזונט, אַחוץ אַנעמיע — זאָגט האַנס קאַסטאָרפּ. — ער איז מיר נישקשה אַריינגעפאָרן, בּעת ער האָט געזאָגט, אַז כ׳זע אויס גרין, אָבּער ס׳איז אמת. ס׳האָט זיך מיר אַליין אויך גע־וואָרפן אין די אויגן, אַז אין פאַרגלייך מיט אייך דאָ, אויבּן, בּין איך ממש גרין. אין דער היים האָבּ איך עס נישט אַזוי בּאַמערקט. ס׳איז אויך פיין פון אים, וואָס ער האָט מיר אָן שום צערעמאָניעס געגעבּן עצות — סינע פּיקוניאַ — ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט. כ׳האָבּ בּאמת בּדעה צו טאָן אַזוי, ווי ער האָט געזאָגט און זיך פירן פּונקט אַזוי ווי דו. וואָס דען זאָל איך טאָן בּיי אייך דאָ, אויבּן, בּפרט נאָך, אַז ס׳קאָן גאָרנישט שאַטן, ווען כ׳וועל צונעמען אַ בּיסל אייוויס, כאָטש ס׳קלינגט אַ בּיסל עקלדיק, דאָס מוזטו מיר מודה זיין.

יאָאַכים האָט עטלעכע מאָל גייענדיק אַ הוסט געטאָן. דאָס אַרויפגיין אינדערהויך האָט אים, אַפּנים, אַ בּיסל פאַרמאַטערט. ווען ער האָט געטומען הוסטן צום דריטן מאָל, איז ער געבּליבּן שטיין מיט פאַרצויגענע בּרעמען. — גיי נאָר פאָרויס — האָט ער געזאָגט.

מעטער" איז דאָך אויסגעצייכנט, כ'האָב מיך תיכף אָנגעשטויסן... אָבער איצט וויל איך פאַרויכערן אַן אמתן — זאָגט ער און שטעלט זיך אָפּ. — כ'קאָן עס מער נישט אויסהאַלטן! פון נעכטן מיטאָג אָן האָב איך נאָך נישט געריכערט עפּעס גוטס... זיי מוחל אַ ווײַלע! — ער נעמט אַרויס פון זיין אויטאָמאָביל־לעדערנער טאַבאַק־פּושקע, וואָס איז באַצירט מיט אַן זילבערנעם מאָנאָגראַם, אַן עקזעמפּלאַר פון מאַריאַ־מאַנציני, אַ שיינעם ציגאַר, וואָס איז געלעגן אין קעטשעלע, סאַמע פונאויבן און איז געווען אין איין זייט אַ ביסל צוגעפּלאַטשט, ווי ער האָט באַזונדער ליב געהאַט. ער שניידט אָפּ דעם שפּיץ מיט אַ קליינעם קרום־שניידנדיקן אינסטרומענט, וואָס הענגט בײַ אים אויפן קייט פון זייגער, צינדט אָן זיין ברען־מאַשינקע, פאַררויכערט זיין לאַנגן, פאָרנט טעמפּן ציגאַר און נעמט פּאַפּען מיט גרויס חשק. אַזוי — זאָגט ער. — איצט קאָנען מיר מײַנסטהאַלבן ווייטער שפּאַצירן. דו רויכערסט מסתמא נישט בלויז צוליב אָפּגעהיטקייט?

— כ'האָב קיינמאָל נישט געריכערט — ענטפערט יאָאַכים. — פאַרוואָס זאָל איך גראָד דאָ אָנהייבן רויכערן.

— דאָס פאַרשטיי איך נישט — זאָגט האַנס קאַסטאָרפּ. — כ'פאַרשטיי בכלל נישט, ווי אַזוי מ'קאָן נ י ש ט רויכערן. יענער ווערט אָן, וואָלט איך געזאָגט, דאָס בעסטע אין לעבן, אַלנפאַלס אַ גרויסע הנאה. ווען איך כאַפּ מיך אויף, פריי איך מיך שוין, וואָס כ'וועל קאָנען רייכערן אין משך פון טאָג. ווען כ'עס, פריי איך מיך ווידער צוליב דעם. כ'קאָן כמעט זאָגן, אַז כ'עס בלויז, כדי צו קאָנען רייכערן דערנאָך, כאָטש דאָס איז שוין אַ ביסל אַ גוזמא. אָבער אַ טאָג אָן טיטון — דאָס וואָלט פאַר מיר געווען די סאַמע גרעסטע פּוסטקייט, אַ לחלוטין וויסטער טאָג אָן יעדן טעם. ווען כ'וואָלט געמוזט איינמאָל אײַפשטיין אינדערפרי, און זאָגן מיר אַליין, אַז הײַנט וועט נישט זיין צו רויכערן, — דאַכט זיך, אַז כ'וואָלט גאָר מער נישט געהאַט דעם כוח אויפצושטיין, באמת, כ'וואָלט געבליבן ליגן. זעסטו: רויכערט מען אַ גוטן ציגאַר — פאַרשטייט זיך, אַז ער דאַרף נישט דורכלאָזן לופט אָדער ציען שלעכט, דאָס טויג אויף כפּרות. — כ'מיין: ווען מ'רויכערט אַ גוטן ציגאַר, איז מען אייגנטלעך אָפּגעהיט, ממש אויסגעזאָרגט פון אַלע צרות אין דער וועלט. ס'איז

ניין, דאָס איז געווען אידיאָטיש! זי האָט צו אים אַ פּייף געטאָן, אָבער נישט מיט דעם מויל — דאָס מויל איז נישט געווען בײַ איר אויסגעשפּיצט, פאַרקערט, זי האָט עס געהאַלטן צוגעמאַכט. בשעת זי האָט אים אָנגעקוקט, נאַריש און מיט האַלב־צוגעמאַכטע אויגן, האָט עפּעס אַרויסגעפּייפט פון איר. ערגעץ פון איר ברוסט איז אויך אַן אומפאַרשטענדלעכן אופן אַרויס אַן אויסערגעוויינלעך נישט אָנגענעם פּייפן, אַ רויש, אַ שאַרפס און פונדעסטוועגן — אַ הוילס, אַן אײַנגעצויגנס און צום סוף — אַן אויסגייענדיקס, אַזוי, אַז ס'האָט דערמאָנט אין דער מוזיק פון אַ גומען חזירל, פון וועלכן מ'בלאָזט אַרויס די לופט בעת מ'קוועטשט עס צונויף. באַלד דערנאָך איז זי אַוועק מיט דער גרופּע.

האַנס קאַסטאָרפּ איז געשטאַנען אַ פאַרגליווערטער און האָט געקוקט ווײַט פאַר זיך. דערנאָך האָט ער זיך תיכף אויסגעדרייט און האָט אַ קוק געטאָן, אַז דאָס עקלדיקע פּייפן האָט געמוזט זײַן אַ וויץ, אַ פאָרויס צוגעטראַכט שפּיצל. ווײַל אין די אַקסלען פון דער אַוועקגייענדיקער גרופּע האָט ער דערקענט, אַז זיי לאַכן; אַ קליינוואוקסיק בחורל מיט אַרויסגעזעצטע ליפּן, וועלכער האָט אויך אַן אומגעלומפּערטן אופן פאַרשאַרצט די קורטקע און געהאַלטן די הענט אין בײַדע הויזנקעשענעס — האָט אַפילו אָן שום חכמות אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו אים און געלאַכט... דערווײַל איז נאָכגעקומען יאָאַכים. ער האָט זיך געגריסט צו דער גרופּע און האָט, לויט זײַן מיליטערישן שטייגער, זיך כמעט אַוועקגעשטעלט מיטן גאַנצן קערפּער און זיך פאַרבייגט מיט צונויפגעקלאַפּטע קנאַפּלען. דערנאָך איז ער צוגעגאַנגען צו זײַן קוזין און דערבײַ אים אָנגעקוקט מילד.

— וואָס מאַכסטו פאַר אַ צורה? — האָט ער געפרעגט.

— זי פּייפט גאָר — האָט געענטפערט האַנס קאַסטאָרפּ — זי האָט געפּייפט פון בויך אַרויס, בעת זי איז פאַרבײַגעגאַנגען דורך מיר. וואָס איז דאָס אַזוינס?

— אַ — זאָגט יאָאַכים און לאַכט מיט ביטול. — נישט פון בויך אַרויס, נאַרישקייטן. דאָס איז די קלעפעלד, הערמינע קלעפעלד, זי פּייפט מיט דעם פּנעומאָטאָראַקס.

האַנס קאַסטאָרפּ נעמט אינדערגיך גיין ווייטער און קוקט זיך נישט אום. דערנאָך נעמט ער טרעטן פּאַמעלעכער און בלייבט צום סוף כּמעט שטיין, ווייל ס'דאַכט זיך אים, אַז ער איז צו ווייט אָפּגעגאַנגען פון יאָאַכימען. אָבער ער קוקט זיך נישט אום.

אַ גרופּע געסט פון ביידע מינים קומט אָן אַקעגן. ער האָט זיי נאָך פריער געזען אָנקומען מיטן גלייכן וועג פון דעם שיפּוע. איצט פּאַטשן זיי בארג־אַראָפּ, גלייך צו אים און מ'הערט זייערע פאַרשיידענערליי קולות. ס'זיינען געווען זעקס אָדער זיבן פּאַרשוין פון פאַרשיידענעם עלטער, אַ טייל בלוט־יונגע, עטלעכע — שוין אַ ביסל עלטערע. ער קוקט זיי אָן און בויגט אויס דעם קאָפּ אין אַ זייט. בשעת־מעשה טראַכט ער וועגן יאָאַכימען. זיי זיינען געווען אָן די הוטלען און ברוין־אָפּגעברענט, די דאַמען — אין פאַרביקע סוועטערס, די הערן — ס'רוב אָן אייבער־מלבושים און אַפילו אָן שטעקנס, ווי מענטשן, וואָס גייען אַרויס פאַרן הויז מיט די הענט אין די קעשענעס און אָן שום הכנות. זיי זיינען געגאַנגען באַרג־אַראָפּ — אַ גיין, וואָס פאָדערט נישט קיין ערנסטע אָנשטרענגונג, נאָר בלויז אַ פריילעך האַמעווען און אָנשפּאַרן די פיס, כּדי זיך נישט צופיל צו צעלאָזן און זיך נישט צו צעקלאַפּן, אַ גיין, וואָס איז איינגעלעך אַ מין לאָזן זיך פאַלן. צוליב דעם האָט דער אופן גיין זייערער אין זיך עפּעס אַ באַפליגלטקייט און אַ לייכטקייט. דאָס האָט זיך אויך אָפּגעשלאָגן אויף זייערע מינעס און אויף זייער גאַנצן אויסזען אַזוי, אַז ס'האָט אָנגענומען אַ חשק צו זיין צווישן זיי.

איצט זיינען זיי שוין צוגעקומען צו אים. האַנס קאַסטאָרפּ האָט גענוי געזען זייערע פּנימער, נישט אַלע זיינען זיי געווען אָפּגעברענט. צוויי דאַמען האָבן זיך אויסגעטיילט מיט זייער בלאַסקייט: איינע איז געווען דין, ווי אַ שטעקעלע, מיט אַן עלפאַנטביינערן פּנים, די אַנדערע — אַ קלענערע און אַ פעטע, מיט מיאוסע לעבער־פלעקן. זיי האָבן אים אַלע אָנגעקוקט, מיט אַ בשותּפותדיקן דרייסטן שמייכל. אַ הויך יונג מיידל אין אַ גרינעם סוועטער, מיט שלעכט פריזירטע האָר און מיט תּמעוואַטע, האַלב־צעעפנטע אויגן האָט זיך דורכגעגליטשט האַרט לעבן האַנס קאַסטאָרפּן, דערביי האָט זי אים כּמעט אָנגערירט מיט איר אָרעם. בשעת־מעשה האָט זי געפייפט....

איך דיר אויך נישט זאָגן. זי אַליין קאָן עס אויך נישט גענוי אויסמשלען. ווען זי גייט גיך, קאָן זי פייפן פון אינעווייניק אַרויס. פאַרשטייט זיך, אַז זי טוט עס, כּדי צו דערשרעקן מענטשן, דער עיקר — ניי־אָנגעקומענע קראַנקע. אַגב, דאַכט זיך, אַז ס׳גייט איר אויס דערביי דער שטיק־שטאָף, ווייל אַלע אַכט טאָג דאַרף מען זי אויפסניי אָנפּאָמפּעווען.

איצט האָט זיך האַנס קאַסטאָרפּ צעלאַכט. פון יאָאַכימס רייד איז די אויפרעגונג איבערגעגאַנגען אין לוסטיקייט. גייענדיק דעקט ער צו די אויגן מיט דער האַנט, בויגט זיך אויס און זיינע אַקסלען נעמען ציטערן פון גיכן און שטילן כיכיקען.

— זיי זיינען אפשר פאַררעגיסטרירט אויך? — פרעגט ער און דאָס ריידן קומט אים נישט אָן לייכט. פון איינגעהאַלטענעם געלעכטער איז דאָס קול ווייגענדיק און שטיל־קוויטשענדיק. — און כּטאַטוטן האָבן זיי אויך? אַ שאָד, וואָס דו ביסט נישט קיין מיטגליד. דעמאָלט וואָלט מען מיך געקאָנט אָננעמען פאַר אַן ערן־גאַסט אָדער פאַר אַ... טרינק־קאָמפּאַן.... דו בעט בערענסן, ער זאָל דיך אַ ביסל אָפּשטעלן אין דער לונגען־טעטיקייט; אפשר וועסטו אויך קאָנען פייפן, אויב דו וועסט דיך דערמיט אָפּגעבן. סוף־כּל־סוף מוז מען עס דאָך קאָנען אויסלערנען זיך. דאָס איז דאָס קאָמישסטע, וואָס כ׳האָב נאָך ווען־ס׳איז געהערט אין מיין לעבן — זאָגט ער און זיפצט אָפּ. — יאָ, זיי מיר מוחל, וואָס כ׳רייד אַזוי וועגן אַזעלכע זאַכן, אָבער זיי אַליין זיינען דאָך אין דער בעסטער שטימונג, דיינע פּנעומאַטישע גוטע פריינט! ווי זיי זיינען דאָס אָנגעקומען... און גיי ווייס, אַז דאָס איז דער „האַלבע־לונגען־פאַראיין“! „טיוו“ — האָט זי אויף מיר אַ פייף געטאָן, אַ ווילדער נפש! אָבער דאָס איז דאָך אמתע הוצפה! פאַרוואָס זיינען זיי אַזעלכע חוצפּהניקעס, אפשר ווייסטו?

יאָאַכים זוכט אַן ענטפער. פּשוט — זאָגט ער — זיי זיינען אַזעלכע פרייע... כ׳מיין — ס׳זיינען יונגע מענטשן און די צייט שפּילט פאַר זיי קיין שום ראָלע נישט. דערנאָך ווערט מען ווי־ס׳איז אויסשטאַרבן. פאַרוואָס זאָלן זיי מאַכן ערנסטע מינעס? טיילמאָל טראַכט איך: קראַנק זיין און שטאַרבן זיינען אייגנטלעך נישט קיין ערנסטע זאַכן, זיי זיינען מער אַ מין לײדיקגייערײ. ערנסט איז דאָס לעבן,

— מיט וואָס? — פרעגט האַנס קאַסטאָרפ. ער איז מאָדנע צעטומלט און ווייסט אַליין נישט פאַרוואָס. ער האָט געהאַלטן סיי ביי לאַכן, סיי ביי וויינען און אַ זאָג געטאָן: קאָנסט דאָך נישט פאַרלאַנגען, כ'זאָל פאַרשטיין אייער קוידערוועלש.

— אָבער קום, לאָמיר גיין, — זאָגט יאָאַכים. — איך קאָן עס דיר געבן צו פאַרשטיין גייענדיק אויך. דו שטייסט, ווי צוגעוואַקסן. ס'איז עפעס פון דער כירורגיע, ווי דו ביסט דיר משער, אַן אָפעראַציע, וואָס ווערט דאָ אָפט געמאַכט. בערענס איז אַ גרויסער בריה אין די זאַכן... ווען מיט איין לונג האַלט עס גאָר שמאָל, פאַרשטייסטו, און די אַנדערע איז געזונט, אָדער אין פאַרגלייך מיט יענער געזונט, — דעמאָלט ווערט די קראַנקע לונג אויף אַ שטיקל צייט אָפגעשטעלט אין איר טעטיקייט, כדי זי זאָל זיך אַזוי אַרום אויסרוען... ס'הייסט: מ'שניידט דאָ ערגעץ אויף, דאָ ערגעץ אין דער זייט, — כ'ווייס נישט גענוי דאָס אָרט, אָבער בערענס טרעפט עס אויסגעצייכנט אָן. דערנאָך לאָזט מען אין קראַנקן אַריין גאַז, שטיק־שטאָף, ווייסטו, אַזוי אַז די קראַנקע לונג הערט אויף צו טאָן יעדע אַרבעט. פאַרשטייט זיך, אַז דער גאַז האַלט נישט זייער לאַנג, בערך יעדן האַלבן חודש מוז מען אויפסניי אַריינלאָזן. מ'ווערט ווי אָנגעפאָמפעוועט, אַזוי מוזטו דיר דאָס פאָרשטעלן. און אויב ס'דויערט אַזוי אַ יאָר אָדער לענגער און אַלץ גייט כשורה — קאָן אַמאָל די לונג אַדאַנק דעם אויסגעהיילט ווערן, פאַרשטייט זיך — נישט שטענדיק. ס'איז אַפילו אַן איינשטעלעניש. אָבער מ'זאָגט, אַז מ'האָט שוין אויפגעטאָן גרויסע זאַכן מיט דעם פנעומאָטאָראַקס. די אַלע, וואָס דו האָסט דאָ געזען, האָבן עס. פרוי אילטיס איז אויך דאָ געווען, די מיט די לעבער־פלעקן. אויך פריילין לעווי, די דאַרע, געדענקסט? זי איז לאַנג געלעגן אין בעט. זיי האַלטן זיך צוזאַמען, ווייל אַזאַ זאַך, ווי דער פנעומאָטאָראַקס, בינדט צונויף נאַטירלעך די מענטשן. זיי רופן זיך „האַלבע־לונגען־פאַראיין". מיט דעם נאָמען זיינען זיי באַקאַנט. אָבער דער שטאָלץ פון דעם פאַראיין איז הערמינע קלעפעלד, ווייל זי קאָן פייפן מיט דעם פנעומאָטאָראַקס. דאָס איז אַ טאַלענט אַזאַ ביי איר, ווייל נישט יעדער איינער קאָן דאָס מאַכן. ווי אַזוי זי טוט דאָס, — דאָס קאָן

דער וועג איז בינו־לבינו געוואָרן אַ גלייכער. ער גייט אין דער ריכטונג פֿון פּלאַץ־דאַוואָס, בערך אַ דריטל הייך פֿון שיפּוע. ווייטער האָט מען צווישן די היכע, שמאָל־געוואַקסענע און פֿון ווינט אויסגעקרימטע סאָסנעס אַרויסגעזען דעם ישוב, וואָס האָט אָפּגעשלאָגן ווייס קעגן דעם העלערן ליכט. די פּשוט־צונויפֿגעקלאַפּטע באַנק, אויף וועלכער זיי זעצן זיך, שטייט אָנגעשפּאַרט אויף דער שאַרפֿער באַרגוואַנט. לעבן זיי איז גאָרגלדיק און פּלושטשענדיק געגאַנגען אַ וואַסער דורך אַן אָפֿענער הילצערנער רינע אין טאָל אַריין.

יאָאַכים האָט געוואָלט זיין קוזין אויסרעכענען די נעמען פֿון די אַלפּן־שפּיצן, וואָס זעען אויס צו פֿאַרשליסן דאָס טאָל פֿון דרום־זייט. ער האָט אויף זיי אָנגעוויזן מיטן שפּיץ פֿון זיין באַרגשטעקן. אָבער האַנס קאַסטאָרפּ האָט נאָר אינדערגיך אַ קוק געטאָן אַהין. ער איז געזעסן אויסגעבויגן פֿאָרויס, האָט געצייכנט מיט דער סקיפּקע פֿון שטאָטישן, מיט זילבער־באַשלאָגענעם שטעקן פֿיגורן אין זאַמד און האָט גאָר געוואָלט דערוויסן זיך עפּעס אַנדערש.

— וואָס האָב איך דאָ געוואָלט זאָגן — הייבט ער אָן... דער פֿאַל אין מיין צימער איז געשען, נראָה, איידער איך בין געקומען. צי זיינען שוין אַ סך טויט־פֿאַלן געווען דאָ, זינט דו ביסט דאָ אויבן?

— אַ גאַנץ היפּש ביסל — ענטפֿערט יאָאַכים. — אָבער מ׳האַלט זיי בסוד, פֿאַרשטייסט? — מ׳ווערט גאָרנישט געוואָר, סיידן ביי אַ געלעגנהייט שפּעטער. מ׳מאַכט אַ שטרענגן סוד, ווען עמעץ שטאַרבט, צוליב די פּאַציענטן און בפֿרט די דאַמען, וואָס קריגן תּיכּף אַטאַקן. ס׳שטאַרבט עמעץ לעבן דיר, באַמערקסטו עס אַפֿילו נישט. דעם אָרון ברענגט מען גאָר פֿרי, ווען דו שלאָפֿסט נאָך, און אַרויספֿירן פֿירט מען אים אויך אַרויס אין אַזעלכע צייטן, צום ביישפּיל, ווען מ׳עסט.

— הם — זאָגט האַנס קאַסטאָרפּ און צייכנט ווייטער. — דאָס טוט זיך אָפּ, הייסט עס, הינטער די קוליסן.

— יאָ, אַזוי קאָן מען כמעט זאָגן. אָבער לעצטנס, ס׳וועט זיין, וואַרט נאָר, בערך מיט אַן אַכט וואָכן צוריק. —

גענוי געריעדט, נאָר אונטן. איך מיין, אַז דו וואָלסט עס פּאַר־שטאַנען ערשט דעמאָלט, ווען דו וואָלסט געווען לענגער דאָ אויבן.

— אַוודאי — זאָגט האַנס קאַסטאָרפּ. — כ׳בין כמעט זיכער. כ׳האָב שוין אַ סך אינטערעס אַרויסגעוויזן צו אייך דאָ אויבן, און אַז מ׳אינטערעסירט זיך, קומט שוין דאָס פאַרשטיין פון זיך אַליין, נישט אמת?... אָבער וואָס איז דאָס? — ער שמעקט נישט — זאָגט ער און און באַטראַכט זיין ציגאַר. — די גאַנצע צייט פרעג איך מיך אַליין, וואָס ס׳פעלט מיר, איצט זע איך ערשט, אַז מאַריאַ שמעקט עפּעס נישט. זי האָט אַ געשמאַק ווי פּאַפּיר־מאַשע, כ׳פאַרזיכער דיך, עפּעס אַזוי, ווי בעת מ׳האָט אַ פולשטענדיק פאַרדאָרבענעם מאָגן. דאָס איז דאָך נישט צום פאַרשטיין! כ׳האָב אַפילו ביים אָנבייסן געגעסן אַ סך, מער ווי שטענדיק, אָבער דאָס קאָן נישט זיין די סיבה, ווייל ווען מ׳עסט צופיל, שמעקט באַלד דערנאָך אַ ציגאַר נאָך בעסער. ווי מיינסטו, ס׳זאָל זיך נעמען דערפון, וואָס איך בין געשלאָפן אומרויק? אפשר בין איך צוליב דעם נישט ווי ס׳דאַרף צו זיין. ניין, כ׳מוז אים אַוועקוואַרפן! — זאָגט ער נאָכדעם, ווי ער פרוּווט נאָכאַמאָל. יעדער צי איז אַן אַנטוישונג. ס׳האָט נישט קיין זין, כ׳זאָל מיך אָנשטרענגען. ער קווענקלט זיך נאָך אַ רגע, דערנאָך וואַרפט ער אַראָפּ דעם ציגאַר פון באַרג צווישן די פייכטע נאָדל־ביימער. — דו ווייסט, מיט וואָס דאָס האָט אַ שייכות, לויט מיין איבערצייגונג? — פרעגט ער...— לויט מיין פעסטער איבערצייגונג, האָט דאָס אַ שייכות מיט דער נאַרישער היץ אין פּנים, וואָס מוטשעט מיך ווידער פון אינדערפרי אָן. כאַפּט עס דער רוח, כ׳האָב כסדר דאָס געפיל, ווי כ׳וואָלט רויט געווען פון בושה... דו האָסט אויך געהאַט דאָס אייגענע, ווען דו ביסט אָנגעקומען?

— יאָ — זאָגט יאָאַכים. — מיר איז אויך אין אָנהייב נע־ווען מאָדנע. מאַך דיר דערפון גאָרנישט! כ׳האָב דאָך דיר גע־זאָגט, אַז ס׳איז נישט אַזוי לייכט זיך איינצולעבן דאָ. אָבער באַלד וועסטו דיך ווידער פילן אין אָרדענונג. זעסט, אויף וואָס פּאַר אַ שיין אָרט די באַנק שטייט! לאָמיר זיך אַ ביסל צוזעצן און דער־נאָך וועלן מיר גיין אַהיים. איך מוז זיך נעמען צו מיין ליג־קוראַ־ציע.

טיקום אָנגעשפּאַרט אין דער ברוסט, ס׳איז געווען צוגעדעקט און ער האָט הכנעהדיק געהאַלטן דעם קאָפּ קרומלעך־אַראָפּגעלאָזט. דאָס איז בײ זײ דאָס סאַמע הײליקסטע.

— טאַקע דערפאַר — זאָגט האַנס קאַסטאָרפּ — טאַקע דערפאַר וואונדער איך מיר, ווי דו האָסט עס געקאָנט פאַרגלײכן מיט אַן אינסטרומענט מיט גלעקלעך.

— יאָ, יאָ, אָבער וואַרט נאָר. ווען דו וואָלסט דערבײ געווען, וואָלסטו אַלײן אויך נישט געוואוסט, ווי אַזוי שפּעטער צו קלערן דערוועגן. ס׳איז עפּעס אַזוינס, וועגן וועלכן מ׳קאָן שפּעטער חלומען.

— מיט וואָס אַזוינס?

— וואַרט־צו. איך האָב מיך אַלײן געפרעגט, ווי אַזוי כ׳זאָל זיך אויפפירן אין דעם פאַל. כ׳האָב נישט געטראָגן קײן הוט און ממילא אים נישט געקאָנט אַראָפּנעמען —

— זעסטו שוין, — האַקט ווידער איבער האַנס קאַסטאָרפּ אינ־דערגיך — זעסט שוין, מ׳דאַרף טראָגן אַ הוט. ס׳איז מיר טאַקע געווען אויפפאַלנדיק, הלמאַי איר טראָגט דאָ נישט קײן היטן. מ׳דאַרף אָבער ספּעציעל אָנטאָן אַ הוט, כּדי מ׳זאָל אים קאָנען אַראָפּנעמען בײ אַ פּאַסיקער געלעגנהײט. אָבער וואָס איז ווײטער געשען?

— איך האָב מיך אַוועקגעשטעלט בײ דער וואַנט — זאָגט יאָאַכים, — מיט דרך־ארץ, און האָב מיך אַ ביסל אײנגעבויגן, בשעת זײ זײנען פאַרבײגעגאַנגען לעבן מיר. ס׳איז גראָד געווען פאַרן צי־מער פון דער קלײנער הויז, נומער אַכט און צוואַנציק. דאַכט זיך, אַז דער גלח האָט זיך געפרײט, הלמאַי איך האָב זיך פאַרבויגן. ער האָט געדאַנקט זײער העפלעך און האָט אַראָפּגענומען זײן קאַפּל. אָבער אין דער רגע זײנען זײ געבליבן שטײן. דער בחור מיט דער ווײַרויך־פאַן האָט אָנגעקלאַפּט, אַ קוועטש געטאָן בײ דער קלאַמקע און האָט אַרײנגעלאָזט דעם גלח פאָרויס אין צימער אַרײן. איצט שטעל דיר פאָר און מאָל דיר אויס מײן שרעק און מײנע געפילן; אין דער רגע, ווען דער גלח האָט אַ שטעל געטאָן דעם פוס איבער דער שוועל, האָב איך דערהערט אין צימער אַזאַ גוואַלד און געשרײ, וואָס האָסט נאָך אין דײן לעבן נישט געהערט. דרײ־פיר מאָל נאָכאַנאַנד, און דערנאָך קולות, וואָס הערן נישט אויף

— אויב אַזוי קאָנסטו עס נישט אָנרופן לעצטנס — באַמערקט האַנס קאַסטאָרפּ טרוקן און ניכטערן.

— וואָס הייסט? — איז נישט לעצטנס. דו ביסט, הייסט עס, פּינקטלעך. איך האָב בלויז סתם אַזוי די צאָל וואָכן געפּרוּווט טרעפן. בכן, מיט אַ צייט צוריק, האָב איך געהאַט די געלעגנהייט אַריינצוקוקן הינטער די קוליסן, צופעליק, כ׳געדענק עס, ווי עס וואָלט געווען היינט. ס׳איז געווען דעמאָלט, ווען מ׳האָט דער קליינער הוי־יום געבּרענגט דעם וויאַטיקום, דעם טויט־סאַקראַמענט, פאַרשטייסטו, די לעצטע זאַלבונג. זי איז נאָך אַרומגעגאַנגען, בעת איך בין אַהער אָנגעקומען, און זי האָט געקאָנט זיין אויסגעלאַסן לוסטיק, אַזוי שטיפעריש, ממש, ווי אַ מיידעלע. אָבער פּלוצלונג האָט עס גענומען גיין באַרג־אַראָפּ, זי איז מער נישט אויפגעשטאַנען. זי איז געלעגן דריי צימערן פאַר מיינעם. אירע עלטערן זיינען געקומען און דערנאָך איז אויך געקומען דער גלח. ער איז געקומען, בשעת אַלע זיינען געזעסן ביי דער טיי, נאָכמיטאָג. אין די קאָרידאָרן איז קיינער נישט געווען. אָבער שטעל דיר פאָר, איך האָב גראָד געהאַט פאַרשלאָפן די צייט, בין געהאַט איינגעשלאָפן אין הויפּט־ליגזאַל און האָב פאַרהערט דעם גלאָק און אַזוי־אַרום זיך פאַרשפּעטיקט אויף אַ פערטל שעה. דערפאַר בין איך אין יענעם מאָמענט נישט געווען דאָרטן, וואו אַלע, נאָר בין אַריינגעפאַלן הינטער די קוליסן, ווי דו דריקסט זיך אויס. ווי איך גיי אַזוי אין קאָרידאָר, קומען זיי פּלוצלונג מיר אַקעגן אין העמדער מיט שפּיצן און מיט אַ צלם פאָרויס, אַ גאָלדענער צלם מיט לאַמטערנעס. איינער האָט עס געטראָגן פאָרויס, ווי אַ שטעקן מיט גלעקלעך. פאַר אַ יאַניטשאַרן־אָרקעסטער.

דאָס איז נישט קיין פאַרגלייך — זאָגט האַנס קאַסטאָרפּ אַ ביסל שטרענג.

— אַזוי איז עס מיר פאָרגעקומען. ס׳איז מיר נישט ווילנדיק געקומען אויפן זכרון. אָבער הער נאָר ווייטער. זיי זיינען מיר אַקעגנגעקומען, מאַרש־מאַרש, מיט געשווינדע טריט, דריי, אויב כ׳האָב נישט קיין טעות. פאָרויס דער מענטש מיטן צלם, דערנאָך נאָך אַ בחורל מיט אַ ווייראויך פאַן. דער גלח האָט געהאַלטן דעם וויאַ-

— און דאָס דערצײלסטו מיר ערשט איצט? — זאָגט האַנס קאַסטאָרפּ אין אַ װײַלע אַרום. — כ'פֿאַרשטײ נישט, װי אַזױ ס'איז דיר נישט אױסגעקומען צו רײדן װעגן דעם נאָך נעכטן אינאָװנט. גאָט אין הימל, זי האָט דאָך נאָך געמוזט האָבן אַ סך כּוחות, אױב זי האָט זיך געקאָנט אַזױ אַקעגנשטעלן. דערצו דאַרף מען דאָך האָבן כּוח. מ'דאַרף נישט ברענגען דעם גלח פֿריער, אײדער דער קראַנקער איז אינגאַנצן שױן אָפּגעשװאַכט.

— זי איז אױך געװען שװאַך — ענטפֿערט יאָאַכים. — ...אַך, ס'איז דאָ פֿאַראַן גענוג װעגן װאָס צו דערצײלן, אַזױפֿיל, אַז מ'װײסט נישט, װאָס פֿריער... שװאַך איז זי געװען גענוג, בלױז די שרעק האָט איר געגעבן כּוחות. זי האָט שרעקלעך מורא געהאַט, װײַל זי האָט פֿאַרשטאַנען, אַז זי האַלט בײַם שטאַרבן. זי איז געװען אַ יונג מײדל, קאָן מען נישט האָבן אױף איר קײן פֿאַריבל, אָבער טײלמאָל פֿירן זיך מענער אױך אַזױ אױף. זי איז שױן שװער מוחל צו זײַן אַזאַ אָפּגעלאָזנקײט. בערענס װײסט, אַגב, װי אַזױ אומצוגײן מיט אַזעלכע. ער האָט דעם פּאַסיקן טאָן אין אַזעלכע פֿאַלן.

— װאָס פֿאַר אַ טאָן? — פֿרעגט האַנס קאַסטאָרפּ מיט צו=זאַמענגעצױגענע ברעמען.

— מאַכט נישט אַזעלכע שטיק! זאָגט ער — ענטפֿערט יאָ=אַכים. — אַלנפֿאַלס האָט ער עס לעצטנס געזאָגט עמעצן. מיר האָבן זיך דערװאוסט דערפֿון פֿון דער אײבער=שװעסטער, װאָס איז געװען דערבײַ און האָט געהאָלפֿן האַלטן דעם גוסס. יענער האָט בײַם סוף געמאַכט אַ פּאַסקודנע סצענע און נישט געװאָלט בשום=אופֿן שטאַרבן. בערענס האָט אים דעמאָלט אױסגעשײגעצט: — מאַכט נישט, זײַט מוחל, אַזעלכע שטיק — האָט ער געזאָגט. דער פּאַציענט איז תּיכּף שטיל געװאָרן און איז גאַנץ רויִק געשטאָרבן.

האַנס קאַסטאָרפּ גיט זיך אַ קלאַפּ מיט דער האַנט אין פֿוס אַרײַן און גיט זיך אַ װאָרף אױף דעם אָנלען פֿון דער באַנק. ער גיט דערבײַ אַ קוק צום הימל.

— נאַ, הער נאָר אַ מעשׂה — רופֿט ער אױס. — דאָס איז דאָך מוראדיק! זידלט אים אָן און זאָגט צו אים פּשוט: מאַכט נישט אַזעלכע שטיק! צו אַ מענטש, װאָס האַלט בײַם שטאַרבן! דאָס איז

אויף קיין רגע, אַפּנים — פון אַ ברייט־צעעפנט מויל. אַ־אַ־אַ! ס'איז געווען דערין אַזויפיל יאָמער און פאַרצווייפלונג און ספירהדיקייט, אַז ס'איז גאָרנישט צום באַשרייבן. ס'איז איינציייטיק געווען דערין אַזויפיל רחמים־געבעט! מיט איינמאָל איז דאָס קול געוואָרן אַזוי הויל און טעמפּ, גלייך ווי אַלץ וואָלט איינגעזונקען געוואָרן אין דער ערד און דער געשריי קומט טיף פון אַ קעלער אַרויס.

האַנס קאַסטאָרפּ האָט זיך האַסטיק אויסגעדרייט צו זיין קוזין. — דאָס איז געווען די הויס? — פרעגט ער אַן אויפגערעגטער. — וואָס הייסט, פון אַ קעלער אַרויס?

זי האָט זיך באַהאַלטן אונטער דער קאָלדרע — זאָגט יאָאַכים. — שטעל דיר פאָר מיינע געפילן! דער גלח איז געבליבן שטיין האַרט ביי דער שוועל און האָט געפרוווט באַרויקן. ער שטייט מיר נאָך פאַר די אויגן. ער האָט כסדר אויסגעצויגן דעם קאָפּ פאָרויס און אים באַלד צוריקגעצויגן. דער צלם־טרעגער און דער מיניסטראַנט זיינען נאָך אַלץ געשטאַנען צווישן דער שוועל און דער טיר און האָבן נישט געקאָנט אַריינגיין. איך האָב געקאָנט הורך זיי אַריינקוקן אין צימער אַריין. ס'איז געווען אַ פּשוט צימער, ווי דיינס און מיינס. דאָס בעט איז געשטאַנען לינקס פון דער טיר ביי דער וואַנט. צוקאָפּנס זיינען געשטאַנען מענטשן, די קרובים נאַטירלעך, די עלטערן. זיי האָבן אויך עפּעס אַריינגערעדט אין בעט אַריין. מ'האָרט דאָרטן געזען בלויז אַ קנויל, וואָס האָט זיך עפּעס געבעטן, מוראדיק פּראָטעסטירט און געקאָפּעט מיט די פיס.

— זי האָט געקאָפּעט מיט די פיס, זאָגסטו?

— מיטן גאַנצן כוח, אָבער ס'האָט גאָרנישט געפּועלט. דעם שטאַרבן־סאַקראַמענט האָט זי געמוזט אָננעמען. דער גלח איז צו איר צוגעגאַנגען און אויך די איבעריקע צוויי זיינען אַריינגעגאַנגען און מ'האָט פאַרמאַכט די טיר. אָבער איך האָב נאָך נישט באַוויזן צו זען: דער קאָפּ פון הויס איז אויף אַ רגע אַרויסגעקומען, מיט צעקאָדלטע העל־בלאָנדע האָר. זי האָט אָנגעקוקט דעם גלח מיט ברייט־אויפגעריסענע אויגן, אַזעלכע בלאַסע אויגן, אָן שום קאָליר. באַלד איז זי מיט אַ קרעכצעריי און פּיפּעריי ווידער אַרונטער אונטער דער קאָלדרע.

און העכער זיינען זיי היפּש שיטערלעך. צוויי מאָדנע ווינקלען קריכן אַריין טיף צווישן די שיטערלעכע האָר און מאַכן גרעסער דעם שטערן. זיין אָנטועכץ, די ברייטע העל=געלבלעך=געקראַטקעוועטע הויזן, דער צו=לאַנגער, האָריקער ראָק מיט די צוויי לאַנגע שורות קנעפּ אין ברייטע לאַצן, — דאָס אַלץ איז זייער ווייט געווען צו האָבן פּרעטענזיעס אויף עלעגאַנץ. אויך זיין ריינער שטייפער קראַגן איז פון צופיל וואַשן אָפּגעריבן ביי די שפּיצן. זיין שוואַרצער קראַוואַט איז שוין אַן אָפּגעניצטער. קיין מאַנזשעטן טראָגט ער, אַפּנים, בכלל נישט. האַנס קאַסטאָרפּ האָט דאָס דערקענט אין די אַרבל, וואָס הענגען אָפּגעלאָזן אויף די האַנט=געלענקען. פונדעסטוועגן זעט ער, אַז דאָ שטייט פאַר אים אַן אמתער הער. דערויף האָבן פולשטענדיק עדות געזאָגט די פּנים=שטריכן פון אַ געבילדעטן מענטש, אויך זיין פרייע און אַפילו שיינע האַלטונג. דער דאָזיקער צונויפמיש פון אָפּגעלאָזנקייט און עלעגאַנטער האַלטונג, דערצו נאָך די שוואַרצע אויגן און די וויך=פאַרדרייטע וואָנצן — האָבן תיכף האַנס קאַסטאָרפּן דערמאָנט אין דעם אויסזען פון געוויסע אויסלענדישע מוזיקאַנטן, וואָס קומען אין ווייַנאַכט אָפּשפּילן אין היימישן הויף, שטרעקן אויס זייערע ווייכע קאַפּעליושן און קוקן אַרויף מיט זייערע סאַמעט=אויגן, מ'זאָל זיי אַראָפּוואַרפן אַ צענער=פעניג פון אַ פענסטער. אַ קאַטאַרינאַזש — טראַכט ער און צוליב דעם טאַקע וואונדערט ער זיך נישט אויף דעם נאָמען, וועלכן יאָאַכים זאָגט אַרויס אויפשטייענדיק פון דער באַנק און מיט אַ געוויסער פאַרלעגנהייט:

— מיין קוזין קאַסטאָרפּ — הער סעטעמבריני.

האַנס קאַסטאָרפּ האָט זיך אויך אויפגעהויבן צום באַגריסן, נאָך מיט סימנים פון זיין פריערדיקער פריילעכקייט אויפן פּנים. אָבער דער איטאַליענער האָט ביידע העפלעך געבעטן, זיי זאָלן זיך נישט שטערן און האָט זיי כמעט געצוואונגען צוריק זיך אַוועקצוזעצן אויף די ערטער. ער אַליין איז געבליבן שטיין אין זיין שיינער פּאָזע. ער איז געשטאַנען אַ צעשמייכלטער און באַטראַכט די קוזינען, קודם=כל — האַנס קאַסטאָרפּן. די פיינע, אַ ביסל שפּאָטישע פאַרטיפונג און פאַרצויגונג פון איין מויל=ווינקל אונטער דעם פולן וואָנץ, דאָרטן, וואו ער פאַרדרייט זיך אַרויף שיין און קיילעכיק, האָט עפּעס געווירקט

מיזראדיק; מיט אַ שטאַרבנדיקן מוז מען זיך דאָך אין אַ געוויסער מאָס באַגיין מיט כבוד. מ'קאָן דאָך אים נישט מיר-נישט דיר-נישט... אַ שטאַרבנדיקער איז דאָך, אַזוי צו זאָגן, הייליק, מיין איך —

— איך לייקן דאָס נישט — זאָגט יאָאַכים. — אָבער ווען יענער האַלט זיך אַזוי נעבעכדיק...

— ניין, — עקשנט זיך האַנס קאַסטאָרפ מיט אַ פעסטקייט, וואָס לאָזט בשום-אופן זיך נישט איבערשפּאַרן. — דו ווערסט מיך בשום-אופן נישט איינריידן, אַז אַ שטאַרבנדיקער איז נישט העכער פון וועלכן ס'איז יונגאַטש, וואָס גייט אַרום און לאַכט, פאַרדינט געלט און שטופּט זיך אָן אַ פולן בויך. — מ'קאָן בשום-אופן נישט...— זיין קול נעמט מאָדנע ציטערן — ניין, מ'קאָן בשום-אופן נישט צווישן יאָ און ניין... זיינע ווערטער ווערן פלוצלונג דערשטיקט פון אַ געלעכטער, וואָס כאַפּט אים אָן און באַהערשט אים אינגאַנצן. ס'איז דאָס נעכטיקע לאַכן, אַ טיף-אַרויסבוכענדיק, צעטרייסלענדיק, אומ-איינגעהאַלטן געלעכטער, ביי וועלכן די אויגן פאַרמאַכן זיך און צווישן די וויעס בלייבן אַזש שטיין טרערן.

— פּסט — גיט יאָאַכים פלוצלונג אַ וואונק. — זיי שטיל! — שעפּטשעט ער און גיט שטילערהייט אַ שטויס דעם לאַכנדיקן קוזין אין דער זייט. האַנס קאַסטאָרפ גיט אויף אים אַ קוק מיט פאַרטרערטע אויגן.

אויפן וועג פון לינקס גייט אַהערצו אַ פרעמדער, אַ שיינער ברונעט, מיט שיין-געדרייטע, שוואַרצע וואָנצעס און אין הויזן מיט ווייסע קראַטקעס. ער קומט צו, זאָגט יאָאַכימען גוט-מאָרגן. זיין באַ-גריסונג איז אַן אָפּגעמאָסטענע און אַ קלינגענדיקע. בשעת-מעשה בלייבט ער שטיין מיט געקרייצטע פיס, אָנגעשפּאַרט אויפן שטעקן, אין אַ שיינער פּאָזיציע.

ד ע ר ש ט ן.

זיין עלטער איז שווער אָפּצושאַצן, מסתמא — צווישן דרייסיק און פערציק. אינגאַנצן זעט ער אַפילו אויס גאַנץ יונג, אָבער די האָר פון די שלייפן זיינען שוין דורכגעוואָרפן מיט זילבערנע פעדים.

— וואָס הייסט, איר האָט אַ טעות, הער סעפּטעמ...

— סעטעמבריני — פאַרריכט דער איטאַליענער קלאָר און מיט עלעגאַנץ, בשעת־מעשה פאַרניינט ער זיך הומאָריסטיש.

— הער סעטעמבריני, זייט מוחל, ניין, איר האָט, הייסט עס, אַ טעות. איך בין גאָרנישט קראַנק. איך בין נאָר געקומען אויף עטלעכע וואָכן צו גאַסט צו מיין קוזין ציִמסען און וויל ביי אָט־דער געלעגנהייט אַ ביסל זיך פאַרריכטן.

— נאַדיר אַ מעשה, איר זענט גאָרנישט קיין אונזעריקער? איר זענט אַ געזונטער? איר האָספּיטירט נאָר דאָ, ווי אָדיסעיס אין מלכות פון שאָטנס? וואָס פאַר אַ דרייסטקייט אַראָפּצושטייגן אין די טיפענישן, וואו טויטע דרייען זיך אַרום עובר־בטל.

— אין די טיפענישן, הער סעטעמבריני? דאָ מוז איך שוין פּראָטעסטירן! איך האָב דאָך געקלעטערט צו אייך אַרויף קיילעכיקע פינף טויזנט פוס!

— ס'האָט זיך אייך בלויז אויסגעוויזן אַזוי, אויף מיין וואָרט, ס'איז מער נישט, ווי געגנאַרטקייט — זאָגט דער איטאַליענער מיט אַ פעסטער האַנט־באַוועגונג. — מיר זיינען טיף־געפאַלענע באַשעפענישן, נישט אמת, לייטענאַנט? — ווענדט ער זיך צו יאָאַכימען, וואָס האָט גרויס הנאה פון דעם דאָזיקן שמועס, אָבער וויל עס באַהאַלטן און ענטפערט אַ פאַרטראַכטער:

— מיר זיינען באמת שטיקלעך יורדים, אָבער מיר וועלן אפשר סוף־כל־סוף קומען צו זיך.

— יאָ, אין אייך גלויב איך. איר זענט אַן אָרנטלעכער מענטש— זאָגט סעטעמבריני. — אַסוי, אַסוי, אַסוי — זאָגט ער דריי מאָל מיט אַ שאַרפער „ס“ און ווענדט זיך ווידער צו האַנס קאַסטאָרפּ. ער גיט אָפּט אַ שטילן קנאַק מיט דער צונג און גומען. — סעט, סעט, סעט — זאָגט ער באַלד ווידער דריי מאָל און מיט אַ שאַרפער „ס“. בשעת־מעשה קוקט ער אַז דעם ניי־אָנגעקומענעם אַזוי פרעמד, אַז זיינע אויגן ווערן אויף איינמאָל שטאַר און ווי בלינד. באַלד דערנאָך ווערט דער בליק ווידער לעבעדיק און ער רעדט ווייטער:

— איר זענט, הייסט עס, איינגאַנצן פרייוויליק אַרויף צו אונז יורדים און איר ווילט אונז אויף אַ שטיקל צייט מהנה זיין מיט

מאָדנע, ס׳האָט אויף אַ געוויסן אופן אַרויסגערופן גייסטיקע קלאָרקייט און וואַכעדיקייט, אַזוי, אַז דער האַלב־שיכורער האַנס קאַסטאָרפּ איז אין איין רגע ניכטער געוואָרן און האָט זיך פאַרשעמט. סעטעמברינו זאָגט:

— איר זענט אויפגערוימט — גערעכט, אַ פרעכטיקער פרימאָרגן! דער הימל איז בלוי, די זון לאַכט. דערביי האָט ער לייכט און פלינק אַ הייב געטאָן צום היטל די קליינע, געלבלעכע האַנט. בשעת־מעשה האָט ער קרום אַ לוסטיקן קוק געטאָן אַהין. — מ׳קאָן באמת פאַרגעסן, וואו מ׳געפינט זיך.

ער האָט גערעדט אָן אַ פרעמדן אַקצענט, בלויז אין דער גענייקייט, מיט וועלכער ער האָט אַרויסגעזאָגט יעדן קלאַנג, האָט מען געקאָנט דערקענען דעם אויסלענדער. זיינע ליפּן האָבן אַרויסגעבראַכט די ווערטער מיט אַ מין חשק. מ׳האָט אים געהערט מיט הנאה.

— און אייער נסיעה צו אונז איז געווען אַ אָנגענעמע? — ווענדט ער זיך צו האַנס קאַסטאָרפּ... דאָט מען שוין געקריגן דעם משפּט? כ׳מיין: ס׳איז שוין פאָרגעקומען די חושכדיקע צערעמאָניע פון דער ערשטער אונטערזוכונג? דאָ האָט ער געדאַרפט אויפהערן און צוואַרטן, ווען ער וואָלט אויסן־געווען אַ תשובה. ווייל ער האָט געהאַט עפּעס געפרעגט און האַנס קאַסטאָרפּ האָט זיך געגרייט צו ענטפערן. אָבער דער פרעמדער פרעגט תיכף ווייטער: —זי איז אַדורך בשלום? לויט אייער לוסטיקייט — ער בלייבט שטיל אויף אַ רגע און די פאַרציִונג פון זיין מויל־ווינקל ווערט טיפער — קאָן מען אַרויסדרינגען, וואָס מען וויל. וויפל חדשים האָבן אייך אונזערע מינאָס און ראַדאַמאַנטס* אַריינגעצימבלט? דאָס וואָרט „אַריינגעצימבלט“ איז אַרויסגעקומען פון זיין מויל באַזונדערס קאָמיש. זאָל איך פּרוּוון טרעפן? זעקס? אָדער תיכף ניין? זיי זשאַלעווען דאָ נישט...

האַנס קאַסטאָרפּ דאָט זיך דערשטוינט צעלאַכט און דערביי זיך אָנגעשטרענגט צו דערמאָנען, ווער מינאָס און ראַדאַמאַנט זיינען דאָס געווען. ער ענטפערט:

---

* לויט דעם גריכישן מיטאָס, צוויי ברידער, וואָס האָבן ביים לעבן געקיניגט אין קרעטא און נאָכן טויט זיינען זיי געוואָרן ריכטער אין האדעס.

פארוואונדערט, ווי ער זאל וועלן זאגן: וויפל ווייסטו דאס וועגן קארדוטשי, מסתמא אזויפיל, וויפיל איך.

— דאס איז אמת — זאגט דער איטאליענער און שאקלט צו מיטן קאפ. — איך האב געהאט דעם כבוד צו דערציילן פאר אייערע לאנדסלייט וועגן דעם לעבן פון אונזער גרויסן פאעט און פריידענקער, נאכדעם, ווי עס האט זיך געענדיקט. איך האב אים געקאנט און דארף מיך אנרופן זיין תלמיד. אין באלאניע בין איך געזעסן ביי זיינע פיס. אים האב איך צו פארדאנקען די בילדונג און די פרייקייט, וואס איך פארמאג. אבער לאמיר ריידן וועגן אייך, א שיף־בוימייסטער! איר ווייסט, איר האלט אין איין וואקסן אין מיינע אויגן. איר זיצט דא פאר מיר, ווי א פלוצלונגער פארטרעטער פון א גאנצער וועלט ארבעט און פראקטישן זשעני.

— אבער הער סעטעמבריני, איך בין דאך נאך איינגטלעך א סטודענט און הויב ערשט אן.

— אוודאי, און יעדער אנהייב איז שווער. בכלל איז שווער יעדע ארבעט, וואס פארדינט דעם נאמען ארבעט, נישט אמת?

— יא, דער רוח ווייסט עס — זאגט האנס קאסטארפ און ער זאגט עס מיטן גאנצן הארץ.

סעטעמבריני פארציט אינדערהויך די ברעמען.

— איר זיינט מטריח אפילו דעם רוח, כדי דאס צו באשטע־טיקן? — זאגט ער. —און דערצו נאך דעם שטן ממש? ווייסט איר כאטש, אז מיין גרויסער לערער האט אנגעשריבן צו אים א הימן?

— זייט מוחל — זאגט האנס קאסטארפ. — צום רוח?

— צו אים אליין. מ'זינגט עס ביי אונז טיילמאל ביי פייער־לעכקייטן:

O salute, o Satana, o Ribellione o forza vindice„

...della Ragione". א הערלעך ליד, אבער ס'איז גישט דער טייוול, וועלכן איר האט אין זינען, ווייל יענער פון ליד איז אין־גאנצן שווה־בשווה מיט ארבעט. דער, וועלכן איר מיינט און וועל־כער האט פיינט ארבעט, ווייל ער האט פאר איר מורא, איז, מסתמא, אן אנדערער. וועגן דעם זאגט מען עס, אז מ'טאר אים נישט ווייזן דעם קלענסטן פינגער.

אײַער געזעלשאַפט. נו, אַדרבא. און אויף וואָס פאַר אַ טערמין האָט איר אײַך אָפּגעשטעלט? אמת, ס'איז נישט שײן צו פרעגן, אָבער ס'איז מיר משונהדיק אינטערעסאַנט צו וויסן, וויפיל מ'באַשטימט זיך דאָ צו זײַן, ווען מ'האָט אַלײן די דעה און מען פרעגט נישט בײַ ראַדאַמאַנט.

— דרײַ וואָכן — זאָגט האַנס קאַסטאָרפּ, מיט אַ ביסל לײַכטער גאַווה, ווײַל ער זעט, אַז מ'איז אים מקנא.

— אָ, די־אָ, דרײַ וואָכן! איר האָט געהערט, לײַטענאַנט? איז עס דען נישט כמעט אַ חוצפה צו זאָגן: איך קום אַהער אויף דרײַ וואָכן און פאָר מיר דערנאָך אַוועק. מיר דאָ רעכענען נישט אויף וואָכן, מײַן הער, אויב איך מעג אײַך דערציילן. אונזער קלענסטע צײַט — דאָס איז אַ חודש. מיר רעכענען מיט אַ ברייטן פאַרנעם, דאָס איז די פּריווילעגיע פון די שאָטנס. מיר האָבן נאָך אַנדערע פּריווילעגיעס, און זײ אַלע זײַנען זײ פון דעם אייגענעם מין. מעג איך פרעגן, וואָס פאַר אַ פּראָפעסיע איר האָט אונטן אין לעבן, אָדער ריכטיקער: אויף וועלכער איר גרייט זיך צו? איר זעט, מיר גיבן אײַנגאַנצן נאָך אונזער נײַגעריקייט. אויך די נײַגעריקייט רעכענען מיר פאַר אונזערס אַ פּריווילעגיע.

— אַדרבא ואַדרבא — זאָגט האַנס קאַסטאָרפּ און ער ענטפערט, אויף וואָס מען פרעגט אים.

— אַ שיף־בוימײַסטער? — דאָס איז גרויסאַרטיק! — רופט אויס סעטעמבריני. — זײַט זיכער, אַז איך האַלט עס פאַר גרויסאַרטיק, כאָטש מײַנע אייגענע פעיִקײטן זײַנען געווענדט אין אַ אַנדערער ריכטונג.

— דער הער סעטעמבריני איז אַ ליטעראַט — טײַטשט איים יאָאַכים אַ ביסל פאַרלעגן. — ער האָט פאַר די דײַטשע בלעטער אָנגעשריבן וועגן קאַרדוטשין* נאָך זײַן טויט, ווייסט דאָך, קאַרדוטשי — און ער ווערט נאָך מער פאַרלעגן, ווײַל קאַסטאָרפּ קוקט אים אָן

* באַוואוסטער איטאַליענישער פּאָעט און ליטעראַטור־פּראָפעסאָר. געב. 1835, געשט. 1907.

— למשל, איצט?

— איצט? אָ, איצט בין איך דאָ נאָך אַזוי פרעמד, אַ ביסל צע-טומלט, שטעלט אייך פאָר.

— אַ, צעטומלט.

— איך בין אויך נישט אינגאַנצן גוט געשלאָפן. דערצו איז דאָס ערשטע פרישטיק באמת געווען צו בשפעדיק... איך בין גע-וויינט צו אַ גאַנץ אָרנטלעך פרישטיק, אָבער דאָס היינטיקע איז פונדעסטוועגן געווען, אפנים, צו שווער פאַר מיר, „טו ריטש", ווי די ענגלענדער זאָגן. קורץ, כ'פיל מיך אַ ביסל נישט מיט אַלע-מען, באַזונדערס האָב איך היינט אינדערפרי נישט געפילט קיין טעם אין מיין ציגאַר, שטעלט אייך פאָר! דאָס טרעפט זיך מיר כמעט קיינמאָל נישט, סיידן ווען איך בין ערנסט קראַנק. היינט האָט זי געהאַט אַ טעם, ווי לעדער. כ'האָב זי געמוזט אַוועקוואַרפן. ס'האָט נישט געהאַט קיין שום זין, כ'זאָל מיך אָנשטרענגען. איר רוי-כערט, אויב כ'קאָן פרעגן? ניין? — אויב אַזוי, קאָנט איר זיך נישט פאָרשטעלן, וואָס פאַר אַן עגמת-נפש און אַ אַנטוישונג ס'איז פאַר עמעצן, וואָס רויכערט פון די יונגע יאָרן אָן און מיט אַזאַ באַזונ-דערן חשק, ווי איך.

— איך בין גאָרנישט באַהאַוונט אויף דעם דאָזיקן געביט — ענטפערט סעטעמבריני. — מיט דער דאָזיקער אומדערפאַרנקייט בין איך נישט קיין יחיד. אַ גאַנצע ריי איידעלע און ניכטערע גייסטער האָבן נישט געקאָנט קוקן אויף קיין טאַבאַק. קאַרדוטשי האָט עס אויך נישט ליב געהאַט. אָבער ביי אונזער ראַדאַמאַנט וועט איר גע-פינען פאַרשטענדעניש. ער איז אַן אָנהענגער פון אייער שלעכטער געוווינהייט.

— אַ שלעכטע געוווינהייט אַזש, הער סעטעמבריני.

— פאַרוואָס נישט? מ'דאַרף האָבן דעם כוח אָנצורופן די זאַכן ביים אמתן נאָמען. דאָס פאַרשטאַרקט און דערהויבט דאָס לעבן. איך האָב אויך מיינע שלעכטע געוווינהייטן.

— און הויפראַט בערענס איז טאַקע אַ מבין אויף אַ ציגאַר? זייער אַ סימפּאַטישער מענטש.

דאָס אַלץ ווירקט באמת משונהדיק אויף דעם וואוילן האַנס קאַסטאָרפּן. קיין איטאַליעניש פאַרשטייט ער נישט, און דאָס אַי־בעריקע איז אים אויך נישט געווען צום האַרצן. כ׳האָט געשמעקט מיט זונטאָג־דרשה, כאָטש ס׳איז געזאָגט געוואָרן אין אַ טאָן פון לייכטער און שפּאַסיקער פּלוידעריי. ער קוקט אָן זיין קוזין, וואָס זיצט מיט אַראָפּגעלאָזענע אויגן, און זאָגט:

— אַך, הער סעטעמבריני, איר נעמט מיינע ווערטער צו פּינקט־לעך. דעם רוח האָב איך דערמאָנט פּשוט, ווייל מ׳רעדט אַזוי, כ׳פאַרזיכער אייך.

— עמעץ אין דער וועלט מוז האָבן אינטעליגענץ — זאָגט סעטעמבריני און גיט אַ קוק מרה־שחורהדיק פאַר זיך. אָבער באַלד נעמט ער צוריק אָן אַ לעבעדיקן, לוסטיקן און פרייליכן טאָן און רעדט ווייטער:

— אַלנפאַלס דרינג איך אַרויס פון אייערע ווערטער, אַז איר האָט אויסגעקליבן אַ פּראָפעסיע, וואָס איז סיי אַ בכבודיקע, סיי אַ אָנשטרענגענדיקע. מיין גאָט, איך בין אַ הומאַניסט, אַ האָמאָ הומאַ־נוס, איך האָב קיין שום ידיעה נישט אין די ענינים פון אַן אינ־זשינער, כאָטש כ׳האָב פאַר זיי אַזויפיל דרך־ארץ. אָבער איך קאָן מיר פאָרשטעלן, אַז די טעאָריע פון אייער פאַך פאָדערט אַ קלאָרן און שאַרפן מוח און די פּראַקטיק — דאָס גאַנצע נפש, נישט אמת?

— אַוודאי איז אַזוי, יאָ, דערמיט בין איך מיט אייך אינגאַנצן מסכים — ענטפערט האַנס קאַסטאָרפּ און ער באַמיט זיך נישט ווילנ־דיק צו זיין אַ ביסל באַריידעוודיק. — די פאָדערונגען זיינען ביים היינטיקן טאָג קאָלאָסאַלע, ס׳איז אַ מורא צו טראַכטן, ווי ריזיק זיי זיינען, ווען נישט, קאָן מען באמת פאַרלירן דעם מוט. ניין, קיין שפּאַס איז עס נישט. אויב מ׳געהערט נאָך דערצו נישט צו די גיבורים... איך בין דאָ בלויז צו־גאַסט, אָבער צו די גיבורים געהער איך אויך נישט און כ׳וואָלט געזאָגט אַ ליגן, ווען כ׳וואָלט עמעצן געפּרוּווט איינריידן, אַז די אַרבעט ווירקט אויף מיר אַזוי גוט. ס׳מאַטערט מיך גענוג אויס, דאָס מוז איך מודה זיין. אינגאַנצן געזונט פיל איך מיך נאָר דעמאָלט, ווען כ׳טו גאָרנישט.

ס'קלינגט, ווי זי וואָלט שוין לאַנג געווען אויף יענער וועלט, ס'דערמאָנט עפּעס אין מיטלאַלטער.

— מיין געערטער הער — ענטפערט סעטעמבריני — דאָ זיינען פאַראַן נאָך אַנדערע זאַכן, וואָס דערמאָנען אין מיטלאַלטער, ווי איר האָט באַוויליקט זיך אויסצודריקן. — איך אַליין בין איבערצייגט, אַז אונזער ראַדאַמאַנט האָט בלויז און נאָר צוליב זיין חוש פאַרן קינסטלערישן סטיל געמאַכט אָט־די מומיע פאַר דער איבער־אויפזעערין פון זיין שרעקן־פּאַלאַץ. ער איז גאָר אַ קינסטלער, איר ווייסט עס נישט? ער מאַכט אייל־בילדער. וואָס ווילט איר האָבן — דאָס איז נישט פאַרווערט, יעדער האָט רעכט... די מ"י אַדריאַטיקאַ זאָגט עס יעדן, וואָס וויל עס וויסן, און אַנדערע אויך, אַז: אינמיטן 13טן יאָרהונדערט איז איינע אַ מילענדאָנק געשטאַנען בראש פון אַ קלויסטער אין באָן ביים ריין. זי אַליין איז אויך מסתמא געבוירן געוואָרן נישט לאַנג נאָכדעם...

— האָ־האָ־האָ, איר זייט אַ לץ, הער סעטעמבריני.

— אַ לץ? איר מיינט אַ צולהכעיסניק, יאָ אַ שטיקל רשע — זאָגט סעטעמבריני. — מיין צרה איז, וואָס איך בין פאַרמשפּט צו פאַרשווענדן מיין צולהכעיסקייט אויף אַזעלכע גאָרנישטיקע זאַכן. איך האָף, אַז איר האָט גאָרנישט קעגן צולהכעיסדיקייט, הער אינזשיניער? אין מיינע אויגן איז זי דאָס גלענצנדיקסטע כלי־זיין פון שכל קעגן די כוחות פון פינסטערניש און מיאוסקייט. צולהכעיסדיקייט, דאָס איז, מיין הער, דער גייסט פון דער קריטיק און קריטיק איז דער שורש פון פּראָגרעס און אויפקלערונג. און ער הייבט תיכף־ומיד אָן צו ריידן וועגן פּעטראַרקאַ, וועלכן ער רופט אָן „דער פאָטער פון דער נייער צייט".

מיר מוזן גיין אויף דער ליג־וועראַנדע — זאָגט יאָאַכים אַ פאַרטראַכטער. דער ליטעראַט האָט פאַרבונדן די ווערטער זיינע מיט יענע זשעסטן. איצט פאַרענדיקט ער זיין זשעסטן־שפּיל מיט אַ באַוועגונג אין יאָאַכימס זייט און ער זאָגט:

— אונזער לייטענאַנט יאָגט צו דינסט. לאָמיר־זשע גיין, מיר האָבן דעם אייגענעם ווע. „רעכטס, פאַר דעם, וואָס גייט אין מלכות פון פינסטערע שאָטנס", אָ, ווירגיל! ווירגיל! מיינע הערן, קיינער איז נישט

— אַזוי האַלט איר? אַך, איר האָט זיך שוין באַקאַנט מיט אים?

—יאָ, פריער, ווען מיר זיינען אַרויסגעגאַנגען. ס'איז געווען כמעט אַ מין קאָנסולטאַציע. אָבער „סינע פערקוניאַ", הערט איר. ער האָט תיכּף דערקאָנט, אַז איך בין היפּש אַנעמיש. ער האָט מיך געעצהט, כ'זאָל דאָ לעבן אינגאַנצן אַזוי, ווי מיין קוזין, אַ סך ליגן אויבן באַלקאָן און אויך מעסטן די היץ — האָט ער געזאָגט.

— באמת? — רופט סעטעמבריני... וייער פיין — גיט ער אַ רוף אויבן אין דער לופט אַריין און בויגט זיך צוריק לאַכנדיק. — „ווי זאָגט מען עס דאָרטן אין דער אָפּערע פון אייער מייסטער? — איך בין דער פויגל־כאַפּער, נאַ, שטענדיק פריילעך, האָפּסאַסאַ". בקיצור, זייער אַמיזאַנט. אין איר וועט פאָלגן זיינע עצות? אָן שום ספק. וואָס דען נישט? אַ רוח אין דרייען, אָט דער ראַדאַמאַנט. און באמת, „שטענדיק לוסטיק", כאָטש טיילמאָל אַ ביסל נישט נאַטירלעך. ער איז גענייגט צו מרה־שחורה. זיין שלעכטע געוויינהייט באַקומט אים נישט. ווען נישט, וואָלט עס דאָך נישט געווען קיין שלעכטע געוויינהייט. דאָס רויכערן מאַכט אים שווער, צוליב דעם האָט טאַקע אונזער חשובע פּתוי אויבערין גענומען זיין טאַבאַק אונטער אַ שמירה און טיילט אים צו יעדן טאָג קליינע פּאָרציעס. ס'טרעפט, זאָגט מען, אַז ער קאָן נישט ביישטיין דעם נסיון און פרוווט אַרויסגנבענען טיטון, דעמאָלט פאַלט ער אַריין אין מרה־שחורה. מיט איין וואָרט, אַ צעדרייטע נשמה. איר קאָנט שוין אויך אונזער אויבערין? ניין? דאָס איז אַ פעלער, איר טוט אַן עוולה, הלמאַי איר באַקאָנט זיך נישט מיט איר. זי קומט אַרויס פון גרויסן יחוס. פון פאָן מילענדאָנקס, מיין הער. צווישן איר און דער מעדיצינישער ווענוס איז בלויז דער חילוק, וואָס דאָרט, וואו ביי דער געטין זיינען פאַראַן בּרוסטן, טראָגט זי אַ צלם...

— האָ־האָ, אויסגעצייכנט! — לאַכט האַנס קאַסטאָרפּ.

— איר פאָרנאָמען איז אַדריאַטיקאַ.

— נאָך דאָס אויך? — רופט האַנס קאַסטאָרפּ... דאָס איז באמת מאָדנע! פאָן מילענדאָנק און דערצו נאָך — אַדריאַטיקאַ!

געדריקט אין די צייטונגען. זינט דעמאָלט גייט דאָס געשעפט זומער אַזוי גוט ווי ווינטער. — אַ זשעני — זאָגט סעטעמבריני — אינ—טו—יִצ—יע! — זאָגט ער. דערנאָך נעמט ער זיך צו די איבעריקע היילאַנשטאַלטן פון דער געגנט און „לויבט“ מיט אַ בייסיקער צונג דעם געשעפטלעכן חוש פון זייערע אייגנטימער. פאַראַן דאָ אַ פּראָפעסאָר קאַפקאַ... יעדעס יאָר, אין דער קריטישער צייט, ווען דער שניי נעמט שמעלצן און אַ סך פּאַציענטן ווילן אַהיימפאָרן, — גראָד דעמאָלסט איז פּראָפעסאָר קאַפקאַ נעבעך געצוואונגען אינדערגיך אַוועקצופאָרן אויף אַכט טאָג, דערביי זאָגט ער צו, אַז תּיכּף, ווי ער קומט צוריק, לאָזט ער אַהיים זיינע פּאַציענטן. אָבער בלייבן בלייבט ער זעקס וואָכן און די אומגליקלעכע וואַרטן, דערביי, אַגבֿ, ווערן זייערע חשבונות אַלץ גרעסער. ביז קיין פיומע רופט מען אַרויס פּראָפעסאָר קאַפקאַ, אָבער ער וועט נישט פאָרן, ביז וואַנען ער וועט נישט אויסדינגען פינף טויזנט שווייצאַרישע פראַנקן, דערביי גייען אַוועק צוויי וואָכן. אַ טאָג נאָכדעם, ווי דער באַרימטער פּראָפעסאָר קומט־אָן, שטאַרבט דער קראַנקער. וואָס ס'איז ווידער נוגע דעם דאָקטאָר זאַלצמאַן, זאָגט ער וועגן פּראָפעסאָר קאַפקאַ, אַז יענער האַלט נישט גענוג ריין זיינע שפּריצקעס און שטעקט אָן אַזוי אַרום די קראַנקע. זאַלצמאַן זאָגט אויף אים, אַז יענער פאָרט דערפאַר איין גומענע רעדער, כּדי די טויטע זאָלן אים נישט דערהערן. קאַפקאַ זוייטער זאָגט וועגן זאַלצמאַנען, אַז מ'גיט ביי אים די קראַנקע די „דערפרייענדיקע פרוכט פון וויינשטאָק“ אין אַזעלכע פּאָרציעס — פאַרשטייט זיך אויך צוליב דעם, כּדי צו פאַרקיילעכן די חשבונות — אַז דער עולם שטאַרבט, ווי די פליגן, דווקא נישט פון שווינדזוכט, נאָר פון שיכּרות...

סעטעמברינ רעדט אַזוי כּסדר און האַנס קאַסטאָרפּ לאַכט האַרציק און גוטמוטיק פון די דאָזיקע שטראָמענדיקע פלינקע לעסטערונגען. די באַרעדעוודיקייט פון איטאַליענער קלינגט מאָדנע אָנגענעם דורך איר אומבאַדינגטער ריינקייט און ריכטיקייט — פריי פון יעדן אַקצענט. די ווערטער קומען אַרויס פון זיינע לויפנדיקע ליפּן עלאַסטיש, איידל און ניי. פון די געבילדעטע, בייסיק־וואוילערישע ווענדונגען אין באַרמען, מיט וועלכע ער באַנוצט זיך, אַפילו פון די גראַמאַטישע

גלייך צו איס. כ'גלויב אין פּראָגרעס, אַוודאי, אָבער ווירגיל האָט באַצייכענונגען, וועלכע ס'האָט נישט קיין שום מאָדערנער... אין בעת זיי לאָזן זיך אַהיים, נעמט ער רעציטירן לאַטיינישע פּערזן מיט אַן איטאַליענישן אַקצענט. אויפן וועג קומט זיי אָבער אַקעגן אַ יונג מיידל און ער האַקט אָפּ. עס איז, זעט אויס, אַ מיידל פון שטעטל און לחלוטין נישט קיין באַזונדערס שיינע. סעטעמבריני הייבט אָן צו איר צו שמייכלען, מעשה ווייבערניק און אונטערצווזינגען. „ט-ט-ט“, מאַכט ער, „איי-איי-איי, לאַ-לאַ-לאַ! דו זיס ווערימל, ווילסט זיין מיינע? זעט, „עס פינקלט איר אין אויג אין גליטשיקער שיין“ — ציטירט ער, איין גאָט ווייסט וואָס, און שיקט-איבער דער פאַרשעמטער פּלייצע פון מיידל מיט דער האַנט אַ קוש.

דער אמתער פּלוט — טראַכט האַנס קאַסטאָרפּ און בלייבט ביי דער זעלבער מיינונג איך דעמאָלט, ווען סעטעמבריני הייבט נאָך זיין גאַלאַנטער פּאָזע ווידער אָן צו באַריידן. דער עיקר האָט ער זיך פאַרלייגט אויף דעם הויפראַט בערענס, זאָגט שטעכווערטלעך אויפן חשבון פון זיינע ריזיקע פיס און שטעלט זיך אָפּ אויף זיין טיטל, וועגן וועלכן ער זאָגט, אַז בערענס האָט אים געקריגן פון אַ פּרינץ, וואָס האָט געליטן אויף בוח-טובערקולאָז. ווען דער סקאַנדאַליעזער פירונג פון דעם דאָזיקן קראַנקן פּרינץ רעדט נאָך היינט די גאַנצע געגנט, אָבער ראַדאַמאַנט האָט פאַרמרוישעט אַן אויג, ביידע אויגן, אַ הויפראַט מיט די ביינער. — צי ווייסט איר, אַגב, אַז ער איז דער ערפינדער פון היגן זומער-סעזאָן? יאָ, ער און נישט קיין אַנדערער, מוז מען אים זאָגן לשבח. אַמאָל האָבן זומער דאָ אויסגעהאַלטן בלויז די אויסגעהאַלטנסטע צווישן די אויסגעהאַלטענע. אָבער אונזער „הומאָריסט“ איז מיט זיין חריפישן קוק געקומען צו דער הכרה, אַז דאָס איז מער נישט, ווי דער רעזולטאַט פון אַן איינרעדעניש. ער האָט דאָס געשאַפן די טעאָריע, אַז די זומערדיקע קוראַציע איז — לכל-הפּחות אויף וויפל ס'גייט וועגן זיין אינסטיטוט — נישט בלויז פּונקט אַזוי גוט, ווי די ווינטערדיקע, נאָר אַפילו באַזונדערס שטאַרק און מען קאָן זיך אָן איר ממש נישט באַגיין. ער האָט געוואוסט, ווי אַזוי די דאָזיקע טעאָריע צו פאַרשפּרייטן צווישן עולם, האָט וועגן דעם געשריבן פּאָפּולערע אַרטיקלען און געזען, אַז זיי זאָלן ווערן

שמוציק. אינזשענער, פונוואַנען נעמט זיך עס, וואָס מיר האָבן נאָך פון אים גאָרנישט געשמועסט? איר האָט זיך שוין באַקאַנט מיט אים?

האַנס קאַסטאָרפּ זאָגט, אַז יאָ.

— נו, און וואָס? כ'הייב אָן צו קלערן, אַז ער איז אייך אויך געפעלן?

— כ'ווייס באמת נישט, הער סעטעמבריני. כ'האָב זיך באַקאַנט מיט אים אין איילעניש. איך האָב אויך נישט קיין טבע גיך צו משפטן. איך קוק אָן אַ מענטש און טראַכט: הייסט עס, אַזעלכער ביסטו? — נו, גוט.

— דאָס האָט נישט קיין זין — ענטפערט דער איטאַליענער. משפטן דאַרף מען, דערויף האָט אייך די נאַטור געגעבן אויגן און פאַרשטאַנד. איר זאָגט, אַז איך רייד מיט בייזקייט. אָבער כ'מוז עס אפשר נישט אָן פּעדאַגאָגישע כוונות. מיר הומאַניסטן האָבן אַלע אין זיך אַ פּעדאַגאָגישן אָדער... מיינע הערן, דער היסטאָרישער צוזאַמענהאַנג פון הומאַניזם און פּעדאַגאָגיק באַווייזט, אַז ס'איז אויך פאַראַן אַ פּסיכאָלאָגישע שייכות צווישן זיי. מ'דאַרף ביי די הומאַניסטן נישט צונעמען דעם אַמט פון ערציען. מ'קאָן עס ביי זיי נישט צונעמען דערפאַר, ווייל נאָר ביי זיי איז פאַראַן די טראַדיציע פון דער מענטשלעכער שיינקייט און ווערדע. אַמאָל האָט דער הומאַניסט פאַרביטן דעם גלח, וואָס האָט אין די פינסטערע און מענטשנפיינדלעכע צייטן געהאַט די העזה צו וועלן זיין דער פירער פון דער יוגנט. זינט דעמאָלט, מיינע הערן, איז פשוט נישט אויפגעשטאַנען קיין נייער טיפּ פון דערציער. דער טיפּ פון דער הומאַניסטישער גימנאַזיע — איר קאָנט זאָגן, אינזשעניער, אַז כ'בין אַ רעאַקציאָנער, אָבער אין פּרינציפּ, אַבסטראַקט גענומען, איך בעט מיך גוט צו פאַרשטיין, בלייב איך איר אָנהענגער — —

ער האָט אַפילו נישט אויפגעהערט צו ריידן אין דער ווינדע און איז שטיל־געבליבן ערשט דעמאָלט, ווען ביידע קוזינען זיינען אַרויס אויפן צווייטן שטאָק. ער אַליין איז געפאָרן אויפן דריטן, וואו ער האָט פאַרנומען — ווי יאָאַכים האָט דערציילט — אַ קליין צימערל מיטן פענסטער אין הויף־אַרויס.

דעקלינאַציעס און קאָניוגאַציעס, האָט ער אַן אָפענע הנאה, וואָס שטעקט־אָן און מאַכט לוסטיק. זיין גייסט איז, זעט זיך, צו־קלאָר און וואַך, ער זאָל זיך אַפילו איינמאָל טועה זיין.

— איר רעדט אַזוי קאָמיש — הער סעטעמבריני — זאָגט האַנס קאַסטאָרפּ. — אַזוי לעבעדיק. כ׳ווייס אַליין נישט, ווי דאָס אָנ־צורופן.

— פּלאַסטיש, וואָס? — ענטפערט דער איטאַליענער און פאָכעט זיך מיט זיין טאַשנטיכל, כאָטש ס׳איז גאַנץ קיל. — איך מיין, אַז דאָס איז דאָס וואָרט, וואָס איר זוכט. איך רייד אויף אַ פּלאַסטישן אופן, ווילט איר זאָגן. שטייט נאָר! — גיט ער פּלוצלונג אַ רוף. — וואָס איך זע! אונזערע מלאַכי־חבלה גייען דאָרטן אַרום! וואָס פאַר אַן אָנבליק!

די שפּאַצירנדיקע זיינען דערווייל צוגעקומען צום ראָג. צי זיי האָבן נישט באַמערקט דעם מהלך צוליב סעטעמברינים דרשות, אָדער דערפאַר, ווייל דער וועג איז געגאַנגען באַרג־אַראָפּ, אָדער אפשר האָבן זיי זיך גאָרנישט געהאַט אַזוי שטאַרק דערווייטערט פון דער סאַנאַטאָריע, ווי ס׳האָט זיך געדאַכט האַנס קאַסטאָרפּן (ווייל צום ערשטן מאָל זעט יעדער וועג בכלל אויס לענגער, ווי שפּעטער), — אַ פאַקט איז, אַז דער צוריקוועג איז געווען איבעראַשנדיק גיך. סעטעמבריני איז גערעכט. אונטן אויף דעם פרייען פּלאַץ אין דער צווייטער זייט סאַנאַטאָריע זיינען טאַקע אַרויסגעגאַנגען ביידע דאָקטוירים. דער ערשטער איז געווען דער הויפּראַט, אָנגעטאָן אין אַ ווייסן קיטל, דער קאַרק איז געווען ביי אים אַרויסגעזעצט און ער האָט געפאָכעט מיט די הענט, ווי מיט אַ פּאָר רודערס. נאָך אים האָט געשפּרייזט ד״ר קראָקאָווסקי אין שוואַרצן אייבערהעמד. ווי אַן אַסיסטענט, האָט ער לויט דעם קלינישן מנהג געמוזט גיין הינטער דעם שעף און דערפאַר טאַקע האָט ער געקוקט גאַוודיקער ווי געוויינטלעך.

— אַ, קראָקאָווסקי! — רופט סעטעמבריני. — ער גייט זיך אַזוי און ווייסט אַלע סודות פון אונזערע דאַמען. זעט נאָר די פיינע סימבאָליק פון זיין הלבשה, ער גייט ספּעציעל אין שוואַרצן, כדי צו געבן אָנצוזעהערן, אַז זיין פאַקטיש סטודיען־געביט איז די נאַכט. דער מענטש האָט אין מוח בלויז איין געדאַנק, אָבער דער איינער איז

קאָן, ווי ר׳האָט געזאָגט, דערפון האָבן אַ טובה אין מיליטער. אָנגעלאָדן מיט דעם אַלעמען — איז ער אַרויס אויפן באַלקאָן, זיך אַוועקגעלייגט אויף אַ ליג־שטול און האָט אַרויסגעוואָרפן אויף די פיס אַ דעקע פון קעמל־האָר.

זי איז כמעט נישט נייטיק געווען. אין משך פון די לעצטע פופצן מינוט זיינען די וואָלקנס געוואָרן אַלץ שיטערער און שיטערער, צום סוף האָט די זון זיך דורכגעריסן אַזוי זומערדיק און וואַרעם־בלענדנדיק, אַז יאָאַכים האָט געמוזט פאַרשטעלן דעם קאָפּ מיט אַ ווייסן ליווענטענעם שירעם. אין דעם אָנלען פון דער שטול איז קונציק געווען געמאַכט אַן אָרט פאַר אַ שירעם, וועלכן מ׳האָט געקאָנט רוקן לויטן מצב פון דער זון. האַנס קאַסטאָרפּ איז אָט־די ערפינדונג שטאַרק געפעלן. ער האָט געוואַרט אויפן רעזולטאַט פון דער מעסטונג און ביני־לביני זיך צוגעקוקט, ווי אַלץ ווערט דאָ געטאָן. ער האָט אויך באַטראַכט דעם פעלצענעם זאַק, וואָס איז געלעגן אין ווינקל פון דער וועראַנדע (יאָאַכים האָט זיך דערמיט באַנוצט אין קאַלטע טעג). שטייענדיק מיט די עלנבויגנס אָנגעשפּאַרט אויף דער באַריערע, האָט ער אַראָפּגעקוקט אין גאָרטן, וואו דער אַלגעמיינער ליג־זאַל איז פול געווען מיט לייענענדיקע, שרייבנדיקע, פּלוידערנדיקע אויסגעלייגטע פּאַציענטן. מ׳האָט, אַגב, געזען בלויז אַ טייל פון דעם זאַל, בלויז אַ פינף ליג־שטולן.

— אָבער ווי לאַנג געדויערט דאָס? — האָט האַנס קאַסטאָרפּ געפרעגט און זיך אויסגעדרייט.

יאָאַכים האָט אַרויסגעשטעלט זיבן פינגער.

— עס זיינען דאָך שוין אַריבער זיבן מינוט!

יאָאַכים האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף ניין. אין עטלעכע ווײַלעס אַרום האָט ער אַרויסגענומען דעם טערמאָמעטער פון מויל, האָט זיך איינגעקוקט אין אים און דערביי געזאָגט:

— יאָ, אַז מ׳קוקט נאָך דער צייט, גייט זי זייער פּאַמעלעך. איך האָב גאַנץ ליב דאָס מעסטן די פיר מער אין טאָג. מ׳זעט ערשט דעמאָלט, וואָס ס׳איז אייגנטלעך אַ מינוט אָדער גאַנצע זיבן, דאָ, וואו די זיבן טעג פון דער וואָך עסן זיך גוט איין אין די ביינער.

— ער האָט מסתמא נישט קיין געלט? פרעגט האַנס קאַס־טאָרפּ, וואָס גייט מיט יאָאַכימען. די שטוב זעט־אויס, פּונקט ווי זיינע.

— ניין — זאָגט יאָאַכים — דאָס האָט ער טאַקע נישט. אָדער אפשר בלויז אַזויפיל, כדי דאָ זיך אויסצוהאַלטן. זיין פאָטער איז, ווייסטו, אויך שוין געווען אַ ליטעראַט און, דאַכט זיך מיר, אַז דער זיידע אויך.

— יאָ, אויב אַזוי — זאָגט האַנס קאַסטאָרפּ. — ר'איז טאַקע ערנסט קראַנק?

— נישט אַזוי געפערלעך, אויף וויפל איך ווייס, אָבער ס'וויל נישט אַוועק פון אים און קומט אַלעמאָל צוריק. ער האָט עס שוין יאָרן און ס'איז שוין אין דער צייט געהאַט אַוועק. ס'האָט אָבער געמוזט צוריקקומען.

— אַן אומגליקלעכער חברה־מאַן! ווי ער איז באַגייסטערט פאַר אַרבעט! דערביי איז ער געוואַלדיק באַריידעוודיק, ביי אים גייט עס לייכט פון איינס אויפן אַנדערן. מיט דעם מיידל האָט ער זיך געהאַלטן אַ ביסל חוצפהדיק, אַ ווילע בין איך געווען זשעגירט. אָבער דאָס, וואָס ר'האָט דערנאָך געזאָגט וועגן דער מענטשלעכער ווערדע, איז געווען פיין, ממש ווי ביי אַ פייערלעכקייט. דו ביסט אָפט מיט אים צוזאַמען?

גענאַנקען־שאַרפקייט.

יאָאַכים האָט בלויז געענטפערט שווערלעך און נישט דייטלעך. פון אַ רויט־לעדערן, מיט סאַמעט־אויסגעבעט שייטל, וואָס איז געלעגן אויפן טיש, האָט ער אַרויסגענומען אַ קליינעם טערמאָמעטער און האָט דעם שפּיץ אַריינגעשטעקט אין מויל אַריין. ער האָט אים געהאַלטן לינקס אונטער דער צונג אַזוי, אַז דער גלעזערנער אינסטרומענט האָט קרום און פאַרריסן אַרויסגעשטאַרט פון מויל. דערנאָך האָט ער זיך איבערגעטאָן אין שטוב־מלבושים, האָט אָנגעטאָן שיך און אַ קורטקע, ווי פון אַן אוניפאָרם, גענומען פון טיש אַראָפּ אַ געדרוקטע טאַבעלע מיט אַ בלייפעדער, דערנאָך אַ רוסישע גראַמאַטיק. ער האָט זיך אַ ביסל אונטערגעלערנט רוסיש, ווייל ער

— זיי שטיל! דער געדאַנק אַרבעט היינט ביי מיר זייער שאַרף. — וואָס איז דען די צייט? — גיט האַנס קאַסטאָרפּ אַ פרעג און בייגט אויס אַזוי שטאַרק זיין שפּיץ נאָז אין אַ זייט, אַז זי ווערט ווייס און אָן אַ טראָפּן בלוט. — דו קאָנסט עס מיר געבן צו פאַרשטיין? דעם שטח שפּירן מיר מיט אונזערע חושים, מיט דעם חוש־הראיה און מיטן חוש־המישוש. גוט. אָבער וואו איז דער חוש פאַר דער צייט? דו קאָנסט עס דערקלערן? זעסטו, דאָ האָב איך דיך געפּאַקט. ווי אַזוי קאָנען מיר אָבער מעסטן עפּעס אַזוינס, וועגן וואָס מיר האָבן, גענוי גענומען, קיין שום ידיעה נישט, אַפילו וועגן קיין איין איינציקער אייגנשאַפט אידער! מיר זאָגן: די צייט גייט אַוועק. גוט, זאָל זי אַוועקגיין. אָבער כדי זי צו קאָנען מעסטן ... וואַרט! כדי מ'זאָל זי קאָנען מעסטן, דאַרף זי פליסן גלייכמעסיק. און וואו שטייט עס געשריבן, אַז ס'איז טאַקע אַזוי. מיר פילן עס נישט אין אונזער באַוואוסטזיין, מיר נעמען אָן אַזוי בלויז צוליב אָרדענונג און אונזערע מאָסן זיינען מער נישט קאָנווענציאָנעלע, לאָז נאָר...

— גוט — זאָגט יאָאַכים. — אויב אַזוי, איז אויך אַ קאָנווענציע דאָס, אַז איך האָב אויף מיין טערמאָמעטער מיט פיר שטריכעלעך מער! אָבער צוליב די דאָזיקע פינף שטרייכעלעך מוז איך דאָך מיך דאָ אַרומוואַלגערן און קאָן נישט צוריק אין מיליטער, דאָס איז אַן עקלהאַפטע געשיכטע.

— האָסטו 37,5?

— ס'וועט שוין ווידער אַראָפּפאַלן — זאָגט יאָאַכים און ער פאַרצייכנט אין זיין טאַבעלע. — נעכטן אינאָווענט האָב איך געהאַט קנאַפּע 38, דאָס האָט גורם געווען דיין אָנקומען. אַלע, וואָס האָבן געסט, קריגן גרעסערע היץ. פונדעסטוועגן איז עס אַ טובה.

— כ'גיי שוין אַוועק — זאָגט האַנס קאַסטאָרפּ. — איך האָב נאָך אַ מאַסע געדאַנקען אין קאָפּ וועגן צייט, ס'איז אַ גאַנצער קאָמפּלעקס — קאָן איך דיר זאָגן, אָבער איך וויל דיך איצט נישט אויפרעגן דערמיט. האָסט סיי־ווי־סיי צופיל שטרייכעלעך. כ'וועל מיר שוין אַלץ נעמען אין זיכרון און מיר וועלן נאָך שפּעטער קאָנען צוריקקומען דערצו, אפשר נאָכן פרישטיק. ווען ס'וועט זיין די צייט אויף פרישטיק, וועסטו מיך צורופן. איך גיי איצט אויך אויפן שטול,

— דו זאָגסט „איינגנטלעך“, דאָ האָט אָבער דאָס וואָרט „איינגנט־לעך“ נישט קיין זין — ענטפערט האַנס קאַסטאָרפּ. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט מיט איין פוס אויף דער באַריערע און די ווייסלעכ־צער פון זיינע אויגן זיינען, מיט איינמאָל פול געוואָרן מיט רויטע אָדערלעך. — די צייט איז בכלל נישט „איינגנטלעך“. אויב זי ווייזט עמעצן אויס לאַנג, איז זי לאַנג, ווייזט זי עמעצן אויס קורץ, איז זי קורץ. ווי לאַנג אָדער ווי קורץ זי איז פאַקטיש, דאָס ווייסט קיינער נישט. — ער איז לחלוטין נישט געווען געוויינט צו פילאָ־סאָפירן, פונדעסטוועגן האָט ער געהאַט אַ דראַנג דערצו.

יאָאַכים האָט איבערגעשפּאַרט.

— וואָס הייסט? ניין. מיר קאָנען זי דאָך מעסטן. מיר האָבן דאָך זייגערס און קאַלענדאַרן. ווען ס'איז אַוועק אַ חודש, איז ער אַוועק סיי פאַר מיר, סיי פאַר דיר, סיי פאַר אַלע.

— אָבער הער דיך צו — זאָגט האַנס קאַסטאָרפּ און לייגט צו זיין ווייזפינגער צו זיינע מוטנע אויגן. — אַ מינוט איז, הייסט עס, אַזוי לאַנג, ווי ס'זעט דיר אויס, בשעת דו מעסט די היץ?

— אַ מינוט איז אַזוי לאַנג... זי גערויערט אַזוי לאַנג, ווי לאַנג דער סעקונדע־ווייזער דאַרף האָבן, כדי דורכצוגיין אַרום־און־אַרום.

— אָבער די דאָזיקע לענג איז פאַרשיידן — פאַר אונזער געפיל! און באמת... כ'מיין: פאַקטיש גענומען — חזרט־איבער האַנס קאַס־טאָרפּ און קוועטשט אַזוי פעסט צו דעם ווייזפינגער צו דער נאָז, אַז זי בויגט זיך אויס אינגאַנצן אין דער זייט — איז דאָס אַ באַ־וועגונג, אַ באַוועגונג אין שטח, נישט אמת? שטיי, וואַרט! מיר מעסטן, הייסט עס, די צייט הרכן שטח. אָבער דאָס איז אַזוי, גלייך ווי מיר וואָלטן געמאָסטן דעם שטח דורך דער צייט. — אַ זאַך, וואָס ס'טוען בלויז נישט־ווויסנשאַפטלעכע מענטשן. פון האַמבורג ביז דאַוואָס זיינען צוואַנציק שעה — יאָ, אָבער נאָר מיט דער באַן. אָבער צופוס ווי לאַנג דאַרף דאָס דויערן? אין געדאַנק, ווידער? — אַפילו קיין איין סעקונדע נישט!

— הער נאָר — זאָגט יאָאַכים. — וואָס איז מיט דיר? דאַכט זיך, אַז ס'כאַפּט דיך שוין אָן דאָ ביי אונז.

דערנאָך נעמט ער ווידער פאַנטאַזירן. ווען ר'האָט זיך אַוועקגעלייגט, איז שוין געווען צען אַ זייגער. ס'איז אַוועק אַ שעה. די שעה איז געווען אַ געוויינלעכע, נישט לאַנג, נישט קורץ. נאָכדעם ווי זי איז אַוועק, דערהערט זיך אַ גלאָק איבערן הויז און נאָרטן, צום ערשט פונדערווייטנס, דערנאָך נענטער, דערנאָך ווידער ווייט.

— פרישטיק — זאָגט יאָאַכים און מ'הערט, ווי ער שטייט אויף.

אויך האַנס קאַסטאָרפּ פאַרענדיקט פאַר איצט זיין ליג־קוראַציע און גייט אַריין אין צימער, כּדי זיך אַ ביסל צו ברענגען אין אָרדענונג. די קוזינען טרעפן זיך אין קאָרידאָר און זיי גייען צוזאַמען. האַנס קאַסטאָרפּ זאָגט:

— נו, ס'ליגט זיך אויסגעצייכנט. וואָס זיינען דאָס פאַר אַ שטולן? ווען מ'קריגט דאָ צו קויפן, וואָלט איך מיר איינע מיטגענומען קיין האַמבורג. מ'ליגט דערויף, ווי אין גן־עדן. איז מעגלעך, אַז בערענס זאָל זיי האָבן געלאָזט מאַכן ספּעציעל לויט זיין מוסטער?

יאָאַכים ווייסט עס נישט. זיי טוען זיך אויס און גייען נאָכאַמאָל אַריין אין עס־זאַל, וואו די מאָלצייט איז שוין ווידער אין פולן גאַנג.

אין זאַל האָט אַזש געגלאַנצט ווייס אין די אויגן — אַזויפיל מילך איז אָנגעשטעלט געווען. פאַר יעדן איז געשטאַנען אַ גרויס גלאָז, מסתמא אַ האַלבע קוואַרט.

האַנס קאַסטאָרפּ האָט זיך ווידער געזעצט ביים עק טיש צווישן דער נייטאָרין און דער ענגלענדערין און האָט בלית־ברירה גענומען פונאַנדערוויקלען זיין סערוועט, כאָטש ער איז געווען שטאַרק אָנגעגעסן נאָך פון ערשטן פרישטיק. — ניין, — האָט ער אַ זאָג געטאָן — זאָל מיך גאָט אויסהיטן, מילך קאָן איך בכלל נישט טרינקען און צום ווייניקסטן איצט. אפשר איז דאָ פּאָרטער? — האָט ער זיך העפלעך און צאַרט געווענדט ביי דער קאַרליקיכע. ליידער איז נישטאָ. אָבער זי האָט צוגעזאָגט צו ברענגען קולמבאַכער ביר און האָט טאַקע געבראַכט. ס'איז געווען געדיכט, שוואַרץ, מיט אַ ברוינער שוים און האָט אויפן בעסטן אופן פאַרביטן פּאָרטער. האַנס קאַסטאָרפּ האָט אַ דאָרשטיקער געטרונקען פון אַ הויכן האַלבליטערדיקן קופל. דערצו האָט ער צוגעגעסן קאַלטן אויפשניט אויף

ס'קאָן גאָרנישט שאַדטן, דאַנקען גאָט. באַלד דערנאָך איז ער דורכגע־גאַנגען צווישן דער באַריערע און דער גלעזערנער וואַנט צו זיין איי־גענער לאָזשע. דאָרטן איז אויך געווען אויפגעשטעלט אַ ליג־שטול לעבן אַ טישל. ער האָט פון זיין ריינלעך־אויפגערוימטן צימער אַרויס־געטראָגן זיין „Ocean steamships", מיט דעם שיינעם, ווייכן, טונקל־רויט־און־גרין אַדורכגעוואָרפענעם פלעד און האָט זיך אַוועקגעלייגט.

אויך ער האָט באַלד געמוזט צעעפענען דעם שירעם. תיכף ווי ער לייגט זיך אַוועק, ווערט די זון אומדערטרעגלעך. אָבער ס'ליגט זיך אויסערגעוויינלעך באַקוועם. האַנס קאַסטאָרפ זעט דאָס תיכף אַיין מיט הנאה. ער געדענקט נישט, ער זאָל האָבן אַמאָל געלעגן אויף אַזאַ אָנגענעמער ליג־שטול. דאָס געשטעל איז געווען אַ ביסל אַלטמאָדיש אין דער פאָרם, אָבער דאָס איז געווען געטאָן מיט אַ כיוון צוליב עסטעטישע טעמים, ווייל די שטול גופא איז, זעט־אויס, געווען אַ נייע. די איז געווען צוזאַמענגעשטעלט פון רויט־ברוין פּאָלירטן האָלץ און פון אַ מאַטראַץ מיט אַ ווייכער קרעטאָ־ניקער איבערצי. אייגנטלעך איז דער מאַטראַץ באַשטאַנען פון דריי הויכע קישנס און געגרייכט פון די פיס ביז איבערן רוקן־אָנלען. אַחוץ דעם איז געווען צוגעטשעפּעט דורך אַ שניר אַ נאַקן־אָנלען מיט אַ לייוונטענעם געהאָפטענעם איבערציער, וואָס האָט זיך געהאַלטן נישט צו־פעסט, נישט צו־לויז און האָט געווירקט באַזונדערס אָנגענעם. האַנס קאַסטאָרפ האָט אָנגעשפּאַרט זיין אָרעם אויף די ברייטע גלאַטע זייטיקע אָנלענס, האָט צוגעמרוזשעט די אויגן און גערוט און זיך לגמרי נישט באַנוצט מיט זיין „Ocean steamships". דורך די געוועלבונגען פון דער לאָזשע האָט די האַרטע, קאַלטע העל־באַזונטע לאַנדשאַפט געווירקט ווי אַ געמעל אין אַ רעם. קאַסטאָרפּ האָט זי באַטראַכט פול מיט מחשבות. פּלוצלונג איז אים עפּעס איינגעפאַלן און ער האָט הויך אַ זאָג געטאָן אין דער שטילקייט:

— אַ קאַרליקיכע האָט אונז דאָס באַדינט ביים טיש.

— פּסט — האָט יאָאַכים אָפּגעענטפערט פון זיין לאָזשע. — שטילער. אַ קאַרליקיכע, איז וואָס־זשע?

— גאָרנישט. מיר האָבן נאָך הײַנט דעם גאָרנישט געשמו־עסט.

זיצט. תיכף, ווי ער האט זיך אוועקגעזעצט, האט דער עולם ביים
טיש זיך הויך צעלאכט. ער האט, אפנים, געזאגט עפעס א בייזן
וויץ. האנס קאסטארפ האט אויך דערקאנט די מיטגלידער פון „האל=
בע=לונגען=פאראיין“. הערמינע קלעפעלד איז מיט נארישעוואטע אויגן
צוגעקראכן צו איר ארט ביים טיש פאר דער וועראנדע=טיר און האט
זיך געגריסט צו דעם בחורל מיט די ארויסגעזעצטע ליפן, וואס האט
פריער אזוי אומגעלומפערט אויפגעהויבן זיין קורטקע. די עלפאנט=
ביין=פארביקע פריילין לעווי איז געזעסן לעבן דער פעטער פרוי איל=
טיס מיט די לעבער=פלעקן און מיט נאך אומבאקאנטע מענטשן ביי
דעם טיש, וואס שטייט אינדערברייט, רעכטס פון האנס קאסטארפ.

— דא האסטו דיינע שכנים — זאגט יאאכים שטילערהייט צו
זיין קוזין און בשעת=מעשה פארנייגט ער זיך... דאס פאר גייט פאר=
ביי הארט לעבן האנס קאסטארפ און גייט צו צו דעם לעצטן טיש
רעכטס, צו דעם „שלעכטן רוסן=טיש“, הייסט עס, וואו ס'זיצט שוין
א פארפאלק מיט א מיאוס יינגל און שלינגען גאנצע הויפנס קאשע.
דער מאן, וואס איז איצט אריינגעקומען, איז שמאל געבויט און האט
אש=גרויע, איינגעפאלענע באקן. ער טראגט א ברוינע לעדערנע קורט=
קע און אומגעלומפערטע פילץ=שטיוול אויף קלאמרעס. זיין ווייב —
א קליינע און א אויסגעפוצטע, אין א הוט מיט ווייעדיקע פעדערן.
זי האט זיך אויך אונטערגעהאצקעט אויף קליינע, יוכט=שטיוועלעך מיט
הויכע קנאפל. ארום איר האלז איז געלעגן א נישט=זויבערע באא פון
פויגל=פעדערן. האנס קאסטארפ באטראכט ביידע מיט אכזריות, וואס
איז אים אליין פרעמד און זעט אים אליין אויס צו זיין ברוטאל.
די ברוטאלקייט האט אים אבער פארשאפט א געווים פארגעניגן. זיי=
נע אויגן זיינען געווארן אי טעמפ, אי צודרינגלעך. דאסמאל איז
ווידער צוגעפאלן די גלעזערנע טיר מיט א געקלאפ און א גע=
טראסק, ווי ביים ערשטן פרישטיק, אבער ער האט מער נישט קיין
ציטער געטאן, נאר האט געמאכט א פוילע מינע. ער האט אפילו
באלד געוואלט אויסדרייען דעם קאפ אהין, אבער ער האט זיך
מיישב געווען, אז ס'איז א צו=שווערע ארבעט און ס'איז נישט כדאי.
דערפון האט זיך גענומען, וואס ער איז אויך איצט נישט דערגאנגען,
ווער ס'באגייט זיך אזוי אומברחמנותדיק מיט דער טיר.

געפּרעגלט ברויט. מ׳האָט איצט ווידער דערלאַנגט האָבער־גרייץ און אַ סך פּוטער מיט אויבס. ער האָט דאָס אַלץ בלויז אָנגעקוקט, עסן דאָס האָט ער נישט געקאָנט. ער האָט אויך באַטראַכט די געסט. פונם עולם האָבן אָנגעהויבן זיך אַרויסשיילן איינצלנע פּנימער.

זיין אייגענער טיש איז געווען אינגאַנצן באַזעצט, חוץ דעם אויבנאָן וואָס אַקעגן אים און וואו ס׳זיצט, ווי מ׳האָט אים דער־ציילט, דער דאָקטאָר. אויב זיי האָבן צייט, די דאָקטוי־רים, עסן זיי צוזאַמען מיטן עולם און אַלעמאָל ביי אַן אַנדער טיש. ביי יעדן טיש איז פאַראַן אויבנאָן אַזאַ דאָקטאָר־פּלאַץ. איצט איז קיינער פון זיי ביידן נישט געווען. מ׳האָט געשמועסט, אַז זיי זיינען ביי אַן אָפּעראַציע. ווידער איז אַריינגעקומען דער יונגערמאַן מיט די וואָנצעלעך, האָט איינמאָל אַראָפּגעלאָזט די גאָמבע אויף דער ברוסט און האָט זיך אַוועקגעזעצט מיט אַ פאַרזאָרגטער און אין־זיך־פאַרשלאָסענער מינע. ווידער האָט זיך די העל־בלאָנדע דאַרע פרײלין אַוועקגעזעצט ביים טיש און געזופּט יאָגהורט, גלייך ווי דאָס וואָלט געווען איר איינציק עסן. לעבן איר איז דאָסמאָל גע־זעסן אַ קליינע לעבעדיקע, אַלטע דאַמע, וואָס האָט עפּעס אַריינ־גערעדט אויף רוסיש אין דעם שטילן יונגנמאַן. יענער האָט זי אָנ־געקוקט אַ פאַרדאַגהטער און האָט בלויז צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, דערביי האָט ער אויסגעזען, ווי ער וואָלט געהאַלטן אין מויל אַ נישט־געשמאַקן ביסן. קעגנאיבער אים, אין דער זייט פון דער אַלטער דאַמע איז געזעסן אַ יונג מיידל — אַ שיינע, מיט אַ בליענדיקן פּנים־קאָליר און מיט אַ הויכער ברוסט. האָר האָט זי געהאַט קאַשטאַן־ברוינע, פאַרקעמט כוואַליענדיק און שיין, אירע אויגן זיינען געווען קיילעכיקע, ברוינע, קינדערישע. אויף איר שיינער האַנט האָט געלויכטן אַ קליינער רובין. זי האָט אַ סך געלאַכט און אויך גע־רעדט רוסיש, בלויז רוסיש. זי הייסט מאַרוסיאַ, ווי האַנס קאַסטאָרפּ הערט. ער באַמערקט אויך, אַגב, אַז יאָאַכים לאָזט אַראָפּ די אויגן מיט אַ שטרענגער מינע, בעת יענע לאַכט און רעדט.

סעטעמבריני איז אַריין דורך דעם זייטיקן איינגאַנג און איז — דרייענדיק די וואָנסן — צוגעגאַנגען צו זיין פּלאַץ ביים סוף טיש, וואָס שטייט אינדערקרים פון יענעם טיש, וואו האַנס קאַסטאָרפּ

איין איבעריק וואָרט

— ניין, — זאָגט יאָאַכים. — ווייט טאָר איך נישט גיין. אין דער צייט גיי איך אַלעמאָל אַ ביסל אַראָפּ, דורך „דאָרף“, ביז „פּלאַץ“, אויב כ׳האָב צייט. מ׳זעט דאָרטן מענטשן און געוועלבן און מ׳קאָן איינקויפן, וואָס מ׳דאַרף. פאַר מיטאָג ליגט מען בערך אַ שעה און דערנאָך — ווידער ביז פיר אַ זייגער — זיי רויק.

זיי גייען אין דער זון מיטן צופאָר־וועג און גייען אַריבער דעם וואַסער־פאַל און די שמאָלע שינעס. פאַר די אויגן האָבן זיי די בערג־אַנשטאַלטן פון רעכטן טאָל־אָנלען: דעם „קליינעם שיאַהאָרן, די „גרינע טורעס“ און דעם „דאָרף־באַרג“, ווי יאָאַכים הייסט זיי אָן מיט די נעמען. דאָרט ווייטער, אַ ביסל העכער, ליגט דער אַרומ־געמויערטער בית־הקברות פון דאַוואָס־דאָרף. דערויף האָט יאָאַכים אויך אָנגעוויזן מיט זיין שטעקן. צום סוף האָבן זיי דערגרייכט די הויפּט־גאַס, וואָס איז מיט אַ שטאָק העכער פון דעם טאָל־שטח, וואָס גייט לענג־אויס אַ שיפּוע, וועלכער פאַלט אַראָפּ אין טעראַסן.

וועגן קיין „דאָרף קאָן, אַגב, גאָר קיין רייד נישט זיין. פון דעם דאָרף איז געבליבן בלויז דער נאָמען. דאָס קוראָרט האָט עס איינגעשלונגען, ווייל עס האָט זיך אַלץ כסדר אויסגעצויגן צום טאָל־צו און יענער טייל פון דאַוואָס, וואָס רופט זיך „דאָרף“, גייט אומ־באַמערקט און אָן שום סימן איבער אין „פּלאַץ“. אין ביידע זייטן ליגן האָטעלן און פּענסיאָנאַטן, אַלע רייך פאַרזען מיט באַדאַכטע וועראַנדעס, באַלקאָנען און ליג־האַלעס. ס׳זיינען דאָרטן אויך פאַראַן קליינע פּריוואַט־הייזער מיט צימערן צו פאַרדינגען. אויף טייל ערטער זעט מען נײַ־אויסגעבויטע הייזער. דאָ און דאָרט איז נישט פאַר־בויט און מ׳דערזעט פאַר זיך די אָפענע לאָנקעס אויפן אָפּגרונט פון טאָל...

האַנס קאַסטאָרפּ האָט ווידער אָנגעשמעקט אַ ציגאַר, — זיין צוגעוויינטע און ליבע לעבנס־הנאה, — און ער האָט פאַררויכערט. קאָן זיין, אַז דאָס אויסגעטרונקענע ביר האָט גורם געווען, ער זאָל — צו זיין געוואַלדיקער צופרידנקייט — דערשפּירן אַ ביסל דעם אויס־

די מעשה איז געווען די, וואָס דער ביר צום פרישטיק, וואָס געוויינלעך פאַרנעפּלט עם אים בלויז אַ ביסל דעם קאָפּ, האָט היינט דעם יונגנמאַן פולשטענדיק באַטויבט און ווי געליימט. ער האָט זיך דערפילט, ווי ער וואָלט געקריגן אַ קלאַפּ איבער די שלייפן. זיינע וויעס זיינען שווער, ווי בליי, די צונג קאָן נישט אַרויסברענגען דעם פשוטסטן געדאַנק. ער איבערצייגט זיך דערין, בעת ער פרווט צוליב העפלעכקייט איבערהיידן עטלעכע ווערטער מיט דער ענגלענדערין. ער דאַרף זיך אַפילו שטאַרק אָנשטרענגען, כדי אַ קוק צו טאָן אין אַ אַנדער זייט. דערצו נאָך הייבט אים אָן דאָס פּנים צו ברענען אויף אַ מיאוסן אופן און דערגייט פולשטענדיק צו דער נעכטיקער מדרגה. זיינע באַקן זיינען, דאַכט זיך אים, אָנגעדראָלן פון היץ, ער סאָפּעט שווער, זיין האַרץ קלאַפּט, ווי אַ געוואַנטענער האַמער. אויב ער ליידט נישט צוליב דעם קיין יסורים, איז עס בלויז דערפאַר, ווייל דער קאָפּ איז ביי אים אַזוי פאַרדרייט, גלייך ווי ער וואָלט אַ צוויי-דריי מאָל אַריינגעטעמט אין זיך כלאָראָפאָרם. אַז ד"ר קראָקאָווסקי קומט אַריין בעתן פרישטיק און זעצט זיך אַוועק ביי זיין טיש קעגנאיבער אים, באַמערקט ער, ווי אין חלום, כאָטש דער דאָקטאָר קוקט אים עטלעכע מאָל אָן שאַרף. ער רעדט בשעת-מעשה מיט די דאַמען פון דער רעכטער זייט אויף היסיש און די יונגע מיידלעך — די בליענדיקע מאַרוסיאַ און אויך די דאַרע יאָנ-הורט-עסערין — לאָזן אַראָפּ פאַר אים די אויגן הכנעהדיק און פאַרשעמט. האַנס קאַסטאָרפּ האַלט זיך, וואָס אמת, אָרנטלעך, פאַרשטייט זיך. היות די צונג דרייט זיך נישט אין מויל — שווייגט ער און האַלט מעסער-גאָפּל אַפילו נאָך מיט אַ באַזונדערער עלעגאַנץ. ווען יאָאַכים גיט צו אים אַ וואונק און שטייט אויף, הייבט ער זיך אויך אויף, פאַרנייגט זיך בלינד פאַר דער טיש-געזעלשאַפט און גייט מיט אַ זיכערן טריט נאָך יאָאַכימען.

— ווען איז ווידער ליג-קוראַציע? — פרעגט ער אינדרויסן. — דאָס איז דאָס בעסטע דאָ, אויף וויפל כ'זע. כ'וואָלט שוין ווידער געוואָלט ליגן אויף מיין אויסגעצייכנטער שטול. מיר גייען שפּאַצירן ווייט?

כ׳קלער שוין וועגן דעם פון פריער אָן. זעסטו, דאָס האַרץ קאָן קלאַפּן, בעת מ׳ריכט זיך ספּעציעל אויף עפּעס אַ גרויסער פרייד, אָדער ווען מ׳שרעקט זיך, קורץ געזעדט: בעת מ׳איז אויפגערעגט, ניין? אָבער ווען דאָס האַרץ נעמט קלאַפּן סתם אַזוי אין דער וועלט אַריין, אָן שום סיבה, אָן שום זין און — אַזוי צו זאָגן — אויף אייגענער אַחריות, — דאָס איז שוין, האַלט איך, אַ פּאַסקודנער ענין. דאַרפסט מיך פאַרשטיין, ס׳איז עפּעס אַזוי, גלייך ווי דער קערפּער וואָלט אָנגעהויבן צו גיין אַליין אויף זיינע אייגענע וועגן און האָט מער נישט קיין שייכות מיט דער נשמה. ס׳איז כמעט אַזוי ווי ביי אַ בר־מינן. אינגאַנצן טויט איז ער נאָך נישט, אַזעלכס איז גאָר נישט פאַראַן. ער פירט אַפילו אַ גאַנץ קאָמפּליצירט לעבן, אָבער אויף אייגענער אַחריות. ס׳וואַקסן אים נאָך די האָר און די נעגל, איך פיזיקאַליש און כעמיש, ווי כ׳האָב געהערט זאָגן, גייט דאָרטן אַ גאַנץ פעסטע אַרבעט...

— וואָס זיינען דאָס עפּעס פאַר אַ דיבורים — זאָגט יאָאַכים פאַרטראַכט און מיט אַ פאָרוואורף. — „אַ פעסטע אַרבעט“! ס׳קאָן זיין, אַז ער האָט זיך אַזוי־אַרום אַ ביסל געוואָלט ניקם זיין פאַר דעם אָפּשניט, וואָס ר׳האָט געקריגן צוליב דעם אינסטרומענט מיט די גלעקלעך.

— אָבער ס׳איז דאָך פאָרט אַזוי — ס׳גייט אַ גאַנץ פעסטע אַרבעט. פאַרוואָס פאַרדריסט עס דיך? — זאָגט האַנס קאַסטאָרפּ. — אַגב, האָב איך עס דערמאָנט פאַרבייגייענדיק. כ׳האָב בלויז געוואָלט זאָגן, אַז ס׳איז אומהיימלעך און פיינלעך, ווען דער קערפּער לעבט און האַלט זיך גרויס ביי זיך אויף דער אייגענער אַחריות און אָן אַ צוזאַמענהאַנג מיט דער נשמה, אַ שטייגער, ווען דאָס האַרץ קלאַפּט אָן שום סיבה, ווי ביי מיר. מ׳זוכט דערביי עפּעס אַ סיבה, אַן אויפרעגונג, וואָס זאָל האָבן אַ שייכות דערצו, אַ געפיל פון פרייד אָדער שרעק, צוליב וועלכן ס׳קאָן, אַזוי צו זאָגן, באַרעכטיקט ווערן. אַזוי אַלנפאַלס, דאַכט זיך מיר, כ׳קאָן בלויז ריידן וועגן זיך.

— יאָ, יאָ — זאָגט יאָאַכים זיפצנדיק. — ס׳זעט טאַקע אַזוי אויס, בעת מ׳האָט היץ. דערביי גייט אין קערפּער אַ „פעסטע אַרבעט“, אויסדריקנדיק זיך אויף דיין לשון. דעמאָלט זוכט מען אויך,

געבענקטן אַראָמאַט, אמת — בלויז זעלטן און שוואַך. ער האָט
זיך געפאָדערט אַ געוויסע נערוועזע אָנשטרענגונג, כדי צו דערשפירן
אַ ניצויץ בלויז פון דעם פאַרגעניגן, אָבער בעיקר האָט גובר גע-
ווען דער פאַסקודנער לעדער-געשמאַק. אומפעיִק זיך אונטערצוגעבן
דער שוואַכקייט, — האָט ער זיך נאָך אַ ווײַלע געריסן צו דעם גענוס,
וואָס איז — אָדער בכלל פון אים אַנטלאָפן, אָדער — ווי אויף ליצנות,
געגעבן אַ וואונק פונדערווייטנס. צום סוף האָט ער — אַן אײַסגע-
מאַטערטער און אַ דערצערנטער — אַוועקגעוואָרפן דעם ציגאַר. נישט
געקוקט אויף זיין פאַרנעפּלטקייט, האָט ער פונדעסטוועגן געפילט
דעם חוב לשם העפלעכקייט צו שמועסן מיטן קוזין און געפרווט
זיך דערמאָנען די אויסגעצייכנטע געדאַנקען, וועלכע ער האָט פריער
געוואָלט אַרויסזאָגן וועגן דער „צייט“. ס'האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן,
אַז ער האָט לחלוטין פאַרגעסן דעם גאַנצן „קאָמפּלעקס“ און אַז בײַ
אים אין קאָפּ געפינט זיך נישט דער מינדסטער רעיון, וואָס שייך
דער צייט. צוליב דעם האָט ער אָנגעהויבן צו ריידן וועגן קערפּערלעכע
ענינים און אַפילו אַ ביסל משונהדיק.

— ווען וועסטו דיר ווידער מעסטן? — פרעגט ער. — נאָך דעם
עסן? יאָ, דאָס איז גוט. דעמאָלט איז דער אָרגאַניזם אין זיין גאַנ-
צער טעטיקייט און אַלץ מוז זיך אַרויסווייזן. דאָס, וואָס בערענס האָט גע-
זאָגט, כ'זאָל מיר אויך מעסטן, איז דאָך מסתמא געווען אַ שפּאַס,
נישט אמת? סעטעמבריני האָט האַרציק געלאַכט דערפון. דאָס וואָלט
אַבסאָלוט נישט געהאַט קיין שום זין. כ'האָב אַפילו נישט קיין טערמאָ-
מעטער.

— ע — זאָגט יאָאַכים. — דאָס איז אַ קליינִיקייט. דו דאַרפסט
דיר בלויז קויפן. דאָ קריגט מען אומעטום טערמאָמעטערס, כמעט
אין יעדן געוועלב.

— אָבער צו-וואָס דען! ניין, די ליג-קוראַציע געפעלט מיר גאַנץ
גוט, דאָס וויל איך אויך מיטמאַכן, אָבער מעסטן זיך, — דאָס וואָלט
שוין געווען צופיל פאַר אַ האָספּיטאַנט. דאָס לאָז איך שוין איבער
פאַר אײַך. ווען כ'וואָלט נאָר געוואוסט — רעדט האַנס קאַסטאָרפּ
און לייגט צו בײדע הענט צום האַרץ, ווי אַ ליבהאָבער — פאַרוואָס
דאָס האַרץ קלאַפּט מיר אַזוי די גאַנצע צייט. דאָס באַאומרויִקט מיך,

אָנגעשטרענגט אינדערגיך צו פאַרגעסן סיי אין מאַרושיאַן סיי אין יאָאַכימס אויסדרוק. דאָס האָט זיך אים אויך פולשטענדיק אַיינגעגעבן.

די ענגלענדערין, וואָס האָט געטרונקען די פעלד-רויזן-טיי, הייסט מיס ראָבינזאָן. די נייטאָרין איז נישט קיין נייטאָרין, נאָר אַ לערערין פון אַ העכערער רעגירונגס-שול פאַר מיידלעך אין קיניגסבערג. צוליב דעם דריקט זי זיך אויס אַלעמאָל אַזוי ריכטיק. זי הייסט פריילין ענגעלהאַרט. וואָס ס'איז נוגע דער לעבעדיקער אַלטער דאַמע, ווייסט יאָאַכים אַליין נישט, ווי זי הייסט, הגם ר'איז שוין דאָ אַזוי לאַנג. זי איז אַלנפאַלס די עלטער-מומע פון דעם יונגן מיידל, וואָס עסט יאָגהורט און זיצט תמיד צוזאַמען מיט איר אין דער סאַנאַטאָריע. אָבער דער קראַנקסטער פון דער טיש-געזעלשאַפט איז ד״ר בלומענקאָל, לעאָן בלומענקאָל פון אָדעס — יענער יונגערמאַן מיט די וואָנסעלעך און מיט דער פאַרזאָרגטער און פאַרשלאָסענער צורה. ער איז שוין דאָ איבן יאָרנלאַנג...

זיי זיינען איצט געגאַנגען אויף אַ שטאָטישן טראָטואַר, די הויפט-גאַס פון אַ אינטערנאַציאָנאַלן טרעף-פונקט. מ'האָט דאָס תיכף דערקענט. ס'זיינען דאָ דורכגעגאַנגען שפּאַצירנדיקע קור-געסט, ס'רוב יונגע מענטשן, קאַוואַלערן אין ספּאָרט-אָנצוגן און אָן היטלען, דאַמען — אויך אָן היטן און אָן ווייסע קליידער. מ'הערט ריידן רוסיש און ענגליש. פון רעכטס און פון לינקס ציען זיך שורות מיט געוועלבן און מיט שיינע שוי-פענסטער. האַנס קאַסטאָרפּ, וואָס זיין נייגעריקייט קעמפט שטאַרק מיט זיין גליענדיקער מידקייט, צווינגט די אויגן צו בלייבן אָפן און בלייבט לאַנג שטיין פאַר אַ געשעפט פון מענער-וועש, כדי צו איבערצייגן זיך אַז די אַרויסשטעלונג שטייט אויף דער געהעריקער הייך.

דערנאָך האָט מען דערזען אַ ראָטונדע מיט אַ געדעקטער גאַלעריע. אינעווייניק האָט אַ קאַפּעלע געגעבן קאָנצערט. דאָ איז געווען דאָס קורהויז. אויף אַ סך טעניס-פּלעצער האָלט מען אין שפּילן. לאַנגפיסיקע, ראַזירטע בחורים אין גוט-אויסגעפּרעסטע פלאַנעל-הויזן, אין שיך מיט גומענע זוילן, אָן אונטעראַרבל, שפּילן מיט ברוינע און ווייס-אָנגעטוענע מיידלעך, וואָס שטרעקן זיך אויס

נישט־ווילנדיק, אַן אויפרעגונג, ווי דו זאָגסט, דורך וועלכע די אַרבעט זאָל קריגן אַ שטיקל שכלדיקן זין... אָבער מירריידן וועגן אַזעלכע נישט־אָנגענעמע זאַכן — זאָגט ער מיט אַ ציטערנדיק קול און האַקט באַלד אָפּ. האַנס קאַסטאָרפּ טוט בלויז אַ צי מיט די אַקסלען און ער טוט עס אַקוראַט אַזוי, ווי ר׳האָט נעכטן אינאָוונט געזען ביי יאָאַכימען.

אַ ווײַלע גייען זיי שווייגנדיקערהייט. דערנאָך פרעגט יאָאַכים:

— נו, ווי געפעלט דיר דאָ דער עולם, כ׳מיין ביי אונזער טיש?

האַנס קאַסטאָרפּ מאַכט אַ מינע, ווי ער וואָלט גלייכגילטיק געבליבן.

— מיין גאָט — זאָגט ער — זיי זעען מיר נישט אויס צו זיין זייער אינטערעסאַנט. ביי די אַנדערע טישן, קלער איך, זיצן אינטערעסאַנטערע, אָבער ס׳קאָן זיין, אַז ס׳דאַכט זיך בלויז אַזוי. פרוי שטער וואָלט זיך געדאַרפט לאָזן אויסוואַשן די האָר. זיי זיינען אַזוי פעט. און די מאַזורקע, אָדער ווי זי הייסט דאָרטן, זעט מיר אויס צו זיין אַ ביסל נאַריש. זי הערט נישט אויף צו שטופן דאָס נאָזטיכל אין מויל אַריין — אַזויפיל כיכעט זי.

יאָאַכים צעלאַכט זיך הויך פון יענעמס פאַרדרייען דעם נאָמען.

— מאַזורקאַ — דאָס איז אויסגעצייכנט! — רופט ער — מאַרושיאַ הייסט זי, אויב דו ווילסט וויסן. דאָס איז אַזוי ווי מאַריע. יאָ, זי איז באמת צופיל צעלאָזט — זאָגט ער — און דערביי וואָלט זי גאָר געדאַרפט זיין געזעצטער, ווייל זי איז גאַנץ היפּש קראַנק.

— מ׳דערקאָנט דאָס גאָרנישט — זאָגט האַנס קאַסטאָרפּ — זי זעט אַזוי גוט אויס. ווי אַ ברוסט־קראַנקע זעט זי בכלל נישט אויס. דערביי גיט ער אינדערהיך אַ קוק אויפן קוזין און דערזעט, אַז אויף יאָאַכימס אָפּגעברענט פנים באַווייזן זיך פלעקן, אַזעלכע, וואָס ווייזן זיך אַלעמאָל אויף אָפּגעברענטע פנימער, בעת ס׳פּליסט פון זיי אָפּ דאָס בלוט. זיין מויל האָט זיך דערביי אויף אַ גאַנץ מאָדנע קלאָגעדיקן אופן פאַרקרימט — באַקומען אַן אויסדרוק, וואָס האָט אָנגעוואָרפן, אויף דעם יונגן האַנס קאַסטאָרפּ אַן אומבאַשטימטע שרעק און אים באַוואויגן, ער זאָל תיכף בייטן די טעמע און נעמען ריידן וועגן אַנדערע פּערזאָנען. דערביי האָט ער זיך

ליג־שטול. ער האָט אַפילו נישט פאַרריכט זיין איינמאָל־אָנגענומענע פּאָזיציע און איז פאַרזונקען געוואָרן אין אַ שווערן האַלב־דרעמל, וואָס איז בלויז פיינלעך באַלעבט געוואָרן דורך דעם גיכן קלאַפּן פון זיין האַרץ.

נאַטירלעך, אַ פרוי

ווי לאַנג ר'איז געשלאָפן, האָט ער אַליין נישט געוואוסט. ווען ס'איז געקומען די צייט — האָט זיך צעקלונגען דער גלאָק. אָבער ער האָט נאָך נישט געהערט דירעקט צום מיטאָג, ער האָט בלויז דערמאָנט, מ'זאָל זיך מאַכן גרייט. דאָס קאַסטאָרף האָט געוואוסט דערפון, און ער איז געבליבן ליגן ביז די מעטאַלענע קלינגערייַ האָט צום צווייטן מאָל זיך דערהערט פון דער נאָענט און באַלד צוריק זיך דערווייטערט. ווען יאָאַכים איז אַרוים צו אים, כדי אים צו נעמען אויף מיטאָג, האָט דאָס קאַסטאָרף געזאָגט, אַז ער וויל זיך איבערטאָן, אָבער יאָאַכים האָט נישט מסכים געווען. ער האָט פיינט געהאַט און געפילט אַ ביטול צו אומפּינקטלעכקייט. ווי אַזוי קאָן מען עפּעס אויפטאָן און געזונט ווערן, כדי צו קאָנען דינען אין מיליטער — זאָגט ער — אויב מ'איז אויף אַזויפיל אָפּגעלאָזן, מ'זאָל אַפילו נישט קאָנען עסן צו דער צייט. ער איז, נאַטירלעך, גערעכט און דאָס קאַסטאָרף פאַרענטפערט זיך בלויז דערמיט, אַז ר'איז, וואָס אמת, נישט קראַנק, אָבער דערפאַר אויסערגעוויינלעך שלעפעריק. ער וואַשט בלויז אינדערגיך די הענט. דערנאָך גייען זיי אַראָפּ אין זאַל אַריין — צום דריטן מאָל.

די געסט שטראָמען אַריין דורך ביידע אַריינגענג. מ'גייט אַריין דורך די וועראַנדע־טירן קעגנאיבער, וואָס שטייען אָפן. באַלד זיצן אַלע ביי די זיבן טישן אַזוי, גלייך ווי זיי וואָלטן קיינמאָל נישט אויפגעשטאַנען פון דאַנען. אַזאַ איינדרוק האָט לכל־הפּחות געהאַט דאָס קאַסטאָרף. דער איינדרוק איז, אמת, אַ ריין טרוימערישער און קעגן דעם שכל, אָבער זיין פאַרנעפּלטער קאָפּ האָט זיך אין משך פון איין רגע נישט געקאָנט באַפרייען דערפון, און דער רעיון איז אים

אונטערשפּרינגענדיק קעגן דער זון, כּדי אָפּצוקלאַפּן די קרייד־ווייסע באַלן אין דער לופט. די גוט־געהאַלטענע ספּאָרט־פּלעצער זיינען געווען ווי באַדעקט מיט אַ מעליקן שטויב. די קוזינען האָבן זיך אויך געזעצט אויף אַ ברייער באַנק, כּדי צוצוקוקן זיך צום שפּיל און צו זאָגן מבינות.

— דו שפּילסט נישט אַמאָל דאָ? — פרעגט האַנס קאַסטאָרפּ.

— איך טאָר עס נישט — ענטפערט יאָאַכים. — מיר מוזן ליגן, כּסדר ליגן... סעטעמבריני זאָגט: מיר לעבן אַ האָריזאָנטאַל לעבן. מיר זיינען האָריזאָנטאַלע ברואים — זאָגט ער. דאָס איז איינער פון זיינע פוילע וויצן. דאָ שפּילן געזונטע, אָדער זיי טוען עס, כאָטש זיי טאָרן נישט. אַגב, שפּילן זיי נישט אַזוי ערנסט, מער לשם די קאָסטיומען... וואָס ס'איז נוגע פאַרבאָטענע שפּילן, ווערן דאָ געשפּילט, נאָך מער פאַרבאָטענע, ווי טענים, פּאָרקער, אַ שטייגער. אין טייל האָטעלן שפּילט מען אויך אין „קליינע פערדלעך“. ביי אונז שיקט מען אַהיים דערפאַר, דאָס איז, זאָגט מען, דאָס סאַמע שעדלעכסטע. אָבער טייל כאַפּן זיך אַרויס נאָך דער אָוונט־קאָנטראָל און שפּילן. דער פּרינץ, פון וועלכן בערענס האָט געקריגן זיין טיטל, זאָל עס אויך האָבן כּסדר געטאָן.

האַנס קאַסטאָרפּ הערט עס קוים. זיין מויל איז ביי אים אָפן, ווייל ער קאָן נישט רעכט אָטעמען דורך דער נאָז, כאָטש ער האָט נישט קיין קאַטער. זיין האַרץ קלאַפּט־צו אין אַ פאַלשן טאַקט צו דער מוזיק, און ער שפּירט צוליב דעם אַ טעמפּע פּיינלעכקייט. מיט דעם דאָזיקן געפיל פון אומאָרדענונג און פּתירהדיקייט האָט ער שוין אָנגעהויבן איינשלאָפן. אָבער גראָד דעמאָלט האָט יאָאַכים דערמאָנט, אַז מ'דאַרף גיין אַהיים.

צוריקוועגס גייען זיי כּמעט שווייגנדיק. האַנס קאַסטאָרפּ גיט זיך אַפילו עטלעכע מאָל אַ קלאַפּ אויפן גלייכן וועג. ער שמייכלט צו דערצו וויטאָגדיק און שאָקלט מיטן קאָפּ. דער לאָמער האָט זיי מיט דער ווינדע אַרויפגעפירט אויף זייער שטאָק. ביים נומער 34 האָבן זיי זיך צעשיידט מיט אַ קורצן „צום ווידערזען“. האַנס קאַסטאָרפּ האָט דורכגעשטאַפּעט זיין צימער, איז אַרויס אויפן באַלקאָן און האָט זיך, ווי ער גייט און שטייט, אַ וואָרף געטאָן אויף דער

וואָך צום עסן דעקאָלטירט און דאָס געפעלט, אַפּנים, דעם אַלטן. הגם זי, פרוי שטער, קאָן עס נישט פאַרשטיין, ווייל ביי יעדער אונטערזוכונג האָט בערענס די געלעגנהייט געניג צו זען ביי דער פרוי סאַלאָמאָן. שפּעטער דערציילט זי אויפגערעגט און שעפּטשענדיק, אַז נעכטן אינאָוונט איז אין דער אייבערשטער אַלגעמיינער ליגהאַלע — וואָס געפינט זיך אויפן דאַך — פאַרלאָשן געוואָרן די ליכט. דער צוועק דערפון, האַלט פרוי שטער, איז גאַנץ „דורכזיכטיק“. דער אַלטער האָט עס באַמערקט און געמאַכט אַזעלכע קולות, אַז מ'האָט געהערט אין גאַנצן אַנשטאַלט. אָבער דעם שולדיקן האָט ער, פאַרשטייט זיך, נישט געלאָזט אויפזוכן, כאָטש מ'דאַרף נישט האָבן שטודירט אויפן אוניווערסיטעט, כדי זיך אָנצושטויסן, אַז דאָס האָט געטאָן דער הויפּטמאַן מיקלאָזיק פון בוקאַרעשט, וועלכן ס'איז אין דאַמען=געזעלשאַפט קיינמאָל נישט צו=טונקל. דאָס איז אַ מענטש אָן יעדער בילדונג, כאָטש ער טראָגט אַ קאָרסעט. ער איז לויט דער טבע פּשוט אַ רויב=חיה, יאָ, אַ רויב=חיה — חזרט איבער פרוי שטער מיט אַ פאַרשטיקטן קול. בשעת=מעשה טרעט אַרויס אויף איר שטערן און אויף איר אייבערשטער ליפּ אַ שווייס. אין וואָס פאַר אַ באַציִונגען ער שטייט מיט דער פרוי גענעראַל=קאָנסול וואורמבראַנד פון ווין — וועגן דעם רעדט מען אין „דאָרף“ און אין „פּלאַץ“. די באַציִונגען זיינען לחלוטין שוין נישט געהיימענישפולע. לאדי, וואָס טיילמאָל גייט דער הויפּטמאַן אַריין צו דער גענעראַל=קאָנסולין אין צימער אַריין אינדערפרי, ווען יענע ליגט נאָך אין בעט און ער איז דערביי, ווי זי מאַכט דעם גאַנצן טואַלעט, איז ער פאַראַכטאָגן דינסטאָג אַרויס פון דער וואורמבראַנדס צימער ערשט פיר אַ זייגער אינדערפרי. די פלעגערין פון יונגן פראַנץ אין נומער 19, ביי וועלכן דער פּנעומאָטאָראַקס האָט זיך נישט איינגעגעבן, האָט אים אַליין געכאַפּט דערביי און פון גרויס בושה איז זי נישט אַריין אין דער ריכטיקער טיר און פלוצלונג זיך דערזען ביים פּראָקוראָר פּאַראַוואַנט פון דאָרמונד... די פרוי שטער האָט נאָך לאַנג דערנאָך געשמועסט וועגן אַ „קאָסמישן אַנשטאַלט“, וואָס געפינט זיך אונטן אין שטעטל און וואו זי קויפט שווענק=וואַסער צו די ציין. יאָאַכים האָט געמוזט קוקן גלייך אין טעלער אַריין...

אַפילו אויף אַ געוויסן אופן געפעלן. ווייל אין משך פון דער מאָל־צייט האָט ער אים עטלעכע מאָל געפרווט צוריקרופן און עס האָט זיך אים אינגאַנצן איינגעגעבן.

די לוסטיקע אַלטע דאַמע האָט ווידער געשמועסט אויף איר מאָדנעם לשון צו דעם ד״ר בלומענקאָל, וואָס איז געזעסן קרומלעך קעגנאיבער איר און זיך צוגעהערט צו איר מיט אַ פאַרזאָרגטער מינע. איר דאַרע יונגע קרובה האָט דאַסמאָל סוף־כל־סוף געגעסן עפּעס אַנדערש אַחוץ יאָגהורט, ס׳איז געווען דער געדיכטער „קרעם ד׳אָרזש״, וועלכן די זאַל־טעכטער האָבן סערווירט אין טעלערס. אָבער זי האָט בלויז אויפגעגעסן עטלעכע לעפל און דאָס איבעריקע געלאָזט שטיין. די שיינע מאַרושיע האָט כסדר געשטופּט איר טיכל, פון וועלכן ס׳האָט געשמעקט מיט פּאָמעראַנצן־פּערפום, אין מויל אַריין, כדי איינצוהאַלטן דאָס כיכען. מיס ראָבינזאָן האָט געלייענט די זעלבע בריוו מיטן קיילעכדיקן כתב, וועלכע זי האָט געלייענט היינט אינדערפרי. זי קאָן, אַפּנים, נישט קיין וואָרט דייטש און וויל עס נישט קאָנען אויך. יאָאַכים רעדט צו איר עפּעס מעשה ריטער אויף ענגליש וועגן וועטער און זי ענטפערט קייענדיק בקיצור, כדי באַלד צוריק צו קאָנען שווייגן. וואָס ס׳איז נוגע דער פרוי שטער אין דער שאָטישער וואָלענער בלוזע, — האָט מען זי היינט פאַרמיטאָג אונטערגעזוכט און זי דערציילט וועגן דעם. בשעת־מעשה הנדלט זי זיך אויף אַן עס־האַרטישן אופן און פאַרציט די אייבערשטע ליפּ פון די האָזענע ציין. זי קלאָגט זיך, אַז רעכטס אויבן אין דער לונג הערט מען נאָך גערוישן, אויסער דעם קלינגט נאָך אונטערן לינקן אַקסל זייער שאַרף און „דער אַלטער״ האָט געזאָגט, אַז פינף חדשים מוז זי נאָך בלייבן דאָ. פון גרויס פּראָסטקייט רופט זי דעם הויפראַט בערענס „דער אַלטער״. אַגב, איז זי אין כעס, הלמאַי דער „אַלטער״ זיצט היינט נישט בײַ איר טיש. לויט דער „טורנע״ (זי מיינט מסתמא „טורנוס״) קומט אים היינט צו מיטאָג איר טיש, צום סוף האָט דער „אַלטער״ זיך שוין ווידער אַוועקגעזעצט בײַ אַ צווייטן טיש לינקס (הויפראַט בערענס זיצט פאַקטיש דאָרט און לייגט־צונויף זיינע ריזיקע הענט פאַרן טעלער). אַוודאי, דאָרטן זיצט די דיקע פרוי סאַלאָמאָן פון בריסל, וואָס קומט יעדן פשוטן מיט־

קיט, אזוי אז די פרוי ראבינזאן און אויך די לערערין האבן אויף אים א קוק געטאן פארוואונדערט. דערביי האט ער אויסגעדרייט דעם גאנצן אייבערשטן טייל קערפער אויף לינקס און האט אויפגעריסן זיינע בלוט-פארלאפענע אויגן.

ס'איז געווען א דאמע. איצט איז זי געגאנגען איבערן זאל, א פרוי, גיכער א יונג מיידל, א מיטל-וואוקסיקע, אין א ווייסן סוועטער און אין א קאלירט קלייד. האר האט זי געהאט רויטלעך-בלאנדע, פשוט פארפלאכטן אין צעפ ארום קאפ. האנס קאסטארפ האט בלויז געזען א קליינעם טייל פון איר פראפיל, כמעט גארנישט. זי איז געגאנגען שטילערהייט און דאס איז געווען א מאדנע סתירה צו איר ליארמענדיקן אריינקום. מאדנע קריכנדיק און האלטנדיק דעם קאפ א ביסל פארויס איז זי געגאנגען צום לעצטן טיש אויף לינקס, וואס איז געשטאנען פערפענדיקולער צו דער טיר פון דער וועראנדע. ס'איז געווען דער „גוטער רוסן-טיש". איין האנט האט זי געהאלטן אין קעשענע פון געפאסטן וואלענעם סוועטער, מיט דער אנדערער האט זי אונטערגעהאלטן און פארריכט די האר פון הינטן. האנס קאסטארפ האט א קוק געטאן אויף אט דער האנט. ער האט א סך חוש און קריטישע מבינות אויף הענט און איז געוויינט קודם-כל א קוק צו טאן אויף דעם דאזיקן אבר, בעת ער דערזעט א מענטש צום ערשטן מאל. זי איז נישט געווען ספעציעל ווייבלעך, די האנט, וואס האט אונטערגעהאלטן די האר, נישט אזוי געפלעגט און אויסגעאיידלט, ווי ס'פלעגן געוויינלעך צו זיין פרויען-הענט אין דער געזעלשאפטלעכער סביבה פון יונגן האנס קאסטארפ. א גאנץ-ברייטע און א קורצפינגערדיקע, — האט זי אין זיך עפעס פרימיטיווס און קינדישס, עפעס פון דער האנט ביי א שול-מיידל. אירע נעגל האבן, אפנים, נישט געוואוסט, וואס דאס איז אזוינס מאניקיור. זיי זיינען געווען פשוט ארומגעשניטן, ווידער ווי ביי א שול-מיידל. אין די זייטן איז די הויט געווען א ביסל אפגעריבן, כמעט אזוי, גלייך זי וואלט געהאט די שלעכטע טבע צו בייסן די נעגל. אגב, האט דאס האנס קאסטארפ מער אפגעפילט, ווי געזען. זי איז פארט געווען צו-ווייט פון אים. די פארשפעטיקטע האט באגריסט די טיש-געזעלשאפט מיט א שאקל פון קאפ. זי האט זיך אוועקגעזעצט

דאָס מיטאָג איז געווען מייסטערהאַפטיק געמאַכט, און צו עסן
האָט מען געקריגן איבערגענוג. צוזאַמען מיט נערהאַפטיקער זופּ
איז יעס באַשטאַנען פון גאַנצע זעקס שפּייזן. נאָך די פיש איז
געגאַנגען אַ גוטע פליישׂ=שפּייז מיט צושפּייזן, דערנאָך אַ באַזונדע=
רער טעלער מיט גרינס, געבראָטן עוף, דערנאָך אַ מעל=שפּייז, וואָס
איז געווען נישט ווייניקער געשמאַק פון דער נעכטיקער, צום כּוף —
קעז און אייבּס. יעדער שיסל איז אַרומגעטראָגן געוואָרן צוויי מאָל
און נישט גלאַט אומזיסט. מ'האָט זיך אָנגעלייגט אויף די טע=
לערס און מ'האָט געגעסן בײַ אַלע טישן. אַ חיהשער אַפּעטיט האָט
געהערשט אין זאַל, אַן אויסגעהונגערטקייט, צו וועלכער ס'וואָלט
געווען אַ מחיה זיך צוצוקוקן, ווען נישט דאָס, וואָס זי ווירקט גלייכ=
צייטיק עפּעס אומהיימלעך און אַפילו עקלדיק. נישט בלויז די פריי=
לעכע, וועלכע פּלוידערן און באַוואַרפן זיך מיט ברויט=קיילעכלעך, האָבן
געקייט אויף ביידע באַקן, נאָר אַפילו אויך די שטילע און מרה=
שחורהדיקע, וואָס צווישן איין מאַכל און דעם אַנדערן שפּאַרן זיי
אָן די קעפּ אויף די הענט און קוקן פאַר זיך. בײַם שכנישן טיש
האָט איינער, אַ נישט=דערוואַקסענער בחור, אַ גימנאַזיסט נאָך לויט
די יאָרן, מיט צו=קורצע אַרבל און דיקע, קיילעכיקע ברילן=גלעזער, אַ'ליין,
וואָס איז אויפגעגעבן געוואָרן אויפן טעלער, פריער צעריבן אויף
איין קאַשע און פּאַפּע. דערנאָך האָט ער זיך איבערגעבויגן איבער דעם
טעלער און האָט געשלונגען. דערבײַ איז ער אַלעמאָל אַריינגעפאָרן
מיטן סערוועט הינטער די ברילן און האָט עפּעס אָפּגעווישט — מ'האָט
נישט געוואוסט, צי ס'איז שוויס אָדער טרערן.

אין משך פון דער גרויסער מאָלצייט זיינען געשען צוויי זאַכן,
וואָס האָבן אַרויסגערופן האַנס קאַסטאָרפּס אויפמערקזאַמקייט אויף וויפל
זיין מצב האָט עס צוגעלאָזט. קודם=כּל איז ווידער צוגעפאַלן די טיר, —
ס'איז געשען בײַ די פיש. האַנס קאַסטאָרפּ האָט מיט פאַרדרוס אַ צי=
טער געטאָן און האָט מיט כּעס צו זיך אַליין אַ זאָג געטאָן, אַז
ער מוז איצט אומבאַדינגט זען, ווער דאָס טוט. ער האָט נישט
בלויז געטראַכט אַזוי, נאָר עס אויך אַרויסגעמורמלט מיט די ליפּן,
פאַר אַזוי וויכטיק האָט ער עס געהאַלטן. כ'מוז עס געוואָר ווערן! —
האָט ער אַ שעפּטשע געטאָן מיט אַן איבערגעטריבענער פאַרביסנ=

די צווייטע געשעעניש איז באַשטאַנען דערין, וואָס ד״ר בלומענ־קאָל איז אויף אַ ווײַלע אַרויס פֿון זאַל. ווײַטער גאָרנישט. דער שטילער, ברוגזער אויסדרוק פֿון זײַן פּנים איז פּלוצלונג שאַרפֿער געוואָרן, ער האָט פֿאַרזאָרגטער ווי געוויינלעך אַ קוק געטאָן אויף איין פּונקט, דערנאָך האָט ער מיט אַ באַשיידענער באַוועגונג אָפּגערוקט די שטול און איז אַרויסגעגאַנגען. אָבער דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזן פֿרוי שטערס עם־האַרצות אין דער גאַנצער גרייס. זי האָט, אַפּנים, דערפֿילט אַ נידעריקע באַפֿרידיקטקייט צוליב דעם, וואָס זי איז ווייני־קער קראַנק, ווי בלומענקאָל, און בעת ער איז אַרויסגעגאַנגען, האָט זי געזאָגט האַלב־רחמנותדיק, האַלב מיט ביטול: „אַן אומגליקלעכער. ער וועט באַלד אויסהויכן דעם לעצטן אָטעם. ער מוז שוין ווידער אַ שמועס טאָן מיטן בלויען היינריך". די מגושמדיקע מליצה „דער בלויער היינריך" האָט זי אַרויסגעזאָגט מיט אַ נאַרישער עם־האַרצות־דיקער מינע און האַנס קאַסטאָרפּ האָט בײַ די דאָזיקע ווערטער אָנ־געכאַפּט אי אַ מורא, אי אַ חשק צו לאַכן. אין עטלעכע מינוט אַרום איז, אַגב, ד״ר בלומענקאָל צוריק אַרײַנגעקומען מיט דער זעלבער באַשיידענער צורה, ווי בעת ר׳איז אַרויסגעגאַנגען. ער האָט זיך ווידער אַוועקגעזעצט און ווײַטער געגעסן. אויך ער האָט געגעסן אַ סך און פֿון יעדער מאכל גענומען צו צוויי מאָל, שטום און מיט אַ פֿאַרזאָרגטער, פֿאַרשלאָסענער מינע.

דאָס מיטאָג האָט זיך געענדיקט. אַדאַנק דער פֿלינקער באַ־דינונג (די קאַרליקינע איז ספּעציעל געווען זייער אַ גיכע) האָט עס געדויערט בלויז אַ גוטע שעה. האַנס קאַסטאָרפּ איז ווידער געלעגן סאָפּענדיק אויף זײַן אויסגעצייכנטן שטול אין דער באַלקאָן־לאָזשע, אַליין נישט געדענקענדיק דערבײַ, ווי אַזוי ר׳איז אַהינגעגאַנגען. ווײַל נאָכן עסן גייט ליג־קוראַציע ביז צו דער טיי. דאָס איז געווען די וויכטיקסטע ליג־קוראַציע פֿון טאָג און מ׳האָט זי שטרענג געמוזט אויספֿירן. צווישן די נישט־דורכזיכטיקע גלעזערנע ווענטלעך, וואָס האָבן אים אָפּגעשיידט פֿון יאָאַכימען פֿון איין זײַט, און פֿון דעם רוסישן פּאָרפֿאָלק פֿון דער צווייטער זײַט, איז ער געלעגן און האָט געדרעמלט מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ. געעטעמט האָט ער מיטן מויל.

אין דער אינעווייניקסטער זייט פון טיש, מיטן רוקן קעגן זאַל, אין דער זייט פון ד״ר קראָקאָווסקי, וואָס איז דאָרטן געזעסן אויבנאָן. זיפּצנדיק, האָט זי נאָך אַלץ געהאַלטן די האַנט ביי די האָר און האָט הינטערווײַלעכס זיך אַרומגעקוקט אויפן פּובליקום. האַנס קאַסטאָרפּ האָט דערביי אינדערגיך באַמערקט, אַז זי האָט ברייטע באַקן־ביינער און שמאָלע אויגן... ווען ער האָט דערזען, האָט אויף אים קוים אין לייכט אַ הויך געטאָן אַן אומקלאָרע דערמאַנונג: ווען־עפּעס...

פאַרשטייט זיך, אַ פרוי — טראַכט האַנס קאַסטאָרפּ און ער מורמלט עס ווידער אויסדריקלעך אַרויס פאַר זיך, אַזוי, אַז די לערערין פרײַלין ענגלהאַרט דערהערט, וואָס ער זאָגט. די דאַרע אַלטע פרײַלין שמייכלט גערירט.

דאָס איז די מאַדאַם שאָשאַ — זאָגט זי. — זי איז אַזוי אָפּ־געלאָזן, אַ אַנטציקנדיקע פרוי. דערביי ווערט די פּוכיקע רויטקייט אויף פרײַלין ענגלהאַרטס באַקן מיט איין שאַטירונג שטאַרקער. דאָס געשעט בכלל יעדעס מאָל, ווען זי עפנט דאָס מויל עפּעס צו זאָגן.

— אַ פראַנצויזין? — פרעגט האַנס קאַסטאָרפּ שטרענג.

— ניין, זי איז אַ רוסישע — זאָגט פרײַלין ענגלהאַרט. — אפשר איז דער מאַן אַ פראַנצויז, אָדער שטאַמט פון פראַנצויזן. דאָס ווייס איך נישט זיכער.

— דאָס איז יענער — פרעגט האַנס קאַסטאָרפּ נאָך אַלץ אַ צערייצטער און ווייזט אָן אויף אַ מאַן מיט אַראָפּגעלאָזטע אַקסלען, וואָס זיצט ביים גוטן רוסן־טיש.

— אָ, ניין, יענער איז נישטאָ הי — ענטפערט די לערערין. — ער איז בכלל נאָך דאָ נישט געווען און מ׳קאָן אים דאָ לחלוטין נישט.

— זי וואָלט באַדאַרפט צומאַכן די טיר ווי עס דאַרף צו זיין,— זאָגט האַנס קאַסטאָרפּ. — אַלעמאָל לאָזט זי זי צופאַלן. דאָס איז אַ שלעכטער מאַניער.

היות די לערערין האָט דעם דאָזיקן פאָרוואורף אויפגענומען מיט אַ הכנעהדיקן שמייכל, גלייך ווי זי אַליין וואָלט עס אָפּגעטאָן — האָט מען מער נישט געמאַכט קיין שמועס וועגן דער מאַדאַם שאָשאַ.

האָט זיין משרת עס אויסגעגראָבן פון דער ערד פּופּציק טריט ווייטער... איר ווילט זען? ס'איז אַ סך שאַרפער פון אַ בריטווע. ס'איז גענוג אָנצורירן די שאַרף, זי זאָל אַריין אין פליש, ווי אין פּוטער. וואַרט, איך וועל עס אייך ווייזן פון דער נאָענט... — באַלד דערנאָך שטעלט זיך הער אַלבין אויף. ס'ווערט אַ געקוויטשעריי.—ניין, איצט וועל איך אייך ווייזן מיין רעוואָלווער — גיט אַ זאָג הער אַלבין — דאָס וועט אייך מער אינטערעסירן. אַ טיוואָלאָנישע כּלי. זי קאָן דורכשיסן... באַלד ברענג איך אים אַרויס פון מיין צימער.

— הער אַלבין, הער אַלבין, טוט עס נישט — בעטן זיך עטלעכע שטימען. אָבער הער אַלבין קומט שוין אַרויס פון דער ליג־האַלע, כּדי אַריינצוגיין אין זיין צימער. ער איז בלוט־יונג און אַן אויפגעשאָסענער, מיט אַ ראָזן קינדער־פּנים און קליינע סימנים פון באַקןבערדלעך ביי די אויערן.

— הער אַלבין — רופט אַ דאַמע הינטער אים — ברענגט ליבערשט אַרויס אייער פּאַלטאָ, טוט אים אָן. טוט עס מיר צוליב! זעקס וואָכן זענט איר געלעגן מיט אַ לונגן־אָנצינדונג און איצט זיצט איר אָן אַ אייבער־מלבוש און איר דעקט אייך אַפילו נישט צו און רויכערט פּאַפּיראָסן! דאָס הייסט אויספּרוּוון גאָט, הער אַלבין, מיין ערןוואָרט!

אָבער יענער לאַכט נאָר חוזקדיק און גייט ווייטער. אין עטלעכע מינוט אַרום קומט ער צוריק מיטן רעוואָלווער. די ווייבער נעמען קוויטשען נאָך נאַרישער ווי פריער און מ'הערט, אַז אַ סך ווילן אויפשפּרינגען פון די שטולן. זיי פּלאָנטערן זיך אין די קאָלדרעס און פּאַלן.

— זעט, ווי קליין און בלאַנקענדיק ער איז — זאָגט הער אַלבין.— אָבער ווען איך גיב דאָ אַ קוועטש, נעמט ער שפּייען... אַ ניי געקוויטשעריי.. — פאַרשטייט זיך, אַז ר'איז אָנגעלאָדן — רעדט ווייטער הער אַלבין. — אין אָט דעם רערל זיצן זעקס פּאַטראָנען. ביי יעדן שאָס דרייט עס זיך אויס אויף אַ לאָך ווייטער... אַגב, האַלט איך די כּלי נישט אויף קאַטאָוועס — זאָגט ער, דערזעענדיק, אַז די ווירקונג ווערט שוואַכער. באַלד באַהאַלט ער דעם רעוואָלווער אין בוזים אַריין און זעצט זיך ווידער מיט פאַרלייגטע פיס אויף דער

באַנוצנדיק זיין טאַשנטיכל, האָט ער דערזען, אַז ס׳איז רויט פון בלוט, אָבער ער האָט נישט קיין כּוח אַריינצוקלערן דערין, כאָטש ר׳איז אַ ביסל אַן אָפּגעשראָקענער און איז בטבע אַ ביסל גענייגט צו היפּאָכאָנדריע. ער האָט ווידער פאַררויכערט אַ מאַריאַ מאַנציני. דאָסמאָל האָט ער אים אויסגערויכערט ביזן סוף. דער ציגאַר האָט אים געשמעקט ווי אַלעמאָל! אַ פאַרווירטער, דערשלאָגן און פאַר־חלומט, טראַכט ער וועגן דעם, ווי מאָדנע ס׳פירט זיך אים עפּעס דאָ. צוויי אָדער דריי מאָל נעמט זיין ברוסט אַוש ציטערן פון אי־נעווייניקסטן געלעכטער. דאָס האָט ער זיך דערמאָנט די שווידער־לעכע עם־האַרצישע באַצייכענונג, מיט וועלכער די פרוי שטער האָט זיך באַנוצט.

הער אַלבין

אונטן אין גאָרטן האָט פון צייט צו צייט אַ פלאַטער געטאָן אין ווינט די פאַנטאַסטישע פאָן מיטן שלאַנגען־שטעקן. דער הימל איז ווידער גלייך באַדעקט מיט וואָלקנס. די זון איז אַוועק. תיכּף איז קיל געוואָרן. די בשותּפותדיקע ליג־האַלע זעט־אויס צו זיין פול באַזעצט. מ׳שמועסט דאָרטן אונטן און מ׳לאַכט.

— הער אַלבין, איך בעט איך, לייגט אַוועק דאָס מעסער, באַהאַלט עס, ס׳קאָן נאָך געשען אַן אומגליק — הערט זיך אַ קלאָגנדיק ציטערנדיק ווייבעריש קול. באַלד דערנאָך:

— ליבער הער אַלבין, ווי גאָט איז איך ליב, האָט רחמנות אויף אונזערע נערוון און נעמט אַוועק פון די אויגן דאָס שרעקלעכע מאָרד־געצייג — מישט זיך אַריין אַ צווייטע. אַ בלאָנדער יונגערמאַן, וואָס זיצט אויף דעם ערשטן ליג־בעטל אין אַ זייט, מיט אַ פּאַפּיראָס אין מויל, ענטפערט מיט חוצפּה:

— ס׳פאַלט מיר נישט איין! די דאַמען וועלן דאָך מיר מסתּמא דערלויבן, זיך אַ ביסל צו שפּילן מיט מיין מעסער. יאָ, אַוודאי, ס׳איז ספּעציעל אַ שאַרף מעסער. איך האָב עס אָפּגעקויפט אין קאַלקוטע ביי אַ בלינדן מכשף... ער פלעגט עס איינשלינגען און באַלד דערנאָך

ראָסן, הער אַלבין, הערט אויס, ס'גייט אין אַייער לעבן, אין אַייער יונג, טייער לעבן.

אָבער מ'קאָן ביים הער אַלבין גאָרנישט פועלן.

— ניין, ניין — זאָגט ער. — לאָזט מיך, ס'וועט שוין גוט זיין, אַ דאַנק. איך האָב נאָך אַ דאַמע קיינמאָל גאָרנישט אָפּגעזאָגט, אָבער איר וועט זיך אַליין איבערציינגן, אַז ס'האָט נישט קיין זין זיך אַנטקעגנצושטעלן דעם גורל. איך בין שוין דאָ דאָס דריטע יאָר... כ'האָב עס שוין גענוג און וויל דאָס מער נישט מיטמאַכן — קאָנט איר האָבן פאַראיבל אויף מיר? אומהיילבאַר, מיינע דאַמען. אַזוי ווי איר זעט מיך דאָ זיצן, איך בין אומהיילבאַר. דער הויפראַט אַליין מאַכט אַ סוד דערפון בלויז, ווײַל ער שעמט זיך. פאַרגינט מיר דאָס ביסל פרייהייט, וואָס קומט מיר אַה״יס דערפון. ס'איז ווי אין גימנאַזיע, ווען ס'איז באַשלאָסן, אַז מ'בלייבט זיצן נאָך אַ יאָר און מ'ווערט אויף איינמאָל פטור פון אַלע פראַגן און מ'דאַרף מער גאָרנישט טאָן. צו דעם דאָזיקן גליקלעכן צושטאַנד בין איך סוף-כל-סוף ווידער דערגאַנגען. איך דאַרף מער גאָרנישט טאָן, איך ווער מער נישט גענומען אין באַטראַכט, איך לאַך מיך אויס פון אַלעמען. איר ווילט שאָקאָלאַד? — ביטע זייער! ניין, איר טוט מיר נישט קיין עוולה, כ'האָב אַ גאַנצן פאַק שאָקאָלאַד אין מיין צימער. אַכט באָנבאָניערעס, פינף טעוועלעך גאַלאַ-פעטער* און פיר פונט לינדט-שאָקאָלאַד האָב איך ליגן אויבן. דאָס אַלץ האָבן מיר צוגעשטעלט די דאַמען פון דער סאַנאַטאָריע בשעת מיין לונגען-אָנצינדונג...

פון ערגעץ באַפעלט אַ באַס-שטים, ס'זאָל זיין רויק, הער אַלבין גיט אַ קורצן לאַך — ס'איז אַ פלאַטערנדיק-אָפּגעריסן געלעכטער. דערנאָך ווערט שטיל אין דער ליג-האַלע, אַזוי שטיל, גלייך ווי אַ חלום אָדער אַ זעונג וואָלט צערונען געוואָרן. מאָדנע קלינגען דער-נאָך אָפּ די אַרויסגערעדטע ווערטער אין דער שטיל-שווייגעניש. האַנס קאַסטאָרפּ הערט זיך צו, ביז זיי שטאַרבן אינגאַנצן אָפּ, און כאָטש ער

---

* באַקאַנטע שווייצערישע שאָקאָלאַד-פאַבריק.

שטול. דערביי פאַררויכערט ער אַ נייעם פּאַפּיראָס. — לתּלוטין נישט אויף קאַטאָוועס — חזרט ער איבער און פּרעסט צונויף די ליפּן.

— צוליב־וואָס־דען? — פרעגן ציטערנדיקע קולות, פֿול מיט שלעכטן פאָרגעפיל. — ס'איז אַ שרעק! — גיט פּלוצלונג אַ געשריי איינע. הער אַלבין שאָקלט צו.

— איך זע, אַז איר הייבט אָן צו פאַרשטיין — זאָגט ער.— פּאַקטיש, דערצו האַלט איך אים — רעדט ער ווייטער לייכט און נישט געקוקט אויף דער איבערגעקומענער לונגען־אָנצינדונג, ציט ער אַריין אַ פולע רויך און לאָזט אים אַרויס. איך האַלט אים גרייט פאַר דעם טאָג, ווען דער גאַנצער טאַראַראַם דאָ וועט מיר ווערן לאַנגווייליק און ווען כ'וועל האָבן דעם כּבֿוד מיך העפלעך צו געזעגענען. דער ענין איז גאָר פּשוט.... איך האָב אַ ביסל שטודירט דאָס עסק און בין אינגאַנצן שוין פאַרטיק מיט מיר בנוגע דעם, וואו ס'איז אַמבעסטן „אַריינצוקנאַקן" (ביים וואָרט „אַריינקנאַקן" דערהערט זיך אַ געשריי). אין האַרץ אַריין איז נישט קיין עסק... דאָ איז נישטאָ, וואו באַקוועם צוצולייגן... כ'האַלט, אַז ס'איז בעסער אויסצולעשן דאָס באַוואוסטזיין תּיכּף־ומיד. כ'וועל דערפאַר מוזן אײַננעמען אַ קליינע פּאָרציע אין אָט־דעם אינטערעסאַנטן אָרגאַן... דערביי ווייזט־אָן הער אַלבין מיט זיין ווייזפינגער אויף זיין קורץ־געשוירענעם בלאָנדן קאָפּ. דאָ מוז מען צולייגן — און הער אַלבין ציט אַרויס דעם פאַרניקלטן רעוואָלווער פון זיין בוזים־קעשענע און גיט אַ קלאַפּ מיטן מיילעכל איבער דער שלייף. — דאָ איבער דעם שלאָג־אָדער... מ'קאָן עס לייכט אָפּטאָן אַפילו אָן אַ שפּיגל...

מ'דערהערט, ווי אַ סך שטימען בעטן זיך און פּראָטעסטירן. ס'מישט זיך אַפילו אַריין אַ שטאַרק שלוכצן.

— הער אַלבין, הער אַלבין, נעמט אַוועק דעם רעוואָלווער, נעמט אַוועק דעם רעוואָלווער פון אייער שלייף! מ'קאָן עס נישט צוקוקן! הער אַלבין, איר זענט יונג, איר וועט געזונט ווערן, איר וועט אייך אומקערן צום לעבן און זיין גליקלעך פון אייער ערפאָלג. מיין ערנוואָרט! טוט נאָר אָן אייער מאַנטל, לייגט אייך אַוועק, דעקט אייך צו, נעמט קוראַציע, יאָגט נישט אַרויס דעם באָדמייסטער, בעת ער קומט אייך אײַנרייבן מיט שפּירט! הערט אויף צו רויכערן פּאַפּי־

מ׳לאָזט אים אַליין, האָט ער דערפילט פּאַר אַ שטיקל באַליידיקונג, כאָטש ער האָט לחלוטין נישט קיין חשק געהאַט צו פאַרברענגען מיטן ד״ר קראָקאָווסקי אונטער פיר אויגן. אַוודאי, ער איז אַ געזונטער און קומט דאָ נישט אין חשבון אַריין. ביי זיי דאָ אויבן — טראַכט ער — מיינט מען שוין, אַז דער, וואָס האָט דעם כבוד צו זיין געזונט, דאַרף שוין נישט געגומען ווערן אין חשבון און מ׳ברויך אים אַפילו נישט פרעגן, וואָס ער מאַכט. דאָס האָט דעם יונגן קאָס־טאָרפּ פאַרדראָסן.

נאָכדעם ווי ד״ר קראָקאָווסקי האָט זיך געזוימט אַ צוויי־דריי מינוט ביי יאָאַכימען, גייט ער ווייטער לעגנ.א.ים דעם באַלקאָן און האַנס קאַסטאָרפּ הערט, ווי דער קוזין זאָגט, אַז מ׳דאַרף אויפ־שטיין און זיך גרייט מאַכן צו דער פאַרנאַכט־מאָלצייט. זייער פיין — ענטפערט ער און שטייט אויף. אָבער פון לאַנגן ליגן, דרייט זיך אים דער קאָפּ. פון דעם אויסמאַטערנדיקן דרעמל איז אים דאָס פּנים ווי־דער פיינלעך דערהיצט, דערביי נעמט אים אַ ביסל שווידערן — אפשר האָט ער זיך נישט גענוג גוט צוגעדעקט?

ער וואַשט די אויגן און די הענט, ברענגט אין אָרדענונג די האָר און די מלבושים און דערנאָך טרעפט ער זיך מיט יאָאַכימען אין קאָרידאָר.

— דו האָסט געהערט דעם דאָזיקן הער אַלבין? — פרעגט ער אַראָפגייענדיק פון די טרעפּ.

— אַוודאי — זאָגט יאָאַכים. — דער מענטש וואָלט געדאַרפט דיסציפּלינאַריש באַשטראָפט ווערן. ער שטערט די גאַנצע נאָכמיטאָג־דיקע רו מיט זיינע פּלוידערייען און רעגט אַזוי אויף די דאַמען, אַז זיי פאַרלירן מער געזונט, וויפל ס׳קומט זיי צו אין גאַנצע וואָכן. אַ גראָבע צעלאָזטקייט, אָבער ווער וויל דען זיין דער מסור. אַח־ץ דעם, איז זיין גערעדעריי פאַרן רוב עולם אַ פאַרוויילונג.

— ס׳קאָן מעגלעך זיין, מיינסטו — זאָגט האַנס קאַסטאָרפּ — אַז ער מיינט ערנסט מיט זיין „גלאַטן ענין“, ווי ער רופט דאָס, און אַז ער וועט באמת „איננעמען די פּאָרציע“?

— אַך, אַוודאי, אינגאַנצן אוממעגלעך איז עס נישט — ענט־פערט יאָאַכים. — אַזעלכע זאַכן טרעפן זיך דאָ אויבן. צוויי חדשים

איז מסופק, צי מאַכט נישט דער הער אַלבין אַן אָנשטעל, פּוני־דעסטוועגן איז ער נישט פריי פון אַ געוויסער קנאה לגבי אים. בפרט האָט דער פאַרגלייך געגומען פון שול־לעבן געמאַכט אַן איינדרוק אויף אים, ווייל ער אַליין איז איך געבליבן זיצן צוויי יאָר אין פינפטן קלאַס און ער דערמאָנט זיך אין דער אַ ביסל־בזיונותדיקער, אָבער גלייכצייטיק קאָמישער און אָנגענעם־פאַרוואָרלאָזטער צייט, ווען ער האָט אין פערטן קוואַרטאַל אויפגעהערט אַריינאַרבעטן און זיך אויסגעלאַכט „פון דער גאַנצער מעשה". אַזוי ווי זיינע רעיונות זיינען געווען טעמפּ און פאַרווירט, קומט ער נישט מיט זיי צו קיין טאָלק. בכלל דאַכט זיך אים, אַז די מענטשלעכע ערע האָט טאַקע גרויסע מעלות, אָבער די שאַנד האָט נישט ווייניקער, נאָך מער, די מעלות פון דער לעצטער זיינען ממש אָן אַ שיעור. ער פּרוּווט זיך זען אין הער אַלבינס הויט און שטעלט זיך פאָר, ווי אַזוי מ'מוז זיך פילן, ווען מ'פּטרט איינמאָל פאַר אַלעמאָל אָפּ די לאַסט פון יעדער ווערדע און מ'געניסט פון אַלע גוטע זייטן, וואָס ס'ברענגט מיט זיך די שאַנד. דעם יונגנמאַן באַפאַלט דערפון אַ שרעק און אַ געפיל פון אַ מין ווילדער זיסקייט. זיין האַרץ נעמט צוליב דעם איין אַ ווילדע קלאַפּן נאָך האַסטיקער.

דער שטן מאַכט באַליידיקנדיקע פאָרשלאָגן

שפּעטער האָט ער פאַרלוירן דאָס באַוואוסטזיין. אויפגעוועקט האָט אים אַ שמועס הינטער דער לינקער גלעזערנער וואַנט אין אויף זיין טאַשן־זייגערל איז שוין געווען האַלב פיר. ד"ר קראָקאָווסקי, וואָס גייט דערמאָלט אַרום צווישן די קראַנקע אָנעם הייפּראַט, האָט גערעדט רוסיש מיט דעם שלעכט־דערצויגענעם פּאָרפּאָלק, האָט זיך, ווייזט אויס, געפרעגט, ווי ס'שפּירט זיך דער מאַן און זיך געהייסן ווייזן די היץ־טאַבעלע. דערנאָך לאָזט ער זיך נישט ווייטער דורך די באַלקאָן־לאָזשעס, נאָר גייט צוריק אַרום אויפן קאָרידאָר, מיידט אויס האַנס קאַסטאָרפּס אָפּטייל און גייט אַריין צו יאָאַכימען דורך דער טיר פון צימער. דאָס, וואָס מ'היפערט אים אַזוי אַרום איבער און

האַנס קאַסטאָרפּ האָט זיך געלאָזט דערלאַנגען טיי און האָט אין איר אַריינגעטונקען סוכאַרעס. ער פאַרזוכט אויך אַ ביסל מאַר־מעלאַדע. דעם ראָזשינקע־קוכן באַטראַכט ער גענוי, אָבער ער ווערט ממש דערציטערט ביים געדאַנק, אַז מ'קאָן דאָס עסן. ווידער זיצט ער אויף זיין אָרט אין זאַל מיט דער פאַרביק־און פשוט־געמאָל־טער געוועלבונג, מיט די זיבן טישן — שוין צום פערטן מאָל. אַ ביסל שפעטער, זיבן אַ זייגער, זיצט ער דאָרטן צום פינפטן מאָל, דאָס איז שוין די אָוונט־מאָלצייט. אין דער צווישנצייט, וואָס איז געווען גאָר קורץ און נישט־אָנזעעוודיק, האָט מען געמאַכט אַ שפאַ־ציר צו יענער באַנק ביי דער באַרג־וואַנט, לעבן דעם טייכל. דער וועג איז איצט געווען פול מיט פאַציענטן, אַזוי, אַז די קוזינען האָבן כסדר געמוזט גריסן זיך. דערנאָך האָט מען ווידער געמוזט נעמען ליג־קוראַציע אויפן באַלקאָן אָנדערטהאַלבן שעה, וואָס זיינען דורכ־געגאַנגען גיך אָן יעדער געשעעניש. האַנס קאַסטאָרפן האָט דערביי פעסט געשווידערט.

צו דער אָוונט־מאָלצייט האָט ער זיך איבערגעטאָן און געזעסן איז ער — צווישן דער מיס ראָבינזאָן און דער לערערין. ר'האָט גע־געסן זשיליען־זופ, געבאַקן און געבראָטן פלייש מיט צושפייז, צוויי שטיקלעך פון אַ טאָרט, אין וועלכן ס'איז געווען פון כל־המינים: מאַקאַראָנען־טייג, פוטער־קרעם, שאָקאָלאַד, פאָווידלע און מאַרציפאַ־נעס, צום סוף אויך — זייער גוטער קעז מיט פומפערניקל. ווי־דער האָט ער זיך געהייסן דערלאַנגען דערצו אַ פלאַש קולמבאַכער. אָבער נאָכדעם, ווי ער האָט אויסגעליידיקט זיין הויך גלאָז ביז אין דער העלפט, — האָט ער דערשפירט קלאָר און דייטלעך, אַז ער מוז זיך לייגן אין בעט אַריין. אין קאָפ ביי אים האָט גערוישט, די ווייעס פון זיינע אויגן זיינען שווער געווען, ווי בליי, זיין האַרץ האָט געזעצט, ווי אַ קליין פייקל. דערצו נאָך האָט ער זיך איינגערעדט אַן עגמת־נפש, אַז די שיינע מאַרושיאַ, וואָס זיצט איבערגעבויגן, באַהאַלט איר פנים אין דער האַנט מיטן קליינעם רובין און לאַכט פון אים, הגם ער האָט זיך אַזוי אָנגעשטרענגט און באַמיט נישט צו געבן קיין סיבה דערצו. ווי פון גאָר ווייט האָט ער געהערט, ווי די פרוי שטער דער־ציילט אָדער זאָגט עפעס און דאָס האָט אים אויסגעוויזן צו זיין

איידער איך בין אָנגעקומען אַהער, האָט אַ סטודענט, וואָס איז שוין דאָ געווען אַ לאַנגע צייט, נאָך אַ גענעראַל־אונטערזוכונג, זיך אויפגעהאַנגען דאָ אין וואַלד. די ערשטע טעג פון מיין אָנקומען האָט מען נאָך אַ סך גערעדט וועגן דעם.

האַנס קאַסטאָרפּ גענעצט אַן אויפגערעגטער.

— יאָ, גוט פיל איך מיך נישט ביי אייך — זאָגט ער. — דאָס קאָן איך נישט זאָגן. ס'איז, דאַכט זיך, מעגלעך, אַז כ'וועל דאָ נישט קאָנען פאַרבלייבן, אַז כ'וועל מוזן אַוועקפאָרן. דו וועסט כאָטש נישט האָבן פאַראיבל?

— אַוועקפאָרן? — וואָס פאַלט דיר איין! — ענטפערט יאָאַכים. — אַ שטות! ביסט דאָך ערשט אָנגעקומען. ווי קאָנסטו דען משפטן נאָך דעם ערשטן טאָג!

— גאָט, ס'איז נאָך אַלץ דער ערשטער טאָג? — מיר דאַכט זיך, אַז כ'בין שוין דאָ לאַנג — לאַנג ביי אייך אויבן.

— הייב נאָר ווידער נישט אָן צו פילאָסאָפירן וועגן דער צייט — זאָגט יאָאַכים. — האָסט מיך היינט אינדערפרי אינגאַנצן קעלביק געמאַכט.

— ניין, זיי רויק, כ'האָב שוין אַלץ פאַרגעסן — ענטפערט האַנס קאַסטאָרפּ. — דעם גאַנצן קאָמפּלעקס. איצט איז מיר דער מוח שוין גאָרנישט שאַרף, ס'איז אַריבער... איצט גיט מען טיי?

— יאָ, און דערנאָך גייען מיר ווידער ביז צו דער באַנק, ווי אינדערפרי.

— מסכים. מיר זאָלן נאָר ווידער נישט טרעפן סעטעמברינין. כ'קאָן היינט נישט נעמען קיין אָנטייל אין קיין שום געבילדעטע שמועסן, דאָס זאָג איך דיר פאָרויס.

אין עס־זאַל דערלאַנגט מען אַלע משקאות, וואָס קאָנען נאָר אין דער שעה גענומען ווערן אין באַטראַכט. מיס ראָבינזאָן טרינקט ווידער איר בלוט־רויטע פעלד־רויזן־טיי און די יונגע קרובה זופּט יאָגהורט מיט אַ לעפל. אַחוץ דעם איז פאַראַן מילך, טיי, קאַווע, שאָקאָלאַד, אַפילו יויך. די געסט, וואָס האָבן נאָכן זעטיקן מיטאָג פאַרבראַכט צוויי שעה אין ליגן, שמירן מיט גרויס התמדה פּוטער אויף גרויסע שטיקער ראָזשינקע־קוכן.

כישופֿטן געווירבל. צום סוף איז אויך געווען אַ סטראָבאָסקאָפּ, אין וועלכן מ'האָט אַריינגעלייגט פֿילם־פּאַסן. ווען מ'האָט זייטיק אַריינגעקוקט אין דער עפֿענונג, האָט מען דאָרטן געזען, ווי אַ מילנער שלאָגט זיך מיט אַ קוימענקערער, אַ לערער, וואָס שלאָגט אַ תּלמיד, אַ שפּרינגענדיקן שטריק־טענצער און אַ פּויעריש פּאָרל, וואָס דרייט זיך אין דאָרפֿישן טאַנץ. האַנס קאַסטאָרפּ האָט פֿאַרלייגט די קאַלטע הענט אויף די קניען און האָט אַ לענגערע צייט געקוקט אין יעדן אַפּאַראַט באַזונדער. ער איז אויך אַ ביסל געשטאַנען בײַם ברידזש־טיש, וואו דער אומהיילבאַרער הער אַלבין מיט די אַראָפּהענגענדיקע מויל־ווינקלען האָט מיט וועלטמענטש־ביטולדיקע באַוועגונגען געהאַלטן די קאָרטן. אין אַ ווינקל איז געזעסן ד"ר קראָקאָווסקי, פֿאַרנומען אין אַ פֿרישן און האַרציקן שמועס מיט אַ רעדל דאַמען, וואָס ס'זיינען געשטאַנען פֿרוי שטער, פֿרוי אילטיס און פֿריילין לעווי. די זיצער פֿון גוטן רוסן־טיש האָבן זיך צונויפֿגענומען אין דעם שכנותדיקן קליינעם סאַלאָן, וואָס איז אָפּגעצוימט געווען פֿון שפּיל־צימער בלויז מיט פּאָרטיערן. זיי האָבן דאָרטן געשאַפֿן אַ אינטימע גרופּע. אויסער דער מאַדאַם שאָשאַ, איז דאָרטן געווען אַ בלאָנד־בערדיקער אָפּגעלאָזענער מאַנסביל מיט אַן איינגעפֿאַלענעם ברוסט־קאַסטן און אויסגעגלאָצטע אויגן־אַפּלען, אַ טיף־ברונעט מיידל, וואָס האָט אויסגעזען אָריגינעל און פֿריילעך, מיט גאָלדענע אוירינגלעך און צעשויבערטע געקרייזלטע האָר. ס'איז דאָרט אויך געווען ד"ר בלומענקאָל, וואָס האָט זיך געחברט מיט זיי, אַחוץ אים — נאָך צוויי בחורימלעך מיט אַראָפּהענגענדיקע אַקסלען. מאַדאַם שאָשאַ האָט געטראָגן אַ בלוי קלייד מיט אַ ווייסן קראַגן מיט שפּיצן. זי איז געזעסן, ווי דער מיטלפּונקט פֿון דער גרופּע, אויף דער סאָפֿע הינטער דעם קיילעכיקן טיש, אין הינטערגרונד פֿון דעם קליינעם סאַלאָנדל, מיטן פּנים צום שפּיל־צימער. האַנס קאַסטאָרפּ קאָן נישט אַנדערש אָנקוקן די פֿרוי, ווי מיט ביטול, און ער טראַכט בײַ זיך: זי דערמאָנט מיך אין עפּעס, אָבער כ'געדענקט נישט, אין וואָס... אַ לאַנגער מענטש בערך פֿון אַ יאָר דרייסיק מיט שיטערע האָר אין קאָפּ שפּילט אויפֿן קליינעם, ברוינעם פּאָרטעפּיאַן דריי מאָל נאָכאַנאַנד דעם חתונה־מאַרש פֿון „אַ חלום פֿון אַ זומערנאַכט" און אַז עטלעכע דאַמען בעטן אים, גיט ער

אַזוי משונה־ווילד, אַז ער איז אַריינגעפאַלן פון צעטומלונג אין אַ ספק, צי ער הערט עס באמת, אָדער פּרוּווט שטערן ווערטער פאַר־וואַנדלען זיך אין זיין קאָפּ אין אַזעלכע נאַרישקייטן. אָט טענהט זי, אַז זי קאָן מאַכן אַכט־און־צוואַנציק מינים פיש־יויך. זי האָט דעם מוט דאָס צו זאָגן, כאָטש איר אייגענער מאַן האָט זי געוואָרנט, זי זאָל נישט ריידן דערוועגן. „רייד מיר נישט דערוועגן". — האָט ער געזאָגט — קיינער וועט עס דיר נישט גלויבן און ווען מ'וועט אַפילו יאָ גלויבן, וועט מען עס האַלטן פאַר נאַריש. — פונדעסט־וועגן וויל זי עס היינט פּאָרט זאָגן און אָפן געבן צו וויסן, אַז זי קאָן מאַכן אַכט־און־צוואַנציק מינים פיש־יויך. דעם אָרעמען האַנס קאַסטאָרפּ האָט זיך דאָס אויסגעוויזן שרעקלעך. ער איז דערצי־טערט געוואָרן, האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן מיט דער האַנט ביים שטערן און האָט לחלוטין פאַרגעסן צו צעקייען און אַראָפּצושלינגען אַ ביסן פומפּערניקל מיט טשעסטער. ער האָט אים נאָך געהאַלטן אין מויל, ווען מען איז שוין אויפגעשטאַנען פונם טיש.

מ'גייט אַרויס דורך דער גלעזערנער טיר פון לינקס, יענע פאַ־טאַלע טיר, וואָס איז כסדר צוגעפאַלן און וועלכע האָט געפירט גלייך אין דער פאָדערשטער האַלע אַריין. כמעט אַלע זיינען געגאַנגען דאָ־אַרום, ווייל ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין דער צייט נאָך דער אָוונט־מאָלצייט קומט פאָר אין דער האַלע און אין די שכנותדיקע צימערן אַ מין געזעלשאַפטלעכער צונויפקום. דאָס רוב פּאַציענטן שטייט אין קליינע גרופּן און מ'שמועסט. ביי צוויי גרין־אויסגעשלאָגענע קלאַפּ־טישן ווערט געשפּילט. ביי איין טיש — דאָמינאָ, ביים אַנדערן — ברידזש. געשפּילט האָבן בלויז יונגעלייט, צווישן זיי דער הער אַלבין און הערמינע קלעפעלד. אין ערשטן סאַלאָן זיינען אויך געווען אַ פּאָר אָפּטישע חפצים: אַ סטערעאָסקאָפּישער קוק־קאַסטן, דורך וועמענס שייבלעך מען האָט געזען די אינעווייניק־אַריין־געשטעקטע פאָטאָגראַפיעס — צום ביישפּיל אַ ווענעציאַנישן גאָנ־דאָליער — זייער בולט, אָבער גליווערנדיק און בלוטלאָז. ווייטער איז געווען אַ שפּאַקטיוו־פאָרמיקער קאַליידאָסקאָפּ. ווען מ'האָט בלויז לייכט געדרייט ביי אַ רעדל און צוגעלייגט איין אויג צום שייבל, האָט מען געזען אַ סך קאָלירטע שטערן און אַראַבעסקן אין אַ פאַר־

— סיי גיך, סיי פּאַמעלעך, ווי מ׳וויל — ענטפערט האַנס קאַס־טאָרפּ. — טיילמאָל איז, זעט איר, זייער שווער אונטערצושיידן. כ׳האָב מיך לחלוטין נישט געלאַנגווייליקט — דערויף איז צו ל׳ע־בעדיק ביי אייך דאָ אויבן. מ׳זעט און מ׳הערט זיך דאָ אָן מיט אַזוי־פיל אויסטערלישע און נייע זאַכן... פון דער צווייטער זייט האָב איך אַ געפיל, גלייך ווי כ׳וואָלט שוין דאָ געווען נישט איין טאָג, נאָר אַ לאַנגע צייט, — עפּעס אַזוי, ווי כ׳וואָלט שוין דאָ געוואָרן עלטער און קליגער, אַזוי קומט עס מיר פאָר.

— קליגער אויך? — זאָגט סעטעמבריני און פאַרציט הויך די ברעמען. — דערלויבט מיר צו פרעגן: ווי אַלט זענט איר אייגנטלעך?

אָבער אַ מאָדנע זאַך, האַנס קאַסטאָרפּ געדענקט נישט! אין דער רגע ווייסט ער נישט, ווי אַלט ער איז, כאָטש ער שטרענגט זיך אָן שטאַרק און אַפילו פאַרצווייפלט צו דערמאָנען זיך. כדי צו געווינען צייט, לאָזט ער סעטעמברינין איבערחזרן די פראַגע און ענט־פערט דערנאָך:

— ...איך... ווי אַלט? כ׳בין, פאַרשטייט זיך, אין פיר־און־צוואַנציקסטן. בקרוב ווער איך פיר־און־צוואַנציק. זייט מיר מוחל, כ׳בין מיד — זאָגט ער, — און מידקייט איז נאָך אויך נישט דער ריכטיקער אויסדרוק פון מיין איצטיקן צושטאַנד. איר ווייסט פון דעם פאַל: ס׳חלומט זיך און מ׳ווייסט, אַז ס׳איז אַ חלום, מ׳וויל זיך אויפ־כאַפּן און מ׳קאָן נישט? אַקוראַט אַזוי, פיל איך מיך איצט. כ׳מיין גאַניץ זיכער האָבן היץ, אַנדערש קאָן איך עס מיר גאָרנישט אויס־טייטשן. איר וועט מיר גלויבן, אַז ביז אַרויף צו די קניען האָב איך קאַלטע פיס? כ׳ווייס נישט, צי מ׳קאָן זיך אַזוי אויסדריקן, ווייל די קניען געהערן דאָך שוין נישט צו די קאַלטע פיס. אַנט־שולדיקט, כ׳בין אינגאַנצן צעטומלט. און ס׳איז אויך נישט קיין וואונדער. באַלד אינדערפרי האָט מען מיר אַ פייף געטאָן מיט דעם פּנעומאָטאָראַקס, דערנאָך האָב איך מיך געמוזט אָנהערן די אַלע רייד פונם הער אַלבין און דערצו נאָך — אין אַ האָריזאָנטאַלער לאַגע. שטעלט אייך פאָר, כ׳האָב כסדר דאָס געפיל, אַז כ׳קאָן מיך מער נישט פאַרלאָזן אויף די פינף חושים מיינע און דאָס זשענירט מיך נאָך מער, ווי די היץ אין פּנים און די קאַלטע פיס. זאָגט מיר

יעדער איינער שווייגנדיק טיף אַ קוק אין די אייגן אַריין און הייבט אָן דעם מעלאַדישן מאַרש צום פערטן מאָל.

— קאָן מען פרעגן, וואָס איר מאַכט, אינזשעניער? — פרעגט סעטעמבריני, וואָס דרייט זיך אַרום צווישן די געסט מיט די הענט אין די הויזנקעשענעס און שטעלט זיך אַוועק צום סוף פאַר האַנס קאַסטאָרפּ... ער טראָגט נאָך אַלץ זיין גרויען, האָריקן ראָק מיט די העל־געקראַטעטע הויזן. ער הייבט אָן צו ריידן מיט אַ שמייכל און האַנס קאַסטאָרפּ דערפילט ווידער אַ מין אויסניכטערונג, בשעת ער קוקט אָן דאָס פיינע און שפּאָטיש־פאַרצויגענע מויל־ווינקל דאָרטן, וואו די שוואַרצע וואָנס איז אַרויפגעדרייט. פונדעסטוועגן קוקט ער אין דעם איטאַליענער היפּש פאַרווירט, מיט אַ געעפנטן מויל און רויט־אָנגעלאָפענע אויגן.

— אַך, איר זענט עס — זאָגט ער — דער הער, וועלכן מיר האָבן היינט אינדערפרי ביים שפּאַציר געטראָפן לעבן דער באַנק אויבן... ביים טייכל... יאָ, כ׳האָב אייך תיכף דערקאָנט. איר וועט מיר גלויבן — רעדט ער ווייטער, כאָטש ער פילט תיכף, אַז ער דאַרף עס נישט זאָגן — די ערשטע רגע האָט איר מיר אויסגעוויזן, ווי אַ קאַטאַרינאַזש... דאָס איז, נאַטירלעך, אַ שיגעון — גיט ער צו, זענדיק, אַז סעטעמברינים בליק נעמט־אָן אַ קיל־פאַרשנידיקן אויסדרוק. — בקיצור, אַ געוואַלדיקע טיפּשות! כ׳קאָן אַפילו בשום־אופן נישט באַגרייפן, ווי אַזוי כ׳האָב גאָר געקאָנט...

— האָט נישט קיין עגמת־נפש, ס׳שאַדט נישט — ענטפערט סעטעמבריני, נאָכדעם ווי ער באַטראַכט נאָך אַ ווײַלע שווייגנדיק דעם יונגנמאַן — ווי־זשע איז אייך אַוועק דער טאָג — דער ערשטער טאָג אייערער אין אָט דעם פריילעכן אָרט?

— אַ שיינעם דאַנק, אינגאַנצן לויט דעם אָנגענומענעם סדר — ענטפערט האַנס קאַסטאָרפּ. — ס׳רוב האָריזאָנטאַל, ווי איר האָט עס ליב אָנצורופן.

סעטעמבריני שמייכלט.

— ס׳קאָן זיין, אַז כ׳האָב מיך טאַקע אַזוי אויסגעדריקט ביי אַ געלעגנהייט — זאָגט ער. — נו, און דער טאָג איז אייך אַדורך גיך ביי אַזאַ מין לעבן?

— נאַטירלעך, קומט מיר נישט אַזוי לײַכט אָן מיך צו אַקלי־מאַטיזירן בײַ אײַך אויבן — רעדט ער װײַטער — דאָס האָט מען דאָך געקאָנט פֿאָרויסזען. אָבער תּיכּף זיך דערשרעקן און אַנטלויפֿן בלויז דערפֿאַר, װײַל כ'װיל די ערשטע פּאָר טעג זײַן אַ ביסל צעטומלט און האָבן אַ הײם פּנים — דאָס װאָלט געװען פֿאַר מיר אַ חרפּה. כ'װאָלט מיר אַלײן פֿאָרגעקומען װי אַ פּחדן און, אַחוץ דעם, װאָלט עס געװען אינגאַנצן קעגן שכל, — נײן, זאָגט איר אַלײן...

ער רעדט פּלוצלונג עקשנותדיק, שאָקלט צו פֿון אויפֿרעגונג מיט די אַקסלען און זעט־אויס, װי ער װאָלט געװאָלט אײַנרײדן דעם אי־טאַליענער, יענער זאָל פֿאָרמעל צוריקציִען זײַן פֿאָרשלאָג.

— פֿאַר שכל בויג איך דעם קאָפּ — ענטפֿערט סעטעמבריני.— איך בויג, אַגב, אויך דעם קאָפּ פֿאַר מוטיקײט. דאָס, װאָס איר זאָגט, לאָזט זיך הערן, ס'איז אויך שװער צו געפֿינען אַ רעכטע טענה קעגן דעם. איך האָב אויך צוגעזען שײנע פֿאַלן בײַ אַקלימאַטי־זאַציע. פֿאַראַיאָרן איז דאָ געװען אײנע אַ פֿרײַלין קנײפּער, אָטיליע קנײפּער, פֿון אַ גאַנץ פֿײַנער משפּחה, אַ טאָכטער פֿון אַ העכערן מלוכה־באַאַמטן. זי איז דאָ אָפּגעװען אָנדערטהאַלבן יאָר און האָט זיך אַזוי אויסגעצײכנט אײַנגעלעבט, אַז װערנדיק אינגאַנצן געזונט — אַמאָל טרעפֿט, אַז מ'װערט דאָ געזונט אויך — האָט זי בשום־אופֿן נישט געװאָלט אַװעק. זי האָט זיך געבעטן בײַם הויפֿראַט מיטן גאַנצן האַרץ, ר'זאָל זי נאָך לאָזן בלײַבן. זי קאָן נישט און װיל נישט אַהײמפֿאָרן, דאָ איז איר הײם, דאָ איז זי גליקלעך. ס'איז אָבער דעמאָלט געװען גרויס שפּע און מ'האָט געדאַרפֿט האָבן איר צימער — ממילא האָבן נישט געפּועלט אירע בקשות און מ'האָט זיך אײַנגעעקשנט זי אויסצושרײַבן װי אַ געזונטע. פּלוצ־לונג קריגט אָטיליע גרויס היץ, איר דיאַגראַמע נעמט זיך היפּש הײבן. אָבער מ'האָט זי תּיכּף דעמאַסקירט, װײַל אָנשטאָט אַ געװײנלעכן טערמאָמעטער האָט מען איר געגעבן אַ „שטומע שװעסטער". איר װײסט נאָך נישט, װאָס דאָס איז. עס איז אַ טערמאָמעטער אָן צי־פֿערן. װען דער דאָקטאָר װיל אים קאָנטראָלירן, לײגט ער צו אַ מאָס און צײכנט אַלײן די דיאַגראַמע. װײַזט זיך אַרויס, אַז אָטיליע, מײַן הער, האָט 9,36, האָט נישט קײן היץ. אָבער יענע האָט זיך

אָפּן, איר האַלט עס פאַר מעגלעך, אַז די פרוי שטער זאָל קאָנען קאָכן אַכט־און־צוואַנציק מינים פיש־יויך? כ'מיין נישט, צי זי קאָן עס באמת קאָכן — דאָס, האַלט איך, איז אויסגעשלאָסן. נאָר — צי זי האָט עס פאַקטיש פריער געזאָגט ביים טיש, אָדער ס'האָט זיך מיר נאָר אויסגעדאַכט, — אָט דאָס וואָלט איך געוואָלט וויסן.

סעטעמברעני קוקט אים אָן. ס'זעט אויס, ווי ער וואָלט גאָרנישט געוווּן געהערט. ווידער האָבן זיך זיינע אויגן „פאַרקוקט", האָבן באַקומען אַ טעמפּן און בלינדן אויסדרוק, און ווי היינט אינדערפרי, זאָגט ער איצט דריי מאָל: אַסי, אַסוי, אַסוי, סע, סע, סע,— חוזקדיק פאַרטראַכט און מיט אַ שאַרפער „ס"...

— פיר־און־צוואַנציק, זאָגט איר? — פרעגט ער דערנאָך...

— ניין, אַכט־און־צוואַנציק — זאָגט האַנס קאַסטאָרפּ. — אַכט־און־צוואַנציק מינים פיש־יויך. נישט יויכן בכלל, נאָר ספּעציעל פיש־יויך. דאָס איז דאָס אויסטערלישע.

— איזשיניער — זאָגט סעטעמברעני צאָרנדיק און מיט וואָרעניש — באַרויקט אייך און לאָזט געמאַך מיט דער דאָזיקער צעלאָזענער טיפּשות. איך ווייס גאָרנישט וועגן דעם און וויל דערפון נישט וויסן. אין פיר־און־צוואַנציקסטן יאָר, זאָגט איר? הם... דערלויבט מיר אַ פראַגע אָדער, בעסער געזאָגט, אַ פאָרשלאָג. היות אייער זיין דאָ דינט אייך נישט, ווי ס'זעט אויס, און איר פילט אייך נישט ביי אונז גוט, סיי קערפּערלעך, סיי גייסטיק, אויב כ'האָב נישט קיין טעות — טאָ וואָס־זשע וואָלט געווען, ווען איר דערפירט נישט אין דער לאַנגער באַנק אריין, קורץ: ווען איר פּאַקט אייך נאָך היינט איין און איר לאָזט אייך אַוועק מיטן מאָרגנדיקן שנעל־צוג?

— איר מיינט, כ'זאָל אַוועקפאָרן? — פרעגט האַנס קאַסטאָרפּ... כאָטש כ'בין ערשט אָנגעקומען? ניין, ווי אַזוי קאָן איך משפּטן לויטן ערשטן טאָג!

צופעליק גיט ער בשעת־מעשה אַ קוק אין דערנעבנדיקן צימער און דערזעט דאָרטן פרוי שאָשאַ פון פאָרנט, אירע שמאָלע אויגן און די ברייטע באַקנביינער. אין וואָס, טראַכט ער, אין וואָס און אין וועמען דערמאָנט זי מיך פאָרט? אָבער זיין מידער קאָפּ איז נישט בכוח צו ענטפערן דערויף, כאָטש ער שטרענגט זיך אַ ביסל אָן.

גאַכטלעמפּל מיט דעם רוסישן לערנבוך און גייט אַרויס אויפֿן באַלקאָן. דאָרטן צינדט ער אָן דאָס לעמפּל, שטעקט אַריין דעם טערמאָמעטער אין מויל, זעצט זיך אַוועק אויף דער ליג-שטול און נעמט מיט אַן אויסטערלישער פֿלינקייט זיך אַרומוויקלען מיט די צוויי גרויסע דעקעס — פֿון קעמל-האָר, וועלכע זיינען שוין געלעגן אויסגעשפּרייט אויף דער ליג-שטול פֿון פֿריער. האַנס קאַסטאָרפּ קוקט זיך צו מיט אמתדיקער באַוואונדערונג, ווי פֿלינק יענער מאַכט עס. ער פּאַרוואַרפֿט איבער זיך די דעקעס, איינע נאָך דער אַנדערער, פֿריער אין דער לענג פֿון לינקס ביז אונטערן אַקסל, דערנאָך פֿון אונטן איבער די פֿיס און דערנאָך — פֿון רעכטס, אַזוי, אַז ער שטעלט מיט זיך סוף-כּל-סוף פֿאָר אַ מין גלייכן און גלאַטן פּאַקעט, פֿון וועלכן ס'שטאַרן אַרויס בלויז דער קאָפּ, די אַקסלען און די הענט.

— דו מאַכסט עס אויסגעצייכנט — זאָגט האַנס קאַסטאָרפּ.

— ס'איז אַ געוויינונג — ענטפֿערט יאָאַכים און בשעת ער רעדט, האַלט ער צו דעם טערמאָמעטער מיט די ציין — דו וועסט עס דיך אויך אויסלערנען. מאָרגן מוזן מיר אומבאַדינגט איינהאַנדלען אַ פּאָר דעקעס פֿאַר דיר. זיי וועלן דיר אונטן אויך צונוץ קומען. דאָ, ביי אונז, קאָן מען זיך אָן דעם נישט באַגיין, בפֿרט נאָך, אַז דו האָסט נישט קיין פֿעלצענעם זאַק.

— איך וועל מיך אָבער ביינאַכט נישט לייגן אויפֿן באַלקאָן — טענהט האַנס קאַסטאָרפּ. — דאָס וועל איך נישט טאָן, איך זאָג עס דיר גלייך. ס'וואָלט מיר אויסגעקומען משונה. יעדע זאַך האָט איר גרענעץ. כ'מוז סוף-כּל-סוף ווי עס איז ווייזן, אַז כ'בין בלויז צוגאַסט ביי אייך אויבן. כ'וועל נאָך דאָ זיצן אַ ביסל און רויכערן אַ ציגאַר, ווי דער שטייגער איז. אַ געשמאַק האָט ער איצט אַ פּאַסקודנעם, אָבער כ'ווייס, אַז ר'איז גוט און לעת-עתּה מוז איך מיך באַנוגענען דערמיט. איצט איז שוין באַלד ניין אַ זייגער, לײדער איז נאָך אַפֿילו ניין אויך נישט. אָבער אַרום האַלב צען וועט שוין ווי ס'איז זיין די צייט, ווען מ'קאָן גיין שלאָפֿן.

אַ שוידער לויפֿט אים אַדורך די ביינער, פֿריער איינער און דערנאָך איינער נאָכן אַנדערן. האַנס קאַסטאָרפּ שפּרינגט אויף פֿון אָרט און לויפֿט צו צום וואַנט-טערמאָמעטער, גלייך ווי ער וואָלט אים

ספּעציעל געבאָרן אין דער אָזערע, ס'איז דעמאָלט געווען אָנהייבֿ מאַי, ביינאַכט זיינען געווען פֿרעסט, די אָזערע איז נישט געווען דווקא אַייז־קאַלט, ס'איז געווען עטלעכע גראַד איבער נול, גענוי גענומען. זי איז אַ היפּשע ווײַלע געזעסן אין וואַסער, אַבי עפּעס צו קריגן. וואָס, מיינט איר, איז אַרויסגעקומען? — זי איז געבליבֿן געזונט, ווי געווען. זי איז אַוועק אַ פֿאַרצרהטע און אַ פֿאַרצווייפֿלטע, און זיך גאָרנישט געלאָזט טרייסטן פֿון אירע עלטערן. וואָס וועל איך טאָן אונטן? — האָט זי געהאַלטן אין איין טענהן — דאָ איז מיין היים. — כ'ווייס נישט, וואָס ס'איז פֿון איר געוואָרן... דאַכט זיך, אַז איר הערט מיך גאָרנישט, אינזשעניער? ס'קומט אַייך אָן שווער צו האַלטן זיך אויף די פֿיס, אויבֿ כ'האָבֿ נישט קיין טעות. לייטענאַנט, דאָ האָט איר אַייער קוזין! — ווענדט ער זיך צו יאָאַכימען, וואָס קומט גראָד צו. — לייגט אים אין בעט אַריין. אין אים פֿאַראייניקן זיך שכל און מוט, אָבער היינט אינאָוונט איז ער אַ ביסל אָפּגעשוואַכט.

— ניין, באמת, כ'האָבֿ אַליין פֿאַרשטאַנען — פֿאַרזיכערט האַנס קאַסטאָרפּ. — די „שטומע שוועסטער“ איז בלויז אַ קוועקזילבער־רערל, אינגאַנצן אָן ציפֿערן. איר זעט, כ'האָבֿ עס אינגאַנצן פֿאַרשטאַנען. באַלד דערנאָך זעצט ער זיך אַריין אין דער ווינדע מיט יאָאַכימען און מיט נאָך אַ סך אַנדערע פּאַציענטן. דער צונויפֿקום איז געענדיקט פֿאַרן היינטיקן טאָג, מ'צעגייט זיך, ווער אין די האַלעס און ווער אין די לאָזשעס אויף אָוונטיקער ליג־קוראַציע. האַנס קאַסטאָרפּ גייט אַריין צו יאָאַכימען אין צימער. דער דיל פֿון קאָרידאָר מיטן קאָקאָס־דיוואַן פֿאַליעווען זיך לייכט אונטער די טריט, אָבער ס'איז נישט געווען באַזונדערס אומאָנגענעם. ער זעצט זיך אַוועק אויף יאָאַכימס גרויסער געבלימלטער לען־שטול — ביי אים אין צימער איז אויך געשטאַנען אַזאַ שטול — און פֿאַררויכערט אַ מאַריאַ מאַנציני. ער פֿילט אין איר אַ טעם פֿון קלעי, קוילן און נאָך אַנדערע ריחות, בלויז נישט דעם, וואָס מ'דאַרף שפּירן. פֿונדעסטוועגן רויכערט ער אים ווייטער. בשעת־מעשה קוקט ער זיך צו, ווי יאָאַכים פֿאַרעט זיך ביים לייגן זיך, טוט אָן זיין שטוב־קורטקע, וואָס איז ווי פֿון אַ אוניפֿאָרם, איבער איר — אַן אַלטן פּאַלטאָ, נעמט זיין

זיין הייסן, צעדולטן קאָפּ אויף דעם קישן, וואו די אַמעריקאַנערין איז ערשט נישט לאַנג געשטאָרבן.

ער האָט זיך זיכער געריכט, אַז ער וועט תּיכּף אַנטשלאָפן ווערן. אָבער ס'ווייזט זיך אַרויס, אַז ער האָט געהאַט אַ טעות און זיינע ווייעס, וואָס זיינען פריער צוגעפאַלן פון מידקייט, ווילן זיך איצט בשום-אופן נישט צומאַכן. תּיכּף ווי ער מאַכט זיי צו, עפענען זיי זיך אומרויִק און פינטלענדיק. ס'איז נאָך נישט זיין געוויינלעכע שלאָפצייט, טראַכט ער, אַחוץ דעם איז ער אין משך פון טאָג צופיל געלעגן. דערצו קלאַפּט מען נאָך אינדרויסן אויס אַ טעפּעך. דאָס קאָן אַפילו נישט געמאָלט זיין. פאַקטיש האָט זיך עס נישט אָנגעהויבן. ס'ווייזט זיך אַרויס, אַז דאָס קלאַפּן פון זיין אייגן האַרץ הערט ער, ווי עס וואָלט געקומען פון ערגעץ ווייט, אַקוראַט אַזוי ווי מ'וואָלט אינדרויסן אויסגעקלאַפּט אַ טעפּיך מיט אַ געפלאָכטענעם רויר-קלאַפּער.

אין צימער איז נאָך נישט אינגאַנצן פינסטער. די שיין פון די לעמפּלעך אין די לאָזשעס ביי יאָאַכימען און ביים פּאָרפּאָלק פון שלעכטן רוסן-טיש, פאַלט אַריין דורך דער אָפענער באַלקאָן-טיר. ליגנדיק אַזוי אויפן רוקן מיט צעפינטלטע ווייעס, ווערט פון דער העלער הויט אויפגעפרישט אין קאַסטאָרפּן אַן איינדרוק, איין איינציקער אין משך פון טאָג, אַ בילד, וואָס ער האָט מיט שרעק און צוליב סובעטעלקייט תּיכּף זיך באַמיט צו פאַרגעסן. ס'איז דער אויסדרוק, וועלכן יאָאַכימס פּנים האָט אָנגענומען, ווען מ'האָט גערעדט וועגן מאַרושיאַ און אירע קערפּערלעכע אייגנשאַפטן. יאָאַכים האָט בשעת-מעשה אַזוי מאָדנע נעבעכדיק אויסגעקרימט דאָס מויל און זיין ברוין פּנים איז אַזוי פלעקיק-בלאַס געוואָרן. האַנס קאַסטאָרפּ פאַרשטייט עס איצט און דערזעט עס אויף אַזאַ נייעם, גענויעם און אינטימען אופן, אַז דער רויר-קלאַפּער אינדרויסן נעמט קלאַפּן טאָפּלט אַזוי שטאַרק און טאָפּלט אַזוי גיך און ער פאַרטויבט כמעט די קלאַנגען פון דער אָוונט-מוזיק אין „פּלאַץ“. וואָרעם אונטן איז ווידער אַ קאָנצערט אין יענעם האָטעל. אַ סימעטרישע און באַנאַלע מעלאָדיע פון אַן אָפּערעטקע טראָגט זיך אין דער טונקלקייט און האַנס קאַסטאָרפּ האָט צוגעפייפט שעפּטשענדיק (מ'קאָן שעפּטשענדיק פייפן

געוואָלט כאַפּן ביי דער האַנט. אין צימער איז ניין גראַד רעאָמור. ער טאַפּט אָן די רערן פון דער צענטראַל־באַהייצונג און זעט, אַז זיי זיינען טויט און קאַלט. ער רעדט עפּעס אַ צעטומלטער, מער־ווייניקער דאָס, אַז כאָטש ס'איז אַווגוסט, איז אַ בושה און אַ חרפּה, הלמאי מ'הייצט נישט, ווייל ס'גייט נישט אין די חדשים פון קאַלענדאַר, נאָר אין דער טעמפּעראַטור, און די טעמפּעראַטור איז אַזעלכע, אַז ער ווערט געפרוירן ווי אַ הונט. אָבער זיין פּנים ברענט פונ־דעסטוועגן. ער זעצט זיך ווידער אַוועק, שטייט נאָכאַמאָל אויף, בעט מורמלענדיק יאָאַכימען, ער זאָל אים דערלויבן צו נעמען די קאָלדרע פון זיין בעט און שפּרייט זי אויס — זיצנדיק אויף דער שטול — איבערן אונטערשטן טייל קערפּער. אַזוי זיצט ער, אַ דערהיצטער און אַ שווידערנדיקער, און פּייניקט זיך מיט דעם ציגאַר, וואָס האָט אַ פּאַסקודנעם געשמאַק. ס'באַפּאַלט אים אַ געפיל פון גרויסער עלנט, ס'דאַכט זיך אים, אַז ס'איז אים נאָך קיינמאָל אין לעבן נישט געווען אַזוי שלעכט. — דאָס איז אַ צרה — מורמלט ער. פּלוצלונג כאַפּט אים אָן אַ מאָדנע אויסגעלאַסן געפיל פון פרייד אין האָפענונג. באַלד נאָך דעם הערט ער זיך צו צו זיך אַליין און וואַרט אָפּ, צי דאָס געפיל וועט ווידער קומען. אָבער ניין, עס איז נישט געקומען, די מרה־שחורה עסט ווייטער. און אַזוי שטייט ער צום סוף אויף, וואַרפט צוריק אַרויף יאָאַכימס קאָלדרע אויפן בעט, מורמלט אַרויס מיט אַן אויסגעקרימטן מויל עפּעס אַזוי ווי: „אַ גוטע נאַכט“, „ווער נאָר נישט געפרוירן“ און — „קום אַריין נאָך מיר מאָרגן פאַרן פרי־שטיק“. באַלד דערנאָך טשאַפּעט ער אַוועק דורכן קאָרידאָר אין זיין צימער אַריין.

ביים אויסטאָן זיך זינגט ער צו, אָבער נישט פון פרייליכקייט. מעכאַניש און אָן שום כוונה פּטרט ער אָפּ די קליינע געוויינקייטן און די קולטורעלע פליכטן פון דער נאַכט־טואַלעט, גיסט אַריין העל־רויט שווענק־וואַסער פון רייזע־פלאַקאָן אין גלאָז אַריין און גאָרגלט שטילערהייט אין האַלז. ער וואַשט די הענט מיט זיין גוטער און צאַרטער פיאָלקן־זייף און טוט אָן דאָס לאַנגע באַטיסטענע העמד, וואו אויף דער ברוסט־קעשענע זיינען אויסגעהאָפטן די אותיות ה. ק. דערנאָך לייגט ער זיך, לעשט אויס דעם לאָמפּ און וואַרפט אַנידער

אַזוי צו זאָגן וויסטע טריט צו אַ ווייטער מאַרש־מעלאָדיע. ווען דער הויפראַט בלייבט שטיין פאַר קאַסטאָרפן, ווייזט זיך אַרויס, אַז ער טראָגט ברילן מיט דיקע קיילעכיקע גלעזער. ער רעדט עפּעס נישט צו דער זאַך. אַ ציוויליסט, נאַטירלעך — זאָגט ער און, נישט בעטנ־דיק קיין דערלויבעניש, ציט ער אים אַראָפּ די אונטערשטע ווּיע מיטן מיטלסטן און ווייזפינגער פון זיין ריזיקער האַנט. — אַן אָרנטלעכער ציוויליסט, ווי איך דערקען תיכּף. אָבער נישט אָן טאַלענט, לחלוטין נישט אָן טאַלענט צו פאַרגרעסערטער שטאָף־פאַרברענונג. וועט נישט קאַרגן מיט די יאָרן, מיט די פלינקע דינסט־יאָרן ביי אונז דאָ אויבן! נאַ, האָפּליאַ, מיינע הערן, אַרויס שפּאַצירן! — רופט ער, שטעקט אַריין זיינע ביידע ריזיקע ווייזפינגער אין מויל און לאָזט אַרויס אַזאַ מאָדנע שיינעם פייף, אַז פון צוויי פאַרשיידענע זייטן קומען אָנצופליען אין דער לופט די לערערין און מיס ראָבינזאָן אין פאַרקלענערטער גרייס. זיי זיצן זיך אויף בערענסעס רעכטן און לינקן אַקסל אין אַזאַ פּאָ־זיציע, ווי זיי זיצן אין עס־זאַל רעכטס און לינקס פון האַנס קאַס־טאָרפּ. אַזוי־אַרום גייט דער הויפראַט אַוועק צוהינקענדיק, דערביי פאַר־קריכט ער מיט אַ סערוועט הינטער די ברילן, כּדי זיך אויסצווווישן די אויגן, און מ'ווייסט אַליין נישט, וואָס ער וויל אָפּווישן — שוויים אָדער טרערן.

דערנאָך דאַכט זיך אים אין חלום, אַז ער געפינט זיך אין גימנאַזיע־הויף, וואו ער האָט אין משך פון אַזויפיל יאָרן פאַרבראַכט די פּויזעס צווישן די לעקציעס, און ער גרייט זיך צו באָרגן אַ בלייפעדער ביי דער מאַדאַם שאָשאַ, וואָס איז אויך דאָרטן דאָ. זי גיט אים אַ רויטע, האַלב־אויסגעשריבענע בלייפעדער, וואָס שטעקט אין אַ זילבערן בלעכל, און זי דערמאָנט קאַסטאָרפן מיט אַן אָנ־גענעם הייזעריקער שטים, ער זאָל איר אומבאַדינגט צוריקגעבן די בלייפעדער נאָך דער לעקציע. בעת זי גיט אויף אים אַ קוק מיט אירע שמאָלע בלוי־גרוי־גרינע אויגן איבער די ברייטע באַקנ־ביינער, — גיט ער זיך געוואַלדיק אַ רייס אויף פון חלום, ווייל איצט האָט ער עס געפּאַקט אין וואָס און אין וועמען זי דערמאָנט אים אַזוי לעבעדיק. ער מוז עס אָבער אינדערגיך באַהאַלטן אויף

אויך), בשעת־מעשה האָט ער מיט זיינע קאַלטע פיס אונטער דער קאָלדרע צוגעקלאַפּט צום טאַקט.

דאָס איז, נאַטירלעך, דאָס בעסטע מיטל נישט אַנטשלאָפן צו ווערן. האַנס קאַסטאָרפּ האָט איצט אויך נישט קיין חשק דערצו. זינט ער האָט אויף אַזאַ מאָדנעם און לעבעדיקן אופן דערשנאַפּט, פאַרוואָס יאָאַכים האָט געקריגן אַזעלכע קאָלירן, זעט אים אויס די וועלט ניי און ווידער כאַפּט אים אַרום ביז דער סאַמע טיפעניש יענץ געפיל פון אויסגעלאַסענער פרייד און האָפענונג. אָגב, ריכט ער זיך אויף עפּעס, כאָטש ער ווייסט אַליין נישט אויף וואָס. דער־הערנדיק, אַז די שכנים פון רעכטס און פון לינקס שטייען־אויף פון דער ליג־קוראַציע און גייען אַריין אין זייערע צימערן, כּדי צו פאַר־בייטן די „האָריזאָנטאַלע לאַגע“ פון דרויסן אויף פּונקט אַזאַ לאַגע אין שטוב, פרוווט ער זיך אַליין צו איבערצייגן, אַז דאָס באַרבאַרישע פּאָר־פאָלק וועט זיך דאָסמאָל האַלטן רויִק. כ׳קאָן רויִק איינשלאָפן, טראַכט ער. זיי וועלן זיך היינט אינאָוונט האַלטן רויִק, איך בין זיכער דערין! ס׳ווייזט זיך אָבער אַרויס, אַז ער האָט נישט געטראָפן, און האַנס קאַסטאָרפּ האָט אַפילו נישט אויפריכטיק געמיינט, אַז ס׳וועט זיין אַנדערש; יאָ, דעם אמת געזאָגט, וואָלט ער פער־זענלעך און פון זיין זייט אַפילו זיי נישט פאַרשטאַנען, ווען זיי וואָלטן זיך געהאַלטן רויִק. פונדעסטוועגן דערשטוינט אים דאָס, וואָס ער דערהערט אַזוי שטאַרק, אַז ער בייזערט זיך: אומדערהערט! דאָס איז שרעקלעך! וועך וואָלט זיך דערויף געקאָנט ריכטן! ער הויפּט די דאָזיקע ווערטער אָן אַ קול. דערביי שעפּטשעט ער ווידער צו דער באַנאַלער אָפּערעטקע־מעלאָדיע, וואָס שטראָמט אַהער עקשנותדיק.

שפּעטער נעמט ער דרעמלען. אָבער צוזאַמען דערמיט קומען אָן אויסטערלישע חלומות, נאָך אויסטערלישערע, ווי אין דער ערש־טער נאַכט. צוליב דעם וועקט ער זיך אַלעמאָל אויף אַ דערשראָ־קענער, אָדער אין געיעג נאָך עפּעס אַ צעטומלטן רעיון. ס׳חלומט זיך אים, אַז ער זעט דעם הויפראַט בערענס אַרומגיין אויף דער סטעזשקע פון גאָרטן מיט קרומע קניען און מיט הענט, וואָס הענ־גען אַראָפּ שטייפע פון פאָרנט. ער פּאַסט צו זיינע לאַנגע און

מיט אַ שפּיז. איין חלום האָט זיך אַפֿילו האַנס קאַסטאָרפּן אין יענער נאַכט געחלומט אַוש צוויי מאָל און בײדע מאָל גענוי אין דער זעלבער פֿאָרם, צום צווייטן מאָל — שוין פּאַרטאָג. ער איז געזעסן אין זאַל מיט די זיבן טישן. פּלוצלונג איז די גלעזערנע טיר פֿאַרקלאַפּט געוואָרן מיט אַ געוואַלדיקן רעש און ס'איז אַרײַנגעקומען מאַדאַם שאָשאַ, אין אַ ווײַסן סוועטער, איין האַנט אין קעשענע, די צווייטע — בײַם גרעק. אָבער אָנשטאָט צוצוגיין צום גוטן רוסן-טיש, איז די נישט-דערצויגענע פֿרוי שטיל צו צו האַנס קאַסטאָרפּן און שווײַגנדיק אים דערלאַנגט די האַנט צום קושן. אָבער נישט די אייבערשטע זײַט פֿון דער האַנט האָט זי אים דערלאַנגט, נאָר די אינעווייניקסטע, און האַנס קאַסטאָרפּ מוז זי דאָרטן קושן, אין דער נישט-צאַרטער, אַ ביסל ברייטער און קורצפֿינגערדיקער האַנט מיט דער אויסגעריבענער הויט אין די זײַטן פֿון די נעגל. בשעת-מעשה האָט אים ווידער דורכגענומען פֿון קאָפּ ביז די פֿיס דאָס געפֿיל פֿון ווויסטער זיסקייט, ווי בשעת ער האָט געפּרוּווט זיך פֿאָרשטעלן, ווי ער ווערט פּטור פֿון דער ערע און געניסט פֿון די הוילע מעלות, וועלכע ס'ברענגט מיט זיך די שאַנד. דאָסמאָל האָט ער עס ווידער געפֿילט אין חלום און אומגעהייער שטאַרקער.

מאָרגן, ווייל ער פילט, אַז דער שלאָף און די חלומות באַפאַלן אים פונסניי. באַלד דאַכט זיך אים אויס, אַז ער אַנטלויפט פאַרן ד״ר קראָקאָווסקי, וועלכער יאָגט אים נאָך, כדי צו פראַוועון מיט אים פסיכאָ־אַנאַליז און האַנס קאַסטאָרפּ פילט פאַר דעם אַ משוגענע און באמת־אומזיניקע שרעק. ער אַנטלויפט פאַרן דאָקטאָר דורך די באַלקאָן־לאָזשעס לענגס די גלעזערנע ווענט, פאַרטשעפעט מיט אַ פוס, שפּרינגט אַראָפּ מיט סכנת־נפשות אין גאָרטן אַריין, וויל פון גרויס פּחד אַרויפקלעטערן אויף דעם רויט־ברוינעם פאָנען־שטעקן און ער כאַפּט זיך אויף אַ באַגאָסענער מיט שוויס אין דער רגע, ווען דער נאָכיאָגער כאַפּט אים אָן ביי אַ הויז.

נאָכדעם ווי ער האָט זיך אַ ביסל באַרויִקט און איז ווידער איינגעדרעמלט, האָט זיך די זאַך אַזוועקגעשטעלט אַזויערנאָך: ער באַמיט זיך מיטן אַקסל אָפּצושטופּן סעטעמבריני פון אָרט, יענער אָבער שטייט אויף אַן אָרט און שמייכלט — פיין, טרוקן און חוזק־דיק, אונטער דער פולער, שוואַרצער וואָנס, דאָרט, וואו ער דרייט זיך אַרויף קיילעכיק און שיין. דער דאָזיקער שמייכל איז טאַקע גע־ווען דאָס, וואָס האַנס קאַסטאָרפּ האָט אָפּגעפילט פאַר אַ באַליידיקונג. — איר שטערט! — האָט ער זיך אַליין געהערט זאָגן — אַוועק פון דאַנען! איר זענט בלויז אַ קאַטערינאַזש און איר שטערט דאָ! אָבער סעטעמבריני לאָזט זיך נישט רירן פון אָרט און האַנס קאַסטאָרפּ בלייבט שטיין, כדי זיך מיישב צו זיין, וואָס מ׳דאַרף דאָ טאָן. אָבער פּלוצלונג און אומגעריכט ווערט אים אויף אַן אויסגעצייכנטן אופן קלאָר, וואָס אַזוינס ס׳איז די צייט: נישט עפּעס אַנדערש, ווי גאַנץ פשוט אַ „שטומע שוועסטער״, אַ קוועקזילבער־רערל אינגאַנצן אָן צי־פערן, פאַר אַזעלכע, וואָס ווילן אָפּנאַרן. אויפגעכאַפּט האָט ער זיך מיט דער פעסטער דעה, מאָרגן צו דערציילן זיין קוזין יאָאַכים וועגן אָט דער המצאה.

מיט אַזעלכע אַוואַנטורעס און צנטדעקונגען גייט אַריבער די נאַכט. ס׳האָבן זיך אויך אויף אַ ווילדן אופן אַריינגעפּלאָנטערט הער־מינע קלעפעלד און הער אַלבין. אויך דער הויפּטמאַן מוקאָלאָוויק, וועלכער האָט אַוועקגעטראָגן די פרוי שטער אין זיין גרויסן פּיסק און דער פּראָקוראָר פּאַראַוואַנט האָט אים דערפאַר דורכגעשטאָכן

אָנטאָן לייכטער. אָבער נישט געקוקט דערויף, וואָס ער האָט עס אַזוי שיין אַרויסגעזאָגט, איז ער פונדעסטוועגן ווייטער אַרומגעגאַנגען, ווי פריער, אין זיין לאַנגן האָריקן אָנצוג מיט די גרויסע לאַצן און געקראַטעוועטע הויזן — ס׳איז אַפנים געווען אַלץ, וואָס ער האָט פאַרמאָגט.

אָבער אויפן דריטן טאָג האָט זיך געמאַכט אַזוי, גלייך ווי די נאַטור וואָלט זיך איבערגעדרייט מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף. האַנס קאַסטאָרפּ האָט נישט געגלויבט זיינע אייגענע אויגן. ס׳איז געווען נאָך מיטאָג און דער עולם איז געהאַט געלעגן אַ צוואַנציק מינוט אויף ליג־קוראַציע. פּלוצלונג האָט זיך די זון איינ־דערגיך באַהאַלטן, מיאוסע טאָרף־ברוינע וואָלקנס זיינען אָנגעלאָפן איבער די דרום־מזרחדיקע בערג־רוקנס און אַ פרעמדער ווינט, אַ קאַל־טער, וואָס מאַכט ציטערן די ביינער, גלייך ווי ער וואָלט געקומען פון אומבאַקאַנטע אייזיקע געגנטן, האָט פּלוצלונג גענומען בלאָזן איבערן טאָל. די טעמפּעראַטור איז אויף איינמאָל אַראָפּגעפאַלן און די גאַנצע סביבה אַרום האָט באַקומען אַ שפּאָגל־נייַ פּנים.

— שניי — האָט יאָאַכימס קול אַ זאָג געטאָן הינטער דער גלע־זערנער וואַנט.

— וואָס הייסט „שניי"? — פרעגט האַנס קאַסטאָרפּ. — וועסט דאָך נישט גיין זאָגן, אַז ס׳נעמט שנייען?

— טאַקע יאָ, — ענטפערט יאָאַכים. — מיר קאָנען שוין אָט־דעם ווינט. ער ברענגט מיט זיך תמיד אַ שליטוועגס.

— נאַרישקייטן — זאָגט האַנס קאַסטאָרפּ. — אויב כ׳האָב נישט קיין טעות, האָבן מיר היינט אָנהייב אַווגוסט.

אָבער יאָאַכים האָט געזאָגט דעם אמת. ער האָט, אַפנים, גע־קאָנט די היגע געגנט. ווייל אין משך פון עטלעכע רגעס האָט עט־לעכע מאָל אַ דונער געטאָן, און ס׳האָט גענומען פאַלן אַ געוואַלדי־קער שניי, אַזאַ געדיכט אָנשיטעניש, אַז אַלץ האָט געקריגן אַ פּנים ווי פאַרקנוילט אין ווייסער פאַרע און מ׳האָט מער גאָרנישט געקאָנט אַרויסגיין פון ישוב אין טאָל.

ס׳האָט אַזוי אָפּגעשנייט דעם גאַנצן נאָכמיטאָג. מ׳האָט אָנ־געצונדן די צענטראַל־באַהייצונג. יאָאַכים האָט זיך אַרומגעדעקט מיט

פערט קאַפּיטל

נייטיקער איינקויף

— אײַער זומער ענדיקט זיך שוין? — פרעגט האַנס קאַס-טאָרפּ דעם דריטן טאָג איראָניש זיין קוזין...

ס׳איז געווען אַ שרעקלעכע זאַווערוכע.

דער צווייטער טאָג, וועלכן דער האָספּיטאַנט האָט אינגאַנצן דאָ דורכגעלעבט, איז געווען אַ פּרעכטיק-זומערדיקער. איבער די שפּיזיקע סאָסנע-שפּיצן האָט דער הימל געלויכטן אַ טיף-בלויער. דער ישוב אין טאָל האָט געגלאַנצט גרעל אין דער היץ. די גלעק-לעך פון די קי, וועלכע גייען אַרום און פּליקן דאָס קורצע, וואַרעמע גראָז פון די שיפּועים, האָבן לוסטיק-געמיטלעך אָפּגעקלונגען אין דער לופט. נאָך ביים ערשטן פרישטיק זיינען די דאַמען געווען אָנ-געטאָן אין דינע וואַש-בלוזעס, עטלעכע אַפילו אין אַזשורירטע אַרבל, וואָס האָט נישט אַלעמען גלייך געפּאַסט. אויף דער פרוי שטער, למשל, האָט עס אויסגעזען ממש מיאוס, אירע הענט זיינען געווען צו צעגאָסן. זי איז בכלל נישט באַשאַפן געווען פאַר צו-לייכטע מלבושים. אויך די מענער פון דער סאַנאַטאָריע האָבן אויף פאַר-שיידענע אופנים צוגעפּאַסט זייערע מלבושים צום שיינעם וועטער. ס׳האָבן זיך געוויזן לוסטרינענע רעקלעך און לייוונטענע אָנצוגן. יאָ-אַכים צימסען האָט אָנגעטאָן עלפאַנטן-ביין-פאַרביקע פלאַנעל-הויזן צו זיין בלויען רעקל. דער דאָזיקער צוזאַמענשטעל האָט צוגעגעבן זיין אויסזען אינגאַנצן אַ מיליטערישן תיתם. וואָס ס׳איז נוגע סעטעמ-ברינין, האָט ער אַפילו עטלעכע מאָל איבערגעחזרט, אַז ר׳האָט בדעה צו טוישן דעם אָנצוג. — צו אַלדי רוחות — האָט ער געזאָגט, ווען ער איז נאָכן לונש אַראָפּ מיט די קוזינען אין שטעטל אַריין שפּאַצירן. — די זון ברענט געשמאַק! דאַכט זיך, מ׳וועט זיך מוזן

געווען צו קויפן קיין פעלץ-זאַק, באַלד אָבער האָט ער חרטה, ער דערשרעקט זיך אַפילו פאַר דעם דאָזיקן געדאַנק.

— ניין, ניין — זאָגט ער. — לאָמיר זיך האַלטן בלויז ביי חעקעס. אונטן וועלן זיי מיר שוין צונויף קומען. דעקעס האָט מען אומעטום, ס'איז לחלוטין נישט אַזוי משונהדיק און ווילד. אָבער אַזאַ מין פעלץ-זאַק, דאָס איז שוין אַ גאַנצער עסק. דאַרפסט מיך פאַרשטיין: ווען כ'זאָל מיר קויפן אַ פעלץ-זאַק, וואָלט זיך מיר אַליין אויסגעוויזן, גלייך ווי כ'וואָלט מיך דאָ באַזעצט אויף שטענדיק און געהער אין אַ געוויסער מאָס צו אַייך... בקיצור, כ'וויל בלויז זאָגן, אַז ס'לוינט אַבסאָלוט נישט אויף עטלעכע וואָכן צו קויפן אַ פעלץ-זאַק.

יאָאַכים איז מסכים דערמיט און זיי האַנדלען איין אין אַ שיין, גרויס געשעפט אין ענגלישן קוואַרטאַל צוויי אַזעלכע דעקעס פון קעמל-האָר, ווי ס'האָט יאָאַכים, באַזונדערס לאַנגע און ברייטע, פון נאַטורעלן קאָליר. זייער ווייכע און אָנגענעמע. זיי הייסן, מ'זאָל זיי תיכף צושיקן אין דער אינטערנאַציאָנאַלער סאַנאַטאָריע „בערגהאָף“, צימער 34. האַנס קאַסטאָרפ וויל זיך מיט זיי באַנוצן היינט נאָכמיטאָג צום ערשטן מאָל.

ס'איז, פאַרשטייט זיך, געווען נאָך דעם צווייטן פרישטיק, שפּעטער לאָזט נישט די אָרדענונג פון טאָג קיין צייט אויף אַראָפּצוגיין אין שטעטל אַריין. ס'רעגנט איצט און פון שניי אויף די גאַסן איז געוואָרן איין שפריצנדיקע אַייז-מאַסע. אַהיימצוועגס דעריאָגן זיי סעטעמברינין, וועלכער גייט אויך פון שטעטל צו דער סאַנאַטאָריע, אונטער אַ פאַראַסאָל, כאָטש אָנעם היטל. דער איטאַליענער זעט אויס געל און איז, אַפנים, עלעגיש געשטימט. ער קלאָגט זיך מיט שיינע, פיין-געפאָרמטע ווערטער אויף דער קעלט און דער נעץ, פון וועלכע ער ליידט אַזוי שטאַרק. ווען מ'וואָלט כאָטש געהייצט. אָבער די עלנטע מאַכטהאָבער הערן אויף צו הייצן תיכף, ווי ס'הערט אויף צו שנייען, אַ טעמפּער כלל, אַ חוזק אויפן שכל! האַנס קאַסטאָרפ פרוווט אַפילו פאַרענטפערן, אַז אַ מעסיקע צימער-טעמפּעראַטור געהער, ווי אים דאַכט זיך, צו די קוראַציע-פרינציפן, כדי צו פאַרהאַרטעווען די פאַציענטן, נאָר סעטעמבריני ענטפערט מיט גרויס חוזק.—

זיין פעליך־זאַק און נישט איבערגעריסן די ליג־קוראַציע, אָבער האַנס קאַסטאָרפּ איז אַנטלאָפן צו זיך אין צימער אַריין, האָט צוגערוקט אַ שטול צו די דערוואַרעמטע רערן און האָט פון דאָרט, שאָקלענ־דיק מיטן קאָפּ, געקוקט אין דעם תוהו־ובוהו אַריין. צו מאָרגנס אינ־דערפרי האָט נישט געשנייט. אָבער כאָטש דער דרויסנדיקער טערמאָ־מעטער האָט געוויזן עטלעכע גראַד וואַרעמקייט, איז דער שניי פונ־דעסטוועגן געבליבן ליגן אַ פוס הייך, אַזוי אַז פאַר האַנס קאַסטאָרפּס פאַרוואונדערטן בליק האָט זיך איסגעשפּרייט אַ אמת־ווינטערדיקע לאַנדשאַפט. איצט האָט מען מער נישט געהייצט. די טעמפּעראַטור אין צימער איז געווען נישט מער, ווי זעקס גראַד איבער נול.

— אַייער זומער ענדיקט זיך שוין? — האָט האַנס קאַס־טאָרפּ געפרעגט זיין קוזין מיט ביטערער איראָניע...

— דאָס קאָן מען נישט זאָגן — ענטפערט יאָאַכים זאַכלעך.

— מיט גאָטס הילף וועלן נאָך זיין שיינע זומער־טעג. אפילו אין סעפּטעמבער קאָן זיך עס נאָך טרעפן. אָבער די מעשה איז די, וואָס די ציַיטן פון יאָר זיינען דאָ נישט אַזוי אָפּגעטיילט, פאַר שטייסטו. זיי מישן זיך אויס, אַזוי צו זאָגן, און האַלטן זיך נישט ביים קאַלענדאַר. אין ווינטער טרעפט זיך אָפט, די זון זאָל אַזוי ברענען, אַז מ'שוויצט און מ'מוז אויסטאָן דאָס רעקל ביים שפּאַציר; און זומער ווייטער, — יאָ, זעסטו דאָך אַליין, וואָס ס'קאָן זיך דאָ מאַכן זומער. ס'ערגסטע איז מיט דעם שניי — ער צעדרייט אַלץ. ס'שנייט אין יאַנואַר, אָבער אין מאַי — נישט אַ סך ווייניקער. אין אַווגוסט שנייט אויך, ווי דו זעסט. בכלל קאָן מען זאָגן, אַז ס'גייט נישט אַוועק קיין חודש, ס'זאָל נישט שנייען. דאָס איז אַ כלל, אויף וועלכן מ'קאָן זיך פאַרלאָזן. בקיצור, ס'זיינען פאַראַן ווינטער־טעג און זומער־טעג, פרילינג־און האַרבסט־טעג, אָבער אַזעלכע פּאַק־טישע ציַיטן פון יאָר — דאָס איז נישט פאַראַן ביי אונז.

— דאָס איז אַ שיינע בהלה — זאָגט האַנס קאַסטאָרפּ. ער גייט אין קאַלאָשן און אין ווינטער־פּאַלטאָ אַראָפּ אין שטעטל אַריין צוזאַמען מיט זיין קוזין, כדי איינצוקויפן דעקעס אויף ליג־קוראַציע, ווייל ס'איז קלאָר, אַז ביי אַזאַ וועטער קאָן ער מיט זיין פלעד נישט אויסקו־מען. ער גיט אַפילו כלאַחר־יד אַ קלער, צי ס'וואָלט נישט כדאי

אין דער וועלט, uomo letterato, צו וועלכן באָקאַטשיאָ האָט געבענקט... פון ווייטע מקומות זיינען געקומען געלערנטע, כדי זיך מיט אים אַדורכצורייד, איינער פון האַפּאַראַנדאַ*, אַ צווייטער פון קראָקע. זיי זיינען ספּעציעל געקומען קיין פּאַדואַ, אונזער שטאָט, כדי אים אַרויסצווייזן זייער אַכטונג און ער האָט זיי אויפגענומען מיט פריינדלעכער ווערדיקייט. ר'איז געווען אַן אויסגעצייכנטער דיכטער, און האָט אין זיינע פרייע שעהן געשריבן דערציילונגען אין דער עלעגאַנטסטער טאָסקאַנישער פּראָזע, אַ מייסטער פון idioma gentile— זאָגט סעטעמבריני מיט גרויס הנאה און לאָזט פּאַמעלעך צעגיין די היימישע ווערטער אויף דער צונג, דערביי שאָקלט ער צו מיטן קאָפּ אַהין־און־אַהער. זיין גערטנדל האָט ער באַאַרבעט לויט ווערגילס ביישפּיל — רעדט ער ווייטער — און וואָס ער האָט גערעדט, איז געווען געזונט און שיין. אָבער וואַרעם, וואַרעם האָט געמוזט זיין אין זיין שטיבל, ווען נישט האָט ער געציטערט און האָט אַפילו געקאָנט פּאַרגיסן טרערן פון פּאַרדראָס, הלמאי מ'לאָזט אים פרירן. איצט שטעלט אייך פאָר, אינזשיניער, און איר, לייטענאַנט, וואָס איך, דעם טאַטנס זון, מוז אויסשטיין אין אָט דעם פּאַרשאָלטענעם און באַרבאַרישן אָרט, וואו דער קערפּער ציטערט פאַר קעלט אין סאַמע זומער און די נשמה ווערט שטענדיק געפּייניקט פון דערנידערנדיקע איינדרוקן! אַך, ס'איז אַזוי שווער! ס'אַר אַ טיפן רינגלען אונז אַרום! אָט דער דאָזיקער נאַרישער מלאך־חבלה, דער הויפּראַט און קראָקאָווסקי — סעטעמבריני מאַכט אַ מינע, גלייך ווי ער וואָלט שיר נישט צעבראָכן די צונג. — קראָקאָווסקי, דער דאָזיקער אומפאַרשעמטער ווידוי־אָפנעמער, וואָס האָט מיך פיינט דערפאַר, ווייל מיין מענטשלעכע ווערדע דערלויבט מיר נישט, כ'זאָל זיך אונטערגעבן זיינע נאַרישע שטיק... און מיין טיש... מיט וואָס פאַר אַ געזעלשאַפט איך בין געצוואונגען צו עסן צוזאַמען! רעכטס פון מיר זיצט אַ בירברייער פון האַללע — מאַגנוס הייסט ער — מיט אַ פּאָר וואָנצעס, וואָס זעען־אויס, ווי אַ בונט היי. לאָזט מיך צו רו מיט דער ליטעראַטור — זאָגט ער — וואָס גיט זי? שיינע

---

* אַ שטאָט אין צפון שוועדן.

אַיי, באמת, די קוראַציע-פּרינציפּן, די היכע און אומבאַרירלעכע קוראַציע-פּרינציפּן! האַנס קאַסטאָרפּ רעדט וועגן זיי באמת מיטן ריכטיקן טאָן, מיט אַ מין פרומקייט און הכנעה. ס׳איז נאָר אויפּפאַלנדיק — כאָטש אויפּפאַלנדיק אין גוטן זין — וואָס אַמשטאַרקסטן היט מען אָפּ מיט אַזויפיל דרך-ארץ נאָר יענע פּרינציפּן, וועלכע זיינען אין הסכם מיט די עקאָנאָמישע אינטערעסן פון די הערשער. אין דער זעלבער צייט איז מען גענייגט זיך נישט צו מאַכן זעענדיק, ווען ס׳גייט וועגן אַ פּרינציפּ, וואָס שטימט נישט אַזוי אַיין דערמיט... די קוזינען לאַכן און סעטעמבריני נעמט דערווייל ריידן וועגן זיין געשטאָרבענעם פאָטער, אין שייכות צו דער וואַרעמקייט, נאָך וועלכער ער בענקט אַזוי.

— מיין פאָטער — זאָגט ער אויסגעצויגן און פרום — ער איז געווען אַ מענטש, עמפּינדלעך סיי אין קערפּער, סיי אין דער נשמה! ווי ער האָט דאָס ליב געהאַט ווינטער זיין קליין וואַרעם שטודיר-שטיבל, פון גאַנצן האַרץ האָט ער עס ליב געהאַט, שטענדיק האָט דאָרטן געמוזט הערשן אַ וואַרעמקייט פון צוואַנציק גראַד רעאָמור. ס׳איז דאָרטן געשטאַנען אַ רויט-צעגליט אייוועלע און ווען מ׳פלעגט אין נאַס-קאַלטע טעג, אָדער דעמאָלט, ווען ס׳בלאָזט דער שניידנדיקער טראַמאָנטאַנאַ-ווינט* , עפענען די טיר פון הויז — האָט די וואַרעמקייט אַרומגעכאַפּט, ווי אַ לייכטער מאַנטל, און די אויגן זיינען אָנגעפילט געוואָרן מיט פריידיקע טרערן. פול אָנגעפּאַקט איז דאָס שטיבל געווען מיט ביכער און כתב-ידן, צווישן זיי אַ סך יקר-המציאותן. צווישן די גייסטיקע אוצרות איז ער געשטאַנען אין זיין בלוי-פלאַנעלענעם שלאָפּ-ראָק ביים שמאָלן פּולפּיט און האָט עוסק געווען מיט ליטעראַטור — אַ קליינער און באַחנטער, זיכער מיט אַ קאָפּ קלענער פון מיר, שטעלט אייך פאָר! אָבער מיט דיקע לאָקן גרויע האָר ביי די שלייפן און מיט אַזאַ לאַנגער און פיינער נאָז... וואָס פאַר אַ ראָמאַניסט, מיינע הערן! איינער פון די בעסטע אין זיין צייט, איינער פון די געציילטע קענער פון אונזער שפּראַך, אַ לאַטיינישער סטיליסט איינער

---

* טראַמאָנטאַנאַ-ווינט רופן די איטאַליענער דעם צפון-ווינט, ווייל ער קומט צו זיי איבער די אַלפּן (trans montes).

לעכן געפיל און אַזאַ צרה, אַז ס'איז אוממעגלעך איבערצוגעבן. מיר דאַכט זיך, אַז ס'פּאַרט זיך עפּעס נישט, ס'פּאַרט זיך נישט צו־נויף, מ'איז נישט געווינט זיך עס פאַרצושטעלן צוזאַמען. געווינט־לעך שטעלט מען זיך פאָר, אַז אַ נאַרישער מענטש דאַרף זיין געזונט און פּשוט, די קראַנקהייט מאַכט דעם מענטשן אַנדערש, סוב־טעל און קלוג. בין איך אפשר נישט גערעכט? ס'קאָן זיין, אַז כ'האָב אפשר מער געזאָגט וויפל כ'קאָן באַווייזן — ענדיקט ער.— ס'איז בלויז דערפאַר, ווייל מיר זיינען צופעליק אַרויף אויף דעם שמועס... דערביי נעמט ער זיך פלאָנטערן.

איך יאָאַכים איז אַ ביסל פאַרלעגן און סעטעמבריני שווייגט מיט הויך־פאַרצויגענע ברעמען, בשעת־מעשה מאַכט ער אַן אָנ־שטעל, ווי ער וואָלט צוליב העפלעכקייט געוואַרט איפן סוף פון דער רעדע. פאַקטיש האָט ער בלויז אָפּגעוואַרט די רגע, אַז האַנס קאַסטאָרפּ זאָל זיך לחלוטין פאַרלירן. איצט האָט ער געענטפערט:

— סאַפּריסטי, אינזשיניער, איר הייזט אַרויס פילאָסאָפישע פעי־קייטן, וואָס איך האָב לחלוטין זיך נישט גערעכט פון אייך! לויט אייער טעאָריע מוזט איר זיין ווייניקער געזונט, ווי איר ווייזט אויס, ווייל איר האָט ממש גייסט. דערלויבט מיר אָבער אייך צו באַמערקן, אַז איך קאָן נישט מסכים זיין מיט אייערע אויספירן, איך מוז זיי איבערשפּאַרן און בין אַפילו צו זיי פיינדלעך געשטימט. איך בין, ווי איר זעט מיך, אַ ביסל נישט טאָלעראַנט בנוגע גייסטיקע ענינים און וויל גלייכער, מ'זאָל מיך האַלטן פאַר אַ פּעדאַנט, איידער כ'זאָל נישט באַקעמפן אַזעלכע געדאַנקען, וואָס מוזן לויט מיין מיינונג באַ־קעמפט ווערן, ווי די, וועלכע איר אַנטוויקלט...

— אָבער, הער סעטעמבריני...

— דערלויבט מיר... איך ווייס, וואָס איר ווילט זאָגן. איר ווילט זאָגן, אַז איר האָט עס נישט געמיינט ערנסט, אַז די מיינונג, וועלכע איר פאַרטרעט, איז נישט פּשוט אייער אייגענע, נאָר איר האָט אויפגעכאַפּט איינע פון די מעגלעכע מיינונגען, וואָס שוועבן אין דער לופט, און איר האָט אומפאַראַנטוואָרטלעך זיך מיט איר אַ שפּיל געטאָן. דאָס שטימט מיט אייער עלטער, בעת מ'האָט נאָך

כאַראַקטערן! וואָס טויגן מיר שיינע כאַראַקטערן! איך בין אַ פּראַקטישער מענטש און שיינע כאַראַקטערן טרעפן זיך כמעט נישט אין לעבן. אַזאַ פאָרשטעלונג האָט דער מענטש וועגן ליטעראַטור. שיינע כאַראַקטערן... אָ, הייליקע מאַריאַ! קעגנאיבער אים זיצט זיין פרוי און פאַרלירט איי־ווייס און ווערט אַלץ טעמפּער און טעמפּער. ס'איז אַ פּאַסקודנע צרה...

כאָטש יאָאַכים און האַנס קאַסטאָרפּ האָבן זיך נישט דורכגעשמועסט וועגן דעם, האָבן זיי פונדעסטוועגן דעריבער איין מיינונג: זיי האַלטן עם פאַר פאַרביטערונג און פאַר אומאָנגענעמער בונטאַרישקייט, אמת, אויך פאַר אינטערעסאַנט, אַדאַנק דער דרייסטקייט און שאַרפקייט פון די איפגערייצטע אויסדרוקן. האַנס קאַסטאָרפּ לאַכט גוטמוטיק פון די „וואָנצעס, ווי די בינטלעך היי" און איבער די „שיינע כאַראַקטערן", אפשר נאָך מער פון דעם קאָמיש פאַרצווייפלטן אופן, ווי אַזוי סעטעמבריני רעדט וועגן דעם. דערנאָך זאָגט קאַסטאָרפּ:

— אמת, די געזעלשאַפט איז אַ ביסל אַ געמישטע אין אַזאַ אַנשטאַלט. מ'קאָן זיך נישט צוזוכן קיין טיש־שכנים. ווער ווייסט, צו וואָס דאָס וואָלט פאַרפירט. ביי אונזער טיש זיצט אויך אַזאַ דאַמע... פרוי שטער... כ'קלער, אַז איר קענט זי? זי איז אַ שרעקלעכער עם־הארץ, דאָס מוז מען מודה זיין און טיילמאָל, ווען זי נעמט פּלאַפּלען, ווייסט מען נישט, וואו די אויגן אַהינצוטאָן. דערביי קלאָגט זי זיך אַלעמאָל אויף איר טעמפּעראַטור און אויף איר שלאַפקייט. זי איז פאַקטיש גאַנץ שווער קראַנק. דאָס איז עפּעס מאָדנע — קראַנק און נאַריש — כ'ווייס נישט, צי כ'דריק מיך ריכטיק אויס, אָבער אויף מיר ווירקט עס מאָדנע, ווען עמעץ איז נאַריש און דערצו נאָך קראַנק. אַזאַ מין צונויפטרעף, דאָס איז אפשר דאָס טרויעריקסטע אין דער וועלט. מ'ווייסט אַבסאָלוט נישט, וואָס פאַר אַ פּנים מ'דאַרף מאַכן דערביי. ווייל אַ קראַנקן וויל מען דאָך אַרויסווייזן ערנסטקייט און דרך־ארץ, נישט אמת? קראַנקהייט איז אין אַ געוויסער מאָס עפּעס בכבודיקס, אויב מ'קאָן אַזוי זאָגן. אָבער ווען ס'מישט זיך דאָ אַריין די טיפּשות מיט „פּאָמולוס", „קאָסמישער אַנשטאַלט" און נאָך אַזעלכע בלימלעך — ווייסט מען באמת נישט, צי מ'זאָל לאַכן אָדער וויינען. ס'איז אַ דילעמע פאַרן מענטש־

אויף דער מענטשלעכער נשמה — וואָס אמת, נאָך נישט איננאַנצן, דער קאַמף דויערט נאָך ביז היינט. דער דאָזיקער קאַמף הויפט זיך אַרבעט, מיין הער, ערדישע אַרבעט, אַרבעט פאַר דער ערד, פאַר דעם כבוד און די אינטערעסן פון דער מענטשהייט. טאָג־טעגלעך פון דאָסניי געשטאַרקט אין דעם דאָזיקן קאַמף, וועלן אָט־די כוחות סוף־כל־סוף איננאַנצן באַפרייען דעם מענטשן און וועלן אים אויפן וועג פון פּראָגרעס און ציוויליזאַציע דערפירן צו אַלץ אַ העלערער, מילדערער און ריינערער ליכט.

צו אַלדי רוחות — טראַכט האַנס קאַסטאָרפּ אַ דערשטוינטער און פאַרשעמטער — נאַ־דיר אַ מזמור! ווי אַזוי האָב איך דאָס אַרויסגערופן? עפּעס זעט עס מיר אויס צו־טרוקן. און וואָס האָט ער דאָס כסדר צו טאָן מיט אַרבעט. כסדר רעדט ער וועגן אַרבעט, כאָטש ס'פּאַסט זיך גאָרנישט אַריין. און האַנס קאַסטאָרפּ זאָגט:

— זייער שיין, הער סעטעמבריני. ס'איז כדאי צו הערן, ווי שיין איר זאָגט דאָס אַלץ אַרויס. מ'קאָן עס גאָרנישט... גאָרנישט פּלאַסטישער אויסדריקן, מיין איך.

— די נייגונג צוריקצוגיין — נעמט סעטעמבריני ווייטער ריידן און הייבט דערביי אויף זיין רעגנשירעם איבער דעם קאָפּ פון אַ פאַרבייגייענדיקן — דער גייסטיקער צוריקגאַנג צו די אידעען פון יענע פינסטערע, געפייניקטע צייטן — גלויבט מיר, אינזשיניער, אַז דאָס איז אַ קראַנקהייט, אַ גענוג אויסגעפאָרשטע קראַנקהייט, פאַר וועלכער די וויסנשאַפט האָט פאַרשיידענע נעמען, איין נאָמען פון דער עסטעטיק און פּסיכאָלאָגיע, דער צווייטער — פון דער פּאָליטיק — עס זיינען שול־טערמינען, וואָס גיבן גאָרנישט צו און אָן וועלכע איר קאָנט אייך גאַנץ גוט באַגיין. אָבער היות אין גייסטיקן לעבן האָט יעדע זאַך אַ שייכות צו דער אַנדערער און איינס איז אַ פּועל־יוצא פון צווייטן, היות מ'טאָר נישט ווייזן דעם טייוול קיין פינגער, ער זאָל דערביי נישט אַריינכאַפּן די גאַנצע האַנט און דעם גאַנצן מענטש דערצו... היות יעדער געזונטער פּרינציפּ, ווייטער, ברענגט מיט זיך בלויז געזונטע רעזולטאַטן אַלץ איינס, וואָס פאַר

נישט קיין מענטשלעכע אַנטשלאָסנקייט און מ׳פּרוּווט זיך דערווײַל מיט אַלערלײַ שטאַנדפּונקטן — „Placet experiri“ * — זאָגט ער און און רעדט אויס די C פֿון „Placet“ ווייך, לויט דעם איטאַליענישן אַקצענט. דאָס איז אַ גוטער פּרינציפּ. שטײַנען מאַכט מיך בלויז דער פֿאַקט, וואָס אײַער עקספּערימענט גייט גראָד אין אָט דער ריכטונג. איך בין מסופּק, צי דאָס איז בלויז אַ צופֿאַל. איך האָב מורא, אַז דאָס שטאַמט פֿון אַ נייגונג, וועלכע קאָן אַמאָל פֿעסט אַרײַן אין כאַראַקטער, אויב מ׳וועט זיך איר נישט קעגנשטעלן. דערפֿאַר האַלט איך פֿאַר מײַן חוב אײַך צו קאָרעגירן. איר האָט אײַך אויסגעדריקט, אַז דער צונויפֿפּאָר פֿון קראַנקהייט מיט נאַרישקייט איז דאָס טרויעריקסטע אויף דער וועלט. איך בין מיט אײַך מסכּים. מיר איז אויך ליבער אַ גייסטרייכער קראַנקער, ווי אַ שווינדזיכטיקער טיפּש. אָבער מײַן פּראָטעסט הייבט זיך אָן, בעת איר באַטראַכט די פּאַראייניקונג פֿון קראַנקהייט מיט נאַרישקייט פֿאַר אַ מין סטיל-פֿעלער, פֿאַר אַ געשמאַקלאָזיקייט מצד דער נאַטור און פֿאַר אַ דילעמע פֿאַרן מענטשלעכן געפֿיל, ווי איר האָט באַוויליקט זיך אויסצודריקן; בעת איר האַלט קראַנקהייט פֿאַר אַזוי נאָבל און — ווי זאָגט איר? — אַזוי בכּבודיק, אַז זי זאָל זיך בשום-אופֿן נישט קאָנען צונויפֿפּאָרן מיט טיפּשות. אַזוי האָט איר זיך טאַקע אויסגעדריקט. אָבער — ניין! קראַנקהייט איז לחלוטין נישט נאָבל, לחלוטין נישט בכּבודיק; די דאָזיקע אויפֿפֿאַסונג איז אַליין אַ קראַנקהייט, אָדער זי דערפֿירט דערצו. אפֿשר וועל איך בײַ אײַך אַרויסרופֿן אַן עקל צו דער דאָזיקער אויפֿפֿאַסונג, ווען כ׳וועל אײַך זאָגן, אַז זי איז אַן אָפּגענוצטע און אַ אַלטע. זי שטאַמט פֿון צײַטן פֿול אָבערגלויבן און חרטה-שטימונגען, ווען די אידעע פֿון מענטשלעכקייט איז געוואָרן פֿאַרנידערט און פֿאַראומווערדיקט, צײַטן פֿול פּחד, ווען האַרמאָניע און גליק האָבן געגאָלטן פֿאַר חשדיש און מעשה-שטן, דערפֿאַר אָבער האָט דעמאָלט יעדע צעבראָכנקייט געגעבן אַ פֿרײַען אַרײַנטריט אין מלכות-שמים. אָבער שכל און אויפֿקלערונג האָבן פֿאַרטריבן די דאָזיקע פֿינסטערע שאָטנס, וועלכע האָבן געשווערט

* עס געפֿעלט אײַך צו עקספּערימענטירן.

שפּראַך, אויך דאָס באַווייזן זיך פּאָר זיינע צוהערער. צום סוף זאָגט ער:

— אָבער איר פאַרשטייט דאָך נישט. איר הערט, אָבער איר קאָנט נישט פילן דעם ווייטאָגדיקן אינהאַלט. דער פּאַרקריפּלטער לעאָפּאַרדי, מיינע הערן, פאַרשטייט עס גוט, מוז זיך אָפּזאָגן פון יעדער פרויען־ליבע און דאָס, אייגנטלעך, מאַכט אים אומפעיִק גוכר צו זיין די דערשלאָגנקייט פון זיין נשמה. דער גלאַנץ פון באַרימטקייט און פון גוטע מעשים ווערט פאַרטונקלט פאַר אים, די נאַטור זעט אים אויס שלעכט — אַגב, איז זי טאַקע שלעכט, נאַריש און שלעכט, דערין בין איך מיט אים מסכּים. — און ער זיך מייאש. ס'איז אַ מורא אַרויסצוזאָגן, ער איז זיך מייאש אין וויסנשאַפט און אין פּראָגרעס. אָט דאָס איז טראַגיק, אינזשיניער. אָט דאָס איז אַ „דילעמע פאַרן מענטשלעכן געפיל", נישט ביי יענער פרוי דאָרט, ס'איז מיר נישט כּדאי אָנצושטערענגען דעם זכּרון צו דערמאָנען זיך, ווי זי הייסט דאָרטן... רעדט מיר נישט, וועגן דער „פּאַתגייסטיקונג", וועלכע קאָן אַרויסגעבּרענגט ווערן דורך קראַנקהייט, טוט עס נישט, ווי גאָט איז אייך ליב! אַ נשמה אָן אַ קערפּער איז אַקוראַט אַזוי אוממענטשלעך און שרעקלעך, ווי אַ קערפּער אָן אַ נשמה. אַגב, איז דער ערשטער פאַל אַ זעלטענער אויסנאַם און דער צווייטער — אַ כּלל. בכּלל איז דער קערפּער דער, וואָס וואַקסט אַריבער, וואָס נעמט אַוועק אַלדאָס וויכטיקע, אַלדאָס לעבעדיקע און עמאַנציפּירט זיך אויפן עקלדיקסטן אופן. אַ מענטש אַ קראַנקער איז בלויז גוף, דאָס איז עקלדיקסטע פאַרן מענטש און דערנידעריקנדיקסטע — ער איז אין ס'רוב פאַלן גאָרנישט בעסער פון אַ בר־מינן...

— קאָמיש — זאָגט פּלוצלונג יאָאַכים און בויגט זיך בשעת־מעשה אויס, כּדי אָנצוקוקן זיין קוזין, וואָס גייט אין סעטעמבּרינים זייט. — דו האָסט דאָך אויך געזאָגט נישט־לאַנג עפּעס ענלעכס.

— אַזוי — זאָגט האַנס קאַסטאָרפּ. — ס'קאָן אפשר מעגלעך זיין, אַז ס'איז מיר אויך איינגעפאַלן עפּעס ענלעכס.

עטלעכע טריט וועגס האָט סעטעמבּריני געשוויגן. צום סוף זאָגט ער: איז נאָך בעסער, מיינע הערן, אויב אַזוי, איז נאָך בעסער. כ'בין ווייט פון דער כּוונה צו פּראַווען וועלכע ס'איז אָריגינעלע

אַ ציל מ'שטעלט זיך אין אָנהייב — צוליב דעם אַלעם, נעמט אײַך אַריין אין זינען, אַז קראַנקהייט איז ווייער ווייט צו זיין אַזוי נאָבל, און אַזוי בכבודיק, זי זאָל זיך נישט קאָנען פאָרן מיט קיין טיפשות. פאַרקערט, קראַנקהייט איז אַ דערנידעריקונג, אַפילו אַ ווייטאָגדיקע דערנידעריקונג פון מענטש, וואָס מאַכט אַ תל פון דער אידעע. מ'קאָן קראַנקהייט אין איינצלנע פאַלן שוינען און זיך זאָרגן וועגן איר, אָבער זי שעצן גייסטיק — דאָס איז אַ שיגעון — נעמט דאָס אין זינען אַריין. ס'איז אַ שיגעון און דער אָנהייב פון אַלע גייסטיקע שיגעונות. נישט די פרוי, וועלכע איר האָט דערמאָנט — ס'איז מיר נישט כדאי צו דערמאָנען זיך איר נאָמען — יאָ, די פרוי שטער, אַדאַנק — בקיצור, אָט די קאָמישע פרוי, נישט איר קרענק שטעלט אַוועק דאָס מענטשלעכע געפיל פאַר אַ דילעמע, ווי איר האָט געזאָגט. גאָט אין הימל, קראַנק און נאַריש — דאָס איז דאָס עלנט אַליין, דער ענין איז גאָר פשוט, מ'קאָן בלויז האָבן רחמנות און אַ צי טאָן מיט די אַקסלען. די דילעמע, מיין הער, די טראַגיק הייבט זיך אָן דאָרטן, וואו די נאַטור איז געווען גענוג אַכזריותדיק, כדי צו צעברעכן די האַרמאָניע פון דער פערזענלעכקייט, אָדער זי באַלד נישט געלאָזט אַנטוויקלען זיך: ווען זי גיט אַן אידעלן און לעבעדיקן גייסט, אַ קערפער, וואָס טויג נישט צום לעבן. איר האָט געהערט פון לעאָפּאַרדי, אינזשיניער, אָדער איר, לייטענאַנט? — אַן אומגליקלעכער דיכטער פון אונזער לאַנד, אַ הויקער, אַ קרענקלעכער מענטש מיט אַ נשמה, וואָס איז לכתחילה גרויס געווען, אָבער צוליב דער קערפערלעכער צעבראָכנקייט איז זי שטענדיק געטרעטן געוואָרן און איז אַראָפּגעזונקען אין די טיפענישן פון איראָניע. דער יאָמער פון אָט דער נשמה צערייסט דאָס האַרץ. הערט נאָר אויס!

און סעטעמבריני נעמט רעציטירן אויף איטאַליעניש. די שיינע קלאַנגען צעגייען ביי אים אויף דער צונג, ער שאָקלט דעם קאָפּ אַהין און אַהער און טיילמאָל מאַכט ער צו די אויגן, ער מאַכט, זיך, אַפּנים, גאָרנישט דערפון, וואָס זיינע באַגלייטער פאַרשטייען נישט קיין וואָרט. ער איז, ווי מ'זעט, אינגאַנצן אַריינגעטאָן אין דער הנאה, וואָס ס'פאַרשאַפט אים דער גוטער זיכרון און די אויס-

אַזאַ אָדער. מ׳דאַרף זיך שטאַרק היטן נישט אַרויסצוזאָגן פאַר אים קיין איבעריק וואָרט. ווען נישט, נעמט ער פּראַווען תורה. ס׳איז פונדעסטוועגן כּדאי צו הערן, ווי שיין ער קאָן ריידן. די ווערטער שיטן זיך אים פון מויל פלינק און באַטעמט. ווען כ׳הער אים ריידן — מוז איך אַלעמאָל טראַכטן וועגן פרישע זעמל.

יאָאַכים לאַכט.

— זאָג אים דאָס בעסער נישט. כ׳בין זיכער, אַז ער וואָלט געווען אַנטטוישט, ווען ער ווערט געוואָר, אַז דו קלערסט נאָר וועגן זעמל, בשעת ער פּראַוועט זיין תורה.

— אַזוי מיינסטו? — יאָ, ס׳איז נישט אַזוי זיכער. כ׳האָב אַלעמאָל דעם איינדרוק, אַז ס׳גייט אים לחלוטין נישט בלויז וועגן די דרשות — אַלנפאַלס איז דאָס נישט ביי אים דער עיקר. אים גייט קודם־כל וועגן ריידן גופא, ווי אַזוי ער לאָזט אַרויס יעדעס וואָרט פלינק און קנאַקעדיק... עלאַסטיש, ווי פּילקעלעך... ס׳איז אים אייך, דאַכט זיך, גאַנץ ניחא, ווען מ׳באַמערקט עס טאַקע אויך. דער בירברייער מאַגנוס איז טאַקע אַ ביסל נאַריש מיט זיינע „שיינע כאַראַקטערן“, אָבער סעטעמבריני וואָלט געדאַרפט זאָגן, וואָס רעדן איז, אייגנטלעך, אויסן די ליטעראַטור. איך האָב נישט געוואָלט פרעגן, כּדי זיך נישט צו פאַרשעמען, כ׳בין, אַגב, נישט קיין גרויסער מבין אין אָט די זאַכן און האָב ביז איצט נאָך קיינמאָל נישט געזען קיין ליטעראַט. אויב ס׳גייט נישט וועגן שיינע כאַראַקטערן, גייט אַלנפאַלס וועגן שיינע ווערטער, אַזאַ איינדרוק האָב איך, בעת כ׳בין אין סעטעמברינים געזעלשאַפט. וואָס פאַר אַ אויסדריקן ער באַנוצט: ער זשעגירט זיך לחלוטין נישט צו ריידן וועגן „גוטע מעשים“ — וואָס זאָגסטו דערצו? זינט איך לעב, האָב איך נאָך דאָס וואָרט נישט אַרויסגעזאָגט. אַפילו אין שול האָבן מיר דאָס וואָרט virtus איבערגעזעצט מיט „מוטיקייט“. כ׳האָב מיך גיך אָפגעשאָקלט, מוז איך דיר זאָגן. ס׳מאַכט מיך אויך אַ ביסל נערוועז, ווען ער הייבט אָן זידלען די קעלט און בערענסן און די פרוי מאַגנוס, הלמאי זי פאַרלירט איי־ווייס, בקיצור אַלץ און אַלע. ער איז אַן אָפּאָזיציאָנער, דאָס איז ביי מיר תיכּף קלאָר געוואָרן. ער שיט פּעך און שוועבל

פילאָסאָפיע. דאָס איז נישט מיין זאַך. אויב אונזער אינזשיניער האָט אויך, פון זיין זייט, געזאָגט עפּעס, וואָס שטימט דערמיט, — איז עס נאָר אַ באַשטעטיקונג פאַר מיין השערה, אַז ער פּראַוועט גייסטיקן דילעטאַנטיזם, ווי ס'איז דער שטייגער פון דער באַגאַבטער יוגנט. וואָס פּרוּווט לעת־עתה אויס אַלע מעגלעכע מיינונגען. אַ באַגאַבטער יונגער מענטש איז נישט קיין ליידיק בלאַט, ער איז גיכער אַ בלאַט, אויף וועלכן ס'איז מיט סימפּאַטעטישער טינט* אַלין שוין אָנגעשריבן, סיי דאָס גוטע סיי דאָס שלעכטע. דער תּיבֿ פונם דערציער איז צו אַנטוויקלען מיט זיכערקייט דאָס גוטע, און דאָס פאַלשע, וואָס וויל אַרויסטרעטן — אויסצומעקן אויף אייביק דורך אַ פּאַסיקער השפּעה. איר האָט עפּעס אײַנגעקויפט? — פרעגט ער מיט אַ פאַרענדערטן, לייכטן טאָן...

— ניין, נישט ספּעציעל — זאָגט האַנס קאַסטאָרפּ. — ס'הייסט...

— מיר האָבן אײַנגעקויפט אַ פּאָר דעקעס פאַרן קוזין — ענטפערט יאָאַכים גלייכגילטיק.

— אויף ליג־קוראַציע... ביי דעם דאָזיקן היניטישן וועטער... איך האָב בדעה דאָס מיטצומאַכן די פּאָר וואָכן — זאָגט האַנס קאַסטאָרפּ לאַכנדיק און קוקט אַראָפּ.

— אַ, דעקעס, ליג־קוראַציע — זאָגט סעטעמברינִי. — אַסוי, אַסוי, אַסוי, אַיי, אַיי, אַיי, באמת: „Placet experiri" — חזרט ער איבער מיט אַ איטאַליענישן אַקצענט און געזעגנט זיך, ווייל זיי זיינען שוין אַריינגעגאַנגען אין סאַנאַטאָריע אַריין. דער הינקעדיקער משרת האָט זיך געגריסט.. אין דער האַלע איז סעטעמברינִי אַוועק אין קאָנווערזאַציע־זאַל, כּדי פאַרן עסן צו לייענען די צייטונגען, ווי ער האָט געזאָגט. די צווייטע ליג־קוראַציע האָט ער, אַפּנים, געהאַט בדעה דורכצולאָזן.

— זאָל גאָט אויסהיטן — זאָגט האַנס קאַסטאָרפּ, בעת ר'איז געשטאַנען מיט יאָאַכימען אין דער ווינדע — ער איז באמת אַ פּעדאַגאָג, ער האָט לעצטנס שוין אַליין געזאָגט, אַז ער האָט אין זיך

---

* א טינט, וואָס מען קאָן זי איבערלייענען ערשט נאָך א געוויסער צייט און א געוויסער באהאנדלונג.

און מ'נעמט זיך אַרומוויקלען מיט דער אינעווייניקסטער: פריער אין דער לענג, ביז אונטערן אָרעם, דערנאָך פון אונטן איבער די פיס, דערביי בייגט מען זיך אַיין זיצנדיקערהייט און מ'נעמט אָן דעם אַריבערגעוואָרפענעם עק פון איין זייט און פון דער צווייטער און מ'גיט אַכטונג, דער טאָפּלטער פוס־עק זאָלט גוט פּאַסן צו דער לענג, אויב מען וויל זיין אַיינגעוויקלט וואָס גלאַטער און גלייכער. דערנאָך דאַרף מען גענוי נאָכטאָן דאָס אייגענע מיט דער אייבערשטער דעקע. דערמיט זיך אַן עצה צו טאָן איז אַ ביסל שווערער און האַנס קאַסטאָרפּ, ווי ס'פּאַסט פאַר אַ פּאַרטאַטש און אַן אָנהייבער, האָט גאַנץ היפּש געקרעכצט, בשעת ער האָט, בייגנדיק און אויסגלייכנדיק זיך, געלערנט זיך אָנכאַפּן די עקן קאָלדרעס, ווי מ'האָט אים אָנגעוויזן. נאָר געציילטע אויסגעדינטע, זאָגט יאָאַכים, קאָנען איינצייטיק אַרויפוואַרפן אויף זיך ביידע דעקעס מיט דריי זיכערע באַוועגונגען, אָבער דאָס איז אַ זעלטענע מעלה, וואָס רופט אַרויס קנאה. און צו וועלכער מ'דאַרף האָבן נישט בלויז יאָרנלאַנגע געניטקייט, נאָר אויך אַ גאַטהילעכע איינגעבוירנקייט. דערפון האָט זיך האַנס קאַסטאָרפּ געמוזט צעלאַכן, בעת ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף צוריק מיט אַ ווייטאָגדיקן רוקן. יאָאַכים, וואָס האָט נישט גלייך פאַרשטאַנען, אין וואָס ס'באַשטייט דאָס קאָמישע, האָט אים אָנגעקוקט נישט זיכער און ערשט שפּעטער זיך אויך צעלאַכט.

— אַזוי — זאָגט ער. האַנס קאַסטאָרפּ ליגט בשעת־מעשה אויף דער ליג־שטול אַ שטייפער, אַן אויסגעצויגענער, מיט אַ ווייכער קישן אונטערן נאַקן און אַן אויסגעמאַטערטער פון דער גאַנצער גימנאַסטיק. — ס'זאָל אַפילו זיין איצט צוואַנציק גראַד קעלט, וועט דיר אויך גאָרנישט שאַטן. באַלד דערנאָך גייט ער אַוועק הינטערן גלעזערנעם ווענטל, כדי זיך אויך אַיינצוּוויקלען.

וועגן דער געשיכטע מיט די צוואַנציק גראַד קעלט איז קאַסטאָרפּ שטאַרק מסופק, ווייל ער האָט באמת געפרוירן. אַ שוידער איז אים דורכגעלאָפן יעדעס מאָל, ווען ער האָט דורך די האַלבוועלבונגען אַ קוק געטאָן אין דער קאַפּענדיקער, טריפנדיקער פייכטקייט אינדרויסן, וואָס האָט יעדע רגע אויפסניי געקאָנט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ שניי. אַגב, ווי מאָדנע איז דאָס, וואָס ביי דער גאַנצער

אויף אַלץ, וואָס עקסיסטירט. דאָס אַ מין אָפּגעלאָזנקייט — כ'קאָן מיר נישט העלפן.

— דו זאָגסט נאָר אַזוי — ענטפערט יאָאַכים נאָך אַ ישוב — אָבער ס'איז דאָ דערין אויך עפּעס אַזוינס, וואָס דערמאָנט אין שטאָליִן, און נישט אין אָפּגעלאָזנקייט. פאַרקערט, ר'איז דאָך אַ מענטש, וואָס שטעלט אויף זיך, אָדער אויף דער מענטשהייט בכלל. דאָס געפעלט מיר אין אים, דאָס זעט מיר אויס אָנשטענדיק.

— דאָס איז אמת — זאָגט האַנס קאַסטאָרפּ. — ער האָט אין זיך אַפילו אַ מין שטרענגקייט. ס'ווערט גאַנץ אָפט אַ ביסל אומהיימלעך, ווייל מ'פילט זיך אַ ביסל — לאָמיר זאָגן: קאָנטראָלירט. דאָס איז לחלוטין נישט קיין שלעכטע באַצייכענונג. ווערסט מיר גלויבן, אַז כ'האָב כסדר געהאַט דעם איינדרוק, אַז ס'געפעלט אים נישט, הלמאי כ'האָב מיר געקויפט דעקעס אויף ליג-קוראַציע, אַז אים אַרט עס און ער האָט אויף מיר פאַראיבל?

— ניין, — זאָגט יאָאַכים דערשטוינט און פאַרטראַכט. — ווי איז דאָס מעגלעך? דאָס קאָן איך מיר נישט פאָרשטעלן. — באַלד דערנאָך איז ער אַוועק אויף ליג-קוראַציע, מיטן טערמאָמעטער אין מויל, מיט האַק-און-פּאַק. האַנס קאַסטאָרפּ האָט באַלד דערויף אָנגעהויבן זיך אויסצופּוצן און איבערצוטאָן אויף מיטאָג. אַזוי צי אַזוי, איז נאָך געווען אַ קנאַפּע שעה צייט.

אַן עקסקורס איבערן חוש פאַר צייט

ווען זיי זיינען ווידער צוריקגעקומען פון מיטאָג, איז שוין בייַ האַנס קאַסטאָרפּן אין צימער געלעגן דאָס פּעקל מיט די דעקעס אויף אַ שטול. יענעם טאָג האָט ער זיך צום ערשטן מאָל באַנוצט מיט זיי. דער געניטער יאָאַכים האָט אים געלערנט די קונץ, ווי אַזוי זיך איינצוּוויקלען, ווי אַלע דאָ, אַן ענין, וואָס יעדער נייער מוז זיך תיכף אויסלערנען. מ'שפּרייט אויס די דעקעס, צום ערשט איינע אין דערנאָך די אַנדערע, איבער דער ליג-שטול, אַזוי, אַז צופוסנס זאָל בלייבן אַראָפּהענגען אַ היפּש שטיק. דערנאָך לייגט מען זיך אַוועק

ווי אַלעמאָל, אַ ביסל געשפּאַנטקייט און נייסן, וועלכע מ'קוקט אויס מיט הנאה. דערנאָך גיט מען ווי=ס'איז אַ קוק אין סטערעאָסקאָפּישן קוק=קאַסטן, און קאַלײדאָסקאָפּישן שפּאַקטיוו, אָדער אין קינעמאַטאָגראַפישן רערל... האַנס קאַסטאָרפּ האָט שוין געקאָנט די אָרדענונג פון אייסנווייניק, כאָטש צו זאָגן, אַז ר'איז שוין געווען „איינגעלעבט“, — ווי מען רופט עס — וואָלט געווען אַ גוזמא.

אין גרונד גענומען, איז עס עפּעס משונהדיק אָט=דאָס איינלעבן זיך אין אַ פרעמד אָרט, אָט=דאָס שווערע צופּאַסן זיך און איינגעוויינען זיך, וואָס ווערט געטאָן כמעט צוליב דעם פאַקט אַליין און מיט דער באַשטימטער כוונה דאָס אַלץ איבערצוריייסן און צוריקצוקערן צום פריערדיקן מצב תיכּף אָדער באַלד נאָכדעם, ווי די צופּאַסונג ווערט פאַרענדיקט. מ'רעכנט דאָס פאַר אַ מין הפסקה און אַ צווישנשפּיל אין עיקרדיקן לעבן. מ'וויל זיך אַזוי=אַרום פאַרריכטן, דאָס הייסט: באַנייען און דערפרישן דעם אָרגאַניזם, וואָס איז געווען אין דער סכנה און האָט שוין געהאַלטן דערביי, ער זאָל אַריינפאַלן אין שטייפער איינטאָניקייט פון לעבנס=שטייגער, ווערן אָפּגעלאָזן און אָפּגעטעמפּט. פונוואַנען נעמט זיך אָבער די דאָזיקע אָפּגעלאָזנקייט און אָפּגעטעמפּטקייט, אויב מ'ענדערט לאַנג נישט דעם שטייגער פון לעבן?

עס נעמט זיך נישט אַזויפיל פון קערפּערלעך=גייסטיקער פאַרמאַטערטקייט און אָפּגענוצטקייט, וועלכע דאָס לעבן ברענגט מיט זיך (ווייל דערויף וואָלט דאָס בעסטע היילמיטל געווען פשוטע רו). ס'איז ניכער עפּעס נשמהדיקס, ס'איז די איבערלעבעניש פון צייט, וואָס איז אין סכנה — ביי אַ כסדרדיקער איינטאָניקייט — אָפּגענומען צו ווערן. דערביי שטייט די דאָזיקע צייט=איבערלעבעניש אין אַזאַ נאָענטער קרובהשאַפט מיטן לעבנס=געפיל גופא, אַז ס'איז גענוג, איינס זאָל אָפּגעשוואַכט ווערן, כדי דאָס אַנדערע זאָל אויך גלייך דערפילן אַן אָפּגעשוואַכטקייט. איבער דעם מהות פון לאַנגווייליקייט זיינען פאַרשפּרייט אַ סך גרייזיקע פאָרשטעלונגען. מ'גלייבט בכלל, אַז אינטערעסאַנטקייט און נייקייט „פאַרטרייבן“ די צייט, דאָס הייסט: פאַרקירצן זי. מאָנאָטאָניע און פּוסטקייט, ווידער, פאַרהאַלטן איר לויף און האַמעווען זי. דאָס שטימט נישט אינגאַנצן. פּוסטקייט און מאָנאָ=

פייכטקייט האָט ער נאָך אַלץ אַזעלכע טרוקן־היציקע באַקן, ווי ער וואָלט געזעסן אין אַ צופיל אָנגעהייצט צימער. ער האָט זיך אויך געפילט נאַריש פאַרמאַטערט פון די אָנשטרענגונגען מיט די דעקעס, באמת „Ocean steamships", האָט אים גענומען ציטערן אין די הענט, תיכף ווי ער האָט דערויף אַ קוק געטאָן. אַזוי שטאַרק געזונט איז ער אויך נישט, לחלוטין אַנעמיש, ווי הויפראַט בערענס האָט געזאָגט, און צוליב דעם איז ער אויך אַזאַ געפרוירענער. אָבער שטאַרקער פון דעם אומאָנגענעמען געפיל איז געווען די באַקוועמלעכקייט פון זיין ליגן, יענע כמעט סודותדיקע מעלות פון דער ליג־שטול, וואָס לאָזן זיך נישט אַנאַליזירן און וועלכע האַנס קאַסטאָרפּ האָט דערשפּירט מיט דער גרעסטער התלהבות שוין ביים ערשטן פּרוּוו. איצט האָט זיך עס אויף אַ גליקלעכן אופן כסדר באַשטעטיקט. צי ס'האָט זיך גענומען פון געבוי פון מאַטראַץ, צי פון דער ריכטיקער אָנגענייגטקייט פון רוקן־אָנלען, צי פון צוגעפּאַסטער הייך און ברייט פון די אָרעם־אָנלענס אָדער גאָר צוליב דער צוועקמעסיקער פעסטקייט פון קישן, וואָס הינטערן נאַקן — אַ פאַקט איז, אַז מ'האָט בכלל נישט געקאָנט אויסטראַכטן קיין בעסערע און באַקוועמערע זאַך אויף אויסצורוען די אברים, ווי די דאָזיקע אויסגעצייכנטע ליג־שטול. דערפון האָט זיך גענומען, וואָס האַנס קאַסטאָרפּס האַרץ איז פול געווען מיט צופרידנקייט צוליב די צוויי פרייע און שלווהדיקע שעהן, וואָס וואַרטן אויף אים, אָט די הייליק־שעהן פון ליג־קוראַציע, וואָס זיינען געהייליקט געוואָרן דורכן רעגולאַמין פון דער סאַנאַטאָריע. כאָטש ער איז דאָ נאָר געווען אַ גאַסט, האָט ער דאָס פונדעסטוועגן געהאַלטן פאַר אַן איינאָרדענונג, וואָס איז זייער צוגעפּאַסט צו אים. ווייל ר'איז געווען פון דער נאַטור אַ געדולדיקער, האָט געקאָנט לאַנג אויסהאַלטן אָן יעדער באַשעפטיקונג און האָט ליב געהאַט, ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט, די פרייע צייט, וואָס ווערט נישט פאַרגעסן, פאַרשלונגען און פאַריאָגט דורך דער פאַרטויבנדיקער אַרבעט: פיר אַ זייגער האָט מען געגעבן אויף פאַרנאַכט־מאָלצייט טיי מיט איינגעמאַכטס, דערנאָך האָט מען זיך אַ ביסל דורכגעלופטערט אינדרויסן, באַלד נאָכדעם האָט מען זיך ווידער אַוועקגעלייגט היען אויף דער ליג־שטול. זיבן אַ זייגער גייט אָוונטברויט, וואָס ברענגט מיט זיך

און צו אַנטלויפן. די לעצטע וואָך, בערך די פערטע, לויפט אַוועק משונהדיק גיך. אַוודאי ווירקט די דערפרישונג פון צייט־חוש אויך אויף שפּעטער און ווען מ׳קערט זיך אום צום רעגלמעסיקן לעבן, נעמט זי גילטן פונסניי. די ערשטע טעג אין דער היים נאָך דעם אָפּבייט ווערן אויך איבערגעלעבט ניי, ברייט און יונגטלעך, אָבער בלויז געציילטע טעג, ווייל צום רעגלמעסיקן לעבן געוויינט מען זיך אַ סך גיכער צו, ווי צום היפוך. אויב דער חוש פאַר צייט איז צוליב אַלטקייט שוין מיד, אָדער אויב אָט דער חוש איז קיינמאָל נישט געווען צו־שטאַרק אַנטוויקלט (אַ סימן פון לכתחילהדיקער לעבנס־שוואַכקייט), דעמאָלט שלאָפט ער תיכּף צוריק איין און ס׳געהט איין מעת־לעת, מ׳זאָל זיך פילן, גלייך ווי מ׳וואָלט קיינמאָל אין ערגעץ נישט געווען און גלייך די נסיעה וואָלט געווען אַ חלום פון אַ נאַכט.

די דאָזיקע באַמערקונגען ווערן דאָ געברענגט בלויז צוליב דעם, ווייל דער יונגער האַנס קאַסטאָרפּ האָט אויך געהאַט עפּעס ענלעכס אין זינען, בעת ער האָט אין עטלעכע טעג אַרום געזאָגט צו זיין קוזין (און דערביי זיינען זיינע אויגן פול געוואָרן מיט רויטע אָדערלעך):

— ס׳איז און ס׳בלייבט מאָדנע, ווי לאַנג די צייט זעט אויס אַ מענטשן אין אָנהייב אויף אַ פרעמד אָרט. ס׳הייסט.... פאַרשטייט זיך, אַז ס׳קאָן נישט זיין קיין רייד וועגן דעם, איך זאָל מיך לאַנגווייליקן. פאַרקערט, כ׳מעג זאָגן, אַז כ׳אַמוזיר מיך קעניגלעך. ווען כ׳קוק מיך אַרום, רעטראָספּעקטיוו*, פאַרשטייסט, דאַכט זיך מיר אויס, גלייך ווי כ׳וואָלט שוין געווען דאָ אויבן מי־יודע ווי לאַנג. געדענקסט ווי כ׳בין אָנגעקומען און נישט גלייך געוואוסט, אַז כ׳בין שוין דאָ און דו האָסט אַ זאָג געטאָן: שטיי אויס! מיר דאַכט זיך, אַז ס׳איז אַוועק אַ גאַנצע אייביקייט זינט דעמאָלט. מיט מאָסן און בכלל מיט פאַרשטאַנד האָט אָט דאָס אַבסאָלוט גאָרנישט וואָס צו טאָן. דאָס איז אַ ריינע געפיל־זאַך. פאַרשטייט זיך, אַז ס׳איז נאַריש צו זאָגן: ס׳דאַכט זיך מיר, אַז כ׳בין שוין דאָ צוויי חדשים.

* אויף צוריק.

טאָניע קאָנען טאַקע אויסציען אַ רגע אין אַ שעה און זיי מאַכן „לאַנגווייליק“, אָבער גרויסע און גרעסטע צייט־מאָסן פאַרקירצן זיי און פאַרווישן ביז גאָרנישטדיקייט. פון דער צווייטער זייט איז אַ רייכע און אינטערעסאַנטע איבערלעבונג בכוח צו פאַרקירצן און צו באַפליגלען אַ שעה און אַפילו אַ טאָג. אָבער ברייטער גערעכנט גיבן זיי צו דעם גאַנג פון דער צייט רחבות, וואָג און סאָלידקייט, אַזוי אַז יאָרן פול מיט רייכע געשעענישן גייען אַוועק אַ סך פּאַמעלעכער, ווי די אָרעמע, ליידיקע, לייכטע יאָרן, וואָס ווערן אַוועקגעבלאָזן מיטן ווינט און צעפליען זיך. דאָס, וואָס מ׳רופט אָן „לאַנגווייליקייט“, איז פאַקטיש גיכער אַ קרענקלעכע „קורצווייליקייט“ פון דער צייט, וואָס שטאַמט פון מאָנאָטאָניע. גרויסע צייט־שטחים ווערן ביי כסדרדיקער מאָנאָטאָניקייט איינגעשרומפן אַזוי ווייט, אַז דאָס האַרץ ווערט דערשראָקן צום טויט. אויב איין טאָג איז ווי אַלע, זיינען אַלע אויך ווי איינער. ביי אַבסאָלוטער איינטאָניקייט וואָלט דאָס לענגסטע לעבן איבערגעלעבט געוואָרן קורץ און ס׳וואָלט אַוועק, איידער מ׳וואָלט זיך אומגעקוקט. צוגעוויינטקייט איז אַן איינגעשלעפערטקייט אָדער אַ כאַרמאַטערטקייט פון חוש פאַר צייט. אויב די יונגע יאָרן ווערן איבערגעלעבט פּאַמעלעך און דאָס שפּעטעדיקע לעבן לויפט אַוועק אין איילעניש אַלץ האַסטיקער — נעמט זיך עס אויך בלויז פון צוגעוויינקייט. מיר ווייסן גאַנץ גוט, אַז דאָס אָפּ־און צוגעוויינען זיך איז דאָס איינציקע מיטל איינצוהאַלטן אונזער לעבן, אָפּצופרישן דעם חוש פאַר צייט, צו דערגרייכן צו דער פאַריינגערונג, פאַרשטאַרקונג, פאַרלאַנגזאַמונג פון אונזער צייט־איבערלעבעניש און דערביי צו דערפרישן אונזער לעבנס־געפיל בכלל. דאָס איז מען אויסן, ווען מען בייט דאָס אָרט און די לופט, ווען מ׳פאָרט אין בעדער, דאָס איז די רפואה, וואָס ס׳ברענגט מיט זיך יעדער אָפּבייט אין עפּיזאָד. די ערשטע טעג אויף אַ ניי אָרט האָבן אין זיך אַ יוגנטלעכן, דאָס הייסט — אַ שטאַרקן און ברייטן גאַנג. ס׳דויערט בערך זעקס ביז אַכט טאָג. דערנאָך, וואָס מער מ׳לעבט זיך איין, אַלץ מער ווערט ביסלעכווייז בולט די „פאַרקירצונג“. ווער ס׳העגנט שטאַרק אין לעבן, אָדער בעסער געזאָגט: ווער ס׳וויל זיך אָנהענגען אין לעבן, יענער זעט דעמאָלט מיט גרויל, ווי די טעג הייבן ווידער אָן צו ווערן לייכט

זיך אײַנקוקן אין דעם שיין אויבנאויפיק־געוועגעם און אייפגעמען דאָס נייע מיט יוגנטלעכער התמדה.

למשל, יענע בייכיקע כלים מיט די קורצע העלזער, וואָס שטייען אין די קאָרידאָרן בײַ אײַנציקע טירן. באַלד בײַ זײַן אָנקומען האָט ער געוואָרפן אויף זיי אַן אויג. איצט האָט ער געפרעגט בײַ יאָאַכי־מען און יענער האָט אים געענטפערט. דאָרטן איז פאַראַן זויער־שטאָף, ריינער זויער־שטאָף, צו זעקס פראַנק אַ באַלאָן. דעם דאָזיקן באַלעבנדיקן גאַז לאָזט מען אַרײַן די מסוכן־קראַנקע אין די לעצטע רגעס, כדי זיי צו דערהאַלטן בײַ די כוחות. הינטער די טירן, וואו ס'שטייען אַזעלכע באַלאָנען, ליגן שטאַרבנדיקע, אָדער „מאָריבונדי", ווי הויפראַט בערענס האָט זיך אויסגעדריקט, בעת האַנס קאַסטאָרפּ האָט אים אַמאָל באַגעגנט אויפן ערשטן שטאָק. דער הויפּ־ראַט האָט דעמאָלט דורכגערודערט דעם קאָרידאָר אין אַ ווײַסן קיטל, מיט בלויע באַקן און זיי זײַנען צוזאַמען אַרויפגעגאַנגען מיט די טרעפּ.

— נאַ, איר זײַטיקער צוקוקער, איר! — האָט בערענס געזאָגט — וואָס מאַכט איר, געפינען מיר לײַטזעליקײַט אין אײַערע פאָרשנדיקע בליקן? ס'פרייט אונז, פרייט אונז. יאָ, דער זומער־סעזאָן האָט אין זיך עפּעס, ער שטאַמט נישט פון קיין שלעכטן מקור. כ'האָב מיך אויך אַ ביסל אָנגעשטרענגט אים אונטערצושטופּן. פונדעסטוועגן איז אַ שאָד, וואָס איר ווילט נישט זײַן בײַ אונז ווינטער — איר וועט דאָ בלײַבן בלויז אַכט וואָכן, האָב איך געהערט? וואָס, דרײַ? דאָס איז דאָך אַ וויזיט אויף איין פוס, ס'לוינט זיך אַפילו נישט אויסצוטאָן. נאַ, ווי איר פאַרשטייט. פונדעסטוועגן איז אַ שאָד, וואָס איר זענט נישט דאָ ווינטער, ווײַל וואָס ס'איז נוגע דער האָטעפּאָלעי* — האָט ער אַ זאָג געטאָן מיט אַ שפּאַסיקער, אויסטערלישער אויס־שפּראַך — די אינטערנאַציאָנאַלע האָטעפּאָלעי אונטן אין „פּלאַץ", — קומט אַהער ערשט אין ווינטער און איר מוזט זיי אָנקוקן, איר וואָלט געקאָנט אַ סך אָפּלערנען. מען קאָן פּלאַצן פאַר געלעכטער, בעת די יונגען שפּרינגען אויף זייער סקים. און די דאַמען, גאָטעניו, די

* הויכע אַריסטאָקראַטיע: Haute Volée (האָטפּאָלע).

דאָס וואָלט געווען אַ שטות. אָבער כ'קאָן דרייסט זאָגן: זייער לאַנג.

— יאָ, — ענטפערט יאָאַכים מיטן טערמאָמעטער אין מויל. — ס'קומט מיר אויך צונוץ, כ'קאָן מיך אין אַ געוויסער מאָס האַלטן אין דיר, זינט דו ביסט דאָ. האַנס קאַסטאָרפּ האָט זיך צעלאַכט דערפון, וואָס יאָאַכים זאָגט דאָס אַהיים אַזוי פּשוט, אָן שום דערקלערונג.

ער פּרוּווט די כּוחות אויף פראַנצויזיש

ניין, איינגעלעבט איז ער נאָך בשום־אופן נישט געווען, נישט וואָס שייך זיינע קענטענישן בנוגע דעם היגן לעבן מיט אַלע זיינע באַזונדערקייטן — אַ קענטעניש, וועלכע ס'איז אוממעגלעך געווען צו קריגן אין משך פון עטלעכע טעג, ווי ער האָט זיך אַליין געזאָגט (ר'האָט זיך אַרויסגעכאַפּט דערמיט אויך פאַר יאָאַכימען), און אַפילו אין משך פון דריי וואָכן. אין פּונקט אַזוי איז ער נאָך אויך נישט געווען איינגעלעבט וואָס שייך דער צוגעפּאַסטקייט פון זיין אָרגאַניזם צו די זייער מאָדנע אַטמאָספערישע פאַרהעלטנישן „דאָ אינדערהויך". דאָס דאָזיקע צופּאַסונג איז אים אָנגעקומען ביטער, זייער ביטער און זי האָט, ווי ס'האָט זיך אים געדאַכט, בכלל זיך נישט גערירט פון אָרט.

דער נאָרמאַלער טאָג איז געווען קלאָר צעטיילט און זאָרגעוודיק אָרגאַניזירט. ווען מ'דרינגט אַריין אין דער דאָזיקער אָרדענונג, גייט מען גיך אין שפּאַן און מ'ווערט געניט. אָבער אין די ראַמען פון דער וואָך אָדער נאָך גרעסערע צייט־איינטיילונגען קומען פאָר געוויסע רעגלמעסיקע ענדערונגען, וואָס האַלטן זיך אין איין אויפוויקלען, טייל — צום ערשטן מאָל, אַנדערע האָבן זיך שוין באַוויזן איבערצוחזרן. אַפילו וואָס ס'איז נוגע די טאָג־טעגלעכע געשעענישן און פּנימער — האָט האַנס קאַסטאָרפּ נאָך געהאַט אויף טריט און שריט וואָס צו לערנען פון זיי. מ'האָט געדאַרפט גענייער

קיין באַקאַנטשאַפטן האָט ער נישט געמאַכט נישט אין יענע ערשטע טעג און אויך נישט לאַנג דערנאָך. דער גאַנצער סדר פון טאָג האָט נישט צוגעלאָזט דערצו. האַנס קאַסטאָרפּ איז אויך בטבע אַ צוריקגעהאַלטענער מענטש; אַחוץ דעם פילט ער זיך דאָ אויבן בלויז ווי אַ גאַסט און „זייטיקער צוקוקער", ווי הויפראַט בערענס האָט זיך אויסגעדריקט און האָט זיך דער עיקר באַנוגנט פאַרברענגענדיק און שמועסנדיק מיט יאָאַכימען. די קראַנקן-שוועסטער אין קאָרידאָר האָט, וואָס אמת, אַזוי לאַנג אויסגעשטרעקט צו זיי דעם האַלז און זיי נאָכגעקוקט, ביז יאָאַכים, וואָס האָט שוין פריער אַמאָל מיט איר געהאַט אַ ביסל געפּלוידערט, האָט זי באַקאַנט מיט זיין קוזין. מיטן בינאָקל-שנירל הינטערן אויער האָט זי גערעדט נישט בלויז אַפּעקטירט, נאָר ממש פאַרפּייניקט, און אַז מ'האָט זיך נעענטער צוגעקוקט, האָט זי געמאַכט דעם איינדרוק, גלייך זי וואָלט פון גרויס לאַנגווייליקייט געווען אַ ביסל צעמישט. ס'איז זייער שווער געווען פון איר פּטור צו ווערן, ווייל זי האָט אַרויסגעוויזן אַ קרענקלעכע מורא יעדעס מאָל, ווען דער שמועס האָט זיך געהאַלטן ביי ענדיקן און וויפיל מאָל די יונגעלייט האָבן זיך געגרייט אַוועקצוגיין, אַזוי אַז זיי זיינען פון רחמנות ווייטער געבליבן שטיין. זי האָט זיך ברייט צערעדט וועגן איר פּאַפּאַ, דעם יוריסט, און פון איר קוזין, דעם דאָקטאָר — אַפּנים, — כדי שטאַרקער אויסצונעמען און צו ווייזן, אַז זי קומט אַרויס פון אַ געבילדעטן קלאַס. וואָס ס'איז נוגע דעם קראַנקן אירן פון יענער זייט טיר, איז עס אַ זון פון אַ לאַלקעס-פאַבריקאַנט פון קאָבורג, הייסט ראָטביין, און לעצטנס האָט דער יונגער פּריץ געקריגן דאָס עסק אין די געדערים. דאָס איז אַ צרה פאַר אַלע נאָענטע, די הערן קאָנען זיך עס אַליין פאָרשטעלן. בפרט, ווען מ'קומט אַרויס פון אַן אַקאַדעמיש הויז און מ'האָט אין זיך די סובטעלקייט פון די העכערע קלאַסן, איז עס גאָר אַ צרה. מ'טאָר זיך אויף אַ רגע נישט אַוועקדרייען... דאָ נישט לאַנג, שטעלט אייך פאָר, איז זי אַרויסגעגאַנגען אויף אַ ווײַלע, בלויז כדי צו קויפן אַ פּראָשעק צו די ציין. מ'גיט אַ קוק: דער קראַנקער זיצט אין בעט, לעבן אים שטייט אַ גלאָז געדיכט שוואַרץ ביר, אַ סאַלאַמי-וואורשט, אַ האַרט שטיק ראָזאָווע ברויט און אַן אוגערקע. אָט די

דאַמען! פאַרביק ווי גן=עדן=פייגל, זאָג איך אַייך, און געוואַלדיק
גאַלאַנט... איצט מוז איך אַריינגיין צו מיין מאָריבונדוס* — זאָגט
ער — נומער זיבן=און=צוואַנציק. לעצטער סטאַדיום. אַראָפּ פון דער
סצענע. נעכטן און היינט האָט ער נאָך אַריינגעזשלאָקעט פינף טיי=
פלעשער זויערשטאָף, דער זולל=וסובא. אָבער ביז מיטאָג וועט ער
שוין מסתמא אַוועק** ad penates. נאָ, ליבער הער ריי=
טער — האָט ער אַ זאָג געטאָן אַריינגייענדיק — מיר וועלן אפשר
ווידער אָפּברעכן אַ העלזל פון אַ... זיינע ווערטער האָבן זיך פאַר=
לוירן הינטער דער טיר, וועלכע ער האָט צוגעמאַכט, אָבער אין משך
פון איין רגע האָט האַנס קאַסטאָרפּ אין דער טיף פון צימער דערזען
אויף אַ קישן אַ וואַקסענעם פּראָפיל פון אַ יונגן מאַן מיט אַ שיי=
טער בערדל, וואָס האָט פּאַמעלעך אָנגעשטעלט זיינע גרויסע אויגן=
אַפּלען אויף דער טיר.

ס'איז געווען דער ערשטער „מאָריבונדוס", וועלכן האַנס קאַס=
טאָרפּ האָט געזען אין זיין לעבן. ווייל סיי זיינע עלטערן, סיי זיין
זיידע זיינען בשעתם געשטאָרבן אַזוי צו זאָגן הינטער זיינע פּליי=
צעס. מיט זויפל ווערדע ס'איז געלעגן אויפן קישן דעם יונגמאַנס
קאָפּ מיטן פּאַרריסענעם בערדל! ווי חשיבותדיק ס'איז געווען דער
בליק פון זיינע משונה=גרויסע אויגן, בשעת ער האָט אַ קוק געטאָן
צו דער טיר! האַנס קאַסטאָרפּ איז געווען אַזוי פאַרטיפט אין דעם,
וואָס ער האָט דערזען אינדערגיך, אַז ער האָט נישט ווילנדיק אויך
געפּרווט מאַכן אַזעלכע גרויסע, חשיבותדיקע און געלאַסענע אויגן,
ווי ביים „מאָריבונדוס". אַראָפּגייענדיק פון די טרעפּ, האָט ער טאַקע
מיט אַזאַ פּאָר אויגן אַ קוק געטאָן אויף אַ דאַמע, וואָס איז הינ=
טער אים אַרויס פון אַ טיר און אים דעריאָגט ביי די טרעפּ. ער
האָט נישט תיכף דערקענט, אַז ס'איז מאַדאַם שאָשאַ. זי האָט לייכט
אַ שמייכל געטאָן פון די אויגן, וואָס ער שטעלט אָן, דערנאָך האָט זי
זיך אַ כאַפּ געטאָן ביים גרעק און איז אַראָפּ פאַר אים פון די
טרעפּ שטיל, בויגעוודיק און אַ ביסל מיט אַ פאַרריסענעם קאָפּ.

* שטאַרבנדיקער.

** צו די געטער פון הויז.

וואָלט צוריקציִען מיט די אויגן. דערנאָך האָט זיך אַרויסגעריסן פון איר ברוסט אַ זיפץ און זי איז צוריק אַוועק צום קראַנקן אין צימער אַריין.

איבערדעם האָט זיך האַנס קאַסטאָרפּ אין די טעג ביז באַקאַנט מיט דער בלייכער דאַמע אין שוואַרצן, מיט יענער מעקסיקאַנערין, וועלכע ער האָט געזען אין גאָרטן און וועלכע מ׳האָט „Tout les deux". ער אַליין האָט אויך ממש געהערט פון איר מויל דעם מרה־שחורהדיקן שפּרוך, וואָס איז געוואָרן איר צונאָמען. אָבער ער איז געווען צוגעגרייט דערצו, דערפאַר האָט ער זיך געהאַלטן גוט און שפּעטער אַליין געהאַט הנאה דערפון. די קוזינען האָבן זי געטראָפן פאַרן הויפּט־פּאָרטאַל, בעת זיי זיינען נאָכן ערשטן פרישטיק אַרויסגעגאַנגען אויף דעם געוויינלעכן פרימאָרגן־שפּאַציר. זי האָט זיך אַרומגעדרייט אַהין און צוריק, אָן אויפהער געמאַכט גרויסע שפּרייזן מיט אירע קרומע קניען, זי איז געווען איינגעהילט אין אַ שוואַרצער קאַשמיר־שאַל. אירע האָר — דורכגעוואָרפן מיט גרויע פעדים — זיינען געווען איינגעהילט אין אַ שוואַרצן שלייער, וואָס איז געווען פאַרבונדן אונטער דער גאָמבע און איר אַלט־ווערנדיק פּנים מיטן גרויסן, פאַרצרהטן מויל האָט קעגן דעם אָפּגעשלאָגן מאַט־ווייס. יאָאַכים איז געווען אָן אַ היטל, ווי געוויינלעך. ער האָט זיך פאַרנייגט פאַר איר און זי האָט פּאַמעלעך צוגעשאָקלט. די קנייטשן אויף איר שמאָלן שטערן זיינען דערביי נאָך טיפער געוואָרן. באַמערקנדיק אַ ניי פּנים, איז זי געבליבן שטיין, אָן ווערטער צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און אָפּגעוואַרט, ביז די יונגעלייט וועלן זיך דערנענטערן. זי האָט, אַפּנים, פאַר נייטיק צו הערן, צי דער פרעמדער ווייסט וועגן איר ביטער מזל און איבערצונעמען זיין מיטגעפיל. יאָאַכים שטעלט פאָר זיין קוזין. זי דערלאַנגט דעם גאַסט פון דער מאַנטילע אַרויס איר האַנט, אַ מאָגערע, געלבלעכע האַנט, פול מיט אָדערן און באַצירט מיט רינגען. זי האַלט פּסדר אין איין צושאָקלען מיטן קאָפּ און אין איין אָנקוקן אים. צום סוף געשעט עס:

Tous les dé זאָגט זי. — * Tous ies dé, monsieur —
** vous savez...

---

* טו לע דע (גרייזיק שטאָט deux) מסיע = אַלעביידע, הער.
** טו לע דע וואו סאַווע = אַלע ביידע, איר ווייסט.

היימישע גוטע זאַכן האָט מען אים צוגעשיקט פון שטוב, ער זאָל קומען צו זיך. צומאָרגנס איז ער, פאַרשטייט זיך, געווען מער טויט ווי לעבעדיק. ער אַליין אַיילט־צו זיין סוף. ס'וועט אָבער זיין אַ טובה נאָר פאַר אים, נישט פאַר איר — שוועסטער בערטאַ רופט מען זי, פאַקטיש הייסט זי אַלפרעדאַ שילדקנעכט — ווייל זי וועט דעמאָלט אָנקומען צו אַן אַנדערן קראַנקן, אין אַ פריערדיקן אָדער שפּעטערדיקן סטאַדיום, דאָ אָדער אין אַן אַנדער סאַנאַטאָריע, דאָס איז איר פּערספּעקטיוו, קיין אַנדערע ווייזט זיך נישט.

— יאָ, — זאָגט האַנס קאַסטאָרפּ — אַייער פּראָפעסיע איז אַוודאי אַ שווערע, אָבער זי גיט מסתמא באַפרידיקונג איך.

— אַוודאי — ענטפערט זי — באַפרידיקונג גיט זי — זי איז באַפרידקנדיק, אָבער זייער שווער.

— נו, אַלדאָס גוטס פאַרן הער ראָטביין — און די קוזינען האָבן שוין געוואָלט גיין.

אָבער זי האָט זיך ווידער גענומען קלאַמערן צו זיי מיט ווערטער און בליקן אין ס'איז געווען אַזאַ רחמנות צוצוקוקן, ווי זי שטרענגט זיך אָן אַיינצוהאַלטן די יונגעלייט, אַז ס'וואָלט געווען אַן אַכזריות, איר נישט צו שענקען נאָך אַ ווײַלע.

— ער שלאָפט — זאָגט זי. — ער דאַרף מיך נישט האָבן. בין איך אויף עטלעכע מינוט אַרויס אין קאָרידאָר... און זי נעמט זיך קלאָגן אויפן היפּראַט בערענס, אויף דעם טאָן, וועלכן ער באַנוצט לגבי איר אין וואָס איז צו פריי און דערפאַר לחלוטין נישט פּאַסיק פאַר איר אָפּשטאַם. ד״ר קראָקאָווסקי געפעלט איר אַ סך מער און זי האַלט, אַז ער איז פול מיט נשמה. דערנאָך נעמט זי ווידער ריידן וועגן איר פּאַפּאַ און איר קוזין. מער קאָן פון זיך איר מוח נישט אַרויסגעבן. איצט האָט זי ווידער געוואָלט אַיינהאַלטן די קוזינען. זי האָט זיך אַפילו אומגעריכט צעלאָזט, אויפגעהויבן דאָס קול און שיר זיך נישט צעשריגן, בעת זיי האָבן געוואָלט אַוועקגיין. ס'האָט איר אָבער גאָרנישט געפּועלט. זיי האָבן זיך סוף־כל־סוף אַרויסגעריסן און אַוועקגעאַנגען. אָבער די שוועסטער האָט זיי נאָך אַ ווײַלע נאָכגעקוקט מיט אַ פאַרזיסגעבויגענעם קערפּער און מיט דאָרשטיקע בליקן, גלייך ווי זי וואָלט זיי גע־

אַ טרומנע? איך קוק עס אָן גאַנץ גערן. איך האַלט, אַז אַ טרומנע איז ממש אַ שיין מעבל־שטיק אַפילו דעמאָלט, ווען קיינער ליגט נישט אינעווייניק. אויב עמעץ ליגט אינעווייניק — דעמאָלט זעט זי אויס ספּעציעל פייערלעך אין מיינע אויגן. יעדע קבורה האָט אין זיך עפּעס אַן אויפריכטונג. איך האָב שוין נישט איינמאָל געטראַכט, אַז איידער צו גיין אין קירך אַריין, איז גלייכער צו גיין צו אַ קבורה, אויב מ'וויל אַ ביסל אויפגעריכט ווערן. דער עולם איז אָנגעטאָן אין גוטע שוואַרצע מלבושים, מ'נעמט אַראָפּ די היטן, מ'קוקט אָן די טרומנע, מ'האַלט זיך ערנסט און פרום און קיינער טאָר נישט מאַכן קיין פוילע וויצן, ווי אַזוי אין לעבן. איך האָב זייער ליב, ווען דער עולם ווערט אַ ביסל פרום. טיילמאָל האָב איך שוין געטראַכט, צי איך האָב נישט באַדאַרפט ווערן אַ פּאַסטאָר. אין אַ געוויסן זין, מיין איך, וואָלט דאָס מיר נישט שלעכט געפּאַסט... כ'האָף, אַז איך האָב נישט געמאַכט קיין פעלער אין פראַנצויזיש, בעת כ'האָב גערעדט?

— ניין, זאָגט יאָאַכים. — Je le regrette beaucoup איז אַלנפאַלס געווען גאַנץ ריכטיק.

פּאָליטיש פּאַרדעכטיק

רעגלמעסיקע אָפּבייטונגען פון נאָרמאַלן טאָג זיינען געשעען: קודם־כל אין אַ זונטאָג. ס'איז געווען אַ זונטאָג מיט קור־מוזיק אויף דער טעראַסע, אַ זאַך, וואָס טרעפט זיך איינמאָל אין פערצן טעג און איז אַ סימן, אַז ס'ענדיקט זיך די טאָפּל־וואָך. קאַסטאָרפּ איז, הייסט עס, אָנגעקומען אין איר צווייטער העלפט. ער איז אָנגעקומען דינסטאָג און ס'איז געווען זיין פינפטער טאָג, אַ טאָג, וואָס שמעקט מיט פרילינג נאָך יענער אַוואַנטוריסטישער זאַווערוכע און צוריקקער צום ווינטער. איצט איז דער טאָג געווען אַ צאַרטער און פרישער מיט זויבערע וואָלקנס אויפן העל־בלויען הימל און לייכטער זון־שיין איבער די שיפּועים און טאָלן, וואָס זיינען ווידער זומערדיק

— Je le sais, madame * — ענטפערט האַנס קאַסטאָרפּ צוגעדרושעט: — Et je le regrette beaucoup **.

די שלאַפע טאָרבעס אונטער אירע קרעל־שוואַרצע אויגן זיינען געווען אַזעלכע גרויסע און שווערע, אַז האַנס קאַסטאָרפּ האָט נאָך ביז איצט ביי קיינעם דאָס נישט געזען. אַ פאַרבאָרגענער, וועלקנדיקער ריח איז זיך צעגאַנגען פון איר. ר׳האָט זיך דערפילט אַ מילה, אַ ערנסט.

— Merci *** — האָט זי געזאָגט מיט אַ כאָרכל, וואָס האָט מאָדנע געפּאַסט צו דער גאַנצער געבראָכנקייט אירער און איין ווינקל פון איר גרויס מויל האָט אַראָפּגעהאַנגען טראַגיש טיף. דערנאָך האָט זי צוריק אַריינגענומען די האַנט אין דער מאַנטיליע אַריין, האָט אַ נייג געטאָן מיטן קאָפּ און זיך ווידער געלאָזט אַרומגיין אַהין און צוריק. האַנס קאַסטאָרפּ האָט געזאָגט:

— זעסט, ס׳האָט מיר גאָרנישט געשאַדט, כ׳בין אַהיים פון איר בשלום, איך קאָן מיר בכלל אַן עצה טאָן מיט אַזעלכע מענטשן, דאַכט זיך. איך קאָן בטבע אומגיין מיט זיי, — האַלטסט נישט אַזוי? מיר דאַכט זיך אַפילו, אַז כ׳גיב זיך בעסער אַן עצה מיט טרויעריקע מענטשן, ווי מיט לוסטיקע. איין גאָט ווייסט, פינוואַנען ס׳נעמט זיך. אפשר דערפון, וואָס כ׳בין אַ יתום און האָב אַזוי פרי פאַרלוירן די עלטערן. ווען מענטשן זיינען ערנסט און טרויעריק און האָבן צו טאָן מיטן טויט, דערשלאָגט עס מיך נישט און ברענגט מיך נישט אַריין אין קיין פאַרלעגנהייט, פאַרקערט, כ׳פיל מיך דערביי אין מיין עלעמענט און אַלנפאַלס בעסער, ווי בעת ס׳רודערט זיך. דאָס גייט מיך ווייניקער אָן. לעצטנס האָב איך געטראַכט: ס׳איז אַ נאַרישקייט פון די היגע דאַמען, וואָס זיי שרעקן זיך אַזוי שטאַרק פאַרן טויט און פאַר אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות דערמיט, אַזוי, אַז מ׳דאַרף זיי אָפּהיטן פון יעדן רמז און ברענגען דעם וויאַטיקום בעתן עסן. ניין, פוי, דאָס איז טיפּשות. דו קוקסט נישט אָן גאַנץ גערן

* זשע לע סע, מאַדאַם = איך ווייס, מאַדאַם.

** ע זשע לע רעגרעט באָקו = און איך באַדויער זייער.

*** מערסי = אַ דאַנק.

אין דער גאָרטן-האַלע זיינען געווען באַזעצט אַ צוויי אָדער דריי שטולן. אָבער דער רוב געסט איז געזעסן ביי קליינע ווייסע טישלעך אויף דער געדעקטער פּלאַטפאָרם. דער יינגערער לעב-עולם, פאַר וועלכן צו זיצן אויף שטולן זעט אויס צו בכבודיק, איז געווען אויסגעזעצט אויף די שטיינערנע טרעפּ, וואָס פירן אַראָפּ אין גאָרטן אַריין. צווישן זיי איז געווען זייער פריילעך. ס'זיינען געווען יונגטלעכע קראַנקע פון ביידע מינים, פון וועלכע האַנס קאַסטאָרפּ האָט ס'רוב געקענט לויט די נעמען אָדער פון זען. דאָ איז געווען הערמינע קלעפעלד, אויך הער אַלבין, וואָס האָט אַרומגעטראָגן אַ גרויס געבלימלט שאַכטל מיט שאָקאָלאַד און האָט אַלע מכבד געווען. ער אַליין האָט נישט געגעסן, נאָר מעשה-מאַנסביל — גערויכערט פּאַפּיראָסן מיט גאָלדענע מונדשטיקן. ס'איז דאָ אויך געווען דער בחור מיט די אַרויסגעזעצטע ליפּן פון „האַלבע לונגען-פאַראיין", פריילין לעווי, אַ דינע, מיט אַ קאָליר פון עלפאַנטביין, ווי אַלעמאָל, אַ אַש-בלאָנדער יונגערמאַן, וועלכן מ'האָט גערופן ראָזומסען און די הענט מיט די שלאַפע געלענקען האָט ער כסדר געהאַלטן ביי דער ברוסט, ווי פלוספעדערן, פרוי סאַלאָמאָן פון אַמסטערדאַם, אַ רויט-אָנגעטאָנענע פרוי, אַ דיקע, וואָס האָט זיך אויך געהאַלטן צוזאַמען מיט דער יוגנט. סאַמע הינטער איר איז געזעסן יענער לאַנגער פאַרשוין מיט די שיטערע האָר, וואָס האָט געשפילט דעם חלום פון אַ „זומער-נאַכט". ער האָט אַרומגענומען מיט די הענט זיינע שפּיציקע קניען און כסדר זיך איינגעקוקט מיט זיינע טריבע אויגן אין איר ברוינלעכן קאַרק. ס'איז דאָרטן געווען אַ רויט-האָריק מיידל פון גריכנלאַנד, נאָך אַן אַנדערע, אומבאַקאַנט פונוואַנען, מיט אַ פּנים פון אַ טאַפּיר*, דער זולל-וסובאדיקער בחור מיט די דיקע ברילן-גלעזער, נאָך אַ בחורל פון אַ יאָר פופצן אָדער זעכצן, וואָס האָט אַיינגעקוועטשט אַ מאָנאָקל מיט דער ברעם און וויפל מאָל ער האָט אַ הוסט געטאָן, האָט ער צוגעלייגט צום מויל דעם לאַנגן נאָגל פון זיין קליינעם פינגער, אַ נאָגל, וואָס איז ענלעך געווען צו אַ זאַלץ-

* אַ מין וואלד-חיה, ענלעך צו אַ נאָזהאָרן.

גרין געוואָרן, ווייל דער פריש־אָנגעפאַלענער שניי איז נאָך גיכער צעשמאָלצן געוואָרן.

מ'האָט בולט געזען, אַז יעדער איינער פלייסט זיך צו האַלטן בכבוד דעם זונטאָגדיקן טאָג און אים אויסצוטיילן. די דאָזיקע נייגונג האָבן אַרויסגעוויזן סיי די פאַרוואַלטונג, סיי די געסט. באַלד ביי דער פרימאָרגן־טיי האָט מען דערלאַנגט קוכן, באַשיט מיט צוקער, ביי יעדנס אָרט אויפן טיש איז געשטאַנען אַ גלעזל מיט אַ פּאָר בלומען, ווילדע בערג־פיאָלקעס און אַפילו אַלפּן־רויזן, וועלכע די מענער האָבן אַריינגעשטעקט אין די לעכלעך פון די לאַצן (דער פּראָקוראָר פּאַראַוואַנט פון דאָרטמונד האָט אַפילו אָנגעטאָן אַ שוואַרצן זשאַקעט מיט אַ געפינטלטער וועסט). די דאַמען־טואַלעטן האָבן אויף זיך געטראָגן דעם חותם פון יום־טובדיקער שמעקעדיקייט. פרוי שאָשאַ איז אַריינגעקומען צום פרישטיק אין אַ לייזער מאַטינקע מיט שפּיצן און מיט אָפענע אַרבל. בשעת די גלעזערנע טיר איז צוגעפאַלן מיט אַ קנאַק, האָט זי זיך ערשט אומגעדרייט צום עולם און זיך אַזוי צו זאָגן באַוויזן מיטן גאַנצן חן. ערשט דערנאָך איז זי פאַמעלעך צוגעקראָכן צום טיש. דאָס אַליין האָט איר אַזוי געפּאַסט, אַז האַנס קאַסטאָרפּס שכנה, די לערערין פון קעניגסבערג, איז געוואָרן אינגאַנצן באַגייסטערט. אַפילו דאָס באַרבאַרישע פּאָרפאָלק פון שלעכטן רוסן־טיש האָט געדענקט אין הייליקן טאָג. דער מאַן האָט פאַרטוישט זיין לעדערנע קורטקע אויף אַ מין קורצער מאַרינאַרקע און אָנשטאָט פילצענע שטיוול אָנגעטאָן לעדערנע שיך. זי האָט נאָך אַליין געטראָגן איר נישט ריינעם פעדער־באָאַ, אָבער דערצו אַ גרין־זיידענע בלוזע מיט אַ האַלדז־קרייז... ווען האַנס קאַסטאָרפּ האָט זיי ביידע דערזען, האָט ער פאַרצויגן די ברעמען און איז רויט געוואָרן, אַ זאַך, צו וועלכער ער איז דאָ אויפפאַלנדיק געווען גענייגט.

גלייך נאָך דעם צווייטן פרישטיק האָט זיך אויף דער טעראַסע אָנגעהויבן די קור־מוזיק. מ'האָט דאָ גענומען אָנטייל אַלערליי בלעכענע און הילצערנע בלאָז־אינסטרומענטן. זיי האָבן געשפּילט באַלד לעבעדיק און באַלד טרויעריק כמעט ביז מיטאָג. בעתן קאָנצערט האָט מען די ליג־קוראַציע נישט שטרענג אָפּגעהיט. אַ טייל האָבן זיך אַפילו געקוויקט מיט דער מוזיק ליגנדיק אויף די באַלקאָנען. אויך

לאָמאַנס פּנים, רעדט צו איר אַהיינט מיט אַ פּאַריזיסענעם האַלו און דער פּיאַניסט מיט די שיטערע האָר האַלט איר אין איין קוקן אויפן קאַרק.

ס'קומען אָן די דאָקטוירים און מישן זיך אויס מיט די פּאַציענטן. הויפּראַט בערענס אין אַ ווייסן און ד"ר קראָקאָווסקי — אין אַ שוואַרצן קיטל. זיי גייען לענג־אויס דער שורה טישלעך. דער הויפּראַט וואַרפט כמעט אומעטום צו אַ געמיטלעכן וויץ, אַזוי אַז ער לאָזט נאָך זיך איבער פריילעכע פּנימער. דערנאָך גייען זיי אַראָפּ צו דער יוגנט. דער ווייבלעכער טייל נעמט זיך תּיכף צונויף אַרום ד"ר קראָקאָווסקי, ווינגנדיק זיך און וואַרפנדיק קרומע בליקן. דער הויפּראַט ווייזט לכּבוד זונטאָג די מענער אַ קונץ מיט זיינע נעשנורעוועטע שטיוול. ער שטעלט אַוועק זיין ריזיקן פוס אויף אַ העכער טרעפּל, שנורעוועט אויף, נעמט אָן די בענדלעך אויף אַ ספּעציעלן אויסגעלערנטן אופן מיט איין האַנט און, נישט באַנוצנדיק אינגאַנצן די אַנדערע, פאַרשנורעוועט ער צוריק אין ביידע זייטן אַזוי פלינק, אַז אַלע זיינען פאַרוואונדערט און אַ סך פרווון אים נאָכטאָן, אָבער ס'גראָט נישט.

שפּעטער ווייזט זיך אויך סעטעמבריני אויף דער טעראַסע. ער קומט אַרויס פון עס־זאַל, אָנגעשפּאַרט אויף זיין שפּאַציר־שטעקן, אויך היינט, אין זיין האָריקער מאַרינאַרקע און געלבלעכע הויזן. אַ מינע האָט ער אַ פיינע, אַ פאַרשטייענדיקע און קריטישע. ער קוקט זיך אַרום און גייט צו צום טיש פון די קוזינען. אָ, בראַוואָ! — זאָגט ער, און בעט דערלויבעניש זיך צוצוזעצן צו זיי.

— ביר, טיטון און מוזיק — זאָגט ער. — מיר זיינען אין אייער פאָטערלאַנד! איך זע, איר האָט אַ נאַציאָנאַלן חוש, אינזשעניער. איר זענט אין אייער עלעמענט, ס'טוט מיר אַ הנאה. לאָזט מיך נעמען אָנטייל אין דער האַרמאָניע פון אייערע שטימונגען

האַנס קאַסטאָרפּ מאַכט אַן ערנסט פּנים. ער האָט עס געטאָן תּיכף, ווי ר'האָט דערזען דעם איטאַליענער. ער זאָגט:

— איר זענט אָבער צו־שפּעט געקומען צום קאָנצערט, הער סעטעמבריני. ס'ענדיקט זיך מסתּמא באַלד. איר הערט נישט גערן קיין מוזיק?

לעפעלע — אַ געוואַלדיקער טיפּוס, אַפּנים, ס׳זיינען געווען נאָך אַ סך אַנדערע.

אָט דער בחור מיט דעם נאָגל — דער־ציילט שטיל יאָאַכים — איז כּמעט גאָרנישט קראַנק געווען בעת ר׳איז אָנגעקומען. קיין היץ האָט ער נישט געהאַט. בלויז צוליב פּאָרזיכטיקייט האָט אים זיין פאָטער, אַ דאָקטאָר, אַרויפגעשיקט און דער הייפראַט האָט אים באַשטימט בערך אַ דריי חדשים. איצט, נאָך דריי חדשים, האָט ער 37,8 און 38 און ער איז אויף אַן אמת קראַנק. ער לעבט אַזוי אומשכלדיק, אַז ר׳איז ווערט פּעטש.

די קוזינען האָבן אַ טישל פאַר זיך, אַ ביסל אין אַ זייט פון די איבעריקע, ווייל האַנס קאַסטאָרפּ האָט ביים שוואַרצן ביר, וואָס ר׳האָט זיך מיטגענומען פון פרישטיק, געריכערט אַ ציגאַר און טיילמאָל פילט ער אין אים אַ שטיקל טעם. באַרוישט פון ביר און מוזיק, וואָס ווירקט, ווי אַלעמאָל, אַזוי, אַז ער עפנט דאָס מויל און לענט אָן דעם קאָפּ אין אַ זייט — באַטראַכט ער מיט אָנגערייטלטע אויגן דאָס לעבן אָן זאָרגן אויף דאַטשע. אין די אַלע מענטשן קומט אינערלעך פאָר אַ פּראָצעס פון צעפאַלונג, וואָס איז שווער איינצוהאַלטן, און אַז דער רוב פון זיי לעבט אין אַ לייכטן פיבער... פונדעסטוועגן שטערט אים אָט דאָס באַוואוסטזיין לחלוטין נישט, פאַרקערט, עס גיט נאָך צו דעם אַלעמען מער אינטערעסאַנטקייט, אַ געוויסן גייסטיקן רייץ. ביי די טישלעך טרינקט מען פערלדיקע קונסט־לעמאָנאַדע, אויף די אָפענע טרעפּ פאָטאָגראַפירט מען. אַ טייל טוישט זיך מיט פּאָסט־מאַרקעס. דאָס רויט־האָריקע מיידל פון גריכנלאַנד צייכנט דעם הער ראָזמוסען אויף אַ בלאָק, אָבער דערנאָך וויל זי אים נישט ווייזן די צייכענונג, נאָר דרייט זיך אַהין און אַהער, לאַכט מיט אירע ברייטע, ווייט־אָפּגערוקטע ציין און סדויערט לאַנג, ביז ער רייסט ביי איר אַרויס דעם בלאָק. הערמינע קלעפעלד זיצט מיט האַלב־צוגעזשמורעטע אויגן אויף אַ טרעפּל און קלאַפּט צו צום טאַקט פון דער מוזיק מיט אַן איינגעוויקלטער צייטונג. הער אַלבין שפּילעט איר דערווייל צו צו דער בלוזע אַ בוקעטל לאַנקע־בלומען. דער, מיט די אַרויסגעזעצטע ליפּן, זיצט ביי פרוי סאַ־

אויפפלאַמען אונזערע געפילן. ס׳גייט אָבער דערין, מ׳זאָל מאַכן אויפ־פלאַמען דעם שכל! די מוזיק איז, קאָן זיך דאַכטן, די באַוועגונג אַליין, אָבער איך בין זי חושד אין קוויעטיזם. לאָזט מיך שטעלן דעם ענין אויף דער סאַמע שאַרף: איך האָב אַ פּאָליטישע אַנטי־פּאַטיע צו מוזיק.

האַנס קאַסטאָרפּ האָט זיך געמוזט אַ פּאַטש טאָן אין דער קני אַריין און אַ געשריי טאָן פון שטוינונג. עפּעס אַזוינס האָט ער נאָך נישט געהערט זינט ער לעבט.

— פונדעסטוועגן פּרוּווט אַריינטראַכטן! — זאָגט סעטעמבריני מיט אַ שמייכל. — די מוזיק איז ממש נישט אָפּצושאַצן, ווי דאָס גרעסטע מיטל פון באַגייסטערונג, ווי אַ מאַכט, וואָס רייסט אַרויף און פאָרויס, אויב זי טרעפט זיך אָן אויף אַ גייסט, וואָס איז צוגעגרייט צו אירע ווירקונגען. אָבער די ליטעראַטור האָט געמוזט זיין פאַר איר. מוזיק אַליין וועט די וועלט נישט פירן פאָרויס. מוזיק אַליין איז געפערלעך. פאַר אייך פּערזענלעך, אינזשעניער, איז זי אומבאַ־דינגט געפערלעך. איך האָב עס תּיכף דערקאָנט אין אייער פּנים, בעת כ׳בין צוגעגאַנגען.

האַנס קאַסטאָרפּ לאַכט.

— אַך, מיין פּנים דאַרפט איר נישט אָנקוקן, הער סעטעמבריני. איר קאָנט אייך גאָרנישט פאָרשטעלן, ווי די לופט ביי אייך דאָ, אויבן, דערקוטשעט מיר. ס׳קומט מיר אָן צו אַקלימאַטיזירן זיך שווערער, ווי כ׳האָב געמיינט.

— כ׳האָב מורא, אַז איר האָט אַ טעות.

— ניין, פאַרוואָס! דער רוח זאָל עס נעמען, כ׳בין אַזוי מיד און דערהיצט.

— פונדעסטוועגן האַלט איך, אַז מ׳דאַרף זיין דער דירעקציע דאַנק־באַר פאַר די קאָנצערטן — זאָגט יאָאַכים מיושבדיק. — איר באַ־טראַכט דעם ענין פון אַ העכערן שטאַנדפּונקט, הער סעטעמבריני, אַזוי צו זאָגן — ווי אַ שריפטשטעלער. דאָס וויל איך אייך נישט איבערשפּאַרן. אָבער דאָך האַלט איך, אַז מ׳דאַרף זיין דאַנקבאַר פאַרן ביסל מוזיק. איך בין נישט ספּעציעל מוזיקאַליש, און די שטיק, וואָס מ׳שפּילט, זיינען אויך נישט אַזעלכע גרויסאַרטיקע — נישט

— נישט גערן אויך קאָמאַנדאָ — ענטפערט סעטעמברינו. — נישט לויטן וואָכן־קאַלענדאַר. נישט גערן, ווען ס'שמעקט מיט אַפּטייק און ווען מ'טיילט עס מיר צו פון דער העכערער מאַכט צוליב סאַני־טאַרע סיבות. איך היט אָפּ נאָך אַ ביסל מיין פרייהייט, אָדער לפּחות דעם רעשט פרייהייט און מענטשלעכע ווערדע, וואָס ס'בלייבט איבער אונזער־איינעם. ביי אַזעלכע איינאָרדענונגען האָספּיטיר איך, אַקוראַט אַזוי, ווי איר האָספּיטירט בכלל ביי אונז. איך קום אויף אַ פערטל שעה און גיי מיר ווייטער מיין וועג. דאָס גיט מיר די אילוזיע פון אומאָפּהענגיקייט... כ'זאָג נישט, אַז ס'איז מער ווי אַן אילוזיע, אָבער וואָס שאַדט עס, אַבי זי גיט מיר אַ געוויסע באַפרידיקונג. מיט אייער קוזין איז דער ענין אַנדערש. פאַר אים איז עס דינסט. נישט אמת, לייטענאַנט, איר באַטראַכט עס, ווי אַ זאַך, וואָס גע־הער צו מיליטער־דינסט? אָ, איך ווייס, איר קאָנט דאָס פּאָרטל, ווי אַזוי צו בלייבן שטאָלץ אין דער פאַרקנעכטונג. אַ פאַרוויקלט פּאָרטל. נישט יעדער מענטש אין אייראָפּע קאָן דאָס. מוזיק? איר האָט, דאַכט זיך, געפרעגט, צי איך האַלט מיך נישט פאַר קיין ליבהאָבער פון מוזיק? נו, „ליבהאָבער" האָט איר געזאָגט (איינגנטלעך גע־דענקט נישט האַנס קאַסטאָרפּ, ער זאָל זיך האָבן אַזוי אויסגעדריקט), דער אויסדרוק איז נישט פון די ערגסטע, ער האָט אין זיך אַ ניואַנס פון צערטלעכער לייכטזיניקייט. גוט, איך בין מסכים. יאָ, איך בין אַ ליבהאָבער פון מוזיק. דערמיט איז נאָך נישט געזאָגט, אַז איך האָב פאַר איר אַ ספּעציעלן דרך־ארץ, אַ שטייגער ווי כ'האָב דרך־ארץ און ליבע פאַרן וואָרט, דעם טרעגער פון גייסט, דאָס גע־צייג, דאָס אַקעראייזן פון פּראָגרעס... מוזיק... זי איז דאָס האַלב אַרטיקולירטע, דאָס צווייפלהאַפטיקע, דאָס אומפאַראַנטוואָרטלעכע, דאָס אינדיפערענטע. איר וועט אפשר וועלן טענהן, אַז זי קאָן זיין קלאָר אויך. אָבער די נאַטור קאָן אויך זיין קלאָר, אַ טייכל קאָן אויך זיין קלאָר און וואָס קומט אַרויס דערפון? ס'איז נישט די אמתע קלאָרקייט, ס'איז אַ פאַנטאַסטישע, גאָרנישט־זאָגנדיקע אין צו גאָר־נישט פאַרפליכטנדיקע קלאָרקייט, אַ קלאָרקייט אָן קאָנסעקווענצן און געפערלעך בלויז צוליב דעם, ווייל זי באַרויקט... זאָל די מוזיק אָננעמען די מינע פון גרויסהאַרציקייט. גוט. זי קאָן, הייסט עס, מאַכן

מיטן געדאַנק. קודם־כּל צוליב זיין מידקייט, אַחוץ דעם ווערט אָפּגעצויגן זיין אויפמערקזאַמקייט, וואָס ס'טוט זיך אָפּ אונטן ביים יונגוואַרג אויף די טרעפּ. צי האָט ער אַ טעות, אָדער וואָס? דאָס פרייליין מיטן טאַפּיר־פּנים נייט־אָן דעם בחורל מיטן מאָגאָקל אַ קנעפּל אויף די ספּאָרט־הויזן איבער די קני! זי עטעמט דערביי שווער און הייס פון אַסטמאַ. ער, ווידער, הוסט־אונטער און שטיקט צו דעם נאָגל צום מויל! זיי זיינען, אמת, ביידע קראַנק, פונדעסטוועגן וויזט עס, וואָס 'פאַר אַ מאָדנע באַציִונגען ס'הערשן צווישן דעם יונגן עולם דאָ אויבן. די מוזיק שפּילט אַ פּאָלקע...

ה י פּ פּ ע

אַזוי־אַרום האָט זיך אויסגעטיילט דער זונטאָגדיקער טאָג פון אַלע אַנדערע. דער נאָכמיטאָג האָט זיך אויסגעצייכנט דערמיט, וואָס פאַרשיידענע גרופּן געסט האָבן געמאַכט נסיעה'לעך מיט פערד־און־וואָגן. נאָך דער טיי זיינען אַ סך צווייפערדיקע ברישקעס צוגעפאָרן מיט דער סטעזשקע באַרג־אַרויף און זיך אָפּגעשטעלט ביים פּאָרטאַל, כּדי אויפצונעמען זייערע פּאַסאַזשירן, דער עיקר רוסן, ס'הייסט — רוסישע דאַמען.

— רוסן פאָרן אָפּט שפּאַצירן — זאָגט יאָאַכים צו האַנס קאַסטאָרפּן. זיי שטייען ביידע פאַרן פּאָרטאַל און קוקן זיך צו, לשם־פאַרוויילונג, ווי מ'פאָרט אַוועק — זיי וועלן איצט צופאָרן קיין קלאַוואַדעל, אָדער צו דער אָזערע, אָדער צום פליעלאַ־טאָל אָדער גאָר קיין קלאָסטערס — אַהין פאָרט מען אַלעמאָל. מיר קאָנען אויך אַמאָל פאָרן כּל־זמן ביסט דאָ, אויב די האָסט חשק. אָבער דאַכט זיך, אַז ביסט לעת־עתּה גענוג פאַרנומען מיטן אַיינלעבן זיך דאָ און דאַרפסט נישט קיין נייע אונטערנעמונגען.

האַנס קאַסטאָרפּ איז מסכּים. אין מויל שטעקט ביי אים אַ ציגאַר און די הענט האַלט ער אין קעשענע. אַזוי־אַרום שטייט ער און קוקט זיך צו, ווי די קליינע, פריילעכע אַלטע רוסישע דאַמע מיט איר דאַרער קרובה און נאָך צוויי דאַמען זיצן אין אַ וואָגן. עס

קיין קלאַסישע, נישט קיין מאָדערנע, אַזוי זיך בלעך־מוזיק: פונדעסטוועגן איז דאָס אַ דערפרייענדיקע אָפּפרישונג. עס פילט אויס עטלעכע שעה, גאַנץ פיין, כ'מיין: די מוזיק צעטיילט די שעהן און דערנאָך פילט זי זיי איינציקווייז אויס, אַזוי אַז ס'איז פאָרט עפּעס. געוויינלעך לויפן דאָ די טעג און די וואָכן, אַז מ'קלאַפּט זיך שיר נישט קאָפּ אין דער וואַנט... זעט איר, אַזאַ קאָנצערט־נומער אָן פּרעטענזיעס געדויערט אפשר זיבן מינוט, נישט אמת? פונדעסטוועגן איז עס עפּעס, ס'האָט אַן אָנהייב און אַ סוף, די פּאָר מינוט טיילן זיך אויס, זיינען אין אַ געוויסער מאָס געבליבן און נישט אַוועק מיט גאָרנישט אין דער אַלגעמיינער מאָנאָטאָניע. איבעריגנס זיינען זיי אַליין אויך איינגעטיילט געוואָרן דורך די פיגורן פון שטיק, די פיגורן דורך די טאַקטן, אַזוי, אַז עפּעס טוט זיך פאָרט און יעדע רגע קריגט אַ געוויסן זין, אין וועלכן מ'קאָן זיך אָנכאַפּן. בשעת אַזוי... כ'ווייס נישט צי כ'האָב מיך ריכטיק...

— בראַוואָ! — רופט אויס סעטעמברינו. — בראַוואָ, לייטענאַנט! איר באַצייכנט זייער גוט אַז אָנספּקדיקן עטישן מאָמענט אינם מהות פון מוזיק, ס'הייסט דאָס, וואָס אַדאַנק איר אייגנטימלעך־לעבעדיקער געמאָסטנקייט גיט זי צו דעם אָפּלויף פון צייט וואַכקייט, גייסט און ווערט. די מוזיק וועקט די צייט, זי וועקט אונדז צום פיינסטן געניסן די צייט, זי וועקט.... אויף אַזוויפל איז זי עטיש. די קונסט איז אויף אַזוויפל עטיש, אויף וויפל זי וועקט. אָבער ווי איז דער דין, אויב זי טוט דעם היפוך? ווען זי באַטויבט, שלעפערט איין, ווירקט קעגן אַקטיווקייט און פּראָגרעס? די מוזיק קאָן דאָס אויך, זי קאָן זיך גאַנץ גוט אויך אויף נאַרקאָטישע ווירקונגען. אַ טייוואָלישע ווירקונג, מיינע הערן! יעדער נאַרקאָטיק איז פון טייוול, ווייל ער ברענגט מיט זיך טעמפּקייט, אָפּגעשטאַנענקייט, אומטעטיקייט, קנעכטישן שטילשטאַנד... אין דער מוזיק איז פאַראַן עפּעס, וואָס רופט אַרויס אַ חשד. איך האַלט מיך דערביי, אַז זי איז אַ צווייַדייטיקע זאַך. איך דערגיי נישט צו־ווייט, ווען איך דערקלער זי פאַר פּאָליטיש פאַרדעכטיק.

ער רעדט נאָך ווייטער אויף דער דאָזיקער טעמע. האַנס קאַסטאָרפּ הערט זיך צו, אָבער ער איז נישט בכוח אים נאָכצוגיין,

זיך קיין שום אויסערגעוויינלעכס, סיידן אפשר די מאָלצייטן, וואָס האָבן, וואָס אמת, נישט געקאָנט זיין רייכער, ווי שטענדיק, דערפאַר אָבער — זיינען די מאַכלים געווען פיינערע (צום מיטאָג האָט מען געגעבן „שאָ פרואַ“ פון הינערנס, מיט ראַקעס און פאַרפּוצט מיט אַיינגעלייגטע קירשן. צום געפרוירנס איז צוגעגאַנגען פאַטיסעריע אין קיישעלעך, געפלאָכטן פון צוקער, דערצו אויך פרישע אַנאַנאַסן). אינאָוונט, נאָכדעם ווי ער האָט אויסגעטרונקען זיין ביר, האָט זיך האַנס קאַסטאָרפּ דערפילט נאָך מער פאַרמאַטערט, שווינדלדיק און שווערער, ווי ביז איצט. אַרום ניין אַ זייגער האָט ער זיין קוזין געזאָגט אַ גוטע נאַכט, האָט זיך צוגעדעקט אינדערגיך מיט דער איבערבעט ביז דער נאָז און איז איינגעשלאָפן, ווי אַ דערהרגעטער.

אָבער באַלד דער מאָרגנדיקער טאָג, דער ערשטער מאָנטאָג, הייסט עס, פונם האָספּיטאַנט דאָ אויבן, ברענגט מיט זיך ווידער אין סדר פון טאָג אַן אָפּבייט, וואָס געשעט רעגלמעסיק. ס'איז איינער פון ד״ר קראָקאָווסקיס רעפעראַטן, וועלכע ער האַלט יעדע פערצן טעג פאַר דעם פובליקום פון „בערגהאָף“, ס'הייסט — פאַר די פּוליעריקע, וואָס פאַרשטייען דייטש און זיינען נישט מסוכן קראַנק. ס'האַנדלט זיך, ווי האַנס קאַסטאָרפּ האָט געהערט פון קוזין, וועגן אַ ריי לעקציעס, וואָס האָבן אַ שייכות איינע צו די אַנדערע, ס'איז אַ מין פּאָפּולער-וויסנשאַפטלעכער קורס מיטן גענעראַל-טיטל: „די ליבע ווי אַ קראַנקהייט-בילדנדיקע מאַכט“. דער באַלערנדיקער רעפעראַט קומט פאָר נאָכן צווייטן פרישטיק און ס'איז נישט דערלאָזבאַר, מ'קוקט אַלנפאַלס זייער קרום, עמעץ זאָל זיך אַרויסדרייען דערפון, — זאָגט יאָאַכים. דערפאַר האַלט מען עס טאַקע פאַר אַ געוואַלדיקע חוצפה מצד סעטעמברינען, וואָס, כאָטש ער קאָן אַ סך מער דייטש פון אַלע, פונדעסטוועגן קומט ער קיינמאָל נישט אויף די רעפעראַטן און דריקט זיך נאָך דערצו אויס וועגן זיי מיטן גרעסטן ביטול. וואָס ס'איז נוגע האַנס קאַסטאָרפּן, האָט ער זיך תיכף אַנטשלאָסן אָנטיילצונעמען סיי צוליב העפלעכקייט, סיי צוליב נייגעריקייט, פון וועלכער ער האָט נישט געפרוווט מאַכן קיין סוד. אָבער פאַר דעם, האָט ער אָפּגעטאָן לחלוטין אַ קרומע און נישט-געוויינלעכע זאַך: ס'איז אים איינגעפאַלן צו מאַכן אַ לאַנגן שפּאַציר אויף אייגענער

זײַנען מאַרושיאַ און מאַדאַם שאָשאַ. די לעצטע איז אָנגעטאָן אין אַ דינעם שטויב־מאַנטל, מיט אַ פֿעטל פֿון הינטן, אָבער אָן אַ הוט. זי זעצט זיך לעבן דער אַלטער אויף דעם הינטערשטן געזעס, די יונגע מיידלעך זיצן קעגנאיבער. אַלע פֿיר זײַנען לוסטיק און האַלטן אין איין מאַכן מיטן מויל און ריידן אויף זייער ווייכער, ווי אָנגעבײַנערדיקער שפּראַך. זיי ריידן און לאַכן פֿון דעם וואָגן־פֿלעד, מיט וועלכן זיי קאָנען זיך קוים אײַנטיילן, פֿון די רוסישע קאָנפֿעקטן, וועלכע ליגן אין אַ הילצערן קעסטל, אײַנגעפּאַקט אין וואַטע און פּאַפּירענע שפּיצן. דאָס האָט די אַלטע מיטגענומען אויפֿן וועג, פֿונדעסטוועגן איז זי שוין מכבד מיט זיי... האַנס קאַסטאָרפּ דערקאָנט ספּעציעל דער פֿרוי שאָשאַס צעגעדושעט קול. ווי אַלעמאָל, בעת ער דערזעט די אָפּגעלאָזענע פֿרוי, ווערט אויך איצט פֿאַרשטאַרקט אין אים יענע ענלעכקייט, וועלכע ער האָט אַ ווײַלע געזוכט און וועלכע איז אים קלאָר געוואָרן אין חלום... מאַרושיאַס לאַכן, אירע קײַלעכיקע, ברוינע אויגן, וואָס קוקן קינדיש אַוועק איבערן טיכל, מיט וועלכן זי דעקט צו דאָס מויל, אויך איר הויכע ברוסט, וואָס איז אינעווייניק גאַנץ היפּש קראַנק, — דאָס אַלץ דערמאָנט אים אין עפּעס אַנדערש, אין עפּעס אַ שוידערלעכער זאַך, וועלכע ער האָט לעצטנס געזען. ער גיט אַ קוק אויף יאָאַכימען זײַטיק, פֿאָרזיכטיק, נישט אויסדרייענדיק דעם קאָפּ. געלויבט איז גאָט, אַזעלכע פֿלעקן, ווי דעמאָלט, האָט איצט יאָאַכים אין פּנים נישט, אויך זײַנע ליפּן זײַנען איצט נישט אַזוי נעבעכדיק פֿאַרקרימט. אָבער ער קוקט אויף מאַרושיען — אויף אַזאַ אופֿן און מיט אַזאַ אויסדרוק אין די אויגן, וואָס מ׳קאָן בשום־אופֿן נישט אָנרופֿן מיליטעריש. זיי זעען אויס אַזוי מרה־שחורהדיק און פֿאַרגאַפֿט, אַז מ׳מוז זיי אָנרופֿן בפֿירוש ציוויליסטיש. שפּעטער גיט ער זיך אַפֿילו אַ גלייך אויס און גיט אינדערגיך אַ קוק אויף האַנס קאַסטאָרפּן, אַזוי אַז יענער באַווײַזט קוים פֿון אים אָפּצווענדן דעם בליק און אַ קוק צו טאָן ערגעץ אין דער לופֿט. ער פֿילט, ווי זײַן האַרץ קלאַפּט הערבײַ, אָן שום סיבה און אויף אייגענער אַחריות, ווי עס געשעט מיט אים דאָ אויבן.

די רעשט פֿון זונטאָגדיקן טאָג האָט נישט געברענגט מיט

פריי און זיך פּעסט אַ ריר טאָן, מ'זאָל כאָטש אינאָווינט וויסן פאַרוואָס מ'איז מיד. נאָך פרישטיק האָט ער זיך געזעגנט וואָיליונגעריש מיט יאָאַכימען און בעת יענער איז אַוועק אויף דעם שטענדיקן אָפּגעמאָסטענעם שפּאַציר צו דער באַנק ביים וואַסערל, האָט האַנס קאַסטאָרפּ, פאָכנדיק מיטן שטעקן, אַוועקמאַרשירט מיטן שאָסיי אויף זיין אייגענעם וועג.

ס'איז געווען אַ קילער, פאַרוואָלקנטער פרימאָרגן — אַרום האַלב ניין אַ זייגער. האַנס קאַסטאָרפּ האָט, ווי ער האָט זיך פאָרגענומען, טיף אַריינגעאָטעמט די ריינע אינדערפריִקע לופט, אָט־די פרישע און לייכטע אַטמאָספערע, וואָס אָטעמט זיך איין לייכט, האָט נישט קיין ריח פון פייכטקייט, האָט נישט אין זיך קיין שום אינהאַלט, לאָזט נישט איבער קיין רושם... ער גייט אַריבער דעם וואַסערפאַל און די שמאָלע שינעס, דערגייט צו דער נישט גלייך־באַבויטער גאַס, דרייט זיך באַלד פון איר אַוועק אויף אַ סטעזשקע צווישן לאָנקעס, אַ שטעגל, וואָס לויפט בלויז אַ שטיק מיטן גלייכן וועג און באַלד דערנאָך נעמט עס פירן קרומלעך און גאַנץ שאַרף אויף אַ שיפּוע רעכטס. דאָס שטייגן אַרויף דערפרייט האַנס קאַסטאָרפּן, זיין ברוסט ווערט ברייטער, ער רוקט אַרויף מיטן הענטל פון שטעקן זיין היטל. פון אַ געוויסער הייך קוקט ער זיך אום, דערזעט פונדערווייטנס דעם שפּיגל פון דער אָזערע, וועלכע ר'איז אַדורכגעפאָרן אַהינצוועגס, און הייבט אָן זינגען.

ער זינגט דאָס, וואָס קומט אים אין מויל אַריין, אַלערליי פאָלקסטימלעך־סענטימענטאַלע לידער, וואָס זיינען פאַראַן אין לידערביכער פון סטודענטן און גימנאַזיסטן, צווישן אַנדערע איינס, וואו ס'זיינען פאַראַן אַזעלכע שורות:

לויבט, איר זינגער, ווייַן און ליבע,
דאָך צניעות מער פון אַלעם —

אינאָנהייב זינגט ער שטיל און ברומענדיק, דערנאָך הייבט ער אָן העכער און מיטן גאַנצן כוח. זיין באַריטאָן איז אַ האַרטער, אָבער היינט האָט ער זיך אים אויסגעוויזן שיין און דאָס זינגען האָט אים באַגייסטערט אַלץ מער און מער. ער נעמט אַפילו טיילמאָל צו־הויך

אַחריות, און דאָס האָט אים געשאַדט, נאָך מער וויפל מ׳וואָלט זיך געקאָנט משער זיין פריער.

— איצט, הער איס! — דאָס זיינען געווען זיינע ערשטע ווער־טער, בעת יאָאַכים איז היינט אינדערפרי אַריינגעקומען צו אים אין צימער אַריין. — כ׳זע, אַז וויטער קאָן עס אַזוי נישט גיין מיט מיר. דער האָריזאָנטאַלער לעבנסשטייגער איז מיר שוין צוגעגעסן געוואָרן. דאָס בלוט ווערט אַיינגעשלאָפן ביי אַזאַ לעבן. מיט דיר איז, פאַרשטייט זיך, דער ענין אַנדערש. דו ביסט אַ פּאַציענט, דיך וויל איך בשום אופן נישט פאַרפירן. אָבער איך וועל נאָכן פרישטיק מאַכן אַן אָרנטלעכן שפּאַציר, אייב ווערסט נישט האָבן פאַראיבל אויף מיר, אַזוי אַן עטלעכע שעה אין דער וועלט אַריין, אויף גאָטס באַראָט. איך וועל מיר עפּעס מיטנעמען אין קעשענע אויף פרישטיק, בין איך אַ פרייער מענטש. ווע׳מיר זען, צי כ׳וועל נישט זיין גאָר אַן אַנדער מענטש, ווען כ׳וועל אַהיימקומען.

— מילא, גוט — זאָגט יאָאַכים, זעענדיק, אַז יענער האָט באמת חשק און בדעה עס צו טאָן. — אָבער כאַפּ נישט איבער די מאָס, דאָס איז מיין עצה. דאָ איז נישט ווי אין דער היים. קום אויך פּינקטלעך צוריק צום רעפעראַט.

פאַקטיש זיינען געווען נאָך אַנדערע סיבות, אויסער קער־פּערלעכע, וואָס האָבן דערוועקט אין יונגן האַנס קאַסטאָרפּ אָט־דעם באַשלוס. ער האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז סיי אין זיין הייסן קאָפּ, סיי אין דעם שלעכטן טעם, וואָס ער שפּירט אָממייסטנס אין מויל, סיי אין דעם הפקרדיקן קלאַפּן פון זיין האַרץ זיינען נישט אַזוי וויט שולדיק די שוועריקייטן ביים אַקלימאַטיזירן זיך, ווי, אַ שטייגער, די מעשים פון רוסישן פּאָרפּאָלק, די רייד פון דער קראַנקער און נאַרישער פרוי שטער ביים טיש, דער ווייכער הוסט פונם אַריסטאָ־קראַט, וועלכן ער הערט טאָג־טעגלעך אין קאָרידאָר, הער אַלבינס טענות, די איינדריקן, וואָס ס׳האָבן אויף אים געמאַכט די באַצי־ונגען צווישן דער יוגנט, יאָאַכימס אויסדרוק, בעת ער באַטראַכט מאַ־רושיען און נאָך אַ סך ענלעכע זאַכן, מיט וועלכע מ׳זעט זיך דאָ אָן. ער האָט אַ טראַכט געטאָן, אַז ס׳איז גוט איינמאָל זיך אַרויס־צוכאַפּן פונם גבול פון „בערגהאָף“, טיף אָפּצואָטעמען אין דער

האַק אויפֿן צווייטן אַקסל און נעמט שפרייזן נישט אויפֿן וועג, נאָר אויף קנאַקנדיקע צווייגן, צווישן די סאָסנעס אַראָפ אין טאָל אַריין. ס'האָט אַזוי מאָדנע אָפגעקלונגען אין דער איינזאַמקייט אָט־דער „בלייב געזונט און אַ דאַנק". האַנס קאַסטאָרפ איז געווען דורכגענומען פֿון זינגען און שטייגן אַרויף און די ווערטער האָבן אויף אים אַ ווייע געטאָן, ווי אין חלום. ער זאָגט עס שטילערהייט איבער און באַמיט זיך נאָכצומאַכן דעם גומענדיקן און פֿייערלעך־אומבאַהאָלפֿענעם דיאַלעקט פֿון די בערג־לייט. דערנאָך איז ער נאָך אַרויף אַ שטיק איבער דעם הייזל. ער וויל אַזוי־אַרום דערגרייכן צו דער ביימער־גרענעץ. באַלד גיט ער אָבער אַ קוק אויפֿן זייגער און זאָגט זיך אָפ פֿון דעם פלאַן.

ער גייט לינקס, צום שטעטל צו, מיט אַ שטעג, וואָס גייט גלייך און דערנאָך — באַרג־אַראָפ. ער פֿאַלט אַריין אין אַ וואַלד מיט הויכע נאָדל־ביימער. גייענדיק דורך אים, הייבט ער אַפֿילו ווידער אָן אַ ביסל צו אונטערזינגען, אָבער שוין פֿאָרזיכטיקער. זיינע קניען ציטערן ביים אַראָפגיין נאָך משונהדיקער, ווי ביים גיין באַרג־אַרויף. באַלד אָבער קומט ער אַרויס פֿון צווישן די ביימער און בלייבט שטיין פֿאַר אַ פרעכטיק בילד, וואָס עפֿנט זיך אויף פֿאַר אים: אַ אינטים־געשלאָסענע לאַנדשאַפֿט, אַ בילד, וואָס זעט אויס אי פֿרידלעך, אי פרעכטיק.

רעכטס, אויפֿן שיפוע גייט אַ וואַסער אין דער פלאַכער, שטייניקער קאָריטע, גיסט זיך שוימענדיק איבער טעראַסע־פֿאָרמיקע שטיינער און פֿליסט דערנאָך רויִקער צום טאָל צו. ווייטער איבער דעם ליגט מאָלעריש אַ בריקל מיט אַ פשוט הילצערנער באַריערע. דער גרונט איז בלוי פֿון גלעקלעך, אַ שטענגלאַרטיקע פלאַנץ וואָס שפראָצט דאָ אומעטום. כבֿודיקע סאָסנעס, ריזיקע און פֿון איין וואוקס, שטייען איינצלנע און אין גרופעס סיי אויפֿן גרונט פֿון דורכברוך, סיי אויף די שיפועים. איינע איז אַפֿילו געשטאַנען איבערגעבויגן איבער דעם טייך, פֿאַרוואָרצלט אין שיפוע און האָט זיך קרום און משונהדיק איינגעשניטן אין דער לאַנדשאַפֿט. אַ רויִקע אָפגעזונדערטקייט האָט זיך געטראָגן איבער דעם שיינעם, איינזאַ־

און פאַלט אַריין אין אַ פאַלסעט, אָבער אויך דאָס זעט אים אויס שיין. דאָרט, וואו די ווערטער זיינען אים אַרויס פון זיכּרון, גיט ער צו פון זיך וואָס פאַר אַ ס'איז אומזיניקע זילבן און ווערטער, וועלכע ער לאָזט אַרויס מיט אַן אויסגעשפּיצט מויל, מעשה־קונסט־זינגער און מיט אַ גומענדיקער „ר". צום סוף דערגייט ער דערצו, אַז ער טראַכט אויס סיי דעם טעקסט, סיי די טענער און מאַכט נאָך דערביי העוויות מיט די הענט, ווי אַן אָפּערע־זינגער. אָבער ס'איז אַ גרויסע אָנשטרענגונג צו שטייגן אַרויף און צו זינגען צוזאַמען. צוליב דעם פעלט אים אויס אָטעם און ער ווערט קירצער. בלויז צוליב אידעאַליזם, צוליב דער שיינקייט פון געזאַנג איז ער זיך גובר און זינגט־אויס דאָס זייניקע, זיפצנדיק און מיט די לעצטע כּוחות. צום סוף פאַלט ער אַוועק אונטער אַ דיקער פאָסנע כּמעט אָן אָטעם, פאַר די אויגן איז אים פינסטער און ס'ציטערן בלויז קאָלירטע פייערלעך. דער דופק זעצט שטאַרק. נאָך דער גאַנצער דערהויבנקייט פאַלט ער פלוצלונג אַריין אין אַ טיפן אומעט און ער דערגייט צו אַ קאַצניאָמער, וואָס גרענעצט זיך מיט פאַרצווייפלונג.

ווען ר'איז סוף־כּל־סוף אויפגעשטאַנען מיט אַ ביסל אויסגערוטע נערוון און זיך געלאָזט גיין ווייטער, האָט זיין נאַקן דערביי אַזוי שטאַרק געציטערט, אַז דער קאָפּ האָט זיך ביי אים, ווי יונג ער איז, געטרייסלט פונקט אַזוי, ווי אַמאָל ביים אַלטן האַנס לאָרענץ קאַסטאָרפּ. ער האָט זיך טאַקע צוליב דעם מיט ליבשאַפט דערמאָנט אין זיין געשטאָרבענעם זיידן. ער האָט זיך לחלוטין נישט אָפּגעשראָקן דערפון און אַפילו געפּרוווט נאָכמאַכן, ווי דער זיידע פלעגט בכּבודיק אָנלענען זיין גאָמבע, כּדי איינצוהאַלטן דאָס ציטערן פון קאָפּ. יונגלווייז איז עס אים אַזוי געפעלן!

ער שטייגט נאָך העכער, אויף געשלענגלטע סטעזשקעס. עס ציען אים צו די גלעקלעך פון קי און צום סוף געפינט ער אויך די סטאַדע. זי פּאַשעט זיך לעבן אַ הילצערן הייזל, וואו דער דאַך איז באַלייגט מיט שטיינער. צוויי בערדיקע מאַנסלייט קומען אים אַנטקעגן, מיט העק אויף די אַקסלען. צוקומענדיק נאָענט, צעשיידן זיי זיך. — נו, פאַרבלייב געזונט און אַדאַנק — זאָגט איינער צום אַנדערן מיט אַ טיף, גומענדיקן קול. דערנאָך לייגט ער איבער די

וואָס איז — ביי דער גאַנצער פשוטקייט אירער — ריזיקאַליש און פאַרפאַרשיכורדיק.

ער איז אַלט דרייצן יאָר, אַ שילער פון פערטן קלאַס, אַ יינגל אין קורצע הויזן. ער שטייט אויפן הויף פון דער שול און שמועסט מיט אַ כּחורל, בערך אין זיינע יאָרן, נאָר פון אַן אַנדערן קלאַס. ס׳איז געווען אַ שמועס, אויף וועלכן האַנס קאַסטאָרפּ האָט במזיד אַרויפגעפירט. כאָטש דער דאָזיקער שמועס האָט, צוליב דער זאַכלעכקייט און קנאַפּקייט פון דער טעמע, נישט געקאָנט לאַנג געדויערן, האָט ער אים פונדעסטוועגן דערפרייט צו דער סאַמע העכסטער מדרגה. ס׳איז געווען די פּויזע צווישן דער פאָרלעצטער און לעצטער לעקציע, פאַר האַנס קאַסטאָרפּס קלאַס — לעקציעס פון געשיכטע און צייכענונג. דער הויף איז אויסגעפלאַסטערט מיט רויטע האָלענדישע ציגעלעך און איז אָפּגעצוימט פון דער גאַס מיט אַ מויער, וואָס האָט צוויי אַריינגאַנגען און איז באַדעקט מיט שינדלען. שילערס דרייען זיך דאָרטן אַרום שורותווייז אַהין און צוריק, שטייען אין רעדלעך, לענען זיך אָן האַלב־זיצנדיק אין די גלאַזירטע שטיקלעך מויער, וואָס שטאַרן אַרויס. ס׳איז אַ געמיש פון קולות. אַ לערער אין אַ ברייטן קאַפּעלוש גיט אַכטונג און עסט דערביי אַ זעמל מיט שינקע.

דאָס יינגל, מיט וועלכן האַנס קאַסטאָרפּ רעדט, הייסט היפּפּע און זיין פאָרנאָמען איז — פּריבּיסלאַוו. דאָס אינטערעסאַנטסטע דערביי איז, וואָס די „ר“ פון פאָרנאָמען רעדט זיך אַרויס, ווי אַ „זש“: ער הייסט: פּזשיבּיסלאַוו. דער דאָזיקער משונהדיקער נאָמען פּאַסט גאָר נישקשה צו זיין צורה, וואָס איז נישט אינגאַנצן דורכשניטלעך און האָט אין זיך באַשטימט עפּעס פרעמדס. היפּפּע, דער זון פון אַ היסטאָריקער, אַ גימנאַזיע־פּראָפעסאָר, אַ נאָטאָרישער מוסטער־שילער, וואָס איז דערינבער מיט אַ קלאַס העכער פון האַנס קאַסטאָרפּ, כאָטש ר׳איז כמעט נישט עלטער. ער שטאַמט פון דער פּראָווינץ מעקלענבורג און זיין פּערזאָן זאָגט עדות, אַז ר׳איז אַ פּראָדוקט פון אַן אַלטער ראַסן־מישונג, אַ צומיש פון ווענדיש־סלאַוויש בלוט צו גערמאַניש, אָדער — אפשר פאַרקערט. ער איז אַפילו געווען אַ בלאָנדער. זיינע האָר זיינען געווען קורץ אָפּגעשוירן איבערן קיילעכיקן שאַרבן.

מיטן אָרט. פון יענער זייט טייך באַמערקט האַנס קאַסטאָרפּ אַ באַנק אויף אָפּצורוען זיך.

ער גייט דורך דאָס בריקל און זעצט זיך צו, כדי זיך צוצוקוקן צום וואַסערפאַל, צו דער לויפנדיקער שוים, זיך צוצוהערן צו די אידיליש-שאַרכנדיקע, איינטאָניקע און דאָך פאַרשידענע גערוישן. ווייל דעם רויש פון וואַסער האָט האַנס קאַסטאָרפּ ליב אַקוראַט, ווי מוזיק, אפשר אַפילו נאָך מער. אָבער תיכף, ווי ר'האָט זיך אַוועקגעזעצט במנוחה, האָט זיך אים אַ לאָז געטאָן דאָס בלוט פון דער נאָז אַזוי פלוצלונג, אַז ר'האָט אַפילו נישט באַוויזן פאַרשטעלן זיין אָנצוג. דאָס בלוט איז געלאָפן האַסטיק, עקשנותדיק און ער האָט אַ האַלבע שעה געמוזט לויפן אַהין-און-צוריק צווישן טייך און דער באַנק, געהאַלטן אין איין שווענקען זיין טיכל, אָנגענומען נאָזלעכער מיט וואַסער און זיך יעדעס מאָל פינסטער אויסגעצויגן גלייך אויף דער באַנק מיטן נאַסן טיכל אויף דער נאָז. אַזוי איז ער געבליבן ליגן, ביז דאָס בלוט איז איינגעשטילט געוואָרן. ער איז געלעגן אַ שטילער, די הענט פאַרלייגט הינטערן קאָפּ, מיט די קניען אינדערהייך. די אויגן האָט ער געהאַלטן צו, די אויערן זיינען פול געווען מיט רויש. ס'איז נישט געווען קיין חלשות, נייער איז ער געווען מילד-אָפּגעשוואַכט פון שפאָרן בלוט-אָפּלויף און האָט זיך געפונען אין אַ מצב פון מאָדנע פאַרמינערטער לעבנס-טעטיקייט. ווען ר'האָט אויסגעאָטעמט, האָט ער נישט געשפירט די באַדערפעניש צוריק אַריינצונעמען אין זיך נייע לופט, נאָר האָט, אַ אויסגעהוילטער, געלאָזט זיין האַרץ אַזוי לאַנג קלאַפּן, ביז ער האָט סוף-כל-סוף פייל ווידער אייבערפלאַכלעך אַן אָטעם געטאָן.

פלוצלונג איז ער אַריינגעפאַלן אין אַן אַמאָליקן לעבנס-מצב, וואָס איז געווען דאָס אור-בילד פון אַ חלום, וועלכער איז געקנעטן לויט די לעצטע איינדרוקן און וועלכער האָט זיך אים געחלומט ערשט מיט עטלעכע נעכט צוריק.... ער איז אַזוי שטאַרק, אַזוי אינגאַנצן, אַזוי איבער צייט און רוים אַריבער אין דעם „דאָרט“ און „דעמאָלט“, אַז מ'וואָלט געקאָנט זאָגן: דאָ איבן ביים טייכל אויף דער באַנק ליגט אַ טויטער קערפער; דער אמתער האַנס קאַסטאָרפּ איז ערגעץ אין אַן אַמאָליקער צייט און סביבה, אין אַ לאַגע,

זיי געדאַרפט אָנרופן. וועגן פריינדשאַפט האָט דאָ לחלוטין נישט געקאָנט זיין קיין רייד; ער האָט היפּפּען גאָרנישט „געקענט". אָבער קודם־כל איז אים קיינמאָל נישט אויסגעקומען אויסצוזוכן אַ נאָמען דערפאַר. ס'האָט גאָרנישט געקאָנט קומען אויפן רעיון אָט־דאָס צו ברענגען פאַרן מויל. דערצו האָט ער נישט געטויגט און אַפילו עס נישט פאַרלאַנגט. צווייטנס, איז דער מהות פון אַ נאָמען — אויב נישט קריטיק — על־כל־פנים: באַשטימונג, דאָס הייסט, אים געבן אַן אָרט צווישן די באַקאַנטע און קלאָר־געוואָרענע באַגריפן. אָבער האַנס קאַסטאָרפּ איז געווען אומבאַוואוסטזיניק דורכגעדרונגען מיט דער איבערצייגונג, אַז יעדעס אינעווייניקסטע פאַרמעג טאָר קיינמאָל נישט ווערן — נישט קלאָר און נישט באַשטימט.

גוט מאָטיווירט, אָדער שלעכט, — אַ פאַקט איז, אַז די געפילן זיינע, וועלכע זיינען אַזוי ווייט פון יעדן נאָמען און אויסדרוק, האָבן אין זיך געהאַט אַזאַ לעבנס־כוח, אַז האַנס קאַסטאָרפּ האָט זיך שוין מיט זיי שטילערהייט אַרומגעטראָגן אַ יאָר צייט (בערך אַ יאָר, ווייל אויסצוגעפינען גענוי, ווען אָט־די געפילן האָבן זיך אָנגעהויבן, איז אוממעגלעך געווען). דאָס האָט על־כל־פנים באַוויזן, וואָס פאַר אַן אויסגעהאַלטענעם און פעסטן כאַראַקטער ער האָט, אויב מ'געדענקט, וואָס פאַר אַ גרויסע מאָסע צייט אַ יאָר איז אין אָט־דעם עלטער. ליידער באַהאַלט זיך שטענדיק הינטער יעדער באַצייכענונג פון כאַראַקטער אַ מאָראַלישער אורטייל, לשבח צי לגנאַי. אין אמתן האָבן זיי תמיד זייערע צוויי זייטן. האַנס קאַסטאָרפּס „טרייקייט", מיט וועלכער ער האָט זיך, אַגב, גאָרנישט איבערגענומען, האָט זיך געשטיצט — אויב מען וועט נישט וועלן אָפּשאַצן — אויף אַ געוויסער שווערקייט, פאַמעלעכדיקייט און עקשנותדיקייט פון זיין געמיט. ס'איז געווען ביי אים אַן איינגעבוירענע זאַך, אַז וואָס לענגער געשעענישן און לעבנס־פאַרהעלטענישן געדויערן, זאָלן זיי פאַרדינען אַלץ מער צוגעבונדנקייט און באַשטענדיקייט. ער איז אויך געווען גענייגט צו גלויבן, אַז די לאַגע און דער צושטאַנד, אין וועלכע ער געפינט זיך גראָד איצט, וועלן דויערן אייביק. צוליב דעם האָט ער זיי געקאָנט שעצן און איז

אָבער זיינע אויגן האָבן געהאַט אַ בלייִ־גרויען אָדער גרוי־בלויען קאָליר, ס׳איז געווען אַן אומבאַשטימטער און פאַרשיידנאַרטיקער קאָליר, עפּעס ווי דער קאָליר פון ווייטע בערג. זייער שניט איז געווען אַ מאָדנער, עפּעס אַ שמאָלער און — גענוי גענומען — אַפילו אַ קרומלעכער. באַלד אונטער זיי האָבן אַפּגעשטאַרט די באַקנביינער, שטאַרק בולטע. די דאָזיקע צורה האָט לחלוטין נישט מיאוס געמאַכט אים, נאָר פאַרקערט, אים געמאַכט באַחנטער. פונדעסטוועגן איז עס געווען גענוג, זיינע חברים זאָלן אים צוליב דעם געבן אַ צונאָמען „קירגיז“. אַגב, האָט היפּפּע שוין געטראָגן לאַנגע הויזן און דערצו אַ בלויע קורטקע, אַ פאַרקנעפּלטע ביז אַרויף און אַן אײַנגעצויגענע אַרום דער טאַליע. אויף דעם קאָלנער זיינען אַלעמאָל געלעגן עטלעכע שופּן פון זיין קאָפּ.

איז אָבער די מעשה געווען די, וואָס האַנס קאַסטאָרפּ האָט שוין זינט לאַנג געוואָרפן אַן אויג אויף דעם דאָזיקן פּריבּיסלאַוו. צווישן גאַנצן באַקאַנטן און אומבאַקאַנטן געזינדל פון שול־הויף האָט ער אים אויסגעקליבן, זיך מיט אים אינטערעסירט, אים נאָכגעקוקט. מ׳וואָלט אפשר אַפילו געקאָנט זאָגן — אים באַוווּנדערט?... אַלנפאַלס האָט ער אים באַטראַכט מיט נישט־געוויינלעכן אינטערעס. אויפן וועג אין שול אַריין האָט ער זיך שוין געפרייט צוליב דעם, וואָס ער וועט זיך קאָנען צוקוקן צו אים, ווי ער האָט צו טאָן מיט זיינע חברים, זען אים, ווי ער רעדט און לאַכט און פונדערווייטנס אונטערשיידן זיין קול, וואָס איז אָנגענעם־פאַרלייגט, מאַט און אַ ביסל הייזעריק. ס׳איז גאַנץ מעגלעך, אַז דער דאָזיקער אינטערעס האָט נישט געהאַט קיין שום גענוגנדיקע סיבה, סיידן מ׳זאָל נעמען אין חשבון דעם געצנדינערישן פאַרנאָמען, דעם פאַקט, וואָס ר׳איז געווען אַ מוסטער־שילער (דאָס האָט אָבער בשום־אופן נישט געקענט איבערוועגן), אָדער גאָר קירגיזישע אויגן. די דאָזיקע פלעגן טיילמאָל אַ קוק טאָן זייטיק, אַ קוק — נישט כּדי עפּעס צו דערזען, דערביי פלעגן זיי, צעגאָסענע, ווערן מאָדנע פאַרטונקלט און נאַכטיש־פאַרנעפּלט. האַנס קאַסטאָרפּ האָט, אַלנפאַלס, זיך ווייניק געדאַגהט וועגן דער גייסטיקער באַרעכטיקונג פון זיינע געפילן און אַפילו נישט געטראַכט וועגן דעם, ווי אַזוי מ׳וואָלט

ווידער אַריינגעפאַלן — איז געווען אַ שמועס, ממש אַ שמועס מיט פריביסלאַוו היפּפּע און איז פאָרגעקומען אַזוי: די לעקציע פון צייכענען האָט זיך געזאָלט אָנהייבן. פּליצלונג האָט האַנס קאַסטאָרפּ באַמערקט, אַז ר'האָט נישט בײַ זיך קיין בלייפעדער. די שילער פון זיין קלאַס האָבן אַליין, יעדער איינער, געדאַרפט האָבן די בלייפעדערס. ער האָט, אמת, געהאַט דאָ און דאָרט אַ באַקאַנטן צווישן די שילער פון אַנדערע קלאַסן, בײַ וועמען ער וואָלט געקאָנט באָרגן אַ בלייפעדער. פונדעסטוועגן האָט ער אַריינגעפּינען, אַז אַממ'נסטן באַקאַנט איז אים פריביסלאַוו, אַמנאָענטסטן איז אים געווען יענער, מיט וועלכן ער איז שטילערהייט געווען אַזוי פאַרנומען. אינגאַנצן אַ באַגייסטערטער פון פרייד, האָט ער באַשלאָסן אויסצונוצן די געלעגנהייט — ס'האָט פאַר אים געהייסן אַ געלעגנהייט — און בעטן פריביסלאַוון, ער זאָל אים באָרגן אַ בלייפעדער. דאָס איז אַפילו געווען אַ מאָדנער איינפאַל, ווייל ער האָט היפּפּען נישט געקאָנט. אָבער ר'האָט דערין פאַרגעסן, אָדער ס'איז אים גאָרנישט אָנגעגאַנגען, אַזוי פאַרבלענדט איז ער געווען פון דער מאָדנער הפקרות. אַזוי־אַרום איז ער געשטאַנען אין אײַנגעפּלאַסטערטן הויף צווישן גאַנצן טומל לעבן פריביסלאַוו היפּפּע און געזאָגט צו אים:

— אַנטשולדיק, קאָנסט מיר אפשר באָרגן אַ בלייפעדער?

און פריביסלאַוו האָט אויף אים אַ קוק געטאָן מיט זיינע קירגיזישע אויגן איבער די בולטע באַקנביינער און גערעדט צו אים מיט זיין אָנגענעמער הייזעריקער שטים. ר'איז דערביי נישט געווען פאַרוואונדערט, אָדער על־כל־פנים — האָט ער נישט אַרויסגעוויזן קיין פאַרוואונדערונג.

— אַדרבא — האָט ער געזאָגט. — אָבער זאָלסט זי מיר נאָך דער לעקציע זיכער צוריקגעבן. דערביי האָט ער אַרויסגענומען פון קעשענע זיין „קראַיאָן"*, אַ פאַרזילבערטן קראַיאָן מיט אַ רינגל, וואָס דאַרף ווערן אַרויפגעדרייט, כדי די רויט־לאַקירטע בלייפעדער זאָל אַרויסקומען פונם בלעכל. ער האָט אים איבערגעגעבן.

* בלייפעדער צום צייכענען.

נישט געווען להוט אויף קיין שום פאַרענדערונגען. אַזוי־אַרום האָט ער זיך צוגעוויינט אין האַרצן צו זיינע שטילע און ווייטע באַציִונגען צו היפּפּען און זיי, אין גרונד גענומען, געהאַלטן פאַר אַ בלייבנדיקע זאַך אין זיין לעבן. ער האָט ליב געהאַט די שטימונגען, וועלכע יענער האָט דערוועקט אין אים, די געשפּאַנטקייט, צי ער וועט יענעם באַגעגענען, צי יענער וועט נאָענט פאַרבייגיין לעבן אים, אָדער אפשר אים אָנקוקן. ער האָט ליב געהאַט די שטילע, סובטעלע דערפילונגען, וועלכע זיין סוד האָט געבּרענגט מיט זיך און אַפילו ליב געהאַט די אַנטטוישונגען. דאָס האָט געהערט צו דער זאַך. די גרעסטע אַנטטוישונג איז געווען בשעת פּריביסלאַוו איז נישט געקומען אין שול אַריין: דעמאָלט איז דער שול־הויף געווען וויסט, דער טאָג האָט נישט געהאַט קיין שום טעם, געבליבן איז בלויז די כּסדרדיקע האָפענונג.

אַ יאָר האָט געדויערט, ביז ס'איז דערגאַנגען צו יענעם אַוואַנטוריסטישן קולמינאַציע־פּונקט. דערנאָך האָט עס געדויערט נאָך אַ יאָר אַדאַנק האַנס קאַסטאָרפּס טרייקייט. ערשט דערנאָך האָט עס אויפגעהערט, דערביי האָט ער נישט באַמערקט, ווי די פּעדים, וואָס האָבן אים אַמאָל געקניפּט מיט פּריביסלאַוו היפּפּע, ווערן לויזער און אויפגעבונדן, אַקוראַט, ווי ר'האָט אַמאָל נישט געפילט, ווי אַזוי ער ווערט צוגעבונדן. היפּפּעס פאָטער איז אויך אַריבערגעשיקט געוואָרן אין אַן אַנדער אָרט און פּריביסלאַוו היפּפּע האָט צוזאַמען מיט אים פאַרלאָזט די שול און די שטאָט. אָבער האַנס קאַסטאָרפּ האָט דאָס כמעט נישט באַמערקט. ער האָט אים שוין געהאַט פאַרגעסן פון פריער. מ'קאָן זאָגן, אַז די געשטאַלט פון „קירגיז" האָט זיך אומבאַמערקט אַלץ מער אויסגעשיילט פון דער פאַרנעפּלטקייט, באַקומען אַלץ מער בּילטקייט און אָננעמבאַרקייט ביז צו דער רגע פון גרעסטער נאָענטקייט און קערפּערלעכקייט, אויפן שול־הויף. אַ ווײַלע איז די געשטאַלט אַזוי געשטאַנען אויפן ערשטן פּלאַן און דערנאָך איז זי ביסלעכווייז אָפּגעטרעטן צוריק און ווידער פאַרווישט געוואָרן אין נעפּל, אָן שום אָפּשיידס־ווייען.

יענער אויגנבליק, אָט־די געוואַגטע און ריזיקאַלישע סיטואַציע, אין וועלכער האַנס קאַסטאָרפּ איז איצט, ליגנדיק אויף דער באַנק,

קאַסטאָרף רייסט אויף די אויגן, אינגאַנצן צעטומלט פון זיין טיפער פאַרזונקענקייט. — ס'האָט זיך מיר געחלומט חלומען — טראַכט ער. — יאָ, דאָס איז געווען פּריביסלאַוו. שוין לאַנג נישט געקלערט וועגן אים, וואו זיינען אַהינגעקומען די שניצלעך? דאָס שולטישל ליגט אויפן בוידעם, ביים פעטער טינאַפּעל. זיי מוזן נאָך ליגן אין אינעווייניקסטן קליינעם שופלעדל לינקס. כ'האָב זיי קיינמאָל נישט אַרויסגענומען. ס'האָט מיר אַפילו נישט געלוינט זיי אַרויסצוואַרפן... ס'איז געווען דער גאַנצער פּריביסלאַוו, מיט די ביינער. כ'וואָלט מיר קיינמאָל נישט פאָרגעשטעלט, אַז כ'זאָל אים זען אַזוי דייטלעך. ווי מאָדנע ענלעך ער איז צו איר — צו יענער אויבן! צוליב דעם, הייסט עס, אינטערעסיר איך מיך אַזוי מיט איר? אָדער אפשר: האָב איך מיך אַזוי אינטערעסירט מיט אים? נאַרישקייטן! שיינע נאַרישקייטן! כ'מוז, אַגב, גיין און אַפילו גיך. — פונדעסטוועגן בלייבט ער נאָך ליגן, אַ פאַרטראַכטער און פאַרקלערט אין אַמאָל. דערנאָך הייבט ער זיך אויף. — נו, פאַרבלייב געזונט און אַ דאַנק — זאָגט ער און נעמט שמייכלען מיט טרערן אין די אויגן. ער וויל שוין נעמען גיין. אָבער ער גיט זיך איינדערגיך צוריק אַ זעץ אַנידער, מיטן הוט און דעם שטעקן אין דער האַנט. די פיס ווילן נישט טראָגן. — האָפּלאַ — טראַכט ער — דאַכט זיך, ס'וועט נישט גיין! דערביי דאַרף איך נאָך פונקט עלף אַ זייגער זיין אין עס-זאַל אויפן רעפעראַט. אַ שפּאַציר איז טאָ טאַקע אַ שיינע זאַך, אָבער ער האָט אויך שוועריקייטן, דאַכט זיך. יאָ, יאָ, אָבער בלייבן דאָ קאָן איך נישט. פון ליגן זיינען מיר בלויז די פיס אַ ביסל אָפּגענומען געוואָרן. זיי וועלן זיך שוין צעגיין. — איצט פּרווט ער זיך ווידער אויפשטעלן. ער שטרענגט זיך שטאַרק אָן און ס'גייט.

דער וועג אַהיים איז געווען אַ נעבעכדיקער אין פאַרגלייך מיט אַזאַ געהויבענעם אַרויסגאַנג. ער האָט זיך עטלעכע מאָל געמוזט אָפּרוען אויפן וועג, ווייל ר'האָט געפילט, אַז זיין פּנים ווערט פּלוצלונג ווייס, קאַלטער שווייס טרעט אים אַרויס אויפן שטערן און דאָס נישט רעגלמעסיקע קלאַפּן פון זיין האַרץ פאַרשטיקט אים אַזש דעם אָטעם. מיט צרות איז ער אַראָפּ דעם געשלענגלטן

ווי אַזוי זיך צו באַגיין מיט דעם פּשוטן מעכאַניזם, און ביידע קעפּ האָבן זיך בשעת־מעשה איבערגעבויגן איבער דער בלייפעדער.

— מאַך זי נאָר נישט קאַליע — האָט ער נאָך אַ זאָג געטאָן.

וואָס פאַלט אים איין? האַנס קאַסטאָרפּ האָט לחלוטין נישט בדעה געהאַט די בלייפעדער אָדער זי קאַליע צו מאַכן.

דערנאָך האָבן זיי זיך נאָך אָנגעקוקט שמייכלענדיק. מער איז נישט געווען, וואָס צו זאָגן. האָבן זיי זיך אויסגעדרייט איינער צום אַנדערן פריער מיט די אַקסלען, דערנאָך מיט די פּלייצעס און זיינען זיך צעגאַנגען.

דאָס איז געווען אַלץ. אָבער קיין גרעסערן פאַרגעניגן האָט האַנס קאַסטאָרפּ נישט געהאַט זינט ער לעבט. ער איז געזעסן און געצייכנט מיט פּריבּיסלאַווס בלייפעדער און זי נאָך דערצו געדאַרפט שפּעטער צוריק אָפּגעבן. דאָס איז געווען אַ צוגאָב און איז פריי און זעלבסטפאַרשטענדלעך אַרויסגעדרונגען פונם פריערדיקן. ער האָט זיך אַפילו מתיר געווען אַ ביסל צוצושפּיצן די בלייפעדער. די רויט־לאַקירטע שניצלעך, וואָס זיינען אָפּגעפאַלן, בערך אַ דריי אָדער פיר, האָט ער דערנאָך כמעט אין משך פון אַ יאָר צייט געהאַלטן אין דעם אינעווייניקסטן פאַך פון זיין טישל. קיינעם, וואָס וואָלט זיי געזען, וואָלט נישט איינגעפאַלן, וואָס פאַר אַ ווערט זיי האָבן פאַר אים. אַגב, איז דאָס צוריקגעבן די בלייפעדער פאָרגעקומען גאָר פּשוט. דאָס איז אָבער געווען לויט האַנס קאַסטאָרפּס געשמאַק, ער האָט זיך אַפילו אַ ביסל איבערגענומען דערמיט, אַן אָפּגעטעמפּטער און צעפּיעשטשעטער דורך דער אינטימער באַציונג צו היפּפּען.

— אָט איז — האָט ער געזאָגט — אַ דאַנק.

און פּריבּיסלאַוו האָט גאָרנישט געזאָגט. ער האָט בלויז נאָכגעקוקט אינדערגיך, צי דער מעכאַניזם איז גאַנץ און אַריינגעלייגט דעם קריַאָן אין קעשענע...

פון דעמאָלט אָן האָבן זיי מער קיינמאָל נישט גערעדט צווישן זיך. אָבער דאָס איינע מאָל איז עס געשען אַ דאַנק האַנס קאַסטאָרפּס דרייסטקייט...

אַ מינע, גלייך ווי ער וואָלט שוין דאָ געזעסן פון אָנהייב אָן. דאָס פּובליקום איז אַזוי געווען פאַרנומען מיט ד״ר קראַקאָווסקיס רעדע, אַז מ׳האָט אים קוים באַמערקט. ס׳איז געווען פאַר אים אַ טובה, ווייל ר׳האָט אויסגעזען שרעקלעך. זיין פּנים איז געווען ווייס, ווי לייוונט, און זיין אָנצוג — באַפלעקט מיט בלוט, אַזוי אַז ר׳האָט אויסגעזען, ווי אַ מערדער, וואָס קומט ערשט וואָס פון אַ פרישער רציחה. די דאַמע פאַר אים האָט, וואָס אמת, אויסגעדרייט דעם קאָפּ, בעת ר׳האָט זיך אַוועקגעזעצט און אים אָפּגעמאָסטן מיט צוגעזשמורעטע אויגן. ס׳איז געווען מאַדאַם שאָשאַ. ער האָט זי דערקאָנט מיט אַ מין פאַרביטערטקייט. צו אַלדי רוחות! וועט ער שוין היינט נישט האָבן קיין מנוחה? ער האָט געהאַט בדעה דאָ צו בלייבן זיצן רויק און אַ ביסל צו קומען צו זיך, צום סוף מוז ער זי גראָד האָבן פאַר דער נאָז. אין אַן אַנדערן פאַל וואָלט ער זיך אפשר געפרייט מיט דעם צופאַל, אָבער איצט — אַ מידער און אויסגעמאַטערטער — צו וואָס טויג עס אים? עס צערודערט אים בלויז און וועט אים האַלטן געשפּאַנט אין משך פון גאַנצן רעפעראַט. אַקוראַט מיט פּריביסלאַווס אויגן האָט זי אים אָנגעקוקט, געקוקט אויף זיין פּנים און אויף די בלוט־פלעקן, אַגב — היפּש צודרינגלעך און ברוטאַל, ווי ס׳פּאַסט פאַר אַ פּרוי, וואָס טראַכקעט מיט טירן. ווי שלעכט זי האַלט זיך! נישט ווי די פרויען פון קאַסטאָרפּס היימישער סביבה, וואָס דרייען אויס די קעפּ צו זייערע טיש־שכנים זיצנדיק אויסגעגלייכט, אוןריידן בלויז מיט די שפּיצן ליפּן. פרוי שאָשאַ איז געזעסן איינגעקאָרטשעט און אָפּגעלאָזן, איר רוקן איז געווען פאַרקיילעכדיקט און די אַקסלען האָבן אַראָפּגעהאַנגען פאָרויס. אויסער דעם, האָט זי נאָך אַזוי אַרויסגערוקט דעם קאָפּ, אַז מ׳האָט אַרויסגעזען פון איר ווייסער בלוזע דעם שדרה־ביין אינם נאַקן־אויסשניט. פּריביסלאַוו פלעגט אויך אַזוי האַלטן דעם קאָפּ. אָבער יענער איז געווען אַ מוסטער־שילער, וואָס האָט געלעבט בכבודיק (כאָטש נישט דאָס איז געווען די סיבה, הלמאַי האַנס קאַסטאָרפּ האָט ביי אים געבאָרגט די בלייפעדער). פון דער אַנדערער זייט איז זיכער און קלאָר, אַז דער פרוי שאָשאַס אָפּגעלאָזענע האַלטונג, איר וואַרפן מיט די טירן, די גרוטאַלקייט פון איר בליק האָבן אַ

וועג, אָבער ווען ער איז סוף־כּל־סוף דערגאַנגען צום טאָל נישט ווייט פון קור־הויז, האָט ער זיך איבערצייגט קלאָר און דייטלעך, אַז ער וועט מיט די אייגענע כּוחות בשום־אופן נישט קאָנען דערגיין דאָס שטיק וועגס צו „בערגהאָף“. היות קיין טראַמוויי גייט נישט און מ׳זעט אויך נישט קיין דראָשקע, האָט ער געבעטן אַ פורמאַן, וואָס פירט אַ פלאַטפאָרמע מיט ליידיקע קאַסטנס צו „דאָרף“ צו, ער זאָל אים לאָזן אויפזעצן. ער איז געזעסן הינטן בײַם רוקן מיטן בעל־עגלה, מיט אַראָפּגעהאַנגענע פיס פון וואָגן; די פאַרבײַגייער האָבן אים באַטראַכט מיט פאַרוואונדערונג און רחמנות. ער האָט זיך געוואַקלט און צוגעשאָקלט זיך אַ דרעמלענדיקער, דער וואָגן האָט מיט אים געוואָרפן — אַזוי האָט ער זיך דערשלעפּט ביז צום באַן־איבערגאַנג. דאָרטן איז ער אויסגעשטיגן, דערלאַנגט דעם בעל־עגלה געלט, נישט איבערציילנדיק אַפילו וויפל ער גיט. פון דאָרטן איז ער מיט די לעצטע כּוחות אַוועק מיטן וועג צום טאָל.

— Dépêches-vous, monsieur! — זאָגט דער פראַנ־צויזישער שווייצאַר — La conférence de M. Krokowski vient de commencer * און האָט קאַסטאָרפּ וואַרפט אַוועק דעם הוט מיטן שטעקן אין גאַרדעראָב און שטופּט זיך אַרײַן האַסטיק־פּאַזיכטיק, מיט דער צונג צווישן די ציין, דורך דער קוים־געעפנטער טיר פון עס־זאַל. דער עולם איז שוין דאָרטן געווען אויסגעזעצט שורות־ווייז אויף שטולן. אויבנאָן רעכטס איז געשטאַנען ד״ר קראָקאָווסקי, אין אַ זשאַקעט, בײַ אַ געדעקטן טיש מיט אַ קאַראַפינקע וואַסער און ער האָט גערעדט....

א נ צ ל י ז

לעבן דער טיר, האָט, צום גליק, צוגעוואונקען אַ ליידיק אָרט. ער האָט זיך זייטיק צוגעשאַרט דערצו און געמאַכט דערבײַ

---

* איילט אייך, הער, די פאָרלעזונג פון הער קראָקאָווסקי הייבט זיך אָקאָרשט אָן.

גליווערט געבליבן פֿון גרויס געשפּאַנטקייט. דער פּראָקוראָר פּאַראַוואַנט, אַ ברוינער און, אַפּנים, אַ מענטש אַ גבֿרן, האָט אַפֿילו עטלעכע מאָל אַ פּויק געטאָן מיטן ווייַז-פֿינגער אויפֿן איער, ווי כּדי עס צו מאַכן מער הערנדיק און עס דערנאָך אינגאַנצן געווענדט אין ד״ר קראָקאָווסקיס זייט.

וואָס-זשע האָט גערעדט ד״ר קראָקאָווסקי? און וואָס פֿאַר אַ געדאַנקען-גאַנג האָט ער זיך געפֿונען? האַנס קאַסטאָרפּ האָט צוגענומען זיין גאַנצן פֿאַרשטאַנד, כּדי צו כאַפּן זיך, וועגן וואָס ס׳גייט. ס׳האָט זיך אים אָבער נישט תּיכּף איינגעגעבן, ווייל ר׳האָט נישט געהערט דעם אָנהייב און דערצו איז ער נאָך אַ צייט פֿאַרנומען געווען מיט די רעיונות וועגן פֿרוי שאָשאַס איינגעקאָרטשעטן רוקן — ס׳האַנדלט זיך וועגן אַ מאַכט... יענע מאַכט... בקיצור, וועגן דער מאַכט פֿון ליבע גייט עס דאָ. פֿאַרשטייט זיך! די טעמע איז דאָך אָנגעגעבן אין גענעראַל-טיטל פֿון ציקל רעפֿעראַטן. פֿון וואָס-זשע דען זאָל ד״ר קראָקאָווסקי ריידן, אויב דאָס איז זיין געביט! משונה איז האַנס קאַסטאָרפּן בלויז אַ ביסל געווען אויף איינמאָל צו הערן אַ לעקציע וועגן ליבע, בשעת אַזוי געוויינלעך האָט ער זיך תּמיד אָנגעהערט בלויז וועגן אַזעלכע זאַכן, ווי איבערטראָגן מאַשינען אין שיף-בוי. ווי אַזוי קאָן מען דאָס נעמען אַן ענין, וואָס איז בטבע אַזוי שעמעוודיק-דיסקרעט, און ריידן וועגן דעם אין אַ פּשוטן פֿרימאָרגן פֿאַר מענער און פֿרויען? ד״ר קראָקאָווסקי האָט זיך באַנוצט מיט געמישטע אויסדריקן, אי פּאָעטישע, אי וויסנשאַפֿטלעכע, שטרענג וויסנשאַפֿטלעכע. דער טאָן איז דערביי געווען אַ זינגענדיקער און באַפֿליגלטער. דאָס איז דעם יונגן האַנס קאַסטאָרפּ אַ ביסל נישט געפֿעלן, הגם צוליב דעם, קאָן זיין, פֿלאַמען אַזוי ביי די דאַמען די באַקן און די מענער שאָקלען אַזש מיט די אויערן. ספּעציעל האָט דער רעדנער כּסדר באַנוצט דאָס וואָרט „ליבע“ אין אַ ביסל אַ נישט קלאָרן זין, אַזוי אַז מ׳האָט קיינמאָל נישט געקאָנט וויסן, וואָס ער מיינט דערמיט: עפּעס צניעותדיקס, אָדער ליידנשאַפֿטלעך-קערפּערלעכס. מ׳האָט בשעת-מעשה באַקומען אַ מין לייכט געפֿיל פֿון ים-קראַנקהייט. זינט האַנס קאַסטאָרפּ לעבט, האָט ער נאָך קיינמאָל נישט געהערט דאָס וואָרט באַנוצן אַזוי

שייכות מיט איר קראַנק. יאָ, עס דריקט זיך אַפילו דערין אויס יענע אומבאַהערשטקייט, יענע אומבכבודיק אָבער ממש אומבאַגרעגעצטע מעלות, מיט וועלכע הער אַלבין האָט זיך גערימט...

ביי האַנס קאַסטאָרפּן זיינען די געדאַנקען צעמישט געוואָרן, בעת ער האָט געקוקט אויף פרוי שאָשאַס איינגעקאָרטשעטן רוקן. זיי זיינען געוואָרן אויס געדאַנקען און איבערגעגאַנגען אין אַ מין חלום, אין וועלכן ד״ר קראָקאָווסקיס שלעפּנדיקער באַריטאָן און זיין ווייך־אַרויסגערעדטע „ר“ האָבן אָפּגעקלונגען ווי פון זייער ווייט. אָבער די שטילקייט אין זאַל, די טיפע פאַראינטערעסירונג, וואָס האָט אַלע אַרום געהאַלטן אין שפּאַן, האָט סוף־כל־סוף אויף אים גענומען ווירקן און אים ממש אויפגעוועקט פון זיין דרעמל. ער האָט זיך אומגעקוקט... לעבן אים איז געזעסן דער פּיאַניסט מיט די שיטערע האָר. דעם קאָפּ האָט ער געהאַלטן פאַרוואָרפן, די הענט פאַרלייגט און ער האָט זיך צוגעהערט מיט אַן אָפן מויל. די לערערין, פרײלין ענגלהאַרט, וואָס איז געזעסן אַ ביסל ווייטער, האָט געהאַט אַ פּאָר גיריקע אויגן און רויט־פלעקן אויף ביידע באַקן — אַ היץ, וואָס האָט זיך אויך אָפּגעשלאָגן אויף די פּנימער פון אַנדערע דאַמען, וועלכע האַנס קאַסטאָרפּ האָט גראָד באַמערקט, אויך אויף די פּנימער פון דער פרוי מאַגנום, יענע וואָס באַ־אַלבין און פון ביר־ברייערס ווייב, פרוי מאַגנוס, יענע, וואָס פאַרלירט איי־ווייס. אויף פרוי שטערס פּנים, אַ ביסל אַהינצוצו, האָט זיך אָפּגעמאָלט אַזאַ עם־האָרצישע באַגייסטערונג, אַז ס'איז געווען אַ שרעק. די פרײלין לעווי מיטן עלפאַנטביינערנעם פּנים איז געזעסן אָנגעשפּאַרט אויף דער אָנלען פון דער שטול מיט האַלב־פאַרשלאָסענע אויגן און מיט די פלאַכע הענט אויף דער שויס. זי וואָלט אינגאַנצן אויסגעזען, ווי אַ טויטע, ווען איר ברוסט זאָל זיך נישט כסדר געווען אַזוי אויפהויבן און אָפּפאַלן צום טאַקט. אינגאַנצן האָט זי האַנס קאַסטאָרפּן מער דערמאָנט אין אַ וואַקס־פיגור מיט אַ מעכאַניזם אין דער ברוסט, וועלכע ער האָט אַמאָל געזען אין אַ פּאַנאָפּטיקום. אַ סך געסט האָבן געהאַלטן די האַנט ביי די אויערן, אָדער נישט ווייט פון אויער און ס'האָט אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן אויפגעהויבן די האַנט צום אויער און אינמיטן אַזוי פאַר־

און אומגליקלעכע פאַרקערטקייטן, און עס איז גאָרנישט קיין וואונדער, ווייל דער דאָזיקער מעכטיקער אימפּולס איז נישט קיין פּשוטער, ער איז בטבע אַ סכום פון אַ סך חלקים. ווי נאָרמאַל ער זאָל נישט אויסזען אַלס גאַנצקייט — אָבער באַשטייט ער פון הוילע פאַרקערטקייטן. היות מ'קאָן נישט און מיט רעכט — רעדט ד"ר קראָקאָווסקי ווייטער — דרינגען פון דער פאַרקערטקייט פון די טיילן אויף דער פאַרקערטקייט פון גאַנצן, איז מען אָבער אומבאַדינגט געצוואונגען אַריבערצוטראָגן אַ טייל פון דער באַרעכטיקטקייט פון גאַנצן (אויב אַפילו נישט — די גאַנצע באַרעכטיקטקייט) אויך אויף די איינצלנע פאַרקערטקייטן. דאָס איז אַ לאָגישע קאָנסעקווענץ און ער בעט די צוהערער זיך צו האַלטן דערין. גייסטיקע ווידערשטאַנדן און קאָרעקטיוון, אָנשטענדיקע און אָרדנטלעכע (ער וואָלט במעט זיך אויסגעדריקט: בירגערלעכע) אינסטינקטן גלייכן אויס און צוימען איין די פאַרקערטקייטן און גיסן זיי צונויף אין איין נאָרמאַלער און נוצלעכער גאַנצקייט. עס איז אַן אָפּטער און זייער חשובער פּראָצעס, אָבער די רעזולטאַטן זיינע (ד"ר קראָקאָווסקי זאָגט עס מיט אַ געוויסן ביטול) דאַרפן גאָרנישט אָנגיין דאָקטוירים און דענקער. ס'טרעפט זיך אָבער, אַז ער געלינגט נישט, דער דאָזיקער פּראָצעס. ער וויל נישט און דאַרף נישט געלינגען. ווער ווייסט אויף געוויס — אַזוי פרעגט ד"ר קראָקאָווסקי — צי דער דאָזיקער פאַל איז נישט אַמאָל דער איידעלער און גייסטיק-העכערער? אין אָט-דעם פאַל שאַפן ביידע כוחות-גרופּעס — דער דראַנג צו ליבע און די פאַרקערטע אימפּולסן, צווישן זיי באַזונדערס עקל און בושה — אַן אויסערגעוויינלעכע שפּאַנונג און אַ ליידנשאַפט, וואָס שטייגן אַריבער די בירגערלעכע מאָס. דער דאָזיקער קאַמף, וואָס טוט זיך אָפּ אין דער סאַמע טיפעניש פון דער נשמה, לאָזט נישט צו צו דער איינגעשטילקייט, באַרויִקונג און אָרדענונג פון די בלאָנדזשענדיקע דראַנגען און ממילא קאָן מען נישט דערגיין צו דער געוויינלעכער האַרמאָניע און צו דעם נאָרמאַלן ליבע-לעבן. דער דאָזיקער קאַמף צווישן די כוחות פון צניעות און פון ליבע — ווייל אין דעם גייט עס דאָך — מיט וואָס לאָזט ער זיך אויס? לפנים ענדיקט ער זיך דערמיט, וואָס די צניעות איז גובר. מורא, אָרנטלעכקייט, ציכטיקער עקל,

גערדיכט איינס נאָכן אַנדערן, ווי איצט, דאָ. יאָ, ווען ר'האָט זיך אַריינ=
געטראַכט, האָט זיך אים אַפּילו אויסגעדאַכט, אַז ער האָט עס אַליין
נאָך קיינמאָל נישט אַרויסגערעדט און עס נישט געהערט אויך פון
אַ צווייטן. קאָן זיין, אַז ער איז זיך טועה, אַלנפאַלס האָט ער
געהאַלטן, אַז די כּסדרדיקע איבערחזורונג איז נישט קיין טובה פאַרן
וואָרט. פאַרקערט, די דאָזיקע גליטשיקע אָנדערוט=האַלבן זילבן מיט
צונג=קאָנסאָנאַנט*, ליפּן=קאָנסאָנאַנט** און מיטן דינעם וואָקאַל*** אינ=
מיטן האָבן אים אָנגעהויבן נמאס ווערן. עס האָט זיך ביי אים אַסאָ=
צייִרט מיט וואַסערדיקער מילך, מיט עפּעס ווייס=בלויליכס גאַלאַ=
רעט=אַרטיקס, און דווקא ביי אַלע שטאַרקע מעלות, וואָס ד"ר קראָ=
קאָווסקי האָט, איינגטלעך, אויסגערעכנט. איינס איז געווען קלאָר:
אַז אַזוי ווי ער טוט עס, קאָן מען אַרויסזאָגן די שאַרפסטע
זאַכן און דערביי נישט פאַרטרייבן די אידיטאָריע. ער האָט זיך נישט
באַנוגנט בלויז דערמיט, וואָס ער האָט מיט אַ מין פאַרשיפורדיקן
טאַקט גערעדט וועגן אַלגעמיין=באַקאַנטע זאַכן, וועגן וועלכע מ'שווייגט
געוויינלעך. ער האָט אויך צעשטערט אילוזיעס, האָט אומברחמנות
אַלץ אַנאַליזירט, האָט נישט געלאָזט קיין פּיצל אָרט פאַרן סענטי=
מענטאַלן גלויבן אין דער ווערדיקייט פון אַלטן מאַן און אין דער
מלאָכישער ריינקייט פון צאַרטן קינד. אַגב, האָט ער צ.ם. זשאַקעט
אויך געטראָגן זיין ווייכן איבערגעוואָרפענעם קאָלנער און די סאַנ=
דאַלן מיט די גרויע זאָקן. דאָס האָט געמאַכט אַ פּרינציפּיעלן און
אידעאַליסטישן איינדרוק, הגם האַנס קאַסטאָרפּ האָט זיך אַ ביסל
געשראָקן דערפאַר. ער האָט אַרויסגעלייגט פון ביכער און לויזע
בלעטער, וואָס זיינען געלעגן פאַר אים אויפן טיש, אַלערליי ביי=
שפּילן און אַנעקדאָטן, וואָס שטיצן אונטער זיינע מיינונגען און
ער האָט אַפּילו אַ סך מאָל רעציטירט פערזן. דערביי האָט ד"ר
קראָקאָווסקי באַהאַנדלט שרעקלעכע פאָרמען פון ליבע, דעם כּוח
פון די וואונדערלעכע, פיינלעכע און אומהיימלעכע אָפּנייגונגען אירע.
צווישן אַלע נאַטור=דראַנגען איז די ליבע — האַלט ער — אַממייסטן
וואַקלדיק און סכּנהדיק, פון סאַמע גרונד גענייגט צו בלאָנדזשעניש

* ל. ** ב. *** י.

בריט צום הערץ. דעמאָלט האָט ד״ר קראָקאָווסקי אַ זאָג געטאָן: אין געשטאַלט פון קראַנקהייטן! דער קראַנקהייט־סימפּטאָם איז פאַרמאַסקירטע טעטיקייט פון ליבע און יעדע קראַנקהייט איז פאַרוואַנדלטע ליבע!

איצט האָט מען שוין געוווּסט, הגם נישט יעדער האָט עס פאַרשטאַנען גענוג אָפּצושאַצן. אַ זיפּץ איז אַריבער איבערן זאַל און פּראָקוראָר פּאַראַוואַנט האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ פון גרויס התפּעלות, בשעת ד״ר קראָקאָווסקי האָט ווייטער גענומען אַנטוויקלען זיין טעזע. וואָס ס׳איז נוגע האַנס קאַסטאָרפּן — האָט ער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, כדי איבערצוטראַכטן וועגן דעם, וואָס ר׳האָט געהערט, און צו זען, צי ער פאַרשטייט עס. ר׳איז אָבער געווען נישט גענוג צוגעוווינט צו אַזאַ מין געדאַנקען־גאַנג און דערצו גייסטיק אָפּגעשוואַכט פון זיין פאַרמאַטערנדיקן שפּאַציר, אַזוי אַז די רעיונות זיינען לייכט אַוועק אין אַן אַנדער ריכטונג. דערצו האָט ער נאָך געהאַט פאַר זיך מאַדאַם שאָשאַס רוקן און האַנט. די האַנט האָט זיך, אַגב, אַלעמאָל אַ הייב געטאָן, אויסגעדרייט זיך און כמעט פאַר האַנס קאַסטאָרפּס אויגן פאַרראָכטן דעם גרעק.

ס׳איז געווען פּיינלעך צו האָבן די האַנט אַזוי נאָענט פאַר די אויגן. מ׳האָט זי געמוזט באַטראַכטן, צי מ׳האָט געוואָלט, צי נישט, פאַרקוקן זיך אויף אַלע חסרונות אירע און פּגימות, גלייך ווי מ׳וואָלט זי באַקוקט דורך אַ פאַרגרעסער־גלאָז. ניין, זי האָט נישט קיין שום אַריסטאָקראַטיש אין זיך, אָט־די קערנדיקע גימנאַזיסטן־האַנט, מיט די געוויינלעך־אַרומגעשניטענע נעגל. מ׳האָט אַפילו נישט געקאָנט זיין זיכער, צי די פינגער־גלענקען זיינען פון אויסנווייניק אינגאַנצן ריין. די הויט אַרום די נעגל איז געווען צעביסן — דערין איז נישט געווען קיין שום ספק. האַנס קאַסטאָרפּס מויל האָט זיך אַזש פאַרקרימט, זיינע אויגן זיינען פונדעסטוועגן געבליבן קלעפּן אויף מאַדאַם שאָשאַס האַנט און ס׳איז אים דורכגעלאָפן דורכן רעיון אַ האַלבע, אומבאַשטימטע דערמאָנונג וועגן דעם, וואָס ד״ר קראָקאָווסקי האָט געזאָגט וועגן די בירגערלעכע אימפּולסן, וואָס שטעלן זיך אַנטקעגן דער ליבע.... דער אָרעם איז געווען שענער, דער אָרעם, וואָס האָט זיך אונטערגעבויגן הינטערן קאָפּ. ר׳איז כמעט געווען נאַקעט.

ציטערנדיקע ריינהייט-באַדערפעניש, — דאָס אַלץ דריקט אונטער די ליבע, האַלט זי אין דער טונקעלער צים, לאָזט-צו צום באַוואוסטזיין און במעשה העכסטנס בלויז אַ טייל פון אירע מטושטשע שטרעבונגען, אָבער ווייט נישט איר גאַנצע קראַפט און פילגעשטאַלטיקייט. אָבער דער דאָזיקער נצחון פון דער צניעות איז בלויז אַ לפנימדיקער נצחון, אַ פירהוס-נצחון*. ווייל דער דראַנג נאָך ליבע לאָזט זיך נישט איינצוימען, נישט פאַרגוואַלדיקן. די אונטערגעדריקטע ליבע ווערט נישט אָפגעטויט. זי לעבט און שטרעבט אויך אין דער טונקלהייט בסוד-סודות צו איר דערפילונג. זי ברעכט דורך די מחיצה פון צניעות און קומט ווידער אַרויס, כאָטש אין אַן אַנדערע, נישט-קענטיקער געשטאַלט... אָבער אין וואָס פאַר אַ געשטאַלט, און אונטער וועלכער מאַסקע דערשיינט די נישט-צוגעלאָזענע און אונטערגעדריקטע ליבע? — אַזוי פרעגט ד"ר קראָקאָווסקי און גיט אַ קוק איבער אַלע רייען, גלייך ווי ער וואָלט באמת געוואַרט אויף אַן ענטפער פון זיינע צוהערער. יאָ, אָבער ער וועט עס מוזן אַליין זאָגן, נאָכדעם ווי ער האָט שוין נישט איין זאַך געזאָגט. קיינער אויסער אים ווייסט עס נישט, אָבער ער וועט זיכער דאָס אויך וויסן. דאָס דערקענט מען אָן אים. זיינע גליענדיקע אויגן, דאָס וואַקס-בלאַסע פּנים מיט דער שוואַרצער באָרד, דערצו נאָך די מאָנאַכישע סאַנדאַלן מיט די גרוי-וואָלענע זאָקן — דאָס אַלץ גיט אים אַן אויסזען, גלייך ווי ער אַליין וואָלט אין זיין אייגענער פּערזאָן סימבאָליזירט דעם קאַמף צווישן צניעות און ליידנשאַפט, וועגן וועלכן ער רעדט. אַזאַ איינדרוק, אַלנפאַלס, האָט האַנס קאַסטאָרפּ געהאַט, בעת ער האָט, גלייך ווי אַלע אַנדערע, מיט דער גרעסטער שפּאַנונג געוואַרט אויף דער תשובה, און וואָס פאַר אַ געשטאַלט די פאַרשטיקטע ליבע קערט זיך אום. די פרויען האָבן קוים געאָטעמט פון אומגעדולדיקייט. דער פּראָקוראָר פּאַראַוואַנט האָט נאָכאַמאָל אינדערגיך גענומען טרייסלען מיטן אויער, כדי ס'זאָל אין אַנטשיידענעם מאָמענט בלייבן אָפן און אָנגע-

* אַ נצחון מיט זייער גרויסע קרבנות, — נאָך דעם קיניג פון עפּיר, פּירהוס, וואָס האָט אין דריטן יאָרה. פאַר קר. מנצח געווען די רוימער און פאַרלאָרן אַ גרויס חלק פון זיינע חיילות.

אינטערעסירט זיך מיט אַ קראַנקער פֿרוי, ליגט דערין נישט מער שכל, ווי... לאָמיר זאָגן, ווי אין האַנס קאַסטאָרפּס אַמאָליקן שטילן אינטערעס צו פּריביסלאַוו היפּפּע. אַ נאַרישער פֿאַרגלייך, אַ ביסל אַ פּיינלעכע דערמאָנונג. אָבער דער פֿאַרגלייך איז אים געקומען אויפֿן רעיון פֿון דער העלער הייט און אינגאַנצן אומגערן. אַגב, זיינען זיינע פֿאַרחלומטע רעיונות אָפּגעהאַקט געוואָרן ביי דעם דאָזיקן פּונקט, קודם־כל דערפֿאַר, ווייל ער האָט זיך ווידער גענומען צוהערן צום ד״ר קראָקאָווסקי, וועלכער האָט גענומען ריידן אויפֿפֿאַלנדיק הויך. יאָ, ר׳איז געשטאַנען הינטער זיין טישל מיט אַ פּאָר אויסגעשפּרייטע אָרעמס, מיט אַ קרום־איינגעבויגענעם קאָפּ און, נישט געקוקט אויף זיין זשאַקעט, האָט ער אויסגעזען כמעט, ווי יעזוס אויפֿן צלם.

ס׳ווייזט זיך אַרויס, אַז ד״ר קראָקאָווסקי מאַכט ביים סוף פֿון זיין רעדע שטאַרקע פּראָפּאַגאַנדע פֿאַר פּסיכאָאַנאַליז און גיט צו וויסן, אַז ער וועט יעדן אויפֿנעמען מיט אָפֿענע אָרעמס. קומט צו מיר, איר אַלע פֿאַרזאָרגטע און איר מיט שווערע געמיטער! כמעט אַזוי קלינגט זיין אויפֿפֿאָדערונג. ער איז, ווי מ׳זעט, לחלוטין נישט מסופּק, אַז אַלע אָן אויסנאַם זיינען פֿאַרזאָרגט און האָבן שווערע געמיטער. ער רעדט פֿון פֿאַרבאָרגענע ליידן, פֿון בושה און עגמת־נפֿש, וועגן דער דערלייזנדיקער ווירקונג פֿון פּסיכאָ־אַנאַליז. ער לויבט די דורכלייכטונג פֿון אונטערבאַוואוסטזיניקן, לערנט, ווי אַזוי צו דערפֿירן צוריק די קראַנקהייט צו איר ערשטן שורש, צו דעם אַפֿעקט, וואָס איז קלאָר געוואָרן, הייסט האָבן צוטרוי, זאָגט צו אַ רפֿואה. דערנאָך לאָזט ער אַראָפּ די הענט, גלייכט צוריק אויס דעם קאָפּ, נעמט צונויף די געדרוקטע פּאַפּירן, מיט וועלכע ר׳האָט זיך באַנוצט ביים רעפֿעראַט. ער נעמט אַהינטער דאָס פּעקל אונטערן אָרעם, ממש ווי אַ לערער, און גייט אַרויס מיט אַן אויפֿגעהויבענעם קאָפּ דורך דעם קאָרידאָר.

אַלע שטייען אויף, מ׳רוקט אָפּ די שטולן און מ׳הייבט אָן ביסלעכווייז אַרויסצוגיין דורך דעם איינעם אַרויסגאַנג, דורך וועלכן דער דאָקטאָר איז אַרויס פֿון זאַל. ס׳זעט אויס, ווי מ׳וואָלט אים קאָנצענטריש נאָכגעגאַנגען, פֿון אַלע זייטן, קווענקלענדיק זיך אָן

ווייל דער שטאָף פון די אַרבל איז געווען דינער, ווי די בלוזע. ס'איז געווען זייער לייכטע גאַזע, אַזוי אַז דער אָרעם איז צוליב דעם געוואָרן בלויז פאַרצערטלטער און איז איצט זיכער שענער געווען, ווי ווען ער וואָלט געווען אינגאַנצן אַנטבלויזט. ר'איז געווען אי אידעל, אי פול — און דערצו נאָך קיל, ווי מ'האָט זיך געקאָנט מיטער זיין. אין דעם פאַל האָט קיין שום רייד נישט געקאָנט זיין וועגן בירגערלעכע אימפּולסן.

האַנס קאַסטאָרפּ האָט פאַנטאַזירט און נישט אַראָפּגענומען קיין אויג פון פרוי שאָשאַס אָרעם. ווי די פרויען טוען זיך דאָס אָן! זיי ווייזן טיילן פון זייער נאַקן, און ברוסט, הילן-איין די אָרעמס אין דורכזיכטיקער גאַזע... זיי טוען דאָס אויף דער גאַנצער וועלט, כדי צו דערוועקן אונזערע בענקענדיקע פאַרלאַנגען. מיין גאָט, ווי שיין דאָס לעבן איז! עס איז שיין גראָד צוליב אַזעלכע זעלבספאַרשטענדלעכע זאַכן ווי אַ שטייגער דאָס, וואָס די פרויען טוען זיך אָן אַזוי. עס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך און אַזוי געוויינלעך און אָנערקענט ביי אַלע, אַז ס'פאַלט כמעט נישט איין אַ טראַכט צו טאָן וועגן דעם און ס'געפעלט, כאָטש מ'גיט זיך נישט אָפּ קיין דין-וחשבון, אונטערבאַוואוסטזיניק. מ'וואָלט זיך אָבער געדאַרפט פאַרטראַכטן וועגן דעם — האַלט האַנס קאַסטאָרפּ אינעווייניק ביי זיך — ערשט דעמאָלט וואָלט מען זיך, באמת, געקאָנט פרייען מיטן לעבן און דערגיין דערצו, אַז דאָס איז אַ גליקלעכע און כמעט וואונדערלעכע איינאָרדענונג. פאַרשטייט זיך, ס'איז דאָ אַ צוועק דערביי, צוליב וועלכן די פרויען טוען זיך אָן אַזוי וואונדערלעך און אַנטציקנדיק און דערביי דינען זיי נישט עובר אויף די כללים פון אָנשטענדיקייט. עס גייט וועגן קומענדיקן דור, וועגן דער דערהאַלטונג פון מענטשלעכן מין, אמת. אָבער ווי איז, ווען די פרוי איז אינערלעך קראַנק, אַזוי, אַז זי טויג גאָרנישט צו קיין מוטערשאַפט — ווי איז דעמאָלט? צי אויך אין אַזאַ פאַל האָט עס אַ זין, וואָס זי טראָגט גאַזע-אַרבל, כדי צו דערוועקן ביי די מענער די נייגעריקייט צו איר קערפּער — צו איר אינערלעך-קראַנקן קערפּער? דאָס האָט, ווייזט אויס, קיין שום זין נישט און מ'וואָלט עס, אייגנטלעך, געדאַרפט באַטראַכטן פאַר נישט-אָרנטלעך און פאַרווערן עס. ווייל אויב אַ מאַנסביל פאַר-

זייט איז אויפֿן פּאַפּיר געווען אַ שמאָלע קאָלאָנע מיט אויסצוגן פֿון פּראָספּעקט; אין שפּאַציאָנירטע שריפֿט איז דאָרטן אויך געווען דערמאָנט די „פּסיכישע קוראַציע לויט די מאָדערנסטע פּרינציפּן“. די קאַליגראַפֿיש=אויפֿגעשריבענע ציפֿערן האָבן אָנגעטראָפֿן פּונקט 180 פֿראַנק. עסן מיט מעדיצינישער באַהאַנדלונג האָבן אויסגעמאַכט 12 פֿראַנק אַ טאָג, דאָס צימער — 8 פֿראַנק. ווייטער איז געווען 20 פֿראַנק „אַריינגאַנג=געלט“ און די דיזענפֿעקציע פֿון צימער — 10. צוזאַמען מיט די קליינע חשבונות פֿאַר וועש, ביר און וויין, וואָס מ'האָט גענומען צום ערשטן אָוונט=עסן — איז עס דערגאַנגען צו אַ קיילעכיקער סומע פֿון 180.

האַנס קאַסטאָרפּ האָט דערנאָך איבערגעקוקט דעם רעכענונג צוזאַמען מיט יאָאַכימען און האָט אַלץ געפֿונען אין אָרדענונג. יאָ, מיט דער „מעדיצינישער באַהאַנדלונג“ האָב איך זיך נישט באַנוצט — זאָגט ער — אָבער דאָס איז מיין זאַך. עס איז אַריינגערעכנט אין פּרייז און כ'קאָן נישט פֿאַרלאַנגען, מ'זאָל דאָס אָפּרעכענען. ווי אַזוי וואָלט דאָס מעגלעך געווען? ביי דער דיזענפֿעקציע האָבן זיי איבערגעריסן, ווייל ס'איז אוממעגלעך, זיי זאָלן האָבן אויסגענוצט פֿאַר צען פֿראַנק H_2CO ביים אויסרויכערן די אַמעריקאַנערין. אָבער אין סך=הכּל, מוז איך דיר זאָגן, אַז ס'איז גאָר נישט טייער, אויב מ'זאָל נעמען אין אַכט דאָס אַלץ, וואָס מ'גיט דאָ. פֿאַרן צווייטן פֿרישטיק זיינען זיי אַריינגעגאַנגען צו דער „פֿאַרוואַלטונג“, כּדי צו דעקן דעם חוב.

די „פֿאַרוואַלטונג“ האָט זיך געפֿונען אין פּאַרטער. בעת מ'איז געגאַנגען מיטן קאָרידאָר אין יענער זייט האָלע און מ'איז פֿאַרביי=געגאַנגען די גאַרדעראָב און אויך די קיכן און די צוגרייט=צימערן, האָט מען נישט געקאָנט פֿאַרזען די טיר, בפֿרט נאָך, אַז ס'הענגט איבער איר אַ פּאָרצעלאַנענע שילד. האַנס קאַסטאָרפּ האָט זיך מיט אַ געוויסן אינטערעס צוגעקוקט צו דער סוחרישער זייט פֿון אַנשטאַלט. ס'איז געווען אויף אַן אמת אַ קליין קאָנטאָר: אַ פֿריילין איז געזעסן ביי אַ שרייב=מאַשין, דריי אָנגעשטעלטע — מענער — זיינען געזעסן איבערגעבויגן איבער שרייב=שטענדערס. אין צווייטן

שום ווילן און מיט דער גלייכער אָפּגענומענקייט, ווי שטשורעס נאָך אַ כאַפּער אין דעם באַקאַנטן מעשהלע. האַנס קאַסטאָרפּ בלייבט שטיין אין שטראָס, אָנגעשפּאַרט מיט דער האַנט אויפן אָנלען פון דער שטול. איך בין דאָ בלויז צו גאַסט — טראַכט ער — איך בין געזונט און ווער דאָ, גאָט צו דאַנקען, נישט געגומען אין חשבון. צו דעם צווייטן רעפּעראַט וועל איך שוין נישט זיין דאָ.

ער זעט אַרויסגיין די פרוי שאָשאַ, קריכנדיק, מיט אַן אַרויסגערוקטן קאָפּ. צי זי לאָזט איך צעגלידערן איר נשמה? — טראַכט ער — און זיין האַרץ נעמט קלאַפּן... דערביי באַמערקט ער נישט, ווי יאָאַכים קומט צו צו אים פון צווישן די שטולן און ווען יענער נעמט צו אים ריידן, ציטערט ער אַזש איך.

— ביסט געקומען אין דער לעצטער רגע — זאָגט יאָאַכים — ביסט געווען ווייט? ווי איז עס צוגעגאַנגען?

— אַזוי, נישקשה — ענטפערט האַנס קאַסטאָרפּ. — יאָ, כ'בין געווען גאַנץ ווייט. אָבער כ'מוז דיר מודה זיין, אַז ס'איז מיר נישט אַזוי גוט באַקומען, ווי כ'האָב מיך גערעכנט. ס'קאָן זיין, אַז ס'איז געווען צו־פרי, אָדער כ'האָב עס בכלל נישט געדאַרפט טאָן. לעת־עתה וועל איך עס נישט טאָן מער.

יאָאַכים פרעגט נישט, צי דער רעפעראַט איז אים געפעלן, און האַנס קאַסטאָרפּ אַליין רעדט איך נישט וועגן דעם. ווי אָפּגעשמועסט — האָבן זיי שפּעטער נישט דערמאָנט דעם רעפּעראַט מיט קיין איין וואָרט.

ספקות און איבערטראַכטענישן

דינסטאָג איז געוואָרן אַ וואָך, אַז אונזער העלד איז דאָ אויבן. ווען ר'איז אינדערפרי צוריקגעקומען פון שפּאַציר, האָט ער דערפאַר אין זיין צימער געטראָפן אַ רעכענונג, זיין ערשטע רעכענונג פון דער וואָך, אַ זויבער, סוחריש פּאַפּיר, אין אַ גרינלעכן קאָנווערט, מיט אַן אילוסטרירט קעפּל (די געביידע פון „בערגהאָף" איז דאָרטן געווען אויסגעמאָלט אין איר גאַנצער פּראַכט). פון דער לינקער

מאָלערישער בית־עולם פֿון דאָרף דאַוואָס, אויבן אויפֿן שיפּוע רעכטס,
נישט ווייט פֿון דאָרטן, וואו ס'הייבט זיך אָן דער טאָל. זי איז געווען
זייער אַ ליבלעכע, כאָטש אַ שוואַכלעכע, מיט צו־גרויסע אויגן, אויב
מ'זאָל זיך פֿאַרלאָזן אויף די פֿאָטאָגראַפֿיעס, וואָס שטייען אומעטום
אין הויפֿראַטס דינסטלעכער דירה און אויף די אײלבילדער, וועלכע ער,
אַן אַמאַטאָר, האָט אַליין געמאָלט און וועלכע הענגען דאָרט איבער
די ווענט. זי האָט געבוירן צוויי קינדער, אַ זון און אַ טאָכטער. דער־
פֿון איז זי געוואָרן שטאַרק אויסגעמאָגערט און כּסדר געהאַט היץ.
מ'האָט זי אַרויפֿגענומען אַהער און אין משך פֿון עטלעכע חדשים האָט
גענומען אַ סוף. מ'שמועסט, אַז בערענס האָט זי פֿאַרגעטערט און
ר'איז פֿון דעם קלאַפּ געווען אַזוי שטאַרק דערשלאָגן, אַז ר'איז
אויף אַ שטיק צייט אַרײַנגעפֿאַלן אין רעיונות, געוואָרן משונהדיק. אין
גאַס האָט ער געלאַכט, געמאַכט העוויות און גערעדט צו זיך אַליין,
אַזוי, אַז מ'האָט אים נאָכגעקוקט. פֿון דעמאָלט אָן איז ער מער נישט
צוריק צו זיין פֿריערדיקער סביבה, נאָר געבליבן דאָ אויפֿן אָרט:
אַוודאי אויך צוליב דעם, ווייל ר'האָט זיך נישט געוואָלט שיידן
פֿונם קבֿר. אָבער דער עיקר האָט דאָ געווירקט אַ ווייניקער סענטי־
מענטאַלע סיבה, דאָס, וואָס ער אַליין האָט זיך אויך אַ ביסל אָנ־
געשטעקט און לויט זיין אייגענעם וויסנשאַפֿטלעכן אײַנזען גע־
האַלטן, אַז ער דאַרף זיין אַ היגער. אַזוי־אַרום האָט ער זיך
אײַנגעבירגערט, ווי איינער פֿון יענע דאָקטוירים, וואָס זיינען אַחים־
לצרה פֿאַר יענע, אויף וועלכע זיי גיבן דאָ אַכטונג; איינער פֿון
יענע, וואָס באַקעמפֿן נישט די קראַנקהייט פֿון דעם פֿרייען שטאַנד פֿון
פּערזענלעכער אומבאַווירטקייט, נאָר טראָגן אַליין איר חותם. דער דאָ־
זיקער פֿאַל איז אַ ביסל אַן אויסטערלישער, אָבער ער טרעפֿט זיך
אָפֿט און האָט אָן שום־ספֿק אי זיינע מעלות, אי זיינע חסרונות. די
חבֿרשאַפֿט צווישן דאָקטאָר און פּאַציענט איז זיכער אַ גוטע זאַך
און עס ליגט זיך אויפֿן שכל, אַז נאָר איין ליידנדיקער קאָן זיין
דער פֿירער און אויסלייזער פֿון דעם אַנדערן. אָבער צי איז מעגלעך
באמת גייסטיק צו באַהערשן אַ קראַפֿט, ווען מ'איז אַליין איינער פֿון
אירע שקלאַפֿן? צי קאָן זיין אַ באַפֿרייער דער, וואָס איז אַ געבונ־
דענער? פֿאַרן פּשוטן מענטש איז אַ קראַנקער דאָקטאָר אַ פּאַראַ־

צימער איז געזעסן אַ הער מיט דעם כּבֿודיקן אויסזען פֿון אַ שעף אָדער דירעקטאָר. ער איז געזעסן הינטער אַ שרײַבטיש און האָט איבער זײַנע אויגן־גלעזער געוואָרפֿן קאַלטע און זאַכלעך־מבֿינישע בליקן אויף די קליענטן. בעת מען האָט בײַ זײ בײַם פֿענסטערל צוגענומען געלט, געגעבן אַ רעשט, פֿאַרשריבן, האָבן זײ זיך געהאַלטן ערנסט־באַשײדן, שווײַגנדיק, אַפֿילו אונטערטעניק, ווי ס'איז דער שטײגער פֿון יונגע דײַטשן, וואָס טראָגן איבער דעם דרך־ארץ פֿאַר דער מאַכט און אַמט־הויז אויף יעדן שרײַב־און אַרבעטס־לאָקאַל. ערשט אינדרויסן, אויפֿן וועג צו פֿרישטיק און שפּעטער אין משך פֿון טאָג האָבן זײ געשמועסט וועגן דער אָרדענונג פֿון בערגהאָף־אינסטיטוט. יאָאַכים האָט דערבײַ, מעשה־תּושבֿ און ווײַטער, געענטפֿערט אויף זײַן קוזינס פֿראַגן.

הויפֿראַט בערענס איז לחלוטין נישט דער אײגנטימער און באַלעבאָס פֿון אַנשטאַלט — הגם מ'קאָן באַקומען אַזאַ אײַנדרוק. איבער און הינטער אים שטײען פֿאַרבאַהאַלטענע כּוחות, וואָס מאַניפֿעסטירן זיך ביז אַ געוויסער מאָס אין דער געשטאַלט פֿון דער ביוראָ: אַן אויפֿזיכט־ראַט, אַן אַקציע־געזעלשאַפֿט, צו וועלכער ס'איז גאָרנישט שלעכט צו געהערן. יאָאַכים פֿאַרזיכערט אַז מ'קאָן אים גלייבן, אַז נישט געקוקט דערויף, וואָס די דאָקטוירים נעמען גרויסע פּענסיעס און די ווירטשאַפֿט ווערט געפֿירט לויט די ליבעראַלסטע פּרינציפּן, קאָן מען נאָך יעדעס יאָר צעטײלן פֿעטע דיווידענדעס צווישן די מיטגלידער. דער הויפֿראַט איז, הײסט עס, נישט קײן זעלבשטענדיקער מענטש, ער איז נישט מער, ווי אַן אַגענט, אַ פֿונקציאָנער, אַ קרובֿ פֿון די מאַכטהאָבער, אמת, דער סאַמע ערשטער און וויכטיקסטער, די נשמה פֿון דער אונטערנעמונג. ער האָט אַ דעצידירנדיקן אײַנפֿלוס אויף דער גאַנצער אָרגאַניזאַציע, אַפֿילו אויף דער אינטענדאַנטור, כאָטש ער האָט נישט געדאַרפֿט — ווי דער אָנפֿירנדיקער דאָקטאָר — פֿאַרשטײט זיך, האָבן צו טאָן מיט דער ריין־מסחרישער זײַט פֿון אַנשטאַלט. אַ געבוירענער אין צפֿון־מערבֿ־דײַטשלאַנד — איז ער, ווי מ'האָט געוווּסט, אָנגעקומען אַהער, כאָטש דאָס איז נישט געווען זײַן כּוונה און ציל. אַרויפֿגעקומען איז ער צוליב זײַן פֿרוי, וואָס אירע בײנער ליגן שוין לאַנג אויפֿן בית־עולם אין „דאָרף“. ס'איז דער

ד״ר קראָקאָווסקיס ספּעציעלער אויפנעם־שעה איז אַ גרויס געדרענג...

פאַר דער פּריוואַטער אָרדינאַציע פון אַסיסטענט איז באַשטימט אַ באַזונדער צימער, וואָס ליגט אין דער ליכטיקער מיטערניע פון דער געביידע, דאָרט, וואו ס׳געפינט זיך דער גרויסער אונטערזוכונג־זאַל, די לאַבאָראַטאָריע און דורכשטראַלונג־אַטעליע. מ׳רופט עס מיטערניע, ווייל צוליב די שטיינערנע טרעפּ, וואָס פירן אַהין פון פּאַרטער, קאָן מען באמת מיינען, אַז מ׳גייט אַראָפּ אין אַ קעלער אַריין. אָבער ס׳דאַכט זיך בלויז אַזוי. ווייל קודם־כל איז דער פּאַרטער אַ גאַנץ הויכער, צווייטנס שטייט די געביידע פון בערגהאָף אויף אַ משופּעדיקן גרונט, באַרג־אַרויף, און די פענסטער פון די „קעלערס" גייען אַרויס גלייך אין גאָרטן אַריין אין צום טאָל צו. חוץ דעם ווערט די ווירקונג און דער זין פון די טרעפּ אין אַ געוויסער מאָס בטל. ווייל מ׳מיינט, אַז מ׳גייט פון דער גלייכער ערד אַראָפּ מיט טרעפּ, אָבער פּאַקטיש געפינט מען זיך אונטן נאָר גלייך מיט דער ערד, אָדער בלויז עטלעכע טריט נידעריקער. איינמאָל נאָכמיטאָג האָט האַנס קאַסטאָרפּ אַראָפּבאַגלייט אַהין זיין קוזין, וועלכער איז געגאַנגען זיך וועגן. און דאָס האָט אויף אים געמאַכט אַ קאָמישן איינדרוק. ס׳האָט דאָרטן געהערשט אַ קליניש ליכטיקייט און אַ זויבערקייט. אַלץ איז דאָרטן געווען ווייס, די טירן זיינען געווען ווייס לאַקירט. ווייס איז אויך געווען די טיר, וואָס האָט געפירט אין ד״ר קראָקאָווסקיס אויפנעם־צימער. דעם געלערנטנס וויזיט־קאַרטע איז דאָרט געווען צוגעשלאָגן מיט אַ שטיפט אין פון קאָרידאָר האָבן אַהין אַראָפּגעפירט נאָך צוויי טרעפּ, אַזוי אַז דאָס צימער וואָס הינטער דער טיר האָט געהאַט אַ כאַראַקטער פון אַ קאַמער. זי איז געלעגן רעכטס פון די טרעפּ, אַט־די טיר, ביים סוף קאָרידאָר. בעת האַנס קאַסטאָרפּ האָט געוואַרט אויף יאָאַכימען, האָט ער זיך געדרייט אין קאָרידאָר אַהין־און־צוריק און באַזונדערס געהאַלטן איין אויג אויף אַט־דער טיר. עמעצער איז פון דאָרט אַרויסגעגאַנגען, ס׳איז געווען אַ דאַמע, וואָס איז ערשט נישט לאַנג אָנגעקומען און ער האָט נאָך נישט געוואוסט איר נאָמען — אַ קליינע, אַ באַחנטע, מיט לעקעלעך אַרום שטערן און מיט גאָלדענע

דאָקס, אַ פּראָבלעמאַטישע דערשיינונג. צי ווערט נישט אַמאָל זיין גייסטיק וויסן וועגן אַ קראַנקהייט צוליב זיין אייגענער דערפאַרונג מער צעטומלט און צעמישט, ווי פאַרשטאַרקט און באַרייכערט? ער קאָן נישט אָנקוקן די קראַנקהייט אויג אויף אויג, ווי אַ קענער. ער איז אַליין אויך איבערגענומען און ער איז נישט אויף איין זייט, ווי אַ צד. מיט דער גאַנצער פּאָרזיכטיקייט מוז מען פרעגן: צי קאָן אַ מענטש, וואָס געהער אַליין צו דער וועלט פון קראַנקע, זיין אַזוי פּאַראינטערעסירט אויסצוהיילן און אַפילו בלויז אָפּצוהיטן אַ צווייטן, אַקוראַט אַזוי ווי אַ געזונטער?...

וועגן די דאָזיקע ספקות און איבערטראַכטענישן האָט האַנס קאַסטאָרפּ אויף זיין שטייגער געטראַכט בעת ער האָט געשמועסט מיט יאָאַכימען וועגן „בערגהאָף“ און וועגן דעם אָנפירנדיקן דאָקטאָר. אָבער יאָאַכים האָט דערויף געענטפערט, אַז מ׳ווייסט נישט, צי הויפראַט בערענס איז נאָך אַ פּאַציענט עד־היום. ר׳איז מסתמא שוין אויסגעהיילט פון לאַנג. ס׳איז שוין אַ לאַנגע צייט, זינט ר׳האָט דאָ אָנגעהויבן צו פּראַקטיצירן. אַ שטיקל צייט האָט ער פּראַקטיצירט פּריוואַט פאַר זיך און גיך געקריגן אַ שם פאַר אַ אַאוסקולטאַטאָר מיט אַ שאַרפן געהער און אויך פאַר אַ פלינקן פּנעומאָטאָם. דערנאָך האָט אים דער „בערגהאָף“ אַריינגעקריגן צו זיך און שוין אַ יאָר צען, ווי ער איז מיט אָט־דעם אינסטיטוט אַזוי ענג צוזאַמענגעוואַקסן... דאָרט, הינטן, ביים סוף פון צפון־מערבדיקן פליגל, געפינט זיך זיין וווינונג (נישט ווייט פון אים וווינט ד״ר קראָקאָווסקי). די אַלטע אַדעליקע דאַמע, די שוועסטער־אייבערין, וועגן וועלכער סעטעמברינ׳י האָט גערעדט מיט אַזוי פיל חוזק און וועלכע האַנס קאַסטאָרפּ האָט געזען בלויז פאַריבערגייענדיק, — זי פירט די באַלעבאַטישקייט ביי דעם אַלמן. דער הויפּראַט איז, אַגב, איינער אַליין, ווייל זיין זון שטודירט אין אַ אוניווערסיטעט אין דייטשלאַנד און זיין טאָכטער האָט שוין אַ מאַן — אַן אַדוואָקאַט אין דער פּראַנצויזישער שווייץ. דער יונגער בערענס קומט טיילמאָל צו גאַסט בשעת די פּעריען. זינט יאָאַכים איז דאָ, האָט זיך עס שוין געטראָפן איין מאָל. ער דערציילט, אַז די דאַמען פון דער סאַנאַטאָריע זיינען דעמאָלט שטאַרק צערודערט, זיי קריגן היץ, פון אייפערזוכט קריגט מען זיך אַרום אין די ליג־האַלעס און בעת

טיילמאָל אָנגעשפּאַרט דעם עלנבויגן אויפן טיש און אָנגעלענט דעם קאָפּ אויף דער האַנט, כאָטש ער אַליין האָט עס געהאַלטן פאַר אַ אומטאַקט און פאַר אַ זאַך, וועלכע קאָן נאָר דורכגיין גלאַטיק צווישן אַ פריען עולם קראַנקע. אָבער דאָס אַליין איז געווען געווען פּיינלעך. ס'האָט מער נישט געפעלט אַ כך, ס'זאָלן אים לחלוטין פאַרמיאוסט ווערן די מאָלצייטן, וועלכע ער האָט ביז איצט אַזוי געשעצט צוליב דער געשפּאַנטקייט און אינטערעסאַנטקייט, וואָס זיי ברענגען מיט זיך.

די מעשה איז אָבער געווען די — און האַנס קאַסטאָרפּ האָט עס אויך גאַנץ גענוי געוואוסט — וואָס די בלאַמירנדיקע רגילות, מיט וועלכער ער האָט געקעמפט, האָט זיך נישט גענומען בלויז פון קערפּערלעכע סיבות. ס'זיינען דאָ נישט בלויז שולדיק געווען די היגע לופט און די אָנשטרענגונג ביים אַקלימאַטיזירן זיך. דאָס האָט גיכער אויסגעדריקט אַן אינערלעכע אויפגערעגטקייט און האָט אַן אוממיטלבאַרע שייכות מיט יענער געשפּאַנטקייט און אינטערעסאַנטקייט גופא.

מאַדאַם שאָשאַ האָט זיך כמעט שטענדיק פאַרשפּעטיקט צום טיש. די גאַנצע צייט, ביז זי איז געקומען, פלעגט האַנס קאַסטאָרפּ זיצן און נישט קאָנען אַיינרוען מיט די פיס. ער האָט געוואַרט אויף דעם קנאַק מיט דער גלעזערנער טיר, וואָס איז געווען אַ סימן מובהק, אַז זי קומט. ער האָט שוין פאָרויס געוואוסט, אַז דערביי וועט ער איפּציטערן אין זיין פּנים וועט דערפילן אַ קעלט — אַ זאַך, וואָס איז געשען אָן אויסנאַם. איינאָנהייב פלעגט ער יעדעס מאָל מיט כעס זיך נעמען אומקוקן אין אַלע זייטן און האָט גיט צאָרניקע אויגן באַגלייט די אָפּגעלאָזענע פאַרשפּעטיקטע ביז צו איר פּלאַץ ביים „גוטן רוסן־טיש". ער פלעגט איר אויך נאָכשיקן שטיי־לערהייט און פון צווישן די ציין אַ זידל־וואָרט, אַן איכרוף פון אויפ־געבראַכטער אומצופרידנקייט. איצט האָט ער עס מער נישט געטאָן; ער האָט בלויז טיפער צוגעבויגן דעם קאָפּ צום טעלער און האָט פאַרביסן די ליפּן, אָדער ער האָט אויסגעדרייט דאָס פּנים בכיוון אין אַן אַנדערער זייט. ווייל ר'האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז ס'באַ־פאַלט אים מער נישט אַזוי דער צאָרן און אַז ר'האָט מער נייט

אוירינגלעך. אַרויפֿגייענדיק אויף די טרעפּלעך, האָט זי זיך שטאַרק איינגעבויגן און האָט צוגעהאַלטן דאָס קלייד. מיט דער אַנדערער קליינער האַנט — אַ באַזעצטע מיט רינגלעך — האָט זי צוגעדריקט דאָס טיכל צום מויל. אירע גרויסע, בלאַסע, איבערגעשראָקענע אויגן האָבן אַרויסגעקוקט פֿון איר איינגעבויגענער האַלטונג אין דער ליידיקייט אַרײַן. זי האָט געמאַכט קליינע אײַליקע טריט צו די טרעפּ, איר אונטערקלייד האָט גערוישט, פּלוצלינג איז זי געבליבן שטיין, גלײַך זי וואָלט זיך מיישב געווען וועגן עפּעס, באַלד האָט זי ווידער גענומען אונטערלויפֿן און איז פֿאַרשוואונדן איבער די טרעפּ. די גאַנצע צײַט איז זי געווען אײַנגעבויגן און נישט אַוועקגענומען דאָס טיכל פֿון מויל.

בעת די טיר האָט זיך געעפֿנט, האָט קאַסטאָרפּ באַמערקט, אַז אינעווייניק איז אַ סך טונקעלער, ווי אויפֿן ווײַסן קאָרידאָר. די קלינישע ליכטיקייט דאָ אונטן איז אַפּנים נישט דערגאַנגען ביז אַהין. אין ד״ר קראָקאָווסקיס אַנאַליטישן קאַבינעט האָט געהערשט אַ האַלבליכט פֿון פֿאַרשטעלטע פֿענצטער, אַ בין השמשות.

שמועסן בײַם טיש

בעת די מאָלצײַטן אין פֿאַרביקן עס־זאַל איז האַנס קאַסטאָרפּ עטלעכע מאָל אַרײַנגעפֿאַלן אין אַ פֿאַרלעגנהייט. זינט דעם שפּאַציר זײַנעם, וואָס ער האָט געמאַכט אויף אייגענער אַחריות, פֿלעגט בײַ אים דער קאָפּ ציטערן, ממש ווי בײַם זיידן. גראָד בײַם טיש האָט זיך עס כמעט שטענדיק גענומען איבערחזרן. ס׳איז אוממעגלעך געווען עס אָפּצושטעלן און אויסצובאַהאַלטן. אויף אַ ווײַלע פֿלעגט ער אָנשפּאַרן די גאָמבע, אָבער לאַנג זי האַלטן האָט ער נישט געקאָנט. ער האָט אויסגעזוכט נאָך אַנדערע מיטלען, ווי אַזוי צו פֿאַרמאַסקירן זײַן שוואַכקייט. ער האָט, למשל, געפּרוּווט כּסדר באַוועגן מיטן קאָפּ און צוליב דעם גערעדט אויף רעכטס און אויף לינקס. בעת ער פֿלעגט אויפֿהייבן דעם לעפֿל צום מויל, האָט ער מיטן לינקן אָרעם זיך פֿעסט אָנגעשפּאַרט אין טיש. ער האָט אויך

אַז איר קאָנט נישט יעדעס מאָל אויסדרייען צו איר דעם קאָפּ, גאָט ווייסט, וואָס זי וואָלט זיך אײַנגערעדט, ווען זי באַמערקט דאָס... איצט זאָגט זי אירע שכנים גוט־מאָרגן... גיט פֿונדעסט־וועגן אַ קוק, ס'איז אַ מחיה צוצוקוקן. בעת זי שמייכלט אַזוי און רעדט, ווי איצט, מאַכט זיך איר אַ גריבל אין איין באַק, אָבער נישט שטענדיק, נאָר דעמאָלט, ווען זי וויל. יאָ, דאָס איז אַן אַ צר פֿון אַ פֿרוי, אַ צעפּיעשטשעט באַשעפֿעניש, דערפֿאַר איז זי אַזוי אָפּגעלאָזן. אַזעלכע מענטשן מוז מען ליב האָבן, צי מ'וויל, צי נישט. אויב זיי טוען עמעצן אָן אַ פֿאַרדראָס צוליב זייער אָפּגעלאָזנקייט, שטייסט דער דאָזיקער פֿאַרדראָס נאָך מער דערצו, מ'זאָל זיי ווערן איבערגעגעבן. ס'איז אַזוי גוט, צו האָבן פֿאַרדראָס און דערביי נאָך מוזן ליב האָבן...

אַזוי האָט זי געמורמלט פֿון הינטער דער האַנט אָפּער, אַז קיין אַנדערער זאָל זי נישט קאָנען הערן. די פּוכיק־רויטע פּלעקן, וואָס זיינען דערביי אַרויסגעטרעטן אויף אירע אַלט־מיידלשע באַקן, האָבן דערמאָנט אין איר איבערנאָרמאַלער טעמפּעראַטור. אירע גלוצ־טיקע רעדערייען זיינען, נעבעך, אַריין האַנס קאַסטאָרפּן אין מאַרך פֿון די ביינער. צוליב אַ געוויסער אומזעלבשטענדיקייט האָט ער געקריגן די באַדאַרפֿעניש, אַ דריטער צד זאָל כסדר באַשטעטיקן, אַז מאַדאַם שאָשע איז אַ אַנטציקנדיקע פֿרוי. דער יונגערמאַן האָט אויך געוואָלט, אַז עמעצער פֿונדרויסן זאָל אים טרייבן זיך אָפּצו־געבן מיט די געפֿילן, וועלכע האָבן אָנגעטראָפֿן אין זיין שכל און אין זיין געוויסן אויף מניעות.

אַגב, האָבן זיך אָט־די שמועסן פּראַקטיש אַרויסגעוויזן פֿאַר ווייניק נוצלעך. ווייל פֿרײַלין ענגלהאַרט האָט סוף־כל־סוף ביים בעסטן ווילן נישט געוואוסט צו דערציילן וועגן פֿרוי שאָשאַ אויף קיין האָר מער, ווי יעדער איינער אין דער סאַנאַטאָריע. זי האָט זי נישט געקאָנט, האָט אַפֿילו נישט געקאָנט רימען זיך, אַז זי האָט מיט איר בשותּפֿותדיקע באַקאַנטע. דאָס איינציקע, מיט וועלכן זי האָט געקאָנט אויסנעמען ביי האַנס קאַסטאָרפּן, איז געווען דאָס, וואָס זי איז פֿון קיניגסבערג — נישט אַזוי ווייט, הייסט עס, פֿון דער רוסישער גרענעץ — און קאָן אַריינבראָקן עטלעכע רוסישע ווער־

די פֿולע רעכט זי צו באַשולדיקן. פֿאַרקערט, ער אַליין טראָגט אויך אַ טייל שולד און אַחריות צוליב דעם פֿאַר אַנדערע, בקיצור, ער האָט זיך געשעמט. זאָגן, אַז ר'האָט זיך געשעמט פֿאַר פֿרוי שאָשאַ, וואָלט געווען נישט אינגאַנצן ריכטיק. ער האָט זיך פּשוט פּערזענלעך געשעמט דערמיט פֿאַר מענטשן. פֿאַקטיש, האָט ער זיך עס געקאָנט פֿאַרשפּאָרן, ווייל קיינער אין זאַל האָט נישט געהאַט אין זינען, נישט מאַדאַם שאָשאַס שלעכטע מידה, און נישט האַנס קאַסטאָרפּס בושה. אַן אויסנאַם איז אפשר געווען די לערערין, פֿריילין ענגלהאַרט, וואָס איז געזעסן צו זיין רעכטער האַנט.

אָט דאָס נעבעכדיקע באַשעפֿעניש האָט פֿאַרשטאַנען, אַז צוליב דעם, וואָס האַנס קאַסטאָרפּ קאָן נישט פֿאַרטראָגן קיין קנאַקן מיט דער טיר, איז אַנטשטאַנען אַ געוויסע אַפּעקטלעכע באַציִונג צווישן איר יונגן טיש-שכן און דער רוסין. זי האָט אויך פֿאַרשטאַנען, אַז ס'גייט נישט וועגן דעם, וואָס פֿאַר אַ כאַראַקטער ס'האָט אַזאַ מין באַציִונג, אַבי זי עקסיסטירט נאָר בכלל, און אַפֿילו דאָס האָט זי פֿאַרשטאַנען, אַז זיין געמאַכטע (צוליב מאַנגל אין אַקטיאָרישער געניטקייט און פֿעיִקייטן — שלעכט געמאַכטע) גלייכגילטיקייט שוואַכט נישט אָפּ אָט-די באַציִונג, נאָר פֿאַרשטאַרקט זי און דערסירט זי צו אַ העכערער פֿאַזע. נישט האָבנדיק קיין שום פּרעטענזיע אין האָפֿענונג בנוגע איר אייגענער פּערזאָן — האָט די פֿריילין ענגלהאַרט נישט אויפֿגעהערט כסדר צו שיטן תּהילות ותּשבחות אויף פֿרוי שאָשאַ. דאָס אינטערעסאַנטסטע דערביי איז געווען דאָס, וואָס האַנס קאַסטאָרפּ האָט — אויב נישט באַלד, איז שפּעטער — אינגאַנצן קלאָר דערקאָנט און פֿאַרשטאַנען איר העצערישע ראָל. ס'האָט אים אַפֿילו געעקלט, אָבער דאָס האָט אים, פֿונדעסטוועגן, נישט געשטערט, ער זאָל זיך לאָזן באַאיינפֿלוסן דערפֿון און פֿאַרטומלען.

— טראַך — זאָגט די לערערין — אָט איז זי. מ'דאַרף זיך לחלוטין נישט אומקוקן, כּדי צו וויסן, אַז זי קומט אַריין. פֿאַרשטייט זיך, זי גייט — און ווי רייצנדיק זי גייט! אינגאַנצן, ווי אַ קעצל צו דער פּוטער! ס'וואָלט כּדאַי געווען, מיר זאָלן טוישן די פּלעצער. איר וואָלט דעמאָלט געקאָנט זיך צוקוקן צו איר נישט-געצוואונגען און באַקוועם, ווי איך. איך פֿאַרשטיי גאַנץ גוט,

זי האָט מסתמא נישט קיין חשק און נייט קיין סיבה דערצו יעדן מאַן, וואָס זי גיט אים די האַנט, תיכף צו געבן צו פילן איר געבונדנקייט...

גרויסער גאָט, ווי די לערערין רעדט דאָס אַ ביסל! האַנס קאַסטאָרפּ גיט איר אַ קוק אין פּנים אינגאַנצן דערשראָקן, אָבער זי שפּאַרט איבער זיין בליק מיט אַ מין ווילדער פֿאַרלעגנהייט. דערנאָך שווייגן ביידע אַ ווײלע, כדי זיך אָפּצורוען. האַנס קאַסטאָרפּ עסט און האַלט אַיין דאָס ציטערן פֿון קאָפּ. צום סוף זאָגט ער:

— און דער מאַן? זי גייט אים גאָרנישט אָן? ער קומט קיינמאָל נישט צו איר אַהער? וואָס איז ער, אייגנטלעך?

— אַ באַאַמטער. אַ רוסישער אַדמיניסטראַציע־באַאַמטער אין אַ גאַנץ ווייטער גובערניע, אין דאַגעסטאַן. איר ווייסט, דאָס ליגט ווייט אויף מזרח, הינטער קאַווקאַז. אַהין האָט מען אים געשיקט. ניין, כ'האָב אייך דאָך געזאָגט, אַז ר'איז נאָך דאָ קיינמאָל נישט געווען. דערביי איז זי שוין דאָ ווידער דעם דריטן חודש.

— זי איז, הייסט עס, דאָ נישט צום ערשטן מאָל?

— אָ, ניין, שוין דאָס דריטע מאָל. און אין דער צווישנצייט איז זי געווען ערגעץ אַנדערש, אויך אין אַזאַ מין אַנשטאַלט. פֿאַרקערט זי פֿאָרט צו אים טיילמאָל, אפֿשר איינמאָל אין יאָר אויף אַ שטיקל צייט. זיי לעבן אָפּגעזונדערט, קאָן מען זאָגן, און זי פֿאָרט צו אים אַמאָל צו־גאַסט.

— נו, יאָ, אַז זי איז קראַנק...

— אַוודאי, קראַנק איז זי. אָבער נישט אַזוי ווייט. נישט אַזוי ווייט קראַנק, זי זאָל מוזן כסדר זיצן אין סאַנאַטאָריעס און זיין אָפּגעזונדערט פֿון מאַן. דערין מוזן שוין זיין אַנדערע און טיפֿערע סיבות. דאָ האַלטן אַלע, אַז ס'זיינען דאָ אַנדערע סיבות. אפֿשר וויל זי נישט וואוינען אין דאַגעסטאַן הינטער קאַווקאַז, אין אַזאַ ווילדער, ווייטער געגנט. ס'וואָלט גאָרנישט געווען קיין וואונדער. אָבער אַ ביסל מוז אויך שולדיק זיין דער מאַן, אויב זי האָט נישט קיין חשק צו זיין מיט אים צוזאַמען. ער האָט טאַקע אַ פֿראַנצויזישן נאָמען, אָבער פֿונדעסטוועגן איז ער פֿאָרט אַ רוסישער באַאַמטער. און דאָס

טער. ס׳זיינען גאַנץ קנאַפּע מעלות, אָבער האַנס קאַסטאָרפּ איז גרייט געווען צו זען דערין אַ שטיקל פֿערזענלעכע באַציִונג מיט דער פֿרוי שאָשאַ.

— זי טראָגט נישט קיין רינג — זאָגט ער — איך זע נישט קיין קידושין־רינג. וואָס איז דאָס? איר האָט דאָך מיר געזאָגט, אַז זי האָט אַ מאַן.

די לערערין פֿאַלט אַריין אין אַ פֿאַרלעגנהייט, גלייך זי וואָלט געווען אין אַ קלעם און איז געצוואונגען עפּעס אויסצוזאָגן. אַזוי פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿילט זי זיך בנוגע דער פֿרוי שאָשאַ פֿאַר האַנס קאַסטאָרפֿן.

— דערויף דאַרפֿט איר נישט קוקן — זאָגט זי. — זי האָט זיכער אַ מאַן. דערין איז נישטאָ קיין שום ספֿק. זי רופֿט זיך מאַדאַם נישט בלויז, כּדי זיך צוצוגעבן מער וויכטיקייט, ווי ס׳טוען עס אויסלענדישע פֿרײלינס, ווען זיי ווערן אַ ביסל עלטער. מיר אַלע ווייסן, אַז זי האָט פּאַקטיש אַ מאַן ערגעץ אין רוסלאַנד, דאָס איז דאָ אומעטום באַקאַנט. אַ מיידלשן נאָמען האָט זי אַן אַנדערן, אַ רוסישן און נישט קיין פֿראַנצויזישן, אַ נאָמען, וואָס ענדיקט זיך אויף ־אַנאָוו אָדער ־אוקאָוו. כ׳האָב שוין אַמאָל געוואוסט און ווידער פֿאַרגעסן. אויב איר ווילט, קאָן איך מיך דערוויסן. ס׳זיינען דאָ זיכער פֿאַראַן אַ סך מענטשן, וואָס קענען דעם נאָמען. אַ רינג? ניין, זי טראָגט עס נישט, ס׳איז שוין מיר אַליין אויך געווען אויפֿפֿאַלנדיק. גאָט מיינער, אפֿשר קליידט עס איר נישט, אפֿשר קריגט זי צוליב דעם אַ ברייטע האַנט. קאָן אפֿשר זיין, אַז זי האַלט פֿאַר קליינבירגערלעך צו טראָגן אַ קידושין־רינג, אַזאַ גלאַטע רייף... ס׳וואָלט נאָך געפֿעלט דער בונט שליסלען... ניין, דערויף האָט זי אַ צו־ברייטע נאַטור... איך קאָן דאָס. די רוסישע פֿרויען האָבן אַלע עפּעס אַ פֿרייקייט און אַ ברייטקייט אין זיך. אויסערדעם האָט אַזאַ מין רינג אין זיך עפּעס אָפּשטויסנדיקס און דערמאָנענדיקס. ס׳איז דאָך אַ סימבאָל פֿון אָפּהענגיקייט, מיין איך, אַ רינג גיט צו דער פֿרוי עפּעס פֿון אַ נאָנע, ווי ער וואָלט זאָגן: ריר מיך נישט אָן. ס׳איז מיר גאָרנישט קיין וואונדער, אויב דאָס איז פֿרוי שאָשאַ נישט צום האַרצן... אַזאַ רייצנדיקע פֿרוי אין די בליענדיקסטע יאָרן...

די לערערין איז פּאַקטיש רויט געוואָרן, האָט זיך טיפער צוגעבויגן צו איר טעפּל און האָט אַרויסגעשעפּטשעט פון איר לינקן מויל-ווינקל:

— אָבער ניין, פוי, הער קאַסטאָרפּ! ס'איז נישט שיין פון אײַער זייט, וואָס איר ברענגט מיך אַרײַן אין אַזאַ פאַרלעגנהייט מיט אײַערע אָנצוהערענישן. אַלע דערקאָנען, אַז ס'רעדט זיך דאָ וועגן איר און אַז איר זאָגט מיר זאַכן, פון וועלכע איך מוז רויט ווערן...

ביידע טיש-שכנים האָבן געטריבן אַ מאָדנע שפּיל. ביידע האָבן געוואוסט, אַז זיי לייגן אָן איין ליגן אויפן אַנדערן; אַז האַנס קאַסטאָרפּ רייצט די לערערין מיט פרוי שאָשאַס נאָמען בלויז, כדי צו קאָנען ריידן וועגן איר. דערביי האָט ער אַ אומגעזונטע און אומדירעקטע הנאה געהאַט דערפון, וואָס ער טשעפּעט זיך מיטן אַלטן מיידל. זי פון איר זייט האָט מסכּים געווען דערויף — קודם-כל: צוליב דער ווייבערישער טבע צו שדכענען, צווייטנס, האָט זי זיך, כדי צו געפעלן דעם יונגנמאַן, אַ ביסל פאַרקאָכט אין פרוי שאָשאַ, דריטנס, ווייל זי האָט געהאַט אַ נעבעכדיקע הנאה דערפון, וואָס ער האָט זיך גערייצט מיט איר און זי דערפירט, זי זאָל רויט ווערן. זיי האָבן ביידע געוואוסט סיי וואָס זיי אַליין פילן, סיי וואָס ס'פילט דער אַנדערער צד. זיי האָבן אויך יעדער איינער געוואוסט, אַז דער אַנדערער צד ווייסט. דאָס אַלץ צוזאַמען איז געווען מאָדנע פאַרוויקלט און נישט ריין. האַנס קאַסטאָרפּ האָט בטבע געפילט אַן עקל צו פאַרוויקלטע און נישט-ריינע עסקים. אויך אין דעם פאַל איז עס אים געווען דערווידער. פונדעסטוועגן האָט ער זיך ווייטער געפּאַטשקעט אין דער בלאָטע און זיך באַרויִקט דערמיט, וואָס ר'איז דאָ בלויז צו-גאַסט און וועט בקרוב אַוועקפאָרן. מיט אַ געקינסטלטער זאַכלעכקייט האָט ער מעשה-מבין באַטראַכט די אויסערלעכע זייט פון דער „אָפּגעלאָזענער" פרוי, איז געקומען צום באַשלוס, אַז אַנפאַס זעט זי אויס אַ סך שענער און יינגער, ווי אין פּראָפיל, אַז אירע אויגן זיינען צו-ווייט אָפּגערוקט און אַז איר האַלטונג איז נישט איינגאַנצן, ווי ס'דאַרף צו זיין. דערפאַר, אָבער, זיינען אירע אָרעמס שיין און „ווייך געפאָרעמט". בשעת ר'האָט דאָס געזאָגט, האָט ער זיך גלייכצייטיק באַמיט איינצוהאַלטן דאָס ציטערן

איז אַ רויער שיכט מענטשן, מעגט איר מיר גלייבן. איך האָב אַמאָל געזען אַזאַ איינעם. ער האָט געהאַט אַזאַ אַיין־פּאַרביקע באַקן־באָרד און אַזאַ רויט פּנים... זיי זיינען כאַבאַרניקעס פון דער העכסטער מדרגה און דערצו האָבן זיי אַלע צו טאָן מיט דער וואָדקע, בראָנפן, פאַרשטייט איר... זיי הייסן זיך דערלאַנגען עפּעס אַ קליי־ניקייט צום עסן בלויז פאַר יוצא־וועגן, אַ פּאָר מאַרינירטע שוואָמען אָדער אַ שטיקל פיש. דערצו טרינקט מען צי — ממש אָן אַ שיעור. דאָס הייסט ביי זיי אַן איבערביים...

— איר לייגט אַלץ אַרויף אויף אים — זאָגט האַנס קאַסטאָרפּ. — מ'ווייסט דאָך נאָך אָבער נישט, אפשר איז זי שולדיק דערין, וואָס זיי לעבן נישט גוט צווישן זיך. מ'דאַרף זיין גערעכט.

ווען איך קוק זי אָן און איר שלעכטע מידה צו קלאַפּן מיט דער טיר... איך האַלט זי נישט פאַר קיין מלאך, האָט נישט אויף מיר קיין פאַראיבל; איך האָב צו איר אַ קנאַפּן צוטרוי. אָבער איר זענט נישט אומפּאַרטייאיש. איר זענט פאַרבלענדט אין איר...

אַזוי פלעגט ער עס טיילמאָל אַוועקשטעלן. מיט אַ דורכגעטריבנקייט, וואָס איז אים אייגנטלעך בטבע פרעמד געווען, האָט ער עס אַוועקגעשטעלט אַזוי, גלייך ווי פריילין ענגלהאַרטס ליב־ווערטער פאַר פרוי שאָשאַ זאָלן נישט האָבן די אמתע באַדייטונג, פון וועלכער ער האָט גאַנץ גוט געוואוסט, נאָר גלייך אירע ליבווערטער זאָלן זיין אַ זעלבשטענדיקער, קאָמישער פאַקט , מיט וועלכן ער, דער אומאָפּהענגיקער האַנס קאַסטאָרפּ, רייצט זיך קאַלט און חוזקדיק מיט דעם אַלטן מיידל. אַזוי ווי ער האָט געוואוסט, אַז זיין אונטערהעלפערין וועט איינגיין אויף אָט־דער דרייסטער פאַרדרייונג און אַז ס'וועט איר געפעלן, האָט ער דאָ, ממילא גאָרנישט דיזיקירט.

— גוט־מאָרגן — זאָגט ער — איר זענט גוט געשלאָפן? איך האָף, אַז איר האָט געחלומט וועגן אייער שיינער מינקאַ?... זעט נאָר, ווי רויט איר ווערט תיכף, ווען מ'דערמאָנט נאָר איר נאָמען! איר זענט אינגאַנצן פאַרקאָכט אין איר, פרווט עס מיר נישט אָפּלייקענען!

יאָ, די מאָלצייטן אין זאַל מיט די זיבן טישן האָבן דעם גרעסטן חן אין האַנס קאַסטאָרפּס אויגן. ער באַדויערט, בעת אַ מאָלצייט ענדיקט זיך און טרייסט זיך דערמיט, וואָס גאָר באַלד, אין אַ צוויי אָדער דריטהאַלבן שעה אַרום, וועט ער ווידער דאָ זיצן. און ווען ער זיצט דאָ, פילט ער זיך אַזוי, גלייך ווי ער וואָלט גאָר נישט געווען אויפגעשטאַנען פון אָרט. וואָס איז צווישן איין מאָלצייט און דער אַנדערער? גאָרנישט. אַ קורצער שפּאַציר צום וואַסערל אָדער אין ענגלישן קוואַרטאַל, אַ ביסל רו אויף דער ליג-שטול. דאָס איז נישט קיין ערנסטער איבעררייס אָדער אַ מניעה, וועלכע מ'דאַרף נעמען ערנסט. עפּעס אַנדערש וואָלט געווען, ווען צווישן דעם וואָלט אָנגעטאָן געוואָרן עפּעס אַן אַרבעט, אַ זאָרג אָדער אַ באַמיונג, וועלכע ס'איז אוממעגלעך גייסטיק צו איגנאָרירן און אַריבערצוגיין דעריבער. אָבער דאָס טרעפט זיך נישט אין דעם קלוג-און גליקלעך-איינגעאָרדנטן לעבן פון „בערגהאָף“. אויפשטייענדיק פון איין בשותּפותדיקער מאָלצייט, האָט האַנס קאַסטאָרפּ געקאָנט שוין קוויקן זיך מיט דער צווייטער. אַ פראַגע איז בלויז, צי דאָס וואָרט „קוויקן זיך“ פּאַסט פאַר דער געשפּאַנטקייט, מיט וועלכער ער האָט אויסגעקוקט דאָס צונויפטרעפן זיך מיט דער קראַנקער פרוי קלאַוודיאַ שאָשאַ; צי דאָס וואָרט איז נישט אַמאָל צו לייכט, הנאהדיק, תמימותדיק און געוויינלעך. ס'קאָן זיין, אַז דער לייענער איז גראָד יאָ גענייגט צו האַלטן אַזעלכע הנאהדיקע און געוויינלעכע אויסדריקן פאַר פּאַסיק בנוגע האַנס קאַסטאָרפּס פּערזאָן און זיין אינערלעך לעבן. אָבער מיר דערמאָנען דערין, אַז האַנס קאַסטאָרפּ — אַ יונגערמאַן מיט שכל און געוויסן — האָט זיך בשום אופן נישט געקאָנט גאַנץ פּשוט „קוויקן“, אָנקוקנדיק פרוי שאָשאַ. מיר מוזן עס וויסן, און שטעלן עס פעסט, אַז ווען מ'וואָלט אים פאָרגעלייגט אַזאַ וואָרט, וואָלט ער עס מיט אַ צי פון די אַקסלען אָפּגעוואָרפן.

יאָ, ער פלעגט פאַררייסן די נאָז לגבי געוויסע אויסדריקן — עס איז אַ פּרט, וועלכן ס'איז כדאי צו דערמאָנען. ער האָט זיך אַרומגעדרייט מיט טרוקענער היץ אין די באַקן און צוגעזונגען, אין זיך אַריינגעזונגען. ווייל ער איז איצט געווען מוזיקאַליש און סענסיטיוו.

פון קאָפּ. דערביי האָט ער נישט בלויז דערקאָנט, אַז די לערערין זעט זיין אומזיסטע אָנשטרענגונג, נאָר האָט אַפילו מיט דעם גרעסטן פאַרדראָס באַמערקט, אַז ביי איר אַליין ציטערט אין דער קאָפּ. דאָס, וואָס ער האָט די פרוי שאָשאַ אָנגערופן די „שיינע מינקאַ", איז נישט געווען מער, ווי אַ פּאָליטיש שפּיצל. ממילא האָט ער ווייטער געקאָנט זאָגן:

— איך רוף זי „מינקאַ". אָבער ווי הייסט זי, אייגנטלעך, באמת? כ'מיין דעם פאָרנאָמען. לויט דעם, ווי איר זענט פאַרקאָכט אין איר, וואָלט איר דאָך כאָטש געדאַרפט וויסן איר נאָמען.

די לערערין האָט זיך פאַרטראַכט.

— וואַרט נאָר, כ'ווייס — זאָגט זי. — כ'האָב אים געוואוסט. הייסט זי נישט אַמאָל טאַטיאַנאַ? ניין, נישט דאָס, אויך נישט נאַטאַשאַ. נאַטאַשאַ שאָשאַ? ניין, אַזוי האָב איך עס נישט געהערט. וואַרט, כ'ווייס שוין! אַוודאָטיאַ הייסט זי. אָדער עפּעס פון דעם מין. ווייל קאַטיענקאַ אָדער נינאָטשקאַ הייסט זי זיכער נישט. ס'איז מיר, באמת, אַרויס פון קאָפּ. אָבער כ'קאָן עס לייכט געוואָר ווערן, אויב ס'גייט אייך אין דעם.

צומאָרגנס האָט זי פאַקטיש שוין געוואוסט דעם נאָמען. זי האָט אים אַרויסגעזאָגט בעתן מיטאָג, בשעת די גלעזערנע טיר האָט אַ זעץ געטאָן. פרוי שאָשאַ הייסט קלאַוודיאַ, קלאַוודיאַ שאָשאַ.

האַנס קאַסטאָרפּ האָט עס תיכף נישט פאַרשטאַנען. ער האָט געמוזט לאָזן דעם נאָמען איבערחזרן, איבערעכענען די אותיות, ביז ער האָט אים סוף־כל־סוף פאַרשטאַנען. דערנאָך האָט ער אים עטלעכע מאָל איבערגעזאָגט. דערביי האָט ער אַריבערגעקוקט צו פרוי שאָשאַ מיט רויט־אָנגעלאָפענע אויגן און אים, ווי אָנגעמאָכטן איר.

— קלאַוודיאַ — זאָגט ער. — אַזוי דאַרף זי טאַקע הייסן, ס'שטימט גאַנץ גוט. ער מאַכט אַפילו נישט קיין סוד פון זיין הנאה, וואָס ער איז געוואָר געוואָרן אַזאַ אינטימע זאַך און פון איצט אָן זאָגט ער „קלאַוודיאַ" אָנשטאָט „פרוי שאָשאַ". אַייער קלאַוודיאַ מאַכט ברויט־קייקעלעך, האָב איך געזען. פיין איז עס נישט. — ס'ווענדט זיך, ווער עס ט'וט דאָס — ענטפערט די לערערין. — קלאַוודיען פאַסט עס.

קלאַפּט עקשנותדיק און האַסטיק, זיין האַרץ, ווי אַלעמאָל זינט ער איז דאָ אויבן. אָבער האַנס קאַסטאָרפּ האָט זיך איצט ווייניקער געמאַכט דערפון, ווי אין די ערשטע טעג. מ'האָט איצט מער נישט געקאָנט זאָגן, אַז עס קלאַפּט אָן שום סיבה, אויף דער אייגענער אַחריות און אָן אַ צוזאַמענהאַנג מיט דער נשמה. אַזאַ צוזאַמענהאַנג האָט עקסיסטירט, מ'האָט אים אַלנפאַלס לייכט געקאָנט באַשאַפן. די אויפרעגונג פון געמיט האָט פּשוט געקאָנט באַרעכטיקן די עקזאַלטירטע קערפּערלעכע אויפרעגונג. ס'איז גענוג געווען, האַנס קאַסטאָרפּ זאָל אַ קלער טאָן וועגן פרוי שאָשאַ — און ער האָט אָפט געטראַכט וועגן איר — אַז דאָס האַרץ זאָל אָנהייבן קלאַפּן און צוזאַמען דערמיט זאָל אָנקומען דאָס צוגעהעריקע געפיל.

שטיינדיקע שרעק. וועגן ביידע זיידעס און וועגן דער נסיעה מיט אַ שיפל אין בין־השמשות.

דאָס וועטער איז געווען פּאַסקודנע — בנוגע דעם האָט האַנס קאַסטאָרפּ נישט געהאַט קיין מזל בשעת זיין אייליקן באַזוך אין אָט־דער געגנט. געשנייט האָט אַפילו נישט, אָבער טעג לאַנג האָט גערעגנט שווער און מיאוס, דאָס טאָל איז פול געווען מיט געדיכטע נעפּלען. דערצו זיינען נאָך געווען שטורמען אינגאַנצן איבעריקע — ס'איז אָן זיי אויך געווען גענוג קאַלט אַזוי, אַז מ'האָט אַפילו געהייצט אין עס־זאַל — שטורמען, וועלכע האָבן זיך אויסגעלאָדן מיט אַ ברייטלעך־קייקלענדיקן עכאָ.

— אַ שאָד — האָט יאָאַכים געזאָגט — אַבי איך האָב געקלערט, אַז מיר וועלן קענען אויך אַמאָל אויף אַ פרישטיק אַרויף אויף דעם שאַצאַלפּ אָדער מאַכן עפּעס אַן אַנדערן שפּאַציר. דאַכט זיך, אַז ס'וועט גאָרנישט ווערן דערפון. לאָמיר האָפן, אַז דיין לעצטע וואָך וועט זיין אַ בעסערע.

אָבער האַנס קאַסטאָרפּ האָט געענטפערט:

ער האָט אונטערגעברומט אַ לידל, וואָס ער האָט געהערט זינגען אַ קליינע סאָפּראַן־שטים, אײן גאָט ווייסט וואו, ביי עמעצן צו גאַסט, אָדער ערגעץ אויף אַ פילאַנטראָפּישן קאָנצערט. איצט האָט ער זיך דערמאָנט דערין — אַ נאַריש און ליב שטיקל, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן:

ווי עס רירט מיך וואונדערלעך
אָפט אַ וואָרט פון דיר

און ער האָט אַפילו געוואָלט ציגעבן פון זיך אַליין:

וואָס פון דיינע ליפּן קומט
גלייך אין האַרץ צו מיר.

אָבער פּלוצלונג האָט ער אַ צי געטאָן מיט די אַקסלען. לעכערלעך — האָט ער אַ זאָג געטאָן, היפּש אַ טראַכט געטאָן וועגן דעם צאַרטן לידל, אַז ס'איז נאַריש, געשמאַקלאָז סענטימענטאַל און עס אָפּגעוואָרפן — אָפּגעוואָרפן פון זיך מיט אַ געוויסער מרה־שחורה און שטרענגקייט. אַזעלכע לידלעך טויגן און קאָנען געפעלן אַ יונגנמאַן, וועלכער האָט „זיין האַרץ", ווי מ'פלעגט זאָגן, אויף אַ לעגאַלן, פרידלעכן און פערספּעקטיוו־רייכן אופן „געשאָנקען" עמעצן אַ געזונט געגול אין טאָל, און ס'איז אים געבליבן זיין לעגאַלע, פערספּעקטיוו־רייכע, שכלדיקע הנאה. פאַר אים און פאַר זיין באַציונג צו מאַדאַם שאָשאַ — דאָס וואָרט „באַציונג" גייט אויף זיין חשבון, מיר נעמען נישט די אַחריות דערפאַר — פּאַסט לחלוטין נישט אַזאַ לידל. ליגנדיק אויף זיין שטול, האָט ער געפילט די באַדערפעניש אַרויסצוגעבן אויף אָט־דעם לידל די עסטעטישע באַצייכענונג „נאַריש". אינדערמיט האָט ער אָפּגעהאַקט און פאַרצויגן די נאָז, כאָטש ער האָט נישט אויסגעפונען קיין שום פּאַסיקערן לידל.

בלויז איין זאַך האָט אים הנאה געטאָן, בעת ער איז דאָ געלעגן: דאָס צוהערן זיך צו זיין האַרץ, דאָס קערפּערלעכע האַרץ, וואָס האָט גיך און בולט געקלאַפּט אין דער שטילקייט — אין דער פאָרשריפטלעכער שטילקייט, וואָס האָט געהערשט אין גאַנצן „בערגהאָף" בעת דער הויפּט־ און שלאָף־ליג־קוראַציע. עס האָט גע-

מיר זאָגן „אומגעצוימט“, ווייל קאַסטאָרפּ האָט געהאַט דאָס פולע קלאָרע באַוואוסטזיין, אַז זיין געפיל איז קעגן דעם שכל. אָבער מיט וועמען עס האַלט, אָדער עס הייבט=אָן צו האַלטן אַזוי, ווי מיט קאַסטאָרפן, יענער וויל, אַז דער צווייטער צד זאָל וויסן דערפון, מעג די זאַך נישט האָבן קיין שום זין און זיין קעגן שכל. אַזוי איז דער מענטש.

אַ צוויי אָדער דריי מאָל האָט פרוי שאָשאַ צוליב אַ צופאַל אָדער אונטער דער מאַגנעטישער ווירקונג זיך אומגעקוקט צו יענעם טיש און יעדעס מאָל האָט זי דאָרטן באַגעגנט האַנס קאַסטאָרפס בליק. צום פערטן מאָל האָט זי שוין אַ קוק געטאָן אַהין בכוונה און ווידער זיך באַגעגנט מיט זיינע אויגן. דאָס פינפטע מאָל האָט זי אים נישט דירעקט געכאַפּט דערביי. ער איז גראָד נישט געווען אויף דער וואַך. אָבער ער האָט תיכף דערפילט, אַז זי קוקט אויף אים און ער האָט מיט ברען גענומען צוריקקוקן צו איר, אַזוי, אַז זי האָט אַוועקגעדרייט דאָס פנים מיט אַ שמייכל. דער דאָזיקער שמייכל האָט אים אָנגעפילט מיט חשד און אַנטציקונג. אויב זי האַלט אים פאַר קינדיש, האָט זי אַ טעות. זיין באַדערפעניש אַליין אין לעבן צו פאַרפיינערן איז געווען שטאַרק. ביים זעקסטן מאָל, ווען ער האָט געאַנט, דערשפירט, געקריגן אַ אינערלעך געפיל, אַז זי קוקט אויף אים, האָט ער געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער באַטראַכט דורכדרינגלעך און מיט ביטול אַ פרוי מיט קרעצלעך אין פנים, וואָס איז גראָד צוגעגאַנגען צו זיין טיש, כדי צו ריידן מיט דער עלטער=מומע. ער האָט עס אויסגעהאַלטן מיט אַן אייזערנער עקשנות אַ מינוט צוויי אָדער דריי, ביז ער איז זיכער געווען, אַז די קירגיזישע אויגן האָבן אים אויפגעהערט דורכנעמען. די דאָזיקע שפּיל האָט די פרוי שאָשאַ נישט בלויז געקאָנט פאַרשטיין, נאָר ער האָט אַפילו געוואָלט, זי זאָל עס פאַרשטיין און זיך פאַרטראַכטן וועגן זיין סובטעלקייט און באַהערשונג... ס'איז איינמאָל דערגאַנגען צו אַזאַ זאַך: בעת אַ פויזע ביים עסן האָט זיך פרוי שאָשאַ פויל אויסגעדרייט און זיך אומגעקוקט איבערן זאַל. קאַסטאָרפּ איז גראָד געווען אויף דער וואַך. זייערע בליקן האָבן זיך צונויפ=

— לאָז אָפּ, איך בּרען גאָרנישט אַזוי נאָך קיין ווייטע שפּאַצירן. מיין ערשטער איז מיר נישט איבּעריק געראָטן. איך פאַריכט זיך צום בּעסטן, ווען איך לעבּ אַזוי אין טאָג אַריין, אָן אַן אָפּבּייט. אַן אָפּבּייט דאַרפן האָבּן די שטענדיקע דאָ. איך מיט מיינע דריי וואָכן, — צו־וואָס דאַרף איך עס האָבּן?

און בּאמת, ער האָט זיך געשפּירט אויסגעפילט און גענוג פאַרנומען דאָ אויפן אָרט. אויבּ ער האָט אַ האָפענונג אויף עפּעס, קאָן ער וואַרטן אויף דערפילונג אָדער אַנטטוישונג דאָ און נישט ערגעץ אויפן שאַצאַלפּ. נישט קיין לאַנגווייליקייט האָט אים געפּלאָגט. פאַרקערט, ער האָט אָנגעהויבּן מורא האָבּן, אַז דער סוף פון זיין זיצן דאָ זאָל נישט אַ קום טאָן אומגעריכט גיך. ס'איז שוין געווען די צווייטע וואָך, בּאַלד וועלן זיך ענדיקן צוויי דריטל פון זיין צייט. תּיכּף, ווי ס'וועט זיך אָנהייבּן די דריטע, וועט מען שוין מוזן אַ טראַכט טאָן וועגן פּאַקן זיך. די ערשטע אָפּפרישונג פון האַנס קאַסטאָרפּס חוש פאַר דער צייט איז שוין לאַנג פאַרבּיי. שוין איצט האָבּן די טעג אָנגעהויבּן יאָגן, נישט געקוקט דערויף, וואָס יעדער איינציקער פון זיי איז אויסגעצויגן געוואָרן פון אַלץ נייער דערוואַרטונג און איז איבּערגעפלאָסן פון שטילע, פאַרשוויגענע געפילן... יאָ, די צייט איז אַ משונהדיקע זאַך, ס'איז זייער שווער צו דערגיין מיט איר צו אַ טאָלק!

צי איז נייטיק נעענטער צו בּאַצייכענען יענע פאַרשוויגענע געפילן, וועלכע האָבּן סיי בּאַשווערט, סיי בּאַפליגלט האַנס קאַסטאָרפּס טעג? זיי זיינען יעדן בּאַקאַנט. עס זיינען געווען די סאַמע געוויינלעכסטע אין זייער סענסיבּלער נישטיקייט. אַפילו ווען דער פאַל וואָלט געווען אַ מער שכלדיקער און געהאַט בּעסערע פּערספּעקטיוון, אַזוי אַז מ'וואָלט געקאָנט אָנווענדן אויף אים דאָס נישט־געשמאַקע לידל „ווי עס רירט מיך וואונדערלעך" — אַפילו דעמאָלט וואָלטן די געפילן אויך נישט געווען קיין אַנדערע.

ס'איז אוממעגלעך, אַז די מאַדאַם שאָשאַ זאָל נישט האָבּן ווי־ס'איז בּאַמערקט די פעדים, וואָס ציען זיך פון איינעם אַ טיש צו איר. האַנס קאַסטאָרפּ האָט אַפילו בּפירוש און אומגעצוימט געשטרעבּט דערצו, אַז זי זאָל עפּעס און טאַקע וואָס מער בּאַמערקן.

זוען דער מאַנסביל מיט דער איינגעפאַלענער ברוסט, די פרײלעכע וואָל־האָריקע פרוי, דער שטילער ד״ר בלומענקויל און די בתירים מיט די אַראָפּהענגענדיקע אַקסלען. זיי זיינען געזעסן אין הינטערגרונד פון קליינעם סאַלאָן, וואָס איז, אַפנים, געווען באַשטימט פאַרן „גוטן רוסן־טיש“. יאָאַכים האָט אויך כסדר געיאָגט, מ׳זאָל אַהיימגיין, כדי נישט צו פאַרקירצן די אָוונטלעכע ליג־קוראַציע, ווי ר׳האָט געזאָגט. אפשר האָט ער געהאַט אַנדערע דיעטעטישע סיבות, וועלכע ער האָט נישט אָנגעגעבן, אָבער קאַסטאָרפּ האָט זיי געאַנט און האָט זיי געשעצט. מיר האָבן אים פאָרגעוואָרפן אומגעצוימטקייט. אָבער וואָס ער האָט אַליין נישט געקענט וועלן — אַ פאַקט איז, אַז צו דער געזעלשאַפטלעכער באַקאַנטשאַפט מיט פרוי שאָשאַ האָט ער זיך נישט געיאָגט און אין גרונד איז ער מסכים געווען מיט די מניעות, וואָס האָבן נישט צוגעלאָזט דערצו. די אומבאַשטימטע, געשפּאַנטע באַציִונגען, וועלכע האָבן זיך געשאַפן צוליב זיין קוקן צווישן אים און דער רוסין, זיינען געווען אויסער־געזעלשאַפטלעכע. זיי האָבן צו גאָרנישט מחייב געווען און נישט געקאָנט מחייב זיין. ווייל אין זייער באַציִונג איז געווען אַ היפּשע מאָס פון געזעלשאַפטלעכער אָפּגעזונדערטקייט, אַלנפאַלס פון זיין זייט. דער פאַקט, אַז דאָס קלאַפּן פון זיין האַרץ ווערט אויסגעמײַטשט צוליב זיינע געדאַנקען וועגן קלאַודיען, איז נאָך ווייט נישט גענוג געווען, אַז האַנס לאָרענץ קאַסטאָרפּס אייניקל זאָל ווערן וואַקלדיק אין דער איבערצייגונג, אַז ס׳איז נישטא פאַראַן קיין שום שייכות צווישן אים און דער פרעמדער, וועלכע לעבט נישט מיטן מאַן, טראָגט נישט קיין קידושין־רינג, פאַרברענגט אין פרעמדע קורערטער, האַלט זיך שלעכט, זעצט מיט די טירן, דרייט ברויט־קײַלעכלעך און בייסט אָן ספק די נעגל; קיין שום שייכות אין דער ווירקלעכקייט, ס׳הייסט איבער יענע פאַרבאָרגענע באַציִונגען; אַ טיפער תהום שיידט אָפּ אים פון איר און אַזאַ שייכות וואָלט נישט אויסגעהאַלטן קיין שום קריטיק, וועלכע ווערט פון אים אָנערקענט. פערזענלעך איז האַנס קאַסטאָרפּ נישט געווען קיין בעל־גאווה, אָבער איפן שטערן און אַרום די שלעפעריקע אויגן איז אים געשטאַנען אָנגעשריבן אַ אַלגעמיינער, פון דורות געירשנטער שטאָלץ, פון וועלכן ער האָט נישט

געטראָפן. בשעת זיי האָבן זיך אָנגעקוקט, זי — אומבאַטײַטשט פאַרשנדיק און מיט חוזק, האַנס קאַסטאָרפּ — מיט אויפגערעגטער עקשנות (ער האָט אַפילו פאַרביסן די ציין, בשעת ר'האָט אויסגעהאַלטן איר בליק) — איז גראָד איר סערוועט אַראָפּגעפאַלן, אָדער שיִער נישט אַראָפּגעפאַלן פון איר שויס אויף דער ערד. זי האָט אָנגעכאַפּט דעם סערוועט מיט אַ נערוועזן ציטער. אָבער אויך איבער אים איז אַדורך אַ ציטער. ער האָט זיך אַ ריס געטאָן פון דער שטול און ער האָט בלינד געוואָלט אַ לויף טאָן אַכט מעטער איבערן זאַל אַרום אַ טיש, וואָס איז געשטאַנען אינמיטן, כּדי זיך אַ וואָרף צו טאָן איר העלפן, אַ שטייגער, ווי ס'וואָלט געווען אַ קאַטאַסטראָפע, ווען דער סערוועט זאָל אַראָפּפאַלן... האַרט איבערן דיל האָט זי אים נאָך דערכאַפּט. אַן איינגעבויגענע, האַלטנדיק דעם סערוועט ביים עק, מיט אַ פינסטערער מינע, בייז, אַפּנים, צוליב דער נאַרישער, קליינער פּאַניק, וואָס זי האָט אַרויסגערופן און אין וועלכער זי האָט, דאַכט זיך, באַשולדיקט קאַסטאָרפּן — האָט זי נאָך איינמאָל אויף אים אַ קוק געטאָן, באַמערקט, ווי ער שפּרינגט אויף, געזען זײַנע פאַרריסענע ברעמען און זיך אויסגעדרייט מיט אַ שמייכל.

צוליב דער דאָזיקער געשעעניש האָט האַנס קאַסטאָרפּ טריומפירט ביז צו צעלאָזנקייט. אָבער זי האָט זיך נוקם געווען. גאַנצע צוויי טעג לאַנג, אין משך פון צען מאָלצייטן, האָט זיך מאַדאַם שאָשאַ בכלל נישט אויסגעדרייט צום זאַל, זי האָט אַפילו אויף דער צייט אויפגעהערט, אַרײַנקומענדיק, זיך צו „פּרעזענטירן" פאַרן עולם, ווי ס'איז געווען איר שטייגער. דאָס איז געווען אַן האַרבע שטראָף. אָבער היות זי האָט דערמיט אָן שום־ספק געמיינט צו טרעפן אים, הייסט עס, אַז אַ באַציִונג איז דאָך שוין בולט געווען, כאָטש אין אַ נעגאַטיווער פאָרם. דאָס איז גענוג געווען.

ער זעט אײַן, אַז יאָאַכים איז גערעכט געווען: ס'איז דאָ גאָרנישט לייכט צו שליסן קאָנטשאַפט, סיידן מיט די טיש־שכנים. ווייל די איינציקע קנאַפּע שעה, נאָך מיטאָג, אין וועלכער ס'איז רעגולער פאָרגעקומען אַ מין געזעלשאַפטלעכער צונויפקום (פּאַקטיש האָט עס אָפט געדויערט נישט מער, ווי אַ צוואַנציק מינוט), איז מאַדאַם שאָשאַ אָן אויסנאַם געזעסן אין איר סביבה. ס'איז דאָ גע־

און אינהאַלט פֿון אַ פֿרוי דאָ אויבן. ער האָט אָנגעהויבן אינגאַנצן צו לעבן דערמיט און זיין שטימונג בכלל האָט גענומען אָפּהענגיק ווערן פֿון זייער אויסוואוקס. אַליין אַרום האָט אויפֿן בעסטן אופֿן צוגעדינט צו דער אַנטוויקלונג דערפֿון. מ'האָט געלעבט צוזאַמען אויף אַ באַגרענעצטן שטח, לויט אַ פֿעסטער טאָג-אָרדענונג, וואָס איז חל געווען אויף יעדן איינעם. פֿרוי שאָשאַ האָט אַפֿילו געוואוינט אויף אַן אַנדער שטאָק, אויפֿן ערשטן (אַגב, האָט זי געמאַכט איר ליגקוראַציע, ווי האַנס קאַסטאָרפּ האָט געהערט פֿון דער לערערין, אין אַן אַלגעמיינער ליג-האַלע, אויפֿן דאַך, דאָרטן, וואו דער הויפּטמאַן מיקלאָזיך האָט לעצטנס אַראָפּגעדרייט דאָס ליכט), פֿונדעסטוועגן האָט מען פֿון אינדערפֿרי ביז ביינאַכט, סיי ביי די פֿינף מאָלציטן און אַזוי אויך אויף טריט און שריט, געקאָנט און אַפֿילו געמוזט באַגעגענען זיך. דאָס איז שטאַרק געפֿעלן האַנס קאַסטאָרפּן, פּונקט ווי דאָס, וואָס קיין שום מי און זאָרגן האָבן נישט פֿאַרשטערט די האָפֿענונג. כאָטש, צוריקגעשמועסט, האָט אַזאַ מין פֿאַרשפּאַרט-זיין מיט דעם נישט זיכערן גליק אין זיך עפּעס פּיינלעכס.

פֿונדעסטוועגן האָט ער נאָך אַ ביסל צוגעהאָלפֿן צו דער זאַך, האָט געמאַכט חשבונות און אַריינגעלייגט קאָפּ דערין, צוצוהעלפֿן אַ ביסל דעם מזל. פֿרוי שאָשאַ האָט אַ מנהג, אַז זי פֿאַרשפּעטיקט זיך צום טיש — האָט ער זיך גענומען אָנשטרענגען אויך צו קומען שפּעט, כּדי זיך צו טרעפֿן מיט איר אויפֿן וועג. ער האָט לענגער געפּאָרעט זיך ביי זיין טואַלעט. וויפֿל מאָל דער קוזין פֿלעגט קומען נאָך אים, איז ער קיינמאָל נישט געווען גרייט, געלאָזט יענעם אַליין גיין און געזאָגט, אַז ער וועט באַלד קומען. לויט דער אָנווייזונג פֿון דער אינטויציע האָט ער אָפּגעוואַרט ביז אַ געוויסן מאָמענט, וועלכער האָט אים אויסגעוויזן צו זיין דער ריכטיקער, און איז אינדערגיך אַראָפּ אויפֿן ערשטן שטאָק. פֿון דאָרטן אָן איז ער נישט געגאַנגען ווייטער מיט די טרעפּ, מיט וועלכע ר'איז אַראָפּגעגאַנגען, נאָר איז אַדורך כּמעט דעם גאַנצן קאָרידאָר און איז אַרויס אויף אַנדערע טרעפּ, וועלכע זיינען געלעגן נאָענט צו אַ לאַנג-באַקאַנטער טיר — נומער 7. אויף דעם דאָזיקן וועג — לענג-אויס דעם קאָרידאָר, פֿון די ערשטע טרעפּ צו די אַנדערע —

געוואָלט און זיך נישט געקאָנט באַפרייען צוניפּטרעפנדיק זיך מיט פרוי שאָשאַ און איר גאַנצער פּירוגג. מאָרגנס, באַזונדערס לעבעדיק און אפשר בכלל צום ערשטן מאָל, איז ער געקומען צום באַוואוסטזיין, אַז אַזאַ שטאָלץ עקסיסטירט אין אים, בעת ער האָט אין איינעם אַ טאָג געהערט פרוי שאָשאַ ריידן דייטש. זי איז געשטאַנען אין זאַל, מיט ביידע הענט אין די קעשענעס פון איר סוועטער. ס'איז געווען נאָך אַ מאָלצייט. פאַרבייגייענדיק, האָט האַנס קאַסטאָרפּ דערהערט, ווי זי מיט זיך אין אַ שמועס מיט אַ פּאַציענטין, אַפּנים, אַ שכנטע פון דער ליג-האַלע, איך אַ ספּעציעל-באַחנטן אופן צו ריידן דייטש, האַנס קאַסטאָרפּס מוטער-שפּראַך. ער האָט עס דערפילט מיט אַ פּלוצלונגן און אומבאַקאַנטן שטאָלץ, כאָטש ער האָט גלייכצייטיק דערשפּירט אַ נייגונג, מקריב צו זיין דעם דאָזיקן שטאָלץ פאַר דער אַנטציקונג, מיט וועלכער ר'איז פיל גע-וואָרן, בעת ער האָט געהערט, ווי זי צעברעכט אין מאַכט קאַליע אַ לשון אויף איר באַחנטן שטייגער.

בקיצור, האַנס קאַסטאָרפּ האָט אין זיין שטילער באַציִונג צו דער אָפּגעלאָזענער פרוי דאָ אויבן געזען אַ מין וואַקאַציע- באַגע-געניש, וואָס ווען אינם טריבונאַל פון שכל — כּון זיין אייגן שכלדיק געוויסן — נישט אָנטרעפן אויף דער מינדסטער הסכמה. קודם-כל דערפאַר, ווייל פרוי שאָשאַ איז אַ קראַנקע, אַן אָפּגעלאָזענע, מיט היץ און אינערלעך דורכגעפוילט. דער דאָזיקער פאַקט האָט אַ נאָענטע שייכות דערמיט, וואָס זי איז בכלל אַ פאַרדעכטיקע פאַר-שוינטע. און דאָס האָט אויך אין אַ געוויסער מאָס גורם געווען ביי האַנס קאַסטאָרפּן אַ געפיל פאַר פאָרזיכטיקייט און דיסטאַנץ. ניין, ס'איז אים אַפילו נישט איינגעפאַלן צו פּרוון באַקענען זיך מיט איר. וואָס ס'איז נוגע אַלעם אַנדערן — וועט עס סיי-ווי-סיי אַזוי אָדער אַנדערש פאַרגעסן ווערן נאָך אָנדערהאַלבן וואָכן, ווען ער וועט אַריין צו טונדור און ווילמס.

בינו-לבינו איז די לאַגע זיינע געווען אַזעלכע, אַז ער האָט אָנגעהויבן צו באַטראַכטן די אַלע שטימונגען, די געשפּאַנטקייט, דערפילונגען און אַנטוישונגען, וועלכע זיינען אַנטשטאַנען צוליב זיי-נע סובטעלע באַציִונגען צו דער קראַנקער, פאַר דעם אייגנטלעכן זין

פינסטער און האָט אַפילו דורכגייענדיק צוריק אויסגעדרייט צו איב
דעם קאָפּ. דעם אָרעמען האַנס קאַסטאָרפּ האָט עס אַזש דורכגענ=
מען דורך=און=דורך. אַגב, דאַרף מען אים נישט באַדויערן. ער האָט
דאָך עס אַליין געוואָלט און אַליין צוגעפירט דערצו. אָבער די באַ=
גענעניש האָט אים געוואַלדיק אויפגערעגט, סיי בשעת=מעשה, סיי
שפּעטער. ערשט נאָך אַלעמען, האָט ער רעכט דערפילט, וואָס
ס'איז דאָ געשען. ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געהאַט פאַר זיך
פרוי שאָשאַס פּנים אַזוי נאָענט, אַזוי מיט אַלע קלייניקייטן. ער האָט
אַפילו דערזען די הערעלעך אַרום איר בלאָנדן געפלאָכטענעם צאָפּ,
וואָס איז אַריינגעפאַלן אין מעטאַלן=רויט און איז געווען פשוט אַרומ=
געדרייט אַרום קאָפּ. בלויז אַ צוויי טריט זיינען געווען צווישן זיין
פּנים און אירן מיט דעם לאַנג=באַקאַנטן אויסזען, וואָס איז אים גע=
פעלן מער, ווי אַלץ אין דער וועלט. ס'איז געווען אַ פרעמד און
כאַראַקטערפול אויסזען (ווייל נאָר דאָס פרעמדע זעט אונז אויס צו
האָבן כאַראַקטער), צפונדיק=עקזאָטיש און סודותדיק, אַ צורה, וואָס
פאָדערט אַרויס, מ'זאָל זי וועלן דערגיין, ווייל ס'איז שווער איינ=
צוכאַפּן אירע שטריכן און פּראָפּאָרציע. אַמשטאַרקסטן האָבן דאָ גע=
ווירקט די הויך=אַרויסגעזעצטע באַקן=ביינער. די אויגן, וואָס זיינען
געלעגן נישט=געווינלעך פלאַך און משונה=ווייט אָפּגערוקטע, זיינען
צוליב דעם געזעסן אַ ביסל אינדערקרום. דאָס האָט אויך גורם גע=
ווען, די באַקן זאָלן אויסזען ווייך=אַריינגעפאַלן און ממילא זיינען
געווען מער בולט די פולע ליפּן. דער עיקר זיינען אָבער געווען
די אויגן, די שמאָל און פשוט כישופדיק געשניטענע קירגיזישע
אויגן (אַזוי האָט געהאַלטן האַנס קאַסטאָרפּ), וואָס זייער בלוי=גרוי=ער
אָדער גרוי=בלויער קאָליר האָט דערמאָנט אין ווייטע בערג. טייל=
מאָל, ביי זייטיקע בליקן, וואָס האָבן אין ערגעץ נישט געקוקט,
פלעגן אָט=די אויגן אינגאַנצן ווערן צעשמאָלצן, פאַרטונקלט און
נעפלדיק=נאַכטיש. קלאַוודיעס אויגן האָבן דאָס אים פון דער סאַמע נאָ=
ענט באַטראַכט אַזוי שאַרף און אַ ביסל פינסטער. מיט זייער גאַנצן
שניט, קאָליר, אויסדרוק זיינען זיי אַזוי אויפפאַלנדיק און דערשרעקנ=
דיק ענלעך געווען צו פּריביסלאַוו היפּפּעס אויגן! „ענלעך“ איז
גאָרנישט דאָס ריכטיקע וואָרט. ס'זיינען געווען ממש די אייגענע

איז אויף יעדן טריט געווען אַ שאַנס, אַז אָט־די באַקאַנטע טיר זאָל זיך עפֿענען, ווי דאָס איז שוין געשען עטלעכע מאָל. זי פֿלעגט צופֿאַלן הינטער פֿרוי שאָשאַ מיט אַ קראַך. פֿרוי שאָשאַ אַליין פֿלעגט זיך אַרויסגליטשן שטילערהייט אין אַזוי שטילערהייט צושאַרן זיך צו די טרעפּ... זי פֿלעגט גיין פֿאַר אים אין האָט צוגעהאַלטן דעם גרעק מיט דער האַנט, אָדער האַנס קאַסטאָרפּ איז געגאַנגען פֿאַר איר און געפֿילט אויפֿן רוקן איר בליק. דערביי האָט ער געשפּירט אַ רייסעניש אין די אבֿרים און מוראַשקעס זיינען אים אַזש אַדורך די פּלייצעס. אָבער ער האָט זיך אָנגעשטרענגט, צו האַלטן זיך אַזוי, גלייך ווי ער וואָלט פֿון גאָרנישט געוואוסט און טוט זיך דאָס זייניקע מיט דער גאַנצער פֿרייקייט. צוליב דעם פֿלעגט ער באַהאַלטן די הענט אין די קעשענעס און האָט פֿאַרצויגן די אַקסלען. אַן אַנדערש מאָל האָט ער גאָר שטאַרק געשנייצט די נאָז און זיך געקלאַפּט מיט דער פֿויסט אין דער ברוסט — אַלץ כּדי אַרויסצוּווייזן, אַז ר'איז לחלוטין נישט אין קיין פֿאַרלעגנהייט.

צוויי מאָל איז ער דערגאַנגען אין זיין ראַפֿינירטקייט נאָך ווייטער. נאָכדעם, ווי ער האָט זיך שוין אַוועקגעזעצט אין עס־זאַל, האָט ער כּלומרשט געכאַפּט זיך טאַפּן מיט די הענט ביי די קעשענעס און מיט עגמת־נפֿש אַ זאָג געטאָן: אַ מבֿין, כ'האָב פֿאַרגעסן מיין טאַטנ־טיכל! מ'וועט זיך, הייסט עס, דאַרפֿן מטריח זיין נאָכאַמאָל אַרויף. און ער איז צוריק אַרויף, כּדי זיך צו באַגעגענען מיט קלאַוודיען. דאָס איז געווען דאָך עפּעס אַנדערש. עס איז געווען נאָך געפֿערלעכער און האָט מער געריצט, ווי צו גיין פֿאַר איר אָדער הינטער איר. ווען ער האָט דאָס ערשטע מאָל אָפּגעטאָן אָט־דאָס שפּיצל, האָט זי אים פֿון גאַנץ נאָענט אַ מעסט געטאָן מיט די אויגן, ברוטאַל און אָן שום בושה, פֿון קאָפּ ביז די פֿיס. צוקומענדיק נעענטער, האָט זי אָבער גלייכגילטיק אויסגעדרייט דאָס פּנים און איז אַזוי־אַרום פֿאַרבייגעגאַנגען. דער רעזולטאַט איז, הייסט עס, סוף־כּל־סוף נישט געווען אַזאַ געוואַלדיקער. אָבער צום צווייטן מאָל האָט זי אים שוין שטאַרק אָנגעקוקט און נישט בלויז פֿון דערווייטנס. זי האָט אים אָנגעקוקט די גאַנצע צייט, ביז זי איז פֿאַרבייגעגאַנגען. זי האָט אים געקוקט אין פּנים אַריין פֿעסט און אַפֿילו אַ ביסל

מיט ווייסע האָר, ער וואָלט געקאָנט זיין האַנס קאַסטאָרפּס פֿאָטער. דערצו איז ער דער אָנפֿירער פֿון דעם אַנשטאַלט, די העכסטע אויטאָריטעט. טאַקע נאָך פֿאָטערלעכער אויטאָריטעט האָט דער יונגער האַנס קאַסטאָרפּ געבענקט מיט זיין גאַנץ אומרויִק האַרץ. פֿינדעסטוועגן, וויפֿל מאָל ר'האָט געטראַכט וועגן הויפֿראַט, האָט זיך אים נישט איינגעגעבן צו קלערן וועגן אים מיט קינדישן צוטרוי. יענער האָט דאָ באַגראָבן זיין פֿרוי. פֿון דער דאָזיקער צרה איז ער אויף אַ שטיקל צייט געוואָרן אַ ביסל אַ משונהדיקער. צום סוף איז ער געבליבן דאָ זיצן, ווייל ער איז געווען צוגעבונדן צום קבר, אויך צוליב דעם, ווייל ער אַליין האָט זיך אויך אָנגעשטעקט אַ ביסל. צי איז דאָס שוין אַריבער? צי איז ער געזונט און וויל מיטן גאַנצן האַרצן, אַז זיינע פּאַציענטן זאָלן געזונט ווערן, כּדי זיי זאָלן קאָנען וואָס גיכער צוריק אין טאָל און קאָנען זיך געמען צו זייער אַרבעט? זיינע באַקן זיינען שטענדיק בלוי און ער זעט, אייגנטלעך, אויס, ווי ער וואָלט געהאַט אַ געהעכערטע טעמפּעראַטור. אָבער ס'קאָן זיין, אַז ס'איז אַ טעות און אַז די לופֿט איז בלויז שולדיק דערין, וואָס זיין פּנים האָט אַזאַ קאָליר. האַנס קאַסטאָרפּ אַליין שפּירט אויך דאָ טאָג־איין טאָג־אויס אַ טרוקענע היציקייט, כאָטש ער האָט נישט קיין היץ. אַזוי, אַלנפֿאַלס, דאַכט זיך אים, ווייל מעסטן מעסט ער נישט. ווען מ'הערט, וואָס אמת, ריידן דעם הויפֿראַט, נעמט זיך ווידער דאַכטן, אַז ער האָט אַ געהעכערטע טעמפּעראַטור. זיין אופֿן פֿון ריידן איז עפּעס נישט ווי ס'דאַרף צו זיין. זיין ריידן איז אַזוי ענערגיש, לוסטיק און געמיטלעך. אָבער ס'הערט זיך דערין עפּעס משונהדיקס און עקזאַלטירטס, דער עיקר — בשעת מ'נעמט אויך אין חשבון די בלויע באַקן און די טרערנדיקע אויגן; ס'זעט אויס, ווי ער וואָלט נאָך אַלץ געוויינט אויף זיין פֿרוי. האַנס קאַסטאָרפּ דערמאָנט זיך דערין, וואָס סעטעמבריני האָט געזאָגט וועגן הויפֿראַטס מרה־שחורה און חסרונים און אַז ר'האָט אים אָנגערופֿן — צעמישטע נשמה. ס'קאָן זיין, אַז דאָס איז בלויז צולהכעיסדיקייט און פּלוידעריי. אָבער פֿונדעסטוועגן האַלט ער, אַז דאָס טראַכטן וועגן הויפֿראַט בערענס קאָן ווייניק מחזק זיין.

עס בלייבט נאָך, וואָס אמת, סעטעמבריני אַליין, דער אָפּאָזי־

אַלנפֿאַלס, איבערגעגעבן צו טאָן מיט זיך אַליין, אַז ער זאָל אײַנערלעך קאָנען זײַן אַ אָנשפּאַר פֿאַר האַנס קאַסטאָרפּן. זײַן כּסדרדיק אַנטלויפֿן פֿון צונויפֿקום באַווײַזט אַפֿילו, אַז ר׳איז אַן ערן־מענטש, אָבער באַרויִקנדיק האָט עס אויף האַנס קאַסטאָרפּן נישט געווירקט. טײל־מאָל האָט זיך אים אַפֿילו גענומען דאַכטן, אַז דאָס, וואָס יאָאַכים איז אַזאַ מוסטער בנוגע דער קוראַציע־דינסט און אויך די אָנווײַזונגען, וועלכע ער האַלט אים אײַן געבן, אַז דאָס אַליין גיט נאָך אַ סך צו טראַכטן.

האַנס קאַסטאָרפּ איז נאָך דאָ נישט געווען קיין גאַנצע צוויי וואָכן, אָבער ס׳האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז — לענגער. דער היגער טאָג־אָרדענונג, וועלכן יאָאַכים האָט אַזוי פֿרום אָפּגעהיט, האָט אָנגעהויבן אָננעמען אין האַנס קאַסטאָרפּס אויגן דעם חתם פֿון אַ הייליקן חוק, אַזוי, אַז דאָס לעבן אונטן אין טאָל האָט זיך אים פֿונדאַנען געזען, גענומען אויסווײַזן כמעט משונהדיק און אויסטערליש. ער האָט שוין באַקומען גרויס רגילות, ווי אַזוי צו באַנוצן זיך מיט די בײדע דעקעס, מיט וועלכע מ׳פּאַקט זיך אײַן בעת אַ שלעכט וועטער, ווי אַ פּאַקעט, און מ׳מאַכט פֿון זיך אַן אמתע מומיע. ס׳האָט נישט געפֿעלט קיין סך, ער זאָל זיך אָנהייבן אײַנוויקלען לויטן גאַנצן רעגולאַמין, פּונקט אַזוי זיכער און קונציק, ווי יאָאַכים. טראַכטנדיק, אַז אונטן אין טאָל קאָן קיינער נישט באַווײַזן אָט־די קונץ־שטיק, האָט ער זיך כמעט געוואונדערט. יאָ, ס׳איז וואונדערלעך. פֿונדעסטוועגן איז אים געווען אַ וואונדער, הלמאי ער האַלט עס פֿאַר וואונדערלעך. די אומרויִקייט, וואָס האָט פֿריִער אינעווייניק געהאַלטן אין איין זוכן אַן עצה און אַ ראָט, האָט זיך אין אים דערוועקט פֿונסניי.

ער האָט זיך דערמאָנט אין הויפּראַט בערענס און אין זײַן עצה, סינע פּעקוניאַ, צו לעבן אינגאַנצן אַזוי ווי די פּאַציענטן און אַפֿילו זיך צו מעסטן די היץ. ער האָט זיך אויך דערמאָנט אין סעטעמברינין, וועלכער האָט אַזוי הייך געלאַכט פֿאַר זיך פֿון אָט־דער עצה און דערנאָך עפּעס ציטירט פֿון „צױבער־פֿלעט“. יאָ, אויך וועגן זיי בײדע האָט ער געטראַכט, כּדי אויסצופּרוּוון, צי עס וועט אים נישט בעסער ווערן דערפֿון. הויפּראַט בערענס איז אַ מענטש

שטעכער צווישן די ליפּן און נישט געקוקט דערויף, וואָס ס'פּירט זיך נישט אַזוי און דער רעגולאַמין דערלויבט עס נישט, גייט ער אַ ביסל צום טיש, וואו ס'זיצן די קוזינען. ער שטעלט זיך אַוועק אין אַ שיינער פּאָזע, מיט געקרייצטע פיס און הייבט אָן פּלוידערן, זשעסטיקולירנדיק מיט דעם צאָן-שטעכער. טיילמאָל שטעלט ער אויך צו אַ שטול, זעצט זיך אַוועק ביי אַן עק צווישן האַנס קאַסטאָרפּ און דער לערערין, אָדער צווישן האַנס קאַסטאָרפּ און מרס. ראָבינזאָן. ער קוקט זיך צו, ווי די ניין טיש-שכנים עסן אויף די לעצטע שפּייז, פון וועלכער ער האָט זיך, אַפּנים, אָפּגעזאָגט.

— דערלויבט מיר אַ צוטריט צו דעם דאָזיקן איידעלן קרייז — זאָגט ער, בשעת-מעשה דריקט ער די קוזינען די הענט און די איבעריקע מענטשן פּטרט ער אָבער מיט איין פאַרנייגונג. — דער דאָזיקער ביר-ברייער דאָרטן... וועגן דעם, ווי שרעקלעך עס האָט אויסגעזען די ביר-ברייערין — אָפּגערעדט. אָבער, אָט דער הער מאַגנוס — ער האָט נאָר-וואָס געהאַלטן אַ פעלקער-פּסיכאָלאָגישן רעפעראַט. איר ווילט הערן? — „אונזער ליב דייטשלאַנד איז אַ גרויסע קאַזאַרמע, אַוודאי. אָבער ס'שטעקט דערין אַ סך טיכטיקייט און כ'וואָלט נישט פאַרטוישט אונזער טיכטיקייט מיט דער העפלעכקייט פון אַנדערע. צו-וואָס טויג מיר די גאַנצע העפלעכקייט, ווען מ'נאַרט מיך אָפּ פון קאָפּ ביז די פיס?" אָט אין דעם נוסח דרשנט הער ביר-ברייער. כ'האָב שוין מער קיין כוח נישט. קעגנאיבער מיר זיצט אַ נעבעכדיק באַשעפעניש, מיט קברות-היזן אויף די באַקן, אַן אַלט מיידל פון זיבנבירגן, וואָס רעדט אָן איבערהער וועגן איר שוואָגער, אַ מענטש, פון וועלכן קיינער ווייס גאָרנישט, און מ'וויל גאָרנישט וויסן. בקיצור, כ'קאָן שוין מער נישט אויסהאַלטן, כ'בין אַנטלאָפן.

— איר זענט אַנטלאָפן מיט דער פאָן אין האַנט — זאָגט פרוי שטער — כ'שטעל עס מיר פאָר.

— עקזאַקט! — ענטפערט סעטעמברינ — די פאָן! איך זע, אַז דאָ וויעט אַן אַנדער ווינטל. קיין ספק נישט, אַז איך בין איצט אויפן אמתדיקן אָרט. כ'בין, הייסט עס, אַנטלאָפן מיט דער פאָן... אַך, צו קענען דערלאַנגען אַזעלכע דיבורים! קאָן איך פרעגן, ווי ס'האַלט מיט אייער געזונט, פרוי שטער?

ציאָנער, פּלוידערער „האָמאָ הומאַנוס“, ווי ער אַליין רופט זיך. טאַקע
ער האָט אים מיט אַזויפיל רייד באַוויזן, אַז קראַנקהייט איז נאַריש-
קייט קאָנען בשום אופן נישט באַטראַכט ווערן פאַר קיין סתירה
און פאַר קיין דילעמאַ פאַרן מענטשלעכן געפיל. ווי האַלט עס מיט
אים? צי האָט אַ זין צו טראַכטן וועגן אים? האַנס קאַסטאָרפּ
דערמאָנט זיך, ווי אַ סך פון זיינע זייער לעבעדיקע חלומות, וואָס
האָבן אָנגעפילט זיינע נעכט דאָ אויבן, זיינען פאַרשטערט געוואָרן
צוליב דעם איטאַליענערס פּיינעם, טרוקענעם שמייכל, וואָס קרייזלט
זיך אונטער די שיינע פאַרקיילעכדיקטע וואָנצעס זיינע. ער געדענקט,
ווי ער האָט אים אין חלום אָנגערופן קאַטאַרינאַזש און געפּרוּווט
אים אָפּצושטופּן פון זיך, ווייל ער האָט געשטערט. אָבער דאָס אַלץ
איז געווען אַ חלום. דער וואַכנדיקער האַנס קאַסטאָרפּ איז אַן אַנ-
דערער. ער איז נישט אַזוי אומגעצוימט, ווי דער קאַסטאָרפּ פון חלום.
אויף דער וואַך זעט עס אים אַנדערש. ס'קאָן זיין, אַז ער וועט האָבן
אַ טובה דערפון, וואָס ער 'וועט אינערלעך פּרוּוון זיך פאַרבינדן
מיט סעטעמברינים מאָדערן ווייזן, מיט זיין פאַרביטערטקייט און קרי-
טיק, הגם זי איז פּילדערנדיק און פּלוידעריש. ער אַליין האָט זיך
אָנגערופן פּעדאַגאָג. ער וויל, אַפּנים, האָבן איינפלוס. און דער יונגער
האַנס קאַסטאָרפּ האָט מיטן גאַנצן האַרץ געוואָלט ווערן באַאיינפלוסט.
פאַרשטייט זיך, אַז ס'דאַרף נישט דערגיין אַזוי ווייט, סעטעמבריני
זאָל ביי אים פועלן, ער זאָל זיך איינפּאַקן און אַוועקפאָרן פאַר
דער צייט, ווי יענער האָט דאָ נישט לאַנג פאָרגעלייגט מיט דער
גאַנצער ערנסטקייט.

„Placet experiri“ — טראַכט ער ביי זיך מיט אַ שמייכל,
ווייל אויף אַזויפיל לאַטיין האָט ער נאָך פאַרשטאַנען, כאָטש ער רופט
זיך נישט „האָמאָ הומאַנוס“. איצט האָט ער אַן אויג אויף סעטעמ-
בריני און הערט זיך צו גערן און מיט וואַכיקער אינטערעסירטקייט
צו אַלץ, וואָס יענער זאָגט ביי די באַגעגענישן, ווען זיי טרעפן
זיך אויף די אָפּגעמאָסטענע שפּאַצירן צו דער באַנק ביי דער באַר-
וואַנט, אויך גייענדיק קיין „פּלאַץ“, אָדער ביי אַן אַנדערער געלעגנ-
הייט, צום ביישפּיל, ווען סעטעמבריני ענדיקט פריער זיין מאָלצייט,
הייבט זיך אויף אין זיינע געקראַטעוועטע הויזן, מיט אַ צאָן-

רעגולאַמין. אָט ליגט זיך אונזער שיינע פּאַציענטין — האָב איך מיר געטראַכט — און פּונקט אויס בּשלמות די פּאַראָרדענונגען, כּדי בּקרוב אומצוקערן זיך אַהיים אין הער שטערס אָרעמס. אָבער מיט עטלעכע מינוט צוריק ווער איך געוואָרן אַזאַ מעשה: אַז אין דער זעלבער צייט זענט איר גאָר געווען אין קינעמאַטאָגראַפאָ (סעטעמבּריני רעדט דאָס וואָרט אַרויס איטאַליעניש, מיטן אַקצענט אויף דעם פערטן טראַף), מ׳האָט אייך גאָר געזען אין קינעמאַטאָגראַף פון קור־הויז און דערנאָך אין דער קאָנדיטערײַ בּיי אַ גלעזל זיסן ווייַן און פאַרשיידענע קיכלעך, דערצו נאָך...

די שטער נעמט זיך וויגן אויף די אַקסלען, כּיכעט אַריין אין איר סערוועט, שטויסט יאָאַכים צימסען און דעם שטילן ד״ר בּלומענקייל מיט די עלנבויגנס אין די זייטן, בּלינצלט לוסטיק־היימישלעך און וויזט אַרויס אַ געוואַלדיק נאַרישע הנאה. זי פלעגט טאַקע אינאָווגט, כּדי אָפּצונאַרן די אָרדענונג־היטער, אַרויסשטעלן דאָס בּרענענדיקע טיש־לעמפּל אויפן בּאַלקאָן, שטילערהייט זיך אַרויסכאַפּן און ענגלישן קוואַרטאַל אַריין און זיך הוילן. אין קאָנשטאַנט האָט אויף איר געוואַרט דער מאַן. אַגב, איז זי נישט געווען דער איינציקער פּאַציענט, וואָס האָט זיך אַזוי געפירט.

.... — דערצו נאָך — זאָגט סעטעמבּריני ווייטער — אין וואָס פאַר אַ געזעלשאַפט האָט איר געגעסן אָט די קיכלעך? צוזאַמען מיט דעם הויפטמאַן מיקלאָזיך פון בּוקאַרעשט! מ׳פאַרזיכערט מיך, אַז ער טראָגט אַ גאָרסעט, אָבער גאָט מייַנער, וואָס פאַר אַ ראָל שפּילט עס דאָ! איך בּאַשווער אייך, מאַדאַם, זאָגט מיר, וואו איר זענט געווען? זענט איר טאַקע אַ טאָפּל־געשטאַלט? אַלנפאַלס זענט איר דעמאָלט געשלאָפן. בּשעת דער ערדישער טייל פון אייער וועזן האָט איינזאַם געמאַכט ליג־קוראַציע, האָט זיך דער ספּיריטועלער טייל געוויילט צוזאַמען מיטן הויפּטמאַן מיקלאָזיך און געגעסן זיינע קיכלעך...

פרוי שטער דרייט זיך און הוקט זיך, ווי מ׳וואָלט זי געקיצלט.

— ווער ווייסט, אפשר וואָלט אַמאָל בּעסער געווען, ס׳זאָל זיין

ס'איז געווען אַ שרעק צו קוקן, ווי פּרוי שטער האָט זיך געהנדלט. — גרויסער גאָט — זאָגט זי — ס'איז אַלײן דאָס אײגענע, איר ווײסט דאָך אַלײן. מ'טוט צוויי טריט פאָרויס און דריי אויף צוריק. נאָכדעם ווי מ'זיצט אָפּ פינף חדשים, קומט דער אַלטער און לײגט צו נאָך אַ האַלב יאָר. אַך, דאָס איז אַ טאַנטאַלוס*-פּײן. מ'שטופּט און מ'שטופּט און ווען מ'מײנט שוין, אַז מ'איז אײבן...

— אָ, דאָס איז שײן פון אײער זײט! איר פאַרגינט סוף-כל-סוף דעם אָרעמען טאַנטאַלוסן אַ קלײנעם אָפּבײט! איר הײסט אים אַפילו, אָנשטאָט אַן אַנדערן, שטופּן דעם באַרימטן מאַרמאָר-שטײן. דאָס, האַלט איך, איז אמתדיקע גוט-האַרציקײט. אָבער וואָס טוט זיך דאָ, מאַדאַם, סודותדיקע זאַכן טוען זיך אָפּ מיט אײך. מ'דערצײלט געשיכטעס וועגן טאָפּל-גײערײ און אַסטראַל-קערפּער**.... ביז איצט האָב איך דערין נישט געגלויבט, אָבער דאָס, וואָס ס'קומט פאָר מיט אײך, צעטומלט מיך שוין אינגאַנצן...

— דאַכט זיך מיר, אַז איר ווילט חוזק מאַכן פון מיר.

— חס-ושלום! ס'פאַלט מיר גאָרנישט אײן! קודם-כל מוזט איר מיר אַ ביסל קלאָר מאַכן געוויסע טונקעלע זײטן פון אײער עקזיסטענץ, דערנאָך וועט ערשט קאָנען זײן אַ רײד וועגן חוזק! נעכטן אינאָוונט, צווישן האַלב צען און צען אַ זײגער, האָב איך זיך אַ ביסל אַרומגעדרײט אין גאָרטן. איך האָב דערבײ אַרויפגעקוקט לענגאויס צו די באַלקאָנען. אויף אײער באַלקאָן האָט דאָס עלעקטרישע לעמפּל געברענט אין דער פינסטערניש. איר האָט, הײסט עס, געמאַכט ליג-קוראַציע, ווי ס'פאָדערט די פליכט, דער שכל און דער

---

* טאַנטאַלאַס — אַ מיטאָלאָגישע געשטאַלט, איז פאַרכישופט אײביק צו שטײן אַ דאָרשטיקער אין וואַסער און ווען ער בײגט זיך אָן אַ טרונק צו טאָן, אַנטלויפט דאָס וואַסער. איבער זײן קאָפּ הענגען פּרעכטיקע פּירות, וואָס בײגן זיך אַוועק, ווען ער שטרעקט אויס די האַנט. פּרוי שטער פאַרבײט אים מיט אַן אַנדערער מיטאָלאָגישער געשטאַלט סיזיפאָס, וואָס איז פאַרמשפּט אײביק צו שטופּן אַ גרויסן שטײן באַרג-אַרויף און ווען דער שטײן איז שוין אויפן שפּיץ באַרג, פאַלט ער ווידער אַראָפּ. אויף דעם בײט באַציען זיך סעטעמבריניס ווײטערדיקע ווערטער.

** לויטן אָקולטיזם — דער צווײטער, עטערישער קערפּער פון מענטש.

בעסטער קוועלע, אַז פֿון האַרבסט אָן וועט מען נישט אָנגעמען קיין קראַנקע, וואָס האָבן איבער 38,5. אין דער לעצטער נאַכט — דערציילט ער — האָט זיך דאָס הינטל פֿון מאַדאַם קאַפּאַטסאָליאַס פֿון מיטעלענע* אַוועקגעשטעלט אויף דעם עלעקטרישן סיגנאַל־קנעפּל פֿון זיין באַלעבאָסטעס נאַכט־טיש. צוליב דעם איז אַנטשטאַנען אַ גרויסער טומל און בהלה, בפֿרט, ווען מען האָט מאַדאַם קאַפּאַטסאָליאַס נישט געטראָפֿן אַליין, נאָר צוזאַמען מיטן אַסעסאָר דיסטמונד פֿון פֿרידריכסהאַגן. אַפֿילו ד״ר בלומענקאָל אַליין האָט אויך געמוזט אַ שמייכל טאָן ביי אָט־דער געשיכטע. די שיינע מאַרקיזאַ האָט זיך שיִר נישט דערשטיקט מיט איר פּערפֿומירט טיכל און פ״ז שטער האָט אַזש גענומען קוויטשען, צוהאַלטנדיק די לינקע ברוסט מיט ביידע הענט.

אָבער מיט די קוזינען האָט לאָדאָוויקאָ סעטעמבריני גערעדט אויך וועגן זיך אַליין און פֿון זיין אָפּשטאַם. ס׳פֿלעגט געשען ביי אַ שפּאַצירגאַנג, אַמאָל אויפֿן צוריקקום אינאָווענט אָדער נאָך מיטאָג, ווען ס׳רוב פּאַציענטן איז שוין אַוועק פֿון עס־זאַל. דעמאָלט האָבן זיך אַלע דריי צוגעזעצט צוזאַמען אויף אַ ווילע ביים עק טיש. בשעת־מעשה האָבן די זאַל־טעכטער אָפּגערוימט פֿון די טישן און האַנס קאַסטאָרפּ האָט גערייכערט זיינע ציגאַרן מאַריאַ מאַנציני. אין דער דריטער וואָך האָט זייער ריח אים ווידער אָנגעהויבן אַ ביסל שמעקן. מיט פֿאַרשנדיקער פֿאַראינטערעסירטקייט און פֿאַרוואונדערונג, אָבער גרייט באַאיינפֿלוסט צו ווערן, האָט ער זיך צוגעהערט צו דעם איטאַליענערס מעשיות, וואָס האָבן פֿאַר אים געעפֿנט אַ וואונדערלעכע, אינגאַנצן נייע וועלט.

סעטעמבריני האָט גערעדט וועגן זיין זיידן, וואָס איז געווען אַן אַדוואָקאַט אין מיילאַנד, אָבער דער עיקר איז ער געווען אַ גרויסער פּאַטריאָט און אַ מין פּאָליטישער אַגיטאַטאָר, רעדנער און מיטאַרבעטער פֿון צייטשריפֿטן. אויך ער איז געווען אַן אָפּאָזיציאָנער, גלייך ווי דאָס אייניקל. אָבער ער האָט עס געפֿירט אין אַ גרעסערן, דרייסטערן סטיל. ווייל אין דער צייט, ווען ער, לאָדאָוויקאָ — ווי

* הויפּטשטאָט פֿון אינזל לעסבאָס.

פאַרקערט — זאָגט סעטעמברינִי. — איר זאָלט גלייכער געניסן פון די קיכלעך אַליין און ליג־קוראַציע מאַכן מיטן הויפּטמאַן מיק־לאָזיך...

— הי־הי־הי...

— ציִ איז אייך באַקאַנט די אייערנעכטיקע געשיכטע? — פרעגט דער איטאַליענער פלוצלונג — מ'האָט עמעצן צוגענומען פון דאַנען. צי דער רוח האָט אים גענומען, אָדער גאָר זיין מוטער, אַ גאַנץ ענערגישע דאַמע, זי איז מיר געפעלן. ס'איז דער יונגער שנייערמאַן, אַנטאָן שנייערמאַן, וואָס איז געזעסן דאָרט ביי פרײַלין קלעפעלדס טיש. אָט זעט איר, זיין פּלאַץ איז ליידיק, באַלד וועט מען אים ווידער באַזעצן. כ'זאָרג מיך ווייניק, אָבער אַנטאָן איז אַוועק ווי אויף די פליגלען פון ווינט, פלוצלינג. און איידער ר'האָט זיך אומגעקוקט. אָנ־דערטהאַלבן יאָר איז ער דאָ געזעסן און סך־הכל איז ער אַלט געווען אַ יאָר זעכצן. מ'האָט אים ערשט נישט לאַנג געהאַט צו־געלייגט נאָך זעקס חדשים. וואָס־זשע איז געשען? כ'ווייס נישט, ווער ס'האָט געלאָזט בסוד וויסן דער מאַדאַם שנייערמאַן, אַלנ־פאַלס האָט זי געקריגן אַ ידיעה, ווי אַזוי עס פירט זיך איר זינדל ביי וויין און נאָך אַנדערע זאַכן. פלוצלונג האָט זי זיך באַוויזן, אַ גאַנצע מאַטראָנע — דריי קעפּ העכער פון מיר, מיט ווייסע האָר און מלא־חמה. נישט אַרויסרײדנדיק קיין וואָרט, האָט זי אַראָפּ־געלאָזט אַנטאָנען עטלעכע פעטש, אים אָנגענומען ביים קאָלנער און אַוועקגעפירט צו דער באַן. — אַ תל וועדן — האָט זי געזאָגט — קאָן פון אים אונטן אויך. און אַוועק אַהיים.

אַלע, וואָס האָבן נאָר געהערט די מעשה, האָבן געלאַכט, ווייל סעטעמברינִי דערציילט וויציק. ער האָט געקאָנט אַלע לעצטע נייסן, הגם ער קוקט אַזוי קריטיש און חוזקדיק אויף דעם גאַנצן לעבן דאָ. ער ווייסט אַלץ. ער קאָן אַפילו די נעמען פון די ניי־אָנגעקומענע און ווייסט מער־ווייניקער, ווער יעדער איז. ער דער־ציילט, אַז נעכטן האָט מען ביי דעם און דעם אָדער ביי דער און דער געמאַכט אַ ריפּן־רעסעקציע* און ער ווייסט אויך פון דער

---

* דאָס אויסשניידן אַ ריפּ.

קייט אין פּאַטריאָטיזם האָט מאָדנע געווירקט אויף די קוזינען, סיי אויף איינעם, סיי אויפן צווייטן, ווייל זיי זיינען געווינט געווען צו אידענטיפיצירן דעם ת״ש פאַר פּאַטריאָטיזם מיט דער נייגונג צו דערהאַלטן די אַלטע אָרדענונג. פונדעסטוועגן האָבן זיי געמוזט מודה זיין ביי זיך אַליין, אַז אַזוי ווי די לאַגע איז געווען דאָרטן אין דעמאָלט, האָט מרידה געקאָנט זיין אַ בירגערלעכע מעלה, בעת לאָיאַלע געזעצטקייט איז געווען געגליכן צו פוילער גלייכגילטיקייט לגבי דעם פּאָליטישן לעבן.

אָבער סעטעמבריניס זיידע איז נישט בלויז געווען אַ איטאַליענישער פּאַטריאָט, נאָר אַ מיטבירגער און מיטקעמפער פון אַלע פעלקער, וואָס האָבן געשטרעבט צו פרייהייט. ווייל נאָכדעם ווי עס איז דורכגעפאַלן אַ געוויסער פּרוּוו פון אַ מלוכה-איבערקערעניש אין טורין, אין וועלכן דער זיידע האָט זיך באַטייליקט מיט וואָרט און טאַט און ביי וועלכן ער איז קוים מיט צרות ניצול געוואָרן פון פירשט מעטערניכס כאַפּערס — האָט ער באַנוצט זיין גלות-צייט אויף צו קעמפן און צו בלוטיקן פאַר דער קאָנסטיטוציע אין שפּאַניע און פאַר דער אומאָפּהענגיקייט פון העלענישן פאָלק אין גריכנלאַנד. דאָ איז געבוירן געוואָרן סעטעמבריניס פאָטער — צוליב דעם איז ער טאַקע געוואָרן אַזאַ גרויסער הומאַניסט און ליבהאָבער פון קלאַסישן אַלטערטום. די מוטער איז, אַגב, געווען פון דייטש בלוט, ווייל דער זיידע האָט חתונה געהאַט מיט דעם מיידל אין דער שווייץ און זי מיטגעפירט אויף זיין אַוואַנטוריסטישן וועג. שפּעטער, נאָך צען יאָר אָפּריכטן גלות, האָט ער געקאָנט צוריק אַהיימקומען אין לאַנד אַריין. ער איז אין מיילאַנד טעטיק געווען, ווי אַן אַדוואָקאַט. ער האָט אָבער לחלוטין נישט איבערגעהערט דורך גערעדטן און געשריבענעם וואָרט, אין פערזן און אין פּראָזע אויפצופאָדערן דאָס פאָלק צו פרייהייט און צו דעם שאַפן אַן איינהייטלעכע רעפּובליק. מיט ליידנשאַפטלעכן, דיקטאַטאָרישן שוואונג האָט ער געשאַפן מלוכה-איבערקערערישע פּראָגראַמען און האָט מיט אַ קלאָרן סטיל גערופן צו אַ פאַראייניקונג פון די באַפרייטע פעלקער צוליב דער אַלגעמיינער טובה. איין פּרט, וועלכן ס׳האָט דערמאָנט סעטעמבריניס אייניקל, האָט אויף דעם יונגן האַנס קאַסטאָרפּ געמאַכט אַ באַזונדערן איינדרוק: אַז דער זיידע

ער אַליין באַמערקט וועגן זיך מיט ביטערקייט — איז אָנגעוויזן דערויף, צו קריטיקירן דאָס לעבן אין דער אינטערנאַציאָנאַלער סאַנאַטאָריע „בערגהאָף“, ביטער חוזק צו מאַכן פון אים און אין נאָמען פון אַ שיינער און טעטיקער מענטשלעכקייט צו פּראָטעסטירן קעגן דעם אַלעם, — האָט יענער פאַרזאָרגט מיט אַרבעט די רעגירונגען, קאָנספּירירט קעגן עסטרייך און דער הייליקער אַליאַנץ, וואָס האָבן דעמאָלט געהאַלטן זיין צעבראָכן פאָטערלאַנד אין יאָך פון קנעכטשאַפט; ער איז געווען אַ הייסער מיטגליד פון געהיימע געזעלשאַפטן, וואָס זיינען געווען ברייט פאַרשפּרייט איבער איטאַליע — ר׳איז געווען אַ קאַרבאָנאַרא, ווי סעטעמבריני דערקלערט מיט אַ פלוצלונג שטיל־געוואָרן קול, גלייך ס׳וואָלט נאָך איצט אויך געווען געפערלעך צו ריידן וועגן דעם. בקיצור, לויט דעם אייניקלס מעשיות, האָט אָט־דער דזשאָזעפּע סעטעמבריני זיך פאָרגעשטעלט אין ביידע צוהערערס פאַנטאַזיע, ווי אַ טונקעלער, ליידנשאַפטלעכער און אומרוהיקער אינדיווידום, אַ רעדל־פירער און אַ רעוואָלוציאָנער. ביי דעם גאַנצן דרך־ארץ, וועלכן זיי האָבן זיך אָנגעשטרענגט אַרויסצוווייזן צוליב העפלעכקייט, איז זיי פונדעסטוועגן נישט איינגאַנצן געלונגען צו פאַרטרייבן פון זייערע פנימער אַן אויסדרוק פון אומצוטרוי און אפילו פון ווידערווילן. אַוודאי איז דער ענין גאָר אַן אַנדערער. דאָס, וואָס זיי האָבן איצט געהערט, איז געשען גאָר לאַנג, כמעט מיט הונדערט יאָר צוריק. ס׳איז איצט שוין געשיכטע, און פון דער געשיכטע, דער עיקר פון דער אַלטער, זיינען פאַר זיי טעאָרעטיש גאַנץ גוט באַקאַנט געווען אַזעלכע טיפּן, ווי דער, פון וועלכן זיי האָבן איצט געהערט: מענטשן, וואָס טראָגן אין זיך פאַרצווייפלטן באַגער צו פרייהייט און אַ פאַרעקשנטע שנאה צו טיראַנען. זיי האָבן זיך בלויז נישט פאָרגעשטעלט אַזוי אוממיטלבאַר און פערזענלעך זיך צונויפטרעפן דערמיט. צוזאַמען מיט דער רעוואָלוציאָנערישקייט און קאָנספּיראַטיווקייט פון אָט־דעם זיידן, האָט זיך אויך, ווי זיי הערן, פאַרבונדן אַ גרויסע ליבע צום פאָטערלאַנד. ער האָט געשטרעבט, עס זאָל זיין פאַראייניקט און פריי. יאָ, זיין צעשטערערישע טעטיקייט איז געווען אַ פּראָדוקט און דער רעזולטאַט פון דער דאָזיקער בכבודיקער צונויפּאָרונג. די מישונג פון רעוואָלוציאָנעריי־

האָט ער געטראַכט, און דערפאַר, ווייל ר'איז געווען פערזענלעך אָדער
האַלב=פערזענלעך פאַר איין צד — האָט ער זיך טאַקע דערפאַר
שטאַרק באַמיט צו זיין גערעכט. סעטעמבריניס ווידע האָט געקעמפט
פאַר פאָליטישע רעכט. אָבער זיין ווידע אָדער נאָך יענעמס אָבות
האָבן לכתחילה געהאַט אַלע רעכט. בלויז דער המון האָט זיי אַרויס=
געריסן אין משך פון פיר יאָר=הונדערטער מיט געוואַלד און אויס=
נאַרעריי... ביידע זיינען געווען אָנגעטאָן אין שוואַרצן, סיי דער
ווידע פון צפון און סיי דער ווידע פון דרום. ביידע זיינען אויך דאָס
איינע אויסן געווען: צו שאַפן אַ פעסטע מחיצה צווישן זיך און
דער שלעכטער געגנוואַרט. אָבער איינער האָט עס געטאָן צוליב
פרומקייט, כדי אָנצוטאָן כבוד דעם עבר און דעם טויט, צו וועלכע
ער האָט, לויט זיין מהות, געהערט. דער צווייטער, פאַרקערט, האָט
עס געטאָן צוליב מרידה און לכבוד דעם רעליגיע=פיינטלעכן פראָ=
גרעס. יאָ, דאָס זיינען געווען צוויי וועלטן, אָדער צוויי ספערעס —
האָט האַנס קאַסטאָרפ געטראַכט. בשעת סעטעמבריני האָט דערציילט,
האָט זיך האַנס קאַסטאָרפן אויסגעוויזן, גלייך ער וואָלט געשטאַ=
נען צווישן ביידע און פאָרשנדיק זיך איינגעקוקט דאָ אין איינעם,
דאָ אין דעם אַנדערן און דערביי האָט זיך אים געדאַכט,
אַז ער האָט שוין אַמאָל איבערגעלעבט עפעס אַזוינס. ער דערמאָנט זיך
אין אַן איינזאַמער נסיעה אויף אַ לאָדקע אין בין=השמשות, אויף אַ
האָלשטיינישער אָזערע, אין שפעט=זומער, מיט עטלעכע יאָר צוריק.
ס'איז געווען אַרום זיבן אַ זייגער, די זון איז שוין אונטערגעגאַנגען,
איבער דעם געדיכט=באַוואַקסענעם ברעג. אין מזרח איז שוין גע=
האַט אויפגעגאַנגען די כמעט פולע לבנה. אין משך פון צען מינוט,
בעת האַנס קאַסטאָרפ האָט גערודערט איבער שטילן וואַסער, האָט
געהערשט עפעס אַ מבולבלדיקע און פאַרחלומטע קאָנסטעלאַציע. אין
מערב איז געווען העלער טאָג, אַ גלאָזיק=קלאָר און שאַרף טאָג=
ליכט. אָבער תיכף, ווי ער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפ, האָט ער
דערזען פאַר זיך אַ בולטע, ממש פאַרכישופטע לבנה=נאַכט מיט
פייכטע נעפלען. דער דאָזיקער משונהדיקער אָנבליק האָט אַזוי גע=
דויערט אַ קנאַפע פערטל שעה, ביז די נאַכט און די לבנה האָבן
גובר געווען. אָבער ביז דעמאָלט האָבן האַנס קאַסטאָרפס פאַרבלענדטע

דזשאָזעפֿע האָט זיך זיין גאַנץ לעבן געוויזן פאַר זיינע לאַנדסלייט תמיד בלויז אין שוואַרצע טרויער־מלבושים. ער טרויערט — האָט ער געזאָגט — ווייל זיין פאָטערלאַנד איטאַליע ווערט פאַרפייניקט אין עלנט און אין קנעכטשאַפט. דערהערנדיק דאָס, האָט האַנס קאַס־טאָרפּ געמוזט, אַגב נישט צום ערשטן מאָל, אַ טראַכט טאָן וועגן זיין אייגענעם זיידן, וואָס האָט אויך, אַזוי לאַנג, ווי דאָס אייניקל האָט אים געקאָנט, געטראָגן שוואַרצע מלבושים, כאָטש צוליב גאָר אַנדערע סיבות, ווי סעטעמברינים זיידע. ער האָט געטראַכט וועגן דער אַלטמאָדישער הלבשה, דורך וועלכער האַנס לאָרענץ קאַס־טאָרפּ האָט זיך באַמיט צו באַווייזן, אַז ר'איז אַ מענטש פון דער פאַרגאַנגענער צייט און אַז ער האָט זיך בלית־ברירה צוגעפּאַסט צו דער איצטיקייט, אונטערשטרייכנדיק, אַז ער האָט נישט קיין שייכות צו איר. ביז ער האָט ערשט טויטערהייט אויף אַ פייערלעכן אופן געקריגן זיין אמתע און צוגעפּאַסטע געשטאַלט (מיט דער מעלער־קרויז). דאָס זיינען באמת געווען צוויי אינגאַנצן פאַרשידענע זיידעס. האַנס קאַסטאָרפּ האָט געטראַכט וועגן דעם, קוקנדיק קעגן זיך שטייף און שאָקלענדיק פאָרזיכטיק מיטן קאָפּ, אַזוי, אַז ס'האָט גע־קאָנט זיין אי אַ סימן פון באַוואונדערונג פאַר דזשאָזעפֿע סעטעמ־בריני, אי ווי אַ סימן פון נישט פאַרשטיין און נישט מסכים זיין. ער האָט זיך אויך געהיטן נישט צו משפּטן שלעכט דאָס פרעמדע און האָט זיך באַגרענעצט בלויז צו פאַרגלייכן און פעסטצושטעלן. ער האָט געזען דעם אַלטן האַנס לאָרענצס שמאָלן קאָפּ, ווי ער בייגט זיך איבער פאַרטראַכט איבער דער בלייך־גאָלדיקער טויף־שאָל, נייגט זיך צו צו דעם שטייענדיק־איבערגייענדיקן ירושה־הפֿץ, מיט אַ קיי־לעכיק מויל. ווארעם זיינע ליפּן האָבן כסדר אַרויסגעזאָגט „עלטער־עלטער", אָט דעם פאַרדומפּענעם און פרומען קלאַנג, וואָס האָט דער־מאָנט אין ערטער, וואו מ'גייט צוליב יראת־הכבוד זיך ווינציק פאַר־אויס. ער האָט געזען דזשאָזעפֿע סעטעמברינין מיט דער דרייקאָלירקער פאָן אין דער האַנט, מיט אַן אַרויסגענומענער שווערד און מיט די שוואַרצע אויגן געווענדט צום הימל מיט אַ נדר. ער גייט פאָרויס פאַר אַ מחנה פרייהייט־קעמפער, כדי צו שטורמען די פעסטונגען פון דעספּאָטיזם. ביידע האָבן געהאַט זייער שיינקייט און כבוד —

באַגעגעניש מיט די קוזינען ביים באַנק לעבן שיפּיע), טוט ער נישט צוליב אָט־די כוחות גופא, נאָר צוליב זייער באַטייט פאַר דער מאָראַלישער פאַרפולקומונג פון דער מענטשהייט. ווייל ער האַלט צו זיין גרויסער פרייד, אַז זיי האָבן טאַקע אַזאַ באַטייט. וואָס מער די טעכניק — זאָגט ער — איז משעבד די נאַטור צו זיך דורך די פאַרבינדונגען, וועלכע זי שאַפט, בויענדיק וועגן און טעלעגראַפן און באַזיגנדיק די קלימאַטישע אונטערשיידן — אַלץ מער ווייזט זיך אַרויס, אַז זי איז דאָס וויכטיקסטע מיטל צו דערנעענטערן די פעלקער צווישן זיך, צו אַנטוויקלען זייער קעגנזייטיקע באַקאַנטשאַפט, צו שאַפן בריקן פאַר מענטשלעכן אויסגלייך, אויסצוואָרצלען זייערע פאָראורטיילן און סוף־כל־סוף צו דערפירן צו דער אַלגעמיינער פאַראייניקונג. דאָס מענטשלעכע געשלעכט קומט אַרויס פון חשבות, מורא און שנאה, אָבער עס גייט איבער גלענצנדיקע וועגן פאָרויס אין באַרג־אַרויף און שטרעבט צו דעם ענדגילטיקן מצב פון פריינטשאַפט, אינערלעכער הייליקייט, גוטסקייט און גליק. און אויף דעם דאָזיקן וועג — זאָגט ער — איז די טעכניק דער בעסטער וועהיקל. אָבער ריידנדיק אַזוי, בינדט ער מיט איין אָטעם צונויף אַזעלכע קאַטעגאָריעס, וועלכע האַנס קאַסטאָרפּ איז ביז איצט געווען געוויינט צו האַלטן פאַר פאַרשיידענע זאַכן. טעכניק און עטיק! — זאָגט ער. דערנאָך נעמט ער גאַנץ ערנסט ריידן וועגן אויסלייזער, וואָס האָט דער ערשטער מגלה געווען דעם פּרינציפּ פון גלייכהייט און אַחדות. ווייטער קומט די דרוק־מאַשין און פאַרשפּרייט ווייט דעם דאָזיקן פּרינציפּ, ביז די פראַנצויזישע מלוכה־איבערקערעניש דערהייבט אים צו אַ געזעץ. דאָס האָט דעם יונגען האַנס קאַסטאָרפּ אינגאַנצן צעטומלט, כאָטש הער סעטעמבריני האָט דאָס אַלץ אַרויסגעזאָגט אין אַזעלכע קלאָרע שיינע ווערטער. איינמאָל — דערציילט ער — בלויז איינמאָל אין זיין לעבן, אינאָנהייב פון זיינע בעסטע מענלעכע יאָרן, האָט זיך זיין זיידע געפילט גליקלעך מיטן גאַנצן האַרץ, ס'איז געווען אין דער צייט פון דער פּאַריזער יולי־רעוואָלוציע. ער האָט דעמאָלט הויך און עפנטלעך געזאָגט, אַז אַלע מענטשן וועלן אַמאָל יענע דריי טעג אין פּאַריז אַוועקשטעלן לעבן די זעקס טעג פון דער וועלט־באַשאַפונג. ביי אָט־די ווערטער האָט

און פאַרכּישופטע אויגן מיט לוסטיקער שטוינונג געקוקט פון איין באַלויכטונג צו דער אַנדערער, פון איין לאַנדשאַפט צו דער אַנדערער, פון טאָג צו דער נאַכט און פון דער נאַכט צוריק צום טאָג. איצט האָט ער געמוזט טראַכטן וועגן דעם.

קיין גרויסער יוריסט — טראַכט ער ווייטער — האָט אַדוואָקאַט סעטעמבריני נישט געקאָנט ווערן ביי זיין לעבנס־שטייגער און ביי זיינע פאַרשיידענע עסקים. אָבער דער אַלגעמיינער פּרינציפּ פון רעכט האָט אים, ווי דאָס איינציקל דערציילט איבערצייגנדיק, באַגייסטערט פון דער יוגנט אָן, ביז צום סוף פון זיין לעבן. און נישט געקוקט דערויף, וואָס האַנס קאַסטאָרפּ האָט גראָד געהאַט אַ פאַרהאַקטן קאָפּ און איז געווען שטאַרק איבערגעגעסן פון אַ בערגהאָפישער זעקס־שפּייזיקער מאָלצייט, האָט ער זיך פונדעסטוועגן באַמיט צו פאַרשטיין, וואָס סעטעמבריני מיינט מיט דעם פּרינציפּ, וועלכן ער רופט אָן: „דער מקור פון פרייהייט און פּראָגרעס". אונטערן וואָרט פּראָגרעס האָט האַנס קאַסטאָרפּ ביז איצט פאַרשטאַנען עפּעס אַזוינס, ווי די אַנטוויקלונג פון די הייבמאַשינען אין ניינצנטן יאָרהונדערט. סעטעמבריני, וואָס אמת, שאַצט דאָס נישט אונטער, ווי קאַסטאָרפּ זעט. זיין זיידע האָט עס, אַפּנים, אויך נישט געטאָן. דער איטאַליענער האָט גרויס דרך־ארץ פאַר דעם פאָטערלאַנד פון זיינע ביידע צייַ הערער דערפאַר, וואָס מ'האָט דאָרטן אויסגעפונען שיס־פּולווער, צוליב וועלכן דער פאַנצער פון פעאָדאַליזם איז געוואָרן אַ אַלט שטיק בלעך. דאָס איינענע איז אויך — בנוגע דער דרוק־מאַשין: ווייל זי האָט מעגלעך געמאַכט די דעמאָקראַטישע פאַרשפּרייטונג פון אידעען, ד"ה די פאַרשפּרייטונג פון דעמאָקראַטישע אידעען. ער האַלט צוליב דעם פון דייטשלאַנד, אויף נוי ווייט ס'גייט וועגן דער פאַרגאַנגענהייט, כאָטש ער האַלט, אַז זיין איינן לאַנד האָט על־פּי יושר די בכורה. ווייל בשעת אַנדערע פעלקער זיינען נאָך געווען פאַרזונקען אין פאַנאַטיזם און קנעכטשאַפט, האָט איטאַליע די ערשטע שוין איינגעהויבן די פאָן פון אויפקלערונג, בילדונג און פרייהייט. אָבער אויב ער ווייזט אַרויס דרך־ארץ פאַר דער טעכניק און דער קאָמוניקאַציע, וואָס איז האַנס קאַסטאָרפּס פערזענלעך אַרבעטס־געביט (ער האָט עס געטאָן שוין ביי זיין ערשטער

און מאָנטוג פֿון אַ שלעכט געוויסן האָט אים דערפֿירט דערצו, ער זאָל זיך צוהערן צום איטאַליענער. ער האָט עס געטאָן וויצנדיק, מיט אין פֿוס איבערן אַנדערן און פֿאַפֿענדיק זיין מאַריאַ מאַנציני, אָדער בעת זיי זיינען אין דרייען געגאַנגען פֿון ענגלישן קוואַרטאַל צוריק אויף דעם „בעת־האָף“.

לויט סעטעמברינים קוק און פֿאָרשטעלונג ראַנגלען זיך צוויי פּרינציפּן אין קאַמף אַרום דער וועלט: די מאַכט און דאָס רעכט, די טיראַניי און די פֿרייהייט, דער אָבערגלייבן און דאָס וויסן, דער פּרינציפּ פֿון אָפּגעשטאַנענקייט און פֿון אייביקער באַוועגונג, פֿון פּראָגרעס. דעם ערשטן פּרינציפּ קאָן מען אָנרופֿן דעם אַזיאַטישן, דעם אַנדערן — דעם אייראָפּעישן. ווייל אייראָפּע איז שוין געווען דאָס לאַנד פֿון מרידה, פֿון קריטיק און פֿון רעפֿאָרמען, בעת דער מזרח־דיקער וועלט־טייל האָט נאָך אַלץ פֿאַרקערפּערט מיט זיך די אומבאַוועגלעכקייט און די פֿאַרגליווערטקייט. כ׳איז גאָר קיין ספֿק נישט דערין, וועלכער כּוח פֿון די ביידע ס׳וועט סוף־כּל־סוף מנצח זיין. מנצח זיין וועט די אויפֿקלערונג, די שכלדיקע פֿאַרפֿולקומונג. ווייל די מענטשלעכקייט רייסט מיט מיט זיך אַלץ מער פֿעלקער אויף דעם גלענצנדיקן וועג, אַלץ מער שטח נעמט זי אַרום אין אייראָפּע אַליין און זי הייבט זיך שוין אָן אַריינצורייסן קיין אַזיע. ביז צום פֿולן נצחון פֿעלט נאָך אַ סך; נאָך גרויסע און איידעלע אָנשטרענגונגען דאַרפֿן געמאַכט ווערן פֿון יענע אויפֿגעקלערטע, וועלכע האָבן ביז איצט דערהאַלטן די ליכטיקייט, ביז ס׳וועט קומען דער טאָג, ווען אויך אין יענע לענדער פֿון אייראָפּע, וועלכע האָבן נאָך באמת נישט געהאַט נישט קיין 18טן יאָרהונדערט און נישט קיין יאָר 1798, וועלן סוף־כּל־סוף צעפֿאַלן די מאָנאַרכיעס און די רעליגיעס. אָבער אָט־דער טאָג וועט קומען — זאָגט סעטעמברינו און שמייכלט שוין אונטער זיין וואָנסע. ער וועט קומען, אויב נישט אויף טויבן־פֿיסלעך, איז אויף אָדלער־פֿליגל. ער וועט אויפֿשיינען, ווי די מאָרגן־רויטקייט פֿון דער אַלגעמיינער פֿעלקער־פֿאַרברידערונג אונטערן צייכן פֿון שכל, וויסנשאַפֿט און רעכט. די הייליקע אַליאַנץ פֿון דער בירגערלעכער דעמאָקראַטיע וועט ער ברענגען מיט זיך, דעם ליכטיקן היפּוך פֿון יענער דריי־מאָל־פֿאַרשאָלטענער אַליאַנץ פֿון פֿירשטן און קאַבינעטן,

דאַנס קאַסטאָרפּ זיך נישט געקאָנט אײַנהאַלטן, נישט אַ קלאַפּ צו טאָן מיט דער פויסט אין טיש און נישט נבהל ונשתומם צו ווערן. מ'זאָל נעמען די דריי זומער-טעג פון יאָר 1830, אין וועלכע די פּאַריזער האָבן זיך געשאַפן אַ נייע קאָנסטיטוציע און זיי אַוועקשטעלן לעבן די זעקס טעג, אין וועלכע גאָט האָט אָפּגעשיידט די יבשה פון וואַסער און געשאַפן די שטערן אין הימל צוזאַמען מיט בלומען,ביימער, פייגל, פיש און אַלדאָס לעבעדיקע — דאָס איז צו-שטאַרק געזאָגט. אַפילו שפּעטער, נאָכדעם, ווי ער האָט דעם ענין ברייט אַרומגערעדט מיט יאָאַכימען, איז ער נאָך אַליין געבליבן ביי דער מיינונג, אַז דאָס איז צו שאַרף און אַפילו שאָקירנדיק.

אָבער ער האָט זייער געוואָלט באַאײַנפלוסט ווערן. דאָס דאַרף מען פאַרשטיין אין דעם זין, אַז ר'האָט געהאַלטן פאַר אָנגענעם צו מאַכן פּרוּוון. צוליב דעם האָט ער געצווימט אין זיך דעם פּראָטעסט, וועלכער איז אַנטשטאַנען אין אים אַדאַנק זיין פּיעטעט און גוטן געשמאַק קעגן סעטעמברינים קוק אויף די ענינים: ר'האָט געפּרוּווט פאַרשטיין, אַז דאָס, וואָס ס'זעט אים אויס זינדיק, קאָן געהאַלטן ווערן פאַר דרייסטקייט, און דאָס, וואָס זעט אים אויס צו זיין געשמאַקלאָז, האָט, לכל-הפּחות אַמאָל און ערגעץ-אַנדערש, געקאָנט זיין גרויסהאַרציקייט און איידעלע געהויבנקייט. אַזוי, למשל, האָט סעטעמברינים זיידע גערופן די באַריקאַדן „פאָלקס-טראָן" און געטענהט, אַז „די שפּיז פון בירגער דאַרף געהייליקט ווערן אויפן מזבח פון דער מענטשהייט".

האַנס קאַסטאָרפּ האָט געוואוסט, פאַרוואָס ער הערט זיך צו צו סעטעמבריני, נישט בולט, אָבער דאָך געוואוסט. ס'איז דערין געווען אַ מין געפיל פון חוב. אַחוץ יענער פרייען-אַחריותלאָזיקייט פון אַ פאָרנדיקן מענטש און אַ האָספּיטאַנט, וואָס באַהאַלט זיך נישט פאַר קיין שום איינדרוק און לאָזט אַלץ ווירקן אויף זיך, פול מיט דעם באַוואוסטזיין, אַז ער וועט מאָרגן אָדער איבערמאָרגן ווידער נעמען הענט און זיך אומקערן צו דער אַלטער אָרדענונג — אַחוץ דעם איז נאָך געווען אַ מין געפיל פון פליכט. עס איז געווען אַ מין פאָדערונג פון געווסן, אָדער נאָך גענייער — די פאָדערונג

געלערנטער, אַ הומאַניסט בײַ זײַן שטענדער. אָבער וואָס איז הומאַ=
ניזם? — ליבע צום מענטש איז עס, נישט אַנדערש און ממילא איז
הומאַניזם אויך פּאָליטיק, איז ער אויך מורד קעגן אַלץ, וואָס
ברענגט אומכּבֿוד און איז מבֿזה די אידעע פֿון מענטש. מ'האָט אים
פֿאָרגעוואָרפֿן, אַז ער שעצט צופֿיל און איבערגעטריבן די פֿאָרם. אָבער
אויך די שיינע פֿאָרם ווערט סוף=כּל=סוף פֿון הומאַניזם געפֿלעגט
בלויז צוליב דעם כּבֿוד פֿון מענטש, אין גלענצנדיקן היפּוך צום
מיטלאַלטער, וואָס איז געווען פֿאַרזונקען נישט בלויז אין מענטשן=
שׂנאה און פֿאַנאַטיזם, נאָר אויך אין פֿאַסקודנער פֿאָרמלאָזיקייט. פֿון
סאַמע אָנהייב האָט דער הומאַניזם געקעמפֿט פֿאַר די אינטערעסן
פֿון מענטש. פֿאַר די ערדישע ענינים, פֿאַר געדאַנקען=פֿרײַהייט און לעבנס=
פֿרייד. ער האָט געהאַלטן, אַז דעם הימל קאָן מען פֿאַרגינען די פֿײַ=
געלעך. פּראָמעטעוס! ער איז געווען דער ערשטער הומאַניסט
און ער איז אידענטיש מיט יענעם שטן, צו וועלכן קאַרדוטשי האָט
געזונגען זײַנע הימנען... אַך, מײַן גאָט, די קוזינען האָלטן גע=
דאַרפֿט הערן דעם אַלטן קירכן=פֿײַנד פֿון באָלאָנאַ, ווי ער
שטעכט און זידלט די קריסטלעכע סענטימענטאַלקייט פֿון די ראָ=
מאַנטיקער! מאַנצאָנים הייליקע געזאַנגען! די שאָטן=און לבֿנה=פּאָעזיע
פֿון „ראָמאַנטיציזמאָ‟, וועלכן ער האָט פֿאַרגליכן צו דער „בלייכער הימ=
לישער נאָנע, לונאַ*‟! פֿער באַקראָ**, וואָס פֿאַר אַ תּענוג ס'איז
געווען! איר וואָלט אויך געדאַרפֿט הערן ווי ער, קאַרדוטשי, האָט
אויסגעטײַטשט דאַנטען, ער האָט אים אָפּגעגעבן כּבֿוד, ווי אַ בירגער פֿון דער גרויסער שטאָט, וואָס האָט פֿאַרטיידיקט די איבערקערע=
רישע און וועלט=פֿאַרבעסערנדיקע שטרעבונגען קעגן אַסקעטיזם און
וועלט=פֿאַרניינונג. ווײַל נישט דעם קרענקלעכן און מיסטאַגאָגישן***
שאָטן פֿון בעאַטריטשע האָט דער דיכטער באַערט מיט דעם נאָמען
„דאָננאַ דזשענטילע עפּיעטאַסאַ‟****. אַזוי האָט געהייסן זײַן
ווײַב, וועלכע פֿאַרקערפּערט אין דער פּאָעמע דעם פּרינציפּ פֿון דער
וועלטישער דערקענטניש, פֿון פּראַקטישער לעבנס=אַרבעט....

* לאַטייניש: לבֿנה. ** אַן איטאַליעניש פֿאָלקס=שבֿועה: אויף באַקכוס (גאָט פֿון ווײַן). *** רעליגיעז=סודותפֿול. **** ליבע און בּאַרמהאַרציקע פֿרוי.

וועמענס פּערזענלעכער דם=שונא ס'איז געווען דער זיידע דזשאָזעפּע. בקיצור, ס'וועט זײַן די וועלט=רעפּובליק, אָבער כּדי צו דערגיין צו דעם דאָזיקן ציל, איז קודם=כּל נייטיק, אַז מ'זאָל דערלאַנגען אַ קלאַפּ דעם אַזיאַטישן, קנעכטישן פּרינציפּ פון אָפּגעשטאַנענקייט אין זײַן מיטלפּונקט און לעבנס=נערוו — אין ווין. דער עיקר דאַרף מען צעשטערן און צעשלאָגן, קודם=כּל צוליב נקמה פאַר אַמאָל, צווייטנס, כּדי צו מאַכן אַ וועג פאַר דער הערשאַפט פון רעכט און גליק אויף דער ערד.

די דאָזיקע לעצטע ווענדונג אין קאָנסעקווענץ פון סעטעמבּרינים שיינע דרשות האָט האַנס קאַסטאָרפּן שוין גאָרנישט אינטערעסירט, ס'איז אים נישט געפעלן, עס האָט אויף אים אַפילו געווירקט פּיינלעך, ווי אַ פּערזענלעכע אָדער נאַציאָנאַלע פאַרביסנקייט. דאָס איז געשען יעדעס מאָל מיט האַנס קאַסטאָרפּן, שוין נישט רײדנדיק וועגן יאָאַכים צימסען. יעדעס מאָל, ווען דער איטאַליענער דערגייט דערצו, דרייט ער אים דעם קאָפּ מיט פינסטער=פאַרצויגענע ברעמען און הערט מער נישט אים, אָדער פּרוווט דערמאָנען וועגן קוראַציע אָדער אַרויספירן דעם שמועס אויף עפּעס אַנדערש. אויך האַנס קאַסטאָרפּ האַלט, אַז ער איז נישט מחויב זיך צו לאָזן אויף אַזעלכע אָפּוועגן — עס איז, אַפּנים, נישט געלעגן אין דער גרענעץ פון דעם, פון וואָס ער האָט געדאַרפט באַאײַנפלוסט ווערן לויט די פאָדערונגען פון זײַן געוויסן. אגב, זײַנען די דאָזיקע פאָדערונגען געווען אַזעלכע שטאַרקע, אַז ער אַליין האָט אָנגעהויבן סעטעמבּרינען צו מאָנען, ער זאָל אַרויסזאָגן זײַנע אידעען, תּיכּף ווי יענער האָט זיך צוגעזעצט צו זיי, אָדער בעת זיי האָבן זיך געטראָפן אינדרויסן.

די דאָזיקע אידעען, אידעאַלן און שטרעבונגען — באַמערקט סעטעמבּריני — זײַנען ירושה=זאַכן אין זײַן משפּחה. ווײַל אַלע דרײַ האָבן זיי אָפּגעגעבן דערפאַר זייער לעבן און גײַסטיקע כּוחות — סײַ דער זיידע, סײַ דער פאָטער, סײַ דאָס אייניקל, יעדער אויף זײַן שטייגער. דער פאָטער האָט עס געטאָן נישט ווייניקער פון זיידן דזשאָזעפּע, כאָטש ר'איז נישט געווען קיין פּאָליטישער אַגיטאַטאָר און פרייהייטס=קעמפער, ווי יענער, נאָר אַ שטילער און צאַרטער

בונדן מיטן וואָרט, מיט דער ליטעראַטור (זעסט שוין — זאָגט האַנס
קאַסטאָרפּ שפּעטער צו זיין קוזין — זעסט שוין, אַז אין דער ליטע-
ראַטור זיינען דער עיקר שיינע ווערטער? איך האָב עס גלייך פאַר-
שטאַנען). ממילא איז אויך פּאָליטיק פאַרבונדן מיט ליטעראַטור,
אָדער בעסער געזאָגט: זי שטאַמט פון דער צונויפגעבונדנקייט, פון
דער צונויפגעוואָסנקייט, פון הומאַניטעט מיט ליטעראַטור. ווייל פון
שיינעם וואָרט קומט אַרויס אַ שיינער טאַט. מיט צוויי הונדערט
יאָר צוריק — זאָגט סעטעמבריני — איז אין אַייער לאַנד געווען אַ
דיכטער, אַ פּרעכטיקער אַלטער דערציילער, וואָס האָט געלייגט גרויס
געוויכט אויף אַ שיין כתב, ווייל ר'האָט געמיינט, אַז דאָס ברענגט
דערצו, מ'זאָל קריגן אַ שיינעם סטיל. ער וואָלט אָבער געקאָנט נאָך
ווייטער און זאָגן, אַז אַ שיינער סטיל ברענגט צו שיינע מעשים.
שיין שרייבן, דאָס איז שוין כמעט דאָס אייגענע, וואָס שיין דענקען,
און פונדאַנען איז שוין נישט ווייט צו שיינע מעשים. יעדע עטיש-
קייט און עטישע שלמות שטאַמט פון גייסט פון ליטעראַטור, יע-
נער גייסט פון מענטשן-ערע, וואָס איז גלייכצייטיק אויך דער גייסט
פון הומאַניטעט און פון פּאָליטיק. יאָ, דאָס אַלץ איז איינס, ס'איז
דער זעלביקער כוח און די זעלביקע אידעע און מ'קאָן עס אַרומנעמען
מיט אײן נאָמען. וואָס פאַר אַ נאָמען דאָס איז? אָט דער נאָמען
ווערט צונויפגעשטעלט פון היימישע זילבן, אָבער זייער זין און מאַיעס-
טעטישקייט האָבן די קוזינען מסתמא נאָך קיינמאָל נישט באַנומען,
ווי עס דאַרף צו זיין. דער נאָמען איז: ציוויליזאַציע! און בשעת סע-
טעמבריני לאָזט אַרויס פון מויל אָט-דאָס וואָרט, גיט ער אַ הויב
אויף אינדערהויך זיין קליינע , געלע רעכטע האַנט, ווי עמעץ
וואָס האַלט אַ טאָאַסט.

דאָס אַלץ — האַלט האַנס קאַסטאָרפּ — איז כדאי אויסצוהערן.
אמת, אָן אַ באַזונדערער התחייבות, גיכער — אויף אַ פּרווּ, אָבער
דאָך האַלט ער, אַז ס'איז אויף יעדן פאַל כדאי מ'זאָל עס אויס-
הערן. דאָס אייגענע זאָגט ער אויך צו יאָאַכים ציַמסען. אָבער יע-
נער האָט גראָד געהאַלטן דעם טערמאָמעטער אין מויל און האָט
בלויז געקאָנט ענטפערן נישט דייטלעך. דערנאָך איז ער געווען צו-
שטאַרק פאַרנומען ביים איבערלייענען די ציפערן און פאַרשרייבן אין

אַזוי אַרום האָט האַנס קאַסטאָרפּ געהערט אויך דאָס און יענץ וועגן דאַנטען און נאָך פון דער בעסטער קוועלע. איינגאַנצן פאַר־לאָזט זיך דערויף האָט ער אויך נישט, נעמענדיק אין אַכט, אַז חבֿר איבערגעבער איז אַ שטיקל פּלוט. אָבער אַלנפאַלס איז כּדאַי געווען דאָס צו הערן, אַז דאַנטע איז געווען אַן אויפגעקלערטער שטאָט־מענטש. ער הערט אויך ווייטער, ווי סעטעמבריני רעדט וועגן זיך אַליין און דערקלערט, אַז אין זיין פּערזאָן, אין אייניקל לאָדאָוויקאָ סעטעמבריני, האָבן זיך מסתּמא פאַראייניקט די טענדענצן פון זיינע צווי אָבֿות, די פּאָליטישע טענדענצן פון זיידן און די הומאַניסטישע — פון פאָטער. דערפאַר איז ער געוואָרן אַ ליטעראַט, אַ פרייער שריפט־שטעלער, ווייל די ליטעראַטור איז טאַקע דאָס: זי איז די פאַראייני־קונג פון הומאַניזם מיט פּאָליטיק. די דאָזיקע צונויפשמעלצונג איז אַ נאַטירלעכע, ווייל הומאַניזם אַליין איז פּאָליטיק און פּאָליטיק איז הומאַניזם. דאָ הערט זיך האַנס קאַסטאָרפּ צו מיט קאָפּ און באַמיט זיך גוט צו פאַרשטיין. ער וויל אַזוי־אַרום דערזעען, פאַרוואָס דער ביר־ברייער מאַגנוס איז אַן עם־האָרץ און אויף ווי ווייט ליטעראַטור איז נאָך עפּעס מער, ווי „שיינע כאַראַקטערן". צי האָבן זיי — פרעגט סעטעמבריני זיינע צוהערער — געהערט וועגן ברונעטאָ, ברו־נעטאָ לאַטיני, שטאָט־שרייבער פון פלאָרענץ בערך אין 1250, וועלכער האָט אַרויסגעגעבן אַ בוך וועגן גוטע און שלעכטע מידות? דער דאָזיקער מייסטער האָט דער ערשטער אויסגעשליפן די פלאָרענציאַנער, האָט זיי געלערנט רעדן און אויך די קונסט, ווי אַזוי צו פירן זייער רעפּובליק לויט די כּללים פון פּאָליטיק. אָט דאָס איז עס, מיינע הערן! — רופט אויס סעטעמבריני — דאָ האָט איר עס! און ער נעמט רעדן וועגן „וואָרט", וועגן קולט פון וואָרט, וועגן דער עלאָקווענץ*, וועלכע ער רופט אָן — דער נצחון פון מענטשלעכקייט. ווייל דאָס וואָרט איז דער כּבֿוד פון מענטש און נאָר צוליב דעם האָט דאָס לעבן אַ ווערט פאַרן מענטש. נישט בלויז הומאַניזם, נאָר הומאַניטעט בכלל, מענטשן־כּבֿוד, דרך־ארץ פאַרן מענטש און דרך־ארץ פאַר זיך אַליין — דאָס אַלץ איז אומצושיידבאַר פאַר־

* רעדנער־קונסט.

ליטעראַטור, וואוהין האַנס קאַסטאָרפּ האָט זיך איצט דערלויבט צו ווענדן זיינע געדאַנקען? — דאָרטן האָט זיך געפונען... קלאַוודיאַ שאָשאַ — אַן אָפּגעלאָזענע, אַ דורכגעפרעסענע, מיט קירגיזישע אויגן. בשעת האַנס קאַסטאָרפּ האָט זיך דערמאָנט אָן איר (אַגב, איז דאָס וואָרט „דערמאָנען“ אַ צו־געצוימטער אויסדרוק, כּדי צו באַצייכענען זיין אופן טראַכטן וועגן איר), האָט ער ווידער געהאַט דאָס געפיל, ווי ער וואָלט געזעסן אין דעם שיפל אין דער האַלבשטיינייטער אָזערע און געקוקט מיט פאַרבלענדטע און פאַרבישופטע אויגן פון דער גלאָזיקער טאָג־העלקייט אין מערב צו דער פאַרנעפּלטער לבנה־נאַכט אין מזרח־זייט הימל.

דער טערמאָמעטער

האַנס קאַסטאָרפּס וואָך האָט זיך דאָ געצויגן פון דינסטאָג צו דינסטאָג, ווייל ר'איז אָנגעקומען דינסטאָג. שוין עטלעכע טעג, ווי ער האָט אין ביוראָ באַצאָלט זיין צווייטן רעכענונג, דער באַשיידענער רעכענונג פון דער וואָך פון קיילעכיקע 160 פראַנק. ער האָט עס געהאַלטן פאַר באַשיידן און ביליק, אַפילו מ'נעמט נישט אין חשבון די אומצאָלבאַרקייטן פון היגן אָרט, טאַקע דערפאַר, ווייל זיי זיינען אומצאָלבאַרקייטן און אויך נישט געוויסע זאַכן, וועלכע וואָלטן יאָ געקאָנט גערעכנט ווערן, ווען מ'וואָלט געוואָלט — אַ שטייגער די מוזיק אַלע צוויי וואָכן און ד״ר קראָקאָווסקיס רעפעראַטן. ס'איז געווען באַשיידן און ביליק, אַפילו ווען מ'רעכנט בלויז דאָס וואוינען און די קעסט, די באַקוועמע דירה, און די פינף רייזיקע מאָלצייטן.

— ס'איז נישט טייער, ס'איז גיכער ביליק. דו קאָנסט נישט האָבן קיין טענה, אַז מ'באַרייסט דיך דאָ אויבן — זאָגט דער האָספּיטאַנט קאַסטאָרפּ צו דעם תושב יאָאַכים. — דו דאַרפסט, הייסט עס, האָבן קיילעכיקע 650 פראַנק אַ חודש פאַר וואוינונג מיט עסן,

דער טאַבעלע, אַז ר'זאָל גיין אַרויסזאָגן מיינונגען וועגן סעטעמברינים קוק. האַנס קאַסטאָרפּ, ווי מיר האָבן שוין געזאָגט, האָט מיטן גוטן ווילן אין זיך דאָס אַליך אײַנגעזאַפּט אין האָט געפּרוּווט עפּענען דאָס האַרץ פאַר דעם. דערפון ווערט קודם־כל קלאָר, אויף וויפל דער וואַכנ־דיקער מענטש איז בעסער פון דעם נאַריש־חלומענדיקן. ווייל אין חלום האָט האַנס קאַסטאָרפּ שוין נישט איינמאָל געזידלט סעטעמברינין, גערופן אים אין די אויגן אַריין קאַטאַרינאַזש און האָט זיך מיט אַלע כוחות אָנגעשטרענגט פּטור צו ווערן פון אים דערפאַר, ווייל ער „שטערט דאָ". אָבער וואַכנדיקערהייט האָט ער זיך צוגעהערט צו אים העפלעך און מיט אינטערעס און האָט אַפילו געפּרוּווט, ווי ס'פּאַסט פאַר אַ לאָיאַלן מענטש, אויסצוגלייכן און אײַנצוהאַלטן די פּראָ־טעסטן, וואָס האָבן זיך דערוועקט אין אים קעגן דעם מענטאָרס מיינונגען און פאַרשטעלונגען. ווייל מ'קאָן נישט אָפּלייקענען דעם פאַקט, אַז אין זיין נשמה אַנטשטייען געוויסע פּראָטעסטן. איניקע זיינען שוין געווען אין אים פון פריער, לכתחילה און פון שטענדיק אָן. אַנדערע זיינען אויפגעקומען ביים איצטיקן מצב, צוליב זיינע איבערלעבענישן דאָ אויבן, פון וועלכע טייל זיינען געווען אומדי־רעקטע, טייל — פאַרשוויגענע.

וואָס איז אַזוינס דער מענטש און ווי לייכט זיין געוויסן נאַרט זיך אָפּ! ווי ער קאָן דאָס אַריינלייגן די שמד אין דער יראה! כלומרשט צוליב פליכט, יושר און שטרעבונג צו גלייכגעוויכט האָט האַנס קאַסטאָרפּ זיך צוגעהערט צו סעטעמברינין און האָט מיט אַ גוטער כוונה געפּאָרשט זיינע מיינונגען וועגן שכל, רעפּובליק און שיינעם סטיל; ער איז געווען גרייט באַאיינפלוסט צו ווערן פון זיי. אָבער דערביי האָט ער געהאַלטן, אַז עס איז אַ יושר, זיינע געדאַנקען און חלומות זאָלן זיך באַוועגן פריי אין אַן אַנדערער ריכטונג, אין אַ הפקרדיקער. יאָ, לאָמיר סוף־כל־סוף אויס־זאָגן אונזער גאַנצן חשד און מיינונג: ער האָט זיך צוגעהערט צו סעטעמברינין, בלויז צוליב דעם צוועק, כדי ער זאָל קריגן רשות פון זיין געוויסן, אַ זאַך, וואָס האָט זיך לכתחילה נישט אײַנגעגעבן. אָבער, וואָס און ווער האָט זיך געפּינען אויף דער אַנדערער, פאַר־קערטער זייט פון פּאַטריאָטיזם, מענטשלעכן כבוד און דער שיינער

אויפגעשטאַנען ספּעציעל פון זיין וואוילער שטול, באַפאַלן פון עפּעס
אַ רעיון, און איז אַריין אין צימער, כדי פון דאָרטן צו נעמען
אַ בלייפעדער און פּאַפּיר צום רעכענען. דעמאָלט איז ער געקו-
מען צום רעזולטאַט, אַז זיין קוזין דאַרף, אָדער מ׳דאַרף בכלל דאָ
האָבן בסך-הכל 12000 פראַנק אַ יאָר און ער האָט, סתם אַזוי אויף
אַ שפּאַס אויסגערעכנט, אַז ער פאַר זיין פּערזאָן קאָן זיך פאַר-
גינען צו לעבן דאָ אויבן און עס וועט אים נאָך בלייבן אַן עודף.
זיין יערלעכע הכנסה פון די צינזן האָט אויסגעמאַכט אַ 18—19,000
פראַנק אַ יאָר.

זיין צווייטע וואָך-רעכענונג איז, הייסט עס, געדעקט געוואָרן
מיט דריי טעג צוריק. מ׳האָט אים געדאַנקט און אַרויסגעגעבן
אַ קוויט. דערפון איז געדרונגען אויך אַזויפיל, אַז ס׳איז שוין גע-
ווען די דריטע — און לויטן פּלאַן די לעצטע — וואָך פון זיין
זיצן דאָ אויבן. איבעראַכטאָג זונטאָג וועט ער נאָך הערן דעם
קאָנצערט, און מאָנטאָג — ד״ר קראָקאָווסקיס רעפעראַט. ביידע
חזרן זיך איבער יעדע צוויי וואָכן. ער טראַכט עס ביי זיך און
זאָגט עס אויך דעם קוזין. דינסטאָג אָדער מיטוואָך וועט ער אַוועק-
פאָרן און יאָאַכים וועט דאָ ווידער בלייבן אַליין. דער אָרעמער יאָ-
אַכים! ווער ווייסט, וויפל חדשים ראַדאַמאַנט וועט אים נאָך צו-
טיילן. זיינע מילדע, שוואַרצע אויגן ווערן מיט בענקשאַפט פאַר-
הויכט יעדעס מאָל, ווען ס׳קומט אויס צו ריידן וועגן דהאַנס קאַס-
טאָרפּס גיכער נסיעה. יאָ, גרויסער גאָט, וואו איז אַהינגעקומען אָט-
די פעריען-צייט! צערונען געוואָרן, אַוועקגעפלויגן, אַנטלאָפן —
מ׳ווייסט אַליין נישט רעכט וואוהין. זיי האָבן דאָך סוף-כל-סוף
געזאָלט אָפּלעבן צוזאַמען איין-און-צוואַנציק טאָג, אַ לאַנגע ריי טעג,
ווי ס׳האָט אויסגעוויזן אינאָנהייב. איצט זיינען געבליבן דערפון,
בסך-הכל אַ דריי-פיר מעת-לעת, אַ נישטיק רעשטל, וואָס וועט, וואָס
אמת, האָבן מער וואָג צוליב צוויי פּעריאָדישע טעג, וואָס טיילן
זיך אויס פון די איבעריקע, אָבער פונדעסטוועגן איז עס שוין פול
מיט פּאַקן זיך און מיט געזעגענונג-שטימונגען. דריי וואָכן זיינען כמעט
די גאָרנישט דאָ אויבן — אַלע האָבן עס אים גלייך געזאָגט.
די קלענסטע צייט-מאָס איז דאָ אַ חודש — האָט סעטעמבריני גע-

דערבײַ זײַנען שוין אַרײַנגערעכנט דאָקטוירים. גוט, לאָמיר אָננעמען, אַז אין משך פֿון חודש וואַרפֿסטו נאָך אַרויס דרײַסיק פֿראַנק אויף טרינק-געלט, אײַב דו ביסט אַן אָרנטלעכער מענטש און ווילסט, מ'זאָל צו דיר מאַכן זאַ פֿרײַלעכע מינע. צוזאַמען איז דאָס 680 מאַרק. גוט. וועסט אפֿשר זאָגן, אַז ס'גייען נאָך אַנדערע הוצאות. מ'האָט אויסגעגעבן פֿאַר געטראַנקען, פֿאַר קאָסמעטיק, ציגאַרן, מ'מאַכט אַמאָל אַ שפּאַציר, אַ נסיעה מיט אַ וואָגן, אויב דו ווילסט. טייל-מאָל דאַרף מען עפּעס צאָלן אַ שנײַדער, אָדער אַ שוסטער. גוט, אָבער בײַ דעם אַלעם וועסטו נאָך בײַם בעסטן ווילן נישט פֿאַרטאַכלעווען קיין טויזנט פֿראַנק אַ חודש! קיין אַכט הונדערט אויך נישט! דאָס טרעפֿט אַפֿילו נישט אָן קיין 10,000 מאַרק אַ יאָר. מער אויף זיכער נישט. אין דערפֿון לעבסטו.

— אַ טײַערער בעל-חשבון! — זאָגט יאָאַכים. — כ'האָב גאָרנישט געוואוסט, אַז דו ביסט אַזוי פֿלינק דערצו און דאָס, וואָס דו טוסט גלײַך אַ מאַך אַ יאָר-קאַלקולאַציע — דאָס איז פּשוט ברייטקייט פֿון דײַן זײַט. מ'זעט, אַז האָסט דיך שוין עפּעס אויסגעלערנט דאָ אויבן. אַגב, רעכנסטו צופֿיל. איך רויכער נישט קיין ציגאַרן און קיין אָנצוגן האָב איך אויך נישט בדעה מיר צו מאַכן דאָ. אַ שיינעם דאַנק.

— הייסט עס, נאָך צופֿיל — זאָגט האַנס קאַסטאָרפּ אַ ביסל צעמישט.

לאָמיר שוין נישט ריידן דערפֿון, פֿונוואַנען ס'נעמט זיך, וואָס ער האָט אַרײַנגעשטעלט זײַן קוזין אין חשבון ציגאַרן און נײַע אָנצוגן; נאָר וואָס איז נוגע זײַן פֿלינק רעכענען אויפֿן קאָפּ, איז עס זיכער געווען נישט מער, ווי אַן אָפּגענאַרטע זאַך און אַן ענין נישט פֿאַר זײַנע פֿעיִקייטן. ווי אין אַלע אַנדערע ענינים, איז ער אויך אויף דעם געביט געווען גיכער אַ פּאַמעלעכער און אַן פֿײַער. זײַן פֿלוצלונגע אָריענטאַציע אין דעם פֿאַל איז נישט געווען קיין אימפּראָוויזאַציע, נאָר האָט זיך געשטיצט אויף צוגעגרייטקייט, און דווקא אויף שריפֿטלעכער צוגעגרייטקייט. ווײַל אין איינעם אַן אָוונט איז האַנס קאַסטאָרפּ בעת דער ליג-קוראַציע (ער האָט זיך אינאָוונט אויך געלייגט אינדרויסן, ווײַל אַלע האָבן געטאָן דאָס אייגענע)

חדשים אַרום. פֿאַרריכט זיך? דו מיינסט, צי כ'האָב מיך פֿאַרריכט אין די פּאָר טעג? מ'דאַרף אָננעמען, אַז יאָ. נישט אַנדערש, איך האָב זיך אַ ביסל פֿאַרריכט, אַפֿילו אין אָט־דער קורצער צייט. אַלנפֿאַלס האָב איך דאָ געהאַט אַ סך נייע איינדריקן, נייע אין יעדן פּרט, זייער אינטערעסאַנטע, אָבער איך אָנשטרענגענדיקע סיי גייסטיק, סיי קערפּערלעך. כ'זע נאָך נישט, כ'זאָל שוין זיין פֿאַרטיק דערמיט און כ'זאָל זיך האָבן אַקלימאַטיזירט — אָן דעם קאָן מען זיך בשום־אופֿן נישט פֿאַרריכטן. מאַריאַ איז גאָט צו דאַנקען ווי געווען. ערשט עטלעכע טעג, ווי כ'בין ווידער געקומען צום טעם. אָבער פֿון צייט־צו־צייט ווערט נאָך אַלץ מיין טאַשנטיכל רויט, בשעת כ'באַנוץ מיך דערמיט און פֿון דער נאַרישער היץ אין פּנים מיט דעם אומזיניקן האַרץ־קלאַפּעניש וועל איך אויך שוין מסתמא נישט פּטור ווערן ביז צום סאַמע סוף. ניין, ניין, ווען אַקלימאַטיזאַציע קאָן נאָך לגבי מיר קיין רייד נישט זיין, ס'איז אויך נישט מעגלעך אין אַזאַ קורצער צייט. ס'דאַרף געדויערן לענגער, ביז מ'אַקלימאַטיזירט זיך און ביז מ'ווערט פֿאַרטיק מיט די אַלע איינדריקן. ערשט דעמאָלט קאָן מען זיך אָנהייבן פֿאַרריכטן אין צוקריגן איי־ווייס. אַ שאָד. כ'זאָג „אַ שאָד", ווייל כ'האַלט עס פֿאַר אַ שטאַרקן חסרון, הלמאַי כ'האָב מיר נישט גענומען מער צייט אויף צו זיין דאָ. מ'וואָלט געווען געקאָנט געפֿינען מער. כ'האָב דאָס געפֿיל, אַז אונטן וועל איך מיך קודם־כל דאַרפֿן פֿאַרריכטן נאָך דער היגער דאַטשע און אָפּשלאָפֿן דריי וואָכן. אַזוי פֿאַרמאַטערט, דאַכט זיך, מיר טייל־מאָל, בין איך. דערביי קומט נאָך צו דער פֿאַסקודנער קאַטאַר...

ווייל ס'זעט אויס, אַז האַנס קאַסטאָרפּ וועט אַראָפּקומען אונטן מיט אַן ערשט־קלאַסיקן קאַטאַר. ער האָט זיך, פֿאַרקילט, אַפּנים, אויף ליג־קוראַציע און מסתמא אויף דער אָוונטיקער ליג־קוראַציע, וועלכע ער מאַכט מיט ערשט, זינט אַ וואָך, נישט געקוקט אויפֿן קאַלטן, נאַסן וועטער, וואָס וועט, ווי ס'זעט אויס, שוין נישט שענער ווערן, ביז ער וועט אַוועקפֿאָרן. ער האָט זיך אָבער איבערגעצייגט, אַז מ'האַלט עס נישט פֿאַר שלעכט. דער באַגריף פֿון שלעכטן וועטער האָט על־פּי־דין דאָ בכלל נישט עקסיסטירט. מ'האָט דאָ נישט קיין מורא געהאַט פֿאַר קיין שום וועטער, מ'האָט זיך כמעט נישט גע־

זאָגט. היות האַנס קאַסטאָרפּ איז דאָ געווען נאָך ווייניקער — קומט אויס, אַז ר'איז דאָ געווען כּמעט גאָרנישט, אָדער ר'האָט געמאַכט אַ וויזיט אויף איין פוס, ווי הויפראַט בערענס האָט זיך אויסגעדריקט. אפשר איז אָמאָל די געהעכערטע אַלגעמיינע פאַרברענונג בײַם אָטעמען געווען די סיבה דערפון, וואָס די צײַט איז אַוועק, איידער מ'האָט זיך אומגעקוקט? אַזאַ מין פאַרגיכערונג פון לעבן איז געווען פאַר יאָאַכימען אַ טרייסט צוליב די פינף חדשים, וואָס זײַנען אים נאָך געבליבן — אויב ער וועט יוצא=זײַן מיט די פינף. אָבער אין משך פון אָט=די דריי וואָכן האָבן זיי געדאַרפט מער זיך אומקוקן אויף דער צײַט, ווי למשל, בעתּי מעסטן די היץ, ווען די באַשטימטע זיבן מינוט זעען=אויס צו זײַן אַזוי געוואַלדיק לאַנג... האַנס קאַסטאָרפּ האָט מיטן גאַנצן האַרץ געהאַט רחמנות אויף זײַן קוזין, בײַ וועלכן מ'האָט געקאָנט אַרויסלערנען פון די אויגן די עגמת=נפש, הלמאַי ער פאַרלירט זײַן נאָענטן גאַסט. האַנס קאַסטאָרפּ האָט באמת געהאַט דעם גרעסטן רחמנות אויף אים, טראַכטנדיק, אַז דער אָרעמער בחור בלײַבט שוין כּסדר אָן אים, בעת ער אַליין וועט ווידער אָנהייבן לעבן אונטן און נעמען אַרבעטן בײַ דער פעלקער=דערנענטערנדיקער קאָמוניקאַציע=טעכניק. ס'איז געווען אַ רחמנות, וואָס ברענט אַזש, קאָרטשעט טיילמאָל צונויף דאָס האַרץ און איז, מיט איין וואָרט, אַזוי שטאַרק, אַז ער ווערט גאַנץ אָפט ערנסט מסופּק דערין, צי ער וועט קאָנען פּועלן בײַ זיך צו לאָזן יאָאַכימען אַליין דאָ אויבן. אַזוי ווײַט פלעגט אים טיילמאָל ברענען דאָס רחמנות, אַז צוליב דעם טאַקע האָט ער פון זיך אַליין, אַלץ ווייניקער און ווייניקער גערעדט וועגן זײַן נסיעה. גיכער פלעגט יאָאַכים פון צײַט=צו=צײַט אַרויפפירן אויף דעם שמועס. האַנס קאַסטאָרפּ האָט, ווי מיר האָבן געזאָגט, צוליב נאַטירלעכן טאַקט און פײַנקייט ביז צו דער לעצטער רגע נישט געוואָלט טראַכטן דערוועגן.

— לאָמיר, לכל=הפּחות, האָפן, — זאָגט יאָאַכים — אַז דו האָסט דיך אַ ביסל פאַרריכט בײַ אונז און אַז וועסט צוריק אַהיימקומען, וועסטו פילן די דערפרישונג...

— יאָ, כ'וועל אַלעמען אָפּגעבן גרוסן — ענטפערט האַנס קאַסטאָרפּ — און וועל זאָגן, אַז קומסט אַהיים לענגסטנס אין פינף

מיש־מעלאָדישע טענער. ס'זיינען געווען פראַגמענטן פון אָפּערעס, שטיקער פון „קאַרמען“, פון „טראָובאַדור“, אָדער פון „פרייען שיסער“, האַרמאָנישע, פּאָפּולערע וואַלצן, אויך מאַרשן, ביי וועלכע מ'שאָקלט צו שטאָלץ מיטן קאָפּ צום טאַקט, און פריילעכע מאַזורקעס. מאַזורקאַ? מאַרושיאַ, הייסט זי אייגנטלעך יענע מיטן קליינעם רובין. און אין דער שכנותדיקער לאָזשע הינטער. דער דיקער מילך־גלאָז־וואַנט ליגט יאָאַכים. טיילמאָל רופט זיך האַנס קאַסטאָרפּ פאָרזיכטיק אָן צו אים מיט אַ וואָרט, דערביי גיט ער אַכטונג, ס'זאָל נישט שטערן די איבעריקע „האָריזאָנטאַלע“. יאָאַכים ליגט זיך אין לאָזשע אַקוראַט, ווי האַנס קאַסטאָרפּ, כאָטש ר'איז נישט מוזיקאַליש און האָט נישט אַזאַ הנאה פון די אָוונט־קאָנצערטן. אַ רחמנות אויף אים. אָנשטאָט דעם לייענט ער זיין רוסישע גראַמאַטיק. האַנס קאַסטאָרפּ, אָבער, לאָזט ליגן זיין Ocean steamships אויף דער דעקע און הערט זיך צו, אײַנגאַנצן דורכגענומען, צו דער מוזיק, דרינגט אַריין מיט תענוג אין דער דורכזיכטיקער טיפעניש פון איר פאַקטור און האָט אַזאַ גרוים פאַרגעניגן פון איינעם אַ כאַראַקטער־און שטימונג־פולן מעלאָדישן אײַנפאַל, אַז ער דערמאַנט זיך מיט פיינטשאַפט אין סעטעמבריניס מיינונגען וועגן מוזיק — אַזעלכע פאַרדראָסיקע מיינונגען, ווי למשל, אַז די מוזיק איז פּאָליטיש פאַרדעכטיק. פּאַקטיש זיינען אַזעלכע אויסדריקן נישט בעסער, ווי זיין ציידע דזשאָזעפּעס לשון, וואָס ער האָט אַוועקגעלייגט וועגן דער יולי־רעוואָלוציע און די זעקס טעג פון וועלט־באַשאַפונג.

יאָאַכים האָט זיך, הייסט, נישט אַזוי שטאַרק געקוויקט מיט דער מוזיק. אויך דער געשמאַק פון רויכערן איז אים פרעמד. אָבער אויסער דעם, איז ער געלעגן פונקט אַזוי באַקוועם אין זיין לאָזשע, באַקוועם און מנוחהדיק. דער טאָג האָט זיך געענדיקט, פאַר היינט האָט זיך, הייסט עס, אַלץ געענדיקט. מ'איז זיכער געווען, אַז היינט וועט מער גאָרנישט געשען, קיין שום אומגעריכטע איבערראַשונגען, קיין שום אָנשטרענגונגען פון דער האַרץ־מוסקולאַטור וועלן מער נישט פאָרקומען. דערביי איז מען אָבער זיכער געווען, אַז מאָרגן וועט דאָס אַלץ כמעט פונקט אַזוי זיך איבערחזרן פונסניי און פון אָנהייב אָן. דאָס האָט מחיב געווען די באַגרענעצטקייט

רעכנט דערמיט. מיט דעם גאַנצן כוח פון דער יוגנט צוצופּאַסן זיך צו די געדאַנקען און מנהגים פון דער סביבה, וואו מ'איז — האָט האַנס קאַסטאָרפּ אויך אָנגעהויבן איבערצונעמען אָט־די גלייכגילטיקייט. בשעת ס'גיסט, ווי פון צעבערס, איז נאָך נישט קיין באַווייז, אַז די לופט איז ווייניקער טרוקן צוליב דעם. זי איז באמת נישט געווען פייכט, ווייל מ'האָט נאָך אַלץ דערפון אַ הייסן קאָפּ, ווי מ'זאָל זיצן אין אַן איבערגעהייצטער שטוב, אָדער ווי מ'וואָלט זיך אָנגעטרונקען מיט אַ סך וויין. וואָס ס'איז ווידער נוגע דער שטאַרקער קעלט, איז נישט געווען קיין שכל צו אַנטלויפן פאַר איר אין צימער אַריין. ווייל אויב ס'האָט נישט געשנייט, האָט מען נישט געהייצט און צו זיצן אין צימער איז לחלוטין נישט געווען באַקוועמער, ווי צו ליגן אויפן באַלקאָן אין ווינטער־פּאַלטאָ און קונציק פאַרפּאַקט אין די צוויי גוטע קעמלהאָר־דעקעס. להיפוך אין פאַרקערט, דאָס לעצטע איז געווען אומפאַרגלייכלעך באַקוועמער, ס'איז געווען — פשוט געזאָגט — די אָנגענעמסטע פּאָזיציע, וועלכע האַנס קאַסטאָרפּ האָט נאָך ווען ס'איז אויסגעפּרוּווט, אויך וויפל ער געדענקט. עס האָט אים אַפילו נישט אַראָפּגעפירט פון וועג דאָס, וואָס אַ געוויסער שריפטשטעלער און קאַרבאָנאַרי האָט עס מיט אַ חוזקדיקער ווייטיקער און הינטער־כוונה אָנגערופן די „האָריזאָנטאַלע" לעבנס־פּאָזיציע. דער עיקר האָט ער געהאַט אַ הנאה דערפון אינאָוונט, ווען לעבן אים האָט דאָס עלעקטרישע לעמפּל געברענט אויפן טישל. ער פלעגט דעמאָלט ליגן וואַרעם איינגעהילט אין די דעקעס, מיט דער מאַריאַ, וואָס האָט צוריק אָנגעהויבן שמעקן, צווישן די ליפּן, פול מיט דער הנאה, וואָס ס'גיט די היגע ליג־שטול, אַ שטול, וואָס אירע מעלות איז שווער צו באַשטימען. דער שפּיץ־נאָז אַפילו איז געווען געפרוירן, אין די הענט, וואָס זיינען געווען שטייף, און רויט־אָנגעלאָפן, האָט ער געהאַלטן אַ בוך — ס'איז נאָך אַלץ געווען „Ocean Steamships". דערביי האָט ער דורך די וועלבונגען פון באַלקאָן געקוקט צום טונקל־ווערנדיקן טאָל, וואָס איז געווען דאָ געדיכט און דאָ שיטער באַפּוצט מיט לאָמפּן. כמעט יעדן אָוונט האָט זיך לכל־הפחות אַ גאַנצע שעה פון דאָרטן געהערט מוזיק, אָנגענעם פאַרשטילטע, היי־

זיין גאַנץ רויִק — האָט ער געזאָגט — קיין טיִבערקולאָזע איז עס ניִשט. דערמיט האָט ער יוצא געווען, יאָ, מ'דאַרף אַ קליִער טאָן, וואָס ס'לאָזט זיך מאַכן. כ'וועל עס מאָרגן איִנדערפרי זאָגן דעם באָדמייסטער, ווען ר'וועט קומען צו מיר. דאָס איז דער דינסטלעכער וועג. ער וועט שוין איבערגעבן ווייטער, אַזוי אַז אפשר וועט מען עפּעס טאָן פאַר דיינטוועגן.

אַזוי האָט געזאָגט יאָאַכים און דער דינסטלעכער וועג האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר ריכטיק. נאָך פרייטאָג, ווען האַנס קאַסטאָרפּ איז צוריקגעקומען פון מאָרגן־שפּאַציר און איז אַריין אין צימער, האָט עמעץ ביי אים אָנגעקלאַפּט און ס'איז אַריינגעקומען די פריילין פאָן מילענדאָנק, אָדער די „פרוי אייבערין", ווי מ'האָט זי דאָ גערופן. דאָס ערשטע מאָל האָט ער זיך איצט מיט איר באַקאַנט פערזענלעך, ווייל ביז איצט האָט ער זי, אַפּנים, אַ פאַרנומענע, געזען בלויז פונדערווייטנס, אַ שטייגער, ווי זי גייט אַרויס פון איין קראַנקן, האַקט אַדורך דעם קאָרידאָר, כדי באַלד אַריינצוגיין צו אַ צווייטן, אָדער בעת זי איז איילנדיק אַרויסגעשוואומען אין עס־זאַל מיט איר קוואַקנדיק קול. איצט איז זי געקומען ספּעציעל צו אים, צוליב דעם קאַטאַר זיינעם. זי האָט קנאַכיק אין קורץ אָנגעקלאַפּט אין דער טיר און איז אַריין כמעט נאָך איידער ר'האָט געענטפערט. אויף דער שוועל האָט זי זיך נאָך צוריק אַרויסגעבויגן, כדי צו זען, צי דאָס איז טאַקע דער אייגענער נומער.

— דריי־און־פערציק — האָט זי אַ קוואַקע געטאָן הויך. — עס שטימט, מיין קינד, אָן מעדי, קע וואוס אַווע פרי פרואַ* איי היר, יו העוו קאָט ע קאָלד** ווי, קאַשעטסיאַ, פּראָסטודילים***. כ'האָב געהערט איר האָט אייך פאַרקילט? וואָס זאָל איך ריידן מיט אייך? דייטש, כ'זע שוין. אַך, דעם יונגן צימסענס גאַסט, כ'זע שוין. איך איייל מיך אין אָפּעראַציע־זאַל. דאָ איז דאָ איינער, וועלכן מ'כלאָראָפאָרמירט, דערווייל האָט ער זיך אָנגעגעסן מיט סאַלאַט פון

* מען זאָגט מיר, אַז איר זענט פאַרקילט (פראַנצ.). ** איך הער, אַז איר האָט זיך פאַרקילט (ענגל.). *** איר האָט זיך, דאַכט זיך, פאַרקילט (רוסיש).

און רעגלמעסיקייט פון לעבן. די דאָזיקע טאָפּלטע זיכערקייט און געשיצטקייט זיינען געווען אויסערגעוויינלעך באַקוועם. צוזאַמען מיט דער מוזיק און מיט דעם צוריקגעקומענעם געשמאַק פון מאַריאַ מאַנציני האָט אויך אָט־די זיכערקייט גורם געווען, אַז האַנס קאַסטאָרפּ זאָלן זיך פילן באמת גליקלעך ביי דער אָוונטיקער ליג־קוראַציע.

פונדעסטוועגן האָט דאָס אַלץ נישט געשטערט, אַז דער האָספּיטאַנט און צעפּיעשטשעטער גאַסט זאָל זיך האָבן איין דער ליג־קוראַציע (אָדער ווי אַזוי ס'איז נישט געשען) שטאַרק פאַרקילט. אַ שווערער קאַטאַר האָט זיך אָנגערוקט אויף אים, געדריקט די שלייפן, דאָס צינגל אין האַלז האָט גוט ווי געטאָן. די לופט איז נישט געגאַנגען, ווי געוויינלעך, דורך דעם קאַנאַל, וואָס איז באַשטימט דערצו פון דער נאַטור, נאָר האָט זיך דורכגעריסן קאַלט, פאַרהאַלטן און אַרויסגעטריבן כסדר אַ הוסט. זיין קול האָט אין משך פון איין נאַכט באַקומען דעם קלאַנג פון אַ פאַרדומפּענעם באַס, ווי דורכגעבראָכן פון שאַרפע משקאות. ווי ר'האָט דערציילט, האָט ער אין דער נאַכט נישט צוגעטאָן קיין אויג. אין דער שלונג איז אים געווען אַזוי טרוקן, אַז ר'האָט זיך אַלעמאָל געמוזט אויפזעצן אין בעט.

— דאָס איז זייער פאַסקודנע — זאָגט יאָאַכים — אין גאַנצן אַ צרה. פאַרקילונגען, מוזטו וויסן, זיינען דאָ נישט אָנגענומען. מ'לייקנט דאָס אָפּ. אָפיציעל קאָן מען זיך נישט פאַרקילן ביי אַזאַ טרוקענער לופט און אַ פּאַציענט וואָלט שלעכט אָפּגעשניטן ביי בערענסן, ווען ער קומט דערציילן, אַז ר'האָט זיך צוגעקילט. אָבער ביי דיר איז עפּעס אַנדערש, דו האָסט סוף־כל־סוף רעכט דערצו. ס'וואָלט גוט געווען, ווען דו קאָנסט פּטור ווערן דערפון. אונטן ווייסט מען עצות דערצו, דאָ בין איך מסופּק, צי מ'וועט זיך דערמיט רעכט פאַראינטערעסירן. אָפּגעהיטן זאָל מען ווערן, ווען מ'ווערט דאָ קראַנק, זגייט קיינעם נישט אָן. דאָס איז אַן אַלטע מעשה, איצט וועסטו עס אַליין זען. ווען כ'בין אָנגעקומען אַהער, איז דאָ געווען אַ דאַמע וואָס האָט זיך אַ גאַנצע וואָך געהאַלטן ביי אַן אויער און געקלאָגט פון ווייטאָג. צום סוף האָט בערענס אַ קוק געטאָן. „איר קאָנט

איר מויל מיאוס און משונהדיק און דערביי איז די אונטערשטע ליפּ אַרויס, ווי אַ שופלע). איר האָט זייער אַ פיינעם קאַטאַר פון לופט-קאַנאַל, דאָס בין איך מודה, מ׳דערקענט עס אין אַייערע אויגן (דערביי מאַכט זי ווידער דעם קאָמישן פּרוּוו אים דורכצוגעמען מיט די אויגן און ס׳גערעאָט איר ווידער נישט). אָבער קאַטאַרן נעמען זיך נישט פון קעלט, נאָר פון אַן אינפעקציע, פאַר וועלכער מ׳האָט זיך נישט אויסגעהיט. און עס פרעגט זיך בלויז, צי די אינפעקציע איז אַן אומשולדיקע, אָדער אַ ווייניקער אומשולדיקע. ווייטער איז אַלץ בבא-מעשיות (שוין ווידער די שוידערלעכע „בבא-מעשה"!). ס׳איז זייער מעגלעך, אַז ס׳איז אַן אומשולדיקע זאַך — זאָגט זי און קוקט אים אָן מיט איר גרויסן גערשטן אויף אַ מאָדנעם אופן. — דאָ האָט איר אַן אומשולדיק אַנטיסעפּטיש מיטל, ס׳וועט אייך אפשר העלפן. — דערביי נעמט זי אַרויס פון דעם שוואַרצן לעדערנעם טאַש, וואָס הענגט אויף איר פאַסיק, אַ פּעקל און לייגט עס אַוועק אויפן טיש. ס׳איז פאָרמאַמינט. — אַגב זעט איר אויס עפּעס אַזוי, ווי איר וואָלט געהאַט היץ — און זי הערט אים נישט אויף צו קוקן אין פּנים אַריין, אָבער אַלץ מיט זייטיקע בליקן. — איר האָט אייך געמאָסטן?

ער זאָגט, אַז ניין.

— פאַרוואָס נישט? — פרעגט זי און לאָזט הענגען איר קרום-אַרויסגעזעצטע ליפּ אין דער לופט...

ער בלייבט פאַרשטומט. דער וואוילער בחור איז נאָך אַזוי יונג, ער קאָן נאָך בלייבן שטיין, אַ שווייגנדיקער ווי אַ שול-ייִנגל, וואָס שטייט אויף אַן אָרט, ווייסט גאָרנישט און שווייגט.

— איר מעסט אייך בכלל נישט?

— יאָ, פרוי איבערין, ווען כ׳האָב היץ.

— אָבער, מיין קינד, מ׳מעסט דאָך קודם-כל, כדי צו וויסן, צי מ׳האָט היץ. איצט, מיינט איר, האָט איר גאָרנישט קיין היץ?

— כ׳ווייס אַליין נישט, פרוי איבערין, כ׳קאָן מיך נישט רעכט דערויף. אַ ביסל שוידערט מיך און ס׳איז מיר הייס, זינט כ׳בין אָנגעקומען אַהער.

באָבעס. איצט מ'האַלט נישט אַלץ אויפן אויג... און איר, מיין קינד, האָט אייך גאָר דאָ פאַרקילט?

האַנס קאַסטאָרפּ איז אינגאַנצן צעטומלט געוואָרן פון דעם אופן, ווי אַזוי די דאַמע פרוי אילטיס אַדל האָט גערעדט. זי האָט ווי איבערגעיאָגט אירע אייגענע ווערטער בעתן ריידן, דערביי האָט זי אומרויִק, אַהין־און־אַהער און אויף אַלע זייטן געדרייט מיטן קאָפּ. איר נאָז איז געווען נישטערנדיק פאַרריסן און זי האָט דערמאָנט אין אַ חיה אין שטייג. איר באַשפּרענקלטע האַנט איז געווען לייכט צוגעמאַכט, דער גראָבער פינגער — אַרויף און זי האָט געשאָקלט מיטן געלענק, ווי זי וואָלט געזאָגט: „גיך, גיך, גיך: הערט אייך נישט צו צו דעם, וואָס כ'רייד, נאָר רעדט אַליין, כּדי כ'זאָל באַלד קאָנען אַוועקגיין!“ זי האָט אויסגעזען צו זיין אַ פרוי פון אַ יאָר פערציק, קליין־געוויקסיק, אָן פאָרמען, אָנגעטאָן אין אַ ווייס געגאַרטלט קליניש פאַרטעך־קלייד מיט אַ גראַנאַט צלם אויף דער ברוסט. פון אונטער איר שוועסטער־הויב האָבן אַרויסגעקוקט שיטערע רויטלעכע האָר, אירע וואַסעריק־בלויע, אַנטצינדענע אויגן (צו אַלע צרות איז אין איינעם געווען אַ גרויסער גערשטן) האָבן געקוקט אומבאַשטימט. די נאָז איז געווען פאַרריסן, דאָס מויל — ווי ביי אַ זשאַבע, דערצו איז די אונטערשטע ליפּ געווען קרום אַרויסגעזעצט און ביים ריידן האָט זי זיך געשאָקלט, ווי אַ שופלע. פונדעסטוועגן האָט זי האַנס קאַסטאָרפּ באַטראַכט מיט דער באַשיידן־טאָלעראַנטער און היימישער פריינדלעכקייט, וואָס איז אין אים געווען בטבע.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ פאַרקילונג, הע? — האָט די איבערין ווידער געפרעגט און געפּרוּווט אים דורכדרינגען מיט די אויגן. ס'איז איר אָבער נישט געראָטן, ווייל זיי האָבן תּיכּף גענומען קוקן ערגעץ־אַנדערש. — מיר האָבן נישט ליב אַזעלכע פאַרקילונגען. איר זענט אָפט פאַרקילט? פלעגט אייער קוזין אויך נישט זיין אַזוי אָפט פאַרקילט? ווי אַלט זענט איר? פיר־און־צוואַנציק? די ערגסטע יאָרן. איצט זענט איר געקומען צו פאָרן און זיך פאַרקילט? מיר האָבן דאָ פיינט צו ריידן וועגן „פאַרקילונגען“, ליב קינד. דאָס איז אַ בבא־מעשה פון אונטן. (דאָס וואָרט בבא־מעשה איז אַרויס פון

לופט און זעצט אַראָפּ דאָס קוועקזילבער נאָך טיפער, ביז אונטער 35 — וועט שוין אָנציען, וועט שוין אַרויף, דער מערקוריוס — זאָגט זי, — דאָ האָט איר אייער קניה! איר ווייס דאָך מסתמא, ווי מ'מאַכט עס ביי אונז? מ'לייגט אים אונטער דער חשובער צונג, אויף זיבן מינוט, פיר מאָל אין טאָג און דערביי גוט צומאַכן די געשעצטע ליפּן. אַדיע, מיין קינד! ווינטש אַלדאָס גוטס! — און זי איז שוין נישטאָ אין צימער.

האַנס קאַסטאָרפּ האָט זיך פאַרבויגט. ער שטייט ביים טיש און קוקט אויף דער טיר, דורך וועלכער זי איז פאַרשוואונדן געוואָרן און אויף דעם אינסטרומענט, וואָס זי האָט איבערגעלאָזט. דאָס איז דאָס די אייבערין פאָן־מילענדאָנק — טראַכט ער. סעטעמבריני ליידט זי נישט און זי האָט טאַקע באמת אירע חסרונות. דער גערשטן איז נישט שיין, אַגב האָט זי דאָך עס נישט תמיד. אָבער פאַרוואָס רופט זי מיך כסדר „מיין קינד" און נאָך מיט אַן „ס" אינמיטן. עס איז וואויל־יונגעריש און משונהדיק. זי האָט מיר גאָר פאַרקויפט אַ טערמאָמעטער. זי האָט אַלעמאָל עטלעכע אינם טאַש. מ'קריגט עס דאָ אין אַלע געוועלבן, אַפילו דאָרט, וואו מ'דיכט זיך נישט — אַזוי האָט געזאָגט יאָאַכים. אָבער כ'האָב זיך גאָרנישט געדאַרפט באַמיען. ס'איז מיר אַליין אַריינגעפאַלן אין די הענט. ער נעמט אַרויס דעם שיינעם אינסטרומענט פון שאַכטל, באַקוקט עס און דרייט זיך דערמיט אַרום עטלעכע מאָל אַן אומרויִקער איבערן צימער. זיין האַרץ קלאַפּט גיך און שטאַרק. ער גיט אַ קוק צו דער אָפענער באַלקאָן־טיר און מאַכט אַ טריט צו דער טיר, וואָס פירט אין קאָרידאָר אַרויס, ווייל ער וואָלט געוואָלט אַריינגיין צו יאָאַכימען. ער טוט עס פונדעסטוועגן נישט און בלייבט ווידער שטיין ביים טיש. דערביי גיט ער אַ כאָרכל, כדי אויסצופּרוּוון די הייזעריקייט פון זיין קול. באַלד דערנאָך גיט ער אַ הוסט. יאָ, כ'מוז זען, צי כ'האָב היץ פון דעם קאַטאַר — זאָגט ער און שטעקט אינדערגיך אַריין דעם טערמאָמעטער אין מויל, מיטן קוועקזילבער־שפּיץ אונטער דער צונג, אַזוי אַז דער אינסטרומענט שטאַרט אַרויס קרומלעך־פאַרריסן פון צווישן די ליפּן, וועלכע ער פאַרמאַכט פעסט, כדי נישט אַריינצולאָזן קיין לופט פונדרויסן. דערנאָך גיט

— אַהאַ, און וואו האָט איר אַייער טערמאָמעטער?

— איך האָב נישט בײַ מיר, פרוי אײַבערין. צו־וואָס, כ'בין דאָך בלויז געקומען צו־גאַסט, כ'בין געזונט.

אַ בבא־מעשה. איר האָט מיך גערופן דערפאַר, ווײַל איר זענט געזונט?

— ניין, — לאַכט ער מיט דרך־ארץ — דערפאַר, ווײַל כ'האָב מיך אַ ביסל —

— פאַרקילט. אַזעלכע פאַרקילונגען האָבן זיך שוין געטראָפן גאַנץ אָפט. אָט איז! — זאָגט זי און נעמט זיך ווידער פאָרען אין איר טאַש. זי נעמט פון דאָרטן אַרויס צוויי לעדערנע שאַכטלען, אַ שוואַרצס און אַ רויטס און לייגט זיי אויך אַוועק אויפן טיש. — אָט דער קאָסט דרײַ פראַנק פופציק, און דער — פינף פראַנק — בעסער איז, פאַרשטייט זיך, דער פאַר פינף. מ'קאָן עס האָבן אויפן גאַנצן לעבן, אייב מ'באַנייט זיך דערמיט אָרנטלעך.

ער נעמט מיט אַ שמייכל דאָס רויטע שאַכטל פון טיש און עפנט עס אויף. ווי אַ שטיקל צירונג ליגט דער גלעזערנער אינסטרומענט אין דער רויטער מיט סאַמעט אויסגעבעטער פאַרטיפונג, וואָס איז אַקוראַט צוגעפּאַסט צום טערמאָמעטער. די גאַנצע גראַדן זײַנען אָנגעצייכנט מיט רויטע שטרייכעלעך, די צענטל־גראַדן — מיט שוואַרצע. די ציפערן זײַנען רויט. דער אונטערשטער, שמעלערער טייל איז אָנגעפילט מיט שפּיגלדיק־גלאַנצנדיק קוועקזילבער. דאָס קוועקזילבער איז אַראָפּגעלאָזט אין קאַלט, אַ סך נידעריקער פון נאָרמאַל־גראַד בײַ חיהשער טעמפּעראַטור.

האַנס קאַסטאָרפּ האָט פאַרשטאַנען, ווי אַזוי ער דאַרף האַנדלען, כדי אַרויסצוקומען מיט כבוד.

— איך נעם אָט־דעם — זאָגט ער און קוקט אפילו נישט אָן דעם צווייטן. — דעם פאַר פינף, קאָן איך באַלד...

— אָפּגעמאַכט — גיט אַ קוואַקע די אײַבערין — נאָר נישט קאַרגן בײַ וויכטיקע אײַנקויפונגען. נישטאָ זיך וואָס צו אײַלן, ס'וועט אַרײַן אין חשבון. גיט נאָר אַהער, מ'וועט אים גוט אַראָפּלאָזן, אײַנגאַנצן ביז אונטן — אַזוי. און זי נעמט אים אַרויס דעם טערמאָמעטער פון דער האַנט, גיט אים עטלעכע מאָל אַ טרייסל אין דער

אויף קעצישע פּיסלעך. ר'האָט זיך איבערצייגט דערין נאָכדעם, ווי ר'האָט אויפסניי אַ וואָרף געטאָן מיט דער האַנט. איצט איז שוין געווען אַ ביסל צו־שפּעט. אַ דריטל פון דער אַכטער מינוט איז שוין געהאַט אַוועק. ער האָט אַ טראַכט געטאָן, אַז ס'שאַדט נישט, אַז ס'וועט גאָרנישט אויסמאַכן און נישט האָבן קיין שום באַטייט פאַרן רעזולטאַט. דערביי האָט ער אַרויסגעריסן דעם טערמאָמעטער פון מויל און גענומען גלאָצן אויף אים מיט פאַרווירטע אויגן.

ער האָט זיך נישט תיכף אָריענטירט. דער גלאַנץ פון קוועקזילבער האָט זיך אויסגעמישט מיט ליכט־רעפלעקס פון פלאַך־קיילעכיקן גלעזערנעם ראָרל. האָט האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס קוועקזילבער שטייט גאָר אויבן, באַלד — אַז ס'איז אינגאַנצן נישט פאַראַן. ער האָט צוגענומען דעם אינסטרומענט נעענטער צו די אויגן, האָט געדרייט אַהין־און־אַהער און נאָך אַלץ נישט דערקענט. סוף־כל־סוף האָט ער אים פאַרט אַ דריי געטאָן אויף אַזאַ גליקלעכן אופן, אַז ר'האָט בולט דערזען דאָס קוועקזילבער. איצט האָט ער פעסט געהאַלטן דעם אינסטרומענט אין דער זעלבער פּאָזיציע און האַסטיק גענומען אויפכאַפּן אַלץ מיטן שכל. אמת, מערקוריום האָט זיך אויסגעצויגן, האָט זיך שטאַרק אויסגעצויגן. דאָס קוועקזילבער שטייט גענוג הויך, עטלעכע שוואַרצע שטרייכעלעך איבער דער גרענעץ פון נאָרמאַלער בלוט־וואַרעמקייט. האַנס קאַסטאָרפּ האָט געהאַט 37,6.

אין אַ ליכטיקן פאַרמיטאָג צווישן צען און האַלב עלף אַ זייגער האָבן 36,7 — דאָס איז צופיל, עס הייסט „טעמפּעראַטור“, היץ צוליב אַן אינפעקציע, פון וועלכער ער האָט זיך נישט אויסגעהיט, און עס פרעגט זיך בלויז, וואָס פאַר אַ מין אינפעקציע דאָס איז. 37,6 — מער האָט אויך נישט יאָאַכים, מער האָט דאָ קיינער נישט, אויב מ'איז נישט שווער קראַנק און מ'ליגט נישט אין בעט, ווי אַ חולה־מסוכן. נישט ס'האָט מער די קלעפעלד מיט דעם פּנעומאָטאָראַקס, נישט... אויך נישט מאַדאַם שאָשאַ. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז נישט די אמתע היץ, — ס'איז בלויז אַ קאַטאַר־היץ, ווי מ'רופט עס אונטן. אָבער גענוי אונטערשיידן און אָפּטיילן עס קאָן ער סוף־כל־סוף נישט. האַנס קאַסטאָרפּ איז מספּיק, צי ר'האָט די היץ טאַקע געקריגן ערשט איצט, זינט ר'האָט זיך פאַרקילט, און ער באַדויערט,

ער אַ קוק אויף זיין האַנט=זייגערל: ס'איז זעקס מינוט נאָך האַלב צען, און ער הייבט אָן וואַרטן, ביז ס'וועלן אַוועק זיבן מינוט.

— קיין איין איבעריקע סעקונדע — טראַכט ער — און קיין איינע נישט ווייניקער. אויף מיר קאָן מען זיך פאַרלאָזן, אַז ס'וועט נישט זיין נישט מער, און נישט ווייניקער. מ'דאַרף מיר נישט געבן קיין „שטומע שוועסטער", ווי יענער, וועגן וועלכער סעטעמבריני האָט דערציילט, אָטיליע קנייפער. אַזוי דרייט ער זיך אַרום איבערן צימער, צודריקנדיק דעם אינסטרומענט מיט דער צונג.

די צייט קריכט און ס'נעמט קיין עק נישט. ער האָט אַ קוק געטאָן אויפן ווייזער, פול מיט מורא, ר'זאָל נישט האָבן געהאַלטן צו=לאַנג, אָבער ס'זיינען ערשט געהאַט אַוועק דריטהאַלבן מינוט. ער האָט אָפּגעטאָן טויזנט זאַכן, האָט גענומען חפצים און זיי צוריק אַוועקגעלייגט, איז אַרויס אויפן באַלקאָן אַזוי, אַז דער קוזין זאָל אים נישט דערזען, האָט אַ קוק געטאָן איבער דער לאַנדשאַפט, איבער דעם היכן פליין, וועלכער איז שוין היימיש געווען אין אַלע פּרטים: מיט זיינע אַרויסשטאַרנדיקע הערנער, קאַם=ליניעס און פעלזן=ווענט. פון לינקס זיינען געלעגן די קוליסן פון „ברעמבּיהל", זיין רוקן איז קרום אַראָפּגעפאַלן צום שטעטל צו. זיין זייט איז געווען באַדעקט מיט אַ ווילדן וואַלד. ר'האָט געזען די בערגפאַרמאַציעס רעכטס און שוין גוט געקאָנט זייערע נעמען און אויך די אַלטיין=וואַנד, וועלכע שליסט, דאַכט זיך, דעם טאָל אין דרום, ווען מ'קוקט דערויף פונדאַנען. ר'האָט אַראָפּגעקוקט צו די וועגן און בייטן פון גאָרטן, צו דער פעלזן=גראָטע, צו דער יאָדלע, וואָס אין גאָרטן, האָט זיך צוגעהערט צום זשום, וואָס איז געקומען פון דער ליג=האַלע, וואו מ'מאַכט ליג=קוראַציע. דערנאָך איז ער צוריק אַריין אין צימער, דערביי האָט ער זיך אָנגעשטרענגט צו פאַרבעסערן די פּאָזיציע פון אינסטרומענט אין מויל. איצט האָט ער אַ שטרעק=אויס געטאָן די האַנט, כדי דער אַרבל זאָל זיך פאַרשאַרצן און ער זאָל קאָנען אַ קוק טאָן אויפן זייגערל. ר'האָט איבערגערוקט זאַכן, געפּאָרעט זיך, געשפּרייזט און קוים אין צרות געהאַלטן ביי זעקס מינוט. צום סוף איז ער געבליבן שטיין אינמיטן צימער, זיך פאַרטראַכט אַזוי, אַז די לעצטע מינוט איז אַוועק אומבאַמערקט, ווי

האַנס קאַסטאָרפּ לאָזט ווידער אַ ביסל וואַרטן אויף אַ תשובה און צום סוף ענטפערט ער אַ ביסל פּויל:

— שפּירן, מיין ליבער, שפּיר איך שוין לאַנג, די גאַנצע צייט. אָבער איצט גייט נישט וועגן סוביעקטיווע שפּירונגען, נאָר וועגן אַן עקזאַקטן פאַקט. איך האָב געמאָסטן.

— האָסט געמאָסטן? מיט וואָס? — רופט יאָאַכים אַ דער־שראָקענער.

— פאַרשטייט זיך, מיט אַ טערמאָמעטער — ענטפערט האַנס קאַסטאָרפּ, נישט אָן חוזק און שטרענגקייט. — די אויבערין האָט מיר פאַרקויפט. פאַרוואָס זי האָט מיך גערופן כסדר „מיין קינד", ווייס איך נישט. קאָרעקט איז עס נישט. אָבער ביי דער גאַנצער איילעניש האָט זי מיר פאַרקויפט זייער אַ גוטן טערמאָמעטער. אויב דו ווילסט וויסן, וויפל ער ווייזט, ליגט ער דרינען אויפן וואַש־טיש. ס'איז אַ מינימאַלע העכערונג.

יאָאַכים דרייט זיך תיכף צוריק אויס און גייט אַריין אין צי־מער. צוריקקומענדיק זאָגט ער קווענקלענדיק:

— יאָ, עס איז 37 פּלוס $5^1/_2$.

— אויב אַזוי, איז עס עטוואָס אַראָפּגעפאַלן — זאָגט האַנס קאַסטאָרפּ תיכף־ומיד — ס'זיינען געווען גאַנצע זעקס.

— פאַרמיטאָג קאָן מען עס להלוטין נישט אָנרופן מינימאַל — זאָגט יאָאַכים — אַ שיינע מעשה — זאָגט ער און בלייבט שטיין פאַר זיין קוזינס ליג־שטול, טאַקע ווי מ'בלייבט שטיין אין אַזאַ פאַל, מיט די הענט אויף די זייטן און מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. — וועסט דיך מוזן לייגן אין בעט אַריין.

האַנס קאַסטאָרפּ האָט דערויף געהאַט אַ גרייטן ענטפער.

— כ'זע נישט איין — זאָגט ער — פאַרוואָס איך זאָל מיך מיט 37,6 לייגן אין בעט אַריין, אין דער צייט, ווען דו און נאָך אַ סך אַנדערע האָבן אויך נישט ווייניקער און דרייען זיך פונדעסטוועגן אַרום פריי?

הלמאַי ר'האָט נישט באַלד אַ פרעג געטאָן בײַ מערקוריוסן, תיכּף אינאָנהייב, ווי דער היפּראַט האָט אים געעצהט. די עצה איז געווען אַ גאַנץ קלוגע, איצט ווײַזט זיך עס אַרויס און סעטעמבריני איז געווען אינגאַנצן אומגערעכט, וואָס ר'האָט אַזוי חוזקדיק געלאַכט דערפון סתּם אין דער וועלט אַרײַן — אָט דער סעטעמבריני מיט דער רעפּובליק און מיטן שיינעם סטיל. האַנס קאַסטאָרפּ פילט אַ ביטול צו דער רעפּובליק און צום שיינעם סטיל און פּרוּווט ווידער אַרײַנקוקן אין טערמאָמעטער, וואו דאָס קוועקזילבער האַלט אין איין פאַרלוירן ווערן צוליב דעם ליכט־רעפלעקס. ער דרייט און קערט דעם אינסטרומענט אַזוי לאַנג, ביז ער געפינט עס צוריק: יאָ, ס'איז 37,6 און דאָס סאַמע אינדערפרי.

ער איז געוואַלדיק גערירט. ער גייט עטלעכע מאָל אַהין־און־צוריק איבערן צימער, מיטן טערמאָמעטער אין דער האַנט. דערבײַ האַלט ער אים האָריזאָנטאַל, נישט ווערטיקאַל, צוליב מורא, אַז פון שאָקלען זיך זאָל נישט דאָס קוועקזילבער אַראָפּ. דערנאָך לייגט ער אים פאָרזיכטיק אַוועק אויפן וואַש־טיש און גייט קודם־כּל אַרויס מיטן פּאַלטאָ און מיט די דעקעס אויף דעם באַלקאָן. ער זעצט זיך אַוועק, וואַרפט אַרויף אַרום זיך די דעקעס, ווי מ'האָט אים געלערנט, פון די זײַטן און פון אונטן, איינע נאָך דער אַנדערער, מיט אַ געניטער האַנט. דערנאָך בלײַבט ער ליגן שטיל און וואַרט אָפּ ביז יאָאַכים וועט אַרײַנקומען רופן אים אויפן צווייטן פרישטיק. טײלמאָל גיט ער אַ שמייכל און ס'זעט־אויס, ווי ער וואָלט דאָס געשמייכלט צו עמעצן. אַן אַנדערש מאָל גיט זיך זײַן ברוסט אַ הייב מיט אַ שווער ציטערן. דערבײַ צעהוסט ער זיך צוליב זײַן קאַטאַר.

יאָאַכים טרעפט אים ליגנדיק, בעת ער קומט צו אים אַרײַן עלף אַ זייגער נאָכן גלאָק, כּדי אים צו נעמען אויף פרישטיק.

— נו, וואָס־זשע? — פרעגט ער פאַרוואונדערט און גייט צו צו דער ליג־שטול...

האַנס קאַסטאָרפּ שווייגט נאָך אַ ווײַלע און קוקט פאַר זיך. דערנאָך ענטפערט ער:

— יאָ, דאָס נײַסטע איז, אַז כ'האָב אַ ביסל היץ.

— וואָס איז דאָס אַזוינס? — פרעגט יאָאַכים... שפּירסט היץ?

— ריכטיק, געגאַנגען! — זאָגט האַנס קאַסטאָרפּ און וואַרפט אַראָפּ פון זיך די דעקעס. ער גייט אַריין אין צימער, כדי איבערצוגלעטן די האָר מיטן בערשטל. בשעת ער טוט עס, גיט יאָאַכים נאָכאַמאָל אַ קוק אויפן טערמאָמעטער אויפן וואַש־טיש. האַנס קאַסטאָרפּ קוקט זיך צו צו אים פונדערווייטנס. דערנאָך גייען זיי, שווייגנדיקע, און זעצן זיך ווידער אַמאָל אויף זייערע ערטער אין עס־זאַל, וואו אַלץ איז, ווי אַלעמאָל אין דער צייט, ווייס פון מילך.

בשעת די קאַרליקיכע ברענגט צו דאָס קולמבאַכער ביר צו האַנס קאַסטאָרפן, זאָגט ער זיך אָפּ דערפון מיט אַן ערנסטער מינע. ער וועט היינט נישט טרינקען קיין ביר, וועט בכלל גאָרנישט טרינקען, ניין, אַ שיינעם דאַנק, העכסטנס אַ טרינק וואַסער. דאָס רופט אַרויס אויפמערקזאַמקייט. וואָס הייסט? וואָס איז געשען? פאַרוואָס נישט קיין ביר? — ער האָט אַ ביסל היץ — גיט האַנס קאַסטאָרפּ אַ זאָג. 37,6. מינימאַל.

עטלעכע הייבן אים אָן דראָען מיט די ווייז־פינגער — ס׳איז עפעס זייער מאָדנע. דער עולם נעמט שעלמיש שמייכלען, מ׳פאַרלייגט די קעפּ אין אַ זייט, מ׳זשמירעט צו די אויגן און מ׳לייגט צו די ווייז־פינגער צו די אויערן־שפיצן, גלייך ווי מען וואָלט פלוצלונג געוואויר געוואָרן פיקאַנטע מעשים פון עמעצן, וואָס האָט ביז איצט געשפילט די ראָל פון אַן אומשולדיקן. „נאָ, נאָ, איר נאַר“! — זאָגט די לערערין; און דער פיך פון אירע באַקן ווערט אָנגערויטלט. בשעת מעשה דראָעט זי אים מיט אַ שמייכל. „פיינע זאַכן הערט מען פון אייך, מיאוסע, נו, נו, נו“. „אײַ־אײַ־אײַ“ — מאַכט אויך פרוי שטער און דראָט אים מיט איר קורצן און רויטן פינגער, וועלכן זי האַלט ביי דער נאָז. „טעמפּעס האָט ער, דער הער גאַסט. איר זענט שוין איינמאָל אַ פּאַרשוין, דער אמתער חברה־מאַן, אַ פרייַלעכער יונג“. אַפילו די עלטערע מומע אויבנאָן ביים טיש דראָט אים שעלמיש און ווילעריש, בעת ס׳דערגייט צו איר די בשורה. די שיינע מאַרושאַ, וואָס האָט אים כמעט נישט אָנגעקוקט, בויגט זיך אויס צו אים, קוקט אים אָן, מיט אירע קיילעכיקע אויגן און דראָט אים. דערביי דריקט זי צו צו די ליפּן דאָס פּערפומירטע טיכל. פרוי שטער דערציילט עס דעם ד״ר בלומענקאָל און אויך ער קאָן זיך

— דאָס איז אָבער עפּעס אַנדערש — זאָגט יאָאַכים. — בײַ דיר איז עס שאַרף און נישט געפערלעך. דו האָסט היץ פון אַ קאַטאַר.

— ערשטנס — ענטפערט האַנס קאַסטאָרפּ און גרייט זיך צו צוטיילן זײַן ענטפער אויף אַן „ערשטנס" און אַ „צווייטנס" — פאַרשטיי איך נישט, פאַרוואָס מיט אַ נישט־געפערלעכער היץ — מע זאָל אפילו אָננעמען, אַז ס'איז פאַראַן אַזוינס — מוז מען ליגן אין בעט און בײַ אַן אַנדערער היץ נישט. צווייטנס זאָג איך דיר, אַז פון קאַטאַר האָב איך נישט געקריגן מער היץ, וויפל כ'האָב שוין געהאַט פון פריער. איך שטיי אויף דעם שטאַנדפּונקט — ענדיקט ער — אַז 37,6 איז 37,6. אויב איר קאָנט אַרומגיין דערמיט, קאָן איך אויך.

— איך האָב אָבער געמוזט ליגן פיר וואָכן בעת כ'בין אָנגעקומען — טענהט יאָאַכים — ערשט, ווען ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די טעמפּעראַטור גייט נישט אַוועק, כאָטש כ'ליג, האָב איך געמעגט אויפשטיין.

האַנס קאַסטאָרפּ שמייכלט.

— נו, און וואָס? — פרעגט ער. — איך קלער, אַז בײַ דיר איז עס געווען עפּעס אַנדערש? דאַכט זיך, אַז דו פאַרוויקלסט דיך אין סתירות. פריער האָסטו געמאַכט אַ אונטערשייד און דערנאָך גייסטו פאַרגלייכן. דאָס איז אַ בבא־מעשה...

יאָאַכים האָט זיך איבערגעדרייט אויפן קנאַפּל און בעת ער האָט זיך צוריק אומגעקערט צו זײַן קוזין, האָט מען געזען, אַז זײַן ברוין פּנים איז טונקעלער געוואָרן מיט איין טאָן.

— ניין — זאָגט ער — איך פאַרגלייך נישט, דו ביסט אַ דרייער. כ'מיין בלויז, אַז דו ביסט פאַסקודנע פאַרקילט, מ'דערקענט עס אין דײַן קול. אויב דו ווילסט, ס'זאָל נישט היער, לייג דיך. דו ווילסט דאָך די צווייטע וואָך אַהיים פאָרן. אויב דו ווילסט נישט — כ'מיין: אויב דו ווילסט זיך נישט לייגן, קאָנסטו עס לאָזן. איך וויל דיר נישט זאָגן קיין דעה. אַלנפאַלס מוזן מיר איצט גיין אויף פרישטיק. הייב דיך אויף, ס'איז שוין שפּעט.

פון גרויס כעס און תענוג. ווען מ'טוט דערביי צופעליק אַ קוק אין שפיגל אַריין, דערזעט מען אַ פנים פון אַ טייוול.

אַזוי רעדט די עם-האָרצישע שטער שוידערלעך און בפרטיות ביז ס'ענדיקט זיך די קורצע, כאָטש זייער זעטיקע מאָלצייט. די קוזינען גייען אַרויס אויף זייער צווייטן פאַרמיטאָגדיקן שפּאַציר, אַראָפּ קיין פלאַץ דאַוואָס. יאָאַכים איז געווען איפן וועג פאַרזונקען אין די אייגענע מחשבות און האַנס קאַסטאָרפּ האָט געקרעכצט פון דעם קאַטאַר און אָפּגעהוסט הויל. אַהיימצוועגס האָט יאָאַכים געזאָגט:

— איך האָב פאַר דיר אַ פאָרשלאָג, היינט איז פרייטאָג — מאָרגן נאָכמיטאָג וועל איך האָבן די חודש-אונטערזוכונג. ס'איז נישט קיין גענעראַל-אונטערזוכונג, אָבער בערענס קלאַפּט מיך אַ ביסל אַרום און לאָזט קראָקאָווסקין פאַרצייכענען עטלעכע נאָטיצן. וואָלסטו געקאָנט זיין דערביי און בעטן, ער זאָל דיך ביי אָט דער געלעגנהייט אויך אינדערגיך באַטראַכטן. ס'איז דאָך קאָמיש — ווען ביסט אַ נדערהיים, וואָלסטו געשיקט נאָך הײדעקינדן. און דאָ, אַז ביסט צוזאַמען מיט צוויי ספּעציאַליסטן, דרייסטו דיך אַרום און ווייסט נישט, וואָס ס'איז דיר און צי ס'וואָלט נישט גלייכער געווען, ווען דו ליגסט דיך אין בעט אַריין.

— גוט — זאָגט האַנס קאַסטאָרפּ — כ'בין מסכים. נאַטירלעך, דאָס קאָן איך טאָן. און ס'וועט טאַקע זיין אינטערעסאַנט פאַר מיר צו זיין ביי אַן אונטערזוכונג.

אַזוי אַרום שמועסן זיי זיך אָפּ. צוקומענדיק צו דער סאַנאַטאָריע, געשעט צופעליק אַזוי, אַז זיי טרעפן זיך מיטן הויפּראַט בערענס און האָבן די גוטע געלעגנהייט אים גלייך פאָרצולייגן זייער בקשה.

בערענס איז אַרויסגעקומען פונדרויסן, אַ הויכער און מיט אַ פאַררייסנעם קאָפּ, דער שטייפער הוט פאַררוקט אויף הינטן, מיט אַ ציגאַר אין מויל, די אויגן — בלוי און אַפּערקוועלנדיק. ר'איז געווען אין סאַמע ברען פון דער אַרבעט, גרייט צו גיין אויף פּריוואַט-וויזיטן אין שטעטל. ער קומט ערשט, ווי ר'האָט געזאָגט, פון אָפּעראַציע-זאַל.

נישט אײַנהאַלטן און װײַזט אַרױס זײַן שטימונג גלײַך מיט אַלע-
ער האָט דערבײַ — װאָס אמת — נישט געקוקט אױף האַנס קאַסטאָרפּן.
בלױז מיס ראָבינסאָן איז געבליבן קאַלט און פאַרשלאָסן אין זיך, װי
אַלעמאָל. יאָאַכים האָט מיט אַן אַנטשײדענער מינע אַראָפּגעלאָזט די
אױגן.

האַנס קאַסטאָרפּ האָט זיך דערפילט אַ ביסל איבערגענומען
פון די אַלע שטעך-װערטלעך און געפרװוט באַשײדן איבערשפּאַרן. —
נײן, נײן — זאָגט ער — איר האָט אַ טעות. דאָס איז דער אומ-
שולדיקסטער פאַל, װאָס קאָן נאָר זײַן. איך האָב אַ קאַטאַר, איר
זעט? די אױגן גײען מיר איבער, מײַן ברוסט איז פאַרלײגט, אַ
האַלבע נאַכט האָב איך אָפּגעהוסט, ס'איז געװען נישט אָנגענעם...
אָבער דער עולם נעמט נישט אָן זײַן פאַרענטפערונג. מ'לאַכט,
מ'שפּאַרט איבער מיט די הענט און מ'טענהט: יאָ, יאָ, יאָ, טענות,
תּירוצים, קאַטאַר-היץ. מיר קענען זיך, מיר קענען זיך! דערנאָך
נעמען אַלע פאָדערן, אַז האַנס קאַסטאָרפּ זאָל זיך תּיכּף-ומיד לאָזן
אונטערזוכן פון דאָקטאָר. די בשׂורה האָט אױפגעלעבט דעם עולם.
אין משך פון דעם פרישטיק איז בײַ דעם טיש דער שמועס געגאַנ-
גען לעבעדיקער, װי בײַ אַלע אַנדערע זעקס. באַזונדערס האָט פרױ
שטער, מיט אַ רױט נאַריש פּנים איבערן קאָלנער און מיט באַ-
שפּרענקלטע באַקן, הײַנט געשיט פאַר פײַער און פאַר װאַסער און
האָט זיך צערעדט װעגן דער הנאה פון הוסטן. יאָ, מ'פילט אומבאַ-
דינגט אַ תּענוג און אַ פאַרגעניגן, בעת ס'קיצלט אַלץ שטאַרקער אי-
נעװײניק אין דער שלונג און מ'הוסט אָפּ פון דער סאַמע טיף. ס'איז
אַזאַ רײץ װי צו ניסן, בעת מ'דאַרף שױן גאָר נײטיק און מ'קאָן
זיך שױן נישט אײַנהאַלטן. באַרױשט גיט מען דעמאָלט שטורמיש
עטלעכע מאָל אַן עטעם-אַײַן און אַן עטעם-אױס, צום סוף ניסט
מען מיט גרױס הנאה, אָפּ און מ'פאַרגעסט צוליב דעם מולדיקן ניס
אַזש די גאַנצע װעלט. טײלמאָל גײט עס אַפילו צװײ אָדער דרײַ
מאָל אײנס נאָכן אַנדערן. דאָס זײַנען בחינמדיקע הנאות פון לעבן,
װי אַ שטײַגער — דאָס קראַצן אין פרילינג די װינטער-בײלן, װען
ס'בײסט אַזױ זיס — קראַצן זיך אַזױ פעסט און מ'ראַדיק ביז בלוט

— ווייל כ'האָב אַ ביסל היץ אויך — באַמערקט נאָך האַנס קאַסטאָרפּ.

— וואָס איר זאָגט! — זאָגט בערענס. — איר מיינט, אַז איר דערציילט מיר אַ נייס! איר מיינט, אַז כ'האָב נישט קיין אויגן אין קאָפּ? און ער ווייזט מיט זיין ריזיקן וויַיז־פינגער אויף זיינע ביידע בלוט־אָנגעלאָפענע, בלוי־אַפּערקווע'לנדיקע, טרערנדיקע אויגן־אַפּלען. — וויפל האָט איר, אַגב?

האַנס קאַסטאָרפּ זאָגט באַשיידן וויפל.

— פּאַרמיטאָג? הם, גאָר נישקשה. פאַרן אָנהייב גאָרנישט אָן טאַלענט. נאַ, הייסט עס, ביידע מאָרגן צוויי אַ זייגער! מיט גרויס כבוד! זאָל אַייך די פּאַרדייונג וואויל־באַקומען! און מיט קרומע קניען אין רודערנדיקע הענט נעמט ער טשאַפּן באַרג־אַראָפּ. דערביי לאָזט ער אויף הינטערווילעכץ קנוילן רויך.

— ס'איז, הייסט עס, אָפּגערעדט, ווי דו האָסט געוואָלט — זאָגט האַנס קאַסטאָרפּ. — בעסער האָט עס גאָרנישט געקאָנט געשען און איצט איז שוין דער וויזיט באַשטעלט. א סך וועט ער מסתמא נישט קאָנען אויפטאָן, סיידן פאַרשרייבן מיר אַ לאַקריץ־זאַפט, אָדער ברוסט־טיי. פונדעסטוועגן איז אָנגענעם אַ ביסל צו זיין אונטער דער השגחה פון אַ דאָקטאָר, ווען מ'פילט זיך אַזוי ווי איך. אָבער פאַרוואָס רעדט ער כסדר אַזוי אויסערגעוויינלעך שטרענג:— זאָגט ער — אינאָנהייב האָב איך געלאַכט דערפון, אָבער אויף סוף געפעלט עס מיר נישט. זאָל אַייך די פּאַרדייונג וואויל־באַקומען! וואָס פאַר אַ קוידער־וועלש. מ'קאָן זאָגן: „זאָל אַייך די מאָלצייט וואויל־באַקומען, ווייל „מאָלצייט" איז אַ פּאָעטיש וואָרט, אַזוי צו זאָגן, ווי „דאָס טעגלעכע ברויט" און פּאַסט גאַנץ גוט מיט „וואויל־באַקומען". אָבער „פּאַרדייונג", דאָס איז דאָך ריינע פיזיאָלאָגיע און דערצו צווינטשעווען — דאָס איז פּשוטער חוזק. כ'פאַרטראָג אויך נישט, ווען ער רויכערט, עפּעס שרעקט עס מיך, ווייל כ'ווייס, אַז כ'באַקומט אים נישט און ער ווערט דערפון מרה־שחורהדיק. סע־טעמבריני זאָגט וועגן אים, אַז זיין לוסטיקייט איז אַ געצוואונגענע, און סעטעמבריני איז אַ קריטיקער, אַ מענטש, וואָס פאַרשטייט זיך, דאָס מוז מען מודה זיין. איך וואָלט אפשר אויך באַדאַרפט מער

— גאָט-העלף, מײַנע הערן — זאָגט ער. — נאָך אַלין אינדרויסן? — מסתּמא געווען אויף דער גרויסער וועלט? כ'קום גראָד פון אַ אומגליקלעכן דועל מיט מעסערס און זעגן, — אַ גרויסע זאַך, איר ווייסט, ריפּן-רעזעקציע. פריער פלעגט פּאָפּציק פּראַצענט בלײַבן אויפן טיש פון סאַנאַטאָריע, איצט מאַכן מיר דאָס בעסער, אָבער אָפּט מוז מען פאָרט מאַרטיס קאַוזאַ* אײַנפּאַקן די מכשירים פאַר דער צײַט. נאַ, דער הײַנטיקער האָט זיך פאַרשטאַנען אויף אַ וויץ... האָט זיך געהאַלטן גאַנץ פעסט... נו, יאָ, אַזאַ ברוסט-קאַסטן, וואָס איז עס מער נישט... ס'איז ווייך, פאַרשטייט איר, אָפּגענוצט, בלויז אַ קנאַפּער זכר פון דער אידעע, אַזוי צו זאָגן. נו, און איר? וואָס הערט זיך מיט חשובן געזונט? ס'איז פרײלעכער אַרומצוקריכן אין צווייען, וואָס, צימסען, אַלטער ביטראַק? פאַרוואָס ווײנט איר עפּעס, איר לוסט-רײַזנדער? — ווענדט ער זיך פּלוצלונג צו האַנס קאַסטאָרפּן — עפנטלעך ווײנען איז דאָ נישט דערלויבט. דער רעגולאַמין פאַרווערט עס. יעדער וואָלט געקאָנט דאָס טאָן.

— ס'איז אַ קאַטאַר, הער הויפראַט — ענטפערט האַנס קאַסטאָרפּ. — כ'ווייס נישט, ווי אַזוי, אָבער כ'האָב געכאַפּט אַ פעסטן קאַטאַר. כ'הוסט אויך. די ברוסט איז מיר שטאַרק פאַרלייגט.

— אַזוי? — זאָגט בערענס. — איז אַזוי, דאַרפט איר אַ פרעג טאָן בײַ אַ גוטן דאָקטאָר.

ביידע לאַכן און יאָאַכים ענטפערט מיט צוזאַמענגעקלאַפּטע קנאַפּלען:

— מיר האָבן עס טאַקע בדעה, הער הויפראַט. מאָרגן האָב איך אונטערזוכונג און מיר ווילן פרעגן, צי איר וואָלט געוואָלט זײַן אַזוי גוט אויסצוהערן גלײַך אויך מײַן קוזין. ס'גייט וועגן דעם, צי ער וועט קאָנען דינסטאָג פאָרן...

— מ. ט. — זאָגט בערענס. — מ. ט. מ. פּ! מיר'נ'ס טאָן מיט פאַרגעניגן. שוין לאַנג געדאַרפט ס'טאָן. אַז מ'איז שוין דאָ, דאַרף מען עס טאָן. אָבער מ'קאָן זיך דאָך נישט אָנוואַרפן. הייסט עס, מאָרגן אַרום צוויי, תּיכּף ווי איר וועט צוריקקומען פון זשלויב...

---

* צוליבן טויט (לאַטײַן).

האַנס קאַסטאָרפּ האָט זיך שפּעטער דערמאָנט, אַז בײַ דער מאָלצײַט האָט פֿרוי שאָשאַ געטראָגן אַ גאָלד־געלן סוועטער מיט גרויסע קנעפּ און מיט אַרומגעזוימטע קעשענעס. דאָס מלבוש איז געווען ניי, אַלנפֿאַלס ניי פֿאַר האַנס קאַסטאָרפּן. זי האָט זיך, ווי איר שטייגער איז, פֿאַרשפּעטיקט בײַם אַרײַנקומען און אין דער ערשטער רגע — זיך אין אָט־דעם סוועטער רעפּרעזענטירט פֿאַרן זאַל אויף אַן אופֿן, וועלכן האַנס קאַסטאָרפּ האָט גוט געקאָנט. דערנאָך האָט זי זיך צוגעגליטשט, ווי אַלעמאָל, צו איר טיש, האָט זיך אַוועקגעזעצט מיט ווייכע באַוועגונגען און פֿלוידערנדיק גענומען עסן. האַנס קאַסטאָרפּ האָט, ווי שטענדיק, און נאָך מיט גרעסערער אויפֿמערקזאַמקייט, צוגעקוקט זיך, ווי איר קאָפּ שאָקלט זיך בעתן ריידן. אַריבערקוקנדיק צום „גוטן רוסן־טיש“, פֿאַרבײַ סעטעמברינים פּלייצע בײַם סוף קרום־אַוועקגעשטעלטן מיטלסטן טיש, האָט ער דערזען די פֿאַרקײַלעכדיקטקייט פֿון איר נאַקן און די אָפּגעלאָזענע אײַנגעבויגנקייט פֿון איר רוקן. וואָס ס'איז נוגע דער פֿרוי שאָשאַ — האָט זי אין משך פֿון מיטאָג קיין איין מאָל זיך נישט אומגעקוקט איבערן זאַל. אָבער נאָכדעם, ווי מען האָט אָפּגעגעסן דעם דעסער און דער גרויסער זייגער (וואָס הענגט אויף דער רעכטער שמאָלער זײַט פֿון זאַל, דאָרטן, וווּ ס'שטייט דער שלעכטער רוסן־טיש) האָט אויסגעשלאָגן צוויי — דעמאָלט איז עס פֿאָרט געשען און האַנס קאַסטאָרפּ איז דערפֿון משונהדיק צעטומלט געוואָרן. בעת דער זייגער האָט אויסגעשלאָגן צוויי — איינס און צוויי — האָט די באַחנטע פּאַציענטין אויסגעדרייט פּאַמעלעך דעם קאָפּ און אויך אַ ביסל דעם אייבערשטן טייל קערפּער און האָט איבער די אַקסלען דײַטלעך און אָפֿן אַ קוק געטאָן צו האַנס קאַסטאָרפּס טיש. ניין, נישט בלויז צו זײַן טיש בכלל, נאָר אומצווײַדײַטיק און שטרענג־פּערזענלעך אַ קוק געטאָן צו אים. אַרום אירע צוגעמאַכטע ליפּן און אין די שמאָל־געשניטענע פּריבּיסלאַוו־אויגן איז געשטאַנען אַ שמייכעלע, גלײַך ווי זי וואָלט געוואָלט זאָגן: נו, שוין צײַט. וועסט שוין אויפֿשטיין? (ווײַל דעמאָלט, ווען די אויגן ריידן, זאָגט מען זיך „דו“, כאָטש דאָס מויל האָט נאָך אַפֿילו קיין איין מאָל נישט געזאָגט „איר“). דאָס דאָזיקע געשעעניש האָט האַנס קאַסטאָרפּן צעטומלט און אויפֿגע־

געמען זאַכן קריטיש און נישט אַליך, ווי ס׳איז. ער איז גאַנץ געדעכט. אָבער טיילמאָל הייבט מען אָן מיט קריטיק, אומצופרידנ־קייט אַז: געדעכטן כעס און מ׳ענדיקט מיט עפּעס אַזוינס, וואָס האָט מיט קריטיק קיין שום שייכות נישט. דעמאָלט טרעט אָפּ די שטרענגע עטישקייט און די רעפּובליק מיטן שיינעם סטיל צוזאַמען באַקומען אַ נאָך־טעם...

ער מורמלט עפּעס נישט דייטלעכס און ווייסט, דאַכט זיך, אַליין נישט קלאָר, וואָס ער וויל. זיין קוזין גיט אויף אים אַ קוק פון דער זייט און זאָגט: „צום ווידערזען". באַלד דערנאָך גייט יעדער אַוועק אין זיין צימער און באַלקאָן־לאָזשע.

— וויפל? — פרעגט יאָאַכים אין אַ ווילע אַרום שטיל דורך דער גלעזערנער וואַנט, כאָטש ר׳האָט נישט געזען, ווי האַנס קאַס־טאָרפּ האָט ווידער גענומען דעם טערמאָמעטער... און האַנס קאַס־טאָרפּ ענטפערט מיט אַ גלייכגילטיקן טאָן:

— נישט קיין בייס.

פּאַקטיש האָט ער, תיכּף ווי ר׳איז אַריינגעקומען, גענומען פון וואַש־טיש אַראָפּ זיין שיינעם אינסטרומענט, וואָס ר׳האָט איינגע־האַנדלט היינט אינדערפרי. באַלד דערנאָך האָט ער אַראָפּגעטרייסלט די 37,6 פון פריער און האָט זיך אַוועקגעלייגט מאַכן ליג־קוראַ־ציע מיטן גלעזערנעם ציגאַר אין מויל, מעשה־תושב. אָבער נישט געקוקט דערויף, וואָס ר׳האָט זיך געריכט אויף מי־יודע וואָס און כאָטש ר׳האָט געהאַלטן דעם טערמאָמעטער גאַנצע אַכט מינוט אונ־טער דער צונג, איז מערקוריום פונדעסטוועגן נישט געגאַנגען העכער, ווי ביז 37,6. דאָס איז, וואָס אמת, היץ, כאָטש ס׳גייט נישט ווייטער דערפון, וויפל ס׳איז געווען פאַרמיטאָג. נאָכמיטאָג האָט דאָס גלאַנציקע שנירל דערגרייכט ביז 37,7. אינאָוונט, ווען האַנס קאַסטאָרפּ איז געווען זייער מיד פון די איבערלעבונגען און נייסן פון טאָג, האָט עס געוויזן 37,5. אויף צו מאָרגנס אינדערפרי האָט עס געוויזן בלויז 37, אָבער אין די מיטאָג־שעהן איז עס צוריק דערגאַנגען צו דער נעכטיקער הייך. אַזוי־אַרום איז סוף־כל־סוף אָנ־געקומען די מיטאָג־מאָלצייט פון צווייטן טאָג און באַלד דערנאָך — די צייט פון וויזיט ביים דאָקטאָר.

אין דער רעכטער האַנט האָט ער געהאַלטן דאָס שוואַרצע הער=
רערל און זיך געקלאַפּט דערמיט איבערן שענקל פון פוס.
— טעמפּאָ, טעמפּאָ — האָט ער געזאָגט אין אַ קוק געטאָן
מיט זיינע אַפּערקווענדיקע אויגן אויפן וואַנט=זייגער.
— * Un poco più presto, Signori! — מיר זיינען דאָ נישט
פאַראַן בלויז פאַר אייער כבוד וועגן.
ביים טאָפּלטן שרייבטיש, הינטערן פענסטער, איז געזעסן ד״ר
קראָקאָווסקי, אַ בלייכער קעגן אָפּשיין פון זיין שוואַרצן לוסטרינעם
קיטל, מיט די עלנבויגנס אָנגעשפּאַרט אויפן טיש. מיט איין האַנט
האָט ער געהאַלטן אַ פעדער, די אַנדערע האָט ער געהאַלטן אין
דער באָרד. פאַר אים זיינען געלעגן פּאַפּירן, מסתמא די קראַנקען=
אַקטן. ער האָט אָנגעקוקט די אַריינקומענדיקע מיט דעם טעמפּן איס=
דרוק פון אַ מענטש, וואָס זיצט דאָ בלויז ווי אַן אַסיסטענט.
— נאַ, אַרויס מיטן סך=הכּל! — אַזוי האָט דער הויפראַט גע=
ענטפערט אויף יאָאַכימס אַנטשולדיקונג און אים אַרויסגענומען די
היין=דיאַגראַמע פון דער האַנט, כדי זי דורכצוקוקן. בשעת=מעשה
האָט יאָאַכים זיך אויסגעטאָן ביז אין דער העלפט און אויפגעהאַנ=
גען די אויסגעטוענע מלבושים אויף דעם גאַרדעראָב=שטענדער לעבן
דער טיר. אויף האַנס קאַסטאָרפּן האָט מען זיך נישט אומגעקוקט.
אַ ווײַלע איז ער געשטאַנען אין זיך צוגעקוקט, דערנאָך האָט ער
זיך אַוועקגעזעצט אויף אַן אַלט=מאָדישן קליינעם פאָטעל מיט טראָדן
אויף די אָנלענען. דער פאָטעל איז געשטאַנען לעבן אַ טישל מיט
אַ קאַראַפינקע וואַסער. ביי די ווענט זיינען געשטאַנען ביכער=שענק
מיט ברייט=רוקיקע מעדיצינישע ווערק און אַקטן=העפטן. פון מעבל איז
דאָ נאָך בלויז געווען אַ שעזלאָנג איבערגעצויגן מיט אַ ווייסער
צעראַטע און מיט אַ קישעלע צוקאָפּנס, איבער וועלכן עס איז גע=
ווען אויסגעשפּרייט אַ פּאַפּירענער סערוועט. דעם שעזלאָנג האָט מען
געקאָנט מאַכן העכער און נידעריקער.
— 7 שטרייכעלעך, 8 שטרייכעלעך, 9 שטרייכעלעך, — לייענט בערענס
אַרויס דורכבלעטערנדיק די וואָכן=טאַבעלעס, אין וועלכע יאָאַכים האָט

---

* אַ ביסל גיכער, מיינע הערן (איטאַל.).

רעגט ביז דער סאַמע טיפעניש פון דער נשמה. ר'האָט קים געגלויבט זיינע אייגענע חושים און אינגאַנצן אַ צעמישטער האָט ער קודם־כל אַ קוק געטאָן פרוי שאָשאַ אין די אויגן אַריין, דערנאָך — איבער איר שטערן און האָר — אין דער ליידיקייט. זאָל זי וויסן, אַז צוויי אַ זייגער גייט ער אויף אַ וויזיט צום דאָקטאָר? פונקט אַזוי האָט זי אַ קוק געטאָן. און דאָך איז עס אַקוראַט אַזוי אומגלויבלעך, ווי אַ שטיינער, זי זאָל וויסן, אַז ר'האָט דאָ ערשט, מיט אַ מינוט צוריק, זיך אַליין געפרעגט, צי ער זאָל נישט אַמאָל לאָזן זאָגן דורך יאָאַכימען דעם הויפראַט, אַז ס'איז אים בעסער געוואָרן פון דער פאַרקילונג און אַז די אונטערזוכונג איז מער נישט נייטיק. אַדאַנק פרוי שאָשאַס פרייגנדיק שמייכעלע איז אָבער דער פריערדיקער געדאַנק אינגאַנצן צו־נישט געוואָרן און פאַרלוירן יעדן טעם. אין אַ סעקונדע אַרום האָט, אַגב, יאָאַכים שוין געהאַט אַוועקגעלייגט זיין אַיינגעוויקלטן סערוועט אויפן טיש, האָט צו אים אַ וואונק געטאָן מיט זיינע אויפגעהויבענע ברעמען, זיך פאַרבייגט פאַר די זיצנדיקע און איז אַוועק פון טיש. באַלד נאָכדעם איז אויך האַנס קאַסטאָרפ נאָכגעגאַנגען דעם קוזין פון זאַל אַרויס אינערלעך מבולבל, כאָטש אויסערלעך — מיט פעסטע טריט און מיט דעם געפיל, אַז יענער בליק און שמייכל באַגלייט אים נאָך אַלץ.

פון נעכטיקן נאָכמיטאָג אָן האָבן זיי מער נישט גערעדט וועגן דעם, וואָס זיי האָבן בדעה געהאַט היינט צו טאָן. אויך איצט זיינען זיי געגאַנגען שווייגנדיקערהייט, ווי אָפגעשמועסט. יאָאַכים האָט זיך צוגעאײַלט: ס'איז שוין געווען נאָך דער אָפגעשמועסטער שעה, און הויפראַט בערענס האָט געפאָדערט פונקטלעכקייט. זיי זיינען געגאַנגען פון עס־זאַל לענגאויס דעם קאָרידאָר אין פאַרטער, פאַרביי דער „פאַרוואַלטונג“, און זיינען „אַראָפ“ מיט די זויבערע, לינאָלעום־באַלייגטע טרעפ אין קעלער אַריין. יאָאַכים האָט אָנגעקלאַפט אין דער טיר גלייך אַקעגנאיבער די טרעפ. אַ פאַרצעלאַנענע שילד האָט אָנגעוויזן, אַז דאָס איז דער אַריינגאַנג אין אָרדינאַציע־צימער.

— אַריין! — האָט בערענס אַ רוף געטאָן און שטאַרק אַקצענטירט די ערשטע זילב. ר'איז געשטאַנען אינמיטן צימער, אין קיטל,

באַלד הוסטן, און דאָס האָט אים, אַפּנים, זייער אָנגעשטרענגט, ווייל ס'האָט אים פֿאַרפֿעלט אָטעם און אין די אויגן האָבן זיך אַזש באַוויזן טרערן. אַליץ, וואָס הויפּראַט בערענס האָט געהערט, האָט ער מיט קורצע, באַשטימטע ווערטער איבערגעגעבן דעם אַסיסטענט ביים שרייבטיש אַזוי, אַז האַנס קאַסטאָרפּ האָט זיך געמוזט דערמאָנען אין אַ שניידער, וואָס נעמט מיט עלעגאַנץ אַ מאָס אויף אַן אָנצוג, לייגט־צו דעם צענטימעטער אַלעמאָל אויף אַן אַנדער אָרט לויט דעם אָנגענומענעם סדר און דיקטירט דעם איינגעבויגענעם געזעל מיט דער פעדער די ציפערן. „קורץ", „פאַרקירצט" — דיקטירט הויפּראַט בערענס. „וועזיקולער" — זאָגט ער און באַלד ווידער: „וועזיקולער" (דאָס איז, אַפּנים, גוט). „שאַרף" — זאָגט ער און פאַרקרימט זיך. „זייער שאַרף". „גערויש". און ד"ר קראָקאָווסקי פאַרשרייבט אַליץ, ווי דער געזעל ביים שניידער.

האַנס קאַסטאָרפּ קוקט זיך צו מיט אַ זייטיק אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, פאַרטראַכט און פאַרקוקט אין יאָאַכימס איבערשטן טייל קערפּער, ביי וועלכן די ריפּן (די ריפּן האָט ער נאָך, גאָט צו דאַנקען) הייבן זיך אויף בשעתן סאָפּען אונטער דער געשפּאַנטער הויט הויך איבערן אַריינגעצויגענעם בויך. ר'האָט זיך איינגעקוקט אין אָטדעם שלאַנקן, געלבלעך־ברוינלעכן יינגלערישן קערפּער מיט די שוואַרצע האָר אויף דער ברוסט און אויף די — אַגב, גאַנץ פעסטע — הענט. אויף איין האַנט אַרום געלענק האָט ער געטראָגן אַ גאָלדענעם בראַנזאָלעט. דאָס זיינען הענט פון אַ גימנאַסטיקער — האָט געטראַכט האַנס קאַסטאָרפּ. ער האָט אַלעמאָל מיט הנאה געמאַכט גימנאַסטיק. איך, דערפאַר, האָב מיר דערפון גאָרנישט געמאַכט. דאָס האָט אַ שייכות מיט זיין נייגונג צו מיליטער־דינסט. ער האָט אַלעמאָל געהאַט מער חוש פון מיר פאַר קערפּערלעכע ענינים, אָדער זיין חוש איז אַלנפאַלס געווען אַן אַנדערער. ווייל איך בין פון תמיד אָן אַ ציוויליסט און כ'האָב מער געזאָרגט וועגן דעם, כ'זאָל קאָנען גוט אָפּעסן, טרינקען און האָבן אַ וואַרעם באָד. אים איז קודם־כל געגאַנגען אין מענלעכקייט און אין אויפטוען. איצט שטייט זיין קערפּער טאַקע אויפן ערשטן פּלאַן און איז טאַקע צוליב דער קראַנקייט געוואָרן אַ יש פאַר זיך. ר'איז אילומינירט און קאָן נישט

געטריי פאַרשריבן די רעזולטאַטן פון זיינע מעסטונגען פינף מאָל אין טאָג. — נאָך אַלץ אַ ביסל אילומינירט, ליבער צימסען, מ'קאָן נאָך אַל'ן נישט זאָגן, אַז איר זענט סאָלידער געוואָרן זינט איר זענט דאָ לעצטנס געווען („לעצטנס" איז אַ מעשה פון פיר וואָכן). נאָך אַל'ן נישט פּטור געוואָרן פון דעם סם, נישט פּטור געוואָרן — זאָג'ט ער. — נאָ, פאַרשטייט זיך, אַז ס'גייט נישט פון היינט אויף מאָרגן, קיין כּישוף־מאַכערס זיינען מיר אויך נישט.

יאָאַכים שאָקלט צו און צוקט מיט זיינע נאַקעטע אַקסלען, כאָטש ער וואָלט געקאָנט טענהן, אַז ר'איז דאָ נישט ערשט פון נעכטן.

— ווי האַלט עס מיט דעם שטעכן אין רעכטן הילוס*, וואו דער קלאַנג איז אַלעמאָל געווען פאַרשאַרפט? בעסער? נאָ, קומט נאָ־אַהער! מירן פּרוּוון העפלעך אָנקלאַפּן — און ס'הייבט זיך אָן די אַסקולטאַציע.

הויפראַט בערענס — אַ ברייטער, אַן איינגעבויגענער, מיטן הער־רערל אונטערן אָרעם — נעמט קודם קלאַפּן גאַנץ אויבן אויף יאָאַכימס רעכטן אַקסל מיטן ריזיקן מיטלפינגער פון זיין רעכטער האַנט און מיט דער לינקער שפּאַרט ער זיך אָן. דערנאָך איז ער אַראָפּ אונטער דער לאָפּאַטקע און האָט זייטיק געקלאַפּט אויפן מיטלסטן און אונטערשטן רוקן. דערנאָך האָט יאָאַכים — שוין אַן אויסגעלערנ־טער — אויפגעהויבן די האַנט, כדי מ'זאָל קאָנען קלאַפּן אויך אונ־טערן אַקסל. באַלד האָט זיך דאָס אייגענע איבערגעחזרט אויך אין דער לינקער זייט. ווען ר'איז פאַרטיק געוואָרן דערמיט, האָט דער הויפראַט אַ באַפעל געטאָן: „אויסגעדרייט!" און גענומען אַרומקלאַפּן די ברוסט. ער האָט געקלאַפּט גלייך אונטערן האַלז ביים שליסל־ביין, האָט געקלאַפּט איבער און אונטער דער ברוסט, פריער רעכטס און דערנאָך לינקס. נאָכדעם ווי ר'האָט זיך גענוג אָנגעקלאַפּט, האָט ער זיך גענומען צום איינהערן זיך. צו איין זייט פון רערל האָט ער צוגעלייגט דאָס אויער און די אַנדערע זייט האָט ער צוגעלייגט כּסדר אויף דער ברוסט און אויפן רוקן, אומעטום, וואו ר'האָט פריער געקלאַפּט. דערביי האָט יאָאַכים געמוזט באַלד שטאַרק אָטעמען,

---

* הילוס (לאטיין) = פארטיפונג אין א ארגאן, ווי צ״ב אין דער לונג.

האַנס קאַסטאָרפּ איז אויך איינגעשפּרונגען פון אָרט, אָנגעשטעלט די אויגן אויפן היפּראַט בערענס, וועלכער איז געשטאַנען מיט צעשפּרייטע פיס, מיט אַן אָפּן מויל און, אַפּנים, פאַרטראַכט. דערביי האָט קאַסטאָרפּ זיך גענומען אויסטאָן. ער האָט זיך געיאָגט און ס'איז אים שווער אָנגעקומען, ביז ער האָט אויסגעטאָן דאָס געפּינטלטע שטייפע העמד איבערן קאָפּ. דערנאָך איז ער געבליבן שטיין פאַר היפּראַט בערענס אַ ווייסער, בלאָנדער און שמאָלער — אַ סך ציווילער געבויט, ווי יאָאַכים צימסען.

אָבער דער היפּראַט איז נאָך אַלץ געווען פאַרטאַכט און האָט אים געלאָזט שטיין. ד״ר קראָקאָווסקי האָט זיך שוין ווידער אַוועקגעזעצט און יאָאַכים האָט זיך גענומען אָנטאָן. דערנאָך האָט בערענס סוף-כל-סוף זיך דערמאָנט אין יענעם, „וואָס האָט נאָך חשק".

— אַך אַזוי, דאָס זענט איר! — זאָגט ער. דערביי נעמט ער האַנס קאַסטאָרפּן אָן מיט זיין ריזיקער האַנט ביים אָרעם, שטעלט אים אַוועק פאַר זיך און באַטראַכט אים שאַרף. ער קוקט אים נישט אין פּנים אַריין, ווי מ'קוקט אָן אַ מענטש, נאָר אויפן קערפּער; דרייט אים אויס, ווי מ'דרייט אויס אַ קערפּער און באַטראַכט אים אויך פון הינטן. הם — זאָגט ער — נו, מיר'ן געבן אַ קוק, וואָס דאָ טוט זיך — און ער הייבט אָן אַרומקלאַפּן, ווי פריער.

ער קלאַפּט אומעטום, ווי ביי יאָאַכים צימסען, און קומט צוריק צו פאַרשיידענע ערטער נאָכאַמאָל. אַ לענגערע צייט קלאַפּט ער באַלד לינקס אויבן, ביים שליסל-ביין און באַלד אַ ביסל נידעריקער, כדי צו פאַרגלייכן.

— איר הערט? — פרעגט ער צום דאָקטאָר קראָקאָווסקי איבער... און ד״ר קראָקאָווסקי, וואָס זיצט אַ פינף טריט ווייטער ביים שרייבטיש, שאָקלט-צו מיטן קאָפּ, אַז ער הערט. ער לאָזט אַראָפּ ערנסט די גאָמבע אויף דער ברוסט אַזוי, אַז זיין באָרד ווערט צוזאַמענגעקוועטשט און ס'הייבן זיך אויף אירע שפּיצן.

— טיף אָטעמען! הוסטן! — קאָמאַנדעוועט דער היפּראַט און נעמט ווידער דאָס הער-רערל. האַנס קאַסטאָרפּ אַרבעט שווער, אפשר אַכט אָדער צען מינוט, אַזוי לאַנג, ווי דער היפּראַט האָרכט

פטור ווערן פון דעם סם און געזונט ווערן, כאָטש ער האָפט שוין
אַזוי שטאַרק צו ווערן אַ מיליטער-מענטש אונטן. גיט נאָר אַ
קוק, געבויט איז ער, ממש ווי אין די ביכער, אַן אַפּאָלאָ פון בעל-
וועדער, אַחוץ די האָר. אָבער אינעווייניק איז ער קראַנק און אוי-
סערלעך צו-וואַרעם פון דער קרענק. ווייל קראַנקהייט מאַכט דעם
מענטש אַ סך קערפּערלעכער, ווי געוויינלעך, זי מאַכט אים אינ-
גאַנצן פאַר אַ קערפּער... טראַכטנדיק אַזוי, איז ער פּלוצלונג דער-
שראָקן געוואָרן און האָט אינדערהייך און פאָרשנדיק אַ קוק געטאָן פון
יאָאַכימס נאַקעטן קערפּער ביז אַרויף צו זיינע אויגן, זיינע גרויסע,
שוואַרצע און מילדע אויגן, וואָס פון קינסטלעכן עטעמען און הייסן
זיינען זיי אַזוי פאַרלאָפן געווען מיט טרערן און האָבן בעת דער
אונטערזוכונג געקוקט מיט אַ טרויעריקן אויסדרוק ערגעץ איבער דעם
קאָפּ אַרויס אין דער ליידיקייט אַריין.

אָבער דערווייל האָט הויפראַט בערענס געענדיקט.

— נאָ, ס'איז גוט, צימסען — זאָגט ער. — אַלץ אין אָרדע-
נונג, ווי ווייט ס'איז מעגלעך. ס'צווייטע מאָל (און פיר וואָכן אַרום,
הייסט עס) וועט זיכער אומעטום זיין אַ ביסל בעסער.

— ווי לאַנג, מיינט דער הויפראַט, וועט —

— איר הייבט שוין ווידער אָן יאָגן? — איר קאָנט דאָך נישט
נעמען מיישטירן מיט אייער חברה אין אַזאַ מצב! אַ האַלב יאָר,
האָב איך לעצטנס געזאָגט — איר קאָנט עס, לאָמיר זאָגן, רעכענען
פון לעצטן ווידיט אָן, אָבער האַלט עס פאַר אַ מינימום. סוף-כל-
סוף לעבט זיך דאָ גאָרנישט אַזוי שלעכט, איר מוזט זיין העפ-
לעך! דאָ ביי אונז איז נישט קיין באַניאָ* און... נישט קיין סיבירישע
קאַטאָרגע! אָדער אפשר ווילט איר זאָגן, אַז ס'איז ענלעך דערצו?
ס'גוט, צימסען! אַוועק! ווער האָט נאָך חשק? — רופט ער און גיט
אַ קוק אין דער לופט. דערביי דערלאַנגט ער מיט אַן אויסגעשטרעק-
טער האַנט דאָס הער-רער'ל דעם ד"ר קראָקאָווסקי, וועלכער שטייט
אויף און נעמט עס, כדי מעשה-אַסיסטענט נאָכאַמאָל אַ ביסל אוי-
בערצוקאָנטראָלירן יאָאַכימען.

---

* Bagno (פון איטאַל.) = אמאָליקע קאַטאָרגעס אין פראַנקרייך.

— ר׳איז דאָך אָבער בלויז אַ שטיף־שוועסטערקינד, הער הויפּ־ראַט.

— נו־נו, נו־נו, איר וועט דאָך נישט גיין פאַרלייקענען אייער קוזין. „שטיף“, צי נישט „שטיף“, ר׳איז אַלנפאַלס אייערס אַ נאָנ־טער קרוב, פון איין בלוט, פון וואָס פאַר אַ זייט?

— פון דער מוטערס, הער הויפּראַט. ער איז דער זון פון אַ שטיף־...

— און אייער מוטער איז געזונט?

— ניין, זי לעבט נישט. זי איז געשטאָרבן, ווען כ׳בין נאָך געווען אַ קינד.

— אָ, אויף וואָס אַזוינס?

— פון אַ בלוט־גליווער, הער הויפּראַט.

— פון אַ בלוט־גליווער? — נאָ, ס׳איז שוין אַ לאַנגע מעשה. און אייער פאָטער?

— ער איז געשטאָרבן פון אַ לונגען־אָנצינדונג — זאָגט האַנס קאַסטאָרפּ — און מיין זיידע אויך — גיט ער צו.

— אַזוי, דער זיידע אויך? נאָ, דאָס ווייסן מיר וועגן אייער אָפּשטאַם. וואָס ס׳איז נוגע אייך, זענט איך אַלעמאָל געווען אַ בלייכער, נישט? ווערט איר נישט לייכט מיד ביי אַ קערפּערליכער גייסטיקער אַרבעט? יאָ? און דאָס האַרץ קלאַפּט אייך שטאַרק? לעצטנס ערשט? פיין. אויסערדעם האָט איר, אַפּנים, אַ נייגונג צו קאַטאַרן פון די אָטעמונגס־אָרגאַנען. ווייסט איר, אַז איר זענט שוין אַמאָל געווען קראַנק?

— איך?

— יאָ, כ׳מיין אייך פּערזענלעך. איר הערט דעם אונטערשייד? און דער הויפּראַט קלאַפּט דאָ לינקס אויבן אויף דער ברוסט און דאָ אַ ביסל נידעריקער.

— דאָ קלינגט עס אַ ביסל צוגעדושעטער — זאָגט האַנס קאַס־טאָרפּ.

— זייער גוט. איר דאַרפט ווערן אַ ספּעציאַליסט. דאָס איז פאַרטיבונג און אַ פאַרטויבונג נעמט זיך פון פאַרעלטערטע ער־

זיך צו אים. ער רעדט די גאַנצע צייט נישט קיין וואָרט, לייגט צו דאָס רערל דאָ און דאָרט, און הערט זיך כּסדר צו צו די ער־טער, בײַ וועלכע ר׳האָט פריער לענגער אַרומגעקלאַפּט. דערנאָך פאַר־שטעקט ער דעם אינסטרומענט אונטערן אָרעם, פאַרלייגט די הענט אויף הינטן און קוקט אַראָפּ אויפן דיל צווישן זיך און האַנס קאַס־טאָרפּ.

— יאָ, קאַסטאָרפּ — זאָגט ער (דאָס ערשטע מאָל, ווי ר׳האָט דעם יונגנמאַן אָנגערופן פּשוט בײַם צונאָמען). — פּרעטער פּראָפּטער* איז דער ענין אַזוי, ווי כ׳האָב מיר טאַקע פאָרגעשטעלט. איך האָב אויף אײַך געהאַט אַן אויג, קאַסטאָרפּ, און איצט קאָן איך עס אײַך זאָגן. באַלד פון אָנהייב, תּיכּף ווי כ׳האָב געהאַט דעם נישט־פאַרדינטן כּבוד זיך מיט אײַך צו באַקענען, בין איך כּמעט געווען זיכער, אַז איר זענט שטילערהייט אַן אינזעריקער, און אַז איר וועט נאָך אַליין — ווי נישט איינער, וואָס איז אַרויפגעקומען אויף אַ שפּאַס, מיט אַ פאַרריסענער נאָז און איז שפּעטער געוואָר געוואָרן, אַז אים וואָלט גוט געטאָן און נישט בלויז „גוט געטאָן“ — פאַר־שטייט מיך ריכטיק — ווען ער פאַרהאַלט זיך דאָ אַ ביסל לענגער נישט דווקא צוליב בלויזער נײַגעריקייט.

האַנס קאַסטאָרפּס זײַנען געקומען די קאָלירן אין פּנים אַרײַן און יאָאַכים, וואָס האָט געהאַלטן בײַם פאַרקנעפּלען די שלייקעס, איז געבליבן שטיין און גענומען זיך צוהערן.

— איר האָט דאָ אַ פײַנעם סימפּאַטישן קוזין — רעדט דער הויפראַט ווייטער, דערבײַ ווייזט ער מיטן קאָפּ אויף יאָאַכימען און וויגט זיך אויף די גראָבע פינגער און די קנאַפּלען. — לאָמיר האָפן, אַז ער וועט בקרובֿ קאָנען זאָגן, אַז ר׳איז אַמאָל געווען קראַנק. אָבער ווי ס׳זאָל נישט זײַן, וועט ער אַלץ זײַן אַ געווע־זענער קראַנקער אוז דאָס איז אײַערס אַ קוזין. דאָס וואַרפט אַ פּריאָרי**, ווי דענקערס זאָגן, אַ געוויסע שײַן אויך אויף אײַך, ליבער קאַסטאָרפּ...

* לאַטיין: מער־ווייניקער. ** פאַרויס.

וויל נאָך נישט ריידן וועגן אַ פּאַרוויכנ-נעסט, אָבער ס׳איז זיכער אַ פּייכט אָרט און אַז איר וועט ווייטער אַזוי זיצן אונטן, מיין ליבער, קאָנט איר צווישן יאָ און ניין פּטרן אַ גאַנצע לונגען-לאַפּ.

האַנס קאַסטאָרפּ האָט זיך נישט גערירט. אַרום זיין מויל האָט עפּעס מאָדנע געצוקט, אַזוי מ׳האָט בולט געקאָנט זען, ווי זיין האַרץ פּולסירט קעגן די ריפּן. ער האָט אַ קוק געטאָן צו יאָאַכימען און זיך נישט געטראָפן מיט זיין בליק, דערנאָך האָט ער אַ קוק געטאָן אויפן הויפראַטס פּנים מיט די בלויע באַקן, מיט די בלויע אַפּערקווועלנדיקע אויגן און מיט די וואָנצעלעך, פון וועלכע איינס איז געווען אַרויפגעדרייט.

— ווי אַן אָביעקטיווע באַשטעטיקונג — האָט בערענס גערעדט ווייטער — האָבן מיר אייער טעמפּעראַטור: 37,6 צען אַ זייגער אינדערפרי. דאָס שטימט אינגאַנצן מיט די רעזולטאַטן פון אויסהאָרכונג.

— כ׳האָב בלויז געמיינט — זאָגט האַנס קאַסטאָרפּ — אַז די היץ נעמט זיך פון אַ קאַטאַר.

— און דער קאַטאַר? — ענטפערט דער הויפראַט... — פונוואַנען נעמט זיך אַ קאַטאַר? דערלויבט, כ׳זאָל אייך עפּעס זאָגן, קאַסטאָרפּ, און נעמט עס גוט אין קאָפּ אַריין. איר האָט אַ גאַנץ גוטן מוח, אויף וויפל כ׳ווייס. די לופט דאָ ביי אונז איז גוט צו דער קראַנקהייט, ווי מיינט איר, נישט אמת? אַזוי איז עס. זי איז אָבער אויך גוט פאַר דער קראַנקהייט, איר פאַרשטייט? זי רופט זי קודם-כל אַרויס, זי מאַכט אַ רעוואָלוציע אין קערפּער און איז גורם, אַז די באַהאַלטענע קראַנקהייט זאָל אויסברעכן. אַזאַ מין אויסבראָך, האָט נישט קיין פּאַראיבל, איז אייער קאַטאַר. איך ווייס נישט, צי איר האָט שוין געהאַט היץ אונטן אין פלאַכלאַנד, אָבער דאָ אויבן האָט איר אַלנפאַלס געקריגן היץ פון ערשטן טאָג אָן און נישט ערשט צוליבן קאַטאַר. דאָס איז מיין מיינונג.

— יאָ, — זאָגט האַנס קאַסטאָרפּ — כ׳מיין אויך אַזוי.

— איר האָט זיך, מסתמא, תיכף דערפילט פאַרשיכורט — גיט-צו דער הויפראַט — דאָס זיינען די גיפטן, וועלכע די באַקטעריעס לאָזן אַרויס פון זיך. זיי פאַרשיכורן דעם צענטראַלן נערוון-סיסטעם, פאַרשטייט איר, און צוליב דעם קריגט מען רויטע בעקלעך.

טער, וואו ס'איז שוין פֿאָרגעקומען די פֿאַרקאַלכונג, די פֿאַרהיילונג, אויב איר ווילט. איר זענט אַן אַלטער פּאַציענט, קאַסטאָרפּ, אָבער מיר קאָנען צו קיינעם נישט האָבן קיין טענות, הלמאַי איר ווייסט עס נישט. אַ פֿריער דיאַגנאָז איז אַ שווערע זאַך — בפֿרט נאָך פֿאַר די קאָלעגן אינטן. איך וויל נישט זאָגן, אַז מיר האָבן אַ בעסערע שמיעה, הגם דאָס ספּעציאַליזירן זיך האָט אין אַ שטיקל באַטייט. אָבער די לופֿט העלפֿט אונדז הערן, איר פֿאַרשטייט? די דינע, טרוקענע לופֿט דאָ אויבן.

— אַוודאי, נאַטירלעך — זאָגט האַנס קאַסטאָרפּ.

— פֿיין, קאַסטאָרפּ, און איצט הערט אײַך צו, בתור איינער, כ'וועל אײַך זאָגן אַ פּאָר גאָלדענע ווערטער. ווען ס'וואָלט אײַך מער גאָרנישט געווען, פֿאַרשטייט איר, און ס'וואָלט בלויז געגאַנגען וועגן די פֿאַרטײַבונגען און די פֿאַרהיילונגען פֿון אײַער עאָל-אָרגאַן* מיט דער פֿאַרקאַלכונג אינעווייניק — וואָלט איך אײַך אָפּגעשיקט צו אײַערע לאַרן און פּענאַטן** און כ'וואָלט מיר מער נישט געמאַכט קיין עסק דערפֿון, איר פֿאַרשטייט? אָבער אַזוי ווי דער ענין האַלט איצט און לויט ווי דער סך-הכּל פֿון דער באַטראַכטונג איז, און היות איר זענט שוין סײַ-ווי-סײַ אויבן בײַ אונדז — לוינט שוין נישט אַהיימצופֿאָרן, האַנס קאַסטאָרפּ — איר וואָלט בקרוב געמוזט צוריקקומען.

האַנס קאַסטאָרפּ פֿילט אויפֿסניי, ווי דאָס בלוט נעמט אים זעצן אין האַרץ אַרײַן, אַזוי אַז ס'האַרץ הייבט אָן צו קלאַפּן ווי אַ האַמער. יאָאַכים שטייט נאָך אַלץ מיט די הענט אין די הינטערשטע קנעפּלעך און מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן.

— ווײַל אַחוץ די פֿאַרטײַבונגען — זאָגט דער הויפֿראַט — האָט איר אײַך דאָ לינקס אויבן אַ פֿאַרשאַרפֿטן קלאַנג, וואָס איז שוין כמעט אַ גערויש און נעמט זיך אָן שום ספֿק פֿון אַ נײַ אָרט. איך

---

* עאָל (עאָלוס, אועלאָס) — גריכישער ווינט-גאָט, דערפֿון עאָל-אָרגאַן — אָטעמונג-אָרגאַן.

** לאַרעס עט פּענאַטעס — רוימישע הויזגעטער, דאָס מיינט אָפּשיקן אַהיים.

אינהאַלט פון ערשטן בוך

זייט

הקדמה 5

ערשט קאַפּיטל

אַנקום 7
נומער 34 18
אין רעסטאָראַן 22

צווייט קאַפּיטל

פון דער טויפשאָל און פון דעם זיידן מיט דער טאָפּלטער געשטאַלט . 31
ביי די טינאַפּעלס און וועגן האַנס קאַסטאָרפּס עטישן מצב. . . 46

דריט קאַפּיטל

באַבודיקע מרה־שחורה 61
פרישטיק 65
אַ שפּיצל. וויאַטיקום. פאַרשטערטע שמחה 77
דער שטן 90
געדאַנקען־שאַרפקייט 104
איין איבעריק וואָרט 113
נאַטירלעך, אַ פרוי 119
הער אַלבין 126
דער שטן מאַכט באַליידיקנדיקע פאָרשלאָגן 130

פערט קאַפּיטל

בייטיקער איינקויף 148
אַן עקסקורס איבערן חוש פאַר צייט 162

קודם-כּל באַהאַלט אײַך אונטערן איבערבעט, קאַסטאָרפּ. מיר דאַרפֿן
פּרוּוון אײַך אױסצוניכטערן דורך אַ פּאָר װאָכן ליגן אין בעט. דער-
נאָך װעט מען זען װײַטער. מיר װעלן מאַכן פֿון אײַך אַ שײנע
אינערלעכע פֿאָטאָגראַפֿיע, איר װעט מיט הנאה קאָנען אַ קוק טאָן
אין אײגענעם איך אַרײַן. אײנס זאָג איך אײַך אָבער גלײַך: אַזאַ
פֿאַל, װי אײַערער, װערט נישט אױסגעהײלט אין אײן טאָג. קײן
רעקלאַמע-דערפֿאָלגן און קײן ניסים װערן דערבײַ נישט געמאַכט.
איך האָב אָבער תּיכּף געהאַט דאָס געפֿיל, אַז איר װאָלט געװען
אַ בעסערער פּאַציענט, מיט מער טאַלענט אױף קראַנק צו זײַן, װי
אָט-דער בריגאַדע-גענעראַל, װאָס װיל תּיכּף אַװעק, אױב ער האָט
נאָר עטלעכע שטרײַכעלעך װײניקער. אַ שטײגער, װי „גלײַך-ליגן" איז
נישט אַקוראַט אַזאַ גוטע קאָמאַנדע, װי „גלײַך-שטײן"! רו איז דער
ערשטער בירגער-פֿליכט און אומגעדולד ברענגט בלױז שאָדן. אָבער
כ׳נעם זיך אױס, איר זאָלט מיך נאָר נישט אַנטטױשן און נישט
פֿאַרשעמען מײַן מענטשן-מבֿינות. און איצט — מאַרש! אין דער
רעמיזע!

דערמיט ענדיקט הױפֿראַט בערענס דעם שמועס און זעצט זיך
אַװעק בײַם שרײַבטיש, כּדי — װי ס׳פּאַסט פֿאַר אַ מענטש פֿון אַ
סך עסקים — אױסצופֿילן די פּױזע ביז דעם צװײטן װיזיט מיט
שרײַבטישלעכער אַרבעט. ד״ר קראָקאָװסקי הײבט זיך אױף פֿון אָרט,
גײט צו צו האַנס קאַסטאָרפּן און לײגט אַרױף די לינקע האַנט אױף
דעם יונגמאַנס אַקסל. ער לאַכט פֿעסט, אַזױ, אַז ער װײַזט זײַנע
געלבלעכע צײן צװישן דער באָרד, און מיט דער רעכטער האַנט דריקט
ער האַרציק קאַסטאָרפּס האַנט.

	זייט
ער פּרוּווט די כּוחות אויף פּראַנצויזיש	168
פּאָליטיש פּאַרדעכטיק	175
היפּפּע.	183
אַנאַליז	198
ספקות און איבערטראַכטעענישן	208
שמועסן בּיים טיש.	214
שטייגנדיקע שרעק, וועגן בּיידע זיידעס און וועגן דער נסיעה מיט אַ שיפל אין בּין-השמשות	225
דער טערמאָמעטער.	257

טאָמאַס מאַן

דער צויבערבאַרג

ראָמאַן

ווילנע — 1930

ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

צווייט בוך

איבערגעזעצט פון דייטש
יצחק באַשעוויס

אונטער דער רעדאקציע פון
ד״ר מיכאל ווייכערט

PRINTED IN POLAND

Tomas Man — „Der Cojberbarg"
Drukarnia „Wyd. Wileńskie" B. Kleckina, Wilno

פינפטע קאַפּיטל

אייביקייט־זופּ און פּלוצלינגדיקע קלאָרקייט

דאָ קומט פאַר עפּעס אַזוינס, איבער וואָס דער דערציילער אַליין מוז זיך וואונדערן, כּדי דער לייענער זאָל זיך נישט צו שטאַרק וואונדערן אויף אייגענער אַחריות. אין דער צייט, נעמלעך, וואָס אונזער דין־וחשבון פון האַנס קאַסטאָרפּס ערשטע דריי וואָכן דאָ אויבן (איין־און־צוואַנציק זומער־טעג, אויף וועלכע זיין באַזוך האָט זיך, אויף וויפל אַ מענטש קאָן אויסרעכענען, בכלל געזאָלט באַגרענעצן) האָט פאַרנומען שטח און צייט, וואָס זיינען פאַר אונז אַליין געווען נישט אומגעריכט — וועט די באַשרייבונג פון זיין באַזוך אין די נאָענטסטע דריי וואָכן פאַרנעמען ווייניקער שורות, אַפילו ווייניקער ווערטער און רגעים, וויפל די ערשטע דריי וואָכן האָבן פאַרנומען זייטן, בויגנס, שעהן און אַרבעטס־טעג. איידער מ׳קוקט זיך אום, וועלן — ווי מיר וועלן זען — אַריבער און אָפּגעפּטרט ווערן אָט־די דריי וואָכן.

צוליב דעם וואָלט מען זיך כּמעט געקאָנט וואונדערן. אָבער פונדעסטוועגן איז עס אין אָרדענונג. עס איז אײַנשטימיק מיט די כּללים פון דערציילן און צוהערן זיך. עס איז אין הסכּם מיט אָט די כּללים, אַז די צייט קאָן זיין פאַר אונז אַקוראַט אַזוי לאַנג אָדער קורץ, אַז די צייט קאָן זיין פאַר אונזער געפיל אַקוראַט אַזוי אויסגעצויגן אָדער איינגעשרומפּן, פונקט ווי פאַר דעם יונגן האַנס קאַסטאָרפּ, פאַר דעם העלד פון אונזער געשיכטע, וואָס דאָס מזל האָט אים צוגעשמידט אויף אַזאַ אומגעריכטן אופן. ס׳וואָלט אַפילו נוצלעך געווען, מ׳זאָל צוגרייטן דעם לייענער צו נאָך אַנדערע וואונדער און פענאָמענען, אין שייכות צום סוד פון צייט, אַחוץ דעם, וואָס איז גראָד איצט אויפפאַלנדיק. האַנס קאַסטאָרפּס פערזאָן וועט אונז נאָך אַרויספירן דערויף. פאַר איצט איז גענוג, מ׳זאָל זיך דערמאָנען, ווי גיך ס׳גייט

ווי טאָן פון אַן אומבאַקאַנטער, צעלאָזענער פרייד און האָפענונג. באַלד ווידער האָט ער געקאָנט ווערן בלאַס פון שרעק און עגמת־נפש. דאָס געוויסן אַליין האָט געקלאַפּט צוזאַמען מיט זיין האַרץ אין אַיילעניש קעגן די ריפּן.

דעם ערשטן טאָג האָט אים יאָאַכים געלאָזט איינגאַנצן צו־רו און האָט אויסגעמיטן יעדן שמועס וועגן דעם. ער איז פּאָר־זיכטיק אַ פּאָר מאָל אַריין אין קראַנקנס צימער, האָט אַ שאָקל געטאָן דעם קאָפּ צום ליגנדיקן און האָט צוליב העפלעכקייט געפרעגט, צי ס׳פעלט אים נישט עפּעס. אַגב, איז אים אָנגעקומען גאָר לייכט צו פאַרשטיין און שעצי האַנס קאַסטאָרפּס מורא פאַר אַזאַ שמועס. ווייל ער אַליין האָט אייך פּונקט אַזוי מורא געהאַט דער־פאַר און לויט זיין מיינונג — איז זיין לאַגע געווען אַ פיינ־לעכערע ווי קאַסטאָרפּס.

אָבער זונטאָג פאַרמיטאָג, נאָכדעם ווי ר׳איז צוריקגעקומען פון דעם פרימאָרגן־שפּאַציר, איידער וועלכן ר׳איז געגאַנגען אַליין, ווי אַמאָל, האָט ער פונדעסטוועגן באַשלאָסן מער ניט אָפּצולייגן און איז אַריין צו זיין קוזין איבערשמועסן וועגן דעם, וואָס איז דירעקט נייטיק. ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט ביי יענעמס בעט און האָט געזאָגט מיט אַ זיפץ:

— יאָ, ס׳העלפט גאָרנישט, מ׳מוז עפּעס טאָן. זי ריכטן זיך דאָך אויף דיר אין דער היים.

— נאָך נישט — האָט געענטפערט האַנס קאַסטאָרפּ.

— ניין, אָבער אין עטלעכע טעג אַרום, מ׳טוואָך אָדער דאָ־נערשטאָג.

— אַך — האָט געזאָגט האַנס קאַסטאָרפּ. — זיי דערוואַרטן מיך בכלל נישט אַזוי גענוי אויפן טאָג. זיי האָבן עפּעס בעסערס צו טאָן, ווי צו וואַרטן אויף מיר און צו ציילן די טעג, ביז כ׳וועל צוריקקומען. אַז כ׳וועל קומען, וועל איך זיין און דער פעטער טינאַפּעל וועט זאָגן: „אָט ביסטו ווידער דאָ" און דער פעטער זשעמס וועט זאָגן: „נו, ס׳איז געווען גוט?" — אויב כ׳וועל נישט קומען, קאָן גאַנץ לאַנג דויערן, ביז זיי וועלן זיך כאַפּן. קאָנסט זיין

אַוועק אַ ריי טעג, אַ „לאַנגע" ריי טעג, בעת מ'ליגט קראַנק אין בעט. עפּעס דאַכט זיך, אַז איין־און דער זעלבער טאָג האַלט זיך אין איין איבערחזרן. אָבער היות ס'איז אַלץ דער אייגענער טאָג, איז עס אין גרונד גענומען נישט אין אָרדענונג, ווען מען רופט עס אָן „איבערחזרן". מ'דאַרף גיכער ריידן וועגן אַ כּסדרדיק דויערן, וועגן אַ שטייענדיקן איצט, אָדער וועגן דער אייביקייט. ס'ברענגט דאָס מיטאָג פּונקט אַזוי, ווי מ'האָט עס געברענגט נעכטן און מ'וועט עס ברענגען מאָרגן. און אין דער אייגענער רגע גיט עפּעס אויף דיר אַ ווייע — ווייסט נישט פֿון וואַנען און פֿון וואָס. ס'נעמט דיר שווינדלען אין קאָפּ, בעת דו זעסט, ווי מ'ברענגט די זופּ, די צייט־פֿאָרמען ווערן אָפּגעמעקט, גיסן זיך צונויף. די אמתע פֿאָרם פֿון זיין שיילט זיך דעמאָלט אויס, ווי איין אייביקע קעגנוואַרט, אין וועלכער מ'האַלט דיר אין איין ברענגען זופּ. ריידן וועגן לאַנגווייליקייט אין שייכות מיט דער אייביקייט — וואָלט געווען אַ פּאַראַדאָקס. און פּאַראַדאָקסן ווילן מיר אויסמיידן, דער עיקר, ווען מיר האָבן צו טאָן מיט אָט־דעם העלד.

האַנס קאַסטאָרפּ איז, הייסט עס, געלעגן אין בעט פֿון שבת נאָכמיטאָג אָן, ווייל הויפּראַט בערענס — די העכסטע אויטאָריטעט אין אונזער וועלט, האָט אַזוי געהייסן. ממילא, איז ער געלעגן, מיטן מאָנאָגראַם אויף דער ברוסט־קעשענע פֿון נאַכט־העמד, די הענט פֿאַרלייגט הינטערן קאָפּ, אין זיין ווייסן בעט, אין דעם טויטן־בעט פֿון דער אַמעריקאַנערין און מסתמא נאָך פֿון אַ סך אַנדערע מענטשן. ער האָט מיט פּשוטע, פֿון קאַטאַר באַטריבטע, בלויע אויגן געקוקט צום סופֿיט און געטראַכט וועגן דער אויסטערלישער סיטואַציע, אין וועלכער ר'האָט זיך געפֿונען. דאָס הייסט נאָך נישט, אַז אָן דעם קאַטאַר וואָלטן זיינען אויגן געקוקט קלאָר און העל. וואָרעם אויך אינערלעך איז ער נישט געווען אַזוי, כאָטש אַלץ האָט אויסגעוויזן פּשוט. פּאַקטיש איז ער געווען זייער באַטריבט, צעטומלט, נישט־דייטלעך, האַלב־אויפֿריכטיק און פֿול מיט ספֿקות. אָט פֿלעגט ער, אַזוי ווי ר'איז דאָ געלעגן, אינגאַנצן דערשיטערט ווערן פֿון אַ גליקלעך געלעכטער, וואָס איז געקומען טיף פֿון דער ברוסט. זיין האַרץ פֿלעגט אַזש בלייבן שטיין און נעמען

פֿין נעכטן אָן און קלער מיר וועגן דעם, ווי אַזוי, אייגנטלעך, כ'האָב מיך אַלעמאָל געפֿילט און וואָס פֿאַר אַ באַציִונגען כ'האָב געהאַט צום לעבן, פֿאַרשטייסטו, און צו זיינע פֿאָדערונגען. אין מיין נאַטור איז אַלעמאָל געלעגן אַ געוויסער ערנסט און אַ געוויסע אָפּנייגונג צו יעדער גראָבקייט און שרייענדיקייט. מיר האָבן ערשט לעצטנס גערעדט וועגן דעם. כ'האָב נישט איינמאָל כמעט געהאַט חשק צו ווערן אַ גייסטלעכער. צוליב אינטערעס צו טרויעריקע און רעליגיעזע זאַכן — אַזאַ שוואַרץ טוך, פֿאַרשטייסטו, מיט אַ זילבערנעם צלם אָדער ... R. I. P.... Requiescat in pace * — דאָס איז אַלנפֿאַלס דאָס שענסטע וואָרט און ס'איז מיר אַ סך סימפּאַטישער ווי „לאַנג זאָל ער לעבן"**, וואָס איז דאָך נישט מער ווי אַ געפּילדער. דאָס אַליך, מיין איך, נעמט זיך דערפֿון, וואָס כ'האָב אַליין אַ שטיקל פֿעלער, און דערפֿאַר האָב איך פֿון באַמע אָנהייב אָן אַ געפֿיל פֿאַר דער קראַנקהייט. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן ביי אָט־דער געלעגנהייט. אָבער אויב ס'איז טאַקע אַזוי, איז עס דאָך אַ גליק, וואָס כ'בין אַרויפֿגעקומען און מיך געלאָזט אונטערזוכן. דו דאַרפֿסט דיר צוליב דעם נישט מאַכן קיין שום פֿאָרוואורפֿן. האָסט דאָך געהערט: ווען כ'וואָלט געווען נאָך אַ שטיקל צייט אונטן, וואָלט איך נאָך אפֿשר צווישן יאָ און ניין געפֿטרט אַ גאַנצן לונג־לאַפּ.

— דאָס קאָן מען נישט וויסן — זאָגט יאָאַכים — דאָס איז טאַקע די מעשה, וואָס מ'קאָן דאָ גאָרנישט וויסן. דו האָסט, ווי בערענס האָט געזאָגט, שוין אַמאָל געהאַט קראַנקע ערטער, וועגן וועלכע קיינער האָט זיך נישט געזאָרגט און זיי האָבן זיך אַליין פֿאַרהיילט, אַזוי, אַז ס'זיינען דיר בלויז געבליבן אַ פּאָר אומשולדיקע פֿאַרטיפֿונגען. אפֿשר וואָלט דאָס אייגענע געשען מיט דעם פֿייכטן

* R. I. P. די ראשי־תּבֿות פֿון Requiescat in pace — זאָל ער רוען אין שלום — די לאַטיינישע אויפֿשריפֿט אויף אַ טויטן־טוך.

** טאָאַסט ביי אַ באַנקעט.

זיכער. פאַרשטייט זיך, אַז מיט דער צייט וואָלט מען זיי באַדאַרפט מעלדן...

— קאָנסט דיר פאָרשטעלן — זאָגט יאָאַכים און זיפצט ווידער — ווי אומאָנגענעם ס'איז מיר די גאַנצע מעשה! וואָס וועט איצט זיין? פאַרשטייט זיך, אַז כ'פיל מיך, אַזוי צו זאָגן, פאַראַנטוואָרטלעך. ביסט געקומען אַרויף צו מיר צו גאַסט, איך האָב דיך אַהער אַריינגעצויגן — און איצט בלייבסטו זיצן און מ'ווייסט נישט, ווען וועסט צוריק אַרויס און קאָנען איבערנעמען דיין פאָסטן. דו מוזט פאַרשטיין, אַז דאָס איז מיר פיינלעך ביז דער העכסטער מדרגה.

— דערלויב — זאָגט האַנס קאַסטאָרפּ און ליגט אַליין מיט די הענט אונטערן קאָפּ. — וואָס אייגנטלעך ברעכסטו דיר דעם קאָפּ? דאָס איז דאָך אַ אומזין. כ'בין דען געקומען צו דיר צו גאַסט? דאָס אויך. אָבער קודם-כל, כדי זיך צו פאַרריכטן, ווי הייַדעקינד האָט געהייסן. מילא, איצט ווייזט זיך אַרויס, אַז כ'דאַרף זיך מער פאַרריכטן, ווי פיל ער און מיר אַלע האָבן גאָר געקאָנט חלומען. כ'בין נישט דער ערשטער, וואָס האָט געמיינט, אַז ער מאַכט אַהער אַ שפּרונג אויף איין פוס און דערנאָך האָט זיך אַרויסגעוויזן אַנדערש. גיב, צום ביישפּיל, אַ קלער וועגן Tous les deux צווייטן זון, מיט וועלכן ס'איז געשען נאָך ערגער. כ'ווייס נישט, צי ער לעבט נאָך. אפשר האָט מען אים אַרויסגעפירט בעת אַ מאָלצייט. דער פאַקט, אַז כ'בין אַ ביסל קראַנק, איז פאַר מיר אַן איבעראַשונג און כ'מוז מיך ערשט צוגעוויינען דערצו, כ'זאָל זיך דאָ קאָנען פילן ווי אַ פאַציענט, ממש ווי איינער פון אייך, אָנשטאָט זיך צו האַלטן פאַר אַ גאַסט, ווי ביז איצט. פון דער צווייטער זייט איבעראַשט עס מיך לחלוטין נישט, ווייל אַזוי אמתדיק געזונט האָב איך מיך אייגנטלעך קיינמאָל נישט געפילט. ווען כ'גיב אַ טראַכט, ווי פרי מיינע עלטערן זיינען געשטאָרבן — פון וואַנען-זשע האָב איך מיך דאָס טאַקע געקאָנט פילן אַזוי געוואַלדיק. אַז דו האָסט אַ שטיקל פעלער — מעג ער איצט אַפילו זיין כמעט אויסגעהיילט — וועגן דעם צווייפלט קיינער פון אונז נישט. במילא קאָן שוין זיין, אַז ס'איז אַ ביסל אַ משפחה-זאַך. לכל-הפחות האָט בערענס אַזוי באַמערקט. אַלנפאַלס ליג איך שוין

— גוט, לאָמיר צוװאַרטן, אָבער מיר דאַרפֿן נישט... נײן — זאָגט יאָאַכים און נעמט האַסטיק גײן איבערן צימער. — מיר דאַרפֿן אונז נישט מאַכן קײן אילוזיעס! כ'בין דאָ צו־לאַנג, כ'זאָל מיך נישט קענען דערהײך. װען בערענס זאָגן, אַז ס'איז דאָ אַ שאַרף־אָרט, כמעט אַ געהײש... אָבער, פֿאַרשטײט זיך, מיר'ן צוװאַרטן...

דערבײַ איז עס געבליבן דאָס מאָל. די װאָכיקע און צװײװאָ־כיקע ענדערונגען פֿון די נאָרמאַלע טעג זײַנען כּסדר פֿאָרגעקומען. האַנס קאַסטאָרפּ האָט אױך אין זײַן איצטיקער לאַגע גענומען אין זײ אַן אָנטײל, אױב נישט אומבמיטלבאַר, איז כאָטש דורך באַריכטן, װאָס יאָאַכים גיט אים אָפּ, װען ער קומט אַרײַן צו אים און זיצט אַ פֿערטל שעה אױפֿן ראַנד פֿון בעט.

אױף דער טאַג, אױף װעלכער מ'פֿלעגט אים זונטאָג דער־לאַנגען פֿרישטיק, איז אַלעמאָל געשטאַנען אַ װאַזעלע מיט בלו־מען און מ'האָט נישט פֿאַרגעסן אים צו שיקן די פֿײַנע געבעקסן, װאָס מ'האָט הײַנט דערלאַנגט אין עס־זאַל. שפּעטער פֿלעגט אונטן אין גאָרטן און אױף דער טעראַסע װערן לעבעדיק. דער פּערצן־טעגיקער זונטאָג־קאָנצערט פֿלעגט זיך אָנהײבן מיט טרומײטערס און קלאַרנעטן. יאָאַכים פֿלעגט זיך דעמאָלט געפֿינען בײַ זײַן קוזין: ער האָט אױסגעהערט די מוזיק אינדרױסן אױף דער לאָזשע בײַ אַן אָפֿענער באַלקאָן־טיר. האַנס קאַסטאָרפּ פֿלעגט זיך האַלב אױפֿ־זעצן אין בעט, האָט אױסגעבױגן דעם קאָפּ אין אַ זײַט און האָט מיט שטילער הנאה און מיט פֿאַרנעפּלטע בליקן זיך אײַנגעהערט אין די צופֿליסנדיקע קלאַנגען. דערבײַ האָט ער זיך נישט אָן ביטול דערמאָנט אין סעטעמבריניס רײד װעגן דער „פּאָליטישער פֿאַר־דעכטיקײט" פֿון דער מוזיק.

װי מיר האָבן שױן געזאָגט, פֿלעגט ער, אַגב, אָפּנעמען בײַ יאָאַכימען באַריכטן װעגן אַלץ, װאָס איז געשען און אײַנגעאָרדנט גע־װאָרן אין יענע טעג, האָט אים אױסגעפֿרעגט, צי הײַנטיקן זונטאָג זײַנען צוגעקומען נײַע פֿײַערלעכע טואַלעטן, בלוזעס מיט שפּיצן אָדער ענלעכס (פֿאַר בלוזעס מיט שפּיצן איז אָבער געװען צו קאַלט). אױך, צי מ'איז נאָכמיטאָג ערגעץ געפֿאָרן מיט װעגן (מ'האָט, באמת, גע־מאַכט אַזעלכע נסיעות מיט װעגן, דער פֿאַראײן פֿון „האַלבע־לונגען"

אָרט, וועגן וועלכן בערענס האָט געזאָגט, ווען די וואָלסט נישט צופעליק אַרויפגעקומען צו מיר. מ׳קאָן נישט וויסן!

— ניין, וויסן קאָן מען גאָרנישט — ענטפערט האַנס קאַסטאָרפּ — דערפאַר האָט מען נישט קיין רעכט זיך פאָרצושטעלן דאָס סאַמע ערגסטע, אַ שטייגער, וואָס ס׳איז נאָגע דער צייט פון מיין קוראַציע דאָ. די זאָגסט, אַז מ׳קאָן נישט וויסן, ווען כ׳וועל פונדאַנען קאָנען אַרויס און אַריינטרעטן אין וואַרשטאַט. דו זאָגסט עס אין פעסימיסטישן זין און איז כ׳האַלט, אַז דער פעסימיזם איז פריצייטיק, טאַקע דערפאַר, ווייל מ׳קאָן גאָרנישט נישט וויסן. בערענס האָט נישט געזאָגט קיין טערמין, ער איז אַ באַרעכנטער מענטש און שפילט זיך נישט אין נביאות. ס׳איז נאָך אויך נישט געמאַכט געוואָרן די דורכלויכטונג און די פאָטאָגראַפיע, וואָס וועלן ערשט אָביעקטיוו קלאָר מאַכן די פאַקטישע לאַגע. ווער ווייסט, אפשר וועל, זי גאָרנישט ווייזן און צי כ׳וועל נישט אַמאָל נאָך פריער פטור ווערן די היץ און קאָנען אייך זאָגן אַדיע. איך האַלט, אַז מיר דאַרפן זיך נישט איבעריק אַיילן און נישט תיכף צוטראָגן די בשורה אַהיים. ס׳וועט זיין גענוג, אַז מיר וועלן שרייבן אַ צווייט מאָל — איך קאָן אַליין שרייבן, מיט דער פילפעדער, איך כ׳זעץ מיך אַ ביסל אויף. כ׳וועל שרייבן, אַז כ׳בין שטאַרק פאַרקילט, האָב היץ, ליג אין בעט און קאָן נאָך לעת־עתּה נישט פאָרן. ווייטער וועט מען זען.

— גוט — זאָגט יאָאַכים — אַזוי קאָנען מיר לעת־עתּה טאָן. מיט דעם אַנדערן קאָנען מיר אייך נאָך צוּוואַרטן אַ ביסל.

— מיט וועלכן אַנדערן?

— זעט נאָר, ווי ער פאַרגעסט! ביסט דאָך צוגעגרייט בלויז אויף דריי וואָכן מיט דיין קליין וואַליזעלע. דאַרפסט האָבן וועש, איבער־און אונטער־וועש מיט ווינטער־מלבושים. וועסט דאַרפן האָבן מער שיך און — סוף־כּל־סוף — וועסטו מוזן שרייבן נאָך געלט אויך.

— איך — זאָגט האַנס קאַסטאָרפּ — איך כ׳וועל דאָס אַלץ דאַרפן.

און וואָס האָט ער געזאָגט עפּעס נייס?

— נישט קיין ספּעציעל נייס... יאָ, ר'האָט היינט דערלאַנגט אַ ביסל ריינע כעמיע — נעמט יאָאַכים דערציילן, כאָטש אָן חשק. — ס'איז „דאָ“ געגאַנגען וועגן אַ מין פאַרגיפטונג; ד"ר קראָקאָווסקי האָט גערעדט וועגן אַ זעלבסט־פאַרגיפטונג פון אָרגאַניזם, וואָס אַנטשטייט אַדאַנק דעם, וואָס ס'ווערט צעפּוילט אַן אומבאַקאַנטער עלעמענט, וואָס איז פאַרשפּרייט אין קערפּער. די פּראָדוקטן פון דער דאָזיקער צעפּוילונג פאַרשיכורן געוויסע הוט־השדרה־צענטערן, אַקוראַט אַזוי ווי בעת מען געוווינט זיך צו צו פרעמדע גיפטיקע שטאָפן, אַ שטייגער צו מאָרפיום אָדער קאָקאַין.

— און דערפון קריגט מען רויטע בעקלעך — זאָגט האַנס קאַסטאָרפּ — ווייסט, דאָס וואָלט כדאַי געווען צו הערן. וואָס ער ווייסט אַלץ. גלייך ווי ר'וואָלט געווען דערביי. וואַרט נאָר, אין איינעם אַ טאָג וועט ער דיר נאָך אַנטדעקן דעם אומבאַקאַנטן שטאָף, וועלכער איז פאַרשפּרייט אין גאַנצן קערפּער און פון וועלכן ס'שטאַמען יענע גיפטן, וואָס פאַרשיכורן דעם מאַרך־צענטער. אַזוי־אַרום וועט ער קאָנען אָנשיכורן דעם עולם אויף אַ נייעם אופן. ווער ווייסט, אפשר האָט מען שוין אַמאָל געוואוסט דערפון. ווען מ'הערט אים, קאָן מען אָנהייבן מיינען, אַז ס'איז דאָ עפּעס אמת אין די מעשיות מיט די ליבע־עליקסירן און נאָך אַזעלכע זאַכן, וועגן וועלכע ס'רעדט זיך אין די מעשה־ביכלעך.... גייסט שוין?

— יאָ — זאָגט יאָאַכים — כ'מוז אומבאַדינגט נאָך אַ ביסל ליגן. זינט נעכטן האָב איך געקריגן אַ היפּשע דיאַגראַמע. די מעשה מיט דיר האָט מיר פונדעסטוועגן אַ ביסל פאַרשאַדט.

אַזוי איז אַדורך דער זונטאָג, דער מאָנטאָג. דערנאָך איז אָנגעקומען דער דריטער טאָג פון האַנס קאַסטאָרפּס זיין אין דער „רעמיזע“, אַ פּשוטער, וואָכעדיקער טאָג אָן שום אויסצייכענונג, דינסטאָג. ס'איז אָבער געווען דער טאָג, אין וועלכן ר'איז אָנגעקומען אַהער, איצט איז ער דאָ קײלעכיקע דריי וואָכן. ס'האָט אים געגומען קאָרטען, ער זאָל פּאָרט אָנשרייבן אַ בריוו און לכל־הפּחות געבן צו וויסן דעם פעטער, ווי די לאַגע איז אין איצטיקן מאָמענט.

האָט אין קאָרפּאָרע* געמאַכט אַן אויספלוג קיין קלאַוואַדעל). מאָנטאָג האָט ער פאַרלאַנגט פון יאָאַכימען, ער זאָל אים דערציילן וועגן ד״ר קראָקאָווסקיס פאָרלעזונג. יאָאַכים איז גראָד געהאַט צוריקגעקומען פון דאָרטן און אָפּגעטרעטן ביי אים פאַר ליג־קוראַציע. אָבער יאָאַכים האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ קנאַפּן ריידער און האָט נישט געהאַט קיין חשק צו ריידן וועגן דעם רעפעראַט — אַקוראַט ווי ביידע האָבן צווישן זיך גאָרנישט געשמועסט וועגן דעם ערשטן. אָבער האַנס קאַסטאָרפּ האָט זיך איינגעשפּאַרט און געוואָלט וויסן אַלע פּרטים. „איך ליג דאָ און צאָל דעם פולן פּרייז — זאָגט ער — איך וויל אויך עפּעס געניסן דערפון, וואָס ס׳קומט אונז“. ער האָט זיך דערמאָנט אין דעם מאָנטאָג מיט פערצן טעג צוריק, אין זיין זעלבשטענדיקן שפּאַציר, וואָס איז אים אַזוי שלעכט באַקומען, און ער האָט בולט אויסגעדריקט די השערה, אַז דער דאָזיקער שפּאַציר האָט דאָס אייגנטלעך אָנגעמאַכט אַזאַ איבערקערעניש אין זיין קערפּער און צוליב דעם איז אויסגעבראָכן די שטיל־פאַראַנענע קראַנקהייט. — אָבער ווי דער עולם רעדט דאָ — הייבט ער אויס — כ׳מיין דאָס נידעריקע פאָלק. אַזוי בכבודיק און פייערלעך. ס׳קלינגט כמעט ווי פּאָעזיע. „נו, בלייב געזונט און נעם־צו אַ דאַנק“ — חזרט ער איבער און מאַכט נאָך, ווי אַזוי די האָלץ־העקערס האָבן גערעדט. — אָט אַזוי האָב איך זיי געהערט ריידן אין וואַלד און כ׳וועל עס נישט פאַרגעסן ביזן טויט אַריין. אַזעלכע זאַכן פאַרבינדן זיך מיט אַנדערע איינדריקן אָדער זכרונות, ווייסט, און ס׳בלייבט ביזן סאַמע סוף. און קראָקאָווסקי האָט, הייסט עס, ווידער גערעדט וועגן „ליבע“? — טוט ער אַ פרעג און פאַרקרימט זיך ביי דעם וואָרט.

— פאַרשטייט זיך — זאָגט יאָאַכים. — פון וואָס דען? ס׳איז שוין זיין טעמע.

— וואָס האָט ער היינט געזאָגט וועגן דעם?

— אַך, נישט ספּעציעל. דו ווייסט דאָך אַליין, נאָך פון יענעם מאָל, ווי ער דריקט זיך אויס.

---

* אין גאַנצן באַשטאַנד.

דערציילן וויפל ער אליין האט. בשעת יאכים האט געגעסן פרישטיק אין עס-זאל, פלעגט האנס קאסטארפ ארונטערלייגן זיין פלימא הינטערן רוקן און טאן דאס אייגענע מיט דעם אפעטיט, וואס מ'קריגט אלעמאל, בעת ס'קומט אריין א שינוי אין לעבן. עס פלעגן דעמאלט געשעפטלעך-פארנומענע אייניאלן ביידע דאקטוירים, וואס פלעגן אין דער צייט קומען פון עס-זאל און צוריקצו ווענס אינדערגיך אפטרעטן אין די צימערן פון יענע, וואס ליגן אין די בעטן און פון די מסוכן-קראנקע. מיט א פיל מיל איינגעמאכטס פלעגט האנס קאסטארפ געבן צו וויסן, אז ר'איז „גוט" געשלאפן, דערביי האט ער איבערן ראנד פון דער שאל געזען, ווי דער הויפראט שפארט זיך אן מיט די פויסטן אין טיש און קוקט אינדערגיך דורך די היץ-טאבעלע. באלד דערנאך האט ער מיט א גלייכגילטיקן אויסגעצויגענעם טאן געענטפערט אויף זייער גרוס ביים אוועקגיין. שפעטער פלעגט ער פארהייכערן א פאפיראס און כמעט נאך איידער ער האט געטאן א טראכט, אז יאכים איז אוועק, איז יענער שוין צוריקגעקומען פון זיין פרימארגנדיקן דינסט. זיי האבן ווידער געשמועסט וועגן דאס און יענץ און די צווישנצייט צווישן ערשטן און צווייטן פרישטיק — יאכים האט דערווייל געמאכט ליג-קוראציע — איז געווען אזא קורצע, אז דער גרעסטער עבהארץ און פוסטער קאפ וואלט נישט געהאט קיין צייט צו לאנגווייליקן זיך. וואס ס'איז נוגע האנס קאסטארפן, האט ער געהאט איבער גענוג צו פארדייען די איינדריקן פון זיינע ערשטע דריי וואכן דא אויבן. ער האט אויך געדארפט ארומטראכטן זיין איצטיקן מצב און וואס ס'קאן דערפון ארויסקומען און ר'האט כמעט נישט באדארפט די צוויי דיקע בענדער פון אן אילוסטרירטן זשורנאל, וואס זיינען געלעגן אויף זיין נאכט-טיש און האבן געשטאמט פון דער סאנאטאריע-ביבליאטעק.

דאס אייגענע איז געווען מיט דער צייט, בעת יאכים פלעגט מאכן זיין צווייטן שפאציר קיין פלאץ דאוואס, א קנאפע שעה. איידער ר'איז אוועק אויף דער פארמיטאגדיקער ליג-קוראציע, פלעגט ער אריין פריער צו האנס קאסטארפ, איז א ווילע געזעסן אדער געשטאנען ביים בעט און אים דערציילט דאס און יענץ, וואס ר'האט

ער האָט זיך אונטערגעליגט דעם פּלימאָ* און ר'האָט געשריבן אויף אַ בריוו-בויגן פון דעם אַנשטאַלט, אַז זיין נסיעה וועט מוזן אָפּגעלייגט ווערן. ער איז פאַרקילט און ליגט מיט היץ און הויפּראַט בערענס, אַ מענטש אַ צו-געוויסנהאַפטיקער, האָט עס אָנגענומען ניט פאַר אַזוי לייכט. ער האַלט, אַז די פאַרקילונג האָט אַ שייכות מיט זיין, דעם שרייבערס, קאָנסטיטוציע בכלל. ווייל היפּש ביי דער ערשטער באַקאַנטשאַפט האָט אים דער הויפּראַט אָנגענומען פאַר שטאַרק אַנעמיש און בכך-הכל ווייזט זיך אַרויס, אַז די פּאָר וואָכן אויף צום פאַרריכטן זיך, וואָס ער, האַנס קאַסטאָרפּ, האָט זיך באַשטימט, זיינען נישט גענוג. וויטערס אַ צווייט מאָל — אַזוי איז גוט — האָט האַנס קאַסטאָרפּ געטראַכט. כ'רייד נישט אַ סך, פונדעסטוועגן האַלט עס אָפּ דעם ענין אויף אַ צייט. דער דאָזיקער בריוו איז איבערגעגעבן געוואָרן דעם משרת, וועלכער האָט אים נישט אַריינגעוואָרפן אין קעסטל אַריין, נאָר פאַרהאָנט דירעקט צום נאָענטסטן צוג.

אַזוי אַרום האָט זיך האַנס קאַסטאָרפּן אויסגעוויזן, אַז ס'איז שוין אין אָרדענונג. כאָטש ס'האָט אים געפּייניקט דער הוסט און דער קאַטאַר, האָט ער פונדעסטוועגן געלעבט מיט אַ באַרויקט געמיט און מיט האָפענונג. דער נאָרמאַלער טאָג האָט זיך געטיילט אויף אַ סך קורצע חלקים און די פעסטע איינטאָניקייט זיינע האָט גורם געווען, ער זאָל נישט זיין נישט לאַנגווייליק, נישט קורצווייליק, ווייל ר'איז שטענדיק געווען דער אייגענער. אינדערפרי פלעגט אָנקלאַפּן פעסט דער באָד-מייסטער און איז באַלד דערנאָך אַריין. ס'איז געווען אַ נערוועזער פאַרשוין, וואָס האָט געהייסן טורנהער, מיט פאַרשאַרצטע אַרבל פון העמד, מיט אָדערקע הענט און גערעדט האָט ער גאָרגלדיק און האַמעטנע. האַנס קאַסטאָרפּן האָט ער גערופן, ווי אַלע פּאַציענטן, מיטן נומער פון צימער. ער פלעגט אים איינרייבן מיט אַלקאָהאָל. נישט לאַנג נאָכדעם, ווי יענער פלעגט אַוועקגיין, פלעגט אַריינקומען יאָאַכים, אינגאַנצן אַ אָנגעטוענער, זאָגן גוט-מאָרגן, פרעגן, וויפל היץ דער קוזין האָט יאָגן פרי געהאַט און

* אַ לייכט פוכן איבערבעט.

צייט־שטחים, אַ שטייגער ביי נסיעות, ווען מ׳פאָרט אַ סך שעהן אין באַן, אָדער אַזוי אין ליידיקע, אָפּוואַרטנדיקע סיטואַציעס, ווען מ׳טוט, וואָס מ׳קאָן, אַבי אַוועקצושטופּן און אָפּצופּטרן די צייט. אַ פערטל אויף דריי איז שוין דאָ דאָס אייגענע, וואָס האַלב דריי. איין גאָט ווייסט, אַז ס׳קאָן אַפילו הייסן דריי, ווייל מ׳רעדט שוין וועגן דריי. אויף די דרייסיק מינוט קוקט מען, ווי אויף אַן אַריינפיר צו דער קיילעכיקער שעה, צווישן דריי און פיר און זיי ווערן באַזייטיקט. אָט אַזוי פירט מען זיך אין אַזעלכע פאַלן. אַזוי־אַרום געדויערט אייגנטלעך די גרויסע ליג־קוראַציע סוף־כּל־סוף אויך נישט מער, ווי אַ שעה. ביים סוף, אַגב, ווערט זי ווי פאַרמינערט, אָפּגעהאַקט און ווי פאַרענדיקט מיט אַן אַפּאָסטראָף. דער אַפּאָסטראָף איז ד״ר קראָקאָווסקי.

יאָ, ד״ר קראָקאָווסקי, איצט היפּערט שוין ד״ר קראָקאָווסקי נישט איבער האַנס קאַסטאָרפּן בעת זיינע זעלבשטענדיקע נאָכמיטאָג־דיקע וויזיטן. איצט איז קאַסטאָרפּ אויך אין חשבון, ער איז מער נישט קיין גאַסט אויף אַ ווייל, נאָר אַ פּאַציענט. מ׳פרעגט אים שוין איצט אויס און מ׳לאָזט אים נישט אויף גאָטס באַראָט, ווי ס׳איז אַזוי לאַנג געשען ביז איצט. עס פלעגט האַנס קאַסטאָרפּן פאַרדריסן שטילערהייט און לייכט, אָבער פונדעסטוועגן יעדן טאָג אויפסניי. ס׳איז געווען מאָנטאָג, בעת ד״ר קראָקאָווסקי האָט זיך דאָס ערשטע מאָל באַוויזן אין צימער. מיר זאָגן „באַוויזן“, ווייל דאָס איז דאָס פּאַסיקע וואָרט פאַר דעם משונהדיקן און אַפילו שרעקלעכן איינדרוק, פון וועלכן האַנס קאַסטאָרפּ האָט זיך דעמאָלט נישט געקאָנט באַפרייען. ער איז געלעגן אין האַלבן אָדער פערטל דרעמל. פּלוצלינג האָט ער אַ דערשראָקענער דערזען, אַז דער אַסיסטענט איז דאָ אין צימער. ר׳איז אָבער נישט אַריינגעקומען דורך דער טיר, נאָר גייט צו אים פון פענסטער צו. ווייל זיין וועג איז געווען נישט דורכן קאָרידאָר, נאָר דורך די דרויסנדיקע לאָזשעס. ער איז אַריין דורך דער טיר פון וועראַנדע און ס׳איז דערפאַר געבליבן דער איינדרוק, ווי ער וואָלט געקומען פון דער לופט. איצט איז ער אַלנפאַלס געשטאַנען פאַר האַנס קאַסטאָרפּס געלעגער, שוואַרץ־בלייך, מיט ברייטע אַקסלען און פּונקט — אַן אַפּאָסטראָף

באַמערקט אויפן שפּאַציר. און ווי לאַנג האָט געדויערט אָט־די ליג־קוראַציע? ווידער אַ שעה! נאָך איידער מ'האָט רעכט באַוויזן צו פאַרלייגן די הענט הינטערן קאָפּ, אַ ביסל צו קוקן אויפן סופיט און רעכט צו צעקייען אַ מחשבה — האָט שוין ווידער גענומען קלינגען דער גלאָק, וואָס האָט גערופן, ס'זאָלן זיך גרייטן צום מיטאָג יענע, וואָס ליגן נישט אין בעט און זיינען אויך נישט קיין ממש־קראַנקע.

יאָאַכים פלעגט גיין אויף מיטאָג און קאַסטאָרפּן האָט מען אַריינגעטראָגן די „מיטאָג־זופּ“ — אַ פּשוט סימבאָלישער נאָמען פאַר אַלע מאכלים. ווייל האַנס קאַסטאָרפּ איז נישט געווען אויף קיין קראַנקען־דיעטע — צוליב וואָס האָט מען דאָס געזאָלט טאָן? אַ קראַנקען־דיעטע, אַ קנאַפּע דיעטע איז דאָ בשום אופן נישט געווען אויפן אָרט. ער איז דאָ געלעגן און געצאָלט דעם פולן פּרייז און דאָס, וואָס מ'פלעגט אים אַריינגעבן אין דער שטייענדיקער אייביקייט פון אָט־דער שעה, איז נישט געווען קיין „מיטאָג־זופּ“. ס'איז געווען דאָס פולע זעקס־שפּייזיקע בערגהאָף־מיטאָג מיט אַלע פּיטשעווקעס. אין וואָכעדיקע טעג איז עס געווען זעטיק, אין זונטאָג האָט מען דערלאַנגט אַ — גאַלאַ־און פּאַראַד־מאָלצייט, צוגעגרייט פון אַן איראָפּעיש אויסגעלערנטן שעף אין דער לוקסוס־האָטעל־קיך פון דער סאַנאַטאָריע. די זאַל־טאָכטער, וואָס האָט געדאַרפט באַזאָרגן די ליגנדיקע, האָט אים געברענגט דאָס מיטאָג אין שיינע רינגלעך מיט פאַרניקלטע שטערצלעך. זי האָט צוגערוקט צו זיין בעט דעם קראַנקען־טיש, דאָס איינפיסיקע וואונדער פון גלייכגעוויכט־קאָנסטרוקציע, און האַנס קאַסטאָרפּ האָט אים אָפּגערוימט, ווי דעם שניידערס זון אין דער מעשה פון „טישעלע גרייט דיך“.

ווי נאָר ר'האָט אָפּגעגעסן, איז יאָאַכים אויך צוריקגעקומען, און ביז יענער איז אַריין אין דער לאָזשע און איבערן „בערגהאָף“ האָט זיך אַראָפּגעלאָזט די שטילקייט פון דער גרויסער ליג־קוראַציע, איז שוין געווען אַזוי ווייט ווי האַלב דריי; אפשר נאָך נישט אינגאַנצן, גענוי גענומען, ערשט אַ פערטל אויף דריי. אָבער אַזעלכע פערטל־שעהן ווערן נישט גענומען אין חשבון, נאָר זיי ווערן פאַרשלונגען אין די קיילעכיקע ציפערן דאָרטן. וואו ס'האַנדלט זיך וועגן גרויסע

הערט זיך דערמיט? דאָס ליגן אין בעט וועט זיכער טאָן דאָס זייניקע. וואָס האָט אַרויסגעוויזן היינט דאָס מעסטן?

פון דעמאָלט אָן האָבן ד״ר קראָקאָווסקיס וויזיטן געטראָגן דעם כאַראַקטער פון אומשולדיקע קאָנטראָל=וויזיטן, כסדר די גאַנצע צייט. ד״ר קראָקאָווסקי פלעגט אַריינקומען דורך דער וועראַנדע אַרום דריי פערטל אויף פיר אָדער נאָך עפּעס פריער, האָט באַגריסט דעם ליגנדיקן האַנס קאַסטאָרפּ אויף אַ היימיש=פריי'לעכן אופן, האָט געשטעלט די פּשוטסטע מעדיצינישע פראַגן, האָט אויך בקיצור אַ ביסל געכאַפּט אַ ריין=פּערזענלעכן שמועס, האָט חבריש זיך געוויצלט. אמת, אויף דעם אַלעמען איז נאָך געלעגן אַ שפּור פון אַ חשד, אָבער מ'קאָן זיך באין=ברירה צוגעוויינען אויך צו זאַכן, וואָס רופן אַרויס אַ חשד, אויב ס'גייט נאָר נישט איבער די גרענעץ. ס'האָט נישט לאַנג געדויערט און האַנס קאַסטאָרפּ האָט מער גאָרנישט געהאַט קעגן דעם ד״ר קראָקאָווסקיס רעגולמעסיקע וויזיטן. זיי האָבן אָנגעהייבן צו געהערן צום טאָג=טעגלעכן און האָבן אַפּגעטראָפט די שעהן פון דער גרויסער ליג=קוראַציע.

ס'האָט, הייסט עס, געדויערט ביז אַרום פיר אַ זייגער, ביז דער אַסיסטענט פלעגט צוריק אַרויסגיין דורך דער וועראַנדע. דאָס איז שוין היפּש נאָכמיטאָג! פּלוצלונג און איידער מ'האָט זיך אומגעקוקט, ווערט טיפער נאָכמיטאָג און ס'דויערט, אַגב, נישט לאַנג, ביז עס גייט אַ פאַל=צו דער פאַרנאַכט. ווייל נאָכן טיי טרינקען, אונטן אין זאַל און דאָ נומער 34, איז שוין באַלד געווען פינף אַ זייגער, און ביז יאָאַכים איז צוריקגעקומען פון זיין דריטן דינסטלעכן שפּאַציר און געכאַפּט אַ שמועס מיט זיין קוזין — איז שוין געווען כמעט זעקס. די ליג=קוראַציע ביז אָוונט=עסן האָט, קיילעכיק גערעכנט, אויך נישט געדויערט מער ווי אַ שעה, און ס'איז אַ שפּילכל זי אָפּצופּטרן, אויב מ'האָט נאָר געדאַנקען אין קאָפּ און אַחוץ דעם — אַ גאַנצן אָרביס פּיקטוס* אויפן נאַכט=טיש.

יאָאַכים האָט זיך געזעגנט צו אָוונט=ברויט. מ'האָט אַריינגעבראַכט דאָס עסן. דער טאָל איז שוין לאַנג פול געווען מיט

* לאַטיין: געמאָלטע וועלט (דער איל. זשורנאַל).

פון דער שעה — און פון זיין באָרד מיט די צוויי שפּיצן האָבן אַרויסגעקוקט מיט אַ שמייכל זיינע געלבלעכע ציין.

— איר זעט אויס צו זיין איבערראַשט, וואָס איר זעט מיך, — האָט ער געזאָגט מיט אַ מילדן באַריטאָן, שלעפּעדיק, אָן שום ספק מיט אַ חנדל און מיט אַן עקזאָטישער גומען-„ר“, אָבער ער האָט זי אַרויסגערעדט נישט שאַרף און לאַנג, נאָר זי אַרויסגעברענגט מיט איין ריר מיט דער צונג הינטער די אייבערשטע פאָדערשטע ציין. — איך דערפיל בלויז אַן אָנגענעמען חוב, ווען איך קום אַריין צו אייך אַ קוק צו טאָן, וואָס איר מאַכט. אייער פאַרהעלטעניש צו אונז איז אַריין אין אַ נייער פאַזע, איבער נאַכט איז פון דעם גאַסט געוואָרן אַ חבר... (דאָס וואָרט „חבר“ האָט האַנס קאַסטאָרפּן אַ ביסל דערשראָקן). ווער האָט זיך געקאָנט רעכן דערויף! — האָט ד״ר קראָקאָווסקי חבריש אַ שפּאַס געטאָן... וועמען האָט דאָס געקאָנט איינפאַלן אין יענעם אָוונט, בעת מיר האָבן זיך נאָר-וואָס באַקאַנט און איר האָט אויף מיין טעותדיקער פראַגע — דעמאָלט איז עס געווען אַ טעות — מיר געענטפערט, אַז איר זענט אינגאַנצן געזונט. דאַכט זיך, אַז כ׳האָב דעמאָלט אויסגעדריקט עפּעס אַזוי ווי אַ צווייפל, אָבער כ׳פאַרזיכער אייך, אַז כ׳האָב נישט געמיינט דאָס, וואָס ס׳איז איצט. כ׳וויל מיך נישט מאַכן פאַר מער שאַרף-זעער, ווי כ׳בין. כ׳האָב דעמאָלט נישט געקלערט וועגן קיין פייכט אָרט, כ׳האָב עס געמיינט אַנדערש, אַלגעמיינער, פילאָסאָפישער. כ׳האָב אַרויסגעזאָגט מיין צווייפל דערין, צי „מענטש“ און „אינגאַנצן געזונט“ זיינען בכלל אַ פּאָר. און אַפילו היינט, נאָך דער אונטערזוכונג, קאָן איך, ווי איר זעט מיך, אין להיפוך צו מיין חשובן שעף, נישט האַלטן אָט דאָס פייכטע אָרט (דערביי האָט ער מיט אַ שפּיץ-פינגער לייכט אָנגערירט האַנס קאַסטאָרפּס אַקסל) פאַר דעם סאַמע עיקר. עס איז פאַר מיר אַ נעבן-זאַך... דאָס אָרגאַנישע איז תמיד אַ נעבן-זאַך....

האַנס קאַסטאָרפּ שאָקלט זיך אַזש אָפּ.

... קאַטאַר איז, הייסט עס, אין מיינע אויגן אַן ערשיינונג פון דריטן ראַנג — גיט ד״ר קראָקאָווסקי צו זייער לייכט. — וואָס

טעגלעכן לעבן פון דער סאַנאַטאָריע. האַנס קאַסטאָרפּס פראַגן — ווי ווייט ער האָט בכלל עפּעס געפרעגט — זיינען געווען מער אַלגעמיינע און אומפּערזענלעכע. דער איזאָלירטער קאַסטאָרפּ איז געווען נייגעריק צו וויסן, צי ס'זיינען צוגעקומען נייע געסט, אָדער צי אַ באַקאַנט פּנים איז נישט אַמאָל אַוועקגעפאָרן, און ר'איז, דאַכט זיך, געווען צופרידן, וואָס ס'איז בלויז עמעצער צוגעקומען און קיינער איז נישט אַוועק. ס'איז אָנגעקומען אַ „נייער“, אַ יונגערמאַן, מיט אַ גרינלעך און איינגעפאַלן פּנים. ער זיצט ביים טיש פון דער עלפאַנטביינערן־קאָלירקער פרוי לעווי און פון דער פרוי אילטיס, דער טיש, וואָס שטייט גלייך רעכטס פון זייער טיש. אַוודאי, האַנס קאַסטאָרפּ קאָן זיך איצט ריכטן, אַז ער וועט אים זען. אַוועקגעפאָרן איז, הייסט עס, קיינער נישט. יאָאַכים האָט קורץ געענטפערט, אַז ניין, דערביי האָט ער אַראָפּגעלאָזט די אויגן. אָבער ער האָט געמוזט אַ סך מאָל ענטפערן אויף אָט־דער פראַגע, אייגנטלעך יעדן צווייטן טאָג, כאָטש ר'האָט געפרווט מיט אַ געוויסער אומגעדולדיקייט אין קול איינמאָל פאַר אַלעמאָל דערקלערן, אַז אויף וויפל ער ווייסט, האַלט קיינער נישט ביי אַוועקפאָרן. אַזוי לייכט פאָרט מען דאָ בכלל נישט אַוועק.

וואָס ס'איז נוגע סעטעמברינין — האָט האַנס קאַסטאָרפּ פּערזענלעך געפרעגט אויף אים און געוואָלט וויסן, וואָס יענער האָט „געזאָגט דערצו“. — צו־וואָס? — נו, דערצו, וואָס איך ליג און בין קראַנק. סעטעמבריני האָט באמת עפּעס געזאָגט וועגן דעם, כאָטש זייער ווייניק. תיכף אין דעם טאָג, ווען האַנס קאַסטאָרפּ איז פאַרשוואונדן געוואָרן, האָט ער געפרעגט יאָאַכימען, וואו ס'איז אַהינגעקומען דער גאַסט. דערביי איז ער, אַפּנים, זיכער געווען, אַז מ'וועט אים זאָגן, אַז האַנס קאַסטאָרפּ איז אַוועקגעפאָרן. דערהערנדיק פון יאָאַכימען, אַז קאַסטאָרפּ ליגט, האָט ער געענטפערט מיט צוויי איטאַליענישע ווערטער. צום ערשטן האָט ער געזאָגט: „עקקאָ“, דערנאָך „פּאָווערעטטאָ“. דער טייטש דערפון וועט זיין: „נאַ דיר אַן עסק!“ און „אָרעמער בחור“. מ'דאַרף נישט קענען מער איטאַליעניש, ווי אָט די ביידע יונגעלייט, כדי צו פאַרשטיין דעם מיין פון די דאָזיקע צוויי אויסדריקן. — וואָס הייסט — „פּאָווערעטטאָ“? —

שאָטנס, און בעת האַנס קאַסטאָרפּ האָט געגעסן, איז פֿון מינוט צו מינוט טונקעלער געוואָרן אין ווייסן צימער. ווען ר'האָט אָפּגעגעסן, האָט ער זיך אָנגעלענט אין פּלימאָ, געזעסן פֿאַרן „טישל גרייט דיך" און געקוקט אויף דעם גיך־צופֿאַלנדיקן בין־השמשות, אויפֿן היינטיקן בין־השמשות, וועלכן ס'איז ווייער שווער געווען אונטערצושיידן פֿונם נעכטיקן, אייער־נעכטיקן אָדער פֿון דעם בין־השמשות מיט אַכט טעג צוריק. אָט איז געווען פֿרימאָרגן און אָט איז שוין געווען אָוונט. דער צעבראָקלטער און קינסטלעך קורץ־געמאַכטער טאָג איז אים ממש צעקרישלט געוואָרן צווישן די פֿינגער און צו־נישט געוואָרן. ר'האָט עס איינגעזען מיט הנאה און פֿאַרוואונדערונג און ר'האָט זיך, אַלנפֿאַלס, פֿאַרטראַכט וועגן דעם. ווייל מורא האָבן דערפֿאַר — דאָס איז נאָך פֿרעמד אין זיין עלטער. ער האָט כסדר געהאַט דאָס געפֿיל, אַז ער „קוקט זיך נאָך אַלץ צו".

אין איינעם אַ טאָג, ס'האָט געקאָנט זיין אין אַ צען אָדער צוועלף טעג, נאָכדעם ווי האַנס קאַסטאָרפּ האָט זיך געלייגט אין בעט אַריין, האָט מען אין דער שעה (ס'הייסט: איידער יאָאַכים קומט צוריק פֿון אָוונט־עסן און פֿון צונויפֿקום) אָנגעקלאַפּט אין דער טיר. האַנס קאַסטאָרפּ האָט מיט אַ פֿרעגנדיקן טאָן אַ רוף געטאָן „אַריין" און אויף דער שוועל האָט זיך באַוויזן לאָדאָוויקאָ סעטעמבריני. דערביי איז פֿון דער העלער הויט געוואָרן בלענדנדיק ליכטיק אין צימער. ווייל די ערשטע באַוועגונג פֿונם גאַסט, נאָך ביי דער אָפֿענער טיר, איז באַשטאַנען דערין, וואָס ר'האָט אויפֿגעדרייט דעם עלעקטרישן לאָמפּ אויפֿן סופֿיט. די שיין האָט זיך אָפּגעשלאָגן אין דער ווייסקייט פֿון סופֿיט, פֿון מעבל און אין איין רגע אָנגעפֿילט דאָס צימער מיט ציטערנדיקער העלקייט.

דער איטאַליענער איז געווען דער איינציקער מענטש צווישן אַלע קור־געסט, אויף וועלכן האַנס קאַסטאָרפּ האָט זיך אין יענע טעג בפֿירוש אויסגעפֿרעגט ביי יאָאַכימען. יאָאַכים פֿלעגט אים סיי־ווי־סיי אַלץ איבערגעבן, ווען ר'האָט נאָר געקאָנט אויף אַ צען מינוט צוזעצן זיך אויפֿן ראַנד פֿון זיין קוזינס בעט אָדער שטיין לעבן אים און דאָס פֿלעגט געשען אַ צען מאָל אין טאָג. יאָאַכים האָט דערציילט וועגן אַלע קליינע פּאַרקימעניש און ענדערונגען אינם טאָג־

ס'איז נישט אומהעפלעך... בקיצור, ווי גייט עס? וואָס מאַכט איר? ווי פילט איר אײַך? כ'האָף, אַז נישט צו־שטאַרק נידערגעשלאָגן?

— דאָס זענט איר, הער סעטעמבריני! דאָס איז פריינטלעך פון אײַער זייט! האַ־האַ, „רעפעקטאָריום". איר האָט שוין ווידער געמאַכט אַ וויץ. נעמט אײַך אַ שטול, כ'בעט אײַך. איר שטערט מיר נישט אויף קיין האָר, כ'בין דאָ געלעגן און כ'האָב אַ ביסל געטראַכט — געטראַכט איז שוין צופיל געזאָגט. כ'בין פשוט געווען פויל אַרויסצודרייען די עלעקטריע. כ'דאַנק אײַך פיל מאָל, סובּיעקטיוו גייט אַלץ נאָרמאַל. מיין קאַטאַר איז כמעט אַוועק פון דעם ליגן אין בעט, אָבער ס'איז נישט מער ווי אַ סעקונדערע דערשיינונג, ווי כ'הער בכלל. די טעמפּעראַטור איז נאָך אַלץ נישט ווי ס'דאַרף צו זיין, טיילמאָל 37,5, טיילמאָל 37,7. דאָס האָט זיך אין משך פון די טעג נאָך אַלץ נישט געענדערט.

— איר מעסט אײַך רעגולער?

— יאָ, זעקס מאָל אין טאָג, אַקוראַט ווי איר אַלע דאָ אויבן. האַ־האַ, אַנטשולדיקט, איך מוז נאָך אַלץ לאַכן דערפון, וואָס איר האָט אָנגערופן אונזער עס־זאַל „רעפעקטאָריום". אַזוי הייסט מע עס דאָך אין אַ קלויסטער, נישט? ס'האָט טאַקע אַ געוויסע ענלעכקייט דערצו. כ'בין נאָך, וואָס אמת, קיינמאָל נישט געווען אין קיין קלויסטער, אָבער כ'שטעל מיר פאָר, אַז ס'זעט דאָרטן אויס ווי דאָ. „די דינים" קען איך אײַך שוין אויסנווייניק און איך היט זיי שטרענג אָפּ.

— ווי אַ פרומער מאָנאַך. מע קאָן זאָגן, אַז אײַער נאָוויציאַט* איז געענדיקט. איר האָט שוין געטאָן אַ נדר**. איך גראַטולירט אײַך פייערלעך. איר זאָגט שוין אַפילו „אונזער עס־זאַל". אָבער — כ'וויל דערבײַ נישט אָנרירן אײַער מענלעכער ווערדע — דערמאָנט איר מיך כמעט מער אין אַ יונג נאָנעלע, ווי אין אַ מאָנאַך — אין אַזאַ ערשט־וואָס אָפּגעשוירן, אומשולדיק קריסטס־בתולהל מיט גרויסע

---

* די פּראָבע־צייט פאַר די, וואָס טרעטן אַריין אין אַ קלויסטער.

** צו פאַרבלייבן אין קלויסטער. דאָס פלעגט פאָרקומען אין אַ פייערלעכער פאָרם נאָכן פאַרענדיקן דעם נאָוויציאַט.

האָט האַנס קאַסטאָרפּ געזאָגט. — ער זיצט דאָך אין דאָ מיט זײַן ליטעראַטור, וואָס באַשטייט פון הומאַניזם מיט פּאָליטיק, און ער קאָן ווייניק איפּטאָן פאַר לעבעדיקע ענינים. ער דאַרף ניט אויף מיר אַזוי ברייטלעך רחמנות האָבן. איך וועל נאָך אַלנפאַלס גיכער צוריקקומען אין פלאַכלאַנד, ווי ער.

איצט איז, הייסט עס, געשטאַנען הער סעטעמברינִי אין דעם פּלוצלונג באַלויכטענעם צימער. האַנס קאַסטאָרפּ, וואָס האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויף די עלנבויגנס און אַ קוק געטאָן צו דער טיר, האָט אים תיכף דערקענט מיט די פאַרשמירטע אויגן און ר׳איז דערבײַ רויט געוואָרן. ווי אַלעמאָל, האָט סעטעמברינִי אויך איצט געטראָגן זײַן האָריקן ראָק מיט די גרויסע לאַצן, דערצו אַ ביסל אַן אָפּגעריבענעם, איבערגעוואָרפענעם קאָלנער און הויזן מיט קראַטקעס. ער איז געקומען פון עסן און פון געוויינהייט געהאַלטן צווישן די ליפּן אַ הילצערנעם צײַן־שטעכער. זײַן מויל־ווינקל אונטער דער שײנער אַרויפגעדרייטער וואָנצעס איז גרייט געווען צו דעם באַקאַנטן פײַנעם, ניכטערן, און קריטישן שמייכעלע.

— גוטן אָוונט, אינזשעניער! קאָן מען אַ קוק טאָן, וואָס איר מאַכט? אויב יאָ — דאַרף זײַן דערבײַ ליכטיק. אַנטשולדיקט מיר, וואָס כ׳האָב מיר אַליין דערלויבט! — זאָגט ער און דערבײַ גיט ער אינדערהויך אַ ווייז מיט זײַן קליינער האַנט אויפן טיש־לאָמפּ. — איר האָט זיך פאַרטראַכט — כ׳וואָלט באמת נישט געוואָלט שטערן. אין אײַער פאַל איז מיר גאַנץ פאַרשטענדלעך די נייגונג צו טראַכטן אַ סך און אויך צו כאַפּן אַ שמועס האָט איר דאָך אײַער קוזין. ווי איר זעט, פאַרשטיי איך גאַנץ גענוי מײַן איבעריקייט. פינף־עסנס־וועגן, מ׳לעבט צוזאַמען אויף אַזאַ קליינעם שטח, ס׳שאַפט זיך מיטגעפיל פון מענטש צו מענטש, גייסטיק מיטגעפיל, האַרציקס... שוין העכער אַ וואָך, אַז מ׳זעט אײַך נישט. איך האָב באמת אָנגעהויבן מיר אײַנרעדן, אַז איר זענט אַוועקגעפאָרן, בעת כ׳האָב געזען, אַז אײַער פּלאַץ אינטן אין רעפעקטאָריום* איז ליידיק. אָבער דער לייטנאַנט האָט מיר דערציילט עפּעס בעסערס, הם, עפּעס ערגערס אויב

* „רעפעקטאָריום“ פלעגט זיך רופן דער עס־זאַל אין אַ קלויסטער.

— אויך גוט — לאַכט האַנס קאַסטאָרפּ. — אָבער דורך אײַך בין איך אַ סך געוואָר געוואָרן וועגן אים. יאָ, דעמאָלט האָב איך נאָך קיין שום אַנונג נישט געהאַט און געענטפערט, אַז כ׳בין געקומען אויף דריי וואָכן. ס׳איז מיר גאָר אַנדערש נישט איינגעפאַלן. די קלעפעלד האָט דעמאָלט, אָנשטאָט אַ גוט־מאָרגן, אויף מיר אַ פייף געטאָן מיט דעם פּנעומאָטאָראַקס. דערפון בין איך געוואָרן שטאַרק צעטומלט. אָבער אויך היץ האָב איך דעמאָלט תיכף דערפילט. ווייל די הינע לופט איז נישט בלויז גוט קעגן דער קראַנקהייט, זי איז אויך גוט פאַר דער קראַנקהייט. טיילמאָל ברענגט זי ערשט די קרענק צום אויסבראָך, און דאָס איז סוף־כל־סוף נייטיק, אויב מ׳וויל זיך נעמען היילן.

— אַן אויסגעצייכנטע השערה. צי האָט אײַך אויך דער הויפּראַט בערענס דערציילט וועגן דער דייטשקע פון ווסלאַנד, וועלכע מיר האָבן דאָ געהאַט פאַראַיאָרן, ניין, פאַר צוויי יאָרן פינף חדשים צייט? נישט? ער וואָלט עס געדאַרפט טאָן. אַ סימפּאַטישע דאַמע, דייטש־רוסיש לויט דער אָפּשטאַמונג, אַ פרוי פון אַ מאַן, אַ יונגע מוטער. זי איז געקומען אַהער פון מזרח, לימפאַטיש, בלוט־אָרעם, מסתמא איז געווען נאָך עפּעס אַן ערנסטערע זאַך. מילא, זי האָט דאָ אָפּגעלעבט אַ חודש און זיך געקלאָגט, אַז זי פילט זיך שלעכט. נאָר געדולד! ס׳איז אַוועק אַ צווייטער און זי האָט ווייטער געטענהט, אַז ס׳ווערט איר נישט בעסער, נאָר ערגער. מ׳זאָגט איר, אָבער, אַז בלויז דער דאָקטאָר קאָן וויסן, ווי ס׳איז איר. זי קאָן בלויז דערציילן, וואָס זי פילט — און דאָס האָט אַ קנאַפּן באַטײַט. מיט אירע לונגען איז מען צופרידן. גוט, זי שווייגט, קורירט זיך אין פאַרלירט יעדע וואָך אויף דער וואָג. אין פערטן חודש איז זי בײַ אַן אונטערזוכונג געפאַלן אין חלשות. דאָס שאַדט — האָט דערקלערט בערענס. אַבי מיט אירע לונגען איז אין אָרדענונג. אָבער אין פינפטן חודש האָט זי מער נישט געקאָנט גיין און האָט דאָס אָנגעשריבן צו איר מאַן אין מזרח. בערענס האָט טאַקע באַקומען פון אים אַ בריוו, ס׳איז דאָרטן געווען אויפגעשריבן אויפן קאָנווערט: „פּערזענלעך“ און „דרינגענד“ מיט פעסטער שריפט. כ׳האָב דעם בריוו אַליין גע־

קרבן־אויגן. כ׳האָב שוין אַמאָל דאָ און דאָרט געזען אַזעלכע לעמעלעך אין קיינמאָל נישט אָן... אָן אַ געוויסער סענטימענטאַליטעט. אַך, יאָ, יאָ, אַייער קוזין האָט מיר אַלץ דערציילט. אין לעצטן מאָמענט האָט איר אַייך, הייסט עס, געלאָזט אונטערזוכן.

— ווייל כ׳האָב געהאַט היץ. ווילט פאַרשטיין, הער סעטעמבריני. ביי אַזאַ קאַטאַר וואָלט איך מיך אונטן געווענדט צו אונזער דאָקטאָר. און דאָ, וואו מ׳איז, אַזוי צו זאָגן, ביי דער כאַמע קוועלע, וואו מ׳האָט אויפן אָרט צוויי ספּעציאַליסטן, — כ׳וואָלט דאָך געווען קאָמיש...

— פאַרשטייט זיך, פאַרשטייט זיך. און געמאָסטן האָט איר אַייך, נאָך איידער מ׳האָט אַייך געהייסן. מ׳האָט עס אַייך, אַגב, תּיכּף רעקאָמענדירט צו טאָן. דעם טערמאָמעטער האָט אַייך פאַרהאַנדלט די מילענדאָנק?

— פאַרהאַנדלט? כ׳האָב אים געדאַרפט, האָב איך אים ביי איר געקויפט.

— כ׳פאַרשטיי. אַ ריינער מסחר. און וויפל חדשים האָט אַייך דער שעף אַריינגעצימבלט?... גרויסער גאָט, כ׳האָב אַייך שוין אַמאָל געפרעגט דאָס אייגענע! איר דערמאָנט זיך? איר זענט געהאַט נאָר וואָס אָנגעקומען. איר האָט דעמאָלט געענטפערט אַזוי דרייסט...

— נאַטירלעך, געדענק איך עס נאָך, הער סעטעמבריני. איך האָב אַ סך נייע זאַכן דורכגעלעבט זינט דעמאָלט, אָבער דאָס געדענק איך נאָך ווי היינט. שוין דעמאָלט זענט איר געווען אַזוי אַמיזאַנט און געמאַכט דעם הויפראַט בערענס פאַר איינעם פון די מלאַכי-חבלה... ראַדאַמעס... ניין, וואַרט נאָר, נישט אַזוי...

— ראַדאַמאַנטיס? ס׳קאָן זיין, אַז כ׳האָב אים עפּעס אַזוי אָנגערופן. איך געדענק נישט אין אַלץ, וואָס ס׳טוט מיר אַ פאַל איין ביי אַ געלעגנהייט.

— ראַדאַמאַנטיס, אַוודאי! מינאָס און ראַדאַמאַנטיס! אויך פון קאַרדוטשי האָט איר דעמאָלט גלייך דערציילט...

— דערלויבט מיר, ליבער פריינד, אים לאָמיר איצט לאָזן. ד ע ר נאָמען קומט אַרויס אין דעם מאָמענט פרעמד אין אַייער מויל.

געזען קאַווערנעס אויף דער פאָטאָגראַפישער פּלאַטע. מ'האָט אפילו כּלומרשט געהערט אויך: מ'האָט אים געהיילט אויף פּטיזיס* און דערפאַר איז ער טאַקע געשטאָרבן. די אָבדוקציע האָט שפּעטער געוויזן, אַז די לונגען זיינען געווען אינגאַנצן אין אָרדענונג, און אַז ר'איז גאָר געשטאָרבן אויף אַ מין קאָקן**.

— נו, הערט נאָר, הער סעטעמבריני, איר רעדט תּיכּף וועגן אָבדוקציע. אַזוי ווייט האַלט איך, מסתּמא, נאָך נישט.

— אינזשעניער, איר זענט אַ ליץ.

— און איר זענט דורך־און־דורך אַ קריטיקער און אַ צווייפלער — דאָס מוז מען זאָגן! איר גלייבט אַפילו נישט אין דער עקזאַקטער וויסנשאַפט. צי ביי אייך ווייזט די פּלאַטע פלעקן?

— יאָ, ס'זיינען פאַראַן עטלעכע.

— און איר זענט באמת נישט געזונט?

— יאָ, איך בין ליידער גאַנץ קראַנק — ענטפערט סעטעמבריני און לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ. עס ווערט אַ פּויזע און ער הוסט אָפּ. האַנס קאַסטאָרפּ קוקט פון זיין געלעגער אויף דעם גאַסט, וועלכן ער האָט שווייגנדיק געמאַכט. ער האָט דערביי געהאַט דאָס געפיל, ווי ער וואָלט מיט זיינע צוויי זייער פּשוטע פראַגן אַלע טענות אָפּגעהאַקט, אַפילו די רעפּובליק מיטן שיינעם סטיל. ער האָט אָבער פון זיין זייט גאָרנישט געטאָן, כּדי צוריק אַרויפצופירן אויף דעם שמועס.

אין אַ ווילע אַרום האָט סעטעמבריני ווידער זיך אויסגעגלייכט, מיט אַ שמייכעלע.

— דערציילט־זשע מיר, אינזשעניער — זאָגט ער — ווי אַזוי האָט אייער משפּחה אויפגענומען די בשורה?

— ס'הייסט, וואָס פאַר אַ בשורה? וועגן דעם, אַז מיין נסיעה ווערט אָפּגעלייגט? אַך, מיין משפּחה באַשטייט פון דריי פעטערס, פון אַן עלטער־פעטער און צוויי זין זיינע, וועלכע זיינען מער קוזינען, ווי פעטערס. אויסער זיי האָב איך נישט קיין משפּחה, איך בין זייער פרי געוואָרן אַ יתום פון פאָטער און מוטער. אויפגענומען? זיי ווייסן

* שווינדזוכט. ** באצילן.

זען. יאָ — האָט בערענס געטענהט און געצייגן מיט די אַקבלען — ס׳ווייזט זיך אַרויס, דאַכט זיך, אַז דער היגער קלימאַט דינט איר, אפנים, נישט. די פרוי איז געוואָרן אויסער זיך. דאָס איז ער מחוייב געווען איר פריער צו זאָגן — האָט זי געטענהט. — זי האָט עס שטענדיק געפילט. ס׳איז דאָ געוואָרן פון איר אַ תל עולם!... לאָמיר האָפן, אַז ביים מאַן דאָרט אין מזרח איז זי צוריק געקומען צו די כוחות.

— אויסגעצייכנט! — איר דערציילט אַזוי שיין, הער סעטעמבריני, יעדעס וואָרט אייערס איז ממש פלאַסטיש. אויך פון דער מעשה מיט דער פרייליין, וואָס האָט זיך געבאָדן אין דער אָזערע, און וואָס מ׳האָט איר געמוזט געבן אַ „שטומע שוועסטער", האָב איך אויך גאַנץ אָפט שטילערהייט געמוזט לאַכן. יאָ, וואָס ס׳קומט אַלץ פאָר! מ׳האַלט כסדר אין איין לערנען. וואָס ס׳איז, אַגב, גייע מיר אַליין — איז נאָך גאָרנישט זיכער. דער היפראַט זאָל האָבן געפונען ביי מיר עפּעס אַ קליניקייט. די אַלטע ערטער, וואו כ׳בין שוין אַמאָל קראַנק געווען, נישט ווּסנדיק דערפון, האָב איך אַליין דערקאָנט ביים אַרומקלאַפן. איצט זאָל מען ערגעץ הערן אייך פון אַ פריש אָרט. האַ, דאָס וואָרט „פריש" קומט אויס עפּעס משונה־דיק אין דעם פאַל. אָבער ביז איצט האָט מען אַלץ אַרויסגעדרונגען פון אַקוסטישע סימנים. די אמתע דיאַגנאָסטישע זיכערקייט וועלן מיר האָבן ערשט דעמאָלט, ווען כ׳וועל מיך איבערהייבן פון בעט און מ׳וועט מאַכן די דורכלויכטונג און די פאָטאָגראַפיע. דעמאָלט וועלן מיר פּאָזיטיוו וויסן, וואו ס׳האַלט.

— אַזוי מיינט איר? צי ווייסט איר, אַז די פאָטאָגראַפישע פלאַטע ווייזט אָפט פלעקן, וועלכע מ׳האַלט פאַר קאַווערנעס*, כאָטש פאַקטיש זיינען עס בלויז שאָטנס און דאָרטן, וואו ס׳איז יאָ עפּעס פאַראַן, ווייזט אָפטמאָל די פלאַטע קיין פלעקן נישט? מאַדאָנע, די פאָטאָגראַפישע פלאַטע! דאָ איז געווען אַ יונגער נומיזמאַטיקער**, וואָס האָט געהאַט היץ. היות ר׳האָט געהאַט היץ, האָט מען בילט

* אויסהוילונג.

** איינער, וואָס קלייבט מטבעות.

שטאַרק אַפּאָפּלעקטיש, איר ווייסט, ר׳האָט כמעט נישט קיין האַלז. ניין, יענער דאַרף האָבן אַ לייטישן לופט־דרוק. ס׳וואָלט אים דאָ נאָך ערגער געגאַנגען, ווי אַייער דאַמע פון מזרח. ער וואָלט געקריגן אַלע מין אַטאַקעס.

— דאָס אַנטמוטיקט מיך. אַפּאָפּלעקטיש, האַ? וואָס־זשע נוצן פלעגמאַטישקייט און ענערגיע? אַייער פעטער איז מסתמא רייך? איר זענט אויך רייך? מ׳איז רייך ביי אַייך אינדערהיים.

האַנס קאַסטאָרפּ שמייכלט פון סעטעמברינים שריפטשטעלערי־שער פאַראַלגעמיינערונג. דערנאָך פאַרקוקט ער זיך פון זיין געלעגער אַרויס ערגעץ אין דער ווייט און זעט פאַר זיך די היים, פון וועל־כער ר׳איז פאַרפרעמדט. ער דערמאָנט זיך, פרווט אומפּערזענלעך אַרויסצוטראָגן אַן אורטייל. די דיסטאַנץ מונטערט אים אויף און גיט אים כוח דערצו. ער ענטפערט:

— מ׳איז רייך, יאָ — אָדער מ׳איז עס נישט. און אַז נישט — איז טאַקע שלעכט. איך? איך בין נישט קיין מיליאָנער, אָבער דערמיט, וואָס כ׳דאַרף, בין איך פאַרזיכערט, איך בין זעלבשטענדיק, כ׳האָב צו לעבן. לאָמיר נישט ריידן וועגן מיר. ווען איר וואָלט גע־זאָגט: מ׳מוז רייך זיין דאָרטן — וואָלט איך מיט אַייך מסכים גע־ווען. ווייל לאָמיר אָננעמען, אַז מ׳איז נישט רייך, אָדער מ׳הערט עס אויף צו זיין — דעמאָלט איז טאַקע אָך־און־וויי. „דער — ר׳האָט דען נאָך געלט?“ פלעגט מען פרעגן... אַקוראַט אַזוי און גענוי מיט אַזאַ מינע. איך האָב עס אָפט געהערט און כ׳פיל, אַז ס׳האָט זיך מיר אַיינגעקריצט אין זכרון. ס׳איז מיר, מסתמא, אויסגעקומען משונהדיק, כאָטש איך בין געווען געוווינט עס צו הערן. ווען נישט, וואָלט זיך עס מיר נישט אַיינגעקריצט. און ווי מיינט איר? ניין, כ׳גלויב נישט, אַז איך, ווי אַ האָמאָ הומאַנוס, וואָלט גע־פעלן ביי אונז. אַפילו מיר, וואָס כ׳בין דאָרטן אַן איינגענער, האָט עס אָפט אויסגעוויזן משונהדיק, ווי כ׳פיל איצט, כאָטש איך פער־זענלעך האָב צוליב דעם קיינמאָל נישט געליטן. ווער ס׳לאָזט נישט ביי זיינע מאָלצייטן דערלאַנגען די בעסטע טייערסטע ווינען, צו דעם גייט מען בכלל נישט און זיינע טעכטער בלייבן פאַרזעסן. אַזוי זיינען די מענטשן. ווען איך ליג דאָ אַזוי און דערמאָן מיך

נאָך גאַנץ ווייניק, אַלנפאַלס נישט מער פון מיר אַליין. אינאָנהייב, ווען כ'האָב מיך געמוזט לייגן אין בעט אַריין, האָב איך זיי געשריבן, אַז כ'האָב מיך שטאַרק פאַרקילט און כקאָן נישט פאָרן. נעכטן, זעענדיק, אַז די מעשה האָט זיך דאָך אַ ביסל פאַרצויגן, האָב איך זיי נאָכאַמאָל געשריבן און דערציילט, אַז הויפראַט בערענס האָט, צוליב מיין קאַטאַר, געוואָרפן אַ חשד אויף מיין ברוסט און ער שפּאַרט זיך איין, אַז כ'זאָל פאַרלענגערן מיין זיין דאָ, ביז דער ענין וועט קלאָר ווערן. זיי וועלן דאָס אויפנעמען גאַנץ קאַלטבלוטיק.

— און אַייער פּאָסטן? איר האָט דאָך גערעדט וועגן פּראַקטיק, וועלכע איר האָט געזאָלט קריגן.

— יאָ, ווי אַ וואָלאָנטער*. כ'האָב געבעטן אין פאַבריק, מ'זאָל מיר לעת־עתה אַנטשולדיקן. איר דאַרפט נישט מיינען, אַז זיי וועלן זיך דאַרפן נעמען צום האַרצן. זיי קאָנען זיך ווי לאַנג זיי ווילן באַגיין אויך אָן אַ וואָלאָנטער.

— זייער גוט, פון דער זייט גענומען איז, הייסט עס, אַלץ אין אָרדענונג. גלייכגילטיקייט אויף דער גאַנצער ליניע. ס'איז בכלל פלעגמאַטיש ביי אייך אין לאַנד, נישט אמת? אָבער אויך ענערגיש.

— אָ, יאָ. ענערגיש אויך, אַוודאַי, זייער ענערגיש — זאָגט האַנס קאַסטאָרפּ. ר'האָט זיך איצט אין דער פרעמד אויף איינמאָל פאָרגעשטעלט דעם כאַראַקטער פון זיין סביבה אין דער היים און געקומען צום רעזולטאַט, אַז זיין מיטשמועסער האָט זי ריכטיק כאַראַקטעריזירט. — פלעגמאַטיש און ענערגיש — דאָס זיינען זיי טאַקע.

— נו, — זאָגט סעטעמבריני ווייטער. — אויב איר וועט דאָ לענגער בלייבן, איז אוממעגלעך, מיר זאָלן זיך דאָ אויבן נישט באַקענען מיט אַייער פעטער, כ'מיין מיט דעם עלטער־פעטער. ער וועט אָן שום ספק אַרויפקומען, כדי צו זען, וואָס איר מאַכט.

— אויסגעשלאָסן! — גיט אַ רוף האַנס קאַסטאָרפּ — קיינמאָל אין דער וועלט נישט! מיט קיין צען פּאָר אָקסן! מיין פעטער איז

* אַ פּראַקטיקאַנט, וואָס באַקומט נאָך גיט קיין געהאַלט.

אײַך דינען דערמיט. כ׳וואָלט אײַך געקאָנט דערצײלן פֿון דעם זון און מאַן, וואָס איז אָפּגעווען עלף חדשים און איך האָב אים געקאָנט. ער איז געווען אַ ביסל עלטער פֿון אײַך, מײן איך, שוין אַ ביסל עלטער. ס׳איז אים געוואָרן בעסער און מ׳האָט אים אויף אַ פּראָבע אַהײם געשיקט. ער איז צוריק אַהײם געקומען צו זײן ליבער משפּחה. ס׳זײנען נישט געווען קײן פֿעטערס, נאָר אַ מוטער און אַ ווײַב. אַ גאַנצן טאָג איז ער דאָרטן געלעגן מיטן טערמאָמעטער אין מויל און האָט פֿון קײן שום זאַך נישט געוואָלט וויסן. „דאָס פֿאַרשטײט איר נישט — פֿלעגט ער טענהן — מען מוז האָבן אויבן געלעבט, כּדי צו וויסן, וואָס ס׳דאַרף געטאָן ווערן. דאָ אונטן פֿעלן די גרונט־באַגריפֿן“. געענדיקט האָט זיך עס דערמיט, וואָס די מוטער האָט באַשלאָסן: פֿאָר צוריק אַהין, מ׳קען מיט דיר גאָרנישט מאַכן. און ר׳איז ווידער אַרויף אַהער. ער איז צוריק אין זײן „הײם“. איר ווײסט דאָך, אײב מ׳האָט נאָר דאָ אַמאָל געלעבט, רופֿט מען עס „הײם“. פֿון זײן יונגער פֿרוי האָט ער זיך אינגאַנצן דערווײטערט. ס׳האָבן איר געפֿעלט די „גרונט־באַגריפֿן“ און זי האָט געמוזט זיך אָפּזאָגן פֿון אים. זי האָט אײַנגעזען, אַז ער וועט אין דער „הײם“ געפֿינען אַ פֿרוי מיט גלײַכע „גרונט־באַגריפֿן“ און בלײַבן דאָ.

האַנס קאַסטאָרפּ האָט, אַפּנים, געהערט בלויז מיט האַלבע אויערן. ער האָט נאָך אַלץ געקוקט אין דער העלקײט פֿון עלעקטרישן ליכט, וואָס האָט זיך אָפּגעשלאָגן אין ווײסן צימער, מיט אַ מינע, ווי ער וואָלט געקוקט ערגעץ ווײט. ערשט שפּעטער האָט ער אַ לאַך געטאָן און געזאָגט:

— די הײם האָט ער עס אָנגערופֿן? דאָס איז, באמת, אַ ביסל סענטימענטאַל, ווי איר האָט געזאָגט. יאָ, מעשׂיות קאָנט איר אָן אַ שיעור. איך האָב נאָך אַלץ געטראַכט וועגן דעם, וואָס מיר האָבן געזאָגט וועגן האַרטקײט און אַכזריות. אין משך פֿון די לעצטע טעג זײנען מיר אַדורך דורכן קאָפּ פֿאַרשײדענערלײ רעיונות. זעט איר, מ׳דאַרף זײן אַ גאַנץ גראָבער מענטש, כּדי בטבע מסכּים צו זײן מיט דעם אַרט דענקען פֿון דעם עולם אונטן אין פֿלאַכלאַנד, און צו פֿאַרטראָגן אַזאַ פֿראַגע, ווי: „האָסטו געלט?“ אין

דערין פֿונדערווייטנס, קוקט עס מיר אויס משונה׳דיק. ווי אַזוי האָט איר אייך אויסגעדריקט פֿלעגמאַטיש און? און ענערגיש! גוט, אָבער וואָס מיינט איר דערמיט? ס׳הייסט: האַרט, קאַלט. און וואָס איז האַרט און קאַלט? — דאָס איז גרויזאַמקייט. עס איז אַ אַכזריותדיקע לופֿט אונטן, אַן אומברחמנותדיקע. ווען מ׳ליגט אַזוי און מ׳זעט עס פֿונדערווייטנס, נעמט אַזש אָן אַ גרויל.

סעטעמבריני הערט זיך צו צו אים און ער שאָקלט מיטן קאָפּ. אַפֿילו נאָכדעם, ווי האַנס קאַסטאָרפּ האָט געהאַט פֿאַרענדיקט זיין קריטיק און אויפֿגעהערט ריידן, האָט סעטעמבריני נאָך אַלץ געשאָקלט מיטן קאָפּ. דערנאָך האָט ער אָפּגעאָטעמט און זיך אָנגערופֿן:

— איך וועל בשום אופֿן נישט פֿאַרענטפֿערן די באַזונדערע דערשיינונגס־פֿאָרמען, וועלכע די גרויזאַמקייט פֿון לעבן נעמט אָן דאָרטן, אין אייערע געזעלשאַפֿטלעכע קרייזן. ס׳איז אַלץ איינס, דער פֿאָרוואורף פֿון אַכזריות בלייבט אַ גענוג סענטימענטאַלער פֿאָרוואורף. ביי זיך אינדערהיים וואָלט איר כמעט נישט געהאַט קיין מוט צו מאַכן אָט־דעם פֿאָרוואורף מחמת מורא נישט צו ווערן לעכערלעך פֿאַר זיך אַליין. איר האָט אָט־דעם פֿאָרוואורף מיט רעכט איבערגעלאָזט פֿאַר די פּליטים פֿון לעבן. דאָס, וואָס איר דערמאָנט זיך איצט דערין, נעמט זיך פֿון אַ געוויסער פֿאַרפֿרעמדקייט און כ׳וואָלט גאָרנישט צופֿרידן געווען, ווען זי זאָל נאָך גרעסער ווערן. ווייל דער, וואָס געוויינט זיך צו צו מאַכן אָט־דעם פֿאָרוואורף, קאָן לייכט פֿאַרלוירן ווערן פֿאַר דעם לעבן, פֿאַר די לעבנס־פֿאָרמען, צו וועלכע ער איז געבוירן געוואָרן. ווייסט איר, אינזשעניער, וואָס ס׳הייסט „פֿאַרלוירן ווערן פֿאַרן לעבן“? איך ווייס עס, איך זע עס דאָ צו יעדן טאָג. שפּעטסטנס אין אַ האַלב יאָר אַרום בלייבט פֿאַר דעם יונגן מענטש, וואָס קומט אַרויף אַהער (און דאָ קומען אַרויף כמעט בלויז יונגע מענטשן) קיין שום אַנדער געדאַנק נישט אין קאָפּ, ווי וועגן פֿליכט און טעמפּעראַטור. און שפּעטסטנס נאָך אַ יאָר וועט ער אויף קיין שום מענטש נישט קאָנען אַנדערש קוקן, ווי אויף אַ אַכזר, אָדער בעסער געזאָגט: ווי אויף אַ קריפּל און עם־האָרץ. איר האָט ליב געשיכטעס. כ׳קאָן

סעטעמבריני שטרעקט צו אים אויס די הענט, דערביי האָט ער פאַרלייגט דעם קאָפּ אָן אַ זייט און צוגעמאַכט די אויגן. ס'איז געווען זייער אַ שיינע און מילדע באַוועגונג, אַ סימן, ער זאָל אויפהערן און ער זאָל ווייטער אויסהערן. עס האָט געדויערט אַזוי היפּשע עטלעכע סעקונדן, כאָטש האַנס קאַסטאָרפּ האָט שוין פון לאַנג געשוויגן און מיט פאַרלעגנהייט אָפּגעוואַרט, וואָס ס'וועט געשען ווייטער. צום סוף האָט ער ווידער אויפגעעפנט זיינע אויגן — די אויגן פון אַ קאַטאַרינאַוש — און האָט געזאָגט:

— דערלויבט. דערלויבט מיר אייך צו זאָגן, אינזשעניער, אַ״ך צו זאָגן און אייך איבערצוגעבן, אַז דער איינציק־געזונטער און אײדעלער, אַגב איך (איך וויל עס בפירוש צוגעבן) רעליגיעזער אופן פון באַטראַכטן דעם טויט איז: איינצופּאַסן און צו פילן אים, ווי אַ באַשטאַנדטייל פון לעבן און ווי אַ זאַך, וואָס געהער דערצו, ווי אַ הייליקער תּנאַי פון לעבן. אומגעזונט, נישט אײדל, נישט שכלדיק און נישט רעליגיעז איז די איינפּאַסונג, וואָס שיידט גייסטיק אָפּ דעם טויט פון לעבן, שטעלט אים אַוועק פאַר אַ היפּך און פּרוווט אַפילו אויסצונוצן דעם טויט אינם קאַמף קעגן לעבן.

די פאַרצייטיקע פלעגן באַצירן זייערע סאַרקאָפאַגן מיט סימבאָלן פון לעבן און פרוכפּערונג, אַפילו מיט סעקסועלע סימבאָלן. הייליקייט און עראָטיק זיינען פאַר די אַמאָליקע רעליגיעס בכלל געווען שטאַרק צונויפגעבינדן. די דאָזיקע מענטשן האָבן געוווּסט, ווי אַזוי בכבוד צו האַלטן דעם טויט. דער טויט איז בכבודיק, ווייל ר'איז די וויג פון לעבן, ווי דער מוטער־שויס פון באַנייונג. אָבער ווען מ'קוקט אויף אים, ווי אויף אַ זאַך, וואָס איז אָפּגעזונדערט פון לעבן — דעמאָלט ווערט פון אים אַ געשפּענסט און אַ פאַרזעניש — און נאָך עפּעס ערגערס. ווייל דער טויט, ווי אַ זעלבשטענדיקע גייסטיקע מאַכט, איז זייער אַ צעלאָזענער כוח. ער האָט אַפילו אין זיך אָן שום ספק אַ שטאַרק־זינדיקע צוציונג, אָבער די סימפּאַטיע דערצו איז אייך גאַנץ זיכער דאָס שרעקלעכסטע משוגעת פון מענטשלעכן גייסט.

איצט איז סעטעמבריני פאַרשוויגן געוואָרן. ער איז געבליבן שטיין ביי די דאָזיקע אַלגעמיינע אויספירונגען און האָט גאַנץ באַ=

אויך די מינעס, וואָס מ׳מאַכט דערביי. פאַר מיר איז עס, אייגנטלעך, קיינמאָל נישט געווען אינגאַנצן נאַטירלעך, כאָטש כ׳בין אַפילו נישט קיין האָמאָ הומאַנוס. איך באַמערק ערשט איצט, אַז ס׳איז מיר אַלעמאָל געווען אויפפאַלנדיק. אפשר האָט עס געהאַט אַ שייכות מיט מיין אומבאַוואוסטזיניקער נייגונג צו קראַנקהייט און צוליב דעם איז עס מיר נישט פאָרגעקומען נאַטירלעך. די אַלטע קראַנקע ערטער האָב איך אַליין געהערט. איצט האָט בערענס געפונען ביי מיר כלומרשט אַ פרישע קליניקייט. ס׳האָט מיך אַוודאי איבערגעראַשט, אָבער פונדעסטוועגן האָב איך מיך, אין גרונט גענומען, נישט שטאַרק געוואונדערט. פאַר אַזאַ געוואַלדיקן גבור האָב איך מיך, אייגנטלעך, קיינמאָל נישט געפילט. דערצו זיינען נאָך טאַטע־מאַמע ביי מיר געשטאָרבן אַזוי פרי. פון קינדוויז אויף בין איך אַ יתום פון טאַטע און מאַמע, איר פאַרשטייט...

סעטעמבריני האָט מיטן קאָפּ, מיט די אַקסלען און מיט די הענט געמאַכט איין באַוועגונג, וואָס האָט קונציק און בילד אויסגעדריקט די פראַגע: נו, איז וואָס? טאָ מילא?

— איר זענט דאָך אַ שריפטשטעלער — האָט געזאָגט האַנס קאַסטאָרפּ. — אַ ליטעראַט. איר מוזט דאָך פאַרשטיין זיך אויף עפעס אַזוינס און איינזען, אַז אין אַזאַ פאַל קאָן מען נישט זיין אַזוי שטרענג געשטימט און האַלטן אינגאַנצן פאַר נאַטירלעך די אַכזריות פון מענטשן. כ׳מיין די געוויינלעכע מענטשן, וואָס דרייען זיך אַרום, לאַכן, פאַרדינען געלט און פאַשען זיך אויס אַ פולן בויך... כ׳ווייס נישט, צי כ׳האָב מיך ריכטיק...

סעטעמבריני פאַרנייגט זיך. — איר האָט געוואָלט זאָגן — מאַכט ער קלאָר — אַז די פרייע און אָפטע באַריִרונג מיטן טויט איז גורם אַ גרונד־שטימונג פון געמיט, וואָס איז עמפינדלעך און רייצבאַר אויף דער האַרטקייט און גראָבקייט פון אומברחמנותדיקן לעבן, לאָמיר זאָגן: אויף זיין ציניזם.

— אַקוראַט אַזוי — האָט האַנס קאַסטאָרפּ געענטפערט מיט אויפריכטיקער באַגייסטערונג — אויסגעצייכנט אויסגעדריקט, הער סעטעמבריני, ביז אויף אַ האָר. מיט דעם טויט! — כ׳האָב געוואוסט, אַז איר, אַ ליטעראַט...

דער שטול, מיט צונויפֿגערוקטע פֿיס. אויפֿן דיל, מיט צוזאַמענגעלייגטע הענט אויף די קני'ען. דעם קאָפּ האָט ער אויך אַ ביסל אויפֿגעהויבן אינדערקרים. — דערלויבט מיר אויך איצט — האָט ער געזאָגט און זיין קול איז געווען אַ ביסל אויפֿגערעגט — דערלייבט מיר אייך אַ ביסל אַרויסצוהעלפֿן, בעת איר מאַכט אייערע עקספּערימענטן און אייך אַרויסצופֿירן פֿון אַ טעות, בעת איר זענט אין דער סכּנה צו מאַכן פֿאַלשע אויספֿירן.

— אַדרבא, הער סעטעמבריני! — האַנס קאַסטאָרפּ נעמט אינדעריך גובר זיין פֿאַרלעגענע האַלב־צולהכעיסדיקע צוריקגעהאַלטנקייט, הערט אויף צו פּויקן אויף דער קאָלדרע און דרייט זיך אום צום גאַסט מיט פּלוצלינגדיקער פֿריינדלעכקייט. — ס'איז אַפֿילו אויסערגעווינלעך פֿריינדלעך פֿון אייער זייט... איך ווייס, באמת, נישט... כ'מיין, צי ס'קאָן ביי מיר...

— גאַנץ סינע פּעקוניאַ — ציטירט סעטעמברינ'י און שטעלט זיך אויף — ווער וועט זיך דען שטעלן אויף אַ גראָשן. ביידע נעמען לאַכן. מ'הערט, ווי ס'עפֿנט זיך אויף די אויסנווייניקסטע טאָפּלטיר און אַ ווײַלע אַרום מאַכט זיך אויף אויך די אינעווייניקסטע. ס'איז יאָאַכים. ער איז ערשט צוריקגעקומען פֿון אָוונטיקן צונויפֿקום. דערזעענדיק דעם איטאַליענער, ווערט ער רויט, אַקוראַט ווי פֿריער האַנס קאַסטאָרפּ. די ברוינע טונקלקייט פֿון זיין פּנים ווערט מיט איין שאַטירונג טיפֿער.

— אָ, דו האָסט אַ גאַסט — זאָגט ער — זייער גוט פֿאַר דיר. מ'האָט מיך פֿאַרהאַלטן. מ'האָט מיך אַריינגעצויגן אין אַ פּאַרטיע ברידוש. זיי רופֿן עס ברידוש לפֿנים — זאָגט ער און שאָקלט מיטן קאָפּ. — אין אמתן איז עס גאָר עפּעס אַנדערש. כ'האָב געוואונען פֿינף מאַרק...

— זאָלסט דיך נאָר נישט צוגעוויינען צו אָט־דער מ'אוסערמידה — זאָגט האַנס קאַסטאָרפּ. — הם, הם. הער סעטעמבריני האָט דערווייל מיר אַזוי אָנגענעם פֿאַרטריבן די צייט... אַגבֿ, איז עס לחלוטין נישט דער ריכטיקער אויסדרוק. גיכער פּאַסט ער פֿאַר אייער פֿאַלשן ברידוש. הער סעטעמבריני האָט מיר אַזוי פֿיין *אויסגעפֿילט* די צייט. ווען מ'פּראַוועט שוין ביי אייך פֿאַלשן ברידוש —

שטימט געהאַט געענדיקט. ער האָט עס געמיינט ערנסט. ר׳האָט איצט נישט גערעדט סתם אַזוי זיך; ר׳האָט נישט געגעבן זיין מיטשמועסער קיין געלעגנהייט אָנצוקניפּן אַ דיבקים׳ע, נאָר האָט, פאַרענדיקנדיק דעם שמועס, גענומען ריידן שטילער און צום סוף אַוועקגעשטעלט אַ פּונקט. ר׳איז געזעסן מיט אַ פאַרמאַכט מויל, מיט פאַרלייגטע הענט איבער דער שויס, און זיינע געקראַטקעוועטע הויזן — איין פוס איבערן אַנדערן. ער האָט בלויז לייכט געשאָקלט מיט איין שיך און דער לופט און דערביי אים שטרענג באַטראַכט.

האַנס קאַסטאָרפּ האָט ממילא איך געשוויגן. זיצנדיק אַן אָנגעשפּאַרטער אויף דעם פּלימאַ, האָט ער אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו דער וואַנט און האָט לייכט צוגעפּיקט מיט די פינגער־שפּיצן אויף דער קאָלדרע. ר׳האָט זיך געפילט, ווי מ׳וואָלט אים ערשט נאָר אויסגעמוסרט און אַפילו אויסגעשייגעצט. אין זיין שווייגן איז געלעגן אַ סך קינדישע פאַרקעשנטקייט. די פּויזע האָט געדויערט היפּש לאַנג.

צום סוף האָט סעטעמברינו ווידער אויפגעהויבן דעם קאָפּ און האָט געזאָגט מיט אַ שמייכל:

— איר דערמאָנט אייך, מסתמא, אינזשעניער, אַז מיר האָבן שוין אַמאָל געפירט אַזאַ ענלעכן וויכוח. מ׳קאָן זאָגן: דעם אייגענעם. מיר האָבן דעמאָלט געפּלוידערט — דאַכט זיך, ס׳איז געווען אויף אַ שפּאַציר — וועגן קראַנקהייט און נאַרישקייט. איר האָט דעמאָלט געהאַלטן, אַז די פאַראייניקונג פון אָט־די ביידע איז אַ פּאַראַדאָקס, אַזוי גרויס איז געווען אייער דרך־ארץ צו קראַנקהייט. איך האָב אָט־דעם דרך־ארץ דעמאָלט באַצייכנט פאַר אַ פינסטערע איינרייעניש, דורך וועלכער מ׳איז מבזה דעם מענטשלעכן געדאַנק. איר זענט דעמאָלט, צו מיין פרייד, געווען גענייגט זיך צו פאַרטראַכטן וועגן מיין מיינונג. מיר האָבן אויך גערעדט וועגן דער נייטראַלקייט און וועגן דער גייסטיקער נישט־אַנטשלאָסנקייט פון דער יונגע, וועגן איר פרייער בחירה, וועגן איר נייגונג אויסצופּרוּוון פאַרשיידענע שטאַנדפּונקטן, און אויך וועגן דעם, אַז מ׳טאָר נישט און מ׳דאַרף נישט באַטראַכטן אָט־די פּרוּוון פאַר ענדגילטיקע און ערנסטע אָפּקלייבן.

סעטעמברינו האָט זיך דערביי מיט אַ שמייכל אַ בויג געטאָן אויף

חשק און ווילן צום שלאָפֿן איז קאַליע געוואָרן הערך זיין כּסדר־דיקער „האָריזאָנטאַלער לאַגע“. דערפֿאַר אָבער זיינען די שעהן פֿון שלאָף פֿיל געווען מיט די פֿאַרשיידנסטע און לעבעדיקסטע חלומות. ער האָט זיי אַפֿילו געקאָנט שפּינען ווייטער וואַכעדיקערהייט. אויב די כּסדרדיקע צעגלידערונג און איינטיילונג פֿון טאָג האָט גורם געווען, ער זאָל אויסזען קירצער, האָט ביינאַכט געהאַט די אייגענע ווירקונג די צעגאָסענע איינטאָניקייט פֿון די גייענדיקע שעהן. אָבער קוים איז שוין געוואָרן פֿאַרטאָג — איז געווען אַ מחיה צוציקוקן זיך, ווי דאָס צימער ווערט ביסלעכווייז גרויער און העלער, ווי אַלע זאַכן שיילן זיך אַרויס פֿון דער טונקלקייט און ווי דער טאָג אינדרויסן צינדט זיך אָן טריב אָדער לוסטיק. איידער מ׳קוקט זיך אום, קלאַפּט ווידער דער באָד־מייסטער פֿעסט אָן אין דער טיר — אַ סימן, אַז ס׳הייבט זיך אָן דער סדר פֿון טאָג.

האַנס קאַסטאָרפּ האָט נישט מיטגענומען אויף זיין נסיעה קיין קאַלענדאַר. דערפֿאַר האָט ער קיינמאָל נישט געוואוסט גענוי וואָס פֿאַר אַ טאָג ס׳איז. פֿון צייט צו צייט האָט ער זיך געפֿרעגט ביי זיין קוזין, אָבער יענער איז אין דעם פּונקט אויך נישט שטענדיק אַזוי זיכער. אַלנפֿאַלס האָט מען זיך ווי עס איז געקאָנט אָריענטירן לויט די זונטאָגן, דער עיקר די זונטאָגן מיט קאָנצערטן, וואָס פֿאַלן אויס איינמאָל אין צוויי וואָכן. האַנס קאַסטאָרפּ האָט שוין דאָ דורכגעלעבט צוויי אַזעלכע זונטאָגן און ס׳איז, אַלנפֿאַלס, געווען זיכער, אַז ס׳איז שוין ווייט אין סעפּטעמבער אַריין, בערך אין דער העלפֿט. פֿון דעם טריבן און קאַלטן וועטער, וואָס ס׳האָט געהערשט, בעת האַנס קאַסטאָרפּ האָט זיך געלייגט אין בעט אַריין, איז מער נישט געווען קיין זכר. איצט זיינען כּמעט געשטאַנען העלע זומער־טעג, איינער נאָכן אַנדערן, אַזוי, אַז יאָאַכים פֿלעגט יעדן פֿרימאָרגן אַריינקומען צו זיין קוזין אין ווייסע הויזן. האַנס קאַסטאָרפּ האָט בשום אופֿן נישט געקאָנט איינהאַלטן זיך, ער זאָל נישט שטאַרק באַדויערן; ס׳איז געווען אַ באַדויערן, וואָס קומט פֿון דער נשמה און פֿון די יונגע מוסקולן, הלמאַי אַזאַ פּרעכטיקע צייט ווערט פֿאַרלוירן. ער האָט אַפֿילו אַמאָל שטילערהייט געזאָגט, אַז ס׳איז „אַ חרפּה“, הלמאַי ער פֿאַרלירט זי אויף אַזאַ אופֿן. ער האָט

דאַרף מען מיט אַלע כּוחות אַרויסרײַסן זיך פֿון אײַך, אויב מ׳איז אַן אָרנטלעכער מענטש. אָבער כּדי צו קאָנען אָפּט הערן רײדן הער סעטעמברינין און הערן פֿון אים אַ גוטע עצה, וואָלט איך כּמעט באַשטאַנען אַ לאַנגע צײַט נאָך צו האָבן היץ און צו בלײַבן דאָ זיצן בײַ אײַך... דער סוף וועט זײַן, אַז מ׳וועט מיר נאָך מוזן געבן אַ „שטומע שוועסטער״, כּדי כ׳זאָל נישט קאָנען אָפּנאַרן.

— איך זאָג אײַך נאָכאַמאָל, אינזשעניער, אַז איר זענט אַ לץ — זאָגט דער איטאַליענער. ער געזעגנט זיך זײער וואַרעם. בלײַבנדיק מיטן קוזין אַלײן, זיפֿצט האַנס קאַסטאָרפּ אָפּ.

— אַ אמתער פּעדאַגאָג — זאָגט ער... — אַ הומאַניסט שע־פּעדאַגאָג, דאָס מוז מען מודה זײַן. ער האַלט דיך אין אײן אויס־בעסערן, אָדער דורך מעשׂיות, אָדער אין אַן אַבסטראַקטער פֿאָרם. ס׳קומט אים צו רײדן מיט אים וועגן מאָדנע זאַכן. ס׳וואָלט קײנ־מאָל נישט אײַנגעפֿאַלן, אַז מ׳וועט רײדן וועגן דעם, אָדער עס פֿאַרשטײן אַפֿילו. ווען כ׳וואָלט מיך צונויפֿגעטראָפֿן מיט אים אונטן, וואָלט איך זײ טאַקע נישט געווען פֿאַרשטאַנען — גיט ער צו.

אין דער צײַט בלײַבט יאָאַכים בײַ אים אַ ביסל. ער איז מקריב צוויי־דרײַ פֿערטל־שעהן פֿון זײַן אָוונט־קור ליג־קוראַציע. טײלמאָל שפּילן זײ שאָך אויף האַנס קאַסטאָרפּס עס־טישל. יאָאַכים האָט דעם שאָך אַרויפֿגעבראַכט פֿון אונטן. שפּעטער גײט ער אַרויס מיט זאַק און פּאַק, מיטן טערמאָמעטער אין מויל, אויפֿן באַלקאָן. האַנס קאַסטאָרפּ מעסט זיך אויך צום לעצטן מאָל די היץ, דערבײַ הערט ער זיך צו צו דער לײַכטער מוזיק, וואָס קומט נעענטער אָדער ווײַטער פֿון פֿינסטערן טאָל אַרויף. צען אַ זײגער ענדיקט זיך די ליג־קוראַציע. מ׳הערט יאָאַכימען, מ׳הערט דאָס פּאָרפּאָלק פֿון שלעכטן רוסן־טיש.... האַנס קאַסטאָרפּ לײגט זיך אויף אַ זײַט, כּדי אײַנצושלאָפֿן.

די נאַכט איז די שווערערע העלפֿט פֿון מעת־לעת, ווײַל האַנס קאַסטאָרפּ פֿלעגט זיך אָפֿט אויפֿכאַפּן און נישט זעלטן ליגן אויף שעהן־לאַנג. אפֿשר האָט זיך עס געגנמען דערפֿון, וואָס די ווא־רעמקײט פֿון בלוט האָט אים צערודערט, אָדער דערפֿאַר, וואָס זײַן

געקוקט פאַר זיך נישט זיכער, האָט געעפֿנט דאָס מויל ווי איך אַ מרה־שחורהדיקן „מילא“ און דערביי געמאַכט אַ מינע, ווי איינער זאָגט: ווער ווייסט? —

מיין גאָט, איך זע!

ס'האָט געדויערט אַ וואָך ביז די אייבערין פאָן מילענדהאָנק האָט געמאָלדן האַנס קאַסטאָרפן, ער זאָל זיך שטעלן אין דער דורכלייכטונגס־לאַבאָראַטאָריע. ער האָט נישט געוואָלט יאָגן. מ'איז שטאַרק פאַרנומען אין „בערגהאָף“, די דאָקטוירים מיטן פערסאָנאַל זיינען, אַפּנים, באַשיט מיט אַרבעט. אין די לעצטע טעג זיינען אָנגעקומען נייע געסט: צוויי רוסישע סטודענטן מיט גרויסע טשופּריינעס און מיט פאַרמאַכטע, שוואַרצע רובאַשקעס, דורך וועלכע מ'זעט נישט אַרויס קיין שפּור פון קיין וועש. ס'איז אָנגעקומען אַ האָלענדיש פאָרפאָלק, וואָס האָט פאַרנומען ערטער ביי סעטעמבריניס טיש, אויך אַ מעקסיקאַנער אַ הויקער, וואָס פלעגט קריגן מוראדיקע אַטאַקן פון אָטעם־פאַרפעלונג און דערשרעקן דעם עולם. ער פלעגט זיך דערביי מיט אַלע כוחות אָנכאַפּן מיט זיינע אייזערנע הענט אין זיין שכן, אַליין איינס, צי אַ מאַן, צי אַ פרוי, און זיך פעסט געקלאַמערט אָן אים. יענער פלעגט זיך אַרויסרייסן אַ דערשראָקענער, שרייען געוואַלד און איבערנעמען דעם קראַנקנס שרעק. בקיצור, דער עסזאַל איז געווען כמעט אינגאַנצן באַזעצט, כאָטש דער ווינטער־סעזאָן הייבט זיך אָן ערשט אין אָקטאָבער. האַנס קאַסטאָרפס לייכטער צושטאַנד, דער גראַד פון זיין קראַנקהייט האָט אים כמעט נישט געגעבן קיין רעכט, מ'זאָל זיך מיט אים באַזונדערס פאַראינטערעסירן. די פרוי שטער איז ביי איר גאַנצער עם־הארצות און נאַרישקייט געווען אַ סך קראַנקער פון אים. וועגן ד"ר בלומענקאָל — שוין אָפּגערעדט. מ'וואָלט געדאַרפט פאַרלירן יעדן חוש פאַר ראַנג און דיסטאַנץ, כדי אין האַנס קאַסטאָרפס פאַל נישט אַרויסצווייזן באַשיידענע צוריקגעהאַלטנקייט. בפרט נאָך, ווען אָט־דער חוש איז אין דער סאַנאַטאָריע שטאַרק אַנטוויקלט. לייכט־קראַנקע האָבן דאָ געהאַט אַ קנאַפּן ווערט, ער האָט עס אָפט אַרויסגעהערט פון שמועסן.

זיך אָבער געטרייסט דערמיט, וואָס אַרומגייענדיק וואָלט ער אויך נישט געקאָנט אַ סך מער אויפטאָן, ווי איצט, ווייל ר'האָט זיך שוין איבערגעצייגט, אַז צופיל באַוועגונג שאָדט אים דאָ. אַ ביסל האָט ער פונדעסטוועגן געקאָנט הנאה האָבן פון דער וואַרעמער ליכטיקייט אינדרויסן אַדאַנק דער באַלקאָן־טיר, וואָס איז געשטאַנען ברייט־צעעפנט.

אָבער בײַם סוף פון דער צייט, וואָס איז אים באַשטימט געוואָרן צו ליגן, איז ווידער געוואָרן אַ שלעכט וועטער. איבערנאַכט איז געוואָרן נעפּלדיק און קאַלט, דאָס מאָל האָט זיך אײַנגעהילט אין נאַסן שניי־שטויב און דאָס צימער איז פול געוואָרן מיט דעם טרוקענעם הויך פון דאַמף־הייצונג. טאַקע אין דעם זעלבן טאָג האָט האַנס קאַסטאָרפּ בײַם מאָרגן־וויזיט פון די דאָקטוירים דערמאָנט דעם הויפראַט, אַז הײַנט ווערט דרײַ וואָכן ווי ער ליגט און אויך געבעטן, מען זאָל אים דערלויבן אויפצושטיין.

— וואָס איז דאָס, איר זענט שוין פאַרטיק? — לאָמיר נאָר געבן אַ קוק. באמת, ס'שטימט. גאָט, ווי די יאָרן לויפן. אַ סך געענדערט האָט זיך נישט בײַ אײַך אין משך פון דער צייט. וואָס, נעכטן איז די היץ געווען נאָרמאַל? יאָ, אַחוץ זעקס אַ זייגער נאָכמיטאָג. נאַ, קאַסטאָרפּ, אויב אַזוי, וויל איך נישט זײַן קיין שלעכטער און וועל אײַך צוריק אָפּגעבן צו דער מענטשלעכער געזעלשאַפט. הייבט אויף די פיס און גייט, מאַן! פאַרשטייט זיך, אַז מיט אַ מאָס און אַ שיעור. בקרוב וועלן מיר מאַכן אײַער אינערלעכן פּאָרטרעט. פאַרשרייבן! — זאָגט ער אַרויסגייענדיק צו ד"ר די אַקסלען אויף האַנס קאַסטאָרפּן און קוקט אָן מיט זײַנע בלוי־קראָקאָווסקי, דערבײַ ווײַזט ער מיט זײַן ריזיקן גראָבן פינגער איבער טיקע און טרערנדיקע, בלויע אויגן דעם אַסיסטענט... האַנס קאַסטאָרפּ פאַרלאָזט די „רעמיזע“.

מיט אַ הויך־אויפגעהויבענעם קאָלנער פון מאַנטל און אין קאַלאָשן גייט ער מיט דאָס ערשטע מאָל מיט זײַן קוזין צו דער באַנק בײַם טײַכל. דערבײַ פּרוּווט ער אויפן וועג אַ פרעג טאָן, ווי לאַנג, אַ שטייגער, דער הויפראַט וואָלט אים געלאָזט ליגן, ווען ער וואָלט נישט אַליין דערמאָנט, אַז די צייט האָט זיך געענדיקט. יאָאַכים האָט

ער האָט ווידער אָנגעהייבן זיין לעבן פֿון די ערשטע דריי וואָכן צוזאַמען מיט יאָאַכימען, דאָס גוט־באַקאַנטע, איינטאָניקע, רעגולערע לעבן. ס'איז געגאַנגען ווי געשמירט, פֿון ערשטן טאָג אָן, גלייך ווי ס'וואָלט קיינמאָל נישט איבערגעריסן געוואָרן. די דאָזיקע הפסקה איז באמת געווען גאָרנישט מיט נישט. ער האָט דערשפּירט תּיכּף ווי ר'האָט זיך ווידער צום ערשטן מאָל באַוויזן ביים טיש. יאָאַכים האָט אַפּילו געזען, אַז אויף קאַסטאָרפּס אָרט זאָלן שטיין עטלעכע בלומען. ער האָט אויף אַזעלכע ענינים געלייגט גרויס געוויכט. אָבער די באַגריסונג מצד די טיש־שכנים איז געווען גאָר ווייניק פֿייערלעך. מ'האָט אים כּמעט אויפֿגענומען אַזוי ווי פֿריער, בעת ער פֿלעגט זיך שיידן נישט אויף דריי וואָכן, נאָר אויף דריי שעה. ס'איז נישט געשען אַזוי ווייט צוליב גלייכגילטיקייט צו דעם פּשוטן און סימפּאַטישן יונגמאַן, אויך נישט דערפֿאַר, ווייל די מענטשן זיינען צו־שטאַרק באַשעפֿטיקט מיט זיך, דאָס הייסט: מיט זייערע קערפּערס. גיכער איז עס געשען צוליב דעם, ווייל די צווישנצייט האָט זיך נישט אָנגעזען. האַנס קאַסטאָרפּ האָט זי זייער לייכט געקאָנט פֿאַרשטיין. ווייל ער אַליין איז אויך געזעסן אויף זיין אָרט ביים עק טיש צווישן דער לערערין און מיס ראָבינזאָן און געהאַט דאָס געפֿיל, גלייך ווי ער וואָלט געזעסן דאָ ערשט נעכטן.

אויב מ'האָט זיך זייער ווייניק געמאַכט פֿון זיין צוריקקומען ביים אייגענעם טיש — וואָס האָט מען נאָך געקאָנט מאַכן זיך דערפֿון ווייטער אין זאַל? דאָרטן האָט עס ממש קיינער אַפּילו נישט באַמערקט. דער איינציקער אויסנאַם איז געווען סעטעמברינו, וואָס איז נאָך דער מאָלצייט צוגעקומען און באַגריסט זיך וויציק־פֿריינדשאַפֿטלעך. האַנס קאַסטאָרפּ האָט, וואָס אמת, געפֿונען נאָך אַן אויסנאַם, אָבער מיר לאָזן עס איבער פֿאַר אים אַליין. ער האָט געהאַלטן, אַז אויך קלאַוודיאַ שאָשאַ האָט באַמערקט, אַז ר'איז ווידער דאָ. תּיכּף, ווי זי איז אַריינגעקומען (פֿאַרשפּעטיקט, ווי אַלעמאָל) און אַ זעץ געטאָן מיט דער טיר, האָט זי אַ קוק געטאָן אויף אים מיט אירע שמאָלע אויגן און זיך באַגעגנט מיט זיין בליק. באַלד נאָכדעם, ווי זי האָט זיך באַוויזן אַוועקצוזעצן, האָט זי ווידער זיך

מ'האָט גערעדט וועגן זיי מיט ביטול, געמאָסטן זיי מיט דער מאָס פון דער סאַנאַטאָריע, געקוקט אויף זיי פון אויבן אַראָפּ. און דאָס האָבן געטאָן נישט בלויז יענע, וואָס האָבן אַליין געהערט צו די שווערער־ און שווער־קראַנקע, נאָר אַפילו אויך אַזעלכע, וואָס זיי־נען אַליין געווען „לייכטע". דערמיט האָבן זיי, וואָס אמת, מבטל געווען זיך אַליין אויך, פונדעסטוועגן האָבן זיי געקריגן מער ווערט אין די אייגענע אויגן צוליב דעם, וואָס זיי וואַרפן זיך אונטער דער אַלגעמיינער מאָס. אַזוי דאַרף מען זיך פירן. אַ, דער — האָט איי־נער געקאָנט זאָגן וועגן אַ צווייטן — אים איז דאָך, אייגנטלעך, גאָרנישט. ר'האָט קיין רעכט דאָ צו זיצן. ר'האָט אַפילו נישט קיין קאַווערנע... אַזאַ גייסט האָט דאָ געהערשט, אַן אַריסטאָקראַטיע פון אַ באַזונדערן סאָרט און האַנס קאַסטאָרפּ האָט איר אָפּגע־געבן כבוד צוליב געבוירענעם דרך־ארץ פאַר יעדן מין געזעץ און אָרדענונג. ווי גאָט האָט געבאָטן, הייסט עס. נאָר ווייניק געביל־דעטע רייזנדע מאַכן חוזק פון די מנהגים און ווערטן פון די פעל־קער, בײַ וועלכע זיי זיינען, כאָטש יענע האָבן גענוג גוטע מעלות. אַפילו בנוגע יאָאַכימען האָט האַנס קאַסטאָרפּ אָפּגעהיט אַ געוויסן דרך־ארץ. נישט אַזוי ווייט דערפאַר, ווייל יענער איז דאָ געווען אַ תּושב און קאַסטאָרפּס פירער און טשיטשעראָנע אין אָט־דער סביבה. נאָר דערפאַר, ווייל יאָאַכים איז אָן שום ספק געווען דער „שווע־רערער". נאָר בײַ אַזאַ לאַגע איז פאַרשטענדלעך, הלמאַי יעדער איז דאָ געווען געניגט צו מאַכן פון זיין קראַנקהייט אַ גאַנצן יש און אַפילו איבערצוטרייבן. מ'האָט אַזוי־אַרום געוואָלט געהערן צו דער אַריסטאָקראַטיע, אָדער על־כל־פנים זיך דערנענטערן צו איר. זען מ'האָט האַנס קאַסטאָרפּן געפרעגט בײַם טיש, וואָס ער מאַכט, האָט ער אויך צוגעלייגט עטלעכע שטריכן מער, וויפל ר'האָט פאַקטיש געהאַט. ר'האָט זיך בשום אופן נישט געקאָנט איינהאַלטן נישט קיין הנאה צו האָבן, בעת מ'האָט אים געדראָט מיט די פינגער, ווי עמעצן, וועלכן מ'האַלט פאַר אַ שטיל וואַסערל. אָבער כאָטש ר'האָט אַ ביסל צוגעלייגט, איז ער נאָך אַלץ געבליבן, אין תוך אַריין, אַ מענטש פון אַ נידעריקער מדרגה. דערפאַר זיינען אַמבעסטן געווען אויבן אָרט זיין געדולד און די צוריקגעהאַלטנקייט.

שדרה־ביינדל פון איר נאַקן־אויסשניט אין דער בלויזע אין ווייגן די אָרעמס, וואָס זיינען פאַרהילט מיט דער דינסטער גאַזע. אויב מיר האָבן פאַרשוויגן, אַז דאָס איז געווען די סיבה, הלמאַי די שעהן זיינען אים אַזוי לייכט אַוועק, איז עס געשען נאָר צוליב דעם, וואָס מיר נעמען אָנטייל און סימפּאַטיזירן מיט דער געוויסנס־אומרויקייט, וואָס האָט זיך אַריינגעמישט אין דער דערשרעקנדיקער פרייד, וועלכע ס'האָבן געבראַכט מיט זיך אָט־די בילדער און זוניגען. יאָ, ס'האָבן זיך צונויפגעבונדן שרעק אין איבערראַשונג, אַ אומבאַגרענעצטע און פולשטענדיק אַוואַנטוריסטישע האָפענונג, וואָס פירט ערגעץ צו אַ אומבאַשטימטן תכלית, פרייד און פחד, וואָס האָבן קיין נאָמען נישט, אָבער פינדערסטוועגן פלעגן זיי טיילמאָל אַזוי צינדפּערסן דעם יונגמאַנס האַרץ (זיין פאַקטיש און קערפּערלעך האַרץ), אַז ער פלעגט איין האַנט אַוועקלייגן אויף דער ברוסט, די אַנדערע אויפהויבן צום שטערן (ער האָט מיט איר פאַרשטעלט די אויגן, ווי מיט אַ שירעם) און שעפּטשען:

— מיין גאָט!

ווייל הינטערן שטערן זיינען געווען געדאַנקען, אָדער האַלבע געדאַנקען, וועלכע האָבן, אייגנטלעך, ערשט צוגעגעבן די בילדער און זוניגען זייער דרייסטע זיסקייט. זיי האָבן געהאַט אַ שייכות צו מאַדאַם שאָשאַס אָפּגעלאָזנקייט און דרייסטקייט, צו איר קרענק, צו דער אַרויסשיילונג אין באַטאָנונג פון איר קערפּער דורך דער קראַנקהייט, אויף וועלכער ער קרענקט איצט אויך, ווי דער דאָקטאָר האַלט. ער האָט דערשפּירט הינטערן שטערן די אַוואַנטוריסטישע פרייהייט, מיט וועלכער פראוי שאָשאַ איז מבטל די געזעלשאַפטלעכע אומבאַקאַנטשאַפט צווישן זיי, בעת זי קוקט זיך אום צו אים און שמייכלט. זי טוט עס אַזוי, גלייך זיי וואָלט בכלל נישט געהערט צו דער געזעלשאַפט און גלייך ס'וואָלט אַפילו נישט נייטיק געווען זיי זאָלן זיך דורכשמועסן... צוליב דעם טאַקע פלעגט ער דערשראָקן ווערן. ער פלעגט דערשראָקן ווערן אַקוראַט אַזוי, ווי בעת ר'איז געשטאַנען מיט יאָאַכימען אין אונטערזוכונגס־צימער און ער האָט אינדערהייך און פאַרשנדיק אויפגעהויבן דעם בליק פון יענעמס קערפּער צו זיינע אויגן. דער חילוק איז בלויז געווען דער, וואָס

אומגעקוקט צו אים איבערן אַקסל און מיט אַ שמייכעלע. ס'איז געווען דאָס אייגענע שמייכעלע, ווי מיט דריי וואָכן צוריק, איידער ר'איז אַוועק צום הויפּראַט. דאָס איז געווען אַזאַ אָפענע און דרייסטע באַוועגונג — דרייסט סיי בנוגע אים אַליין, סיי בנוגע דעם איבעריקן עולם, — אַז ר'האָט אַליין נישט געוואוסט, צי ער זאָל זיין אַנטציקט דערפון, אָדער ר'זאָל עס האַלטן פאַר אַ סימן פון ביטול און האָבן עגמת-נפש. אַלנפאַלס האָט זיין האַרץ זיך צונויפגעקאָרטשעט פון די דאָזיקע בליקן, וועלכע האָבן אינגאַנצן און אויף אַ שרעקלעכן, באַרוישנדיקן אופן אָפּגעלייקנט און אויסגעלאַכט זיך פון דער געזעלשאַפטלעכער אומבאַקאַנטשאַפט צווישן אים און דער קראַנקער. זיין האַרץ האָט זיך צונויפגעקאָרטשעט שוין בשעת די גלאָז-טיר האָט אַ קלונג געטאָן. ווייל ער האָט געוואַרט אויף דער דאָזיקער רגע מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם.

מ'מוז צוגעבן, אַז האַנס קאַסטאָרפּס אינערלעכע באַציִונג צו דער פּאַציענטין פון גוטן רוסן-טיש, די שייכות פון זיינע חושים און פון זיין באַשיידענעם גייסט צו דער מיטלוואוקסיקער, קעצישער פּאַציענטין מיט די קירגיזישע אויגן, בקיצור — זיין פאַרליבטקייט (לאָמיר באַנוצן דאָס וואָרט, כאָטש ס'איז אַ וואָרט פון „אונטן", אַ וואָרט פון פלאַכלאַנד און עס קאָן שאַפן די פאָרשטעלונג, אַז ס'קאָן דערויף חל-זיין דאָס לידל „ווי ס'באַרירט מיך וואונדערלעך") האָט געמאַכט גרויסע פאָרשריטן אין משך פון דער צייט, וואָס ר'איז נישט געזעסן ביים טיש. איר בילד האָט געשוועבט פאַר אים, ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פאַרטאָג און געקוקט, ווי דאָס צימער שיילט זיך ביסלעכווייז אויס פון דער טונקלקייט, אויך אינאָוונט, בעת ער האָט געגלאָצט אין דער געדיכטער פינסטערניש (אויך אין יענעם מאָמענט, ווען סעטעמבריני איז צו אים אַריין און האָט פלוצלונג אָנגעצונדן די עלעקטרע, איז דאָס בילד בולט געשטאַנען פאַר אים און צוליב דעם איז ער אַזוי רויט געוואָרן דערזעענדיק דעם הומאַניסט). אין די איינצלנע שעהן פון צעברעקלטן טאָג האָט ער געטראַכט וועגן איר מויל, אירע באַקן-ביינער, אירע אויגן, וואָס זייער קאָליר, פאָרם, איינשטעל האָבן זיך אים איינגעגעסן אין די ביינער, איר איינגעקאָרטשעטער רוקן, איר האַלטונג פון קאָפּ, דעם

ריידן מיט אים וועגן קלאַודיען. ער האָט זיך בלויז דערלויבט בגנבה צו שמועסן וועגן דעם מיט דער לערערין ביים טיש, רעכטס פון אים. ר'האָט זיך געריצט מיט דער אַלטער פרייילין צוליב איר שוואַכקייט פאַר דער בויגעוודיקער פאַציענטין און גורם געווען, זי זאָל זיך רייטלען. דערביי האָט ער אַליין געמוזט אָנשפּאַרן די גאָמבע, ווי אַמאָל דער זיידע. ער האָט זי אויך געצוואונגען, זי זאָל געוואָר ווערן נייע און אינטערעסאַנטע פּרטים וועגן מאַדאַם שאָשאַס פּערזענלעכע ענינים, וועגן איר אָפּשטאַם, וועגן איר מאַן, עלטער און וועגן איר קראַנקהייט. ער האָט געוואָלט וויסן, צי זי האָט קינדער, — ניין, זי האָט נישט. וואָס וואָלט אַזאַ פרוי ווי זי געטאָן מיט קינדער? מ'האָט איר, מסתמא, שטרענג פאַרווערט צו האָבן אַ קינד. פון דער צווייטער זייט, ווידער: וואָס פאַר אַ קינדער וואָלטן דאָס געווען? האַנס קאַסטאָרפּ האָט געמוזט מסכים זיין. אַחוץ דעם איז שוין, מסתמא, צו־שפּעט דערויף, האָט ער אַרויסגעזאָגט אַ השערה מיט געוואַלדיקער זאַכלעכקייט. טיילמאָל, ווען ער זעט זי אין פּראָפיל, זעט אים אויס מאַדאַם שאָשאַס פּנים שוין כמעט אַ ביסל פאַרשאַרפט. איז זי שוין איבער די דרייסיק? פרייילין ענגלהאַרט האָט געטענהט, אַז בשום־אופן נישט. קלאַודיאַ דרייסיק? אין ערנסטן פאַל איז זי אַלט אַכט־און־צוואַנציק. וואָס ס'איז נוגע דעם פּראָפיל, דערלויבט זי אים נישט צו זאָגן עפּעס אַזוינס. קלאַודיאַס פּראָפיל איז יוגנטלעך־צאַרט און באַטעמט. אמת, דער פּראָפיל איז אַן אינטערעסאַנטער, נישט ווי ביי וועלכער ס'איז געשטאָפּטער גאַנז. פאַר אַ שטראָף האָט פרייילין ענגלהאַרט אין איין אָטעם דערציילט, אַז צו פרוי שאָשאַ קומט אָפט, ווי זי ווייסט, אַ גאַסט, אַ מאַנסביל, אַ רוס, וואָס וואוינט אין „פּלאַץ“. זי נעמט אים אויף נאָכמיטאָג אין איר צימער.

דאָס איז געווען גוט געטראָפן. האַנס קאַסטאָרפּס פּנים האָט זיך פאַרקרימט, כאָטש ער האָט זיך באַמיט מיט אַלע כוחות, מ'זאָל עס נישט דערקענען אין אים. אַפילו די ווערטער „הערט נאָר אַ ביים“ און „זעט נאָר, זעט“, מיט וועלכע ער האָט געפּרוווט רעאַגירן אויף דער ידיעה, זיינען אַרויסגעקומען נישט נאַטירלעך. ר'האָט בשום־אופן נישט געקאָנט נעמען לייכט די מעשה מיט דעם רוס,

דעמאָלט האָט זיין שרעק געשטאַמט פון רחמנות און געטריישאַבט. דאָ איז געווען אין שפּיל אַ גאַנץ אַנדערער עלעמענט.

איצט, הייסט עס, איז דאָס בערגהאָף־לעבן, דאָס אָנגענעמע און אײַנגעטיילטע לעבן אויף דעם ענגן שטח, געגאַנגען מיטן אָנגעצייכנטן וועג. האַנס קאַסטאָרפּ האָט געוואַרט ביז מ׳וועט מאַכן די רענטגען־פּאָטאָגראַפיע. דערווייל האָט ער געטיילט זיין לעבן מיטן וואוילן יאָאַכימען און אַקוראַט זיך געפירט, ווי יענער. די דאָזיקע שכנישאַפט איז מסתמא צונויץ געקומען דעם יונגנמאַן. כאָטש ס׳איז געווען בלויז אַ שכנישאַפט פון אַ קראַנקן, האָט זי געהאַט אין זיך אַ סך מיליטערישע בכבודיקייט. די דאָזיקע בכבודיקייט האָט, וואָס אמת, נישט באַוואוסטזיניק שוין געהאַלטן דערביי, זי זאָל זיך באַפרידיקן מיט דער קור־דינסט. זי איז אויך געוואָרן ווי אַ מין סוראָגאַט פון פלאַכלענדישער דיסציפּלין און אַ באַרוף אויף דערווייל: האַנס קאַסטאָרפּ איז נישט געווען אַזוי נאַריש, ער זאָל עס נישט גענוי באַמערקן. פונדעסטוועגן האָט ער געפילט, אַז זי האָט אַ צוימענדיקע און אײַנהאַלטנדיקע ווירקונג אויף זיין ציוויליסט־געמיט. ס׳קאָן זיין, אַז טאַקע די דאָזיקע שכנישאַפט, איר ביישפּיל און איר השגחה אויף אים האָבן קאַסטאָרפּן אָפּגעהאַלטן פון צו עקסטרעמע שריט און בלינדע פרוון. ווייל ר׳האָט גאַנץ גוט געזען, וואָס דער וואוילער יאָאַכים האָט אויסצושטיין פון דער כוואַליע פּאָמעראַנצן־פּערפום, וואָס שלאָגט אים טאָג־טעגלעך אין פּנים אַריין, און הינטער וועלכער ס׳האָבן זיך באַהאַלטן אַ פּאָר ברוינע אויגן, אַ קליינער רובין, אַ סך אומפאַרשטענדלעכער חשק צום לאַכן און אַ שטאַרק אַנטוויקלטער בוזעם. דער שכל און די ערלעכקייט, מיט וועלכע יאָאַכים האָט אויסגעמיטן און אָפּגעטרעטן פאַר אָט־דעם אײַנפלוס, האָבן געריהרט קאַסטאָרפּן, אים אַליין אויך אַ ביסל געצוימט און נישט צוגעלאָזט דערצו, ער זאָל, אַזוי צו זאָגן, „באָרגן אַ בלייפעדער ביי דער שמאָל־אויגיקער מאַדאַם שאָשאַ. ווען נישט דער דיסציפּלינירטער שכן זיינער, וואָלט ער עס גאַנץ זיכער געווען געטאָן.

יאָאַכים האָט קיינמאָל נישט גערעדט וועגן דער לאַכנדיקער מאַרושיאַ. ממילא האָט אויך האַנס קאַסטאָרפּ שוין נישט געקאָנט.

דערסטוועגן איז ער געווען זייער ווייט אָפּצוהאַקן דערפֿון, נאָר האָט נאָך אַלץ כּסדר אויסגעפֿרעגט זיך וועגן אַלע פּרטים. וואָס איז דאָס פֿאַר אַ בילד: אַ קאָפּ, אָדער ביז צו די קניען. ווען קומען־פֿאָר די זיצונגען? אָבער פֿרײַלין ענגלהאַרט האָט אויך דאָ אם נישט געקאָנט איבערגעבן קיין גענויע פּרטים און אים געטרייסט, אַז זי וועט זיך באַמיען געוואָר צו ווערן נאָך עפּעס וועגן דעם.

נאָך דער דאָזיקער ידיעה האָט דער טערמאָמעטער געוויזן בײַ האַנס קאַסטאָרפּן 37,7. די וויזיטן, וועלכע פֿרוי שאָשאַ גופֿא מאַכט, האָבן אים נאָך מער ווי געטאָן און באַאומרויִקט, ווי די חיזיטן, וועלכע זי נעמט אויף. פֿרוי שאָשאַס פּריוואַט און פּערזענלעך לעבן, ווי אַזעלכעס, אומאָפּהענגיק פֿון דעם אינהאַלט, האָט שוין סײַ־ווי אָנגעהויבן אים ווײ צו טאָן און צו באַאומרויִקן. ווי פֿאַרשאַרפֿט זײַנען געוואָרן דער ווייטאָג און די אומרו, בעת ר׳האָט אָנגעהויבן דערוויסן זיך כּלערליי זאַכן וועגן דעם אינהאַלט פֿון אָט־דעם לעבן. ס׳איז אַפֿילו זייער מעגלעך, אַז די באַציִונגען פֿונם רוסישן גאַסט צו דער רוסין זײַנען געווען גאַנץ ניכטערע און אומשולדיקע. אָבער האַנס קאַסטאָרפּ איז זינט אַ צייט געווען גענייגט צו האַלטן ניכטערקייט און אומשולדיקייט פֿאַר אַ באָבע־מעשה. האָט ער טאַקע זיך נישט געקאָנט גיבר זײַן און לעבן מיט דער אײַנרעדעניש, אַז די מאָלערײַ איז די איינציקע באַציִונג צווישן דעם פֿעסטן אַלמן און דער שמאָל־אויגיקער, קעציִשער יונגער פֿרוי. דער געשמאַק, וועלכן דער הויפֿראַט האָט אַרויסגעוויזן בײַם אויסקלײַבן דעם מאָדעל, איז צו־ענלעך געווען צו זײַן אייגענעם געשמאַק, ער זאָל אין דעם פֿאַל קאָנען גלייבן אין ניכטערקייט. דעם הויפֿראַטס בלויע באַקן און זײַנע רויט־אָדעריקע אַפּערקוועלנדיקע אויגן האָבן נאָך מער אונטערגעגראָבן דעם גלויבן אין זײַן ניכטערקייט.

אין אָט־די טעג האָט ער צופֿעליק און אויף אייגענער אַחריות באַמערקט עפּעס אַזוינס, וואָס האָט אויף אים געווירקט אין אַן אַנדער ריכטונג, כאָטש ס׳איז ווידער געגאַנגען וועגן דער באַשטעטיקונג פֿון זײַן געשמאַק. בײַ דעם טיש, וואָס שטייט אין דער ברייט, און וווּ ס׳זיצט פֿרוי סאַלאָמאָן און דער זויל־פּאָבאַדיקער שילער מיט די ברילן, לינקס פֿון די קוזינען, לעבן דער זײַטיקער־

ווי ר'האָט זיך פריער געוואָלט אײַנריידן, און ר'איז אַליין כסדר צוריקגעקומען אויף דעם שמועס מיט ציטערנדיקע ליפּן. אַ יונגער־מאַן? — לויט אַלעם, וואָס זי האָט געהערט וועגן אים, איז ער אַ יונגער און אַ שיינער — האָט געענטפערט די לערערין, ווייל אַליין האָט זי אים נישט געזען. — קראַנק? — העכסטנס לייבט קראַנק. — לאָמיר האָפן — האָט האַנס קאַסטאָרפּ געזאָגט מיט חזק — אַז מ'וועט ביי אים אַרויס מער וועש, ווי ביי די לאַנדסלייט פון שלעכטן רוסיש. כדי אים נאָך מער צו שטראָפן, האָט די פריילין ענגלהאַרט דערקלערט, אַז זי איז ערוב דערפאַר. דעמאָלט האָט ער מודה געווען, אַז ס'איז אַן ענין, מיט וועלכן מ'דאַרף זיך פאַראינטערעסירן, און זי ערנסט געבעטן, געוואָר צו ווערן, ווער ס'איז דאָס פאַר איינער דער רוס, וועלכער איז ביי איר אַ שטענדיקער אײַנגייער. אָבער אַנשטאָט אים איבערצוגעבן ידיעות וועגן דעם, איז זי אין עטלעכע טעג שפּעטער געוואָר געוואָרן גאָר אַ נייע זאַך.

זי איז געוואָר געוואָרן, אַז מ'מאָלט די מאַדאַם שאָשאַ, מ'מאַכט פון איר אַ פּאָרטרעט און געפרעגט קאַסטאָרפּן, צי ער ווייסט דערפון. אויב נישט, מעג ער זיין זיכער, אַז ס'איז אמת. זי ווייסט עס פון דער זיכערסטער קוועלע. שוין אַ היפּשע צייט, ווי זי איז דאָ פאַר עמעצן אין דער סאַנאַטאָריע אַ מאָדעל פאַר אַ בילד. און פאַר וועמען? — פאַרן הויפראַט! צוליב דעם קומט זי כמעט יעדן טאָג צום הויפראַט בערענס אין דער פּריוואַט־וואוינונג אַריין.

די דאָזיקע ידיעה האָט האַנס קאַסטאָרפּן אויפגערעגט נאָך מער, ווי די פריערדיקע. פון איצט אָן האָט ער נישט אויפגעהערט צו מאַכן פוילע וויצן וועגן דעם. אַזוי, מילא, ס'איז אַ באַקאַנטע זאַך, אַז דער הויפראַט מאָלט אייל־בילדער. וואָס וויל זי, די לערערין, דאָס איז נישט פאַרווערט און יעדער קאָן עס פריי טאָן. אין דעם הויפראַטס בתורישער וואוינונג, העי? מסתּמא זיצט דערביי, לכל־הפּחות, די פריילין פאָן־מילענדאָנק. — יענע האָט, מסתּמא, נישט קיין צייט. — בערענס האָט, מסתּמא, אויך נישט מער צייט פון דער אייבערין — זאָגט האַנס קאַסטאָרפּ שטרענג. אָבער כאָטש ר'האָט אַזוי־אַרום אַרויסגעזאָגט וועגן דעם ענין אַן ענדגילטיקע מיינונג, פּונ־

אים נישט באמערקן. בעת זי איז געווען נאָענט לעבן אים, פלעגט ער אויף איר אָנשטעלן אַ פּאָר דאָרשטיקע אויגן, וואָס זיינען דורך־און־דורך פול געווען מיט טרייער.

אויך די דאָזיקע אַנטדעקונג האָט גאַנץ שטאַרק געווירקט אויף דעם יונגן האַנס קאַסטאָרפּ, כאָטש דעם מאַנהיימערס נעבעכדיקער יצר־הרע צו קוקן אויף דער פרוי האָט אים נישט געקאָנט באַאומרואיקן אויף דעם זעלבן אופן, ווי די פּריוואַטע שייכות צווישן קלאַוודיאַ שאָשאַ און דעם הויפראַט בערענס, אַ מענטש, וואָס שטייגט אים איבער סיי אין יאָרן, סיי מיט דער פּערזענלעכקייט און מיט דער שטעלונג אין לעבן. קלאַוודיאַ האָט זיך פון דעם מאַנהיימער גאָרנישט געמאַכט. ווען זי וואָלט געהאַט צו אים דעם מינדסטן אינטערעס, וואָלט עס האַנס קאַסטאָרפּ מיט זיין אינערלעכער פאַרשאַרפטקייט תיכף באַמערקט. נישט דער דאָרן פון איפערזוכט האָט, הייסט עס, אין דעם פאַל געפּייניקט האַנס קאַסטאָרפּס נשמה. ר׳האָט איצט פאַרזוכט אַלע טעמים פון ליידנשאַפט און באַתישטקייט, בעת זיי דערזעען זיך אַליין אין עמעצן אַנדערש. עס איז אַ מאָדנע געמיש פון עקל און רחמנות. ס׳איז אוממעגלעך דאָ אין אַלץ אַריינצודרינגען און אַלץ צו אַנאַליזירן, אויב מיר ווילן נישט בלייבן שטיין אויף איין אָרט. דאָס, וואָס ער האָט באַמערקט ביים מאַנהיימער, איז אַלנפאַלס געווען איבער די כוחות פון אָרעמען האַנס קאַסטאָרפּ.

אַזוי־אַרום זיינען אַוועק אַכט טעג ביז האַנס קאַסטאָרפּס דורכלייכטונג. ער האָט אַליין נישט געוואוסט, אַז ס׳האָט געדויערט אַזויפיל, אָבער אין איינעם אַ פרימאָרגן האָט ער ביים פרישטיק באַקומען אַ באַפעל פון דער אייבערין (זי האָט שוין אַ נייעם גערשטן. ס׳איז שוין גאַנץ זיכער געווען אַ נייער. דער דאָזיקער אומשולדיקער אָבער מיאוסער פעלער איז, אַפנים, געווען ביי איר אַן איינגעטירענע זאַך), ער זאָל נאָכמיטאָג אַוועק אין דער לאַבאָראַטאָריע. דערפון האָט ער פאַרשטאַנען, אַז ס׳איז אַוועק אַ וואָך. האַנס קאַסטאָרפּ דאַרף זיך צושטעלן צוזאַמען מיט זיין קוזין, אַ האַלבע שעה פאַר דער טיי. ווייל ביי דער געלעגנהייט וועט מען אויך ביי יאָאַכימען מאַכן אַ רענטגען־איפנאַמע. די לעצטע מוז שוין זיין פאַרעלטערט.

גלאָז=טיר, זיצט איינער אַ קראַנקער, וואָס שטאַמט פון מאַנהיים, ווי האַנס קאַסטאָרפּ האָט געהערט. ס'איז אַ מענטש פון אַ יאָר דרייסיק, מיט שיטערע האָר, פאַרפיילטע ציין און מוט אַ שווער לשון: דער אייגענער, וואָס שפּילט טיילמאָל אינאָווענט בײַם צוטיפּקום אויף דעם פּיאַנאָ, ס'רוב — דעם התונה=מאַרש פון „אַ חלום פון אַ זומער=נאַכט“. מ'זאָגט, אַז ר'איז זייער אַ פרומער. דאָס איז, אַגב, גאָרנישט קיין זעלטנקייט צווישן די קראַנקע דאָ אויבן, ווי האַנס קאַסטאָרפּ האָט געהערט זאָגן. מ'זאָגט, אַז ער גייט יעדן זונטאָג אין קירך אַרײַן אונטן אין „פּלאַץ“ און אַז ער לייענט בעת דער ליגקוראַציע פרומע ביכער, ביכער מיט אַ קעלך אָדער מיט אַ פּאַלמען=צווייג אויף די טעוולעך. אָט=דער — האָט האַנס קאַסטאָרפּ איינמאָל באַמערקט — קוקט אויך כסדר אַהין דאָרט, וואו ער. זיין בליק הענגט אין מאַדאַם שאָשאַס בײַגעוודיקער פיגור און דערצו אַזוי פחדנותדיק און צודרינגלעך, אַז ס'דערגייט צו הינטישקייט. נאָכדעם, ווי האַנס קאַסטאָרפּ האָט עס איינמאָל באַמערקט, האָט ער זיך מער נישט געקאָנט אײַנהאַלטן און יעדעס מאָל איבערגעצייגט זיך דערין אויפסניי. ער פלעגט אים זען שטיין אינאָוונט צווישן די געסט אין שפּיל=צימער, אומעטיק און פאַרלוירן קוקן אויף דער ליבער אָבער קרענקלעכער פרוי, וואָס איז אין קליינעם סאַלאָן געזעסן אויף דער סאָפע און גערעדט מיט דער וואָלהאָריקער טאַמאַראַ (אַזוי האָט געהייסן דאָס הומאָריסטישע מיידל), מיט ד"ר בלומענקאָל און מיט דעם שכן פון איר טיש, וואָס האָט אײַנגעפאַלענע באַקן און נאָכהענגענדיקע אַקסלען. האַנס קאַסטאָרפּ האָט געזען, ווי יענער דרייט אַוועק דעם קאָפּ, באַהאַלט זיך אויס, דערנאָך נעמט ער פּאַמעלעך ווידער קוקן אויף הינטערווײַלעכץ מיט זײַטיקע אויגן=אַפּלען און נעבעכדיק=פאַרצויגענער אייבערשטער ליפּ. בעת די גלעזערנע טיר פלעגט צופאַלן און פרוי שאָשאַ האָט זיך צוגעשאַרט צום טיש, פלעגט יענער בלאַס ווערן און זיך נישט אומקוקן. באַלד אָבער פלעגט ער זיך אומקוקן און נעמען גלאָצן גיריק. אַ סך מאָל האָט האַנס קאַסטאָרפּ געזען, ווי דער אומגליקלעכער שטעלט זיך נאָך דער מאָלצײַט אַוועק צווישן גוטן רוסן=טיש און דעם אַרויסגאַנג, כדי פרוי שאָשאַ זאָל פאַרבייגיין לעבן אים. פרוי שאָשאַ פלעגט דורכגיין אין

דינאַווער, די גייענדיקע רעקלאַמע פון דעם אָרט און פון דער סאַנאַטאָריע. באַלד נאָך אים האָט מען אַריינגעלאָזט די היגישע מוטער מיט סאַשען. סיי בעת דער שוועד איז אַריינגעגאַנגען, סיי איצט האָט האַנס קאַסטאָרפּ באַמערקט, אַז אין דורכלויכטונגס-צימער איז האַלבטונקל, דאָס הייסט, — מ'האָט דאָרטן געמאַכט אַ קינסטלעך האַלבליכט, אַקוראַט ווי אין ד"ר קראָקאָווסקיס אַנאַליטישן קאַבינעט. די פענצטער זיינען פאַרהאַנגען, די ליכט פון טאָג — פאַרשטעלט און ס'ברענען דאָרטן עטלעכע עלעקטרישע לאָמפּן. בעת מ'האָט אַריינגעלאָזט סאַשען מיט דער מוטער און האַנס קאַסטאָרפּ האָט זיי נאָכגעקוקט — אַקוראַט דעמאָלט האָט זיך געעפנט די טיר פון קאָרידאָר און ס'איז אַריינגעקומען דער פּאַציענט, וואָס איז באַשטעלט געוואָרן נאָך זיי. צוליב דער פאַרשפּעטיקונג, איז עס געווען צו-פרי. ס'איז געווען מאַדאַם שאָשאַ.

יאָ, קלאַוודיאַ שאָשאַ איז פּלוצלונג אַריינגעפאַלן אַהער אין דעם צימערל. האַנס קאַסטאָרפּ האָט זי דערקאָנט מיט אויפגעריסענע אויגן. דערביי האָט ער בולט געפילט, ווי דאָס בלוט איז אים אַרויס פון פנים און זיין אונטערשטער קין איז אויף איינמאָל געוואָרן אַזוי שוואַך, אַז דאָס מויל האָט זיך שיר נישט געעפנט. זי איז אַריינגעקומען אַזוי אומגעריכט, קלאַוודיאַ שאָשאַ, איידער מ'האָט זיך אומגעקוקט. פּלוצלונג האָט זי זיך געפונען אין דעם קליינעם צימערל צוזאַמען מיט די קוזינען, ווי אַראָפּגעפאַלן פון הימל. יאָאַכים האָט אינדערגיך אַ קוק געטאָן אויף האַנס קאַסטאָרפּן און האָט נישט בלויז אַראָפּגעלאָזט די אויגן, נאָר אַפילו גענומען פון טיש דאָס אילוסטרירטע בלאַט, וואָס ר'האָט שוין געהאַט אַוועקגעלייגט, און דערמיט פאַרשטעלט דאָס פנים. האַנס קאַסטאָרפּ האָט נישט געהאַט גענוג אַנטשלאָסנקייט אים נאָכצוטאָן. באַלד נאָכדעם, ווי ר'איז בלאַס געוואָרן, האָט אים דאָס בלוט צוריק אַ שלאָג געטאָן אין פנים אַריין און זיין האַרץ האָט גענומען קלאַפּן, ווי מיט האַמערס.

פרוי שאָשאַ האָט זיך אַוועקגעזעצט ביי דער טיר פון דער לאַבאָראַטאָריע אויף אַ קיילעכיק קליין שטולכל מיט קורצע אָנלענס, ווי געמאַכט סתם אויף אַ זכר, האָט זיך אָנגעשפּאַרט, לייכט פאַרלייגט איין פוס איבערן אַנדערן און געקוקט פאַר זיך. צוליב דעם

זיי האָבן היינט די גרויסע נאָכמיטאָגדיקע ליג=קוראַציע פאַרקירצט אויף דרייסיק מינוט, זיינען אַקוראַט האַלב פיר „אַ־אָפּ“ מיט די שטיינערנע טרעפּ אין כלומרשטן קעלער אַריין און האָבן זיך ביידע אַוועקגעזעצט אין קליינעם אָפּוואַרט=צימער, וואָס ליגט צווישן דעם אָרדינאַציע=צימער און צווישן דער דורכלויכטונגס=לאַבאָראַטאָריע. פאַר יאָאַכימען איז עס נישט געווען קיין נייעס. ער איז דערפאַר געזעסן אינגאַנצן רויק. האַנס קאַסטאָרפּ איז געווען אַ ביסל געשפּאַנט, ווייל ביז איצט האָט מען נאָך קיינמאָל נישט אַריינגעקוקט אין זיין אינערלעך=אָרגאַניש לעבן. זיי זיינען נישט געווען אַליין. ווען זיי זיינען אַריינגעקומען אין צימער, זיינען שוין געזעסן נאָך אַ סך געסט מיט צעריסענע אילוסטרירטע צייטונגען אויף די קניען און האָבן אויך געוואַרט. ס'איז דאָ געווען אַ ריזיקער יונגער שוועד, וואָס זיצט אין עס=זאַל ביי סעטעמבריניס טיש און וועגן וועלכן מ'דערציילט, אַז בעת ר'איז אָנגעקומען, אין אַפּריל, איז ער געווען אַזוי קראַנק, אַז מ'האָט אים קוים געוואָלט אויפנעמען. איצט האָט ער שוין געהאַט צוגענומען אַכציק פונט און ס'האָט שוין געהאַלטן דערביי, מ'זאָל אים אַהיימשיקן אינגאַנצן אַן אויסגעהיילטן. ס'איז דאָרטן געווען אַ פרוי פון „שלעכטן רוסן=טיש“, אַן אויסגעצערטע מיט איר נאָך אויסגעצערטערן, לאַנג=נאָזיקן און מיאוסן יינגל סאַשאַ. יענע האָבן שוין געוואַרט נאָך פאַר די קוזינען. זיי האָט מען, מסתמא, באַשטעלט אויף אַ פריערדיקער שעה; מ'האָט זיך, אַפּנים, מיט עפּעס פאַרשפּעטיקט אינם דורכלויכטונגס=צימער. מ'וועט שוין צוליב דעם האָבן קאַלטע טיי.

אין דער לאַבאָראַטאָריע האָט מען זיך געפּאָרעט. מ'האָט געהערט דעם הויפּראַטס קול געבן אָנווייזונגען. ס'איז שוין געווען האַלב פיר אַ זייגער אָדער נאָך אַ ביסל שפּעטער, בעת די טיר האָט זיך געעפנט. עס האָט זי געעפנט אַ טעכנישער אַסיסטענט, וואָס האָט דאָ געאַרבעט. איצט האָט מען אַריינגעלאָזט דעם שוועדישן ריז און בר=מזל. דעם פריערדיקן האָט מען, ווייזט אויס, אַרויסגעלאָזן דורך אַן אַנדער אַרויסגאַנג. איצט איז אַלץ צוגעגאַנגען ניכער. אין צען מינוט אַרום האָט מען שוין געהערט אין קאָרידאָר די שטאַרקע טריט פון דעם אַוועקגייענדיקן אינגאַנצן אויסגעהיילטן סקאַנ=

— מיך אויף דריי פערטל אויף פיר. וואָס איז געשען? ס'איז שוין באַלד פיר אַ זייגער. ס'זיינען נאָך דאָרטן אַריין מענטשן, נישט?

— יאָ, צוויי — ענטפערט יאָאַכים. זיי זיינען געווען פאַר אונז אין דער ריי. די אויפנאַמעס האָבן זיך פאַרשפּעטיקט. דאַכט זיך, אַז מיט אַ האַלבער שעה.

— דאָס איז אומאָנגענעם! — זאָגט מאַדאַם שאָשאַ און באַ־טאַפּט נערוועז אירע האָר.

— נישקשה — ענטפערט יאָאַכים. — מיר וואַרטן אויך שוין כּמעט אַ האַלבע שעה.

אַזוי האָבן זיי געשמועסט צווישן זיך און האַנס קאַסטאָרפּ האָט זיך צוגעהערט, ווי אין חלום. דאָס, וואָס יאָאַכים רעדט מיט פראַו שאָשאַ, איז פאַר אים געווען כּמעט דאָס אייגענע, גלייך ווי ער אַליין וואָלט מיט איר גערעדט, כאָטש, צוריקגעשמועסט, איז עס געווען גאָר עפּעס אַנדערש. דער „נישקשה" האָט האַנס קאַס־טאָרפּן פּשוט באַליידיקט, דאָס וואָרט האָט אים אין דעם פאַל אויס־געוויזן חוצפּהדיק און אַלנפאַלס באַליידיקנדיק. אָבער יאָאַכים האָט געמעגט אַזוי — ער האָט בכלל געמעגט ריידן מיט איר. ס'קאָן אפשר זיין, אַז ר'האָט זיך פאַר קאַסטאָרפּן אויסגענומען מיט זיין חוצפּהדיקן „נישקשה" — אַקוראַט ווי ער אַליין האָט זיך גע־בריהט פאַר יאָאַכים אין סעטעמבריני, אויף יענעמס פראַגע, ווי לאַנג ער האָט דאָ בדעה צו בלייבן, געענטפערט בקיצור: דריי וואָכן. כאָטש יאָאַכים האָט געהאַלטן די צייטונג פאַרן פּנים, האָט זי זיך געווענדט צו אים, אַוודאי דערפאַר, ווייל ער איז דאָ מער תושב און זי קען אים לענגער פון זען. אָבער זי האָט עס געטאָן אויך צוליב דעם, ווייל זי האָט מיט אים געקאָנט ריידן לייטיש און העפלעך אין ס'איז צווישן זיי נישט געווען עפּעס ווילדס, טיפס, שרעקלעכס און סודותדיקס. ווען דאָ וואָלט געוואַרט עמעץ מיט ברוינע אויגן, מיט אַ רובין און מיט אַ ריח פון פּאָמעראַנצן־פערפום, וואָלט ער, האַנס קאַסטאָרפּ, געווען דער, וואָס וואָלט גערעדט און זיך פאַרגונען צו זאָגן „נישקשה" — ווייל ר'איז בנוגע איר ריין און אומאָפּהענגיק. אַוודאי אומאָנגע־

באַוואוסטזיין, אַז מ'קוקט אויף זיי, האָבן זיך אירע פּריבּיסלאַוו־אויגן נערוועז אָפּגעקערט אין אַ זייט אין דערפאַר אויסגעזען אַ ביסל שיקל־דיק. זי האָט געטראָגן אַ ווייסן סוועטער, אַ בלוי קלייד און האָט געהאַלטן אויף דער שויס אַ בוך, אַפּנים — אַ באַנד פון דער ליי־ביבליאָטעק. דערביי האָט זי שטיל צוגעקלאַפּט מיט דער זויל פון איר שוך.

אין אַן אַנדערטהאַלבן מינוט האָט זי געביטן איר פּאָזיציע, זיך אומגעקוקט, איז אויפגעשטאַנען מיט אַ מינע, גלייך זי זאָל נישט וויסן, וואָס דאָ טוט זיך און צו וועמען זי דאַרף זיך ווענדן, און — האָט אָנגעהויבן ריידן. זי האָט עפּעס געפרעגט ביי יאָאַכי־מען, כאָטש יענער איז געווען פאַרטיפט אין דער אילוסטרירטער צייטונג און האַנס קאַסטאָרפּ איז געזעסן ליידיק. זי האָט אַרויסגע־לאָזט ווערטער פון מויל און דאָס קול איז געקומען פון ווייסן האַלז. ס'איז געווען דאָס נישט־טיפע, אָנגענעם־צוגעדושעטע, כאָטש אַ ביסל שאַרפע קול, וואָס האַנס קאַסטאָרפּ האָט גוט געקאָנט — געקאָנט זינט לאַנג און איינמאָל עס אַפילו געהערט פון דער נאָענט און דירעקט. ס'איז געווען דעמאָלט, בעת מ'האָט מיטן אייגענעם קול צו אים אַליין אַ זאָג געטאָן: „אַדרבא, אָבער דו זאָלסט זי מיר זיכער צוריקגעבן אין אַ שעה אַרום“. יענע ווערטער זיינען אָבער אַרויס־געזאָגט געוואָרן פליסיקער און זיכערער. איצט האָט ער געהערט אַרויסזאָגן די אייגענע ווערטער פאַמעלעכער און געבראָכן, גלייך ווי זי וואָלט נישט געהאַט קיין נאַטירלעכע רעכט צו די ווערטער, נאָר זיי בלויז אויסגעבאָרגט. האַנס קאַסטאָרפּ האָט דאָס שוין פריער נישט איינמאָל געטראַכט מיט אַ געוויסן שטאָלץ, כאָטש ר'האָט גלייכצייטיק געפילט אַ הכנעהדיקע אַנטציקונג. מיט איין האַנט אין דער קעשענע פון איר וואָלענעם סוועטער און מיט דער אַנדערער אונטערן גרעק — האָט פרוי שאָשאַ אַ פרעג געטאָן:

— אַנטשולדיקט, אויף ווען האָט מען אייך באַשטעלט?

יאָאַכים האָט אינדערגיך אַ קוק געטאָן אויף זיין קוזין און צוזאַמענרוקנדיק די קנאַפּלען, האָט ער זיצנדיקערהייט געענטפערט:

— אויף האַלב פיר.

זי האָט ווייטער געזאָגט:

אַפּילו אָנגעזען די גאַנצע שׂרפה און אויך איר בּרוסט, וואָס איז נישט געווען אַזוי הויך און פול, ווי בּיי מאַרושיאַ, נאָר קליין און מיידלעריש, פון בּיידע זייטן צוזאַמענגעפּרעסט. פּלוצלונג האָט זיך האַנס קאַסטאָרפּ דערמאָנט, אַז זי זיצט דאָ אויך און וואַרט, בּיז מ׳וועט זי דורכלויכטן. דער הויפראַט מאָלט זי. מיט אייל און פאַרב נעמט ער אַראָפּ איר צורה אויף לייוונט. אָבער איצט וועט ער אין דער טונקלקייט קאָנצענטרירן אויף איר אַזעלכע שטראַלן, וואָס וועלן אַנטפּלעקן דאָס אינעווייניקסטע פון איר קערפּער. בּשעת האַנס קאַסטאָרפּ האָט דאָס געטראַכט, האָט ער אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ אין אַ זייט מיט אַ בּכבודיק פינסטערער מינע — ס׳איז געווען אַן אויסדרוק פון דיסקרעציע און מאָראַלישקייט און ס׳האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער איז צוגעפּאַסט צו אָט־די רעיונות זיינע.

דאָס צוזאַמען־זיין זאַלבּעדריט אין דעם וואַרט־צימער האָט נישט געדויערט לאַנג. מיט סאַשען און מיט זיין מוטער האָט מען דאָרטן נישט געמאַכט קיין גרויסע שׂהיות. מ׳איילט זיך צוריק אויס־צוגלייכן די פּאַרשפּעטיקונג. איצט האָט דער טעכניקער מיטן ווייסן קיטל ווידער געעפנט די טיר. יאָאַכים איז אויפגעשטאַנען, אַוועק־געוואָרפן זיין צייטונג אויפן טיש און האַנס קאַסטאָרפּ איז אים נאָכגעגאַנגען צו דער טיר, כאָטש מיט אַ געוויסער קווענקלעניש. כ׳איז אים אַיינגעפאַלן אַ ריטערלעכער געדאַנק, ער זאָל פּאָרט זיך אַיינשטעלן אויף אַ פיינעם אופן עפּעס ריידן צו פרוי שאָשאַ און איר פּאָרלייגן אַריינצוגיין פריער. אפשר אַפילו אויף פראַנצויזיש, ווען ס׳זאָל זיך לאָזן. ער האָט האַסטיק גענומען זוכן ווערטער, כדי צונויפצושטעלן אַ זאַץ. ער האָט אָבער נישט געוואוסט, צי ס׳זיינען דאָ אָנגענומען אַזעלכע העפלעכקייטן, צי די באַשטימטע רייע שטייט נישט אַמאָל איבער יעדער ריטערלעכקייט. יאָאַכים מוז דאָס וויסן. ער האָט אָבער, ווי מ׳זעט, נישט בּדעה אַריינצולאָזן די דאַמע פריער, כאָטש האַנס קאַסטאָרפּ קוקט אים אָן גערירט און דרינגלעך. ממילא גייט ער אים נאָך. בּשעת ער גייט פאַרבּיי מאַדאַם שאָשאַ, גיט זי בּלויז אינדערגיך אַ קוק אַרויף און כאַפּט אַ בּליק דורך דער טיר אין דער לאַבּאָראַטאָריע.

נעם, פריילין — וואָלט ער געזאָגט און אפשר דערביי וואוילעדיש אַרויסגעכאַפּט זיין נאָז־טיכל, כּדי אַריינצושנייצן. — איר מוזט האָבן געדולד. מיר וואַרטן אויך — יאָאַכים וואָלט דעמאָלט געשטוינט, ווי לייכט ער פּטרט עס אָפּ, כאָטש ער וואָלט, מסתּמא, נישט געוואָלט זיין אויף זיין אָרט. ניין, אויך האַנס קאַסטאָרפּ האָט נישט מקנא געווען יאָאַכימען איז דעם פאַל, כאָטש ער האָט גערעדט מיט פרוי שאָשאַ. ער איז צופרידן געווען, וואָס זי האָט זיך געווענדט צו יאָאַכימען. זי האָט זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון דערפון, וואָס זי גייט טאָן און דערמיט אַליין באַוויזן, אַז זי ווייסט, וואָס ס'טוט זיך... זיין האַרץ האָט געקלאַפּט, ווי מיט האַמערס.

יאָ, יאָאַכים האָט די פרוי שאָשאַ באַהאַנדלט קיל. האַנס קאַסטאָרפּ האָט אַפילו אַרויסגעפילט מצד דעם וואוילן יאָאַכימען עפּעס אַזוינס, ווי אַ מין שנאה צו איר. פון דער דאָזיקער שנאה האָט האַנס קאַסטאָרפּ געמוזט שמייכלען, כאָטש ר'איז געווען אַזוי אויפגערעגט. באַלד דערנאָך האָט „קלאַודיאַ“ געפּרוווט אַ גיי טאָן איבערן צימער. אָבער ס'איז געווען צו־ווייניק אָרט דערויף. באין ברירה האָט זי אויך גענומען אַן אילוסטרירט העפט פונם טיש און זיך דערמיט צוריק אַוועקגעזעצט אויף דער שטול מיט די סימנים פון אָגלענס. האַנס קאַסטאָרפּ איז געזעסן און זי אָנגעקוקט, דערביי האָט ער אָנגעלענט די גאָמבע, ווי דער זיידע און טאַקע לעכערלעך געוואָרן צו דעם אַלטן. פרוי שאָשאַ האָט ווידער פאַרלייגט איין פוס איבערן צווייטן און איר קני, אייגנטלעך. די גאַנצע שלאַנקע ליניע פון איר פוס, איז בולט געוואָרן הינטערן בלייען קלייד. זי איז געווען מיטל־וואוקסיק, אַ הויכס, וואָס איז אין האַנס קאַסטאָרפּס אויגן די אָנגענעמסטע און די ריכטיקסטע. אָבער זי האָט געהאַט פּראָפּאָרציאָנעל הויכע פיס און נישט קיין ברייטע היפטן. זי איז נישט געזעסן אָנגעלענט, נאָר איינגעבויגן פאָרויס, די געקרייצטע הענט האָט זי אָנגעשפּאַרט אויף דעם אייבער־שענקל פון דעם אַריבערגעוואָרפענעם פוס. איר רוקן איז געווען פאַרקיילעכדיקט, די אַקסלען — איינגעקאָרטשעט, אַזוי, אַז מ'האָט אַרויסגעזען דאָס נאַקן־ביינדל. אונטער דעם געפּאַסטן סוועטער האָט מען

יאָאַכים האָט אָן שום קונצן זיך גענומען אויסטאָן ביז אין דער העלפט. דער געהילף אין ווייסן קיטל — אַ פעסטער, רויטבאַקיקער בחור פון דער היגער געגנט — האָט געהייסן האַנס קאַסטאָרפן אויך טאָן דאָס אייגענע. דאָס גייט־צו שנעל, באַלד העט זיין די ריי אויף אים... בשעת האַנס קאַסטאָרפּ האָט אויסגעטאָן דאָס וועסטל, איז בערענס אַרויסגעקומען פון דער קליינער אָפּטיילונג, וואו ר'איז געשטאַנען ביז איצט, און איז אַריין אין דער גרעסערער.

— האַללאָ! — האָט ער אַ זאָג געטאָן. — אָט זיינען אונזערע דיאָסקורן! קאַסטאָרפּ און פּאָלוקס*... זענט אַזוי גוט, הערט אויף צו זיפצן! וואַרט נאָר צו, מ'וועט אייך תיכף ביידע דורכקוקן. איך מיין, אַז איר האָט מורא, קאַסטאָרפּ, צו עפענען פאַר אונז אייער אינעווייניקסטן קערפּער? זייט רויק, ס'גייט צו גאַנץ עסטעטיש. איר האָט שוין געזען מיין פּריוואַטע בילדער־גאַלעריע? דערביי האָט ער אָנגענומען קאַסטאָרפּן ביי דער האַנט, אים צוגעפירט צו די שורות טונקעלע גלעזער און האָט הינטער זיי אויפגעדרייט די עלעקטרע. עס איז געוואָרן ליכטיק און אויף די גלעזער האָבן זיך באַוויזן בילדער. האַנס קאַסטאָרפּ האָט דערזען פאַר זיך פאַרשיידענע גלידער: הענט, פיס, קניען, אייבער־ און אונטער־שענקלען, אָרעמס און בעקנס. אָבער די קיילעכיקע לעבנס־פאָרמען פון אָט די טיילן מענטשלעך לייב זיינען געווען סכעמאַטיש און מיט פאַרווישטע קאָנטורן. ווי אַ נעפּל און ווי אַ בלייכע שיין האָבן זיי אַרומגערינגלט זייער קלאָר און פּינקטלעך אָפּגעצייכנטן און בולטן קערן, דעם שקעלעט.

— זייער אינטערעסאַנטע — האָט געזאָגט האַנס קאַסטאָרפּ.

— אַוודאי איז דאָס אינטערעסאַנט! — האָט געענטפערט דער הויפראַט. — דאָס איז אַ נוצלעכע אָנשוילעכע לערע פאַר יונגע לייט. ליכט־אַנאַטאָמיע, פאַרשטייט איר, דער נצחון פון דער נייער

---

* קאַסטאָר און פּאָלוקס—די נעמען פון די דיאָסקורן, ד. ה. מיטאָלאָגישע צווילינגען, זין פון זעוס און לעדאַ.

ר'איז געווען צופיל דורכגענומען פון דעם, וואָס ר'האָט געלאָזט הינטער זיך, פון די געשעענישן אין די לעצטע צען מינוט. ער זאָל געווען קאָנען ביים אַריבערטרעטן די שוועל פון דער לאַבאָראַטאָריע תיכּף איבערבייטן זיין אינעווייניקסטן מצב. אין דעם קינסטלעכן האַלב־ליכט האָט ער גאָרנישט געזען, אָדער געזען בלויז דאָס אַלגעמיינע. ער האָט נאָך אַליין געהערט פרוי שאָשאַס אָנגענעם מאַט קול, ווי זי האָט געזאָגט: „וואָס איז געשען... ס'זיינען נאָך אַריין מענטשן?... דאָס איז אומאָנגענעם....“ דער קלאַנג פון דאָזיקן קול איז אים אַריבער איבערן רוקן, ווי אַ זיסער שוידער. ר'האָט געזען, ווי איר קני צייכנט זיך אָפּ אונטערן קלייד, האָט געזען דעם נאַקן־ביינדל אונטער איר געבויגענעם קאַרק, איבער וועלכן אירע קורצע רויטלעכע האָר העגען צעפלאָסענע און נישט פאַרפלאָכטענע אינם גרעק. און אַ צווייט מאָל איז אים דורכגעלאָפן דער שוידער. הויפראַט בערענס איז דאָ געשטאַנען אויסגעדרייט פון דער טיר, פאַר אַ שאַנק אָדער פּאָליצע און האָט באַטראַכט אַ שוואַרצלעכע קלישע, וועלכע ר'האָט געהאַלטן מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט קעגן דער מאַטער שיין פון סופיט. זיי זיינען אים פאַרבייגעגאַנגען, אַריין טיפער אין צימער און דער געהילף האָט זיך גענומען גרייטן צו דער אויפנאַמע. ס'האָט זיך דאָ געשפּירט אַ מאָדנער ריח. די לופט איז פול געווען מיט אַ מין אָפּגעשטאַנענעם אָזאָן*. צווישן ביידע שוואַרץ־פאַרהאַנגענע פענסטער האָט אַ ווענטל אָפּגעטיילט די לאַבאָראַטאָריע אויף צוויי נישט גלייכע העלפטן. ס'זיינען דאָ געווען פיזיקאַלישע אַפּאַראַטן, רעדלעך, אַ רעגוליר־טאָוול, אַרויסשטאַרצנדיקע מעסט־אינסטרומענטן און אויך אַ קאַסטן, אַ מין קאַמערע, אויפגעשטעלט אויף אַ געשטעל מיט רעדלעך. ס'זיינען דאָ אויך געווען גלעזערנע דיאַפּאָזיטיוון, וואָס זיינען געווען שורותווייז אַריינגעזעצט אין דער וואַנט. מ'האָט אַליין נישט געוואוסט, צי געפינט מען זיך אין אַ פאָטאָגראַפישן אַטעליע, אין אַ טונקל קאַמער, אָדער — אין אַ ערפינדערישן וואַרשטאַט און אין אַ וואונדערלעכער לאַבאָראַטאָריע.

---

* אַ מאָדיפיקאַציע פון זויערשטאָף, וואָס אַנטשטייט בעת ס'שטראָמט עלעקטריציטעט אין דער אַטמאָספערישער לופט און האָט אַ שטאַרקן ריח.

ליכט=אויפשײַנען האָבן אויפגעהערט און יאָאַכים האָט מיט אַ זיפץ אַרויסגעלאָזט דעם אָטעם. ס'איז געווען נאָך אַלעמען.

— דער צווייטער דעלינקווענט!* — האָט בערענס געזאָגט און האַנס קאַסטאָרפּן אַ שטױס געטאָן מיטן עלנבויגן. — דער עיקר נישט מאַכן קיין אָנשטעל, אַז איר זענט אויסגעמאַטערט! איר וועט קריגן אַן עקזעמפּלאַר בחינם, קאַסטאָרפּ. דערנאָך וועט איר קאָנען פאַר קינדער און קינדס=קינדער פּראָיִצירן אויף דער וואַנט די סודות פון אײַער ברוסט.

יאָאַכים איז אָפּגעטרעטן. דער טעכניקער טוישט די קלישע. הויפראַט בערענס ווײַזט פּערזענלעך קאַסטאָרפּן, ווי אַזוי ער דאַרף זיך זעצן און ווי אַזוי זיך צו האַלטן. אַרומנעמען! — זאָגט ער — אַרומגענומען דאָס ברעט! איר קאָנט אײַך, מײַנסטאַלבן, פאָרשטעלן, אַז איר נעמט אַרום עפּעס אַנדערש! און גוט צודריקן די ברוסט, גלײַך מי=יודע, וואָס פאַר אַ תענוג דאָס איז. גוט אַזוי! אײַנ=אָטעמען! אײַנהאַלטן דעם אָטעם! — קאָמאַנדירט ער. — מאַכט אַ פרײַנדלעך פּנים! האַנס קאַסטאָרפּ בלינצלט מיט די אויגן און וואַרט, מיט אַ פולער לונג לופט. הינטער אים ברעכט אויס דער שטורעם, ס'קנאַקט, ס'זעצט, ס'קנאַלט און ס'ווערט שטיל. דער אָביעקטיוו האָט אים שוין געזען פון אינעווייניק.

האַנס קאַסטאָרפּ האָט זיך אויפגעהויבן צעמישט און באַטויבט פון דעם, וואָס ס'איז געשען מיט אים, הגם ער האָט לחלוטין נישט געפילט די דורכרײַסונג פון די שטראַלן. פײַן — זאָגט דער הויפּ=ראַט — איצט וועלן מיר אַליין געבן אַ קוק. יאָאַכים — אַ באַ=האַוונטער — איז שוין געהאַט אַוועק ווײַטער, נעענטער צו דער אַרויסגאַנג=טיר און זיך דאָרטן אַוועקגעשטעלט בײַ אַ סטאַטיוו, מיטן רוקן צו דעם ברייטן, אויפגעשאָסענעם אַפּאַראַט. אויף אָט=דעם אַפּאַ=ראַט איז געשטאַנען אַ גלעזערנע קײל האַלב אָנגעגאָסן מיט וואַסער און פאַראײַניקט מיט אַ אויסדאַמפונג=רער. פאַר אים, אין דער הויך פון דער ברוסט — אַן עקראַן אין אַ ראַם, וואָס הענגט אויף רעדלעך. לינקס, צווישן דעם רעגוליר=טאָוול און דעם אינסטרומענטאַריום איז

---

* פאַרברעכער, רשע.

צייט. דאָס איז אַ פֿרויען־אָרעם. איר קאָנט עס דערקענען לויט דער געטאָקטקייט. דערמיט נעמען זיי אַרום אין דער הייסער מינוט, פֿאַרשטייט איר. און ער האָט זיך צעלאַכט. דערביי האָט זיך זיין אייבערשטע ליפּ מיט דער צוגעשוירענער וואָנצע קרומלעך פֿאַרהויבן. די בילדער זיינען פֿאַרלאָשן געוואָרן. האַנס קאַסטאָרפּ האָט זיך אויסגעדרייט צו דער זייט, וואו מ'האָט צוגעגרייט יאָאַכימס אויפֿנאַמע.

ס'איז פֿאָרגעקומען פֿאַר יענעם ווענטל, הינטער וועלכן ס'איז אינאָנהייב געשטאַנען דער הויפּראַט בערענס. יאָאַכים האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ מין שוסטער־בענקעלע הינטער אַ ברעט, צו וועלכן ער האָט צוגעדריקט די ברוסט. ער האָט עס אויך אַרומגענומען מיט די אָרעמס. דער געהילף האָט פֿאַרבעסערט זיין פּאָזיציע, אים געקנעטן, אַרויסגעקוועטשט זיינע אַקסלען פֿאָרויס און מאַסירט זיינע פּלייצעס. דערנאָך איז ער אַוועק הינטער דער קאַמעראַ און האָט, ווי יעדער פֿאָטאָגראַף, אויסגעשפּרייט די פֿיס, זיך איינגעבויגן, אויסגעפּרוווט די פּערספּעקטיוו. צום סוף האָט ער געזאָגט, אַז ס'איז גוט, איז אַוועק אין אַ זייט, דערמאָנט יאָאַכימען, ער זאָל טיף איינעטעמען און האַלטן אין זיך די לופֿט, ביז די אויפֿנאַמע וועט זיך ענדיקן. יאָאַכימס אויסגעבויגענער רוקן האָט זיך צעשפּאַרט און געבליבן פֿאַרגליווערט. אין דער רגע האָט דער געהילף געטאָן אַ דריי אויף דעם רעגוליר־טאָוול. צוויי סעקונדן לאַנג האָבן געווירקט די געוואַלדיקע קרעפֿטן, וואָס האָבן געדאַרפֿט דורכדרינגען דעם קערפּער, שטראָמען פֿון טויזנטער וואָלט, פֿון הונדערט טויזנט. האַנס קאַסטאָרפּ האָט נאָך עפּעס געדענקט. גלייך נאָכדעם, ווי דער צוועק איז געווען דערגרייכט, האָבן די געוואַלדיקע כּוחות זיך גענומען אַרויסרייסן אויף אַ זייטיקן וועג. אויסלאָדונגען האָבן גענומען קנאַלן, ווי שאָסן, אַרום מעסט־אַפּאַראַט האָט אַ שימער געטאָן אַ בלוי פֿייערל. לאַנגע בליצן זיינען דורכגעלאָפֿן מיט אַ קנאַקעריי לענגאויס די ווענט. ערגעץ האָט אויפֿגעשיינט אַ רויט פֿייערל, ענלעך צו אַן אויג, אַ שטילס און אַ דראָענדיקס. הינטער יאָאַכימס רוקן האָט זיך אַ בייכיק פֿלעשל מיט אַ לאַנגן האַלז אָנגעפֿילט מיט אַ גרינער פֿליסיקייט. דערנאָך איז אַלץ איינגעשטילט געוואָרן. די

ערגעץ גיט אַ קנאַק אַ בליץ. פון דער טונקלקייט טרעט־אַרויס דער בלייכער קוואַדראַט פון עקראַן, פאַמעלעך, מיט אַ מילכיקער שיין, ווי אַ פענסטער, וואָס לייכט־אויף. לעבן דעם עקראַן זיצט דער הויפראַט בערענס, רייטנדיק אויף דעם שוסטער־בענקל, די פיס ברייט צעשטעלט, אָנגעשפּאַרט מיט די פויסטן, די טעמפּע נאָז איז געווען האַרט צוגערוקט צו דער שויב, דורך וועלכער מ'האָט געזען דאָס אָרגאַנישע אינעווייניקסטע פון אַ מענטש.

— איר זעט, בתורל? — האָט ער געפרעגט. האַנס קאַסטאָרפּ האָט זיך איבערגעבויגן איבער זיין אַקסל, אָבער דערביי האָט ער נאָך איין מאָל אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אַ קוק געטאָן אַהין, וואו ס'האָבן זיך, לויט זיין השערה, געפונען יאָאַכימס אויגן, וועלכע קוקן אַוודאי מילד און טרויעריק, ווי דעמאָלט בעת דער אונטערזוכונג. ער האָט געפרעגט:

— וועסט דאָך דערלויבן?

— אַדרבא — האָט יאָאַכים אָפּגעענטפערט העפלעך פון דער חשכות. און ביי דער ציטערניש פון דיל, ביים קנאַקן און טומלען פון די צעשפּילטע כוחות, האָט יאָאַכים זיך צוגעבויגן צום בלייכן פענסטער און איינגעקוקט זיך אין האַנס קאַסטאָרפּס שקעלעט. דער ברוסט־ביין מיט דער שדרה האָבן געוויזן איבער עקראַן איין טונקעלן, ביינדלדיקן זייל. די פאָדערשטע ריפּן זיינען הינטערגעשניטן געווען דורך די הינטערשטע, וואָס זיינען בלויז געווען בלאַסערע. אין ביידע זייטן האָבן זיך אָפּגעצווייגט ביידע שליסל־ביינער און אין דעם ווייכן ליכט־נעפּל פון פלייש זיינען אַרויסגעטרעטן שאַרף און בולט די אַקסל־ביינער און די אָנהייבן פון יאָאַכימס אָרעם־ביינער. אין דער ברוסט איז געווען העל, אָבער מ'האָט פונדעסטוועגן געזען צייכנס, טונקעלע פלעקן, אַ שוואַרצלעך געקרייזל.

— אַ קלאָר בילד — האָט דער הויפראַט געזאָגט — דאָס איז די אָנשטענדיקע מאָגערקייט, די מיליטערישע יוגנט. איך האָב שוין דאָ געהאַט גרויסע ביינער — אומדורכדרינגלעכע, כמעט נישט צום דערקענען. די שטראַלן, וואָס גייען דורך, דורך אַזעלכע שיכטן פעטס, דאַרף מען ערשט אַנטדעקן... אָבער דאָ האָט מען אַ ריין

געהאַנגען אַ רויטער לאָמפּ. דער הויפּראַט איז געזעסן רייטנדיק אויף אַ בענקל פאַר דעם הענגענדיקן עקראַן און האָט אָנגעצונדן דעם לאָמפּ. די שיין פון די סופיט־לאָמפּן איז פאַרלאָשן געוואָרן, בלויז דאָס ריבין־ליכט האָט באַלויכטן די סצענע. דערנאָך האָט הויפּראַט בערענס אויך אָט־דאָס ליכט פאַרדרייט אינדערהיג און די לאַבאָראַטאָריע איז פול געוואָרן מיט געדיכטער פינסטערניש.

— איצט מוזן זיך די אויגן צוגעוויינען — האָט מען געהערט אין דער פינסטער זאָגן דעם הויפּראַט — מיר מוזן איצט קריגן גרויסע שוואַרצאַפּלען, ווי ביי קעץ, כדי צו דערזען דאָס, וואָס מיר דאַרפן אָנקוקן. איר פאַרשטייט, מסתמא, אַז מיר קאָנען עס נישט אָנקוקן גאַנץ פּשוט, מיט אונזערע געוויינלעכע אויגן פון אַ גאַנץ יאָר. צו דעם דאַרפן מיר קודם־כּל זיך אַרויסשלאָגן פון קאָפּ דעם העלן טאָג מיט זיינע ליבלעכע בילדער.

— פאַרשטייט זיך — האָט זיך אָנגערופן האַנס קאַסטאָרפּ, וואָס איז געשטאַנען הינטער דעם הויפּראַטס אַקסלען. דערביי האָט ער פאַרמאַכט די אויגן, ווייל ס'איז סוף־כּל־סוף אַלץ איינס געווען, צי מ'האַלט זיי אָפן אָדער נישט, אַזוי שוואַרץ איז געווען די חשכות. — קודם־כּל דאַרפן מיר דורכשווענקען די אויגן מיט אַ ביסל פינסטערניש, כדי מ'זאָל קאָנען עפּעס אַזוינס דערזען. דאָס איז דאָך קלאָר. כ'האַלט אַפילו, אַז מיר טוען גוט און ריכטיק, וואָס מיר שטייען איצט, אַזוי צו זאָגן, ווי בעת אַ שטילער תּפילה. איך שטיי איצט און האַלט די אויגן צוגעמאַכט, כ'פיל אַ זיסע שלעפעריקייט. אָבער מיט וואָס שמעקט עס דאָ אַזוי?

— מיט זויער־שטאָף — זאָגט דער הויפּראַט. דאָס, וואָס איר שפירט איצט אין דער לופט, איז אָקסיגען. אַן אַטמאָספערישער פּראָדוקט פון אַ שטורעם אין שטוב, פאַרשטייט איר מיך... עפענען די אויגן! — גיט ער אַ זאָג. — איצט הייבט זיך אָן דער כּישוף! האַנס קאַסטאָרפּ טוט אינדערהיג, וואָס מ'הייסט אים. מ'הערט, ווי מ'לייגט־אים אַ שטאַנג. אַ מאָטאָר שפּרינגט אויף אינדערהייך און נעמט זשומען מיט רוגזה. באַלד אָבער ווערט ער מיט אַ דריי געצוימט. דער דיל נעמט ציטערן. דאָס רויטע ליכטל, אַ לענגלעכס און אַ גלייכס, קוקט אַהער מיט אַ שטילער דראָענישן.

געקרייזל אינם ברוסט-קאַסטן. דערביי איז קאַסטאָרף נישט מיד געוואָרן און אַלץ כסדר באַטראַכט יאָאַכימס ביינער און דעם שקעלעט, אָט די הוילע עצמות און דעם טרוקענעם מעמענטאָ*. ר'איז פול געוואָרן מיט פרומקייט און שרעק. — יאָ, יאָ, איך זע — האָט ער כסדר איבערגעחזרט. — מיין גאָט, איך זע! ער האָט אַמאָל געהערט וועגן אַ פרוי, אַ לאַנג געשטאָרבענע קרובה פון טינאַפעלס צד. מ'האָט וועגן איר דערציילט, אַז זי איז באַשאָנקען געווען אָדער באַשטראָפט געווען מיט אַ מוראדקער פעיקייט צו זען מענטשן, וואָס האָבן געהאַלטן נאָענט צום שטאַרבן, ווי שקעלעטן. זי האָט דעם דאָזיקן גורל געטראָגן מיט הכנעה. אַקוראַט אַזוי האָט איצט האַנס קאַסטאָרפ געזען יאָאַכימען, כאָטש מיט דער הילף און צוגרייטונג פון דער פיזיקאַליש-אָפּטישער וויסנשאַפט, אַזוי, אַז דאָס האָט נישט געהאַט קיין שום שלעכטן באַטייט. אַלץ איז אין דעם פאַל צוגעגאַנגען אינגאַנצן ריין. ער האָט אַפילו פריער זיך אָנגעפרעגט ביי יאָאַכימען. פונדעסטוועגן האָט ער צוליב דעם אָנגעהייבן צו פאַרשטיין די מרה-שחורה פון יענער זעערישער מומען. ר'איז געווען אַזוי שטאַרק דורכגענומען דערפון, וואָס ער זעט, אָדער, אייגנטלעך, דערפון, וואָס ער זעט דאָס, אַז ר'האָט דערשפּירט, ווי זיין געמיט ווערט באַפאַלן פון סודותדיקע ספקות: צי טוען זיך דאָ אָפּ ריינע זאַכן? צי מעג ער אַריינקוקן אין דער צעהוזשעטער, קנאַקנדיקער חשכות? דער יצר-הרע צו זען פאַרבאָרגענע זאַכן האָט זיך אין זיין ברוסט אויסגעמישט מיט געפילן פון גערעכטיקייט און פרומקייט.

אָבער אין עטלעכע מינוט אַרום איז ער אַליין געשטאַנען אונטערן „שאַנד-סלופּ“ און אַרום אים האָט געשטורעמט. יאָאַכים האָט זיך דערביי אָנגעטאָן און זיין גוף איז שוין צוריק געווען פאַרשלאָסן. איצט האָט דער הויפראַט ווידער זיך איינגעקוקט אין דער מילכיקער שויב, דאָסמאָל האָט ער געזען קאַסטאָרפס אינעווייניקסטס. פון דעם הויפראַטס האַלב-הויכע אויסדריקן, פון זיינע אָפּגעריסענע זידלערייען און געמרוקעטע דיבורים האָט מען געקאָנט אַרויסדרינגען,

* מעמענטאָ מאָרי (לאַטייניש) = דערמאָנונג אָן טויט.

שטיקל אַרבעט. איר זעט די דיאַפראַגמע?* — זאָגט ער און ווייזט מיט דעם פינגער אויף דעם טונקעלן בויגן, וואָס הייבט זיך אין פֿאַלט צוריק אַראָפּ אונטן אויפן עקראַן... איר זעט די האָרבן דאָ לינקס, די בערגלעך? דאָס איז די אַנטצינדונג פון דער ריפּן־הויט, וועלכע ער האָט געהאַט צו פופצן יאָר. טיף אָטעמען! — קאָמאַנדעוועט ער — טיפער! איך זאָג — טיף! און יאָאַכימס דיאַפראַגמע נעמט זיך הייבן, ציטערנדיק אַזוי הויך, ווי זי קאָן נאָר. אין די אייבערשטע לונגען־טיילן ווערט העלער, אָבער דער הויפראַט איז, אַפנים, נישט צופרידן. צו־ווייניק! — זאָגט ער. — איר זעט די הילוס־דריזן? איר זעט די פאַרוואַקסונגען? איר זעט דאָ די קאַווערנעס? פונדאַנען קומען די גיפטן, וואָס פאַרסמען אים. אָבער האַנס קאַסטאָרפּ האָט זיך דערווייל פאַרקוקט אויף עפּעס אַ מין זעקל, עפּעס חידוש־אומגעלומפּערטס, וואָס האָט זיך געזען, ווי אַ טונקעלער פלעק הינטער דעם מיטל־שטאַם; ס'רוב דערפון איז געווען אין דער רעכטער זייט פונם צוקוקער. עס האָט זיך כּסדר אויסגעצויגן און צוריק איינגעקאָרטשעט, אַ ביסל אַזוי, ווי אַ שווימענדיקע מעדוזע**.

— איר זעט זיין האַרץ? — האָט געפרעגט דער הויפראַט, ווידער אַראָפּנעמענדיק זיין ריזיקע האַנט פון שענקל און ווייזנדיק מיט זיין וויַיז־פינגער אויף דעם פולסירנדיקן שאָטן... גרויסער גאָט, דאָס, וואָס האַנס קאַסטאָרפּ האָט געזען, איז געווען דאָס האַרץ, יאָאַכימס וואויל האַרץ.

— איך זע דיין האַרץ — האָט ער געזאָגט מיט אַ צוגעדושעט קול.

— אַדרבא — האָט יאָאַכים ווידער געענטפערט און ר'האָט, מסתמא, דערביי צוגעשמייכלט אין דער פינסטער. אָבער דער הויפראַט האָט זיי געהייסן שווייגן און נישט ריידן וועגן זייערע איינדרוקן. ער האָט שטודירט די פלעקן און ליניעס, דאָס שוואַרצע

* די דיקע הויט, וואָס איז געשפּאַנט צווישן לונגען און בויך.
** אַ באַשעפעניש אין אַ שדרה, ביי וועלכן די גלידער זיינען פונאַנדערגעטיילט אַרום אַ צענטראַלער אַקס.

דיק דערביי, אַז זיי זיינען אין די ענינים נישט קיין פאַכמענער. וואָס ס'איז נוגע האַנס קאַסטאָרפּן ספּעציעל, באַשטעטיקן די אָפּטי־שע רעזולטאַטן אַזוי געננוי די אַקוסטישע, אַז ס'איז באמת אַ כבוד פאַר דער ווויסנשאַפט. מ'האָט געזען סיי די אַלטע ערטער, סיי די פרישע, פון די בראָנכיעס האָבן זיך אויסגעצויגן „שנירלעך" וויט אין די לונגען אַריין. „שטענגלעך מיט קניפּלעך". האַנס קאַסטאָרפּ וועט עס קאָנען אַליין קאָנטראָלירן אויף דעם דיאַפּאָזאַטיוו־בילדל, פון וועלכן ער וועט קריגן, ווי מ'האָט שוין געזאָגט, אַן עקזעמפּלאַר. דער עיקר — רו, געדולד, דיסציפּלין, מעסטן, עסן, ליגן, אָפּוואַרטן און טרינקען טיי. ער דרייט זיך צו זיי אוים מיטן רוקן. זיי גייען אַרוים. האַנס קאַסטאָרפּ, וואָס גייט הינטער יאָאַכימען, דרייט אים דעם קאָפּ אויף הינטן. דער טעכניקער עפנט די טיר אין אין דער לאַבאָראַטאָריע גייט אַריין פרוי שאָשאַ.

פ ר י י ה י י ט

ווי האָט עס, אייגנטלעך, אויסגעוויזן דעם יונגן האַנס קאַס־טאָרפּ? צי בערך אַזוי, גלייך די זיבן וואָכן, וועלכע ער האָט שוין פאַקטיש און אָן שום ספק פאַרברענגט דאָ אויבן, וואָלטן נאָר גע־ווען זיבן טעג? אָדער ס'האָט זיך אים, להיפוך, אויסגעדאַכט, אַז ער לעבט שוין דאָ אויף דעם אָרט אַ סך לענגער, וויפל ר'איז פאַקטיש דאָ געווען? ער האָט זיך עס אַליין געפרעגט, אינעווייניק ביי זיך, ר'האָט עס אויך געפרעגט יאָאַכימען, ר'האָט אָבער נישט געקאָנט קומען צו קיין קלאָרער תשובה. פאַקטיש זיינען ביידע פאַלן געווען אמת: ווען ער האָט גענומען צוריקקוקן אויף דער צייט, וואָס ער האָט דאָ פאַרברענגט, האָט זי אים אויסגעוויזן אי נישט געוויינ־לעך קורץ, אין נישט־געוויינלעך לאַנג. זי האָט אים בלויז נישט אויסגעזען אַזוי, ווי זי איז פאַקטיש געווען. דערביי דאַרף מען אָנ־נעמען, אַז צייט איז נאַטור בכלל און אַז מ'קאָן פאַרבינדן מיטן באַ־גריף פון צייט דעם באַגריף פוןווירקלעכקייט.

אַלנפאַלס איז שוין דער אָקטאָבער געשטאַנען אויף דער שוועל, יעדן טאָג האָט ער געקאָנט אַריינקומען. האַנס קאַסטאָרפּן איז

אַז אַלץ ווייזט אַזוי, ווי ר'האָט פאָראויסגעזאָגט. ער איז אַפילו גע־ווען אויך אַזוי ווייט העפלעך און דערלויבט, אַז קאַסטאָרפּ זאָל אָנ־קוקן זיין אייגענע האַנט אויפן עקראַן. קאַסטאָרפּ האָט שטאַרק געבעטן דעריף. און האַנס קאַסטאָרפּ האָט געזען דאָס, וואָס ר'האָט זיך געדאַרפט ריכטן צו זען, כאָטש בדרך־הטבע קאָן עס דער מענטש קיינמאָל נישט זען און ס'איז אים קיינמאָל נישט איינגעפאַלן, אַז ס'וועט אים באַשערט זיין דאָס צו זען: ר'האָט געזען זיינע אייגענע עצמות. די צעפאַלונג, וואָס דאַרף ערשט געשען אַמאָל, האָט ער געזען שוין איצט פאָרויס, דורך דער קראַפט פון ליכט: דאָס לייב, וואָס ער טראָגט אויף זיך, איז צעפאַלן, צעשטערט, צערונען אין אַ נישטיקן נעפּל און אינעווייניק האָט געשטעקט דער קליינער, געטאָקטער שקעלעט פון זיין רעכטער האַנט. אַרום דעם אייבערשטן גליד פון זיין רינג־פינגער איז שוואַרץ און לויז אַרומגעשוואומען דער חתימה־רינג, וואָס ר'האָט געירשנט פון זיידן: אַ האַרטע זאַך פון דער־וועלט, מיט וועלכן דער מענטש באַצירט זיין לייב. דאָס דאָזיקע לייב ווערט אָבער מיט דער צייט צערונען און דער רינג גייט איבער אויף אַ שטיקל צייט צו אַן אַנדער לייב. מיט די דורכנעמענדיקע, פאָראויסזעענדיקע אויגן פון יענער מומע מצד די טינאַפּעלס האָט ער דערזען אַ באַקאַנטן טייל פון זיין קערפּער און צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן טיף דערפילט, אַז ער וועט שטאַרבן. אַ מינע האָט ער דערביי געמאַכט, ווי בעת ער פלעגט הערן מוזיק — אַ נאַרישוואַטע, שלעפעריק און פרום פּנים, דאָס מויל האַלב געעפנט און דער קאָפּ אויסגעבויגן צום אַקסל צו. דער הויפראַט האָט געזאָגט:

— געשפענסטיש, וואָס? יאָ, ס'לאָזט זיך נישט אָפּלייקענען, עפּעס געשפענסטיש איז דאָ פאַראַן.

באַלד דערנאָך האָט ער אַ פאַרהאַלט געטאָן די צעווישעטע כּוחות. דער דיל האָט אויפגעהערט ציטערן, די ליכט־אויסשיינונגען זיינען פאַרשוואונדן, דאָס מאַגישע פענסטער איז ווידער פאַרטונקלט געוואָרן. די לאָמפּן אויפן סופיט זיינען אָנגעצונדן געוואָרן.. בשעת האַנס קאַסטאָרפּ האָט זיך אינדערגיך אָנגעטאָן, האָט בערענס איבערגעגעבן די יונגלייט אַ טייל פון זיינע באַאָבאַכטונגען, געדענקענ־

האַלט, אַז ס'איז טאַקע אַ פֿאַרווײלונגס־אָרט און דערצו נאָך אין דעם צווייפֿלהאַפֿטיקסטן באַטייט פֿון וואָרט! „אָפּגענאַרט“, זאָגט אָט־די פֿרוי, „אויף דער דאַטשע נאַרט דאָס לעבן אָפּ“. פּרוּווט זי נאָר אַרויסלאָזן אויפֿן פֿלאַכלאַנד, וועט זי אָן שום ספק אַליין טאָן דערצו, זי זאָל וואָס גיכער קאָנען צוריק אַרויפֿקומען אַהער. אַך יאָ, די איראָניע! היט אײַך פֿאַר דער איראָניע, וואָס וואַקסט אַרויס פֿונדאַנען, אינזשעניער! היט אײַך בכלל פֿון אָט־דעם גײַסטיקן מצב! דאָרטן, וואו די איראָניע איז נישט קיין דירעקט און קלאַסיש מיטל פֿון דער רעטאָריק, און ממילא אויף קיין איין רגע נישט אומפֿאַרשטענדלעך פֿאַר געזונטן חוש — דאָרטן ווערט זי צעלאָזן, ווערט אַ מניעה פֿאַר דער ציוויליזאַציע, אַ נישט־ריינער פֿלירט מיט דער אָפּגעשטאַנענקייט, מיט דער גייסטלאָזיקייט און מיט די שלעכטע מידות. היות די אַטמאָספֿער, אין וועלכן מיר לעבן, איז, אַפּנים, שטאַרק פּאַסיק פֿאַר דעם איפּבליען פֿון אָט־דעם בלאָטע־געוויקס, — קאָן איך האָפֿן, אָדער בעסער געזאָגט: מורא האָבן, אַז איר פֿאַרשטייט מיך.

דעם איטאַליענערס ווערטער זיינען באמת געווען אַזעלכע, וואָס וואָלטן האַנס קאַסטאָרפּן ערשט מיט זיבן וואָכן צוריק, אונטן, אויסגעוויזן זיך פֿאַר הוילע רייד. איצט אָבער, נאָך די זיבן וואָכן, דאָ איבן, איז האַנס קאַסטאָרפּ גייסטיק שוין בכוח געווען זיי „אויפֿצונעמען“. מיר זאָגן „אויפֿנעמען“ אין זין פֿון אינטעלעקטועלן פֿאַרשטיין; נישט אין זין פֿון סימפּאַטיע. אָט דאָס איז אַ סך מער. ווייל כאָטש ר'איז אין תוך פֿון זיין נשמה צופֿרידן געווען, וואָס סעטעמבריני רעדט ווייטער צו אים, נישט געקוקט אויף אַלעמען, וואָס ס'איז געשען, לערנט אים, וואָרנט אים און פּרוּווט אים באַאיינפֿלוסן, — האָט ער פֿונדעסטוועגן אַזוי ווייט פֿאַרשטאַנען דעם ענין, אַז ער האָט קריטיקירט זיינע ווערטער און זיך נישט געאיילט מסכים צו זיין אויף זיי; אַלנפֿאַלס, ביז צו אַ געוויסער מאָס גיט נאָר אַ קוק, — האָט ער געטראַכט — ער רעדט וועגן איראָניע, אַקוראַט, ווי וועגן מוזיק. ס'פֿעלט בלויז, ער זאָל זי אָנרופֿן „פּאָליטיש פֿאַרדעכטיק“, דאָס הייסט — פֿון דעם מאָמענט אָן, ווען זי הערט־אויף צו זיין „אַ פּשוט און קלאַסיש לערן־מיטל“. אָבער אַן

גאַנץ לייכט געווען דאָס אויסצוורעכענען. אַחוץ דעם האָבן אים דע־רין דערמאָנט די שמועסן פון פּאַציענטן, צו וועלכע ער האָט זיך צוגעהערט. — ווייסט איר, אַז אין פינף טעג אַרום וועט ווידער זיין דער ערשטער? — האָט ער געהערט הערמינע קלעפעלד זאָגן צו צוויי יונגעלייט פון איר געזעלשאַפט, צום סטודענט ראַזמוסען און צו יענעם בחור מיט די אַרויסגעזעצטע ליפּן, וואָס האָט געהייסן געגזער. נאָכמיטאָג איז מען געשטאַנען רעדלעכווייז צווישן די מיט־ן און מ׳האָט געשמועסט, אָן חשק צו גיין מאַכן ליג־קוראַציע. — ס׳וועט זיין דער ערשטער אָקטאָבער. כ׳האָב עס געזען אין דער פּאַרוואַלטונג אויפן קאַלענדאַר. דאָס איז שוין דער צווייטער אָק־טאָבער דאָ אויף דער דאַטשע. פיין, דער זומער איז אַוועק, אויף וויפל ר׳איז בכלל געווען. ער נאַרט דאָ אָפּ, פּונקט ווי דאָס לעבן נאַרט דאָ, בכלל און אין אַלעמען. — דערביי האָט זי אַ זיפץ גע־טאָן פון איר האַלבער לונג און אַ קוק געטאָן מיט אירע נאַרי־שעוואַטע־פאַרנעפלטע אויגן אויפן סופיט. — פריילעך, ראַזמוסען — האָט זי באַלד דערנאָך אַ זאָג געטאָן און אַ קלאַפּ געטאָן איר חבר אין די אַראָפּהענגענדיקע אַקסלען. — דערציילט עפּעס אַ פּאָר וויצן! — כ׳קאָן בלויז עטלעכע — האָט ראַזמוסען געענטפערט און געלאָזט הענגען די הענט איבער דער ברוסט, ווי פלוספעדערן.— כ׳קאָן זיי אָבער נישט אַרויסברענגען, כ׳בין שטענדיק אַזוי מיד. — אַפילו אַ הונט — זאָגט געגזער הינטער די ציין — וואָלט אויך נישט געוואָלט לענגער פירן אַזאַ אָדער אַן ענלעך לעבן. און זיי האָבן זיך צעלאַכט מיט פאַרצויגענע אַקסלען.

נישט ווייט פון זיי איז, אָבער, אויך געשטאַנען סעטעמברינו, מיטן צאָן־שטעכער צווישן די ליפּן. אַרויסגייענדיק האָט ער געזאָגט צו האַנס קאַסטאָרפּן:

— איר זאָלט זי נישט גלויבן, אינזשעניער, איר זאָלט קיינ־מאָל נישט גלויבן, ווען זיי בייזערן זיך. דאָס טוען דאָ אַלע, אָן אויסנאַם, כאָטש זיי פילן זיך זייער היימיש. זיי פירן אַ צעלאָזן לעבן און וואָלטן נאָך וועלן דערוועקן רחמנות, האַלטן זיך פאַר באַרעכטיקט צו זיין פאַרביטערט, איראָניש, ציניש! „אויף דעם פאַר־ווייל־ונגס־אָרט“. אפשר איז עס נישט קיין פאַרוויילונגס־אָרט? איך

—אָדער ווען איר וואָלט געזאָגט: קראַנקהייט דינט טיילמאָל דער צעלאָזנקייט פאַר אַן אויסרייד — אויך דאָס וואָלט איך נאָך פאַרשטאַנען.

— גראַציע טאַנטאָ*!

— אָבער קראַנקהייט זאָל זיין אַ פאָרם פון צעלאָזנקייט? דאָס הייסט: נישט אַז זי אַנטשטייט פון צעלאָזנקייט, נאָר אַז זי גופא איז צעלאָזנקייט? דאָס איז דאָך שוין אַ פּאַראַדאָקס!

— אַך, זייט מוחל, אינזשעניער, רוקט מיר נאָר נישט אונטער קיין פּאַראַדאָקסן! איך פיל אַ ביטול צו פּאַראַדאָקסן, איך האָב זיי פיינט! אַלץ, וואָס כ׳האָב אייך געזאָגט וועגן דער איראָניע, קאָנט איר אַריבערטראָגן אויך אויפן פּאַראַדאָקס, איר קאָנט נאָך אַפילו צולייגן! דער פּאַראַדאָקס איז דאָס גיפטיקע בליעכץ פון קוויעטיזם, דאָס שימערירן פון פוילנדיקן גייסט, די גרעסטע צעלאָזנקייט, וואָס קען נאָר זיין! אַגב, שטעל איך פעסט, אַז איר ווילט ווידער באַשיצן די קראַנקהייט...

— ניין, דאָס, וואָס איר זאָגט, אינטערעסירט מיך. ס׳דערמאָנט מיך אין טייל געדאַנקען, וועלכע ד״ר קראָקאָווסקי האָט אַרויסגע־זאָגט אין זיינע מאָנטאָגס. ער האָט אויך דערקלערט די אָרגאַנישע קראַנקהייט פאַר אַ שפּעטערדיקער דערשיינונג.

— ער איז אַ נישט אינגאַנצן־ריינער אידעאַליסט.

— וואָס האָט איר צו אים?

— טאַקע דאָס.

— איר האַלט נישט פון דעם אַנאַליז?

— נישט אַלעמאָל. טיילמאָל האַלט איך פון אים שטאַרק, טייל־מאָל אינגאַנצן נישט. טיילמאָל אַזוי און טיילמאָל אַזוי, אינזשע־ניער.

— ווי אַזוי זאָל איך דאָס פאַרשטיין?

— דער אַנאַליז איז גוט, ווי אַ געצייג פון אויפקלערונג און ציוויליזאַציע, ער איז גוט, אויף וויפל ער טרייסלט אויף נאַרישע איבערצייגונגען, צעשטערט נאַטירלעכע פאָראורטיילן און גראָבט אונ־

* אַ גרויסן דאַנק (איטאַל.).

אירָאָניע, וואָס איז „קיין איין רגע נישט אומפאַרשטענדלעך“, — וואָס פאַר אַן אירָאָניע וועט דאָס זיין, גאָט אין הימל, פרעגט זיך, אויב איך מעג דאָ נעמען אַ וואָרט? זי וואָלט געוועזן טרוקן און מלמדיש. — אַזוי אומדאַנקבאַר איז די יוגנט, וואָס בילדעט זך. זי נעמט צו די מתנות און איז זיי דערנאָך מבזה.

ער זאָל אָבער פרווון סעטעמברינין איבערשפּאַרן אין ווערטער — דאָס האָט האַנס קאַסטאָרפּן נאָך אַלץ אויסגעוויזן פאַר צו אַוואַנטוריסטיש. ער האָט זיך באַגרענעצט דערמיט, וואָס ער האָט נישט מסכים געווען מיט סעטעמברינים מיינונג וועגן הערמינע קלעפעלד. ער האָט די מיינונג געהאַלטן פאַר אומגערעכט, אָדער צוליב באַשטימטע סיבות האָט זי זיך אים אויסגעוויזן פאַר אַזעלכער.

— אָבער די פריילין איז דאָך קראַנק — האָט ער געזאָגט. — זי איז מיטן גאַנצן אמת שווער קראַנק און האָט אַלע סיבות צו זיין פאַרצווייפלט! וואָס, אייגנטלעך, ווילט איר פון איר?

— קראַנקהייט און פאַרצווייפלונג — זאָגט סעטעמבריני — זיינען אויך גאַנץ אָפט בלויז פאָרמען פון צעלאָזונקייט.

און לעאָפּאַרדי — האָט האַנס קאַסטאָרפּ אַ טראַכט געטאָן — וואָס האָט אַפילו געצווייפלט אין ווינשאַפט און אין פּראָגרעס? און ער אַליין, דער חשובער לערער? ער איז דאָך אויך קראַנק, האַלט אין איין צוריק אַרויפקומען אַהער און קאַרדוטשי וואָלט פון אים געהאַט ווייניק נחת. אָבער הויך געזאָגט האָט ער בלויז:

— שיין גערדשנט! די פריילין קאָן יעדן טאָג גיין שלאָפן און איר רופט עס גאָר צעלאָזנקייט! אין דעם פאַל מוזט איר שוין בעסער געבן צו פאַרשטיין, וואָס איר מיינט. ווען איר וואָלט מיר געוועזן געזאָגט, אַז קראַנקהייט איז טיילמאָל אַ רעזולטאַט פון צעלאָזנקייט, וואָלט עס מיר אַיינגעגאַנגען פאַר גלייך...

— זייער גלייך — כאַפּט אונטער סעטעמבריני. — כ׳לעבן, עס וואָלט אים געווען ניחא, ווען איך וואָלט זיך באַנוגנט מיט אַזאַ פעסטשטעלונג?

די פרוי. אָבער ביי אַלעמען, וואָס פאַר אַ וויכטיקערע און בכבודיקער מענטש ער איז! אַ העלפער פאַר ליידנדיקע מענטשן! נישט לאַנג האָב איך אים געטראָפן צוריקגיין פון אַן אָפעראַציע פון אַ ריפּן-רעסעקציע, אַן ענין, ביי וועלכן ס'גייט אין סכנת-נפשות. בעת כ'האָב אים געזען אָנקומען פון דער שווערער און נוצלעכער אַר-בעט, וועלכע ער קען אַזוי גוט, האָט עס געמאַכט אויף מיר אַ גרויסן איינדרוק. ער איז נאָך געווען אינגאַנצן דערהיצט און האָט זיך פאַר אַ באַלוינונג — פאַררויכערט אַ ציגאַר. איך האָב אים מקנא געווען.

— דאָס איז געווען שיין פון אייער זייט. אויף ווי לאַנג האָט ער אייך פאַרמשפט?

— ער האָט מיר נישט געגעבן קיין באַשטימטע צייט.

— אויך נישט שלעכט. מילא, לאָמיר זיך גיין ליגן, אינזשע-ניער, לאָמיר פאַרנעמען אונזערע פּאָזיציעס.

זיי געזעגענען זיך פאַר דער טיר נומער 34.

— איצט גייט איר אַרויס אויף אייער דאַך, הער סעטעמ-ברינו. ס'מוז זיין פריילעכער צו ליגן צווישן מענטשן, ווי אַליין. איר ווילט אייך כאָטש? ס'זיינען אינטערעסאַנטע מענטשן יענע, וואָס ליגן אין שכנות?

— אַך, דאָס זיינען לויטעכס פּאַרטער און סקיטן *.

— איר מיינט רוסן?

— און רוסינס — זאָגט סעטעמברינו און זיין מויל-ווינקל פאַר-ציט זיך. — אַדיע, אינזשענער!

דאָס איז געזאָגט געוואָרן באַדייטנגספול, אָן שום ספק. האַנס קאַסטאָרפּ איז אַריין אין זיין צימער אַ צעטומלטער. זאָל סעטעמ-ברינו וויסן פון זיינע געפילן? מסתמא האָט ער אים מעשה-ערציער נאָכגעקוקט און געכאַפּט זיך, וואוהין ער האַלט אין איין קוקן. האַנס קאַסטאָרפּ איז געווען אין כעס אי אויף דעם איטאַליענער און אי אויף זיך אַליין, פאַרוואָס ער האָט אומפאָרזיכטיק אַרויסגערופן דאָס

* אַזוי האָבן די גריכן אין אַלטערטום אָנגערופן די באַרבאַרישע וואַנ-דער-פעלקער פון מיטל-אַזיע און דרום-אייראָפּע.

טער די אויטאָריטעט. אַנדערש גערעדט: ער איז גוט דעמאָלט, ווען ער באַפרייט, פאַרפיינערט, פאַרמענטשלעכט און מאַכט קנעכט־צייטיק צו פרייהייט. שלעכט איז דער אַנאַליז, זייער שלעכט, אויף וויפל ער האַלט־אויף די טעטיקייט און שעדיקט דאָס לעבן ביים סאַמע שורש, אויף וויפל ער איז נישט פעיק צו זיין בויעריש. דער אַנאַליז קאָן זיין זייער אַ נישט־געשמאַקע זאַך, נישט־געשמאַק, ווי דער טויט, צו וועלכן ער איז אייגנטלעך געגליכן. ער האָט אַ קרובה־שאַפט מיטן קבר און מיט זיין פאַסקודנער אַנאַטאָמיע...

— שיין געדרשנט — קאָן זיך האַנס קאַסטאָרפּ נישט איינ־האַלטן אַ טראַכט צו טאָן, ווי אַלעמאָל, בעת סעטעמברינ'י זאָגט אַרויס עפּעס פעדאַגאָגיש. זאָגן זאָגט ער בלויז:

— מיט ליכט־אַנאַטאָמיע האָבן מיר דאָ נישט לאַנג געהאַט צו טאָן אין אונזער פאַרטער־קעלער. בערענס האָט אַזוי אָנגערופן די דורכלויכטונג.

— אָ, אַזוי ווייט האַלט איר שוין. נו, וואָס?

— כ'האָב געזען דעם שקעלעט פון מיין האַנט — זאָגט האַנס קאַסטאָרפּ און שטרענגט זיך אָן צו דערמאָנען אין די געפילן, וועלכע ער האָט דורכגעלעבט אין יענעם מאָמענט — איר האָט אויך אַמאָל געזען אייערן?

— ניין, איך אינטערעסיר מיך לחלוטין נישט מיט מיין שקעלעט. וואָס איז, אַגב, דער רעזולטאַט?

— ער האָט געזען שנירלעך, שנירלעך מיט קניפלעך.

— אַ רוח.

— איר האָט שוין אַמאָל אַזוי אָנגערופן דעם הויפראַט בערענס. וואָס מיינט איר דערמיט?

— זייט זיכער, אַז דאָס איז זייער אַן איידעלע באַצייכענונג.

— ניין, איר זענט אומגערעכט, הער סעטעמברינ'י! איך בין מודה, אַז דער מענטש האָט זיינע שוואַכקייטן. זיין אופן פון ריידן איז מיר אַליין אויך נישט אָנגענעם אויף שטענדיק. זיין ריידן האָט אין זיך עפּעס געצוואונגענס, דער עיקר, ווען מ'געדענקט, אַז דער מענטש האָט דאָ איבערגעלעבט אַ גרויסע צרה און געפּטרט

דעם גאַנצן. ווייל אַזעלכע פאַלן, ווי זיינער, זיינען ווייער אָפּט עקשנותדיקער, ווי דאָרטן, וואו עס ברעכט אויס מיט דער גאַנצער פּאָמפּע. איצט קאָן מען עס נאָך פאַרכאַפּן און באַצייטנס איין=מאָל=פאַר=אַלעמאָל אויסהיילן. צוליב דעם, האַלט ער, האָט זיך אַפילו גוט און גליקלעך געטראָפן, וואָס ער איז צופעליק אַהער אַרויסגעקומען און זיך געלאָזט אונטערזוכן. ווען נישט, וואָלט ער נאָך גאַנץ לאַנג געקאָנט נישט וויסן וועגן זיין געזונט=צושטאַנד און ער וואָלט עס אפשר שפּעטער דערפילט אַ סך שאַרפער. וואָס ס'איז נוגע דער פאָראויסגעזעענער צייט פון דער קוראַציע — זאָל מען זיך גאָרנישט וואונדערן, וואָס ער וועט מוזן, אפנים, פטרן אַ ווינטער און קומען אַהיים נישט אַ סך פריער פון יאָאַכימען. ווייל די צייט=באַגריפן זיינען דאָ גאַנץ אַנדערע, ווי געוויינלעך ביי נסיעות אין בעדער און קוראַציעס. דער חודש איז דאָ, אַזוי צו זאָגן, די קלענסטע צייט=מאָס און איין חודש שפּילט גאָר קיין ראָל נישט...

ס'איז געווען קיל. ער האָט געשריבן אינם פּאַלטאָ, איינגעהילט אין אַ דעקע, מיט רויטע הענט פון קעלט. טיילמאָל האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון דעם בריוו, וואָס איז אַלץ פולער געוואָרן מיט שכלדיקע און איבערצייגנדיקע זאַצן. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף דער לאַנדשאַפט, וועלכע איז אים שוין געווען אַזוי באַקאַנט, אַז ער האָט זי כמעט שוין נישט געזען. ס'איז געווען דאָס ברייטע טאָל מיט די — היינט — גלאָזיק=בלייכע צעפּלאַטשטע שפּיצן ביים ברעג טאָל, דער גרונד פול מיט ווייסע הייזלעך, וואָס פלעגט טיילמאָל אויפשיינען זוניק און פון די זייטן די שיפּועים, פון וועלכע אַ טייל איז געווען וואַלדיק=רוי, דער אַנדערער — באַדעקט מיט לאָנקעס און ס'האָבן זיך פון דאָרט געהערט די גלעקלעך אויף קיִשע העלזער. ער האָט געשריבן אַלץ מיט מער לייכטקייט און האָט איצט מער נישט פאַרשטאַנען, ווי אַזוי ער האָט פריער געקאָנט מורא האָבן פאַר דעם בריוו. ביים שרייבן האָט ער אַליין ערשט רעכט פאַרשטאַנען, אַז קיין זאַך קאָן נישט מער אויפקלערן דעם ענין, ווי זיין איצטיקער בריוו, און אַז אין דער היים וועט מען אָן שום ספק פולשטענדיק מסכים זיין דערמיט. אַ יונגערמאַן פון זיין

שטאָכוואָרט. בשעת ער האָט צוזאַמענגענומען זיין שרייב־געצייג, כדי עס מיטצונעמען אויף זיין ליג־קוראַציע — ווייל איצט האָט מען מער נישט געקאָנט אָפּלייגן, מ'האָט שוין געמוזט אָנשרייבן דעם בריוו אַהיים, דעם דריטן בריוו, — האָט ער געהאַלטן אין איין עסן זיך, האָט צו זיך אַליין עפּעס געמורמלט אויפן חשבון פון דעם פּלוט און רעזאָנער, וואָס מישט זיך אין פרעמדע עסקים, אין דער צייט, וואָס ער אַליין פאַרטשעפּעט מיידלעך אויף די גאַסן. דערביי האָט ער זיך לחלוטין נישט געפילט אויפגעלייגט צו זעצן זיך שרייבן. אָט־דער קאַטערינאַזש האָט אים מיט זיינע אָנצוהערענישן אינגאַנצן קאַליע געמאַכט דעם חשק דערצו. אָבער אַזוי צי אַזוי — ווינטער־מלבושים מוז ער האָבן, דאָס אייגענע אויך מיט — געלט, וועש, שוכוואַרג, בקיצור, אַלץ, וואָס ער וואָלט געוועזן מיטגענומען, ווען ער זאָל געוועזן וויסן, אַז ער קומט צו פאָרן נישט אויף דריי זומער־וואָכן, נאָר... נאָר אויף אַן אומבאַשטימטער צייט, וואָס וועט אַלנ־פאַלס גרייכן אַ שטיק אין ווינטער אַריין. יאָ, לויט די היגע באַגריפן און צייט־פאַרהעלטענישן קאָן עס אַפילו דויערן אַ גאַנצן ווינטער. וועגן דעם, אַלנפאַלס וועגן אַזאַ מעגלעכקייט, האָט מען געדאַרפט שרייבן אַהיים. מ'האָט דעמאָלט געדאַרפט אָפּטאָן די גאַנצע אַרבעט, זיי דאָרטן אונטן צו זאָגן קלאָרע דיבורים און מער נישט נאַרן נישט זיך, נישט זיי דאָרט.

דאָס טאַקע איז געווען דער אינהאַלט פון זיין בריוו. ער האָט געהאַט אַ סך מאָל צוגעזען, ווי יאָאַכים שרייבט און אים נאָכגעטאָן. ער האָט עס געטאָן אויף דער ליג־שטול, מיט דער איי־ביקער פעדער. אויף די הויך־אָנגעשטעלטע קני האָט ער אונטערגע־לייגט די רייזע־טעקע. ער האָט געשריבן אויף אַ בלאַנק פון דער סאַנאַטאָריע. אינם שופלעדל פונם טיש איז געלעגן אַ גאַנץ פעקל אַזעלכע. דער בריוו איז געווען צו זשעמס טינאַפּעל, וועלכער איז אים געווען אַמנאָענטסטן פון אַלע דריי פעטערס. קאַסטאָרפּ האָט אים געבעטן, ער זאָל געבן צו וויסן וועגן דעם דעם קאָנסול. ער האָט געשריבן וועגן אַן אומאָנגענעמען צופאַל, וועגן אַ מורא, וואָס איז מקויים געוואָרן, וועגן דער דערקלערונג פון דאָקטאָר, אַז ער מוז דאָ אויבן פאַרברענגען אַ טייל פון ווינטער, אָדער אפשר גאָר

שרײַבֿ אַזױ זעלטן". דערנאָך האָט ער זיך צוריק אױסגעצױגן און האָט אױפֿגעהױבן די האַנט צום הימל, מיט דער פֿלאַך אַרױף, װי בעת ער האָט זי געהאַלטן הינטער דעם עקראַן אין דער לאַבאָראַטאָריע. אָבער די ליכטיקײט פֿון הימל האָט נישט דורכגעדרונגען דורך דער לעבעדיקער האַנט, קעגן אַט־דער העלקײט איז די האַנט אַפֿילו געװאָרן נאָך טונקעלער און אומדורכזעבאַרער. בלױז אירע אױסנװײניקסטע קאָנטורן זײַנען רױטלעך דורכגעליכטן געװאָרן. ס'איז געװען די לעבעדיקע האַנט, װעלכע ער איז געװױנט געװען צו זען, צו װאַשן, און מיט איר צו טאָן, נישט יענער שקעלעט, װעלכן ער האָט געזען אױפֿן עקראַן. די אַנאַליטישע גרוב, װעלכע ער האָט דעמאָלט געזען אָפֿן, איז איצט װידער געװען פֿאַרמאַכט.

מערקורס קאַפּריזן

דער אָקטאָבער האָט זיך אָנגעהױבן, װי ס'הױבן זיך בכלל אָן נײַע חדשים: פֿאַר זיך איז עס אַ פֿולשטענדיק באַשײדן און שטיל אָנהײבן זיך, אָן שום סימנים און צײכנס, אײגנטלעך, אַ מין שטיל אַרײַנגנבֿענען זיך. מ'קאָן עס גאַנץ לײַכט אַפֿילו פֿאַרזען, אױבֿ מ'האַלט נישט קאָפּ. אין דער װירקלעכקײט טײלט זיך די צײַט נישט אױף קײן שום חלקים. בײַם אָנהײבֿ פֿון נײַעם חודש אָדער פֿון אַ נײַ יאָר קומען נישט פֿאָר קײן שום שטורעמען און מען בלאָזט נישט מיט קײן שופֿרות. אַפֿילו בײַם אָנהײבֿ פֿון אַ נײַעם יאָרהונדערט װאָלט גאָרנישט געשען, װען נישט מיר מענטשן שיסן און קלינגען.

װאָס ס'איז נוגע האַנס קאַסטאָרפּן, איז דער ערשטער אָקטאָבער־טאָג געװען װי אַ טראָפּן װאַסער ענלעך צום לעצטן סעפּטעמבער־טאָג. דער הײַנטיקער טאָג איז געװען אַקוראַט אַזאַ קאַלטער און טריבער, װי דער נעכטיקער. די שפּעטערדיקע טעג — דאָסגלײַכן. אױף דער ליג־קוראַציע האָט מען געמוזט מיטנעמען דעם פּאַלטאָ און בײדע דעקעס פֿון קעמל־האָר, נישט בלױז אינאָװנט, נאָר בײַטאָג אױך. די פֿינגער, מיט װעלכע מ'האַלט־צו אַ בוך, װערן

ספערע און אין זיינע פאַרהעלטענישן האָט עפּעס געטאָן פאַר זיך אַ נוצלעכע זאַך, ער האָט זיך באַנוצט מיט די באַקוועמלעכקייטן, וועלכע שטייען אָפן פאַר אַ מענטשן פון זיינסגלייכן. אַזוי דאַרף צו זיין. ווען ער וואָלט איצט געווען אַהיימגעפאָרן, וואָלט מען אים זיכער געווען צוריקגעשיקט אַהער, ווען ער וואָלט דערציילט, ווי ס'האַלט מיט אים. ער בעט, מ'זאָל אים צושיקן אַלץ, וואָס ער דאַרף צו האָבן. צום סוף האָט ער אויך געבעטן, מ'זאָל אים צושיקן רעגולער דאָס נייטיקע געלט. מיט אַכט הונדערט מאַרק אַ חודש וועט אַלץ זיין געדעקט.

ער האָט זיך אונטערגעשריבן. ס'איז געווען אָפּגעטאָן. דער דאָזיקער דריטער בריוו אַהיים איז געווען אַ היפּשער, ער איז געשריבן געווען נישט לויט די צייט־באַגריפן פון אונטן, נאָר לויט די צייט־באַגריפן, וואָס הערשן דאָ איבן. ער האָט באַפעסטיקט האַנס קאַסטאָרפּס פ ר י י ה י י ט. דאָס איז געווען דאָס וואָרט, וואָס ער האָט באַנוצט פאַר זיין מצב, אמת, נישט בולט, ער האָט דאָס וואָרט אַפילו נישט געזאָגט זיך אַליין, אָבער ער האָט געפילט דעם ברייטסטן זין פון אָט־דעם וואָרט. ער האָט זיך עס אויסגעלערנט פילן אין משך פון דער צייט, וואָס ר'איז דאָ. דער זין פון דעם וואָרט האָט גאַנץ ווייניק געהאַט אַ שייכות מיט יענעם זין, וואָס סעטעמבריני האָט אַריינגעלייגט אין דעם אייגענעם וואָרט. אַ באַקאַנטע כוואַליע פון שרעק און אויפרעגונג האָט אים דורכגענומען. ער האָט אַ זיפץ געטאָן און זיין ברוסט האָט אַזש אויפגעציטערט.

פון שרייבן האָט אים דאָס בלוט געשלאָגן אין קאָפּ אַריין. זיינע באַקן האָבן אים געברענט. ער האָט אַראָפּגענומען מערקורן פון לאָמפּ־טישל און זיך געמאָסטן די היץ, ווי ס'וואָלט נאָר געגאַנגען דערין, ער זאָל קאָנען אויסנוצן די געלעגנהייט. מערקור האָט געוויזן 37,8.

— איר זעט שוין! — האָט האַנס קאַסטאָרפּ אַ טראַכט געטאָן און האָט צוגעגעבן אַ פּאָסט־סקריפּטום: „דער בריוו האָט מיך אָנגעשטרענגט. דער טערמאָמעטער ווייזט איצט 37,8. איך זע, אַז לעת־עתה דאַרף איך מיך האַלטן זייער רויִק. אַנטשולדיקט, וואָס איך

זײנען געװען באַװאַקסן מיט אײביק־גרינע נאָדלען און אױסהאַלטעװדיק פאַרן װינטער, װאָס האָט נישט קײן באַשטימטע גרעניץ און צעשיט דערפאַר זײנע שנײען אין משך פון גאַנצן יאָר. בלױז אַ רײך־ניואַנסירטער, זשאַװער־רױטלעכער טאָן איבער דעם װאַלד האָט געלאָזט דערקענען דעם סוף פון יאָר, כאָטש אין הימל האָט אַזױ שטאַרק געברענט די זון. אַװדאי, װען מ׳װאָלט זיך נענטער צוגעקוקט, װאָלט מען געזען אױך די לאָנקע־בלומען, װאָס האָבן שטילערהײט געזאָגט דאָס זײעריקע. ס׳האָבן שױן געפעלט די צװײבלעטערדיקע פעלד־אָרכידעען און די קוסטפאָרמיקע װאַסערזאַמלער, װעלכע האָבן נאָך בעת קאַטאַסטראָפּס אָנקומען באַצירט די שיפּועים. ס׳זײנען אױך מער נישט געװען די װילדע נעגעלעך. מ׳האָט בלױז נאָך געזען דעם ענציאָן און די קורץ־שטענגלדיקע האַרבסט־בלום, װאָס דערצײלן װעגן אַ מין אינעװײניקסטער שאַרפקײט פון דער אײבערפלאַך־אָנגעהיצטער אַטמאָספער און פון אַ קילקײט, װאָס קאָן דורכגײן איבער אַ ליגנדיקן, כמעט פאַרברענטן מענטש ביז צום מאַרך פון די בײנער, װי אַ שױדער פון אַ היץ־קראַנקן.

האַנס קאַסטאָרפּ האָט, הײסט עס, אינעװײניק נישט אָפּגעפילט יענע אָרדענונג, דורך װעלכער אַ מענטש, װאָס לעבט מיט צײט, היט־אָפּ איר אָפּלויף, טײלט־אָפּ, צײלט און רעכנט אױס אירע מאָסן. ער האָט גאָרנישט באַמערקט דעם שטילן אָנהײב פון צענטן חודש. ער האָט בלױז געפילט דאָס ממשותדיקע, די היץ פון טאָג און דעם סודותדיקן שױדער, װאָס איז געלעגן אין און אונטער איר. ס׳איז געװען אַ געפיל, װאָס איז אים אין דער מדרגה געװען נײ און אים אָנגעדעגט צו אַ קולינאַרישן פאַרגלײך*. װי ער האָט זיך אַמאָל אױסגעדריקט פאַר יאָאַכימען, האָט אים דאָס װעטער דערמאָנט אָן אַן „אָמלעט אַן סורפּריז" מיט געפרירנס אונטער דעם הײסן אײער־שױם. ער פלעגט גאַנץ אָפט זאָגן אַזעלכע זאַכן, האָט זײ אַרױסגעזאָגט גיך, פלינק און מיט אַ געריטן קול, װי ס׳רעדט אַ מענטש, װאָס איז דערהיצט און ס׳שױדערט אים אײנציטיק. ער איז, אװדאי, גאַנץ אָפט געװען אױך שװײגנדיק שיר

---

* פאַרגלײך מיט אַ מאכל.

פייכט און פאַרשטייפט, כאָטש די באַקן ברענען פון טרוקענער היץ. יאָאַכים האָט שטאַרק השק געהאַט צו באַנוצן זיך מיטן פעלין־זאַק און ער האָט עס ניט געטאָן, בלויז דערפאַר, ער זאָל זיך נישט צו־פרי צוגעוווינען.

אָבער אין עטלעכע טעג שפּעטער — ס'איז שוין באַלד געווען אינמיטן חודש — האָט זיך אַלץ ווידער געביטן און ס'האָט זיך פלוצלונג אַוועקגעשטעלט אַ פאַרשפּעטיקטער זומער, אַזאַ פּרעכטי־קער, אַז מ'האָט געשטוינט. נישט אומזיסט האָט האַנס קאַסטאָרפּ געהערט רימען די אָקטאָבער־טעג אין אָט־די געגנטן. אין משך פון אַ דריטהאַלבן וואָכן האָט געהערשט אַ הימלישע שיינקייט איבער באַרג און טאָל. איין טאָג איז געווען בלויער און קלאָרער פונם אַנ־דערן און די זון האָט דערביי געברענט מיט אַזאַ כוח, אַז יעדער איינער האָט געמוזט אָנטאָן די זומער־מלבושים און אויפזוכן די מוסלין־קליידער און לייוונטענע הויזן, וועלכע מ'האָט שוין געהאַט ערגעץ פאַרוואָרפן. אַפילו די גרויסע שירעמען פון זעגל־לייוונט, אָן הענטלעך, וועלכע מ'האָט מיט אַ פיינעם קינצשטיק (אַ דורכגעלעכער־טער פלאָקן) צוגעבונדן צו די אָנלענס פון די ליג־שטולן, האָבן אין די מיטאָג־שעהן נישט געקאָנט גענוג פאַרשטעלן פון דער שרפענדיקער זון.

— זייער גוט, וואָס איך בין נאָך דאָ — האָט האַנס קאַס־טאָרפּ געזאָגט צו זיין קוזין — ס'איז שוין דאָ געווען אַזוי מרה־שחורהדיק, ס'זעט אויס אַקוראַט אַזוי, גלייך מיר וואָלטן שוין אי־בערגעקומען דעם ווינטער און איצט האָבן מיר ווידער די גוטע צייט. ער איז גערעכט געווען. ס'זיינען געווען ווייניק סימנים, וואָס האָבן געוויזן, ווי מ'האַלט באמת מיט דער צייט. און אַפילו די סימנים זיינען אויך געווען ווייניק קענטיק. אַחוץ עטלעכע געפלאַנצטע קלאָנעס אונטן אין „פלאַץ“, וואָס האָבן נאָך קוים געלעבט און זייערע בלעטער זיינען הכנעהדיק אַראָפּגעפאַלן — זיינען נישט געווען קיין שום בלעטער־ביימער, וואָס זאָלן לייגן אַ האַרבסטיקן חותם אויף דער לאַנדשאַפט. בלויז די אָלכע, וואָס האָט ווייכע נאָדלען און טוישט זיי, ווי בלעטער, איז געווען האַרבסטיק אויסגעקראָכן. די איבעריקע ביימער פון דער געגנט, סיי די גלייכע סיי די איינגעבויגענע,

נעפּל אין זיין קאָפּ, די שיכּרות, צו וועלכער ער האָט זיך אַליין געריסן. האָט ער טאַקע געטאָן אַלץ, וואָס ער האָט געקאָנט, אַז זי זאָל באַרעכטיקט און פאַרשטאַרקט ווערן.

אַן עקספּערט, וואָס וואָלט אַזוי געטראַכט ווי לאָדאָוויקאַ סעטעמבריני, וואָלט בײַ אַזאַ מאַנגל אין גוטן ווילן געקאָנט ריידן פּשוט וועגן צעלאָזנקייט, וועגן „אַ פאָרם פון צעלאָזנקייט“. האַנס קאַסטאָרפּ האָט זיך טיילמאָל דערמאָנט אין די שריפטשטעלערישע מיינונגען, וועלכע יענער האָט אַרויסגעזאָגט וועגן „קראַנקהייט און פאַרצווייפלונג“ און וועלכע ער האָט נישט פאַרשטאַנען, אפשר על־כּל־פּנים געמאַכט זיך, אַז ער פאַרשטייט נישט. ער האָט אָנגעקוקט קלאַוודיאַ שאָשאַ, די אָפּגעלאָזנקייט פון איר רוקן, איר אײַנגעבויגענעם קאָפּ. ער האָט זי שטענדיק געזען קומען צום טיש אַ שטאַרק פאַרשפּעטיקטע, אָן אַ שום סיבה, פאַר וועלכער מ׳וואָלט איר געקאָנט מוחל זיין, פּשוט צוליב אומאָרדענונג און נישט קולטיווירטער ענערגיע. טאַקע צוליב דעם, האָט ער געוואוסט, פאַרקלאַפּט זי הינטער זיך מיט אַ זעץ יעדע טיר, דורך וועלכער זי גייט אַריין אָדער אַרויס, דרייט זי ברויט־קייקעלעך און בייסט פון צייט צו צייט די נעגל פון אירע פינגער. אין אים איז אויפגעגאַנגען אַ מאָדנע אַנונג: אויב זי איז קראַנק — און זי איז עס מסתּמא טאַקע געווען, כּמעט אָן אַ האָפענונג קראַנק, ווען נישט וואָלט זי דאָך נישט אַזוי לאַנג געלעבט דאָ אויבן און נישט אַזוי אָפט אַהערגעקומען — טראָגט איר קראַנקהייט, אויב נישט אינגאַנצן, איז כאָטש אין אַ גרויסן טייל, אַ מאָראַלישן כאַראַקטער. טאַקע ווי סעטעמבריני האָט געזאָגט, די קרענק איז נישט די סיבה אָדער דער רעזולטאַט פון איר „אָפּגעלאָזנקייט“, נאָר ביידע זיינען איינס און דאָס זעלבע. ער האָט זיך אויך דערמאָנט אין דעם ביטולדיקן זשעסט, מיט וועלכן דער הומאַניסט האָט גערעדט וועגן די „פּאַרטער און סקיטן“, וואָס מיט זיי נאָר מוז ער צוזאַמען מאַכן ליג־קוראַציע. עס איז געווען אַ זשעסט פון נאַטירלעכער און אוממיטלבאַרער גרינגשעצונג און ביטול, וואָס דאַרף נישט קיין שום באַגרינדונגען. האַנס קאַסטאָרפּ האָט זייער גוט געקאָנט אָט דעם ביטול נאָך פון דער צייט, ווען ער, וואָס האָט זיך געהאַלטן זייער פּשוט בײַם טיש, האָט פיינט געהאַט דאָס קנאַקן

נישט פאַרזונקען אין זיך. ווייל זיין אויפמערקזאַמקייט איז געווען געווענדט אַרויס, אָבער בלויז אויף איין פונקט. דאָס איבעריקע, סיי מענטשן, סיי זאַכן, זיינען צעגאַנגען ווי אין נעפּל, אין אַ נעפּל, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין האַנס קאַסטאָרפּס מוח. הויפראַט בערענס און ד״ר קראָקאָווסקי וואָלטן אָן שום ספק געווען גע־זאָגט, אַז אָט דער נעפּל איז אַ פּראָדוקט פון צעלאָזענע גיפטן. דאָס אייגענע האָט זיך אויך געזאָגט דער פאַרנעפּלטער האַנס קאַס־טאָרפּ אַליין, כאָטש דאָס האָט אים ניט געגעבן דעם כוח און אַפילו נישט דעם מינדסטן ווילן פטור צו ווערן פון אָט־דער שיכרות.

ווייל דאָס איז אַ פאַרשיכורטקייט, וואָס לעבט זיך אויס אין זיך אַליין און קיין שום זאַך זעט איר נישט אויס אַזוי אומגעוואונטשן און מיאוס, ווי דאָס ניכטער־ווערן. ער היט זיך אויך פאַר מיושבֿ־דיקע איינדריקן, ער האָט זיי נישט צוגעלאָזט צו זיך, כדי צו בלייבן אין אָט דעם מצבֿ. האַנס קאַסטאָרפּ האָט געוואוסט און געהערט אַפילו דערמאָנט וועגן דעם, אַז פרוי שאָשאַ זעט נישט אויס באַ־זונדערס גוט אין פּראָפיל, אַ ביסל פאַרשאַרפט, נישט אַזוי יונג. דער רעזולטאַט? ער האָט אויסגעמיטן צו קוקן אויף איר אין פּראָפיל און האָט ממש צוגעמאַכט די אויגן יעדעס מאָל, ווען ס׳איז אים אויסגעקומען פונדערווייטנס אָדער פון דער נאָענט זי צו זען אַזוי־אַרום. עס האָט אים ווי געטאָן. פאַרוואָס? דער שׂכל וואָלט געדאַרפט מיט פרייד זיך אָנצוכאַפּן אין אָט דער געלעגנהייט, כדי אַרויסצוווייזן, וואָס ער קאָן. אָבער וואָס וויל מען פון אים...

ער איז בלאַס געוואָרן פון אַנטציקונג, בעת קלאַוודיאַ האָט אין די דאָזיקע פרעכטיקע טעג זיך ווידער אַמאָל באַוויזן צום צווייטן פרישטיק אין איר ווייסער שפּיצן־מאַטינע, וועלכע זי פלעגט טראָגן אין וואַ־רעמע טעג און אין וועלכער זי איז געווען אַזוי רייצנדיק שיין. זי איז אָנגעקומען אַ פאַרשפּעטיקטע, האָט פאַרקלאַפּט הינטער זיך די טיר מיט אַ זעץ און געשמייכלט. זי האָט לייכט אויפגעהויבן די הענט אין אַ נישט־גלייכער הייך און זיך אויסגעדרייט צום זאַל, כדי זיך צו פּרעזענטירן. אָבער אַנטציקט איז ער געווען נישט אַזוי־ווייט דורך דעם, ווייל זי האָט אויסגעזען אַזוי שיין, נאָר ד ע ר פ אַ ר, וואָס ס׳איז אַזוי געווען. ווייל דאָס האָט פאַרשטאַרקט דעם זיסן

אויף וויפל דאָס אַלץ שטימט מיטן אמת, קומט אויס, אַז די באַשיימפערלעכע אײַנטיילונג אויף „גוט“ און „שלעכט“ בנוגע די רוסן־טישן איז גאָרנישט קיין אומזיסטע. האַנס קאַסטאָרפּ האָט זיך אַליין פאַרזיכערט, אַז ער קאָן בלויז אַוועקמאַכן מיט דער האַנט יענעם פּראָפּאַגאַנדיסט פון דער רעפּובליק און פון שיינעם סטיל, וואָס רופט אָן מיט גאווה און מיט ניכטערקייט (דער עיקר איז ער ניכטער, כאָטש ער אַליין האָט אויך היץ און איז אַ ביסל שיכּורלעך) די רוסן פון ביידע טישן „פּאַרטער און סקיטן“. דער יונגער האַנס קאַסטאָרפּ האָט געגומען פאַרשטיין דעם מיין זייער ברייט, ער האָט אַפילו אָנגעהויבן זיך פונאַנדערצוקלייבן אויף דער שייכות צווישן פרוי שאָשאַס קראַנקהייט מיט איר „אָפּגעלאָזנקייט“. אָבער די לאַגע איז געווען אַזעלכע, ווי ער אַליין האָט זי אין איינעם אַ טאָג אָפּגעשילדערט פאַר יאָאַכימען: מ׳הייבט אָן מיט פאַרדראָס און מיט דיסטאַנץ־געפילן, אָבער אויף איינמאָל כאַפּט זיך אַריין עפּעס גאַנץ אַנדערש, וואָס האָט מיט מיינונגען גאָרנישט קיין שום שייכות. די מאָראַלישע שטרענגקייט טרעט אָפּ. די פּעדאַגאָגישע אײַנפלוסן מיט זייערע רעפּובליקאַנישע דרשות הערן אויף צו ווירקן. אָבער וואָס איז דאָס אַזוינס, לאָמיר פרעגן — אַפילו אויך לויט לאָדאָוויקאַ סעטעמברינים קוק אויף דער זאַך — פון וואַנען נעמט זיך טאַקע אָט דאָס משונהדיקע, וואָס כאַפּט זיך אַריין אינמיטן, פּאַראַליזירט און שטעלט אָפּ אַלע מיינונגען פון מענטש, נעמט אים אַפילו צו די רעכט צו האָבן אַ מיינונג, אָדער בעסער געזאָגט: איז גורם, אַז דער מענטש זאָל זיך אָפּזאָגן פון אָט־די רעכט מיט דער אומזיניקסטער אַנטציקונג? מיר פרעגן נישט, וואָס פאַר אַ נאָמען אָט־דאָס האָט. דעם נאָמען קען יעדער איינער. מיר ווילן נאָר וויסן זיין מאָראַלישן מהות, און זיינען מודה גאַנץ אָפן, אַז מיר ריכטן זיך נישט אויף קיין זייער געהויבענעם ענטפער. וואָס ס׳איז נוגע האַנס קאַסטאָרפּן, איז אָט דער מהות דערגאַנגען ביי אים צו אַזאַ מדרגה, אַז ער האָט נישט בלויז אויפגעהערט צו האָבן וועלכע ס׳איז מיינונג, נאָר ער האָט אַפילו אָנגעהויבן צו מאַכן עקספּערימענטן מיט יענער לעבנספאָרם, וועלכע האָט אים אָנגעטאָן צרות. ער האָט געפּרוווט זען, ווי מ׳פילט זיך, ווען מ׳זיצט ביים טיש אײַנגעקאָרטשעט מיט אַן אײַנגעבויגענעם רוקן, און

מיט די טירן פון גאַנצן האַרצן און ס'איז אים אַפילו קיינמאָל נישט איינגעפאַלן צו בייסן די פינגער (שוין צוליב דעם, וואָס ער האָט געקאָנט בייסן זיינע ציגאַרן מאַריאַ מאַנציני). ער האָט עס געדענקט פון יענער צייט, בעת ער איז שטאַרק ברוגז געווען אויף פראַו שאָשאַ שלעכטע מידות און נישט געקאָנט פּטור ווערן פון אַ געוויסן שטאָלץ יעדעס מאָל, וואָס ער האָט געהערט, ווי די פרעמדע שמאָל־אויגיקע פראַו פּרוּווט ריידן אויף זיין מוטער־שפּראַך.

האַנס קאַסטאָרפּ האָט זיך איצט כמעט אינגאַנצן אַרויסגעלאָזט פון אַזעלכע געפילן צוליב זיין אינעווייניקסטן מצב און עס האָט אים פאַרדראָסן, וואָס דער איטאַליענער האָט גאַוודיק גערעדט וועגן „פאַרטער און סקיטן". דערביי האָט ער מסתמא נישט געמיינט בלויז די פאַרשווינען פון „שלעכטן רוסן־טיש", דאָרטן, וואו ס'זיינען געזעסן די באַוואַקסענע סטודענטן, ביי וועלכע מ'האָט נייטש אַרויסגעזען קיין פּיצל וועש. זיי האָבן אָן־אויפהער געהאַלטן אין איין דיספּוטירן אויף זייער פרעמדער שפּראַך. קיין שום אַנדער לשון האָבן זיי, אַפּנים, נישט געקאָנט. דער אָן־ביינערדיקער, ווייכער כאַראַקטער פון אָט דער שפּראַך האָט דערמאָנט אין אַ טאָראַקס* אָן ריפּן, פון וועלכן הויפּראַט בערענס האָט נישט לאַנג גערעדט. ס'איז געווען גאַנץ פאַרשטענדלעך, הלמאי די אויפפירונג פון אָט־די מענטשן האָט גע־קאָנט דערוועקן אין אַ הומאַניסט אַ שטאַרק געפיל פון דיסטאַנץ. זיי האָבן געגעסן מיט די מעסערס און האָבן אויף אַ שרעקלעכן אופן פאַרפלעקט די מלבושים. סעטעמבריני האָט דערציילט, אַז איינער פון זיי, אַ מעדיצינער פון די העכערע סעמעסטערס, האָט אַרויסגעוויזן אַ פולשטענדיקע עם־הארצות אין לאַטיין. ער האָט, צום ביישפּיל, נישט געוואוסט, וואָס איז אַזוינס אַ vacuum **. לויט האַנס קאַס־טאָרפּס טאָג־טעגלעכע ערפאַרונגען, האָט פראַו שטער גאָרנישט געזאָגט קיין ליגן, בעת זי האָט דערציילט ביים טיש, אַז דאָס פּאָר פאָלק פון נומער 32 האָט אינדערפרי אויפגענומען דעם באָד־מייסטער, וואָס איז געקומען מאַכן איינרייבונגען, ליגנדיק צוזאַמען אין איין בעט.

* ברוסט־קאַסטן.

** ליידיקער שטח.

אַוועק די השערה, אַז האַנס קאַסטאָרפּ וואָלט דאָ אַפילו נישט געוועסן לענגער פון דריי וואָכן, וועלכע ער האָט זיך לכתחילה באַשטימט, ווען זיין פשוטע נשמה וואָלט געווען געקריגן כאָטש העלבן ס'איז באַפרידיקנדיקן ענטפער פון דער צייט וועגן דעם זין און צוועק פון לעבן.

אַחוץ אַלע זאַכן, האָט אים זיין פאַרליבטקייט באַשאָנקען מיט די אַלע ליידן און פריידן, וועלכע אַט דער מצב ברענגט מיט זיך אומעטום און אין אַלע פאַלן. דער ווייטאָג נעמט אַדורך. ער אַנטהאַלט אין זיך עפעס אומכבודיקס, ווי יעדער ווייטאָג, און צערודערט אַזוי זיינע נערוון, אַז ס'פאַרכאַפּט דעם אָטעם און איז גורם, אַז אַ דערוואַקסענער מענטש זאָל פאַרגיסן ביטערע טרערן. מ'דאַרף אויך נישט פאַרגעסן אין די פריידן. עס זיינען געווען אויך אַ סך פריידן און כאָטש זיי זיינען אַנטשטאַנען צוליב נישט-אָנזעעוודיקע סיבות, זיינען זיי געווען פונקט אַזוי שטאַרק ווי די ליידן. כמעט יעדער רגע לעבן דאָ אין „בערגהאָף“ האָט געקאָנט ברענגען מיט זיך איינע פון די פריידן. למשל: האַנס קאַסטאָרפּ גרייט זיך אַריינצוגיין אין עס-זאַל. אין דער רגע באַמערקט ער הינטער זיך דעם אָביעקט פון זיינע חלומות. דער רעזולטאַט איז אים פאָראויס קלאָר און זייער פשוט, אָבער אינערלעך אַנטציקט עס אים ביז טרערן. זייערע אויגן באַגעגענען זיך נאָענט, זיינע און אירע גרוי-גרינגע אויגן, וואָס זייער לייכט-אַזיאַטישע איינשטעלונג און שניט פאַרכישופן אים ביזן מאַרך פון די ביינער. ער ווייסט נישט, וואָס ס'טוט-זיך מיט אים, אָבער פונדעסטוועגן טרעט ער אָפּ אין אַ זייט, כדי זי אַריינצולאָזן פריער. אויף זיין געווינלעכער העפלעכקייט ענטפערט זי מיט אַ האַלבן שמייכל און מיט אַ שטילן „מערסי*“. דערנאָך גייט זי אים פאַרביי און אַריין. ער בלייבט שטיין נאָך איר, אַזש פאַרנאַרישט פון גליק צוליב דער באַגעגעניש און אויך צוליב דעם, וואָס אַ וואָרט פון איר מויל איז געווען באַשטימט דירעקט און פערזענלעך פאַר אים, טאַקע דאָס וואָרט „מערסי“. ער גייט נאָך, גייט וואַקלדיק צו צו זיין אָרט ביים טיש. בשעת ער לאָזט זיך אַראָפּ אויף זיין שטול, דערזעט ער, ווי „קלאַוודיאַ“ זעצט

---

* אַ דאַנק (פראַנצויזיש).

ר'האָט אײַנגעפּונען, אַז די בעקן-מוסקולן װערן צוליב דעם אַ סך װײניקער אָנגעשטרענגט. ער האָט אַפילו געפּרוּװט נישט צו פאַרמאַכן פאַמעלעך הינטער זיך די טיר, דורך װעלכער ער איז אַרײַנגעגאַנגען, נאָר זי לאָזן צופאַלן. אויך דאָס האָט זיך אַרויסגעװיזן פאַר באַקװעם און װי אָנגעמאָסטן. עס האָט געהאַט אין זיך עפּעס ענלעכס צו יאָאַכימס צוקן מיט די אַקסלען, בעת ער האָט זיך צונױפגעטראָפן מיט אים דאָס ערשטע מאָל אויפן װאָקזאַל. שפּעטער האָט האַנס קאַסטאָרפּ געזען די זעלבע באַװעגונג בײַ אַ סך מענטשן דאָ אויבן.

פשוט גערעדט, איז אונזער גאַסט געװען פאַרליבט אין קלאַװדיאַ שאָשאַ איבער די אויערן. מיר באַנוצן זיך נאָרמאַל מיט דעם װאָרט דערפאַר, װײַל מיר זײַנען זיכער, אַז מיר האָבן זיך שוין גענוג באַװאָרנט פאַר אַ מיספאַרשטײעניש, װאָס דאָס װאָרט קאָן דערװעקן. קײן ליבלעך-שטימונגספולע טרויעריקײט פון יענעם לידל איז דער מהות פון זײַן ליבע נישט געװען. ס'איז גיכער געװען אַ היפּש-ריזיקאַלישער און אומהײמלעכער ניואַנס פון דער באַרױשטקײט, געמישט פון קעלט און היץ, װי דאָס פילן זיך פון אַ היץ-קראַנקן אָדער װי אַן אָקטאָבער-טאָג אין די בערג. געפעלט האָט דאָ טאַקע עפּעס געמיטלעכס, װאָס װאָלט געקאָנט פאַרבינדן די עקסטרעמע עלעמענטן. אָט די באַרױשטקײט האָט זיך פון אײן זײַט באַצױגן (מיט אַן אומגעמיטלעכקײט, פון װעלכער דער יונגערמאַן פלעגט אַזש בלאַס װערן און זײַן פנים האָט זיך פאַרקרימט) צו פרוי שאָשאַס קני און צו דער ליניע פון אירע פיס, צו איר רוקן, צו איר נאַקן-בײנדל און צו די אָרעמס, דורך װעלכע די קלײנע ברוסט איז צונױפגעפרעסט געװאָרן; בקיצור — צו איר קערפער, צו איר אָפּגעלאָזענעם און בולט-געװאָרענעם קערפער, װאָס איז דורך דער קראַנקהײט געװאָרן געװאַלדיק אונטערגעשטראָכן און נאָך מער קערפער, װי אַלעמאָל. פון דער צװײטער זײַט איז אָט-די באַרױשטקײט געװען עפּעס, װאָס איז שטאַרק צעשװאומען און אויסגעצויגן, אַ רעיון, נײן, אַ חלום, דער שרעקנדיקער און אומענדלעך-צוציענדיקער חלום פון אַ יונגנמאַן, װעלכן מ'האָט אויף אַ באַשטימטער, כאָטש אומבאַװאוסטזיניק-געשטעלטער פראַגע געענטפערט מיט אַ הויל שטילשװײַגעניש. װי יעדער אײנער, נוצן מיר אויס דאָס רעכט, דערצײלנדיק דאָ די געשיכטע, אַרויסצוזאָגן אונזער פּריװאַטע מײנונג און מיר שטעלן

אינדערקרים צווישן די טישן, וואַרפֿט־איבער די קרעם־קאָלירטע פאָרהאַנגען איינעם איבערן אַנדערן, קוקט זיך אום הינטערהווילעכין און זעט, צי פֿרוי שאָשאַס קאָפּ איז מער נישט פֿאַרבלענדט פֿון דער שיין. דערנאָך גייט ער צוריק און מאַכט דערביי זייער אַ גלייכגילטיקע מינע. פּשוט, אַ העפֿלעכער יונגערמאַן, וואָס טוט דאָס, וואָס מ׳דאַרף, דערפֿאַר ווייל ס׳איז קיינעם נישט איינגעפֿאַלן דאָס צו טאָן. ס׳האָט כמעט קיינער נישט באַמערקט, וואָס ער האָט אָפּגעטאָן, אָבער פֿרוי שאָשאַ האָט דאָס תּיכּף דערשפּירט און האָט זיך אומגעקוקט. אין דער פּאָזיציע איז זי געבליבן, ביז האַנס קאַסטאָרפּ האָט זיך צוריק אַוועקגעזעצט אויף זיין אָרט און צו איר אַ קוק געגעבן. דעמאָלט האָט זי געדאַנקט מיט אַ פֿריינדלעך דערשטוינט שמייכעלע, דאָס הייסט: זי האָט מער אַרויסגערוקט דעם קאָפּ, ווי זיך פֿאַרנייגט. ער פֿון זיין זייט האָט זיך פֿאַרבויגן. זיין האַרץ איז אַזש שטיין געבליבן, ס׳האָט בכלל ווי אויפֿגעהערט קלאַפּן. ערשט שפּעטער, נאָכדעם ווי אַלץ איז אַדורך, האָט עס אָנגעהויבן האַמערן. ערשט דעמאָלט האָט ער באַמערקט, אַז יאָאַכים האָט שטיל געהאַלטן אַראָפּגעלאָזט די אויגן אויף זיין טעלער. שפּעטער האָט ער זיך אויך געכאַפּט, אַז פֿרוי שטער האָט דעם ד״ר בלומענקאָל אַ שטויס געטאָן אין דער זייט אַריין און זיך אומגעקוקט מיט איינגעהאַלטן געלעכטער סיי ביים אייגענעם טיש סיי ביי אַנדערע טישן, צי נאָך עמעצער זעט...

מיר שילדערן טאָג־טעגלעכע זאַכן, אָבער דאָס טאָג־טעגלעכע הייבט אָן ווערן משוגעדיק, ווען עס וואַקסט אויס אויף אַ משונהדיקן באָדן. ס׳זיינען צווישן זיי פֿאָרגעקומען שפּאַנונגען און אָנגענעמע אויסלאָזונגען. אויב אַפֿילו נישט „צווישן זיי״ (ווייל אויף ווי ווייט דאָס האָט אָנגערירט מאַדאַם שאָשאַ, דאָס גייט אונז דאָ נישט אָן), איז — על־כּל־פּנים — פֿאַר האַנס קאַסטאָרפּס פֿאַנטאַזיע און געפֿיל. נאָכמיטאָג פֿלעגט אין יענע שיינע טעג דער גרעסטער טייל פֿון עולם אַרויסגיין אויף דער ווערַאַנדע, וואָס ליגט פֿאַרן עס־זאַל, כּדי צו פֿאַרברענגען אַ פֿערטל שעה גרופּנווייז אויף דער זון. עס האָט זיך דאָ געריודערט און ס׳האָט אויסגעזען, ווי אין דעם זונטאָג, ווען ס׳שפּילט די מוזיק. דאָס יונגוואַרג — אַבסאָלוט פּוסטע קעפּ, צופֿיל אָנגעגעסן מיט פֿלייש און זיסקייטן, דערצו

זיך אויך אַוועק אויף איר אָרט און קוקט זיך אים צו אים. זי זעט אויס, ווי זי וואָלט זיך אַריינגעטראַכט אין דעם, וואָס איז ערשט פאָרגעקומען ביי דער טיר. אַזוי דוכט זיך אים. אָ, וואָס פאַר אַן אומגעריכט געשעעניש! אָ, יובל, ניצחון און אומענדלעכע פרייד! ניין, צו אַזאַ שיכּרות און פאַנטאַסטישער באַפרידיקונג וואָלט האַנס קאַסטאָרפּ קיינמאָל נישט דערגאַנגען צוליב אַ בליק פון עפּעס אַ געזונט געגזל אונטן אין פלאַכלאַנד, וועלכע ער וואָלט לעגאַל פרידלעך און צוזאָגנדיק „געשענקט זיין האַרץ“, ווי עס זינגט זיך אין יענעם לידל. ער באַגריסט מיט היציקער אויפגערוימטקייט די לערערין, וועלכע האָט אַלץ צוגעזען און איר פוכיק פּנים איז צוליב דעם אָנגערייטלט געוואָרן. באַלד דערנאָך נעמט ער ריידן אויף ענגליש צו דער מיס ראָבינזאָן אַזעלכע אומזיניקייטן, אַז די פריילין, וועלכע פאַרשטייט זיך נישט אויף התלהבות„ נעמט זיך צוזאַמען צוריקציִען און מעסט אים אָפּ מיט בליקן פול שרעק.

אַן אַנדערש מאָל טרעפט זיך, אַז ביים אָוונט-עסן פאַלן די שטראַלן פון דער קלאָר-אונטערגייענדיקער זון אויף דעם „גוטן רוסן-טיש“. מ׳האָט, וואָס אמת, פאַרצויגן די פאָרהאַנגען פון די וועראַנדע-טירן און פון די פענסטער, אָבער ערגעץ איז נאָך געבליבן אַ שפּאַלט. דורך אָט דעם שפּאַלט כאַפּט זיך אַריין די רויטע שיין — אַ קילע, אָבער בלענדנדיקע און פאַלט אַקוראַט אויף פרוי שאָשאַס קאָפּ. יענע רעדט גראָד מיט דעם אויסגעצערטן רוס, וואָס זיצט רעכטס פון איר, און זי מוז זיך פאַרשטעלן מיט דער האַנט. דאָס איז אַ טירחה, אָבער נישט קיין שווערע. קיינעם גייט עס נישט אָן. אַפילו פרוי שאָשאַ אַליין פילט אויך נישט רעכט די אומבאַקוועמלעכקייט. אָבער האַנס קאַסטאָרפּ דערזעט עס פון יענער זייט זאַל — אויך ער קוקט זיך אַ ווײַלע צו דערצו. ער נעמט אַדורך דעם ענין, קוקט נאָך, פון וואַנען דער שטראַל קומט, דערגייט גענוי דאָס אָרט, דורך וועלכן דער שטראַל רייסט זיך אַדורך. עס איז דאָס בויגן-פענסטער דאָרט הינטן רעכטס, אין ווינקל, צווישן אַ וועראַנדע-טיר און דעם „שלעכטן רוסן-טיש“, ווייט פון פרוי שאָשאַ און כמעט אַקוראַט אַזוי ווייט פון האַנס קאַסטאָרפּ. פונדעסטוועגן אַנטשליסט ער זיך. אָן אַ וואָרט שטייט ער אויף, גייט אַדורך מיטן סערוועט אין דער האַנט דעם זאַל

עריק געווען ביזן סאַמע גרונט, האָבן געקוקט בגנבה אין אַ גע־
וויסער זייט און דערוועקט אין האַנס קאַסטאָרפּן עקל.

כדי מיט דער הילף פון דעם אָדער יענעם ביישפּיל אומצו־
קערן זיך צו יענע „שפּאַנונגען און אויסלאָדונגען‟, לאָמיר אָננעמען
אַזאַ פאַל: האַנס קאַסטאָרפּ זיצט אויף אַ לאַקירטער גאָרטן־שטול
ביי דער וואַנט פון סאַנאַטאָריע און שמועסט מיט יאָאַכימען, וועל־
כער האָט לכתחילה נישט געוואָלט אַרויסגיין, נאָר האַנס קאַסטאָרפּ
האָט אים געצוואונגען. פאַר אים שטייט די פרוי שאָשאַ צוזאַמען
מיט אירע שכנים פון טיש, אָנגעשפּאַרט אין דער באַריערע און
הייכערט אַ פּאַפּיראָס. ער רעדט ספּעציעל הויך, כדי זי זאָל אים
דערהערן, נאָר זי שטייט אויסגעדרייט מיטן רוקן... אָט האָבן מיר,
הייסט עס, פאַר זיך אַ באַשטימטן פאַל. דער שמועס מיטן קו־
זין קלעקט נישט פאַר זיין אַפעקטירטער באַיידעוודיקייט, צוליב דעם
האָט ער זיך בכיוון באַקאָנט מיט נאָך עמעצן. ווער איז דאָס? דאָס
איז הערמינע קלעפעלד. ער האָט מיר־נישט־דיר־נישט אָנגעהויבן ריידן
צו דער יונגער דאַמע, האָט זיך אַליין פאָרגעשטעלט פאַר איר,
דערנאָך יאָאַכימען און איר צום סוף צוגערוקט אַ לאַקירטע שטול,
כדי צו קאָנען זאַלבעדריט ברייטער זיך פונאַנדערריידן. צי געדענקט
זי נאָך, פרעגט ער, ווי שטאַרק זי האָט אים דערשראָקן ביי זייער
ערשטער באַגעגעניש אויפן פרימאָרגן־שפּאַציר? יאָ, דאָס איז ער
טאַקע געווען; צו אים האָט זי דאָס דעמאָלט אַזוי פריילעך אַ
פייף געטאָן אויף ברוך־הבא! און זי האָט דערגרייכט איר צוועק,
דאָס איז ער אָפן מודה. ער האָט זיך דערשפּירט, ווי מ'וואָלט אים
דערלאַנגט מיט אַ שטעקן איבערן קאָפּ. זי מעג פרעגן זיין קוזין.
האַ, האַ, פייפן מיט אַ פּנעומאָטאָראַקס און איבערשרעקן אומשול־
דיקע הורכגייער! דאָס איז אַ שלעכטע שפּיל, דאָס איז אַ רישעות־
דיקער מיסברויך — טענהט ער אין געררעכטן צאָרן.... יאָאַכים זיצט
מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן פול מיטן באַוואוסטזיין, אַז ער איז דאָ
בלויז אַ מיטל צום צוועק. אויך די קלעפעלד הייבט ביסלעכווייז אָן
פון האַנס קאַסטאָרפּס בלינדע און אַוועקקוקנדיקע בליקן צו קריגן
דאָס באַליידיקנדיקע געפיל, אַז ער מיינט נישט זי. אָבער האַנס קאַס־
טאָרפּ אַרבעט מעשים, הנדלט זיך, שיט מיט מליצות, באַמיט זיך

נאָך אַלע מיט לייכטער היץ — האָט געשמועסט, געפּלירטעוועט, געמאַכט אייגלעך. פרוי סאַלאָמאָן פון אַמסטערדאַם האָט ליב געהאַט צו זיצן ביי דער באַלוסטראַדע, די קניען האַרט צונויפגעקוועטשט צווישן געגנזער מיט די אַהיסגעזעצטע ליפּן פון איין זייט און פון דער אַנדערער זייט — צווישן שוועדישן ריז, וואָס איז שוין געווען פולשטענדיק געזונט און איז דאָ ווייטער געזעסן בלויז, כדי זיך נאָך אַ ביסל אויסצורוען. פרוי אילטיס איז, אַפּנים, געווען אַן אַלמנה, ווייל זי האָט לעצטנס אָנגעהייבן אַרומדרייען זיך מיט אַ „חתן", וואָס האָט, אַגב, אויסגעזען אי מרה=שחורהדיק אי נעבעכדיק. דאָס האָט איר פונדעסטוועגן נישט געשטערט צו פּאַרברענגען מיט דעם הויפּטמאַן מיקלאָזיך, וואָס האָט זיך צו איר געשאַרט. ס'איז געווען אַ מענטש מיט אַן אָדלער=נאָז, געפּאַרבטע וואָנצעס, מיט אַ בכבודיק=אויפגעהויבענער ברוסט און דראָענדיקע אויגן. ס'זיינען דאָ געווען די מיידלעך פון די ליג=האַלעס, פון פאַרשיידענע פעלקער, צווישן זיי אויך נייע פיגורן, וואָס זיינען צוגעקומען אַהער ערשט פון 1טן אָקטאָבער אָן און האַנס קאַסטאָרפּ האָט קוים געוואוסט, ווער זיי זיינען. ס'זיינען דאָ אויך געווען קאַוואַליערן, מערוויניקער פון דעם מין, וואָס אַלבין. זיבעצניעריקע בחורים מיט מאָנאָקלען, אַ באַברילטער יונגער האָלענדער מיט אַ ראָז פּנים און מיט אַ מאָנאָמאַנישער ליידנשאַפט צו זאַמלען און טוישן פּאָסט=מאַרקעס, כלערליי גריכן, פּאָמאַדירטע און מיט מאַנדל=אויגן געניגט עובר צו זיין אויף די טיש=מאַניערן. ס'זיינען דאָ אויך געווען צוויי פראַנטלעך, וואָס האָבן זיך שטענדיק געהאַלטן צוזאַמען. מ'האָט זיי גערופן „מאַקס און מאָריץ" און מ'האָט זיי געהאַלטן פאַר גרויסע בעלנים אין דאָרף=מיידלעך... דער מעקסיקאַנישער הויקער, וואָס האָט נישט געקאָנט קיין שום אייראָפּעישע שפּראַך און דערפאַר געמאַכט אַן איינדרוק פון אַ טויבן, האָט כסדר געמאַכט פאָטאָגראַפישע אויפנאַמעס. ער האָט אַרומגעשלעפּט זיין סטאַטיוו מיט אַ קאָמישער פלינקייט פון איין ווינקל טעראַסע צום אַנדערן. דער הויפראַט פלעגט טיילמאָל אַרויסקומען אַהער און ווייזן דעם עולם די קונץ מיט די שנורוואַדלעס. צווישן גאַנצן עולם האָט זיך אויך ערגעץ געשטופּט דער מאַנהיימער פרומער פּאַציענט. זיינע אויגן, וואָס זיינען טרוי-

איז דען נישט אַרויס אין די רייען און געוואָרן אַ היגער, אַן אייגענער מענטש, אײַנגעזאַלצן אויף גוטע צוויי חדשים? איז דען מערקוריוס ערשט נאָך נעכטן נישט אַרויף ביז 37,8?... אָבער דאָס איז עס דאָך טאַקע, צוליב דעם האָט ער טאַקע אַזעלכע צרות! מערקוריוס האָט אויפגעהערט הייבן זיך! די מוראדיקע נידערגעשלאָגנקייט פון יענע טעג האָט אַרײַנגעברענגט אין האַנס קאַסטאָרפּס נאַטור אַ קעלט, אַ ניכטערקייט און אַן אָפּגעלאָזנקייט. צו זיין גרויסער בושה האָט זיך עס אויסגעדריקט אין זייער אַ נידעריקער טעמפּעראַטור, וואָס איז כמעט נישט איבערגעשטיגן די נאָרמאַלע וואַרעמקייט. שרעקלעך איז פאַר אים געווען דער פאַקט, אַז זיין כעס אין צרות האָבן אים בלויז נאָך מער דערווייטערט פון קלאַוודיאַס עקסיסטענץ און מהות.

ערשט דער דריטער טאָג האָט געבראַכט אַ גוטע אויסלייזונג באַלד אינדערפרי. ס'איז געווען אַ הערלעכער האַרבסטיקער פרימאָרגן, אַ זוניקער און אַ פרישער, מיט גרוי־זילבערדיק באַהויכטע לאָנקעס. די זון און די בלייך־געוואָרענע לבנה זיינען ביידע געשטאַנען צוזאַמען הויך אינם קלאָרן הימל. די קוזינען זיינען אויפגעשטאַנען פריער ווי געוויינלעך, כדי לכבוד דעם שיינעם טאָג אַ ביסל צו פאַרלענגערן דעם פרימאָרגן־שפּאַציר מער וויפל ס'דערלויבט דער רעגלאַמין און גיין ווייטער מיטן וואַלד־וועג, ווי ביז צו דער באַנק ביים טייכל. יאָאַכימס דיאַגראַמע איז אויך גראָד געהאַט אַראָפּגעפאַלן אויף אַ דערפרייענדיקן אופן. צוליב דעם האָט ער טאַקע פאָרגעלייגט, מ'זאָל מאַכן היינט אַן אויסנאַם און האַנס קאַסטאָרפּ האָט אויך נישט געזאָגט ניין. — מיר זיינען אויסגעהיילטע מענטשן — האָט ער געזאָגט. — מיר זיינען פטור געוואָרן אי פון דער היץ, אי פונם גיפט. כמעט שוין צייטיק צום פלאַכלאַנד. פאַר־וואָס־זשע זאָלן מיר טאַקע נישט אַ בריקע טאָן? האָבן זיי זיך טאַקע אַרויסגעלאָזט מיט שטעקנס און אָן די היטלען. ווייל זינט האַנס קאַסטאָרפּ איז געוואָרן איים גאַסט, האָט ער זיך צוגעפּאַסט צום היגן מנהג צו גיין אָנעם היטל, כאָטש ערשט נישט לאַנג איז ער געווען קעגן דעם און זיך אַזוי פעסט געהאַלטן ביי זיין אַלטן שטייגער. זיי זיינען אָבער נאָך נישט געהאַט דורכגעגאַנגען דעם

צו ריידן מיט אַ קלינגענדיקער שטים און דערגרייכט סוף־כּל־סוף דערצו, אַז זיין ריידן ווערט אויפפאַלנדיק דער פרוי שאָשאַ. זי דרייט זיך אוים און גיט אים אַ קוק אין פּנים אַריין — אָבער בלויז אויף איין רגע. ווייל ס׳קומט אַרויס אַזוי, אַז אירע פּריבּיסלאַוו־אויגן גיבן אַ קוק אויף אים, ווי ער זיצט מיט פאַרלייגטע פיס: דער בליק גליטשט זיך גיך אַראָפּ אין בלייבט אַ ווײלע הענגען אויף זיין געלן שטיוול מיט אַזאַ בּאַזונדיקער גלייכגילטיקייט, אַז ס׳דערגייט אַזש ביז ביטול, יאָ, ממש ביטול. באַלד דערנאָך קערן זיך אירע אויגן צוריק אָפּ פלעגמאַטיש אין אַפילו מיט אַ פאַרבאַהאַלטענעם שמייכל.

אַ שווער, שווער אומגליק! האַנס קאַסטאָרפּ רעדט נאָך אַ ווײלע היציק. דערנאָך, ווען ער גיט זיך סוף־כּל־סוף אינערלעך אָפּ אַ דין־וחשבון פון יענעם קוק אויף זיין שטיוול, האַקט ער כּמעט אָפּ אינמיטן וואָרט און פאַלט אַריין אין מרה־שחורה. די קלעפעלד איז פאַרנידעט און באַליידיקט און זי גייט אַוועק. יאָאַכים פּרוּווט זאָגן מיט אַ ביסל אַ צערייצט קול, אַז מ׳דאַרף זיך נעמען מאַכן ליג־קוראַציע. האַנס קאַסטאָרפּ ענטפערט אים אַ דערשלאָגענער און מיט ווייסע ליפּן, אַז מ׳קאָן עס טאָן.

פון דעם דאָזיקן געשעעניש האָט האַנס קאַסטאָרפּ מוראדיק געליטן גאַנצע צוויי טעג. ווייל אין משך פון דער צייט איז גאָרנישט געשען אַזוינס, וואָס וואָלט געקאָנט אויסהיילן זיין ברענענדיקע וואונד. פאַרוואָס עפּעס אַזאַ בליק? פאַרוואָס, רבונו־של־עולם, אַזאַ ביטול? צי האָט זי אים אָנגעקוקט, ווי אַ געזונטן בתורעך פון אונטן, וואָס האָט חשק בלויז צו פּשוטער פלאַפּלעריי? ממש ווי אויף אַ תמימותדיקן בחור פון פלאַכלאַנד, אַזוי צו זאָגן, ווי אויף אַ געוויינלעכן חברה־מאַן, וואָס גייט אַרום, לאַכט, פּאַשעט זיך אוים אַ בויך אין פאַרדינט געלט — ווי אויף אַ געניטן לעב־יונג, וואָס קאָן זיך אויף קיין זאַך נישט, אויסער אויף די לאַנגווייליקע מעלות פון בירגערלעכן לעבן? ער איז דען נאָך אַ צופעליקער גאַסט אויף דריי וואָכן, וואָס האָט נישט קיין שייכות צו איר ספערע? צי איז ער דען נישט געוואָרן אַ תושב צוליב אַ פייכט אָרט אין די לונגען? ער

שטרענגקייט. ערשט אין יענער צייט, אויפֿן אויסגעדרייטן וועג, צווישן תּהום און שיפּוע, צווישן די זשאַוועררויטלעכע סאָסנעס, קעגן די זון־ליכטלעך, וואָס רייסן זיך אַדורך דורך די צווייגן, איז געשען און ס'האָט זיך געטראָפֿן די וואונדערלעכע באַגעגעניש: האַנס קאַסטאָרפּ, וואָס איז געגאַנגען לינקס פֿון יאָאַכימען, איז סוף־כל־סוף פֿאַרבייגעגאַנגען מיט מענלעכע טריט די ליבלעכע פּאַציענטין און אין דער רגע, ווען ער איז געווען רעכטס פֿון איר, האָט ער זיך פֿאַרנייגט מיטן הוילן קאָפּ און מיט אַ האַלב קול איר אַ זאָג געטאָן „גוט־מאָרגן". ער האָט זי באַגריסט מיט כּבֿוד (ס'הייסט טאַקע: מיט כּבֿוד) און זי האָט אים געענטפֿערט. זי האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ פֿריינדלעך און גאָרנישט דערשטוינט. זי האָט אויך צוריקגעענטפֿערט אויף זיין שפּראַך „גוט־מאָרגן" און אירע אויגן האָבן דערביי געשמייכלט. דאָס אַלץ איז געווען אינגאַנצן עפּעס אַנדערש, עפּעס לחלוטין אַנדערש פֿון יענעם בליק אויף זיין שוך. ס'איז געווען אַ גליקלעכער פֿאַל און אַ ווענדונג צום גוטן און סאַמע בעסטן, עפּעס, וואָס האָט גאָר קיין גלייכן נישט און וואָס גייט איבער יעדע השׂגה. ס'איז געווען אַן אויסלייזונג.

ווי אויף פֿליגל — אַ פֿאַרבלענדטער פֿון אומזיניקער פֿרייד, באַרייכערט מיט דעם גרוס, מיטן וואָרט, מיטן שמייכל — האָט האַנס קאַסטאָרפּ געאײַלט פֿאָרויס לעבן דעם אויסגענוצטן יאָאַכימען, וואָס איז געגאַנגען שווייגנדיקערהייט און אַוועקגעקוקט פֿון האַנס קאַסטאָרפֿן אַראָפּ אין תּהום. האַנס קאַסטאָרפּ האָט גאַנץ גוט געוואוסט, אַז דאָס איז אין יאָאַכימס אויגן געווען אַ שטיפֿערײַ, אַ צעלאָזנקייט און אַפֿילו אַ שטיקל פֿאַרראַט און עבֿירה. דאָס איז אָבער פֿאָרט נישט געווען אַקוראַט אַזאַ זאַך, ווי ער וואָלט געפּרוּווט בעטן ביי אַ ווילד־פֿרעמדן מענטש אַ בליי־פֿעדער. פֿאַרקערט, ס'וואָלט געווען אַפֿילו אַ שטיקל גראָבקייט פֿאַרבייצוגיין אָן אַ גוט־מאָרגן פֿאַר אַ דאַמע, מיט וועלכער מ'וואוינט זינט חדשים אונטער איין דאַך. און צי האָט דען נישט ערשט נישט לאַנג קלאַווריאַ אין וואַרטצימער פֿאַרפֿירט מיט זיי אַ שמועס? צוליב דעם טאַקע האָט יאָאַכים געמוזט שווייגן. אָבער האַנס קאַסטאָרפּ האָט פֿאַרשטאַנען, צוליב וואָס נאָך דער וואַילער יאָאַכים שווייגט כּסדר און דרייט

באַרג־אַרויף פֿונם רויטלעכן וועג, זיי זיינען ערשט געווען בערך דאָרטן, וואו די פּנעוומאַטישע גרופּע האָט זיך צונויפֿגעטראָפֿן מיט קאַסטאָרפֿן. פּלוצלונג האָבן זיי דערזען פֿאַר זיך פֿרוי שאָשאַ. זי איז פּאַמעלעך געגאַנגען באַרג־אַרויף, אָנגעטאָן אין ווייסן; אין אַ ווייסן סוועטער, אין אַ ווייס פֿלאַנעלן קלייד, און אַפֿילו אין ווייסע שיך. די רויטלעכע האָר זיינען געווען באַלויכטן פֿון דער פֿרימאָרגן־זון. גענויער גערעדט וואָלט מען געדאַרפֿט זאָגן, אַז — האַנס קאַסטאָרפּ האָט זי דערקענט. יאָאַכים האָט זיך אָנגעשטויסן דערין ערשט צוליב דעם, ווייל ר'האָט דערפֿילט, אַז עפּעס נעמט זיך רייסן און ציען אין זיין זייט. ער האָט עס דערשפּירט אין האַנס קאַסטאָרפּס טריט, וואָס האָבן זיך גענומען קלאַמערן אויף איין אָרט, זיך כמעט אָפּגעשטעלט און אויף איינמאָל — געוואָרן גיכערע און לייכטערע. יאָאַכים האָט אַזאַ אײַלעניש נישט געקאָנט ליידן און עס האָט אים פֿאַרדראָסן. זיין אָטעם איז אינדערגיך געוואָרן אָפּגעהאַקט און ער האָט אָנגעהויבן אונטערהוסטן. אָבער האַנס קאַסטאָרפּ האָט ווייטער געיאָגט זיך פֿאָרויס נאָך זיין ציל. זיין האַרץ האָט, ווייזט אויס, גוט געאַרבעט און ער האָט זיך ווייניק געמאַכט פֿון יאָאַכימס מידקייט. יאָאַכים האָט אָבער תּיכּף דערשמעקט, וועגן וואָס ס'גייט, דערפֿאַר האָט ער בלויז שווייגנדיק פֿאַרצויגן די ברעמען און איז נאָכגעגאַנגען, ווייל ער האָט דאָך נישט געקאָנט יענעם לאָזן אַליין לויפֿן.

דעם יונגן האַנס קאַסטאָרפּ האָט דער שיינער פֿרימאָרגן אויפֿגעפֿרישט. אין משך פֿון די צוויי טעג דעפּרעס'ע האָבן זיך אויך זיינע גייסטיקע כּוחות שטילערהייט אויסגערוט. אין זיין גייסט האָט איצט קלאָר אויפֿגעלויכטן די זיכערקייט, אַז ס'איז איצט געקומען די רגע, ס'זאָל אַראָפּגענומען ווערן פֿון אים די קללה, וואָס איז אויף אים געלעגן ביז איצט. ער האָט געמאַכט פֿיס, געשלעפּט מיט זיך דעם פֿאַרסאַפּעטן יאָאַכימען, וואָס האָט זיך קעגנגעשטעלט. ביים אויסדריי פֿון וועג, וואָס פֿירט רעכטס אַרויף צום באַוואַלדיקטן בערגל, האָבן זיי זיך שוין כמעט ווי אויסגעגליכט מיט מאַדאַם שאָשאַ. דאָ האָט האַנס קאַסטאָרפּ אויפֿסניי אָנגעהויבן גיין פּאַמעלעכער, כּדי זיך נישט צו באַגעגענען מיט איר אַן אויסגעמאַטערטער פֿון אָנגע-

גאָרנישט צוגעטאָן דערצו, כּדי צו מאַכן דערפֿון אַ סוד. אַ געוויסער שטאָלץ און איידעלע פּשטות האָבן פּשוט נישט צוגעלאָזט, ער זאָל זיך אויסבאַהאַלטן דערמיט. דערמיט האָט ער זיך טאַקע אָפּגעשיידט — מ׳קאָן אַפילו זאָגן: צום גוטן — פֿון דעם שיטערהאָריקן פֿאַרליבטן פֿון מאַנהיים און פֿון זיין אויסגעהיטנקייט. מיר דערמאָנען און חזרן איבער, אַז דער מצב, אין וועלכן ער האָט זיך געפֿינען, האָט בטבע דעם דראַנג און דעם מוז צו עפֿענען דאָס האַרץ פֿאַר יענעם, אַ נייגונג זיך מתוודה צו זיין, אַ בלינדע פֿאַרנומענקייט מיט זיך אַליין און אַ באַגער אויסצושפּילן די וועלט מיט זיך. וואָס ווייניקער זין, שכל און האָפֿענונג ס׳איז דאָ אין דעם ענין, אַלץ משוגנהדיקער זעט עס אויס פֿאַר אונז, ניכטערע. ווי אַזוי אַזעלכע מענטשן הייבן זיך אָן פֿאַרראַטן, איז שווער צו זאָגן. זיי קאָנען, דאַכט זיך, נישט טאָן קיין שום זאַך, וואָס זאָל זיי נישט פֿאַרראַטן. בפֿרט נאָך אין אַ געזעלשאַפֿט, וועגן וועלכער אַ קלוגער קאָפּ האָט זיך אויסגעדריקט, אַז מ׳האָט ביי איר אין זינען בלויז צוויי זאַכן: ערשטנס, די טעמפּעראַטור און צווייטנס — נאָכאַמאָל די טעמפּעראַטור, צום ביישפּיל די פֿראַגע, מיט וועמען די ווינער פֿרוי גענעראַל-קאָנסול וואָרמבראַנד וועט זיך טרייסטן נאָך דעם פּלאַטער-קאָפּ קאַפּיטאַן מיקלאָזיך, צי מיט דעם פֿולשטענדיק אויסגעהיילטן שוועדישן ריז אָדער מיטן פּראָקוראָר פּאַראַוואַנט פֿון דאָרטמונד, אָדער אַפילו — מיט ביידע צוזאַמען, ווייל ס׳איז געווען באַקאַנט און זיכער, אַז די פּעדים, וואָס האָבן אין משך פֿון אַ סך חדשים צונויפֿגעבונדן דעם פּראָקוראָר מיט פֿרוי סאַלאָמאָן פֿון אַמסטערדאַם, זיינען איבערגעבונדן געוואָרן נאָך אַ פֿרידלעכער פֿאַרשטענדיקונג. ס׳איז אויך זיכער געווען, אַז פֿרוי סאַלאָמאָן האָט, ווי ס׳איז דער שטייגער אין אירע יאָרן, זיך צוגעשאַרט צו דער יוגנט און גענומען אונטער אירע פֿליגלען גענוערן מיט די אַרויסגעוועצטע ליפּן, וועלכער זיצט ביי פֿריילין קלעפּעלדס טיש. פֿרוי שטער האָט דאָס אויסגעדריקט אין אַ מין קאַנצעלאַריע-סטיל און נישט אָן בילדלעכקייט: „אַריינגעקריגן“. אַלנפֿאַלס האָט דער פּראָקוראָר געהאַט די ברירה: אָדער זיך אַרומשלאָגן מיטן שוועד צוליב דער פֿרוי גענעראַל-קאָנסול, אָדער זיך נישט ווייסנדיק צו מאַכן.

אַוועק דעם קאָפּ, אין דער צייט, ווען ער, האַנס קאַסטאָרפּ, איז אַזוי וואַילעריש אין דורך-און-דורך גליקלעך צוליב זיין געראָטענער שטיפעריי. ס'העט קיינמאָל נישט זיין גליקלעכער עמעץ, וואָס האָט אונטן אין פלאַכלאַנד אויף אַ ליגעלן, צוזאָגנדיקן און — אין גרונד גענומען — הנאהדיקן אופן „געשאָנקען זיין האַרץ" אַ געזונט גענזל און האָט געהאַט גרויס דערפאָלג. ניין, אַזוי גליקלעך, ווי ער איז צוליב דער קליינער הנאה, וועלכע ער האָט אַריינגעכאַפּט אין אַ גוטער שעה, קאָן קיינער נישט זיין... דערפאַר גיט ער זיין קוזין אַ פעסטן קלאַפּ איבער דער פּלייצע און זאָגט:

— האַלאָ, דו, וואָס איז מיט דיר? ס'איז אַזאַ שיין וועטער! באַלד וועלן מיר אַראָפּ אין דער קאַסינאָ, מ'שפּילט דאָרטן, מסתמא, מוזיק, דערמאָן דיך נאָר! אפשר וועלן זיי אויפשפּילן „דאָ ביים האַרצן טריי פאַרבאָרגן, אָט די בלום פון יענעם מאָרגן" פון „קאַרמען"? וואָס איז דיר געפלויגן איבער דער נאָז?

— גאָרנישט — זאָגט יאָאַכים. — אָבער זעסט אויס אַזוי דערהיצט. כ'האָב מורא, אַז האָסט ווידער געקריגן וואַרעמקייט.

יאָ, ער האָט באמת געקראָגן היץ. האַנס קאַסטאָרפּס פאַרשעמטע געפאַלנדיקייט איז באַזיגט געוואָרן צוליב דעם „גוט-מאָרגן" צווישן אים און קלאַוודיאַ שאָשאַ. דאָס דאָזיקע באַוואוסטזיין האָט אים באמת געגעבן אַ סאַטיספאַקציע. יאָ, יאָאַכים איז גערעכט געווען: מערקוריוס איז ווידער געשטיגן. תיכף נאָכן שפּאַציר האָט האַנס קאַסטאָרפּ אים גענומען אין מויל אַריין און דאָס קוועקזילבער האָט זיך אויפגעהויבן ביז קיילעכדיקע 38.

ענציקלאָפּעדיע

כאָטש סעטעמברינס אָנצוהערענישן פלעגן האַנס קאַסטאָרפן פאַרדריסן, פונדעסטוועגן האָט ער זיך נישט געטאָרט וואונדערן צוליב דעם און נישט געהאַט קיין רעכט צו באַשולדיקן דעם הומאַניסט אין פּעדאַגאָגישן שפּיאָנאַזש. אַ בלינדער וואָלט אויך געווען דערקאָנט, ווי עס האַלט מיט אים אין דער וועלט. ער האָט אַפילו

כער איז אַריינגעלייגט געוואָרן אין דעם ענין דאָ אויבן ביי יעדן און ביי אַלע. דאָס הייסט נישט, אַז דאָ האָט מען זיך נישט גע־ ווּיצלט וועגן דעם. אָבער דער דאָזיקער־מאַניער האָט דאָ, נאָך מער ווי אונטן, געטראָגן דעם חותם פון נישט־צונעפּאַסטקייט. דאָ האָט אָט־דער מאַניער געהאַט אין זיך עפּעס ציטערנדיקס און שווינד־ זיכטיקס. צוליב דעם איז דערפון געוואָרן אַ בולטער צודעק פאַר דעם אונטן־באַהאַלטענעם טראַגיזם, וואָס האָט זיך, אַגב, נישט גע־ לאָזט באַהאַלטן. האַנס קאַסטאָרפּ האָט זיך דערמאָנט, ווי פלעקיק־ בלאַס יאָאַכים איז געוואָרן, בעת ער, האַנס קאַסטאָרפּ, האָט דאָס ערשטע און איינציקע מאָל אַרויפגעפירט אויף אַ שמועס וועגן מאַ־ רושעס קערפּערלעכקייט און גערעדט וועגן דעם מיט דער אומשול־ דיקער שפּאַסיקייט, ווי ס'איז דער שטייגער אונטן אין פלאַכלאַנד. ער האָט זיך אויך דערמאָנט אין דער קאַלטער בלאַסקייט, וואָס זיין אייגן פּנים האָט אָנגענומען, בעת ער האָט פאַרשטעלט פרוי שאָשאַס פּנים פון די שקיעה־שטראַלן, וואָס זיינען געפאַלן אויף איר. ר'האָט זיך אויך דערמאָנט דערין, אַז די זעלבע בלאַסקייט האָט ער פריִ־ ער און שפּעטער באַמערקט אויך אויף פרעמדע פּנימער ביי פאַר־ שיידענע געלעגנהייטן. כמעט אַלעמאָל אויף צוויי פּנימער איינצייטיק. צום־ביישפּיל: אויף פרוי סאַלאָמאָנס און דעם יונגן גענזערס פּנימער, בעת ס'האָט זיך אָנגעהויבן צווישן זיי דאָס, וועגן וואָס פרוי שטער האָט גערעדט אַזוי קונציק. ער האָט זיך דערמאָנט דערין, לאָמיר זאָגן, און אָנגעהויבן פאַרשטיין, אַז אין אַזעלכע פאַלן איז נישט בלויז שווער נישט צו „פאַרראַטן“ זיך, נאָר אַז די גאַנצע טירחה וואָלט אַפילו נישט געלוינט. מיט אַנדערע ווערטער: נישט בלויז צוליב שטאָלץ און ערלעכקייט האָט האַנס קאַסטאָרפּ זיך געגעבן ווייניק מי אונטערצודריקן זיינע געפילן און צו מאַכן אַ סוד פון זיין לאַגע. דערין איז שולדיק געווען אויך אין אַ געוויסער מאָס די אַטמאָספער.

ס'איז געווען אַזוי, ווי יאָאַכים האָט תיכף פאָרויסגעזאָגט: ס'איז דאָ שווער געווען צו מאַכן קאַנטשאַפט. די דאָזיקע שוועריקייט קאָן מען איסטייטשן דערמיט, וואָס ביידע קוזינען זיינען געווען אין דער סאַנאַטאָריע אַ מין באַזונדערע פּאַרטייַ און אַ מיניאַטור־ גרופּע. דערצו האָט נאָך דער מיליטערישער יאָאַכים געהאַט אין

די דאָזיקע געשעענישן, וועלכע האָבן פאַראינטערעסירט דעם עולם פון „בערגהאָף“ און דער עיקר — די היציקע יוגנט, און פאַר וועלכע ס'זיינען זייער נוצלעך געווען די באַלקאָן־דורכגענג (פאַר די גלעזערנע ווענטלעך אין לענג־אויס די באַלוסטראַדע), האָט מען פעסט אין זינען געהאַט. זיי זיינען געוואָרן דער עיקר פון דער היגער אַטמאָספערע. אַפילו די דאָזיקע ווערטער דריקן נאָך נישט אינגאַנצן אויס דאָס, וואָס ס'האָט זיך דאָ אָפּגעטאָן. האַנס קאַסטאָרפּ האָט געהאַט דעם מאָדנעם איינדרוק, אַז דער דאָזיקער ענין, וועלכן מ'האַלט אין דער גאַנצער וועלט פאַר גענוג וויכטיק, אַלץ־איינס צי מ'דריקט עס אויס ערנסט אָדער מיט אַ שפּאַס, באַקומט פונדעסטוועגן דאָ־הי מער טאָן, ווערט אין באַטייט. מ'נעמט עס דאָ אַזוי שווער אין צוליב דעם אַזוי ניי, אַז דער ענין אַליין באַווייזט זיך צוליב דעם אין אַ נייַ ליכט, וואָס איז אפשר נישט שרעקלעך, אָבער ס'דערשרעקט מיט דער נייקייט. בשעת מיר דערציילן דאָס, מאַכן מיר אַן אַנדערע מינע און מיר באַמערקן, אַז: אויב מיר האָבן ביז איצט וועגן אָט־די אומקלאָרע באַציִונגען אפשר גערעדט מיט אַ לייכטן און שפּאַסיקן טאָן, איז עס געשען צוליב די זעלבע אומבאַוואוסטע סיבות, צוליב וועלכע ס'געשעט אַלעמאָל. אַלנפאַלס, קאָן מען דערפון נישט דרינגען, אַז די זאַך אַליין איז אַ לייכטע און אַ שפּאַסיקע. גראָד אין דער הייך, וואו מיר געפינען זיך איצט, וואָלט דאָס געווען נאָך וויניקער אמת, ווי ערגעץ־אַנדערש. האַנס קאַסטאָרפּ האָט אַמאָל געמיינט, אַז ער איז אַ גאַנץ גוטער מבין אויף אָט־די ענינים, וועגן וועלכע מ'וויצלט זיך אַזוי גערן. ס'קאָן זיין, אַז ער איז אַפילו גערעכט געווען, וואָס ער האָט אַזוי געמיינט. איצט האָט ער איינגעזען, אַז אין פלאַכלאַנד האָט ער די זאַכן פאַרשטאַנען זייער אייבערפלאַכלעך, ד'איז, אייגנטלעך, גאָר געווען אַן עם־הארץ אין די ענינים. ערשט דאָ האָט ער געקריגן פערזענלעכע דערפאַרונג, אויף וועלכער מיר האָבן שוין נישט איינמאָל געגעבן אָנצוהערעניש. אין געוויסע מאָמענטן האָט ער צוליב דעם אַלעמען אַזש געמוזט אויסשרייען: „מיין גאָט!“ אַדאַנק דעם האָט ער געקריגן די אינערלעכע פעיִקייט צו באַגרייפן און צו פאַרשטיין דעם וואַקסנדיקן אַקצענט פון יענעם אומדערהערטן, אַוואַנטוריסטיש־אָנגאָמענדיקן, וועל־

אויף דער טעראַסע אָדער זונטאָג נאָכמיטאָג פאַר דער פּאָרטיער־לאָזשע, בעת די געסט פלעגן קומען אָפּנעמען די פּאָסט; ווייל זונטאָג פלעגט מען נישט אָפּטראָגן די פּאָסט אין די צימערן. כמעט אַלע האָבן געוואוסט, אַז דאָס איז אַ שטאַרק פאַרקאָכטער יונגערמאַן, וואָס האָט היץ און מ'קאָן אין אים אַליין דערקענען. ס'פלעגן זיך אַוועקשטעלן פרוי שטער, פריילין ענגלהאַרט, די קלעפּעלדר צוזאַמען מיט איר חברטע, וואָס האָט אַ פּנים פון אַ טאַפּיר, דער אומהיילבאַרער אַלבין, דער יונגערמאַן מיטן גרויסן נאָגל און נאָך איינער אָדער אַ צווייטער פון דעם עולם פּאַציענטן. זיי פלעגן שטיין מיט אַראָפּגעלאָזטע מויל־ווינקלען, כיכעי הורך דער נאָז און צוזען, ווי ער קוקט אין אַ באַשטימטער ריכטונג פאַרלוירן און ליידנשאַפטלעך־צעשמייכלט, מיט יענער היץ אויף די באַקן, וואָס איז אים באַפאַלן באַלד דעם ערשטן אָוונט, ווען ר'איז אָנגעקומען, מיט יענעם גלאַנץ אין די אויגן, וואָס האָט זיך אָנגעצונדן, ווען ער האָט דאָס ערשטע מאָל דערהערט הוסטן דעם אַריסטאָקראַט....

אייגנטלעך, איז עס שיין געווען פון סעטעמברינים זייט, וואָס ער פלעגט אין אַזאַ לאַגע פונדעסטוועגן צוגיין צו האַנס קאַסטאָרפּן, כדי אים אַריינצוציען אין אַ שמועס און כדי צו פרעגן, וואָס ער מאַכט. אָבער ס'איז אַ ספק, צי האַנס קאַסטאָרפּ האָט פאַרשטאַנען אָפּצושאַצן ווי געהעריק די מענטשן־פריינדלעכע פּאָראורטיילאָזיקייט, וואָס איז געלעגן דערין. ס'האָט זיך געקאָנט טרעפן אין פאָרהויז, זונטאָג נאָכמיטאָג. ביי דער לאָזשע פון פּאָרטיער האָבן זיך געשטופּט די געסט און אויסגעשטרעקט די האַנט אָפּצונעמען די פּאָסט. אויך יאָאַכים איז דאָרטן געווען פון די ערשטע. זיין קוזין איז געבליבן הינטן און אָפּגעוואַרט — ווי מיר האָבן עס שוין איבן געשילדערט — צו קאָנען כאַפּן אַ בליק אויף קלאַוודיאַ שאָשאַ, וואָס איז געשטאַנען נישט ווייט מיט אירע טיש־שכנים און אָפּגעוואַרט, ביז ס'וועט לויזער ווערן אַרום דער פּאָרטיער־לאָזשע. ס'איז געווען אַ שעה, ווען ס'מישן זיך צונויף אַלע געסט פון דער סאַנאַטאָריע, אַ שעה פון געלעגנהייטן און האַנס קאַסטאָרפּ האָט זי צוליב דעם טאַקע ליב געהאַט און געבענקט נאָך איר. מיט אַכט טעג צוריק האָט ער זיך ביים פענסטערל צונויפגעטראָפן מיט מאַדאַם

זינען בלויז דאָס געזונט־ווערן און אַבסאָלוט נישט קיין חשק גע־
האַט צו שטיין אין אַ נעענטערער באַריחנג און שייכות מיט די
איבעריקע פּאַציענטן. ווען נישט דאָס אַליך, וואָלט האַנס קאַס־
טאָרפּ געווען געהאַט און געקריגן נאָך מער געלעגנהייט בּרייטהאַר־
ציק און אומגעצוימט איבערצוגעבן זיינע געפילן אַנדערע. אין איינעם
אַן אָוונט, בעת דעם צונויפקום אין סאַלאָן, האָט אים יאָאַכים גע־
פּאַקט שטיין צוזאַמען מיט הערמינע קלעפעלד, אירע ביידע טיש־שכנים
געגזער און ראַזומוססען, און אויך מיט דעם בחור, וואָס טראָגט אַ
מאָנאָקל און האָט איין לאַנגן נאָגל. האַנס קאַסטאָרפּס אויגן האָבן
געבלישטשעט ניט געוויינלעך און ער האָט מיט אַ גערידט קול
געהאַלטן אַ גאַנצע דרשה וועגן פרוי שאָשאַס אָריגינעלע און פּיקאַ־
דע פּנים־שטריכן. זיינע צוהערער האָבן זיך דערביי איבערגעקוקט,
געשטויסן זיך איז די זייטן און געכיכעט.

דאָס האָט יאָאַכימען זייער ווי געטאָן. אָבער האַנס קאַסטאָרפּ,
וואָס האָט גורם געווען, מ'זאָל אים אים חוזק מאַכן, האָט נישט
געשפּירט דעם שאָדן, וועלכן ער ברענגט זיך דערמיט, וואָס ער
דעקט איף זיין האַרץ. ער האָט מסתמא געמיינט, אַז זיין געפיל
לעבט זיך נישט אויס, אויב ס'איז פאַרבאָרגן און קיינער ווייסט
נישט דערפון. ער האָט געדאַרפט זיין פאַרזיכערט, אַז ס'איז דאָ
אַן אַלגעמיינע פאַרשטענדעניש פאַר דעם. דערפאַר האָט ער זיך
נישט וויסנדיק געמאַכט דערויף, וואָס דער עולם חוזקט. נישט בלויז
פון זיין אייגענעם טיש, נאָר אַפילו פון אַנדערע, שכנותדיקע טישן
האָט מען געקוקט צו אים, כדי צו זען, ווי ער ווערט בלייך און
רויט אינאָנהייב פון יעדער מאָלצייט, בעת די טיר פאַלט צו מיט
אַ קנאַק. אַפילו דערמיט איז ער אויך צופרידן געווען. ס'האָט זיך
אים געדאַכט, אַז דערמיט, וואָס ער ריפט אַרויס אויפמערקזאַמ־
קייט, ווערט זיין פאַרליבטקייט אויף אַ געוויסן אופן אָנערקענט און
באַשטעטיקט פונדרויסן. דאָס קאָן אַמאָל נוצן דעם גאַנצן ענין און
אַריינברענגען מוט אין די אומבאַשטימטע און אומזיניקע האָפע־
נונגען. דערפאַר האָט ער זיך אַפילו געשפּירט גליקלעך דערפון.
ס'איז דערגאַנגען דערצו, אַז מ'איז זיך ממש צונויפגעקומען צו זען
זיין פאַרבלענדקייט. דאָס פלעגט געשען בערך נאָך אַ מאָלצייט

געקלאַפּט, פּאַקטיש זיינען זיי קיינמאָל נישט דערגאַנגען צו דער מדרגה פון פאַרווירקלעכונג. ס׳זיינען צו דעם געווען מניעות אי מיליטערישע, אי ריין-ציווילע. אַ סך האָט, הייסט עס, געשטערט דער בכבודיקער יאַכים און אויך האַנס קאַסטאָרפּס אייגענע ערע-און פליכט-געפילן. אַנדערע מניעות זיינען געווען געשטיצט אויפן גע-פיל, אַז געזעלשאַפטלעכע באַציִונגען בנוגע צו קלאַוודיאַ שאָשאַ, ליטישע באַציִונגען, ביי וועלכע מ׳זאָגט זיך „איר", מ׳פאַרנייגט זיך און מ׳רעדט ווי ווייט מעגלעך פראַנצויזיש, — אַז אַזעלכע באַ-ציִונגען זיינען נישט נייטיק, נישט געוואונטשן און נישט אויפן אָרט... ער איז געשטאַנען און געזען, ווי זי רעדט שמייכלענדיק, אַקוראַט ווי פּריביסלאַוו היפּפּע פלעגט אַמאָל ריידן און לאַכן אויפן הויף פון דער שול; איר מויל האָט זי דערביי געעפנט גאַנץ ברייט און אירע קרומלעכע גרוי-גרינע אויגן איבער די באַקן-ביינער האָבן זיך פאַרצויגן אין שמאָלע שפּעלטלעך. דאָס איז לחלוטין נישט געווען „שיין". אָבער ס׳איז געווען אַזוי ווי ס׳איז און בעת מ׳איז פאַרליבט, האָט דער עסטעטישער מיין פון שכל צו זאָגן אַקוראַט אַזויפיל, וויפל דער מאָראַלישער. —

— איר וואַרט אויך אויף בריוו, אינזשעניער?

— אַזוי האָט אים עמעץ אַ זאָג געטאָן, עמעץ, וואָס האָט גע-שטערט. האַנס קאַסטאָרפּ האָט אַזש אויפגעציטערט און זיך אויס-געדרייט צו סעטעמברינין, וואָס איז געשטאַנען פאַר אים אַ צע-שמייכלטער. ס׳איז געווען דער פיינער און הומאַניסטישער שמייכל, מיט וועלכן ער האָט אַמאָל באַגריסט דעם ערשט-אָנגעקומענעם האַנס קאַסטאָרפּ — ביי דער באַנק לעבן טייכל. דערזעענדיק אים, האָט זיך האַנס קאַסטאָרפּ פאַרשעמט, אַקוראַט ווי דערמאָלט. אמת, אין חלום האָט ער אַזוי אָפט געפרווט אָפּשטופן דעם „קאַטערינאַזש" דער-פאַר, ווייל ער „שטערט דאָ", — אָבער דער מענטש איז וואַכנדיקערהייט בעסער, ווי אין חלום. האַנס קאַסטאָרפּ האָט זיך נישט בלויז אויס-געניכטערט און פאַרשעמט פון דעם דאָזיקן שמייכעלע, נאָר ער האָט אויך דערפילט אַ דאַנקבאַרקייט, ווי צו אַ בעל-טובה. ער האָט גע-זאָגט:

שאָשאַ גאָר נאָענט, אַזוי, אַז זי האָט זיך אין אים לייכט אָנגעשטויסן און אינדערהיך אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און געזאָגט: פּאַרדאָן. אַדאַנק דער היץ, האָט זיך אין אים, צו זיין גרויסער פרייד, געפונען גענוג גייסטיקע קראַפט צו ענטפערן:

* — Pas de quoi, madame!

וואָס פאַר אַ גליקלעכער צופאַל — האָט ער געטראַכט — איז דאָס, וואָס יעדן זונטאָג נאָכמיטאָג ווערט אויף זיכער צעטיילט די פּאָסט אין פּאָרהויז! מ'וואָלט געקאָנט זאָגן, אַז ער האָט קאָנסומירט די וואָך, וואַרטנדיק גאַנצע זיבן טעג, ביז ס'וועט אָנקומען אָט־די שעה. און וואַרטן הייסט: צויאָגן, שפּירן די צייט און די קעגנוואַרט, נישט ווי אַ מתנה פון גאָט, נאָר ווי אַ מניעה, פאַרניינען און אָפּלייקענען איר ווערט און זי גייסטיק איבערהיפּערן. וואַרטן, זאָגט מען, איז לאַנגווייליק. ס'איז אָבער אַקוראַט־אַזוי, און אפשר דווקא — קורצווייליק, ווייל עס שלינגט איין מאַסן צייט, וועלכע ווערן נישט דורכגעלעבט און אויסגענוצט ווי אַזעלכע. מ'וואָלט געקאָנט זאָגן, אַז דער, וואָס האַלט בלויז אין איין וואַרטן, איז געגליכן צו אַ פרעסער, וואָס זיין פאַרדייונגס־אַפּאַראַט לאָזט־דורך מאַסן שפּייז אָן ציט נישט קיין נוצן פון זייער דערנערנדיקן ווערט. מ'וואָלט אפילו געקאָנט גיין נאָך ווייטער און זאָגן: אַקוראַט ווי נישט־פאַרדייטע שפּייז מאַכט נישט שטאַרקער דעם עסער, פונקט אַזוי מאַכט די צייט פון וואַרטן נישט עלטער. ס'טרעפט זיך אָבער נישט אין דער פּראַקטיק קיין ריין און אַבסאָלוט וואַרטן.

די וואָך איז, הייסט עס, איינגעשלונגען געוואָרן און ס'איז ווידער געקומען די זונטאָגדיקע נאָכמיטאָג־שעה, ווען מ'נעמט אָפּ די פּאָסט, עפּעס אַזוי, ווי ס'וואָלט נאָך אַלץ געווען די אייגענע שעה פון פאַר זיבן טעג. די דאָזיקע שעה האָט אויף דעם אויפרעגנדיקסטן אופן געוויזן איין געלעגנהייט נאָך דער אַנדערער. יעדע מינוט האָט זי געהאַט און געגעבן מעגלעכקייטן צו קומען מיט פרוי שאָשאַ אין געזעלשאַפטלעכע באַציונגען. פון די דאָזיקע מעגלעכקייטן האָט האַנס קאַסטאָרפּס האַרץ זיך צונויפגעפּרעסט און זיך

* נישטאָ פאַרוואָס, מאַדאַם.

זעט, דאָרטן האָט זיך צעקריגט אַן איוואַן איוואַנאָוויטש אָן ווייסער, וועש מיט דעם פּראָקוראָר פּאַראַוואַנט. יעדער פון זיי האָט געוואָלט שטיין אין דער רייע פריער פאַרן צווייטן, ביים אָפּנעמען די פּאָסט. כ'ווייס נישט, ווער ס'איז גערעכט, אָבער דאַכט זיך, אַז דער פּראָקוראָר שטייט אונטער דער שוץ פון דער געטין. וואָס אמת, אַן אייזל איז ער, אָבער ער פאַרשטייט כאָטש לאַטיין.

האַנס קאַסטאָרפּ האָט געלאַכט — סעטעמבריני האָט דאָס קיינמאָל נישט געטאָן. מ'וואָלט זיך גאָרנישט געקאָנט פאָרשטעלן, ווי אַזוי ער זעט אויס לאַכנדיק פון גאַנצן האַרץ. ווייטער ווי צו דעם פיינעם און טרוקענעם שמייכעלע אין מויל־ווינקל איז ביי אים קיינמאָל נישט דערגאַנגען. ער האָט זיך צוגעקוקט, ווי דער יונגערמאַן לאַכט און געפרעגט:

— אַייער דיאַפּאָזיטיוו — איר האָט אים שוין געקריגן?

— כ'האָב אים שוין באַקומען — ענטפערט האַנס קאַסטאָרפּ מיט אַ וויכטיקער מינע — ערשט לעצטנס. אָט איז ער — און ער שטעקט אַריין די האַנט אין בוזים־קעשענע.

— אַ, איר טראָגט עס אין פּאָרטפעל — ווי אַ שיין, אַזוי צו זאָגן, ווי אַ פּאַס, אָדער מיטגליד־ביכל. זייער גוט, לאָזט נאָר געבן אַ קוק! — און סעטעמבריני הייבט אויף קעגן ליכט די קליינע גלעזערנע פּלאַטע, וואָס איז אַרומגערעמט מיט שוואַרץ פּאַפּיר, און האַלט זי צווישן גראָבן־און ווייזפינגער פון זיין לינקער האַנט. די דאָזיקע באַוועגונג איז מען דאָ געוויינט צו זען זייער אָפט. זיין פּנים מיט די שוואַרצע מאַנדל־אויגן פאַרקרימט זיך עטוואָס, בעת ער קוקט זיך איין מבינותדיק אינם אַבלותדיקן ליכט־בילד, און ס'איז שווער געווען צו וויסן, צי טוט ער עס, כדי בעסער צו זען, אָדער צוליב אַנדערע סיבות.

— יאָ, יאָ, — זאָגט ער צום סוף. — דאָ האָט איר אַייער לעגיטימאַציע, דעם בעסטן דאַנק. און ער דערלאַנגט די קלישע צוריק דעם אייגנטימער, דערלאַנגט זי אים זייטיק, עפּעס ווי אַ־בער דער אייגענער האַנט און מיט אַן אַוועקגעדרייט פּנים.

— איר האָט געזען די שנירלעך? — פרעגט האַנס קאַסטאָרפּ — און די קניפּלעך?

— גאָט מיינער, בריוו גאָר, הער סעטעמברינִי. איך בין דאָך נישט קיין אַמבאַסאַדאָר. אפשר איז דאָ אַ פּאָסט־קאַרטל פאַר איינעם פון אונז. מיין קוזין וואַרט שוין דאָרטן.

— מיר האָט שוין דער הינקענדיקער טייוול אָפּגעגעבן מיין קליינע קאָרעספּאָנדענץ — זאָגט סעטעמברינִי און שטעקט אַריין די האַנט אין דער זייטיקער קעשענע פון דער אייבּיקער האָריקער מאַרינאַרקע.— אינטערעסאַנטע זאַכן, זאַכן פון ליטעראַרישע און סאָציאַלע פּערספּעקטיוון, איך לייקן עס נישט. ס׳גייט וועגן אַן ענציקלאָפּעדיש ווערק, וואָס אַ הומאַניטאַרער אינסטיטוט גיט אַרויס און פאַרבעט מיך דאָרטן מיטצואַרבעטן... בקיצור, אַ שיינע אַרבעט. העד סעטעמברינִי האָט אָפּ. — אָבער וואָס הערט זיך בּיי אייך? — פרעגט ער. — ווי גייט עס? ווי ווייט איז, צום ביישפּיל, דערגאַנגען דער פּראָצעס פון אַקלימאַטיזאַציע? איר זענט סוף־כל־סוף נאָך נישט אַזוי לאַנג צווישן אונז, אַז די פראַגע זאָל נישט זיין אויפן אָרט.

— אַדאַנק, העד סעטעמברינִי, ס׳גייט נאָך אַלץ צו מיט געוויסע שוועריקייטן. מיר דאַכט זיך, אַז ס׳קאָן זיך אַזוי ציען ביזן סאַמע סוף. טייל מענטשן געוויינען זיך קיינמאָל נישט צו — האָט מיר מיין קוזין געזאָגט תיכף, ווי כ׳בּין אָנגעקומען. אָבער מ׳ווערט צוגעוויינט אויך צום געדאַנק, אַז מ׳קאָן זיך נישט איינגעוויינען.

— אַ פאַרוויקלטער פּראָצעס — לאַכט דער איטאַליענער. — אַ מאָדנער אופן פון איינבירגערן זיך. פאַרשטייט זיך, די יוגנט איז פעיִק צו אַלעמען. זי געוויינט זיך נישט, אָבער זי וואָרצלט זיך פונדעסטוועגן איין.

— סוף־כל־סוף איז עס דאָך נישט קיין סיבּירער קאַטאָרגע.

— ניין. אָ, איר האָט ליב צו געבן מזרחדיקע פאַרגלייכן. ווייע פאַרשטענדלעך. אַזיע פאַרשלינגט אונז. וואו מ׳קומט — אומעטום טאָטערישע פּנימער. — דערביי דרייט סעטעמברינִי דיסקרעט אויס דעם קאָפּ הינטערוויילעכץ. „דזשינגיס־כאַן" — זאָגט ער — בלישטשענדיקע אייגן פון סטעפּ־וועלף, שניי און שנאַפּס, נאַהייקע, שליסלבּורג און קריסטנטום. מ׳וואָלט געדאַרפט דאָ אין פאָרהויז אויפשטעלן אַ מזבח דער פּאַלאַס־אַטענע * — ווי אַ סימבּאָל פון ש. ך. איר

* גריכישע געטין.

ער מיר קיינמאָל נישט צו־נוץ קומען, אָבער אויף פיר ביז זעקס חדשים לוינט עס אויך.

— עס לוינט, עס לוינט, אינזשעניער! — זאָגט סעטעמבריני שטילערהייט און מאַכט אַ טריט נעענטער צום יונגנמאַן — איר ווייסט דען נישט, ס'איז אַ שרעק, ווי זיי וואַרפן זיך דאָ מיט די חדשים? שרעקלעך, ווייל ס'איז אומנאַטירלעך און אַייך פרעמד. עס שטיצט זיך בלויז אויף דער אויפנעמערישקייט, וואָס איז אייגן אַייערע יאָרן. אַך, די צו־גרויסע אויפנעמערישקייט פון דער יוגנט! — זי ברענגט אַריין אין פאַרצווייפלונג דעם דערציער. ווייל קודם־כל איז די יוגנט גרייט איבערצונעמען דאָס שלעכטע. רעדט נישט דאָס, מיט האָט עס שמעקט דאָ אַרום, יונגער מענטש, נאָר דאָס, וואָס ס'פּאַסט פאַר אַייערע אייראָפּעישע לעבנס־פאָרמען! דאָ שמעקט קודם־כל אַ סך מיט אַזיע — נישט אומזיסט שווימלט דאָ און גריבלט מיט טיפּן פון דער מאָסקוויטישער מאָנגאָליע! די דאָזיקע לייט — און סעטעמבריני גיט אַ ווייז מיט דער גאָמבע אויף הינטערהיילעכץ — נעמט אַייך נישט אינערלעך אַדורך מיט זיי, לאָזט אַייך נישט אָנשטעקן מיט זייערע באַגריפן. שטעלט זיי ליבערשט אַקעגן אַייער מהות, אַייער העכערן מהות און האַלט הייליק דאָס, וואָס ס'איז לויט דער נאַטור און דער טראַדיציע הייליק אַייך, דעם מענטש פון מערב, פון געטלעכן מערב, דעם מענטש פון ציוויליזאַציע. צום ביישפּיל — די צייט! די דאָזיקע ברייטקייט, די דאָזיקע באַרבאַרישע מילדקייט בנוגע צייט געהער צום אַזיאַטישן סטיל. דאָס איז, מסתמא, די סיבה, הלמאַי ס'ציט אַזוי אַהער די מזרח־מענטשן. איר האָט עס נאָך נישט באַמערקט, אַז ווען אַ רוס זאָגט „פיר שעה", איז עס ביי אים נישט מער, ווי בעת אונזער איינער זאָגט „איין שעה"? מ'קאָן לייכט אַ קלער טאָן, אַז די נאָנשאַלאַנטקייט פון די דאָזיקע מענטשן לגבי צייט האָט אַ שייכות מיט די ווילדע, גרויסע שטחים פון זייער לאַנד. וואו ס'איז פאַראַן אַ סך שטח, דאָרטן איז דאָ אַ סך צייט. מ'זאָגט טאַקע, אַז זיי זיינען דאָס פאָלק, וואָס האָט צייט און קאָן וואַרטן. מיר, אייראָפּעער, מיר קאָנען עס נישט. מיר האָבן אַקוראַט אַזוי ווייניק צייט, ווי קליין ס'איז אונזער סובטעלע און שיין־איינגעטיילטע ערד־טייל. מיר מוזן געניי באַלעבאַטעווען, סיי מיט צייט, סיי מיט שטח — אויסנוצן, אויס־

— איר ווייסט דאָך — ענטפערט סעטעמבריני פּאַמעלעך — ווי אַזוי איך קוק אויף דעם ווערט פון דער דאָזיקער סחורה. איר מוזט אויך וויסן, אַז די פלעקן און די שאָטנס אָט־דאָ זיינען על־פּי־רוב ריין־פיזיאָלאָגישע. איך האָב שוין געזען הונדערט בילדער, וואָס האָבן מער־ווייניקער אויסגעזען, ווי אַייערס, און די פּראָגע, צי זיי קאָנען יאָ דינען פּאַר אַ „שײַן“ אָדער נישט, איז אין אַ געוויסער מאָס אָפּהענגיק געווען פון דעם, וואָס האָט זיי אָנגעקוקט. איך רייד נישט ווי אַ פאַכמאַן, אָבער אַלנפאַלס, ווי אַ נישט־פאַכמאַן מיט אַ לאַנגיעריקער דערפאַרונג.

— און אַייער אייגענע שײַן זעט אויס ערגער?

— יאָ, אַ ביסל ערגער. אַגב, איז מיר באַקאַנט, אַז אַיך אונ־זערע היגע באַלעבאַטים שטיצן נישט זייערע דיאַגנאָזעס בלויז אויף אָט־די שפּילעכלעך. און איר האָט טאַקע בדעה איבערצווינטערן ביי אונז?

— יאָ, גאָט מיינער... כ׳הייב מיך אָן אײַנצולעבן מיטן גע־דאַנק, אַז איך וועל אַהיימפאָרן ערשט צוזאַמען מיט מײַן קוזין.

— דאָס הייסט, איר געוויינט זיך צו דערצו, איר זאָלט נישט... איר האָט דאָס פאָרמולירט זייער וויציק. איך האָף, אַז איר האָט דערהאַלטן די נייטיקע זאַכן — וואַרעמע מלבושים, גוטע שיך?

— אַלץ. אַלץ אין דער בעסטער אָרדענונג, הער סעטעמבריני. איך האָב געשריבן צו מיינע קרובים און אונזער הויז־פאַרוואַלטע־רין האָט מיר אַלץ צוגעשיקט מיט שנעל־פראַכט. כ׳בין איצט פאַר־זאָרגט.

— דאָס באַרויִקט מיך. אָבער וואַרט נאָך, איר דאַרפט האָבן אַ זאַק — אַ פעלץ־זאַק — ווי קאָן מען פאַרגעסן דערין! דער דאָזי־קער שפּעט־זומער קאָן אָפּנאַרן. אַ ליאַדע שעה קאָן ווערן פעסטער ווינטער. איר וועט דאָ פאַרברענגען די קעלטסטע חדשים...

— יאָ, דער ליג־זאַק — זאָגט האַנס קאַסטאָרפּ — אָן אים גייט עס נישט. איך האָב שוין טאַקע אויך אַ טראַכט געטאָן וועגן דעם, אַז אין די נאָענטסטע טעג זאָלן מיר, מיין קוזין און איך, אַראָפּגיין אין שטעטל אַריין און קויפן אַ פעלץ־זאַק. אַזוי וועט

איז נאָך אַלץ געשטאַנען האַרט לעבן האַנס קאַסטאָרפּן, אַזוי, אַז יענער האָט זיך אַפילו אַ ביסל צוריקגעבויגן. סעטעמברינים שוואַרצע אויגן האָבן געהאָנגען אויף דעם יונגנמאַנס פּנים בלינד=פֿאַרקלערט.

— איר ליידט, אינזשעניער — האָט ער ווייטער גערעדט — איר ליידט, ווי אַ פֿאַרבלאָנדזשעטער, ווער דערקענט עס דען נישט אין אייך? אָבער אייך אַייער באַציִונג צו ליידן דאַרף זיין אַן אייראָפּעיִשע, נישט קיין באַציִונג פֿון מזרח=מענטשן, וועלכע זיינען נישט=איסהאַלטעוודיק און גענייגט צו קראַנקהייט — דערפֿאַר זיינען זיי דאָ אַזעלכע אָפֿטע געסט... רחמנות און געדולד איז אַ שיעור — אַזוי=אַרום רעאַגירט ער אויף ליידן. אָבער אונזער, אַייער באַציִונג טאָר נישט זיין אַזעלכע!... מיר האָבן גערעדט וועגן מיין פּאָסט... אָט, גיט אַ קוק... אָדער נאָך בעסער — קומט! ס'איז אוממעגלעך דאָ... לאָמיר זיך אַריבערוקן פֿונדאַנען אין אַריינגיין דאָרט אינעווייניק... איך וועל אייך אויסזאָגן עפּעס, וואָס... קומט! דערביי האָט ער זיך אויסגעדרייט און אַרויסגעצויגן האַנס קאַסטאָרפּן פֿון פֿאַרהויז אין דעם ערשטן געזעלשאַפֿטס=צימער, וואָס איז אַמנאָענטסטן צום פּאָרטאַל. עס דינט פֿאַר אַ שרייב=און לייען=זאַל. איצט איז דאָרטן קיינער נישט געווען. די ווענט אונטער דער העלער וועלבונגען זיינען געווען אַרומגעקלאַפּט מיט האָלץ, ס'זיינען דאָרטן געשטאַנען ביכער=שענק. אינמיטן איז געשטאַנען אַ טיש מיט שטולן. ר'איז געווען באַלייגט מיט צייטונגען אויף העלצלעך. אונטער די וועלבונגען פֿון די פֿענסטער=פֿאַרטיפֿונגען זיינען געשטאַנען שרייב=טישלעך. סעטעמבריני איז צוגעגאַנגען ביז צו אַ פֿענסטער און האַנס קאַסטאָרפּ איז אים נאָכגעגאַנגען. די טיר איז געבליבן אָפֿן.

— די דאָזיקע פּאַפּירן — זאָגט דער איטאַליענער און נעמט אַרויס אינדערגיך פֿון זיין אַרויסגעזעצטער זייטיקער קעשענע אין זיין האַריקער מאַרינאַרקע אַ גרויסן, שוין=געעפֿנטן קאָנווערט. באַלד דערנאָך נעמט ער אַרויס פֿון אינעווייניק פֿאַרשיידענע דרוק=זאַכן און אַ בריוו. ער ווייזט זיי האַנס קאַסטאָרפּן. — די דאָזיקע פּאַפּירן האָבן אין דער פֿראַנצויזישער שפּראַך דעם טיטל: „אינטערנאַציאָנאַלער בונד פֿאַר דער אָרגאַניזירונג פֿון פּראָגרעס“; מען האָט זיי מיר צו=

נוצן, אינזשעניער! נעמט אַלס סימבאָל אונזערע שטעט, די צענטרען אין ברען־פּונקטן פון דער ציוויליזאַציע, די שמעלץ־קעסלען פון מענטשלעכן געדאַנק! אַקוראַט אין דער זעלבער מאָס, ווי ס'ווערט דאָרטן אַלץ טייערער דער באָדן און ס'ווערט אוממעגלעך צו פירן זיך פאַרשווענדעריש מיט פּלאַץ, פּונקט אין דער זעלבער מאָס, נעמט אייך אין זינען אַריין, ווערט דאָרטן אויך אַלץ טייערער די צייט! Carpe diem! * — אַזוי זינגט אַ גרויסשטאָטישער. די צייט איז גאָטס מתּנה, געגעבן דעם מענטש, ער זאָל זי אויסנוצן — זי אויסנוצן, אינזשעניער, לטובֿת דעם פּראָגרעס פון דער מענטשהייט.

נישט געקוקט דערויף, וואָס דאָס דייטש־ריידן איז, מסתּמא, גאַנץ שווער אָנגעקומען דער איטאַליענישער צונג, האָט ער פונדעסטוועגן אויך אָט־די לעצטע ווערטער אַרויסגעזאָגט מיט הנאה, קלאָר, שיין־קלינגענדיק און אַפילו פּלאַסטיש, מעג מען זאָגן. האַנס קאַסטאָרפּ האָט בלויז געענטפערט מיט אַ קורצער, שטייפער און פאַרלעגענער פאַרבייגונג פון אַ שילער, וואָס האָט אויסגעהערט אַ ביסל מוסר. וואָס וואָלט ער געקאָנט ענטפערן? די דאָזיקע פּריוואַט־לעקציעס, וועלכע סעטעמבריני פלעגט אים האַלטן בסוד, מיטן רוקן צום איבעריקן עולם און כמעט שעפּטשענדיק, האָבן געהאַט אין זיך אַ צו־זאַכלעכן, צו־אומגעזעלשאַפטלעכן און אַ צו־ווייניק שמועסערישן כאַראַקטער, ס'זאָל אַפילו פּאַסן צו ענטפערן מיט אַ לויב־וואָרט. אַ לערער ענטפערט מען נישט: „דאָס האָט איר שיין געזאָגט". אַמאָל פלעגט עס האַנס קאַסטאָרפּ טיילמאָל טאָן, אין אַ געוויסער מאָס, כּדי איינצוהאַלטן די געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטעניש צווישן גלייכע מענטשן. אָבער אַזוי דורך־און־דורך דערציעריש, ווי איצט, האָט נאָך דער הומאַניסט קיינמאָל נישט גערעדט. ס'איז געבליבן בלויז: אויסצוהערן דעם מוסר מיט דער פאַרלעגנהייט פון אַ שול־יינגל.

מ'האָט, אַגבֿ, דערקאָנט אין סעטעמברינין, אַז זיין געדאַנק האָט ווייטער געאַרבעט אויך, בעת ער איז פאַרשוויגן געוואָרן. ער־

* לאַטייניש: נוץ אויס דעם טאָג = חי געלעבט.

דער בונד צוצוהעלפן די פּאָליטישע פּראָגרעסיווע פּאַרטייען פון אַלע לענדער מיט דעם מאַטעריאַל, וואָס ער האָט אָנגעקליבן... איר הערט זיך צו, אינזשעניער?

— אַבסאָלוט! — ענטפערט האַנס קאַסטאָרפּ אינדערגיך און זיך אויפרייסנדיק. ער האָט ביי די ווערטער דאָס געפיל פון אַ מענטש, וואָס האָט זיך געהאַלטן ביי אויסגליטשן און זיך קוים צוריק דערכאַפּט.

סעטעמבריני זעט אויס צו זיין צופרידן.

— איך נעם אָן, אַז איר ווערט דאָ געוואָר פון נייע, איבערראַשנדיקע זאַכן?

— יאָ, כ'מוז אייך מודה זיין, אַז ס'איז דאָס ערשטע מאָל, וואָס כ'הער וועגן אָט-די... די אָנשטרענגונגען.

— הלוואַי וואָלט איר — רופט אויס סעטעמבריני שטילערהייט — הלוואַי וואָלט איר פריער געווען געהערט וועגן דעם! אָבער אפשר הערט איר אייך איצט נישט צו-שפּעט דערפון. אָט, די דרוק-זאַכן... איר ווילט וויסן, וואָס זיי באַהאַנדלען... הערט אויס ווייטער! אין פרילינג האָט מען צונויפגערופן אַ פייערלעכן קאָנגרעס פון דעם בונד קיין באַרצעלאָנאַ. איר ווייסט דאָך, אַז די דאָזיקע שטאָט קאָן זיך רימען מיט באַזונדערס גוטע באַציִונגען צום אידעאַל פון פּראָגרעס. דער קאָנגרעס האָט געדויערט אַ גאַנצע וואָך און איז פול געווען מיטן באַנקעטן און פייערונגען. גרויסער גאָט, איך האָב געוואָלט אַהינפאָרן, איך האָב זיך געריסן מיט בענקשאַפט אָנטיילצונעמען אין די באַראַטונגען, אָבער דער דאָזיקער זשוליק, דער הויפּראַט, האָט עס מיר פאַרווערט און מיך געסטראַשעט מיטן טויט. וואָס-זשע ווילט איר, כ'האָב מורא געהאַט פאַרן טויט און בין נישט געפאָרן. איר קאָנט אייך פאָרשטעלן, אַז כ'בין געווען פאַרצווייפלט צוליב דעם שטיקל, וואָס מיין קראַנקהייט האָט מיר אָפּגעטאָן. קיין זאַך טוט נישט אַזוי וויי, ווי בעת דאָס אָרגאַנישע אין אונז, דאָס חיהשע שטערט אונז צו דינען דעם געבאָט פון שׂכל. דערפאַר טאַקע האָב איך אַזאַ באַפרידיקונג פון דער צושריפט פון דער ביוראָ אין לוגאַנאָ... איר זענט נייגעריק צו וויסן וואָס ס'שטייט דאָרטן? כ'פאַרשטיי עס גאַנץ גוט! אַ פּאָר בקיצור-

געשיקט פון ליגאַנאָ, וואו ס'איז פאַראַן אַ פיליע פון דער געזעלשאַפט. איר פרעגט מיך, וואָס פאַר אַ פרינציפּן זי האָט, וואָס פאַר אַ צילן? איך קאָן עס אײַך איבערגעבן אין צוויי ווערטער: די ליגע פאַרדערט אָרגאַניזירונג פון פּראָגרעס פירט אַרויס פון דאַרווינס אַנטוויקלונגס-טעאָריע די פילאָסאָפישע באַגעמונג, אַז דער טיפסטער נאַטור-באַרוף פון דער מענטשהייט איז איר אַליין-פאַרפולקומונג. דערפון דרינגט זי ווייטער אַרויס, אַז דער חוב פון יעדן איינעם, וואָס וויל אויספילן זיין נאַטירלעכן באַרוף, איז — טעטיק צוצוהעלפן דעם פּראָגרעס פון דער מענטשהייט. אַ סך זיינען נאָכגעגאַנגען נאָך דעם דערוויז פון אָט-דער געזעלשאַפט. די צאָל פון אירע מיטגלידער אין פראַנקרייך, איטאַליע, שפּאַניע, טערקיי, און אַפילו אין דייטשלאַנד— איז אַ באַדייטנדיקע. אויך איך האָב דעם כבוד צו זיין פאַרשריבן אין רעגיסטער פון אָט-דעם בונד. עס איז דאָ אויסגעאַרבעט געוואָרן אַ וויסנשאַפטלעך-באַגרינדעטער רעפאָרם-פּראָגראַם מיט אַ ברייטן פאַרנעם, וואָס נעמט אַרום אַלע איצטיקע מעגלעכקייטן צו פאַרפולקומען דעם מענטשלעכן אָרגאַניזם. מ'שטודירט דאָס געזונט-פּראָבלעם פון אונזער ראַסע, מ'פאַרזוכט אויס אַלע מעטאָדן צו באַקעמפן די דעגענעראַציע, וועלכע איז אָן שום ספק אַ טרויעריקע באַגלייט-דערשיינונג פון דער וואַקסנדיקער אינדוסטריאַליזירונג. ווייטער פאַרנעמט זיך דער בונד מיט אָרגאַניזירן פאָלקס-אוניווערסיטעטן, העלפט גובר-זיין די קלאַסן-קאַמפן דורך די אַלע סאָציאַלע פאַרבעסערונגען, וואָס נוצן פאַר דעם דאָזיקן צוועק. ער שטרעבט אויך צו באַזייטיקן די פעלקער-קאַמפן, די מלחמות דורך דער אַנטוויקלונג פון אינטערנאַציאָנאַלע געזעצן. ווי איר זעט, זיינען די אָנשטרענגונגען פון דער ליגע ברייטע און אַרומנעמענדיקע. אַ סך אינטערנאַציאָנאַלע צייטשריפטן זיינען עדות פון אָט-דער טעטיקייט — ס'זיינען חודש-זשורנאַלן, וואָס גיבן איבער זייער צוציענדיק אין דריי אָדער פיר וועלט-שפּראַכן באַריכטן וועגן דער פּראָגרעסיווער אַנטוויקלונג פון דער קולטור-מענטשהייט. אין פאַרשיידענע לענדער זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן אַ סך אָרטיקע אָפּטיילונגען, וואָס אָרדענען איין דיסקוסיע-אָוונטן, זונטאָג-פאַרזאַמלונגען, וואו זיי קלערן אויף און פּראָפּאַגירן דעם אידעאַל פון פּראָגרעס. קודם-כל באַמיט זיך שטאַרק

פון דער מענטשהייט, וועט איז יעדן פאַל אָנגעוויזן ווערן אויף די מיטלען, וואָס פירן צום באַזייטיקן די סיבות פון די ליידן. באַרופענע פאַכמענער פון דער אייראָפּעישער וויכנשאַפט-וועלט, מעדיצינער, סאָציאָלאָגן און פּסיכאָלאָגן וועלן זיך פונאַנדערטיילן ביים באַאַרבעטן אָט-די ענציקלאָפּעדיע פון ליידן. די ביוראָ פון דער גענעראַל-רעדאַקציע אין לוגאַנאָ וועט זיין דאָס אָרט, וואוהין ס׳וועלן צושטראָמען די אַרטיקלען. איר פרעגט מיך מיט די אויגן, וואָס פאַר אַ ראָל איך וועל ביי אָט דעם אַלעמען האָבן? לאָזט מיך אויסריידן ביזן סוף! אויך דעם שיינעם גייסט וויל אָט-דאָס גרויסע ווערק נישט פאַרגעסן, אויף וויפיל ער האָט צו טאָן מיט די מענטשלעכע ליידן. צוליב דעם איז פאָראויסגעזען אַ ספּעציעלער באַנד, וואָס וועט צו דער טרייסט און באַלערונג פון די ליידנדיקע — אַנטהאַלטן אַ צוזאַמענשטעלונג און בקיצורדיקע אַנאַליזעס פון אַלע מייסטער-ווערק אין דער וועלט-ליטעראַטור, וואָס האָבן אַ שייכות צו יעדן פון די באַהאַנדלטע קאָנפליקטן. דאָס איז די אויפגאַבע, וועלכע מ׳האָט אָנפאַרטרויט אין דעם בריוו, וואָס איר זעט, אַייער אונטערטעניקן דינער.

— וואָס איר רעדט, הער סעטעמבריני! אויב אַזוי, דערלויבט מיר אַייך האַרציק צו גראַטולירן! דאָס איז אַ גרויסאַרטיקע אויפגאַבע און אינגאַנצן ווי אָנגעמאָסטן פאַר אַייך, ווי ס׳דאַכט זיך. ס׳וואונדערט מיך לחלוטין נישט, וואָס די ליגע האָט געדענקט אין אַייך. איר פרייט אַייך, מסתמא, וואָס איר וועט קאָנען בייהילפיק זיין ביים אויסראָטן די מענטשלעכע ליידן.

ס׳איז אַ ריזיקע אַרבעט — זאָגט סעטעמבריני פאַרטראַכט — ביי וועלכער מ׳דאַרף אַ סך אַרומקוקן זיך און אַ סך לייענען. בפרט נאָך — גיט ער צו און זיין בליק פאַרלירט זיך, דאַכט זיך, אין דער פאַרצווייגטקייט פון דער אַרבעט, וואָס איז אויף אים אַרויפגעלייגט געוואָרן — בפרט נאָך, אַז דער שיינער גייסט נעמט כמעט אָן-אויסנאַם פאַר זיין אָביעקט די מענטשלעכע ליידן. אַפילו מייסטער-ווערק פון דער צווייטער און דריטער מדרגה באַשעפטיקן זיך דערמיט. פאַרפאַלן, אָדער — נאָך בעסער! ווי אַרומנעמענדיק די אויפגאַבע זאָל נישט זיין, קאָן איך זי פונדעסטוועגן, באין-ברירה, אויספירן דאָ

דיקע אינפֿאָרמאַציעס... דער „בונד צו אָרגאַניזירן דעם פּראָגרעס" אַרויסגייענדיק פֿון דעם שטאַנדפּונקט, אַז זיין אויפֿגאַבע באַשטייט דערין, צו דערנעענטערן דאָס גליק פֿון דער מענטשהייט, מיט אַנדערע ווערטער: דורך נוצלעכער סאָציאַלער אַרבעט צו באַקעמפֿן די מענטשלעכע ליידן און זיי סוף-כּל-סוף אינגאַנצן אויסצוראָטן; ווייטער: אַרויסגייענדיק פֿון שטאַנדפּונקט, אַז די דאָזיקע העכסטע אויפֿגאַבע קאָן נאָר אויסגעפֿירט ווערן מיט דער הילף פֿון דער סאָציאָלאָגישער וויסנשאַפֿט, וואָס שטעלט זיך פֿאַרן לעצטן ציל די פּאָלקומע מלוכה, — האָט דער בונד אין באַרצעלאָנאַ באַשלאָסן צונויפֿשטעלן אַ פֿיל-בענדיק ווערק אונטערן נאָמען „די סאָציאָלאָגיע פֿון ליידן" און וואו ס'זאָלן גענוי און מיט אויסשעפּנדיקער סיסטעמאַטיק באַאַרבעט ווערן די מענטשלעכע ליידן אין אַלע קלאַסן און מינים. אפשר וועט איר זאָגן: צו-וואָס טויגן קלאַסן, מינים, סיסטעמען? וועל איך אייך ענטפֿערן: אָפּקלייב און אָרדענונג זיינען דער אָנהייב פֿון באַהערשונג. דער אמתדיקער מוראדיקער שונא איז דאָס אומבאַקאַנטע. מ'מוז אַרויספֿירן דאָס מענטשלעכע געשלעכט פֿון דער פּרימיטיווער סטאַדיע פֿון מורא און געדולדיקער טעמפּקייט און עס דערפֿירן צו דער פֿאַזע פֿון ציל-באַוואוסטזיניקער טעטיקייט. מ'מוז דערפֿאַר די מענטשן קלאָר מאַכן, אַז מ'דאַרף קודם-כּל דערקענען די סיבה און זי אויסראָטן, ממילא וועלן בטל ווערן אירע רעזולטאַטן. מ'דאַרף אויך קלאָר מאַכן, אַז כּמעט אַלע ליידן פֿון יחיד זיינען קראַנקהייטן פֿונם סאָציאַלן אָרגאַניזם. גוט! דערצו שטרעבט טאַקע די „סאָציאָלאָגישע פּאַטאָלאָגיע". ס'וועלן, הייסט עס, אין אַ צוואַנציק בענדער פֿון לעקסיקאָן-פֿאָרמאַט אויסגערעכנט און באַהאַנדלט ווערן כּלערליי מענטשלעכע ליידן, וועלכע מ'קאָן זיך בכלל נישט פֿאָרשטעלן, אָנגעהויבן פֿון די פּערזענלעכסטע און אינטימסטע ביז צו די גרויסע קאָנפֿליקטן פֿון גרופּעס, יענע ליידן, וואָס וואַקסן אַרויס פֿון קלאַסן-שנאה און אינטערנאַציאָנאַלע צוזאַמענשטויסן. בקיצור, דאָס בוך וועט אָנווייזן אויף די כעמישע עלעמענטן, וואָס שטעלן צונויף אין פֿאַרשיידענע מישונגען און פֿאַרבינדונגען אַלע מענטשלעכע ליידן. היות פֿאַר דער ריכט-ליניע פֿון דער גאַנצער אַרבעט ווערט גענומען דער כּבוד און דאָס גליק

איך זיינע וויעס זיינען געווען אַראָפּגעלאָזט. דערנאָך האָט ער אויפגעהויבן די אַקסלען און געזאָגט אַקוראַט אַזוי שטיל:

— וואָס זאָל איך טאָן?

— דאָס, וואָס כ'האָב אייך געזאָגט.

— דאָס הייסט: אַוועקפאָרן?

סעטעמברינו האָט געשוויגן.

— איר מיינט צו זאָגן, אַז כ'זאָל פאָרן אַהיים?

— דאָס האָב איך אייך געעצהט באַלד אין ערשטן אָוונט, אינזשעניער.

— יאָ, און דעמאָלט האָב איך געהאַט די ברירה עס צו טאָן, כאָטש כ'האָב געהאַלטן, אַז ס'איז קעגן דעם שכל צו וואַרפן תיכּף דעם גט צו די פיס, ווייל די היגע לופט שאַדט מיר אַ ביסל. אָבער זינט דעמאָלט האָט זיך דאָך די לאַגע געענדערט. זינט דעמאָלט איז פאָרגעקומען די אונטערזוכונג, נאָך וועלכער הויפראַט בערענס האָט מיר געזאָגט מיט קלאָרע דיבורים, אַז ס'לוינט נישט אַהיימצופאָרן, ווייל אין אַ קורצער צייט אַרום וואָלט איך געמוזט צוריקקומען און ווען כ'וואָלט זיך אונטן אָפּגעלאָזט, וואָלט איך צווישן יאָ־און־ניין געקאָנט פטרן אַ גאַנצן לונגען־לאַפּ.

— כ'ווייס, איצט האָט איר אייער שיין אין קעשענע.

— יאָ, איר זאָגט דאָס איראָניש... מיט דער ריכטיקער איראָניע, נאַטירלעך, וואָס איז קיין איין רגע נישט אומפאַרשטענדלעך, נאָר אַ פשוט און קלאַסיש מיטל פון רעטאָריק. איר זעט, איך געדענק אייערע ווערטער. אָבער צי קאָנט איר נעמען אויף זיך די אַחריות, כ'זאָל אַהיימפאָרן נישט געקוקט אויף דער פאָטאָגראַפיע, אויף דעם רעזולטאַט פון דער דורכלויכטונג און אויף דעם דיאַגנאָז פון הויפראַט?

סעטעמברינו האָט זיך אַ ביסל געקווענקלט. דערנאָך האָט ער זיך אויסגעגלייכט, אויפגעעפנט די שוואַרצע אויגן, וויי פעסט אָנגעהאַנגען אין האַנט קאַסטאָרפּ אין געענטפערט מיט אַ טאָן, וואָס איז נישט ריין געווען פון אַ צומיש פון טעאַטראַלישקייט און עפעקט.

אויף דעם פאַרשאָלטענעם אָרט, כאָטש כ'האָף, אַז כ'וועל נישט זיין געצוואונגען אייך דאָ צו פאַרענדיקן זי. דאָס זעלבע קאָן נישט — רעדט ער ווייטער, דעריבער מאַכט ער אַ טריט נעענטער צו האַנס קאַסטאָרפן און נעמט כמעט שעפּטשען — דאָס זעלבע קאָן נישט געזאָגט ווערן וועגן די פליכטן, וועלכע די נאַטור האָט אַרויפגעלייגט אויף אייך, אינזשעניער! דאָס איז געווען מיין כּוונה, דערין האָב איך אייך געוואָלט דערמאָנען. איר ווייסט, ווי ווייט איך באַוואונדער אייער באַרוף, אָבער אייער באַרוף איז אַ פּראַקטישער, נישט קיין גייסטיקער, ממילא קאָנט איר זיך פאַרנעמען מיט אים נאָר אונטן אין טאָל, נישט ווי איך. נאָר אין פלאַכלאַנד קאָנט איר זיין אַן אייראָפּעער, באַקעמפן אַקטיוו אויף אייער שטייגער די ליידן, צוהעלפן דעם פּראָגרעס, אויסנוצן די צייט. איך האָב אייך דערציילט וועגן דער אויפגאַבע, וואָס מ'האָט אויף מיר אַרויפגעלייגט, בלויז כדי אייך צו דערמאָנען, כדי איר זאָלט קומען צו זיך, כדי צו ברענגען אין אָרדענונג אייערע באַגריפן, וואָס הייבן אָן, צוליב אַטמאָספערישע איינפלוסן, אַפּנים, פאַרטונקלט צו ווערן. איך בעט אייך רחמים: זייט פעסט אין זיך אַליין! זייט שטאָלץ און פאַרלירט אייך נישט אינם פרעמדן! מיידט־אויס דעם דאָזיקן זומפּ, דעם קירקע*־אינזל; איר זענט נישט אָדיסעוס, איר זאָלט קאָנען פונדאַנען אַרויס גאַנץ. איר וועט דאָ גיין אויף אַלע פיר. איר לאָזט אייך שוין אַראָפּ מיט די הענט צו דער ערד, באַלד וועט איר אָנהייבן כרוקען — היט אייך!

בעת דער הומאַניסט האָט אַזוי שטיל געוואָרנט, האָט ער שטאַרק צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. דערנאָך איז ער פאַרשוויגן געוואָרן מיט אַראָפּגעלאָזטע אייגן און צוזאַמענגעצויגענע ברעמען. ס'איז אוממעגלעך געווען צו ענטפערן מיט אַ שפּאַס און אויסמיידנדיק, ווי האַנס קאַסטאָרפּ איז געוויינט געווען צו טאָן. אויך איצט האָט ער אויף אַ ווײַלע אַ טראַכט געטאָן וועגן דער דאָזיקער מעגלעכקייט.

---

* לויט דער אָדיסעע האָט קירקע (צירצע) אויפגעהאַלטן ביי זיך לאַנג דעם בלאָנדזשענדיקן אָדיסעוס, פאַרוואַנדלענדיק אים און זיינע חברים אין חזירים.

זאַס געמאַכט אויף דעם אונטערשייד, וואָס איז צווישן אונז און דער באַציִונג. אינזשעניער, איר זענט נישט דער מענטש, וואָס זאָל דאָ קאָנען אָפּהיטן דאָס בעסערע אין זיך — דאָס האָב איך דערקאָנט ביי אונזער ערשטער באַגעגעניש. איר וואַרפט מיר פאָר, הלמאַי כ'בין נישט געפאָרן קיין באַרצעלאָנאַ. איך האָב מיך אונטערגעוואָרפן דעם פאַרווער, בלויז כדי ס'זאָל פון מיר נישט אַ תל ווערן פאַר דער צייט. אָבער כ'האָב עס געטאָן ביי די שטאַרקסטע באַוואָרעניש, ביי דעם שטאָלצסטן און ווייטאָגדיקסטן פראָטעסט פון מיין גייסט קעגן דער דיקטאַטור פון מיין קראַנקן קערפער. צי איר פילט אויך אַזאַ שטאַרקן פראָטעסט, בעת איר פאָלגט דאָס, וואָס די היגע מאַכטהאָבער הייסן — צי האָרכט איר אַמאָל נישט אַזוי גערן אַייער קערפער און זיינע שלעכטע דראַנגען...

— וואָס האָט איר קעגן דעם קערפער? — האַקט אים האַנס קאַסטאָרפ איבער אינדערהיך און קוקט אים ברייט אָן מיט זיינע בלויע אויגן, אין וועלכע די ווייסלעך זיינען דורכגעצויגן מיט רויטע אָדערלעך. דער קאָפּ פאַרדרייט זיך אים אַזש פון אָט־דער חוצפּה און מ'דערקענט עס אין אים. וואָס אַזוינס רייד איך דאָ? גיט ער אַ טראַכט. ס'ווערט שרעקלעך. אָבער כ'האָב אָנגעהויבן מיט אים אַ קאַמף און אַזוי לאַנג, ווי ס'וועט זיך לאָזן, וועל איך אים נישט בלייבן שולדיק קיין ענטפער. פאַרשטייט זיך, אַז ער וועט האָבן דאָס לעצטע וואָרט, אָבער דאָס שאַדט נישט, ס'וועט מיר שוין עפּעס אַרויסקומען דערפון. איך וועל אים צערייצן. און ער פירט־אויס זיין טענה:

— איר זענט דאָך אַ הומאַניסט? ווי אַזוי קענט איר ריידן שלעכטס וועגן קערפער?

סעטעמבריני שמייכלט, דאָסמאָל — נישט געצוואונגען און זיכער אין זיך.

— „וואָס האָט איר קעגן דעם אַנאַליז“? — ציטירט ער, מיטן קאָפּ פאַרלייגט אויפן אַקסל — „צי האָט איר אַ שלעכטע מיינונג וועגן דעם אַנאַליז“? — אַ דיסקוסיע צו פירן בין איך אַלעמאָל גרייט, אינזשעניער — זאָגט ער. דערביי פאַרבייגט ער זיך און גיט אַ פּאַך מיט דער האַנט צום דיל צו — איבערהויפּט, ווען אַייער טענה

— יאָ, אינזשעניער, אויף מיין אַחריות.

אָבער איצט האָט אויך האַנס קאַסטאָרפּ זיך אויסגעגלייכט. ער האָט צונויפגערוקט די קנאַפּלען און אָנגעקוקט סעטעמברינין גלייך, פּונקט ווי יענער. דאָסמאָל איז עס שוין געווען אַ קאַמף. האַנס קאַסטאָרפּ האָט זיך געהאַלטן פעסט. ס'האָבן אים „גע־שטאַרקט" איינפלוסן פון דער נאָענט. דאָ האָט ער געהאַט פאַר זיך אַ פּעדאַגאָג און אינדרויסן — אַ שמאָל־אויגיקע פרוי. ער האָט זיך אפילו נישט אַנטשולדיקט דערפאַר, וואָס ער האָט געזאָגט. ער האָט אפילו נישט צוגעגעבן: האָט נישט קיין פאַראיבל אויף מיר. ער האָט בלויז געענטפערט:

— אויב אַזוי, זיינט איר פּעדאַנטיקער לגבי זיך, ווי בנוגע אַנדערע מענטשן! איר זענט נישט געפאָרן קיין באַרצעלאָנאַ אויפן פּראָגרעס־קאָנגרעס, ווייל דער דאָקטאָר האָט אייך נישט געהייסן. איר האָט מורא געהאַט פאַרן טויט און זענט געבליבן דאָ.

אין אַ געוויסער מאָס איז צוליב אָט־די ווערטער סעטעמברינים פּאָזע געוואָרן שלאַבריקער. ער האָט געשמייכלט נישט אומגעצוואונגען און געזאָגט:

— איך קאָן אָפּשאַצן אַ גיכע תשובה, כאָטש אייער לאָגיק איז גאָרנישט ווייט פון סאָפיזם. ס'עקלט מיך אריינצולאָזן זיך אין יענע פאַסקודנע וויכוחים, וואָס טרעפן זיך דאָ אַזוי אָפט. ווען נישט, וואָלט איך אייך געענטפערט, אַז כ'בין באַדייטנדיק קראַנקער פון אייך — צום באַדויערן, פּאַקטיש אַזוי קראַנק, אַז כ'מוז אויף אַ קינסט־לעכן און אַ ביסל זיך־אָפּנאַרנדיקן אופן איינשמועסן מיר די האָפע־נונג אַמאָל אַרויסצוקומען פונדאַנען און ווידער אָנצוהויבן לעבן אינטן אין דער וועלט. אין דער מינוט, ווען ס'וועט זיך אַרויסווייזן, אַז די האָפענונג איז אינגאַנצן אַ פאַלשע, וועל איך אינגאַנצן אַוועק פון אָט־דעם אַנשטאַלט און וועל דערציען די רעשט פון מיינע טעג ערגעץ אין טאָל אין אַ פּריוואַט־דירה. דאָס וועט זיין טרוי־עריק, אָבער היות מיין אַרבעטס־ספערע איז די פרייסטע און די גייס־טיקסטע, וועט עס מיר נישט שטערן צו דינען די אינטערעסן פון דער מענטשהייט ביזן לעצטן אָטעם און מיט עקשנות זיך קעגנצושטעלן דעם גייסט פון קראַנקהייט. איך האָב אייך ערשט טאַקע אויפמערק־

גרויסן פלאַטין* שטאַמט דאָס דער אויסדרוק, אַז ער שעמט זיך, וואָס ער האָט אַ קערפּער? — פרעגט סעטעמבריני און פּאַרלאַנגט אַזוי ערנסט אַ תשובה, אַז האַנס קאַסטאָרפּ מוז מודה זיין, אַז ס'איז דאָס ערשטע, וואָס ער הערט.

— פּאָרפיריוס** גיט עס איבער. ס'איז אַן אַבסורדאַלער אויס־דרוק, אויב איר ווילט. אָבער דאָס אַבסורדאַלע, דאָס איז דאָס גייסטיק שטאָלצע און קיין טענה קאָן נישט זיין נעבעכדיקער, ווי די טענה פון אַבסורדאַלקייט דאָרט, וואו דער גייסט וויל אַרויסשטעלן זיין ווערט קעגן דער נאַטור און וויל נישט אָפּטרעטן איר זיין אָרט... פון דער ערדציטערניש אין ליסאַבאָן האָט איר געהערט?

— ניין, אַן ערדציטערניש? איך זע דאָ נישט קיין צייטונגען...

— איר פאַרשטייט מיך שלעכט. אַגב, איז עס אַ חסרון — און כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם אָרט — וואָס איר האַלט אייך דאָ אָפּ פון לייענען די פּרעסע. אָבער איר פאַרשטייט מיך שלעכט. די נאַטור־קאַטאַסטראָפע, וועגן וועלכער איך רייד, איז נישט קיין אַקטועלע. ס'איז געשען בערך מיט אַ הונדערט און פופציק יאָר צו־ריק...

— אַך, אַזוי! אָ, וואַרט נאָר — ריכטיק! כ'האָב געלייענט, אַז געטע האָט דעמאָלט ביינאַכט אין ווייַמאַר געזאָגט, אין שלאָף־צימער צו זיין דינער...

— אַ, נישט וועגן דעם האָב איך געוואָלט ריידן — האַקט אים סעטעמבריני איבער. דערביי מאַכט ער צו די אויגן און פּאָ־כעט מיט זיין קליינער, ברוינער האַנט אין דער לופט. — אַגב, מישט איר אויס צוויי קאַטאַסטראָפעס. איר מיינט די ערדציטערניש אין מעסינאַ. איך מיין די ערדציטערניש, וואָס איז פאָרגעקומען אין ליסאַבאָן אין יאָר 1755.

— אַנטשולדיקט.

---

* פלאַטין (פלאָטינאָס), דער באַדייטנדיקסטער פילאָסאָף פון די א. ג. נעאָפּלאַטאָניקער, האָט געלעבט אין 3טן יאָרהונדערט נ. קר.

** אַ תלמיד פון פלאָטין, וואָס האָט אַרויסגעגעבן זיינע ווערק און אָנגעשריבן אַ ביאָגראַפיע וועגן אים.

װעט האָבן אין זיך גײַסט. איר פֿאַרירט נישט אָן עלעגאַנץ. אַ הומאַניסט — אַוודאי בין איך עס. קײן אַסקעטישע נײגונגען װעט איר מיר קײנמאָל נישט אױפֿװײַזן. איך שאַץ אָפּ פּאָזיטיװ, האָב דרך־ארץ און ליבע פֿאַרן קערפּער, אַקוראַט װי כ'שאַץ אָפּ פּאָזיטיװ, האָב דרך־ארץ און ליבע פֿאַר פֿאָרם, שײנהײט, פֿרײַהײט, לוסטיקײט און גענוס — אַקוראַט װי די „װעלט“, די אינטערעסן פֿון לעבן זײַנען מיר מער ניחא, װי דאָס סענטימענטאַלע אַנטלױפֿן פֿאַר װעלט און לעבן, דער קלאַסיציזמאָ — װי די ראָמאַנטיק. דאַכט זיך, אַז די שטעלונג, װאָס כ'נעם אָן, איז נישט צװײדײַטיק. ס'איז אָבער פֿאַראַן אַזאַ כּוח, אַזאַ פּרינציפּ, פֿאַר װעלכן כ'האָב מײַן גרעסטע אָפּשאַצונג, מײַן גרעסטן און שטאַרקסטן דרך־ארץ און ליבע. די דאָזיקע מאַכט, דער דאָזיקער פּרינציפּ איז דער גײַסט. איך בין זײער װײט דערפֿון, כ'זאָל װעלן עפּעס אַ פֿאַרדעכטיק לבנה־אײַנרײדעניש אָדער לבנה־געשפּענסט, װאָס מ'רופֿט אָן „נשמה“, לאָזן אױסשפּילן אױפֿן חשבון פֿון גוף. אָבער אין דעם אַנטיטעז גופֿא — קערפּער און גײַסט, איז דער קערפּער דער שלעכטער, דער טײַװלאָנישער פּרינציפּ, װײַל דער קערפּער איז נאַטור און די נאַטור — אין איר היפּוך צו גײַסט, צו שכל, איך חזר עס איבער! — איז שלעכט, מיסטיש און שלעכט. „איר זענט אַ הומאַניסט“. אַוודאי בין איך עס, װײַל כ'בין אַ פֿרײַנד פֿון מענטש, װי דאָס איז געװען פּראָמעטעוס*, אַ ליבהאָבער פֿון דער מענטשהײט און פֿון איר אַדל. אָבער דאָס אַדעליקע זיצט אין גײַסט, אין שכל. דערפֿאַר איז גאַנץ אומזיסט אײַער פֿאָרװאורף פֿון קריסטלעכן אָבסקוראַנטיזם...

האַנס קאַסטאָרפּ שפּאַרט איבער.

.... ס'איז גאַנץ — האַלט זיך סעטעמבריני בײַם זײַניקן — אומזיסט אײַער פֿאָרװאורף, װײַל דער הומאַניסטישער אַדל קאָן אַמאָל דערפֿילן די צוגעבונדנקײט פֿון גײַסט צום קערפּער, צו דער נאַטור פֿאַר אַ דערנידעריקטקײט, פֿאַר אַ בזיון. װײסט איר, אַז פֿון דעם

* מיטאָלאָגישע געשטאַלט, װאָס האָט אַרױסגעגנבֿעט בײַ די געטער דאָס פֿײַער, געבראַכט עס די מענטשן און אױסגעלערנט זײ צו נוצן עס.

אים פּאַרמיאָזן, בעת ער שטעלט פאַר דעם פּרינציפּ פון קראַנקהייט און טויט, אויף וויפל זיין ספּעציפישער גייסט איז דער גייסט פון פאַרקערטקייטן, דער גייסט פון צעפוילטקייט, פון תאַווה און שאַנד...

די לעצטע ווערטער האָט סעטעמברינו אַרויסגערעדט שטייענדיק האַרט לעבן קאַסטאָרפּן, כמעט אָן אַ טאָן און אינדערהיך, כדי באַצייטנס צו פאַרענדיקן. עס האָט זיך דערנעענטערט הילף פאַר האַנס קאַסטאָרפּן: יאָאַכים איז אַריינגעקומען אין לייען־צימער מיט צוויי פּאָסטקאַרטלעך אין דער האַנט. די רעדע פון ליטעראַט איז פאַרשוויגן געוואָרן. די געשיקטקייט, מיט וועלכער זיין אויסדרוק איז איבערגעגאַנגען צום געזעלשאַפטלעך־לייכטן, האָט געמאַכט אַן איינדרוק אויף זיין שילער, אויב מ'קאָן אַזוי אָנרופן האַנס קאַסטאָרפּן.

— אָט זענט איר, לייטענאַנט! איר האָט מסתמא, געזוכט אייער קוזין — זייט מוחל! מיר האָבן פאַרפירט אַ שמועס. דאַכט זיך, אַז מיר האָבן אַפילו זיך אַ ביסל צעוווערטלט. ער איז נישט קיין שלעכטער רעזאָנער, אייער קוזין, לחלוטין נישט קיין אומגעפערלעכער קעגנער אין אַ וויכוח, אויב ס'גייט אים דערין.

הומאַניאָראַ*

האַנס קאַסטאָרפּ און יאָאַכים זיינען נאָכמיטאָג געזעסן אין גאָרטן אין ווייסע הויזן און אין בלויע מאַרינאַרקעס. ס'איז נאָך געווען איינעם פון יענע טייערע אָקטאָבער־טעג, אַ טאָג אַ הייסער און לינדער צוזאַמען, אַ יום־טובדיקער און האַרבער, מיט אַ דרומדיק־טונקעלן בלויען הימל איבערן טאָל. די לאָנקעס אונטן, דורכגעצויגענע מיט וועגן און באַבויטע מיט הייזלעך, זיינען נאָך געווען גוט גרין. פון די ווילד־באַוואַלדיקטע שיפּועים האָט זיך געהערט דער קלאַנג פון קיגלעקלעך, אָט־דער בלעכן־שלווהדיקער, פשוט־מוזיקאַלישער קלאַנג, וואָס טראָגט זיך קלאָר און גלייך אינם שטילן, שיטערן, ליידיקן אַוויר און פאַרטיפט די פייערלעכע שטימונג, וואָס הערשט אין הויכע געגנטן.

---

* הומאַניסטישע וויסנשאַפטן.

— נו, אָבער וואָלטער האָט זיך געבונטעוועט קעגן דעם.

— וואָס הייסט?... כ'מיין: ר'האָט זיך געב־נטעוועט?

— ער האָט רעוואָלטירט, יאָ. ער האָט נישט אָנגענומען אָט־דעם ברוטאַלן פאַקט און פאַטום. ער האָט נישט געוואָלט אָפּטרעטן פאַר דעם. ער האָט פּראָטעסטירט אין נאָמען פון גייסט און פון שכל קעגן דעם דאָזיקן סקאַנדאַליעזן מיסבראַוך פון דער נאַטור, צוליב וועלכן ס'זיינען געפאַלן פאַר אַ קרבן דריי פערטל פון אַ בליענדיקער שטאָט און טויזנטער מענטשלעכע לעבנס... איר שטוינט? איר שמייכלט? איר מעגט ווייטער שטוינען. וואָס ס'איז נוגע דעם שמייכל, נעם איך מיר די פרייהייט אייך אויסצושייגעצן דערפאַר! וואָלטערס האַלטונג איז געווען, ווי פון אַן אמתן יורש פון יענע אַלטע גאַליער*, וואָס האָבן געצילט זייערע פיילן קעגן הימל... זעט איר, אינזשעניער, אין דעם פאַל האָט איר די שנאה פון גייסט צו דער נאַטור, זיין שטאָלצן חשד לגבי איר, זיין גרויסמוטיקן קאַמף פאַר רעכט אויף קריטיק לגבי איר און אירע בייזע, אומשכלדיקע כוחות. ווייל זי איז די מאַכט און ס'איז קנעכטיש מסכים צו זיין אויף מאַכט, זיך אונטערצוגעבן איר... פאַרשטייט זיך — אינערלעך זיך איר אונטערצוגעבן. דאָ האָט איר טאַקע יענע הומאַניטעט, וואָס פּלאָנטערט זיך אויף קיין פאַל נישט אין סתירות און פאַלט נישט אַריין אין קיין קריסטלעכער צביעות, כאָטש זי זעט אינם קערפּער דאָס שלעכטע, דעם פּרינציפּ פון היפּוך. די סתירה, וועלכע ס'דאַכט זיך אייך אים, אַז איר זעט — איז אין גרונד גאָר קיין סתירה נישט. „וואָס האָט איר קעגן דעם אַנאַליז?“ — גאָרנישט, אויב ער דינט די אינטערעסן פון וויסנשאַפט, באַפרייונג און פּראָגרעס. און אַליך... אויב ער שמעקט שטאַרק מיט קבר און פוילעניש. אַקוראַט דאָס אייגענע איז מיטן קערפּער. מ'דאַרף פאַר אים דרך־ארץ האָבן און אים פאַרטיידיקן, ווען ס'גייט וועגן זיין עמאַנציפּאַציע און שיינקייט, וועגן פרייהייט פון די חושים, וועגן זיין גליק, וועגן זיין פרייד. מ'מוז אָבער צו אים פילן אַ ביטול, אויף וויפל ער שטערט, ווי דער פּרינציפּ פון שוואַכקייט און פוילקייט, דעם וועג צו דעם ליכט. מ'דאַרף

---

* דער שטאַם, וואָס האָט באַוואוינט גאַליע, דאָס היינטיקע פראַנקרייך.

האָט געהאַט פון דעם פיין־פאַבריצירטן רייך־ אָדער באַטויבונגס־מיטל. ער האָט זיך געפרייט מיט דעם צוריקגעקומענעם טעם.. די מאָראַלישע סאַטיספאַקציע האָט פאַרשטאַרקט דעם פיזישן תענוג. אין דער צייט, וואָס ר'איז געלעגן צום בעט, האָט ער געשפּאָרט מיט די צוויי הונדערט שטיק, וואָס ער האָט זיך מיטגעבראַכט. רעשטלעך זיינען אים טאַקע געבליבן. פונדעסטוועגן האָט ער צוזאַמען מיט דער וועש און ווינטער־מלבושים געהייסן שאַלעמען שיקן נאָך פינף הונדערט שטיקער פון דער ברעמער סחורה, כדי צו זיין פאַרזאָרגט. די ציגאַרן זיינען אָנגעקומען אין שיינע לאַקירטע קעסטלעך מיט אַ גלאָבוס, באַצירט מיט מעדאַלן און מיט אַ אויסשטעלונגס־געביידע, געפּוצט מיט גאָלד און באַהאַנגען מיט פאָנען.

ווי זיי זיינען דאָ אַזוי געזעסן, איז פון דער העלער הויט אָנגעקומען הויפראַט בערענס פון גאָרטן אַהער. ער איז היינט געווען ביים מיטאָג אין עס־זאַל. ר'איז געזעסן ביי פרוי כאַלאָמאָנס טיש און געהאַלטן זיינע ריזיקע הענט צונויפגעלייגט פאַרן טעלער. דערנאָך איז ער, מסתמא, פאַרבליבן אַ ביסל אויף דער וועראַנדע, אײַנגעטענהט אויף זיין שטייגער, מסתמא געוויזן די קונץ מיט די שנורוואַדלעס עמעצן, וואָס האָט עס נאָך נישט געהאַט געזען. איצט איז ער אַהיימגעקראָכן מיטן וועג, וואָס איז באַשיט מיט קיזלשטיינדלעך, אָן דעם דאָקטאָרישן קיטל, אין אַ זשאַקעט מיט שמאָלע קראַטקעס, מיטן שטייפן קאַפּעליוש פאַררוקט אויף הינטן, אין מויל אַ ציגאַר, וואָס איז געווען זייער שוואַרץ, און פון וועלכן ער האָט אַרויסגעלאָזט גרויסע, ווייסלעכע קנוילן רויך. זיין קאָפּ, זיין פּנים מיט די בלוילעך־דערהיצטע באַקן, די שטומפּיקע נאָז, די פייכטע בלויע אויגן און די פאַררייסענע וואָנס — אַלץ האָט אויסגעזען קליין קעגן זיין לאַנגן, עטוואָס־געבויגענעם און איינגעהויקערטן קערפּער און קעגן זיינע הענט און פיס. ער איז געווען נערוועז און האָט זיך שטאַרק איבערגעשראָקן, דערזעענדיק די קוזינען. ער איז אַפילו געווען אַ ביסל פאַרלעגן, בעת ער האָט זיך אַנטשלאָסן צוצוגיין צו זיי. ער האָט זיי באַגריסט אויף זיין געוויינטן שטייגער, אויפגערוימט און באַריידעוודיק, מיט „גיט נאָר אַ קוק, טימאָטעוס"* און זיי

---

* אַ ציטאַט פון שילערס ליד: „די קראַניכע פון איביקוס" — אַן אויסדרוק פון פאַרוואונדערונג.

די קוזינען זיינען געזעסן אויף אַ באַנק ביים עק גאָרטן, פאַר אַ האַלב=רעדל יונגע יאָדלעס. דאָס אָרט איז געלעגן אויפן דרום־מערבדיקן ראַנד פון אַרומגעצוימטן פּלאַץ, וואָס איז געווען בערך מיט פופציק מעטער העכער פונם טאָל און אויף וועלכן די סאַנאַטאָריע איז געווען אויסגעבויט. זיי האָבן געשוויגן. האַנס קאַסטאָרפּ האָט גערויכערט. ער האָט געהאַט אין זיך תרעומות צו יאָאַכימען, פאַרוואָס יענער האָט נאָכמיטאָג נישט געוואָלט באַטייליקן זיך אינם צונויפקום אויף דער וועראַנדע, נאָר האָט אים כמעט מיט געוואַלד אַרויסגעשלעפּט אין דער שטילקייט פון גאָרטן אויף דער צייט, איידער ס'הייבט זיך אָן די ליג=קוראַציע. דאָס איז געווען אַ דעספּאָטישקייט פון יאָאַכימס זייט. סוף=כל=סוף זיינען זיי דאָך נישט געווען קיין סיאַמיש צווילינג. זיי האָבן זיך געקאָנט שיידן דאָרטן, וואו זייערע נייגונגען זיינען זיך פונאַנדערגעגאַנגען. האַנס קאַסטאָרפּ איז דאָך דאָ נישט געזעסן, כדי צו ווילן יאָאַכימען, נאָר ר'איז אַליין געווען אַ פּאַציענט. ער האָט דערפאַר זיך געבלאָזן, און ער האָט עס געקאָנט טאָן, ווייל ר'האָט געהאַלטן אין מויל אַ מאַריאַ מאַנציני. ר'איז געזעסן מיט די הענט אין די קעשענעס פון זיין רעקל, די פיס אין ברוינע שיך — אויסגעשטרעקט פאַר זיך. דעם לאַנגן, מאַט=גרויען ציגאַר, וואָס האָט זיך נאָך געפונען אין דער ערשטער סטאַדיע פון געברויך (דאָס הייסט: דאָס אַש איבן טעמפּן שפּיץ איז נאָך נישט אָפּגעטייסלט געוואָרן), האָט ער געהאַלטן אויף די שפּיצן ליפּן, אַזוי אַז ער האָט אַ ביסל אַראָפּגעהאַנגען. נאָך דעם זעטיקן מיטאָג האָט ער איצט גענאָסן פון דעם אַראָמאַט, וואָס האָט שוין אינגאַנצן צוריק געהאַט זיין אַמאָליקן טעם. ס'קאָן אפשר טאַקע זיין, אַז זיין איינלעבן זיך דאָ אויבן איז דערגאַנגען בלויז צו דער געוווינהייט, אַז ער קאָן זיך נישט צוגעוויינען. פונדעסטוועגן, וואָס ס'איז נוגע דעם כעמיזם פון זיין מאָגן און די נערוון פון זיין טרוקענער שליים=הויט, וואָס איז גענייגט צו בלוטונגען — האָבן זיי זיך, אַפּנים, סוף=כל=סוף צוגעפּאַסט. אומבאַמערקבאַר, אַזוי אַז ער האָט נישט געקאָנט באַמערקן דעם פאָרשריט, איז, אין משך פון די טעג, פון די פינף=און=זעכציק אָדער זיבעציק טעג, צוריקגעקומען די גאַנצע אָרגאַנישע הנאה, וואָס ער

אָבער ס'איז גלייכער איינמאָל אַ לייטישער ביסן, ווי אַ גאַנצן טאָג ציען פּאַרע...

זיי האָבן געדרייט די אויסגעטווישטע ציגאַרן צווישן די פינגער, האָבן מיט זאַכלעכער מבֿינות אויסגעפּרוווט די שלאַנקע ציגאַרן־קערפּערס, וואָס האָבן דערמאָנט אין עפּעס אָרגאַניש לעבעדיקס מיט די קרומלעך־דורכגעצויגענע ריפּן פון זייערע העכערע, דאָ־און־דאָרט אַ ביסל אָנגעבלאָזענע וויקל־ראַנדן, מיט זייערע אָדערן, וואָס האָבן אויסגעוויזן, ווי לעבעדיקע, מיט די קליינע בערגלעך און גריבלעך פון זייער הויט און מיטן שפּיל פון ליכט אויף זייערע בלאַכן און קאַנטן. האַנס קאַסטאָרפּ האָט דאָס טאַקע געזאָגט:

— אַזאַ ציגאַר לעבט. ער עטעמט ממש. אין דער היים איז מיר אַמאָל איינגעפאַלן צו באַהאַלטן מאַריאַ אין אַ גוט־פאַרמאַכטער בלעכענער פּושקע, כּדי זי אויסצוהיטן פון פייכטקייט. איר וועט גלייבן, אַז זי איז געשטאָרבן דערפון? זי איז אומגעקומען און געשטאָרבן אין משך פון אַ וואָך. כ'האָב דאָרטן געפונען לויטערע טרוקענע מתים.

דערביי האָבן זיי דערציילט איינער דעם אַנדערן, ווי אַזוי ס'איז צום בעסטן צו באַהאַלטן ציגאַרן, בפרט — אימפּאָרטירטע. דער הויפּט־ראַט האָט ליב געהאַט אימפּאָרטירטע ציגאַרן און וואָלט צום ליבסטן גערייכערט בלויז שטאַרקע האַוואַנאַ־ציגאַרן. ליידער האָט ער עס נישט פאַרטראָגן. צוליב צוויי קליינע „הענרי קליי'ס", וועלכע ער האָט אַמאָל אויסגערייכערט אין אַ געזעלשאַפט, איז ער שיר, ווי ער האָט דערציילט, נישט געגאַנגען שלאָפן. — איך היכער זיי אַזוי נאָך דער קאַווע — האָט בערענס דערציילט — איינעם נאָכן אַנדערן און מאַך מיר דערפון גאָרנישט. אָבער תּיכּף דערנאָך איז מיר איינגעפאַלן, אַז כ'פיל מיך עפּעס נישט ווי תּמיד. כ'האָב מיך טאַקע דערשפּירט גאָר אינגאַנצן אַנדערש, ממש אויסטערליש, ווי נאָך קיינמאָל אין לעבן. אַהיימצוגיין ווייזט מיר אויס צו זיין אַ שווערע הלכה און כ'דערזע ערשט איצט, אַז כ'בין מיאוס אַריינגעפאַלן. די פיס, פאַרשטייט איר — אייז־קאַלט, אַ קאַלטער שווייס באַגיסט מיך אומעטום, דאָס פּנים — ווייס ווי לייוונט, דאָס האַרץ אין אַ שרעקלעכן מצב, דער פּולס —

געוואוינטשן אַ גוטע פאַרדייונג. דערביי האָט ער זיי געצוואונגען צו בלייבן זיצן, ווייל זיי האָבן געוואָלט אויפשטיין לכבוד אים.

— מ'דאַרף נישט, מ'דאַרף נישט. מאַכט נישט קיין שום קינצן מיט אַזאַ פשוטן מענטשן, ווי איך. עס קומט מיר גאָרנישט, בפרט אַז איר זענט דאָךביידע פאַציענטן, איינער ווי דער אַנדערער. איר דאַרפט אייך נישט מטריח זיין. כ'האָב גאָרנישט קעגן דעם, ס'זאָל זיין אַזוי, ווי ס'איז.

און ער איז געבליבן שטיין פאַר זיי, מ'טן ציגאַר צווישן ווייז- און מיטל-פינגער פון זיין ריזיקער רעכטער האַנט.

— ווי שמעקן אייך די קרייט-בלעטער, קאַסטאָרפּ? לאָזט נאָר אַ קוק טאָן, כ'בין אַ מבין און אַן אַמאַטאָר. דאָס אַש איז שיין. וואָס איז דאָ פאַר אַ ברוינלעכע שיינקייט?

— מאַריאַ מאַנציני, פון ברעמען, הער הויפראַט, ס'קאָסט ווייניק, כמעט אומזיסט, בלויז ניינצן פעניג, ס'האָט אָבער אַן אַראָמאַט, וואָס ס'טרעפט זיך גאָרנישט ביי אַזאַ פרייז. ס'מאַטראַ-האַוואַנאַ, ווי איר זעט. כ'האָב מיך שטאַרק צוגעוווינט צו זיי. ס'איז אַ האַלב-פולע מישונג און זייער פיקאַנט, אָבער לייכט אויף דער צונג. דער ציגאַר האָט ליב, מ'זאָל לאַנג לאָזן אויף אים דאָס אַש, כ'טרייסל אָפּ העכסטנס צוויי מאָל. פאַרשטייט זיך, אַז ער האָט זיינע קליינע קאַפּריזן, אָבער דער קאָנטראָל ביי דער אויסאַרבעטונג מוז זיין גאָר אַ גענויער, ווייל מאַריאַ איז כמעט שטענדיק די אייגענע און רויכערט זיך אויס פולשטענדיק גלייך. קאָן איך אייך מכבד זיין?

— אַדאַנק, מיר קאָנען זיך בייטן. — דערביי נעמען זיי אַרויס זייערע פאָרט-ציגאַרן.

— דאָס איז אַ ראַסע-ציגאַר — זאָגט דער הויפראַט און דערלאַנגט אַן עקזעמפּלאַר פון זיין מאַרקע. — טעמפּעראַמענט, פאַרשטייט איר, זאַפט און קראַפט. סאַנקט פעליקס-בראַזיל, איך האַלט מיך שטענדיק אָן דער מאַרקע. ס'פאַרטרייבט באמת אַלע זאָרגן, ברענט ווי בראָנפן, איבערהויפּט צום סוף האָט עס אין זיך עפּעס פייערדיקס. מ'דאַרף זיך אַ ביסל איינהאַלטן דערמיט, מ'קאָן נישט פאַררויכערן איינעם אינם צווייטן, דאָס וואָלט געווען איבער די כוחות.

אַמאָל. *Anch' io sono pittore, ווי יענער שפּאַניער פלעגט זאָגן.

— פּייזאַזשן? — פרעגט האַנס קאַסטאָרפּ קורץ און פּראָטעקציאָנעל. ס'זיינען געווען סיבות, הלמאַי ר'האָט אָנגענומען אַזאַ טאָן..

— אַליך, וואָס איר ווילט! — האָט דער הויפראַט געענטפערט מיט אַ פאַרלעגענער באַרימערישקייט — פּייזאַזשן, נאַטור־מאָרט, חיות, — אַ יונג מיט ביינער דאַרף פאַר גאָרנישט מורא האָבן.

— קיין פּאָרטרעט? נישט?

— אַ פּאָרטרעט איז מיר אויך אונטערגעקומען. איר ווילט ביי מיר באַשטעלן אייער פּאָרטרעט?

— האַ־האַ, ניין, אָבער ס'וואָלט געווען זייער פריינדלעך, ווען איר, הער הויפראַט, וואָלט אונז ביי אַ געלעגנהייט געוויזן אייערע בילדער.

יאָאַכים האָט אַ קוק געטאָן דערשטוינט אויף זיין קוזין און באַלד דערנאָך אויך אינדערגיך פאַרזיכערט, אַז דאָס וואָלט געווען זייער פריינדלעך.

בערענס איז געווען אַנטציקט, אַזש באַגייסטערט געווען. ר'איז אַפילו רויט געוואָרן פון הנאה און זיינע אויגן זיינען שיר נישט איבערגעגאַנגען פון טרערן.

— אַדרבא! — האָט ער אַ רוף געטאָן — מיט גרעסטן פאַרגעניגן! תיכף איצטער, אויב איר האָט חשק. קומט, קומט מיט! וועמ'ער איצטער טרינקען אַ טערקישע קאַווע ביי מיר אין צימער! דערביי האָט ער אָנגענומען די יונגעלייט אונטער די אָרעמס און זיי געפירט לענג־אויס מיטן וועג, וואָס איז איצגעשיט מיט קיזל־שטיינדלעך, צו זיך אין דער וואוינונג. זי האָט זיך געפונען, ווי זיי האָבן שוין געוואוסט, אין דעם נאָענטן צפון־מערבדיקן פליגל פון דער בערגהאָף־געביידע.

— איך אַליין — האָט האַנס קאַסטאָרפּ דערקלערט — האָב מיך אויך אַמאָל געפּרוווט אין דעם געביט.

— וואָס איך הער. ערנסט — אין אייל?

* שפּאַניש = אויך איך אַ מאָלער.

אָט איז ער, ווי אַ פּאָדים, כ'פיל אים קוים, אָט — נעמט ער זעצן הענדום־פּענדום, פֿאַרשטייט איר, לויפֿט ווי אַ חוית, דער מוח איז צערודערט... כ'בין שוין זיכער געווען, אַז כ'האָב אָפּגעטאַנצט. כ'זאָג „אָפּגעטאַנצט", ווייל דאָס איז דאָס וואָרט, וואָס ס'איז מיר דעמאָלט איינגעפֿאַלן און דערמיט האָב איך באַצייכנט מיין דעמאָלטיקן צושטאַנד. ווייל איינגנטלעך איז עס געווען גאַנץ וואויל און האָפֿערדיק, כאָטש כ'האָב שרעקלעך מורא געהאַט, בעסער געזאָגט: כ'בין אינגאַנצן געווען איין שטיק מורא. אָבער מורא און האָפֿערדיקייט שליסן נישט אויס איינס דאָס אַנדערע — דאָס ווייסט יעדער איינער. אַ בחור'ל, וואָס גרייט זיך דאָס ערשטע מאָל צו זיין מיט אַ מיידל, האָט אויך מורא, זי אויך, פֿונדעסטוועגן ווערן זיי צעשמאָלצן פֿון הנאה. נאָ, איך בין אויך שיר נישט צעשמאָלצן געוואָרן, כ'האָב געהאַלטן ביי אָפּטאַנצן אַ באַגייסטערטער. אָבער די פֿריילין מילענדאָנק האָט מיך מיט אירע רפֿואות אַרויסגעצויגן פֿון גאַנצן ברעג. אייז־קאָמפּרעסן, איינרייבונגען מיט אַ באַרשט, אַ קאַמפֿער־איינשפּריצונג און אַזוי אַרום בין איך געבליבן צוריק אָפּגעראַטעוועט פֿון דער מענטשהייט.

האַנס קאַסטאָרפּ, וואָס איז געזעסן מעשה־פּאַציענט, האָט געקוקט צו בערענסן מיט אַ מינע, וואָס האָט עדות געזאָגט, אַז ער נעמט זיך איבער מיט דער מעשה. דעם הויפּראַט'ס בלויע, אַפּערקוועלנדיקע אויגן זיינען בעתן דערציילן פֿול געוואָרן מיט טרערן.

— איז דאָס אמת, אַז איר מאָלט טיילמאָל, הער הויפּראַט? — האָט ער פּלוצלונג אַ זאָג געטאָן.

דער הויפּראַט האָט געמאַכט אַ מינע, ווי ער וואָלט אָפּגעשפּרונגען.

— נו־נו, יונגערמאַן, וואָס רעדט איר?

— זייט מוחל. איך האָב צופֿעליק געהערט וועגן דעם. כ'האָב מיך ערשט דערמאָנט.

— נאַ, אויב אַזוי, וועל איך עס נישט אָפּלייקענען. מיר זיינען דאָך אַלע מענטשן מיט שוואַכקייטן. יאָ, כ'האָט זיך געטראָפֿן

צו באַוואונדערן. ס׳זיינען דאָ געווען אַ סך בילדער פון היפראַטס געשטאָרבן ווייב: אייל־בילדער און אויך אַ פאָטאָגראַפיע אויפן שרייבטיש. ס׳איז געווען אַ לייכט און לויז־אָנגעטוענע בלאָנדינע, וואָס האָט געהאַלטן ביידע הענט צונויפגעלייגט ביי דעם לינקן אַקסל, נישט פעסט צוגעדריקט, נאָר אַזוי, אַז די פינגער־שפיצן זיינען געווען שוואַך צונויפגענומען. אירע אויגן האָבן געקוקט אָדער צום הימל, אָדער זיינען געווען טיף אַראָפגעלאָזט און פאַרשטעלט פון די וויעס, וואָס זיינען קרום אָפגעשטאַנען פון די אויגן־העקלעך. בלויז גלייך אין פנים פון צוקוקער האָבן דער געשטאָרבענערס אויגן נישט געקוקט אין קיין שום בילד. איבער דעם זיינען ס׳רוב געווען בערג־פייזאַזשן, בערג אין שניי און אין גרינס, בערג אַרומגערינגלט מיט נעפל, אויז בערג, וואָס זייערע טרוקענע און שאַרפע קאָנטורן האָבן זיך, ווי ביי סעגאַנטיני*, איינגעשניטן אין טיף־בלויען הימל. ווייטער האָט מען דאָ געזען הייזלעך פאַר פאַסטעכער, גוידער־דיקע קי, וואָס שטייען אָדער ליגן אויף זוניקע פאַשעס, אַן אָפגעפליקטע הון, וואָס איר פאַרדרייטער האַלדז האָט אַראָפגעהאַנגען פון אַ טיש באַלייגט מיט גרינס, בלומען, טיפן פון בערג־לייט און נאָך פאַרשיידענע זאַכן. אַלץ איז געווען געמאָלט מיט אַ געוויסן, לייכטן דילעטאַנטיזם, מיט דרייסט אַוועקגעלייגטע פאַרבן, וואָס האָבן אָפט אויסגעזען אַזוי, גלייך ווי מ׳וואָלט זיי דירעקט פון דער טובע אַוועקגעלייגט אויפן לייוונט און ס׳האָט לאַנג געמוזט דויערן, ביז זיי האָבן זיך אויסגעטריקנט. ביי גראָבע פעלערן איז דאָס טיילמאָל צונוץ געקומען.

קוקנדיק, כסדר, ווי אויף אַן אויסשטעלונג, זיינען די יונגעלייט געגאַנגען לענג־אויס די ווענט און ס׳איז זיי נאָכגעגאַנגען דער באַלעבאָס, וואָס האָט דאָ־און־דאָרט אָנגערופן דעם נאָמען פון אַ מאָטיוו. אָבער ס׳רוב האָט ער געשוויגן, מיט דער שטאָלצער איבערגענומענקייט פון אַ קינסטלער, וואָס האָט אַ הנאה צו קוקן אויף זיינע ווערק צוזאַמען מיט פרעמדע. קלאַודיאַ שאָשאַס פאָרטרעט האָט געהאַנגען אין וואוין־צימער אויף דער פענסטער־וואַנט. האַנס קאַס־

* דזשיאָוואַני סעגאַנטיני, אַ באַרימטער איטאַליענישער מאָלער, 1858–1899, האָט געמאָלט דאָס רוב פייזאַזשן פון די אַלפן.

— ניין, ניין, מער ווי אַ וועלכן ס'איז אַקוואַרעל האָב איך נישט אַרויסגעבראַכט. אַמאָל אַ שיף, אַמאָל אַ שטיקל ים, קינדערײַען. אָבער כ'האָב גאַנץ ליב אָנצוקוקן בילדער און דערפֿאַר האָב איך מיר אַזוי דערלויבט...

באַזונדערס האָט זיך יאָאַכים אין אַ גרעסער מאָס באַרויִקט און ס'איז אים קלאָרער געוואָרן זיין קוזינס משונהדיקע נײַגעריקייט. מער צוליב אים טאַקע, ווי צוליבן הויפֿראַט, האָט האַנס קאַסטאָרפּ זיך פֿאַרטיפֿן איִיף זיינע אייגענע קינסטלערישע פּרוּוון. זיי זיינען צוגעקומען. אין דער זייט איז נישט געווען אַזאַ פּרעכטיקער אַריינגאַנג מיט לאַמטערנעס, ווי אין יענער זייט בײַם אַריינפֿאָר. עטלעכע קיילעכדיקע טרעפּ האָבן אַרויפֿגעפֿירט צו אַ דעמבענער טיר. דער הויפֿראַט האָט זי געעפֿנט מיט אַ קלאַפּ־שליסל פֿון זיין גרויסן בונט שליסלען. זיין האַנט האָט דערביי געציטערט. ר'איז, אָן שום ספֿק, געווען נערוועז. זיי זיינען אַריין אין אַ פֿאָרצימער, אין אַ מין גאַרדעראָב, וואו בערענס האָט אויפֿגעהאָנגען זיין שטײַפֿן קאַפּעליוש אויף אַ הענגער. דער קליינער קאָרידאָר איז געווען אָפּגעטיילט פֿון דעם אַלגעמיינעם קאָרידאָר מיט אַ גלעזערנער טיר. אין ביידע זייטן זיינען געלעגן די קליינע פּריוואַט־דירות. דאָרט האָט בערענס אַ רוף געטאָן דאָס דינסט־מיידל און איר געהייסן צוגרייטן קאַווע. דערנאָך האָט ער אַריינגעלאָזט זיינע געסט אין אַ טיר רעכטס און דערביי צו זיי גערעדט רחבותדיק און אונטערגעגעבן חשק.

ס'זיינען דאָ געווען עטלעכע באַנאַל־בירגערלעך מעבלירטע שטובן, מיט פֿענסטער צום פֿראָנט־צו, אַרויס צום טאָל. קיין צווישן־טירן זיינען נישט געווען, און איין שטוב פֿון דער אַנדערער איז געווען אָפּגעטיילט בלויז מיט גאַרדינען. אַן „אַלט־דייטשיש" עס־צימער, אַ וואוין־ און אַרבעטס־צימער מיט אַ שרייבטיש, איבער וועלכן ס'האָט געהאַנגען אַ סטודענטיש היטעלע און אַ פּאָר געקרייצטע שווערדן; ווייכע דיוואַנעס; אַ ביבליאָטעק מיט אַ קאַנאַפּע און נאָך אַ רויכער־קאַבינעטל, וואָס איז געווען אײַנגעאָרדנט „טערקיש". אומעטום זיינען געהאַנגען בילדער, דעם הויפֿראַטס בילדער. די אויגן פֿון די אַריינקומענדיקע האָבן זיך תיכּף אָנגעהאַנגען אין זיי, העפֿלעך און גרייטע

אײַנגערעמט אין אַ ברייטער, שוואַרצער רעם, און בײַם ראַנד פֿון דער לייוונט — באַצירט מיט גאָלד. פֿרוי שאָשאַ האָט דאָ אויסגעזען מיט צען יאָר עלטער, ווי זי איז. דאָס איז אַלעמאָל בײַ דילעטאַנטישע פּאָרטרעטן, וואָס ווילן זײַן דווקא כאַראַקטעריסטישע. דאָס פּנים איז געווען צו־רויט, די נאָז איז געווען שלעכט געצייכנט, דער קאָליר פֿון די האָר — נישט דער ריכטיקער, צושטרויעט, דאָס מויל פֿאַרקרימט. דער באַזונדערער חן פֿון דער פֿיזיאָנאָמיע — נישט געזען אָדער נישט אַרויסגעבראַכט צוליב דעם, וואָס די פּרטים זײַנען אַרויסגעקומען פֿאַרגראָבט. אינגאַנצן איז עס געווען אַ פֿושעריש שטיקל אַרבעט, אַ פּאָרטרעט, וואָס איז קוים־קוים ענלעך צום מאָדעל. אָבער האַנס קאַסטאָרפּן איז נישט אַזוי געגאַנגען אין דער ענלעכקייט. די שייכות פֿון דער דאָזיקער לייוונט צו פֿרוי שאָשאַס פּערזאָן איז געווען פֿאַר אים אַ גענוג נאָענטע; דאָס בילד האָט געזאָלט פֿאָרשטעלן פֿרוי שאָשאַ, זי אַליין איז דאָ געזעסן, ווי אַ מאָדעל. דאָס איז פֿאַר אים גענוג געווען. אַ גערירטער, האָט ער איבערגעחזרט:

— זי איז אַראָפּגעקומען מיט לײַב־און־לעבן!

— זאָגט דאָס נישט — האָט דער הויפֿראַט איבערגעשפּאַרט.—

— ס'איז געווען אַ שווער שטיקל אַרבעט. איך רייד מיר נישט אײַן, אַז ס'האָט זיך מיר אינגאַנצן אײַנגעגעבן, כאָטש מיר האָבן מסתמא געהאַט אַ צוואַנציק זיצונגען. ווי קאָן מען דען דערגיין צו אַ טאָלק מיט אַזאַ אומפֿאָרמיק פּרצוף. ס'דאַכט זיך, אַז מ'קאָן זי לײַכט אויפֿכאַפּן מיט אירע היפּערבאָרעישע* באַקן־בײנער און מיט די אויגן ווי שפּאַלטן אין געפּלאַצטע קיכלעך. יאָ, ווייס איך וואָס. וויל מען טרײַ זײַן די אײנצלהייטן, מאַכט מען קאַליע דאָס גאַנצע. אַ אמתדיק רעטעניש. איר קענט זי? אײגנטלעך, וואָלט מען זי נישט געדאַרפֿט פּאָרטרעטירן, נאָר אַרבעטן לויטן זכרון. איר קענט זי דען?

— יאָ, נײַן, פֿון זען, ווי מ'קאָן דאָ מענטשן...

* מיטן נאָמען „היפּערבאָרייער" האָבן די אַלטע גריכן און רוימער באַצייכנט די אײַנוווינער פֿון ווײַטסטן צפֿון.

טאָרפּ האָט עס דערשנאַפּט מיט אַ גיכן בליק תּיכּף ווי ער איז אַריינגעקומען, כאָטש די ענלעכקייט איז געווען אַ ווייטע. ער האָט בכיוון אויסגעמיטן דאָס אָרט, האָט פעסט געהאַלטן זיינע באַלייטער אין עס־צימער, וואו ער האָט בלומרשט באַוואונדערט אַ גרינעם אויסבליק אין סערגי־מאָל מיט בלוילעכע גלעטשערס אויפן הינטערגרונד. דערנאָך איז ער פון אייגענער איניציאַטיוו אַריין אין טורקישן קאַבינעט, וואו ער האָט אויך אַלץ גרינטלעך דורכגעקוקט, מיט אַ פּיל מויל לויב־ווערטער. אין וואוין־צימער האָט ער קודם־כל באַקוקט די אַריינגאַנג־וואַנט און פון צייט צו צייט געשטויסן יאָ־אַכימען, ער זאָל פון צייט צו צייט אויך אויסדריקן זיין אָנערקענונג. ערשט צום סוף האָט ער זיך אויסגעדרייט און געפרעגט מיט נישט־איבערגעטריבענער פאַרוואונדערונג:

— דאָס איז דאָך אַ באַקאַנט פּנים?

— איר דערקענט עס? — האָט בערענס געוואָלט הערן.

— יאָ, מ'קאָן דאָ נישט האָבן קיין שום טעות. דאָס איז די דאַמע פון גוטן חוסן־טיש מיט דעם פראַנצויזישן נאָמען...

— ס'שטימט, די שאָשאַ. ס'טוט מיר אַ הנאה, וואָס איר האַלט עס פאַר ענלעך.

— מיט די ביינער! — האָט האַנס קאַסטאָרפּ געזאָגט ליגן, נישט אַזוי צוליב פאַלשקייט, ווי צוליב דעם באַוואוסטזיין, אַז ווען אַליץ וואָלט ביי אים געווען אין אָרדענונג, וואָלט ער נישט געווען דערקענט דעם מאָדעל. פּונקט אַזוי ווי יאָאַכים וואָלט עס פון זיך אַליין נישט געווען דערקענט, דער וואוילער, אָפּגענאַרטער יאָאַכים. ערשט איצט איז אים אַלץ קלאָר געוואָרן, נישט ווי פריער, בעת האַנס קאַסטאָרפּ האָט אים אונטערגערוקט אַ ליגן. יאָ, אַזוי — האָט ער שטילערהייט אַ זאָג געטאָן און זיך אויך גענומען באַטראַכטן דאָס בילד. אַזוי־אַרום האָט זיך, הייסט עס, זיין קוזין אָפּגענומען דאָס, וואָס פרוי שאָשאַ איז נישט געווען ביים צונויפקום אויף דער וועראַנדע.

ס'איז געווען אַ ברוסט־בילד אין האַלבן פּראָפיל, אַ ביסל קלענער פון דער נאַטירלעכער גרייס, דעקאָלטירט, מיט אַ שלייער־דראַפּעריע אַרום די אַקסלען און אויפן בוזים. דאָס בילד איז געווען

— אויסגעצייכנט — זאָגט האַנס קאַסטאָרפּ — זי איז זייער לעבעדיק געמאָלט, די הויט. דאַכט זיך מיר, אַז הויט אַזוי גוט געמאָלט האָב איך נאָך נישט געזען. ס'דאַכט זיך, אַז מ'זעט די פּאָרן. דערבײַ האָט ער לײַכט אַ גלעט געטאָן מיט דער האַנט איבער דעם דעקאָלטע פֿון בילד, וואָס האָט זיך אָפּגעשלאָגן זייער ווייס צוליב דער איבערגעטריבענער רויטקייט פֿון פּנים, ווי געוויינטלעך אַ טייל פֿון קערפּער, וואָס איז זעלטן אַנטבלויזט. דערפֿאַר טאַקע האָט עס, בכּיוון צי נישט, אַרויסגערופֿן די פֿאָרשטעלונג פֿון אָפּגעדעקטקייט — אַ גענוג פֿלאַכער עפֿעקט.

פֿונדעסטוועגן זײַנען האַנס קאַסטאָרפּס ווערטער געווען באַרעכטיקט. די מאַט־שימערירנדיקע ווײַסקייט פֿון דעם האָזיקן צאַרטן, אָבער נישט מאָגערן ביוסט, וואָס איז אונטן פֿאַרלוירן געוואָרן אין דער בלוילעכער שלייער־דראַפּעריע, האָט געהאַט אין זיך אַ סך נאַטירלעכקייט. עס איז, אַפּנים, געווען געמאָלט מיט געפֿיל. נישט געקוקט דערויף, וואָס ס'האָט דערפֿון געשלאָגן מיט אַ געוויסער זיסקייט, האָט דער קינסטלער דאָ אַרײַנגעלייגט אַ מין וויסנשאַפֿטלעכע רעאַלקייט און לעבעדיקע גענויקייט. ער האָט זיך באַנוצט מיט דער נישט־גלאַטיקייט פֿון דער לײַוונט, כּדי איבערצוגעבן אונטער דער אייל־פֿאַרב — דער עיקר אַרום די צאַרט אָפּגעצייכנטע שליסל־ביינער — די נאַטירלעכע אומגלײַכקייט פֿון דער הויט־איבערפֿלאַך. ס'איז אַפֿילו נישט פֿאַרזען געוואָרן אַ האָניק־פֿלעק דאָרט, וואו די ברוסט נעמט זיך טיילן. מ'האָט, דאַכט זיך, אַפֿילו געזען דאָרטן דורכשײַנען שוואַכע בלוילעכע אָדערן. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז צוליב דער האָזיקער נאַקעטקייט גייט אַדורך אונטער דעם בליק פֿון צוקוקער אַ קוים־באַמערקטער שוידער פֿון סענסיטיווקייט. דרייסט געזאָגט: ס'האָט זיך געקאָנט אויסדאַכטן, אַז מ'פֿילט די פּערספּיראַציע*, דעם אומגעזעענעם לעבנס־אָטעם פֿון אָט־דעם לײַב, אַזוי, אַז ווען מ'וואָלט, למשל, צוגעלייגט די ליפּן, וואָלט מען נישט געשפּירט דעם ריח פֿון פֿאַרב און אייל, נאָר דעם הויך פֿון אַ מענטשלעכן קערפּער. מיר גיבן דאָ איבער בלויז האַנס קאַסטאָרפּס אײַנדרוקן. כאָטש ער איז

---

* די אויסאָטעמונג פֿון דער הויט.

— נאַ, איך קען זי מער אינעווייניק, סובקוטאַן*, פאַרשטייט איר, דעם בלוט־דרוק פון די אַרטעריעס, די שפּאַנונג פון די געוועבן און לימפן־באַוועגונג, דערויף קאָן איך מיך גוט — בײַ איר — צוליב באַשטימטע סיבות. אָבער מיט דער אויסערלעכער צורה גייט עס שווערער. איר האָט זי שוין אַמאָל געזען גיין? אַזוי ווי זי גייט, אַזאַ פּנים האָט זי. אַ קריכערין. נעמט, למשל, די אויגן. איך רייד נישט וועגן קאָליר, וואָס האָט אייך זיינע קאַפּריזן, כ'מיין דעם געביי, דעם שניט. דאָס אויגן־דעקל, קאָנט איר זאָגן, איז געשפּאָלטן, קרום. אָבער דאָס דאַכט זיך אײַך נאָר אַזוי. אײַך נאַרט דאָ אָפּ דער עפּיקאַנטוס, דאָס איז אַן אָפּענדערונג, וואָס טרעפט זיך בײַ געוויסע ראַסן און באַשטייט דערין, וואָס אַ הייטל, וועלכעס בלייבט איבער בײַ די מענטשן פון דעם פלאַכן נאָז־זאָטל, פאַלט אַראָפּ פון די אויגן־דעקלעך איבער די אויגן־ווינקלען. פּרוּווט פעסט אַרויפציען די הויט איבער דעם נאָז־וואָרצל, וועט איר האָבן פאַר זיך אַן אויג, ווי בײַ יעדן איינעם פון אונז. אַ פּיקאַנטע מיסטיפיקאַציע, הייסט עס; אַגב, איז נישטאָ דערבײַ מיט וואָס צו שטאָלצירן, ווייל דעם אמת געזאָגט, ווייזט עס אויף אַן אַטאַוויסטישע שפּעטע אַנטוויקלונג.

— הייסט עס, אַזוי איז די מעשה — זאָגט האַנס קאַסטאָרפּ. — כ'האָב עס נישט געוואוסט, אָבער עס האָט מיך שוין פון לאַנג אינטערעסירט, וואָס ס'איז אַזוינס מיט אָט־די אויגן.

— רייצעניש, אָפּנאַרעריי — פאַרשטאַרקט דער הויפראַט. — אויב איר וועט זיי צייכענען פּשוט קרום און געשפּאָלטן, וועט איר אַ פאַרלוירענער. איר מוזט די קרומקייט און די געשפּאָלטנקייט אַרויסברענגען, אַזוי ווי די נאַטור האָט עס אַרויסגעברענגט. אילוזיע אין דער אילוזיע, אַזוי צו זאָגן, און דערצו דאַרף מען, נאַטירלעך, איר זאָלט וויסן, וואָס דער עפּיקאַנטוס איז אַזוינס. וויסן קאָן בכלל נישט שאַטן. גיט נאָר אַ קוק אויף דער הויט, אויף דער הויט פון קערפּער. זי איז לעבעדיק געגעבן צי נישט, איבעריק לעבעדיק, ווי מיינט איר?

---

* דאָס וואָס געפינט זיך דירעקט אונטער דער הויט (לאַטייניש).

ער האָט נישט געוואוסט, וואָס ער זאָל פריער ענטפערן, אַזויפיל האָט ער געהאַט צו זאָגן. ערשטנס האָט ער געוואָלט אַראָפּנעמען דאָס בילד פון דער באַשאָטנטער פענסטער־וואַנט און עס אַוועקשטעלן אויף אַן אָרט, וואו ס'פאַלט מער ליכט; צווייטנס, האָט ער געוואָלט אָנקניפּן אַ שמועס אינם הויפראַטס מיינונגען וועגן דער נאַטור פון דער הויט, וועלכע האָבן אים שטאַרק פאַראינטערעסירט; דריטנס, האָט ער געוואָלט פרובירן אויסדריקן אַן אייגענעם אַלגעמיינעם און פילאָסאָפישן געדאַנק, וואָס איז אים געלעגן אויף דער צונג. בשעת ער האָט שוין צוגעלייגט די הענט צום פּאָרטרעט, כדי אים אַראָפּצונעמען, האָט ער פלוצלונג אָנגעהויבן האַסטיק ריידן:

— יאָ, יאָ! זייער גוט, דאָס איז וויכטיק. כ'מיין צו זאָגן... דאָס הייסט: דער הויפראַט האָט געזאָגט: „נאָך אין אַן אַנדערער באַציִונג. כ'וואָלט גוט געווען, ווען אַת'ץ דער לירישער — אַזוי, דאַכט זיך, האָט איר געזאָגט — דער קינסטלערישער באַציִונג, זאָל נאָך זיין אַן אַנדערע, און מ'זאָל די זאַכן — בקיצור געדעדט — באַנעמען אויך פון אַן אַנדער קוק־ווינקל, צום ביישפּיל — פון מעדיציניש. דאָס איז קאָלאָסאַל טרעפלעך. זייט מוחל, הער הויפראַט, כ'מיין: ס'איז דערפאַר אַזוי קאָלאָסאַל ריכטיק, ווייל אייגנטלעך גייט דאָ גאָרנישט וועגן גרונד־פאַרשיידענע באַציִונגען און קוק־ווינקלען, נאָר גענוי גענומען — וועגן איין און דער זעלבער זאַך; ס'גייט בלויז וועגן פאַרשיידענע אופנים, כ'מיין: שאַטירונגען, ס'הייסט טאַקע: וואַריאַציעס פון איין און דער זעלבער אַלגעמיינער דערשיינונג, פון וועלכער די קינסטלערישע טעטיקייט איז בלויז איין טייל און איין אויסדרוק, אויב מ'קאָן אַזוי זאָגן. יאָ, זייט מוחל, איך נעם אַראָפּ דאָס בילד, ס'איז דאָ אַבסאָלוט נישטאָ קיין באַלייכטונג. איר וועט זען: אַז כ'וועל עס צוטראָגן צו דער סאָפע, וועט עס אינגאַנצן אַנדערש... כ'וויל זאָגן: מיט וואָס באַשעפטיקט זיך די מעדיצינישע ווינסשאַפט? כ'האָב וועגן דעם, נאַטירלעך, קיין שום אַנונג נישט, אָבער זי באַשעפטיקט זיך דאָך מיטן מענטש. און די יוריספּרודענץ, די געזעצגעבונג און דאָס געריכט־וועזן? אויך מיט דעם מענטש. און די שפּראַך־פאָרשונג, מיט וועלכער ס'איז מערסטנטיילס פאַרבונדן די פּעדאַגאָגישע פּראָפעסיע? און די טעאָ־

ספּעציעל געניינט געווען דאָס אויפצונעמען אַזוי, קאָן מען פונדעסטוועגן אויך אָביעקטיוו זאָגן, אַז פרוי שאָשאַס דעקאָלט איז אומבאַדינגט געווען די אינטערעסאַנטסטע אַרבעט צווישן אַלע געמעלן אין דעם צימער.

הויפראַט בערנס האָט זיך — מיט די הענט אין די הויזנקעשענעס — געהוידעט אויף די קנאַפּלען און שיך־שפּיצן, דערביי האָט ער באַטראַכט זיין אַרבעט צוזאַמען מיט די געסט.

— ס'פרייט מיך, הער קאָלעגאַ — האָט ער געזאָגט — ס'פרייט מיך, וואָס עס רעדט צו אײַך. ס'איז גוט און ס'קאָן גאָרנישט שאַטן, ווען מ'ווייסט, אַ ביסל, וואָס ס'טוט זיך אויך אונטער דער עפּידערמיס* און מ'קאָן צומאָלן דאָס, וואָס מ'זעט נישט מיט די אויגן. מיט אַנדערע ווערטער: ווען מ'האָט צו דער נאַטור נאָך אַן אַנדערע באַציונג, ווי אַ ריין לירישע, לאָמיר זאָגן; ווען מ'איז, צום ביישפּיל, דערביי אַ מעדיצינער, אַ פיזיאָלאָג, אַן אַנאַטאָם און מ'ווייסט זיך אויך שטילערהייט, וואָס ס'געפינט זיך אונטער דעם. דאָס קאָן זיין אַ מעלה, זאָגט וואָס איר ווילט, דאָס קומט גאַנץ זיכער צונוץ. אָט אין דער קערפּער־הויט איז דאָ וויסנשאַפט, איר וואָלט מיט אַ מיקראָסקאָפּ געקאָנט דערקענען איר אָרגאַנישע ריכטיקייט. דאָ זעט איר נישט בלויז די שליים־און האָרן־שיכטן פון דער אייבערשטער הויט, נאָר אונטער דעם איז אויך פאַראַן אַ אָנמערקונג פון דער אינעווייניקסטער הויט מיט אירע זאַלבן־דריזן, שווייס־דריזן, בלוט־געפעסן, וואָרצעלעך. און אונטער איר ווידער די פעטס־שיכט, די אויסבעטונג, פאַרשטייט איר, די שיכט, וואָס האָט אין זיך אַ סך פעטקייט־צעלן און איז דער גורם פון די ווייבערישע ליבלעכע פאָרמען. און דאָס, וואָס מ'ווייסט און מ'קלערט, קומט צום אויסדרוק. עס שטראָמט אַריין אין דער האַנט און טוט זיך דאָס זייניקע, ס'איז נישט דאָ און פונדעסטוועגן יאָ דאָ. און טאַקע צוליב דעם ווערט די זאַך אַזוי לעבעדיק.

האַנס קאַסטאָרפּ האָט אינגאַנצן געברענט צו דעם דאָזיקן שמועס. זיין שטערן האָט זיך אָנגערויטלט, די אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן.

---

* די אייבערשטע הויט.

ביידע, סיי בערענס, סיי יאָאַכים, האָבן אים אָנגעקוקט און געוואָלט זען, צי ער שעמט זיך נישט מיט דער קאַשע, וואָס ער האָט דאָ פאַרמישט. אָבער האַנס קאַסטאָרפּ איז געווען צופיל אַיינגעטאָן, כדי אַריינצופאַלן אין פאַרלעגנהייט. ער האָט צוגעהאַלטן דאָס בילד אויף דער סאָפע־וואַנט און פאַרלאַנגט אַ ענטפער, צי די באַלייכטונג איז דאָ נישט באַדייטנדיק אַ בעסערע. אַקוראַט דעמאָלט האָט דאָס דינסטמיידל אַריינגעבראַכט אויף אַ טאַץ הייס וואַסער, אַ ספּיריטוס־מאַשינקע און קאַווע־שעלעכלעך. דער הויפראַט האָט איר אָנגעוויזן אין קאַבינעט אַריין און געענטפערט:

— אויב אַזוי, דאַרפט איר זיך נישט אַזוי אינטערעסירן מיט מאָלעריי, נאָר קודם־כל מיט סקולפּטור... אַוודאי, דאָ האָט עס, פאַרשטייט זיך, מער ליכט, אויב איר האַלט, אַז ס׳דאַרף האָבן אַזויפיל... כ׳זאָג, מיט סקולפּטור, ווייל זי האָט אויפן ריינסטן אופן און לחלוטין צו טאָן בלויז מיטן מענטש בכלל. דאָס וואַסער זאָל נאָר נישט אויסקאָכן.

— אמת, די פּלאַסטיק — זאָגט האַנס קאַסטאָרפּ אַריינגייענדיק אין קאַבינעט. דערביי פאַרגעסט ער דאָס בילד צוריק אויפצוהענגען אָדער אַוועקצושטעלן, נאָר נעמט עס מיט און טראָגט עס אַריבער אין צווייטן צימער. אַוודאַי, אין אַ גריכישער ווענוס אָדער אין אַן אַטלעט — דאָרטן ווייזט זיך אַרויס, אָן שום־ספק, דאָס הומאַניסטישע אַמבולטסטן. ס׳איז אַוודאַי דאָס אמתע, דער אייגנטלעך הומאַניסטישער אופן קונסט, אויב מ׳פּרוווט אַריינטראַכטן.

— נאַ, וואָס ס׳איז נוגע דער קליינער שאָשאַ — האָט באַמערקט דער הויפראַט — איז זי אַלנפאַלס מער אַן אָביעקט פאַר מאָלעריי. פידיאַס* אָדער אַן אַנדערער מיט אַזאַ מין תנכישער פאַרענדיקונג פון נאָמען, וואָלט פאַרקרימט די נאָז פון אַזאַ פיזיאָנאָמיע. וואָס טוט איר? וואָס שלעפּט איר דאָס שטיק פלייש?

— אַדאַנק, איך שפּאַר עס אָן אין פוס פון דער שטול, דאָ וועט עס לעת־עתה גוט שטיין. די גריכישע פּלאַסטיקער האָבן

---

* דער באַדייטנדיקסטער גריכישער סקולפּטאָר האָט געלעבט אין 5טן יאָרהונדערט פאַר קר.

לאָגיע, די גייסטלעכע פּראָפעסיע? אַלץ מיטן מענטש, עס זיינען בלויז ניואַנסן פון איין און דעם זעלבן וויכטיקן און... עיקר׳דיקן אינ־טערעס, דער אינטערעס מיטן מענטש. עס זיינען, מיט איין וואָרט, הומאַניסטישע פּראָפעסיעס און ווען מ׳וויל זיי שטודירן, מוז מען קודם־כל לערנען דעם יסוד, די אַלטע שפּראַכן, נישט אמת? דאָס איז די פאָרמאַלע בילדונג, ווי מ׳זאָגט. איר וואונדערט זיך, מסתּמא, וואָס איך רייד אַזוי דערפון, ווייל איך בין דאָך בלויז אַ רעאַליסט, אַ טעכניקער. אָבער לעצטנס האָב איך נאָך געטראַכט וועגן דעם בעת דער ליג־קוראַציע: ס׳איז דאָך אויסגעצייכנט, ס׳איז אַן אויסגעצייכנטע איינאָרדענונג אויף דער וועלט, וואָס דער יסוד פון יעדער מין הומאַניסטישער פּראָפעסיע איז דאָס פאָרמאַלע, די אידעע פון דער שיינער פאָרם, פאַרשטייט איר. דאָס ברענגט אַריין אין דער זאַך עפּעס איידלס און לוקסוסדיקס, דערצו נאָך עפּעס פון געפיל און... העפלעכקייט... דער אינטערעס ווערט צוליב דעם כמעט אַ מין גאַ־לאַנטע פאַרמעסטונג... ס׳הייסט... כ׳דריק מיך, גאַנץ זיכער, נישט אויס, ווי מ׳דאַרף, אָבער מ׳זעט דאָ, ווי דאָס גייסטיקע מיטן שיינעם מישן זיך אויס; אייגנטלעך, זיינען זיי באַלד פון אָנהייב איינס און דאָס זעלבע. מיט אַנדערע ווערטער: עס איז די וויסנשאַפט מיט דער קונסט. און איר וועט מיר מודה זיין, אַז די קינסטלערישע טע־טיקייט געהערט אייך דערצו אומבאַדינגט, אין אַ געוויסער מאָס, ווי אַ פינפטער פאַקולטעט, און אַז זי איז גאַנץ פּשוט נישט עפּעס אַנדערש, ווי אַ הומאַניסטישע פּראָפעסיע, אַ ניואַנס פון די הומאַ־ניסטישע שטרעבונגען, ווייל איר וויכטיקסטע טעמע און פאַרמעסטונג איז דאָך סוף־כל־סוף ווידער דער מענטש. איך האָב אַפילו גע־מאָלט בלויז שיפן און וואַסער, בעת כ׳האָב אין די יונגע יאָרן זיך פאַרמאָסטן אין אָט־דער ריכטונג. אָבער דאָס געשמאַקסטע אין דער מאָלעריי, לויט מיין מיינונג, איז, און ס׳וועט בלייבן, דער פּאָרטרעט. ווייל דאָ איז דער מענטש דירעקט דער אָביעקט. דערפאַר האָב איך מיך תיכף געפרעגט, צי דער הער היופראַט איז טעטיק, אויך אויף דעם דאָזיקן געביט... צי דאָ וואָלט נישט אַ סך בעסער געווען, ס׳זאָל הענגען?

— אײַערע, אַגב, אויך — האָט בערענס געזאָגט. — אײַער פּלאַסטיק איז, אויף וויפֿל מ'קאָן ריידן וועגן דעם, אויך פּעטס, כאָטש נישט אין אַזאַ מאָס, ווי בײַ די ווײַבער. בײַ אונזערס אַ מענטש טרעפֿט אָן געוויינלעך די פּעטקייט בלויז אַ צוואַנציקסט חלק פֿון דער קערפּער־וואָג. בײַ די ווײַבער — אַ זעכצנט חלק. ווען נישט די אונטערהויטישע געוועבן, וואָלטן מיר אַלע געווען טרוקענע שוועמלעך. ווען מ'ווערט אַלט, ווערט עס פֿאַרשוווּנדן, צוליב דעם קריגט מען מאַקע די נישט־עסטעטישע קנייטשן. צום מײַנסטן דיק און פּעט איז עס בײַ דער ווײַבלעכער ברוסט און בײַם בויך, אויך אויף די אייבערשטע שענקלען, בקיצור, אומעטום, וואו ס'איז גוט אַ ריר צו טאָן. אויך אונטער די פּאָדעשווע איז דאָ פּעטס און דערפֿאַר קיצלט דאָרטן.

האַנס קאַסטאָרפּ האָט געדרייט דאָס רער־פּאָרמיקע קאַווע־מילכל צווישן די הענט. עס איז געווען, ווי דער גאַנצער גאַרניטור, גיכער אינדישע אָדער פּערסישע אַרבעט, ווי טערקישע. דערויף האָט עדות געזאָגט דער סטיל פֿון די מעש־גראַווירונגען, וועלכע האָבן אַרויסגעבלאַנקט פֿון די מאַטע פֿלאַכן. האַנס קאַסטאָרפּ האָט באַטראַכט די אָרנאַמענטיק און נישט תּיכּף פֿאַרשטאַנען, וואָס זיי שטעלן פֿאָר. ווען ער האָט זיך געכאַפּט, וואָס דאָס באַטײַט, איז ער פּלוצלונג רויט געוואָרן.

— יאָ, דאָס איז אַן ענין פֿאַר נישט־באַווײַבטע מענטשן — האָט בערענס געזאָגט. — דערפֿאַר האַלט איך עס אינטערן שלאָס, פֿאַרשטייט איר. מײַן קיך־נימפֿע וואָלט קאַליע געוואָרן, ווען זי קוקט עס אָן. אײַך וועט עס, מסתּמא, נישט שאַטן. כ'האָב עס אַמאָל געקריגן אַ מתּנה פֿון אַ פּאַציענטין, פֿון אַ עגיפּטישער פּרינצעסין, וועלכע האָט אונז איין יאָר אָנגעטאָן דעם כּבֿוד און איז געווען בײַ אונז. איר זעט, דער מוסטער חזרט זיך איבער אויף יעדן שטיק. פֿײַן, וואָס?

— יאָ, דאָס איז מאָדנע — האָט געענטפֿערט האַנס קאַסטאָרפּ — האַ, ניין, מיך אַרט עס נישט, פֿאַרשטייט זיך. מ'קאָן עס אַפֿילו נעמען ערנסט און פֿײַערלעך, אויב מען וויל, כאָטש אין אַ קאַווע־גאַרניטור איז עס סוף־כּל־סוף נישט אינגאַנצן אויפֿן אָרט. די פֿאַ־

אָבער ווייניק, זיך אָפּגעגעבן מיטן קאָפּ. זיי איז דער עיקר געגאַנגען אין קערפּער, אפשר איז דאָס טאַקע געווען דאָס הומאַניסטישע... און די ווייבלעכע פּלאַסטיק, איז טאַקע דאָס פּעטס?

— טאַקע דאָס פּעטס! — האָט געזאָגט אַנטשלאָסן דער הויפּראַט, וואָס האָט אויפגעשלאָסן אַ וואַנט-שענקל און אַרויסגענומען פון דאָרטן די כלי-מכשירים צו דער קאַווע, אַ טערקיש מלכל, וואָס איז געמאַכט רער-פאָרמיק, אַ קאַף-פּענדל מיט אַ לאַנג הענטל, אַ כלי אויף צוקער אין געמאָלענער קאַווע — אַלץ פון מעש. „פּאַלמיטין, סטעאַרין, אָלעין“* — האָט ער געזאָגט און אַריינגעשיט קאַוועלעך פון אַ בלעכענער פּושקע אין מילכל אַריין. באַלד דערנאָך האָט ער געגומען דרייען מיט דער קאַווע. — איר זעט, איך מאַך אַלץ אַליין, פון אָנהייב אָן, דערפאַר שמעקט עס טאָפּלט בעסער. וואָס האָט איר געמיינט, אַז ס'איז אַמבראָזיאַ**?

— ניין, כ'האָב עס אַליין שוין געוואוסט. ס'איז גלאַט מאָדנע עס צו הערן — האָט געזאָגט האַנס קאַסטאָרפּ.

זיי זיינען געזעסן אין ווינקל צווישן דער טיר און דעם פענסטער, ביי אַ באַמבוס-טאַבאָרעט מיט אַ אָריענטאַליש-אָרנאַמענטירטן מעשענעם פּלאַט, אויף וועלכן ס'זיינען געשטאַנען די כלי-מכשירים אויף קאַווע אין אויך דאָס רויכער-געצייג. יאָאַכים איז געזעסן לעבן בערענסן אויף דער אָטאָמאַנע, וואָס איז געווען פול באַלייגט מיט זיידענע קישעלעך. האַנס קאַסטאָרפּ איז געזעסן אויף דער קלוב-שטול מיט רעדלעך, אין וועלכער ער האָט אָנגעשפּאַרט פרוי שאָשאַס פּאָרטרעט. אונטער זיי איז געלעגן אַ פּאַרביקער טעפּעך. דער הויפּראַט האָט מיט אַ לעפל אַריינגעטאָן קאַווע אין צוקער אין דעם פענדל מיטן הענטל, האָט אַריינגעגאָסן וואַסער און עס געלאָזט אויפקאָכן איבערן פלאַם פון ספּיריטוס. אין די שאָלן האָט די קאַווע געהאַט אַ ברוינעם שוים און בעת מ'האָט זי געזופּט, איז זי געווען אי שטאַרק אי זיס.

---

* די דריי באַשטאַנדטיילן פון פעטס.

** ביי האָמער די שפּייז פון געטער.

— פֿאַרוואָס־זשע זענט איר געוואָרן אַן אינזשעניער?

— צוליב אַ צופֿאַל. דערויף האָבן מער געווירקט אויסנווייניקסטע סיבות.

— נאַ, וועגן דער הויט? וואָס זאָל איך אײַך דערציילן וועגן אייער חושים־פֿלאַך? עס איז אייער אויסנווייניקסטער מוח, פֿאַרשטייט איר, אָנטאָגאָנעטיש* פֿון זעלבן מקור, ווי דער אַפּאַראַט פֿאַר די אַזוי גערופֿענע העכערע חושים־אָרגאַנען אין אייער שאַרבן. דער צענטראַלער נערוון־סיסטעם, דאַרפֿט איר וויסן, איז בלויז אַ לייכטע אָפּענדערונג פֿון דער אויבערלעכער הויט־שיכט. פֿאַראַן באַשעפֿענישן, בײַ וועלכע ס'איז נאָך בכלל נישטאָ קיין אונטערשייד צווישן צענטראַלן און אויסנווייניקסטן סיסטעם. זיי שפּירן אַ ריח און פֿילן אַ טעם מיט דער הויט, שטעלט אײַך פֿאָר, זיי האָבן בכלל בלויז זייערע חושים אין דער הויט. ס'מוז זײַן אַ גאַנץ וואוילע זאַך, אַז מען טראַכט זיך אַזוי אַרײַן. דערפֿאַר, בײַ אַזעלכע הויך־דיפֿערענצירטע באַשעפֿענישן, ווי איר און איך, מוז זיך די הויט באַגרענעצן בלויז אויף קיצלדיקייט. זי איז בלויז אַ אָרגאַן, וואָס שיצט און גיט־איבער, איז פֿײַער און פֿלאַם אויף אַלץ, וואָס וויל זיך צורירן צו־נאָענט צום קערפּער. זי איז אַפֿילו באַוואָרנט מיט אַרויס־שטאַרנדיקע טאַפּ־אַפּאַראַטן, ס'זײַנען די האָר, די הערעלעך פֿון גוף, וואָס באַשטייען פֿון פֿאַרהאָרנטע הויט־קעמערלעך, און שפּירן יעדע דערנעענטערונג נאָך אײדער זי איז צוגעקומען צו דער הויט גופא. צווישן אונז געשמועסט, ס'איז אַפֿילו מעגלעך, אַז די פֿעיִקייט פֿון הויט צו באַשיצן און צו פֿאַרטיידיקן, איז נישט חל בלויז אויף קערפּערלעכע ענינים... ווייסט איר, ווי אַזוי איר ווערט רויט אָדער בלאַס?

— נישט גענוי.

— יאָ, גאַנץ גענוי, ווייסן מיר עס, אָפֿן געזאָגט, אויך נישט, אַלנפֿאַלס, וואָס ס'איז נוגע דעם רויט־ווערן פֿון בושה. די זאַך איז נישט אינגאַנצן קלאָר, ווײַל ביז איצט קאָן מען נאָך נישט אָנווײַזן

* לויט דער אנטשטייונג.

צייטיקע פלעגן, דאַכט זיך, מיט אַזעלכע זאַכן באַפּוצן זייערע טרומנעס. דאָס סעקסועלע און דאָס הייליקע איז פאַר זיי, אין אַ געוויסער מאָס, געווען איינס און דאָס זעלבע.

— נאַ, וואָס ס'איז נוגע דער פּרינצעסין — זאָגט בערענס — איז זי, מיין איך, מער געווען גענייגט צום ערשטן. כ'האָב, אַגב, פון איר אויך זייער שיינע פּאַפּיראָסן. דאָס איז עפּעס עקסטראַפיינס, ווערט דערלאַנגט נאָר ביי ערשט־קלאַסיקע געלעגנהייטן. דערביי האָט ער אַרויסגענומען פון וואַנט־שענקל אַ גרעל־פאַרביק שאַכטל, כדי מכבד צו זיין: יאָאַכים האָט זיך אָפּגעזאָגט און דערביי צונויפגערוקט די קנאַפּלען. האַנס קאַסטאָרפּ האָט גענומען און פאַררויכערט דעם אומגעוויינלעך־גרויסן און ברייטן פּאַפּיראָס, וואָס איז געווען באַצירט מיט אַ ספינקס אין גאָלד־דרוק. ר'איז באמת געווען וואונדערלעך גוט.

— דערציילט אונז נאָך עפּעס וועגן דער הויט — האָט האַנס קאַסטאָרפּ געבעטן — אויב איר ווילט זיין אַזוי גוט, הער הויפראַט. ער האָט ווידער אויפגעהויבן פרוי שאָשאַס פּאָרטרעט, אַוועקגעשטעלט אים אויף דער קני און אים באַטראַכט, זיצנדיק אַן אָנגעלענטער מיטן פּאַפּיראָס צווישן די ליפּן. — נישט דווקא פון דער פעטס־הויט, וועגן דעם ווייסן מיר שוין. נאָר פון דער מענטשלעכער הויט בכלל, וועלכע איר קאָנט אַזוי גוט אויפמאָלן.

— וועגן דער הויט? איר אינטערעסירט אייך מיט פיזיאָלאָגיע?

— זייער! יאָ, פאַר דעם האָב איך שטענדיק געהאַט דעם גרעסטן אינטערעס. פאַרן מענטשלעכן קערפּער האָב איך אַלעמאָל געהאַט גאָר אַ גרויסן חשק. טיילמאָל איז מיר אַפילו איינגעפאַלן, צי כ'זאָל נישט אַמאָל ווערן אַ מעדיצינער. אין אַ געוויסער מאָס, מיין איך, וואָלט דאָס מיר גאַנץ גוט געפּאַסט. ווייל דער, וואָס האָט אַן אינטערעס פאַרן קערפּער, דער האָט אויך אַן אינטערעס פאַר דער קראַנקהייט, אַפילו כפּעציעל פאַר איר — איר מיינט נישט? אַגב, האָט עס נישט קיין גרויסן באַטייט. כ'וואָלט געקאָנט ווערן אַלץ. כ'וואָלט אַפילו געקאָנט ווערן אַ גייסטלעכער אויך.

— יאָ, ס'האָט זיך שוין טיילמאָל אויסגעדאַכט, אַז דאָרטן וואָלט איך, אייגנטלעך, געווען אינגאַנצן אין מיין עלעמענט.

— דאָס איז די ווירקונג פון די הויט־זאַלב־דריזן, וואָס גיבן אַרויס די הויט־שמירעכץ, כ׳איז אַ מין אויסשטיילונג פון פעטס, וואָס אַנטהאַלט אין זיך איי־ווייס, פאַרשטייט איר, נישט איבעריק געשמאַק, אָבער עס גיט צו דער הויט גלאַטיקייט, לאָזט זי נישט רייסן זיך און פּלאַצן פון טרוקנקייט און איז גורם, ס׳זאָל זיין אָנגענעם זי אָנצוטאַפּן. מ׳קאָן זיך גאָרנישט פאָרשטעלן, ווי אַזוי די מענטשלעכע הויט וואָלט זיך געשפּירט אין די פינגער, ווען נישט דאָס כאָלעסטערין־שמירעכץ. די דאָזיקע זאַלב־דריזן פון דער הויט האָבן קליינע אָרגאַנישע מוסקולן, וואָס קאָנען אויפשטעלן די דריזן, און ווען דאָס געשעט, פילט איר אייך, ווי דער בחור, אויף וועלכן די פרינצעסין האָט אויסגעגאָסן אַן עמער מיט פישלעך. אייער הויט ווערט ווי אַ ריב־אייזן און ווען דער רייץ איז אַ שטאַרקער, שטעלן זיך אויף אויף די האָר. די האָר אויפן קאָפּ און די הערלעך אויפן לייב שטעלן זיך אויף, ווי ביי אַ יעזש, וואָס פאַרטיידיקט זיך, און איר קאָנט דעמאָלט זאָגן, אַז איר ווייסט דעם טעם פון אַ שוידער.

— אָך, איך — האָט געזאָגט האַנס קאַסטאָרפּ. — איך האָב עס שוין אַמאָל געפילט. מיך נעמט תיכף שוידערן ביי די פאַרשיידנסטע געלעגנהייטן. מיך וואונדערט בלויז דאָס, וואָס ביי די אַלע געלעגנהייטן שטעלן זיך די דריזן גלייך אויף. ווען מען גיט אַ קראַץ מיט אַ גריפל איבער גלאָז, קריגט מען אַ גענזענע הויט און ביי באַזונדערס שיינער מוזיק — איך דאָס אייגענע. ביי מיין קאָנפירמאַציע, בעת כ׳האָב גענומען די הייליקע קאָמוניע, האָב איך עס געקריגן איינס נאָכן אַנדערן. דאָס קיצלען און בייסן האָט גאָרנישט אויפגעהערט. ס׳איז מאָדנע, וואָס־אַלץ ווירקט אויף די קליינע מוסקולעכלעך!

— יאָ — זאָגט בערענס — רייץ איז רייץ. דער אינהאַלט פון רייץ גייט אָן דעם קערפּער, ווי דער פאַראַיאָריקער פראָסט. פישלעך אָדער די הייליקע קאָמוניע, די זאַלב־דריזן טוען דאָס זייעריקע.

— הער הויפראַט — האָט האַנס קאַסטאָרפּ געזאָגט און דערביי באַטראַכט דאָס בילד אויף זיינע קני — וועגן וואָס האָב איך דאָס

איך אַזאַ מין מוסקולן אין די געפעסן, וועלכע זאָלן זיך אויס־ציען אונטערן איינפלוס פון די וואַזאָמאָטאָרישע * נערוון. ווי אַזוי ווערט, אייגנטליך, ביים האָן אָנגעשוואָלן דער קאַם אָדער בכלל אַליין, וואָס מ'וואָלט דאָ געקאָנט ברענגען פאַר אַ ביישפּיל — דאָס איז, אַזוי צו זאָגן, מיסטעריעז, דער עיקר, בעת ס'גייט וועגן פּסיכישע ווירקונגען. מיר נעמען אָן, אַז ס'זיינען דאָ פאַרבינדונגען צווישן די גרויס־געהירן און דעם געפעסן־צענטער אין מוח־מאַרך. און ביי געוויסע רייצן, לאָמיר אָננעמען: בעת איר שעמט אייך, נעמט זיך רעגן די דאָזיקע פאַרבינדונג, דערפון נעמען זיך אויך רעגן די געפעס־נערוון, וואָס פירן צום פּנים, צוליב דעם ציען זיך און ס'פילן זיך אָן די בלוט־געפעסן. איר ווערט רויט, ווי אַ אינדיק, דאָס בלוט זעצט אייך אין קאָפּ אַריין און איר קאָנט נישט די אויגן עפענען. דערפאַר אין אַנדערע פאַלן (גאָט ווייסט, וואָס ס'נעמט אייך דראָען, קאָן זיין אַפילו עפּעס געפערלעך־שיינס) — גיבן זיך די בלוט־געפעסן אַ קאָרטש־איין, די הויט ווערט בלאַס, קאַלט, גערונצלט און איר זעט אויס ווי אַ מת פון גרויס נערווקייט, מיט בליי־פאַרביקע אויגן־לעכער און מיט אַ ווייסער אויסגעשפּיצטער נאָז. דער סימפּאַטישער נערוו ** ווירקט אויפן האַרץ אַזוי, אַז ס'נעמט פעסט האַמערן.

— הייסט עס, אַזוי געשעעט דאָס — זאָגט האַנס קאַסטאָרפּ.

— בערך אַזוי. דאָס זיינען רעאַקציעס, פאַרשטייט איר. היות אָבער אַלע רעאַקציעס און רעפלעקסן האָבן בטבע עפּעס אַ צוועק, מאַכן מיר, פיזיאָלאָגן, די השערה, אַז אויך אָט־די באַגלייט־ערשיינונ־גען פון די פּסיכישע אַפעקטן זיינען, אייגנטליך, צוועקמעסיקע שוץ־מיטלען, פאַרטיידיקונגס־רעפלעקסן פונם קערפּער, אַ שטייגער, ווי אַ גענזענע הויט. איר ווייסט, ווי אַזוי איר קריגט אַ גענזענע הויט?

— איך נישט אַזוי קלאָר.

---

* וואַזאָמאָטאָרישע נערוון = געפעס־נערוון.

** סימפּאַטישער נערוו ציט זיך פון דער שדרה און רעגולירט די שפּייזונג־פאַרטיילונג פון בלוט, אומאָפּהענגיק פון דעם ווילן.

ד״ר בערענס האָט ווייטער אָפּגעשילדערט דעם רערן־אין זויג־אָדער־סיסטעם פון די לימף־געפעסן, גערעדט וועגן דעם גאַנג פון מילך אין די ברוסטן, וואָס נעמט צונויף די לימף אין די פיס, בויך, ברוסט, איין האַנט און איין זייט קאָפּ. ר׳האָט גערעדט וועגן די צאַרטע פילטער־אָרגאַנען, וועלכע זיינען זייער אַ סך פאַרשפּרייט אין די לימף־געפעסן. מ׳רופט זיי לימף־דריזן און זיי געפינען זיך ס׳רוב אין האַלז, אונטער די אָרעמס, אין די געלענקען פון די עלנבויגנס, הינטער די קניען און אויך נאָך אַזעלכע צאַרטע און אינטימע ערטער אין קערפּער. דאָ טרעפן זיך געשווירן — האָט דערקלערט בערענס — טאַקע דערפון האָט זיך אָנגעהויבן דער שמועס, די לימף־דריזן ווערן פאַרגרעסערט, לאָמיר זאָגן: הינטער די קניען, און אין די געלענקען פון די אָרעמס, ס׳מאַכן זיך דאָ און דאָרט געשווירן, וואָס דערמאָנען אין וואַסער־קרענק. עס האָט אַלעמאָל אַ סיבה, כאָטש נישט אַלעמאָל אַ שיינע. טיילמאָל באַקומט מען גאָר אַ פּעמטן חשד, אַז מ׳האָט צו טאָן מיט אַ טובערקולאָזער פאַרשטאָפּונג פון די לימף־געפעסן.

האַנס קאַסטאָרפּ האָט געשוויגן. נאָך אַ ווײַלע האָט ער שטילערהייט אַ זאָג געטאָן: — אַזוי איז עס, כ׳וואָלט געקאָנט ווערן אַ מעדיצינער. דער גאַנג פון דער מילך אין דער ברוסט.... די לימף פון די פיס... דאָס אינטערעסירט מיך זייער. וואָס איז אַזוינס דער קערפּער! — האָט ער מיט איינמאָל שטורמיש אַרויסגעשאָסן. — וואָס איז דאָס פלייש! וואָס איז דאָס לייב פון מענטש! פון וואָס באַשטייט עס! זאָגט עס אונז שוין איצט, הער הויפראַט: זאָגט עס אונז גענוי, מיר זאָלן איינמאָל פאַר אַלעמאָל וויסן!

— פון וואַסער — האָט בערענס געענטפערט — איר האָט אַן אינטערעס פאַר אַנאָרגאַנישער כעמיע אויך? ס׳רוב פון וואַסער, אָט דערפון באַשטייט עס דאָס הומאַניסטישע לייב פון מענטש, נישט מער און נישט ווייניקער. פונדעסטוועגן דאַרף מען זיך נישט איבערנעמען. די טרוקענע סובסטאַנץ טרעפט אָן בלויז פינף־און־צוואַנציק פּראָצענט. דערפון זיינען צוואַנציק פּראָצענט פּשוט ווייסל פון איי, פּראָטעין־שטאָפן, אויב איר ווילט עס אויסדריקן אַ ביסל

נאָך געוואָלט פרעגן? יאָ, איר האָט פריער גערעדט וועגן אינעווייניקסטע טעטיקייטן, וועגן דער לימף־באַוועגונג און ענלעכן... וואָס איז דאָס אַזוינס? כ'וואָלט זייער גערן געוואָלט מער עפּעס וויסן וועגן דעם, צום ביישפּיל — וועגן דער לימף־באַוועגונג, אויב איר וואָלט געוואָלט אַזוי גוט זיין. כ'אינטערעסירט מיך זייער.

— כ'קאָן עס גאַנץ גוט גלויבן — האָט געענטפערט דער הויפראַט — די לימף איז דאָס סאַמע פיינסטע, אינטימסטע און צאַרטסטע אין דער גאַנצער מאַשינעריע פון אָרגאַניזם. איר זענט אייך, מסתמא, משער, אַז ס'איז אַזוי, דערפאַר פרעגט איר. מ'רעדט אַלעמאָל וועגן בלוט און זיין מיסטעריע און מ'האַלט עס פאַר אַ באַזונדערן מין זאַפט. אָבער די לימף — דאָס איז דער זאַפט פונם זאַפט, דער עסענץ, פאַרשטייט איר, בלוט־מילך, אַ גאַנץ זיסע פליסיקייט, לויטן אינהאַלט פון פעטס, זעט זי, אגב, באמת אויס ווי מילך. און אַן אויפגערוימטער און באַריידעוודיקער, האָט בערענס גענומען שילדערן, ווי אַזוי דאָס בלוט, אָט די פורפור־רויטע יויך, אויסגעזאָטן דורך עטעמונג און פאַרדייונג, געזעטיקט מיט גאַזן, באַלאָדן מיט פּראָדוקטן פון פעטס, איי־ווייס, אייזן, צוקער און זאַלץ, ווערט אַרויסגעשטויסן פון דער האַרץ־פּאָמפּע מיט אַ היץ פון אַכט־און־דרייסיק גראַד, קומט אַריין אין די געפעסן און האַלט־אויף אין גאַנצן גוף דעם שטאָף־וועקסל, די קערפּערלעכע וואַרעמקייט, מיט איין וואָרט — דאָס ליבע לעבן. דאָס בלוט גייט אָבער נישט אַריין דירעקט אין די קעמערלעך. דער דרוק, אין וועלכן דאָס בלוט געפינט זיך, שטופּט בלויז אַהין דורך די געפעס־ווענטלעך אַ מין עקסטראַקט און מילך־זאַפט, וואָס ווערט אַריינגעפּרעסט אין די געוועבן. אַזוי־אַרום דרינגט אָט דער זאַפט אַריין אומעטום, פילט־אויס ווי אַ געוועב־פליסיקייט יעדעס שפּעלטל, ציט אויס און שפּאַנט די עלאַסטישע געוועבן פון די קעמערלעך. דערפון נעמט זיך די געשפּאַנטקייט פון געוועב, דער טורגאָר. דער טורגאָר פון זיין זייט איז ווייטער גורם, אַז נאָכדעם ווי די לימף האָט די קעמערלעך גוט אָפּגעשווענקט און געטוישט שטאָף מיט זיי, זאָל זי צוריק אַריינגעטריבן ווערן אין די לימף־געפעסן, אין די „וואַזאַ למפאַטיקאַ", און צוריק אַריין אין בלוט. עס מאַכט אויס אָנדערטהאַלבן ליטער טעגלעך.

פיל. טיאַ, לעבן איז דאָס אייגענע, וואָס שטאַרבן, ס'איז דאָ נישטאָ וואָס צו פאַרשענערן. *une destruction organique, ווי אַזוי אַ פראַנצויז האָט עס אַמאָל אָנגערופן מיט זיין טבע אויף אָפּצופּטרן לייכט. דאָס לעבן שמעקט אויך דערמיט. איבער זעט אונז אויס אַנדערש, זיינען מיר אָפּגענאַרט.

— און אויב מ'אינטערעסירט זיך מיטן לעבן — האָט האַנס קאַסטאָרפּ געזאָגט — הייסט עס, אַז מ'אינטערעסירט זיך אויך מיטן טויט. ס'איז דען נישט אַזוי?

— נאַ, אַ געוויסער אונטערשייד בלייבט פאָרט. בעת מ'לעבט, טוישט זיך טאַקע די מאַטעריע, אָבער די פאָרם בלייבט.

— צו וואָס דערהאַלטן די פאָרם? — האָט האַנס קאַסטאָרפּ געזאָגט.

— צו וואָס? הערט אַ מעשה, דאָס, וואָס איר האָט איצט געזאָגט, איז דאָך שוין אויף קיין האָר נישט הומאַניסטיש.

—פאָרם איז ווערט אַ שמעק טאַבאַק.

— איר זענט היינט דורכאויס אונטערנעמעריש. ממש אַוואַנטוריסטיש. אָבער איך פאַל שוין אָפּ — האָט געזאָגט דער הויפראַט — איך ווער שוין מרה־שחורהדיק — האָט ער געזאָגט און אַוועקגעלייגט זיין ריזיקע האַנט איבער די אויגן — איר זעט, דאָס באַפאַלט מיך אַזוי. כ'האָב מיט אייך געטרונקען קאַווע און געהאַט אַ הנאה. אויף איינמאָל איז מיך באַפאַלן אַ מרה־שחורה. איר וועט מיר איצט מוזן מוחל זיין. ס'איז מיר געווען גאַנץ אָנגענעם און כ'האָב געהאַט די גרעסטע הנאה...

די קוזינען זיינען אויפגעשפרונגען. זיי האָבן עגמת־נפש, האָבן זיי געזאָגט, הלמאַי זיי האָבן דעם הויפראַט אַזוי לאַנג... ער באַרויקט זיי, אַז אַדרבא... האַנס קאַסטאָרפּ טראָגט אינדערגיך אַריין פרוי שאָשאַס פאָרטרעט אין צווייטן צימער און הענגט עס צוריק אויף איר אָרט. זיי גייען מער נישט צוריק אויף זייער קוואַרטיר דורכן גאָרטן. בערענס ווייזט זיי דעם וועג דורך דער געביידע און באַגלייט זיי ביז צו דער גלאָז־טיר, וואָס פאַרבינדט ביידע קאָרי-

* פראנצויזיש = אן ארגאנישע דעסטרוקציע.

איידעלער. דערצו גייט בלויז צו נאָך אַ ביסל פעטס און זאַלץ;
דאָס איז כמעט אַלץ.

— אָבער דאָס ווייסל פון איי, וואָס איז דאָס?

— כלערליי עלעמענטן. קוילן־שטאָף, וואַסער־שטאָף, שטיק־שטאָף, זויער־שטאָף, שוועבל. טיילמאָל — אויך פאָספאָר. אַ ייער נייגעריקייט ווערט אַלץ גרעסער. טייל מינים איי־ווייס זיינען אויך פאַרבונדן מיט קוילן־הידראַטן, דאָס הייסט — מיט טרויבן־צוקער און קראָכמאַל. אויף דער עלטער ווערט דאָס פלייש שטייף. דאָס נעמט זיך דערפון, וואָס ס'קומט צו קאָלאַגען אין די באַהעפטש־געוועבן, דאָס איז דאָס ליים, פאַרשטייט איר, דער וויכטיקסטער באַשטאַנדטייל פון די ביינער און ביינדלעך. וואָס נאָך קאָן איך אייך דערציילן? אין דער פלאַזמע פון די מוסקולן איז דאָ אַ מין איי־ווייס, וואָס רופט זיך מיאָזינאָגען, און וואָס ווערט גערינען נאָכן טויט אין פיברין און הפט־אַרויס די שטייפקייט פון אַ מת.

— יאָ, אַזוי, די שטייפקייט פון אַ מת — זאָגט האַנס קאַס־טאָרפּ פריילעך — זייער גוט, זייער גוט. און דערנאָך הייבט זיך אָן דער גענעראַל־אַנאַליז, די אַנאַטאָמיע פון קבר.

—נאַ, אַוודאי. דאָס האָט איר, אַגב, שיין געזאָגט. דעמאָלט גייט די זאַך ווייט אַוועק. מ'צעגיסט זיך, אַזוי צו זאָגן. דערמאָנט אייך נאָר, אַזאַ צאָל וואַסער! די איבעריקע צומישונגען האַלטן זיך אויך נישט לאַנג, ווען ס'איז נישטאָ קיין לעבן. דורך דער פוילע־ניש ווערן זיי צעלייגט אויף פשוטערע פאַרבינדונגען, אויף אַנאָרגאַנישע.

— פוילעניש, צעפאַלונג — האָט האַנס קאַסטאָרפּ געזאָגט — דאָס איז דאָך פאַרברענונג, פאַרבינדונג מיט זויער־שטאָף, אויב איך ווייס.

— פולשטענדיק אמת. אָקסידאַציע.

— און לעבן?

— אויך, אויך, יונגערמאַן. אויך אָקסידאַציע. לעבן איז דער עיקר דאָס ברענען פון איי־ווייס אין די קעמערלעך, דערפון נעמט זיך די פיינע קערפּערלעכע וואַרעמקייט, וועלכע מ'האָט טיילמאָל צו־

קיין ווינטן. ווען מ׳פּאַרפּאַקט זיך גוט, קאָן מען בלייבן ליגן אויפן
באַלקאָן ביז שפּעט אין דער נאַכט און ס׳איז נישט קאַלט. ס׳איז
די מעשה מיט דעם טעמפּעראַטור-אָפּפאַל העכער פון דער נעפּלען-
גרענעץ, אין די העכערע ספערן ווערט וואַרעמער. אַמאָל האָט מען
עס נישט אַזוי געוואוסט. גיכער איז קאַלט, ווען ס׳רעגנט. אָבער דו
האָסט דאָך אַ ליג-זאַק און געהייצט ווערט אויך אַ ביסל, ווען מ׳מוז
שוין.

אַגב, האָט גאָר קיין רייד נישט געקאָנט זיין וועגן פּלוצלינג-
דיקייט און סכּנת-נפשות. דער ווינטער איז אָנגעקומען געלאַסן און
אין לעת-עתּה נישט אויסגעזען אַנדערש, ווי וועלכער ס׳איז קילער
טאָג אין סאַמע מיטן זומער. אין משך פון עטלעכע טעג האָט
געוויעט אַ דרום-ווינט, די זון האָט געפּייניקט, דאָס טאָל האָט אויס-
געזען קירצער און ענגער. נאָענט און בולט זיינען געלעגן די אַלפּן-
קוליסן פון טאָל-אַיסאַנג. דערנאָך זיינען אָנגעקומען וואָלקנס, האָבן
זיך געצויגן פון פּיק-מיכעל און טינצענהאָרן קעגן צפון-מזרח און
דאָס טאָל איז טונקל געוואָרן. דערנאָך האָט גענומען שטאַרק רעגע-
נען. דערנאָך איז דער רעגן געוואָרן מיטנע, מילך-ווייס-גרוי, געמישט
מיט שניי. צום סוף איז שוין געפאַלן בלויזער שניי. דאָס טאָל איז
פול געווען מיט שניי-שטויב און היות ס׳האָט זיך אַזוי לאַנג גע-
שאָטן, איז אויך די טעמפּעראַטור דערווייל היפּש געפאַלן און דער
שניי איז נישט באַלד צעשמאָלצן געוואָרן. ר׳איז געווען נאַס, אָבער
ר׳איז געבליבן ליגן. דאָס טאָל איז געלעגן איינגעהילט אין אַ דין,
פייכט, אָפּבלאַקירט ווייס געוואַנט, קעגן וועלכן די נאָדל-ביימער פון די
שיפּועים האָבן זיך אָפּגעשלאָגן שוואַרץ. און עס-זאַל זיינען לווילעך
געוואָרן די רערן. ס׳איז אָנהייב נאָוועמבער, אין די ערשטע טעג פון
חודש, פונדעסטוועגן איז עס נישט געווען קיין נייס. אויך אין אַוו-
גוסט האָט שוין אַזוי איינמאָל אויסגעזען און מ׳האָט זיך שוין דער-
פאַר לאַנג אָפּגעוויינט דערפון צו האַלטן דעם שניי פאַר אַ פּרי-
ווילעגיע פון ווינטער אַליין. שטענדיק, און ביי יעדער שלעכט וועט-
טער, ס׳האָט אפילו געמעגט געשען ערגעץ ווייט, האָט מען גע-
זען שניי פאַר די אויגן, ווייל ווי ס׳זאָל נישט זיין — זיינען געבליבן
רעשטלעך און שפּורן אין די שפּאַלטן און לעכער פון די פעלזן

דאָרן. פון דער מורה־שחורה, וואָס איז אים פּלוצלינג באַפאַלן, איז זיין קאַרק, דאַכט זיך, נאָך מער אַרויסגעזעצט געוואָרן. ער בלינצלט מיט זיינע אַפּערקווועלנדיקע אויגן. די וואָנסעס איז פּאַרדרסן אין איין זייט צוליב דעם, וואָס ער האָט איינגעקרימט דאָס מויל, און זי זעט אויס זייער נעבעכדיק.

בשעת זיי זיינען געגאַנגען איבערן קאָרידאָר און איבער די טרעפּ, האָט האַנס קאַסטאָרפּ געזאָגט:

— זיי מודה, אַז ס'איז געווען אַ גוטער איינפאַל פון מיין זייט.

— אַלנפאַלס איז עס געווען אַ אָפּפרישונג — האָט יאָאַכים געענטפערט — און איר האָט אייך ביי דער געלעגנהייט פּעסט דורכגעשמועסט וועגן טייל זאַכן — דאָס מוז מודה זיין. מיר האָט זיך אַפילו אַ ביסל פאַרדרייט דער קאָפּ. ס'איז שוין די העכסטע צייט, מיר זאָלן פאַר דער טיי כאָטש מאַכן אַ צוואַנציק מינוט ליג־קוראַציע. קאָנסט אַפילו זאָגן, אַז ס'איז נישט ווערט קיין שמעקטאַבאַק, ביסט היינט אַזוי אַוואַנטוריסטיש. דאַרפסט עס, אַגב, אויך נישט אַזוי נייטיק, ווי איך...

פּאָרשונגען

אַזוי־אַרום איז געקומען דאָס, וואָס ס'האָט געמוזט קומען און וועגן וועלכן האַנס קאַסטאָרפּ האָט מיט אַ קורצער צייט צוריק אַפילו נישט געחלומט. ס'איז געוואָרן ווינטער, דער היגער ווינטער, וועלכער איז יאָאַכימען שוין געווען באַקאַנט. ווייל בעת ער איז אָנגעקומען, איז נאָך דער פּאַראַיאָריקער ווינטער געווען אין זיין גאַנצער ממשלה. האַנס קאַסטאָרפּ האָט פאַר אים אַ ביסל מורא געהאַט, כאָטש ער האָט זיך ווי צום בעסטן באַוואָפנט קעגן אים. יאָאַכים האָט אים געפּרוווט באַרויקן.

— דאַרפסט עס דיר נישט פאָרשטעלן אַזוי מוראדיק — האָט ער געזאָגט — ס'איז נישט אויפן נאָרד־פּאָל. מ'שפּירט ווייניק די קעלט צוליב דער טרוקנקייט פון דער לופט און ווייל ס'בלאָזן נישט

צום פּאָרטאַל פון „בערגהאָף“ זיינען פאַרווישט געוואָרן, האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין איין קרומער בריק. שווער, קאָמיש־געפאָרמטע שניי־קישנס זיינען אומעטום געלעגן שווער אויף די סאָסנע־צווייגן. דאָ און דאָרט זיינען אַראָפּגעפאַלן שטיקער, זיך צעשיט אויף שטויב און געבליבן הענגען צווישן דיביימער, ווי אַ וואָלקן און ווייסער נעבל. אַלע בערג אַרום זיינען געלעגן פאַרשנייט, אונטן ראַי־באַליגט. די שפּיצן, וואָס האָבן איז פאַרשיידענע פאָרמען אַרויסגעשטאַרט אַ בער דער ביימער־ספּערע, זיינען געווען ווייך־באַדעקט. ס'איז געווען טונקל, די זון איז געשטאַנען, ווי אַ בלייכע שיין הינטער אַ שלייער. אָבער דער שניי האָט צוגעגעבן אַ אומדירעקטע און מילדע ליכטיקייט, אַ מילכיקע העלקייט, וואָס האָט גוט געפּאַסט דער וועלט און די מענטשן, כאָטש די נעז זיינען רויט געווען אונטער די ווייסע אָדער קאָלירטע וואָלענע היטלען.

אין עס־זאַל, ביי די זיבן טישן, האָט מען דער עיקר געשמועסט וועגן אָנקום פון ווינטער, וואָס איז אין די הויזיקע נעגנטן די וויכטיקסטע צייט פון יאָר. ס'זיינען אָנגעקומען אַ סך טוריסטן און ספּאָרט־לייט, האָט מען דערציילט, און ס'זיינען פול מיט זיי די האָטעלן פון „דאָרף“ און „פּלאַץ“. מ'האָט אָפּגעשאַצט, אַז די הייך פון אָנגעפאַלענעם שניי איז זעכציק צענטימעטער און אַז ר'איז כמו אַזאַ מין, וואָס איז ממש אַ מחיה פאַר די סקי־לויפערס. ביי דעם באָב־שליטן־וועג, וואָס פירט דאָרטן פון דרום־מערבדיקן שיפּוע, פון דעם שאַצאַלפּ ביז צום טאָל, האָט מען געאַרבעט פעסט. אין עטלעכע טעג אַרום וועט ער שוין געעפנט ווערן, בתנאי, אַז דער וואַרעמער דרום־ווינט זאָל נישט קאַליע מאַכן דעם חשבון. מ'האָט זיך געפרייט, וואָס ס'קומען אָן געזונטע געסט פון אונטן, וועלכע וועלן איצט ווידער אַרבעטן מעשים ביי די ספּאָרט־פיירונגען און געיעגן. כאָטש מ'טאָר נישט, האָט מען פונדעסטוועגן בדעה געהאַט צו זיין דערביי, אַדורכשמוגלענדיק די ליג־קוראַציעס אָדער אַנטלויפן פון זיי. ס'איז דאָ עפּעס ניים, האָט האַנס קאַסטאָרפּ געהערט זאָגן, אַן ערפינדונג פון צפון, סקי־קיערינג, אַ געיעג, ביי וועלכן די סקי־לויפערס וועלן געשלעפּט ווערן פון פערד. דערצו האָט מען זיך דווקא געוואָלט אַרויסכאַפּן. מ'האָט אויך גערעדט וועגן ווי־נאַכט.

אין דער רעטיקאָן-קייט, וואָס איז, דאַכט זיך, געלעגן ביים אַריינגאַנג פון טאָל. אויך די ווייטסטע מאַיעסטעטישע בערג-שפּיצן אין דרום פלעגן אַלעמאָל איבערשיקן שניי-גרוסן. אָבער איצט האָט נישט אויפגעהערט, נישט דער שניי, און נישט דער אָפּפאַל פון דער טעמפּעראַטור. דער הימל איז געהאַנגען אַ בלאַס-גרויער און נידעריק איבערן טאָל, איז צעגאַנגען אין שנייעלעך, וואָס זיינען געפאַלן כסדר און אָן אַ שאָרך, מיט אַן איבערגעטריבענער און לייכט-באַאומרויִקנדיקער שפע; פון שעה צו שעה איז טאַקע געוואָרן קעלטער. אין איינעם אַ פרימאָרגן איז ביי האַנס קאַסטאָרפּ אין צימער געווען בלויז זיבן גראַד וואַרעמקייט, צומאָרגנס איז שוין בלויז געווען פינף. דאָס איז שוין געווען דער פראָסט. ער האָט זיך געהאַלטן אין אַ גרענעץ, אָבער ר'האָט זיך געהאַלטן. ס'פלעגן זיין פרעסט בלויז ביינאַכט, איצט זיינען אויך געווען פרעסט ביים טאָג, פון אינדערפרי ביזן אָוונט. דערביי האָט עס געשנייט ווייטער — בלויז מיט קליינע הפסקות — דעם פערטן, פינפטן און אויך דעם זיבעטן טאָג. איצט האָט זיך אָנגעזאַמלט אַ געוואַלטיקער שניי, מ'האָט זיך פשוט נישט געקאָנט מיט אים קיין עצה טאָן. דעם שפּאַצירוועג צו דער באַנק ביים טייכל האָט מען אַ ביסל אָפּגערייניקט מיט רידלעס, אויך דעם שאָסיי צום טאָל. אָבער די וועגלעך זיינען געווען צו-שמאָלע, מען האָט זיך נישט געקאָנט אויסמיידן, אַזוי, אַז ווען מ'האָט זיך צונויפגעטראָפן, האָט עמעץ געמוזט שטעלן אַ טריט אין דער קופּע שניי ביי דער זייט און איז אַריין ביז צו די קניען. עמעץ האָט געפירט ביי דעם צוים אַ פערד, צו וועלכן ס'איז צוגעשפּאַנט געווען אַ שטיינערנער וואַליק אָפּצוזוימען שניי, ר'האָט אים אַ גאַנצן טאָג געקייקלערט איבער די גאַסן פון קור-אָרט. צווישן דעם קאַסינאָ-קוואַרטאַל און דעם צפונדיקן טייל ישוב, וואָס מ'רופט „דאָרף", האָט קורסירט אַ שליטן-טראַמוויי, אַ געלער און ענגלעך צו אַן אַלט-פרענקישן פּאָסט-וואָגן. פון פאָרנט איז דערצו צוגעטשעפּעט געווען אַ שניי-שופלע, וואָס האָט אַוועקגערוימט דעם שניי אין אַ זייט. די וועלט, די ענגע, הויכע אָפּגעזונדערטע וועלט דאָ אויבן, איז געלעגן דיק-אָנגעפּעלצט און אויסגעבעט, ס'איז נישט געווען קיין איין סלופּ און זייל, וואָס זאָל נישט טראָגן קיין ווייס הייבל. די טרעפּ

ווען. ביי ווייַנאַכט האָט מען זיך אָפּגעשטעלט; ס'איז דאָ געווען אַן אָרט אויף זאָרגן און קאָפּ־ברעכעניש. מ'האָט זיך באַראָטן וועגן דער בשותפותדיקער מתנה, וועלכע מ'גיט, לויטן מ'ה' פון דער סאַנאַטאָריע, אין הייליקן אָוונט דעם שעף, הויפראַט בערענס, און אויף וועלכער מ'קלויבט צונויף געלט ביי אַלע. פאַראַיאָרן האָט מען אים געשאָנקען אַ וואַליזע — אַזוי האָבן איבערגעגעבן יענע, וואָס זיינען דאָ נאָך געווען פון דעמאָלט אָן. דאָסמאָל האָט מען גערעדט וועגן אַ נייעם אָפּעראַציע־טיש, וועגן אַ מאָלער־געשטעל, וועגן אַ פוטער, וועגן אַ שאָקל־שטול, אַן עלפאַנט־ביינערן הער־רערל פון אַ „ספּעציעלער קאָנסטרוקציע". ווען מ'האָט געפרעגט סעטעמברינין, האָט ער פאָרגעלייגט, מ'זאָל אים שענקען אַ לעקסיקאָגראַפיש ווערק, וואָס וועט בקרוב אַרויסגעגעבן ווערן, „די סאָציאָלאָגיע פון ליידן". דאָס איז שטאַרק געפעלן בלויז איין בוכהענדלער, וואָס זיצט זינט נישט לאַנג ביים טיש פון דער קלעפעלד. צו קיין איינשטימיקער מיינונג איז מען נאָך נישט געקומען. די פאַרשטענדיקונג מיט די רוסישע געסט איז צוגעגאַנגען שווער. די געלט־זאַמלונג האָט זיך געשפּאָלטן. די מאָסקוויטער האָבן דערקלערט, אַז זיי ווילן אַליין בערענסן געבן אַ מתנה. פרוי שטער איז טעג־לאַנג געווען שטאַרק אומרויִק צוליב אַ געלט־עסק, צוליב צען פראַנק, וואָס זי האָט אויף אַ לייכטזיניקן אופן אויסגעלייגט פאַר דער פרוי אילטיס און יענע האָט איר „פאַרגעסן" צוריקצוגעבן. זי האָט „פאַרגעסן" — פרוי שטער האָט דאָס וואָרט אַרויסגעזאָגט יעדעס מאָל מיט אַן אַנדערן אַקצענט, און אַלע אַקצענטן זיינען געווען אויסגערעכנט דערויף, אויסצודריקן דעם טיפסטן אומצוטרוי צו פרוי אילטיסעס שלעכטן זכרון, וואָס האָט זיך נישט געלאָזט רירן פון אָרט, כאָטש פרוי שטער האָט — ווי זי האָט דערציילט — איר געגעבן אַזויפיל אָנצוהערענישן. נישט איינמאָל האָט פרוי שטער דערקלערט, אַז זי איז איר מוחל דעם חוב און שענקט אים איר אַוועק. — כ'צאָל, הייסט עס, פאַר מיר און פאַר איר — האָט זי געזאָגט — גוט, די חרפה איז נישט מיינע. צום סוף איז זי געפאַלן אויף אַ המצאה, וועגן וועלכער זי האָט דערציילט דעם עולם ביים טיש און אַלע האָבן אַ הנאה געהאַט: זי האָט זיך געהייסן אויסצאָלן די צען פראַנק ביי דער „פאַרוואַלטונג" און מ'זאָל עס אַרויסשטעלן דער פרוי אילטיס.

וועגן ווייַנאַכט! ניין, וועגן דעם האָט האַנס קאַסטאָרפּ נאָך נישט געטראַכט. ער האָט לייכט געקאָנט זאָגן אין שרייבן, אַז לויטן באַפעל פון די דאָקטוירים מוז ער דאָ פאַרברענגען דעם ווינטער צוזאַמען מיט יאָאַכימען. אמת, דערפון איז געדרונגען, ווי ס׳ווייזט זיך איצט אַרויס, אַז ער וועט דאָ מוזן זיין אין ווייַנאַכט. פונדעסטוועגן דערשרעקט עס אָן שום ספק, דאָס געמיט, שוין צוליב דעם — כאָטש נישט אינגאַנצן צוליב דעם — וואָס ער איז נאָך אין אָט־דער צייט בכלל נישט געווען אין ערגעץ, חוץ אין דער היים, צווישן דער משפחה. גאָט אין הימל, איצט מוז מען דאָס אויך נעמען פאַר ליב. ער איז מער נישט קיין קינד. יאָאַכים האָט זיך, ווייזט אויס, אויך נישט שטאַרק איבערגענומען, נאָר אַיינגעגאַנגען דערויף אָן סענטימענטן. וואו, אַגב, און ביי וואָס פאַר אַ באַדינגונגען מ׳האָט שוין אַלץ געפייערט ווייַנאַכט אויף דער וועלט!

פונדעסטוועגן האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ס׳איז צו־פרי צו ריידן וועגן ווייַנאַכט פאַר דעם ערשטן אַדווענט*, ס׳זיינען נאָך געווען גוטע זעקס וואָכן ביז דעמאָלט. אָבער אין עס־זאַל האָט מען זיי פאַרשלונגען און איבערגעהיפּערט: אַן אינעווייניקסטער פּראָצעס, וועלכן האַנס קאַסטאָרפּ האָט זיך, אויף זיין שטייגער, אויסגעלערנט פאַר־טיין, כאָטש ער האָט זיך נאָך נישט צוגעווינט צו ריידן וועגן דעם אַזוי דרייסט, ווי די אַלטע איינגעזעסענע פּאַציענטן. אַזעלכע עטאַפּן אין יאָר, ווי ווייַנאַכט־יום־טוב, זיינען פאַר זיי געווען אָנהאַלטן און טורן־מכשירים, מיט וועלכע זיי האָבן זיך פלינק דורכגעגליטשט איבער דער ליידיקער צווישן־צייט. אַגב, האָבן זיי אַלע געהאַט היץ, זייער אומזאַץ פון מאַטעריע איז געווען געהעכערט, זייער קערפּערלעך לעבן — פאַרשטאַרקט און פאַרגיכערט. ס׳קאָן זיין, אַז צוליב דעם טאַקע האָבן זיי אַזוי גיך און סך־הכלדיק געוואָרפן מיט דער צייט. ער וואָלט זיך אַפילו נישט געוואונדערט, ווען מ׳קוקט דאָ אויף ווייַנאַכט ווי אויף עפּעס, וואָס איז שוין אַוועק און מ׳נעמט ריידן גלייך וועגן ניי־יאָר און קאַרנאַוואַל. אָבער אויף אַזוי ווייט לייכט און אומגעזעצט איז מען נאָך אין עס־זאַל נישט גע־

* אדווענט רופן זיך די פיר וואָכן פאַר ווייַנאַכט.

אַרײַנברענגען נאָך אַרום ניין אַ זייגער אין די צימערן פון אַלע פּאַציענטן אין „בערגהאָף“. האַנס קאַסטאָרפּ פלעגט דאָרט אײַנגיסן אַ לעק קאָניאַק, כדי זי זאָל זײַן באַטעמטער. ער האָט זיך שוין באַנוצט מיט אַלע שוץ-מיטלען קעגן דער קעלט, וועלכע ער האָט נאָר געהאַט, מיט דעם גאַנצן אַפּאַראַט. ער האָט ביז איבער דער ברוסט געשטעקט אין פעלץ-זאַק צום קנעפּלען, וועלכן ער האָט געקויפט באַצייטנס אין אַ ספּעציעלן געוועלב אין קור-אָרט און אַרום אים האָט ער ערשט אַרומגעוויקלט ביידע דעקעס פון קעמל-האָר, ווי דער דין איז. דערצו האָט ער געטראָגן איבערן ווינטער-אָנצוג זײַן קורצע, פעלציקע קורטקע, אויף דעם קאָפּ — אַ וואָלן היטל, פילץ-שטיוול אויף די פיס און אויף די הענט — וואַרעמע הענטשקעס. פונדעסטוועגן פלעגן פרירן די פינגער.

איינע פון די סיבות, צוליב וועלכע ער איז אַזוי לאַנג געזעסן אינדרויסן, בערך ביז האַלבער נאַכט און נאָך שפּעטער (ווען דאָס פּאָרפאָלק פון שלעכטן רוסן-טיש איז שוין לאַנג געהאַט אַוועק פון דער שכנותדיקער באַלקאָן-לאָזשע), איז אויך געווען די כישופדיקע שיינקייט פון דער נאַכט. בפרט נאָך, אַז ביז עלף אַ זייגער האָט זיך אַרײַנגעפלאָכטן אין איר מוזיק, וואָס האָט אַרויפגעשטראָמט פון נעענטער אָדער ווייטער, אין טאָל. אָבער דער עיקר האָט דאָ געווירקט פוילקייט און אויפגערעגטקייט, ביידע אײַנצייטיק און צוזאַמען. ס'הייסט: די פוילקייט און די שווערע מידקייט פון זײַן קערפּער און די פאַרנומענקייט און אויפגערעגטקייט פון זײַן גייסט, וועלכער האָט נישט געקאָנט רוען צוליב געוויסע נייע און שפּאַנענדיקע לימודים, אין וועלכע דער יונגערמאַן האָט זיך אײַנגעלאָזט. דאָס שלעכטע וועטער האָט זיך געלייגט אויף אים, דער פראָסט האָט געווירקט אויף זײַן אָרגאַניזם אָנשטרענגענדיק און אויסמאַטערנדיק. ער האָט געגעסן אַ סך, האָט פאַרצערט די געוואַלדיקע בערגהאָף-מיטאָגן מיט ראָסטבעף און געבראָטן גענזנס, געגעסן מיט יענעם שטאַרקן אַפּעטיט, וואָס איז דאָ, ווי ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אין ווינטער נאָך גרעסער געווען, ווי אין זומער. גלײַכצײַטיק פלעגט אים אָפט באַפאַלן אַ שלעפעריקייט, אַזוי אַז ער פלעגט ממש אײַנשלאָפן בײַטאָג, אָדער אין די לבנהדיקע אָוונטן בײַ-

אויפן חשבון. דערמיט האָט זי איבערגעכיטרעוועט די פילע אילטים און אַלנפאַלס אָפּגענומען דאָס אידיקע.

ס'האָט אויפגעהערט צו שנייען. אויף טייל ערטער האָט זיך אויסגעלייטערט דער הימל. גרוי־בלויע וואָלקנס זיינען זיך צעגאַנגען און די זון האָט דורכגעקוקט הינטער זייערע שפּאַלטן און באַגאָסן די לאַנדשאַפט מיט אַ בלוילעך ליכט. דעמאָלט איז געוואָרן אינגאַנצן לויטער. ס'איז געווען אַ ריינער פראָסט, אַ ריין פעסט ווינטערוועטער אינמיטן נאָוועמבער. די פּאַנאָראַמע הינטער דעם בויגן פון דער באַלקאָן־לאָזשע, די באַפּודערטע וועלדער, די ווייך־אָנגעפילטע שפּאַלטן, דאָס ווייסע, זוניקע טאָל אונטער דעם בלוי־צעשטראַלטן הימל, — אַלץ איז געווען הערלעך. אינאָוונט, ווען ס'האָט אויפגעשיינט די כמעט קיילעכיקע לבנה, איז די וועלט געוואָרן, ווי פאַרכישופט און ממש וואונדערלעך. אומעטום האָבן געפינקלט קריסטאָלן, ס'האָט געבלישטשעט ווי מיט דימענטן. די וועלדער זיינען געשטאַנען ווייס און שוואַרץ. די זייטן הימל ווייט פון דער לבנה זיינען געלעגן טונקל, באַהאָפטן מיט שטערן. שאַרפע, בלטע אין אינטענסיווע שאָטנס, וואָס האָבן אויסגעזען ממש תדיקער און באַדייטנדיקער, ווי די זאַכן גופא, זיינען געפאַלן פון די הייזער, ביימער, טעלעגראַף־סליפּעס אויף דעם בליצנדיקן שניי. עטלעכע שעה נאָך זון־אונטערגאַנג האָט דער פראָסט געהאַלטן זיבן אָדער אַכט גראַד. די וועלט האָט אויסגעזען ווי פאַרכישופט אין אייזיקער קלאָרקייט, איר נאַטירלעכע ניט־זויבערקייט איז געווען צוגעדעקט און ווי פאַרגליווערט אין חלום פון אַ פאַנטאַסטישן טויט־דמיון.

האַנס קאַסטאָרפּ איז ביז שפּעט אין דער נאַכט געבליבן ליגן אין זיין באַלקאָן־לאָזשע איבער דעם פאַרכישופטן טאָל, אַ סך לענגער פון יאָאַכימען, וועלכער איז געגאַנגען שלאָפן אַרום צען, אָדער שפּעטער מיט עטלעכע מינוט. האַנס קאַסטאָרפּס אויסגעצייכנטע ליגשטול, מיט דער דריי־טייליקער אויסבעטונג און מיטן קישן הינטערן נאַקן, איז געווען האַרט צוגערוקט צו דער הילצערנער באַריערע, איבער וועלכער ס'איז געלעגן געדיכט שניי. אויפן ווייסן טיש דערנעבן האָט געברענט אַן עלעקטרישע לאָמפּ און לעבן אַ שטוס ביכער איז געשטאַנען אַ גלאָז פעטע מילך, די נאַכט־מילך, וועלכע מ'פלעגט

פון דער ליי־ביבליאָטעק אין „פלאַץ“. פון צייט צו צייט איז אויפגעקומען עפּעס אַ בוך, אָדער אַ זשורנאַל, צו וועלכן מ'פלעגט זיך רייסן. אַפילו יענע, וואָס לייענען מער נישט, האָבן אויסגעשטרעקט דערצו די הענט מיט אַן אָנשטעל פון פלעגמאַטישקייט. אין דער צייט, ביי וועלכער מיר האַלטן איצט, איז געגאַנגען פון האַנט צו האַנט אַ שלעכט־געדרוקט העפט, וואָס הער אַלבין האָט אַריינגעפירט אין דער מאָדע. דער טיטל דערפון איז געווען: „די קונסט צו פאַרפירן“. ס'איז געווען זייער ווערטלעך איבערגעזעצט פון פראַנצויזיש, אַפילו דער פראַנצויזישער געבוי פון די זאַצן איז געבליבן אין דער דייטשער איבערזעצונג. צוליב דעם האָט די בראָשור געהאַט אין זיך אַ סך פון „גוטן טאָן“ און פיקאַנטער עלעגאַנץ. ס'איז דאָרטן אַנטוויקלט די פילאָסאָפיע פון קערפּערלעכער ליבע און תאווה לויטן גייסט פון אַ עלעגאַנט־לעבנספריינדלעכן הידנטום. פרוי שטער האָט עס באַלד איבערגעלייענט און געהאַלטן, אַז ס'איז „באַרוישנדיק“. פרוי מאַגנוס, יענע, וואָס פאַרלירט איי־ווייס, האָט מיט איר פולשטענדיק מסכים געווען. איר מאַן, דער ביר־ברויער, האָט פון זיין זייט מודה געווען, אַז ער האָט פון דער בראָשור עפּעס געלערנט. ער האָט אָבער באַדויערט, וואָס פרוי מאַגנוס האָט אין זיך אַריינגעלייענט אַזעלכע זאַכן. ווייל דאָס „צעפּיעשטשעט“ די פרויען און ברענגט אין זיי אַריין אומבאַשיידענע באַגריפן. דער דאָזיקער אויסדרוק האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט דעם חשק צום ביכל. צווישן צוויי דאַמען, וואָס זיינען אָנגעקומען אין אָקטאָבער און געמאַכט ליג־קיראַציע אין דער אונטערשטער ליג־האַלע, פרוי רעדיש, דאָס ווייב פון אַ פוילישן אינדוסטריעלער און אַ געוויסער אַלמנה העסענפעלד פון בערלין, איז איינמאָל נאָך מיטאָג דערגאַנגען צו אַ מחלוקת, נאָך דערפאַר, ווייל יעדע איינע פון זיי האָט געטענהט, אַז זי האָט זיך פריער געמאָלדן צו דער בראָשור. ס'איז געווען מער ווי אַ נישט־פאַסיקע סצענע, אייגנטלעך — אַ ברוטאַלע. האַנס קאַסטאָרפּ האָט זיך גראָד צוגעהערט דערצו פון זיין באַלקאָן־לאָזשע. געענדיקט האָט זי זיך דערמיט, וואָס איינע פון די דאַמען — ס'האָט געקאָנט זיין די רעדיש און אפשר גאָר די העסענפעלד — האָט

די ביכער, וועלכע ער האָט שטודירט און וועגן וועלכע מיר וועלן נאָך ריידן. נאָך עטלעכע מינוט דרעמלען פֿלעגט ער זיך צוריק נעמען צו זײַנע פֿאָרשונגען. ער איז דאָ מער ווי אַמאָל אין פֿלאַכלאַנד געניינגט געווען צו גיכן, האַסטיקן און געוואַגטן ריידן; די הייסע שמועסן, וועלכע ער פֿלעגט פֿאַרפֿירן מיט יאָאַכימען בשעת זייערע רעגולאַמין-שפּאַצירן אין שניי, האָבן אים שטאַרק אויסגעמוטשעט. ס'פֿלעגט אים באַפֿאַלן אַ קאָפּשווינדל און אַ ציטערניש אַ געפֿיל פֿון באַטויבטקייט און שיכּרות. זײַן קאָפּ פֿלעגט ווערן הייס. מיטן אָנקום פֿון ווינטער איז זײַן היץ-דיאַגראַמע געשטיגן און הויפּראַט בערענס האָט געלאָזט פֿאַלן אַ וואָרט וועגן אײַנשפּריצונגען, וועלכע ער פֿלעגט געבן בײַ עקשנותדיקער איבער-טעמפּעראַטור. צוויי דריטל פֿון די פּאַציענטן — צווישן זיי אויך יאָאַכים — האָבן רעגולער עס געמוזט נעמען. די געשטייגערטע וואַרעמקייט פֿון זײַן קערפּער האָט אָבער — ווי יאָאַכים האָט געוואוסט — זיכער אַ שייכות מיט דער גייסטיקער אויפֿרעגונג און רירעוודיקייט, צוליב וועלכער ער פֿלעגט בלײַבן ביז שפּעט אין דער צעפֿונקלטער פֿראָסטיקער נאַכט אויף זײַן ליג-שטול. די לעקטור, וועלכע האָט אים אַזוי צוגעצויגן, האָט אים אונטערגערוקט אַזאַ מין דערקלערונג.

מ'האָט נישט ווייניק געלייענט אין די ליג-האַלעס און אויף די פּריוואַט-באַלקאָנען פֿון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאַנאַטאָריע „בערגהאָף" — דער עיקר האָבן געלייענט ניי-אָנגעקומענע און קורץ-טערמיניקע פּאַציענטן. ווײַל די פֿיל-חדשימדיקע אָדער פֿיל-יאָריקע האָבן שוין געוואוסט, ווי אַזוי אַ תּל צו מאַכן פֿון דער צײַט אָן קאָפּאַרבעט און צעשטרייונג בײַ ביכער. זיי האָבן עס געטאָן מיטן כּוח פֿון אַ אינעווייניקסטער ווירטואָזיטעט און האָבן אַפֿילו געהאַלטן דאָס קלעבן אין ביכער פֿאַר אַ שלים-מזלדיקייט. אויפֿן ערגסטן פֿאַל האָט געקאָנט ליגן אַ ביכל אויף דער שויס אָדער אויפֿן נאַכט-טישל, דאָס איז שוין זיכער גענוג געווען, מ'זאָל זיך פֿילן פֿאַרזאָרגט. די פּאַציענטן האָבן זיך פֿרײַ געקאָנט באַנוצן מיט דער ביבליאָטעק פֿון דער סאַנאַטאָריע, אַ פֿיל-שפּראַכיקע און מיט אַ סך אילוסטרירטע ווערק, אַ מין פֿאַרגרעסערטע אונטערהאַלטונג-לעקטור פֿון אַ דענטיסטיש וואַרט-צימער. מ'האָט אויך געקאָנט דאָ טוישן ראָמאַנען

ער האָט זיי באַשטעלט. ער האָט עס געטאָן אויף אייגענער אַחריות, שטילערהייט, בעת אַ שפּאַציר, וועלכן ער האָט געמאַכט קיין „פּלאַץ" אָן יאָאַכימען (יאָאַכים איז גראָד געהאַט אַוועק זיך מאַכן איינשפּריצונגען, אָדער וועגן זיך). ווען יאָאַכים האָט דערזען זיין קוזין האַלטן אָט־די ביכער, איז ער געווען איבערראַשט. זיי האָבן געקאָסט טייער, ווי דער שטייגער ביי וויסנשאַפטלעכע ביכער. די פּרייזן זיינען געווען אָנגעשריבן אויף דער צווייטער זייט פון די טאָוולען און אויך אויף דעם שער־בלאַט. ער האָט געפרעגט, פאַר־וואָס האַנס קאַסטאָרפּ האָט זיי נישט געליען ביים הויפראַט, אויב ער וויל שוין לייענען אַזעלכע זאַכן. יענער מוז דאָך זיכער האָבן אָט־די ליטעראַטור אין אַ גוטן אָפּקלייב. אָבער האַנס קאַסטאָרפּ האָט געענטפערט, אַז ער וויל האָבן אייגענע. דאָס לייענען איז אינגאַנצן אַנדערש, בעת דאָס בוך איז אַן אייגנס. ער האָט אויך ליב אָנצוצייכענען און אונטערצושטרייכן מיט דער בלייפעדער. שוין־לאַנג האָט יאָאַכים געהערט פון זיין קוזינס לאָזשע דאָס גערויש פון פּאַפּיר־מעסער, מיט וועלכן האַנס קאַסטאָרפּ האָט אויפגעשניטן די בלעטער פון די בראָשירטע בויגנס.

די בענדער זיינען געווען שווערע, נישט באַקוועם צום האַלטן. ליגנדיק האָט האַנס קאַסטאָרפּ זיי אָנגעשפּאַרט מיטן אונטערשטן ראַנד אויף דער ברוסט, אויפן בויך. עס האָט געקוועטשט, אָבער ער האָט עס גענומען פאַר ליב. מיט אַ האַלב־אָפן מויל האָט ער געפירט מיט זיינע אויגן איבער די געלערנטע זייטן, וועלכע זיינען כמעט אומנייטיק באַלויכטן געוואָרן מיט דער הויטלעכער שיין פון לעמפּל מיטן אַבאַזשור. אויפן ערגסטן פאַל וואָלט מען אויך געקאָנט לייענען קעגן דעם שטאַרקן ליכט פון דער לבנה. ער האָט אַזוי לאַנג געפירט מיטן קאָפּ אַלץ נידעריקער, ביז זיין גאָמבע האָט אָנגערירט די ברוסט. אין דער דאָזיקער פּאָזיציע, איידער ער האָט אויפגעהויבן דאָס פּנים צו אַ נייער זייט, פלעגט ער בלייבן אַ ווילע פאַרטראַכט, דרעמלענדיק, אָדער פאַרקלערט אין האַלבן דרעמל. ער האָט טיף אַריינגעטראַכט. בשעת די לבנה איז זיך אַזוי געגאַנגען איר אָפּגעמאָסטענעם וועג איבער דעם קריסטאַלן־צעפינקלטן טאָל צווישן די הויכע בערג, האָט ער געלייענט וועגן דער אָרגאַניזירטער

זיך היסטעריש צעקווישעט און מ'האָט זי געמוזט אַוועקטראָגן אין איר צימער אַריין. די יוגנט האָט זיך גיכער צוגעכאַפּט צו דעם טראַקטאַט, ווי די צייטיקערע יאָרגענג. זיי האָבן עס שטודירט אָפט אין גרופּעס נאָך אָוונטברויט אין דעם אָדער אין יענעם צימער. האַנס קאַסטאָרפּ האָט געזען, ווי דער בחור מיטן לאַנגן נאָגל האָט עס איבערגעגעבן אין עס־זאָל אַ יונגער, פריש־אָנגעקומענער לייכט־קראַנקער, פראַנצי אָבערדאַנק, אַ בלאָנד שטוב־מיידל, וועלכע די מוּ־טער האָט ערשט נישט לאַנג אַרויפגעבראַכט אַהער.

אפשר זיינען אייך געווען אויסגאַמען, אפשר אייך אַוועלכע, וואָס האָבן די שעהן פון ליג־קוראַציע אויסגעפילט מיט וועלכער ס'איז ערנסטער גייסטיקער אַרבעט, מיט נוצלעכן שטודירן, אַפילו בלויז צוליב דעם, כדי אַזוי אַרום צו בלייבן פאַרבונדן מיטן לעבן אונטן, אָדער כדי צוצוגעבן דער צייט אַ ביסל וואָג און טיפ־קייט, כדי זי זאָל נישט בלייבן ריינע צייט, און מער גאָרנישט. אפשר איז געווען אַחוץ סעטעמברינין מיט זיין שטרעבונג אויסצוראָטן די ליידן און אַחוץ דעם ווארלן יאָאַכים מיט זיינע רוסישע לערנ־ביכער נאָך איינער אָדער אַ צווייטער, וואָס האָט זיך אַזוי געפירט. אויב נישט צווישן די פּאַציענטן פון עס־זאָל — דאָס איז באמת געווען שווער צו גלויבן — קאָן זיין, צווישן די, וואָס ליגן אין בעט, אָדער די שווער־קראַנקע. האַנס קאַסטאָרפּ איז געווען גע־נייגט צו גלויבן דערין. וואָס מ'איז נגע אים אַליין — האָט ער, בעת דער „Ocean steamships" האָט אים אויפגעהערט אינ־טערעסירן, צוזאַמען מיט זיינע ווינטער־זאַכן אויסגעשריבן פון דער־היים אויך עטלעכע ביכער, וואָס האָבן אַ שייכות צו זיין פּראָפעסיע, אינזשינער־וויסנשאַפט, שיפּבוי־טעכניק. אָבער די דאָזיקע בענדער זיינען איצט געלעגן אַוועקגעלייגט, ווייל ער האָט געלערנט אַנדערע. ס'זיינען געווען לערנביכער, וואָס געהערן גאָר צו אַן אַנדער ספּע־ציאַליטעט און פאַקולטעט. האַנס קאַסטאָרפּ האָט איצט חשק געהאַט צו אָט־די לימודים. ס'זיינען געווען ווערק פון אַנאַטאָמיע, פיזיאָ־לאָגיע און ביאָלאָגיע, געשריבן אויף פאַרשיידענע שפּראַכן, אויף דייטש, פראַנצויזיש און ענגליש. אין איינעם אַ טאָג האָט מען זיי צוגעשיקט פון אַ ביכהאַנדלונג אין שטעטל, מסתמא דערפאַר, ווייל

נאַטור וועט דאָך נישט ווערן קיין דערקענטעניש און לעבן קאָן זיך אַליין נישט אונטערהערן.

וואָס איז פאָרט דאָס לעבן? קיינער ווייסט עס נישט. קיינער קאָן נישט דעם נאַטירלעכן פונקט, ביי וועלכן עס איז אַנטשטאַנען און זיך צעפלאַקערט. פון יענעם פונקט אָן איז קיין זאַך אין לעבן נישט אַנטשטאַנען פּלוצלונג. אָבער דאָס לעבן אַליין איז, זעט אויס, יאָ אַנטשטאַנען פּלוצלונג. אויב מ'קאָן וועגן דעם עפּעס אַרויסזאָגן, איז עס אָט-וואָס: דאָס לעבן מוז זיין אַזוי קאָמפּליצירט אין זיין געבוי, אַז אין דער אומבאַלעבטער וועלט קאָן זייט נישט געמאָלט זיין עפּעס ענלעכעס. צווישן דער אַמעבע* און דעם חוט-השדרה-באַשעפעניש** איז דער מהלך קליין, כמעט גאָרנישט אין פאַרגלייך מיט דעם אונטערשייד, וואָס ס'איז צווישן דער פּשוטסטער לעבנס-דערשיינונג און יענער נאַטור, וואָס איז אַפילו נישט ווערט, מ'זאָל זי אָנרופן טויט, ווייל זי איז בכלל אומאָרגאַניש. וואָרעם דער טויט איז בלויז די לאָגישע פאַרניינונג פון לעבן. אָבער צווישן לעבן און דער נישט-באַלעבטער נאַטור ליגט אַ תהום, איבער וועלכן די פאָרשונג באַמיט זיך אומזיסט אַוועקצולייגן אַ בריק. מ'באַמיט זיך צו פאַרדעקן דעם תהום מיט טעאָריעס, וועלכע ער פאַרשלינגט און ווערט דערביי אויף קיין איין האָר נישט ווייניקער טיף, נישט ווייניקער ברייט. כדי צו געפינען אַ צוזאַמענבונד צווישן טויטער און לעבעדיקער נאַטור, האָט מען געמוזט אויף אַן אומזיניקן אופן אָננעמען, אַז ס'עקסיסטירט סטרוקטורלאָזע לעבנס-מאַטעריע. אומאָרגאַנישע אָרגאַניזמען, וועלכע האָבן זיך אַליין אויסגעבילדעט אין דער פליסיקייט פון איי-ווייס, ווי קריסטאַלן אין דעם מוטער-לויג. פאַקטיש איז די אָרגאַנישע דיפערענצירטקייט דער פאָרבאַדינג און אויסדרוק פון אַלדאָס-לעבעדיקע. מ'קאָן אויך נישט אויפווייזן קיין שום לעבעדיק באַשעפעניש, וואָס זאָל נישט האָבן אַנטשטאַנען דורכן פּראָצעס פון באַפרוכפערונג. דער יובל-געשריי, בעת מ'האָט פון די סאַמע

---

* דער נידעריקסטער מין באשעפענישן, וואָס זייער קערפער באשטייט פון פראָטאָפלאזמע און האָט נישט קיין פעסטע פאָרם.

** באשעפענישן פון העכסטן מין.

מאַטעריע, וועגן די איינגעשאַפּטן פון דער פּראָטאָפּלאַזמע, יענע עמפּינדלעכע סובסטאַנץ, וואָס דערהאַלט זיך אויף אַ מאָדנע לייכטן אופן צווישן אַנטשטייונג און צעפאַלונג און וועלכע געשטאַלטיקט זיך אויס פון אור־אַלטע גרונט־פאָרמען, וועלכע זיינען נאָך אַלץ קעגנ־ווערטיק. ער האָט געלייענט מיט שטאַרקן אינטערעס וועגן לעבן און זיינע הייליק־אומריינע סודות.

וואָס איז דאָס לעבן? דאָס ווייסט מען נישט. עס איז זיך אַליין באַוואוסט, אָן שום ספק, אויב ס'איז לעבן. אָבער עס ווייסט נישט וואָס ס'איז אַזוינס. באַוואוסטזיין, ווי אַ רייץ־שפּירעוודיקייט, האָט זיך דערוועקט, אָן שום ספק, אין אַ געוויסער מדרגה, ביי די סאַמע נידעריק־סטע, פּשוטסטע פאָרמען פון לעבן. ס'איז אוממעגלעך אָנצוקניפּן די ערשטע באַוואוסטזיניקע רעגונגען פון לעבן, אין וועלכן ס'איז פּונקט פון זיין אַלגעמיינער אָדער אינדיווידועלער געשיכטע; ס'איז אומ־מעגלעך צו ריידן וועגן באַוואוסטזיין, ווי וועגן דעם פּועל־יוצא פון אַ נערוון־סיסטעם. די נידעריקסטע פאָרמען פון לעבעדיקע באַשעפ־פענישן האָבן נישט קיין נערוון־סיסטעם, בפרט נאָך, אַז זיי האָבן נישט קיין גרוים־געהירן. פונדעסטוועגן וועט קיינער נישט וואַגן צו זאָגן, אַז זיי האָבן נישט די פעיִקייט צו שפּירן רייצן. מ'קאָן אויך אָט־דאָס לעבן פאַרשיכורן, דאָס לעבן גופא, נישט בלויז די באַזונדערע אָרגאַנען פון רייץ־שפּירעוודיקייט, וועלכע עס אַנטוויקלט, נישט בלויז די נערוון. ביי יעדן שטאָף, וואָס האָט אין זיך לעבן, סיי צווישן געוויקסן, סיי צווישן באַשעפענישן, קאָן מען אויף אַ געוויסער צייט צונעמען די שפּירעוודיקייט, מ'קאָן נאַר־קאָטיזירן אייער און זוימען־פעדים מיט כלאָראָפאָרם, כלאָראַ־הידראַט אָדער מאָרפיום. דאָס באַוואוסטזיין פון זיך אַליין איז, הייסט עס, פּשוט אַ פונקציע פון דער לעבעדיקער מאַטעריע. ערשט ביי העכ־כערער אַנטוויקלונג האָט די פונקציע גענומען פאַר אַן אָביעקט איר אייגענעם טרעגער, האָט אָנגעהויבן טראַכטן, פאָרשן, אַריינקלערן אין דעם פענאָמען, וואָס האָט זי אויסגעצייכנט. עס איז אַ האָפ־פענונגספולע און איינצייטיק אַ האָפענונגסלאָזע טראַכטן פונם לעבן אין שטרעבונג צו זעלבסטדערקענטעניש, אַ גראָבן זיך אין זיך אַליין פון דער נאַטור, וואָס איז סוף־כל־סוף אומזיסט. ווייל פון

דיק ביז תאווה און עקל, די אומשעמעוודיקייט פֿון דער מאַטעריע, וואָס האָט אָנגעהויבן אַליין צו שפּירן רייצונגען; די אומריינע פֿאָרם פֿון זיין. ס'איז אַ הימלעך־פֿילנדיק רעגן־זיך אין דער אומבאַרירטער קעלט פֿון קאָסמאָס, אַ תאווהדיק־פֿאַרבאַהאַלטענער אומריינער פּראָצעס פֿון אַ־ײַנזאַפּונג און אויסטײלוני, אַן עקסקרעמענטאַרישער* אָטעם פֿון קוילנזויער און אַנדערע שלעכטע שטאָפֿן, וועגן וועלכע מ'ווייסט נישט פֿונוואַנען זיי נעמען זיך און וואָס זיי זיינען. עס איז אַ צוואוקס, וואָס איז מעגלעך דורכן איבער־אויסגלייך פֿון דער אומבאַשטענדיקייט אין וואָס אַנטוויקלט זיך לויט איינגעבוירענע אויסבילדונג־געזעצן. עס איז אַן אויסוואוקס, אַנטוויקלונג און געשטאַלטיקונג פֿון עפּעס אָנגעבלאָזנס, וואָס באַשטייט פֿון וואַסער, איי־ווייס, זאַלץ און פֿעטס און וואָס מ'רופֿט אָן פֿלייש. עס שטרעבט צו פֿאָרם, צו געשטאַלט, צו שיינקייט און דערביי איז עס אין תוך זינלעכקייט און תאווה. וואָרעם די דאָזיקע פֿאָרם און שיינקייט איז נישט אַ פּראָדוקט פֿון גייסט, ווי די ווערק פֿון דיכטונג און מוזיק, אויך נישט — פֿון קיין נייטראַלן שטאָף, וואָס האָט אומשולדיק אַריינגענומען אין זיך גייסט און אים פֿאַרקערפּערט, אַ שטיינער, ווי די פֿאָרם און שיינקייט פֿון דער פּלאַסטיק. עס איז גיכער אַ פּראָדוקט און אַ געשטאַלטיקונג פֿון דער סובסטאַנץ, וואָס האָט תאווהדיק אויפֿגעוואַקסט אויף אַ אומבאַקאַנטן אופֿן, אַ פּראָדוקט פֿון דער אָרגאַנישער, צעפֿאַלנדיק־זייענדיקער מאַטעריע גופֿא, אַ פּראָדוקט פֿון שטינקענדיקן פֿלייש...

דער יונגער האַנס קאַסטאָרפּ איז געלעגן איבער דעם צעפֿינקלטן טאָל, וואָרעם איינגעהילט אין פֿוטער און אין וואָל. אין דער שיין פֿון די טויטע שטערן, אין דער העלער פֿראָסטיקער נאַכט איז פֿאַר אים אויפֿגעגאַנגען דאָס בילד פֿון לעבן. עס האָט געשוועבט פֿאַר אים ערגעץ אין שטח, ווייט און דאָך חושימדיק נאָענט. ס'איז געווען קערפּער, לייב, ווייסלעך־מאַט, מיט אַ ריח, אַ צעפּאַרעטס, אַ קלעפּיקס, די הויט, פֿול מיט אומריינקייט און מיט די חסרונים, וואָס ליגן אין איר טבע, מיט פֿלעקן, מאָזאָליעס, וואָרצלען, ריסן

---

* אויסטײלנדיקער.

טיפענישן אין די ימים אַרויסגענומען אור-שלים, האָט זך אויסגעלאָזט מיט חרפּה. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אָפּזעצונגען פון גיפּס האָט מען אָנגענומען פאַר פּראָטאָפּלאַזמע. אָבער כדי פּאָרט זיך נישט אָפּצושטעלן ביי אַ נס (ווייל דאָס לעבן, וואָס אַנטשטייט פון די זעלבע שטאָפן און צעפאַלט זיך אויף די זעלבע שטאָפן, וואָס די אומאָרגאַנישע נאַטור, וואָלט געווען אַ נס, אויב מ'זאָל נישט אָננעמען, אַז ס'איז פאַראַן אַ שייכות צווישן זיי ביידע), איז מען נישט געקוקט אויף אַלעמען געצוואונגען צו גלויבן אין אור-געבוירונג, דאָס הייסט — אין דעם, אַז דאָס אָרגאַנישע איז אַנטשטאַנען פונם נישט-אָרגאַנישן, וואָס איז, אַגב, אויך אַ נס. צוליב דעם האַלט מען אין איין אויסקלערן צווישן-מדרגות און איבערגאַנגען, מ'איז משער די עקסיסטענץ פון אָרגאַניזמען, וועלכע שטייען נידעריקער פון אַלע באַקאַנטע אָרגאַניזמען. אָבער פאַר זיי געפינט מען נאָך פריערדיקע לעבנס-פרוּוון פון דער נאַטור, „פּראָביען", וועלכע ס'איז אוממעגלעך, עמעץ זאָל זיי זען. ווייל זיי זיינען קלענער פון אַלע מיקראָסקאָפּישע גרייסן. פאַר זייער היפּאָטעטישער אַנטשטייונג זאָל האָבן פאָרגעקומען דער סינטעז פון איי-ווייס-פאַרבינדונגען...

וואָס-זשע איז, הייסט עס, דאָס לעבן? ס'איז וואַרעמקייט, דער וואַרעמקייט-פּראָדוקט פון עפּעס, וואָס בלייבט אין דער פאָרם, כאָטש ס'האַלט זיך אין איין איבערבייען; אַ פיבער פון דער מאַטעריע, וועלכער באַגלייט דעם פּראָצעס פון אומאויפהערלעכער צעפאַלונג און אַנטשטייונג, וואָס קומט פאָר אין דעם אומבאַשטענדיק-פאַרוויקלטן, אומבאַשטענדיק-קאָמפּליצירטן מאָלעקול פון איי-ווייס. ס'איז דאָס זיין פון עפּעס, וואָס קאָן אייגנטלעך נישט זיין, פון עפּעס, וואָס באַלאַנסירט קוים מיט צרות זיס-ווייטאָגדיק אויף דעם פּונקט פון עקסיסטענץ — בלויז צוליב דעם פאַרוויקלטן און פיבערדיקן פּראָצעס פון צעפאַלונג און אַנטשטייונג. ס'איז נישט מאַטעריע און ס'איז נישט גייסט. ס'איז עפּעס צווישן ביידן, אַ פענאָמען, וואָס ווערט געטראָגן דורך דער מאַטעריע, אַקוראַט ווי דער רעגנבויגן אויף דעם וואַסער-פאַל און דער פלאַם אויף דעם ברענענדיקן מאַטעריאַל. אָבער ווי נישט-מאַטעריעל דאָס לעבן איז, איז עס פונדעסטוועגן חושים-

מונג. האַנס קאַסטאָרפּ זעט דעם דאָזיקן לעבעדיקן קערפּער מיט דער סודותדיקער סימעטריע פון זיינע אבֿרים, וואָס זיינען גענערט מיט בלוט, דורכגעפלאָכטן מיט נערוון, ווענן, אַרטעריעס, האָר־פּילטערס, דורכגעריזלט מיט לימף. ער זעט זיין אינעווייניקסטע רושטאָוואַניע פון רעריקע ביינער אָנגעפילט מיט פעטן מאַרך און אויך די בלאַט־שויף־און וואָרצל־ביינער, וואָס זיינען פעסט אויסגעבויט געוואָרן פון דער אַמאָליקער שטיין־סובסטאַנץ, דאָס גאַלאַרעט־געוועב, מיט דער הילף פון קאַלך־זאַלצן און ליים, כדי צו קענען טראָגן אויף זיך דעם גוף. ער זעט די חללים און גליטשיק־אויסגעשמירטע הייל, די בענדער און ביינדלעך פון די געלענקען, די איבער צוויי הונדערט מוסקולן, די צענטראַלע אָרגאַנען, וואָס דינען דער דערנערונג, אָטע־מונג, רייץ־איבערגעבונג און רייץ־אַרויסשיקונג; ער זעט די שוץ־הויטן, סערום־הייל, אויסטייל־דריזן; זעט דעם רערן־און שפּאַלטן־סיסטעם פון דער פאַרוויקלטער אינעווייניקסטער פלאַך, וואָס איז פול מיט עפענונגען אַרויס אינדרויסן. זעענדיק דאָס אַלץ פאַרשטייט ער, אַז דער דאָזיקער „איך“ איז אַ לעבנס־איינהייט פון אַ הויכן מין, ווייט נישט, ווי ביי יענעם סאָרט גאָר פשוטע באַשעפענישן, וואָס אָטעמען, דערנערן זיך און טראַכטן אפילו מיט דער גאַנצער איבער־פלאַך פון זייערע קערפּערס. ניין, דער דאָזיקער „איך“ איז אויפגעבויט פון אָן־אַ־שיעור אַזעלכע קליינע אָרגאַניזאַציעס, וואָס שטאַמען אַלע פון איין־און־איינציקן קעמערל. ערשט דורך כסדרדיקער טיילונג, האָבן זיי זיך געמערט און געוואָרן פאַרשיידנאַרטיק, זיך געאָרדנט אין פאַרשיידענע גרופּעס, אָנגענומען אַלערליי פונקציעס, אויסגעבילדעט זיך צוועקמעסיק און אַרויסגעברענגט יענע פאָרמען, וועלכע זיינען געווען אי דער תּנאַי און אי די ווירקונג פון זייער וואַקסן.

דאָס לייב, וואָס האָט געשוועבט פאַר אים, אָט דאָס איינצלנע וועזן און דער לעבעדיקער „איך“ איז, הייסט עס, באַשטאַנען פון אָן־אַ־שיעור אָטעמענדיקע און שפּייזנדיקע אינדיווידוען. בלויז אַ דאַנק דער אָרגאַנישער איינאָרדענונג און צוועקמעסיקער ספּעציאַליזאַציע האָבן זיי פאַרלוירן די אינדיווידועלע עקזיסטענץ, די פרייהייט און די אומיטלבאַרקייט פון לעבן. זיי זיינען אויף אַזוי ווייט געוואָרן אַנאַ־

אין שיפּיקע ערטער, באַצויגן מיט שטראָמען און געדרייען פון רודימענטאַרן לאַנוגאָ*־פוך. אַ אָפּגעזונדערטס פון דער קעלט פון אומבאַלעבטן, איז עס געלעגן אין אַ צעפּאַרעטקייט, ווייך, דער קאָפּ אַרומגענומען מיט עפּעס קילס, האָרניקס, פּיגמענטירטס**, וואָס איז אַ פּראָדוקט פון דער הויט. די הענט — פאַרלייגט אויפן נאַקן, די אויגן־דעקלעך אַראָפּגעלאָזט. עס קוקט פון דאָרטן אַרויס אויף אים מיט אויגן, וואָס זעען־אויס קרום צוליב אַ וואַרעטעט פון דער הויט, פון די אויגן־דעקלעך, מיט האַלב־צעעפנטע, אַ ביסל־אַרויסגעזעצטע ליפּן. אויף איין פוס איז עס אָנגעשפּאַרט, אַזוי אַז דער הינט־ביין איז שטאַרק בולט פון פלייש אַרויס. די קני פון דעם צווייטן נאָכהענגענדיקן פוס, וואָס שטייט אויף די שפּיצן פינגער, איז לייכט אויסגעדרייט און טוליעט זיך צום אָנגעשפּאַרטן פוס. ס'איז אַזוי געשטאַנען, שמייכלדיק, צעדרייט, שיין אָנגעשפּאַרט, די גלאַנציקע עלנבויגנס אַרויסגעשפּיצט פאָרויס, מיט סימעטריש געבויטע גלידער און קערפּער־סימנים. די שאַרף צעפּאַרעטע חשכות פון די אַקסל־גריבער איז אין אַ מיסטישן דרייעק געווען סימעטריש מיט דער נאַכט פון דער שויס, אַקוראַט ווי די פינסטערניש פון די אויגן — צו דער רויט־הויטיקער עפענונג פון מויל און ווי די רויטע ברוסט־וואָרצלען — צו דעם נאָפּל, וואָס האָט זיך געצויגן גלייך אַראָפּ אין דער לענג. אַדאַנק דער טרייב־קראַפט פון אַ צענטראַל־אָרגאַן און פון די מאָטאָרישע נערוון, וואָס צווייגן זיך אַראָפּ פון חוט־השדרה, האָט זיך גערירט דער בויך און דער ברוסט־קאַסטן, די ברוסט־און בויך־הייל האָט זיך אָנגעבלאָזן און איינגעקאָרטשעט, דער אָטעם־הויך — אַ דערוואַרעמטער און אַ פייכט־געוואָרענער פון די שליים־הייטן פון עטעמונגס־קאַנאַל, געזאַפּטיקט מיט אויסטייל־שטאָפן — האָט אַרויסגעשטראָמט פון צווישן די ליפּן, נאָכדעם ווי ער האָט אין די לופט־קעמערלעך פון די לונגען פאַרבונדן זיין זויער־שטאָף מיט דעם העמאָגלאָבין*** פון בלוט, צוליב דער אינעווייניקסטער עטע־

* קורצע, ווייכע, וואָליקע האָר.

** געפאַרבטס.

*** פאַרב־שטאָף פון בלוט.

געשלעכטלעכער צונויפֿגיסונג, כדי זיך צו פֿאַרמערן דורך טיילונג; ביז עס קומט אַ מאָמענט, ווען די נישט־געשלעכטלעך געבוירענע דורות מוזן אויפֿסניי אָנקומען צו אַן אַקט פֿון געשלעכטלעכער צונויפֿשמעלצונג און אַלץ הייבט זיך ווידער אָן פֿון דאָסניי. אַזוי־אַרום איז דאָס קאָמפּליצירטע לעבן פֿון דער קעמערלעך־רעפּובליק, וואָס איז לכתחילה אַנטשטאַנען פֿון צוויי צונויפֿגעגאָסענע קעמערלעך, דאָס צוזאַמענלעבן פֿון אַ סך דורות איינקעמערלדיקע באַשעפֿענישן, וועלכע זיינען אַנטשטאַנען אומגעשלעכטלעך. די רעפּובליק פֿון די קעמערלעך וואַקסט צוליב דעם כּסדרדיקן טיילן־זיך. געשלאָסן ווערט דער באַפֿרוכפּערונג־קרייז דעמאָלט, ווען די געשלעכט־קעמערלעך (אָט יענע קעמערלעך, וועלכע האָבן זיך אויסגעגעבן לדעת ספּעציעל צום אויפֿשטעלן נייע דורות דורך באַפֿרוכפּערונג) האָבן דערפֿילט זייער צוועק און האָבן געפֿונען דעם וועג צו אַ נייער לעבן־שאַפֿנדיקער צונויפֿמישונג.

דער יונגער האַנס קאַסטאָרפּ איז געלעגן מיט אַ עמבריאָלאָגיע אָנגעשפּאַרט אין גריבל פֿון האַרץ און געלייענט וועגן דער אַנטוויקלונג פֿון אָרגאַניזם פֿון יענער רגע אָן, ווען דער זוימען־פּאָדים איז אַריין אין ווייבלעכן איי. צווישן אַ סך אַנדערע, איז ער אַריין דער ערשטער, געהאָלפֿן זיך מיט די בייטשנדיקע באַוועגונגען פֿון זיין עק, אַ שטאָך געטאָן מיטן שפּיץ־קעפּל אין גאַלאַרעט־הייטל פֿון איי און זיך אַריינגעבויערט אין דעם בערגיקן בית־קיבול, וועלכן די פּראָטאָפּלאַזמע פֿון איי האָט אַרויסגעלאָזט קעגן אים. מ'קאָן זיך נישט אויסמאָלן קיין שום קוריאָז און שפּאַס, וועלכן די נאַטור זאָל נישט האָבן אויסגעקליבן ביים אויספֿירן די דאָזיקע שטענדיקע פּראָצעסן. ס'זיינען פֿאַראַן באַשעפֿענישן, ביי וועלכע דער זכר זיצט אין די געדערים פֿון דער נקבֿה, ווי אַ פּאַראַזיט. פֿאַראַן אַנדערע, ביי וועלכע דער באַפֿרוכפּערער קריכט אַריין מיטן אָרעם צו דער באַפֿרוכפּערטער דורך דער שלונג אינעווייניק אַריין, כדי דאָרטן אַוועקצולייגן זיינע זוימען. באַלד דערנאָך קריכט ער פֿון דאָרטן אַרויס אַן אָפּגעביסענער און באַשפּיגענער אויף די פֿינגער; דערביי האָט ער, אַזוי־אַרום, צעטומלט די וויסנשאַפֿט, וועלכע האָט אים לאַנג געהאַלטן פֿאַר אַ זעלבשטענדיק באַשעפֿעניש

טאָמישע עלעמענטן, אַז טייל האָבן זיך בלויז באַגרענעצט אויף דער פונקציע צו שפּירן די רייצן פון ליכט, קלאַנג, באַרירונג, וואַרעמקייט. אַנדערע האָבן נאָך בלויז געקאָנט צונויפקאָרטשען זיך אָדער אַרויסצוגעבן פאַרדייונגס-אויסטיילונגען. טייל ווידער האָבן זיך באַזונדערס ספּעציאַליזירט בלויז צו שיצן דעם גוף, אים אונטערצוהאַלטן, אַרויסצוגעבן זאַמען אָדער צו באַפרוכפּערן. אין דעם דאָזיקן „איך“, וואָס אַליין איז אָרגאַניש פאַראייניקט, טרעפן זיך אויך לויזע פאַרבינדונגען, פאַלן, אין וועלכע גרויסע צאָלן אונטער-אינדיווידועןזיינען בלויז אויף אַ לייכטן און צווייפלהאַפטיקן אופן צוזאַמענגעבונדן אין אָט דער העכערער לעבנס-איינהייט. האַנס קאַסטאָרפּ האָט שטודירט און זיך געגריבלט אין די קעמערלעך-קאָלאָניעס, האָט געלערנט וועגן די האַלב-אָרגאַניזמען, אַלגן, וואָס זייערע איינצלנע קעמערלעך זיינען איינגעהילט אין גאַלאַרעט און ליגן אָפט ווייט איינס פונם אַנדערן. עס זיינען, וואָס אמת, באַשעפענישן, וואָס באַשטייען פון אַ סך קעמערלעך, פונדעסטוועגן, ווען זיי באַקומען לשון, וואָלטן זיי אַליין נישט געקאָנט זאָגן, צי זיי זיינען אַ נעכט פון איינקעמערלדיקע אינדיווידועןאָדער אַן איינהייטלעך וועזן. זיי וואָלטן זיך אויף אַ וואונדערלעכן אופן געקווענקלט און נישט געוואוסט, צי זיי זאָלן זיך אָנרופן „איך“ אָדער „מיר“. אין דעם פאַל האָט די נאַטור געוויזן אַ מיטלשטאַנד צווישן דער הויך-סאָציאַלער פאַראייניקונג פון אָן-אַ-שיעור עלעמענטאַר-אינדיווידועןאין געוועבן און אָרגאַנען פון אַ העכערן „איך“ און — דער פרייער איינצל-עקסיסטענץ פון די פּשוטע קעמערלעך. אָט דער מין פילקעמערלדיקע אָרגאַניזמען איז בלויז אַ דערשיינונג-פאָרם פון אַ ציקלישן לעבנס-פּראָצעס, אין וועלכן דאָס לעבן שפּילט זיך אָפּ און וועלכער ציט זיך אין אַן אייביקן קרייזל פון באַפרוכפּערונג צו באַפרוכפּערונג. דער באַפרוכפּערונג-אַקט, די געשלעכטלעכע צונויפגיבונג פון צוויי קעמערלעך איז דער סאַמע אָנהייב פון יעדן פילקעמערלדיקן אינדיווידום, אַקוראַט, ווי דער באַפרוכפּערונגס-אַקט שטייט אין אָנהייב פון יעדער דורות-קייט, וואָס ציט זיך פון די איינקעמערלדיקע עלעמענטאַר-באַשעפענישן. וואָרעם אָט דער אַקט ווירקט דורך אַ סך דורות, וועלכע דאַרפן מער נישט אָנקומען צו קיין

הערן אויף די גאַלאַרעט־קעגלעך אויסצוטיילן מוצין* און געבן אַהיס אַ ליים־סובסטאַנץ. ער האָט אויך געזען, ווי אויף טייל ערטער זייגן אין זיך אַריין די קעמערלעך פון די בינד־געוועבן קאַלך־זאַלץ און פעטס פון די אַרומפליסנדיקע זאַפטן. און בילדן אויס דערפון ביינער. דער עמבריאָן פון מענטש ליגט איינגעקיילערט און איינגעבויגן, מיט אַ וויידל און ס'איז אַבסאָלוט ענלעך צום עמבריאָן פון אַ חזיר. ער האָט אַן אומגעהויערן פּעמפּיק, מיט פאָרמלאָזע הענט און פיס, די פּנים־לאַרווע געבויגן צום אָנגעבלאָזענעם בויך. דאָס ווערן פון עמבריאָן איז פאַר דער וויסנשאַפט, וואָס האָט אין די ענינים קנאַפּע און טונקעלע ידיעות, אַ מין גיכע איבערחזרונג פון אַ זאָאָלאָגישער שטאַם־געשיכטע. צייטווייליק האָט דער מענטשלעכער עמבריאָן בקושעלעס, ווי אַ ראָך־פיש. מ'קאָן אָדער מ'מוז גאָר פון די אַנטוויקלונגס־סטאַדיעס, וואָס דער עמבריאָן האָט דורכגעמאַכט, אַרויסדרינגען, וואָס פאַר אַ נישט־הומאַניסטישע צורה ס'האָט געהאַט דער פאַרטיקער מענטש אין אור־צייטן. זיין הויט איז געווען פול מיט צוקנדיקע מוסקולן, כדי זיך אויסצוהיטן פון די אינזעקטן, און איז געווען געדיכט באַוואַקסן מיט האָר. די שליים־הויט, אין וועלכער ס'געפינט זיך דער תיש־הריח, האָט געמוזט זיין געוואַלדיק גרויס. זיינע אָפּשטייענדיקע, באַוועגלעכע אויערן, מיט וועלכע ער האָט געשאָקלט, האָבן געשיקטער אויפגעכאַפּט אַ קלאַנג, ווי היינט. זיינע אויגן, וואָס זיינען געווען געשיצט מיט אַ דריטן דעקל, זיינען געשטאַנען זייטיק אין קאָפּ, אַחוץ דעם דריטן אויג, פון וועלכן עס איז נאָך פאַרבליבן אַ הודימענטערע דריז און וועלכע איז דעמאָלט געווען בכוח צו זען, וואָס ס'טוט זיך אין דער הייך. אין עמבריאָן איז דאָ בלויז דערפון אַ רודימענטערע דריז. דער דאָזיקער מענטש האָט, אַחוץ אַלעם, געהאַט זייער אַ לאַנגע קישקע, אַ סך באַק־ציין אין מויל, קלאַנג־טאָרבעס אין קעל צום ברילן. די מענלעכע געשלעכט־דריזן זיינען געווען פאַרבאָרגן אינעווייניק אין בויך.

די אַנאַטאָמיע האָט אָפּגעשיילט און פּרעפּאַרירט פאַר אונזער

---

* שליים־סובסטאַנץ.

און אים אַפילו אָנגערופן מיט אַ באַזונדער גריכיש-לאַטייניש נאָמען. האַנס קאַסטאָרפּ האָט געלייענט וועגן דער מחלוקת צווישן דער אָוויסטישער* שול און דער אַנימאַליסטישער**. איין צד פון זיי האָט געהאַלטן, אַז דאָס איי איז אין זיך אַ פאַרענדיקטע קליינע זשאַבע, הונט אָדער מענטש און דער מענלעכער זוימען איז בלויז דער אָנרעגער פון זיין וואַקסן. דער אַנדערער צד האָט געזען אין זוימען-פּאָדים, וואָס האָט אַ קאָפּ, הענט און פיס, אַ לעבעדיק באַשעפעניש, פאַר וועלכן דאָס איי איז בלויז אַ דערנערונג-באָדן. צום סוף איז מען דורכגעקומען, אַז סיי דאָס איי-קעמערל סיי דאָס זוימען-קעמערל (וועלכע האָבן זיך אַנטוויקלט פון באַפרוכפּערונג-קעמערלעך, וואָס מ'קאָן נישט לכתחילה אונטערשיידן), האָבן אַ גלייך חלק. ער האָט געזען, ווי דער איין-קעמערלדיקער אָרגאַניזם פון באַפרוכפּערטן איי ווערט אַ פיל-קעמערלדיקער אָרגאַניזם, אַדאַנק דעם, וואָס ער האַלט זיך אין איין קנייטשן און טיילן זיך. ער האָט געזען, ווי די קעמערלעך גיסן זיך צונויף און ווערן אַ שליים-הויט-בלאָנע, האָט געזען, ווי דאָס פרוכט-בלעזל זעצט זיך אַראָפּ און בילדעט אַ מין בעכער און חלל, וואָס הייבט אָן איינצונעמען שפּייז און צו פאַרדייען. דאָס איז די געדערים-לאַרווע, דאָס אור-באַשעפעניש, די גאַסטרולאַ, די גרונט-פאָרם פון יעדער לעבעדיק באַשעפעניש, די גרונט-פאָרם פון דער שיינקייט, צו וועלכער דאָס לייב שטרעבט. די צוויי הויט-בלעטלעך, די אויסנווייניקסטע און די אינעווייניקסטע, דאָס הויט-חושים-בלאַט און דאָס געדערים-דריזן-בלאַט, האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר פרימיטיווע אָרגאַנען. דורך אויפוויקלונג און אָפּוויקלונג בילדן זיך פון זיי די דריזן, די געוועבן, די חושים-געפעסן, די ווייטערדיקע קערפּער-טיילן. איין פאַס פון אויסנווייניקסטן פרוכט-בלאַט ווערט דיקער, וויקלט זיך איין, ווי אַ רינווע, שליסט זיך צונויף אין אַ נערוון-רער און ווערט אַ חוט-השדרה, אַ מוח. ער האָט אויך געזען, ווי דער פרוכט-שליים פאַרוואַנדלט זיך אין אַ פעדעמדיק בינד-געוועב, ווערט פאַרהאַרטעוועט אין אַ ביינדל. דעביי

* פון לאַטייניש ovum = איי.

** פון לאַטייניש animal = לעבעדיק באַשעפעניש.

די אינעוווייניקסטע טיילן זיינען געוואָרן מעכאַניש נישט־ניטיק, האָבן זיי זיך פאַרוואַנדלט אין פעטס־געוועבן, אין געלן מאַרך. דער אייבערשענקל־ביין איז אַ מין הייב־שטאַנג. ביי זיין קאָנסטרוקציע האָט די אָרגאַנישע נאַטור (אַדאַנק דער ריכטונג, וואָס זי האָט געגעבן די ביינער־דרענגלעך) איבערגעפירט אַקוראַט אויף אַ האָר יענע קרומע ליניעס פון שלעפּ און דרוק, וועלכע האַנס קאַסטאָרפּ וואָלט געדאַרפט גענוי אָפּהיטן, ווען ער וואָלט געוואָלט אָנצייכענען אַ געציג, וואָס דינט צו אַזעלכע צוועקן. ער האָט דאָס צוגעזען מיט הנאה, ווייל פון איצט אָן שטייט ער צום שענקל־ביין, אָדער צו דער אָרגאַנישער נאַטור בכלל אַזש אין דריי שייכותן: אין אַ לירישער, מעדיצינישער און טעכנישער. אַזוי ווייט האָט אים דאָס אַלץ אויפגעוועקט. די דאָזיקע דריי שייכותן, האָט ער געפילט, זיינען איינס אין מענטש, זיי זיינען אָפּענדערונגען פון איין און דער זעלבער שטאַרקער באַדערפעניש — הומאַניסטישע פאַקולטעטן...

ביי אַלעמען איז די טעטיקייט פון דער פּראָטאָפּלאַזמע געבליבן אומדערקלערלעך. דאָס לעבן טאָר, אַפּנים, נישט משיג זיין זיך אַליין. דער גרעסטער טייל ביאָ־כעמישע פּראָצעסן זיינען נישט בלויז אומבאַקאַנט, נאָר זיי זיינען אַפילו בטבע נישט צוגענגלעך פאַר דער באַטראַכטונג. וועגן דעם בוי, וועגן דעם צוזאַמענשטעל פון דער לעבנס־איינהייט, וואָס מ׳רופט אָן „קעמערל“, ווייסט מען כמעט גאָר נישט. וואָס קומט אַרויס דערפון, וואָס מ׳געפינט אויס די באַשטאַנדטיילן פון טויטן מוסקול? דער לעבעדיקער לאָזט זיך כעמיש נישט אויספאָרשן. שוין יענע פאַרענדערונגען, וועלכע די טויט־שטייפקייט רופט אַרויס, זיינען גענוג מבטל צו זיין דעם ווערט פון אַלע עקספּערימענטן. קיינער קאָן נישט דעם שטאָף־וועקסל, דעם מהות פון דער נערוון־פונקציע. צוליב וועלכע אייגנשאַפטן האָבן פאַרשיידענע זאַכן דעם אָדער יענעם טעם? און וואָס באַשטייען די פאַרשיידענע רעגונגען, וועלכע די שמעקנדיקע שטאָפן רופן אַרויס אין די נערוון? וואָס איז דער מהות פון שפּירן ריחות בכלל? דער ספּעציפישער ריח פון מענטשן און חיות נעמט זיך דערפון, וואָס געוויסע סובסטאַנצן פאַרוואַנדלען זיך אין גאַז. אָבער קיינער ווייסט נישט, וואָס פאַר אַ סובסטאַנצן דאָס זיינען. די אויסשיידונג, וואָס ווערט אָנגערופן שווייס,

פאַרשער די גלידער פון מענטשלעכן קערפּער, האָט אים געוויזן די איבערפלעכלעכע און די טיפע, הינטערשטע מוסקולן און בענדער: פון די שענקלען, פון פוס און אָרעמס, פון אייבער-און אינטער-אָרעמס. די אַנאַטאָמיע האָט אים געלערנט די לאַטײַנישע נעמען, מיט וועלכע די מעדיצין — דער שאָטן פון הומאַניסטישן גײַסט — האָט זיי אויף אַ נאָבעלן און גאַלאַנטן אופן אָנגערופן און אונטערגעשיידט. זי האָט אים אויך געלאָזט אַרײַנדרינגען ביזן שקעלעט. די אויסבילדונג פון שקעלעט האָט אים געגעבן נײַע קוקפונקטן, דורך וועלכע ס'איז בולט געוואָרן די איינהייט פון אַלדאָס מענטשלעכע און די ענגע שײַכות פון אַלע וויסנשאַפטן. וואָרעם דאָ האָט האַנס קאַסטאָרפּ זיך אָנגעשטויסן אויף זײַן אייגנטלעכן (מ'מוז אפשר גאָר זאָגן: פריערדיקן) באַרוף, אויף יענעם וויסנשאַפטלעכן ראַנג, מיט וועלכן ער האָט זיך פאָרגעשטעלט, אָנקומענדיק אַהער (פאַר ד"ר קראָקאָווסקי און סעטעמברינין). כדי עפּעס-וואָס צו לערנען — ס'איז אייגנטלעך געווען אַלץ איינס וואָס — האָט ער אין די הויך-שולן שטודירט דאָס אין יענץ וועגן סטאַטיק, וועגן בויגונגפעיקע שטיצונגען, וועגן באַלאַסטונג און וועגן קאָנסטרוקציע, וואָס גיט די מעגלעכקייט גוט אויסצונוצן דאָס מעכאַנישע מאַטעריאַל. ס'וואָלט געווען קינדיש צו מיינען, אַז די אינזשיניער-וויסנשאַפט, די כללים פון מעכאַניק זאָלן קאָנען אָנגעווענדט ווערן אויף דער אָרגאַנישער נאַטור. פונדעסטוועגן קאָן מען פונקט אַזוי ווייניק זאָגן, אַז פון דאַנען ציען זיי זייער שורש. זיי ווערן דאָ פשוט איבערגעחזרט און פאַרשטאַרקט. דער פּרינציפּ פון הוילע צילינדערס איז אינם בוי פון די לאַנגע רעריקע ביינער אויסגענוצט אַזוי, אַז מיטן אָפּגעמאָסטענעם מינימום פון פעסטער סובסטאַנץ ווערט אינגאַנצן באַפרידיקט די סטאַטישע פאָדערונג. אַ קערפּער, האָט האַנס קאַסטאָרפּ געלערנט, וואָס איז געבויט פון מעכאַניש-אָנווענדבאַרע שטאַבעס און דרענגער, כדי אויסצוהאַלטן דעם דרוק און שלעפּ, וואָס ער וועט מוזן פאַרטראָגן — וועט אויסהאַלטן די אייגענע באַלאָדנקייט, ווי אַ מאַסיווער קערפּער פון דעם זעלבן שטאָף. דאָס האָט מען אויך געקאָנט זען בײַ דער אַנטשטייונג פון די רערן-ביינער. פון אויסנווייניק האָט זיך קאָנצענטרירט די קאָמפּאַקטע סובסטאַנץ און הית

פאַר דער דערשיינונג פון זכרון, אָדער פאַר יענעם ברייטערן און דערשטוינענדיקן זכרון, וואָס דריקט זיך אויס אין איבערגעבן בירושה דערוואָרבענע אייגנשאַפטן? און אַזעלכע טעטיקייטן פון דער קעמערל־סובסטאַנץ איז לחלוטין אוממעגלעך צו געבן אַפילו אַ זכר פון מעכאַנישע דערקלערונגען. דער זוימען־פאָדים פון פאָטער, וואָס טראָגט איבער אָן־אַ־שיעור קאָמפּליצירטע מין־און אינדיווידום אייגנשאַפט אינם ווייבלעכן איי, איז מיקראָסקאָפּיש־קליין. אַפילו דורך דער שטאַרקסטער פאַגרעסערונג וועט ער נישט אויס אַנדערש, ווי אַ קערפּער פון אייגענעם מין און ס'איז אוממעגלעך צו באַשטימען די אָפּשטאַמונג זיינע. ער זעט אויס כמעט ביי אַלע באַשעפענישן גלייך. דאָס איז גורם דערצו, מ'זאָל אָננעמען, אַז אָט־דאָס קעמערל איז פונקט אַזוי קאָמפּליצירט, ווי דער קערפּער, וועלכער וואַקסט אַרויס דערפון; אַז דאָס קעמערל אַליין איז אַ העכערער אָרגאַניזם, וואָס איז אויך צונויפגעשטעלט פון לעבעדיקע קערפּערס, אינדיווידועלע לעבנס־איינהייטן. מ'מוז, הייסט עס, איבערגיין פון כלומרשט־קלענסטן צום נאָך קלענערן, מ'איז געצוואונגען צו צעקרישלען דאָס עלעמענטאַרע אויף נאָך עלעמענטאַרערע חלקים. ס'איז קיין ספק נישט, אַז אַקוראַט ווי די באַשעפענישן באַשטייען פון פאַרשיידענע מינים און אַקוראַט ווי דער חיהש־מענטשלעכער אָרגאַניזם באַשטייט פון אַ גאַנצן קאָמפּלעקס פאַרשיידענע קעמערלעך, אַקוראַט אַזוי באַשטייט יעדעם קעמערל ווידער פון אַ נייעם און פאַרשיידענעם קאָמפּלעקס עלעמענטאַרע לעבנס־איינהייטן. זייער גרייס איז טיף אונטער דער גרענעץ פון אַלץ, וואָס מען קאָן זען דורכן מיקראָסקאָפּ; זיי וואַקסן זעלבשטענדיק, לויטן געזעץ, אַז יעדעס פון זיי קאָן נאָר אַרויסברענגען אַן ענלעכס צו זיך, זיי פאַרמירן זיך און דינען לויטן געזעץ פון אַרבעט־פאַרטיילונג צוזאַמען מיט דער העכערער לעבנס־אָרדענונג פון קעמערל.

דאָס זיינען די גענען, די ביאָבלאַסטן, די ביאָפאָרן. האַנס קאַסטאָרפּ איז געווען דערפרייט, בשעת ער האָט געלייענט וועגן זיי אין דער פראָסטיקער נאַכט. היות זיי האָבן אין זיך לעבן, מוזן זיי זיין אָרגאַניזירט, ווייל לעבן שטיצט זיך אויף אָרגאַניזאַציע. אָבער

איז ווייניק קלאָר. די דריזן, וואָס גיבן אַרויס דעם שוויס, טיילן אויס אַראָמאַטן, וועלכע שפּילן ביי זייג-חיות אָן-שום-ספק אַ וויכטיקע ראָל. אָבער וועגן זייער באַדייטונג ביים מענטש ווייסט מען גאָרנישט. די פיזיאָלאָגישע באַדייטונג פון וויכטיקע קערפּער-טיילן איז נאָך אַ סוד. מ׳קאָן דאָ אַרויסלאָזן דעם פּראָבלעם פון דער בלינדער קישקע, וואָס איז אַ מיסטעריע. ביי די קינגלעך איז די בלינדע קישקע אַלעמאָל פול מיט אַ מין ברייי און ס׳איז אוממעגלעך צו פאַרשטיין, ווי אַזוי ער קאָן אַרויס אָדער באַנייען זיך. אָבער ווי אַזוי קאָן מען זיך דערקלערן די ווייסע און גרויע סובסטאַנץ פון קאָפּ-מאַרך, דאָס זע-בערגל, וואָס קאָמוניקירט זיך מיטן „אָפּטיקוס" און די גרויע פאַרטיפונגען פון דער „בריק"? די סובסטאַנץ פון מוח און פון דער חוט-השדרה איז אויף אַזוי ווייט קאָמפּליצירט, אַז ס׳איז גאָר נישטאָ קיין האָפענונג, מ׳זאָל ווען נישט איז דערגרונטעווען איר נאַטור. וואָס אַזוינס הערט אויף צו פונקציאָנירן אין דער קאָרע פון גרויס-מוח, בעת מען שלאָפט איין? וואָס שטערט, אַז דער מאָגן זאָל זיך נישט אַליין פאַרדייען, אַ זאַך, וואָס טרעפט זיך טאַקע טיילמאָל ביי געשטאָרבענע? מ׳ענטפערט: דאָס לעבן, אַ ספּעציעלע ווידערשטאַנד-קראַפט פון דער לעבעדיקער פּראָטאָפּלאַזמע. דערביי מאַכט מען אַ מינע גלייך מ׳וואָלט נישט געוואוסט, אַז דאָס איז אַ מיסטישע דערקלערונג. די טעאָריע וועגן אַזאַ אַלטעגלעכער דערשיינונג, ווי פיבער, איז פול מיט סתירות. דער געשטייגערטער שטאָף-ווערקסל איז גורם אַ שטאַרקערע פּראָדוקציע פון וואַרעמקייט אינעם קערפּער. אָבער פאַרוואָס ווערט נישט פאַרגרעסערט, ווי אַלעמאָל, קאָמפּענזאַטאָריש די אַרויסגעבונג פון היץ? צי דער אָפּשטעל פון שוויס-אַרויסגעבונג נעמט זיך פון הויט-קאָרטש? דאָס געשעט, אָבער, נאָר בעת ס׳שוידערט. אַחוץ דעם פאַל איז די הויט גאָר הייס. מען האַלט, אַז אין צענטראַלן נערוון-סיסטעם דאַרף מען זוכן די סיבות פונעם פאַרגרעסערטן שטאָף-ווערקסל און פון די פאַרענדערונגען אין דער הויט, וועלכע מ׳רופט אָן אומנאָרמאַלע, ווייל מען ווייסט נישט, וואָס צו זאָגן.

אָבער וואָס פאַר אַ באַטייט האָט אָט דאָס גאַנצע נישט-וויסן אין פאַרגלייך מיט דער הילפלאָזיקייט, מיט וועלכער מ׳בלייבט שטיין

איבערגאַנג צווישן לעבן און טויטער כעמיע. אָבער ווען מ'האַלט שוין ביים כעמישן מאָלעקול, געפינט מען זיך אויפסניי פאַר אַ תהום, וואָס איז אַ סך מיסטעריעזער, ווי דער תהום צווישן אָרגאַנישער און נישט-אָרגאַנישער נאַטור: נאָענט צום תהום, וואָס שטייט צווישן דעם מאַטעריעלן און נישט-מאַטעריעלן. וואָרעם דער מאָלעקול איז צונויפגעשטעלט פון אַטאָמען און דער אַטאָם איז ווייט נישט אויף אַזויפיל גרויס, מ'זאָל אים קענען באַצייכענען פאַר אויסערגעוויינלעך קליין. ער איז אויף אַזוי ווייט קליין, אַזוי ווייט אַ ווינציקע, פריע און איבערגענגלעכע קאָנצענטרירונג פון אומשטאָפלעכן, פון נאָך-נישט-שטאָפלעכן, אָבער שוין שטאָף-ענלעכן, פון ענערגיע, — אַז מ'קאָן זיך אים פאָרשטעלן קוים פאַר שוין מאַטעריעל, אָדער קוים פאַר נאָך מאַטעריעל; גיכער — פאַר אַ מיטלפונקט און גרענעץ-פונקט צווישן מאַטעריעלן און דעם אוממאַטעריעלן. דאָ אַנטשטייט אַ פּראָבלעם פון אַן אַנדערער אור-געבורט, וואָס איז אַ סך מער רעטעניש, ווי די אָרגאַנישע אור-געבורט: כאַז די אור-געבורט פון שטאָף אויס דעם אומשטאָפלעכן. פאַקטיש פאָדערט דער תהום צווישן מאַטעריע און נישט-מאַטעריע פונקט אַזאַ נייטיקע און אפשר נאָך נייטיקערע אויספילונג, ווי דער תהום צווישן אָרגאַנישער און נישט-אָרגאַנישער נאַטור. מ'מוז אָנקומען דערצו, אַז ס'איז פאַראַן אַ כעמיע פון אוממאַטעריעלע, אומשטאָפלעכע פאַרבינדונגען, פון וועלכע ס'אַנטשטייט שטאָף, אַקוראַט ווי די אָרגאַניזמען אַנטשטייען פון נישט-אָרגאַנישע פאַרבינדונגען. די אַטאָמען דאַרפן פאָרשטעלן די פּראָביען און מאָנעדן* פון דער מאַטעריע, בטבע אי יאָ שטאָפלעך, אי נאָך נישט. אָבער קוים דערגייט מען צו עפּעס, וואָס „איז אַפילו שוין נישט קליין", גליטשט זיך אַרויס יעדע מאָס. „אַפילו מער נישט קליין" איז דאָס אייגענע ווי „אומגעהייער גרויס". דער טריט צום אַטאָם ווייזט זיך דערפאַר אַרויס אָן שום גוזמא פאַר געפערלעך: וואָרעם אין דער רגע, ווען דאָס מאַטעריעלע ווערט צעטיילט און פאַרקלענערט ביזן כּמעט לעצט — צעעפנט זיך פלוצלונג דער אַסטראָנאָמישער קאָסמאָס!

---

* אור-באַשעפענישן.

איבּ זיי זיינען אָרגאַניזירט, קאָנען זיי דאָך שוין ממילא נישט זיין עלעמענטאַר, ווייל אַן אָרגאַניזם איז נישט עלעמענטאַר, ער איז פּיל-פאַך. זיי זיינען בּלויז לעבּנס-איינהייטן אין שייכות צום קעמערל, וואָס איז דורך זיי אָרגאַניש קאָנסטרוּירט. אָבּער אויבּ ס'איז ווייטער אַזוי, מוזן זיי, נישט געקוקט דערויף, וואָס זייער קליינקייט גייט-איבּער יעדע השגה, אַליין זיין „קאָנסטרוּירט“, דאָס הייסט: זיין „קאָנסטרוּירט“ אָרגאַניש, ווי אַ לעבּנס-סיסטעם. ווייל דער בּאַגריף פון לעבּנס-איינהייט איז אידענטיש מיט דעם בּאַגריף פון זיין אויפגעבּויט פון קלענערע, נידעריקערע לעבּנס-איינהייטן, וועלכע שטעלן צונויף דאָס העכערע לעבּן. אַזוי לאַנג ווי די חלקים זיינען אָרגאַנישע איינהייטן און האָבּן די אייגנשאַפטן פון לעבּן, דאָס הייסט: די פעיִקייט צו נערן זיך, צו וואַקסן און צו פאַרמערן זיך — קאָן מען נישט בּאַשטימען קיין גרענעץ. אַזוי לאַנג ווי ס'גייט וועגן לעבּנס-איינהייטן, איז פאַלש צו ריידן וועגן עלעמענטאַר-איינהייטן. ווייל דער בּאַגריף פון איינהייט שליסט איין אין זיך ad infinitum* דעם מיטבּאַגריף פון קלענערע קאָנסטרוּירנדיקע איינהייטן. קיין עלעמענטאַר לעבּן, דאָס הייסט: עפּעס אַזוינס, וואָס איז שוין לעבּן און איז דאָך עלעמענטאַר, קאָן נישט געמאָלט זיין.

אָבּער נישט געקוקט אויף דער לאָגישער אוממעגלעכקייט, מוז סוף-כל-סוף פּאָרט זיין עפּעס אַזוינס. וואָרעם די אידעע פון אור-געבּורט, דאָס הייסט: די אַנטשטייונג פון לעבּן אויס דעם נישט-לעבּנדיקן, לאָזט זיך פּאָרט נישט אַוועקמאַכן מיט דער האַנט. יענער תהום, וועלכן מ'קאָן בּשום-אופן נישט אויספילן אין דער אויסנוויי-ניקסטער נאַטור, ד. ה. דער תהום צווישן לעבּן און נישט-לעבּעדיקן, מוז אין דער אָרגאַנישער אינעווייניקדיקייט פון דער נאַטור ווי-ס'איז אויסגעפילט ווערן; אָדער עס מוז איבּער אים איבּער-געוואָרפן ווערן אַ בּריק. ערגעץ-וואו מוז די טיילונג דערפירן צו אַזעלכע „איינהייטן“, וואָס זיינען טאַקע צונויפגעשטעלט, פונדעסטוועגן — נאָך נישט אָרגאַניזירט, צו עפּעס אַזוינס, וואָס פאַרמיטלט צווישן לעבּן און נישט-לעבּן, צו אַזעלכע מאָלעקול-גרופּעס, וואָס בּילדן דעם

* בּיז צו דער אומענדלעכקייט.

דיק" און „אינעווייניק" האָבן דערביי פֿאַרלוירן זייער פעסטקייט. די וועלט פון אַטאָם איז אַ דרויסן, פּונקט ווי אונזער פּלאַנעט ערד איז מסתמא זיכער אַ טיפע אינעווייניקדיקייט, אויב מ׳נעמט עס פון אַ אָרגאַנישן שטאַנדפּונקט. צי האָט דען נישט אַ פֿאָרשער גערעדט מיט פֿאַנטאַסטישער דרייסטקייט וועגן „מילך־וועג־באַשעפענישן", וועגן קאָסמישע ריזן־היות, וואָס זייער פלייש, ביינער און געהירן זיינען געבויט פון זון־סיסטעמען? אָבער אויב ס׳איז אַזוי, ווי האַנס קאַסטאָרפּ האָט געטראַכט, דעמאָלט הייבט זיך אַלץ אָן אויפסניי גראָד דאָרטן, וואו מ׳מיינט, אַז מ׳איז שוין געקומען צום סאַמע סוף. אויב אַזוי, איז מעגלעך, אַז אינעווייניק און אין סאַמע אינעווייניקסטן פון זיין נאַטור ליגט אפשר נאָכאַמאָל ער אַליין, נאָכאַמאָל, אָדער נאָך הונדערט מאָל, וואַרעם איינגעהילט, אין אַ באַלקאָן־לאָזשע מיט אַן אַרויסקוק אין דער לבנהדיקער פֿראָסטיקער בערג־נאַכט און ער שטודירט צוליב הומאַניסטיש־מעדיצינישער איבערגענומענקייט מיט געפרוירענע פינגער און מיט אַ הייס פּנים דאָס לעבן פון קערפּער?

קעגן הויטן שיין פון נאַכט־לעמפּל איז געשטאַנען זייטיק אָנ־געשפּאַרט אַ באַנד פון פּאַטאָלאָגישער אַנאַטאָמיע. אין דעם אילו־סטרירטן טעקסט האָט ער געלערנט וועגן דעם מהות פון פּאַראַזי־טישע קעמערלעך־פֿאַראייניקונגען און וועגן אינפעקציע־געשווירן. דאָס זיינען געוועב־פֿאָרמען, און טאַקע באַזונדערס געדיכטע געוועב־פֿאָר־מען. זיי ווערן אַרויסגערופן צוליב דעם, וואָס ס׳דרינגען אַריין פרעמדע קעמערלעך אין אַן אָרגאַניזם, וועלכער איז גענייגט זיי אויפצונעמען און וועלכער גיט אויף וואָס־פאַר־ס׳איז אופן (כאָטש מ׳וואָלט געדאַרפט זאָגן: אויף אַ צעלאָזענעם אופן) גוטע באַדינגונגען פאַר זייער אַנט־וויקלונג. דער עיקר שאָדט נישט דאָס, וואָס דער פּאַראַזיט נעמט צו ביי די אַרומיקע געוועבן די נערונג. ניין, אויסער דעם שאַפט ער — בעת עס קומט פאָר, ווי ביי יעדן קעמערל, אַ שטאָף־וועקסל — אַזעלכע אָרגאַנישע פאַרבינדונגען, וועלכע זיינען פאַר די קעמערלעך פון אויפנעמענדיקן אָרגאַניזם געוואַלדיק גיפטיק און מאַכן פון זיי זיכער אַ תל. מ׳איז געלונגען פון איייניקע מיקראָ־אָרגאַניזמען אויסצוטיילן די טאַקסין*־שטאָפן און זיי צו לאָזן פאַרגליווערט ווערן.

* גיפט־שטאָפן.

דער אַטאָם איז אַ קאָסמישער סיסטעם, אָנגעלאָדן מיט ענערגיע: וועלט-קערפּערס דרייען זיך דאָרטן אין אַ ווילד געיעג אַרום אַ צענטרום, ווי אַרום אַ זון. אין זיין עטערישן חלל לויפן אַרום מיט דער געשווינדקייט פון ליכט-יאָרן קאָמעטן, וועלכע ווערן געשטויסן דורכן כוח פון דעם צענטראַלן קערפּער אויף זייערע עקסצענטרישע וועגן. דאָס איז אַקוראַט אַזוי נישט אַ בלויזער פאַרגלייך, ווי ס'איז נישט קיין בלויזער פאַרגלייך, ווען מ'רופט אָן דעם קערפּער פון אַ פיל-קעמערלדיקן אָרגאַניזם „מלוכה פון קעמערלעך“. די שטאָט, די מלוכה, יעדע סאָציאַלע געמיינשאַפט, וואָס איז געבויט לויטן פּרינציפּ פון אַרבעט-פאַרטיילונג, איז נישט בלויז געגליכן צום אָרגאַנישן לעבן, זי חזרט אויך איבער אָט-דאָס לעבן. פּונקט אַזוי חזרט זיך איבער די אינעווייניקייט פון דער נאַטור, אין דער טיפסטער אָפּשפּיגלונג פון דער מאַקראָקאָסמישער* שטערן-וועלט, וואָס אירע מחנות און גרופּעס פיגורן שוועבן איצט — בלייכע פון דער לבנה — איבער דעם קאָפּ פון אײַנגעפּאַקטן האַנס קאַסטאָרפּ און איבערן גאַנצן פּראָסטיק-צעפּינקלטן טאָל. צי איז נישט דערלויבט צו טראַכטן, אַז געוויסע פּלאַנעטן פון אַטאָמישן זון-סיסטעם (אָט-די מחנות און מילך-וועגן פון די זון-סיסטעמען, וואָס קאָנסטרויִרן די מאַטעריע), אַז דער אָדער יענער פון די אַטאָמישע וועלט-קערפּערס געפינט זיך אין אַ מצב, וואָס איז געגליכן צו דעם מצב פון אונזער ערד און אַז ס'זיינען דאָרטן דאָ מעגלעכקייטן פאַר ל ע ב ן? פאַר אַ יונגן אַדעפּט מיט היץ, וועלכע קומט פון צענטראַלן נערוון-סיסטעם און פון אַ נישט נאָרמאַלער הויט-אייגנשאַפט, וואָס האָט שוין געדאַט נישט אין דערפאַרונג אויפן געביט פון אומדערלויבטן, איז דאָס געווען נישט בלויז אַ מעגלעכע זאַך, נאָר אַפילו אַ נאָענטע ביז צודרינגלעכקייט גאָר איבערצייגנדיקע שפּעקולאַציע און לאָגישע דעדוקציע. די „קליינקייט“ פון אָט-דעם אַטאָמישן פּלאַנעט וואָלט דאָ גאָר קיין טענה נישט געווען. וואָרעם די מאָס פון גרויס און קליין איז בטל געוואָרן תיכּף, ווי ס'איז קלאָר געוואָרן דער קאָסמישער כאַראַקטער פון די „קלענסטע“ שטאָף-טיילן. אויך די באַגריפן פון „אויסנווייניק-

* מאַקראָקאָסמאָס (גריכיש) = די גרויסע וועלט, דער וועלט-בנין.

צו תאַווה און טויט דאַרף מען אָן שום ספק זען דאָרטן, וואו דאָס גייסטיקע האָט זיך דאָס ערשטע מאָל צונויפגעקנאָדערט צוליב דעם קיצל פון אַן אומבאַקאַנטער אינפילטראַציע*, דאָרטן, וואו ס׳האָט זיך געשאַפן יענע פּאַטאָלאָגישע, פּאַראַזיטישע געשוויר אין זיין געוועב, וועלכע איז געווען האַלב פאַרגעניגן, האַלב פאַרטיידיקונג און אַזוי־אַרום געבילדעט די עלטסטע פאָר־מדרגה פון סובסטאַנציעלן, דעם איבערגאַנג פון אומשטאָפלעכן צום שטאָפלעכן. דאָס איז געווען די ערשטע זינד. די צווייטע אור־געבורט, די געבורט פון אָרגאַנישן אויס דעם נישט־אָרגאַנישן איז געווען בלויז נאָך אַ שטייגערונג פון קערפּערלעכקייט צו באַוואוסטזיין, אַקוראַט ווי די קראַנקהייט פון אָרגאַניזם איז אַ באַרוישנדיקע שטייגערונג און נישט־פיינע באַטאָנונג פון זיין קערפּערלעכקייט. דאָס לעבן איז געווען בלויז נאָך איין ווייטערדיקער טריט אויף דעם אַוואַנטוריסטישן וועג פון פאַרשוועכטן גייסט, אַ רעפלעקס פון בושה־ברען אין דער מאַטעריע, וואָס איז אויפגעוועקט געוואָרן צו פילעוודיקייט און וואָס איז נאָך פון פריער געווען אויפנאַם־פעיק פאַר דער דאָזיקער וועקונג...

די ביכער זיינען געלעגן אָנגעוואָרפן אויף דעם טיש, איינס איז געלעגן אויף דער ערד, לעבן דער ליג־שטול, אויף דער ראָגאָזשע פון באַלקאָן. דאָס בוך, וועלכעס האַנס קאַסטאָרפּ האָט געלייענט צום לעצט, איז אים געלעגן אויפן בויך און געקוועטשט, אָס שטאַרק פאַרשווערט דעם אָטעם. פונדעסטוועגן האָט די גות־שאָל נישט געגעבן קיין באַפעל די מוסקולן, זיי זאָלן עס באַזייטיקן. ער האָט איבערגעלייענט די זייט ביז אַראָפּ, זיין גאָמבע איז צוגעקומען ביז דער ברוסט, די אויגן־דעקלעך זיינען אַראָפּגעפאַלן איבער זיינע תמימותדיקע בלויע אויגן. ער האָט געזען דאָס בילד פון לעבן, זיין בליענדיקן גלידער־געבוי, די שיינקייט, וואָס ווערט געטראָגן הירכן לייב. זי האָט אַוועקגענומען די הענט פון נאַקן. אירע צעעפנטע אָרעמס (אויף דער אינעווייניקסטער זייט ווייערער, באַזונדערס אונטער דער צאַרטער הויט פון די עלנבויגן־געלענקען, האָבן זיך בלוילעך אָפּגעצייכנט די בלוט־געפעסן, די צווייגן פון די גרויסע

---

* צריינדרינגען, אריינשטראָמען.

פון די דאָזיקע שטאָפן, וואָס געהערן פּשוט צו דער ריי פון איי־ווייס־פאַרבינדונגען, האָט מען אַריינגעלאָזט די סאַמע קלענסטע דאָזעס אין בלוט פון פאַרשיידענע באַשעפעניש׳ן און מ׳איז באמת דערשטוינט גע־וואָרן פון זייער געפערלעכער גיפטיקייט און כוח אַ תל צו מאַכן פון לעבעדיקע אָרגאַניזמען. דער אויסגעוויינקסטער סימן פון דער דאָזיקער קאָרופּציע איז די אויפגעבלאָזנקייט פון די געוועבן, די פּאַטאָלאָגישע געשווירן, אייגנטלעך די רעאַקציע פון די קעמערלעך אויף דעם רייץ, וואָס זיי באַקומען פון די באַצילן, וואָס האָבן זיך אַריינגעכאַפּט צווישן זיי. מ׳בילדן זיך אויס גולקעלעך גרייס, ווי הירזש־קערנדלעך; די גולקעלעך באַשטייען פון קעמערלעך, וואָס זיינען ענלעך צו שליים־הויט־געוועבן. צווישן זיי אָדער אין זיי נעסטן זיך די באַצילן. טייל פון זיי זיינען זייער רייך אין פּראָטאָפּלאַזמע, זיינען ריזיק־גרויס און ס׳זיינען דאָ אין זיי אַ סך קערנס. אָבער די דאָזיקע שפּע דערפירט באַלד צו אַ תּרבן. ווייל אָט הייבן אָן די קערנס פון די ריזיקע קעמערלעך זיך איינצושרומפּן און זיך פונאַנ־דערצופאַלן, זייער פּראָטאָפּלאַזמע ווערט געררינען. די ברעמדע רייצונג כאַפּט אַרום אַלץ ווייטערדיקע געוועב־טיילן. די אַנטצינ־דונג־פּראָצעסן פאַרברייטערן זיך און ציען אַריין די שכנותדיקע גע־פעסן אין דער קרענק. ווייסע בלוט־קייקעלעך קומען אָן, כדי זיך קעגנצושטעלן די מתנות שונאים. דערווייל ווערט כּבדר געררונען ברא־טאָפּלאַזמע און זי שטאַרבט אָפּ. בינו־לבינו באַרזישן די צעלאָזונגע באַקטעריע־גיפטן די נערוון־צענטרען. דער אָרגאַניזם באַקומט היץ און ער גייט אַקעגן דעם טויט מיט אַ צעוויגטער ברוסט, אַזוי צו זאָגן.

אויף אַזוי ווייט — די פּאַטאָלאָגיע, די ווייסנשאַפט פון דער קראַנקהייט, די באַטאָנונג פון דעם ווייטאָג אין קערפּער, וואָס איז — אויף וויפל ס׳איז באַטאָנונג פון קערפּערלעכן — אויך אַ באַטאָנונג פון לעבנס־חשק. קראַנקהייט איז די אומריינע פאָרם פון לעבן. און דאָס לעבן גופא? איז עס אפשר אויך בלויז אַן אינפעקציעזע קראַנקהייט פון דער מאַטעריע? פונקט ווי דאָס, וואָס מ׳רופט אָן אור־געבורט פון דער מאַטעריע, איז נאָר אַ קראַנקהייט, אַ צערייצונג פון דעם אוממאַטעריעלן? דעם ערשטן טריט צום שלעכטן,

פּרן זיך און זיי זיינען געווען אויפגערעגט. מ'האָט כּסדר געשמועסט וועגן באַגעגענישן מיט קנוטן — אין גאָרטן, אין וואַלד אָדער אין קאַסינאָ־קוואַרטאַל. אַגב, זיינען ביי אים אַליין געווען געסט: ס'איז געקומען צו אים אַ גרופּע אוניווערסיטעט־חברים, זעקס אָדער זיבן סטודענטן, וואָס האָבן געוואוינט אין שטעטל, אָבער זיי האָבן געגעסן מיטאָגן ביים הויפּראַט און אַלע צוזאַמען אין אַ חבריא אַרומגעוואַנדערט איבער דער געגנט. האַנס קאַסטאָרפּ האָט זיי אויסגעמיטן. ער צוזאַמען מיט יאָאַכימען האָבן אויסגעמיטן די יונגעלייט, און געווייכט פון זיי, ווען ס'איז אויסגעקומען זיך מיט זיי צונויפטרעפן. האַנס קאַסטאָרפּ איז געווען אַן איינגענער דאָ איבן, און אַ גאַנצע וועלט האָט אים אָפּגעשיידט פון אָט־די זינגערס, וואַנדערער און וואוילע־יונגען. ער האָט פון זיי נישט געוואָלט הערן און וויסן. אַחוץ דעם האָט ס'רוב פון זיי, דאַכט זיך, געשטאַמט פון צפון, גאַנץ מעגלעך, אַז ס'זיינען דאָרטן געווען האַמבורגער אויך און האַנס קאַסטאָרפּ האָט געפילט די גרעסטער מורא פאַר היימישע. ער האָט אַפילו אָפּט געטראַכט מיט עגמת־נפש וועגן דער מעגלעכקייט, ס'זאָל אָנקומען אַהער, אין „בערגהאָף“ אַ האַמבורגער, בפרט נאָך, ווען בערענס האָט געזאָגט, אַז די דאָזיקע שטאָט שטעלט צו דער סאַנאַטאָריע אַ היפּשן קאָנטינגענט. אפשר זיינען געווען עטלעכע צווישן די שווער־קראַנקע אין מסוכן־שלאַפע, וועלכע מ'זעט נישט. פון יענער געגנט האָט מען בלויז געזען איינעם, אַ סוחר מיט איינגעפאַלענע באַקן, וואָס איז זינט עטלעכע וואָכן געזעסן ביי פראַו אילטיסעס טיש און וואָס האָט געזאָלט שטאַמען פון קוקסהאַווען. טאַקע דערפאַר האָט האַנס קאַסטאָרפּן אַזאַ הנאה געטאָן, הלמאַי ס'איז אַזוי שווער צו קומען אין באַריִרונג מיט מענטשן פון אַנדערע טישן און אויך דערפאַר, וואָס זיין געגנט איז אַזאַ גרויסע און האָט אַזוי פיל פאַרשיידענע ספערן. דער פאַקט, וואָס אָט־דער סוחר איז געווען אַזוי גלייכגילטיק צו אים, האָט אין אַ גרויסער מאָס געמינערט זיין זאָרג און שייכות צום אָנקומען פון האַמבורגער פּאַציענטן.

בקיצור, דער הייליקער אָוונט האָט זיך דערנענטערט, און אַ־
בעם אַ טאָג איז ער שוין געשטאַנען ביי דער שוועל און צו־מאָרגנס

וועגען) זיינען געווען אומבאַשרייבלעך זיס. זי האָט זיך צוגעבויגן, צוגעבויגן זיך צו אים, איבער אים, ער האָט געשפּירט איר אָרגאַנישן ריח, געשפּירט דעם שפּיציקן קלאַפּ פון איר האַרץ. אַ הייסע צערטלעכקייט האָט אַרומגענומען זיין האַלז. און בשעת ער האָט — אַ פאַרזונקענער אין תענוג און שרעק — אַרויפגעלייגט זיינע הענט אויף אירע אָרעמס, דאָרט, וואו די קערניקע הויט (וואָס איז איבערגעצויגן איבערן triceps) איז שמעקעדיק־קיל — האָט ער דערפילט אויף זיינע ליפּן דאָס פייכטע איינזויגן זיך פון איר קוש.

ט ו י ט נ ט אַ נ ץ

קורץ נאָך ווייַנאַכט איז געשטאָרבן דער אַריסטאָקראַט .. אָבער פריער איז געפייערט געוואָרן ווייַנאַכט, אָט־די צוויי יום־טוב־טעג, אָדער די דריי, אויב מ׳זאָל צורעכענען אויך דעם הייליקן אָוונט. אָט־די דריי טעג האָט האַנס קאַסטאָרפּ איבערגעקוקט מיט אַ געוויסער שרעק און ספקדיקער אָפּוואַרטונג. ער האָט אַלץ נישט געוואוסט, ווי אַזוי זיי וועלן דאָ אויסזען. פאַקטיש זיינען זיי געקומען און אַוועק נישט אַנדערש, ווי אַלע אַנדערע טעג — ס׳איז פרימאָרגן, מיטאָג, אָוונט. דאָס וועטער איז געווען אַ מיטלס און דער שניי איז אַ ביסל צעגאַנגען, אויך נישט אַנדערש ווי אַלע טעג. אויסערלעך זיינען די טעג געווען אַ ביסל שענער און יום־טובדיקער און אין משך פון זייער אָפּגעמאָסטענער צייט געווירקט מיט זייער עקזיסטענץ אויף די קעפּ און די הערצער פון עולם. שפּעטער, אַז זיי זיינען אַריבער, האָבן זיי איבערגעלאָזט אַ זכר פון נישט־וואָכעדיקייט און זיינען געוואָרן פאַרגאַנגענהייט — פריער אַ נאָענטע און דערנאָך אַ ווייטע...

דעם היפראַטס זון, וואָס האָט געהייסן קנוט, איז געקומען אויף די פייערן צו־גאַסט און געוואוינט ביי זיין פאָטער אין זייטיקן פליגל. ער איז געווען אַ שיינער יונגערמאַן, אָבער דער נאַקן איז אויך ביי אים שוין געווען אַ ביסל צופיל אַרויסגעזעצט. מ׳האָט געשפּירט אין דער אַטמאָספער, אַז דער יונגער בערענס איז דאָ. די דאַמען האָבן מער ווי אַלעמאָל אַרויסגעוויזן חשק צו לאַכן, צו

דער יום-טוב האָט כּמעט נישט געשטערט דעם לעבנס-סדר אין בערגהאָף. נאָך מיט עטלעכע טעג פֿריער האָט מען געהאַט אַוועקגעשטעלט אַ גרויסן יאָדלע-בוים אין דער רעכטער שמאָלער זייט פֿון עס-זאַל, בײַם שלעכטן רוסן-טיש. זײַן ריח, וואָס פֿלעגט זיך טיילמאָל דורכרײַסן דורך די ריחות פֿון די שפּײַזן, האָט אַרויסגערופֿן אַ מין פֿאַרקלערטקייט אין די אויגן פֿון טייל פּאַציענטן בײַ די זיבן טישן. בײַם אָוונט-עסן אין 24טן דעצעמבער איז דער בוים שוין געווען רײַך באַצירט מיט לאַמעטטאַ*, גלעזערנע באַלנס, פֿאַרגילדעטע שישקעס, קליינע עפּעלעך, וואָס האָבן געהאַנגען אין נעצן און מיט כּלערליי קאָנפֿעקטן. אין משך פֿון דער מאָלצײַט און שפּעטער האָבן געברענט די פֿאַרביקע וואַקס-ליכט. אויך אין די צימערן פֿון יענע, וואָס ליגן אין די בעטן, זײַנען געשטאַנען ביימלעך און ס׳האָבן געברענט ליכט — אַזוי האָט מען געשמועסט. אין יעדן צימער באַזונדער. אין די לעצטע טעג איז אָנגעקומען מיט דער פּאָסט אַ סך פּאַקעטן. אויך יאָאַכים ציִמסען און האַנס קאַסטאָרפּ האָבן באַקומען פּאַקעטן פֿון דער ווײַטער און טיפֿער היים, גוט פֿאַרפּאַקטע מתּנות, וועלכע זיי האָבן אויסגעלייגט אין די צימערן. ס׳זײַנען דאָרטן געווען מלבּושים, קראַוואַטן, לוקסוס-זאַכן, פֿון לעדער אָדער ניקל, אַ סך יום-טובדיק געבעקס, עפּל און מאַרציפּאַנעס — מאכלים, אויף וועלכע די קוזינען האָבן געקוקט מיט פֿרעגנדיקע בליקן. זיי האָבן אַליין נישט געוווּסט, ווען ס׳וועט זיך דאָ מאַכן די געלעגנהייט צו געניסן דערפֿון. האַנס קאַסטאָרפּ האָט געוווּסט, אַז זײַן פּאַקעט האָט באַזאָרגט שאַלעען און אַז זי האָט פֿריער אָפּגעהאַלטן אַ קאָנפֿערענץ וועגן דעם מיט די פֿעטערס, איידער זי האָט אײַנגעקויפֿט די מתּנות. ס׳איז אויך בײַגעלייגט געווען אַ בריוו פֿון דזשעמס טינאַפּעל, אויף דיק פּריוואַט-פּאַפּיר, אָבער געשריבן אויף אַ מאַשין. דער פֿעטער האָט דאָ איבערגעגעבן דעם עלטער-פֿעטערס און זײַנע ווינטשן אויף יום-טוב און אויף אַ רפֿואה. צוליב פּראַקטישע סיבּות האָט ער גלײַכצײַטיק צוגעשריבן אַ גראַטולאַציע לכּבוד נײַיאָר. דאָס אײַגענע האָט, אַגב, אויך געטאָן האַנס קאַסטאָרפּ, ווען ער

* פֿאַרזילבערטע דראָטענע שנירלעך.

איז ער שוין דאָ געווען. דעמאָלט, ווען האַנס קאַסטאָרפּ האָט זיך געוואונדערט, הלמאַי מ'רעדט שוין וועגן ווייַנאַכט, איז נאָך געווען היפּשלעך זעקס וואָכן צייט צו יום־טוב; לויטן חשבון גענומען — אַזויפיל צייט, וויפיל ס'האָט געדויערט פון זיין אָנקומען, ביז ער איז אויפגעשטאַנען פון בעט. נישט געקוקט דערויף, איז עס דעמאָלט געווען אַ מאַסע צייט, באַזונדערס — די ערשטע העלפט, אַזוי האָט זיך האַנס קאַסטאָרפּן שפּעטער אויסגעדאַכט. דערפאַר אָבער האָבן אָט־די זעקס וואָכן, וואָס האָבן לויטן חשבון געדויערט אַקוראַט ווי יענע, געהאַט גאָר אַ קליינעם באַטייט, כמעט גאָרנישט. דער עולם פון עס־זאַל — האָט ער דערנאָך זיך איבערצייגט — איז גערעכט געווען, וואָס זיי האָבן זיי גענומען אַזוי לייכט. זעקס וואָכן — אַפילו נישט אַזויפיל, וויפיל ס'זיינען דאָ טעג אין דער וואָך. וואָס פאַר אַ ווערט האָט דאָס געהאַט לגבי דער פראַגע: וואָס איז דאָס בכלל אַזוינס אַ וואָך, אַ רעדל פון מאָנטאָג ביז זונטאָג און ווייטער אַזוי. מ'דאַרף זיך בלויז מער אָפּשטעלן אויף דעם ווערט און באַטייט פון דער קלענערער צייט־מאָס, כדי צו פאַרשטיין, אַז די סומירונג פירט נישט אַ סך ווייטער; אַז דער סך־הכל פאַרקירצט נאָך, פאַרווישט, מאַכט איינשרומפּן. וואָס איז געווען אַ טאָג, אויב מ'זאָל רעכענען פון דער מינוט, ווען מ'זעצט זיך עסן מיטאָג ביז דעם זעלבן מאָמענט אין פיר־און־צוואַנציק שעה אַרום? גאָרנישט — כאָטש ס'גייען אַריבער פיר־און־צוואַנציק שעה. און וואָס איז אַ שעה, וועלכע מ'פאַרברענגט אויף ליג־קוראַציע, אויף אַ שפּאַציר, אָדער ביים עסן — די איינציקע זאַכן, וועלכע פאַרנעמען נישט מער צייט? ווידער־אַמאָל גאָרנישט. אָבער דער כך־הכל פון אַ סך מאָל גאָרנישט האָט בטבע אַ קנאַפּן ווערט. גאָר ערנסט איז געוואָרן דער ענין פאַרקערט, בעת מ'האָט זיך אַראָפּגעלאָזט צו די סאַמע קלענסטע צייט־מאָסן. יענע זיבן מאָל זעכציק סעקונדן, ווי לאַנג מ'דאַרף האַלטן דעם טערמאָמעטער צווישן די ליפּן, כדי צו קאָנען ווייטער פירן די דיאַגראַמע — גראָד זיי זיינען געווען דויערנדיק און וואָגיק. זיי זיינען זיך צעוואַקסן אין אַ קליינער אייביקייט, האָבן געבילדעט אַ געשלאָסענעם קרייז פון העכסטער סאָלידקייט אין דעם שטאַנדיקן פאַרביילויף פון דער גרויסער צייט...

זיג-מאַרש, וועלכער געהייערט ביזן היינטיקן טאָג — דאָס איז די אידעע וועגן דעם ווערט פון דעם יחידס נשמה און גלייכצייטיק די אידעע פון גלייכהייט, בקיצור — די אינדיווידואַליסטישע דעמאָקראַטיע. אויף דעם האָט ער טאָאַסטירט מיט דעם גלאָז, וואָס מ'האָט אים אַנטקעגערוקט. פרוי שטער האָט געהאַלטן, אַז ער האָט זיך אויסגעדריקט „עקוויוואָק * און נישט-געמיטלעך". זי האָט זיך אויפגעהויבן אויף פראָטעסט און הגם מ'האָט סיי-ווי-סיי אָנגעהויבן איבערצוגיין אין די סאַלאָנען, האָבן אַלע איבעריקע אויך געטאָן דאָס אייגענע.

דער צונויפקום פון אָט-דעם אָוונט איז געווען באַלעבאַטער און וואָגיקער צוליב די מתנות, וואָס מ'האָט דערלאַנגט דעם הויפראַט. ער איז אַהער געקומען אויף אַ האַלבע שעה צוזאַמען מיט קניטל און מיט דער מילענדאָנק. פאָרגעקומען איז די פייערלעכקייט אין סאַלאָן מיט די אָפּטישע אַפּאַראַטן אויף צו זען קאָמישע זאַכן. די באַזונדערע מתנה פון די רוסן איז באַשטאַנען אין עפּעס אַ זילבערנעם זייער גרויסן, קיילעכדיקן טעלער. אין זיין מיט איז געווען איבערגראַווירט דעם הויפראַטס נאָמען. די אומנוציקייט פון אָט-דעם טעלער האָט זיך פשוט געוואָרפן אין די אויגן. אויפן שעזלאָנג, וועלכן ס'האָבן געגעבן די איבעריקע געסט, האָט מען זיך כאָטש געקאָנט צולייגן, כאָטש ער האָט נאָך נישט געהאַט קיין דעקע און קיין קישן, נאָר איז בלויז געווען איבערגעצויגן מיט שטאָף. דאָך האָט מען געקאָנט ריקן דעם קאָפּ-אָנלען און בערענס האָט אויסגעפרוווט, צי דער שעזלאָנג איז באַקוועם. ער האָט אַרונטערגענומען דעם אומנוציקן טעלער אונטערן אָרעם, זיך אויסגעצויגן אין דער גאַנצער לענג, צוגעמאַכט די אויגן און גענומען שנאָרכן, ווי אַ בלאָז-זאַק, טענהנדיק, אַז ער איז פאַפניר ** מיטן אוצר. די שמחה איז געוואָרן אַ גרויסע. אויך פרוי שאָשאַ האָט שטאַרק געלאַכט פון דער דאָ-

* צווייַדייטיק (פראַנצויזיש).

** אַ צפון-גערמאַנישע מיטאָלאָגישע געשטאַלט. דער געלטגיריקסטער פון דער גאַנצער משפחה, האַלט ער דעם אוצר, וואָס ער האָט באַקומען פאַרן דערהרגענען דעם אייגענעם ברודער.

האָט ליגנדיק אָנגעשריבן זיינע ווייַנאַכט־וואונטשן צונויפֿ מיטן קלגישן ראַפּאָרט.

דער בוים אין עס־זאַל האָט געברענט, געקנאַקט, געשמעקט און געוועקט אין די קעפּ און אין די הערצער דעם באַוואוסטזיין פון דער יום־טובדיקער שעה. דער עולם האָט זיך אויסגעפּוצט. די מענער האָבן געטראָגן אָוונט־אָנצוגן, די פרויען האָבן געטראָגן צירונג, וואָס די ליבע מענער האָבן זיי, מסתמא, צוגעשיקט פון אונטן. אויך קלאַוודיאַ שאָשאַ האָט געביטן איר הויך־מאָדישן וואָלענעם סוועטער אויף אַ סאַלאָן־קלייד, ס'האָט אָבער געהאַט אין זיך עפּעס ספּעציעלס אָדער ריכטיקער נאַציאָנאַלס. ס'איז געווען אַ העל־געשטיקטער קאָסטיום מיט אַ פּאַסיק אין הוסיש־פּויעריש, אָ־ער באַלקאַנישן און אפשר בולגאַרישן כאַראַקטער. ס'איז געווען באַזעצט מיט גאָלדענע פּליטערלעך. דער קאָסטיום איז געווען געפאַלדעוועט און האָט צוגעגעבן איר געשטאַלט אַ נישט־געוויינלעך ווייכע פולקייט. דאָס אַליין האָט אויסגעצייכנט האַרמאָניזירט מיט דעם וואָס סעטעמברינו פלעגט אָנרופן „טאַטערישע פיזיאָנאָמיע" און „אויגן פון אַ סטעפּ־וואָלף". ביים גוטן רוסן־טיש איז געווען זייער פריילעך. דאָרטן האָט צוערשט געקנאַלט דער שאַמפּאַניער, וועלכן מ'האָט דערנאָך געטרונקען כמעט ביי אַלע טישן. ביי די קוזינענטיש האָט די הויזישע עלטער־מומע באַשטעלט שאַמפּאַניע פאַר איר פּלימעניצע און מאַרושיאַ און זי האָט אַלע מכבד געווען. דער מענו איז געווען אַ געקליבענער און געענדיקט זיך מיט קעזקוכן און באָנבאָנס. שפּעטער האָט מען געטרונקען קאַווע און ליקער. פון צייט צו צייט האָט זיך אָנגעצונדן אַ צווייג אין בוים. ביים לעשן פלעגט ווערן אַ איבערגעטריבענע און קוויטשיקע פּאַניק. סעטעמברינו, וואָכעדיק אָנגעטאָן, איז ביים סוף פון דער יום־טובדיקער סעודה געזעסן אַ ווײַלע ביים טיש מיט די קוזינען, האָט געהאַלטן דעם צאָן־שטעכער צווישן די ליפּן, זיך אַ ביסל גערייצט מיט דער פרוי שטער און עפּעס גערעדט וועגן דעם זון פון אַ סטאָליער און רבי פון דער מענטשהייט, וועמענס געבורטס־טאָג מ'פייערט איצט. צי יענער האָט באמת געלעבט — איז אַ ספק, אָבער דאָס, וואָס ס'איז דעמאָלט געבוירן געוואָרן אין האָט אָנגעהויבן אַ

דער פיאַניסט, וואָס האָט איר אַקאָמפּאַנירט, איז אויך געזעסן אַ היימישער פון שטעטל... פרוי שאָשאַ איז געזעסן אין דער ערשטער ריי, אָבער זי האָט אויסגעניצט די פּויזע, כדי אינגאַנצן אַוועקצוגיין, אַזוי, אַז פון דעמאָלט אָן האָט האַנס קאַסטאָרפּ שוין געקאָנט הערן די מוזיק (מוזיק איז עס אַלנפאַלס געווען) מיט אַ רויִקער האַרץ. בשעת די זינגערין האָט געזונגען, האָט ער מיטגעלייענט דעם טעקסט פון די לידער, וואָס איז געווען געדרוקט אין די פּראָגראַמען. אַ ווײַלע איז לעבן אים געזעסן סעטעמברינו, באַלד איז ער אָבער אויך נעלם געוואָרן. פאַר דעם האָט ער אַ זאָג געטאָן עפּעס שאַרפּס און פלאַסטישס וועגן טעמפּן „בעל קאַנטאָ"* פון די היגע און אויסגעדריקט סאַטיריש זײַן צופרידנקייט, וואָס מ'קאָן אויך היינט אינאָווענט צוזאַמען פאַרברענגען אַזוי היימיש און געמיטלעך. דעם אמת געזאָגט — איז האַנס קאַסטאָרפּן לײַכטער געוואָרן אויפן האַרץ, בשעת זיי זײַנען בײדע אַוועק, די שמאָל־אויגיקע שאָשאַ און דער פּעדאַגאָג. איצט האָט ער געקאָנט מיט אַ פרײַ געמיט זיך צוהערן צו די לידער. ער האָט געהאַלטן, אַז ס'איז אַ גוטע זאַך, וואָס אויף דער גאַנצער וועלט און בײַ אַלע באַדינגונגען פּראַוועט מען פונדעסטוועגן מוזיק, מסתמא — אַפילו אויף די פּאָלאַר־עקספּעדיציעס.

דער צווייטער ווײַנאַכט־טאָג האָט זיך אונטערגעשיידט פון אַ געוויינלעכן זונטאָג אָדער אַ בלויז וואָכעדיקן טאָג נאָר מיטן לײַכטן באַוואוסטזײַן, אַז ס'איז פּאָרט יום־טוב. ווען ער איז געהאַט אַריבער, האָט שוין דער ווײַנאַכט־יום־טוב געהערט צו דער פאַרגאַנגענהייט, אָדער — מ'וואָלט אַקוראַט אַזוי געקאָנט זאָגן — ער איז ווידער געווען אַ זאַך פון דער ווייטער צוקונפט, אָפּגערוקט אויף אַ יאָר: צוועלף חדשים איז איצט געווען ביז צו דער צײַט, ווען דער יום־טוב וועט צוריקקומען אין דעם אייביקן לויף — אייגנטלעך בלויז זיבן חדשים מער, וויפל האַנס קאַסטאָרפּ איז שוין געזעסן דאָ.

אָבער תיכף נאָך דעם היי־יאָריקן יום־טוב, נאָך פאַר ניי־יאָר, איז, הייסט עס, געשטאָרבן דער אַריסטאָקראַט. די קראַנקע זײַנען עס

---

* דאָס שיינע זינגען (איטאַליעניש).

ייקער קוניק, דערביי האָבן זיך אירע אויגן צוזאַמענגעצויגן און איר מויל איז געווען אָפן, האַנס קאַסטאָרפּ האָט געדענקט, אַז אַקוראַט אַזוי האָט אויסגעזען היפּפּע, בעת ער פלעגט לאַכן.

באַלד נאָכדעם, ווי דער שעה איז אַוועקגעגאַנגען, האָט מען זיך אַוועקגעזעצט צו די שפּיל־טישן. דער היטישער עולם האָט, ווי אַלעמאָל, פאַרנומען דעם קליינעם סאַלאָן. עטלעכע געסט זיינען געשטאַנען אין סאַלאָן אַרום דעם ווייַנאַכט־בוים, האָבן זיך צוגעקוקט, ווי די ליכט גייען אויס אין זייערע קליינע מעטאַלענע רערלעך און האָבן גענאַשט פון דעם זיסוואַרג, וואָס האָט דאָרטן געהאַנגען. ביי די טישן, וואָס זיינען שוין געדעקט געווען צום ערשטן פרישטיק, זיינען געזעסן איינצלנע מענטשן, ווייט אָפּגערוקט איינער פונם צווייטן, אין פאַרשיידענע פּאָזיציעס און האָבן אָפּגעזונדערט געשוויגן.

דער ערשטער ווייַנאַכט־טאָג איז געווען אַ פייכטער און נעפּלדיקער. מ׳געפינט זיך ממש צווישן וואָלקנס — האָט בערענס געזאָגט. קיין נעפּלען זיינען נישט פאַראַן דאָ אויבן. אָבער צי וואָלקנס, צי נעפּל — אַלנפאַלס האָט מען געפילט די נאַסקייט. דער ליגנדיקער שניי האָט אַ ביסל געשמאָלצן אויבערפלעכלעך, געוואָרן צעלעכערט און קלעביק. דאָס פּנים און די הענט זיינען בעת ליג־קוראַציע אַ סך פיינלעכער שטייף געוואָרן, ווי בעת אַ זוניקן פראָסט.

דער דאָזיקער טאָג איז אויסגעצייכנט געוואָרן דורך אַ מוזיקאַלישן אָוונט, אַן אמתדיקער קאָנצערט, איינגעאָרדנט דורך דער באַנאַטאָריע „בערגהאָף“ פאַר די פּאַציענטן, מיט שורות שטולן פאַר פּובליקום און מיט געדרוקטע פּראָגראַמען. ס׳איז געווען אַ לידער־אָוונט, געגעבן פון אַ פרוי, אַ פּראָפעסיאָנעלע זינגערין, וואָס וווינט דאָ אין שטעטל און גיט לעקציעס. אין דער זייט, אונטער דעם אויסשניט פון איר באַל־קלייד האָבן געהאַנגען צוויי מעדאַלן, אָרעמס האָט זי געהאַט, ווי דרענגער, און אין דער כאַראַקטעריסטישער טאָנלאָזיקייט פון איר שטים האָט מען זיך געקאָנט אָנשטויסן צוליב וואָס פאַר אַ נישט־פריילעכע סיבות זי האָט זיך דאָ באַזעצט. זי האָט געזונגען:

איך טראָג מיין ליבע
מיט מיר אַהים.

און אָפּשיי פֿאַר ליידן. דער אַריסטאָקראַט איז דאָך סוף־כּל־סוף געשטאָרבן. ממילא איז דאָ נישטאָ קיין אָרט פֿאַר קיין שום שפּאַס און מען דאַרף זיך האַלטן ערנסט, און אַז פֿאַר אַ שטאַרבנדיקן דאַרף מען האָבן דעם גרעסטן דרך־ארץ און יראת־הכּבֿוד — דערין האָט זיך האַנס קאַסטאָרפּ געהאַלטן פֿעסט. ער וויל בלויז האָפֿן, אַז אויף דעם אַריסטאָקראַט האָט בערענס נישט אָנגעשריגן און אים נישט מבֿזה געווען אין די לעצטע מינוטן? ס'איז נישט געווען קיין סיבה דערצו — האָט דערקלערט די פֿריילין שילדקנעכט. אַ קליינעם, אומבאַרעכנטן פּרווו צו אַנטלויפֿן האָט אַפֿילו לעצטנס יאָ געמאַכט דער אַריסטאָקראַט און געוואָלט אַרויסשפּרינגען פֿון בעט, אָבער אַ לייכטע באַמערקונג, אַז דאָס האָט נישט קיין צוועק, איז גענוג געווען, ער זאָל איינמאָל פֿאַר אַלעמאָל זיך אָפּזאָגן דערפֿון.

האַנס קאַסטאָרפּ איז געגאַנגען אָנקוקן דעם מת. ער האָט עס געטאָן אויף צו־להכעיס דעם היגן מנהג צו מאַכן אַ סוד פֿון אַזעלכע זאַכן. צו דעם עגאָיסטישן מאַכן זיך נישט־וויסנדיק, נישט־זעענדיק, נישט־הערנדיק פֿון דעם עולם האָט ער געפֿילט אַ ביטול און דערפֿאַר געוואָלט טאָן דאָס סאַמע פֿאַרקערטע. ביים טיש האָט ער אַפֿילו געפּרוווט ריידן וועגן דעם טויט־פֿאַל, אָבער ער האָט זיך אָנגעטראָפֿן אויף אַזאַ איינשטימיקן און פֿאַרעקשנטן ווידערשטאַנד, אַז ער האָט זיך פֿאַרשעמט און ס'האָט אים פֿאַרדראָסן. די פֿרוי שטער האָט פּשוט אַרויסגעוויזן גראָבקייט. וואָס פֿאַלט אים איין צו ריידן וועגן אַזעלכע זאַכן — האָט זי געפֿרעגט — און וואו אייגנטלעך האָט מען אים דערצויגן. די אָרדענונג פֿון דער סאַנאַטאָריע שיצט זי, די פּאַציענטשאַפֿט, זאָרגעוודיק דערפֿאַר, אַז זי זאָל זיך נישט דאַרפֿן באַרירן מיט אַזעלכע מעשׂיות. צום סוף קומט גאָר אַזאַ יינגל און רעדט וועגן דעם הויך, דערצו נאָך ביים בראָטן און אין דער קעגנוואַרט פֿון ד"ר בלומענקאָל, וועלכן ס'קאָן יעדן טאָג טרעפֿן (דאָס צווישן זיך געשמועסט). אויב אַזאַ זאַך וועט זיך איבערחזרן, וועט זי זיך מוזן פֿאַרקלאָגן. טאַקע אין דעם מאָמענט האָט דער פֿאַרשריגענער האַנס קאַסטאָרפּ באַשלאָסן — און אויך עס אַרויסגעזאָגט — אָפּצוגעבן דעם געשטאָרבענעם שכן דעם לעצטן כּבֿוד דער־

געוואָר געוואָרן פֿון אַלפֿרעדאַ שילדקנעכט, וועלכע מ׳האָט גערופֿן די שוועסטער בערטאַ, — די פֿלעגערין פֿון דעם אָרעמען פֿריץ ראָטביין. זי האָט זיי דערציילט פֿון דעם סוד אין קאָרידאָר. האַנס קאַסטאָרפּ האָט זיך שטאַרק איבערגעטײען דערפֿון, אַ ביסל דערפֿאַר, ווייל דעם אַריסטאָקראַטס הוסטן האָט געהערט צו די סאַמע ערשטע איינדריקן, וועלכע ער האָט דאָ אויבן באַקומען. אים האָט זיך געדאַכט, אַז צוליב אָט־דעם הוסט האָט ער דאָס דעמאָלט צום ערשטן מאָל געקריגן יענע היץ אין פּנים, וועלכע איז מער נישט אָפּגעטרעטן. אַ ביסל האָט ער זיך אויך איבערגענומען צוליב מאָראַלישע — מ׳וואָלט געקאָנט זאָגן: גייסטלעכע סיבות. ער האָט לאַנג פֿאַרהאַלטן יאָאַכימען אין אַ שמועס מיט דער שוועסטער, וועלכע איז געווען אַזש צודרינגלעך דאַנקבאַר, וואָס זי קאָן זיך סוף־כּל־סוף דורכשמועסן. ס׳איז פּשוט אַ נס — האָט זי געזאָגט — וואָס דער אַריסטאָקראַט האָט דערלעבט דעם יום־טובֿ. ער האָט זיך שוין לאַנג געהאַלטן, ווי אַ פֿעסטער קאַוואַלער, אָבער ס׳איז אוממעגלעך געווען צו פֿאַרשטיין, מיט וואָס ער האָט געאָטעמט די לעצטע צייט.. מעג לאַנג האָט ער זיך געהאַלטן בלויז מיט דער הילף פֿון ריזיקע מאָסן זויער־שטאָף: נעכטן אַליין האָט ער פֿאַרנוצט פֿערציק באַלאָנען, צו זעקס פֿראַנק אַ שטיק. דאָס האָט געמוזט אַ סך אָפּקאָסטן, קאָנט איר אויסרעכענען. דערבײַ מוז מען געדענקען, אַז זײַן פֿרוי, אין וועמענס אָרעמס ער איז אויסגעגאַנגען, איז געבליבן אינגאַנצן אָן מיטלען. יאָאַכימען איז נישט געפֿעלן אָט־די אויספֿרעגערײַ. צוליב וואָס טויג דאָס גאַנצע פּייניקן און צו־וואָס מיט אַזעלכע הוצאות קינסטלעך אויפֿהאַלטן דאָס לעבן, ווען אַלץ איז בחנם? אויף דעם מענטש דאַרף מען נישט האָבן פֿאַראיבל, וואָס ער האָט בלינד פֿאַרצערט דעם טייערן לעבנס־גאַז, וועלכן מ׳האָט אין אים אַרײַנגעטײַט. אָבער די דאָקטוירים וואָלט געדאַרפֿט האַנדלען שכלדיקער און אים לאָזן דערצייען צום אומפֿאַרמײַדלעכן סוף, אַלץ איינס, ווי דער פֿינאַנציעלער מצבֿ זאָל נישט אויסזען. בפֿרט נאָך, ווען די לאַגע איז אַזעלכע. די לעבעדיקע האָבן נאָך אויך אַ שטיקל דעה און אַזוי ווייטער. האַנס קאַסטאָרפּ האָט אים עקשנותדיק איבערגעשפּאַרט. יאָאַכים רעדט שוין כּמעט ווי סעטעמבריני, אָן דרך־ארץ

אומנאַטירלעכן אויפֿן פּעסט געשלאָסן, נישט צוגעמאַכט, נאָר צוגעקוועטשט — אַזוי האָט האַנס קאַסטאָרפּ געטראַכט. דאָס צומאַכן ביים טויטן די אויגן האַלט מען פֿאַר דעם לעצטן חסד, כאָטש מ׳טוט עס מער צוליב די לעבעדיקע, ווי צוליבן טויטן. מ׳מוז עס אויך טאָן באַצייטנס, באַלד נאָכן שטאַרבן. ווייל בעת אין די מוסקולן האָט זיך שוין געבילדעט מיאָזין*, קאָן מען עס מער נישט טאָן און ער בלייבט ליגן מיט אויסגעגלאָצטע בליקן און די שיינע פֿאָרשטעלונג פֿון איינגעשלאָפֿנקייט איז געשטערט.

האַנס קאַסטאָרפּ איז געשטאַנען ביי דעם מת אַ באַהאַוונטער און צוליב אַ סך טעמים געפֿילט זיך אין זיין עלעמענט. ר׳איז געווען באַהאַוונט, אָבער פֿרום. ער זעט אויס, ווי ער וואָלט געשלאָפֿן — האָט ער געזאָגט צוליב דרך־ארץ, כאָטש ס׳איז געווען אַ גרויסער אונטערשייד. דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן מיט אַ טאַקטיש־צוגעהושעט קול שמועסן מיט דער אַלמנה פֿון אַריסטאָקראַט, אויסגעפֿרעגט זיך וועגן דער קראַנקהייט פֿון איר מאַן, וועגן זיינע לעצטע טעג און רגעס און אויך וועגן דעם איבערטראַנספּאָרטירן דעם מת קיין קאַרינטיע, וואָס האָט געדאַרפֿט פֿאָרקומען. דערביי האָט ער אַרויסגעוויזן אַזוי אַ מעדיצינישע, אַזוי אַ גייסטלעך־עטישע פֿאַראינטערעסירטקייט און גענישטשאַפֿט. די אַלמנה האָט אים געענטפֿערט מיט איר עסטרייכיש־שלעפּנדיקן און פֿאָנפֿעוואַטע לשון, דערביי האָט זי פֿון צייט צו צייט געטאָן אַ שלוכץ. זי האָט עס געהאַלטן פֿאַר מערקווערדיק, וואָס זיי, יונגעליים, זיינען אויפֿגעלייגט צו פֿאַרנעמען זיך מיט פֿרעמדע צרות. דערויף האָט האַנס קאַסטאָרפּ געענטפֿערט, אַז ביי ער, סיי זיין קוזין זיינען אַליין קראַנקע, וואָס ס׳איז נוגע אים אַליין, האָט ער גאָר פֿרי בייגעוואוינט דעם טויט פֿון נאָענטע. ער איז אַ טאָפּלטער יתום און ער איז מיטן טויט פֿון לאַנג היימיש, אויב מ׳קאָן זיך אַזוי אויסדריקן. וואָס פֿאַר אַ פּראָפֿעסיע האָט ער אויסגעקליבן? — האָט זי געפֿרעגט. ער האָט איר געענטפֿערט, אַז ר׳איז „געוועזן“ אַ טעכניקער. — „געוועזן“? — געוועזן אין דעם

* מיאָזין אָדער מוסקול־פֿיברין איז אַן איינוייס־שטאָף, וואָס ווערט גערינען און איז גורם ביי טויטע דאָס פֿאַרשטייפֿן פֿון די מוסקולן.

מיט, וואָס ער וועט צו אים אַריינגיין און אָפּריכטן ביי זיין געלעגער אַ שטילע תּפֿילה. ער האָט אַפילו געפּועלט ביי יאָאַכימען, ער זאָל דאָס אויך טאָן.

דורך דער שוועסטער אַלפֿרעדאַס פֿאַרמיטלונג איז זיי געלונגען אַריינצוקומען אין דעם טויטן־צימער, וואָס האָט זיך געפֿונען אויפֿן ערשטן שטאָק אונטער זייערע אייגענע צימערן. ס'האָט זיי אויפֿגענומען די אַלמנה, אַ קליינע, צעשויבערטע, נישט־אויסגעשלאָפֿענע בלאָנדינע, מיט אַ טאַשן־טיכל צוגעדריקט צום מויל, מיט אַ רויטער נאָז און אין אַ דיקן פֿלעד־מאַנטל מיט אַן אויפֿגעשטעלטן קאָלנער, ווייל אין צימער איז געווען זייער קאַלט. די הייצונג האָט מען דאָרטן אָפּגעשטעלט, די באַלקאָן־טיר איז געווען אָפֿן. די יונגעלייט האָבן שטילערהייט געזאָגט, וואָס מ'זאָגט געוויינטלעך אין אַזאַ פֿאַל. די אַלמנה האָט זיי אַ באַצערטע געוויזן מיט דער האַנט צום בעט צו. זיי זיינען צוגעגאַנגען מיט יראַת־הכּבֿודיק־וויגנדיקע טריט, אויף די נעגל און האָבן זיך אַוועקגעשטעלט ביים מת, יעדער אויף זיין שטייגער. יאָאַכים איז געשטאַנען מיליטעריש און מיט צוזאַמענגערוקטע פּיס, אין אַ סאַלוטירנדיק האַלב־פֿאַרבויגונג, האַנס קאַסטאָרפּ איז געשטאַנען אָפּגעלאָזן און איינגעבויגן, די הענט — פֿאַרבראָכן פֿאַר זיך, מיטן קאָפּ אויפֿן אַקסל. אַ מינע האָט ער דערביי געמאַכט, ווי בעת ער פֿלעגט הערן מוזיק. דעם אַריסטאָקראַטס קאָפּ איז געלעגן הויך־אונטערגעבעט, אַזוי, אַז דער קערפּער — אָט־דער פּועל־יוצא פֿון חורות־לאַנגער אַנטוויקלונג און אומצאָליקער פּרוכפּערונג — מיט די אויסגעשפּיצטע פֿיס ביים סוף הינטער דער קאָלדרע, האָט אויסגעזען פֿלאַטשיק, ווי אַ ברעט. דאָרטן, וווּ ס'דאַרפֿן זיין די קני, איז געלעגן אַ בוקעט בלומען און די פּאַלמע־צווייג, וואָס האָט אַרויסגעשטאַרט דערפֿון, האָט אָנגערירט די גרויסע, געלע, ביינעריקע הענט, וואָס זיינען געלעגן צונויפֿגעלייגט אויף דער איינגעפֿאַלענער ברוסט. געל און ביינעריק איז אויך געווען דאָס פּנים מיט דעם גאָלן שאַרבן, מיט דער פֿאַרבויגענער נאָז, מיט די שאַרפֿע באַקן־ביינער און מיט די געדיכטע רויטע וואָנצן, וואָס צוליב זייער דיקקייט האָבן די גרויע נישט־געגאָלטע לעכער פֿון די באַקן אויסגעזען נאָך איינגעפֿאַלענער. די אויגן זיינען געווען עפּעס אויף אַן

מערדיש געזאַנג. סעטעמברינין וואָלט עס נישט געפעלן. עס איז נישט פאַר קיין הומאַניסטן און רעפּובליקאַנער און פאַר אַזעלכע פּעדאַגאָגן. עס איז פון אַ אַנדערער גייסטיקער ריכטונג, וועלכע איז אויך פאַראַן. איך האַלט, אַז מ'דאַרף זיך קלאָר מאַכן די פאַרשיידענע גייסט-ריכטונגען, אָדער בעסער געזאָגט: גייסט-שטימונגען. ס'זיינען פאַראַן פרומע און פרייע. זיי האָבן ביידע זייערע מעלות. אויב ס'ליגט מיר עפּעס אויפן האַרץ קעגן דער פרייער, דער סעטעמברי-נישער, מיין איך, איז עס בלויז דאָס, וואָס זי וויל אינגאַנצן נעמען אין אַרענדע דעם מענטשלעכן ווערט. דאָס איז שוין איבערגעטריבן. די אַנדערע ריכטונג האָט אויך אויף איר שטייגער אַ סך מענטשלעכן ווערט און איז דער גורם פון אַ סך פיינקייט, גוטער האַלטונג און איידע-לע מידות, אפשר מער פון דער „פרייער“ ריכטונג, הגם זי האָט אינזינען די מענטשלעכע שוואַכקייטן און געפאַלנקייט אין דער גנאַדע וועגן טויט און צעפאַלונג שפּילט דאָ אַזאַ וויכטיקע ראָל. צי דו האָסט געזען אַמאָל אין טעאַטער „דאָן קאַרלאָס“ און ווי ס'גייט אויס אין שפּאַ-נישן הויף, ווען דער קיניג פיליפּ קומט אַריין, אינגאַנצן אין שוואַרצן, מיט דעם אָרדער פון „הויזן-באַנד“ און מיט דעם אָר-דער פון דער „גאָלדענער וואָל“, ציט אַראָפּ פּאַמעלעך דעם הוט, וואָס זעט שוין כמעט אויס, ווי אונזערע מעלאָנען, גיט אים אַזאַ צי אין דער הייך און זאָגט: „טוט אָן די היטן, מיינע גראַנדן“, אָדער עפּעס ענלעכס. דאָס אַליץ איז אין דער העכסטער מדרגה איבגערעכנט, מוז מען מודה זיין, פון קיין שלימזלדיקייט און אָפּגעלאָזנקייט קאָן דאָ קיין רייד נישט זיין. פאַרקערט. די קיניגין זאָגט טאַקע הייך: „אין מיין פראַנקרייך איז דאָך געווען אַנדערש“. אוודאי, פאַר איר איז עס צו אַקוראַט און צערעמאָניאַל. זי וואָלט געוואָלט, ס'זאָל זיין לייכטער, מענטשלעכער. אָבער וואָס איז מענטש-לעך? מענטשלעך איז אַליץ. דאָס שפּאַנישע גאָטספאָרכטיקע, הכנעה-דיק-פייערלעכע און שטרענג-אָפּגעמאָסטענע איז זייער אַ ווערדיקער פאַכאָן פון מענטשלעכקייט, אַזוי מיין איך. פון דער אַנדערער זייט קאָן מען מיט דעם וואָרט „מענטשלעך“ פאַרדעקן יעדן מין שלימ-מזלדיקייט און אָפּגעלאָזנקייט. וועסט מודה זיין, אַז כ'בין גערעכט.

זין, וואָס אינדערמיט איז אַריינגעפאָרן די קראַנקהייט און ער מוז
אַ אומבאַשטימטע צייט דאָ בלייבן. דאָס איז אַ באַדייטנדיקער אי-
בערהיים און מעגלעך אַפילו אַ ווענד-פונקט אין לעבן. וואָס קאָן
מען וויסן (יאָאַכים האָט אים דערביי אָנגעקוקט מיט פאָרשנדי-
קער שרעק. און וואָס איז מיט אַייער קוזין? — ער וויל ווערן אַ
כאָלדאַט אין פלאַכלאַנד, ער איז אַן אָפיציר-אַספּיראַנט. — אָ —
האָט זי געענטפערט — די מלאכה פון קריג איז אויך אַ פּראָפעסיע,
וואָס נייגט צו ערנסטקייט. אַ סאָלדאַט מוז זיך רעכענען דערמיט,
אַז ס'וועט אים אויסקומען צו קומען אין אַ נאָענטער באַרירונג מיטן
טויט און ער טוט דערפאַר גוט, וואָס ער געוויינט זיך באַצייטנס
צו אים אָנצוקוקן. זי האָט געזעגנט די יונגעלייט מיט אַ דאַנק
און מיט אַ פריינדלעכקייט, וועלכע האָט אַרויסגערופן הרך-ארך, ווען
מ'האָט גענומען אין חשבון איר טרויעריקן מצב און באַזונדערס די
חובות פאַר זויער-שטאָף, וואָס איר מאַן האָט איבערגעלאָזט. די
קוזינען זיינען צוריק אַרויף מיט די טרעפּ. האַנס קאַסטאָרפּ האָט
אויסגעזען צו זיין צופרידן פון דעם באַזוך און גייסטלעך-אָנגע-
רעגט פון די איינדריקן, וואָס ער האָט באַקומען.

Requiescat in pace* — האָט ער געזאָגט: Sit tibi terra levis**. Requiem aeternam dona ei, Domine***.
זעכסטו, ווען ס'גייט וועגן טויט און ווען מ'רעדט צו אַ טויטן
אָדער וועגן אַ טויטן, שטייט ווידער לאַטיין אויפן טאָג-אָרדענונג. דאָס
איז די אָפיציעלע שפּראַך אין אַזעלכע פאַלן, דערביי פילט מען,
אויף ווי וייט דער טויט איז אַ גאַנץ באַזונדערער ענין. אָבער נישט
צוליב הומאַניסטישער קורטואַזיע רעדט מען לכבוד דעם מת אויף
לאַטיין. די שפּראַך ביים טויטן איז נישט קיין שול-לאַטיין, פאַר-
שטייסטו, נאָר פון אַ גאַנץ אַנדערן גייסט, פון אַ גאַנץ פאַרקערטן,
קאָן מען אַפילו זאָגן. דאָס איז סאַקראַל-לאַטיין, מאָנאַכן-לאַטיין,
מיטלאַלטער, אין אַ געוויסער מאָס — אַזאַ טעמפּ, איינטאַטיק, אונ-

---

* זאָל ער רוען אין שלום.
** די ערד זאָל דיר לייכט זיין.
*** אייביקע רו גיב אים, האר.

מאָלט? אים זאָג איך עס נישט, נאַטירלעך. ער פֿאַרהערט מיך פֿון קאָפּ ביז די פֿיס מיט זיינע בילדלעכע דיבורים און טענהט: איך וואָרן אייך, אינזשעניר! אָבער טראַכטן קאָן מען, ווי אַזוי מ׳וויל. „סירע, גיט אונז געדאַנקען־פֿרייהייט“*. איך וויל דיר עפּעס זאָגן. מיט די דאָזיקע ווערטער פֿאַרענדיקט ער (זיי זיינען אַריין אין יאָאַכימס צימער און יאָאַכים גרייט זיך צו צו מאַכן ליג־קוראַציע).— איך וועל דיר זאָגן, וואָס איך האָב מיר פֿאָרגענומען צו טאָן: מ׳לעבט דאָ אַזוי טיר־ביי־טיר מיט שטאַרבנדיקע מענטשן און מיט די שווערסטע יסורים און פּיין. אָבער נישט בלויז מ׳מאַכט זיך, גלייך ס׳וואָלט אינגאַנצן נישט אָנגעגאַנגען, נאָר מ׳ווערט אויך געשיצט און אָפּגעהיטן דערפֿון, מ׳זאָל דערמיט נישט האָבן די מינדסטע שייכות און מ׳זאָל עס לחלוטין נישט אָנקוקן. דעם אַריסטאָקראַט וועט מען מכּתמא אויך אַזוי בכּבוד אַרויסגעמען, בשעת מיר וועלן עסן אָוונט־ברויט אָדער פֿרישטיק. איך האַלט, אַז דאָס איז אוממאָראַליש. די שטער איז געוואָרן מלא־רציחה, פֿאַרוואָס כ׳האָב בלויז דערמאָנט וועגן דעם פֿאַל מיטן אַריסטאָקראַט. דאָס איז שוין צו נאַריש. אויב זי איז שוין טאַקע אַזאַ עם־האָרץ און מיינט, אַז „לייזע, לייזע, פֿראָממע ווייזע**“ איז אין „טאַנהייזער“, ווי זי האָט דאָ ניט לאַנג געזאָגט ביים טיש — וואָלט זי כאָטש געדאַרפֿט פֿילן זיך אַ ביסל מאָראַלישער, און אַנדערע — אויך. איך האָב מיר פֿאָרגענומען אין דער צוקונפֿט מער צו געדענקען וועגן די שווער־און מכוּבֿן־קראַנקע פֿון דער סאַנאַטאָריע. דאָס וועט מיך באַפֿרידיקן. פֿון אונדזער איצטיקן באַזוך בין איך אין אַ געוויסער מאָס אויך צופֿרידן. דער אָרעמער רייטער דעמאָלט, פֿון נומער 25, וועלכן כ׳האָב אין די ערשטע טעג פֿון מיין אָנקומען איינמאָל געזען דורך דער טיר. איצט איז ער שוין זיכער אויך אַוועק אַד פּענאַטעס*** און מ׳האָט אים אַרויסגענומען בסוד. ער האָט שוין דעמאָלט געהאַט אַזעלכע

---

* די ווערטער פֿון מאַרקאַ פּאָזאַ צו קיניג פֿיליפּ אין שילערס „דאָן קאַרלאָס“.

** די ווערטער קומען פֿאָר אין וועבערס אָפּערע „דער פֿרייער שיסער“.

*** צו די געטער = אויפֿן עולם האמת.

— דערויף גיב איך דיר גערעכט — זאָגט יאָאַכים. — שלימזלדיקייט און אָפּגעלאָזנקייט קאָן איך אויך נישט ליידן. דיסציפּלין מוז זיין.

— יאָ, דו זאָגסט עס, ווי אַ מיליטער־מענטש, און כ'בין מודה, אַז ביים מיליטער פאַרשטייט מען זיך אויף אַזעלכע זאַכן. די אַלמנה איז גאַנץ גערעכט געווען, וואָס זי האָט געזאָגט וועגן אייער מלאכה, אַז ס'איז אַן ערנסטער ענין. ווייל איר מוזט אַלעמאָל גרייט זיין אויף דעם ערגסטן פאַל און אויך דערויף, איר זאָלט קומען אין באַריהרונג מיטן טויט. איר טראָגט אַן אוניפאָרם, וואָס איז שמאָל און זויבער און האָט אַ שטייפן קראַגן. דאָס גיט אייך צו בכבודיקייט. אַחוץ דעם האָט איר ראַנגען, דיסציפּלין, און איר גיט אייך אָפּ צערעמאָניאַלע כיבודים איינער דעם צווייטן. דאָס איז אין שפּאַנישן גייסט, דער גייסט פון פרומקייט. אין תוך געפעלט עס מיר טאַקע. ביי אונז ציווילסטן וואָלט אויך מער געדאַרפט הערשן דער דאָזיקער גייסט, אין אונזערע מידות און פירונגען, איך וואָלט געהאַט אַ הנאה דערפון, עס וואָלט געווען פּאַסיק. איך האַלט, אַז די וועלט און דאָס לעבן איז געשטעלט אַזוי, אַז אַלע זאָלן גיין אָנגעטאָן אין שוואַרצן, מיט אַ געקראָכמאַלעטער האַלז־קריז אָנשטאָט אַ קראַגן און מ'זאָל ערנסט און צערעמאָניעל באַנעמען זיך, האָבנדיק אינזינען דעם טויט — אַזוי וואָלט געווען אין מיינע אויגן גוט, ס'וואָלט געווען מאָראַליש. זעכסט, דאָס איז אויך אַ טעות און אַ איינגערעדטקייט מצד סעטעמברינין, נאָך איין טעות און ס'איז גאַנץ גוט, וואָס כ'בין געקומען דערויף אין דעם שמועס. נישט בלויז די מענטשלעכע ווערדע האָט ער, ווי ס'דאַכט זיך אים, גענומען אין אַרענדע, נאָר אויך די מאָראַל און דאָס אַלץ: מיט זיין „פּראַקטישער לעבנס־אַרבעט", מיט זיינע זונטאָגדיקע פּראָגרעס־פייערונגען (גלייך דווקא זונטאָג האָט מען שוין וועגן גאָרנישט צו טראַכטן, אַחוץ וועגן פּראָגרעס) און מיט זיין סיסטעמאַטישער אויסראָטונג פון די ליידן. דו ווייסט, אַגב, גאָרנישט וועגן דעם, אָבער מיר האָט ער עס צוליב פּעדאַגאָגישע טעמים דערציילט. ער וויל זיי אויסראָטן סיסטעמאַטיש, מיט דער הילף פון אַ לעקסיקאָן. און ווי איז, אַז גראָד דאָס זעט מיר אויס צו זיין אוממאָראַליש? וואָס איז דע-

די דאזיקע באדערפעניש. עס האט געוואלט זיין א קעגנגעוויכט קעגן
די אלע באליידיקונגען, אויף וועלכע זיין געפיל איז געווען אויס=
שטעלט אויף טריט און שריט, יעדן טאג און יעדע שעה. בע=
טעמברינים געוויסע מיינונגען האבן דאס אלץ נאך מער פאר=
שטארקט. ביישפילן זיינען געווען זייער א סך. ווען מ׳וואלט האנס
קאסטארפן געווען געפרעגט, וואלט ער זיך קודם=כל געמוטן ריידן
וועגן אזעלכע פערזאנען פון „בערגהאף“, וואס זיינען לכל=הדעות
בכלל נישט קראנק געווען און האבן דא געלעבט אינגאנצן פריי=
וויליק, אונטער דעם אפיציעלן תירוץ, אז די לונגען זיינען ביי זיי
לייכט פארנומען. פאקטיש האבן זיי עס געטאן צוליב פארגעניגן
און דערפאר, ווייל דאס לעבן אין דער סאנאטאריע איז זיי גע=
פעלן. א ביישפיל האט געקאנט זיין די שוין=דערמאנטע אלמנה
האסענפעלד, א לעבעדיקע פרוי, וואס האט געהאט א ליידנשאפט
צו וועטן זיך. זי האט זיך געוועט מיט די מענער, האט זיך גע=
וועט וועגן אלץ און אין אלץ, האט זיך געוועט, וואס פאר א
וועטער ס׳וועט זיין, וואס פאר א מאכלים מ׳וועט דערלאנגען, וועגן
די רעזולטאטן פון דער גענעראל=אונטערזוכונג און דערויף, וויפל
חדשים מ׳וועט יעדן איינעם צולייגן. זי האט זיך געוועט וועגן די
נביעות פון באב=און אייז=שליטנס, ווען די רעזולטאטן פון גליטשער=
אדער סקי=גייען אדער אנדערע ספארט=גייען, וועגן דעם אפלויף
פון ניי=אנגעהויבענע ליבעס צווישן די געסט און אויף הונדערט
אנדערע זאכן, אפט גאנץ נישטיקע און גלייכגילטיקע ענינים. זי
האט זיך געוועט אין שאקאלאד, אין שאמפאניער און קאוויאר,
איבער וועלכע מ׳האט דערנאך געפראוועט א סעודה אין רעסטא=
ראן, זי האט זיך געוועט אין געלט, אין קינא=בילעטן און אפילו
אין קושן — צו געבן און צו קריגן. בקיצור, זי האט מיט אט=
דער ליידנשאפט אריינגעברענגט א סך געשפאנטקייט און לעבן אין
עס=זאל, אבער דער יונגער האנס קאסטארפ האט איר פירונג גע=
האלטן פאר ווייניק ערנסט, נאך מער, אים האט איר זיין דא אויס=
געוויזן, ווי א פחיתת=הכבוד פאר א סאנאטאריע פון ליידנדיקע
מענטשן.

משונה-גרויסע אויגן. אָבער ס'זיינען נאָך דאָ אַנדערע, די סאַנאַטאָריע איז פול און מ'האַלט אין איין צוקומען. די שוועסטער אַלפרעדאַ, אָדער גאָר די אייבערין, אָדער אַפילו בערענס אַליין וועלן אונז זיכער זיין בייהילפיק אָנצוקניפן באַציִונגען מיט דעם אָדער יענעם שווער-קראַנקן. דאָס וועט נישט אָנקומען שווער. לאָמיר אָננעמען, אַז ביי אַ מסוכן-שלאַפן איז געבורטס-טאָג און מיר ווערן געוואָר — אַזעלכע זאַכן קאָן מען זיך דערהערן. גוט, מיר שיקן צו אָט-דעם קראַנקן — אים אָדער איר, ווער ס'איז — אַ וואַזאָן מיט בלומען אין צימער אַריין; אַן אויפמערקזאַמקייט פון צוויי אומבאַקאַנטע קאָלעגן — מיר ווינטשן אַ רפואה-שלמה. אַ רפואה שלמה איז אַלעמאָל אויפן אָרט און העפלעך. פאַרשטייט זיך, אַז מ'וועט יענעם זאָגן, ווער מיר זיינען און ער אָדער זי וועט אונז פון קראַנקן-בעט איבערשיקן דורך דער טיר אַ פריינדלעכן גרוס, אָדער אפשר וועלן מיר גאָר קאָנען אויף אַ ווײַלע אַריינגיין אין צימער און וועלן קאָנען מיט אים רייִדן עטלעכע מענטשלעכע ווערטער, איידער ער שטאַרבט אָפּ. אַזוי שטעל איך עס מיר פאָר. דו ביסט נישט מסכים? איך פון מיין זייט האָב עס אַלנפאַלס באַשלאָסן.

יאָאַכים האָט, אין גרונד גענומען, נישט געהאַט אַ סך פאַרצוואַרפן קעגן דעם דאָזיקן פּלאַן. — עס איז קעגן דער אָרדענונג פון דער סאַנאַטאָריע — האָט ער געזאָגט. — אין אַ געוויסער מאָס וועט עס הייסן, אַז דו ברעכסט דעם סדר. אָבער אין אַן אויסנאַם, אויב וועסט אַמאָל שטאַרק וועלן, וועט דיר מסתמא בערענס געבן אַ דערלויבעניש, מיין איך, דו קאָנסט זיך אויך פאַררופן אויף דיין אינטערעס צו מעדיצין.

— יאָ, צווישן אַנדערן אויך דערויף — האָט געזאָגט האַנס קאַסטאָרפּ, ווייל זיין וואונטש איז פּראַקטיש אַרויסגעוואַקסן פון פאַרוויקלטע מאָטיוון. דער פּראָטעסט קעגן דעם הערשנדיקן עגאָיזם איז בלויז געווען איינער פון זיי. אַ סך האָט דאָ געווירקט אויך זיין גייסטיקע באַדערפעניש צו נעמען ערנסט ליידן און טויט און צו האָבן דרך-ארץ פאַר זיי. מיט זיין דערנענטערונג צו די שווער- און מסוכן-קראַנקע האָט ער געוואָלט באַפרידיקן און פאַרשטאַרקערן

ער האָט נישט געקאָנט טראַכטן וועגן אַדוואָקאַט און נישט גע-
דענקען דערבײַ אין פראַנקע אָבערדאַנק, יענע גלאַט-האָריק טעב-
טערל, וואָס איז אַרויפגעבראַנגט געוואָרן אַהער מיט עטלעכע וואָכן
צוריק פון איר מוטער, אַ בכבודיקע דאַמע פון דער פּראָווינץ. בײַם
אָנקומען און נאָך דער ערשטער אונטערזוכונג האָט מען געהאַלטן,
אַז פראַנקע אָבערדאַנק איז לײַכט קראַנק. אָבער — צי זי איז באַגאַנ-
גען עפּעס אַ פעלער, אָדער אין איר פאַל איז די לופט באַלד אָנ-
אָנהייב נישט אַזוי ווייט גוט געווען קעגן דער קראַנקהייט, ווי
קודם-כל פאַר דער קראַנקהייט, אָדער די קליינע איז פאַרפּלאָנ-
טערט געוואָרן אין עפּעס אַ אינטריגע און אין אַ אויפרעגונג, וועלכע
האָט איר געשאַדט, — אַ פאַקט איז, אַז: פיר וואָכן נאָך איר
קומען האָט זי אַמאָל אַרײַנקומענדיק אין עס-זאַל אַ וואָרף געטאָן
איר האַנט-טעשל אין דער לופט און אַ רוף געטאָן הויך: הורראַ,
אַ יאָר מוז איך דאָ בלײַבן!! אין גאַנצן זאַל איז געוואָרן אַ
הילכיק געלעכטער. אָבער פערצן טעג שפּעטער האָט זיך פאַר-
שפּרייט די ידיעה, אַז דער אַדוואָקאַט אײַנהויף איז זיך באַגאַנגען
מיט פראַנקע אָבערדאַנק ווי אַן אויסוואורף. דעם האָזיקן אויס-
דרוק באַנוצן מיר, אַגב, אויף אונזער אייגענעם חשבון אָדער אויף
האַנס קאַסטאָרפּס. ווײַל פאַר יענע, וואָס האָבן צעטראָגן די ידיעה,
איז זי גאָרנישט געווען אַזוי אויסטערליש, זיי זאָלן דאַרפן באַנוצן
אַזאַ שאַרפע באַצייכענונג. מ'האָט געשאָקלט מיט די אַקסלען און
געגעבן צו פאַרשטיין, אַז אַזאַ זאַך מוז אָפּגעטאָן ווערן דורך צוויי
און אַז זי איז מסתמא נישט אָפּגעטאָן געוואָרן קעגן דעם ווילן
פון איין צד. אַלנפאַלס האָט פרוי שטער אַזוי געקוקט אויף דעם
ענין און אַזעלכע איז געווען איר עטישע אויפפאַסונג.

קאַראָלינע שטער איז געווען שרעקלעך. אויב עפּעס האָט גע-
שטערט דעם יונגן האַנס קאַסטאָרפּ אין זײַנע ערלעך-געמיינטע
גײַסטיקע באַמיִונגען, — איז עס געווען די עקסיסטענץ און מהות פון
אָט דער פרוי. ס'וואָלטן אַפילו געקלעקט דערויף בלויז אירע עס-
האַרצישע צאַצקעס: אָנשטאָט „גסיסה“ האָט זי באַנוצט — „אַגאָ-
ניע“. אויב זי האָט עמעצן געוואָלט זאָגן, אַז ער איז אַ חוצפּה-
ניק, האָט זי אים גערופן „אינסאָלווענט“. וועגן די אַסטראָנאָמישע

וואָרעם ער האָט אינערלעך און איפּריכטיק געשטרעבט דערצו, צו שיצן דעם כבוד פון די ליידנדיקע, ווי שווער דאָס זאָל נישט זיין פאַר עמעצן, וואָס איז שוין דאָ כמעט אַ האַלב יאָר צווישן דעם עולם. די באַאָבאַכטונגען, וועלכע ער האָט כסדר געמאַכט בנוגע זייער לעבן און פירונג, מידות און מיינונגען, האָבן ווייניק נע־שטימט מיט זיין גוטן ווילן. ס'זיינען דאָ געווען יענע צוויי דאַרע פּאַציענטן, זיבעצן־און אַכצן־יעריקע, וועלכע מ'האָט גערופן „מאַקס און מאָריץ". זיי פלעגן זיך ביינאַכט אַרויסכאַפּן שפּילן אין פּאָקער, אָדער אויף אַ גלעזל משקה, און מ'האָט אין דאַמען־געזעלשאַפט געהאַט וועגן דעם אַ סך וואָס צו ריידן. ערשט נישט לאַנג, דאָס הייסט: בערך אַכט טעג נאָך ניי־יאָר (ווייל מ'מוז אינזינען האָבן, אַז בעת מיר דערציילן אַזוי, האַלט די צייט אין איין שטראָמען פאָרויס אויף איר שטילן אופן און אָן אויפהער) האָט זיך ביים פרי־שטיק פאַרשפּרייט די ידיעה, אַז דער באָד־מייסטער האָט אינדער־פרי ביידע געטראָפן ליגן אין זייערע בעטן אין צעקנאָדערטע אָוונט־אָנצוגן. האַנס קאַסטאָרפּ האָט אויך געמוזט לאַכן. אמת, אַז ער האָט עס געהאַלטן פאַר אַ בזיון, אָבער ס'איז נאָך געווען נאָר־נישט אין פאַרגלייך מיט דער געשיכטע מיטן אַדוואָקאַט איינהוף פון יוטעבאָרג, אַ פערציק־יעריקער מאַנסביל מיט אַ שפּיציק בערדל, די הענט באַוואַקסן מיט שוואַרצע האָר. זינט אַ צייט איז ער גע־זעסן אויף דעם אויסגעטיילטן שוועדס אָרט ביי סעטעמברינים טיש. ער פלעגט נישט בלויז יעדע נאַכט אַהיימקומען שיכּור, נאָר איז לעצטנס איינמאָל בכלל נישט אַהיימגעקומען און מ'האָט אים גע־פונען ליגן אויף דער לאָנקע. ער האָט געהאַט אַ שם פאַר אַ געפערלעכן גנאָף. פרזי שטער האָט אַפילו געקאָנט אָנווייזן מיטן פינגער אויף איינער אַ יונגער דאַמע (וואָס איז, אַגב, אין פלאַכ־לאַנד געווען אַ כלה פאַר עמעצן), וועלכע מ'האָט געזען אין אַ באַשטימטער שעה אַרויסגיין פון איינהופס צימער, אָנגעטאָן בלויז אין אַ פוטער, און הינטער דעם — בלויז אין אַ פּאָר רעפאָרם־הויזן. דאָס איז געווען אַ סקאַנדאַל, נישט בכלל אין מאָראַלישן זין, נאָר סקאַנדאַליעז און באַליידיקנדיק פאַר האַנס קאַסטאָרפּן פערזענלעך, צו־ליב זיינע גייסטיקע שטרעבונגען. ס'איז אָבער דערגאַנגען דערצו, אַז

שטער האָט זיך געהאַלטן דערין מיט עקשנות און געשוואָרן בײַ אַלץ אין דער וועלט, אַז ס׳איז אמת. דערבײַ איז שווער געווען צו באַגרייפֿן, ווי אַזוי זי האָט געקאָנט אָנווענדן אויף אַזעלכע זאַכן אַזוי־פֿיל ענערגיע און עקשנות, אין דער צײַט, ווען זי קאָן זיך נישט קיין עצה טאָן מיט אירע אייגענע ענינים. וואָרעם פֿון צײַט צו צײַט פֿלעגט זי קריגן ספּאַזמאַטישע אָנפֿאַלן פֿון פּחדנות און פֿאַרזאָרגטקייט. די סיבה דערפֿון האָט געזאָלט זײַן איר וואַקסנדיקע „שלאַפֿקייט“, אָדער דאָס שטײַגן פֿון איר דיאַגראַמע. זי פֿלעגט קומען צום טיש אַ שלוכצנדיקע, די פּעסטע, רויטע באַקן באַגאָסן מיט טרערן און זי האָט אַרײַנגעיאָמערט אין איר טאַשן־טיכל, אַזוי, אַז בערענס האָט געזאָגט, אַז ער וועט איר מוזן הייסן גיין אין בעט אַרײַן. זי, ווײַטער, פֿלעגט זײַן נײַגעריק צו וויסן, וואָס ער האָט געזאָגט הינטער אירע פּלייצעס וועגן איר קראַנקהייט, ווי זי האַלט אין דער וועלט; זי האָט געוואָלט קוקן דעם אמת אין פּנים אַרײַן! צו איר גרויסער שרעק האָט זי אין איינעם אַ טאָג באַמערקט, אַז איר בעט שטייט מיטן צופֿוסנס צו דער טיר און זי האָט כמעט געקריגן קראַמפֿן, בעת זי האָט געמאַכט אָט־די אַנטדעקונג. מ׳האָט ניט תּיכּף געקאָנט פֿאַרשטיין, פֿאַרוואָס זי איז אַזוי איבערגעשראָקן און מלא רציחה. דער עיקר האָט זיך נישט געקאָנט כאַפּן האַנס קאַסטאָרפּ. נו, איז וואָס? וואָס הייסט? פֿאַרוואָס זאָל דאָס בעט נישט שטיין, ווי עס שטייט? אָבער ריבונו־של־עולם, צי באַגרייפֿט ער נישט, וועגן וואָס ס׳גייט! „מיט די פֿיס צו דער טיר“...! זי האָט געמאַכט אַ ווילדן ליאַרם און מ׳האָט תּיכּף געמוזט איבערשטעלן די בעט, כאָטש פֿון איצט אָן האָט זי געמוזט פֿון קישן קוקן גלײַך אין דער ליכט אַרײַן און דאָס האָט געשטערט איר שלאָף.

דאָס אַלץ איז נישט געווען ערנסט און עס האָט ווייניק געשטימט מיט האַנס קאַסטאָרפּס גייסטיקע באַדערפֿעניש. אַ באַזונדערן אײַנדרוק האָט געמאַכט אויף דעם יונגנמאַן אַ מוראדיקער צופֿאַל, וואָס איז געשען אין דער צײַט בעת איינער אַ מאָלצײַט. אַ נײַער פּאַציענט, דער לערער פּאָפּאָוו, אַ מאָגערער און שטילער מענטש, וואָס איז געזעסן מיט זײַן כּלה — אויך אַ שטילע און אַ מאָגערע — בײַם גוטן רוסן־טיש, האָט זיך אַרויסגעוויזן פֿאַר אַן עפּילעפּטיקער.

סיבות, וואָס זיינען גורם אַליקוי-חמה, האָט זי געפּלאָפּלט די שרעקלעכסטע נאַרישקייטן. ווען די מאַסן אָנגעפאַלענעם שניי האָט זי געזאָגט, אַז ס'איז „אַן אמתע קאַפּאַציטעט". אין איינעם אַ טאָג האָט זי גורם געווען, אַז סעטעמברייני זאָל בלייבן שטיין נבהל ונשתומם: זי האָט אים דערציילט, אַז זי האָט איצט גענומען אַ בוך אין דער סאַנאַטאָריע-ביבליאָטעק, וואָס וועט אים פאַראינטערעסירן, נעמלעך: בענדעטטאָ טשענעל, אין שילערס איבערזעצונג! זי האָט זיך באַנוצט מיט אויסדרוקן, וועלכע האָבן דענערווירט דעם יונגן האַנס קאַסטאָרפּ צוליב זייער געשמאַקלאָזיקייט און מאָדיש-אָרדינערער אָפּגענוצטקייט. זי פּלעגט, צום ביישפּיל, זאָגן: „אַ געוואַלדיקע זאַך", אָדער „דו האָסט נישט קיין אַנונג". די באַצייכענונג „בלענדנד" פּלעגט דער המון אַ לאַנגע צייט באַנוצן אָנשטאָט „גלענצנד", אָדער „אויסגעצייכנט". לעצטנס האָט זיך עס שוין געהאַט איינגאַנצן אויסגעוועפּט, איז געוואָרן אָפּגעלאַקירט, פּראָסטיטויִרט און פאַרעלטערט. מילא, האָט זי זיך געוואָרפן אויף דעם סאַמע נייעסטן, אויף דעם וואָרט „תל-עולם". פון איצט אָן האָט אַלץ אויף אַן אמת אָדער אין אַ שפּאַס געמאַכט אַ „תל-עולם" — דער שליט-וועג, די מעל-שפּייז און איר אייגענע טעמפּעראַטור, דאָס איז ממש געווען עקלדיק. דערצו איז נאָך צוגעקומען איר לשון-הרע, וועלכע איז איבערגעגאַנגען יעדע גרענעץ. זי איז, אמת, אפשר אַ ביסל גערעכט געווען, ווען זי האָט דערציילט, אַז פרוי סאַלאָמאָן טראָגט היינט די טייערסטע שפּיצן-וועש, ווייל זי דאַרף היינט אונטערגעזוכט ווערן און זי גרויסט זיך פאַר די דאָקטוירים מיט איר פיינער אונטערוועש. דערין איז געלעגן אַ שטיק אמת. האַנס קאַסטאָרפּ אַליין האָט באַקומען דעם איינדרוק, אַז די פּראָצעדור פון אונטערזוכן, אומאָפּהענגיק פון רעזולטאַט, פאַרשאַפט הנאה די ווייבער און אַז זיי פּוצן זיך טאַקע דאַמאָלסט אויס מיט דער גאַנצער קאָקעטעריע. אָבער וואָס האָט מען געקאָנט זאָגן וועגן אַזאַ מין פאַרזיכערונג מצד פרוי שטער, אַז: די פרוי רעדיש פון פּויזן, וועגן וועלכער ס'איז דאָ אַ חשד, אַז זי האָט טובערקולאָז אין חוט-השדרה, מוז יעדע וואָך צען מינוט זיך אַרומדרייען ביים הויפראַט בערענס איינגאַנצן נאַקעט? די אויסגעטראַכטקייט פון אָט דער מעשה איז אַקוראַט אַזוי גרויס געווען ווי די מיאוסקייט — אָבער פרוי

אילוסטראַציע פֿון רעפּעראַט, ווי אויף עפּעס אַ זיסטע אַנטפּלעקונג און מיסטעריעזן סקאַנדאַל, אַזוי אַז אין די איבערס אַנטלויפֿן איז אויך געלעגן אַ שטיק בושה. דער הויפּראַט איז געווען בײַ דער מאָלצײַט. און ער טאַקע, צוזאַמען מיט דער מילענדאָנק און עטלעכע פֿעסטע יונגע טיש־שכנים, האָבן אַרויסגעטראָגן פֿון זאַל אין דער האַלע דעם עפּילעפּטיקער, וואָס איז געווען בלאָ, שטײַף, פֿאַרקרימט און דער שוים איז אים געראָנגען פֿון מויל. די דאָקטוירים, די איבעריגע און דער איבעריקער פּערסאָנאַל האָט זיך דאָרטן נאָך לאַנג געפּאָרעט אַרום אים. דערנאָך האָט מען אים אַוועקגעטראָגן אויף אַ טראָג־ברעט. אָבער נישט לאַנג דערנאָך האָט מען ווידער געזען פּאָפּאָוון זיצן בײַם גוטן רוסן־טיש צוזאַמען מיט זײַן כלה, בײדע מיט אַ שטילער הנאה, גלײַך ווי ס׳וואָלט גאָרנישט געשען. זײ האָבן פֿאַרענדיקט דאָס מיטאָג.

האַנס קאַסטאָרפּ האָט זיך צוגעקוקט צו דעם געשעעניש מיט אויסווייניקסטע סימנים פֿון דרך־ארץ און שרעק. אָבער אין גרונט גענומען האָט אויך דאָס אויף אים נישט ערנסט געווירקט, זאָל אים גאָט מוחל זײַן. פּאָפּאָוו האָט זיך אוודאי געקענט דערשטיקן מיט אַ בײן. אָבער פּאַקטיש האָט ער זיך נישט דערוואָרגן. ווײַזט אויס, אַז בײַ דעם גאַנצן אָנפֿאַל פֿון אומבאַוואוסטזיניקייט און שגעון, האָט ער שטילערהייט דאָך אַ ביסל אַכטונג געטאָן. איצט איז ער געזעסן גאַנץ לוסטיק, האָט פֿאַרענדיקט דאָס עסן און געמאַכט אַ מינע, גלײַך ווי ער וואָלט קײנמאָל זיך נישט געוואָרפֿן ווי אַ משוגענער אָדער ווי אַ ווילדער שיכור. ער האָט מסתמא אויך נישט געדענקט דערין. אויך זײַן גאַנצע אויסערלעכקייט איז נישט געווען צוגעפּאַסט דערצו צו פֿאַרשטאַרקן אין האַנס קאַסטאָרפּן דעם יראת־הכּבוד פֿאַר לײַדן. אויך אָט־די אויסערלעכקייט האָט פֿאַרשטאַרקט אין האַנס קאַסטאָרפּן דעם אײַנדרוק, אַז אַלץ איז דאָ נישט־ערנסט און צעלאָזן. ער האָט עס דאָ געזען אויף טריט און שריט, כאָטש ר׳האָט זיך קעגנגעשטעלט. טאַקע דערפֿאַר האָט ער געוואָלט קומען אין נעענטערער באַריהרונג מיט דער שווער־און מסוכּן־קראַנקער, כאָטש ס׳איז דאָ געווען קעגן מנהג.

אויפֿן זעלבן עטאַזש, וואו ס׳האָבן געוואוינט די קוזינען, נישט ווײַט פֿון זײערע צימערן, איז געלעגן אַ גאַנץ יונג מײדל, מיטן

בעתן סאַמע מיטן עסן האָט ער באַקומען אַן אָנפאַל מיט יענעם דעמאָנישן און איבערמענטשלעכן געשריי, וואָס איז שוין נישט איינמאָל געשילדערט געוואָרן. ער איז אַנידערגעפאַלן אויף דער ערד און איז לעבן דער שטול געלעגן אין מיאוסטע קראַמפן און געוואָרפן מיט הענט און פיס. דאָס ערגסטע איז געווען, וואָס מ'האָט גראָד געגעסן פיש, אַזוי אַז מ'האָט מורא געהאַט, פּאָפּאָוו זאָל זיך נישט אַמאָל אין זיינע קראַמפן צעקאַלעטשען מיט אַ ביין. דער טומל איז געווען אומבאַשרייבלעך. די דאַמען מיט פרוי שטער בראש אין די כאַלאָמאָן, רעדיש, האַסנפעלד, מאַגנוס, אילטיס, לעווי און ווי זיי הייסן דאָרטן זיינען נישט אָפּגעשטאַנען — האָבן באַקומען אַלערליי אַטאַקעס, אַזוי אַז עטלעכע פון זיי האָבן כמעט אויסגעזען ווי פּאָפּאָוו אַליין. זייערע געשרייען האָבן פאַרטויבט, מ'האָט געזען פאַר זיך בלויז פאַרקוועטשטע אויגן, אָפענע מיילער און פאַרקרימטע קערפּערס. בלויז איין איינציקע איז געפאַלן אין חלשות. צוליב דעם, וואָס יעדער איינציקער איז איבערראַשט געוואָרן אין סאַמע מיטן קייען און שלינגען, איז געוואָרן אַ געקרעקעריי. איין טייל פון עולם ביים טיש איז אַנטלאָפן דורך אַלע מעגלעכע אַרויסגענג, אַפילו דורך די וועראַנדע־טירן, כאָטש אינדרויסן איז געווען זייער קאַלט און נאַס. אָבער דאָס גאַנצע געשעעניש האָט — אַחוץ דער גאַנצער שרעקלעכקייט — געהאַט אין זיך עפעס אַ מיאוסן נאָך־ריח. די סיבה דערפון איז געווען זייער אַ נאָענטע אַסאָציאַציע, וואָס האָט זיך געבונדן מיט ד״ר. קראָקאָווסקיס לעצטן רעפעראַט. דער אַנאַליטיקער איז גראָד אין לעצטן מאָנטאָג, בעת ער האָט געמאַכט זיינע אויספירונגען וועגן דער ליבע ווי אַ קראַפט, וואָס שאַפט די קראַנקהייט, אַרויף אויף אַ שמועס וועגן עפּילעפּסיע. די דאָזיקע ליידן, אין וועלכע די מענטשהייט האָט אין די פאַר־אַנאַליטישע צייטן געזען איינמאָל עפעס הייליקס, נביאיש, אַ צווייט מאָל גאָר טייוואָליש, האָט ד״ר קראָקאָווסקי מיט האַלב־פּאָעטישע האַלב אומברחמנותדיק־וויסנשאַפטלעכע ווערטער געשילדערט ווי אַן עקוויוואַלענט פון ליבע און ווי אַן אָרגאַזם פון די געהירן. בקיצור, ער האָט עס געשילדערט אויף אַזאַ פאַרדעכטיקן אופן, אַז די צוהערער האָבן איצט געקוקט אויף פּאָפּאָווס אָנפאַל, אויף אָט דער לעבעדיקער

ריכט וועגן דער ווירקונג, וואָס זייער מתּנה האָט געהאַט אויף דער קראַנקער. די קליינע, וואָס מוז צוליב איר קרענק ליגן איינגעצאַנט אָפּגעזונדערט, האָט זיך קינדיש געפֿרייט מיט דעם פֿרעמדן גרוס. דער וואַזאָן מיט די בלומען שטייט בײַ איר בעט און זי צערטלט זיי מיט די אויגן און מיט די הענט, האָט אין זינען, מ׳זאָל זיי באַגיסן און אין די ערגסטע אָנפֿאַלן פֿון הוסטן נעמט זי נישט אַראָפּ קיין אויג פֿון זיי. אירע עלטערן, דער דימיסיאָנירטער מאַיאָר גערנגראָס און זיין ווייב, זיינען אויך געווען גערירט און דערפֿרייט. היות זיי האָבן אַפֿילו נישט געקאָנט פֿריִוּן טרעפֿן, ווער ס׳האָט דאָס צוגעשיקט, ווייל זיי קאָנען דאָ נישט קיינעם, האָט זיך אַלפֿרעדאַ שילדקנעכט נישט געקאָנט איינהאַלטן (זי האָט עס אַליין מודה געווען) דעם סוד און סוף־כּל־סוף אויסגעזאָגט די נעמען פֿון די קוזינען. זי האָט זיי טאַקע געבראַכט די ביטע פֿון די דריי גערנגראָס׳ס, זיי זאָלן זיך פֿאָרשטעלן, כּדי מען זאָל זיי קאָנען דאַנקען. צומאָרגנס האָט זיי די שוועסטער אַוועקגעפֿירט אויף די שפּיצן פֿינגער אין ליילאַס קראַנקן־צימער אַריין.

די שטאַרבנדיקע איז געווען אַ רייצנדיק בלאָנד באַשעפֿעניש מיט אויגן ממש, ווי פֿאַרגעסמיכנישט־בלימעלעך. נישט געקוקט דערויף, וואָס זי האָט געהאַט אַזעלכע מוראדיקע בלוט־פֿאַרלוסטן און וואָס זי האָט געאָטעמט בלויז מיט אַ קליין שטיקל איבערגעבליבענע לונג, האָט זי פֿונדעסטוועגן נישט אויסגעזען שלעכט, בלויז — איידל. זי האָט געדאַנקט און גערעדט מיט אַ ביסל אַ מאַטע, אָבער אָנגענעמער שטים. איף אירע באַקן איז אַרויסגעטרעטן אַ ראָזע קאָליר און אַזוי געבליבן. האַנס קאַסטאָרפּ האָט איר און אירע עלטערן איבערגעקלערט די מאָטיוון פֿון זיין האַנדלונג, ווי מ׳האָט נעקאָנט פֿאָראויסזען און זיך אין אַ געוויסער מאָס אַנטשולדיקט. גערעדט האָט ער שטיל און גערירט, צובטעל און מיט דרך־ארץ. ס׳האָט נישט געפֿעלט אַ סך — די אינעווייניקסטע טרייב־קראַפֿט איז אַלנפֿאַלס געווען, — ער זאָל זיך פֿאַר דעם בעט אַנידערוואַרפֿן אויף די קני. ער האָט לאַנג געהאַלטן ליילאַס האַנט אין זיינער, כאָטש איר הייס הענטל איז נישט בלויז געווען פֿייכט, נאָר ממש נאַס. דאָס קינד האָט שטאַרק געשוויצט. זי האָט אַרויס־

נאָמען ליילאַ גערנגראָס. לויט ווי די שוועסטער אַלפרעדאַ האָט דערציילט, האָט יענע געהאַלטן ביי שטאַרבן. אין משך פון צען טעג האָט זי געקראָגן פיר שטאַרקע בלוט-שטורצן און אירע עלטערן זיינען אַרויפגעקומען, כדי זי אפשר נאָך אַהיימצונעמען אַ לעבעדיקע. אָבער דאָס האָט זיך נישט געלאָזט מאַכן. דער הויפראַט האָט געזאָגט, אַז מ'קאָן די קליינע נישט אַריבערטראַנספּאָרטירן. זי איז געווען אַ מיידל פון אַ יאָר זעכצן-זיבעצן. דאָ האָט האַנס קאַסטאָרפּ געזען די אמתע געלעגנהייט אויסצופירן זיין פלאַן מיט דעם בלומען-וואַזאָן און מיט דעם וואונטש אויף אַ רפואה שלמה. אמת, אַז ס'איז איצט נישט געווען ליילאַס געבורטס-טאָג און לויט ווי מען האָט געקאָנט פאָראויסזען, וועט זי שוין, מסתמא, דאָס נישט דערלעבן. ווייל איר געבורטס-טאָג פאַלט-אויס, ווי האַנס קאַסטאָרפּ האָט אויסגעפאָרשט, ערשט אין פרילינג. פונדעסטוועגן האָט דאָס, לויט זיין מיינונג, נישט געדאַרפט זיין קיין מניעה פאַר אַזאַ רחמנותדיקער אויפמערקזאַמקייט. אויף אַ פאַר-מיטאָג-שפּאַציר אין דער געגנט פון קאַסינאָ, איז ער צוזאַמען מיט זיין קוזין אַריין אין אַ בלומען-געשעפט. ער האָט דאָרטן טיף אַיינגעאָטעמט אין זיך די ערדיק-פייכטע לופט, וואָס איז איבערגעזאַפּט מיט גוטע ריחות און האָט דאָרטן באַשטעלט אַ גרויסן וואַזאָן מיט האַרטענסיעס. ער האָט דאָס געהייסן אַוועקטראָגן דער קליינער מכוכן-קראַנקער אין צימער אַריין און נישט אָנגעגעבן קיין נעמען, בלויז אויפגעשריבן אויף אַ קאַרטע: פון צוויי שכנים, מיט די בעסטע וואונטשן אויף אַ רפואה. ער האָט עס געטאָן מיט פרייד, אָנגענעם באַרוישט פון פלאַנצן-הויך, פון דער לוילעכער וואַרעמקייט אין געוועלב. בעת ער איז אַריינגעקומען פון פראָסט אַהין, זיינען אים אַזוש איבערגעלאָפן די אויגן. זיין האַרץ האָט דערביי געקלאַפּט און ער האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז ס'איז דאָ עפּעס אַוואַנטוריסטיש, דרייסטס און אויפמונטערישס אין זיין כלומרשט נישט-וויכטיקן טאַט, אין וועלכן ער האָט בסוד געזען אַ סימבאָלישן באַטייט.

ליילאַ גערנגראָס האָט נישט געהאַט קיין פריוואַטע פלעגערין. ס'האָבן זיך פאַרנומען מיט איר דירעקט די פריילין פאָן מילענדאָנק און די דאָקטוירים. אָבער די שוועסטער אַלפרעדאַ איז געווען ביי איר אַ שטענדיקע איינגייערין און זי האָט אָפּגעגעבן די יונגעלייט אַ באַ-

ליבן אײַזן־שטאַרקן מאַן, װעלכער איז הימל־װײַט געװען פֿון אַזעלכע זאַכן. אָבער װי רײן און שטאַרק ער איז נישט — האָט ער דאָך נישט געקאָנט אױסמײַדן דאָס אומגליק דורך זײַן אײַנפֿלוס. הײל בײַם קינד איז דאָס שרעקלעכע, דאָס באַגראָבענע און פֿאַרגעסענע װידער אַרױס. זי, דאָס קינד, קאָן שױן נישט פּטור װערן דערפֿון, גײט צו גרונד, אין דער צײַט, װען די מוטער איז עס איבערגעקומען און דערגרײכט אַ מער־זיכערע עלטער. עס שטאַרבט, דאָס אָרעמע ליבע באַשעפֿעניש, די דאָקטױרים גיבן מער נישט קײן שום האָפֿענונג און זי אַלײן איז שולדיק דערין.

די יונגעלײַט האָבן זי געפּרוּװט טרײסטן, געפּרוּװט זאָגן, אַז די קראַנקהײט קאָן נאָך אַמאָל אָננעמען אַ גליקלעכע װענדונג. אָבער די מאַיאָרין האָט בלױז גענומען שלוכצן און האָט זײ, אַלנפֿאַלס, נאָכאַמאָל געדאַנקט פֿאַר אַלץ, פֿאַר דער האָרטענזיע און דערפֿאַר, װאָס זײ האָבן מיט זײער באַזוך דאָס קינד אַ ביסל דערפֿרײט און צעשטרײט. אָט ליגט זי, די אומגליקלעכע, אין אירע יסורים און אײנזאַמקײט, אין דער צײַט, װען אַנדערע יונגע קינדער האָבן אַ הנאה פֿון זײער לעבן און טאַנצן אַרום מיט שײנע בחורים. װי קראַנק מ׳זאָל נישט זײַן, װערט אָט־דער חשק נישט אָפּגעטײט. זײ האָבן איר אַרײַנגעבראַנגט אַ ביסל זון, מײַן גאָט, אפֿשר שױן דאָס לעצטע. די האָרטענזיע איז פֿאַר איר געװען װי ערפֿאָלג אױף אַ באַל און די פּאָר װערטער מיט די בײדע קאַװאַליערן — אַ מין קלײנער פֿלירט. זי, די מוטער, האָט עס גאַנץ גוט געזען.

דאָס האָט אױך האַנס קאַסטאָרפּן געמאַכט אַ פּײַנלעכן אײַנדרוק, באַזונדערס אױך דערפֿאַר, װײַל די מאַיאָרין האָט דאָס װאָרט „פֿלירט" אַרױסגעזאָגט נישט ריכטיק, דאָס הײסט: נישט אױף ענגליש, נאָר מיט אַ דײַטשער i. דאָס האָט אים אָן אַ שיעור שאָקירט. ער איז אױך נישט געװען קײן עלעגאַנטער קאַװאַליער, נאָר האָט באַזוכט די קלײנע לײלאַ צוליב פּראָטעסט קעגן דעם הערשנדיקן עגאָיזם און געהאַט דערבײַ מעדיציניש־גײַסטלעכע כּװנות. בקיצור, ער איז געװען אַ ביסל דערשלאָגן צוליב דעם לעצטן רעזולטאַט פֿון זײַן אױפֿטו; אָבער דאָס אַלץ, אױך װיפֿיל ס׳איז געגאַנגען

געגעבן פון זיך אַזויפיל וואַסער, אַז איר פלייש וואָלט שוין לאַנג געווען איינגעשרומפן און פאַרטריקנט געוואָרן, ווען זי זאָל נישט געווען טרינקען כסדר מיט אַזאַ דאָרשט לימאָנאַד. אויף איר נאַכט־טישל איז טאַקע געשטאַנען אַ פולע קאַראַפינקע, צוליב דעם איז מער וויניקער געהאַלטן געוואָרן גלייכגעוויכט. ווי פאַ־צרהט די על־טערן זיינען נישט געווען, האָבן זיי זיך פונדעסטוועגן אויסגע־פרעגט ביי די קוזינען פאַרשיידענע פרטים, געשמועסט וועגן דעם און יענעם און אַזוי־אַרום זיך אָנגעשטרענגט, אַז דער קירצער גע־שפרעך זאָל אַרויסקומען לייטיש. דער מאַיאָר איז געווען אַ מענטש מיט ברייטע פלייצעס, מיט אַ קורצן שטערן און שפיציקע וואָנסן — אַ ריז, וואָס זיין אָרגאַנישע אומשולדיקייט אין דעם טעכטערלס גע־נייגטקייט צו שווינדזוכט האָט זיך ממש געוואָרפן אין די אויגן. גיכער איז, אפנים, שולדיק געווען דער־ן זיין פרוי, אַ נידעריקע, פון אמתן טיפּ שווינדזיכטיקע; איר געוויסן איז, אפנים, נישט ריין געווען צוליב דער דאָזיקער יחושה אירער. אין אַ צען מינוט אַרום האָט מען געזען, אַז ליילאַ איז שוין מיד, אָדער בעסער געזאָגט: צופיל צערייצט (די ראָזיקייט פון איר פנים איז שטאַרקער געוואָרן און די פאַרטעמטישט־אויגן האָבן גענומען באַאומרויקנדיק גלאַנצן). די שוועסטער אַלפרעדאַ האָט דעמאָלט אויף די קוזינען אַ קוק געטאָן מיט אַן אָנצוהערעניש און זיי האָבן זיך געזעגנט. פרוי געדנ־גראָכ האָט זיי דערביי באַגלייט צו דער טיר און דאָרטן גענומען באַשולדיקן זיך אַליין. האַנס קאַסטאָרפ איז דערפון געוואָרן שטאַרק גערירט. פון איר, פון איר אַליין האָט זי עס איבערגענומען — האָט זי געטענהט אַ צעבראָכענע. נאָר פון איר האָט דאָס אָרעמע קינד עס געקאָנט איבערנעמען. איר מאַן האָט דאָ נישט די מינדסטע שולד, האָט דערמיט קיין שום שייכות נישט. אָבער אויך זי, קאָן זי פאַרזיכערן, האָט געליטן דערפון בלויז פאַראיבערגייענדיק, בלויז אַ ביסל, אַ גאַנץ קורצע צייט, ווען זי איז נאָך געווען אַ יונג מיידל. דערנאָך האָט זי עס גובר געווען, אינגאַנצן. אַזוי האָט מען איר געזאָגט אָפיציעל. וואָרעם זי האָט געהאַט בדעה חתונה צו האָבן, חתונה האָבן און לעבן. ס'איז איר טאַקע געלונגען זיך אינגאַנצן אויסצוהיילן, איידער זי איז זיך צונויפגעגאַנגען מיט איר

האָבן, ס'זאָל זיין געבורטס־טאָג. ווייל שטאַרבנדיקע דאַרפן שמענדיק און אָן שום טענות באַהאַנדלט ווערן ווי מענטשן, וואָס פּראַווען זייער געבורטס־טאָג. אין אַזאַ שטימונג האָט ער צוזאַמען מיט זיין קוזין ווידער אויפגעזוכט דאָס בלומען־געשעפט מיט די ערדיקע וואַרעמע ריחות און איז שפּעטער אַריין צום הער ראָטביין מיט אַ פּריש־באַשפּריצטן בוקעט שמעקעדיקע רויזן, נעלקן און לעווקאָניע. אַריינגעפירט האָט אים אַלפרעדאַ שילדקנעכט, וועלכע האָט פריער דעם קראַנקן געמאָלדן די געסט.

דער שווער־קראַנקער — קיים צוואַנציק יאָר אַלט און דערביי שוין אַ ביסל ליסע און גרוי, וואַקס־געל און אויסגעצערט, מיט גרויסע הענט, אַ גרויסער נאָז און גרויסע אויערן — איז געווען דאַנקבאַר ביז טרערן פאַר דער טרייסט און צעשטרייונג. פון שוואַכקייט האָט ער פאַקטיש אַ ביסל גענומען וויינען, בעת ער האָט באַגריסט ביידע יונגעלייט און צוגענומען דעם בוקעט. באַלד האָט ער אָבער, אין שייכות צום בוקעט, אָנגעהויבן ריידן מיט אַ שעפּטשנדיק קול וועגן אייראָפּעיִשן בלומען־האַנדל און זיין כּסדרדיקן וואוקס און פאַרברייטערונג. ער האָט גערעדט וועגן געוואַלדיקן עקספּאָרט פון די גערטנעריי־פּראָדוקטן אין ניצאַ און קאַן, וועגן די וואַגאָן־לאָדונגען, און פּאָסט־שיקונגען, וואָס גייען אָפּ פון יענער געגנט טאָג־טעגלעך אין אַלע זייטן, אויף די אַנגראָ־מאַרקן פון פּאַריז און בערלין און קיין רוסלאַנד. וואָרעם ער איז געווען אַ סוחר, דער קראַנקער, און ער האָט זיך אינטערעסירט מיט מסחר, ווי לאַנג ער האָט נאָך געלעבט. זיין פאָטער, דער לאַלקע־פאַבריקאַנט פון קאָבורג, האָט אים געשיקט בילדן זיך קיין ענגלאַנד — אַזוי האָט ער דערציילט שעפּטשענדיק — און דאָרט איז ער קראַנק געוואָרן. מ'האָט אָבער זיין היץ אָנגענומען פאַר טיפוס און אַזוי־אַרום אים באַהאַנדלט, דאָס הייסט: אים געקאָרמעט מיט קלעי, און צוליב דעם איז ער אַזוי געפאַלן פון די כּוחות. דאָ אויבן האָט ער געמוזט אַ סך עסן און ער האָט עס טאַקע געטאָן. מיט דער גרעסטער מי פלעגט ער זיצן אין בעט און אין זיך אַריינניטן עסן. אָבער ס'איז שוין געווען צו־שפּעט. ליידער איז די שווינדזוכט אַריבער אויך אויף די געדערים. אומזיסט האָט מען אים צוגעשיקט פון דער

העגן דער מאַיאָרין. איבער דעם איז ער געווען זייער אויפגעלעבט און אויפגעהײַטערט צוליב דעם, וואָס ער פירט אויס זיינע פּלענער. דער עיקר זיינען אים געבליבן דערפון אין זכרון און אין האַרץ צוויי אַיינדריקן דערפון: די ערדיקע ריחות פון בלומען־געוועלב און די נאַקעטקייט פון ליילאַס הענטל. היות דער אָנהייב איז שוין געמאַכט געוואָרן, האָט ער זיך נאָך אין איינענעם טאָג אָפּגעשמועסט מיט דער שוועסטער אַלפרעדאַ אַ באַזוך ביי פריץ ראָטביין, וועלכן זי האָט געפלעגט און וועלכער האָט זיך אַזוי שרעקלעך געלאַנגווייליקט מיט איר, כאָטש לויט אַלע סימנים איז אים באַשערט געווען נאָך גאָר קורץ אָנצוהאַלטן.

כ׳האָט דעם וואָילן יאָאַכים גאָרנישט געפעלט. ער האָט געמוזט מיטהאַלטן. האַנס קאַסטאָרפּס חשק און זיין באַרעמהאַרציקער אונטערנעמערישער גייסט זיינען שטאַרקער געווען פון זיין קוזינס נישט־געניגטקייט. יאָאַכים האָט עס, אַגב, געקאָנט אַרויסווייזן בלויז מיט זיין שווייגן אָדער מיט דעם, וואָס ער האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן; ווייל ער וואָלט זיין קנאַפּן חשק צו אַזעלכע זאַכן נישט געקאָנט באַגרינדן אַנדערש, ווי מיט מאַנגל אין קריסטלעכע געפילן. האַנס קאַסטאָרפּ האָט דאָס גאַנץ גוט פאַרשטאַנען און דאָס אויסגענוצט. ער האָט אייך געניי פאַרשטאַנען דעם מיליטעריש זין פון יאָט־דער נישט־געניגטקייט צו אַזעלכע זאַכן. אָבער וואָס קאָן ער טאָן, אַז ער אַליין פילט זיך פאָרט לעבעדיק און גליקלעך צוליב אָט־די אונטערנעמונגען און זיי האָבן אים אויפגעזוען נוצלעך? באין־ברירה האָט ער געמוזט זיך נישט וויבנדיק מאַכן וועגן יאָאַכימס שטילן ווידערשטאַנד. ער האָט זיך מיט אים מיישב געווען, צי מ׳זאָל דעם יונגן פריץ ראָטביין שיקן אָדער ברענגען בלומען, כאָטש אָט־דער חולה־מכוכן איז אַ מאַנסביל. ער האָט זייער חשק געהאַט עס צו טאָן. ער האָט געהאַלטן, אַז בלומען זיינען דאָ אויפן אָרט. די המצאה מיט דער האָרטענסיע, וואָס איז געווען פיאָלעט און שיין־געפאָרעמט, איז אים זייער שטאַרק געפעלן. צום סוף האָט ער באַשלאָסן, אַז פריץ ראָטביינס מענלעכקייט דאַרף דאָ נישט שפּילן קיין ראָל, ווייל ער האַלט שוין שטאַרק, און אַז כדי אים צו דערלאַנגען בלומען, דאַרף מען נישט

דער אָפּעראַציע. נאָך דער אָפּעראַציע האָט דער יונגער פּריץ מער נישט געקאָנט איבערנעמען קיין געכט. צוויי טעג שפּעטער האָבן האַנס קאַסטאָרפּ און יאָאַכים פֿאַרבייגייענדיק געזען, ווי מ'פּאָרעט זיך אַרום ראָטביינס צימער. די שוועסטער אַלפֿרעדאַ איז שוין אַוועק פֿון „בערגהאָף" מיט איר וואַליזקעלע, ווייל מ'האָט זי אויף גיך באַשטעלט צו אַן אַנדער מסוכן־קראַנקן אין אַן אַנדער סאַנאַטאָריע. זיפֿצנדיק, מיטן שנירל פֿון די בינאָקלען הינטער איער איז זי אַוועק צו אים, ווייל דאָס איז געווען איר איינציקע פּערספּעקטיוו.

אַ „פֿאַרלאָזן", אַ פֿריי־געוואָרן צימער, די טאָפּל־טירן אָפֿן, דאָס מעבל אָנגעלייגט אין אַ קופּע און מ'פּאָרעט זיך דאָרטן — דאָס האָט אַ סך געהאַט צו זאָגן. אָבער מ'האָט עס אַזוי אָפֿט געזען אויפֿן וועג צום עס־זאַל אָדער צום אַרויסגאַנג, אַז מ'האָט זיך שוין כמעט נישט אָפּגעשטעלט דערויף. בפֿרט נאָך, אַז יעדער איינער האָט זיך אַמאָל אַריינגעצויגן אין אַזאַ — און אויף אַזאַ אופֿן — „פֿריי־געוואָרן" און אויסגעדימטן צימער און דערנאָך זיך דאָרט געפֿילט היימיש. טיילמאָל האָט מען אויך געוואוסט, ווער ס'האָט געוואוינט פֿריער אין דעם צימער. דאָס האָט שפּעטער דערוועקט פֿאַרשיידענע מחשבות. דער פֿאַל איז טאַקע איצט געשען מיט האַנס קאַסטאָרפּן און אויך אַכט טעג שפּעטער, בעת ער איז פֿאַרבייגעגאַנגען דאָס צימער פֿון דער קליינער גערנגראָס און עס געטראָפֿן אין אַזאַ מעמד. דאָסמאָל איז ער אין דער ערשטער רגע אינגאַנצן צעטומלט געוואָרן פֿון דער פֿאָרעניש אינעווייניק. ער איז געשטאַנען און זיך צוגעקוקט, פֿאַרקלערט און געטראָפֿן. דערביי איז אַדורכגעגאַנגען דער הויפֿראַט.

— כ'שטיי דאָ און קוק מיך צו, ווי מ'פּאָרעט זיך — האָט האַנס קאַסטאָרפּ געזאָגט. — גוט־מאָרגן, הער הויפֿראַט. די קליינע ליילאַ...

— טיאַ — האָט געענטפֿערט בערענס און אַ צי געטאָן מיט די אַקסלען. נאָך אַ ווײַלע שווייגן, וואָס איז נייטיק געווען, כּדי אַרויסצוברענגען אָט־די מינע, האָט ער צוגעגעבן:

— איידער זי האָט צוגעמאַכט אַן אויג, האָט איר נאָך באַוויזן זיך צוצושאַרן צו איר? — ס'איז גאַנץ שיין פֿון אײַער זייט,

היים לעקער און גערויכערטע אַל־פּיש. ער האָט עס מער נישט געקאָנט פאַרטראָגן. איצט דאַרף זיין פאָטער קומען פון האַמבורג, בערענס האָט אים טעלעגראַפיש אַרויסגערופן. וואָרן ס'האַלט ביי אַ וויכטיקן שריט, מ'גרייט זיך אים צו מאַכן אַ ריפּן־רעסעקציע. מ'וויל עס אַלנפּאַלס אויספּרוון, כאָטש די שאַנסן זיינען זייער קליינע. ראָטביין האָט וועגן דעם געשעפּטשעט אין זייער אַ זאַכלעכן טאָן און האָט גענומען די פּראַגע פון דער אָפּעראַציע לחלוטין פון דער געשעפּטלעכער זייט. אַזוי לאַנג ווי ער לעבט, אַלנפאַלס, וועט ער קוקן אויף די זאַכן פון אַזאַ קוק־ווינקל. די קאָסטן — האָט ער געשעפּטשעט — אַריינרעכענענדיק די אַנאַסטעזיע* פון הוט־השדרה־וועט דאַרפן אָפּקאָסטן אַ טויזנט פראַנק. ווייל ס'גייט דאָ כמעט וועגן גאַנצן ברוסט־קאַסטן, וועגן זעקס ביז זיבן ריפּן און ס'איז אַ פראַגע, צי דער גאַנצער עסק וועט לוינען. בערענס רעדט אים צו. אָבער פאַר יענעם איז דער אינטערעס אַ קלאָרער, און דער צייט, ווען פאַר אים, ראָטביינען, איז עס אַ צווייפלהאַפטע מעשה און ער וואָלט אפשר גאָר קליגער געטאָן, ווען ער וואָלט גלייכער געשטאָרבן מיט די ריפּן.

ס'איז שווער געווען אים צו געבן אַן עצה. די קוזינען האָבן אַרויסגעזאָגט זייער מיינונג, אַז אין דער קאַלקולאַציע מוז גענומען ווערן אין חשבון די באַדייטנדיקע כירורגישע געניטקייט פון הויפּראַט. צום סוף האָט מען אַיינשטימיק באַשלאָסן איבערצולאָזן דעם באַשלוס דעם אַלטן ראָטביין, וואָס האַלט ביי קומען צו פאָרן. ביים געזעגענען האָט דער יונגער פריץ ווידער אַ ביסל לייכט געוויינט. כאָטש ס'איז געשען בלויז צוליב שוואַכקייט, זיינען די טרערן, וואָס ער האָט פאַרגאָסן, געשטאַנען אין אַ מאָדנער סתירה צו דער טרוקענער זאַכלעכקייט פון זיין אופן טראַכטן און ריידן. ער האָט געבעטן די קוזינען, זיי זאָלן זיך נאָכאַמאָל אַריינכאַפּן צו אים. און זיי האָבן עס ברייטהאַרציק צוגעזאָגט. ס'איז אָבער מער נישט אויסגעקומען. ווייל אין אייגענעם אָוונט איז אָנגעקומען דער לאַלקע־פאַבריקאַנט און צומאָרגנס פאַר מיטאָג האָט מען זיך גענומען צו

---

* דאָס מאַכן אַן אבר אומפילבאַר אויף אַ שטיקל צייט.

דערנאָך אַוועק און זי האָט אים אַ סך מאָל נאָכגערופן אַדיע און אַ שיינעם דאַנק און צום ווידערזען. זי האָט אים דערביי צוגעשאָקלט מיט דער האַנט, קלינגענדיק אָפּגעזיפצט, געלאַכט זילבערן, פאַרלייגט די הענט אויף דער צעוויגטער ברוסט הינטערן באַטיסטענעם העמד און נישט געקאָנט אײַנרוען מיט די פיס. זי האָט געהייסן פרוי צימערמאַן.

האַנס קאַסטאָרפּ האָט זי געקאָנט פון עטלעכע מאָל זען. אַ פּאָר וואָכן איז זי געזעסן בײַם טיש פון דער פרוי סאַלאָמאָן און פון זילל־וסובאַריקן גימנאַזיסט און האָט שטענדיק אַ סך געלאַכט. דערנאָך האָט מען זי אויפגעהערט צו זען און ס'איז דעם יונגן האַנס קאַסטאָרפּ ווייניק אָנגעגאַנגען. זי איז מסתמא אַוועקגעפאָרן, האָט ער געקלערט, אויף וויפל ער האָט בכלל געקלערט וועגן דעם. איצט האָט ער זי דאָ געטראָפן, מיט אַ נאָמען „איבערגעפילטע“, וועלכן ער האָט נישט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין.

— האַ־האַ־האַ־האַ — האָט זי גענומען לאַכן פערלדיק, געקיצלט. און איר ברוסט האָט זיך געהויבן גיך אַראָפּ און אַרויף. — ער איז אַ מוראדיקער קאָמישער מענטש, אָט דער בערענס, אויסטערליש קאָמיש און אַמוזאַנט, מ'קאָן פּלאַצן פון געלעכטער. זעצט אײַך, הער קאַסטען, הער קאַרסטען, אָדער ווי איר הייסט דאָרטן. איר האָט אַזאַ קאָמישן נאָמען, האַ־האַ־הי־הי, אַנטשולדיקט! זעצט אײַך אויף דער שטול מיר צופוסנס, אָבער ערלויבט מיר צו קאָפּען מיט די פיס, איך קאָן מיך נישט — האַ...אַ.... האָט זי אַ זיפץ געטאָן מיט אַן אָפן מויל און ווידער גענומען לאַכן פערלדיק. — כ'קאָן מיך נישט אײַנהאַלטן.

זי איז געווען כמעט אַ שיינע, האָט געהאַט קלאָרע, אַ ביסל צו בולטע, אָבער אָנגענעמע שטריכן און אַ קליין גוידערל. אָבער אירע ליפּן זײַנען געווען בלאָלעך, אויך דער שפּיץ נאָז איז אַרײַנגעפאַלן אין אַזאַ קאָליר, אָן שום ספק צוליב אויספעלונג פון אָטעם. אירע הענט זײַנען געווען סימפּאַטיש אויסגעמאָגערט און ס'האָבן זיי געפּאַסט די שפּיצן־מאַנזשעטן פון נאַכט־העמד, אָבער זיי האָבן אויך אַזוי ווייניק געקאָנט אײַנרוען ווי די פיס. איר האַלז איז געווען אַ מיידלערישער מיט גריבלעך פאַר די סובטעלע שליסל־ביינער. אויך איר ברוסט, וואָס האָט זיך געהויבן פון כסדרדיקן לאַכן און אָטעם־

וואָס איר געדענקט אַמאָל אָן מײַנע פֿײגעלעך, וואָס פּיפּן מיט די לונגען אין די שטײַגן. איר זענט נאָך רעלאַטיוו בײַ די כּוחות. אַ שײנער זשעסט פֿון אײַער זײַט, נו־נו, לאָמיר האָסמאָל זאָגן דעם אמת: ס'איז אַ גאַנץ שײנער שטריך אין אײַער כאַראַקטער. זאָל איך אײַך בײַ אַ געלעגנהייט פֿון צײַט צו צײַט אַרײַנפֿירן צו עמעצן? איך האָב דאָ נאָך אַ סך טשיזשיקעס זיצן — אויב ס'אינטערעסירט אײַך. איצט, צום בײַשפּיל, כאַפּ איך מיך אַרײַן צו מײַן „איבערגעפּילטער". איר ווילט מיט מיר אַרײַנגײן? איך וועל אײַך גאַנץ פּשוט פֿאָרשטעלן פֿאַר אַ אָנטייל־נעמענדיקן פּאַציענט.

האַנס קאַסטאָרפּ האָט דערויף געענטפֿערט, אַז דער הויפּטראַט האָט אים אַרויסגעכאַפּט דאָס וואָרט פֿון מויל און אים ממש פֿאַרטײליגט דאָס, וואָס ער האָט געהאַט בדעה צו בעטן בײַ אים. ער וויל מיט דאַנקבאַרקייט אויסנוצן די דערלויבעניש און גייט מיט. אָבער ווער איז דאָס די „איבערגעפּולטע" און ווי אַזוי דאַרף מען פֿאַרשטיין אָט־דעם נאָמען.

— ווערטלעך — האָט געענטפֿערט דער הויפּראַט. — גאַנץ פּרעציז און נישט מעטאַפֿאָריש. זי וועט עס אײַך אַליין דערציילן. זיי מאַכן עטלעכע טריט און זײַנען שוין דאָ אין צימער פֿון דער „איבערגעפּילטער". דער הויפּראַט שטופּט זיך אַרײַן אין דער טאָפּל־טיר און הייסט זײַן באַגלייטער צוּוואַרטן. בעת בערענס קומט דאָרטן אַרײַן, דערהערט מען אינעווייניק אַ קורץ־אָטעמדיק אָנגעשטרענגט, אָבער אַ העל און לוסטיק געלעכטער. דערנאָך ווערט עס אָפּגעהאַקט. אָבער שפּעטער, מיט עטלעכע מינוט, ווען האַנס קאַסטאָרפּ ווערט אַרײַנגעלאָזט און בערענס שטעלט אים פֿאָר דער בלאָנדער דאַמע, וואָס ליגט אין בעט — דערהערט ער ווידער אָט־דאָס געלעכטער. זי באַטראַכט אים נײַגעריק מיט אירע בלויע אויגן. זי איז האַלב אויפֿגעזעצט, מיטן קישן הינטערן רוקן, זעט אויס צו זײַן אומרויִק און האַלט אין איין לאַכן דראָבנע, הויך און זילבערן. בשעת־מעשה פֿעלט איר כּסדר אויס אָטעם, ווײַל ס'האָט זי, ווי ס'זעט אויס, געריסן און געקיצלט אין האַלדז פֿון לופֿט־מאַנגל. פֿונדעסטוועגן האָט זי אויך געלאַכט פֿון דעם אופֿן, ווי אַזוי דער הויפּראַט האָט איר פֿאָרגעשטעלט דעם גאַסט. בערענס איז באַלד־

געשען? ער האָט זי איבערגעפּולט! קיין אַנדער באַצייכענונג קאָן מען דערפאַר נישט געפינען, אַט־דאָס וואָרט זאָגט אַלץ. ער האָט געוואָלט מאַכן צו־גוט, ער האָט אָבער נישט גוט פאַרשטאַנען דעם ענין, קורץ און וואויל: זי איז געקומען צוריק אַרויף אַהער אַן איבערגעפּולטע, — האַ! היהיהי! — מיט האַרץ־קראַמפּן און שטיקעניש. בערענס האָט שרעקלעך געזידלט און איר תיכף געהייסן זיך לייגן אין בעט אַריין. ווייל איצט איז זי שווער קראַנק, נישט מסוכן אייגנטלעך, אָבער קאַליע־געמאַכט, פאַרפאַסקודעט — האַהאַהאַ! גיט נאָר אַ קוק די מינע! פאַרוואָס מאַכט איר אַזאַ קאָמישע מינע? זי נעמט הייזן מיטן פינגער און אַזוי שטאַרק לאַכן פון זיין מינע, אַז איר שטערן ווערט אויך בלוי. אָבער צום מיינסטן קאָמיש — זאָגט זי, — איז געווען בערענס מיט זיינע וידלערייען און מיט זיין גראָבקייט. תיכף ווי זי האָט דער־שפּירט, אַז זי איז איבערפּולט, האָט זי פאַרשטאַנען, וואָס בערענס וועט זאָגן און שוין פאָרויס געלאַכט. „אייער לעבן איז אַבסאָלוט אין סכנה“! — האָט ער אַ געשריי געטאָן אָן שום חכמות און פאַרשטעלעניש, אַן אמתדיקער בער, האַהאַהאַ, היהיהי, אַנטשולדיקט.

מ'האָט בשום־אופן נישט געקאָנט וויסן, פאַרוואָס זי האָט אַזוי פערלדיק געלאַכט פון בערענס ערקלערונג: צי צוליב דעם הויפּראַטס גראָבקייט און דערפאַר ווייל זי האָט נישט געגלויבט אין דעם אמת פון זיינע רייד, צי הגם זי האָט געגלויבט —, און זי האָט מסתמא זיכער געמוזט גלויבן — האָט זי געהאַלטן דעם ענין אַליין, דאָס הייסט: די לעבנס־סכנה, וואָס דראָט איר, פאַר אַזוי מוראדיק קאָמיש. האַנס קאַסטאָרפּ האָט געהאַט דעם אַיינדרוק, אַז די לעצטע השערה איז אַ ריכטיקע און אַז זי לאַכט אַזוי פערלדיק און טרילערט און באַכעט בלויז צוליב קינדישער לייכטזיניקייט און צוליב דעם, וואָס איר קליין מוחל פאַרשטייט נישט, מיט וואָס דאָס שמעקט. דאָס איז האַנס קאַסטאָרפּן נישט געפעלן. פונדעסטוועגן האָט ער איר געשיקט בלומען. אָבער די לאַכנדיקע פרוי צימערמאַן האָט ער שוין מער נישט געזען. וואָרעם נאָכדעם, ווי מ'האָט זי עטלעכע טעג געשפּייזט מיט זויערשטאָף, האָט מען געמוזט טעלעגראַפירן נאָך איר מאַן און זי איז געשטאָרבן אין זיינע אָרעמס — אַ

מאַנגל אומרויִק און דישענדיק, האָט אויסגעזען צאַרט און יונג. האַנס קאַסטאָרפּ האָט באַשלאָסן אויך איר צו שיקן אָדער צו ברענגען שיינע בלומען פון די עקספּאָרט-גערטנערייען אין ניצאַ אָדער קאַן, באַשפּריצטע און שמעקנדיקע. ער האָט מיט אַ לייכטער פאַר־לעגנהייט זיך געפּריוווט צופּאַסן צו פרוי ציִמערמאַנס צעשטרייטער און אָנגעשטרענגטער פרייִלעכקייט.

— איר באַזוכט דאָ, הייסט עס, די מסוכן-קראַנקע? האָט זי געפרעגט — ווי אַמוזאַנט און פריינדלעך דאָס איז פון אַייער זייט. האַ-האַ-האַ! שטעלט אַייך אָבער פאָר, אַז איך געהער נישט צו זיי, דאָס הייסט, איך בין עס אייגנטלעך נישט געווען, נאָך ביז ערשט ניט לאַנג, לחלוטין נישט... ביז ס'האָט זיך מיר לעצטנס אָט די געשיכטע... הערט נאָר אויס, צי דאָס איז נישט דאָס קאָמע קאָמישסטע, וואָס איר האָט נאָר אין אַייער גאַנץ לעבן... קעמפנדיק כסדר פאַר אָטעם און נישט אויפהערנדיק צו טרילערן און צו שיטן מיט פּערלדיקן געלעכטער, האָט זי דערציילט, וואָס ס'האָט זיך איר גע־טראָפן.

זי איז אַרויפגעקומען עטוואָס קראַנק — אַלנפאַלס קראַנק, ווען נישט, וואָלט זי דאָך נישט געקומען. קאָן אפשר זיין נישט אינ־גאַנצן לייכט, אָבער מער לייכט ווי שווער. ס'האָט אויף איר אויך גלענצנדיק געווירקט דער פּנעאומאָטאָראַקס, אָט די יונגע דער־גרייכונג פון דער כירורגישער טעכניק, וואָס איז זייער גיך באַליבט געוואָרן. די אָפּעראַציע איז פולשטענדיק געלונגען, פרוי ציִמערמאַנס געזונט האָט זיך כסדר פאַרבעסערט אויפן דערפרייענדיקסטן אופן. איר מאַן — ווייל זי האָט אַ מאַן, כאָטש קיין קינדער נישט — האָט זי געזאָלט צוריק אָפּנעמען אין אַ דריי אָדער פיר חדשים אַרום. אַבער דאָ איז איר איינגעפאַלן צוליב פאַרוויילונג צו מאַכן אַן אויספלוג קיין ציריך. קיין אַנדערן מאָטיוו האָט זי נישט געהאַט ביי אָט דער נסיעה, אַחוץ צו אַמוזירן זיך. זי האָט זיך טאַקע אַמוזירט וויפל נאָר דאָס האַרץ האָט געגלוסט. אָבער דערביי האָט זי דערשפּירט די נויטווענדיקייט זיך צו לאָזן אויספילן מיט שטיקשטאָף און זיך גע־ווענדט וועגן דעם צו אַ דאָרטיקן דאָקטאָר. אַ ליבער, קאָמישער יונגערמאַן, האַ-האַ-האַ-האַ, האַ-האַ-האַ, אָבער וואָס, מיינט איר, איז

מער מסוכנער. איר זענט, אויב איך מעג מיך אַזוי אויסדריקן, אַ ציטערדיק קינד פון לעבן, מ'דאַרף זיך פאַרנעמען מיט אייך. אַגב, האָט איר מיר דערלויבט זיך צו פאַרנעמען מיט אייך.

— אדרבא, הער סעטעמברריני, איינמאָל פאַר אַלעמאָל. ס'איז זייער פריינדלעך פון אייער זייט. און „ציטערדיק קינד פון לעבן" איז שיין געזאָגט. וואָס אַלץ ס'קאָן דאָס נישט איינפאַלן אַ שריפטשטעלער! איך ווייס נישט, צי כ'קאָן מיר עפּעס איינריידן צוליב אָט-דעם טיטל, אָבער ער קלינגט שיין, דאָס מוז איך מודה זיין. יאָ, און איך גיב מיך אַ ביסל אָפּ מיט די „קינדער פון טויט", אָט דאָס מיינט איר, מסתמא. טיילמאָל, אַז כ'האָב צייט, איבעריקע, גיב איך מיך אַ ביסל אָפּ, אַגב אורחא, מיט די שווער-און ערנסטקראַנקע. די קוראַציע ליידט דערפון כמעט גאָרנישט. עס זיינען מענטשן, פאַרשטייט איר, וואָס זיצן נישט דאָ און אַמוזירן זיך אין זיינען צעלאָזן, נאָר זיי שטאַרבן.

— ס'שטייט דאָך אָבער געשריבן: זאָלן די מתים באַגראָבן זייערע מתים — זאָגט דער איטאַליענער.

האַנס קאַסטאָרפּ הייבט אויף די הענט און מאַכט אַ מינע, ווי איינער זאָגט: וואָס ס'שטייט אַלץ געשריבן, אַמאָל שטייט אַזוי און אַמאָל אַנדערש, אַזוי, אַז ס'איז שווער אויסצוגעפינען דאָס ריכטיקע און מקיים צו זיין. פאַרשטייט זיך, אַז דער קאַטאַרינאַוש האָט אויסגעפונען אַ פאַרקערטן פסוק, דערויף האָט מען זיך געקאָנט רכטן. האַנס קאַסטאָרפּ איז טאַקע גרייט געווען, אַזוי פריער און אַזוי איצט, צו פאַרנעמען זיינע רייד, אויסצוהערן זיינע תורהס כתם אַזוי זיך, און זיך לאָזן לשם-פרווו באַאיינפלוסן פון זיינע פּעדאַגאָגישע עצות. פונדעסטוועגן איז ער געווען ווייט צוליב וועלכע ס'איז דערציערישע קוק-ווינקלען מותר צו זיין אויף אַ זאַך, וואָס האָט אים נאָך אַלץ אויסגעזען אויף אַן אומבאַשטימטן אופן נוצלעכער און פון גרויסער באַדייטונג, נישט געקוקט אויף דער פרוי גערנגראָס און אירע מאָדנע רייד וועגן „פיינעם, קליינעם פלירט", נישט געקוקט אויף דעם אָרעמען ראָטביינס ניכטערקייט און אויף דעם נאַרישן כעס פון דער איבערפולטער.

גאַנץ אין די פעדערן, ווי דער היפּראַט האָט זיך אויסגעדריקט,
בעת ער האָט עס דערציילט האַנס קאַסטאָרפּן.

אָבער נאָך פריער האָט דער בעל־רחמנותדיקער און ענער=
גישער האַנס קאַסטאָרפּ אָנגעקניפּט ווייטערדיקע באַציִונגען מיט די
שווער=קראַנקע. ס׳האָבן אים געהאָלפן דערביי בערענס אַליין און
דער שוועסטער=פּערסאָנאַל. יאָאַכים האָט ווידער געמוזט מיטהאַלטן.
ער האָט געמוזט מיטגיין מבקר־חולה זיין "Tous les deux„ צווייטן
זון, וואָס האָט נאָך געלעבט, ווייל נאָך דעם ערשטן האָט מען
שוין לאַנג געהאַט אויסגעשפּריצט און אויסגעזוכט מיט H_2CO.
דערנאָך ער איז מיטגעגאַנגען צום יינגל טעדדי, וועלכער איז ערשט
נישט לאַנג אַריינגעקומען פון דעם דערציִונגס=אינסטיטוט „פרידע=
ריציאַנום". פאַר דאָרטן איז ער געווען צו=שווער קראַנק. ווייטער
האָט ער אים געמוזט באַגלייטן צום דייטש=רוסישן פאַרזיכערונג=
באַאַמטן אַנטאָן קאַרלאָוויטש פערגע, אַ גוטמוטיקער גערולדיקער
מענטש. ווייטער — צו דער אומגליקלעכער און דערביי אַזוי קאָ=
קעטישער פרוי פאָן=מאַללינקראָדט. זי האָט באַקומען בלומען אַקו=
ראַט ווי די פריערדיקע און האַנס קאַסטאָרפּ האָט זי אַ סך מאָל
אַפילו אין יאָאַכימס אָנוועזנהייט געקאָרמעט מיט קלעי... ס׳האָט
נישט לאַנג געדויערט און זיי האָבן באַקומען אַ שם פאַר באַמאַ=
ריטער און באַרעמהאַרציקע ברידער. אין איינעם אַ מאָל האָט סע=
טעמבריני פאַרפירט מיט האַנס קאַסטאָרפּן אַ שמועס וועגן די ענינים.

— כאַפּפערלאָט, אינזשעניער! מ׳דערציילט וועגן אייך תּהלות.
איר האָט אייך גאָר גענומען צו באַרעמהאַרציקייט? איר ווילט
תשובה טאָן דורך מעשים=טובים?

— נישט כדאַי צו רידן וועגן דעם, הער סעטעמבריני. ס׳לוינט
באמת נישט צו דערמאָנען וועגן דעם. מיין קוזין און איך...

— איר נעמט נאָר נישט אַריין אין שפּיל אייער קוזין! מ׳רעדט
וועגן אייך ביידע, אָבער מיינט מען איך, דערין מעגט איר
זיין זיכער. דער לייטענאַנט איז אַ בכבודיקע, אָבער פּשוטע און
גייסטיק נישט באַדראָהטע נאַטור, וואָס פאַרשאַפט נישט דעם ערציע=
קיין שום עגמת=נפש. איר וועט מיר נישט איינריידן, אַז ער פירט
אָן מיט דער זאַך. איר זענט דער וויכטיקערע, אָבער איך דער

דיקע, חישיקע און אומדערטרעגלעך באַרימערישע דיבורים. ער האָט פאַרזיכערט, אַז ער וויל שטאַרבן, ווי אַ העלד, comme héros á l'espagnol*, גלייך ווי זיין ברודער, „de même que son fier jeune frère Fernando"**, וואָס איז אויך געשטאָרבן, ווי אַ שפּאַנישער העלד. ער האָט זשעסטיקולירט, אויפגעריסן דאָס העמד, כדי אויסצושטעלן דער שווערד זיין געלע ברוסט. ער האָט זיך אַזוי לאַנג גענאַרט און גערעדט, ביז ער האָט זיך צעהוסט. אויף זיינע ליפּן איז אַרויסגעטראָטן אַ שיטערע, ראָזע-קאָליריקער שוים; זיינע באַרימערייען זיינען אַזוי-אַרום פאַרשטיקט געוואָרן און די קוזינען זיינען צוליב דעם אַרוים אויף די שפּיצן פינגער.

זיי האָבן מער נישט גערעדט צווישן זיך וועגן דעם באַזוך ביי לאַאוראַ. אַפילו שטילערהייט, יעדער איינער אין זיך, האָבן זיי זיך אָפּגעהאַלטן אויסצואַרבעטן זיך אַ מיינונג וועגן זיין האַלטונג. אָבער בעסער איז זיי געפעלן אַלנפאַלס ביי אַנטאָן קאַרלאָוויטש פערגע פון פעטערבורג, וואָס איז געלעגן אין בעט מיט זיינע גרויסע גוטמוטיקע וואָנסעס און מיט זיין אַרויסגעזועצטן גאָרגל, וואָס האָט אים אויך צוגעגעבן גוטמוטיקייט. ער האָט דאָ נישט לאַנג געהאַט געמאַכט אַ פרווו זיך אַריינצושטעלן אַ פּנעוומאָטאָראַקס און ס'האָט אים שיר-שיר נישט געקאָסט דאָס לעבן. איצט איז ער פאַמעלעך געקומען צו זיך. בשעת דער אָפּעראַציע האָט ער געקריגן אַ שטאַרקע צעטרייסלונג, אַ לונגען-צעטרייסלונג, אַ זאַך, וואָס טרעפט זיך טיילמאָל ביי אָט-דער מאָדישער אָפּעראַציע. אָבער ביי אים איז די לונגען-צעטרייסלונג פאָרגעקומען אין אַ אויסערגעוויינלעך געפערלעכער פאָרם; דערביי האָט ער אינגאַנצן פאַרלוירן די כוחות און געפאַלן אין חלשות, אַזוי אַז מ'האָט געמוזט איבעררייסן די אָפּעראַציע און זי לעת-עתה אָפּלייגן.

פערגעס גוטמוטיקע גרויע אויגן זיינען ברייט געוואָרן און זיין פּנים האָט באַקומען אַן אַש-קאָליר וויפיל מאָל ס'איז געקומען צו

* פראַנצויזיש: ווי אַ העלד אויפן שפּאַנישן שטייגער.

** אויף דעם זעלבן אופן, ווי זיין יונגיטשקער ברודער פערנאַנדאָ.

Tous le deux זון האָט געהייסן לאַוראַ. ער האָט אויך באַקומען בלומען, ערדיק-שמעקנדיקע ניצצאַ-פֿײַלכן „פֿון צוויי מיטפֿילנדיקע הויז-שכנים, מיט די בעסטע וואונטשן אויף אַ רפֿואה“. היות די אַנאָנימישקייט איז געוואָרן אַ ריין פֿאָרמעלע זאַך און אַלע האָבן געוואוסט, פֿונוואַנען די מתּנות שטאַמען — האָט Tous le deux אַליין, די שוואַרץ-בלייכע מוטער פֿון מעקסיקע, בײַ אַ באַגעגעניש אויפֿן קאָרידאָר זיי אָפּגעדאַנקט. זי האָט מיט גאָטלדיקע ווערטער און דער עיקר מיט ווייטאָגדיקע העוויות זיי אײַנגעלאַדן פּערזענלעך איבערצונעמען דעם געדאַנק פֿון איר זון de son seul et deinier fils qui allait mourir aussi.* דאָס איז אויך תּיכּף געשען. ס'האָט זיך אויסגעוויזן, אַז לאַוראַ איז אַ וואונדערלעך שיינער יונגערמאַן מיט פֿײַערדיקע אויגן, מיט אַן אָדלער-נאָז מיט נאָזלעכער, וואָס האַלטן זיך אין איין אויפֿבלאָזן און מיט פּרעכטיקע ליפּן. איבער זיי האָבן געשפּראָצט שוואַרצע וואָנסעלעך. ער האָט זיך אָבער געהאַלטן אַזוי באַרימעריש און טעאַטראַליש, אַז די געסט, סיי יאָאַכים צימסען און אַפֿילו האַנס קאַסטאָרפּ אַליין, האָבן געדאַנקט גאָט, ווען זיי זײַנען שוין געווען הינטער דער טיר. Tous les deux האָט זיך אַרומגעדרייט אַהין-און-צוריק איבערן צימער מיט קרומע קניען און איר שוואַרץ קאַשמיר-טוך, דער שוואַרץ-צע־שלייער פֿאַרבונדן אונטער דעם קין, מיט טיפֿע קנייטשן לענגאויס דעם קורצן שטערן און מיט אומגעהײַערע טאָרבעס אונטער די אויגן. אין ווינקל פֿון איר גרויס מויל האָט פֿון זאָרג אַראָפּגעהאַנגען אין אַ זײַט. פֿון צייט-צו-צייט איז זי צוגעגאַנגען צו די געסט בײַם בעט און איבערגעחזרט פֿאַר זיי, ווי אַ פּאָפּוגײַ איר טראַגישן שפּרוך: „Premiérement, tous les dé, vous comprenez, messiés... l'un et maintenant l'autre“.** און דער זעלבער צייט האָט דער שיינער לאַוראַ געשיט, אויך פֿראַנצייזיש, מיט קנאַקע-

* פֿראַנצויזיש: פֿון איר איינציקן און לעצטן זון, וואָס האַלט אויך בײַ שטאַרבן.

** פֿראַנצויזיש: אַלע ביידע, איר פֿאַרשטייט, מײַנע הערן, פֿריער איינער און איצט דער צווייטער.

חלשות. די לונגען־צעטרייסלונג איז מיר אַריבער אין חוש־הריח, מיינע הערן, ס'האָט זיך שרעקלעך געשפירט מיט שוועבל־וואַסערשטאָף. אַזוי מוז מען זיך אַוודאי שפירן אין גיהנום. כ'האָב אויך געהערט מיך אַליין לאַכן בשעת כ'האָב אויסגעהיכט דאָס לעבן. ס'איז נישט געווען קיין מענטשלעך לאַכן, נאָר דאָס אומאָרנטלעכסטע און עקלהאַפטיקסטע לאַכעניש, וואָס כ'האָב ווען ס'איז געהערט אין מיין לעבן. ווייל דאָס אַרומגעטאַפּט ווערן אויף דעם ריפּן־הייטל, מיינע הערן, איז אַ געפיל, ווי מ'וואָלט אויף דעם סאַמע אומפּאַשעמטסטן, איבערגעטריבנסטן און אוממענטשלעכסטן אופן געקיצלט געוואָרן. אַזוי זעען־אויס די נאַרישע צרות און פּיין. דאָס איז טאַקע לונגען־צעטרייסלונג, זאָל אייך גאָט אויסהיטן דערפון.

אַנטאָן קאַרלאָוויטש פערגע איז אָפט, און יעדעס מאָל מיט אַן אַש־גרוי פּנים, געקומען צו רייד וועגן דער „הינטישער" איבערלעבעניש. ער האָט אויך גאַנץ שטאַרק מורא געהאַט, עס זאָל זיך נישט איבערחזרן. אגב, האָט ער זיך באַלד פאַרזיכט פאָרגעשטעלט פאַר אַ פּשוטן מענטש, וואָס איז כּולשטענדיק ווייט פון אַלדאָס „העכערע". ער האָט נישט קיין שום גייסטיקע פּרעטענזיעס דערויף און פאַרלאַנגט אויך נישט עפּעס אַזוינס פון אַנדערע. נאָך דעם חאָזיקן אָפּמאַך האָט ער פונדעסטוועגן דערציילט גאַרנישט אומאינטערעסאַנט פון זיין פריערדיק לעבן, איידער ער איז אַריינגעפאַלן אין דער קרענק, דאָס לעבן פון אַ רייזנדן פאַר אַ פייער־קאַסע. פון פּעטערבורג אַרויס האָט ער אין ווייטע נסיעות דורכגעשניטן רוסלאַנד אין דער לענג און אין דער ברייט, באַזוכט אַלע אַסעקורירטע פאַבריקן און אויסגעשנאַפּט דער עיקר יענע, וואָס זיינען געשטאַנען עקאָנאָמיש נישט גוט. ווייל די סטאַטיסטיק האָט אַרויסגעוויזן, אַז די גרעסטע צאָל שׂרפות קומען־פאָר אין אינדוסטריע־צווייגן, וואָס האַלטן שלעכט. דערפאַר האָט מען אים אַרויסגעשיקט, כּדי דורך פאַרשיידענע אויסריידן אויסצופאָרשן, ווי ס'האַלט מיטן געשעפט און אָפּצושיקן באַריכטן וועגן דעם זיין באַנק, כּדי אין דער רעכטער צייט צו קאָנען אויסמיידן היזקות דורך רע־אַסעקוראַציע און פּרעמיעס־פאַרטיילונג. ער האָט דערציילט וועגן ווינטערדיקע נסיעות דורך דער ווייטער אימפּעריע, פון נסיעות אין נעכט ביי אומגעהייערע פרעסט,

רייד וועגן אָט־דער געשעעניש, וואָס איז, אַפּנים, געווען פאַר אים מוראדיק. — אָן נאַרקאָזע, מיינע הערן. מילא גוט, אונזערס אַ מענטש פאַרטראָגט דאָס נישט, ס׳איז נישט דערלויבט אין אונזער פאַל, מ׳פאַרשטייט דאָס און מ׳וויל זיך האַלטן, ווי ס׳פּאַסט פאַר אַ מענטש מיט שכל. אָבער די אָרטיקע אַנעסטעזיע דערגייט נישט ביזן סוף, מיינע הערן. בלויז דאָס פלייש אויסנווייניק ווערט פאַרסמט, מען שפּירט, ווי מ׳הערט געעפנט, אַלנפאַלס פילט מען אַ דריקן און אַ קוועטשן. איך ליג מיר אַזוי מיט אַ צוגעדעקט פּנים, כּדי איך זאָל נישט זען. דער אַסיסטענט האַלט מיך צו פון דער רעכטער זייט און די אייבערין פון דער לינקער. ס׳איז אַ געפיל, גלייך מ׳וואָלט מיך געדריקט און געקוועטשט, — דאָס שניידט מען איף דאָס פלייש און מען פאַרטשעפּעט עס מיט קלאַמערס. אָבער פּלוצלונג דערהער איך, ווי דער הויפּראַט זאָגט: „אַזוי!“ און אין דער רגע, מיינע הערן, הייבט ער מיר אָן אַרומצוטאַפּן דאָס ריפּן־הייטל מיט עפּעס אַ שטומפּיקער זאַך (ס׳מוז, אַגב, זיין שטומפּיק, כּדי ס׳זאָל נישט צו־ווייט דורכשטעכן). ער פּאָרקעט זיך דאָרטן, כּדי צו געפינען דאָס ריכטיקע אָרט, וואו הדורכצושטעכן און אַריינצולאָזן גאַז. און בשעת ער האָט דאָס געטאָן, בשעת ער איז אַזוי אַרומגעפּאָרן מיט דעם אינסטרומענט איבער דעם ריפּן־הייטל — מיינע הערן, מיינע הערן! דעמאָלט האָב איך דערפילט, אַז ס׳איז נאָך מיר, איך בין געווען פאַרביי. ס׳איז אוממעגלעך איבערצוגעבן, ווי אַזוי כ׳האָב מיך דערשפּירט. דאָס ריפּן־הייטל, מיינע הערן, דאָס דאַרף מען נישט טשעפּן, דאָס טאָר נישט און קאָן נישט געטשעפּעט ווערן, דאָס איז טאַבו, דאָס איז צוגעדעקט מיט פלייש, איזאָלירט און נישט צוגענגלעך, איינמאָל פאַר אַלעמאָל. צום סוף האָט מען עס גאָר אָפּגעדעקט און מען טאַפּט דאָרטן אַרום. מיינע הערן, דעמאָלט איז מיר געוואָרן נישט גוט, שרעקלעך, שרעקלעך, מיינע הערן — כ׳איז מיר קיינמאָל נישט איינגעפאַלן, אַז אַזאַ פּאַסקודנע, הינטיש געפיל איז גאָר מעגלעך אויף דער וועלט בכלל, סיידן אין גיהנום! איך בין געפאַלן אין חלשות, דריי מינים חלשות אויף איין מאָל: אין אַ גרינער, אין אַ ברוינער און אין אַ פּיאָלעטער. אויסערדעם האָט נאָך געשטונקען, בעת כ׳בין געלעגן פאַר־

זיי פלעגן אָפט אַריינפאַלן אויף אַ פערטל שעה שמועסן צו אַנטאָן קאַרלאָוויטש פעדיגע. אין דער צייט האָבן זיי איינמאָל באַזוכט דאָס יונגל טעדדי פון „פרידעריציאַנום“, אַן עלעגאַנט פערצן־יעריק בחורל, אַ בלאָנדער און פיינער, מיט אַ פריוואַטער פלעגערין און אָנגעטאָן אין אַ ווייס־זיידענער פיזשאַמע צו פאַרגאַרטלען. ער איז געווען אַ רייכער יתום — אַזוי האָט ער דערציילט. עס האָט אים אָפּגעוואַרט אַ וויכטיקע אָפּעראַציע, מ'האָט ביי אים געוואָלט פרובירן אויסשניידן די ווערעמדיקע ערטער. בעת ער פלעגט זיך פילן בעסער, פלעגט ער טיילמאָל אַרוים אויף אַ שעה פון בעט, האָט זיך אָנגעטאָן זיין שיינעם ספּאָרט־אָנצוג און איז אַרוים אַ ביסל צו מענטשן. די דאַמען האָבן גערן מיט אים זיך געחכמהט און ער האָט זיך צוגעהערט צו זייערע שמועסן, צום ביישפּיל — בעת מ'האָט באַרעדט דעם אַדוואָקאַט איינהוף און דערציילט וועגן דעם מיידל אין די רעפאָרמהויזן און וועגן פראַנקע אָבערדאַנק. דערנאָך האָט ער זיך צוריקגעלייגט. אַזוי האָט דאָס יינגל טעדדי געלעבט אַ טאָג און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז ער וויל מער גאָרנישט פון לעבן, ווי דאָס.

אָבער אויך נומער פופציק איז געלעגן פרוי פאָן־מאַלינקראָדט, איר פאָרנאָמען איז געווען נאַטאַליע. זי האָט געהאַט שוואַרצע אויגן, גאָלדענע רינגלעך אין די אויערן, קאָקעט, פאַרפוצט און דערביי אַ ווייבערישער סמט. לאַזאַר און איוב, געשלאָגן פון גאָט מיט אַלערליי חולאַתן. ס'האָט אויסגעזען, ווי איר קערפּער וואָלט פול געווען מיט גיפטן, אַזוי, אַז ס'האַלט ביי איר אין איין אַרויסזעצן פאַרשיידענע קראַנקהייטן איינע נאָך דער אַנדערער אָדער אויף איינמאָל. שטאַרק געליטן האָט אויך ביי איר די הויט, וועלכע איז אין גרויסע טיילן געווען באַדעקט מיט אַ פיינלעכער בייסנדיקער עגזעמע, וועלכע האָט דאָ און דאָרט אויך אַרויסגעברענגט וואונדן. זי האָט עס געהאַט אויך ביים מויל, אַזוי, אַז ס'איז איר שווער געווען אַריינצונעמען דעם לעפל. פרוי פאָן־מאַלינקראָדט האָט אַלעמאָל געקריגן אַנדערע אָנצינדונגען, פון ריפּן־הייטל, נירן, לונגען, ביינער־הויט און אַפילו פון די געהירן, אַזוי, אַז זי פלעגט פאַרלירן אויף אַ צייט דאָס באַוואוסטזיין. דורך דער היץ און די יסורים פלעגט ביי איר אָפּגע-

אין אַ ליג־שליטן, צוגעדעקט מיט שאָפענע פעלצן. בעת ער האָט אויפגעמאַכט די אויגן, פלעגט ער זען גליען וועלפישע אויגן איבערן שניי, ווי שטערן. ער האָט מיט זיך אין קאַסטן מיטגעפירט געפרוירן פראָוויאַנט, קרויט־זופּ און ווייס ברויט. אויף אַ סטאַנציע, פאַרן טוישן די פערד, האָט מען עס אויפגעפרישט צום עסן און דאָס ברויט האָט געהאַט אַ טעם, ווי מ'וואָלט עס ערשט היינט געבאַקן. שלעכט איז בלויז געווען, ווען דער פראָסט האָט אונטערוועגנס גענומען לאָזן. דעמאָלט פלעגן אים די שטיקער קרויט־זופּ, וועלכע ער האָט מיטגענומען, אויסרינען פון קאַסטן.

אַזעלכע זאַכן פלעגט דערציילן פערגע. דערביי פלעגט ער אַלע־מאָל איבעררייסן מיט אַ זיפץ, אַז דאָס אַלץ וואָלט געווען זייער גוט, מ'זאָל נאָר נישט דאַרפן נאָכאַמאָל איבערקומען דעם פרוון מיט דעם פנעאָמאָטאָראַקס. זיינע איבערלעבונגען האָבן טאַקע נישט געהאַט אין זיך עפּעס העכערס, אָבער ס'זיינען געווען אמתדיקע פאַקטן און ס'איז גאַנץ גוט געווען צו הערן אים דערציילן. דער עיקר האָט געהאַט אַ הנאה דערפון האַנס קאַסטאָרפּ. ער האָט געהאַלטן, אַז ס'איז נוצלעך פאַר אים געוואָר צו ווערן וועגן רוסלאַנד און דעם דאָרטיקן לעבנס־שטייגער, פון סאַמאָוואַרן, פּיראָגן, קאָזאַקן און הילצערנע צערקווע מיט אַזויפיל קיילעכיקע קופּאָלן, ווי אין אַ שוואָמען־וואַלד. ער האָט אויך געהערט מיט חשק וועגן די דאָרטיקע מענטשן, וועגן זייער צפונדיקער עקזאָטיק, וועלכע האָט אויסגעזען אין זיינע אויגן שטאַרק חידושימדיק, וועגן דעם אַזיאַטישן צומיש פון זייער בלוט, וועגן די אַרויסשטאַרנדיקע באַקן־ביינער, וועגן דעם פיניש־מאָנגאָלישן אויגן־שניט. ער האָט זיך צוגעהערט דערצו מיט אַנטראָפּאָלאָגישער פאַראינטערעסירטקייט, האָט אויך געבעטן פערגען, ער זאָל פאַר אים ריידן רוסיש. גיך, געדיכט, ווילד־פרעמד און אָן־ביינעריק איז אַרויסגעקומען אָט דאָס מזרח־לשון אונטער פערגעס גוטמוטיקע וואָנסן און פון זיין גוטמוטיק אַרויסגעזעצטן גאָרגל. האַנס קאַסטאָרפּס הנאה איז געווען נאָך גרעסער (וואָס די יוגנט איז!) פון די שמועסן צוליב דעם, ווייל ער האָט זיך אַזוי אַתּום געדרייט אין אַ געביט, וואָס איז פּעדאַגאָגיש געווען פאַר אים נישט־דערלויבט.

דערציילט פֿון דעם יינגל כמעט, מיט וועלכן זי איז אַנטלאָפֿן און זי האָט זייער גערימט זיין פּאָעטישע צערטלעכקייט. אָבער זיינע קרובים האָבן אים מיט כיטרעקייט און געוואַלד צוגענומען פֿון איר. אַחוץ דעם האָט זיך דאָס יינגל אויך געמיאוסט פֿון איר קראַנקהייט, וועלכע האָט דעמאָלט אויסגעבראָכן שטורמיש און אין פֿאַרשיידענע פֿאָרמען. צי איר מיאוסט אײַך אויך? — האָט זי געפֿרעגט קאָקעטיש. און איר ראַסישע ווייבלעכקייט האָט טריומפֿירט איבער דער עקזעמע, וועלכע האָט צוגעדעקט ביי איר אַ האַלב פּנים.

האַנס קאַסטאָרפּ האָט מיט ביטול געטראַכט וועגן דעם יינגל, וואָס האָט זיך געמיאוסט און ער האָט דאָס אויסגעדריקט מיט מיט אַ צי פֿון די אַקסלען. וואָס ס׳איז נוגע אים — האָט ער געוואָלט זיין דער סאַמע היפּוך פֿון יענעם ווייכן פּאָעטישן בחור און האָט, וויפֿיל מאָל ר׳איז צו איר אַריינגעקומען, אויסגענוצט אַ געלעגנהייט אַ ביסל צו באַדינען די אומגליקלעכע פֿרוי פֿאָן־מאַלינקראָדט. דאָס הייסט: ער האָט זי פֿאָרזיכטיק אָנגעקאָרמעט מיט דעם מיטאָג־קלעי, איב מ׳האָט גראָד דערלאַנגט, האָט איר געגעבן צו טרינקען פֿון שעלכל מיטן מיילעכל, איב דער ביסן איז איר געבליבן שטעקן, אָדער האָט איר צוגעהאָלפֿן זיך לייגן גוט, ווייל צו אַלע צרות האָט זי געהאַט אַ אָפּעראַציע־וואונד, וואָס האָט איר באַשווערט דאָס ליגן. ער פֿלעגט דאָס טאָן, בעת ער איז דורכגעגאַנגען אויפֿן וועג צום עס־זאַל אָדער פֿון אַ שפּאַציר און האָט אָפּגעטרעטן ביי איר. דערביי האָט ער געהייסן יאָאַכימען גיין ווייטער: ער וויל בלויז אַריינפֿאַלן גיך און אַ קוק טאָן אין נומער פֿופֿציק. ער האָט דערביי געפֿילט זיך גליקלעך און פֿריי, אַ פֿרייד, וועלכע האָט זיך געשטיצט אויף דעם געפֿיל, אַז ער איז נוצלעך און אַז זיינע מעשים האָבן עפּעס אַ באַהאַלטענעם באַטייט. אין דעם אומשולדיק קריסטלעכן כאַראַקטער פֿון אָט־די מעשים האָט זיך אַריינגעמישט אַ מין ממזרשע הנאה, כאָטש פֿאַקטיש איז די עובדא געווען אַן ערלעכע, אַ פֿיינע און ליבנסווערטע, אַזוי אַז מ׳האָט גאָרנישט געקאָנט האָבן קעגן דעם, סיי פֿון מיליטערישן, סיי פֿון הומאַניסטיש־פּעדאַגאָגישן שטאַנדפּונקט.

שוואַכט ווערן דאָס האַרץ און זי האָט געקריגן דערפון שרעקאָנפאַלן. דאָס האָט, צום ביישפּיל, געווירקט, אַז זי זאָל ביים שלינגען דאָס עסן נישט קאָנען גוט אַרונטערברענגען דעם ביסן. עס פלעגט בלייבן שטעקן גלייך אויבן אין וועשט. בקיצור, די פרוי איז געווען אין אַ שרעקלעכן מעמד און אַחוץ דעם — אינגאַנצן אַליין אויף דער וועלט. דעם מאַן מיט די קינדער האָט זי אַוועקגעוואָרפן צוליב אַן אַנדער מאַן, דאָס הייסט — אַ יינגל כמעט. דערנאָך האָט יענער זי אַוועקגעוואָרפן — אַזוי האָט זי די קוזינען אַליין דערציילט. און איצט האָט זי נישט קיין היים, כאָטש מיטלען האָט זי יאָ, ווייל דער פריערדיקער מאַן שיקט איר. זי האָט אָן איבעריקן שטאָלץ אויסגענוצט זיין אָרנטלעכקייט, אָדער זיין ווייטער דויערנדיקע פאַרליבטקייט. וואָרעם זי האָט זיך אַליין נישט גענומען ערנסט, איינגעזען, אַז זי איז בלויז אַ נישטיקע זינדיקע נקבה און צוליב דעם איבערגעטראָגן אַלע אירע איזכם יסורים מיט אַ דערשטוינענדיקער געדולד און אויסהאַלטעוודיקייט, פול מיט דעם סטיכישן ווידערשטאַנדס-כּוח פון איר ראַסישער ווייבלעכקייט. זי האָט טריומפירט איבער דער עלנטקייט פון איר ברוינלעכן קערפּער און אַפילו פון דעם ווייסן גאַזע-באַנדאַזש, וועלכן זי האָט געמוזט טראָגן איבערן קאָפּ צוליב עפּעס אַ צרה, האָט זי געמאַכט אַ מין עלעגאַנטן טשעפּיק. זי האָט געהאַלטן אין איין טוישן איר צירונג, האָט אָנגעהויבן אינדערפרי מיט קרעלן און אינאָוונט געענדיקט מיט פּערל. זי האָט זיך געפרייט מיט האַנס קאַסטאָרפּס בלומען און געזען דערין, אַפּנים, מער ריטערלעכקייט ווי באַרעמהאַרציקייט. זי האָט די יונגע מענטשן פאַרבעטן צו זיך אויף טיי ביי איר בעט. זי אַליין האָט געטרונקען פון אַ שעלכל מיט אַ מיילכל, אַלע פינגער, און אַפילו דער גראָבער, זיינען ביז אַהין געווען באַדעקט מיט אָפּאַלן, אַמעטיסטן און שמאַראַגדן. אירע גאָלדענע אוירינגלעך האָבן זיך געשאָקלט אין די אויערן און זי האָט זיי תיכּף דערציילט, ווי אַזוי אַלץ איז מיט איר געשען: פון איר אָרנטלעכן, אָבער לאַנגווייליקן מאַן, פון אירע קינדער, וואָס זיינען אַקוראַט אַזוי אָרנטלעך און לאַנגווייליק, ווי ער, ווייל זיי זיינען אינגאַנצן געראָטן אין פאָטער, און זי האָט זיי קיינמאָל נישט געקאָנט דערפאַר טיף ליב קריגן. זי האָט אויך

זי מאַכן אָנגענעם און פאַרשיידן. ער איז דאָ געווען בלויז אַן אויסשליסלעך, כּדי וואָס גיכער פּטור צו ווערן פון דעם גיפּס, ער זאָל אין פלאַכלאַנד קאָנען אויספירן זיין דינסט, די אמתדיקע, נישט די קוראַציע-דינסט, וואָס איז געווען בלויז אַ סורראָגאַט, כאָטש איבער זיין אויף איר האָט ער זיך נישט פאַרגונען. צו באַטייליקן זיך טעטיק אין די ווינטער-פאַרווײַלונגען איז אים געווען פאַרווערט און סתם גאַפּען זיך האָט ער נישט געהאַט קיין חשק. וואָס ס'איז נוגע האַנס קאַסטאָרפּן, האָט ער זיך צו-שטאַרק, אין אַ צו-שטרענגן און אינטימען זין, געפילט פאַר אַ מיטגליד פון דאָ אויבן, ער זאָל נאָך האָבן דעם קאָפּ און דעם ווילן צוצוקוקן זיך צו די פאַרווײַלונגען פון יענע, וואָס זעען אין דעם היגן אָרט בלויז אַ ספּאָרט-פּלאַץ.

אָבער דאָס באַרעמהאַרציקע פאַרנעמען זיך מיט דער אָרעמער פריילין קאַרסטעדט האָט אַריינגעברענגט אַן ענדערונג. יאָאַכים האָט גאָרנישט געקאָנט זאָגן קעגן דעם, מיידן אַרויסצוווייזן זיך פאַר נישט-קריסטלעך אומברחמנותדיק. זיי האָבן אַרויסגענומען די קראַנקע פון איר אָרעם צימער אין „דאָרף“ און האָבן זי אין אַ פּרעכטיק, פּראַכטיק וועטער, אין וועלכן די זון האָט הייס געברענט, אַוועקגעפירט אין ענגלישן קוואַרטאַל, וואָס האָט אַזוי געהייסן צוליב דעם „האָטעל ד'אַנגלעטער“, וואָס האָט זיך דאָרטן געפונען. זיי זיינען געגאַנגען צווישן די לוקסוס-געשעפטן פון דער הויפּט-גאַס. שליטנס האָבן האָרטן געקלונגען און ס'האָבן אַרומשפּאַצירט רייכע עולם-הזהניקעס און ליידיק-גייערס פון גאָר דער וועלט, איינוואוינער פון קאַסינאָ און פון אַנדערע גרויסע האָטעלן, אָן די היטלען, אין מאָדישע ספּאָרט-מלבושים פון אידעלע און טייערע שטאָפן, מיט ברוינע פּנימער פון דער ווינטערדיקער זון און פון שניי-ליכט. צום סוף זיינען זיי אַראָפּ אויף דעם אייז-פּלאַץ, וואָס איז געלעגן טיף אין טאָל נישט ווייט פון קאַסינאָ. זומער איז דאָס געווען אַ לאָנקע, וואו מען האָט געשפּילט אין פוט-באָל. מוזיק האָט געזועצט. די קור-קאַפּעלע האָט קאָנצערטירט אויף דער עסטראַדע פון דער הילצערנער פּאַוויליאָן-געביידע, ביים עק פון דעם פיר-קאַנטיקן גליטש-פּלאַץ, הינטער וועלכן די פאַרשנייטע בערג זיינען געשטאַנען אין אַ

וועגן קאַרען קאָרסטעדט האָבן מיר דאָ נאָך נישט גערעדט. פֿונדעסטוועגן האָבן האַנס קאַסטאָרפּ און יאָאַכים זיך אַפֿילו ספּעציעל פֿאַראינטערעסירט מיט איר. זי איז געווען אַ זײַטיקע פּריוואַט־פּאַציענטין פֿון הױפֿראַט און ער טאַקע האָט די קוזינען אויפֿמערקזאַם געמאַכט אויף דער קראַנקער. זי איז שוין פֿיר יאָר געווען דאָ אויבן, נישט געהאַט קיין מיטלען און געווען אָפּהענגיק פֿון שלעכטע קרובים. זיי האָבן געוואָרשט, אַז זי מוז שטאַרבן, און האָבן זי שוין אַמאָל געהאַט אַוועקגענומען פֿון דאַנען. בלויז אַדאַנק דער שתּדלנות פֿון הױפֿראַט האָבן זיי זי צוריק אַהערגעשיקט. זי האָט געוווינט אין „דאָרף" אין אַ ביליקן פּענסיאָנאַט. איז געווען אַלט נײַנצן יאָר און — אָפּגעשוואַכט. האָר האָט זי געהאַט גלאַט־פֿאַרקעמטע, געשמירטע מיט אייל, אויגן, וואָס האָבן שרעקעדיק זיך אָנגעשטרענגט צו פֿאַרבאַהאַלטן יענעם גלאַנץ, האָט אײַנגאַנצן געשטימט מיט די הייציקע פֿלעקן אויף אירע באַקן. איר קול איז געווען כאַראַקטעריסטיש־צוגעהודושעט, אָבער פֿונדעסטוועגן האָט עס געקלונגען סימפּאַטיש. זי האָט געהוסט כמעט אָן אויפֿהער און אַלע אירע פֿינגער־שפּיצן זײַנען געווען באַדעקט מיט פּלאַסטערס. צוליב דער קרענק האָט זי דאָרטן געהאַט וואונדן.

דער הױפֿראַט האָט וועגן איר גערעדט מיט די קוזינען און זיי געבעטן, זיי זאָלן זיך מיט איר באַזונדערס אָפּגעבן, אויב זיי זײַנען שוין אַזעלכע וואוילע בחורים. זיי האָבן עס טאַקע געטאָן. אָנגעהויבן האָט זיך עס מיט שיקן בלומען, דערנאָך זײַנען זיי געווען צו גאַסט בײַ דער אָרעמער קאַרען אין „דאָרף" אויף איר קליינעם באַלקאָן, שפּעטער האָבן זיי זאַלבעדריט זיך — ווען ס'איז פֿאַרווילט: זיי זײַנען, אַ שטייגער, געגאַנגען אָנקוקן אַ גליטש־געיעג, אָדער אַ געיעג אויף באָב־שליטנס. וואָרעם דער ווינטער־סעזאָן פֿון ספּאָרט איז געווען אין פֿולן ברען, ס'איז פֿאָרגעקומען אַ ספּאָרט־וואָך, ס'זײַנען אײַנגעאָרדנט געוואָרן אַלץ מער פֿאַרווײַלונגען און פֿאָרשטעלונגען. ביז איצט האָבן די קוזינען צוגעזען דאָס בלויז צופֿעליק און בײַ אַ געלעגנהייט. יאָאַכים איז דאָ געווען אַ שונא פֿון אַלע מינים צעשטרייונגען — נישט צוליב דעם איז ער דאָ געווען. ער איז בכלל דאָ נישט געווען, כּדי צו לעבן און אויסצונוצן די צײַט,

פֿונוואַנען זײ זײַנען: פֿון באַלקאַן, אָדער פֿון דער לעוואַנטע, אַ פֿאַרדעכטיקן המון, צו וועלכן האַנס קאַסטאָרפּ האָט געהאַט אַ שטיקל שוואַכקייט. יאָאַכימען זײַנען זײ נישט געפֿעלן: צוליב זײער צווײדײטיקײט און כאַראַקטערלאָזיקײט. קינדער האָבן קאָנקורירט מיט זיך אין קינצן, זײַנען געפֿאַלן אויפֿן אײַז-פּלאַץ, אויף אײן פֿוס אַ שנײ-שיך און אויפֿן אַנדערן — אַ גליטשער. יינגלעך האָבן געשטופּט פֿאַר זיך גרויסע שופֿלעס. אין וועלכע ס'זײַנען געזעסן זײערע קלײנע דאַמעלעך. מ'איז געלאָפֿן מיט ברענענדיקע ליכט און געוואונען האָט דער, וועלכער ס'איז צוגעקומען צו דער מעטע מיט אַ נישט-פֿאַרלאָשנס. בעתן לויפֿן האָבן זײ געמוזט איבערקלעטערן איבער שטרונגען אָדער מיט ציגנע לעפֿל שיילן קאַרטאָפֿל און אַרײַנוואַרפֿן אין קאַנען וואַסער. די גרויסע האָבן געקײַכט פֿון געלעכטער. מ'האָט אָנגעוויזן אויף דעם רײַכסטן, באַרימטסטן און שענסטן קינד, אויפֿן טעכטערל פֿון אַ האָלענדישן מיליאָנער, אויף דעם יינגל פֿון אַ פּרײַסישן פּרינץ און אויף אַ צוועלף-יעריקן בחור, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען פֿון אַ וועלט-באַרימטער שאַמפּאַניער-פֿירמע. די אָרעמע קאַרען האָט זיך אויך געפֿרײט און דערבײַ געהוסט. זי האָט פֿון פֿרײד געפּאַטשט מיט די הענט און מיט די וואונדיקע פֿינגער-שפּיצן. זי איז געווען אַזוי דאַנקבאַר.

די קוזינען האָבן זי אויך געפֿירט אויף אַ באָב-שליטן-געיעג. ס'איז געווען נישט ווײַט סײַ פֿון „בערגהאָף“, סײַ פֿון קאַרען קאַרסטעדס וואוינונג, ווײַל דער וועג וואָס האָט געפֿירט באַרג-אַראָפּ פֿון „שאַץ-אַלפּ“, האָט זיך געענדיקט אין „דאָרף“ צווישן די געבײַדעס פֿון מערבדיקן שיפּוע. ס'איז דאָרטן געווען אײַנגעאָרדנט אַ קאָנטראָל-הײַזל, וואוהין מען האָט טעלעפֿאָניש איבערגעגעבן, ווען אַ באָב-שליטן איז אַרויסגעפֿאָרן. צווישן די געפֿרוירענע שנײ-באַריערס, אויף די מעטאַל-גלאַנציקע ליניעס פֿון וועג האָבן זיך געגליטשט די פֿלאַכע שליטן, באַזעצטע מיט מענער און פֿרויען אין ווײַסער וואָל, און שאַרפֿן פֿון כלערליי נאַציאָנאַלע קאָלירן אויף דער ברוסט. מ'איז אַראָפּגעפֿאָרן פֿון דער הייך אײַנציקווײַז, געלאָזט גרויסע שטחים צווישן אײן שליטן און דעם אַנדערן. מ'האָט געזען רויטע, אָנגעשטרענגטע פּנימער, אויף וועלכע ס'איז געפֿאַלן דער שנײ. אויב אַ שליטן

טונקל-בלויער שיין. זיי האָבן גענומען בילעטן, האָבן זיך דורכ-געשטופּט צווישן עולם, וועלכער איז געזעסן פון דריי זייטן אויף בענק, וועלכע גייען אַלץ העכער, ווי אין אַ טעאַטער. צום סוף האָבן זיי געפונען זייערע ערטער און זיך אַוועקגעזעצט קוקן. די קונסט-לויפערס, לייכט אָנגעטאָן, אין שוואַרצע טריקאָטן און אין קורט-קעס באַזוימט מיט פוטער, האָבן זיך געוויגט, געשוועבט, געמאַכט פיגורן, געשפּרונגען און זיך געדרייט. אַ ווירטואָז פּאָר, אַ מאַן און אַ פרוי, פּראָפעסיאָנעלע לויפערס, וואָס האָבן זיך נישט באַ-טייליקט אין קאָנקורס, האָבן געוויזן עפּעס אַזוינס, וואָס נאָר זיי האָבן געקאָנט אין דער גאַנצער וועלט, און אַרויסגערופן אַ מוזיק-טוש און אַ בראַוואָ-פּאַטשעריי. אינם קאַמף אַרום דעם שנעלקייט-פּריז האָבן זיך באַטייליקט זעקס יונגע מענער פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן. זיי זיינען געלאָפן אייננעבויגענע, מיט די הענט אויף הינטן, טייל-מאָל האָט עמעץ געמוזט צולייגן דאָס טאַשנטיכל צום מויל. אַזוי זיינען זיי זעקס מאָל אַרומגעלאָפן דעם גרויסן פּיקאַנטיקן פּלאַץ. דער קלאַנג פון אַ גלעקל האָט זיך אויסגעמישט מיט דער מוזיק, פון צייט-צו-צייט האָט די מאַסע גענומען שטורמען און שרייען פון התפּעלות.

ס'איז דאָ געווען אַ פאַרשיידן-פאַרביק פּובליקום, האָרט, וואו ס'זיינען געווען די דריי קראַנקע, די צוויי קוזינען און זייער דאַמע. ענגלענדער מיט שאָטישע היטעלעך און ווייסע ציין האָבן גערעדט פראַנצייזיש מיט שטאַרק-פערפומירטע דאַמען, וואָס זיינען פון אויבן ביז אונטן אָנגעטאָן געווען אין פאַרביקע וואָלענע מלבושים און אַ טייל פון זיי האָבן אַפילו געטראָגן הויזן. קליין-קעפּיקע אַמעריקאַנער מיט גלאַט-פאַרקעמטע האָר און מיט פּייקעס אין די מיי-לער האָבן געטראָגן פּעלצן מיט דעם פוטער אַרויס. רוסן, בערדיקע און עלעגאַנטע, מיט באַרבאַריש-רייכע צורות און האָלענדער, מיט מאַלאַיִיש* בלוט, זיינען געזעסן צווישן דייטשישן און שווייצאַרישן עולם. ס'זיינען אויך געווען אַ סך מענטשן, וואָס האָבן גערעדט פראַנצייזיש און וועגן וועלכע ס'איז שווער געווען צו וויסן,

* אַ שבט אין אינדיע.

שטילע וואַנטש; פֿון די צוקוקער, די פֿאָרשטייער פֿון דער אינטער־נאַציאָנאַלער ציוויליזאַציע. סעטעמבריני, ווי אַ מענטש, וואָס נעמט אַלץ קריטיש, וואָלט זיכער אַרויסגעגעבן אַ שאַרפֿן משפּט אויף דער נישט־הומאַניסטישער פֿאָרשטעלונג; ער וואָלט מיט גלייכער און קלאַסישער איראָניע געזידלט דאָס מיסברויכן מיט דער טעכניק, כּדי צו באַלעבן אַזעלכע פֿאָרשטעלונגען, וואָס פֿאַרמיאוסן דעם מענטש. אַזוי האָט האַנס קאַסטאָרפּ געקלערט און וועגן דעם געשעפּטשעט צו זיין קוזין. פֿרוי שטער, דערפֿאַר, וואָס איז אויך דאָרטן געווען און געזעסן נישט ווייט פֿון זיי, האָט אויסגעזען צו זיין אינגאַנצן מיטגעריסן. איר היט עם־האַרציש פּנים איז געווען אינגאַנצן פֿאַרקרימט פֿון הנאה.

אַגב, איז געווען דאָס אייגענע מיט אַלע אַנדערע בילדער, וועלכע מ'האָט געזען אַרום זיך. אָבער ווען ס'האָט אָפּגעציטערט דאָס לעצטע בילד פֿאַר דער פּויזע, און זאַל איז ליכטיק געוואָרן און די מאַסע האָט דערזען פֿאַר זיך די ווייסע, ליידיקע לייוונט, איז אַפֿילו נישט געווען וועמען צו אַפּלאָדירן. ס'איז דאָ נישט געווען קיינער, וועמען מ'וואָלט געקאָנט דאַנקען מיט אַן אַפּלויז אָדער אַרויסרופֿן פֿאַר דער קינסטלערישער אויספֿירונג. די אַרטיסטן, וועלכע האָבן צוזאַמען געשאַפֿן די שפּיל, פֿון וועלכער מ'האָט גענאָסן, זיינען שוין לאַנג געווען צעזייט איבער זיבן ימים. מ'האָט בלויז געזען די שאָטן־בילדער פֿון זייער פּראָדוקציע, מיליאָנען בילדער און זייער קורצע פֿיקסירונגען, אויף וועלכע מ'האָט צעטיילט זייער שפּילן, כּדי מען זאָל שפּעטער קאָנען, ווען מ'וועט נאָר וועלן, צוריקצוגעבן עס דעם עלעמענט פֿון צייט אין אַ גיך־בלינצלענדיקן לויף. דאָס שווייגן פֿון דער מאַסע נאָך דער אילוזיע האָט געהאַט אין זיך עפּעס פֿאַרגליווערטס און דערווידערדיקס. די הענט זיינען געבליבן ליגן אומעכטיק פֿאַר דעם גאָרנישט. מ'האָט זיך געריבן די אויגן, געגלאָצט פֿאַר זיך, געשעמט זיך פֿאַר דער ליכטיקייט און מ'האָט געוואָלט ס'זאָל צוריק ווערן פֿינסטער, כּדי מ'זאָל ווידער קאָנען קוקן, ווידער זען זאַכן פֿון אַמאָל צוריק איינגעפּלאַנצט אין דער פֿרישער צייט, דערצו נאָך צוגעשמינקט מיט מוזיק.

האָט זיך אָנגעשטויסן, איבערגעקערט זיך און אויסגעשיט די פּאַסאַזשירן אין שניי, האָט דאָס פּובליקום תיכּף דאָס אָפּגעפאָטאָגראַפירט. אויך דאָ האָט געשפּילט מוזיק. די צוקוקער זיינען געזעסן אויף קליינע טריבונעס, אָדער זיי האָבן זיך צונויפגעשטופּט אויף דער שמאָלער גיי־סטעזשקע, וואָס איז אָפּגערייניקט געוואָרן לענג־אויס דעם וועג. ס'זיינען געזעסן מענטשן אויך אויף די הילצערנע בריקלעך, וואָס זיינען ווייטער־צו געלעגן איבער דעם וועג און פון הינטער וועלכע ס'איז פון מאָל צו מאָל אַרויסגעפלויגן אַ קאָנקורס־שליטן. מיט דעם זעלבן וועג — האָט האַנס קאַסטאָרפּ געטראַכט — לאָזט מען אַראָפּ די מתים פון דער סאַנאַטאָריע, מיט אַ רעש פליען זיי דורך אונטער די בריקלעך, לענג־אויס די ליניעס, אַראָפּ צום טאָל. האַנס קאַסטאָרפּ האָט אויך גערעדט וועגן דעם.

זיי האָבן אַפילו אין איינעם אַ נאָכמיטאָג געפירט קאַרען קאַרסטעדט אין ביאָסקאָפּ־טעאַטער אין „פּלאַץ“, ווייל זי האָט פון דעם אַלעמען געהאַט אַזאַ הנאה. זיי זיינען געזעסן אין אַ שלעכטער לופט, וועלכע איז זיי געווען פיזיש פרעמד, ווייל זיי האָבן זיך שוין צוגעוווינט צו דער סאַמע ריינסטער. זי האָט זיך זיי געלייגט שווער אויפן האַרץ און זיי פאַרנעפּלט די מוחות. ס'האָט דאָרטן, אויף דער לייוונט פאַרביי געציטערט פאַר זייערע ווייטוענדיקע אויגן אַ מאַסע לעבן, קליין, אָפּגעריסן און גיך, שפּרינגענדיק, צאַפּלענדיק־אומרויִק. ס'האָט אַקאָמפּאַנירט אַ קליינע מוזיק, וועלכע האָט צעגלידערט די קעגנוואַרטיקע צייט און אַזוי־אַרום איבערגעגעבן אַן אַוועקגעפלויגענעם עבר. מיט באַגרענעצטע מיטלען האָט די מוזיק אויסגעשפּילט דעם גאַנצן רעגיסטער פון פייערלעכקייט און פּאָמפּע, ליידנשאַפט, ווילדקייט און גיריקער זינלעכקייט. ס'איז געווען אַ שפּאַנענדיקע ליבע־און מאָרד־געשיכטע, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אין הויף פון אַן אָריענטאַלישן דעספּאָט. מ'האָט געזען אינדערגיך אַ וועלט פון פּראַכט און נאַקעטקייט, פול מיט הערשערישער גיריקייט און רעליגיעזן צאָרן פון די אונטערגעוואָרפענע, אַ וועלט פון אַכזריות, גיריקייט, שטערבלעכע ליידנשאַפטן און סתם אינטערעסאַנטע בילדער, צום ביישפּיל: די מוסקולאַטור פון תּלינישע הענט. בקיצור, דאָס בילד איז געווען פּראָדוצירט אין אַ נאָענטער קרובהשאַפט מיט די

גאָרנישט געפּילט די בליקן פון עולם. דאָס לאַכן און דאָס ווינקען פון אָט־דעם שאָטן איז נישט געווען קיין קעגנוואַרט, נאָר אין געשען ערגעץ אין אַמאָל, אַזוי, אַז ס'וואָלט געווען אומזיניק צו ענטפערן דערויף. דאָס האָט, ווי געזאָגט, צוגעגעבן דער הנאה אַ געפיל פון אוממעכטיקייט. דערנאָך איז דער פאַנטאָם פאַרשוואונדן. די לייוונט איז פול געוואָרן מיט אַ ליידיקער העלקייט און ס'איז דערויף געשטאַנען דאָס וואָרט „ענדע". דער ציקל פון דער פאַרשטעלונג האָט זיך געענדיקט, און מ'איז שטום אַרויס פון טעאַטער. בשעת־מעשה איז פונדרויסן אָנגעקומען אַ נייער פּובליקום, פאַר וועלכן מ'וועט אויפסניי איבערחזרן די גאַנצע מעשה.

די פרוי שטער האָט זיך דערנאָך אָנגעשלאָסן אין זיי און האָט זיי אָנגערעדט, מ'זאָל אַוועק אין קאַפע פון קאַסינאָ. די אָרעמע קאַרען איז געווען אַזוי דאַנקבאַר, אַז זי האָט אַזש צונויפגענומען די הענט. אויך דאָ האָט געשפּילט מוזיק. אַ קליינער אָרקעסטער, אַלע אָנגעטאָן אין רויטן, האָט געשפּילט אונטער דער אָנפירונג פון אַ טשעכישן אָדער אונגאַרישן ערשטן פידלער, וועלכער איז געשטאַנען אויסערן אָרקעסטער צווישן די טאַנצנדיקע פּאָרלעך און האָט געשפּילט אויף זיין אינסטרומענט, דרייענדיק דערביי פייערדיק מיטן גאַנצן קערפּער. ביי די טישן איז געווען עלעגאַנט און לעבעדיק. מ'האָט אַרומגעטראָגן זעלטענע משקאות. די קוזינען האָבן באַשטעלט פאַר זיך און פאַר דעם מיידל אָראַנזשאַדע, כדי זיך אָפּצוקילן, ווייל ס'איז געווען הייס און אַ שטויב, פרוי שטער האָט זיך געהייסן דערלאַנגען זיסן שנאַפּס. אין דער צייט — האָט זי געזאָגט — איז דאָ נאָך נישט דאָס אמתדיקע לעבן. די טעג ווערן לעבעדיקער ערשט שפּעטער. אַ מאַסע פּאַציענטן פון פאַרשיידענע סאַנאַטאָריעס און סתם קראַנקע פון די האָטעלן און פון דער קאַסינאָ גופא באַטייליקן זיך אין די טעג, אַ סך מער ווי איצט. נישט איין שווער־קראַנקער האָט פונדאַנען אַוועקגעטאַנצט אויפן עולם־האמת, איבערקערנדיק דעם בעכער פון לעבנספרייד און באַקומען דעם לעצטן בלוט־שטורץ in dulci jubilo. פרוי שטער מיט איר עם־הארצות האָט אויף אַ שרעקלעכן אופן צעקאַליעטשעט אָט־די צוויי ווערטער. דאָס ערשטע וואָרט האָט זי ווי־

דער דעספּאָט איז געשטאָרבן אונטערן מעסער, מיט אַ געבריל פון אָפענעם מויל. מ'האָט אָבער דעם געבריל נישט געהערט. דערנאָך האָט מען געזען בילדער פון גאָר דער וועלט: דעם פּרעזידענט פון דער פראַנצויזישער רעפּובליק אין צילינדער און מיט אַ גרויסער סטעקנע. ער איז געזעסן אין אַ קאָטש און געענטפערט אויף אַ באַגריסונג. מ'האָט געזען דעם וויצע-קיניג פון אינדיע אויף אַ חתונה פון עפּעס אַ ראַדזשאַ; דעם דייטשן קרוינפּרינץ אין אַ קאַזאַרמע אין פּאָטסדאַם. מ'האָט געזען דאָס לעבן און די מנהגים פון תושבים אין אַ דאָרף אין ניימעקלענבורג*, אַ קאַמף צווישן הענער אין באָרנעאָ, נאַקעטע ווילדע מענטשן, וואָס בלאָזן אין נאָזפּלייטן, פאַנגען ווילדע העלפאַנדן, אַ צערעמאָניע אין סיאַמישן קיניגלעכן הויף, אַ באָרדעל-גאַס אין יאַפּאַן, וואו גיישעס זיצן הינטער הילצערנע שטייגן. מ'האָט געזען איינגעוויקלטע סאַמאָיעדן פאָרן אין רען-שליטנס דורך אַ צפון-אַזיאַטישן שניי-סטעפּ, רוסישע עולה-רגלס, וואָס זיינען מתפלל אין חברון, אַ פּערסישן פאַרברעכער, וואָס קריגט געשלאָגן מיט שטעקנס איבער די פיס. מ'האָט זיך געפּלעט, ווי מ'וואָלט געווען דערביי. דער שטח איז פאַרשוואונדן, די צייט צוריקגערוקט, פון „ערגעץ און אַמאָל" איז געוואָרן אַ לויפנדיק, שווינדלדיק „דאָ און איצט", באַגלייט מיט מוזיק. פּלוצלונג האָט זיך דערנענטערט אין אַ נאַטירלעכער גרייס אַ יונגע מאַראָקישע פרוי אין געשטרייפלטע זיידענע בגדים, באַהאַנגען מיט קייטן, רינגען און קלאַמערס, די שפּיציקע בריסטן — האַלב-אָפגעדעקט. אירע נאָזלעכער זיינען געווען ברייט, אירע אויגן פול מיט חיהשקייט, איר פּנים האָט נישט גערוט. זי האָט געלאַכט מיט אַ מויל ווייסע ציין, האָט מיט אַ האַנט פאַרשטעלט די אויגן ווי אַ שירעם און די נעגל זיינען געווען ווייסער פון פלייש. מיט דער אַנדערער האַנט האָט זי געוואונקען צום פּובליקום. מ'האָט מיט פאַרלעגנהייט איינגעקוקט זיך אינעם פּנים פון דעם רייצנדיקן שאָטן, וואָס האָט אויסגעוויזן, ווי ער וואָלט געזען, כאָטש פּאַקטיש האָט ער גאָרנישט געזען און

* אַן אינזל פון דעם א. ג. ביסמאַרק-אַרכיפּעלאַג אין די דייטשע קאָלאָניעס אויפן שטילן אָקעאַן.

פֿרײַנדקײט זײַנע, בעת ער האָט אָנגעקאָרמעט מיט קלײַ די געשלאָ-
גענע מאַלינקראָדט, אױסגעהערט פֿון פֿערגען די שילדערונג װעגן
דער שרעקלעכער לונגען-צעטרײסלונג, אָדער בעת ער האָט געזען
די אָרעמע קאַרען פֿון גרױס פֿרײד פּאַטשן אין די הענט מיט די
פֿאַרפּלאַסטערטע פֿינגער-שפּיצן, — אָט-די צופֿרידנקײט איז געװען, װאָס
אמת, אַן איבערגעטראָגענע און פֿול מיט פּניות, אָבער אױך אַ דירעקטע
און אַ רײנע. זי האָט געשטאַמט פֿון אַ גײַסטיקער שטימונג, װעל-
כע איז געװען דער סאַמע היפּוך פֿון יענער, װעלכע סעטעמ-
בריני האָט פֿאַרטרעטן פּעדאַגאָגיש. האַנס קאַסטאָרפּ האָט זיך גע-
דאַכט, אַז פֿונדעסטװעגן קען דערױף חל זײַן סעטעמברינים באַ-
צײכענונג: Placet experiri.

דאָס הײַזל, אין װעלכן קאַרען קאַרסטעדט האָט געװױנט,
איז געלעגן נישט װײַט פֿון װאַסער-פֿאַל און פֿון די באַן-שינעס
בײַ דעם װעג, װאָס פֿירט קײן „דאָרף“. דערפֿאַר איז פֿאַר די קוז-
זינען באַקװעם געװען אָפּצוטרעטן בײַ איר, װען זײ האָבן זי געװאָלט
מיטנעמען אױף זײער רעגולאַמין-שפּאַציר נאָכן פֿרישטיק. גײענדיק
אַזױ צו „דאָרף“ צו, כּדי צוצוקומען צו דער הױפּט-פּראָמענאַדע,
האָבן זײ געזען פֿאַר זיך דעם קלײנעם „שיאַהאָרן“, דערנאָך װײַ-
טער רעכטס — דרײַ שפּיצן, װעלכע מ'האָט גערופֿן די „גרינע
טורעמס“. איצט זײַנען זײ אױך צוגעדעקט געװען מיט בלענדנדיק-זו-
ניקן שנײ. נאָך װײַטער אױף רעכטס האָבן זײ געזען דעם שפּיץ
פֿון באַרג אין „דאָרף“. אױף אַ פֿערטל פֿון זײַן הײך האָט מען גע-
זען דעם בית-עולם, דעם בית-עולם פֿון „דאָרף“, װאָס איז געװען
אַרומגערינגלט מיט אַ מױער. מ'האָט, װײַזט אױס, געזען פֿון דאָרטן
אַ שײנע פּאַנאָראַמע, אפֿשר די אָזערע. דערפֿאַר טאַקע איז אײַנ-
געפֿאַלן צו מאַכן אַהין אַ שפּאַציר. אײנמאָל זײַנען זײ טאַקע אַרױף
אַהין, אין דרײַען. ס'איז געװען אין אַ שײנעם פֿאַרמיטאָג. בכלל
זײַנען אַלע טעג געװען שײנע: זוניקע און אָן װינטן, טיף-בלױע,
ברענענדיק-פּראָסטיקע און צעפֿינקלטע. די קוזינען — אײנער מיט אַ
ציגל-רױט פּנים, דער צװײטער ברױן — זײַנען געגאַנגען אין די בלױזע
אָנצוגן, װײַל די מאַנטלען זײַנען שװער געװאָרן — אַזױ האָט גע-
ברענט די זון. דער יונגער ציִמסען איז געגאַנגען אין אַ ספּאָרט-

אַרויסגענומען פֿון איר מאַנס איטאַליעניש־מאַיאָליקאַלישן ווערטער־א צו־
אין עס איז איבערגעדרייט אויף דאָלטשע. דאָס צווייטע האָט דער־
מאָנט אין „פֿייעריאָ"ז*, „יובילײ", אָדער אײן גאָט ווייסט אין וואָס.
די קוזינען האָבן תּיכּף גענומען ציִען פֿון די שטחיען אין זייערע
קעפּלעם, בשעת זיי האָבן דערהערט אָט־דעם לאַטײַן. אָבער די שטע־
האָט זיך נישט אָנגעשטויסן. פֿאַרקערט, זי האָט אויסגעטשטשירעט
נאַריש אירע האָזישע ציין און האָט מיט חנמהלעך און שטעך־
ווערטלעך געפּרוּווט דערגײן די באַציִונג פֿון די דרײַ יונגע מענטשן.
זיכער איז זי, אין דעם פֿאַל, געווען בלויז דערין, וואָס ס'איז נוגע
דער קאַרען. עס טוט איר אַוודאַי אַ הנאה, וואָס בײַ איר לײַכטער
פּיתּוּי באַשיצן זי אַזעלכע צוויי עלעגאַנטע ריטערס. אַזוי האָט פֿרוי
שטער אַליין געזאָגט. ווייניקער קלאָר איז איר געווען דער ענין
מצד די קוזינען. אָבער בײַ איר גאַנצער טיפּשות און עם־האַרצישׂ־
קייט, האָט איר די ווײַבערישע אינטויִציע פֿאָרט אַרויסגעהאָלפֿן עפּעס
צו דערגײן, כאָטש בלויז האַלב און אויף אַן אָרדינערן אופֿן. וואָ־
רעם זי האָט פֿאַרשטאַנען און האָט געגעבן אָנצוהערן מיט שטעך־
ווערטלעך, אַז דער אמתדיקער און פּאַקטישער ריטער איז דאָ האַנס
קאַסטאָרפּ און דער יונגער צימסען אַסיסטירט בלויז. זי האָט זיך
אויך געכאַפּט, אַז פֿאַר האַנס קאַסטאָרפּן, וואָס זײַן אינערלעך גע־
פֿיל צו פֿרוי שאָשאַ איז דער שטער געווען באַקאַנט, איז די נע־
בעכדיקע קאַרען בלויז אַ סוראָגאַט, ווײַל צו יענער קאָן ער זיך
נישט דערנענטערן. דער דאָזיקער קוק אויף דער זאַך האָט זייער
געפּאַסט פֿאַר דער פֿרוי שטער, האָט נישט געהאַט אין זיך קיין שום
עטישע פֿאַרטיפֿטקייט און איז אַרויסגעוואַקסן פֿון איר אָרדינערער
אינטויִציע. דערפֿאַר טאַקע האָט האַנס קאַסטאָרפּ אויף אירע פֿלאַך־
שטעכעדיקע אָנצוהערענישן אָפּגעענטפֿערט בלויז מיט אַ מידן ביטול־
דיקן בליק. אַוודאַי איז פֿאַר אים דער צונויפֿקום מיט דער אָרעמער
קאַרען געווען אַ מין סוראָגאַט און אַ נוצלעך הילף־מיטל, אַקוראַט
ווי אַלע אַנדערע באַרעמהאַרציקע טאַטן. אָבער גלײַכצײַטיק זײַנען
זיי געווען אַ צוועק פֿאַר זיך אַליין, אָט־די מעשׂים טובֿים. די צו־

* אויסרוף: עס ברענט.

דער לעצטער סטאַדיע, ווען דער קראַנקער וויל זיך אַליין אָפּנאַרן. זי האָט געוואוסט, וואו ס'האַלט מיט איר און פונוואַנען ס'נעמט זיך די נעקראָזע* אין אירע פינגער=שפּיצן. זי האָט אויך געוואוסט, אַז אירע האַרטע קרובים וועלן אַפילו נישט וועלן הערן וועגן דעם ליקווס, זי טויטערהייט אַהיימצוטראַנספּאָרטירן, נאָר אַז נאָך דעם עקויטוס וועט מען איר געבן אַ באַשיידן שטיקל פּלאַץ טאַקע דאָרטן אויבן. בקיצור, מ'האָט געקאָנט גאַנץ גוט אײַנזען, אַז דער דאָזיקער שפּאַציר איז פאַר איר מאָראַליש=פּאַסיקער, ווי וועלכער ס'איז אַנדערער, אַ שטייגער — צום באָב=שליטן=גײַעג, אָדער אין קינאָ אַרײַן. אַגב, איז עס געווען נישט מער, ווי אַן אָנשטענדיקער אַקט פון חברשאַפט צו מאַכן אַ וויזיט די מתים אויבן, בתנאַי, ווען מ'קוקט נישט אויפן בית=עולם, ווי אויף אַ פּשוט אינטערעסאַנט אָרט און נייטראַלן שפּאַציר=פּלאַץ.

זיי זײַנען אַרויפגעקראָכן אַהין איינער נאָכן אַנדערן, ווייל אויף דעם שמאָלן שטעגל צווישן שניי האָט געקאָנט גיין בלויז איין מענטש. צום סוף האָבן זיי געלאָזט הינטער און אונטער זיך די העכסטע ווילעס אויפן שיפּוע און שטייגנדיק אין דער הייך האָבן זיי געזען, ווי די היימישע לאַנדשאַפט אין איר גאַנצער ווינטערדיקער פּראַכט הערט אין דער פּערספּעקטיוו אַ ביסל ברייטער און צעעפנטער. זי האָט זיך מער אויסגעשפּרייט צו צפון=מזרח צו קעגן דעם אַרײַנגאַנג פון טאָל. ס'איז אַרויסגעשוואומען דער דערוואַרטעטער אויסבליק אויף דער אָזערע, וואָס איז געווען באַוואַקסן אַרום מיט וואַלד, צוגעפרירן און פאַרשיט מיט שניי. פון סאַמע ווייטסטן ברעג האָבן זיך, דאַכט זיך, צונויפגעטראָפן אויף דער ערד שיפּועים. הינטער זיי האָבן אַרויסגעקוקט פרעמדע בערג=שפּיצן, וואָס האָבן זיך, פאַרשנייטע, אַרײַנגעשטאָכן אין דער בלויקייט פון הימל. זיי האָבן זיך צוגעקוקט דערצו, בעת זיי זײַנען געשטאַנען אין שניי פאַר דעם שטיינערנעם טויער, וואָס האָט אַרײַנגעפירט אין בית=עולם. צום

* דאָס אָפּשטאַרבן פון די ביינער.

אָנצוג און אין גומענע שניי־שיך, האַנס קאַסטאָרפּ — אין אַזעלכע שיך, אָבער מיט לאַנגע הויזן, ווייל ר'איז נישט געווען בטבע גענייגט אַרייַנגעטאָן אין קערפּער, כּדי צו טראָגן קורצע. ס'איז געווען צווישן אָנהייב און מיטן פעברואַר, שוין אין נייעם יאָר. ריכטיק, ס'איז געוואָרן אַ נײַ יאָר, זינט האַנס קאַסטאָרפּ איז אַרויפגעקומען אַהער. מ'האָט איצט געשריבן אַ נייע דאַטע. אַ גרויסער ווייזער פון וועלט־צייט־זייגער האָט זיך איבערגערוקט אויף איין שטרײַכעלע. פאַרשטייט זיך, אַז ס'איז נישט געווען דער סאַמע גרעסטער, יענער ווייזער, וועלכער ווייזט־אָן יאָר־טויזנטער. זייער ווייניק פון יענע, וואָס לעבן איצט, וועלן דערלעבן יענע צייט. ס'איז אויך נישט געווען דער ווייזער, וואָס ווייזט אָן אויף יאָר־הונדערטער אָדער אויף צענער־יאָרן. דאָס נישט. אָבער דער יאָר־ווייזער האָט זיך ערשט נישט לאַנג אַ רוק געטאָן, כאָטש האַנס קאַסטאָרפּ איז נאָך דאָ נישטאָ קיין יאָר, נאָר ערשט אַ ביסל מער פון אַ האַלבס. איצט שטייט דער יאָר־ווייזער אויף איין אָרט, ווי ביי דעם מין גרויסע זייגערס, ביי וועלכע דער ווייזער רוקט זיך איבער יעדע פינף מינוט, און ער וואַרט ביז ער וועט זיך ווידער אַ רוק טאָן. אָבער ביז דעמאָלט מוז נאָך דער חודש־זייגער צען מאָל זיך איבעררוקן, אַ ביסל מער וויפיל מאָל ער האָט זיך שוין אַ רוק געטאָן, זינט האַנס קאַסטאָרפּ איז שוין דאָ אויבן. דעם פעברואַר האָט ער נישט אַרייַנגערעכנט, ווייל אָנגעהויבן, הייסט: אַוועקגעגאַנגען, אַקוראַט ווי אָפּגעטוישט איז אויסגעגעבן.

די דריי זיינען, הייסט עס, אויך אַמאָל אַוועק שפּאַצירן צום בית־עולם אויפן באַרג אין „דאָרף“. צוליב עקזאַקטער גענויקייט מוז מען אויך אָט־דעם שפּאַציר פאַרצייכענען. די אָנרעגונג דערצו האָט געגעבן האַנס קאַסטאָרפּ. יאָאַכים האָט אין אָנהייב זיך געקווענקלט צוליב דעם מצב פון דער אָרעמער קאַרען, צום סוף, אָבער, האָט ער אײַנגעזען און מודה געווען, אַז ס'האָט נישט קיין זין צו שפּילן זיך מיט איר אין באַהעלטעניש און זי מיט סכּנת נפשות אויסצוהיטן, ווי ס'וויל די פּחדנותדיקע שטער, פון אַלץ, וואָס דערמאָנט אין עקזיטוס*. קאַרען קאַרסטעדט איז נאָך נישט געווען אין

* = דער סוף (לאטייניש).

זיינען די דריי אַרומגעקראָכן דיסקרעט איבער די שמאָלע דורכגענג און שטעגלעך צווישן די מצבות. דערביי האָבן זיי זיך אַלעמאָל אָפּגעשטעלט, כדי אַריסצולייענען אַ נאָמען, אַ דאַטע פון געבוירן און שטאַרבן. די מצבות און די צלמים זיינען געווען פּשוטע און אָן איבעריקע באַפּוצונגען. וואָס ס'איז נוגע די איבערשריפטן, זיינען דאָרטן געווען נעמען פון אַרבע פּינות עולם, ענגלישע, רוסישע, אָדער בכלל סלאַווישע, אויך דייטשע, פּאָרטוגעזישע און אַלע אַנדערע. אָבער אויף די דאַטן איז געלעגן אַ ספּעציעלער חותם: דער מהלך צווישן איין דאַטע און דער אַנדערער איז געווען אויפפאַלנדיק קליין, די צייט צווישן געבוירן און עקזיטוס האָט אָנגעטראָפן אומעטום בערך צוואַנציק יאָר, נישט אַ סך מער. דער גאַנצער בית־עולם איז כמעט באַליגט געווען מיט בלויז יונגוואַרג, וואָס איז זיך צונויפגעפאָרן אַהער פון דער גאַנצער וועלט און איינמאָל פאַר אַלעמאָל אָנגענומען אַ האָריזאָנטאַלע פּאָזיציע.

ערגעץ טיף, צווישן די געדיכטע קברים, אינעווייניק אינמיטן בית־עולם, איז געווען אַ פלאַך שטיקל פּלאַץ, אַ מענטש די לענג. עס איז געלעגן גלייך און נישט פאַרנומען צווישן צוויי קברים, וואָס אויף זייערע מצבות האָבן געהאַנגען אייביקע קראַנצן. די דריי באַזוכער זיינען נישט ווילנדיק דאָרטן געבליבן שטיין. פאַר זיי איז געשטאַנען די פּריילין און זיי האָבן אַלע געלייענט די דינע אותיות אויף די שטיינער. האַנס קאַסטאָרפּ — אָפּגעלאָזן, די הענט פאַרלייגט פאַר זיך, מיט אַן אָפן מויל און שלעפעריקע אויגן; דער יונגער צימסען — מיט צונויפגערוקטע פיס און נישט בלויז גלייך, נאָר אַפילו אַ ביסל נעבויגן אויף צוריק. די קוזינען האָבן גלייכצייטיק — זייטיק און בגנבה געכאַפּט אַ בליק אויף קאַרען קאַרסטעדטס מינע. זי האָט עס באַמערקט און געשטאַנען אַ פאַרשעמטע און באַשיידענע, דער קאָפּ אַ ביסל קרומלעך־פאָרויס. זי האָט באַחנט געשמייכלט מיט אויסגעשפּיצטע ליפּן און דערביי גיך צונעפינטלט מיט די אויגן.

סוף זיינען זיי אַריין אַהין דורך אַן אייזערנער שטאַכעטן־טיר, וועלכע איז געווען איינגעפּאַסט אין שטיינערנעם טויער און נישט פֿאַרשלאָסן, נאָר האַלב צוגעלענט.

אויך דאָ זייַנען געווען אָפּגערייניקטע שטעגלעך. זיי האָבן זיך געשלענגלט צווישן די אַרומגעקראַצטע קברים־בערגלעך, באַשיטע מיט קישנס שניי, אָט־די גוט און גלייך־געבעטע מתים־געלעגערס מיט זייערע צלמים פֿון שטיין און מעטאַל, מיט זייערע קליינע מאָנומענטן, באַפּוצטע מיט אותיות און מעדאַליאָנען. פֿונדעסטוועגן האָט מען נישט געזען קיין זכר פֿון קיין מענטש. די שטילקייט, אָפּגעזונדערטקייט, שלווהדיקייט פֿון דעם אָרט האָט אויף פֿאַרשיידענע אופֿנים זיך אויסגעוויזן טיף און סודותדיק. אַ קליין שטיינערן מלאכל אָדער אַ גאָטל, מיט אַ שניי־היטעלע קרום אויפֿן קעפּל, איז געשטאַנען ערגעץ צווישן דער געדיכטעניש און האָט געהאַלטן אַ פֿינגער אויף די ליפּן; עס האָט אויסגעוויזן, ווי דער גניוס פֿון דעם אָרט, ס'הייסט: דער גניוס פֿון שווייגן. מ'האָט אַלנפֿאַלס זייער שטאַרק געפֿילט אין דעם שווייגן דעם היפּוך פֿון ריידן, אַ פֿאַרשטומטקייט, הייסט עס, נישט קיין ליידיקייט און פּוסטקייט. פֿאַר די צוויי מענער וואָלט, אַלנפֿאַלס, געווען אַ געלעגנהייט אַראָפּצונעמען די היטלען, ווען זיי וואָלטן געטראָגן. אָבער זיי זיינען געגאַנגען אין די בלויזע קעפּ, האַנס קאַסטאָרפּ אויך. דערפֿאַר זיינען זיי בלויז הינטער קאַרען נאָכגעגאַנגען מיט דרך־ארץ, מיט דער גאַנצער שווערקייט פֿון גוף אויף די פֿינגער פֿון די פֿיס, וויגנדיק זיך עטוואָס אויף רעכטס און אויף לינקס און איינער נאָכן אַנדערן.

דער בית־עולם איז געווען געבויט נישט רעגלמעסיק; אָנגעהויבן האָט ער זיך ווי אַ שמאָלער פּירעק קעגן דרום־צו, דערנאָך האָט ער זיך צעצווייגט, אויך גלייכעקיק אין ביידע זייטן. אַפֿנים, אַז מ'האָט אים אַ סך מאָל געמוזט פֿאַרגרעסערן און צונעמען נייע שטיקער פֿעלד. פֿונדעסטוועגן איז אַלץ געווען כמעט אינגאַנצן באַלייגט, סיי לענגאַים דער מויער, סיי אינעווייניק, אויף די ווייניקער חשובע ערטער. ס'איז שווער געווען צו וויסן, ווי אַזוי מ'וואָלט דאָ נאָך אויסגעפֿונען אַ אָרט פֿאַר עמעצן. אַ היפּש שטיק צייט

— איר מיינט... אַך, אַזוי, אויסגעצייכנט! — לאַכט האַנס קאַסטאָרפּ — איר זייט אַ חוזק־מאַכער! — „האַלב צען“ — האָסט געהערט, דו? צו פרי, הייסט עס, אַז „אַ געוויסער טייל“ פון די פּאַראַיאָריקע זאָל נאָך קאָנען באַווייזן אָנטייל צו נעמען, מיינט הער סטעמבעריני. האַ־האַ, נישט־היימלעך. דאָס איז יענער טייל, וואָס האָט אין משך פון דער צייט זיך אָפּגעזעגנט מיטן ביסל „פלייש“. דו פאַרשטייסט דעם וואָרט־שפּיל? אַלנפאַלס בין איך געשפּאַנט — האָט ער געזאָגט. — איך האַלט עס פאַר ריכטיק, וואָס מיר פייערן דאָ אַזוי די יום־טובים, ווי זיי פאַלן אויס און מיר שטרייכן אונטער אויף אַן אָנגענומענעם אופן די עטאַפּן, די אײַנשניטן, כּדי ס'זאָל נישט זײַן אַזוי איינטאָניק, אָן שום איבעררייסן. דאָס וואָלט געווען עפּעס מאָדנע. דאָ האָבן מיר געהאַט ווײַנאַכט און ניי־יאָר, איצט קומט, הייסט עס, פאַסט־נאַכט. דערנאָך וועט זיך אונטעררוקן דער פּאַלמען־זונטאָג (קריגט מען דאָ בייגל?), די גרויסע וואָך, פּסחא און דערנאָך שבועות. דאָס איז אינגאַנצן אין זעקס וואָכן שפּעטער. דערנאָך וועלן מיר שוין באַלד האָבן דעם לענגסטן טאָג, ווען ס'הייבט אָן באַלד צומאָרגנס ווערן פריער נאַכט, פאַרשטייסט איר, און דערנאָך וועט נעמען גיין צו האַרבסט...

— שטיט! שטייט! שטייט! — האָט סעטעמבריני אַ רוף געטאָן, דערביי האָט ער אַ הייב געטאָן דאָס פּנים צום הימל און צוגעדריקט די האַנט־פלאַכן צו די שלייפן — שווײַגט! איך פאַרווער אײַך אויף אַזאַ אופן צו צעלאָזן זיך!

— אַנטשולדיקט, איך זאָג דאָך פאַרקערט... אַגב, וועט דאָך בערענס סוף־כּל־סוף פּועלן בײַ זיך צו מאַכן אײַנשפּריצונגען און זיך אַ נעם טאָן צו מײַן קרענק. ווײַל כ'האָב כּסדר זיבנאונדרײַסיק פיר, פינף, זעקס און אויך זיבן. ס'וויל זיך גאָרנישט ענדערן. איך בין און בלייב נאָך אַלץ אַ ציטערדיקן קינד פון לעבן. אויף לאַנג בין איך נישט פאַרמשפּט. ראַדאַמאַנט האָט מיר אַפילו נישט אַרײַנגעצימבלט קיין באַשטימטן טערמין, אָבער ער זאָגט, אַז ס'וואָלט געווען אומזיניק איבערצורייסן די קוראַציע פאַר דער צײַט, אויב כ'בין שוין אַזוי לאַנג דאָ אויבן און אַזויפיל צײַט אַרײַנגעלייגט, אויב מ'קאָן אַזוי זאָגן. וואָס פאַר אַ נוצן וואָלט עס געהאַט, ווען ער באַשטימט מיר אַפילו אַ טער־

וואַלפּורגיס נאַכט *

אין עטלעכע טעג אַרום איז געוואָרן זיבן חדשים, זינט דער יונגער האַנס קאַסטאָרפּ איז געזעסן דאָ אויבן. פינף האָט שוין יאָאַכים געהאַט הינטער זיך, בעת האַנס קאַסטאָרפּ איז אָנגעקומען. איצט איז שוין געווען צוועלף חדשים, אַ קײַלעכיק יאָר. קײַלעכיק אין קאָסמישן זין: זינט דער קליינער, שלעפּ־קרעפּטיקער לאָקאָמאָטיוו האָט יאָאַכימען אָפּגעשטעלט אַהער, האָט די ערד זיך אַרומגעדרייט איינמאָל אַרום־און־אַרום דער זון און איז צוריקגעקומען צו דעם דעמאָלטיקן פּונקט. ס'איז געווען קאַרנאַוואַל־צײַט; גאָר נאָענט צו פאַסטנאַכט און האַנס קאַסטאָרפּ איז געוואָר געוואָרן בײַ דעם פּאַראַיאָריקן פּאַציענט, ווי דאָ פּירט זיך דעמאָלט.

— מאַגניפיק** — האָט געענטפערט סעטעמברעני, וועלכן די קוזינען האָבן דעמאָלט ווידער געטראָפן בײַ דעם פאַרמיטאָג־שפּאַציר — ספּלענדיד!*** — האָט ער געענטפערט.—ס'איז דאָ אַזוי פריילעך, ווי אין פּראַטער****, איר וועט זען, אינזשיניער. דעמאָלט זײַנען מיר גלײַך גלענצנדיקע פּאַציענטן — האָט ער געזאָגט און נישט אויפגעהערט מיט זײַן אָפן מויל צו וויצלען זיך, דערבײַ האָט ער געמאַכט געלונגענע זשעסטיקולאַציעס מיט זײַנע הענט, אַקסלען און מיטן קאָפּ. וואָס ווילט איר האָבן, אַפילו אין דער maison de santé ***** קומען פאָר טיילמאָל בעלער, פאַר די אידיאָטן און משוגעים, אַזוי האָב איך געלייענט. פאַרוואָס־זשע דאָ נישט? דער פּראָגראַם אַנטהאַלט די פאַרשיידנסטע danses macabres ******, קאָנט איר אײַך פאָרשטעלן. לײַדער קאָן אַ געוויסער טייל פון די פּאַראַיאָריקע נישט נעמען קיין אָנטייל, ווײַל די פייערונג ענדיקט זיך נישט שפּעטער ווי האַלב צען...

---

* די נאַכט פאַרן 1 מאַי, ווען די כישוף־וועלט הוליעט, לויט אַן אַבערגלויבן.

** פּרעכטיק.

*** הערלעך.

**** דער באַוואוסטער פאָלקס־פּאַרק אין ווין.

***** שפּיטאָל.

****** טויטן־טענץ.

נאָך מיטאָג זיינען אַלע אַוועק עולה־רגל זיין קיין „פּלאַץ“, כּדי צוצוקוקן זיך צום דאָרטיקן קאַרנאַוואַל־לעבן. אויפן וועג האָט מען געטראָפן מענטשן אין מאַסקעס, פּיעראָטן און קאָלאָמבינעס, וואָס האָבן זיך אַרומגעטראָגן מיט קלאַפּערס. צווישן די פוס־גייער און די מאַסקעס אין די קלינגענדיקע, אויסגעפּוצטע שליטנס זיינען פאָר־געקומען קאָנפעטי־שלאַכטן. אויף דער אָוונט־מאָלצייט אין עס־זאַל איז מען שוין געווען בגילופין ביי די זיבן טישן, אַנטשלאָסן איבער־צוטראָגן די דרויסנדיקע יום־טובדיקייט אויך אַהער צווישן אייגע־נעם עולם. דעם משרתס פּאַפּירענע היטלען, קלאַפּערס און פייפ־לעך האָבן געהאַט אַ גוטן אָפּגאַנג. דעם אָנהייב צו די ווייטערדיקע געשעענישן האָט געמאַכט דער פּראָקוראָר פּאַראַוואַנט דערמיט, וואָס ער האָט אָנגעטאָן אַ ווייבלעכע קימאָנאָ, צוגעטשעפּעט צו די האָר אַ פאַלשן צאָפּ, וועלכן ער האָט גענומען — ווי מען האָט פון פאַר־שיידענע זייטן דערציילט — ביי דער פרוי גענעראַל־קאָנסול וואורמבראַנד. ער האָט מיט אַ ברען־אייזן געמאַכט אַזוי, אַז זיינע וואָנסעס זאָלן גיין קרומלעך אַראָפּ און אַזוי־אַרום באַקומען אַ פּנים פון אַ כינעזער אויף אַ האָר. די פאַרוואַלטונג איז אויך נישט געבליבן הינטערשטעליק. מ׳האָט יעדן פון די זיבן טישן באַצירט מיט אַ פּאַפּירענעם לאַמפּי־אָן, אַ קאָלירטע לבנה מיט אַ ברענענדיק ליכט אינעווייניק, אַזוי אַז בשעת סעטעמבריני איז אַריין אין זאַל און פאַרביי־געגאַנגען האַנס קאַסטאָרפּס טיש, האָט ער ציטירט אין שייכות צו דער אילומינאַציע געטעם פערזן:

ועט, וואָס פאַראַ שיינע פלאַמען!
אַ קלוב איז פריילעך דאָ צוזאַמען.

ער האָט דאָס אַרויסגעזאָגט מיט זיין פיינעם און טרוקענעם שמייכל. דערנאָך האָט ער זיך אַוועקגעשלעפּט אויף זיין פּלאַץ, וואו מ׳האָט אים מקבל־פּנים געווען מיט קליינע קוילן, דין־ווענטיקע קיילעכלעך, אָנגעפילטע מיט פּערפום. בעת זיי טרעפן, פּלאַצן זיי און באַגיסן יענעם.

בקיצור, די יום־טוב־שטימונג איז פון אָנהייב אָן געווען זייער אַ בולטע. מ׳האָט געהאַלטן אין איין לאַכן, די פּאַפּירענע שלאַנגען,

מין? דאָס וואָלט געהאַט אַ קנאַפּן באַטייט. ווען ער זאָגט, צום ביישפּיל: אַ האַלב יאָר, איז עס צו ווייניק אָנגעכאַפּט און מ׳מוז זיין צוגעגרייט אויף מער. דער בעסטער באַווייז איז מיין קוזין. ער האָט געזאָלט זיין פאַרטיק אין אָנהייב היינטיקן חודש — פאַרטיק, מיין איך: אויסגעהיילט. אָבער דאָס לעצטע מאָל האָט אים בערענס ווידער צוגעלייגט פיר חדשים ביז ער וועט זיין אינגאַנצן אויסגעהיילט. — נאַ, איז וואָס-זשע וועט דעמאָלט זיין? דעמאָלט וועט זיין דער לענגסטער זומער-טאָג, ווי איך האָב טאַקע געזאָגט (ניט כדי צו רייצן זיך מיט אייך) און ס׳וועט ווידער גיין צו ווינטער. אָבער אין דעם מאָמענט האַלטן מיר אוודאי ערשט ביי פאַסט-נאַכט. איר הערט, מיר געפעלט עס זייער, וואָס מיר וועלן איינס באַיינס פייערן דעם יום-טוב, ווי ס׳שטייט אין לוח. פרוי שטער זאָגט, אַז אין דער לאָזשע פון משרת קאָן מען קויפן טרומייטערלעך פאַר קינדער?

דאָס איז געווען אמת. שוין ביים ערשטן פרישטיק אין קאַרנאַוואַל-טאָג, וואָס איז געקומען, איידער מ׳האָט זיך אומגעקוקט, האָט מען אין עס-זאַל געהערט פאַרשיידענע טענער פון קינדישע בלאָז-אינסטרומענטן, אַ קוויטשעריי און אַ פייפעריי. ביים מיטאָג ויינען פון גענזערס, ראַזמוססענס און קלעפעלדס טיש געפלויגן פאַפּירענע שלאַנגען. אַ סך מענטשן, צום ביישפּיל, מאַרושיאַ מיט די קיילעכיקע אויגן, האָבן געטראָגן אויפן קאָפּ פאַפּירענע שקאַרמוצן, וועלכע מ׳האָט אויך געקאָנט קויפן ביים הינקעדיקן משרת אין דער לאָזשע. אין אָוונט איז אין זאַל און אין די קאָנווערזאַציע-צימערן פאָרגעקומען אַ יום-טובדיקער צונויפקום, וואָס האָט דערפירט... לעת-עתה ווייסן מיר בלויז דאָס, צו וואָס דער פייערלעכער אָוונט האָט דערפירט אַדאַנק האַנס קאַסטאָרפּס אונטערנעמערישקייט. אָבער דער פאַקט, וואָס מיר ווייסן, קאָן אונז נישט אַרויספירן פון אונזער געלאַסנקייט; מיר לאָזן פאַר דער צייט דעם כבוד, וואָס ס׳קומט איר און מיר וועלן גאָרנישט צואַיילן. אפשר פאַרקערט, ציען מיר גאָר אָפּ מיטן באַשרייבן די געשעענישן, ווייל מיר פילן מיט דעם יונגן האַנס קאַסטאָרפּס עטישע צוריקגעהאַלטנקייט, וועלכע האָט אַזוי לאַנג אויפגעהאַלטן אָט די געשעענישן.

ס'זיינען געווען סיבות בלייך צו ווערן נאָך אויסער דעם. פרוי שאָשאַ דאָרטן הינטן איז געווען אָנגעטאָן יום־טובדיק. זי האָט געטראָגן אַ אַ ניי קלייד, אַלנפֿאַלס אַזאַ קלייד, אין וועלכן האַנס קאַסטאָרפּ האָט זי נאָך ביז איצט נישט געזען. ס'איז געווען פֿון לייכטן, טונקעלן, כמעט שוואַרצן זייד, וואָס האָט דאָ און דאָרט אַ גלאַנץ געטאָן גאָלדן־ברוינלעך. ביים האַלדז איז עס געווען קיילעכדיק און מיידלעריש אויסגאַרכידט, אַזוי ווייניק, אַז מ'האָט בלויז אַרויסגעזען דעם האַלדז, דעם אָנהייב פֿון די שליסל־ביינער. צוליב דעם, וואָס זי האָט געהאַלטן דעם קאָפּ אַ ביסל אויסגעבויגן פֿאָרויס, האָט מען הינטן אַרויסגעזען דאָס אַ ביסל אַרויסגעזעצטע נאַקן־ביינדל אונטער די לויזע האָר פֿון קאַרק. קלאַודיעס אָרעמס דערפֿאַר זיינען אין דעם קלייד געווען אַנטבלויזט ביז צו די אַקסלען. אירע אָרעמס זיינען געווען אי צאַרט אי פֿול, דערביי נאָך קיל, לויט אַלע השערות און זיי האָבן אַזוי אויסערגעוויינלעך ווייס זיך אָפּגעשלאָגן קעגן דער זיידענער טונקלקייט פֿון קלייד, אויף אַזאַ דערשיטערנדיקן אופֿן, אַז האַנס קאַסטאָרפּ האָט צוגעמאַכט די אויגן און אין זיך אַ שעפּטשע געטאָן: מיין גאָט! אַזאַ מין שניט פֿון אַ קלייד האָט ער נאָך קיינמאָל נישט געזען. ער האָט געקאָנט באַל־טואַלעטן, פֿייערלעכע, מיט אָנגענומענע דעקאָלטן, וואָס זיינען געווען אַ סך גרעסער, ווי איצט ביי פֿרוי שאָשאַ, פֿונדעסטוועגן האָט יענע ווייט ניט געווירקט אַזוי איבערראַשנדיק. אַמאָל האָט דער אָרעמער האַנס קאַסטאָרפּ געהאַט אָנגענומען די מיינונג, אַז דער רייץ, דער אומזיניקער רייץ פֿון די דאָזיקע אָרעמס, וועלכע ער האָט אַלעמאָל געזען דורך דינער גאַזע, וועט אין דער אָנדייטנדיקער „פֿאַרהילטקייט" נישט זיין אַזאַ טיפֿער. ער האָט אָבער געהאַט אַ טעות! ר'האָט זיך ביטער גענאַרט! די פֿולע, שטאַרק־אַקצענטירטע און בלענדנדיקע נאַקעטקייט פֿון די אָרעמס ביי אָט דער קראַנקער האָט געווירקט אַ סך שטאַרקער ווי דעמאָלט, בעת זיי זיינען געווען פֿאַרהילט. ס'איז דאָ נישט געווען קיין אַנדערע עצה, ווי אַראָפּצולאָזן דעם קאָפּ און שטילערהייט איבערחזרן: מיין גאָט!

אַ ביסל שפּעטער איז אָנגעקומען אַ ניי צעטל, אין וועלכן ס'איז געשטאַנען:

וואָס האָבן אַראָפּגעהאַנגען פון די זשיראַנדאָלן, האָבן פון ווינט געווייעט אַהין און אַהער, אין דער בראָט־יויך זיינען אַרומגעשוואומען קאָנפּעטי. באַלד האָט מען געזען די קאַרליקיכע דורכאיילן אַ פּאַר־גומענע מיטן ערשטן אייז־עמער, מיט דער ערשטער שאַמפּאַניער־פלאַש. מ'האָט געמישט שאַמפּאַניער מיט בורגונדישן וויין. דער אַדוואָקאַט איינהויף האָט געגעבן דערצו דעם סיגנאַל. צום סוף פון מאָלצייט זיינען פּאַרלאָשן געוואָרן די סופּיט־לאָמפּן און דער עס־זאַל איז נאָך בלויז דורך די לאַמפּיאָנען באַלויכטן געווען טונקל־פאַרביק און האָט דערמאָנט אין איטאַליענישע נעכט. דעמאָלט איז די שטימונג געוואָרן שוין גאָר אַ גערויבענע. סעטעמברייני האָט צוגעשיקט האַנס קאַסטאָרפּן אַ צעטל (ער האָט עס איבערגעשיקט דורך מאַרושיאַ, וואָס איז געזעסן לעבן אים און געווען אויסגעפּוצט אין אַ זשאָקיי היטל פון גרין זייד־פּאַפּיר). דער עולם ביים טיש האָט געהאַט דערפון גרויס הנאה. עס איז דאָרטן געווען געשריבן מיט בלייפעדער:

> אָבער געדענקט: דער באַרג איז היינט פון כישוף חול,
> און אויב ס'וועט וויזן אייך דעם וועג אַ פאַלשע שיין,
> אינגאַנצן ערנסט דאַרפט איר דאָס ניט נעמען.

ד"ר בלומענקאָל, וועלכער איז ווידער געווען זייער אין אַ שלעכטן מצב, האָט עפּעס אַ מורמל געטאָן פאַר זיך מיט זיין ספּעציעלן אויסדריק אין פּנים, אָדער איינגעטלעכן גאָר אין די ליפּן: דערפון האָט מען געקאָנט אַרויסדרינגען, וואָס פאַראַ פערזן דאָס זיינען. האַנס קאַסטאָרפּ פון זיין זייט האָט געהאַלטן, אַז ער טאָר נישט בלייבן שולדיק, האָט געפילט, אַז דער שפּאַס איז אים מחייב אָפּצוענטפערן אויפן צעטל מיט עפּעס אַ רעפּליק, וועלכע וואָלט מסתמא אַרויסגעקומען זייער שוואַך. ער האָט גענומען זוכן אין די קעשענעס אַ בלייפעדער. ער האָט אָבער נישט געפונען. אויך יאָאַכים און די לערערין האָבן נישט געהאַט ביי זיך. זיינע רויט־אָנגעלאָפענע אויגן האָבן הילף־זוכנדיק אַ קוק געטאָן אין מזרחדיקן טייל פון זאַל, אין דעם לינקן ווינקל הינטערווייליכן. דאָס, וואָס ער האָט יעצט געהאַט בדעה, איז אַרויס־געוואַקסן פון אַזאַ ווייטער אַסאָציאַציע, אַז ר'איז אַזש בלייך געוואָרן און האָט בכלל פאַרגעסן, וואָס ער האָט צו טאָן.

דער סטודענט ראַזומוססען, וועלכער האָט זיך אַרומגעדרייט אין אַ רושעטן קלייד, אין אַ דעקאָלט מיט בלאָטעדלעך. ער האָט זיך געקילט מיט אַ פּאַפּירענעם פעכער און אַפילו פון הינטן. ס'איז אַרויסגעשוואומען אַ לאָמער בעטלער, מיט אַ קוליע אונטערן אָרעם. עמעץ האָט זיך פון ווייסער אונטערוועש און פון אַ פילצענעם דאַמען-הוט געמאַכט פּיעראָ-קאָסטיום. דאָס פּנים איז געווען אָפּגעפּודערט, אַזוי אַז זיינע אויגן האָבן באַקומען אַ אומנאַטירלעכן אויסזען. דאָס מויל איז געווען בלוטיק אָנגעשמירט מיט פּאָמאַדע. ס'איז געווען דער בחור מיטן לאַנגן נאָגל. אַ גריך פון שלעכטן רוסן-טיש, מיט שיינע פיס, האָט פּאַראַדירט אין לילאַ טריקאָט-אונטערהויזן, אין אַ קליין מענטעלע, אַ פּאַפּירענער קרוין און מיט אַ הילצערנער שווערד, ס'האָט געדאַרפט זיין אַ שפּאַנישער גראַנד אָדער גאָר אַ פּרינץ פון מעשה-ביכל. די אַלע מאַסקעס זיינען נאָך דער מאָלצייט אינדערגיך אימפּראָוויזירט געוואָרן. פרוי שטער האָט מער נישט געקאָנט אײַנזיצן אויף איר שטול. זי איז נעלם געוואָרן און נישט לאַנג דערנאָך איז זי צוריקגעקומען אָנגעטאָן ווי אַ פרוי וואָס וואַשט פּאָדלאָגעס, מיט אַ פאַרשאַרצט קלייד און פאַרקאַטשעטע אַרבל. די בענדער פון איר פּאַפּירן הייבל פאַרקניפּט אונטער דער גאָמבע. זי איז געווען באַוואָפנט מיט אַן עמער און מיט אַ בעזעם, זי האָט דעם בעזעם אײַנגעוויקלט אין אַ נאַסער שמאַטע און גענומען אַרומשאַרן אונטער טיש, צווישן די פיס.

די אַלטע באַובאָ קומט אַליין *

האָט סטעמבריני רעציטירט, בעת ער האָט זי דערזען און צוגעגעבן דעם צווייטן פערז צום גראַם, קלאָר און פּלאַסטיש. זי האָט עס געהערט, אים אָנגערופן „וועלשענער האָן" און האָט געטענהט, ער זאָל זיין ניבול-פּה האַלטן פאַר זיך. דערביי האָט זי אים געדוצט, ווי אַלע מאָל מאַסקעס. וואָרעם שוין ביים עסן האָט מען אָנגעהויבן אַזוי צו ריידן צווישן זיך. סעטעמבריני האָט איר געוואָלט אָפּענטפערן,

* א ציטאט פון דער „וואלפורגיס-נאכט" אין געטעס „פאוסט"; די אלטע באובא איז איינע פון די מכשפות.

אַ עולם, ווי מ'קאָן נאָר וועלן,
די מיידלעך — אַלע כלות!
די בחורים איינס באיינס
די בעסטע קאַוואַליערן!

בראַוואָ, בראַוואָ! האָט מען געהפן. מ'האָט שוין געהאַלטן ביי דער שוואַרצער קאַווע, וועלכע מ'האָט דערלאַנגט אין ערדערן־בוינע שעלעכלעך, אַנדערע האָט מען אויך געגעבן ליקער, אַ שטיי־ער דער פרוי שטער, וואָס האָט זייער ליב געהאַט עפּעס זיס און שאַרפס. דער עולם האָט זיך אָנגעהויבן אויפשטעלן און אַרומגיין. מ'איז צוגעגאַנגען איינעם צום אַנדערן, געטוישט די ערטער. איין טייל פון די געסט איז שוין אַריבער אין די קאָנווערזאַציע־זאַלן, אַנדערע זיינען געבליבן זיצן אויף אַן אָרט און ווייטער געטרונקען משקה. סעטעמבריני איז סוף־כל־סוף אַליין צוגעקומען, מיטן קאַווע־שעלכל אין דער האַנט, מיטן צאָן־שטעכער צווישן די ליפּן און האָט זיך אַוועקגעזעצט מעשה גאַסט ביים עק טיש צווישן האַנס קאַסטאָרפּ און דער לערערין.

— האַרץ־בערג — האָט ער אַ זאָג געטאָן — די געגענט פון שירקע און עלענד*. צי האָב איך אייך צופיל צוגעזאָגט, אינזשיניער? דאָס איז דאָך אַן אמתע מעסע! אָבער וואַרט נאָר, אונזער וויץ שעפּט זיך נישט אַזוי גיך אויס, מיר זיינען נאָך נישט ביים שפּיץ, אָפּגע־רעדט שוין וועגן סוף. לויט ווי מ'הערט, וועלן זיין אַ סך מאַסקעס. געוויסע פערזאָנען האָבן זיך צוריקגעצויגן, אַזוי אַז מ'קאָן זיך ריכטן אויף פאַרשיידענע זאַכן. איר וועט זען.

ס'האָבן זיך באמת געוויזן נייע קאָסטיומען: דאַמען אין מענע־רישע מלבושים, אָפּערעטיש און פאַלש צוליב די בולטע קערפּער־פאָרמען, די פּנימער אָפּגעשוואַרצט מיט אָנגעברענטע קאָרקעס, כלומרשט סימנים פון בערד. מענער, להיפוך, האָבן אָנגעטאָן ווייבערישע מלבושים, אַרומגעשלאָמפּערט אין ווייבערישע קליידער, צום ביישפּיל

---

* דערפער אין פרייסן, אנגעגעבן ווי דאָס אָרט פון דער וואַלפּורגיס־נאַכט אין געטעס „פאוסט״.

אויך געווען קלאַודיאַ שאָשאַ. צוזאַמען מיט דער וואָל־האָריקער טאַ־מאַרע און מיט דעם טיש־שכן מיט דער איינגעפאַלענער ברוסט־קאַסטן, אַ געוויסער בוליגין אין אַן אָוונט־אָנצוג, איז זי אין איר נײַ קלייד פאַר־בײַגעגאַנגען האַנס קאַסטאָרפּס טיש און זיך געלאָזט אין דער קרים צום טיש, וואו ס'זיצט דער יונגער געניער און די קלעפעלד. דאָרטן איז זי געבליבן שטיין מיט די הענט אויפן רוקן, האָט געלאַכט מיט אירע שמאָלע אויגן און געשמועסט. אירע באַגלייטערס זײַנען ווײַטער נאָכגעגאַנגען די אַלעגאָרישע געשפּענסטערישע מאַסקעס און צוזאַמען מיט זיי צוריק אַרויס פון זאַל. פרוי שאָשאַ האָט זיך אויך אויסגעפּוצט מיט אַ קאַרנאַוואַל־היטעלע. ס'איז אַפילו נישט געווען קיין געקויפטס, נאָר אַ פּשוטער שקאַרמוץ, ווי מ'מאַכט פאַר קינדער, פּשוט צונויפגע־קנייטשט פון ווײַס פּאַפּיר. זי האָט עס געטראָגן אין דער ברייט און ס'האָט איר אויסגעצייכנט געפּאַסט. דאָס טונקעלע גאָלד־ברוינע זײַדענע קלייד האָט געגרייכט ביז צו די קנעכלען און איז געווען אויסגעאַרבעט אַביסל קלאָש־אַרטיק. וועגן די אָרעמס ריידן מיר כּמעט נישט. זיי זײַנען געווען אַנטבלויזט ביז אַרויף צו די אַקסלען.

— קוק זיך נאָר גוט צו — האָט האַנס קאַסטאָרפּ געהערט פון דער ווײַטנס סעטעמברינין זאָגן. זי איז באַלד אַוועק ווײַטער און ער האָט איר נאָכגעקוקט ביז צו דער גלאָז־טיר, וואָס פירט אַרויס פון עס־זאַל — דאָס איז לילית.

— ווער? — האָט האַנס קאַסטאָרפּ געפרעגט.

— דער ליטעראַט האָט זיך דערפרייט און גלייך געענטפערט:

— אדמס ערשטע ווײַב. היט דיך...

בײַם טיש איז נאָך געזעסן בלויז דער ד״ר בלומענקאָל אויף זײַן אָרט, ווײַט פון זיי. דער איבעריקער עולם, אויך יאָאַכים, איז פון עס־זאַל אַרויס אין די קאָנווערזאַציע־צימערן. האַנס קאַסטאָרפּ האָט געזאָגט:

— דו ביסט הײַנט פול מיט פּאָעזיע און ציטאַטן. ווער איז דאָס פאַר־איינע לילי? אדם האָט געהאַט צוויי ווײַבער? כ'האָב נישט אָנגע־הויבן צו וויסן...

— אַזוי זאָגט די העברעישע אגדה. שפּעטער איז די לילית גע־וואָרן אַ נאַכט־שדית, געפערלעך פאַר יונגע מענער, דער עיקר צוליב אירע האָר.

אָבער באותו־רגע האָט מען דערהערט אַ ליאַרם און אַ געלעכטער פון דער האַלע און אַלע אין זאַל האָבן זיך גענומען אומקוקן.

ס'האָבן זיך באַוויזן צוויי משונהדיקע פיגורן און נאָך זיי אַ גאַנצער עולם, וואָס איז זיי נאָכגעגאַנגען פון די קאָנווערזאַציע־צימערן. זיי זיינען מסתמא ערשט פאַרטיק געוואָרן מיט דעם איבערטאָן. איינע איז געווען אָנגעטאָן ווי אַ נאָנע, פונדעסטוועגן איז דער שוואַרצער האַביט פון האַלדז ביז אַראָפּ געווען באַנייט אין דער ברייט מיט ווייסע ביינדלעך. טייל פון זיי זיינען געווען נאָענט איינס בײַם אַנדערן, אַנדערע זיינען געווען ברייטער און ווייטער אָפּגערוקט פון זיך, אַזוי אַז אינגאַנצן האָבן זיי געשאַפן אַ מין ליניאַטור, ווי אין אַ טערמאָמעטער. די מאַסקע האָט געהאַלטן דעם פינגער פאַר איר בלייך מויל און אין דער רעכטער האַנט געטראָגן אַ היץ־טאַבעלע. די אַנדערע מאַסקע איז געווען אינגאַנצן בלוי: מיט בלוי־געפאַרבטע ליפן און ברעמען, אויך דאָס פנים און דער האַלדז זיינען באַמאָלט געווען בלוי. קרום איבערן אויער איז בײַ איר געזעסן אַ בלוי וואָלן־היטעלע און אָנגעטאָן איז זי געווען אין אַן אונטער־ צי איבער־מלבוש פון בלויער גלאַנצנדיקער לייוונט, געמאַכט פון איין שטיק. בײַ די קנעכלען איז עס געווען פאַרצויגן מיט בענדלעך און אינדערמיט בייכיק אויסגעשטופּט. מ'האָט דערקאָנט די פרוי אילטיס און אַלבינען. ביידע האָבן געטראָגן פּאַפּענע טאָוולען, אויף וועלכע ס'איז געווען אָנגעשריבן: „די שטומע שוועסטער“ און: „דער בלויער היינריך“. זיי זיינען געגאַנגען איינער לעבן אַנדערן וואַקלענדיק זיך איבערן גאַנצן זאַל.

דאָס האָט אַרויסגערופן התפעלות! מ'האָט געשריען פון באַגייסטערונג. די פרוי שטער — מיטן בעזעם אונטערן אָרעם, די הענט אויף די קניען — האָט געלאַכט איבער דער מאָס און אָרדינער, אַריינפאַלנדיק אויף אַן אמת אין דער ראָל פון אַ שייערין. בלויז סעטעמבריני איז געבליבן קאַלט. נאָכדעם ווי ער האָט אַ קוק געטאָן אויף די מאַסקעס, וואָס האָבן געהאַט אַזאַ ערפאָלג, זיינען זיינע ליפן אונטער די שיין־פאַרדרייטע וואָנסעס געוואָרן שמאָל צוגעקוועטשט ביז גאָר.

צווישן יענע, וואָס זיינען אָנגעקומען פון די קאָנווערזאַציע־צימערן נאָך דעם „בלויען היינריך“ און דער „שטומער שוועסטער“, איז

זאָלסט איבעררעכענען. פֿאַר אונזערע מאָסן דאָ אויבן איז עס נישט אַזויפֿיל, אָבער פֿאַר די באַגריפֿן פֿון אונטן איז עס — אויב איך טו אַטראַכט — אַ מאַסע צייט. מיר האָבן טאַקע אַזאַ צייט פֿאַרבראַכט צוזאַמען, ווייל דאָס לעבן האָט אונז צוזאַמענגעפֿירט, מיר האָבן זיך כּמעט טאָג־טעגלעך געזען און געפֿירט צווישן זיך אינטערעסאַנטע שמועסן, טייל וועגן זאַכן, וועגן וועלכע כ׳וואָלט אונטן נישט געהאַט די מינדסטע השגה. אָבער דאָ — יאָ. דאָ זיינען זיי פֿאַר מיר געווען זייער וויכטיק און נאָענט, אַזוי, אַז שטענדיק, ווען מיר האָבן דיסקוטירט, בין איך געווען פֿאַראינטערעסירט אין דעם ענין ביז דער העכסטער מדרגה. אָדער בעסער געזאָגט: בעת דו האָסט מיר, ווי אַ האָמאָ־הומאַנוס, די זאַכן געגעבן צו פֿאַרשטיין. וואָרעם צוליב מיין ביז איצטיקער נישט־דערפֿאַרנקייט, האָב איך נישט געהאַט אַ סך וואָס צו זאָגן און האָב דער עיקר בלויז געקאָנט האַלטן פֿאַר אויסערגעוויינלעך אינטערעסאַנט דאָס, וואָס דו האָסט געזאָגט. צוליב דיר בין איך אַ סך געוואָר געוואָרן און אָנגעהויבן צו פֿאַרשטיין... דאָס מיט קאַרדוטשי איז אַ קלייניקייט. אָבער וואָס פֿאַר אַן אַנונג וואָלט איך געהאַט אָן דיר וועגן אַזעלכע ענינים, ווי, צום ביישפּיל, וועגן שייכות פֿון דער רעפּובליק מיטן שיינעם סטיל, אָדער וועגן שייכות פֿון צייט מיט פּראָגרעס, דאָס, אַז ווען ס׳וואָלט נישט געווען קיין צייט, וואָלט אויך נישט געווען קיין פּראָגרעס, נאָר די וועלט וואָלט אויסגעזען ווי אַ גליווערנדיקער זומפּ אָדער ווי אַ פֿוילע קאַלוזשע! איך רוף דיך אָן פּשוט „דו“ אָן שום צערעמאָניעס, זיי מוחל, ווייל כ׳ווייס נישט ווי מ׳מאַכט עס, — כ׳קאָן עס נישט! דו זיצסט דאָ און איך זאָג דיר פּשוט „דו“, דאָס איז געגוג. דו ביסט נישט סתּם עפּעס אַ מענטש מיט אַ נאָמען, דו ביסט אַ פֿאַרטרעטער, הער סעטעמברינין, דו ביסט פֿאַר מיר אַ פֿאַרטרעטער דאָ — דאָס ביסטו! — דערביי האָט האַנס קאַסטאָרפּ אַ קלאַפּ געטאָן מיט זיין האַנטפֿלאַך איבערן טישטעך. און איצט וויל איך דיר אָפּדאַנקען — האָט ער ווייטער גערעדט, דערביי האָט ער צוגערוקט זיין בעכער שאַמפּאַניער מיט בורגונדער צו סעטעמברינים שעלעכל קאַווע, ווי ער וואָלט געוואָלט אָנקלאַפּן מיט אים אויף לחיים — דאַנקען דערפֿאַר, ווייל דו ביסט זיך אין די זיבן

— פוי, צו אַלדי רוחות! אַ שדית מיט שיינע האָר. אַזעלכע זאַכן קאָנסטו נישט פאַרטראָגן, וואָס? דו קומסט און דרייסט אויף דאָס עלעקטרישע ליכט, אַזוי צו זאָגן, כדי אויסצוהיטן די יונגע מענער פון זינד, — דו טוסט דען נישט אַזוי? — האָט האַנס קאַסטאָרפּ גערעדט סימבאָליש. ער האָט גאַנץ היפש אויסגעטרונקען פון די וויין־מישונגען.

— הערט, אינזשיניער, לאָזט געמאַך דערמיט! — האָט סעטעמ־בריני באַפעלעריש אַ זאָג געטאָן מיט צוזאַמענגעצויגענע ברעמען — באַנוצט אַייך מיט דער רייד־פאָרם, ווי ס'איז אַ שטייגער אין גע־בילדעטן מערב: מיט דער מערצאָל, אויב איך קאָן בעטן. אָט־דער לשון פאַסט אַייך לחלוטין נישט צום פּנים.

— פאַרוואָס? ס'איז דאָך קאַרנאַוואַל! ס'איז אַלגעמיין אָנגענומען הײַנטיקן אָוונט...

— יאָ, צוליב אַ נישט דערצויגענעם רייץ. דאָס זאָגן „דו" פרעמ־דע, דאָס הייסט, מענטשן, וועלכע מ'דאַרף זאָגן „איר", איז אַ דער־ווידערדיקע ווילדקייט, אַ שפּיל מיט דעם סדר־העולם, אַ צעלאָזענע שפּיל, וועלכע איך האָב פיינט, ווייל זי איז, אין תוך געווענדט, קעגן דער ציוויליזאַציע און דער אַנטוויקלטער מענטשלעכקייט — געווענדט חוצפּהדיק און אומפאַרשעמט. איך האָב צו אַייך אויך נישט גערעדט „דו" — רעכנט עס אַייך נישט אַיין! איך האָב ציטירט אַ שטעל פון אַ מייסטערווערק אין אַייער נאַציאָנאַלער ליטעראַטור. כ'האָב, הייסט עס, גערעדט פּאָעטיש...

— איך אויך. איך האָב אויך אין אַ געוויסער מאָס גערעדט פּאָעטיש. דער מאָמענט האָט מיר אויסגעוויזן צו זיין אַ פּאַסיקער— דערפאַר האָב איך אַזוי גערעדט. איך זאָג גאָרנישט, אַז ס'איז פאַר מיר אַזוי אינגאַנצן נאַטירלעך און לייכט צו ריידן צו דיר אויף „דו". פאַרקערט, איך דאַרף אין אַ געוויסער מאָס מיך אַליין גובר זיין דערצו. איך מוז מיר אָנטאָן אַ כּוח, כדי עס צו טאָן. אָבער איך טו מיר אָן דעם כּוח גאַנץ גערן, מיט הנאה און פון גאַנצן האַרץ...

— פון גאַנצן האַרץ?

— פון גאַנצן האַרץ, יאָ, דו מעגסט עס מיר גלויבן. מיר זייַנען שוין אַזוי לאַנג צוזאַמען דאָ אויבן — זיבן חדשים, אויב דו

איבערשטן טײל גוף געמאַכט אַ בױגן און האָט זיך געמוזט אָנכאַפּן אין דער לערערין, פֿרײלין ענגלהאַרדט, װאָס איז טאַקע געקומען נאָך זײ. זי האָט דערצײלט, אַז אין מוזיק־צימער טײלט דער הױף־ראַט מיט די אײגענע הענט לכּבוד פֿאַסטנאַכט פּונטש, װעלכן די פֿאַרװאַלטונג האָט געשטעלט. אױב זײ װילן נאָך קריגן אַ גלעזל, זאָלן זײ תּיכּף אַרײנגײן. זײנען זײ טאַקע אַרײן.

באמת, הױפֿראַט בערענס איז געשטאַנען בײ אַ װײס־געדעקטן טיש אינמיטן צימער. אַרום אים איז געשטאַנען אַן עולם און אױס־געשטרעקט צו אים גלעזערנע שעלעכלעך. ער האָט מיט אַ שעפּ־לעפֿל אָנגענומען פֿון אַ װאַזע אַ פֿאַרעדיקע משקה. אױך ער האָט אַ ביסל אױסגעפּוצט זײן הלבשה לכּבוד קאַרנאַװאַל. זײן קלינישן קיטל האָט ער אױך הײנט געטראָגן, װײל זײן אַרבעט האָט קײנמאָל נישט אױפֿגעהערט. אָבער דערצו האָט ער אָנגעטאָן אַן אמתע טערקישע פֿעסקע, אַ קאַרמין־רױטע, מיט אַ שװאַרצן טראָלד, װאָס האָט זיך אים געבאָמבלט איבערן אױער. פֿאַר אים איז עס גענוג געװען. זײן געשטאַלט, װאָס איז סײ־װי־סײ נישט געװײנלעך, איז אַדאַנק דעם געװאָרן נאָך מער משונהדיק און קאָמיש. דער װײסער לאַנגער קיטל האָט דעם הױפֿראַט געמאַכט נאָך גרעסער, װי ר'איז געװען. װען מ'װאָלט נאָך געפּרוּװט זיך פֿאָרשטעלן אין געדאַנק זײן אַײנגעבױגענעם קאַרק פֿאַר אױסגעגלײכט — װאָלטן מיר געזען פֿאַר זיך אַ אומנאַטיר־לעכן הױכן פּאַרשױן, מיט אַ קלײנעם פֿאַרביקן קאָפּ, װאָס איז געװען מאָדנע כאַראַקטעריסטיש. אַלנפֿאַלס האָט דעם יונגן האַנס קאַסטאָרפּ בערנסעם צורה נאָך קײנמאָל נישט אױסגעזען אַזױ משונה־דיק, װי הײנטיק מאָל אונטער דער נאַרישער פֿעסקע: אָט דאָס פֿלאַטשיקע און בלױלעך־הײסע פּנים מיט דער שטומפּיקער נאָז, די בלױע אױגן אונטער די װײס־בלאָנדע ברעמען כאַרטערט און אַפּערקװעלנדיק, מיט אַ מױל, װאָס שנײדט זיך אין אַ בױגן אַרױף און איבער דעם: העלע און קרום פֿאַרריסענע װאָנסעס. ער האָט זיך אָפּגעבױגן פֿון דער פּאַרע, װאָס האָט קװילנדיק געזעצט פֿון דער װאַזע. האָט אין אַ בױגן געגאָסן פֿון שעפּ־לעפֿל די ברױנע משקה, דעם צוקערדיקן אַראַק־פּונטש, אין די אונטערגעשטעלטע גלעזלעך. הערבײ

חדשים אַזוי פֿריינדלעך באַגאַנגען מיט מיר און מיר, יונגן mulus*, וועלכער איז באַפֿאַלן געוואָרן פֿון אַזויפֿיל נייע זאַכן מיט אַמאָל, האָסטו געהאָלפֿן ביי אַלע מיינע פּרוּוון און עקספּערימענטן. דו האָסט דיך אָנגעשטרענגט צו האָבן אויף מיר אַ גוטע ווירקונג, אינגאַנצן סינע פּעקוניאַ, טיילמאָל דורך דערציילן געשיכטעס, טיילמאָל אין אַן אַבסטראַקטער פֿאָרם. איך האָב דאָס בולטע געפֿיל, אַז ס'איז געקומען דער מאָמענט דיר צו דאַנקען דערפֿאַר און פֿאַר אַלץ און ביי דיר צו בעטן, זאָלסט מיר מוחל זיין, אויב כ'בין געווען אַ שלעכטער שילער, אַ „ציטערדיק קינד פֿון לעבן“, ווי דו האָסט געזאָגט. איך בין געווען זייער גערירט, ווען דו האָסט דאָס געזאָגט און יעדעס מאָל, ווען איך טראַכט וועגן דעם, רירט עס מיך פֿונסניי. אַ ציטערדיק קינד — דאָס בין איך, אויך געווען פֿאַר דיר און פֿאַר דיין פּעדאַגאָגישן אָדער, וועגן וועלכן ס'איז דיר אויסגעקומען צו ריידן תיכּף אין ערשטן טאָג. נאַטירלעך, אויך וועגן דער שייכות צווישן הומאַניסטיק און פּעדאַגאָגיק האָסטו מיך געלערנט צווישן אַנדערן, מיט דער צייט וועל איך מיך דערמאָנען נאָך אין אַ סך אַזעלכע שייכותן. זיי-זשע מיר מוחל און געדענק מיך נישט צום שלעכטן. פֿאַר דיין געזונט, הער סעטעמבריני, זאָלסט לעבן! איך טרינק לכּבוד דיינע ליטעראַרישע אָנשטרענגונגען אויסצוראָטן די מענטשלעכע ליידן! — דערמיט האָט ער געענדיקט, זיך אויסגעבויגן אויף צוריק, מיט עטלעכע שליק אויסגעזופּט דעם ווייַנגעמיש און איז אויפֿגעשטאַנען — איצט לאָמיר גיין צום איבעריקן עולם.

— הערט נאָר, אינזשיניער, וואָס איז אייך עפּעס געפֿלויגן איבער דער נאָז? — האָט דער איטאַליענער געזאָגט מיט אַ שטאַרק דערשטוינטן בליק און איז אויך אויפֿגעשטאַנען פֿון טיש — דאָס קלינגט דאָך ווי אַ געזעגענונג...

— ניין, פֿאַרוואָס עפּעס געזעגענונג? — האָט האַנס קאַסטאָרפּ געענטפֿערט אויסמיידנדיק. ער האָט נישט בלויז געענטפֿערט אויסמיידנדיק מיט ווערטער, נאָר אויך קערפּערלעך; ער האָט מיט דעם

---

* מויל-אייזל, אין דער סטודענטן-שפּראַך: יונגער שנעק, וואָס האָט געענדיקט די מיטלשול און נאָך נישט אָנגעקומען אין אוניווערסיטעט.

ביקער דאָרטן ווי מ'באַדאַרף, אַ ביסל צו ווייט פאָרויס צו דער שנייץ צו, אָבער דאָך — מער=ווייניקער אויפן אָרט. דאָס אייגענע איז געווען מיטן שפּיציקן אויער ביים קאָפּ און מיט די פיסלעך, וואָס האָבן אַרויסגעהאַנגען פון קיילעכיקן בייכל. פון דער פאַרקיילעכדיקטער רוקן=ליניע האָט זיך געדרינגלט דאָס ווידעלע זייער פיין. ווען די קינץ איז פאַרטיק געוואָרן, האָט מען אַוש אַרויסגעלאָזט אַן אַ! פון פאַרוואונדערונג און מ'האָט זיך גענומען שטופּן — אַזוי האָט אָנגעכאַפּט די אַמביציע נאָכצוטאָן דעם מייסטער. נישט אַ סך האָבן דאָ געקאָנט אויסמאָלן אַ חזירל מיט אָפענע אויגן, אַ פשיטא שוין מיט פאַרמאַכטע. שיינע פאַרזעענישן זיינען אַרויסגעקומען ביי די נאָכטוער! ס'איז נישט געווען קיין שום צוזאַמענהאַנג צווישן די אבֿרים. די אייגעלעך זיינען אַרויסגעקומען אָפּגערוקט פון קאָפּ, די פיסלעך — אינעווייניק אין בויך, וועלכער איז, אַגבֿ, געווען אָפן. דאָס פאַרדרייטע ווידעלע איז געשטאַנען ערגעץ אָן אַ זייט, אָפּגעריסן פון צעשוואומענעם גוף. סתם אַזוי זיך אַ צאַצקעלע. מ'איז שיער נישט צעשיט געוואָרן פון געלעכטער. ס'האָבן אָנגעהויבן צוצוקומען נייע בעלנים. מ'האָט זיך אַפילו גענומען אַרומקוקן ביי די ברידזש=טישן און די שפּילערס זיינען צוגעקומען, נייגעריקע, מיט די קאָרטן אין דער האַנט ווי אַ פעכער. די, וואָס זיינען געשטאַנען אַרום, האָבן געקוקט אויף דעם צייכענערס אויגן=דעקלעך, צי ער עפנט נישט קיין שפּעלטעלעך. עטלעכע שלים=מזלען האָבן דאָס טאַקע געפּרוווט טאָן. דער עולם האָט געכיכעט און געפּאָרסקעט צוקוקנדיק זיך, ווי עמעץ פּאַטשקעט, און בעת ער האָט אויפגעריסן די אויגן, כדי אַ קוק צו טאָן אויף זיין משוגענער מאַכערייקע — פלעגט אויסברעכן אַ יובֿל פון געשרייען.

כמעט יעדער איז זיכער געווען, אַז ער וועט עס מאַכן בעסער און יעדער האָט זיך געפּרוווט. די קאַרטע, כאָטש אַ גאַנץ גרויסע, איז באַלד געוואָרן באַמאָלט פון ביידע זייטן, אַזוי אַז די געפּאַטשקעטע פיגורן זיינען אַריינגעקראָכן איינע אין דער אַנדערער. אָבער דער הויפּט=ראַט האָט אַרויסגענומען פון זיין פאָרטפעל אַ צווייטע קאַרטע. דער פּראָקוראָר פאַראַוואַנט האָט זיך לאַנג געהאַט מיישבֿ געווען און איצט געפּרוווט אויסמאָלן דאָס חזירל מיט איין ליניע. דער חעזול-

האָט ער נישט אױפֿגעהערט צו פּלאַפּלען בגילופֿינדיק אויף זײַן קוידערוועלש, אַזוי, אַז אַרום טיש האָט מען אַלעמאָל אַרויסגעזעצט מיט אַ געלעכטער.

— הער אַריאַן זיצט אויבנאָן – האָט סעטעמבריני שטילערהייט געגעבן צו פֿאַרשטיין און אָנגעוויזן אויפֿן הויפּראַט. דערנאָך איז ער אַוועק אין האַנס קאַסטאָרפּס זײַט. אויך ד"ר קראָקאָווסקי איז דאָ געווען. אַ קלײנער, אַ קערנדיקער און אַ קרעפּטיקער, זײַן שוואַרץ סאַטין-העמד איבערגעוואָרפֿן איבער די אַקסלען, אַז ס'האָבן נאָכגעהאַנגען די ליידיקע אַרבל און ס'האָט אויסגעזען ווי אַ מין דאָמינאָ. ער האָט געהאַלטן זײַן גלאָז פֿאַר די אויגן און האָט פֿריילעך געשמועסט מיט אַ רעדל מאַסקעס איבערגעטאָנענע פֿאַרקערט, ווי דאָס פֿאַקטישע געשלעכט. די מוזיק האָט זיך אָנגעהויבן. די פּאַציענטין מיטן טאַפּיר-פּנים האָט געשפּילט פֿידל און ס'האָט איר אַקאָמפּאַנירט אויף פּיאַנאָ דער מאַנהיימער. זיי האָבן איבערגעפֿירט לאַרגאָ פֿון הענדלען און דערנאָך אַ סאָנאַטע פֿון גריגן, וואָס איר כאַראַקטער איז אי נאַציאָנאַל אי סאַלאָן-מעסיק. מ'האָט אַפּלאָדירט גאָר פֿרײַנדלעך, אַפֿילו בײַ בײדע ברידזש-טישן, וועלכע זײַנען אויפֿגעלײגט געוואָרן און בײַ וועלכע ס'זײַנען געזעסן פֿאַרמאַסקירטע און נישט-מאַסקירטע מיט פֿלעשער שאַמפּאַניער אין אײַז פֿאַר זיך. די טירן זײַנען געשטאַנען אָפֿן. אויך אין דער האַלע זײַנען געווען געסט. בײַם קײַלעכדיקן טיש מיט דער וואַזע איז מען געשטאַנען און מ'האָט זיך צוגעקוקט צום הויפּראַט, וועלכער האָט אָנגעפֿירט מיט אַ געזעלשאַפֿט-שפּיל. ער האָט געצייכנט מיט פֿאַרמאַכטע אויגן, שטייענדיקערהייט, איבערגעבויגן איבערן טיש, אָבער מיט אַ צוריקגעוואָרפֿענעם קאָפּ, אַזוי, אַז אַלע זאָלן קענען זען, אַז די אויגן זײַנען צוגעמאַכט. אויף דער אַנדערער זײַט פֿון אַ וויזיט-קאַרטע האָט ער בלינדערהייט געצייכנט אַ פֿיגור. זײַן ריזיקע האַנט האָט אָנגעוואָרפֿן, אָן דער הילף פֿון די אויגן, די קאָנטורן פֿון אַ חזירל, אַ חזירל אין פּראָפֿיל. ס'איז געווען אַ ביסל צו פּרימיטיוו און מער אידעאַל ווי רעאַליסטיש, אָבער דאָך האָט ער בײַ אַזעלכע שווערע באַדינגונגען אַרויסגעברענגט פֿון דעם חזירל די גרונט-געשטאַלט. דאָס איז געווען אַ קונץ און ער האָט זי געקאָנט מאַכן. דאָס שמאָלע אייגל איז אַרײַנגעשטעלט געוואָרן מער ווײַ-

צייכענען! אַ בלייפעדער! אַ בלייפעדער! ווער האָט נאָך איינע? — האָט ער געכאַפּט אין ביידע זייטן אַריין, מיט דער לינקער האַנט — נאָך אַליין אָנגעשפּאַרט אין טיש און מיט דער רעכטער האָט ער געשאָקלט אין דער לופט. אָבער ער האָט נישט געקריגן. באין ברירה איז ער אַוועק פון טיש און אַריין אין צווייטן צימער, דערביי האָט ער נישט איפגעהערט צו רופן, ווער ס'האָט אַ בלייפעדער. ער איז צוגעגאַנגען גלייך צו קלאַוודיאַ שאָשאַ, וועלכע איז, ווי ער האָט געוואַרט, געשטאַנען אין קליינעם סאַלאָן נישט ווייט פון דער פּאָרטיערע און פון דאָרטן־אַרויס אַ שמייכלענדיקע צוגעקוקט זיך צו דעם טומל ביים טיש מיט דער וואַזע פּונטש.

ער האָט הינטער זיך געהערט רופן שיין־קלינגענדיקע, אויסלענדישע ווערטער: Eh! Ingegnere! Aspetti! Che cosa fa! Ingegnere! Un po di ragione, sa! Ma è matto questo ragazzo! * אָבער ער האָט דאָס קול איבערגעשריגן מיט זיינס. סעטעמברעני האָט פאַרוואָרפן אַ האַנט איבערן קאָפּ, — אַ ספּעציפיש איטאַליענישער זשעסט, וואָס זיין באַטייט איז שווער איבערצוגעבן מיט ווערטער. דערביי האָט ער אַרויסגעלאָזט אַ לאַנג־אויסגעצויגענעם עה! און איז אַוועק פון פאַסטנאַכט־צונויפקום. — האַנס קאַסטאָרפּ איז שוין געשטאַנען אין אויסגעפלאַסטערטן קאָרידאָר, האָט געקוקט פון דער סאַמע נאָענט אין די בלוי־גרוי־גרינע עפּיקאַנטוס־אויגן איבער די אַרויסגעזעצטע באַקן־ביינער און האָט געזאָגט:

— דו האָסט אפשר אַ בלייפעדער?

ער איז געווען טויט־בלייך, אַזוי בלייך, ווי דעמאָלט, בעת ער איז אַ באַנאָסענער מיט בלוט געקומען פון זיין איינזאַמען שפּאַציר אויף קראָקאָווסקיס רעפעראַט. די געפעס־נערוון אויף זיין פּנים האָבן געווירקט אַזוי, אַז די בלוטלאָזע הויט פון דעם יונגן פּנים איז געוואָרן איינגעפאַלן און אַייז־קאַלט, די נאָז איז אויסגעשפּיצט געוואָרן און די רעמלעך אונטער די אויגן האָבן באַקומען אַ בליי־ערנעם קאָליר, ווי ביי אַ בר־מינן. אָבער דער סימפּאַטישער נערוו

* איטאַליעניש: הע, אינזשיניער, וואַרט! וואָס טוסטו! אינזשיניער! אַ ביסל שכל, הער! ער איז דאָך משוגע, דער בחור!

טאַטן איז געווען, אַז דאָס פאַרזעעניש, וואָס ס'איז איצט אַרויסגעקומען, האָט אַריבערגעשטיגן אַלע פריערדיקע. די צאַצקע איז נישט בלויז נישט ענלעך געווען צו קיין חזירל, נאָר לחלוטין צו קיין שום זאַך נישט אין דער וועלט. שוין איינמאָל אַ געשריי, אַ געלעכטער און שטורמישע אָוואַציעס! איצט האָט מען אַריינגעבראַכט מעניו-קאַרטן פון עס-זאַל, אַזוי, אַז איצט האָבן געקאָנט צייכענען עטלעכע מענטשן אויף איינמאָל, מענער און דאַמען. יעדער, וואָס האָט זיך געפרוווט, האָט געהאַט זיינע צוקוקער און אַרומשטייער, פון וועלכע יעדער איינער ווידער האָט געוואַרט אויף דער בלייפעדער, וואָס איז געגאַנגען פון האַנט צו האַנט. עס זיינען געווען דריי בלייפעדערן און מ'האָט זיי פשוט געריסן פון די הענט. זיי האָבן געהערט צו די געסט. וואָס איז נוגע דעם היפּהאַט, איז ער — נאָכדעם ווי ער האָט אַרויסגעפירט די שפיל און געזען, אַז זי איז אין פולן גאַנג — נעלם געוואָרן צוזאַמען מיט זיין אַסיסטענט.

האַנס קאַסטאָרפּ איז געשטאַנען צונויפגעשטופט אין אַ רעדל און האָט איבער יאָאַכימס פלייצעס צוגעקוקט זיך, ווי עמעץ צייכנט, דערביי האָט ער אָנגעלענט זיין עלנבויגן אויף זיין קוזינס אַקסל און מיט אַלע פינף פינגער צוגעהאַלטן זיין גאָמבע. די אַנדער האַנט האָט ער פעסט אָנגעשפאַרט אויף זיין טאַליע. ער האָט גערעדט און געלאַכט. ער האָט אויך געוואָלט צייכענען און עס געטענהט הויך — און סוף-כל-סוף געקריגן די בלייפעדער. זי איז אָבער שוין געווען גאָר אַ קורצע, מ'האָט זי קוים געקאָנט האַלטן צווישן גראָבן און ווייז-פינגער. ער האָט דערפאַר גענומען זידלען די בלייפעדער, דאָס פנים מיט די צוגעמאַכטע אויגן אויפגעהויבן צום סופיט. ער האָט אויך געזידלט און געשאָלטן די צרהדיקע בלייפעדער, דערביי האָט ער גיך-גיך אָנגעוואָרפן אויף דעם פאַפיר אַ שרעקלעך פאַרזעעניש און צום סוף איז ער אַפילו אַראָפּ פון פאַפיר אויפן טישטעך. דער עולם האָט זיך צעלאַכט און ער האָט געטענהט: דאָס רעכנט זיך נישט! וואָס קאָן מען אויפטאָן מיט אַזאַ — דער רוח זאָל עס נעמען! און ער האָט אַ וואָרף געטאָן די שולדיקע בלייפעדער גלייך אין דער וואַזע מיט פונטש. — ווער האָט אַ לייטישע בלייפעדער? ווער באָרגט מיר? איך מוז נאָך איין מאָל אָנ-

זיך כמעט נישט באַניצן. די ערשטע בלייפעדער, פון דעמאָלט, האָט שוין מער געטויגט פון דער.

— Voila* — האָט זי געזאָגט, אָנגענומען מיטן גראָבן- און ווייז-פינגער דאָס בלייַשטיפטל ביים שפּיץ און עס לייכט געשאָקלט אַהין און צוריק פאַר זיינע אויגן.

זי האָט עס אים דערלאַנגט, אָבער דאָך נישט אָפּגעלאָזט, במילא האָט ער אָנגענומען און נישט צוגענומען, דאָס הייסט: ער האָט געהאַלטן די האַנט אין דער הייך האַרט איבער דער בלייפעדער, גרייט זי אָנצונעמען מיט די פינגער, אָבער נישט אינגאַנצן אַרויס-צונעמען. ער האָט מיט זיינע בליי-קאָלירקע אויגן-גריבער געקוקט דאָ אויף דער זאַך און דאָ אויף קלאַוודיעס טאָטעריש פּנים. זיינע בלוטלאָזע ליפּן זיינען געווען אָפן און אַזוי געבליבן. אָן זיי-ער הילף האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— זעסטו, כ'האָב געוואוסט, אַז דו מוזט האָבן אַ בלייפעדער.

— Prenez garde, il est un peu fragile —

האָט זי געענטפערט. — C'est à visser, tu sais**.

זייערע קעפּ האָבן זיך צוגענייגט איבער דעם קראַיאָן און זי האָט אים געוויזן די געוויינלעכע מעכאַניק פון דער בלייפעדער. בעת מ'האָט אַרויסגעדרייט דאָס שרייפל, האָט זיך אַרויסגערוקט אַ נאָדל-דינע גריפלע, וואָס איז מסתמא האַרט און שרייבט נישט.

זיי זיינען געשטאַנען צוגעבויגן נאָענט איינער לעבן אַנדערן. היות ער איז געווען אָנגעטאָן אין שוואַרצן אָנצוג, האָט ער אויך געטראָגן אַ האַרטן קראַגן און האָט געקאָנט אָנשפּאַרן אויף אים די גאָמבע.

— קליין, אָבער דין — האָט ער געזאָגט אַראָפּקוקנדיק אויף דער בלייפעדער שטערן קעגן שטערן. זיינע ליפּן האָבן זיך נישט גערירט און ער האָט ממילא פאַרפעלט די לעפּצן-קאָנזאָנאַנטן.

---

* אַט ביסטו.

** פראַנצויזיש: גיב אַכטונג, ער קאָן זיך לייכט צעברעכן, מוזט עס אין זינען האָבן, ווייסט!

האָט גורם געווען, אַז זיין האַרץ זאָל אַזוי שטאַרק קלאַפּן, אַז וועגן רעגולער אָטעמען האָט גאָרנישט געקאָנט זיין קיין רייד. דעם יונגן מענטש איז דורכגעלאָפן אַ שוידער איבער אַלע אברים, עס איז געווען די ווירקונג פון די הויט-פעטס-דריזן וואָס האָבן זיך אויפגעשטעלט צוזאַמען מיט די הערעלעך.

פרוי שאָשאַ אין איר שקאַרמיץ פון וייד-פאַפּיר האָט אים באַטראַכט פון אויבן ביז אַראָפּ מיט אַ שמייכל, אין וועלכן ס'איז נישט געווען קיין האָר רחמנות, קיין האָר עגמת-נפש, הלמאַי ער האָט אַזאַ צורה. דאָס ווייבלעכע געשלעכט ווייס בכלל נישט פון קיין שום מיטלייד און פון קיין שום מיטגעפיל, בעת ס'באַפאַלט דעם מאַן די שרעק פאַר דער ליידנשאַפט. די תאווה איז פאַר דער פרוי, אַפּנים, אַ סך אַ נעענטערע זאַך, ווי פאַרן מאַן, וואָס איז בטבע פרעמד דערפון. די פרוי קוקט זיך דערפאַר צו מיט געוויסן חוזק און צולהכעיסדיקער הנאה צו דעם מין אויסברוך ביים מאַנסביל. אַגב, האָט האַנס קאַסטאָרפּ נישט געוואָלט, אי מ'זאָל אויף אים רחמנות האָבן, אי מ'זאָל האָבן צוליב אים עגמת-נפש.

— איך? — האָט געענטפערט די פּאַציענטין מיט אַנטבלויזטע אָרעמס אויף זיין „דו“... — יאָ, אפשר. און איר שמייכל און אין איר קול איז אַלנפאַלס געווען עפּעס פון יענער אויפרעגונג, בעת מ'הייבט אָן צווישן זיך ריידן נאָך לאַנגע, שטומע באַציונגען. עס איז אַ כיטרע אויפרעגונג, וועלכע נעמט בסוד אַריין אין דעם איינעם מאָמענט אַלץ, וואָס ס'איז פאָרגעקומען ביז איצט. — דו ביסט זייער אַמביציעז... דו ביסט... זייער... איינגעשפּאַרט... האָט זי ווייטער געחוזקט מיט איר עקזאָטישער אויסשפּראַך, מיט אַ פרעמדער „ר“ און אַ צו-אַרויסגערעדטער „ע“; דערביי האָט זי מיט איר לייכט-צעגעדושעט, אָנגענעם-הייזעריקלעך קול אויך אַקצענטירט די ווערטער אויף אַ מאָדנע פרעמדן אופן. באַלד דערנאָך האָט זי זיך גענומען פּאָרקען אין איר לעדערן האַנט-טעשל. זי האָט דאָרטן זוכנדיק אַריינגעקוקט, האָט פריער אַרויסגענומען אַ טאַשן-טיכל און באַלד דערנאָך אַ קליינעם זילבערנעם קרייאָן, אַ דינעם, וואָס קאָן זיך לייכט צעברעכן, סתם אַ גאַלאַנטעריי-שפּילכל, מיט וועלכן מ'קאָן

האַנס קאַסטאָרפּ האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט אויף דעם רוקנדיקן טיש, ווי איינער זאָגט: געגאַנגען! מיט דער גאָמבע האָט ער אַ וויז געטאָן אויף אַ פֿרייען פּלאַץ, וועלכן ער האָט באַמערקט אין קליינעם סאַלאָן, אין אַ זייטיקן ווינקל, רעכטס לעבן דער פּאָרטיערע. ער האָט גאָרנישט געזאָגט, אפשר דערפֿאַר — ווייל די מוזיק איז געווען אַ צו־הויכע. ער האָט צוגערוקט אַ שטול דער פֿרוי שאָשאַ אויף יענעם אָרט, אויף וועלכן ער האָט פֿריער אָנגעוויזן מיטן פּנים, ס'איז געווען אַן אַזוי־גערופֿענער „טריומף־שטול“ מיט הילצערנע ראַמען און איבערגעצויגן מיט פּלוש. זיך אַליין האָט ער צוגערוקט אַ סקריפּענדיקע, קראַכנדיקע געפֿלאָכטענע שטול מיט געוויקלטע אָנלענס. ער האָט זיך צוגעזעצט, צוגעבויגן זיך צו דער דאַמע, מיט די אָרעמס אויף די אָנלענס, מיטן קראַיאָן אין דער האַנט און די פֿיס ווייט פֿאַררוקט אונטער דער שטול. וואָס סאַז נוגע פֿרוי שאָשאַ, איז זי געזעסן צו־טיף אַריינגערוקט אין דעם פֿאָטעל, אירע קניען זיינען דערפֿאַר געווען צו־הויך. פֿונדעסטוועגן האָט זי פֿאַרלייגט איינע אויף דער אַנדערער און האָט געשאָקלט מיטן פֿוס אין דער הויך. איבערן ראַנד פֿון איר לאַקירטן לאַטש האָט מען אַרויסגעזען דאָס קנעכל אין שוואַרצן זיידענעם זאָק. פֿאַר די זיינען געזעסן אַנדערע מענטשן. טייל זיינען אויפֿגעשטאַנען צו טאַנצן און געלאָזט זייערע ערטער פֿאַר די מיד־געוואָרענע. מ'איז כּסדר צוגעקומען און אַוועקגעגאַנגען.

— דו טראָגסט אַ ניי קלייד — האָט ער געזאָגט, כּדי צו קענען קוקן אויף איר. זי האָט געענטפֿערט:

— אַ נייס? דו ביסט באַהאַוונט אין מיין טואַלעט?

— ס'איז דען נישט אַזוי?

— אמת, איך האָב עס מיר נישט לאַנג געלאָזט אויפֿנייען, ביי לוקאַצעק, אין „דאָרף“. ער אַרבעט דאָ אַ סך פֿאַר דאַמען. עס געפֿעלט דיר?

— זייער שיין — האָט ער געזאָגט, דערביי האָט ער זי נאָכאַמאָל דורכגענומען מיטן בליק און אַראָפּגעלאָזט די אויגן. — וואָלסט געוואָלט טאַנצן? — האָט ער צוגעגעבן.

— אָ, וויציק, ביסטו אויך — האָט זי געענטפערט מיט אַן אָפּגעהאַקט לאַכן, דערבײַ האָט זי זיך אויסגעגלייכט און געלאָזט דעם קראַוואַט אין זײַן האַנט (אַגב, ווײַסטו איין גאָט, מיט וואָס ער איז דאָ געווען וויציק, פּאַקטיש האָט ער נישט געהאַט קיין איין טראָפּן בלוט אין קאָפּ). — נו, גיי־זשע, אײַל דיך, צייכן, צייכן גיך, צייכן דיך אויס! — האָט זי אים, אײַך פֿון איר זייט, אַוועקגעטריבן מיט אַ ווינק.

— ניין, דו האָסט נאָך נישט געצייכנט. דו מוזט צייכענען — האָט ער געזאָגט און פֿאַרפֿעלט די „מ“ אין וואָרט „מוזט“. דערבײַ האָט ער אָפּגעטרעטן אַ טריט אויף צוריק, ווי זי מיטצוציען מיט זיך.

— איך? — האָט זי איבערגעחזרט מיט אַ שטימונג, וואָס האָט אויסגעזען צו שטאַמען מער פֿון עפּעס אַנדערש, ווי פֿון דעם, וואָס ער האָט איר פֿאָרגעלייגט. אַ ווײַלע איז זי נאָך געבליבן שטיין שמייכלענדיק, אַ ביסל מבולבל. דערנאָך איז זי אים נאָכגעגאַנגען עטלעכע טריט צום פּונטש־טיש, ווי ער וואָלט זי מאַגנעטיזירט מיט זײַן תיקן־דיך אויף הינטערווײַלעכץ.

ס׳האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז די שפּיל האָט זיך דערווײַל שוין אויסגעלאָזט און האַלט בײַם סאַמע סוף. עמעץ האָט נאָך געצייכנט, אָבער מ׳איז מער נישט געשטאַנען אַרום און געקוקט. די בלעטלעך זײַנען געווען פֿאַרפּאַטשקעט, יעדער אײַנצקער האָט געוויזן, וואָס ער קאָן נישט, דער טיש איז געשטאַנען כמעט אַ פֿאַרלאָזטער, בפֿרט, ווען מ׳האָט זיך אַלץ מער אַוועקגערוקט פֿון אים. היות מ׳האָט באַמערקט, אַז די דאָקטוירים זײַנען אַוועק, האָבן אַלע פֿלוצלונג פֿאַרלאַנגט, מ׳זאָל נעמען טאַנצן. מ׳האָט שוין אַפֿילו גענומען אַוועקשלעפּן דעם טיש אין אַ זייט און מ׳האָט אַוועקגעשטעלט אויסקוקער בײַ די טירן פֿון שרײַב־און קלאַוויר־צימער, זיי זאָלן געבן אַ צייכן, מ׳זאָל אויפֿהערן די טענץ, אויב ס׳וועט אָנקומען „דער אַלטער“, קראָקאָווסקי, אָדער די אייבערין. אַ סלאַווישער בחור האָט אַ פּויק געטאָן מיט געפֿיל אין דער טאַסטאַטור פֿון דער קליינער נים־האָלצערנער פּיאַנינע. די ערשטע פּאָרלעך האָבן זיך גענומען דרייען אין אַן אומרעגלמעסיקן ראָד צווישן די בענקלעך און שטולן, אויף וועלכע ס׳זײַנען געזעסן די צוקוקער.

— אַוודאי, דאָס איז זייער אַמוזאַנט. צוליב דיין קוזין טאַקע רעדסטו אַזעלכע איסטערלישע רייד?

— ניין, ער איז דאָס אמתע גוטע האַרץ, אַ פּשוטער, נישט-באַדראָכטער כאַראַקטער. ער איז נישט אַ בּרושוי, נאָר אַ מיליטער-מענטש.

— נישט באַדראָכט? — האָט זי שווערלעך איבערגעחזרט. — דו מיינסט צו זאָגן: אַ פעסטע נאַטור, אַ זיכערע אין זיך? אָבער ער'איז גאַנץ ערנסט קראַנק, דיין אָרעמער קוזין.

— ווער האָט דאָס געזאָגט?

— מ'ווייסט דאָ איינער וועגן אַנדערן.

— האָט עס דיר געזאָגט הויפראַט בערענס?

— קאָן זיין דעמאָלט, בעת ער האָט מיר געוויזן זיינע בילדער.

— ס'הייסט: ווען ער האָט געמאַכט דיין פּאָרטרעט?

— פאַרוואָס נישט. האַלטסט, אַז מיין פּאָרטרעט איז געראָטן?

— יאָ, אויסגעצייכנט. בערענס האָט זייער געטריי איבערגעגעבן דעם קאָליר פון דיין הויט, באמת, זייער געטריי. כ'וואָלט וויי-ער געוואָלט, כ'זאָל אויך זיין אַ פּאָרטרעטיסט, כדי צו קאָנען שטודירן דיין הויט, ווי ער.

— רייד דייטש, אויב כ'קאָן בעטן.

— אָ, איך רייד דייטש אַפילו ווען כ'רייד פראַנצויזיש. דאָס איז אַ מין קינסטלערישע און מעדיצינישע סטודיע צוזאַמען. איך מיין עס אין אַנטראָפּאָלאָגישן זין. וואָס איז, ווילסט נישט טאַנצן?

— אָבער ניין, דאָס איז קינדיש, מ'וועט זיך דאַרפן היטן פאַרן דאָקטאָר. אַז בערענס וועט צוריקקומען, וועט דער גאַנצער עולם אַ פאַל טאָן אויף די שטולן. דאָס וועט זיין זייער קאָמיש.

— האָסטו טאַקע אַזויפיל דרך-ארץ פאַר אים?

— פאַר וועמען? — גיט זי אַ פרעג בקיצור און פרעמד.

— פאַר בערענסן.

— לאָז אָפּ מיט דיין בערענס! ס'איז דאָ צו ענג צו טאַנצן. דערצו נאָך אויפן דיוואַן. לאָמיר זיך גלייכער צוקוקן.

— און דו וואָלסט געוואָלט? — האָט זי געפּרעגט מיט אויפגעדייבענע ברעמען און שמייכלענדיק אים אַנטקעגן. האַנס קאַסטאָרפּ האָט געענטפערט:

— אַדרבא, אייב דו האָסט חשק.

— דאָס איז ווייניקער לייטיש, ווי כ'האָב מיך גערעכנט אויף דיר — האָט זי געזאָגט און הגם ער האָט אַ לאַך געטאָן מיט ביטול, האָט זי צוגעגעבן: — דיין קוזין איז שוין אַוועקגעגאַנגען.

— יאָ, ער איז מיין קוזין — האָט ער סתם אַזוי מסכים געווען. — איך האָב איך פריער באַמערקט, אַז ער איז אַוועק. ער האָט זיך מסתמא שוין געלייגט.

— ער איז זייער אַ וואוילער בחור, אַ באַגרענעצטער און זייער אַ דייטשער. — האָט זי געזאָגט אויף פראַנצויזיש*.

— אַ באַגרענעצטער? אַ וואוילער? — האָט ער איבערגעחזרט. — איך פאַרשטיי פראַנצויזיש בעסער, ווי איך רייד. דו ווילסט זאָגן, אַז ער איז פּעדאַנטיש. האַלטסטו אונז דייטשן פאַר פּעדאַנטיש — אונז און אַלע אַנדערע?

— מיר שמועסן וועגן אייער קוזין. אָבער דאָס איז פּאָרט אמת, איר שטיקלעך בורזשויען. איר האָט מער ליב אייערע באַקוועמלעכקייטן, ווי די פרייהייט. גאַנץ איראָפּע ווייסט דערפון.

— ליב האָבן... ליב... וואָס איז דאָס אַזינס! עס באַצייכנט גאָרנישט, אָט דאָס וואָרט. איינער האָט עס און דער צווייטער האָט עס ליב, ווי מ'זאָגט ביי אונז — זאָגט האַנס קאַסטאָרפּ. — איך האָב אין דער לעצטער צייט — רעדט ער ווייטער — טיילמאָל נאָכגעטראַכט וועגן פרייהייט. דאָס הייסט: איך האָב דאָס וואָרט געהערט אַזוי אָפט, אַזוי אַז כ'האָב וועגן דעם אָנגעהויבן קלערן. כ'וועל דיר זאָגן אויף פראַנצויזיש, וואָס איך האָב געקלערט וועגן דעם. דאָס, וואָס גאַנץ איראָפּע רופט אָן פרייהייט, איז, אפשר, אין שייכות צו אונזער באַדערפעניש נאָך אָרדענונג זייער אַ באַגרענעצטער און בורזשואַזער ענין. אַזוי איז עס.

---

* דער דיאַלאָג צווישן האַנס קאַסטאָרפּ און פראוי שאָשאַ איז דורך טאָמאַס מאַן איבערגעגעבן מיט געוויסע אויסנאַמען אין פראַנצויזיש.

— אַ פּאָעט – האָט זי געזאָגט – אַ בורזשוי, אַ הומאַניסט און אַ פּאָעט — דאָס איז דער דייטש ווי ער שטייט און גייט.

— איך האָב מורא, אַז מיר זיינען נישט דאָס, וואָס מיר דאַרפן צו זיין — האָט ער געענטפערט – אין קיין שום פאַל נישט. מיר זיינען אפשר ציטערדיקע קינדער פון לעבן, גאַנץ פּשוט.

— אַ שיין וואָרט. זאָג מיר... מ'וואָלט אַ ביסל אפשר פריער גע-דאַרפט האָבן אָט דעם חלום. דו האָסט אַ ביסל צו-שפּעט באַשלאָסן צו ווענדן זיך צו דיין אונטערטעניקן דינער.

— צו וואָס די ווערטער, צו-וואָס ריידן – האָט ער געזאָגט. — ריידן, דיספּוטירן — דאָס איז זייער אַ רעפּובליקאַנישע פאָרם, דאָס בין איך מודה. אָבער כ'בין מסופק, צי ס'איז אויך אין דער זעלבער מאָס פּאָעטיש. איינער פון אונזערע פּאַציענטן, מיינער אַ שטיקל חבר, סעטעמבריני...

— ער האָט דיר עפּעס געזאָגט?

— יאָ, ער רעדט שיין, ער האָט אַפילו ליב צו ציטירן שיינע פערזן. אָבער צי דערפאַר איז ער שוין אַ פּאָעט?

— איך באַדויער זייער, וואָס כ'האָב קיינמאָל נישט געהאַט די געלעגנהייט צו באַקענען זיך מיט דעם העלד.

— כ'קאָן עס דיר גלייבן.

— אַ, אַזוי מיינסטו.

— וואָס דען? דאָס, וואָס כ'האָב איצט געזאָגט, האָט נישט געהאַט קיין שום באַדייטונג. האָסט מסתמא באַמערקט, אַז איך רייד בכלל נישט גערן קיין פראַנצויזיש, אָבער מיט דיר וויל איך גיכער ריידן פראַנצויזיש, ווי דייטש. ווייל פאַר מיר ריידן פראַנצויזיש, איז, אין אַ געוויסן זין, דאָס זעלבע, וואָס ריידן און גאָרנישט זאָגן, אָן שום אַחריות, אָדער אַקוראַט, ווי כ'וואָלט גערעדט פון שלאָף. פאַרשטייסט?

— מער-ווייניקער.

— דאָס איז גענוג... ריידן – זאָגט ווייטער האַנס קאַסטאָרפּ – דאָס איז אַ נעבעכדיקער ענין. אין דער אייביקייט רעדט מען גאָר נישט. אין דער אייביקייט פירט מען זיך אַזוי, ווי בעת מ'צייכנט אַ

— יאָ, לאָמיר דאָס טאַקע טאָן – איז ער מסכּים און ער נעמט צוזאַמען מיט איר קוקן מיט זיין בלייך פּנים און מיט די בלייע פאַרקלערטע אויגן פון זיין זיידן אויף די אונטערדהאָפּסנדיקע פאַרמאַסקירטע פּאַציענטן האָ אין סאַלאָן און אַנטקעגן אין שרייבּצימער. דאָ האָט געהאָפּסעט די „שטומע שוועסטער” מיטן „בלויען היינריך”. פרוי סאַלאָמאָן, וואָס איז געווען אָנגעטאָן ווי אַ מאַנצביל אויף אַ באַל, אין אַ פראַק און אין אַ ווייסער וועסט, מיט אַ הויך־אָפּשטייענדיקן שטייפן העמד־גאָרס און געמאָלטע וואָנסעס, האָט זיך געדרייט אויף קליינע לאַקירטע שיך מיט קאָרקעס, וואָס האָבן מגושמדיק אַרויסגעקוקט פון אונטער די שוואַרצע מאַנצבילשע הויזן. זי האָט געטאַנצט מיט דעם פּיעראָ מיט די בלוט־רויטע ליפּן אויפן אָפּגעווייסטן פּנים און מיט אויגן פון אַ אַלבּינאָ*־קיניגל. דער גריך אינם מענטעלע האָט געהייבן די פיס אין די לילע אונטערהויזן אַרום דעם דעקאָלטירטן האַזמוססען אין שוואַרץ־בלישטשענדיקן קלייד. דער פּראָקוראָר אין דער קימאָנאָ, די גענעראַל־קאָנסולין וואָרמבראַנדט און דער יונגער גענזער האָבן אַפילו געטאַנצט זאַלבּעדריט, אַרומגענומענע מיט די אָרעמס. וואָס ס׳איז נוגע דער פרוי שטער, האָט זי געטאַנצט מיט דער באַרשט. זי האָט זי געדריקט צום האַרץ און געגלעט די חזיר־האָר, גלייך ווי עס וואָלטן געווען האָר פון אַ מענטשלעכן קאָפּ.

— יאָ, לאָמיר דאָס טאָן – חזרט איבער האַנס קאַסטאָרפּ מעכאַניש. זיי ריידן שטיל, אונטער די טענער פון קלאַוויר. — לאָמיר דאָ זיצן און צוקוקן זיך, ווי אין חלום. דאָס, וואָס מיר זיצן דאָ, איז פאַר מיר אַ חלום, מוזטו וויסן. ווי אַ חלום, אַ משונהדיק טיפער. מ׳דאַרף שלאָפן זייער שטאַרק, כדי אַזוי צו חלומען... כ׳מיין צו זאָגן: דאָס איז אַ באַקאַנטער חלום, וועלכן מ׳חלומט אין אַלע צייטן, אַ לאַנגער, אַן אייביקער. זיצן דאָ לעבן דיר אַזוי ווי איצט— דאָס איז אַן אייביקייט.

---

* „אלבינא” = מענטשן און חיות, וואָס האָבן נישט אין דער הויט און אין די אויגן דעם טונקעלן פאַרבשטאָף (פּיגמענט).

— לחלומין נישט. כ׳מיין עס פולשטענדיקן ערנסט. איך פאָר אַוועק.

— ווען?

— מאָרגן. נאָך מיטאָג.

ער איז אויף איינמאָל געוואָרן אינגאַנצן צעבראָכן.

— וואוהין?

— זייער ווייט אַוועק.

— קיין דאַגעסטאַן?

— דו ביסט נישט שלעכט אינפאָרמירט. אפשר, אויף דערוויַיל...

— דו ביסט דען אויסגעהיילט?

— אויב ס׳גייט וועגן דעם... נישט. אָבער בערענס האַלט, אַז כ׳קאָן דאָ לעת-עתּה ווייניק דערגרייכן. דערפאַר וויל איך ריזיקירן אַ ביסל צו טוישן די לופט.

— דו וועסט, הייסט, נאָך צוריקקומען!

— ס׳איז אַ פראַגע. ס׳איז קודם-כּל אַ פראַגע, ווען. וואָס ס׳איז נוגע מיר, האָב איך קודם-כּל ליב די פרייהייט, און קודם-כּל די פרייהייט אויסצוקלייבן מיין וואוינאָרט. דו האָסט גאָרנישט קיין השגה, וואָס דאָס איז אַזוינס, ווען מ׳איז באַהערשט פונם גייסט פון אומאָפּהענגיקייט. דאָס איז אפשר ביי מיר אַ ראַסע-זאַך.

— און דער מאַן אין דאַגעסטאַן גיט דיר אָט-די פרייהייט?

— די קראַנקהייט גיט זי מיר. אָט בין איך שוין דאָ צום דריטן מאָל. איצט האָב איך דאָ פאַרבראַכט אַ יאָר, מעגלעך, אַז כ׳וועל נאָך צוריקקומען. אָבער דעמאָלט וועסטו שוין לאַנג זיין ווייט פון דאַנען.

— אַזוי מיינסטו, קלאַוודיאַ?

— מיין פאָרנאָמען איך! דו נעמסט זיי זייער ערנסט, די מנהגים פון קאַרנאַוואַל!

— דו ווייסט דען, ווי קראַנק איך בין?

— יאָ – ניין – אָט אַזוי, ווי מ׳ווייסט דאָ וועגן אַלעמען זאַכן. דו האָסט דאָרטן אינעווייניק אַ קליין פייכט אָרט און אַ ביסל היץ, נישט אמת?

קליין חזירל. מ'פאַרוואַרפּט דעם קאָפּ אויף צוריק און מ'פאַרמאַכט די אויגן.

— זאָגסט גאָרנישט שלעכט. אין דער אייביקייט ביסטו, ווייזט אויס, ווי ביי דיר אין דער היים. דו קענסט גרינגלעך. מ'מוז מודה זיין, אַז ביסט אַ קליינער פאַנטאַזיאָר און דערצו נאָך אַ מאָדנער.

— אויסער דעם — זאָגט האַנס קאַסטאָרפּ — ווען כ'וואָלט פריער מיט דיר אָנגעהויבן ריידן, וואָלט איך צו דיר געמוזט ריידן אויף „איר".

— מילא גוט, האָסט טאַקע בדעה מיר אייביק צו זאָגן „דו"?

— אַוודאי. איך האָב תמיד געזאָגט „דו" און וועל עס דיר אייביק זאָגן.

— דאָס איז אַ ביסל צו־שטאַרק. אָבער דו וועסט מיר לאַנג נישט קאָנען זאָגן „דו", ווייל איך פאָר אַוועק.

ס'האָט געדויערט אַ שטיקל צייט, ביז דאָס וואָרט איז צוגע־קומען צו זיין באַוואוסטזיין. דערנאָך האָט ער אויפגעציטערט און זיך גענומען אומקוקן צעמישט, ווי עמעץ, וואָס מ'וועקט אים פּלוצ־לונג אויף פון שלאָף. דער שמועס איז געגאַנגען זייער פּאַמע־לעך, ווייל האַנס קאַסטאָרפּ האָט גערעדט פראַנצויזיש זייער שווער און ווי קווענקלענדיק. דער קלאַוויר, וואָס האָט אַ שטיקל צייט גע־שוויגן, האָט ווידער אויפגעשפּילט. איצט האָט אויף אים געקלאַפּט דער מאַנהיימער, וועלכער האָט פאַרביטן דעם סלאַווישן בחורל און האָט אַוועקגעלייגט נאָטן. פריילין ענגלהאַרדט איז געזעסן לעבן אים און האָט איבערגעמישט. דער באַל איז געוואָרן שיטערער. אַ גרויסע צאָל פון די פּאַציענטן האָט שוין, אַפּנים, אָנגענומען די האָריזאָנ־טאַלע פּאָזיציע. פאַר זיי איז מער קיינער נישט געזעסן. אין לייענ־צימער האָט מען געשפּילט אין קאָרטן.

— וואָס האָסטו בדעה צו טאָן? — האָט האַנס קאַסטאָרפּ גע־פרעגט אַ דערשלאָגענער.

— איך פאָר אַוועק — האָט זי איבערגעחזרט, שמייכלענדיק, אַפּנים, — פאַרוואונדערט פון זיין שטורונג.

— אוממעגלעך — האָט ער געענטפערט. — דאָס איז בלויז אַ שפּאַס.

— איך? וועסט דיך נישט אַהיסדרייען פון מיר, מיין קליינער. ס'גייט דאָ וועגן דיינע אינטערעסן. דו ביסט געווען צו פחדנותדיק צו דערנענטערן זיך צו אַ פרוי, צו וועלכער דו רעדסט איצט, ווי אין חלום? אָדער האָסט געהאַט אַן אַנדער סיבה?

— איך האָב דאָך דיר געזאָגט, כ'האָב נישט געוואָלט צו דיר ריידן אויף „איר".

— ליג, זאָג: אָט יענער הער, וואָס רעדט שיין, דער איטאַליענער, וועלכער איז היינט אַוועק פון צויביפקום — וואָס האָט ער דיר געזאָגט?

— איך האָב לחלוטין גאָרנישט געהערט. דער מענטש גייט מיך זייער ווייניק אָן, ווען כ'קאָן קוקן אויף דיר. אָבער דו פאַרגעסט... ס'וואָלט נישט אַזוי לייכט געווען באַקאָנט צו ווערן מיט דיר צווישן היגן עולם. דערצו איז דאָ נאָך געווען מיין קוזין, מיט וועלכן איך בין געבונדן און וועלכער זוכט דאָ נישט קיין פאַרוויילונג. ער קלערט נאָר וועגן דעם, ער זאָל צוריק אַהיימקומען און אַריין אין מיליטער.

— דער אָרעמער, ער איז אַ סך קראַנקער, ווי ער מיינט. און דיין פריינט, דער איטאַליענער, איז אויך היפש קראַנק.

— ער זאָגט עס אַליין. אָבער מיין קוזין... ס'איז טאַקע אמת? דו וואַרפסט אויף מיר אָן אַ פחד.

— ס'איז זייער מעגלעך, אַז ער וועט שטאַרבן, אויב ער וועט ווערן אַ סאָלדאַט.

— אַז ר'וועט שטאַרבן! דער טויט. אַ שרעקלעך וואָרט, נישט אמת? אָבער ס'איז אַ מאָדנע זאַך: היינט מאַכט אויף מיר דאָס וואָרט נישט קיין אַזוי אײַנדרוק. דאָס, וואָס כ'האָב געזאָגט, אַז וואַרפסט אויף מיר אָן אַ פחד, האָב איך אַרויסגעזאָגט סתם קאָנווענציאָנעל. די אידעע פון טויט וואַרפט אויף מיר לחלוטין נישט קיין פחד. זי אַרט מיך זייער ווייניק. כ'העה, אַז ער וועט אפשר שטאַרבן, און כ'האָב פינדעסטוועגן קיין רחמנות נישט אויפן וואַילן יאַאַכים, נישט אויף מיר אַליין. אויב ס'איז אמת, געפונט ער זיך אין אייגענעם מצב, וואָס איך. אָבער ס'מאַכט נישט אויף מיר קיין אײַנדרוק. ער

— זיבן־און־דרייסיק אַכט, זיבן־און־דרייסיק ניין, — האָט האַנס קאַסטאָרפּ געזאָגט — און דו?

— מיין פּאַל, פאַרשטייסטו, איז אַ ביסל מער קאָמפּליצירט. לחלוטין נישט אַזוי פּשוט.

— איך דעם געביט פון דער מענטשלעכער וויס:שאַפט, וואָס הייסט מעדיצין, איז פאַראַן אַ קרענק, וואָס רופט זיך טובערקולאָז פון די לימף־געפעסן.

— דו האָסט, זעט אויס, גוט שפּיאָנירט, מיין ליבער.

— זיי מיר מוחל. דערלויב מיר, כ׳זאָל דיך עפּעס פרעגן, ווען עפּעס נייטיקס און אויך דייטש. ווען איך בין דעמאָלט אַוועק פון טיש אויף אָנטערזוכונג, מיט זעקס חדשים צוריק, האָסטו דיך אומגעקוקט צו מיר. דו דערמאָנסט דיך?

— וואָס פאַר אַ פראַגע! שוין זעקס חדשים!

— דו האָסט געוואוסט, וואוהין איך גיי?

—אַוודאי, ס׳איז געשען דורך אַ צופאַל...

— דו ביסט עס געוואָר געוואָרן פון בערענס?

— אַליך דער בערענס!

— ער האָט איבערגעגעבן דיין היט מיט אַזאַ געניקייט! אַגב, איז ער אַן אַלמן מיט הייסע באַקן און האָט אַ מאָ־נע סערווויז צו קאַווע. איך קלער, אַז ער קאָן דיין קערפּער נישט נאָר ווי אַ מעדיצינער, נאָר אויך ווי אַן אַדעפּט פון אַן אַנדער הומאַניסטישער וויסנשאַפט.

— ביסט גערעדט, וואָס דו זאָגסט, אַז רעדסט ווי אין חלום.

— זאָל זיין. לאָז מיך ווידער אַ ביסל חלומען, נאָכדעם ווי דו האָסט מיך אַזוי מוראדיק איבערגעוועקט מיט דער בשורה פון דיין אַוועקפאָרן. זיבן חדשים דיך געהאַט פאַר די אייגן... איצט, אַז כ׳האָב מיך אויף אַן אמת באַקאָנט מיט דיר, דערציילסטו מיר וועגן אַוועק־פאָרן!

— כ׳זאָג דיר נאָכאַמאָל, אַז מיר האָבן פריער געקאָנט באַקאָנען זיך.

— דו וואָלסט עס געוויזן געוואָלט?

שטעלן זיך אין דער סכנה און אין אַלץ, וואָס פֿאַרצערט אונז. מיר האַלטן, אַז ס'איז דאָ מער מאָראַל אינם פֿאַלן, אינם אונטערגיין, ווי אינם דערהאַלטן זיך. די גרויסע מאָראַליסטן זיינען נישט געווען קיין מענטשן פֿון טוגנט, נאָר אַוואַנטוריסטן, זינדיקע, וואָס האָבן אונז געלערנט בייגן זיך מיט הכנעה פֿאַר דער נויט. דאָס אַלץ געפֿעלט דיר נישט, מסתמא, האַ?

ער האָט געשוויגן. ער איז געזעסן נאָך אַלץ, ווי אין אָנהייב, די פֿאַרלייגטע פֿיס — טיף אונטער זיין סקריפּענדיקער שטול, צוגעבויגן צו דער טיף אָנגעלענטער שאָשאַ אין שקאַרמיץ פֿון ווייד־פּאַפּיר. איר קראַיאָן האָט ער געהאַלטן צווישן די פֿינגער און ער האָט מיט זיין זיידנס האַנס לאָרענץ קאַסטאָרפּס אויגן געקוקט פֿון אונטן אַרויף צום צימער, וואָס איז שוין ליידיק געוואָרן. די געסט זיינען זיך צעגאַנגען. דער קלאַוויר, קרום אַקעגנאיבער אין ווינקל, האָט נאָך אַרויסגעלאָזט שטילע און אָפּגעבראָכענע טענער. דער מאַנהיימער קראַנקער האָט נאָך דאָרטן געשפּילט מיט איין האַנט און לעבן אים איז געזעסן די לערערין און געבלעטערט אַ בוך נאָטן, וואָס איז געלעגן אויף איר קני. ווען דער שמועס צווישן האַנס קאַסטאָרפּ און קלאַוודיאַ שאָשאַ איז פֿאַרשטומט געוואָרן, האָט דער מאַנהיימער אינגאַנצן שוין אויפֿגעהערט צו שפּילן און האָט אויך די איין האַנט, מיט וועלכער ער האָט ביז איצט לייכט גערירט די קלאַווישן, אַוועקגעלייגט אויף זיין שויס. בלויז פֿריילין ענגלהאַרדט האָט נאָך אַלץ אַריינגעקוקט אין די נאָטן. די פֿיר מענטשן, וואָס זיינען דאָ איבערגעבליבן נאָכן פֿאַסטנאַכט־באַל, זיינען געזעסן אומבאַוועגלעך. די שטילקייט האָט געדויערט אַ שיינע פּאָר מינוט. אונטער דעם דרוק פֿון דער שטילקייט האָבן זיך די קעפּ פֿון פּאָרל ביים פּיאַנינע פּאַמעלעך גענומען בייגן זיך אַראָפּ, אַלץ טיפֿער און טיפֿער. דעם מאַנהיימערס קאָפּ האָט זיך געבויגן צו דער קלאַוויאַטור, דער פֿריילין ענגלהאַרדטס — צום נאָטן־בוך. צום סוף זיינען ביידע גלייכצייטיק, ווי נאָך אַ געהיימער פֿאַרשטענדיקונג, פֿאַרזיכטיק אויפֿגעשטאַנען און שטיל, אויף די נעגל אַרויס צוזאַמען דורכן שרייב־און לייען־צימער. דערביי האָבן זיי אויף אַ קינסטלעכן אופֿן, מיט איינגעקאָרטשעטע קעפּ און שטייף־צונויפֿגע־

איז קראַנק און איך בין פאַרליבט, מילא גוט! — דו האָסט גערעדט מיט מיין קוזין אין פּאָדער־צימער פון דער אויפנאַם־אַמבולאַטאָריע, דערמאָנסט דיך?

— כ׳דערמאָן מיך אַ ביסל.

— אין יענעם טאָג האָט בערענס געמאַכט דיין אויפנאַם.

— יאָ.

— מיין גאָט, דו האָסט זי ביי דיר?

— ניין, כ׳האָב זי אין שטוב.

— אַך, אין שטוב. איך האָב מיין אויפנאַם תּמיד ביי מיר אין פּאָרטפעל. דו ווילסט זי זען?

— אַ שיינעם דאַנק. כ׳קאָן גיבר זיין די נייגעריקייט. דאָס איז אַ גאַנץ אומשולדיקע זאַך.

— איך האָב געזען דיין אויסערלעכן פּאָרטרעט. איך וואָלט בעסער געוואָלט זען דיין אינעווייניקסטן פּאָרטרעט, וואָס ליגט ביי דיר אין שטוב. דערלויב מיר עפּעס צו פרעגן: טיילמאָל קומט צו דיר אַ רוס, וואָס דאָ אין שטעטל — ווער איז ער און צו וואָס קומט ער צו דיר?

— דו ביסט אַ היפּשער שפּיאָן, מוז איך דיר זאָגן. גוט, כ׳וועל דיר ענטפערן: דאָס איז אַ קראַנקער לאַנדסמאַן, מיינער אַ פריינד. איך האָב זיך באַקאָנט מיט אים אין אונזער קוראָרט, מיט עטלעכע יאָר צוריק. אונזערע באַציִונגען? — מיר טרינקען צוזאַמען טיי, רויכערן אים צוויי אָדער דריי פּאַפּיראָסן, מיר שמועסן אַ ביסל, פילאָסאָפירן, ריידן וועגן מענטש, וועגן גאָט, וועגן לעבן, וועגן מאָראַל, וועגן טויזנט אַנדערע זאַכן. דאָ האָסטו דעם גאַנצן דין־וחשבון, גוט, פיין, ביסטו צופרידן?

— אָ, פון מאָראַל? און איר האָט זי, באמת, געפונען צום ביישפּיל?

— די מאָראַל? דאָס אינטערעסירט דיך? — גוט. מיר זיינען אין דער מיינונג, אַז מ׳דאַרף זוכן די מאָראַל נישט אין דער טוגנט, ס׳הייסט: אין פאַרשטאַנד, אין דער דיסציפּלין, אין די גוטע מידות, אין דער ערלעכקייט, נאָר גיכער אינם היפּוך, אין דער זינד, אינם

— הי רעדסט אזוי ווי סעטעמברינו, און פונוואנען נעמט זיך מיין היץ?

— דאס איז א צופאל, וואס וועט נישט האבן קיין קאנסעק־ווענצן און וועט שנעל פארשווינדן.

— ניין, קלאווריא, הי ווייסט גאנץ גוט, אז דאס, וואס דו זאגסט, איז א ליגנט און כ'בין זיכער, אז ביסט נישט איבערגעצייגט דערין, וואס דו זאגסט. מיין היץ און מיין הארץ־קלאפעניש און דאס, וואס ס'נעמט מיך אלעמאל אהערק, א שוידער, איז דער סאמע היפוך פון א צופאל, דאס איז — דערביי נייגט ער צו צו דער שאשא זיין בלייך פנים מיט די ציטערנדיקע ליפן — דאס איז מיין ליבע צו דיר, יא, מיין ליבע, וואס איז מיך באפאלן אין דער ערשטער מינוט, ווען כ'האב דיך דערזען, אייגנטלעך אין יענער מי־נוט, ווען כ'האב דיך דערקאנט. טאקע די ליבע איז געווען דאס, וואס האט מיך אהער געברענגט...

— ס'אראַ שיגעון!

— א, די ליבע האט קיין ווערט נישט, אויב זי איז נישט קיין שיגעון, א זאך, וואס איז קעגן שכל, עפעס נישט־דערלויבטס און אן אוואנטורע. ווען נישט, איז עס בלויז א אנגענעמע באנאליטעט און מ'קאן וועגן דעם בלויז דיכטן קליינע לידלעך אין פלאכ־לאנד. וואס ס'איז נוגע דאס, וואס כ'האב דיך דערקאנט און איך דערקאנט מיין ליבע צו דיר — איז עס אמת. כ'האב דיך שוין געקאנט אמאל, מיט א לאנגער צייט צוריק. איך האב געקאנט דיינע וואונדערלעכע אויגן און דיין קול. איך האב דאס אלץ שוין גע־קאנט אמאל, בעת כ'בין געווען א גימנאזיסט. איך האב דיך גע־בעטן, הי זאלסט מיר לייען דיין בלייפעדער, ווייל כ'האב מיט דיר געוואלט שליסן אויך אן אויסערלעכע קאנטשאפט. נאך דעמאלט האב איך דיך שטערבלעך ליב געהאט און פון דעמאלט אן, פון יענער ליבע אן זיינען מיר געבליבן יענע צייכנס אין קערפער, וועל־כע בערענס האט אויסגעפונען און וואס זאגן עדות, אז כ'בין נאך דעמאלט געווען קראנק.

זיינע ציין האבן געקלאפט איינער אינם אנדערן. בשעת ער האט אזוי פאנטאזירט, האט ער אפגעצויגן דעם פוס פון אונ־

דריקטע אָרעמס, אויסגעמיטן אומצוקוקן זיך אין דער אַנדערער זייט פון צימער, וואו ס'איז געזעסן די שאָשאַ מיט קאַסטאָרפן.

— אַלע ציען זיך צוריק — האָט געזאָגט פרוי שאָשאַ. — דאָס זיינען שוין געווען די לעצטע. ס'איז שוין שפּעט. דער קאַרנאַוואַל־יום־טוב האָט זיך געענדיקט. דערביי האָט זי אויפגעהויבן די הענט און האָט אַראָפּגענומען דעם פּאַפּירענעם שקאַרמיץ פון אירע רויטלעכע האָר, איבער וועלכע דער צאָפּ איז געווען אַרומגעדרייט. — איר ווייסט דאָך, וואָס ס'קומט אַרויס דערפון.

אָבער האַנס קאַסטאָרפּ האָט איבערגעשפּאַרט מיט צוגעמאַכטע אויגן און האָט דערביי אַפילו נישט געענדערט זיין פּאָזיציע אויף דער שטול. ער האָט געענטפערט:

קיינמאָל נישט, קלאַוודיאַ, כ'וועל דיר קיינמאָל נישט זאָגן „איר", קיינמאָל נישט, סיי ביים לעבן, סיי ביים טויט, אויב מ'קאָן זיך אַזוי אויסדריקן — מ'דאַרף עס קאָנען. די פאָרם פון ווענדן זיך אַזוי צו עמעצן, די פאָרם, וועלכע איז אָנגענומען אין קולטור־ווירטן מערב ביי די ציוויליזירטע מענטשן, זעט מער אויס פעדאַנטיש און בורזשואַז. צוליטנס — צו וואָס די פאָרם? די פאָרם — דאָס איז הוילע פעדאַנטעריע. דאָס, וואָס איר האָט אייך אַרויסגעזאָגט וועגן מאָראַל, דו און דיין קראַנקער פריינד — מיינסטו טאַקע, אַז ס'האָט מיך אַזוי איבערגעראַשט? פאַר אַזאַ נאַר האַלטסטו מיך? זאָג, וואָס טראַכסטו, אייגנטלעך, וועגן מיר?

— דאָס איז אַן עניו, וועגן וועלכן מ'דאַרף נישט אַ סך אַריינטראַכטן. דו ביסט אַ יונגער, אָרנטלעכער מענטש, פון אַ גוטער היים, אויסערלעך גוט געהאַלטן, אַ באַגאַבטער שילער פון דיינע לערער. באַלד וועסטו צוריקפאָרן אַהיים, וועסט פאַרגעסן, אַז האָסט אַמאָל גערעדט ווי פון הלום און וועסט העלפן מיט דיין ערלעכער אַרבעט, אַז דיין פאָטערלאַנד זאָל ווערן גרויס. אָט דאָס איז דיין אינעווייניקסטע אויפנאַם, כ'גלייב, אַז זי איז גענוי.

— עס פעלן דאָ יענע עטלעכע פרטים, וועלכע בערענס האָט געפינען.

— די מעדיציניער געפינען תמיד, אויב זיי קענען.

אונז צו הייבן דעם הוט און צו גיין אויף די נעגל... אַזוי איז אויך מיטן קערפּער. אויך דער קערפּער און די ליבע צום קערפּער איז אַ נישט־אָנשטענדיקע זאַך. אויך צוליבן קערפּער ווערט מען חיות און בלאַס פון בושה. אָבער אויך ער איז אַ גרויסע גלאָריע און אַ וואונדערלעך בילד פון אָרגאַנישן לעבן, אַ הייליק וואונדער פון דער פאָרם און שיינקייט. אויך די ליבע צום מענטשלעכן קערפּער — איז דאָס סאַמע מענטשלעכע און אַ כוח, וואָס לערנט מער, ווי די פּעדאַגאָגיע פון דער גאַנצער וועלט. אָ, די פאַרכישופנדיקע אָרגאַנישע שיינקייט, וואָס באַשטייט נישט פון שטיין, נאָר פון לעבעדיקער מאַטעריע, וואָס קאָן יעדע רגע צעשטערט ווערן! אַ מאַטעריע, וואָס איז פיל מיט פּילסירנדיקן לעבן און פוילעניש! גיב נאָר אַ קוק אויף דער סימעטריע פון מענטשלעכן געבוי, אויף די אַקסלען, אויף די לענדן, אויף די בליענדיקע וואָרצלען פון די בריסטן רעכטס און לינקס, אויף די סימעטרישע היפטן, אויפן נאָפּל פון בויך, אויף דעם שאָטנדיקן סעקס צווישן די שענקלען; גיב נאָר אַ קוק אויף די אַקסל־ביינער, וואָס באַוועגן זיך הינטער דער זיידענער הויט פונם רוקן, אויף דער שדרה, וועלכע גרייכט ביז צום בליענדיקן, פרישן, געטיילטן הינטן, אויף די צעצווייגטע הויפּט־נערוון, וואָס גרייכן פון שטאַם ביז אַראָפּ, אויף דער וואונדערלעכער סימעטריע פון די הענט און די פיס. אָ, איר זיסע רעגיאָנען פון די אינעווייניקסטע פאַרבינדונגס־פעדים אין די אָרעמס און אין די ליטקעס, מיט אייער געדיכטעניש פון דעליקאַטע אָרגאַנען הינטערן פליש! וואָס פאַר אַ פרייד ס'איז צו צערטלען אָט די תאווהדיקע ערטער פון מענטשלעכן קערפּער! דאָס איז אַ פאַרגעניגן, ביי וועלכן מ'קאָן שטאַרבן און נישט קלאָגן זיך. אָ, מיין גאָט, דערלויב מיר אַיינצואָטעמען דעם ריח פון דיין הויט אונטער דער קני, וואו ס'איז טעטיק דאָס געהיימע לימף־געפעס! דערלויב מיר פרום מיט מיין מויל אָנצוריירן די אַרטעריאַ פעמאָראַליס*, וואָס פולסירט אין דיינע שענקלען און וואָס צעטיילט זיך שפּעטער אויף צוויי אַרטעריעס! דערלויב מיר צו שפּירן די שווייס־אויסהויכונג פון דיינע

* וואָס אין אייבערשענקעל, פון לאַטייניש femur.

טער דער סקריפּענדיקער שטיל. ווען ער האָט דאָס געטאָן, האָט ער מיט דער קני פון אַנדערן פוס שוין אָנגערירט די פּאָדלאָגע — אַזוי, אַז ער איז געבליבן שטיין אויף די קני, מיט אַ נעבויגענעם קאָפּ און ציטערנדיק מיטן גאַנצן קערפּער.

— איך האָב דיך ליב — האָט ער געשטאַמלט — איך האָב דיך תמיד ליב געהאַט, ווייל דו ביסט מיין לעבן, מיין חלום, מיין גורל, מיין אייביקע שטרעבונג.

— לאָמיר גיין, לאָמיר, ווען דיינע לערערס וואָלטן דיך איצט געזען...

אָבער ער האָט פאַרצווייפלט געשאָקלט מיטן קאָפּ — דאָס פּנים איבערן טעפּעך — און ער האָט געענטפערט:

— איך וואָלט געפייפט אויף זיי. איך פייף אויף די קאַרדינטשים און אויף דער באַריידעוודיקער רעפּובליק און אויפן בראָגרעס, ווייל איך האָב דיך.

זי האָט לייכט געגלעט די קורץ־געשוירענע האָר אויף דעם הינטערשטן טייל פון זיין קאָפּ.

— קליינער בורזשוי — האָט זי געזאָגט — דו שיינער בורזשוי מיט דעם קליינעם פייכטן אָרט אין די לונגען! איז דאָס אמת, אַז דו האָסט מיך אַזוי ליב?

און אַ באַגייסטערטער פון איר באַרירונג, שטייענדיק אויף ביידע קניען, מיט אַ פאַרוואָרפענעם קאָפּ און מיט צוגעמאַכטע אויגן האָט ער ווייטער גערעדט:

— אָ, די ליבע, דו ווייסט... דער קערפּער, די ליבע, דער טויט — די אַלע דריי זיינען איינס. וואָרעם דער קערפּער דאָס איז קראַנקהייט און תאווה און ער טאַקע איז דער גורם פון טויט. זיי ביידע זיינען פון פלייש — די ליבע און דער טויט — דערין ליגט זייער כוח און זייער מאַגיע. אָבער דער טויט, פאַרשטייסטו, איז פון איין זייט אַ אומפאַרשעמטע זאַך, וואָס איז גורם, אַז מ׳זאָל רויט ווערן פון בושה. פון דער אַנדערער זייט איז עס אַ ליכטיקער און מאַיעסטעטישער כוח, שטאַרקער פונם פולכירנדיקן לעבן, חשובער, ווי דער פּראָגרעס. וואָרעם דער טויט איז געשיכטע און נאָבלקייט, פיעטעט און אייביקייט, עס איז אַ הייליקייט, וואָס צווינגט

אינהאַלט פון צווייטן בוך

פינפט קאַפיטל

	זייט
אייביקייטס-זופּ און פּלוצלונגדיקע קלאָרקייט	301
מיין גאָט, איך זע!	335
פרייהייט	361
מערקורס קאַפּריזן	371
ענציקלאָפּעדיע	388
הומאַניאָרא	413
פאָרשונגען	440
טויטנטאַנץ	472
וואַלפּורגיס-נאַכט	532

פאָרן און אָנצורירן דעם פּוך פון דיין הויט — די מענטשלעכע פאַרקערפּערונג פון וואַסער און אַלבומין *, וועלכע זיינען באַשטימט פאַר דער אַנאַטאָמיע פון קבר. לאָז מיך שטאַרבן מיט מיינע ליפּן אויף דיינע.

ער האָט נישט געעפנט די אויגן נאָך זיינע רייד. ער איז געבליבן, ווי געווען: דער קאָפּ פאַרוואָרפן, די הענט מיט דער זילבערנער בלייפעדער אויסגעשטרעקט פאַר זיך, אויף די קניען, ציטערנדיק און זיך וואַקלענדיק. זי האָט געזאָגט:

— דו ביסט אַ גאַלאַנט, וואָס פאַרשטייט, ווי אַזוי צו בעטן ביי אַ פרוי אויף טיפן, דייטשן מאַניער.

און זי האָט אָנגעטאָן דעם פּאַפּירענעם שקאַרמויק.

— אַדיע, מיין פּרינץ פון קאַרנאַוואַל! איך זאָג דיר פאָרויס, אַז דיין היץ־דיאַגראַמע וועט היינט זיין אַ שלעכטע.

דערביי האָט זי זיך אַראָפּגעגליטשט פון דער שטול, האָט מיטן דיוואַן לייכט זיך געלאָזט צו דער טיר. דאָרטן איז זי אַ ווײַלע געבליבן קווענקלענדיק שטיין, האַלב אויסגעדרייט אויף הינטערוויילעכץ, איין נאַקעטע האַנט אויפגעהויבן, די צווייטע האַנט אויפן ביישטילכל. זי האָט איבער דעם אַקסל שטיל אַ זאָג געטאָן:

— פאַרגעסט מיר נישט צוריקגעבן די בלייפעדער.

און זי איז אַרויס.

סוף פון צווייטן בוך.

---

* אייוייס־שטאָף.

LIBRARY
Jewish Home for the Aged